Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

ייוואָ בלעטער

חודש-שריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן פֿון אַמאָפּטייל

אינהאַלט פֿון נומער

פון דער רעדאַקציע 1

ליבוש לעהרער:
זיגמונד פרויד (1856—1939) 2

י. לעשצינסקי:
דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פוילן 12

ד״ר יעקב שאַצקי:
דער קאַמף קעגן פורים־שפּילן אין פרייסן אין 18טן יאָרהונדערט 28

נ. גאָלדבערג:
מאַטעריאַלן צום מצב פון יידישן שרייבער אין ניו־יאָרק 39

ד״ר ר. מאַהלער:
אַ בודזשעט פון ועד אַרבע ארצות אין 18טן יאָרהונדערט 63

יודאָ א. יאָפּע:
הונדערט און פופציק יאָר יידיש 87

(המשך פון אינהאַלט אויף דער צווייטער זייט הילע)

יאַנואַר-פעברואַר 1940 באַנד XV, נומ׳ 1-2

המשך פון אינהאַלט:

ד"ר ה. פראַנק:
עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן מיטלשטאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן..... 103

מ. שטאַרקמאַן:
נתן בירנבוימס בריוו צו י. ל. כהן.............................. 124

ב. ג. זאַק:
אברהם גראדיס און גענעראַל מאנקאלם.......................... 134

י. ל.:
די מוטערשפּראַך פון די פוילישע יידן.............................. 140

רעפעראַטן און רעצענזיעס:

ד"ר מ. ווײַנבערג:
מעדיציניש פאָרשונגען וועגן יידן.............................. 145

י. ש.:
דריי ביכער איבער יידישער געשיכטע אין אַמעריקע.............................. 147

ה. פ.:
„די יידישע פאַמיליע און פאַמיליע־קרײַזן אין ניו־יאָרק"........................ 154

מאַטעריאַלן און נאָטיצן:

ר. ג.:
פאָרמולאַרן וועגן דער „לובלינער רעזערוואַציע" (מיט דאָקומענטן)........................ 154

נעקראָלאָגן:

ש. ב.:
משה גאַסטער.............................. 158

י. מ.:
אלכסנדר האַרקאַווי.............................. 161

י. ש.:
עדוואַרד סאַפּיר.............................. 164

נ. פ.:
גוסטאַוו אייזנער.............................. 166

פון דער רעדאַקציע

די געשעענישן אין אייראָפּע האָבן צייטווייליק אָפּגעשוואַכט די פאַרלעגערישע טעטיקייט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס זיין צענטער געפינט זיך אין ווילנע. ניט וועלנדיק איבעררייסן די אויסגאַבע פון צענטראַלן אָרגאַן „ייִוואָ־בלעטער", וואָס האָט זיך שוין פאַרשאַפן אַ חשובע פּאָזיציע אין דער משפחה פון וויסנשאַפט־לעכע זשורנאַלן בכלל און יידישע בפרט — האָט דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט באַשלאָסן ממשיך צו זיין די דאָזיקע אויסגאַבע וואָס ווערט, אגב, געטאָן מיט דער הסכמה פון דער ווילנער פירערשאַפט.

די „ייִוואָ־בלעטער" וועלן זיין געטריי די טראַדיציעס, וואָס אירע ווילנער רעדאַקטאָרן האָבן איינגעשטעלט און באַפעסטיקט. דער צייטווייליקער שינוי פון פּלאַץ וואו זיי ווערן ארויסגעגעבן וועט אָבער ביז אַ געוויסער מאָס משפיע זיין אויף זיין אינהאַלט. אַמע־ריקאַנער טעמעס וועלן זיין אַ חשובער באַשטאַנדטייל פון יעדן נומער פון אונדזער זשורנאַל. דאָס איז נאַטירלעך פאַר אַן אויסגאַבע וואָס דערשיינט אין אַזאַ חשובן יידישן ישוב ווי די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער דאָזיקער נומער איז דער ערשטער (טאָפּלטער) נומער פון באַנד XV פאַרן יאָר 1940, און ווערט רעדאַקטירט פון אויספיר־קאָמיטעט פון אַמאָפּטייל.

זיגמונד פרויד (1939—1856)

פון לייבוש לעהרער

די שילדן וואָס די צייט שטעלט אָוועק איבער גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונגען וועלן זיין באַזונדערס רייך אין צאָל און אָנזעעוודיק אין אינהאַלט פאַרן יאָר 1939. אָבער צווישן די אַלע געדענק־צייכנס וועט די וויסנשאַפט־לעכע וועלט זיך אָפּשטעלן מיט באַזונדער יראת הכבוד ביי אַ קבר וואָס איז יענעם יאָר אַנגעפילט געוואָרן אויפן לאָנדאָנער בית־עולם. מען וועט לייענען דעם אויפשריפט אויף דער מצבה וואָס — פּאַראַפראַזירנדיק דעם נוסח פונעם עפיטאַף נאָך לאַסאַלן — וועט אויסדריקן דעם געדאַנק: „אין 1939 איז אַוועק פון אונדז דאָס שטערבלעכע אין זיגמונד פרויד".

דאָס גייסטיקע אין פרוידן האָט שוין לאַנג, לאַנג דערגרייכט די מדרגה פון אייביקן לעבן, און זיך איינגעוואָרצלט ווייט און ברייט איבער דער וועלט וואו מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט אַן אָנהאַלט. איצט איז די פרוידיאַנישע סיסטעם און דער גאַנצער פּסיכאָאַנאַליטישער געדאַנקען־גאַנג דאָס אייגנטום פון אַלע מענטשן־קינדער, און עס איז ניטאָ קיין כוח אין דער וועלט וואָס זאָל קענען שטום מאַכן פרוידס קול אין די געצעלטן פון דער וויסנשאַפט.

די געשיכטע פון פּסיכאָאַנאַליז רופט אַרויס צוויי הויפּט־פראַגעס. קודם־כל — ווי ביי יעדער וויסנשאַפטלעכן אויפטו — אין וואָס באַשטייט דער תוך פון פרוידס פאַרדינסטן? והשנית, פאַר וואָס האָט דער דאָזיקער אויפטו גע־מאַכט אַזאַ גרויסן רושם אפילו אין דער אַלגעמיינער געבילדעטער וועלט?

פרויד איז אַ געטרייער זון פון ניינצנטן יאָרהונדערט, אַ צייט ווען אַלע עקזאַקטע וויסנשאַפטן זיינען געגאַנגען פון ניצחון צו ניצחון, און האָבן גע־ווירקט אַז אין די וויסנשאַפטן וואָס האָבן צו טאָן מיט לעבן בכלל און מיט מענטשן בפרט — ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, סאָציאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע — זאָל מען אויך אַריינברענגען דעם זעלביקן גייסט און אָנווענדן די זעלביקע מעטאָדן. אין דייטשלאַנד האָבן עקזאַקטע מעטאָדן אין פּסיכאָלאָגיע געעפנט אַ וועג פאַר זיך נאָך אין דער ערשטער העלפט פון לעצטן יאָרהונדערט. וועבער און פעכנער האָבן געוואויגן און געמאָסטן גייסטיקע פּראָצעסן. וואונדט האָט שפּעטער געגרינדעט די ערשטע פּסיכאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע. ווען ג. סטענלי האָל האָט זיך אין אַמעריקע גענומען צו עקספּערימענטאַלער פּסיכאָ־לאָגיע האָט ער לכתחילה זיך באַגעגנט מיט שטאַרקע פּראָטעסטן. מאַכן עקספּערימענטן אויף דער נשמה האָט געקלונגען אי אוטאָפּיש אי זינדיק.

אָבער ווי נאָר עס איז געמאַכט געוואָרן אַן אָנהייב האָט ער דורכגעבראָכן טיר און פענצטער, און עס איז אָנגעקומען אַ נייע צייט פאַר פאָרשן דאָס גייסטיקע לעבן.

וויסנשאַפט איז געבויט אויף דער אויפפאַסונג אַז אַלע דערשיינונגען קענען דערקלערט ווערן ווי אַ לאַנגע קייט פון סיבות און פועל־יוצאס. ענלעכע סיבות פירן נויטווענדיק צו ענלעכע פועל־יוצאס, און דאָס ברענגט אַריין אין געשעענישן אַ רעגולערקייט, אַ ריי סעריעס וואָס חזרן זיך איבער, אַט דאָס וואָס מען רופט ג ע ז ע צ ן . די אויפגאַבע פון דער וויסנשאַפט איז צו געפינען די דאָזיקע ריטמיש זיך איבערחזרנדיקע סעריעס; אויף אַזאַ אופן ווערן פעסטגעשטעלט געזעצן, און דאָס רייצט אויף דעם דענקנדיקן מוח צו שאַפן טעאָריעס, צו דערקלערן די געזעצן פון לעבן.

דאָס איז נאַטירלעך געווען דער וועג פון די ערשטע עקספערימענטאַלע פסי־כאָלאָגן, ווייל אַנדערש האָט אויסגעוויזן קען מען קיין וויסנשאַפט ניט בויען. אָבער זייער אַרבעט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי פונקטן. ראשית זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט קודם כל פעסטצושטעלן פאַקטן, קלאַסיפיצירן פאַקטן, אַראַנזשירן פאַקטן, זאַמלען פאַקטן, און אַזוי ביסלעכווייז אַרומנעמען דאָס פסי־כישע לעבן. שנית, האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז די לאַבאָראַטאָריע דאַרף זיך אָפּגעבן מיט די עלעמענטאַרסטע געשעענישן אויף דער פסיכישער סצענע. די געביידע, ווי יעדער געביידע, דאַרף מען אָנהייבן פון סאַמע פונדאַמענט, און דער פונדאַמענט באַשטייט פון שפּירונגען, פּראָבלעמען פון אויפנעמען אַ דריי־געמעסטיקע וועלט, אָפּבילדער און נאָכבילדער, קוואַנטיטאַטיווע ענ־דערונגען אין געדענקען און פאַרגעסן אאַז״וו.

אויך פרויד איז צוגעגאַנגען צו פסיכישע פּראָבלעמען מיט דער ראַ־ציאָנאַליסטישער ירושה פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אויך ער האָט געוואָלט אויסשמידן אַ קייט פון אורזאַכלעכע שייכותן, אָבער דאָס פעלד וואָס ער האָט פאַרנומען האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען אַנדערע פּראָבלעמען, און ממילא, אַנדערע ענטפערס. פרויד איז געווען אַ פסיכיאַטאָר. אין זיין קליניק האָבן פאַציענטן — נעוראָטיקער, היסטעריקער — געזוכט היילונג אויף פיינלעכע קראַנקע פסיכישע סימפּטאָמען. ער האָט ניט געדאַרפט בויען אינסטיטוציעס אויף צו זוכן פאַקטן, פאַר אים האָבן זיך כסדר באַוויזן פאַקטן אין רייסנדיקע געשטאַלטן. אָבער די פאַקטן זיינען ניט געווען פון יענעם עלעמענטאַרן מין ווי שפּירונגען און אָפּבילדער, נאָר פון שווערע מענטשלעכע ליידן, ווי דעפּרעסיע, נערוועזע אָנגעצויגנקייט, פאַנטאַסטישע מוראָ, פונקציאָ־נעלע צערודערונגען אין פיזיאָלאָגישע טעטיקייטן אאַז״וו.

דער ערשטער בליק אויף אַזאַ מין נעוראָטישער וועלט מאַכט דעם איינדרוק פון ווילדן כאַאָס, פון געשעענישן וואָס טראָגן זיך אָן קאָנטראָל, אָן שכל, אָן אָרדענונג, און גיסן זיך פונאַנדער ווי אומגעצאַמטע כוואַליעס אויפן ברעג ים. פרוידס וויסנשאַפטלעכע אַמביציע האָט דעריבער געזוכט אויסצו־

געפינען די אָרדענונג און געזעצמעסיקייט וואָס שטעקט הינטער דעם אַלעם, אַפילו ווען מען זעט עס פון אויבן ניט אַרויס. וואָרעם עס קען דאָך ניט זיין אַ וועלט אין הוילן כאַאָס, אויב די סאַמע ערשטע הנחה פון דער וויסנשאַפט איז ריכטיק.

אָט אַזוי, זוכנדיק אין דער טיפעניש פונעם גייסטיקן לעבן פון זיינע פּאַציענטן די כוחות וואָס טרייבן און פּאָרמירן זייער פּסיכישע וועלט, האָט פּרויד זיך געכאַפּט אַז ער האָט זיך אייגנטלעך דערשלאָגן צו די פונדאַמענטן פונעם נשמה־לעבן בכלל. ער האָט דעמאָלט איינגעזען אַז דאָס דאַזיקע לעבן קען ווי געהעריק פאַרשטאַנען ווערן ערשט דעמאָלט, ווען מען באַטראַכט עס אין ליכט פון נעוראָטישע סימפּטאָמען. וואָרעם אָט די סימפּטאָמען זיינען בלויז איבערטרייבונגען און קונציק־פּאָרמירטע מאַניפעסטאַציעס פון דעם וואָס דער נאָרמאַלער מענטש גייט דורך אין יעדער רגע פון לעבן. אָט אַזוי איז גע־בוירן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט די פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע.

פּרויד האָט דעריבער אַריינגעבראַכט דעם ריטעם פון געזעץ אין אַ לעבן וואָס האָט געשראָקן די וועלט מיט איר ווילדער צערודערטקייט. ער האָט געטאָן נאָך עפּעס וואָס האָט ניט ווייניקער צוגעשמידט צו אים אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געשאַפן גאָר אַנדערע סאָרטן עלעמענטן פאַרן פונדאַמענט פון פּסיכישן לעבן. זיינע עלעמענטן זיינען גאַנצע מעכאַניזמען, אַזעלכע אין וועלכע מען קען גלייך זען די וויכטיקסטע מענטשלעכע מאָטיוון — ליבע, שנאָה, נקמה, אייפערזוכט — וואָס באַפאַרבן אונדזער גייסטיק לעבן. דאָס זיינען אייגנטלעך ניט קיין עלעמענטן אין אמתן זינען פון וואָרט, דאָס זיינען דינאַמישע כוחות וואָס טרייבן, שטויסן, באַצווינגען, און זיינען אין זיך אַליין אומגעהייער קאָמפּליצירט, אָבער בלויז זיי זיינען על פּי פּסיכאָאַנאַליז, די טיילן וואָס שטעלן צונויף די גרויסע פּסיכישע מאַשין.

דער לעצטער געדאַנק דערקלערט אויך פאַר וואָס פּרוידס באַרימטקייט האָט זיך פאַרשפּרייט ווייט איבער די גרענעצן פון דער וויסנשאַפט וואָס ער איז לכתחילה געקומען באַרייכערן. ער איז באַרימט פאַר זיין אומדערשראָקענעם גראָבן זיך אין די טיפענישן פון גייסטיקן לעבן. פּסיכאָאַנאַליז ווערט אויך גערופן „טיפעניש־פּסיכאָלאָגיע". אָבער עס איז נייטיק אונטער־צושטרייכן אַז זיין אַראָפּלאָזן זיך אין דער טיף באַשטייט ניט אין אַנטפּלעקן עלעמענטאַרע פּסיכישע שטראָמען וואָס זיינען אין גאַנצע אומבאַקאַנט דער מענטשלעכער אַכטגעבונג. ניט אַהין ציט זיך זיין טיפקייט. זיין אַנאַליז שטעלט זיך אָפּ אומגעפער דאָרט וואו פּשוטע מענטש־קענטעניש האָט געמאַכט אַ גרענעץ. די בלענדנדיקייט פון זיין ליכט דערקלערט זיך דערמיט וואָס ער האָט געוואָלט באַווייזן אַז די שווין לאַנג־באַמערקטע מענטשלעכע דראַמעס שפּילן זיך אָפּ אומעטום, אַפילו דאָרט וואו מען האָט קיין מאָל ניט חושד געווען אַז זיי זיינען פאַראַן.

דאָס פאָלק זאָגט אַז וואָס עס לוינט זיך אַ מענטשן דאָס געדענקט ער.

עס הייסט אַז די פּראָצעסן פון געדענקען און פאַרגעסן ווערן באַהערשט פון אַ מעכאַניזם וואָס ווערט פּאָפּולער באַצייכנט מיט „עס לוינט זיך". דאָס איז אייגנטלעך אויך פרוידס טעאָריע פון די זעלביקע פּראָצעסן. זיין אַנאַליז גייט ניט ווייטער פונעם מעכאַניזם וואָס דאָס פאָלק, האָט שוין פעסטגעשטעלט. אָבער אַזעלכע פאָלקס־ווערטלעך נעמען זיך מסתמא פון יענע פאַלן ווען דער דאָזיקער מעכאַניזם אַרבעט אויף אַ קלאָרן אופן, ניט פאַרהוילן פונעם נאַקעטן אויג. כדי צו מאַכן פון דעם אַ געזעץ איז נייטיק צו באַווייזן אַז דאָס איז ריכטיק אין אַלע פאַלן, אַפילו דאָרט וואו דער נאַאיוועער בליק זעט דעם היפּוך דערפון.

אָבער נעמט, למשל, דאָס שפּריכוואָרט: „וואָס איינער גערן הערט חלומט זיך אים אין בעט". פרויד דריקט דאָס אויס מיט זיין פאָרמולע אַז „דער חלום איז אַ דערפילונג פון פאַרלאַנג". ווי פיל אַ געוויינלעכער מענטש וועט זיך באַנוצן מיטן דערמאָנטן שפּריכוואָרט צו דערקלערן חלומות, וועט ער זיך אָבער ניט איינשטעלן פאַר אַזאַ טעאָריע בעת, לאָמיר זאָגן, עמעצן חלומט זיך אַז זיין נאָענטסטער, טייערסטער פריינד איז געשטאָרבן. פרויד נעמט אָן די פאָרמולע פון פאָלק, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ פונעם פאָלקס צוריקגעהאַלטנקייט. ער מאַכט דאָס פאַר אַ געזעץ, און ער אָפּערירט דערמיט אַפילו דאָרט וואו עס ווערט אומאַנגענעם, דערווידער, און קלינגט שוין באַלד ווי אַ בילבול אויף דער אומשולדיקער מענטשלעכער בריאה.

אָט דאָ באַווייזט זיך די טיפקייט, די אייגנאַרטיקייט און די געוואַגטקייט פונעם פּסיכאָאַנאַליטישן דרך. פרוידן איז סוף כל סוף ניט שווער צו פאַרשטיין, נאָר מען פילט זיך טייל מאָל מאָראַליש סקאַנדאַליזירט פון זיינע השערות, און עס איז שווער מיט אים מיטצוגיין. ער האָט דעריבער געמוזט פירן זיין טעאָרעטיש לעבן ווי אַן אומדערשראָקענער פעלז צווישן בייזע כוואַליעס אין ים וואָס קוקט מיט זיין שפּיץ צום הימל און האַלט זיך גלייכגילטיק צום ווילדן שוים פון אונטן.

אים האָט באַצוואונגען די ליידנשאַפט צו געפינען דעם ריטמישן סדר אין דער מענטשלעכער נשמה, און ער האָט אין דער דאָזיקער זוכעניש אַרויסגעוויזן געניאַלע כוחות וואָס האָבן באַגייסטערט און דערשטוינט. זיין אייגענע סיסטעם האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט אַז ער האָט זיך אַפילו דערלויבט פולשטענדיק צו איגנאָרירן וואָס אַנדערע ווויסנשאַפטלעכע מעטאָדן אין פּסיכאָלאָגיע האָבן געזוכט און געפונען. ער האָט פאַרטיידיקט השערות וואָס לאָזן זיך בשום אופן ניט באַשטעטיקן. זיינע באַגריפן פון „סעקס", און „ליבידא", און „איד" (id) און „עגאָ", און „סופּערעגאָ", און אַ סך אַנדערע פון זיין פילאָזאָפישן רעפּערטואַר, זיינען קאָנסטרוקציעס וואָס זיינען נאָך אַלץ צו קאָמפּליצירט און צו מיסטיש־פאַרהוילן אַז ס'איז אוממעגלעך זיי אָנצונעמען אָן אַ ווייטערדיקן אַנאַליז. אָבער זיין ליידנשאַפט פאַר אַן אורזאַכלעכער קייט פון שטענדיקע געזעצן האָט אַלץ פאַרדעקט.

און פונקט ווי ער האָט מיט זיינע געניאַלע כוחות געזוכט צו בויען אַ קיילעכדיקע סיסטעם פון פסיכישן געשען, אַזוי האָט ער זיך אויך אויסגע־צייכנט מיט אַ טיפער וויסנשאַפטלעכער ערלעכקייט. ער האָט קיין מאָל ניט מוראַ געהאַט מודה צו זיין וואו ער האָט פריי ספעקולירט אָנשטאָט פאַר־שעריש דערוויזן, ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעשטעלט ווען ער האָט דערפילט אַז מען דאַרף עפּעס בייטן, צוגעבן, אָדער אַראָפּנעמען.

לכתחילה איז זיין סיסטעם דער עיקר באַשטאַנען אין אונטערשטרייכן די אומבאַוואוסטזיניקע כוחות וואָס באַהערשן אונדזער לעבן, און אין די מע־כאַניזמען וואָס באַשטימען די באַציאונגען צווישן באַוואוסטזיין און אומ־באַוואוסטזיין. אָבער ער האָט שפּעטער אַליין אויסגעפונען אַז דאָס איז צו ווייניק צו דערקלערן אַלע דערשיינונגען פון לעבן. האָט ער געמאַכט אַזעלכע טיפע ענדערונגען וואָס האָבן גאַנץ אָנזעעוודיק געביטן סיי דעם אינהאַלט, סיי די פאָרם פון זיין סיסטעם. ער האָט באַמערקט, למשל, אַז זיין געשלעכט־השערה קען בשום אופן ניט אָוועקגעשטעלט ווערן ווי דער איינציקער באַזיס פון אינערלעכע פסיכישע קאָנפליקטן. אַזעלכע דערשיינונגען ווי די עקזיס־טענץ פון אַן „איך", פון געוויסן און מאָראַל, פונעם פאַרלאַנג צו פאַרניכטן — וואָס איז אַזוי בולט געווען פאַר אים אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — אָדער דערשיינונגען פון זעלבסטמאָרד, וואָס חזרן זיך איבער אַזוי אָפּט — אָט דאָס אַלץ בייטיקט זיך אין אַ וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פסיכאָ־אַנאַליטישער טעאָריע. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ זעכצן יאָר צוריק. ווען פרויד גיט דאָס איבער איז ער מוסיף מיט זיין שטילער, מערקווערדיקער עניוות: „עס איז אָבער ריכטיק צו זאָגן אַז זינט איך האָב אַרויסגעבראַכט די השערה אַז עס זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן איני־סטינקטן (עראָס און טויט־אינסטינקט), און זינט איך האָב פאָרגעשלאָגן צו צעטיילן די גייסטיקע פערזענלעכקייט אויף אַן עגאָ, אַ סופּער־עגאָ און אַן איד (id) האָב איך שוין מער קיין אָנטשיידנדיקן צושטייער ניט געמאַכט צו פסיכאָאַנאַליז. אַלץ וואָס איך האָב געשריבן פון דעמאָלט אָן וועגן דעם ענין איז אָדער ניט געווען וויכטיק, אָדער עמעצער אַנדערש וואָלט עס מסתמא באַלד געטאָן".

די שטרויכלונגען און די ביטערקייט וואָס פרויד האָט באַגעגנט אויף זיין וועג שטאַמען, ווי ער אַליין פאַרשטייט דאָס אויסגעצייכנט, פון דריי קוואַלן: ראשית, דערפאַר ווייל עס איז פסיכאָלאָגיע, שנית, ווייל ער איז אַזוי געוואָגט אין זיינע השערות, דריטנס, ווייל ער איז געווען אַ ייד. צו פסיכאָלאָגיע האָט מען, ווייזט אויס, אַן אַנדער באַציאונג ווי צו אַנדערע וויסנשאַפטן. דאָ שטעלט מען אַנדערע פאָדערונגען, און מען האָט מאָדנע טענות וואָס זיינען גאָר ניט שייך אין אַן אַנדער וויסנשאַפטלעכער דיסציפּלין. לאָמיך דאָס איבערגעבן מיט פרוידס ווערטער: „קיין לייענער פון אַן אַסטראָנאָמיש ווערק וועט זיך ניט פילן אָנטוישט און וועט ניט חוזק מאַכן

פון יענער וויסנשאַפט אויב מען וועט אים ווייזן דעם פּונקט וואו אונדזער וויסן וועגן דעם אוניווערז פאַרשווינדט אין טונקלקייט. בלויז אין פּסיכאָלאָגיע איז אַנדערש. דאָ ווייזט זיך קלאָר אַרויס דעם מענטשנס אינערלעכע אומ־פייאיקייט פאַר וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. עס זעט אויס אַז מענטשן ריכטן זיך ניט צו געפינען אין פּסיכאָלאָגיע אַ ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון וויסן נאָר עפּעס אַן אַנדער באַפרידיקונג. יעדער ניט פאַרענטפערטע פּראָבלעם, יעדער צוגעגעבענע אומזיכערקייט ווערט אויסגענוצט ווי אַ טענה קעגן איר". ממילאָ, וואָס מער פרויד האָט צוגעגעבן אַז ער קען ניט אַלץ פאַרענטפערן, אַז ער זעט די שוועריקייטן מיט וועלכע ער ראַנגלט זיך, אַלץ מער איז מען אים באַפאַלן.

נאָך גרעסערע צרות איז אים אויסגעקומען אַריבערצוטראָגן צוליב זיינע געוואַגטע השערות. אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע האָבן זיך ספּעציעל אויס־געצייכנט די דייטשישע וויסנשאַפטלער. פרויד דערציילט ווי איינזאַם ער איז לכתחילה געווען. זיין „אויסטייטשונג פון חלומות", איינס פון די טיפסטע, גרינטלעכסטע און אָריגינעלסטע ווערק זיינע, איז כמעט ווי פאַרשוויגן געוואָרן פון אַלע טעכנישע זשורנאַלן. אַן אַסיסטענט פון אַ קליניק האָט אים ביטער אַטאַקירט אין אַ בוך, כאָטש, ווי פרויד האָט שפּעטער אויסגעפונען פון אים אַליין, האָט ער אין גאַנצן ניט געהאַט געלייענט „די אויסטייטשונג פון חלומות."

די דייטשישע וויסנשאַפטלער בכלל, באַקלאָגט זיך פרויד, זיינען קעגן אים און אַטאַקירן אים ווי זיי וואָלטן געווען שונאים, ניט ווי מענטשן וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין וויסנשאַפט. אין די שרעקלעכע צייטן צווישן 1918—1914 האָט מען די דייטשן באַשריבן ווי באַרבאַרן. „דעמאָלט, זאָגט פרויד, האָב איך גאָרניט געפונען אין מיין דערפאַרונג דאָס אָפּצולייקענען."

ערגער איז, פאַרשטייט זיך, דער אבן נגף וואָס פרויד האָט דערפילט ווייל ער איז געווען אַ ייד. שוין אין 1873, בעת ער איז אַריין אין אוני־ווערזיטעט, איז געקומען די ערשטע גרויסע אַנטוישונג. מען האָט אים גלייך געגעבן צו פילן אַז ער איז ניט גלייך ווי אַלע, אַז ער איז נידעריקער, אַז ער דאַרף זיך פילן ווי אַ פרעמדער, אַלץ צוליב זיין יידישקייט. דער סאָרט ייד וואָס ער איז לכתחילה געווען, און די יידישע טראַדיציעס וואָס ער האָט ביי זיינע עלטערן געזען, האָבן אים זיכער פאַר אַזעלכע איבערלעבענישן ניט צוגעגרייט. ער האָט דעריבער בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ ווילדן געדאַנק.

עס קען קיין ספק ניט זיין אַז די ווילדע אַטאַקעס אויף אים מצד די דייטשישע וויסנשאַפטלער, יאָרן און יאָרן פאַר היטלערס אויפשטייג, האָט גאָר אַ סך געהאַט צו טאָן מיט פרוידס יידישקייט. מען האָט דאָס געזאָגט אי דירעקט, אי אומדירעקט. ווען פרויד האָט מיט יאָרן צוריק אויסגע־דריקט דעם פאַרלאַנג אַז קאַרל יונג זאָל זיין דער פּרעזידענט פון דער פּסי־

קיין ייד, ממילא וועט דאָס פאַרלייכטערן אַז די אַרבעט זאָל זיך שנעלער פאַרשפּרייטן.

כאַאַנאַליטישער געזעלשאַפט. מאָטיווירט ער דאָס דערמיט וואָס יונג איז ניט

דער פּסיכאָאַנאַליטיקער וויטעלס שרייבט אַז פרויד האָט ליב צו באַנוצן פאַר זיינע אָרגאַניזאַציעס דאָס וואָרט „אינטערנאַציאָנאַל" (ווי „אינטערנאַציאָנאַלע פּסיכאָאַנאַליטישע געזעלשאַפט", „אינטערנאַציאָנאַלער זשורנאַל פאַר פּסיכאָאַנאַליז"), ווייל דערמיט שטעלט ער זיך קעגן דעם נאַציאָנאַליסטישן באַוואוסטזיין פון דער צייט. מעגלעך אַז דאָס איז טאַקע געווען פרוידס כוונה, כאָטש מען קען דאָס אויך פאַרשטיין ווי אַ פאַרלאַנג אונטערצושטרייכן דעם ברייטן כאַראַקטער פון דער פּסיכאָאַנאַליטישער אָנהענגערשאַפט. ווי עס זאָל ניט זיין, דאָס וואָס פרויד איז געווען אַ ייד איז בלי ספק געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין זיין לעבן אַלע זיינע יאָרן, אַפילו דעמאָלט ווען ער האָט באַקומען דעם געיטע־מעדאַל, און ווען די שטאָט ווין האָט אים געמאַכט פאַר אַן ערן־בירגער צוליב זיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרדינסטן.

ער האָט זיך תמיד געפילט ווי אַ פרעמדער, אַ דרויסנדיקער אין דער דייטשישער אינטעלעקטועלער וועלט. טאָמאָס מאַן איז ניט צופרידן געווען וואָס דער דאָזיקער גרויסער גייסט טראָגט זיך אַרום מיט אַזעלכע געפילן. ער האָט זיך באַמיט פרוידן צו באַווייזן אַז ער איז אין דער אמתן אַ טייל פון דער מאָדערנער דייטשישער קולטור. פרויד האָט זיך כלומרשט געלאָזט איבעררעדן, אָבער ווי וויטעלס באַמערקט, האָט ער דאָס געטאָן „בלויז אויס העפלעכקייט."

מען קען אָבער ניט זאָגן אַז זיין יידישקייט האָט בלויז צו טאָן מיט די עגמת נפשן וואָס דאָס האָט אים פאַרשאַפן, און מיט די שטרויכלונגען וואָס דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַנטוויקלונג פון זיין אַרבעט. פרויד אַליין ווייזט אויך אָן אויף די נוצן פון דער אַנטיסעמיטישער שנאה צו אים. אָט וואָס ער זאָגט: „די ערשטע איינדרוקן אין אוניווערזיטעט האָבן געפירט צו איין פּועל־יוצא וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין וויכטיק. וואָרעם שוין אין די יונגע יאָרן בין איך באַקאַנט געוואָרן מיטן מזל פון זיין אין דער אָפּאָזיציע, און פון אַריינגעלייגט ווערן אין חרם פון דער קאָמפּאַקטער מאַיאָריטעט. אַזוי אַרום איז אָנגעלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר אַ געוויסער אומאָפּהענגיקייט אין דענקען."

די טעמע „פרויד דער ייד" האָט ניט קיין צו פיל קלאָרע דאָקומענטן אויף וואָס זיך צו שטיצן, אַחוץ אפשר פּריוואַטע בריוו וואָס זיינען נאָך דערווייל אומבאַקאַנט. דאָך, פון דעם ביסל וואָס מען ווייס איז ניט שווער צו דערזען אַן אַלגעמיינע ליניע. זיין ערשטע אָפענע אידענטיפיקאַציע מיט זיין פאָלק טראָגט מער דעם כאַראַקטער פון אַן עטישער עקשנות. עס איז דער פּראָטעסט פון אַ גרויסן מענטשן קעגן דער אומגערעכטיקייט פון בייזער העצע. אָבער ביסלעכווייז איז זיין יידישקייט געוואָרן אַ מער פּאָזיטיווע, ער

האָט דערפילט אין אונדזער קולטור אַ גייסטיקן יש וואָס פאַרמאָגט גרויסע ווערטן. דאָס וואָס ער האָט אָנגענומען צו ווערן אַ מיטגליד אין ערן־קוראַטאָריום פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז ניט געווען צופעליק, נאָר אַן אויסגערעכנטער אַקט. אויב עמעצער האָט נאָך דעם מינדסטן ספק אין דעם טאָ זאָל ער כאָטש לייענען דאָס קורצע בריוול וואָס ער האָט געשריבן אין 1937 בעת ער האָט געקראָגן דעם ערשטן העפט פון דער יידישער איבערזעצונג פון זיין „אריינפיר אין פסיכאָאַנאַליז", וואָס דער ווילנער צענטער פון אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן:

„זייער חשובע הערן: —

„איך האָב זיך שטאַרק דערפרייט מיט אייער ידיעה, אַז דאָס ערשטע העפט פון מיינע Vorlesungen אין דער יידישער איבערזעצונג גייט אַרויס גאָר אין גיכן, און איך האָב מיט גרויס דרך־ארץ גענומען אין האַנט אַריין דעם ערשטן בויגן וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט. אַ שאָד, נאָר מער ווי דאָס האָב איך דערמיט ניט געקענט טון. אין יענער צייט, ווען איך בין געווען אַ תלמיד, האָט מען ניט געלייגט קיין אַכט אויף קולטיווירן די נאַציאָנאַלע טראַדיציע; האָב איך זיך ניט געלערנט לייענען ניט העברעאיש און ניט יידיש, וואָס היינט פאַרדריסט דאָס מיך זייער. פונדעסטוועגן בין איך פאַרט געוואָרן אַ גוטער ייד, ווי איר ווייסט מסתמא, ניט קיין גלייביקער.

„פאַרלאַנגט ניט ביי מיר קיין הקדמה. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך מוסר־מודעה געווען, אַז מער וועל איך קיין הקדמות ניט געבן, און צו פיל מענטשן וואָלטן געהאַט פאַראיבל, ווען איך זאָל איצט ברעכן יענעם פירנעם.

„אַ האַרציקן דאַנק פאַר אייער טירחא וואָס וועט אויפוועקן דעם אינטערעס צום פּסיכאָאַנאַליז ביי אַזוי פיל אינטעליגענטע מענטשן.

„אייער זייער איבערגעגעבענער

(—— פ ר ו י ד.

ווען ער האָט דעם דאָזיקן בריוו געשריבן האָט מען נאָך ניט געוואוסט וועגן דער טראַגעדיע וואָס גרייט זיך אויף עסטרייך מיט אַ יאָר שפּעטער. דאָס אומגליק איז געקומען און פרויד איז געווען איינער פון זיינע שרעקלעכע יידישע קרבנות. אָבער דעמאָלט איז ניט בלויז זיין פּסיכאָלאָגישע אויפפאַסונג פון מענטשן, נאָר אויך זיין יידיש באַוואוסטזיין שוין גרייט געווען אויפצונעמען די נאַציסטישע אַכזריות מיט דער קילקייט וואָס באַנעמט דעם גאַנג פון גורל. דער ערשטער אַקט פון דער דראַמע איז שוין אייגנטלעך פאָרגעקומען

אין יאָר 1933 בעת מען האָט געברענט זיינע ביכער אויף די גאַסן פון בערלין. האָט דאָס אויפגעשטיגענע יידישע באַוואוסטזיין אַריינגעבראַכט מער זין אין זיין פערזענלעכער קאַטאַסטראָפע? מסתמא יאָ.

איצט ווייסן מיר שוין אַז אַ גריכישע פּרינצעסין, אַ באַגייסטערטע אָנהענגערין פון פרוידן, און רעדאַקטאָרין פונעם פראַנצייזישן זשורנאַל פאַר פּסיכאָאַנאַליז, האָט מיט איר פאַרמעגן אים אויסגעלייזט פון די הענט פון רוצחישן אומזין. פרויד איז געווען צו גרויס זיך צו לאָזן פאַר־פירן פון יאוש, און אַוועקשטעלן רציחה אויפן חשבון פון ניט־יידן בכלל. דאָס וואָס די הילף איז געקומען פון ניט־יידישע הענט איז עפּעס ווי אַ סימבאָלישע באַשטעטיקונג אַז דאָס ליכט פון דער וועלט ברענט נאָך העל ביי אַלע מענטשן־קינדער, פון אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער. זיינען מיר אַלע גלייכע יורשים פון די גרויסע ווערטן וואָס אונדז האָט געלאָזן איינער פון די שאַרפסטע מוחות, און פון די טיפסטע אמת־זוכער אין דער געשיכטע פון מענטשלעכער קולטור, זיגמונד פרויד.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן

פון יעקב לעשצינסקי

די מאַטעריאַלן פון דער פוילישער פאָלקסציילונג פון 1931 גיבן אונדז אַזאַ רייך בילד וועגן פּראָפעסיאָנעלן און סאָציאַלן בוי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועגן זיין פאַרטיילונג אין גרויסע, מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען, וועגן אַרבעטלאָזיקייט, וועגן דעם אַנטייל פון דער יידישער פרוי אין פּראָלעטאַרישן קלאַס, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר דער יידישער סאָציאָלאָגיע ניט אויסצונוצן די דאָזיקע ציילונג אין דער פולער מאָס. מיר פאַרמאָגן ניט קיין ענלעכן מאַטעריאַל וועגן קיין שום אַנדער לאַנד.

דערצו קומט נאָך צו פאָלגנדיקער וויכטיקער מאָמענט — מיר האָבן דאָ אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן פיר פעלקער: יידן, פּאָליאַקן דייטשן און אוקראַינער מיט ווייסרוסן. די דאָזיקע פאַרגלייכן וואַרפן זייער אַן אינטערעסאַנט ליכט אויף דער לאַגע און מעמד פון פּראָלעטאַריאַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנגעהעריקייט צו באַזונדערע פעלקער, בכן צו באַזונדערע קאָלעקטיוון, מיט אַ פאַרשיידענער פּאָליטישער לאַגע, מיט אַ פאַרשיידענער פאַרגאַנגנהייט, מיט אַ פאַרשיידענער פּסיכיק, מיט פאַרשיידענע צוגאַנגען צום לעבן און השגות וועגן אַ ציל אין לעבן. ענדלעך — סדנא דגולה חד הוא: אַ בילד פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין איין לאַנד גיט אַ בילד פון יידישן פּראָלעטאַריאַט בכלל. געוויס לייגט יעדעס לאַנד אַרויף זיין שטעמפּל אויף דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָפּהענגיק פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג־מדרגה, פון דער געדיכטקייט פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע, פון דער לאַנג־יאָריקייט אין געגעבענעם לאַנד. ס'איז אָבער בלי ספק אויך פאַראַן אַ געוויסער הצד השוה שבהם, געמיינזאַמע שטריכן, וואָס זאָגן עדות, אַז מענטשן טראָגן מיט מיט זיך אַפילו אין נע ונד־זאַק גאַר אַ גרויסן ירושה־באַגאַזש וועלכער באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס דאָס אָרט, וואָס מען פאַרנעמט אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון נייעם לאַנד. ס'איז גאָר ניט שווער פעסטצושטעלן די הצד השוהס צווישן דעם בוי און מעמד פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין אַ גאַנץ צענדליק גלות־לענדער. די דאָזיקע הצד השוהס וועלן זיין בולטער און וויכטיקער, ווי די חילוקים און אָפּנויגונגען פונעם טיפּ פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין משך פון אַ פּאָר דורות, אָפּהענגיק פון דער ירושה, וואָס דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט געבראַכט פון זיין אָפּשטאַם־סביבה און פון דער עקאָנאָמישער סביבה, אין וועלכער ער איז צו ערשט אויפגעקומען.

.1

ס'איז זייער גרינג און באַקוועם צו טיילן די מענטשהייט אַלס גאַנצע און יעדעס פאָלק באַזונדער אויף צוויי גרויסע קעגנגעזעצטע גרופּעס: אַרבעט־געבער און אַרבעט־נעמער, לוין־צאָלער און לוין־נעמער, זעלבסטשטענדיקע און אָפּהענגיקע, בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. דאָס בילד באַקומט זיך אָבער ביז גאָר אַבסטראַקט, לעבנס־ווייט און ווירקלעכקייט־פרעמד.

דער אינזשענער און כעמיקער אין אַ פאַבריק זיינען לוין־נעמער און דער סטרוזש ביים טויער איז אויך אַ לוין־נעמער; דער דירעקטאָר פון אַ מיניסטעריום איז אַ לוין־נעמער און דער שמש פון דער יידישער קהילה איז אויך אַ לוין־נעמער; דער קוואַליפיצירטער שלאָסער פון אַ גרויס־פאַבריק, וועלכער פאַרדינט אָפט ניט ערגער פונעם כעמיקער פון דער זעלבער פאַבריק, איז אַ פּראָלעטאַריער און דער שניידער פון אַ שוויץ־וואַרשטאַט, וואָס אַרבעט נאָר אין די 6 סעזאָן־חדשים און פאַרדינט ווייניקער פון אַ שוואַרץ־אַרבעטער, איז אויך אַ פּראָלעטאַריער; דער משרת אין אַ קלייט איז אַ פּראָלעטאַריער פון דער קאַטעגאָריע גייסטיקע אַרבעטער און דער באַאַמטער אין פּאָליציי איז אויך פון דער זעלבער קאַטעגאָריע.

אויך די פּראָלעטאַריער זיצן אויף פאַרשיידענע טרעפּ פונעם הויכן לייטער פון עקאָנאָמישן מצב: דאָס דינסט־מיידל פאַרדינט אַנ־דערש, ווי דער פאַבריק־אַרבעטער; דער שוואַרץ־אַרבעטער אַנדערש, ווי דער קוואַליפיצירטער; דער באַאַמטער אַנדערש ווי דער אָנגעשטעלטער; אין יעדער גרופּע איז פאַראַן אַ גאַנץ גרויסער תהום צווישן די העכסטע און ני־דעריקסטע. אָבער חוץ דער לוין־דיפערענציאַציע איז נאָך פאַראַן די גע־זעלשאַפטלעכע צעטיילונג: מעג דער באַאַמטער פאַרדינען ניט מער פונעם פאַבריק־אַרבעטער, זיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע איז אַ גאַנץ אַנדערע און אין הסכם דערמיט איז זיין פּסיכאָלאָגיע אַ גאַנץ אַנדערע און זיינע סאָציאַלע און קולטורעלע אידעאַלן אויך אַנדערע. מעג דער דאָקטאָר אין שטאָטישן שפּיטאָל און אין דער קראַנקן־קאַסע פאַרדינען ווייניקער פון דעם הויך־קוואַליפיצירטן שלאָסער אָדער שניידער, זיין סאָציאַלער מעמד, זיין געזעל־שאַפטלעכע לאַגע, לכן זיינע אַמביציעס און שטרעבונגען זיינען גאַנץ אַנדערע.

און נעמט מען ניט דעם לוין, דעם דאָזיקן פאַרמעלן סימן, נאָר טאַקע די קאָנקרעטע עקאָנאָמישע לאַגע, וועט מען געווים געפינען אין דער איצטיקער געזעלשאַפט קאַטעגאָריעס זעלבשטענדיקע אָדער אַפילו אַרבעט־געבער, וועלכע פאַרדינען אַ סך ערגער פון געוויסע גרופּעס לוין־נעמער. גאַנץ גרויסע טיילן פון די זעלבשטענדיקע בעלי־מלאָכות, וועלכע האַלטן אָפט אַ געדונ־גענע אַרבעט־קראַפט, פאַרדינען ערגער פון די מעטאַל־אַרבעטער.

פון דעם אַלעם איז קלאָר, אַז די מאָדערנע געזעלשאַפט איז צו טיף די־פערענצירט, אַז מען זאָל קאָנען מיט איין פאָרמולע אויסשעפּן די כאַראַקטע־ריסטיק פון אַ סאָציאַלן קלאַס אָדער גרופּע. די צעגלידערונג מוז לכן גיין

טיפער ביז מען באַקומט אַ בילד, וואָס אַנטשפּרעכט מער אָדער ווייניקער דער רעאַלער ווירקלעכקייט. מיר וועלן דעריבער ווייטער זיך ניט באַגרענעצן מיט די אַלגעמיינע סימנים און טיילונגען און וועלן שטרעבן צו קומען צו דער קאָנקרעטער פיזיאָגנאָמיע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

מען איז ביי אונדז געוואוינט צו מאַכן פאַרגלייכן צווישן יידן און ניט־יידן — איז דאָס געוויס אַ ריכטיקער מעטאָד. אין דער מערהייט פאַלן איז גענוג שוין די דאָזיקע טיילונג, כדי פעסטצושטעלן די גרונד־חילוקים צווישן יידן און דער אַרומיקער באַפעלקערונג און דורך דעם די גרונד־סימנים פון דער יידישער גרופּע. ביים באַטראַכטן די אייגנאַרטיקייטן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָבן מיר געהאַלטן פאַר נייטיק באַאַרבעטן דעם גאַנצן מאַטעריאַל דעטאַליזירטער און לויט פיר פעלקער. ס'שטעלט זיך דאַמאָלט אַרויס, אַז ניט נאָר דער יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיינע אייגנאַרטיקייטן. אמת, זיי זיינען ביי יידן בפירושער, בולטער, אָבער זיי זיינען פאַראַן אויך ביי אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. חוץ דעם איז אויף אַזאַ אופן גרינגער פעסטצושטעלן, וועלכע פון די באַזונדערקייטן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט זיינען אַ רעזולטאַט פון זיין פּאָליטישער לאַגע, פון זיין עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און וועלכע פון זיין אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער פּסיכאָלאָגיע אָדער זאָל זיין פון זיין קלאַסן־פּסיכלאָגיע, וועלכע איז אויפגעוואַקסן אויף אַ ירושה פון אַ קליינבירגערלעכער שטאָטישער סביבה, בעת דער פּראָלעטאַריאַט פון די ניט־יידישע פעלקער האָט געבראַכט זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון אַ פּויערישער סביבה. דער שטאָטישער מענטש האָט ניט נאָר העכערע באַדערפענישן און העכערע לעבנס־אַפּעטיטן, נאָר אויך גאַנץ אַנדערע אַמביציעס און השגות פאַר דער אייגענער צוקונפט און נאָך מער פאַר דער צוקונפט פון די קינדער. און מען קאָן גאָר ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אָט די דאָזיקע זאָרג פאַר דער צוקונפט פון די קינדער. טרוימט מען וועגן דעם, אַז דאָס קינד זאָל זיצן אויף עטלעכע טרעפּ העכער פון דער, אויף וועלכער מען זיצט אַליין, מוז מען אַליין אויך אַ שפּרונג טון אויף איינע אָדער צוויי טרעפּ העכער.

.2

איידער מיר גייען איבער צום פּראָלעטאַריאַט גופא, האַלטן מיר פאַר נייטיק צו געבן אַ בילד פון דער סאָציאַלער גלידערונג באַ פאַרשיידענע פעלקער אין פּוילן. דאָס וועט אונדז אַריינפירן אין דער סאָציאַלער סביבה, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדן פאָלק לעבט, און ממילא שוין אויך אין דער סביבה, פון וואַנען ער שטאַמט. טאַבעלע 1 גיט אונדז די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע צאָלן פאַר יידן און פאַר די איבעריקע פעלקער נאָר די רעלאַטיווע צאָלן. די איינטיילונג לויט סאָציאַלע גרופּעס איז די אָפיציעלע פון פּוילישן סטאַטיסטישן אַמט און מיר האָבן זי געמוזט נעמען ווי זי איז געגעבן. די רייד גייט דאָ וועגן דער באַפעלקערונג, וואָס איז פאַרנומען אין שטאָטישע פּרנסות. די לאַנדווירטשאַפט איז אַרויסגעלאָזט און ווידער אַמאָל ניט פון

טאַב. 1 — די סאָציאַלע גלידערונג פון די עקאָנאָמיש־אַקטיווע באַ פאַרשיידענע פעלקער פון פוילן*

The social classification of the economically-active in the various nationalities in Poland.

אוקראַינער און ווייסרוסן Ukrainians and White Russians	פּאָליאַקן Poles	דייטשן Germans	יידן Jews		סאָציאַלע גרופּעס Social Groups	
%	%	%	%	Number		
1,4	2,5	6,2	6,7	75.362	Independent with wage-workers	זעלבשטענדיקע מיט לוין־נעמער
20,4	15,0	17,8	55,5	623.882	Independent, without wage-workers	זעלבשטענדיקע אָן לוין־נעמער
10,9	13,2	14,8	8,2	91.970	Employees and officials	אָנגעשטעלטע און באַאַמטע
56,8	59,6	50,0	24,7	277.555	Workmen	אַרבעטער
0,6	0,7	1,8	2,0	22.367	Home-workers	היים־אַרבעטער
9,9	9,0	9,4	2,9	31.889	Social status unknown	סאָציאַלער מצב אומבאַקאַנט
100,0	100,0	100,0	100,0	1.123.025		

* פאַר דייטשן זיינען גערעכנט אַלע עוואַנגעליקער ; פאַר פּאָליאַקן אַלע קאַטאָליקן. דאָס ביסל פּוילישע עוואַנגעליקער דעקט זיך מיט די דייטשן קאַטאָליקן. פאַר אוקראַינער און ווייסרוסן זיינען גערעכנט אַלע גריכיש־קאַטוילישע און פּראַוואָסלאַווישע. אויסרעכענען באַזונדער די ווייסרוסן איז אוממעגלעך, ווייל די ציילונג האָט נאָר אויפגענומען די רעליגיע און ניט די נאַציאָנאַליטעט.

אונדז, נאָר פון די מחברים פון די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג. אין אונדזער פאַל, ווען מיר האָבן צוטאָן מיט יידן, מיט אַ פאָלק, וואָס איז אויף העכער 90 פראָצענט פאַרנומען אין שטאָטישע פרנסות, ווערט אַזאַ פאַרגלייך מיט די אַרומיקע פעלקער זיין פיל נאָענטער צום אמת.

אַ אויבנאויפיקער קוק אויף דער טאַבעלע 1, ווייזט, אַז יידן זיינען סאָציאַל־געבויט אַנדערש ווי אַלע איבעריקע פעלקער און אַז צום נאָנטסטן צו יידן זיינען די דייטשן. די ערשטע גרופּע, די זעלבשטענדיקע מיט לוין־נעמער, לכן די העכסטע סאָציאַלע גרופּע, פאַרנעמט באַ יידן דעם גרעסטן אָרט, געבנדיק 6,7% פון אַלע יידישע עקאָנאָמיש־אַקטיווע; אויפן צווייטן אָרט קומען די דייטשן, וועלכע שטייען כמעט ניט אָפּ פון די יידן. אָבער אַלע דריי איבעריקע פעלקער — פּאָליאַקן, אוקראַינער און ווייסרוסן — האָבן כמעט דריי מאָל (פּאָליאַקן) אָדער כמעט 5 מאָל (אוקראַינער און ווייסרוסן) ווייניקער פון דער דאָזיקער העכסטער גרופּע, ווי יידן און דייטשן.

נעמען מיר דערוויל אָן, אַז די ערשטע גרופּע איז די בורזשואַזיע און דער מיטל־שטאַנד; די צווייטע גרופּע — קליינבירגערטום און די ווייטערע דריי גרופּעס (אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, אַרבעטער און היים־אַרבעטער) געהערן צום פּראָלעטאַריאַט, וועלן מיר באַקומען אַזאַ בילד (אין %):

סאָציאַלער מצב	יידן	דייטשן	פּאָליאַקן	אוקראַינער און ווייסרוסן
בורזשואַזיע און מיטל־שטאַנד —	6,7	6,2	2,5	1,4
קליינבירגערטום — — — —	55,5	17,8	15,0	20,4
פּראָלעטאַריאַט — — — — —	34,9	66,6	73,5	68,3
אומבאַקאַנט — — — — —	2,9	9,4	9,0	9,9
צוזאַמען — — — — — — —	100,0	100,0	100,0	100,0

אין פּרט פון גרויס־ און מיטל־בורזשואַזיע פאַרנעמען יידן דאָס ערשטע אָרט און די אוקראַינער און ווייסרוסן דאָס לעצטע אָרט. יידן האָבן צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג אַ סך רייכערע עלעמענטן, ווי די פּאָליאַקן און אוקראַינער און ווייסרוסן. דערביי זיינען די אָרעמסטע די לעצטע. מען מוז צוגעבן, אַז אין פּרט פון לאַנד־באַזיץ וואָלטן די פּאָליאַקן פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. די דייטשן זיינען אין שטאָט ניט אָרעמער פון יידן. אין אַלגעמיינעם איז דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע ריכטיק, און די ציפערן שפּיגלען אָפּ די ווירקלעכקייט. אָבער שוין דאָ מוז מען צוגעבן, אַז אויך אין דער דאָזיקער גרופּע גייען אַריין זייער פאַרשיידענע עלעמענטן — אַ פאַבריקאַנט, וואָס האָט עטלעכע טויזנט אַרבעטער און אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט איין אַרבעטער; אַ סוחר, וואָס טרייבט גרויסן עקספּאָרט און באַשעפטיקט הונ־דערטער אָנגעשטעלטע און אַ קרעמערל, וואָס האָט איין משרת. כדי צו באַקומען אַ נאָענטערע פאַרשטעלונג וועגן דער וואָג פון דער דאָזיקער גרופּע

באַ יעדער באַפעלקערונג, לאָמיר דורכאַנאַליזירן דעם גרעסטןווירטשאַפט־צווייג, די אינדוסטריע.

פון 118,415 אינדוסטריע־ און האַנטווערק־אונטערנעמער, וועלכע האָבן באַשעפטיקט פרעמדע אַרבעט, זיינען געווען יידן — 45,044, לכן — 38,9%. די גרופּע באַשטייט פון דריי טיילן — פון גרויסע אונטערנעמער, וואָס האָבן אויסגעקויפט פּאַטענטן פון 1—3 קאַטעגאָריע; פון מיטעלע אונטערנעמער, וואָס האָבן אויסגעקויפט פּאַטענטן פון 4—7 קאַטעגאָריע; און פון קליינע אונטערנעמער, וועלכע האָבן אויסגעקויפט פּאַטענטן פון 8טער קאַטעגאָריע.

לאָמיר צו ערשט זעען, ווי איז געווען דער בוי פון דער יידישער גרופּע פאַר זיך. פון די 45,044 יידישע אינדוסטריע־אונטערנעמער זיינען געווען:

1) גרויסע אונטערנעמער — — — —	316	0,7%
2) מיטעלע אונטערנעמער — — — —	11,276	25,1%
3) קליינע אונטערנעמער — — — —	33,452	74,2%
צוזאַמען — — — — — — — — —	45,044	100,0%

מיר זעען, אַז נאָר ווייניקער פון איין פּראָצענט געהערן צו דער גרויס־בורזשואַזיע; צו דער מיטעלער בורזשואַזיע געהערן שוין העכער 25 פּראָצענט, אָבער כמעט דריי פערטל פון דער גרופּע, וואָס לויט דעם ערשטן אָביעקטיוון סימן — דינגען אַרבעט־קראַפט — וואָלט מען זיי געקאָנט צורעכענען ווייניקסטנס צום מיטל־שטאַנד, איז באַ אַ נאָענטערן אַנאַליז שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס איז אויך אַ גרויסע מאַסע, וואָס שטייט גאַנץ נאָענט צום קליינבירגערטום. פאַרגלייכט מען די נאָר וואָס אַנאַליזירטע גרופּע באַ פאַרשיידענע פעלקער, באַקומט מען גאָר אינטערעסאַנטע אויספירן. אַזוי זיינען געווען די פאַרשיידענע טיפּן אונטערנעמער פון דער אינדוסטריע־בראַנזשע פאַרטיילט אויף אַזאַ אופן:

קאַטעגאָריעס אונטערנעמער	יידן	דייטשן	פּאָליאַקן	אוקראַינער און ווייסרוסן
1) גרויסע אונטערנעמער — —	0,7	1,9	0,4	0,3
2) מיטעלע אונטערנעמער — —	25,1	33,9	19,7	13,4
3) קליינע אונטערנעמער — —	74,2	64,2	79,9	86,3
צוזאַמען — — — — — — —	100,0	100,0	100,0	100,0

די דאָזיקע דאַטעס באַשטעטיקן אין אַלגעמיינעם דאָס בילד, וואָס מען האָט באַקומען פון דער ערשטער טאַבעלע, וועלכע גיט די סאָציאַלע גלידערונג פאַר אַלע ווירטשאַפט־צווייגן. דאָך טראָגן זיי אַריין אַ קליינע, אָבער וויכטיקע קאָרעקטור — די דייטשן האָבן מער גרויסע אונטערנעמער אין דער אינדוסטריע ווי יידן, זיי האָבן אויך מער מיטעלע פאַבריקאַנטן ווי יידן. לגבי די פּאָליאַקן און נאָך מער לגבי די אוקראַינער און ווייסרוסן פאַרנעמען די יידן אַ העכער אָרט.

פיל קאָמפּליצירטער איז די צווייטע גרופּע פון טאַבעלע 1. מיר האָבן דאָ אַ קאַנגלאָמעראַט פון פאַרשיידנסטע עלעמענטן — אַ דאָקטאָר, וואָס פּראַקטיצירט אַליין און אַ וועשערין; אַ אַדוואָקאַט, וואָס האַלט קיינעם ניט אין זיין קאַנצעליאַריע, און אַ גאַסן־הענדלער — אַלע זיי געהערן צו דער קאַטעגאָריע, וואָס אַרבעטן אָן געדונגענער קראַפט.

כדי פּאַרט צו באַקומען אַ גענויערע פאַרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער קליינבירגערלעכער גרופּע, וואָס באַ יידן גיט זי העכער אַ העלפט פון אַלע עקאָנאָמיש־אַקטיווע, וועלן מיר ברענגען דעם אנטייל פון די צוויי וויכטיקסטע סעקטאָרן באַ פאַרשיידענע פעלקער אין דער דאָזיקער גרופּע. פון הונדערט פון „זעלבשטענדיקע אָן לוין־נעמער״ זיינען געווען באַשעפטיקט:

	אין האַנדל	אין אינדוסטריע און האַנטווערק
באַ יידן — — — — — — — — — —	54,1	36,1
״ דייטשן — — — — — — — — —	34,3	54,7
״ פּאָליאַקן — — — — — — — —	25,6	62,2
״ אוקראַינער און ווייסרוסן — — —	15,2	74,1

די אַזוי גערופענע קליינבירגערלעכע גרופּע באַשטייט באַ אַלע פעלקער בערך פון 90 פּראָצענט פון די צוויי סעקטאָרן — קליין־האַנדל און מלאכה, אָבער באַ יידן איז דער אנטייל פון קליין־האַנדל 1½ מאָל גרעסער פון אנטייל פון האַנטווערק, בעת באַ די איבעריקע פעלקער איז די פּראָפּאָרץ אַ פאַרקערטע. און וואָס אָפּגעשטאַנענער אַ פאָלק, אַלץ קלענער דער אנטייל פון האַנדל און אַלץ העכער דער אנטייל פון האַנטווערק.

מיר קאָנען אונטערפירן אַזאַ סך הכל פון אַלע געבראַכטע דאַטעס: די קליינבירגערלעכע גרופּע איז באַ יידן אַ סך גרעסער, ווי באַ יעדן אַנדער פאָלק; דערביי באַשטייט די דאָזיקע גרופּע באַ יידן אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס פון קליין־הענדלער, ווי פון בעלי־מלאכות, ווען באַ אַנדערע פעלקער איז די פּראָפּאָרץ אַ פאַרקערטע. אָבער צו דער קליינבירגערלעכער גרופּע (זעלב־שטענדיקע אָן לוין־נעמער) וואָלט מען מיט רעכט געקאָנט צוגעבן אויך יענע טיילן פון דער גרופּע „זעלבסטשטענדיקע מיט לוין־נעמער״, וועלכע געהערן אין דער אינדוסטריע צו די קליינע אונטערנעמער (פּאַקטיש מיט וויניקער פון 5 אַרבעטער) און יענע הענדלער, וואָס האַלטן אַ פרעמדע קראַפט, אָבער פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט דעטאַל־האַנדל. דעמאָלט וואָלטן מיר באַקומען, אַז באַ יידן געהערן צום קלייבירגערטום לויט דער סאָציאַלער לאַגע ניט וויניקער פון 60 פּראָצענט פון דער גאַנער יידישער באַפעלקערונג. באַ אַנדערע פעלקער וועט די דאָזיקע גרופּע אויסמאַכן מאַקסימום 20 פּראָצענט, לכן דריי מאָל וויניקער.

קלאָר, אַז אַפילו אין די שטעט קומט דער פּראָלעטאַריאַט באַ דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אַרויס דער עיקר פון אַרבעטנדיקע עלעמענטן, ווען

באַ ניט־יידן קומט ער אַרויס מער פון האַנדל־קרייזן, וועלכע פּראָלעטאַ־ריזירן זיך.

די גאַר לעצטע גרופּע פון טאַבעלע 1 — סאָציאַלער מצב אומבאַקאַנט — פאַרנעמט באַ יידן פיר מאָל אַ קלענערן פּראָצענט, ווי באַ יעדן פון די אַנדערע פעלקער. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם דער עיקר, וואָס אין דער דאָזיקער גרופּע גייען אַריין די עמעריטן און אויך די טרומע־איינוואוינער און די דאָזיקע צוויי גרופּעס פאַרנעמען באַ יידן אַ קליין אָרט.

3

פון טאַבעלע 1 האָבן מיר געזען, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אין ברייטן זין פון וואָרט, אין זין פון לוין־נעמער, מאַכט אויס באַ יידן צוויי מאָל אַ קלענערן פּראָצענט, ווי ביי די דייטשן און העכער צוויי מאָל אַ קלענערן פּראָצענט, ווי באַ די פּאָליאַקן און אוקראַינער און ווייסרוסן. לאָמיר צו ערשט זען דעם סאָציאַלן בוי פון פּראָלעטאַריאַט באַ פאַרשיידענע פעלקער.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך 4 גרויסע גרופּעס. די לעצטע צוויי זיינען כמעט אויסגעגאָסן פון איין שטיק. באַ די הויז־דינסטן איז ניטאָ קיין גרויסע דיפערענציאַציע — מער מיט אַ פּאָר גילדן אַ חודש אָדער ווייניקער. די לעבנס־באַדינגונגען זיינען אויך כמעט די זעלבע. געוויס איז פאַראַן אַ חילוק צווישן אַ דינסט, וואָס קאָכט באַ אַ גרויסן לאַנד־באַזיצער אָדער פאַבריקאַנט, און אַ דינסט, וואָס טוט אַלץ באַ אַקליינעם יידישן קרעמער אין אַ שטעטל; אָבער דער דאָזיקער חילוק אין די פאַרדינסטן איז ניט אַזוי גרויס אויף צו שאַפן אַ מחיצה צווישן גרופּעס, און חוץ דעם איז די געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע פון ביידע די זעלבע.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די היים־אַרבעטער, וועגן די כאַלופּניקעס. גאָר אַנדערש איז די לאַגע באַ די ערשטע צוויי גרופּעס, באַזונדערס באַ דער ערשטער, וועלכע איז ביז גאָר דיפערענצירט. דאָ גייט אַריין אַ הויכער באַ־אַמטער, אַ פּראָפעסאָר, אַ דאָקטאָר און אַ בוכהאַלטערל אין אַ קליין געשעפטל און אַ אָפיס־מיידל, וואָס קלאַפּט אויף דער מאַשין. מיר וועלן די דאָזיקע גרופּע מוזן באַזונדערס דעטאַליזירן. אָבער אויך די גרויסע פאַרטיילונג, כאָטש זי נעמט אַרום צו גרויסע גרופּעס, גיט אַ שטיקל באַגריף וועגן בוי פון פּראָלעטאַריאַט באַ פאַרשיידענע פעלקער.

ס׳וואַרפט זיך ראשית אין די אויגן, אַז יידן גיבן גאָר אַ קליינעם פּראָ־צענט הויז־דינסטן — צוויי מאָל ווייניקער ווי דייטשן; כמעט 2½ מאָל ווייניקער ווי פּאָליאַקן; און 5 מאָל ווייניקער ווי אוקראַינער און ווייסרוסן. שליסן דערפון, אַז יידן זיינען רייכער וואָלט געווען אייבערפלעכלעך. מען קאָן פעסטשטעלן, אַז צענדליקער טויזנטער יידישע מיידלעך אַרבעטן אין שוויץ־וואַרשטאַטן, פאַרדינען אַ העלפט פון אַ דינסט־מיידל, זיינען אַ סך ווייניקער זיכער מיט דער אַרבעט, ווי די דינסט, ליידן אַ סך אָפטער פון אַרבעטלאָ־

טאַב. 2 — דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט בײַ פאַרשיידענע פעלקער אין פּוילן.

The Social Make-up of the Proletariat of the Various Nationalities in Poland.

אוקראַינער און ווייסרוסן Ukrainians and White Russians		פּאָליאַקן Poles		דייטשן Germans		י י ד ן Jews		סאָציאַלע גרופּעס Social Groups
%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	
16,0—	36.649	18,1	489.321	22,3	25.839	23,5	91.970	Intellectual work גייסטיקע אַרבעטער (1
56,7	129.677	69,0	1.864.131	64,8	75.089	65,6	258.274	Physical labor פיזישע אַרבעטער (2
1,0	2.161	1,0	26.500	2,7	3.214	5,7	22.367	Home-workers היים־אַרבעטער (3
26,3	60.104	11,9	321.848	10,2	11.834	5,2	20.281	Domestics הויזאַרבעטער (4
100,0	228.591	100,0	2.701.800	100,0	115.976	100,0	391.892	Total צוזאַמען

זיקייט און גייען דאָך ניט פאַר קיין דינסטן. דערביי וואָלט געווען גרינג צו דעררווייזן, אַז די עלטערן פון די דאָזיקע מיידלעך פון די שוויץ־וואַרשטאַטן זיינען אָרעמער פון אַ סך פון יענע דאָרף־איינוואוינער, וואָס שיקן זייערע מיידלעך אין שטאָט און שטעטל פאַר דינסטן. צום עקאָנאָמישן פאַקטאָר, וועלכן מיר שליסן ניט אויס, קומען דאָ צו, ווייזט אויס, נאָך אַנדערע פאַק־טאָרן: דער קולטור־מצב פון דער באַפעלקערונג, דאָס יידישע מיידל, קולטורעלער, מיט העכערע אַמביציעס אין לעבן, איז ווייט איבערגעוואַקסן די קנעכטישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳לעבט נאָך אַ הויז־דינסט אין פוילן. די יידישע עלטערן זיינען גרייט אַליין הונגערן אַבי ברענגען דאָס מיידל צו אַ בעסערן תכלית, ווען דער פויער טראַכט נאָך גאָר ניט וועגן אַזעלכע זאַכן. דאָס וואָרט „תכלית״ אַליין ווערט באַ פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס זייער פאַרשיידן פאַרשטאַנען און געטייטשט — און דער יידישער קרעמער אָדער בעל־מלאכה לייגט אין אים אַריין אַ גאַנץ אַנדערן אינהאַלט, ווי דער פויער צי ווי דער פוילישער אָדער אוקראַינישער שטאָטישער אַרבעטער.

יידן זיינען אין דעם פּרט ניט קיין יוצא מן הכלל — מען קאָן גרינג פעסטשטעלן אַ כלל, אַז וואָס קולטורעלער אַ פאָלק, אַלץ וויניקער עלעמענטן פאַר דינסטן. אין ענגלאַנד זיינען יאָרן געווען מיליאָנען אַרבעטלאָזע און ס׳האָבן געפעלט דינסטן. דאָס זעלבע אין אַמעריקע. געוויס ברעכט די נויט אויך קולוטרעלע געוויינהייטן און אין ענגלאַנד זיינען איצט פאַרנומען אַלס דינסטן ביז 10 טויזנט יידישע פרויען פון דייטשלאַנד און עסטרייך, פרויען מיט מיטל־בילדונג און אָפט אַפילו מיט העכערער בילדונג. אָבער פון דעם קאָן מען קיין ראיות ניט ברענגען — דאָ האָבן געווירקט אַזעלכע אויסנאַם־פאַקטאָרן, וועלכע קאָנען ניט גענומען ווערן אין חשבון. בנוגע צו פוילישע יידן קאָן מען זאָגן, אַז דער קולטורעלער מצב שטייט דאָרטן אין אַ שרייענ־דיקער סתירה צו דער עקאָנאָמישער נויט. די לעצטע טרייבט אויף דער שווערסטער און שמוציקסטער און ביליקסטער אַרבעט, ווען דער קולטורעלער מצב לאָזט ניט צו לעבן אין שקלאַפן־באַדינגונגען. די געזעלשאַפטלעכע לאַגע פון דער דינסט, באַזונדערס אין פוילן, שפּילט דאָ גאָר אַ וויכטיקע ראָלע. די לעצטע יאָרן האָבן די חלוצקעס דאָ אַריינגעטראָגן אַ געוויסע פאַרבע־סערונג. זיי האָבן איינגעפירט אַכט שעה אַרבעט אינעם הויז־דינסט; עסן און שלאָפן באַ זיך און ניט באַ דער בעל־הביתטע.

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז די צאָל יידישע דינסטן האָט זיך פון דער ציילונג פון 1921 ביז דער ציילונג פון 1931 כמעט צוויי מאָל פאַרקלענערט, ווען פאַרקערט די אַלגעמיינע צאָל דינסטן אין לאַנד האָט זיך כמעט פאַר־טאָפּלט. און ווידער אַמאָל — ציען דערפון אַ שלוס, אַז די יידישע באַפעל־קערונג איז געוואָרן פאַרמעגלעכער וואָלט געווען אַבסאָלוט פאַלש.

די היים־אַרבעטער, די פאַריער פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס עטלעכע חדשים אין יאָר אַרבעטן זיי 18 שעה אין מעת לעת און אַ סך חדשים אין יאָר גייען זיי אַרום ליידיק, מאַכן אויס באַ יידן 5 מאָל אַ העכערן פּראָצענט, ווי באַ

פּאָליאַקן און אוקראַינער און ווייסרוסן און צוויי מאָל אַ העכערן פּראָצענט, ווי באַ די דייטשן.

די פיזישע אַרבעטער מאַכן אויס באַ יידן, דייטשן און פּאָליאַקן בערך צוויי דריטל פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, און באַ די אוקראַינער און ווייסרוסן נאָר 56,7%. דאָס דערקלערט זיך מיט דער גרויסער צאָל דינסטן, וועלכע די לעצטע צוויי פעלקער שטעלן צו.

די גייסטיקע אַרבעטער מאַכן אויס באַ יידן דעם העכסטן פּראָצענט, כמעט אַ פערטל פון אַלע יידישע פּראָלעטאַריער; די דייטשן קומען באַלד נאָך די יידן; באַ די פּאָליאַקן איז שוין דער פּראָצענט גייסטיקע אַרבעטער אַ ביסל קלענער, וויניקער פון אַ פינפטל פון אַלע פּראָלעטאַריער און באַ די אוקראַינער און ווייסרוסן מאַכן שוין די ווייס־קאָלנער אויס נאָר איין זעקסטל פון אַלע פּראָלעטאַריער.

איידער מיר גייען איבער צו אַ דעטאַלן אַנאַליז פון די צוויי גרעסטע גרופּעס — די גייסטיקע און די פיזישע אַרבעטער — לאָמיר זעען, ווי גרויס איז די וואָג פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין יעדער פּראָלעטאַרישער גרופּע.

טאַב. 3 — אַנטייל פון יידן אין באַזונדערע פּראָלעטאַרישע גרופּעס
Jewish Quota in the Several Proletarian Groups

דערפון יידן Jews Among Them %	דערפון יידן Jews Among Them אַבס. Number	אַלגעמיינע צאָל Total Number	Proletarian Groups	פּראָלעטאַרישע גרופּעס
14,2	91.970	647.244	Intellectual work	גייסטיקע אַרבעטער
11,2	257.274	2.335.515	Physical labor	פיזישע אַרבעטער
41,0	22.367	54.513	Home-workers	היים־אַרבעטער
4,8	20.281	415.384	Domestics	הויז־דינסטן
11,3	391.892	3.452.656		צוזאַמען

יידן מאַכן אויס 11,3 פּראָצענט פון אַלע פּראָלעטאַריער. דאָס איז אַ ביסל העכער, ווי דער פּראָצענט יידן אין לאַנד (אין 1931—9,8), אָבער מער ווי צוויי מאָל וויניקער, ווי דער פּראָצענט יידן אין דער שטאָטישער באַפעל־קערונג. געוויס קאָן מען ניט אָננעמען, אַז דאָ גייט די רייד נאָר וועגן שטאָ־טישן פּראָלעטאַריאַט. די אַרבעטער פון די קוילן־מינען, פון די צוקער־ און בראָנפן־פאַבריקן, אין אַ גרויסער מאָס אויך פון די אייזנבאַנען לעבן מער אין די דערפער, וואָס אַרום די שטעט.

דעם העכסטן פּראָצענט מאַכן יידן אויס צווישן די היים־אַרבעטער; דעם קלענסטן — צווישן די דינסטן.

די גרונט־טיילונג פון אַלע עקאָנאָמישע גרופּעס איז די פּראָפעסיאָנעלע. לאָמיר־זשע זעען, ווי טיילט זיך דער פּראָלעטאַריאַט באַ באַזונדערע פעלקער פּראָפעסיאָנעל.

Professional Classification of the Proletariat in the Various Nationalities of Poland

אוקראינער און ווייסרוסן Ukrs. & White Russians		פּאָליאַקן Poles		דייטשן Germans		יידן Jews			
%	אבס. Number	%	אבס. Number	%	אבס. Number	%	אבס. Number	Economic Branches	ווירטשאַפט־צווייגן
3,0	6.759	2,0	54.738	2,2	2.591	0,2	877	Horticultural Fisheries and Forestry	גערטנעריי, פישע־ריי און וואַלד
41,4	94.402	51,5	1.391.859	61,9	71.844	62,0	242.706	Industry and Handicraft	אינדוסטריע און האַנטווערק
5,3	12.027	6,4	175.435	7,7	8.866	17,3	68.136	Commerce and Insurance	האַנדל און פאַרזיכערונג
7,2	16.417	9,6	260.479	3,6	4.093	2,0	7.827	Communication and Transport	קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט
9,2	21.041	8,9	239.251	6,7	7.796	4,3	16.748	Public Worship and Religion	עפנטלעכער דינסט און רעליגיע
4,7	10.683	4,5	120.344	4,1	4.738	4,3	17.398	Schools and Education	שול־וועזן און בילדונג
1,6	8.541	2,0	53.358	2,1	2.399	2,5	9.308	Medicine and Hygiene	מעדיצין און היגיענע *)
26,4	60.104	11,9	321.848	10,2	11.834	5,2	20.281	Domesic	הויזדינסט
1,2	8,617	3,2	84.488	1,5	1.815	2,2	8.611	Profession Unknown	פראָפ. אומבאַקאַנט
100,0	228.591	100,0	2.701.800	100,0	115.976	100,0	391.892	Total	צוזאַמען

*) אין דער ציילונג הערן צו דער דאָזיקער רובריק צוגערעכנט אויך פריזירעריי און וועשעריי. מיר האָבן זיי צוגערעכנט צו אינדוסטריע און האַנטווערק.

בײַ אַלע פעלקער איז די מערהייט פון פּראָלעטאַריאַט קאָנצענטרירט אין דער אינדוסטריע, אָבער בײַ יידן איז דער העכסטער פּראָצענט. אויפן צווייטן אָרט גייט בײַ יידן האַנדל; בײַ אַלע איבעריקע פעלקער הויז־דינסט. בײַ פּאָליאַקן פאַרנעמט האַנדל דאָס 5טע אָרט. בײַ אוקראַינער און ווייסרוסן אויך דאָס זעלבע. בכלל וואַרפט זיך אין די אויגן, אַז בײַ אַלע איבעריקע פעלקער איז דער פּראָלעטאַריאַט מער דיפערענצירט ווי בײַ יידן. בײַ יידן זיינען באַשעפטיקט אין די צוויי גרעסטעווירטשאַפט־צווייגן — אינדוסטריע און האַנדל — 79,3% פון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט; בײַ דייטשן — 69,4%; בײַ פּאָליאַקן נאָר — 57,9% און בײַ אוקראַינער און ווייסרוסן שוין נאָר — 46,7%. נעמט מען די צווייגן, בײַ וועלכע דער פּאָליטישער מאָמענט שפּילט אַ ראָלע, ווי עפנטלעכער דינסט, קאָמוניקאַציע און טראַנספּאָרט, בייט זיך די לאַגע און יידן פאַרנעמען שוין דאָס לעצטע אָרט.

מען מוז אָבער געדענקען, אַז די נאָר וואָס געבראַכטע ווירטשאַפט־צווייגן זיינען אַזעלכע גרויסע און צונויפגעלייגט פון אַזעלכע פאַרשיידענע בראַנזשעס, אַז דאָס אמתע בילד קאָן מען באַקומען ערשט בײַ אַ צעגלידערונג פון די דאָזיקע צווייגן. מיר וועלן דעריבער איבערגיין צו אַן אַנאַליז פון די ווירטשאַפט־צווייגן.

לאָמיר אָנהייבן פון דער אינדוסטריע און האַנטווערק, פונעם וויכטיקסטן און גרעסטן צווייג. גראָד דאָ פאַרמאָגן מיר גלענצנדן מאַטעריאַל, וואָס דעקט אויף אין דער פולסטער מאָס די אמתע לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט פון פאַרשיידענע פעלקער. די אינדוסטריע־אונטערנעמונגען זיינען געטיילט אין דריי קאַטעגאָריעס: גרויסע, מיטעלע און קליינע. לאָמיר־זשע זען ווי פאַרטיילן זיך די פּראָלעטאַריער פון פאַרשיידענע פעלקער צווישן באַזונדערע קאַטעגאָריעס אונטערנעמונגען.

טאַב. 5 — די פאַרטיילונג פון די אינדוסטריעלע גייסטיקע אַרבעטער לויט דער גרייס פון אונטערנעמונג.

Distribution of Industrial Intellectual Workers According to the Scale of the Enterprise.

אוקראַינער און ווייסרוסן Ukrainians and White Russians		פּאָליאַקן Poles		דייטשן Germans		יידן Jews		אונטערנעמונג־קאַטעגאָריע
%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	%	אַבס. Number	Scale of Enterprise
27,1	907	53,3	38.489	54,1	4,868	15,6	3.281	Large ..... 1) גרויסע
26,9	903	27,7	20.001	31.9	2.875	48,7	10.278	Middle ... 2) מיטעלע
46,0	1.544	19,0	13.751	14.0	1.260	35,7	7.545	Small ..... 3) קליינע
100,0	3,354	100,0	72.241	100,0	9.003	100,0	21.104	Total .... צוזאַמען

אָט דאָ זיינען מיר דאָס ערשטע מאָל צוגעגאַנגען נאָענטער צו דער ווירק־לעכקייט. און דאָס בילד באַקומט זיך גאָר ניט קיין פריילעכס פאַר יידן. אין דער גרויס־אינדוסטריע זיינען באַ יידן פאַרנומען נאָר ווייניקער פון אַ זעקסטל פון אַלע גייסטיקע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע, אָבער באַ פּאָליאַקן און דייטשן העכער אַ העלפט. באַ יידן זיינען העכער אַ דריטל פון אַלע גייסטיקע אַרבעטער אין דער אינדוסטריע פאַרנומען אין די קליינע אונטער־נעמונגען; באַ די דייטשן נאָר אַ זיבנטל; און באַ די פּאָליאַקן נאָר ווייניקער

טאַב. 6 — פאַרטיילונג פון אינדוסטריעלע פיזישע אַרבעטער לויט דער גרייס פון אונטערנעמונג.

Distribution of Industrial Physical Workers According to the Scale of the Enterprise.

אונטערנעמונג קאַטעגאָריע Scale of Enterprise	יידן Jews %	יידן Jews אַבס. Number	דייטשן Germans %	דייטשן Germans אַבס. Number	פּאָליאַקן Poles %	פּאָליאַקן Poles אַבס. Number	אוקראַאינער און ווייסרוסן Ukrainians and White Russians %	אוקראַאינער און ווייסרוסן Ukrainians and White Russians אַבס. Number
1) גרויסע Large	3,5	6.799	31,4	18.496	37,4	476.380	13,3	11.636
2) מיטעלע Middle	15,0	28.919	33,6	19.801	20,4	259.631	19,6	17.241
3) קליינע Small	81,5	157.467	35,0	20.659	42,2	537.680	67,1	58.969
צוזאַמען Total	100,0	193.185	100,0	58.956	100,0	1.273.691	100,0	87.846

פון אַ פינפטל. אַפילו באַ די אוקראַינער און ווייסרוסן איז דער פּראָצענט באַשעפטיקטע אין די גרויסע אונטערנעמונגען העכער ווי באַ יידן. נאָר באַ זיי איז דער פּראָצענט באַשעפטיקטע אין די קליינע אונטערנעמונגען זייער הויך, ווען באַ יידן פאַרנעמען די מיטעלע אונטערנעמונגען דאָס ערשטע אָרט.

אָבער נאָך אינטערעסאַנטער זיינען די דאַטעס וועגן דער פאַרטיילונג פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער לויט דער גרייס פון דער אונטערנעמונג.

דאָ דערזעען מיר שוין דעם פּנים פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין זיין גאַנצער אייגנאַרטיקייט און אויך אין זיין איזאָלירטקייט פון איבעריקן פּראָלעטאַריאַט. אין דער גרויס־אינדוסטריע איז ער כמעט ווי גאָר ניטאָ. נאָר 3,5% פון אַלע יידישע פיזישע אינדוסטריע־אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין דער גרויס־אינדוסטריע, ווען באַ די פּאָליאַקן איז דער פּראָצענט 37,4, באַ די דייטשן — 31,4, בכן 11 מאָל און 9 מאָל מער און אַפילו באַ די אוקראַינער און ווייסרוסן זיינען פאַרנומען אין דער גרויס־אינדוסטריע 4 מאָל אַ העכערער פּראָצענט אַרבעטער. און אויך אין דער מיטעלער אינדוסטריע איז דער יידישער אַרבעטער שוואַך פאַרטראָטן — 15,0 פון אַלע יידישע פיזישע אינדוסטריע־אַרבעטער. באַ די פּאָליאַקן און אוקראַינער און ווייסרוסן בערך אַ פינפטל און באַ די דייטשן אַ דריטל. קומט טאַקע אויס, אַז באַ יידן זיינען העכער אַ כ צ י ק פּראָצענט פון אַלע אינדוסטריע־אַרבעטער באַשעפטיקט אין דער קליין־אינדוסטריע, צוויי מאָל מער, ווי באַ די פּאָליאַקן, כמעט 2½ מאָל מער ווי באַ די דייטשן און אויך מער ווי באַ די אוקראַינער און ווייסרוסן אויף העכער 14 פּונקטן.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אפשר האָבן יידן ניט קיין גרויסע פאַבריקן לכן זיינען יידישע אַרבעטער ניט באַשעפטיקט אין דער גרויס־אינדוסטריע. באַ ניט־יידן זיינען דאָך גאָר ניט פאַרנומען קיין יידישע אַרבעטער. די לאַגע איז אָבער פּונקט פאַרקערט. יידן זיינען גאָר אין אַ גרויסער מאָס באַטייליקט אין דער גרויס־אינדוסטריע. דאָס וועלן מיר זעען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע.

אַלע הונדערט פּראָצענט גרויסע פאַבריקאַנטן זיינען יידן און דאָך באַשעפטיקן זיי נאָר איין פינפטל יידישע אַרבעטער. דאָ איז דאָס בילד אַבסאָלוט קלאָר. מוז מען אָבער געדענקען, אַז ביאַליסטאָק איז אַ יוצא מן הכלל. ראשית, ווייל דאָ גייט דאָך די רייד וועגן טעקסטיל־אינדוסטריע, וואו ס׳זיינען בכלל באַשעפטיקט אַ סך יידישע אַרבעטער. אַ סך ערגער איז די לאַגע אין דער מעטאַל־אינדוסטריע. שנית, איז אין 1931 ביאַליסטאָק נאָך געוועזן אַ שטאָט מיט אַ יידישער מערהייט. דריטנס, האָט דער דאָזיקער „הויכער" פּראָצענט יידישע אַרבעטער באַ גרויסע יידישע פאַבריקאַנטן געקאָסט יידן בלוט. אין 1905 איז פאָרגעקומען אַ גרויסער און בלוטיקער קאַמף צווישן די יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער פאַר די מעכאַנישע שטולן. ס׳איז

טאַב. 7 — דער אנטייל פון יידישע אונטערנעמער און אַרבעטער אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע פון ביאַליסטאָקער וואיעוואָדשאַפט.

Quota of Jewish Enterpreneurs and Workingmen in the Textile Industry of the Bialystok Waywodeship.

אונטערנעמונג־קאַטעגאָריע Scale of Enterprise	בעלי־בתים Proprietors אַבס. Number	%	גייסטיקע אַרבעטער Intellectual Workers אַבס. Number	%	פיזישע אַרבעטער Physical Laborers אַבס. Number	%
1) גרויסע Large	13	100,0	56	68,3	479	20,4
2) מיטעלע Middle	129	85,4	63	85,1	647	22,0
3) קליינע Small	59	93,7	22	64,7	624	42,7
צוזאַמען Total	201	88,5	141	74,2	1.750	25,9

געהאַט געוואָרן אַ מנהג, אַז ווי באַלד אַ פאַבריק גייט איבער פון האַנט־אַרבעט אויף מעכאַנישע, פלעגט מען אָפּזאָגן די יידישע אַרבעטער און צונעמען ניט־יידישע. האָבן די יידישע אַרבעטער דערקלערט אַ זיץ־שטרייק, פאַרבאַריקאַדירט זיך אין אַ גרויסער פאַבריק און דערקלערט, אַז נאָר איבער זייערע טויטע קערפּערס וועט מען פאַרנעמען די מעכאַנישע שטולן. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף צווישן יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער, אין וועלכן ס'האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן פוןביידע זייטן. דער שלום איז געשלאָסן געוואָרן אויף דער באַזע פון פיפטי־פיפטי: 50 פּראָצענט וועבער זאָלן זיין יידן און פופציק פּראָצענט ניט־יידן. ביז היינטיקן טאָג ווערט דער דאָזיקער פּרינציפּ שטרענג אָפּגעהיט פון ביידע צדדים. די יידישע אַרבעטער מאַכן אָבער אויס נאָר 20,4% פון אַלע אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן און נאָר 25,9% פון די אַרבעטער אין אַלע דריי קאַטעגאָריעס פאַבריקן, מחמת דאָ גייט דאָך די רייד ניט נאָר וועגן די וועבער, נאָר וועגן אַלע מינים אַרבעטער. און אין אַלע אַנדערע מינים אַרבעטן זיינען יידן זייער ווייניק פאַרטראָטן עד היום, כאָטש די וואַנט, וואָס האָט אַמאָל אָפּגעטיילט דעם יידישן אַרבעטער פון די אַפּרעטורן און פון אַנדערע טעקסטיל־אַרבעטן, איז דורכגעבראָכן.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע אין לאָדזש, אין צווייטן און גרעסטן טעקסטיל־צענטער פון פּוילן. פון הונדערט פון יעדער סאָציאַלער גרופּע האָבן יידן אויסגעמאַכט:

1) אין דער גרויס־אינדוסטריע:

א) פון אונטערנעמער מיט לוין־נעמער — — — — 55,0

ב) „ אָנגעשטעלטע — — — — — — — — — 20,7

ג) " אַרבעטער — — — — — — — — — — — 1,6

2) אין דער מיטל־אינדוסטריע:

א) פון אונטערנעמער מיט לוין־נעמער — — — — 78,8

ב) " אָנגעשטעלטע — — — — — — — — — — 67,5

ג) " אַרבעטער — — — — — — — — — — — 13,4

3) אין דער קליין־אינדוסטריע:

א) פון אונטערנעמער מיט לוין־נעמער — — — — 82,2

ב) " אָנגעשטעלטע — — — — — — — — — — 74,0

ג) " אַרבעטער — — — — — — — — — — — 37,6

די יידישע גרויסע פאַבריקאַנטן מאַכן אויס 55 פּראָצענט פון אַלע גרויסע פאַבריקאַנטן. אַז זיי באַשעפטיקן מינימום דעם זעלבן פּראָצענט אַרבעטער, איז גאָר קיין ספק ניט. דאָס קאָן מען זען פון פאָלגנדיקע דאַטן: אין 1929 זיינען אין לאָדזש געווען פאַבריקן מיט מער פון 500 אַרבעטער — 31. אין די דאָזיקע 31 גרעסטע פאַבריקן זיינען געווען באַשעפטיקט — 36,822 אַרבעטער. פון די 31 פאַבריקן האָבן געהערט יידן — 8, וועלכע האָבן אָבער באַשעפטיקט 19,666, לכן כמעט 55 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער. קלאָר, אַז בײַ דער ציילונג פון 1931 האָבן די יידישע גרויסע פאַבריקאַנטן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 55 פּראָצענט פון אַלע גרויסע פאַבריקאַנטן, מינימום באַשעפטיקט אַזוי פיל אַרבעטער. אָבער יידישע אַרבעטער האָבן דעמאָלט אויסגעמאַכט נאָר 1,6% פון אַלע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען פאַרנומען אין דער גרויס־אינדוסטריע.

מיר האָבן אויסגענוצט די דאַטעס פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, ווייל זיי באַלייכטן צום בעסטן די באַזונדערע לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער די איזאָלירטע לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט קומט צום אויסדרוק ניט נאָר דורך דעם, וואָס ער איז צוזאַמענגעשטופּט אין די קלענסטע אונטער־נעמונגען. די געטאָ־לאַגע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט ווערט נאָך בולטער דורך דעם, וואָס ער איז אויך צוזאַמענגעשטופּט אין געוויסעווירטשאַפט־צווייגן, אין באַזונדערע בראַנזשעס, אין באַזונדערע פאַכן.

נאָר וועגן די דאָזיקע אַלע פּראָגעס אין אַ צווייטן אַרטיקל.

ביבליאָגראַפיע:

Drugi Powszechny Spis Ludnosci z dn. 9/XII 1931 r. Warszawa, 1939.
E. Rosset, Lodz, miasto pracy. Lodz 1929. p. 41.

דער קאַמף קעגן פּורים־שפּילן אין פּרייסן
אין 18טן יאָרהונדערט

פון ד״ר י ע ק ב ש אַ צ ק י

דער פּרייסישער כראָניקער ק ע נ י ג (Koenig) דערציילט אין זיין אַנאָנים געשריבענעם בוך אונטערן נאָמען: Annalen der Juden in der Mark Brandenburg (בערלין, 1790), אַז אין בערלין פלעגן זיין צוויי מינים יידישע פּורים־שפּילער: אַזעלכע וואָס האָבן געשפּילט פאַר אָרעמע לייט און אַנדערע וואָס פלעגן שפּילן אין גבירישע הייזער, וואוהין מען פלעגט זיי איינלאַדן כדי פאַרצושטעלן די „אחשורוש־שפּיל״ פאַר דער משפּחה און געסט פון דעם בעל־הבית.

ק ע נ י ג דערציילט אַז אין יאָר 1703 האָט מען אין בערלין אויפגעפירט אַזאַ מין „אחשורוש־שפּיל״, ווי אַ מוזיקאַלישע דראַמע. די מוזיק — דערציילט ער — איז געווען זייער „עלנט״, דאָס הייסט שלעכט. די כלי־זמרים פלעגן באַגלייטן אָרעמע יידישע בחורים, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און אויף זייער אַ פּרימיטיוון אופן געוויזן די „שפּיל״. היות ווי דער פּרייסישער רעגולאַמענט האָט פאַרבאָטן אַז כלי־זמרים זאָלן זיך פאַרנעמען מיט מסחר, און פון שפּילן אויף יידישע חתונות איז געווען זייער שווער צו האָבן חיונה — זיינען די דאָזיקע „עלנטע״ מוזיקאַנטן מיטגעגאַנגען פּורים־צייט מיט די פּורים־שפּילער און ווי אַ וואַנדערנדיקער אָרקעסטער פאַרדינט אַ ביסל אויף חיונה. דעם דאָזיקן פאַקט באַשטעטיקן אַ ריי מיט־צייטלערישע כראָניקעס און אויך מעמואַרן־שרייבערס.

דער באַקאַנטער קולטור־היסטאָריקער פון 18טן יאָרהונדערט י אָ ה אַ ן ק ר י ס ט אָ ף ב אָ ד ע נ ש אַ ץ[1] דערציילט, אַז די בחורים פלעגן זיך פאַרמאַסקירן די פּנימער, אָנטאָן פאַרשיידענע „נאַרישע קליידער״, אַרומגיין

---

[1] Bodenschatz. Kirchliche Verfassung der heutigen Juden, 1748, 1, 256
אויך באַ ו ו א ג נ ז י י ל ן, וואָס געהערט, אמת צום 17טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין זיין בוך וועגן די מנהגים אין נ י ר ע נ ב ע ר ג (de Civitate Norimbergensi) p. 166 אַז:
"etiamnum Judaei, apud nos, in Hilaris Purim Ahasveri et Esteris historiam more comico representant, vocantque" das Achasverus Spiel" (אויך די יידן, וואָס צווישן אונדז אין דעם פריילעכן פּורים שטעלן פאַר אויף אַ קאָמישן אופן די געשיכטע פון אחשורוש און אסתר און זינגען „דאָס אחשורוש שפּיל״).

פון הויז צו הויז און שפּילן די אסתר־געשיכטע, ווי אויך פּ אַ ר ש י י ־ ד ע נ ע   ל ו ס ט י ק ע   ג ע ש י כ ט ע ס און פאַרשטעלן פּשוטע קאָמעדיעס (ordentliche Comoedien)

דאָס שפּילן אין די הייזער פון די גבירים האָט געטראָגן מער דעם כאַראַקטער פון אַ פאָרשטעלונג, מחמת דעם וואָס די דירות זיינען געווען זייער באַקוועמע און אויך צוליב דעם, וואָס די קאָסטיומען זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון דער בעל־הביתטע גופא.

ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו פאַרבאָטן אַזעלכע מינים פאַרשטעע־לונגען האָבן די בערלינער גבירים זיך דערפון ניט אָפּגעזאָגט און געצאָלט די געלט־שטראָפן, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט פאַר עובר זיין דעם פאַרבאָט און ווייטער הנאה געהאַט פון די פורים־„געזעליקייטן" אין די ד' אמות פון זייערע דירות.

דער פאַרבאָט אויף פורים־שפּילן איז ניט געווען געווענדט אַזוי קעגן דער עצם זאַך גופא, נאָר קעגן דעם אַז יידן זאָלן זיך משמח זיין אין דער צייט, ווען ביי קריסטן פאַלט אויס די „קאַר־וואָך" (Charwoche), די טרויער־וואָך פאַרן קרייציקן יעזוסן, ווען עס איז בכלל פאַרבאָטן ווערלכע עס איז פאַרוויילונג. מען האָט דעריבער אויסגעטייטשט אַז די יידישע מאַסקאַראַדן און שפּילן זיינען אַן אָפּשפּאָטונג פון קריסטנטום.

ווי עס איז גיט איבער דער פּרייסישער כראָניקער ק ע נ י ג האָבן די גאַסן־מאַסקאַראַדן און שפּילן פון די יידישע בחורים אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די בערלינער קריסטן. מען האָט אָנגעהויבן שטרענג צו קאָנט־ראָלירן, וואָס קומט פאָר הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס פון די בערלינער יידישע גבירים פורים־צייט און שטאַרק באַשטראָפן די בעלי־בתים. ביי וועמען מען האָט געכאַפּט פורים־שפּילער. אַזוי, למשל, האָט דער בער־לינער גביר, ב ע ר מ אַ ן פּ ר ע נ ק ע ל , אין וועמענס הויז מען האָט אויפגעפירט אַן „אחשורוש־שפּיל", געמוזט באַצאָלן אַ שטראָף פון צוואַנציק טאָלער פאַר עובר זיין דעם פאַרבאָט.

ווי עס ווערט געשילדערט אין די אָפּיציעלע דאָקומענטן, האָט אַ באַ־אַמטער צוגעשטעלט דער רעגירונג אַן אויספירלעכן ראַפּאָרט וועגן דעם „פאַרברעכן" אין פרענקלס הויז. אויף דעם סמך האָט דער „הויף־פיסקאַל" ו י ל ה ע ל ם ד ו ר ה א ם (Duhram) דעם ערשטן אַפּריל, 1705, אויסגעאַרבעט אַן אויספירלעכע תשובה (gutachten) וועגן דעם עינין פורים־שפּילן בכלל.

„היות ווי — שרייבט דער פּרייסישער באַאַמטער — דער יום־טוב פורים איז דאָס יאָר אויסגעפאַלן פּונקט ווי פאַראַיאָרן גראַד אין דער „שטילער

וואָך״ — קען אַזאַ שפּיל מיט פאַרשטעלענישן (mummerei) ניט זיין צום האַרצן פון די קריסטן, בפרט נאָך אַז, ווי איך האָב געהערט פלעגן זיי דאָן הענגען המנען.[2]

„דען ווער קען קאַווירן אַז דאָס געשעט ניט אינדירעקט ווי אַ באַליי־דיקונג פון דעם דערלייזער (contumeliam Salvatoris) וועמענס ביטערע ליידן און מאַרטירער־טויט ווערט פון די קריסטן געהייליקט און דערפאַר ווערט (די שפּיל) באַטראַכט ווי אַ באַהאַלטענע שפּאָט, שוין ניט ריידנדיק וועגן דער אויסגעלאַסנקייט, וואָס ווערט באַגאַנגען דורך דעם, וואָס מען לויפט אַרום איבער די גאַסן, דאָס פאַרשטעלן זיך און די נאַכט־אַוואַנטיורעס.״

אגב דערוויסן מיר זיך פון דעם דאָזיקן באַריכט אַז צווישן די בערלינער פּורים־שפּילער זיינען געווען אויך פרויען און אייניקע פון זיי האָבן געשפּילט מענערישע ראָלן, אַ פּרט וואָס איז לחלוטין אומבאַקאַנט אין דער געשיכטע פון פּורים־שפּילן אין אַנדערע לענדער.

ווייטער ווערט דערציילט אין פּראָטאָקאָל, אַז „אַזוי ווי די דורכגעפירטע אויספאָרשונג האָט ניט באַוויזן צו דעמאַסקירן די פאַרמאַסקירטע (wer in specia diejenigen gewesen), ווער האָט זיך דאָס איבערגעטאָן, ווער האָט געשפּילט די קאָמעדיע פון המן, געמאַכט דעם טומל אאַ״וו״ — דעריבער האַלט דער באַאַמטער אַזוי:

„פון היינט אָן זאָל דאָס (שפּילן) מער ניט פאָרקומען און צו אַלע יידן גייט אַרויס אַ שטרענגער באַפעל, אַז זיין מאַיעסטאַט האָט מיט גרויס פאַר־דרוס אויסגענומען (די ידיעה) אַז ביי זיי (ד. ה. ביי די יידן) ווערט דער יום־טוב פּורים געפייערט מיט פאַרשיידענע קונצן, פאַרשטעלונגען און פאַר־שטעלטע פּרצופים — אין דער צייט, בעת די קריסטן פאַרברענגען אין טרויעריקער שטילקייט. דאָס וועט אין דער צוקונפט ניט געדולדיקט ווערן״.

צום שלוס פירט דער פרייסישער באַאַמטער אויס, אַז די יידן דאַרפן דעם יום־טוב פּורים פּראַווען ניט אַזוי טעאַטראַליש און מוזיקאַליש, נאָר נעמען זיך אַ מוסטער פון די קריסטן און פאַרברענגען די צייט אין התבודדות און דאַנקען גאָט פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטאָן זיין פאָלק.

ד ו ר ה אַ ם סטראַשעט אַז להבאָ וועט מען באַשטראָפן ניט נאָר די שפּילער, נאָר אויך דעם בעל־הבית, אין וועמענס הויז אַזאַ ספּעקטאַקל וועט

2) אַז די המן־פיגור איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ יעזוס־פיגור און דער פּורים־שפּיל, ווי אַ פּאַראָדיע אויפן קרייציקן ישו — איז גוט באַקאַנט פון אַ ריי בלוט־בלבולים. אין 1764 איז אין אַ דאָרף לעבן קאַמענעץ־פּאָדאָלסק געווען אַ בלוט־בלבול־פּראָצעס צוליב אַ „המן (פּורים)־שפּיל״. אַן ענלעכער פאַל איז געשען אין 1827. אגב, האָט Frazer אין זיין The Golden Baugh אויסגעטייטשט די המן־פיגור ווי אַ קריסטוס־פּאַראָדיע. זע: די פּאָלעמיק צווישן אים און ראַבינער ל ע ו י אין: Revue des etudes Juives, 1919, LXVII, 141-157.

אפשר זיינען די דאָזיקע בלבולים פאַרבונדן מיטן מנהג צו דינגען אַ גוי, אויף צו שפּילן די ראָלע פון המנען. (זע מיין אַרבעט אין „פיל. שריפטן״ פון ייוואָ 2, 251).

פּאַרקומען, און אַלע איינגעלאַדענע געסט וועלן אַרעסטירט ווערן און אויך באַשטראָפט.

אויספירן דעם דאָזיקן פאַרבאָט האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די פּרנסים פון דער קהלה, וואָס דאַרפן האַלטן אַ „וואַכזאַם אויג" — ווי ער דריקט זיך אויס, אַז ניט וועלן זיי גופא ווערן באַשטראָפט פאַרן צולאָזן די פּורים־שפּילן.

וועגן דעם ספּעציפישן פאַקט מיטן גביר ב ע ר מ אַ ן פ ר ע נ ק ע ל ווערט דערציילט, אַז ער איז געזעסן אַרום אַ טיש מיט זיין משפחה און איינגעלאַדענע געסט און די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן ביי אים אין מ ש ך פ ו ן ד ר י י ט ע ג נ אָ ך אַ נ אַ נ ד. („גרין" דאָנערשטיק, „שטילן" פרייטיק און שבת־צונאַכטס). פ ר ע נ ק ע ל אָבער פאַרטיידיקט זיך קעגן דער באַשולדיקונג אויף זייער אַ נאַאיוון אופן. ער דערציילט, אַז אין משך פון „די דריי טעג זיינען ביי אים אין שטוב געווען די „פאַרשטעלטע פאַרשוינען", וואָס האָבן „פּרעזענטירט" אחשורושן, די קיניגין ושתי, מרדכין און המנען — אָבער ביי אים אין הויז האָבן זיי ניט געשפּילט.

דעם 18טן אַפּריל, 1705, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער פּסק־דין צו באַצאָלן צוואַנציק טאַלער שטראָף.

די קהלה האָט באַקומען אַ הזהרה פון דער מאַכט, אַז מער זאָלן אין בערלין אַזעלכע פאָרשטעלונגען ביי יידן ניט פאָרקומען.[3]

דער פאַקט גופא, וואָס אין אַ פּריוואַטער שטוב האָט מען געשפּילט דריי מאָל די פּורים־פאָרשטעלונג באַוויזט, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ האַלב־פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער־פאָרשטעלונג, וואָס האָט צו יענער צייט ניט געקענט נאָך געשפּילט ווערן אין אַ געדונגענעם טעאַטער, ווייל אַזאַ טעאַטער אין אין געטאָ ניט געווען בנמצא. עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז פרענקעל, ווי אַ פאַרמעגלעכער ייד, האָט פאַרדונגען זיין דירה אויף דריי טעג צו די פּורים־שפּילער.

דער פאַרבאָט אויף שפּילן טעאַטער האָט משמעות קיין גרויסע פּעולה ניט געהאַט. די עפנטלעכע גאַסן־שפּילן זיינען, ווי עס זאָגט עדות דער כראָניקער ק ע נ י ג , ביסלעכווייז פאַרשוואונדן. אין די פּריוואַטע הייזער האָט מען אָבער ווייטער געפּראַוועט די פּורים־שמחה מיטן אַלטן טראַדיציאָנעלן נוסח, דאָס הייסט, מיט שפּילן און מאַסקאַראַדן.

די דאָזיקע שפּילן האָבן נושא חן געווען ביי די ניט־יידן, וואָס פלעגן ליב האָבן צו באַזוכן די יידישע בעלער און פאַרוויילונגען, בפרט נאָך אַז די

[3] S. STERN. Der Preussische Staat und die Juden, 1925, II, 246-248; Geiger L. Geschichte der Juden in Berlin, II, 28.

בערלינער יידישע גבירים האָבן געשמט מיט זייערע לוקסוס־בעלער און רחבותדיקע מאַלצייטן.

אויך מחוץ ב ע ר ל י ן איז די פורים־שפיל געווען אַן אַטראַקציע פאַר ניט־יידן. אין ק ע נ י ג ס ב ע ר ג, למשל, פלעגט מען אויף די פורים־פאַרשטעלונגען, געגעבן אין פריוואַטע הייזער, אָפט זען איינגעלאַדענע קריסטלעכע געסט.[4]

אין ב ר ע ס ל ו י פלעגן די מער משכיליש איינגעשטעלטע יידן נע־מען אָנטייל אין ספּעציעלע פורים־פאַרשטעלונגען מיט אַ דידאַקטישן אָדער פילאַנטראָפּישן צוועק.

וועגן איינער אַזאַ פאַרשטעלונג איז אונדז באַקאַנט צוליב דעם פאַקט, וואָס די הכנסה האָט מען אָפּגעגעבן דער קהלה לטובת די דאָרטיקע אָרעמע לייט.[5]

עס איז ניט אויסגעשלאָסן אַז צו איינער פון דידאַזיקע פאַרשטעלונגען האָט געהאַט אַ שייכות א ה ר ן ה א ל ל ע ו ו אָ ל פ ז אָ ה ן, וואָס זיין קאָמעדיע „לייכטזין אונד פרעממעליי״, איז דערשינען צו יענער צייט (1796).

ווי באַקאַנט האָט ו ו אָ ל פ ז אָ ה ן געוואָלט, אַז זיין קאָמעדיע זאָל פאַרבייטן די „זינלאָזען אונד צוועקווידריגן האַרלעקינאַדן״ און אַז די פורים־פאַרווײלונגען זאָלן טראָגן אַ דידאַקטישן כאַראַקטער און ניט זיין סתם לצים־קונסט.

די דאָזיקע יידישע טאַרטיף־קאָמעדיע איז זיכער געשפּילט געוואָרן אין ברעסלוי, וואו איר מחבר איז געווען שול־אינספּעקטאָר אין די יאָרן 1792־1802.

די פריינטלעכע אויפנאַמע, וואָס די דאָזיקע פּיעסע האָט באַקומען מצד אַ דייטשישן זשורנאַל פון יענער תקופה, האָט משמעות געהאַט אַ געוויסע שייכות מיט דער מעגלעכקייט פּראַקטיש צו פאַרבייטן די טראַדיציאָנעלע פורים־שפּילן מיט אַ מאָדערנער זיטן־קאָמעדיע (זע: טעאַטער־אַרכיוו, 1 ז״ז 147־148).

די טראַדיציאָנעלע פורים־פאַרווײלונגען זיינען אָבער געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער מגלת אסתר־טעמאַטיק, אַז ו ו אָ ל פ ז אָ ה ן האָט דערזען די שוועריקייטן אויסצוראָטן תיכף און ראַדיקאַל די „אונזיניגע האַר־לעקיניאַדן״ מיט אַ זיטן־קאָמעדיע. ער האָט דערפאַר געפּרוּווט צו פאַר־בייטן דעם פאָלקס־נוסח פון די פורים־שפּילן מיט אַ „ליטעראַרישן״ טעקסט, ווען אַפילו ניט געשריבן פון אים גופא.

---

[4] H. JOLOWICZ. Geschichte der Juden in Koenigsberg. 1867, 36.

[5] Freudenthal Die ersten Emancipations—Bestrebungen der Juden in Breslau. 1899, 101.

צו דער ערשטער אויסגאַבע פון זיין קאָמעדיע האָט ער צוגעגעבן אין אַ יידישער טראַנסקריפּציע די זייער אומבאַהאָלפן אָנגעשריבענע איינאַקטיקע פּיעסע פון דעם ניט־יידן פ ר י ד ר י ק ו ו י ל ה ע ל ם ג אָ ט ־ ט ע ר אונטערן נאָמען: „דיא שטאָלצע ושתי”. דעם דאָזיקן איינאַקטיקן „לוסטשפּיל” האָט ג אָ ט ט ע ר אָנגעשריבן צוזאַמען מיט אַ זעקסאַקטיקער פּיעסע אונטערן נאָמען „אסתר” אין יאָר 1789.ביידע זיינען געווען באַשטימט פאַר אויספירונגען אין אַ פאַמיליען־טעאַטער.

אין אָקטאָבער 1789 האָט ג אָ ט ט ע ר פאַרגעלייענט זיינע צוויי פורים־פּיעסעס פאַר דער וויימאַרער פּרינצעסין אַננאַ אַמאַליע.

געדרוקט זיינען זיי געווען צום ערשטן מאָל ערשט אין יאָר 1795.

אין דער ליטעראַטור וועגן ג אָ ט ט ע ר ן ווערט אָנגעוויזן, אַז די ביידע פּיעסעס זיינען ווייט פון אָריגינעלן שאַפן, און די פּיעסע „אסתר” איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון די פּורים־שפּיל־סצענעס, וואָס געטע האָט אַריינגעפלאָכטן אין זיין: Jahrmarkt zu Plundersweilern

ג אָ ט ט ע ר ס פּיעסעס זיינען קיין מאָל ניט אויפגעפירט געוואָרן אין אַ פּראָפעסיאָנאַלן טעאַטער. נאָר דער איינציקער אַקט „די שטאָלצע ושתי”, וואָס האָט אַזוי נושא חן געווען אין וואָלפזאָהנס אויגן איז געשפּילט געוואָרן נאָר איין איינציק מאָל: דעם 24טן אָקטאָבער 1800, טאַקע אין ווייַמאַר, אין שייכות מיט געבוירנטאָג פון דער פּרינצעסין אַ נ נ אַ אַ מ אַ ל י ע.

אגב האָט מען דעם דאָזיקן איינאַקטער, געשפּילט אין מאַסקעס און פאַר־ענדיקט מיט אַ עפּילאָג, ספּעציעל אָנגעשריבן פאַר דעם יום־טוב פון ג ע ט ע גופא.[5א]

שוין דער פאַקט גופא, וואָס ו ו אָ ל פ ז אָ ה ן האָט געהאַט בדעה אַרויסצושטויסן די אַלטע פּיעסע אויף דער פורים־טעמע, באַווייזט אַז דער ברעסלויער יידישער שול־אינספּעקטאָר האָט געוואָלט דערגרייכן זיין ציל דורך פאַרבייטן די פאָלקסטימלעכע פורים־טעקסטן מיט אַזוי־גערופענע ליטעראַ־רישע, וואָס האָבן זיך אָבער בשום אופן ניט געקענט איינבירגערן דוקא אין יענע קרייזן, וואו פורים־שפּיל איז געווען אַ טראַדיציאָנעלער מנהג.

אין יענע קרייזן איז געווען אַ סך גרינגער צו פאַרבייטן די אַלטע פורים־שפּילן מיט נייע פאָרשטעלונגען אויף אַזוי פיל, אויף ווי פיל זיי האָבן געהאַט אַ באַריר־פונקט מיטן יידישן לעבן.

עס ווערט דערציילט וועגן וואָלפזאָהנען, אַז פורים 1797 איז ער גע־קומען צום ברעסלויער רב מיט אַ גרופּע פורים־שפּילער אָנגעטאָן אין תכריכים און מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים, וואָס האָט פאַרגעשטעלט איינעם אַ רייכן יידן וואָס איז גראָד געשטאָרבן עטלעכע טעג פאַר פורים. כדי נאָך בולטער

[5א] R. SCHLOESSER. F. W. Gotter. Sein Leben und seine Werke. 1895, 271-274.

אַרויסצוברענגען די מאַסקע האָט וואָלפזאָהן געטראָגן אַ פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט אַז ער איז פּלוני אַלמוני.

וואָס איז געווען דער צוועק פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער טויטן־מאַסקע ?

היות ווי אין יענע צייטן איז אין משׂכּילישע קרייזן אָנגעגאַנגען אַ ויכּוח וועגן „הלנת המתים" האָט וואָלפזאָהן געוואָלט דורכפירן אַן אַגי־טאַציע פאַר „הלנת המתים" אין אַ טעאַטראַלישער פאָרמע. ווייל עס איז גראָד אויסגעפאַלן פורים־צייט איז אַזאַ דידאַקטישע שפּיל געווען ווי צוגעפּאַסט.[6]

אויך אין די קלענערע יידישע ישובים פון פּרייסן זיינען פורים־פאָר־שטעלונגען געווען אָפטע דערשיינונגען. אַזאַ שפּיל ווערט באַשריבן פון קאַרל פרידריך פאָן קלעדען, וואָס האָט עס ביי־געוווינט אין מערקיש פרידלאַנד און באַשריבן אין זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות.[7]

פון דידאַקטיקע טעאַטער־שפּילן האָט דער וועג געפירט צו אַלגעמיינעם טעאַטער בכלל. אין די קרייזן פון די פּרייסישע משׂכּילים איז טעאַטער בכלל געוואָרן אַ וויכטיקער ענין. מיר באַגעגענען אין בערלין ביי דער יידי־שער בורזשואַזיע דראַמאַטישע קרייזן, וואָס האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען אויף דייטש און פראַנצייזיש. אַפילו אייניקע פון די משׂכּילים, ווי בענדאַ־וויד, למשל, האָבן געפּרואווט שרייבן פּיעסעס אויף אַלגעמיינע טעמעס.

די זייער פרומע פרוי פון משה מענדעלסאָן פלעגט באַזוכן אָפט טע־אַטער און דווקא דעם פראַנצייזישן, ניט צוליב דעם אַליין וואָס זי האָט געקענט גוט די שפּראַך, נאָר אויך דערפאַר, וואָס דער פראַנצייזישער טעאַטער איז געווען פּיקאַנטער און לייכטער. אין אַ בריוו צו איר מאַן, געשריבן דעם 18טן יולי 1777, דערציילט זי אַז אין בערלין געפינען זיך צוויי גאַסט־טרופּעס: אַ דייטשישע און אַ פראַנצויזישע.

זייערע פאָרשטעלונגען זיינען געווען דער געשפּרעך פון טאָג, און הגם מען האָט געהאַלטן אַז עס איז אַן אומכּבוד זיך צו לאָזן אַמוזירן פון אַזעלכע „קאָליקעס", איז מען אָבער דאָך געגאַנגען זיי אָנקוקן.

„וויר פרויאן צימר — שרייבט פרומעט מענדעלסאָן — גינגן נאָך דיא פראַנצעזישה קאָמעדיע, די מאַנז לייטה נאָך דער דייטשה. אונד דער שענזטה איז, וויר אַמוזירען אונז ביידר זייטן".

טעאַטער איז איר אַזוי געפעלן געוואָרן אַז זי באַשליסט צו גיין אָפטער און מיטנעמען די קינדער, ווייל עס איז זיי נוצלעך. (מענדעלסאָנס בריוו,

6) א. ראָזענטאַל. „יודע ספר", אַמסטערדאַם 1875, ז. 176 (העברעאישע ביילאַגע צו רוסט (Roest) קאַטאַלאָג): באָראָדיאַנסקי אין „היס־טאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, 1, 642.

7) י. ליפשיץ אין טעאַטער־אַרכיוו, 1, 53.

בערלין 1929, 194), און פרומעט מענדעלסאָן האָט גע־הערט צו יענע אָרטאָדאָקסישע פרויען אין בערלין, וואָס האָבן בשום אופן ניט געקענט זיין קעגן דער שטעלונג פון דער דאָרטיקער קהלה, וואָס האָט מיט אַלע כוחות באַקעמפט די וואַקסנדיקע טעאַטראָמאַניע פון די יידן.

אַזוי למשל איז באַקאַנט אַז די קהילה האָט ניט דערלויבט (אין 1775) אויפצופירן אַ קאָמעדיע אין אַ הויז פון אַ דאָרטיקן נגיד. און נאָר אַ דאַנק דער שדתלנות פון הענריעטע הערץ, דער טאָכטער פון ספרדישן רופא דע לעמאָס וואָס האָט אַליין געזאָלט נעמען אַן אָנטייל אין דער געפּלאַנטער פאָרשטעלונג, האָט מען די גזירה אָפּגעשריגן. דאָ האָט געווירקט די סאָציאַלע פּאָזיציע פון איר פאָטער און אויך די באַ־קאַנטשאַפט אין ניט־יידישע קרייזן.[8]

אין די קלענערע יידישע ישובים פון פּרייסן איז אָבער אַזאַ היתר, ווען אַפילו אין זכות פון גרויס יחוס, ניט געווען מעגלעך. דאָס טראַדיציאָנעלע פּורים־שפּילעריי איז געווען באַרעכטיקט, ווי אַ מנהג, אָבער סתם שפּילן „קאָמעדיעס״, ווען אַפילו אויף יידיש־דייטש, איז געווען פאַררעכנט צו יענע זינד, וואָס דער ייד איז ניט געווען באַרעכטיקט דאָס צו טאָן.

דערפון נעמט זיך די אימיגראַציע קיין בערלין פון יענע פאַרמעגלעכע יידישע שיכטן, וואָס האָבן געזוכט פאַרגעניגן מחוץ די גרעניצן פון דער אמונה, און דאָס האָבן זיי געקענט געפינען אין דער פּרייסישער הויפּט־שטאָט.

„פון אַלע פאַרגעניגנס האָבן די בערלינער יידן אַם מייסטן ליב שוישפּיל — שרייבט אַ מיטצייטלערישער רייזנדער,[9] — שבת איז דער פּאַרטער באַ־זעצט מערסטן טייל מיט זיי״.

אין דער פּובליציסטיק פון יענער תקופה ווערט אַרויסגעבראַכט אָפּט דער געדאַנק אַז טעאַטער איז דער בעסטער מיטל פאַר אַסימילאַציע. קלאָרער פון אַלץ האָט דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט אַרויסגעבראַכט דוד

---

8) ש. ברנפלד דור תהפוכות 1914, 2, 28־29. דאָס הויז פון הענריעטא הערץ איז געווען דער צענטער פון טעאַטער־פּאָליטיק אין בערלין. בערנע דערציילט, אַז בעת ער האָט באַזוכט בערלין (אין 1802) האָט ער אַ דאַנק איר זיך באַקענט מיט איפלאַנדן, דעם רעפּרעזענטאַנטיווסטן טעאַטער־דירעקטאָר, שוישפּילער און פּיעסע־שרייבער פון יענער צייט. W. SCHIMMING. L. Boernes Theaterkritik, 1932, 16.

9 Bemerkungen eines Reisenden durch die Koeniglich Preussische Staaten. 1799, 141.

אין אַן אַנאָנימען שריפט אונטערן נאָמען Schattenriss von Berlin (Am. 1788) ווערט דערציילט אַז „וויכטיקע יידן״ און „יידישע דאַמען״ זיינען די פּראָמינענטסטע באַזוכער פון קאָנצערטן אין בערלין. (ז. 90).

קאַרל בעטיגער שרייבט צו שילערן (אין 1797) אַז “die gelehrten Judenzirkeln, sind die einzigen, die in Berlin ueberhaupt von Literatur sprechen”

פרידלענדער (1834-1750), דער וואָס האָט פּאַרטראָטן די סאַמע ראַדיקאַלע שיטה אין דער דאַמאָלסדיקער השכלה־באַוועגונג.

אַ רייכער סוחר, דערביי אַ תלמיד־חכם, מ א י ר א י י ג ע ר פון גלאָגע האָט יאָרן לאַנג זיך דורכגעשריבן מיט פרידלענדערן. אין די דאָזיקע בריוו פלעגן זיי זיך מתווכח זיין וועגן פאַשיידענע ענינים. א י י ג ע ר, אַ פרומער ייד, האָט געהאַט בדעה צו שיקן זיין זון קיין בערלין זיך לערנען אַלגעמיינע לימודים און אויך יידישע. פ ר י ד ל ע נ ד ע ר וואָרנט אים קעגן דעם. ער גיט אַן עצה זיין פריינד, אַז אויב ער וויל אַז דער בחור זאָל בלייבן פרום, זאָל ער אים בעסער האַלטן ביי זיך אין שטאָט.

ער מאָטיווירט עס מיט דעם, וואָס אין בערלין ווערט דער ייד פאַרכאַפּט פון טעאַטער, געזאַנג און אַנדערע פאַרגעניגנס און ממילא איז ער שוין אַ פורץ גדר. אין בערלין — פאַרזיכערט פרידלענדער זיין פריינד — וועט דאָס ייִנגל אויסוואַקסן אַן עם־הארץ און אַ... לץ, ווייל דאָס ליגט „אין גייסט פון צייט."

„זאָבאַלד דיא יהודים ניכט אין איינר יודן גאַססע וואָהנען — שרייבט ער צו מאיר אייגער, דעם 30טן מערץ 1799 — ווּאָ איהנען דער חזן דיא אָפּערע אונד איין מלכותך איינע בראפור אַריע (בראַוואור־אַריע) פּערטריט, זאָ באַלד יהודים מפוזר ומפורד בין העמים וואָהנען, דיא פרייאַהייט האַבען, אין די קאָמעדיאַ אונד אויף די וואַכפּאַראַדע צו געהן, אַלזאָ באַלד ווירד איהנען אונזרע מאַניר צו שפּרעכן, זיך צו קליידן, תפלה צו טהון, אונד אַלע דיא מצות המעשיות לעסטיג לעכערליך אונד צו ווידר". און דער „גוט חשוב גלאַגליער יינגלכי אין 6 מאָנאַטן ניט איין חצוף, איין אַפּיקורס, איין לץ ווירד..."[10]

דער זעלבער פרידלענדער האָט אויך גענומען אַ וואָרט אין אַ אינטע־רעסאַנטער דעבאַטע, וואָס איז אָנגעגאַנגען צו יענער צייט מכח אָפּשאַפן דעם יום־טוב פורים.

אין יאָר 1790 האָט אַ דייטשער זשורנאַל בערלינישע מאָנאַטשריפט Berlinische Monatschrift אָפּגעדרוקט אַן אַנאָנימען אַרטיקל אונטער נאָמען: Vorschlag an die Juden, das Purimfest abzuschaffen.

דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל האַלט אַז כדי די יידן זאָלן קענען האָבן רעכט אויף אַ טאָלעראַנטער באַציאונג מצד די ניט־יידן מוזן זיי קודם כל זיך אָפּזאָגן פון אַ ריי רעליגיעזע מנהגים און יום־טובים און צווישן זיי: פורים. דער מחבר האַלט אַז פורים האָט גאָרניט צו טאָן מיט אַ העלדישן

---

10) י ו ס ף מ י י ז ל בריוו פון דוד פרידלענדער „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, 2, 407.

אויסצוגן פון די בריוו, שלעכט דאַטירט און דערקלערט האָט אַרויסגעגעבן ל. ג י י ג ע ר Zeitschrift fuer Geschichte der Juden in Deutschland, 1, 1887

טאַט, אַז מרדכי איז אַ שוטה, וואָס האָט ניט באַדאַרפט ווערן אַ „פּרעמיער־מיניסטער אויף דעם פּערסישן הויף״. בכלל, האַלט דער מחבר, איז מגלת אסתר אַן „אומומאָראַליש״ בוך, וואָס לערנט, אַז מען דאַרף זיך פרייען מיט דער מפּלה פון די שונאים און פּריידיקט נקמה־געפילן.

דער ייד, וואָס לייענט מגילת אסתר, זאָגט דער מחבר, האָט זיכער אָפּט מאָל פאַרביטן די פערסער אויף קריסטן און אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט אין זיך אַנטי־קריסטלעכע געפילן.

וועגן די פורים־מנהגים בכלל דערציילט אונדז דער מחבר אָט וואָס:

„די מנהגים פון פורים געהערן דאָס רוב צו יענעם מין, וואָס רופן אַרויס אַ געלעכטער ביי דענקנדיקע מענטשן. ווען די שול־יינגלעך שלאָגן מיט אַן האַמער אויף אַ ברעטל, אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן דער נאָמען המן, שאַפט עס אַ איינדרוק אַז מען וויל צעשמעטערן די שונאים. דער איבער־מאָס אין פרעסן און זויפן, די קאָמעדיע־שפּיל און אַנ־דערע לוסטיקע זאַכן, וואָס ווערן געטאָן יענעם טאָג — האָבן זיכער אַרויס־גערופן ניט איין שטילן קרעכץ ביי די יידישע פילאָזאָפן (!), אָבער ביי די קריסטן האָבן זיי דערוועקט אַ פאַראַכטונג און עקל צו דער גאַנצער נאַציע״. (ד״ה צו די יידן).

די פורים־מנהגים — אינפאָרמירט אונדז דער שרייבער — האָבן גורם געווען, אַז די רעגירונג האָט געמוזט אַרויסגעבן אַ ריי געזעצן קעגן דעם אופן, ווי דער דאָזיקער יום־טוב ווערט געפייערט.

דערפאַר לייגט ער פאָר אין גאַנצן אָפּצושאַפן דעם יום־טוב פורים. דערביי גיט ער אָן צווישן אַנדערע טעמים פאַרן אָפּשאַפן אויך די ראיה, וואָס „משה רבנו האָט וועגן דעמדאָזיקן יום־טוב ניט געוואוסט...״

דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַ לענגערע רעפּליק מצד דוד פרידלענדער.[11]

די טעאָלאָגישע און פּאָליטישע אַרגומענטן פון זיין ענטפער האָבן ניט היינט־צו־טאָג קיין שום אינטערעס. דאַקעגן די כאַראַקטעריסטיק פון דעם יום־טוב מצד אַזאַ ראַדיקאַלן אַסימילאַטאָר איז כדאי צו ברענגען.

פרידלענדער האַלט, אַז ניט דער יום־טוב איז אומעטיש אָדער אומעסטעטיש, נאָר די מנהגים. זיי דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן. קיינער איז

11) אין דעם זעלבן זשורנאַל, אויף די זייטן: 577-563 אַז:
Freimutige gedanken eines Juden ueber den vorschlag an die Juden das Purimfest anzuschaffen.

פרידלענדערס תשובה איז געדרוקט אַנאָנים. די מחברשאַפט איז אָבער פעסטגע־שטעלט געוואָרן פון גייגער (Z.G.d.J. in D.IV, 70-72) און אין דער רשימה פון אַנאָנימע ווערק איבער יידישע ענינים אין Zeitschrift fuer heb. Bibliographie, XVIII.

פאַרגלייך: RITTER. Geschichte der judischen Reformation, II, 70-72.

ניט קעגן דעם. יעדערער ווייסט אַז דאָס זיינען מנהגים און ניט קיין דינים; ממילאָ זיינען זיי ניט קיין מוז. זיי זיינען אַנטשטאַנען אין „די פינצטערע צייטן פון עלנט פון דער נאַציע".

פרידלענדער וויל אפילו ניט פאַרטיידיקן דעם מנהג פון שפילן „אַוואַנטיוריסטישע קאָמעדיעס" (abenteurlichen Koemedien) ער האַלט, אַז דורך אַן אויפקלערערישער אַרבעט וועט מען קענען די דאָזיקע „שטותערייען" אָפּשאַפן.

אָבער פורים איז פאַרבונדן מיטן שיינעם מנהג פון שיקן מתנות, העלפן אָרעמעלייט א. אַ. וו. און שוין צוליב דעם דאַרף מען דעם דאָזיקן יום־טוב ניט אָפּשאַפן.

ער באַטאָנט, אַז עס ליגט אים ניט אין זינען צו פאַרטיידיקן המן־קלאַ־פעריי „עלנטע פּאַרסן" אאַז"וו. ער האָפט אַז מיט דער צייט וועלן זיי סיי ווי סיי מוזן פאַרשווינדן. אין דעם וועט העלפן די „ליכטיקע" יידן־פּאָליטיק פון דעם פּרייסישן רעגענט, דאָס צוזאַמענלעבן פון יידן און ניט־יידן און דאָס באַזוכן טעאַטער בכלל. ווי אַ בערלינער „פּאַטריאָט", וויל פרידלענדער פאַרטיידיקן די יידישע קהילה קעגן דער באַשולדיקונג אין טאָ־לערירן דאָס המן־קלאַפּעריי. דערביי פאַרזיכערט ער אַז „ביי אונדז אין בער־לין... האָבן די המן־קאָמעדיעס קיין מאָל ניט עקזיסטירט אָדער זיי זיינען שוין זינט זייער אַ לאַנגער צייט אויפגעהערט צו עקזיסטירן."

„איבריקנס — שרייבט פרידלענדער — איך האָב אין משך פון די צוואַנציק יאָר, וואָס איך וואוין דאָ (ד. ה. אין בערלין) קיין מאָל אַזוינס ניט געזען אָדער געהערט דערפון."

צום סוף באַמערקט ער, אַז כל זמן די יידן וועלן ניט טאָלערירט פּאָ־ליטיש, קען מען קולטורעל זיי ניט באַווירקן. אויב דאָ און דאָרט האַלטן זיך נאָך די יידן ביי די דאָזיקע מנהגים, וועט די צייט זיי אויסראָטן.

מיט דער דאָזיקער דעבאַטע אַרום די פורים־שפּילן שליסט זיך כמעט די געשיכטע פון פורים־טעאַטער אין פּרייסן פון 18טן יאָרהונדערט. אין אָנפאַנג 19טן יאָרהונדערט זיינען זיי נאָך פאַראַן אין די קלענערע שטעט פון פּרייסן. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פאַר אַ ספּעציעלער אַרבעט.

מאַטעריאַלן צום מצב פון יידישן שרייבער אין ניו יאָרק

פון נ. גאָלדבערג

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט די אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט באַשלאָסן אויסצופאָרשן דעם אַלגעמיינעם מצב פון היגע יידישע שרייבער. שרייבן איז אַ פּראָפעסיע וואָס איז אַ ווינקלשטיין אינעם פונדאַמענט פון יעדער נאַציאָנאַלער קולטור, בפרט פון דער יידישער. איז דאָך באַזונדערס וויכטיק צו דערגיין די פאַרשיידענע פּרטים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג אין דעם לעבן פונעם דאָזיקן פאַך.

אינעם זעלביקן יאָר האָט אין פּוילן זיך באַשעפטיקט מיט אָט דער פּראָבלעם יוסף באַביטש. ער האָט אויסגעפאָרשט דעם מקור־פּרנסה פון אַמאָל־ליקע און היינטיקע יידישע שרייבער. ביי אים קומט אויס, אַז די שריפטשטעלער פון דער השכלה־תקופה האָבן ניט געצויגן זייער חיונה פון דער פּען. די מער־הייט פון זיי האָבן זיך גאָר פאַרנומען מיט לערעריי, מסחר, צי אַנדערע מלאָכות. און אונדזערע היינטיקע שרייבער האָבן אויך ניט קיין פּרנסה פון זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען. טייל פון זיי קומט אויס צו שרייבן זאַכן, וועלכע זיי וואָלטן אונטער בעסערע באַדינגונגען מסתמא ניט געוואָלט שרייבן. די איבעריקע דערנערן זיך פון אַנדערע מלאָכות, צי פּראָפעסיעס, אָדער זיי קומט אויס צו ליידן.[1] אויף ווי ווייט איז עס ריכטיק וועגן היגן יידישן שרייבער?

פאַר די צוועקן פון דער אויספאָרשונג ווערן באַטראַכט ווי שרייבער:

1) די וואָס שרייבן איז זייער מקור פּרנסה,

2) די וואָס זיינען מיטגלידער פון אַ שרייבער־אָרגאַניזאַציע, און

3) די וואָס האָבן אָפּגעדרוקט זייערע שאַפונגען אין אַן אַלגעמיינער, ניט אייגענער, אויסגאַבע.

דער אַנקעטע־מעטאָד איז באַנוצט געוואָרן. די אַנקעטע איז צוגעגרייט געוואָרן מיט דער הילף פון אַ צאָל שרייבער, וועלכע זיינען באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די היגע יידישע שריפטשטעלער. ניט וועגן אַלע פּרטים, פאַר־שטייט זיך, וועלכע מ'וואָלט אפשר באַדאַרפט צו געוואָלט אויסגעפינען האָט מען געקאָנט שטעלן פראַגעס (די אַנקעטע איז איבערגעדרוקט צום סוף פון אַרטיקל).

די אַנקעטע און אַ בריוו זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין נאָמען פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אונטער דער חתימה פון לייבוש לעהרער,

1. באַביטש יוסף, יידישע שרייבער און זייערע פּראָפעסיעס, „ליטעראַרישע בלעטער" נומ. 23, 1936, ז"ז 262־263.

ש. ניגער און זלמן רייזין, מיטגלידער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע. זיי זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו מיטגלידער פון י. ל. פּרץ שרייבער־פּאַראיין, פּראָלעטפּען, יידישן פּען קלוב, און עטלעכע אַנדערע שרייבער. אין בריוו איז אָנגעוויזן געוואָרן דער צוועק פון דער אויספאָרשונג און די וויכטיקייט פון גענויע און פּינקטלעכע ענטפערס. די אַנקעטע און בריוו זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן במשך פון סעפּטעמבער און אָקטאָבער, 1936. היות ווי ניט אַלע שרייבער באַלאַנגען צו די אויבנדערמאָנטע דריי אָרגאַניזאַציעס, איז לכן אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ ווענדונג צו די שרייבער אין דער פּרעסע. די אויסגעפילטע אַנקעטעס זיינען צוריקגעשיקט געוואָרן צו דער אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

עס איז נאַטירלעך געווען צו דערוואַרטן, אַז ניט אַלע שרייבער וועלן צוריקשיקן די אַנקעטע. אַרום 230 זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן, און 73 שרייבער, קרוב צו 32 פּראָצענט פון די צו וועמען מ׳האָט זיך געווענדט, האָבן געענטפערט. אַרום אַ פערטל פון די מיטגלידער פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, קאַרגע 41 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון פּראָלעטפּען, קרוב צו 22 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון פּען קלוב, וועלכע באַלאַנגען ניט צו די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און עטלעכע שרייבער, וועלכע באַלאַנגען בכלל ניט צו קיין שרייבער־אָרגאַניזאַציע, האָבן אויסגעפילט די אַנקעטע.

די שרייבער האָבן אָנגעוויזן, אויף ווי ווייט ווי מ׳קאָן זען, אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער אויספאָרשונג. 70, 76 פּראָצענט, פון זיי האָבן צוריקגעשיקט די אַנקעטע מיט זייער אונטערשריפט, הגם עס איז בפירוש אָנגעוויזן געוואָרן אין בריוו אַז זיי קאָנען זי צוריקקערן אָן אַ חתימה. דאָס פאַרגרעסערט דעם ווערט פון דעם געקליבענעם מאַטעריאַל.

.2

לאָמיר צו ערשט איבערגעבן עטלעכע אַלגעמיינע פאַקטן וועגן די 73 שרייבער. זיי שטאַמען פון פאַרשיידענע טיילן פון אייראָפּע — אַמאַליקע רוסלאַנד, גאַליציע, צי רומעניע. פון די 68 וועלכע האָבן אָנגעגעבן די צייט פון זייער אָנקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען 7 פּראָצענט אָנגעקומען צווישן 1891 און 1900, קרוב צו אַ פערטל פון זיי צווישן 1901 און 1910, 23 פּראָצענט צווישן 1911 און 1915, אַרום 38 פּראָצענט צווישן 1919 און 1923, און זיבן פּראָצענט צווישן 1929 און 1934. דאָס מיינט, אַז אין 1936, די צייט ווען די אַנקעטע איז אויסגעפירט געוואָרן, זיינען זיבן פּראָצענט פון די 69 שרייבער געווען פון איין ביז צען יאָר אין לאַנד, אַרום 38 פּראָצענט פון עלף ביז צוואַנציק יאָר, קרוב 41 פּראָצענט פון 21 ביז דרייסיק יאָר, איין צענטל פון 31 ביז פערציק יאָר, און פיר פּראָצענט פון 41 ביז 45 יאָר. 45 פּראָצענט פון דער גרופּע זיינען דאַ געווען פון איין ביז צוואַנציק יאָר און 55 פּראָצענט פון 21 ביז 45 יאָר.

ווי אַלט זיינען זיי געווען אין 1936? 71 שרייבער האָבן אָנגעגעבן זייער

עלטער. 17 פּראָצענט זיינען אַלט געווען פון 25 ביז 34, 31 פּראָצענט פון 35 ביז 44 יאָר, 32 פּראָצענט צווישן 45 און 54 יאָר, 14 פּראָצענט אין עלטער פון 55 ביז 64 יאָר, און 5.6 פּראָצענט פון 65 ביז 71 יאָר. דאָס מיינט, אַז קרוב צו צוויי־דריטל פון די 71 שרייבער זיינען אַלט געווען פון 25 ביז 49, און 33.8 פּראָצענט זיינען געווען אין עלטער פון פופציק ביז 71. אין דער גרופּע זיינען פאַראַן פיר פרויען, וועלכע זיינען אַלט געווען 32, 44, 50 און 56 יאָר.

גראָדזענסקי האָט אויסגעפאָרשט די לאַגע פון די מיטגלידער פון ווילנער פאַראיין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. פון זיינע פופציק שרייבער זיינען 18 פּראָצענט געווען אין עלטער פון 23 ביז 29, זיבן פּראָצענט פון אונדזער גרופּע זיינען אַלט געווען פון 25 ביז 29 יאָר. 24 פּראָצענט פון זיין גרופּע און 25.4 פּראָצענט פון די היגע שרייבער זיינען געווען אין עלטער פון 30 ביז 39 יאָר. ווידער אַמאָל 24 פּראָצענט פון דער ווילנער און 33.8 פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער גרופּע זיינען געווען אַלט פון 40 ביז 49 יאָר. איין פינפטל פון זיינע און 14 פּראָצענט פון אונדזערע שרייבער זיינען געווען אין עלטער פון פופציק ביז 59 יאָר. זעקס פּראָצענט פון די ווילנער און 8.4 פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער זיינען געווען פון זעכציק ביז 69 יאָר אַלט. לעצטנס, אַכט פּראָצענט פון זיינע שרייבער זיינען געווען אין עלטער פון 70 ביז 80 יאָר און, ניט מער ווי 1.4 פון אונדזער גרופּע איז אַלט געווען 71 יאָר.[2] צווישן די ווילנער זיינען געווען מער אינגער ווי דרייסיק ווי צווישן די אַמעריקאַנער. אין אונדזער גרופּע זיינען געווען מער אין עלטער פון 40 ביז 49 ווי צווישן זיינע שרייבער. און אין דער ווילנער גרופּע איז דער פּראָצענט פון די אין עלטער פון 50 ביז 59 און 70 ביז 80 געווען גרעסער ווי אין דער היגער גרופּע. איןביידע פאַלן זיינען אָבער 66 פּראָצענט געווען אונטער 50 און 34 פּראָצענט 50 יאָר און עלטער.

די גרעסטע מערהייט פון די שרייבער זיינען געווען פאַרהייראַט. 72 האָבן געענטפערט. פון זיי זיינען 60 מענער און פיר פרויען געווען פאַרהייראַט. צווישן זיי זיינען פאַראַן צוויי ביי וועמען די פרויען זיינען געשטאָרבן. 8.3 פּראָצענט, ווידער, זיינען אין 1936 ניט געווען פאַרהייראַט. די זעקס ניט־פאַרהייראַטע מענער זיינען צו יענער צייט אַלט געווען: 25, 28, 33, 35, 36 און 47 יאָר.

אין דער ווילנער גרופּע איז דער פּראָצענט פון די פאַרהייראַטע געווען גרעסער. 80 פּראָצענט פון די 50 ווילנער און 91.7 פּראָצענט פון די היגע 72 שרייבער זיינען געווען פאַרהייראַט. און 20 פּראָצענט פון די דאָרטיקע און ניט מער ווי 8.3 פּראָצענט פון די היגע זיינען ניט געווען פאַרהייראַט.[3]

---

2. גראָדזענסקי א. א., ווי לעבט דער יידישער פעדער־אַרבעטער? „ליטעראַרישע בלעטער" נומ. 27, יולי 3, 1936, ז. 431.

3. גראָדזענסקי א. י., דאָרט.

64 שרייבער האָבן אָנגעגעבן די גרייס פון זייער פאַמיליע. עלף, 17 פראָצענט, האָבן געזאָגט אַז איין פערזאָן איז אָפּהענגיק פון זיי. 39 פראָצענט האָבן געהאַט צו צוויי, 26.5 צו דריי, 14 פראָצענט צו פיר, איינער האָט געהאַט זעקס און אַ צווייטער זיבן אָפּהענגיקע. פון די 45 ווילנער שרייבער, האָבן 22,2 פראָצענט ניט געהאַט קיין קינדער, 26.7 פראָצענט האָבן געהאַט צו איין קינד, פיר צענטל צו צוויי, 8.9 פראָצענט צו דריי, און איינער האָט געהאַט זעקס קינדער.[4] מ׳דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די אַמעריקאַנער שרייבער האָבן אָנגעגעבן די צאָל אָפּהענגיקע און ניט בלויז זייער צאָל קינדער.

ניט מער ווי עטלעכע פון דער גרופּע האָבן אין 1936 געלעבט אויסער ניו־יאָרק. צוויי האָבן געוואוינט אין דעטראָיט, איינער אין לאָס־אַנדזשעלעס, איינער אין ראָטשעסטער, נ. י., און איינע אין מייפּלוואוד, נ. דזש.

64 האָבן באַלאַנגט צו שרייבער־אָרגאַניזאַציעס. קרוב צו 52 פּראָצענט פון זיי זיינען געווען אָנגעשלאָסן אָן י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין; 40.6 פראָצענט אָן פראָלעטפּען, און 7.8 פראָצענט אָן פּען־קלוב.

.3

אין דעם טייל וועלן איבערגעגעבן ווערן אַ צאָל פאַקטן וועגן די ערשטע יאָרן פון די שרייבער אין דער פּראָפעסיע. ווי אַלט זיינען זיי געווען, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן צו דרוקן זייערע ליטעראַרישע צי זשורנאַליסטישע אַרבעטן? מיר ווייסן וועגן 63 פון די 73 שרייבער. זיי האָבן זיך גענומען צו דער פעדער צווישן 14 און 39 יאָר. אַכט פּראָצענט האָבן אָנגעהויבן שרייבן צווישן 14 און 15 יאָר, 38 פּראָצענט צווישן 16 און 20, 41.3 פראָצענט צווישן 21 און 25, אַכט פּראָצענט צווישן 26 און 30, איינער אין עלטער פון 33, אַ צווייטער צו 37 יאָר, און אַ דריטער אין עלטער פון 39. דאָס מיינט, אַז 46 פּראָצענט האָבן אָנגעהויבן שרייבן צווישן 14 און 20 און 49.2 פּראָצענט צווישן 21 און 30 יאָר.

פון די 64 שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעגעבן ווען זיי האָבן זיך גענומען צו דער פעדער, האָבן 35 אָנגעהויבן אין אייראָפּע און 27 אין די פאַראייניקטע שטאַטן. צוויי האָבן אָנגעהויבן שרייבן אַרום דער צייט פון זייער אָנקומען אין אַמעריקע. פון די, ווידער וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין דער אַלטער היים, האָבן 17, 54.8 פּראָצענט, דאָס אָנגעהויבן אין עלטער פון 14 און 20; 14 צו 21 יאָר אָדער עלטער; און וועגן פיר פעלט אונדז די נייטיקע ידיעות. וואָס איז שייך די, וועלכע האָבן זיך גענומען צו דער פעדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן זיבן, 28 פּראָצענט, אָנגעהויבן צו שרייבן אין עלטער פון 16 און 20; 18, 72 פראָצענט, צו 21 יאָר אָדער עלטער; צוויי פון זיי האָבן ניט געענטפערט. פאַרוואָס האָט אַ גרעס־

4. זע פריער.

סערער פּראָצענט פון די, וועלכע האָבן זיך גענומען צו דער פּראָפעסיע אין דער אַלטער היים, אָנגעהויבן צו שרייבן צווישן 14 און 20 יאָר? שווער צו זאָגן.

ווי לאַנג זיינען זיי שוין שרייבער? מיר ווייסן נאָר וועגן 61 פון דער גרופּע. איינער איז פיר און אַ צווייטער איז פינף יאָר. איין צענטל איז פון זעקס ביז צען יאָר. איבער 16 פּראָצענט האָבן געשריבן פון 11 ביז 15 יאָר. אַכט פּראָצענט זיינען געווען שרייבער פון 16 ביז 20 יאָר אין 1936. 23 פּראָצענט האָבן געשריבן פון 21 ביז 25 יאָר. 18 פּראָצענט זיינען געווען שרייבער פון 26 ביז 30 יאָר; 11.5 פּראָצענט פון 31 ביז 35 יאָר; 5 פּראָצענט פון 36 ביז 40 יאָר; צוויי 41 יאָר, און איינער 45 יאָר. עס קומט אַרויס, אַז אַרום אַ פערטל פון זיי זיינען שוין געווען שרייבער אין 1936 פון עלף ביז צוואַנציק יאָר און 41 פּראָצענט פון 21 ביז 30 יאָר.

ניט אַלע פון זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן צו קריגן האָנאָראַר. זיי האָבן אָנגעהויבן פּאַרדינען פון שרייבן צווישן 15 און 40 יאָר. פון די פּופּציק וועלכע האָבן געענטפערט, האָט איינער געקראָגן האָנאָראַר אין עלטער פון 15 יאָר. 16 פּראָצענט האָבן אָנגעהויבן פּאַרדינען פון דער פען צווישן 16 און צוואַנציק יאָר; פערציק פּראָצענט צווישן 21 און 25; 24 פּראָצענט צווישן 6 און 30; 14 פּראָצענט צווישן 31 און 35; איינער צו 37 און אַ צווייטער צו 40 יאָר. צווישן 21 און 25 יאָר האָבן אָנגעהויבן צו קריגן האָנאָראַר פּונקט אַזויפל ווי צווישן 16 און 20 און 26 און 30. און צו 25 יאָר האָבן אָנגעהויבן קריגן באַצאָלט פּונקט אַזויפל ווי צווישן 16 און 20 יאָר.

וועגן 46 פון זיי ווייסן מיר וויפל יאָר עס האָט גענומען פון דער צייט ווען זיי האָבן זיך גענומען צו דער פּעדער און דער צייט ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו קריגן האָנאָראַר. קומט אויס, אַז אַכט האָבן מסתמא גלייך גענומען קריגן האָנאָראַר; אַ העלפט איז אויסגעקומען צו וואַרטן פון איין ביז פינף יאָר; 26 פּראָצענט פון 6 ביז 10 יאָר; איינעם האָט גענומען עלף יאָר, אַ צווייטן דרייצן יאָר, און אַ דריטן 14 יאָר. אָבער צוויי־דריטל האָבן אָנגעהויבן צו קריגן באַצאָלט פאַר זייערע ליטעראַרישע צי זשורנאַליסטישע אַרבעטן אין די ערשטע 5 יאָר פון זייער שרייבערשער טעטיקייט.

איז די צייט צווישן אָנהייב פון ליטעראַרישער צי זשורנאַליסטישער אַק־טיוויטעט און אָנהייב פון פאַרדינען פון שרייבן געווען אָפּהענגיק אָן עלטער ווען מ'האָט זיך גענומען צו דער פען? דער קאָרעלאַציע־קאָעפיציענט איז אין פאַל פון די שריפטשטעלער ‎0.21±0.095. משמעות אַז די צווישנ־צייט איז געווען קירצער פאַר די, וועלכע האָבן זיך גענומען צו דער פעדער אין די עלטערע יאָרן, ווי פאַר די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין דער יוגנט.

די צווישנצייט איז אַנאַליזירט געוואָרן לויט די ערטער וואו זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן און קריגן האָנאָראַר. קומט אויס, אַז פון 18 וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער שרייבער־קאַריערע אין אייראָפּע און געקראָגן האָנאָראַר איי־

דער זיי זיינען אָנגעקומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן פינף 27.8 פּראָצענט, גלייך געקראָגן האָנאָראַר אָדער זיי איז אויסגעקומען צו וואַרטן ווינציקער ווי אַ יאָר. די צווישנצייט איז געווען פון איין ביז פינף יאָר אין פאַל פון 55.6 פּראָצענט; פאַר די איבעריקע איז די צווישנצייט געווען פון זעקס ביז צען יאָר. וואָס איז שייך די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן דריי פון 18 געקראָגן האָנאָראַר גלייך אָדער אין פאַרלויף פון ערשטן יאָר. די צווישנצייט איז געווען פון איין ביז פינף יאָר אין פאַל פון אַ העלפט פון זיי; אַרום אַ דריטל האָט גענומען פון זעקס ביז צען יאָר. לעצטנס, די צווישנצייט, פאַר די נייע, וועלכע האָבן געהאַט זיך גענומען צו דער פעדער אין אייראָפּע און האָבן אָנגעהויבן צו קריגן האָנאָראַר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, איז געווען: דריי, פיר, זעקס, זיבן, אַכט, צען, עלף, דרייצן און פערצן יאָר. די צווישנצייט פאַר די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן און קריגן האָנאָראַר אין אייראָפּע איז געווען קירצער ווי פאַר די אַנדערע שרייבער.

אַ טייל שרייבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער קאַריערע אין אייראָפּע, האָבן אָנגעהויבן צו קריגן האָנאָראַר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. צען פון 29 וועגן וועמען מיר האָבן אינפאָרמאַציע, האָבן אָנגעהויבן קריגן האָנאָראַר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. פון די 19, ווידער, וועלכע האָבן שוין פאַרדינט פון שרייבן אין אייראָפּע, האָבן 26.4 פּראָצענט געקראָגן האָנאָראַר אין עלטער פון 15 און 19 יאָר, 47.4 פּראָצענט צווישן 20 און 24 יאָר, 15.9 פּראָצענט אין עלטער פון 25 און 29, און די איבעריקע ווען זיי זיינען געווען דרייסיק יאָר צי עלטער. איינער פון די צען, וועלכע האָבן געהאַט זיך גענומען צו דער פעדער אין אייראָפּע און אָנגעהויבן קריגן האָנאָראַר אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָר, 50 פּראָצענט צווישן 25 און 29, און פערציק פּראָצענט, 4 שרייבער, ווען זיי זיינען געווען 30 יאָר צי עלטער. פון די 19, ווידער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, האָבן צוויי אָנגעהויבן קריגן האָנאָראַר צו 21 און איינער צו 22 יאָר, 47 פּראָצענט ווישן 25 און 29 יאָר, און 37 פּראָצענט צו 30 יאָר צי עלטער.

דער סך־הכל איז: 1) די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַרישע אָדער זשורנאַליסטישע קאַריערע אין אייראָפּע, האָבן אָנגעהויבן, בדרך כלל, ייִנגער ווי די אַריבערגעקומענע. 2) די צייט צווישן אָנהייב שרייבן און קריגן האָנאָראַר איז געווען קירצער פאַר די וועלכע האָבן אָנגעהויבן קריגן האָנאָראַר אין אייראָפּע ווי פאַר די אַנדערע. 3) און זיי האָבן אויך אָנגעהויבן קריגן הנאָראַר ווען זיי זיינען געווען ייִנגער ווי די אַנדערע.

אויב עס האָט געדויערט עטלעכע יאָר צווישן אָנהייבן און פאַרדינען פון שרייבן, פון וואָס זיי האָבן אין דער צווישנצייט געצויגן זייער חיונה? 61 שרייבער האָבן געענטפערט. פון זיי האָבן 45 אָנגעגעבן אין מלאָכה, 10 האָבן דערמאָנט צוויי מלאָכות, פינף — דריי, און איינער האָט דערמאָנט

פיר מלאָכות. אינזשעניר, אייער־„קענדלער", בוכהאַלטער, ביבליאָטעקאַר, הויז־פרוי, טאָקער, יוניאָן־און כלל־טוער, מעכאַניקער, פעדלער, באַאַמטער, צאָן־טעכניקער, שיק־יינגל, שפּייז־אַרבעטער, שרייבער (ניט יידיש) און שני־צער זיינען דערמאָנט געוואָרן צו צוויי מאָל. מאַליער פון הייזער אָדער שילדן, מסחר, פּוטער־אַרבעטער, און פאַבריק־אַרבעטער זיינען אָנגערופן געוואָרן ו דריי מאָל. פיר האָבן דערמאָנט זעצער. אָנגעשטעלטער אין געשעפט צי ביוראָ און סטודענט זיינען אָנגעגעבן געוואָרן צו פינף מאָל. זיבן האָבן דערמאָנט שניידעריי. צוואַנציק האָבן זיך געהאַט באַשעפטיקט מיט לערעריי. זיבן האָבן אָנגערופן אַנדערע מלאָכות. 32.6 פּראָצענט פון די 61 שרייבער האָבן דערמאָנט לערעריי. מער שרייבער פאַרנעמען זיך געוויינלעך מיט לערעריי ווי מיט אַנדערע מלאָכות.

די שרייבער איז אויסגעקומען אָנצורופן זייער ספּעציאַליטעט. האָבן פון די 71 וועלכע האָבן עס געטאָן, 16 דערמאָנט איין ליטעראַרישע ספּעציאַ־ליטעט, 28 האָבן אָנגעגעבן צו צוויי, 12 צו דריי, עלף צו פיר, איינער — זעקס, און אַ צווייטער — אַכט ספּעציאַליטעטן. 22.5 פּראָצענט האָבן דערמאָנט איין ספּעציאַליטעט און 39.4 פּראָצענט האָבן אָנגערופן צוויי ליטעראַרישע ספּע־ציאַליטעטן.

עלף ליטעראַרישע ספּעציאַליטעטן זיינען דערמאָנט געוואָרן. 62 פּראָצענט פון די 71 שרייבער האָבן דערמאָנט בעלעטריסטיק, 52 פּראָצענט זשורנאַ־ליזם, 42 פּראָצענט פּאָעזיע, 21 פּראָצענט איבערזעצונג, אַרום צוואַנציק פּראָ־צענט ראָמאַן אָדער דראַמע, 15.5 פּראָצענט ווויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, 5.6 פּראָצענט ליטעראַטור־קריטיק, דריי קינדער־ליטעראַטור, און ביאָגראַפיע־מעמואַרן און עסיי זיינען דערמאָנט געוואָרן צו צוויי מאָל.

פריינד לייבוש לעהרער האָט פאָרגעשלאָגן די פאָלגנדע קלאַסיפיקאַציע: 1) פּאָעט: דער וואָס איז דער עיקר באַוואוסט פאַר זיינע פּאָעטישע שאַ־פונגען, 2) בעלעטריסט: דער וואָס פאַרנעמט זיך דערהויפּט מיט שרייבן דערציילונגען, ראָמאַנען, קינדער־ליטעראַטור, בעלעטריסטישן רעפּאָרטאַזש, וכדומה. 3) זשורנאַליסט: דער וואָס גיט זיך דער עיקר אָפּ מיט אַרטיקלען איבער טאָג־פראַגן. 4) עסייאיסט: שרייבער פון אַרטיקלען איבער פאַר־שיידענע פראַגן, חוץ טאָג־פראַגן. שרייבער פון הומאָר, קריטיק, פּאָפּולערע וויסנשאַפט, אד"גל געהערן צו דער גרופּע. 5) איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן אויף יידיש. 6) די אַלע וואָס פאַרנעמען זיך מיט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען.

נעמט מען אָן די קלאַסיפיקאַציע, דעמאָלט קומט אויס, אַז דרייסיק פּראָצענט פון די 73 שרייבער זיינען בעלעטריסטן. 23.3 פּראָצענט זיינען געווען עסייאיסטן אָדער פּאָעטן, 17.8 פּראָצענט זיינען געווען דער עיקר זשורנאַליסטן, צוויי האָבן זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, און עס איז געווען איינער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצונגען, און

איינער וועלכער איז באַוואוסט פאַר זיינע בעלעטריסטישע און פּאָעטישע שאַפונגען.

צוליב פאַרשיידענע סיבות קומט אונדז אויס זיך צו באַנוצן מיט מער ווי איין שפּראַך. און דאָס איז אויך ריכטיק וועגן אַ צאָל פון אונדזערע שרייבער. רעגלמעסיק צי ניט, אַ טייל פון זיי שרייבן אויך אין פרעמדע שפּראַכן. ווי האַלט עס מיט אונדזער גרופּע?

38 פון די 73 שרייבער האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַנדערע שפּראַכן. אויב מיר נעמען אָן, אַז די איבעריקע 35 האָבן געשריבן נאָר אין יידיש, דאַן קומט אויס אַז 52 פּראָצענט פון דער גרופּע האָבן זיך באַנוצט מיט מער ווי איין שפּראַך. אַרום אַ דריטל פון די 73 שרייבער האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש און נאָך אַ שפּראַך; 12.3 פּראָצענט האָבן געשריבן אין דריי שפּראַכן; דריי האָבן געשריבן אין יידיש און דריי אַנדערע שפּראַכן; פינף און זעקס שפּראַכן זיינען דערמאָנט געוואָרן צו איין מאָל.

מיט וועלכע אַנדערע שפּראַכן האָבן זיי זיך באַנוצט? ענגליש איז דערמאָנט געוואָרן 21 מאָל; 17 האָבן אָנגעגעבן העברעאיש; רוסיש איז דערמאָנט געוואָרן 12 מאָל, דייטש זעקס מאָל, פּויליש צוויי מאָל, און פראַנצייזיש און רומעניש צו איין מאָל. בכלל גערעדט, יידישע שרייבער באַנוצן זיך מיט דעם לשון פון לאַנד וואו זיי לעבן. און זייער וועלטלעכע בילדונג האָט משמעות אויך אַ ווירקונג אויף זיי. מיר ווייסן, אַז אַ גרעסערער פּראָצענט שרייבער מיט אַן אוניווערסיטעט בילדונג האָבן זיך באַנוצט מיט פרעמדע לשונות ווי די מיט נאָר אַ מיטל־שול בילדונג; און אַ גרעסערער פּראָצענט פון די מיט אַ מיטל־שול בילדונג האָבן געשריבן אין ניט־יידישע לשונות ווי די מיט בלויז אַן עלעמענטאַרע בילדונג.[5]

.4

מיר וועלן איצט פּרובירן איבערגעבן אַ צאָל פאַקטן וועגן דעם עקאָנאָמישן מצב פון אונדזערע 73 שרייבער צום סוף פון 1936. עס וועט אָנגעוויזן ווערן וויפל און אויף ווי ווייט זיי האָבן צו יענער צייט געצויגן חיונה פון זייער שרייבן און מיט וועלכע אַנדערע מלאָכות זיי איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען.

די יערלעכע הכנסה פון די שרייבער ווערט איבערגעגעבן אין דער טאַבעלע. זייערע פאַרדינסטן זיינען קלאַסיפיצירט געוואָרן לויט זייערע ספּעציאַליטעטן און אויך לויט דעם צי די פאַרדינסטן זיינען דער איינציקער מקור־פּרנסה צי ניט. די צוואַנציק פון זיי, וועלכע פאַרדינען גאָרניט פון דער פּעדער, זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן פון דער טאַבעלע.

די 73 שרייבער קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דריי קאַטעגאָריעס. 31,

5. די וועלטלעכע בילדונג פון יידישן שרייבער, „קולטור און דערציאונג“, אַפּריל, 1938, ז. 9.

42.5 פראצענט, האבן געזאגט, אז זיי האבן ניט קיין אנדער הכנסה. דריי צענטל פארנעמען זיך, צוליב פארשידענע טעמים, מיט אנדערע מלאכות. 20, ווידער, פארדינען בכלל ניט פון זייער שרייבן.

טאב. 1-א — פארדינסטן פון יידישע שרייבער (פער יאר)

פארדינסטן פון די ביי וועמען שרייבן איז				פארדינסטן פון די ביי וועמען שרייבן איז			
איינציקער מקור פרנסה		איינציקער מקור פרנסה		טיילווייזער מקור פרנסה		טיילווייזער מקור פרנסה	
הכנסה	צאל	הכנסה	צאל	הכנסה	צאל	הכנסה	צאל
$450-600	1	ארום 4,0000	2	$10-30	1	2,500	1
1,040	1	4,000	1			ארום 4,000	1
1,200-1,500	1	איבער 4,000	2	45	1	בלויז צופעליקייטן	
1,240	2	4,100	1	ארום 100	1	פון פארלייענען	2
1,500	3	4,400	1	100-150	1	אייגענע זאכן	
1,560	1	4,446	1	ארום 500	1	קלייניקייטן	1
2,340	1	ארום 6,000	2	500-800	1	כמעט גול	1
2,600	1	לעבט גאנץ באקוועם	1	700-800	1	חרפה אויסצוזאגן	1
3,000-3,500	1	מאך א לעבן	1	780-1,300	1	אזוי גוט ווי גארניט	1
ארום 3,500	2	זייער קלאגעדיקע	1	ארום 1,000	1	זייער ווינציק	1
3,700	1	ניט גענוג צו צאלן		1,560	1	אומבאדייטנדער טייל	1
ארום 3,800	1	אינקאם טעקסעס	1	ארום 2,000	1	פון הכנסה	
קנאפע 4,000	1						
אלגעמיינער סך הכל			31	אלגעמיינער סך הכל			22

טאַב. 1־ב — פּאַרדינסטן פון יידישע שרייבער (פּער יאָר)

פּאַרדינסטן מיט ספּעציאַליטעטן

זשורנאַליסט		עסייאיסט		בעלעטריסט		פּאָעט		וויסנשאַפטלער		בעלעטריסט־פּאָעט	
הכנסה	צאָל	הכנסה	צאָל	הכנסה	צאָל	הכנסה	צאָל	הכנסה	צאָל	הכנסה	צאָל
$1,040	1	$500־800	1	$45	1	$10־30	1	$100 אַרום	1	$3,000־3,500	1
1,500	1	780־1,300	1	450־600	1	1,200־1,500	1	100־150	1		
1,560	1	1,000 אַרום	1	500 אַרום	1	1,240	1				
2,500	1	1,500 אַרום	1	700־800	1	1,500	1				
3,500	2	1,560	1	1,240	1	3,700	1				
3,800	1	2,000 אַרום	1	2,600	1	חרפה אויסצו־זאָגן	1				
4,000 אַרום	2	2,340	1	4,000 איבער	1	עטלעכע דאָלאַר פון פּאַרלייענען אייגענע זאַכן	2				
4,000	1	4,000 קנאַפּע	1	4,446	1						
4,000 איבער	1	4,000 אַרום	1	צופעליקייטן	1						
6,000 איבער	1	4,100	1	זייער קלאָגע־דיקע	1						
		4,400	1	כמעט ווי גאָרניט	1						
		6,000 אַרום	1	זייער ווינציק	1						
		לעב באַקוועם	1	כמעט נול	1						
		מאַך אַ לעבן	1	אַ קלייניקייט	1						
		ניט גענוג צו צאָלן הכנסה־שטייער	1								
		אומבאַדייטנדער טייל פון הכנסה	1								
	12		16		14		8		2		1

די פאַרדינסטן פון די ביי וועמען שרייבן איז דער איינציקער מקור־פרנסה זיינען פון „זייער קלאָגעדיק" ביז איבער 6,000 דאָלער אַ יאָר. פון די 31, וועלכע האָבן פרנסה נאָר פון שרייבן, האָבן 26, 84 פּראָצענט, פאַר־דינט טויזנט דאָלער אַ יאָר צי מער. 58 פּראָצענט האָבן געהאַט אַ יערלעכע הכנסל פון 2,000 דאָלער צי מער. דריי טויזנט דאָלער צי מער האָבן פאַרדינט קרוב צו 52 פּראָצענט, און 35.5 פּראָצענט האָבן געהאַט פון פיר טויזנט דאָלער צי מער. און די וואָס דערקלערן: „לעב גאַנץ באַקוועם" און „מאַך אַ לעבן" באַלאַנגען מסתמא צו די בעסער־באַצאָלטע שרייבער.

די פאַרדינסטן פון די ביי וועמען שרייבן איז נאָר אַ טיילווייזער מקור־פרנסה זיינען פון „כמעט נול" ביז אַרום 4,000 דאָלער אַ יאָר. פון די 22, וועלכע מאַכן נאָר טיילווייז אַ לעבן פון שרייבן, האָבן זעקס, 27.3 פּראָצענט, פאַרדינט טויזנט דאָלער אַ יאָר צי מער; איינער האָט געמאַכט אַרום 2,000 דאָלער, אַ צווייטער 2,500, און איינער אַרום פיר טויזנט דאָלער אַ יאָר. די פאַרדינסטן פון אַ באַדייטנדן טייל פון זיי זיינען געווען קליין, אויב ניט זייער קליין.

לאָמיר איצט באַטראַכטן די יערלעכע הכנסות פון די שרייבער לויט זיי־ערע ספּעציאַליטעטן. אין דער טאַבעלע ווערן אָנגעגעבן די פאַרדינסטן פון צוועלף פון 13 שרייבער, וועלכע באַלאַנגען צו דער זשורנאַליסטישער גרופּע. דאָס מיינט, אַז ניט מער ווי איינער פון די זשורנאַליסטן האָט, אויף ווי ווייט מיר ווייסן, ניט געמאַכט קיין לעבן פון דער פעדער. ער פאַרנעמט זיך איצט מיט שריפטזעצעריי און שרייבט נאָר פון צייט צו צייט. די פאַר־דינסטן פון די צוועלף, ווידער, זיינען פון 1,040 ביז איבער 6,000 דאָלער אַ יאָר. די הכנסה פון דריי איז געווען פון 1,040, ביז 1,560 דאָלער אַ יאָר, איינער האָט פאַרדינט 2,500 און אַכט האָבן געהאַט אַ הכנסה פון 3,500 דאָלער צי מער. כמעט דריי פערטל פון דער גרופּע האָבן פאַרדינט פון 3,500 ביז איבער 6,000 דאָלער אַ יאָר.

צווישן די שרייבער זיינען פאַראַן 17 עסייאיסטן. איינער פון זיי מאַכט אַ לעבן פון אַ „קענדי"־געשעפט, און די הכנסה פון די איבעריקע 16 איז פון „אַן אומבאַדייטנדער טייל פון מיין הכנסה" ביז אַרום 6,000 דאָלער אַ יאָר. עלף פון זיי האָבן פאַרדינט טויזנט דאָלער אַ יאָר צי מער; זיבן האָבן געהאַט אַ הכנסה פון 2,000 דאָלער צי מער, און פינף האָבן מסתמא פאַרדינט פון אַרום פיר ביז 6,000 דאָלער יערלעך. עס איז, ווי עס ווייזט אויס, שווערער צו מאַכן אַ לעבן פון שרייבן עסייען ווי פון זשורנאַליזם.

פון די 22 בעלעטריסטן, האָבן אַכט, 36.4 פּראָצענט, ניט פאַרדינט פון זייער שרייבן. די יערלעכע הכנסה פון די איבעריקע 14 איז געווען פון „כמעט נול" ביז 4,446 דאָלער. ניט מער ווי ביי פינף פון די בעלעטריסטן, 22.7 פּראָצענט, איז דאָס שרייבן געווען דער איינציקער מקור־פרנסה. אַרום 18 פּראָצענט פון דער גרופּע האָבן פאַרדינט פון 1,240 ביז 4,446 דאָלער אַ

יאָר. צווישן זיי איז פּאַראַן איינער וועלכער האָט געאַרבעט פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג בעת די אויספאָרשונג איז געמאַכט געוואָרן. יידישע בעלעטריסטן פאַרדינען אַפילו ווינציקער ווי עסייאיסטן.

און ווי האַלט עס מיט די פאַרדינסטן פון אונדזערע פּאָעטן? די יערלעכע הכנסה פון אַכט פּאָעטן איז געווען פון אַ „חרפה אויסצוזאָגן", צי עטלעכע דאָלער פון פאַרלייענען אייגענע ווערק, ביז 3,700 דאָלער. ניין, ווידער, האָבן גאָרניט פאַרדינט. דריי פון די פּאָעטן האָבן געהאַט אַ יערלעכע הכנסה פון 1,200 דאָלער, און איינער האָט פאַרדינט 3,700 דאָלער. צווישן זיי זיינען פאַראַן צוויי וועלכע האָבן צו יענער צייט געאַרבעט פאַר דער מלוכה און איינער האָט געאַרבעט פאַר אַ צייטונג און האָט מסתמא ניט פאַרדינט פון שרייבן פּאָעזיע. דער היגער יידישער פּאָעט האָט משמעות ווינציקער אויסזיכטן צו קענען מאַכן אַ לעבן פון שרייבן ווי די אַנדערע ליטעראַטן.

און די יערלעכע פאַרדינסטן פון אונדזערע וויסנשאַפטלער און איבערזעצער באַטרעפן אויך ניט קיין סך. די הכנסה פון די צוויי וויסנשאַפטלער איז געווען פון אַרום 100 ביז 150 דאָלער. דער איבערזעצער, ווידער, האָט בכלל ניט פאַרדינט פון זיין אַרבעט.

ביז איצט האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דער קלאַסיפיקאַציע, וועלכע פריינד ליבוש לעהרער האָט פאָרגעשלאָגן. 16 שרייבער האָבן, ווי עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן, אָנגעגעבן ניט מער ווי איין ליטעראַרישע ספּעציאַליטעט. וואָס זיינען זייערע פאַרדינסטן? צווישן די 16 זיינען פאַראַן אַכט, וועלכע האָבן געזאָגט אַז זשורנאַליזם איז זייער איינציקע ספּעציאַליטעט. זייער יערלעכע הכנסה איז געווען: 1,040, 1,560, 3,500 דריי צו 4,000, 4,600 און 6,000 דאָלער. די פאַרדינסטן פון דריי בעלעטריסטן זיינען געווען: „זייער קלאָגעדיק", 4,446 דאָלער, און איינער האָט משמעות גאָרניט פאַרדינט. איינער פון די פּאָעטן האָט געקראָגן עטלעכע דאָלער פאַר פאַרלייענען זיינע לידער, און צוויי האָבן גאָרניט פאַרדינט. דער וועלכער האָט געזאָגט אַז שרייבן ראָמאַנען איז זיין ספּעציאַליטעט האָט ניט געמאַכט קיין לעבן פון דער פעדער, און די הכנסה פון איינעם פון די וויסנשאַפטלער איז געווען אַרום 100 דאָלער אַ יאָר. ווידער אַמאָל זעען מיר, אַז דער היגער זשורנאַליסט ווערט בעסער באַצאָלט ווי די אַנדערע שריפטשטעלער. און דאָס איז משמעות דער עיקר צוליב דעם, וואָס היגע יידן לייענען נאָך זייער פּרעסע און די אַרויסגעבער מאַכן נאָך מסתמא אַ דאָלער פון דעם פאַרקויף פון זייערע צייטונגען.

און מ׳קאָן ניט זאָגן, אַז שרייבער מיט אַ לענגערער קאַריערע זיינען די גרעסערע פאַרדינער. צווישן די צוואַנציק, וועלכע האָבן צו דער צייט פון דער אויספאָרשונג ניט געהאַט קיין הכנסה פון שרייבן, זיינען פאַראַן פיר וועלכע האָבן שוין געשריבן רעגלמעסיק צי ניט, פון עלף ביז צוואַנציק יאָר,

אַכט וועלכע זיינען געווען שרייבער פון 21 ביז דרייסיק יאָר, און איינער 41 יאָר. צווישן די 17, ווידער, וועלכע פאַרדינען 3,000 דאָלער צי מער, זיינען פאַראַן דריי וועלכע האָבן געשריבן פון צוועלף ביז אַכצן יאָר, פיר פון 21 ביז 24 יאָר, פיר פון 31 ביז 33 יאָר, איינער פערציק, אַ צווייטער 41 און אַ דריטער 45 יאָר. פון די זיבן וועלכע האָבן געשריבן פון 15 ביז צוואַנציק יאָר, האָבן דריי ניט געהאַט קיין שום הכנסה פון שרייבן, איינער האָט פאַרדינט פון צען ביז דרייסיק דאָלער, איינער 45 דאָלער, איינער האָט געקראָגן 1,240, און אַ צווייטער 4,446 דאָלער.

בכלל גערעדט, די פאַרדינסטן פון אַ שרייבער זיינען אָפּהענגיק אָן אַ צאָל זאַכן. די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג ווייזן אַז די וועלכע אַר־בעטן פאַר דער פרעסע פאַרדינען מער ווי בעלעטריסטן צי פּאָעטן. והשנית, אַפילו צווישן די בעלעטריסטן און פּאָעטן זיינען פאַראַן אַזוינע וועלכע פאַר־דינען אַ סך מער ווי זייערע קאָלעגן. ניט אַלע ליטעראַטן האָבן די זעלבע פעאיקייטן און ניט אַלע ווערן באַליבט צי פּאָפּולער צווישן עולם. און עס פּאַסירט, אַז די ווערק פון געוויסע שרייבער ווערן פאַרשפּרייט צוליב פאַר־שיידענע אַנדערע טעמים.

32 פון די שרייבער קריגן וועכנטלעכע שכירות. אַלע אין דער רובריק „איינציקער מקור־פּרנסה" אין טאַבעלע 1, חוץ איינער פון די דריי וועלכע פאַרדינען 1,500 דאָלאַר אַ יאָר, „זייער קלאָגעדיק", און „ניט גענוג צו צאָלן הכנסה־שטייער", קריגן אַ וועכנטלעכן געהאַלט. צו זיי דאַרף מען אויך צוגעבן פיר פון רובריק „טיילווייזער מקור־פּרנסה", וועלכע האָבן געהאַט אַ הכנסה פון 700, 800, 1,560, 2,500, און אַרום 4,000 דאָלער אַ יאָר. 14 פון די איבעריקע האָבן געקראָגן באַצאָלט לויט אַרטיקל. צוויי האָבן פאַרדינט עט־לעכע דאָלער פון פאָרלייענען זייערע ווערק, און פינף האָבן ניט געענטפערט גענוי. צווישן די 32 וועלכע קריגן וועכנטלעכע שכירות זיינען פאַראַן 12 זשורנאַליסטן, ביין פון 17 עסייאיסטן, זעקס פון 22 בעלעטריסטן, און פיר פון 17 פּאָעטן.

און זאָל שוין דאָ באַמערקט ווערן, אַז 27 פון די 32, וועלכע קריגן וועכנטלעכע שכירות, קריגן אויך וואַקאַציע. פון די איבעריקע פינף, האָבן דריי געאַרבעט פאַר דער פעדעראַלער מלוכה און האָבן ניט געקראָגן קיין באַ־צאָלטע וואַקאַציעס, און די אַנדערע צוויי האָבן פאַרפעלט צו ענטפערן. פון די 27, ווידער, האָבן צוויי געזאָגט אַז זיי קריגן צוויי וואָכן וואַקאַציע, אַכט קריגן אַ דריי־וואָכעדיקע וואַקאַציע, און 17 האָבן ניט אָנגעגעבן די צאָל וואָכן.

ווי פאַרגלייכן זיך די פאַרדינסטן פון אונדזער גרופּע מיט דער הכנסה פון די ווילנער שרייבער? 16 פון 43 ווילנער האָבן פאַרדינט פון 25 ביז 100 גילדן (זלאָטעס) אַ חודש; 14, 32.6 פּראָצענט, פון 101 ביז 200; זיבן פּראָצענט פון 201 ביז 300; 21 פּראָצענט פון 301 ביז 400, און איינער האָט פאַרדינט 500 גילדן אַ חודש. 18 פון 52 ווילנער שרייבער לעבן

נאָר פון די פּאַרדינסטן פון דער פעדער און 18 לעבן ניט פון דעם. דריי האָבן געזאָגט אַז די פּאַרדינסטן פון שרייבן באַטרעפן ניט מער ווי פיר פינפטל פון זייער בודזשעט; ביי פיר דעקן די פּאַרדינסטן ניט מער ווי אַ העלפט פון די הוצאות; צוויי האָבן געזאָגט אַז זייער הכנסה פון שרייבן דעקן פיר צענטל פון זייער בודזשעט; אין איין פאַל דעקן די פּאַרדינסטן צוואַנציק פּראָצענט; און זעקס האָבן געזאָגט, אַז זייער הכנסה פון שרייבן דעקט 15 פּראָצענט פון די הוצאות.[6] איויב 34.6 פּראָצענט פון די ווילנער האָבן געלעבט נאָר פון די פּאַרדינסטן פון שרייבן, האָבן אָבער 42.5 פּראָ־צענט פון אונדזער גרופּע געזאָגט אַז שרייבן איז געווען זייער איינציקער מקור־פּרנסה. אָבער אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פון אונדזערע ליטעראַטן אין פאַר־גלייך מיט די ווילנער מאַכן משמעות ניט קיין לעבן פון דער פעדער. צוואַנציק פון אונדזער גרופּע פאַרדינען בכלל ניט פון שרייבן און אַ טייל, אַ העלפט, פון די וועלכע געפינען זיך אין דער רובריק „טיילווייזער מקור־פּרנסה" (טאַ־בעלע 1) פאַרדינען כמעט ווי גאָרניט פון דער פעדער. דער בעסט־באַ־צאָלטער ווילנער שרייבער, ווידער, האָט געקראָגן אַרום איין פינפטל פון אונדזערע צוויי בעסט־באַצאָלטע. גלייכצייטיק דאַרף באַמערקט ווערן, אַז די הוצאות אין ניו־יאָרק זיינען גרעסער ווי אין ירושלים־דליטא.

עס איז געווען אַ צייט, ווען יידישע שרייבער האָבן פאַרדינט מער. 35 פון די 73 האָבן געענטפערט צי זייער הכנסה פון שרייבן איז געפאַלן אין משך פון עקאָנאָמישן קריזיס. 26 האָבן געזאָגט, אַז זייערע פּאַרדינסטן זיינען געפאַלן. איינער האָט געזאָגט, אַז זיין הכנסה איז רעדוצירט געוואָרן אויף 13 פּראָצענט, אַ צווייטער האָט אָנגעגעבן 15 פּראָצענט. 17 און צוואַנציק פּראָצענט זיינען דערמאָנט געוואָרן צו פיר מאָל. איינער האָט געזאָגט זיינע פּאַרדינסטן זיינען איצט אַ פערטל קלענער, אַ צווייטער האָט דערמאָנט 26 פּראָצענט, און אַ דריטער 27 פּראָצענט. דרייסיק, פופציק, זיבעציק, אַכציק און ניינציק פּראָצענט זיינען דערמאָנט געוואָרן צו איין מאָל. פינף האָבן ניט אָנגעגעבן אויף וויפל זייערע פּאַרדינסטן זיינען פאַרקלענערט געוואָרן, און איינער האָט געזאָגט זיי זיינען פיל וויניקער. צוויי שרייבער האָבן געזאָגט, אַז זייערע פּאַרדינסטן זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן אין משך פון דער צייט. די איבעריקע האָבן געזאָגט זייערע פּאַרדינסטן זיינען ניט רע־דוצירט געוואָרן.

ניט אַלע שרייבער פאַרדינען נאָר פון דעם, וואָס זיי ווילן שרייבן. 18 פון די 73 האָבן געזאָגט, אַז זיי קומט אויס זיך צו פאַרנעמען מיט ליטע־ראַרישע צי זשורנאַליסטישע אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט איבעריק פּאַראינטערעסירט. 35 האָבן געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער, און צוואַנציק האָבן בכלל ניט געענטפערט.

---

6. גראָדזענסקי א. י., די פּאַרדינסטן פונעם פען־אַרבעטער, „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 52, 1935, ז. 850.

וואָס זיינען די אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט איבעריק פאַראינטערעסירט? איינעם קומט אויס צו שרייבן אַרטיקלען אויף טעמעס וואָס אינטערעסירן אים ניט. אַ צווייטער איז פאַראינטערעסירט ניט מער ווי אין אַ דריטל פון זיינע זשורנאַליסטישע אַרבעטן. צוויי האָבן געאַרבעט פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג און זיי איז אויסגעקומען צו לייענען צי שרייבן זאַכן וועלכע, אונטער בעסערע באַדינגונגען, זיי וואָלטן ניט געוואָלט לייענען צי צוגרייטן. איינער איז ניט פאַראינטערעסירט אין „ציטונג־זשורנאַליזם". איינעם איז אויסגעקומען צו שרייבן אַ ראָמאַן פאַר אַ ציטונג. אייער דאַרף שרייבן לייט־אַרטיקלען פאַר אַן ענגלישן בולעטין. פון נאָך איינעם וויל מען ער זאָל שרייבן „אינטערעסאַנטן" לייען־מאַטעריאַל. דריי האָבן דערמאָנט דאָס לייענען און אויסבעסערן מאַנוסקריפּטן. שרייבן כראָניק און באַאַרבעטן אַרטיקלען פון ציטונג־אויסשניטן זיינען דערמאָנט געוואָרן צו איין מאָל. און צו צוויי מאָל זיינען דערמאָנט געוואָרן „געוויסע ציטונגס־אַרבעטן", „אַלערליי ציטונגס־אַרבעטן" און „רעפּאָרטאַזש".

צוליב פאַרשיידענע טעמים איז זיי אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט אַרבעט אין וועלכע זיי זיינען ניט געווען איבעריק פאַראינטערעסירט. אַכט האָבן עס געטאָן צוליב פּרנסה. דריי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. צוויי האָבן עס געטאָן ווייל דער רעדאַקטאָר האָט פאַרלאַנגט. איינער, ווידער, האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט צוליב אַן אינערלעכן פליכט־געפיל און אַ צווייטער צוליב „רעדאַקציע־פליכט".

לאָמיר איצט זען, וואָס זיינען געווען די יערלעכע פאַרדינסטן פון די, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט געוויסע ליטעראַרישע אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען געווען ניט איבעריק פאַראינטערעסירט און פון די וועלכע האָבן געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. פינף פון די 18 האָבן פאַרדינט פון אַרום טויזנט ביז 1,500 דאָלער אַ יאָר; איינער האָט געהאַט אַן הכנסה פון אַרום 2,000 דאָלער, אַ צווייטער 2,340 און אַ דריטער 3,700 דאָלער. פיר, ווידער, האָבן פאַרדינט אַרום 4,000 דאָלער. צוויי האָבן גאָרניט געקראָגן; איינע האָט ניט דערמאָנט איר הכנסה; איינער האָט געזאָגט: אַז „ער מאַכט אַ לעבן", אַ צווייטער האָט ניט פאַרדינט גענוג צו צאָלן „אינקאַם טעקס", און איינער האָט געענטפערט אַז זיינע פאַרדינסטן זיינען „זייער קלאָגעדיקע". צען פון די 35, וועלכע האָבן זיך ניט פאַרנומען מיט אַזוינע אַרבעטן, האָבן געהאַט אַ יערלעכע הכנסה פון 3,000 ביז איבער 6,000 דאָלער. איינער האָט געקראָגן 1,040 און אַ צווייטער 1,560 דאָלער. פינף האָבן פאַרדינט פון 450 ביז אַרום 1,000 דאָלער. צוויי האָבן געמאַכט פון 100 ביז 150 דאָלער, און איינע האָט פאַרדינט פון צען ביז דרייסיק דאָלער. 11, ווידער, האָבן ניט געמאַכט קיין לעבן פון דער פעדער. דריי האָבן פאַרדינט כמעט ווי גאָרניט, און איינער האָט געקראָגן גענוג צו לעבן באַקוועם.

ניט נאָר איז אויסגעקומען אַ צאָל שרייבער צו טאָן אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט פאַראינטערעסירט, אַ טייל האָט אַפילו געזאָגט אַז זייער זשור־

נאַליסטישע אַרבעט האָט זיי געשטערט אין זייער אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען. פון די 35, וועלכע האָבן געענטפערט, האָבן עלף געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער, צוועלף האָבן געזאָגט „צייטנווייז" צי „טיילווייז", עלף האָבן געזאָגט, אַז זי איז ניט געווען קיין שטער, און איינער האָט געענטפערט אַז די זשורנאַליסטישע אַרבעט איז געווען אַ הילף. זיבן פון די עלף וואָס די זשורנאַליסטישע אַרבעט שטערט זיי אין זייערע אַנדערע ליטעראַרישע שאַפונגען איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען מיט אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט. פיר פון די צוועלף וואָס זיי איז די זשורנאַליסטישע אַרבעט געווען צייטנווייז צי טיילווייז אַ שטער איז אויסגעקומען צו טאָן אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט. און דריי פון די עלף וועמען צייטונגס־אַרבעט האָט ניט געשטערט איז אויסגעקומען צו טאָן אַרבעטן אין וועלכע זיי זיינען ניט געווען פאַראינטערעסירט.

***

אויב ניט מער ווי פאַר 31 איז שרייבן דער איינציקער מקור־פרנסה, וואָס טוען די איבעריקע 42 שרייבער? אין דער טאַבעלע ווערן איבערגעגעבן די פריערדיקע און איצטיקע מלאכות צי פּראָפעסיעס פון די וועלכע מאַכן בלויז טיילווייז אַ לעבן פון דער פּען אָדער פאַרדינען בכלל ניט פון שרייבן.

טאַבעלע 2 — מלאכות פון 42 יידישע שרייבער.

שרייבן, טיילווייזער מקור־פרנסה	
פריערדיקע באַשעפטיקונג	איצטיקע באַשעפטיקונג
לערער	צייטונג־אַרבעט
זיך געלערנט פאַרשידענע מלאכות	צייטונג־אַרבעט
הוט־אַרבעטער	הוט־אַרבעטער
פּריוואַטע לערער	לעקציעס
סטודענט	מעדיקער
לערער, מסחר	לערער
אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם	אַרבעטער ביי דאַמען־מאַנטלען
סטודענט	לעקטאָר, לערער
פּאַרטיי־ און קולטור־טוער	לעקציעס
הוט־מאַכער, פעלץ־אַרבעטער	פעלץ־אַרבעטער
—	פעלץ־אַרבעטער
—	שאַפּ־אַרבעטער
שילדן־מאַכער, שריפטזעצער	אינוואַליד
כלל־טוער, פאַרזיצער פון יוניאָן, סעקרעטאַר פון סאָצ. טעריטאָריאַליסטן	לעקטאָר

איצטיקע באַשעפטיקונג	פריערדיקע באַשעפטיקונג
ביבליאָטעקאַר, לערער, לעקטאָר	שרייבן (פּויליש)
לערער, עקזעקוטיוו	לערער
דירעקטאָר פון לערן־אַנשטאַלט	טאָקער, סטודענט, לערער
לערער	—
דרוקעריי	לערער
שניידער	שניידער
—	—
הויזפרוי	סטודענטקע

פאַרדינען בכלל ניט פון שרייבן

איצטיקע באַשעפטיקונג	פריערדיקע באַשעפטיקונג
דענטיסט	—
צייטונג־ און ביוראָ־אַרבעטער	קיין
אומבאַשטימט	שאַפּ־אַרבעטער
שריפטזעצער	שריפטזעצער
שילדן־מאַכער	שילדן־מאַכער
קירזשנער	קירזשנער
פאַרמאַצעווט	—
קליידער־אַרבעטער	—
פּעלץ־אַרבעטער	פעלץ־אַרבעטער
אַנאַנסן פאַרוואַלטער	—
רעפּאָרטער (טיילווייז)	פּעדלער, לערער, שפּייז־אַרבעטער
—	—
מעכאַניקער	מעכאַניקער
„קענדי" געשעפט	האָלץ־שניצער
לערער	—
לערער	לערער
בוכהאַלטער, סעקרעטאַר	בוכהאַלטער, קאָרעקטאָר
געשעפט	—
—	הויזפרוי
שניידעריי	הויז־אַרבעט

אַ טייל פון די 42 שרייבער זיינען פּראָפעסיאָנאַלן, די איבעריקע פאַר־נעמען זיך מיט אַנדערע מלאָכות. עלף האָבן דערמאָנט לערעריי, אין דעם זיינען אַריינגערעכנט די, וועלכע האַלטן לעקציעס. פאַר ניין פון די עלף לערער איז שרייבן אַ טיילווייזער מקור־פרנסה. דריי פון דער גרופּע פאַר־

נעמען זיך מיט פּרעסע־אַרבעט, איינער איז אַ מעדיקער, אַ צווייטער אַ דענ־טיסט, און נאָך איינער איז אַ פאַרמאַצעווט. ניין זיינען באַשעפטיקט אין דער קליידער־אינדוסטריע, און פיר פון זיי פאַרדינען בכלל ניט פון שרייבן. מסחר און דרוקעריי זיינען דערמאָנט געוואָרן צו צוויי מאָל. די איבעריקע האָבן אָנגעגעבן אַנדערע מלאָכות.

אַ צאָל פון זיי האָבן געביטן זייער אַרבעט און די איבעריקע ניט. עטלעכע זיינען געווען לערער איידער זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן און זיינען דאָס געווען אויך אין 1936. עטלעכע האָבן געאַרבעט אין דער באַקליידונגס־אינדוסטריע פריער און אויך דערנאָך ווען זיי האָבן שוין געשריבן. אָבער אַ פריערדיקער האָלץ־שניצער האָט איצט אַ „קענדי"־געשעפט, און אַן אַנ־געשטעלטער אין אַ קראָם האָט אין 1936 געאַרבעט ביי דאַמען־מאַנטלען.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט די דערמאָנטע פּראָפעסיעס צי מלאָכות דער עיקר צוליב עקאָנאָמישע סיבות. צוואַנציק פון די 42 האָבן בכלל ניט גע־מאַכט קיין לעבן פון דער פען. נאָר איינער פון די איבעריקע 22 האָט פאַר־דינט אַרום 4,000 דאָלער אַ יאָר פון שרייבן; אַ צווייטער האָט געהאַט אַן הכנסה פון 2,500, און נאָך איינער אַרום 2,000 דאָלער. איינער, ווידער, האָט געהאַט פאַרדינט 1,560 דאָלער אַ יאָר, צוויי אַרום טויזנט דאָלער, דריי פון 500 ביז 800, צוויי פון 100 ביז 150, און נאָך צוויי פון צען ביז 45 דאָלער. איז אפשר ניט קיין חידוש וואָס 21 פון די 42 שרייבער איז אויס־געקומען זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע אַרבעטן צוליב עקאָנאָמישע טעמים. זעקס האָבן געטאָן אַנדערע אַרבעטן צוליב עקאָנאָמישע סיבות און ווייל די אַרבעט איז זיי גייסטיק נייטיק. צווישן זיי זיינען פאַראַן די, וועלכע האָבן פאַרדינסט 4,000, 2,500, 1,560, 500 ביז 800, פינף הונדערט ביז הונדערט און פופציק דאָלער אַ יאָר. איינער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין אַרבעט ווייל די געזעלשאַפט פאַרלאַנגט עס פון אים.

.5

אין דער אַנקעטע זיינען געווען עטלעכע פראַגן וועגן זייערע אָפּגעדרוקטע ווערק. ווער האָט אַרויסגעגעבן זייערע ביכער? ווי זיינען זיי פאַרשפּרייט געוואָרן? וואָס איז געווען זייער האָנאָראַר?

זייערע ווערק זיינען דערשינען אין צייטונגען און זשורנאַלן און אין זייערע אָפּגעדרוקטע ביכער. רעגלמעסיק צי ניט, די שאַפונגען פון 85 פּראָ־צענט פון די 73 שרייבער זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער טעגלעכער פּרעסע, פון 78 פּראָצענט אין זשורנאַלן, און פון 56 פּראָצענט אין זאַמלביכער. 56, קרוב צו 77 פּראָצענט, זיינען בעת דער אויספאָרשונג געווען מחברים פון ביכער.

די 56 שרייבער האָבן געהאַט אָפּגעדרוקט 278 ביכער. אין דער טאַבעלע ווערט איבערגעגעבן וויפל און וועלכע ביכער זיי האָבן דערמאָנט.

טאַב. 3 — אָפּגעדרוקטע ביכער.

צאָל ביכער				וועלכע ביכער		
צאָל ביכער	צאָל אין פּראָצענט שרייבער — צאָל	צאָל אין פּראָצענט שרייבער — פּראָצענט	ס"ה	ווערק	צאָל	פּראָצענט
1	14	25.0	14	בעלעטריסטיק	104	40.9
2	5	8.9	10	פּאָעזיע	58	22.8
3	9	16.1	27	עסייען	55	21.7
4	7	12.5	28	איבערזעצונג	11	4.3
5	4	7.1	20	וויסנשאַפט	7	2.8
6	2	3.6	12	לערן־ביכער	6	2.4
7	5	8.9	35	ביאָגראַפיע־זכרונות	6	2.4
8	3	5.4	24	דראַמע	4	1.6
9	2	3.6	18	רייזע־באַשרייבונג	2	0.8
10	1	1.8	10	משלים	1	0.4
14	1	1.8	14			
18	2	3.6	36			
30	1	1.8	30			
117	56	100.1	278	ס"ה	254	100.1

מיר זעען, קודם כל, אַז אַ פערטל פון די 56 מחברים האָבן אָפּגעדרוקט צו איין בוך. אַ צווייט פערטל פון זיי האָבן אָפּגעדרוקט פון צוויי ביז דריי ביכער. איבער 23 פּראָצענט זיינען מחברים פון פיר ביז זעקס ביכער. קרוב צו דריי פערטל פון דער גרופּע האָבן אָפּגעדרוקט פון איין ביז זעקס ביכער.

פון צווייטן טייל פון טאַבעלע 3 דערוויסן מיר זיך, אַז בעלעטריסטיק איז געשאַפן צי אָפּגעדרוקט געוואָרן כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי פּאָעזיע צי עסייען. 41 פּראָצענט פון די 254 ביכער זיינען בעלעטריסטישע ווערק, קרוב צו 23 פּראָצענט זיינען פּאָעטישע שאַפונגען, און אַרום 22 פּראָצענט זיינען עסייען. 85 פּראָצענט פון די אָפּגעדרוקטע ביכער באַלאַנגען צו די דריי קאַטעגאָריעס. פון די איבעריקע סאָרטן ביכער האָט מען ניט גע־שריבן צי ניט אָפּגעדרוקט קיין סך.

עס קאָן זיין, אַז די פּראָפּאָרציע ווערק איז אַזוי גרויס מחמת דעם, וואָס צווישן די 73 שרייבער האָבן זיך געפונען מער בעלעטריסטן ווי פּאָעטן, עסייאיסטן, דראַמאַטורגן, וכדומה. בעלעטריסטיק איז טאַקע דערמאָנט גע־וואָרן 44 מאָל און פּאָעזיע 33 ווי אַ ליטעראַרישע ספּעציאַליטעט, און במילא איז רעכט צו זאָגן, אַז מער פון זיי פאַרנעמען זיך מיט בעלעטריסטיק ווי מיט אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען. און לויט דער באַנוצטער קלאַסיפיקאַציע

זיינען צווישן די 73 שרייבער געווען 22 בעלעטריסטן, צו 17 פּאָעטן און עסייאיסטן, און איין בעלעטריסט־פּאָעט.

און דערצו דאַרף דערמאָנט ווערן נאָך אַ פאַקט. לויט דער מיינונג פון אַ שרייבער, וועלכער האָט מיט אַ צייט צוריק אויסגעפאָרשט די פאַרשפּריי־טונג פון יידישן בוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קומט אויס אַז עס איז אַ סך גרינגער צו פאַרקויפן אַ בעלעטריסטיש ווי אַ פּאָעטיש ווערק. פאַר־קויפן 150 עקזעמפּלאַרן אַ יאָר פון אַ גוט־רעקלאַמירט בוך פון אַ זייער באַקאַנטן פּאָעט איז פּונקט אַזאַ גרויסע זאַך ווי פאַרקויפן טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ יאָר פון אַ גוט־רעקלאַמירט בעלעטריסטיש ווערק. און עס איז שווערער, אויף ווי וויט ווי מיר וויסן צו געפינען אַ פאַרלעגער פאַר פּאָעטישע ווי פאַר אַנדערע ווערק. 86 בענדער בעלעטריסטיק, 43 פּאָעטישע ווערק, און 33 ביכער עסייען זיינען קלאַסיפיצירט געוואָרן לויט אַרויסגעבער, קומט אויס, אַז זעכציק פון די 86, אַרום זיבעציק פּראָצענט, צוואַנציק פון די 33, 60.6 פּראָענט, און 13 פון די 43, 30.2 פּראָצענט, האָבן פאַרלעגער געהאַט אַרויס־געגעבן. עס איז אַפּנים געווען גרינגער צו געפינען אַ פאַרלעגער פאַר בע־לעטריסטיק ווי פאַר פּאָעטישע ווערק.

און דאָס ברענגט אונדז צו דער פראַגע וועגן די אַרויסגעבער פון די אָפּגעדרוקטע ווערק. פאַרלעגער האָבן אַרויסגעגעבן קרוב אַ העלפט פון 274 ביכער; אָרגאַניזאַציעס און די שרייבער גופא האָבן אַרויסגעגעבן צו אַ זעקסטל פון די ווערק; און די איבעריקע ביכער זיינען אַרויסגעגעבן גע־

טאַב. 4 — אַרויסגעבער פון ביכער

אַרויסגעבער	ביכער		שרייבער	
	צאָל	פּראָצענט	צאָל	פּראָצענט
פאַרלאַג	135	49.2	9	16.1
געזעלשאַפט	46	16.8	10	17.9
אַליין	46	16.8	7	12.5
פריינט	9	3.3	3	5.3
פאַרלאַג־אַליין	13	4.7	10	17.9
פאַרלאַג־געזעלשאַפט	6	2.2	4	7.1
פאַרלאַג־פריינט	4	1.5	2	3.6
אַליין־פריינט	3	1.1	—	—
געזעלשאַפט־פריינט	—	—	1	1.8
געזעלשאַפט־אַליין	4	1.5	2	3.6
פאַרלאַג־געזעלשאַפט־פריינט	8	2.9	4	7.1
פאַרלאַג־פריינט־אַליין ...	—	—	1	1.8
פאַרלאַג־געזעלשאַפט־אַליין	—	—	2	3.6
געזעלשאַפט־פריינט־אַליין	—	—	1	1.8
סך־הכל	274	100.0	56	100.1

וואָרן אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים. וואָס איז שייך דער צאָל מחברים, האָבן ניין פון די 56 געפונען פאַרלעגער פאַר זייערע ווערק; אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעדרוקט די ווערק פון צען; זיבן איז אויסגעקומען אַליין אַרויס־צוגעבן; די איבעריקע האָבן אָפּגעדרוקט זייערע ביכער אויף פאַרשיידענע אַנדערע וועגן. דאָס אַלץ ווערט איבערגעגעבן אין דער טאַבעלע.

די טאַבעלע דאַרף געלייענט ווערן אַזוי. אין ערשטן טייל, אונטער „ביכער", ווערט אָנגעוויזן ווער די אַרויסגעבער פון די ווערק זיינען געווען. די אַרויסגעבער פון די ביכער, למשל, זיינען געווען די מחברים און פאַר־לעגער; אין אַרויסגעבן אַכט ביכער, ווידער, האָבן זיך באַטייליקט פאַר־לעגער, אָרגאַניזאַציעס און פריינט. אין צווייטן טייל זיינען די 56 מחברים קלאַסיפיצירט געוואָרן לויט דעם אופן פון אַרויסגעבן זייערע ביכער. צען, למשל, האָבן געזאָגט, אַז אָרגאַניזאַציעס האָבן אַרויסגעגעבן זייערע ווערק; פיר האָבן אָנגעגעבן, אַז פאַרלעגער מיט דער הילף פון פריינט האָבן עס געטאָן; איינער האָט אַרויסגעגעבן זיינע אַלע ווערק אַליין מיט דער הילף פון אַן אָרגאַניזאַציע און פריינט, אאַז״וו.

דער סך הכל איז אַזוי. ערשטנס, פאַרלעגער אַליין האָבן אַרויסגעגעבן ניט מער ווי אַ העלפט פון די 274 ביכער. צווייטנס, 32 שרייבער האָבן דערמאָנט אַ פאַרלאַג. דאָס מיינט, אַז די אַרויסגעבער פון זייערע ווערק זיינען געווען נאָר פאַרלעגער צי פאַרלעגער מיט דער הילף פון די מחברים גופא, אָרגאַניזאַציעס, צי פריינט. 24 שרייבער האָבן אָנגעגעבן, אַז אָרגאַ־ניזאַציעס, אַליין צי מיט דער הילף פון אַנדערע, זיינען געווען די אַרויס־געבער פון זייערע ביכער. 23 האָבן אָדער אַליין צי מיט דער הילף פון אַנדערע אַרויסגעגעבן זייערע ווערק. די ביכער פון צוועלף זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן פון פריינט צי אויך מיט דער הילף פון פאַרלעגער און אָרגאַניזאַציעס.

אַ צאָל מחברים איז אויסגעקומען צו פינאַנסירן דאָס אַרויסגעבן אַלע צי בלויז אַ טייל פון זייערע ווערק. די פּרטים וועגן דעם זיינען:

זיבן, 13.2%, האָבן געזאָגט אַז פאַרלעגער האָבן אינוועסטירט;
זיבן, 13.2%, האָבן געזאָגט אַז אַ געזעלשאַפט האָט אינוועסטירט;
ניין 17%, האָבן געזאָגט זיי גופא האָבן אינוועסטירט;
דריי, 5.7%, האָבן געזאָגט אַז פריינט האָבן אינוועסטירט;
עלף, 20.8%, האָבן געזאָגט אַז פאַרלעגער און זיי האָבן אינוועסטירט;
דריי, 5.7%, האָבן געזאָגט אַז געזעלשאַפטן און זיי האָבן אינוועסטירט;
צוויי, 3.8%, האָבן געזאָגט אַז פאַרלעגער־געזעלשאַפט האָבן אינוועסטירט;
צוויי, 3.8%, האָבן געזאָגט אַז פאַרלעגער־פריינט האָבן אינוועסטירט; . .
איינער, 1.9%, האָט געזאָגט אַז ער און פריינט האָבן אינוועסטירט;
איינער, 1.9%, האָט געזאָגט אז ער און אַבאָנענטן האָבן אינוועסטירט;
צוויי, 3.8%, האָבן געזאָגט אַז אַבאָנענטן האָבן אינוועסטירט;

איינער, 1.9%, האָט געזאָגט אַז פאַרלאַג־אַבאָנענטן האָבן אינוועסטירט;
צוויי, 3.8%, האָבן געזאָגט אַז פריינט־געזעלשאַפט האָבן אינוועסטירט;
איינער, 1.9%, האָט געזאָגט אַז פאַרלאַג־געזעל.־אַליין האָבן אינוועסטירט;
איינער, 1.9%, האָט געזאָגט פאַרלאַג־געזעל־פריינט האָבן אינוועסטירט;

אין די מערסטע פאַלן איז די מחברים גופא אויסגעקומען אַריינצולייגן דאָס געלט. 26 פון 53 האָבן אַליין צי מיט דער הילף פון פאַרלעגער, אָרגאַניזאַציעס, צי פריינט פינאַנסירט דאָס אַרויסגעבן פון זייערע ביכער. אין 25 פאַלן האָבן די פאַרלעגער אַליין צי מיט דער הילף פון שרייבער און אַנדערע פינאַנסירט די אויסגאַבן. 16 האָבן דערמאָנט אָרגאַניזאַציעס, פריינט האָבן אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע צי נאָר אַ טייל געלט פאַר ניין שרייבער, און פיר האָבן אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אַבאָנענטן.

דרייסיק האָבן געלאָזט וויסן וועגן די פאַרקויפער פון זייערע ביכער זיינען געווען, דריי צענטל, האָבן דערמאָנט אַגענטן. אַכט האָבן פאַרקויפט מיט דער הילף פון אַבאָנענטן. צוויי זיינען אַליין געווען די פאַרקויפער. פינף, 16.7 פּראָצענט, האָבן געהאַט אַבאָנענטן און אַליין געווען די פאַר־קויפער. איינער האָט געהאַט אַבאָנענטן און אַן אָרגאַניזאַציע האָט געזען צו פאַרשפּרייטן זיינע ווערק. צוויי האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אַגענט און אַליין פאַרקויפט. לעצטנס, דריי זיינען אַליין געווען די פאַרקויפער און האָבן גלייכצייטיק געהאַט אַגענטן און אַבאָנענטן.

קריגן די מחברים האָנאָראַר פאַר זייערע ביכער? פון די 46 וועלכע האָבן געענטפערט, האָבן אַ העלפט געזאָגט אַז זיי פלעגן קריגן, צי מ'צאָלט זיי נאָך האָנאָראַר פאַר אַלע צי בלויז פאַר אַ טייל ביכער. דריי האָבן געקראָגן באַצאָלט פון פאַרקויף, צוויי האָבן געקראָגן צען פּראָצענט און אַנדערע צוויי צו 15 פּראָצענט. די איבעריקע ניין האָבן דערמאָנט: פּראָ־צענט־באַזע, 300 עקזעמפּלאַרן, 550 דאָלער פאַר איין בוך און באַפרידנדיקער האָנאָראַר פאַר איבעריקע, לויטן פּראָפיט, עטלעכע דאָלער, פון בויגן, פון 15 ביז צוואַנציק פּראָצענט, סומע געלט פון פאַרלעגער, און ווען דער פאַר־לעגער האָט געוואָלט צאָלן האָנאָראַר. זיבן פון 47 האָבן געקראָגן באַצאָלט פאַר זייערע איבערגעדרוקטע זאַכן. אַכט פון צוואַנציק האָט מען געצאָלט פאַר איבערזעצונגען פון זייערע ווערק. פיר פון ניין האָבן געקראָגן האָ־נאָראַר, ווען זייערע דראַמאַטישע צי דראַמאַטיזירטע ווערק זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע.

***

אַ צאָל פאַקטן וועגן 73 שרייבער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן. אָבער די צאָל יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ סך גרעסער. עס איז במילא שווער צו זאָגן אויף ווי ווייט די 73 שרייבער רעפּרעזענטירן די איבעריקע.

צי זיי רעפּרעזענטירן צי ניט, אָן התחלה איז געמאַכט געוואָרן. די אויס־פאָרשונג האָט אָבער באַרירט ניט מער ווי די אויבערפלאַך. אַנדערע פאָר־שער וועלן אויפדעקן מער און וויכטיקערע פאַקטן וועגן די שאַפער און פאַרשפּרייטער פון אונדזער קולטור אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.

און צום סוף: אַ דאַנק די שרייבער וועלכע האָבן אויסגעפילט די אַנ־קעטע, די פירער פון פּראָלעטפּען, י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, און פּען קלובן, און די אַלע וועלכע האָבן געהאָלפן צוגרייטן די אַרבעט.

***

(איבערדרוק פון אַנקעטע)

יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט

„ אַ מ אָ פּ ט ײ ל "

אַנקעטע

(זעט צו זיין פּינקטלעך און אויספירלעך: מאַכט, אויב איר געפינט פאַר נייטיק באַמערקונגען)

מאַן ?...... פרוי ?...... גיט אָן מאָנאַט און יאָר פון געבורט......

זייט איר פאַרהייראַט ?...... וויפל נפשות זיינען אָפּהענגיק פון אייך ?......

אין וועלכן יאָר זייט איר אָנגעקומען אין אַמעריקע ? ...... וואָס איז אייער ליטעראַרישע ספּעציאַליטעט ? פּאָעזיע. בעלעטריסטיק. ראָמאַן, דראַמע. זשור־נאַליזם. איבערזעצונגען. וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען. אַנד......: שרייבט איר אויך אין ענגליש, העברעאיש, צי אַנדערע שפּראַכן ?........ ווי אַלט זייט איר געוועזן ביים אָנהייב זיך דרוקן ? .... ווי אַלט זייט איר געוועזן, ווען איר האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען פון שרייבן ?.......וואָס איז געוועזן אייער באַשעפטיקונג, איידער איר האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען פון שרייבן ?...... איז איצט דאָס שרייבן אייער איינציקער צי טיילווייזער מקור פון פּרנסה?..... אויב איר לעבט איצט טיילווייז צי בכלל ניט פון שרייבן, וואָס איז אייער אַנדערע באַשעפטיקונג ?...... ווען האָט איר אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט אָט דער באַשעפטיקונג ?...... גיט איר זיך אָפּ מיט נאָך אַ באַשעפטיקונג צוליב עקאָנאָמישע סיבות ?...... ווייל עס איז אייך גייסטיק נייטיק ?...... אויב עס איז פאַראַן אַן אַנדער סיבה, ווייזט זי אָן...... וואָס זיינען אייערע יערלעכע פאַרדינסטן פון שרייבן ? ...... זיינען אייערע פאַרדינסטן פון שרייבן געשטיגן אָדער געפאַלן אין משך פון אייער שרייבערשער קאַ־ריערע ?...... ווי פאַרגלייכן זיך אייערע איצטיקע פאַרדינסטן פון שרייבן מיט די פון פאַר דעם קריזיס ?...... קומט אייך אויס זיך צו פאַרנעמען מיט געוויסע ליטעראַרישע אַרבעטן, אין וועלכע איר זייט ניט איבעריק פאַר־אינטערעסירט ? ...... אויב יאָ, רופט אָן די ליטעראַרישע אַרבעט......

פאַרוואָס קומט אייך אויס זיך אָפּצוגעבן מיט אָט דער אַרבעט ?........ שרייבט איר אין צייטונגען ?...... זשורנאַלן ?...... זאַמלביכער ?......

איבּ איר שרייבּט אין צייטונגען, קריגט איר וועכנטלעכע שכירות ?...... צאָלט מען אייך פאַר יעדן אַרטיקל באַזונדער ?...... אויב איר זייט אַ מיט־אַרבּעטער פון אַ צייטונג, קריגט איר וואַקאַציע ?...... איז אייער זשור־נאַליסטישע אַרבּעט אַ שטער אין אייערע אַנדערע ליטעראַרישע אַרבּעטן ?...... האָט איר אָפּגעדרוקט ביכער ?...... וויפל ?...... קריגט איר האָנאָראַר פאַר אייערע ביכער ?...... ווי ווערט דער האָנאָראַר געצאָלט ?...... ווער האָט אַרויסגעגעבן אייערע ווערק ? — פאַרלעגער ?...... געזעלשאַפט ?...... פריינט ?...... אַליין ?...... אויב פאַרלעגער, צי געזעלשאַפט, ווער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט ?...... גיט אינפאָרמאַציע וועגן יעדן פון אייערע ווערק באַזונדער...... אויב איר האָט זיי אַרויסגעגעבן אַליין, ווער פאַר־קויפט זיי — אַגענט ?...... געקראָגן אַבאָנענטן ?...... אַליין ?...... קריגט איר האָנאָראַר פאַר אייערע ווערק, וועלכע זיינען איבערגעזעצט געוואָרן דאָ צי אין אויסלאַנד ?...... אויב איר זייט אַ דראַמאַטורג, צאָלט מען אייך האָ־נאָראַר פאַר אייערע אויפגעפירטע זאַכן ? ......

אונטערשריפט........

אַ בודזשעט פון וועד אַרבע ארצות אין 18טן יאָרהונדערט

פון ד״ר ר. מאהלער

די פינאַנצן פון וועד ארבע ארצות שטעלן פאָר אַ וויכטיק קאַפּיטל ניט בלויז פון דער געשיכטע פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין אַלטן פוילן. אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג פון דעם דאָזיקן געביט וואָלט געוואָרפן אַ סך ליכט אויך אויף דער פאָליטישער, סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטור־געשיכטע פון די פוילישע יידן.

אַ גענויע געשיכטע פון די אומאויפהערלעכע סיכסוכים צווישן די קהילות און די יידישע אויטאָנאָמע פראָווינצן און קודם כל צווישן די קליינע און גרויסע קהילות, דער צעברעקלונג־פראָצעס פון דער יידישער פראָווינץ־אויטאָנאָמיע, וואָלט פאַר אונדז אַנטפּלעקט וויכטיקע מאָמענטן פון סאָציאַלן קאַמף מצד די עקספּלאָאַטירטע קליינשטעטלדיקע יידן קעגן דער העגעמאָניע פון די דאַמאָלסדיקע גרויסשטאָטישע קהילות. אַ גענויע אויסרעכענונג פון די געהאַלטן פון די פרנסים און שתדלנים, וואָס האָבן באַהערשט דעם אויטאָנאָמיע־אַפּאַראַט, אַ חשבון פון דעם ווי די אויטאָנאָמע אָרגאַנען זיינען אַלץ מער פאַרזונקען אין חובות ביי רבנים און וועלטלעכע נגידים, אַ חשבון פון די פילאַנטראָפּישע הוצאות פון די וועדים, וואָלט ווידער געוויזן אַן אַנדער זייט פון די סאָציאַלע קעגנזאַצן באַ אַמאָליקע פוילישע יידן. די געשיכטע פון אינטערווענצן פון פריצים און מלוכה־באַאַמטע אין די אינערלעכע ענינים פון וועד, אַ סטאַטיסטיק פון די „מתנות״, וואָס די באַאַמטע פלעגן באַקומען סיי רעגולער, סיי באַ יעדער געלעגנהייט פון קומען אין קאָנטאַקט מיט די יידישע ראשים, וואָלט ווידער צוגעגעבן אַ סך שטריכן צו דעם בילד פון דער פאָליטישער לאַגע פון פוילישע יידן. די קאָרעספּאָנדענץ צווישן די רעפּרעזענטאַנטן פון וועד אַרבע ארצות און פראָווינציעלע וועדים מיט די באַאַמטע פון דער פוילישער פינאַנץ־מאַכט, דער אופן, די וועגן און מיטלען פון שתדלנות, זיינען ווידער עלול צו באַלייכטן דעם לעבן־שטייגער און די קולטור־פאַרהעלטענישן פון פוילישע יידן אין יענער צייט.

די ערשטע וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פינאַנצן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, וואָס עס האָט פאַרעפנטלעכט דר. יצחק שיפּער, זענען אַן אָנהייב און אַן אָנווייז פון דער אַרבעט, וואָס דאַרף געטון ווערן אויף דעם דאָזיקן

געביט.[1] ווי אַ צושטייער צו דער דאָזיקער אַרבעט גיבן מיר דאָ איבער אַ בפּרטיותדיקן בודזשעט פון וועד ארבע ארצות אין 18טן יאָרהונדערט און אין שייכות דערמיט אַ רײ פּרטים, וואָס וועלן מאַכן קלאָרער די ראָל פון יידישן קאָפּשטייער אין די פּוילישע מלוכה־פינאַנצן, דעם אופן פון איינמאָנען דעם קאָפּשטייער און די באַציאונגען צווישן די ראשים פון וועד און די באַאַמטע פון דער שאַצקאַמער. קודם כל וועט אָבער דער אַנאַליז פון בודזשעט גופא בולטער מאַכן געוויסע מאָמענטן אין דער פּאָליטישער לאַגע פון יידן אין פּוילן אין יענער צייט.

די ביז איצט פאַרעפנטלעכע מאַטעריאַלן און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער צענטראַלער אויטאָנאָמיע אין פּוילן און ליטע אַנטהאַלטן ווינציק פּרטים וועגן די בודזשעטן פון די צענטראַלע וועדים. אַפילו דער פּנקס מדינת ליטאָ, אַרויסגעגעבן פון דובנאָוון, גיט אונדז בלויז אָפּגעריסענע פּרטים וועגן געוויסע הוצאות פון וועד ליטאָ אין שייכות מיט חשבונות פון חובות און אויך דאָס בלויז פאַר דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט. דער איינציקער בודזשעט פון וועד ארבע ארצות (פון קרוין־פּוילן) וואָס איז ביז איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, דער בודזשעט פאַרן יאָר 1739[2] איז צו סומאַריש אין זיינע פּאָזיציעס.

צווישן די מאַטעריאַלן וועגן יידישן קאָפּשטייער אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט אין מלוכהשן הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע,[3] האָבן מיר געפונען אַ קאָפּיע פון אַ בפּרטיותדיקן בודזשעט פון וועד אַרבע ארצות אויפן יאָר 1726. מיר האַלטן אַז עס איז וויכטיק איבער־צוגעבן דאָ אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן דאָקומענט, איידער מיר גייען איבער צום אַנאַליז פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס און פון דעם כאַראַקטער פון בודזשעט.

דער בודזשעט פון ועד ארבע ארצות אויפן יאָר 1726

מיר, גענעראַל־שרייבער פון די יידן אין דער קרוין, גיבן איבער דעם

1) זע די אַרבעטן פון דר. י. שיפּער:
Beitraege zur Geschichte der partiellen Judentage in Polen, Monatschrift fuer die G. W. d. J. 1913.
פּוילישע רעגעסטן צו דער געשיכטע פונעם וועד ארבע ארצות. (היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד 1, 1929).
און באַזונדערס: פינאַנציעלער חורבן פון דער צענטראַלער און פּראָווינציעלער אויטאָ־נאָמיע פון יידן אין אַלטן פּוילן. (עקאָנאָמישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד 2, 1932).
עטלעכע אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די הוצאות פון וועד אין 17טן י״ה געפינען מיר אין די „חשבונות ועד ארבע ארצות בפּולין" (מפּנקס טיקטין), וואָס עס האָט פאַר־עפנטלעכט ישראל היילפּרין אין תרביץ למדעי הרוח ב, 6, 1935.

2) י. שיפּער „פינאַנציעלער חורבן א. אַ. ח., ד. צ. ב., ז. 2.

3) די סיגנאַטור פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן: A. G. Dział: Skarbowe. Akta ogółowe pogłównego żydowskiego Nr. 2, 22-24.

חשבון פון הוצאות פון אַלע קרוין־יידן אויפן יאָר טויזנט זיבנהונדערט זעקס און צוואַנציק.

1)* אויף גענעראַל־קאָפּשטייער צו דער שאַצקאַמער — — — 220,000

2) אויף יאָרגעלט פאַר דעם הויכוואוילגעבאָרענעם הער, דעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין — — — — — — — — 12,000

3) פאַר די וואוילגעבוירענע הערן שרייבער פון דער שאַצ־קאַמער און פאַר די באַאַמטע פון הויכוואוילגעבאָרענעם הער, דעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין — — — 1,080

4) דעם וואוילגעבאָרענעם הער, דעם העכסטן שרייבער פון דער שאַצאַמער פון דער קרוין — — — — — — — — 700

5) דעם וואוילגעבאָרענעם הער שרייבער פון דעם קוואַרטע־שטייער צוזאַמען מיט דעם הער רעיענט — — — — 1,000

6) פּראָצענטן פון ווידערקאָפּן[4] ביי קלויסטערס צוזאַמען מיט מתנות — — — — — — — — — — — 9,024

7) אויף הוצאות פאַר די לובלינער יידן פאַר די וואוילגע־בוירענע הערן דעפּוטאַטן — — — — — — — — 1,760

8) דעפּאַלקאַ[5] די יידן פון טאַרטשין — — — — — — — 400

9) דעפּאַלקאַ די יידן פון לובלין — — — — — — — — 600

10) דעפּאַלקאַ די יידן פון טוראָבין — — — — — — — 600

11) דעפּאַלקאַ די יידן פון דער אָרדינאַציע זאַמאָשטש — — — 500

12) דעפּאַלקאַ די יידן פון טיקאָטין — — — — — — — 600

13) דעפּאַלקאַ די יידן פון לעמבערג — — — — — — — 1,000

14) דעפּאַלקאַ די יידן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ווייַן — — — 500

15) דעפּאַלקאַ די יידן פון דראָהאָביטש — — — — — — 1,000

16) הוצאות בעת דעם וואַרשעווער סיים, וואָס מיר האָבן גע־באָרגט ביי דער שלאַכטע — — — — — — — — 10,116

17) פּראָצענטן פון דער דאָזיקער סומע — — — — — — 2,419

18) הוצאות פון דער קאָמיסיע אין ראַדאָם — — — — — 10,725

19) פּראָצענטן פון דער סומע 10,725, וואָס מיר האָבן געבאָרגט ביי דער שלאַכטע — — — — — — — — 2,791

מיט 25 גראָשן

---

*) די נומעראַציע האָבן מיר צוגעשטעלט, כדי צו קענען ציטירן די איינצעלע פּאָזיציעס ביים אַנאַליז פון בודזשעט.

4) גרעסערע חובות אויף אַ לענגערן טערמין, פון דייטשן „ווידערקויף". לכתחילה פלעגן אַזוי הייסן הלוואות אויף היפּאָטעק.

5) פון לאַטייניש „דעפּאַלקאַציאָ", ד. ה. אָפּשלאָגן פון חשבון. די קהילות, וואָס זיינען צופיל באַלאַסט געוואָרן מיט קאָפּשטייער אין פאָריקן יאָר, ווערט אַראָפּגערעכנט די סומע אין לויפנדיקן יאָר.

20) אויף אָרעמע לייט לויט קוויטאַנציעס פון היי־יאָריקן וועד אין יאַראָסלאַוו — — — — — — — — — — — — — — 1,280
21) ווידער אויף אָרעמע לייט אויף דעם איצטיקן יאָר 1726 — 1,908
22) דעם שמש, דעם שרייבער און די משרתים פון פרנס הוועד דד' ארצות — — — — — — — — — — — — — — — — 214
23) יערלעכע פענסיע דעם שרייבער פון די יידן אין דער קרוין 150
24) יערלעכע פענסיע די גענעראַל־שרייבער פון די יידן אין דער קרוין — — — — — — — — — — — — — — — 1,600
25) דער אלמנה פון הערשן ז״ל, וואָס איז געווען אַ גענעראַל־שרייבער — יערלעכע פענסיע — — — — — — — — 400
26) דעם זון פון דערמאָנטן הערש ז״ל אויף חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער — — — — — — — — — — — — — — — 190
27) די קאַשטשעלניס[6] אין די דיסטריקטן כעלם און לובלין — 143
28) פראָצענטן פון חובות ביי יידן — — — — — — — — — — 700
29) דעם רב פון אָסטראה אַ חוב ביי יידן פון דער קרוין — — 1,680
30) ווידער אַ חוב דעם יידן ענזלי[7] פון קראָקע — — — — — — 800
31) פראָצענטן פון געלטער, וואָס מיר האָבן געבאָרגט אויף די הוצאות פון אונדזער וועד אין יאַראָסלאַוו — — — — 390
32) אויף שטיצע צו בויען שולן — — — — — — — — — — — 400
33) פאַר פאַרשיידענע אַסיגנאַציעס און חוות דעת פון די ראשים פון דער קרוין אין יאָר 1724 — — — — — — — — 741
34) דעם סיעמיאַטיטצער רב אַ חוב לויט אַן אַסיגנאַציע פון די ראשים פון דער קרוין — — — — — — — — — — — — 660
35) די יידן אין מאַקאָוו שטיצע — — — — — — — — — — — 200
36) דעם סינדיקי[8] פון פיעטרקיוו — — — — — — — — — — 200
37) די מעקלערס אין יאַראָסלאַוו בעת דעם וועד, ווי דער מנהג איז — — — — — — — — — — — — — — — — 175
38) אויף דעם יידישן שפיטאָל אין יאַראָסלאַוו — — — — — — 60
39) מאיר, דעם מעקלער פון הויכוואוילגעבאָרענעם הער, דעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין — — — — — — — 300
40) דעם שמש פון די קרוין־יידן — — — — — — — — — — 75
41) הוצאות פאַר די יאַראָסלאַווער יידן בעת דעם וועד — — — 133
42) הוצאות פאַר די גענעראַל־שרייבער בעת זיי האָבן געמאַכט די גענעראַלע חלוקה אין ריטשיוואָל אין היינטיקן יאָר 1725. דהיינו פאַר די וועגענער און קאָסט פאַר די פיר שרייבער מיט די משרתים — — — — — — — — — — 1,210

6) קירכנדינער.
7) אויף יידיש: אַנשל.
8) פוילישער טערמין פאַר שתדלן.

43) פאַרשיידענע שליחים אין משך פון גאַנצן יאָר — — — — — 188
44) פאַר די פאָסטטרעגער — — — — — — — — — — — — 15
45) דעפאַלקאַ די פויזנער־קאַלישער יידן לויט אַ בריוו פון הויכוואָלגעבאָרענעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין — 400
46) דעפאלקא די יידן פון דיסטריקט רייסן פאַר דער שטאָט טשאָרטקאָוו — — — — — — — — — — — — 500

סך הכל באַטרעפט — — —[9] גילדן 291,479

אויף דער דאָזיקער סומע האָבן מיר באַשלאָסן 1,200 סימפּלעס,[10]

יעדער סימפּל באַטרעפט 238 גילדן מיט 27½ גראָשן,
דאָס באַטרעפט סך הכל — — — — — — — — — — 288,300
בלייבט ביי אונדז אַ רעשט אוים לויפנדיקן יאָר צו באַצאָלן — 3,179

לאָמיר איצט איבערגיין צום אַנאַליז פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פון בודזשעט און דערנאָך פעסטשטעלן זיין אייגנטלעכע סטרוקטור.

דער יידישער קאָפּשטייער און דער אופן פון אויפמאָנען אים

די סומע פון יידישן קאָפּשטייער פאַר קרוין־פוילן, ווי זי איז דאָ אָנגעגעבן אין בודזשעט, 220,000 גילדן, איז, ווי באַקאַנט, אין יאָר 1717 געעכערט געוואָרן ביז צו אָט דער גרייס, און מער ניט געשטיגן ביז 1764. וואָס פאַראַ ריזיקע סומע דער יידישער קאָפּשטייער האָט פאָרגעשטעלט ניט נאָר אין אָנבליק פון דער אויסטערלישער פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן, נאָר אַפילו אין פּראָפּאָרציע צו די מלוכה־הכנסות פון אַנדערע שטייערן, קענען מיר זען פון די ווייטערדיקע ציפערן:

דער שטייער פון קוואַרטע, דער וויכטיקסטער שטייער פון דער אַמאָליקער פוילישער מלוכה, באַשטימט אין דער גרייס פון אַ פינפטל הכנסות פון די קיניגלעכע גיטער, וואָס די שלאַכטע האָט געהאַלטן אין פאַכט, האָט באַטראָפן פאַר גאַנץ קרוין־פוילן: אין יאָר 1746 — 273,228 גילדן, אין יאָר 1747 — 263,540 גילדן. יידן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך אַלע לאַסטן פון דירעקטע און אומדירעקטע מלוכהשע און שטאָטישע שטייערן, גלייך מיט

9) דער חשבון איז ניט „צדק". דער סך הכל באַטרעפט פאַקטיש 291,527 גילדן. דער טעות איז מן הסתם געמאַכט געוואָרן ביים איבערשרייבן פון העברעאיש אויף פויליש די איינצלנע פּאָזיציעס, ווייל דער אָנגעגעבענער סך הכל ווערט נאָך אַמאָל באַשטעטיקט אין דעם חשבון פון די סימפּלעס.

10) אויף פויליש „סימפלא", אַן איינהייט" פון לאַטייניש סימפּלעקס. דער וועד אַרבע ארצות פלעגט צעטיילן די סומע פון קאָפּשטייער אויף די איינצלנע פּראָווינצן לויט אַ באַשטימטער פּראָפּאָרציע פון די סימפּלעס. אין די העברעאישע דאָקומענטן פלעגט פאַר די סימפּלעס באַנוצט ווערן דער טערמין „סכומות".

די קריסטלעכע שטאָט־בירגער, און דערצו נאָך געווען מחויב צו צאָלן אַ רייי ספּעציעלע יידישע געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע שטייערן, האָבן נאָך געמוזט אויפברענגען אַ סומע פון יידישן קאָפּשטייער, וואָס האָט באַטראָפן בערך ניט קיין סך ווייניקער, ווי די פאַקטישע מלוכה־הכנסה פון דער קוואַרטע. דערביי איז דאָך די שלאַכטע בדרך כלל געווען פּטור פון אַלע שטייערן און די קוואַרטע האָבן געצאָלט בלויז די יעניקע פּריצים, וואָס האָבן כמעט בחינם באַקומען אין פּאַכט גאַנצע קיניגלעכע דערפער. די שלאַכטע איז געווען באַפרייט אַפילו פון גענעראַלן קאָפּשטייער, וואָס דער סיים פלעגט באַשליסן אין צייטן פון אַ באַזונדערער נויט אין מלוכה־פינאַנצן. די יידן פלעגט דער סיים אַריינשאַצן אין נדן ביי יעדער געלעגנהייט, ווען עס איז געהעכערט געוואָרן דער יידישער קאָפּשטייער, אַז זיי זאָלן דערפאַר ניט דאַרפן טראָגן קיין לאַסטן וואָס דער סיים וועט ווען עס איז אַרויפלייגן אויף דער באַפעלקערונג. דער סיים אַליין פלעגט אָבער מניה וביה ניט האַלטן זיין צוזאָג. אין יאָר 1676 באַשטימט דער סיים בפירוש, אַז יידן דאַרפן צאָלן דעם גענעראַלן קאָפּשטייער גלייך מיט אַנדערע און אין יאָר 1717 פאַררופט זיך דער סיים אויסדריקלעך אויף דעם באַשלוס פון יאָר 1676, אַז ער בלייבט ווייטער אין קראַפט.[11]

נאָך בולטער קומט אַרויס די אויסטערלישע שטייער־באַלאַסטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווען מען נעמט אין אַכט דעם גאַנצן מלוכה־בודזשעט פון אַמאָליקן פּוילן. אין יאָר 1748 האָט די אַזוי גערופענע „נישט שטענדיקע הכנסה" פון קרוין־פּוילן (ד. ה. די גאַנצע הכנסה פון קוואַרטע, יידישן קאָפּשטייער, וויינשטייער און צאָל!) באַטראָפן 896,398 גילדן. דער יידישער קאָפּשטייער האָט בכן דערגרייכט קרוב אַ פערטל פון גאַנצן סכום פון נישט שטענדיק בודזשעט.[12] אַפילו נאָך די רעפאָרמען פון די פינאַנצן אין יאָר 1764, ווען אַלע שטייערן זיינען באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן, האָט דער גאַנצער בודזשעט פון קרוין־פּוילן באַטראָפן אַרום 10 מיליאָן זלאָט אַ יאָר, דער יידישער קאָפּשטייער האָט אין דער זעלבער צייט אַריינגעבראַכט בערך 800,000 זלאָט אַ יאָר.[13] יידן האָבן בכן נאָך אַלץ אויסגעטראָגן אַכט פּראָצענט פון גאַנצן בודזשעט בלויז מיט דעם יידישן קאָפּשטייער, ניט געקוקט

(11 Vol. legum פעטערבורג, 1860, באַנד 4, ז. 36, 142.

12) דער אַזוי גערופענער „שטענדיקער בודזשעט" אָדער „פינקטלעכער געהאַלט" פון קרוין־פּוילן, וואָס איז פאַרוועגדט געוואָרן אויסשליסלעך אויף מיליטער, איז פּרעלימינירט געוואָרן אין יאָר 1717 אין דער סומע פון קרוב 5 מיליאָן. די דאָזיקע סומע האָט געזאָלט געדעקט ווערן פון גענעראַלן קאָפּשטייער און פון ווינטערשטייער פאַר מיליטער („היבערנע").

13) די ציפערן פון הכנסות פון דער קוואַרטע און פון מלוכה־בודזשעט אין פּוילן אין 18טן יאָרהונדערט נעמען מיר אַרויס פון T. Korzon: Dzieje wewnętrzne Polski za St. Augusta. באַנד 3, וואַרשע, 1897, ז. 130, 134.

דערויף, וואָס זיי האָבן ווייטער געצאָלט אַלע אַנדערע דירעקטע און אומ־דירעקטע שטייערן.[14]

אַזאַ שטייער־עקספּלאָאַטאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן לגבי דער יידי־שער באַפעלקערונג אין דער צייט, ווען די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין כל המינים באַגרענעצונגען אין האַנדל און האַנטווערק מצד די שטאָטראַטן און קריסטלעכע צעכן. אַזעלכע פּליכטן האָט מען געפאָדערט פון די, וואָס האָבן אין די גרעסערע שטעט פון פּוילן לעגאַל ניט געטאָרט וואוינען, אָדער אין בעסטן פאַל געמוזט זיך שטיקן אין אַן ענגן באַגרענעצטן יידישן קוואַרטאַל און אין די דערפער און קליינע שטעטלעך געווען אויסגעליפערט אויף גנאָד און אומגנאָד פון דעם פּריץ. ביי אַזאַ לאַגע איז ניט קיין חידוש, וואָס די יידישע צענטראַלע, פּראָווינציעלע און לאָקאַלע אויטאָנאָמע אָרגאַנען האָבן געמוזט פאַרזינקען אין אַלץ גרעסערע חובות, כדי צונויפצוברענגען דעם יערלעכן קאָפּשטייער און אַנדערע שטייערן פאַר דער מלוכה־קאַסע.

דער מלוכה־אַפּאַראַט פלעגט זיך טאַקע באַנוצן מיט אַלע געוואַלד־מיטלען, כדי דעם יידישן שטייער אַריינצובאַקומען רעגולער.

דער יידישער קאָפּשטייער פלעגט, כידוע, אויפגעמאָנט ווערן אויף אַזאַ אופן:

נאָך דעם ווי דער צענטראַלער וועד פלעגט באַרעכענען די צעטיילונג פון דער אַלגעמיינער סומע אויף די באַזונדערע אויטאָנאָמע פּראָווינצן, פלעגן אָפּהאַלטן באַראַטונגען די וועדי הגלילות און צעטיילן די סומע שטייערן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער געגעבענער פּראָווינץ, אויף די באַ־זונדערע קהילות. די אַלע חשבונות פון צעטיילונג, סיי פון צענטראַלן וועד, סיי פון די פּראָווינציאַנעלע וועדים, פלעגן צוגעשטעלט ווערן דער קאַנ־צעלאַריע פון שאַצמייסטער פון דער קרוין. די קאַנצעלאַריע פלעגט איבער־געבן מיליטערישע אָפּטיילונגען אַסיגנאַציעס צו די באַזונדערע קהילות אויף די שטייער־סומעס, וואָס זיינען אויף זיי אויסגעפאַלן. די מיליטערישע אָפּ־טיילונגען פלעגן שיקן דריי מאָל אין יאָר, אין יאַנואַר, מאַי און אויגוסט, דעפּוטאַטן צו דער קהילה, וואָס איז זיי צוגעוויזן געוואָרן, אָפּצונעמען די ראַטעס פון קאָפּשטייער.

ביי דעם איינקאַסירן די שטייערן דורך די דעפּוטאַטן פון די רעגימענטן פלעגן ניט זעלטן פאָרקומען מיסברויכן און אַפילו שווערע רעפּרעסיעס קעגן דער יידישער באַפעלקערונג:

אין יאָר 1666 באַקלאָגט זיך דער וועד ארבע ארצות ביים קיניג יאַן קאַזימיר, אַז די זעלנער, וואָס האָבן באַקומען פון שאַצמייסטער אַסיגנאַציעס

14) וועגן שטייערן, וואָס יידן האָבן געצאָלט אין אַמאָליקן פּוילן, זע: י. שיפּערס אָפּהאַנדלונג „יידישע שטייערן" אין Istoria jewrejskawo naroda ב' 11, אויסגאַבע „מיר", מאָסקווע, 1914. די חשבונות פון וועד מיטן גליל טיקטין פון י. 1694 באַווייזן, אַז די יידן האָבן אויך געצאָלט דעם ווינטער־שטייער פאַר מיליטער, „היבערנע". זע: י. היילפּרין, ד. צ. אַ. ז. 531.

אויף 26 טויזנט גילדן ווערישן מלוכה־שטייער, האָבן געצוואונגען די יידן צו צאָלן דורך מאָרדן און פאַרניכטן זייער פאַרמעגן. דער וועד איז זיך מתחייב אויסצוצאָלן די דאָזיקע סומע אין משך פון דריי יאָר, נעמענדיק אויף זיך אַלע סאַנקציעס אין פאַל, אויב זיי וועלן דעם צוזאָג ניט האַלטן. די סאַנקציעס זיינען: מען וועט מעגן יעדער יידן, כאַפּן און אַריינזעצן אין תפיסה; אַרויס־ווארפן יידן פון די הייזער, צונעמען ביי זיי אַלע סחורות, פאַרחתמענען שולן.[15]

אָבער ניט בלויז אין מלחמה־צייט איז דאָס אויפמאָנען דעם יידישן שטייער געווען פאַרבונדן מיט רעפּרעסיעס און אָנווענדן שווערע סאַנקציעס. אין פּנקס טיקטין ווערט פאַרצייכנט אונטערן יאָר ת״ן (1690) די דערמאָרדונג פון דאָרטיקן מנהיג ר׳ חיים דורך דעם אויפמאָנער פון דער אַסיגנאַציע, מלאָדנאָווסקי.[15א] וועגן אַפּטע רעפּרעסיעס זאָגן עדות אָט־די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געפונען אין אַרכיוו צווישן די מאַטעריאַלן וועגן יידישן קאָפּשטייער:

אין יאָר 1696 באַקלאָגט זיך ביים שאַצמייסטער דער קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג פון געפּאַנצערטע זעלנער אויף די יידן פון דער פּראָווינץ כעלם־בעלז, אַז ניט בלויז וואָס זיי צאָלן ניט אויס זייערע שליחים („דעפּוטאַטן״) דעם קאָפּשטייער נאָך די אַסיגנאַציעס נאָך, נאָר זיי זאָגן זיך אָפּ פון אויס־האַלטן די שליחים מיט קאָסט אין משך פון דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך געמוזט אויפהאַלטן, כדי דעם שטייער אויפצומאָנען. דער שאַצמייסטער גיט אַרויס אַ „שטרענגן באַפעל צו די דאָזיקע יידן מיטן אויטאָריטעט פון זיין אַמט״, אַז זיי זאָלן תיכף ומיד דעם שטייער אויסצאָלן און אויסהאַלטן די שליחים מיט קאָסט אַזוי לאַנג, כל זמן די סומע וועט ניט בשלמות געסילוקט ווערן. די שליחים פון פאַלק ווערן באַפולמעכטיקט „אין פאַל פון ניט פאָלגן צו פאַרחתמענען די יידישע שולן, קאָנפיסקירן די סחורות ניט נאָר אין די הייזער, נאָר אויך אויף די ירידים און באַהאַלטן זיי ווי משכנות״.

אין יאָר 1719 גיט אַרויס דער שאַצמייסטער אַ דעקרעט וועגן די פּויזנער־קאָלישער יידן, אין וועלכן ער דראָט, אַז דער דעפּוטאַט פון מיליטער וועט פאַרחתמענען אַלע „יידישע שולן״, אויב זיי וועלן ניט אויסצאָלן אין משך פון אַכט וואָכן די סומע פון 1220 גילדן, וואָס איז אויף זיי אויסגעקומען. דער שאַצמייסטער פאַררופט זיך דערביי אויף אַ דעקרעט פון זעלבן יאָר פון פינאַנץ־טריבונאַל אין ראַדאָם.

אין דער זעלבער צייט[16] גיט איבער אַ דעקלאַראַציע פון פינאַנץ־טרי־בונאַל אין ראַדאָם, אַז עס איז אַריינגעקומען אַן אָנקלאַגע פון יידן וועגן אַזעלכע עוולות: געוויסע באַזיצער פון אַסיגנאַציעס באַגנוגן זיך ניט מיט אויפ־מאָנען די לויפנדיקע ראַטעס פון יידישן קאָפּשטייער, נאָר „צווינגען מיט גע־

15) וואַרשע, 1910, נומ׳ 370. M. Bersohn, Dyplomataryusz

15א) י. היילפּרין, חשבונות, דאָק. 9, 12.

16) די קאָפּיע פון דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין די אַקטן, איז ניט דאַטירט. לויט דעם צוזאַמענהאַנג געהערט די דעקלאַראַציע בערך צום יאָר 1720.

וואָלט דורך די גרעסטע רדיפות (cum summa oppressione) די פּאַר־אָרעמטע מענטשן" צו צאָלן פּאָרויס די ווייטערדיקע ראַטעס. דער פינאַנץ־טריבונאַל דראָט אין אַזעלכע פאַלן מיט דער שטראָף, וואָס קומט פאַר „די שטערערס פון עפנטלעכער רו".

אמת, צווישן די דאָקומענטן פון יידישן קאָפּשטייער געפינט זיך אויך אַן אָנקלאַגע וועגן אַ פאַרקערטן פאַל: אַן אָנפאַל פון יידן אויף אַ דעפּוטאַט פון מיליטער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין אַ שטעטל אויפמאָנען דעם יידישן קאָפּשטייער. אויף דעם וועד פון גליל וואָלין, וואָס איז פאַרגעקומען אין האָראָכאָוו אין יאָר 1700, ווערט פאַרשריבן אין פּראָטאָקאָל אַזאַ אנקלאַגע. די אָנקלאַגע האָט געשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג דער קאָמיסאַר פון שאַצ־מייסטער אין נאָמען פון שלאַכטשיץ יערעמי פּאָפּאָווסקי, זעלבער פון אַן אָפּ־טיילונג געפּאַנצערטע זעלנער:

פּאָפּאָווסקי איז אַראָפּגעקומען קיין וולאָדימיערזשעץ, אַ שטעטל אין דיסטריקט אָסטראָה, מיט אַן אַסיגנאַציע אויף קאָפּשטייער. „די וולאדימיער־זשעצער יידן האָבן אים אין גאַסטהויז באַרויבט, צעשלאָגן אַן אַ שום גרונד, צוגענומען ביי אים אַלע זאַכן און אויך די כלי־זין און אַרויסגעטריבן פון דעם דאָזיקן שטעטל וולאָדימיערזשעץ". דער קאָמיסאַר באַשטימט אָפּצולייגן דעם ענין ביז צום משפט פון שאַצמייסטער.

וואָס דער צד שכנגד האָט געטענהט איז ליידער ניט אָנגעגעבן אין דעם דאָזיקן סענסאַציאָנעלן דאָקומענט. עס איז אָבער לייכט זיך משער צו זיין, אַז דאָס „גאַסטהויז", וואו די אַקציע האָט זיך אָפּגעשפּילט, איז געווען אַ גע־וויינלעכע שענק און אַז דער וואוילגעבאָרענער פּאָפּאָווסקי איז געווען גוט שכור...

פאַראַן אויך צוויי דאָקומענטן, איינער פון 17טן און איינער פון 18טן יאָרהונדערט, וואָס אַנטפּלעקן פאַר אונדז געוויינלעכע שווינדלען ביים אויפ־מאָנען די אַסיגנאַציעס פון יידישן קאָפּשטייער:

אין יאָר 1689 שרייבט דער שטייער־דעפּוטאַט טוטשינסקי צום באַאַמטן פון דער שאַצקאַמער ווינקלער, וועגן אַזאַ ענין. די יידן פון דער פּראָווינץ בעלז האָבן זיך געווענדט צו דער שאַצקאַמער דורך דער פאַרמיטלונג פון זייער שליח מאיר מיט אַן אָנקלאַגע אויף דעם דעפּוטאַט טוטשינסקי, אַז ער האָט זיי ניט אַרויסגעגעבן קיין קבלה אויף 1,520 גילדן, וואָס זיי האָבן אים אַליין אויסגעצאָלט אין זאַמאָשטש. די בעלזער יידן, האָבן דערביי אָנגעגעבן אַ ראיה, אין וואָס פאַראַ מטבעות זיי האָבן די סומע אויסגעצאָלט, טיילוויז אין טאָלערס, טיילוויז אין שעלאָנגעס („קטנים", דריטל גראָשנס). דער דע־פּוטאַט טוטשינסקי לייקנט אין זיין בריוו צו דער שאַצקאַמער, אַז ער זאָל האָבן געענומען אַזאַ סומע און גיסט אויס זיין כעס אויף „יידישער פאַלשקייט" און „יידישער רשעות". ער בעט זיך רחמים ביים באַאַמטן, ער זאָל אים גלויבן און ניט די בעלזער יידן, עס זאָל ניט אויסקומען, אַז „אַ ייד איז מער באַגלייבט איידער ער".

וואָס פאַראַ המצאות די שטייער־דעפּוטאַטן פלעגן אויסטראַכטן, כדי ניט אַרויסצוגעבן אַ ריכטיקע קבלה אויף דער סומע, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען, ווערן מיר געוואָר פון דער אָנקלאַגע, וואָס דער שרייבער פון די וואָלינער יידן, שאול בן יעקב, האָט אַריינגעשיקט אין יאָר 1737 צום שרייבער פון דער שאַצקאַמער, הערמאַן. ער באַקלאָגט זיך, אַז „ניט איין מאָל טרעפט זיך״, אַז די „וואוילגעבוירענע הערן דעפּוטאַטן״ קומען אַראָפּ קודם אין די קליינע שטעטלעך, נעמען אָפּ דעם יידישן קאָפּשטייער, און גיבן אַרויס דערויף קוויטאַנציעס, אָבער זיי פאַרשרייבן עס ניט אויף דער אַסיגנאַציע. דערנאָך קומען זיי אין די הויפּט־קהילות מיט דער אַסיגנאַציע און פאָדערן די גאַנצע סומע, וואָס פאַלט אויס אויף דער קהלה מיט די „סביבה״. „די ראשים (פון דער קהלה) ווייסן אָבער ניט וועגן דעם, אַז די וואוילגעבוירענע הערן האָבן אַרויסגעגעבן אַזעלכע קוויטאַנציעס״. דער פאָרשטייער פון די וואָלינער יידן בעט בכן דעם באַאַמטן פון דער שאַצקאַמער, אַז אויף להבא זאָלן די דעפּוטאַטן באַקומען בפירושע אינסטרוקציעס, אַז זיי דאַרפן די געסילוקטע סומעס פון די קליינע שטעטלעך „אַראָפּשרייבן״ פון דער אַסיגנאַציע — — —

יידישער שטייער פון ווייַנהאַנדל, אָקסן־האַנדל א״אַ.

אין אויבן געבראַכטן בודזשעט פון וועד ארבע ארצות אויפן יאָר 1726 געפינען מיר אַזאַ פּאָזיציע (נומער 14): „אַראָפּגערעכנט די יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ווייַן — 500 גילדן״. מיר האָבן טאַקע געפונען דאָקומענטן, וואָס ווייַזן, אַז אין 18טן יאָרהונדערט פלעגן יידן אין פּוילן צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער פון ווייַן לטובת דעם מיליטער.[17] דער וועד ארבע ארצות, וואָס זיין עיקר־פונקציע איז באַשטאַנען אין צעטיילן דעם קאָפּשטייער צווישן די פּראָווינצן, פלעגט זיך אויך פאַרנעמען מיט דער צעטיילונג פון ווייַנשטייער. די וועדי הגלילות פלעגן פּונקט ווי בנוגע דעם קאָפּשטייער, אַדורכפירן די צעטיילונג פון ווייַנשטייער אויף די באַזונדערע קהילות.

חשבונות פון אַזעלכע צעטיילונגען פון ווייַנשטייער האָבן זיך אויפגעהיט אָנגעהויבן פון יאָר 1721. אין דעם דאָזיקן יאָר האָבן יידן געצאָלט דורך דער פאַרמיטלונג פון די אויטאָנאָמע אָרגאַנען אַ שטייער פון ווייַנהאַנדל, פון „קרעדענצן״ (בופעטן)[18] און פון אָקסן־האַנדל. אַזוי האָבן די יידן פון רייסן (מזרח־גאַליציע) געדאַרפט צאָלן: פון ווייַן 2410 גילדן, פון „קרעדענצן״

---

17) אַן איינמאָליקער אָפּצאָל פון משקאות אויף צו דעקן די חובות פון מיליטער פלעגט אַמאָל אַרויפגעלייגט ווערן אויף אַלע משקאות־הענדלער אָן אונטערשייד. אַזאַ באַשלוס האָט, למשל, אָנגענומען דער סיים אין יאָר 1676. (בד. 5, ז. 170 וואָל. לעג.) יידן אין 18טן יאָרהונדערט צאָלן אָבער אַן ווייַנשטייער רעגולער, יעדער יאָר, אַפילו ניט על פּי אַ סיים־באַשלוס, נאָר על פּי אַ „דעקלאַראַציע פון דער קאָמיסיע (פון פינאַנץ־טריבונאַל) אין ראַדאָם״.

18) אויף פּויליש służebka פגל. Karłowicz, Słownik języka polskiego באַנד 4, ז. 229.

2690 גילדן און פון אָקסן 900, סך הכל 6,000 גילדן. אין יאָר 1723 האָט דער ווײַנשטייער פאַר די יידן פון גאַנץ קרוין־פּוילן באַטראָפן העכער 15 טויזנט גילדן, אין יאָר 1724 — 14 טויזנט גילדן.

דער אופן פון דער צעטיילונג פון דער סומע ווײַנשטייער אויף די באַזונדערע יידישע פּראָווינצן באַווייזט, אַז דעם דאָזיקן שטייער האָט געהאַט אויסצוטראָגן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און ניט בלויז די יידן, וואָס האָבן טאַקע געהאַנדלט מיט ווײַן. די צעטיילונג רעכנט זיך כלל ניט מיט דעם פאַקט, וואָס אין איינצלנע פּראָווינצן, בפרט אין דרום, אין דער קראָנעווער און רייסישער וואָיעוואָדשאַפט, ביי דער אונגאַרישער גרענעץ, איז דער ווײַנהאַנדל געווען שטאַרק פאַרשפּרייט און אין די אַנדערע פּראָווינצן זעלטענער. די פּראָווינצן ווערן באַשטייערט דורך דעם צענטראַלן וועד מיט דעם אָפּצאָל פאַר ווײַן בערך נאָך דער זעלבער פּראָפּאָרציע, ווי זיי פלעגן זיך באַטייליקן אין צאָלן דעם יידישן קאָפּשטייער!

קיין חלוקות פון שטייער פון אָקסן־האַנדל און פון „קרעדענצן" האָבן זיך ניט אויפגעהיט, אָבער על פּי אַנאַלאָגיע פון ווײַנשטייער קענען מיר אָננעמען, אַז אויך די דאָזיקע שטייערן האָבן באַלאַסט דעם כלל יידן און ניט בלויז די יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט די געהעריקע סחורות.

אַ חוץ דעם שטייער אויף באַזונדערע קאַטעגאָריעס סוחרים פלעגט די פּוילישע פינאַנץ־מאַכט אַמאָל אויך אַרויפגעלייגט סתם אַ צוגאָב־שטייער אויף אַלע יידן אָן אַ שום ספּעציפישער באַגרינדונג. אין זעלבן יאָר 1724, ווען די קאָמיסיע פון פינאַנץ־טריבונאַל האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם צענטראַלן וועד 14 טויזנט גילדן ווײַנשטייער, האָט זי אויך באַשטימט אַ צוגאָב־שטייער אויף אַלע יידן אין סכום פון 6 טויזנט גילדן.

פּענסיעס און מתנות פאַר מלוכה־באַאַמטע

אין בודזשעט פון וועד פאַרן יאָר 1726 פיגורירן אויבן אָן, באַלד נאָך דער פּאָזיציע פון יידישן קאָפּשטייער, אַזעלכע הוצאות:

פאַרן גרויסן שאַצמייסטער — — — — — — — 12,000 גילדן
פאַר זיינע שרייבער און באַאַמטע — — — — 1,080 גילדן
פאַר דעם העכסטן שרייבער פון דער שאַצקאַמער 700 גילדן
פאַרן שרייבער און רעיענט פון דער קוואַרטע — 1,000 גילדן

סך הכל האָבן מיר אין בודזשעט פון וועד 14,780 גילדן אויף געהאַלטן פאַר מלוכה־באַאַמטע.[19]

באַזונדערס וואַרפט זיך אין די אויגן די ריזיקע סומע „יאָרגעלט" אין דער הייך פון 12 טויזנט גילדן פאַרן פּוילישן פינאַנץ־מיניסטער, דעם „גרויסן

19) אין בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1739, וועלכן עס האָט פאַרעפנטלעכט דר. שיפּער, איז סומאַריש פאַרצייכנט אַ פּאָזיציע פון 14,000 גילדן יאָרגעלט פאַר מלוכה־באַאַמטע.

שאַצמייסטער פון דער קרוין״. אָן אַ ספק איז דער דאָזיקער „מנהג״ פון יידן צו צאָלן געהאַלט דעם פינאַנץ־מיניסטער אַזוי אַלט, ווי דער יידישער קאָפּשטייער, וואָס איז, כידוע, איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1549 און מן הסתם נאָך עלטער. דאָס יאָרגעלט פאַרן שאַצמייסטער איז, ווייזט אויס, געוואַקסן אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ, ווי דער יידישער קאָפּשטייער. מיר געפינען נעמלעך שוין פון ערשטן יאָר, ווען עס איז געוועזן חל אויף יידן די פאַרגרעסערטע סומע קאָפּשטייער אין דער הייך פון 220,000 גילדן, פון יאָר 1718, אַ חשבון פון וועד ארבע ארצות פון יידישן קאָפּשטייער נאָך די באַזונדערע פּראָווינצן, וואו עס איז אַריינגעשטעלט יאָרגעלט פאַרן גרויסן שאַצמייסטער און פאַרן העכסטן פינאַנץ־שרייבער אין דעם אויבּיקן באַטרעף: 12,000 און 700. דאָס יאָרגעלט פאַר די דאָזיקע הויכע דיגניטאַרן פלעגט באַטראַכט ווערן אַזוי ווייט פאַר אַן אָפּיציעלן שטייער, אַז עס איז צונויפּ־געוואַקסן מיט דער סומע פון יידישן קאָפּשטייער און פלעגט אויפגעמאָנט ווערן מיט אים צוזאַמען. אין אַלע שטייער־חלוקות וואָס דער וועד פלעגט איבערשיקן דער שאַצקאַמער, טרעפן מיר אָן די ברוטאָ־סומע פון בערך 233,000 און אין ערגעץ געפינען מיר ניט די נעטאָ־סומע פון קאָפּשטייער אָן דעם יאָרגעלט!

אמת, די גרויסע רווחים פון פּוילישן שאַצמייסטער האָבן פון אייביק אויף געהאַט אַ שם צוליב די מקורים, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט: שוחד פאַר איבערגעבן די פאַכט פון צאָל און אַקציז, געפעלשטע חשבונות א. ד״גל. ניט איין מאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז דער שאַצמייסטער האָט אויפגעריסן דעם סיים, כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ גענויער רעוויזיע פון זיינע חשבונות דורך דער סיים־קאָמיסיע. וועגן פּוילישן שאַצמייסטער אין דער מיט פון 17טן יאָרהונדערט, באַגוסלאַוו לעשטשינסקי, ווערט דערציילט אַזאַ פאַל: ווען דער סיים, וואָס איז געוועזן אָפּגעקויפט דורך אים מיט געלט און מתנות, האָט שוין געהאַלטן ביים באַשטעטיקן זיינע חשבונות, האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פון אַ דעפּוטאַט: „איך בין ניט מסכים״. דער שאַצמייסטער האָט דעמאָלס אַ צעבייזערטער אויסגערופן: „ווער איז דאָס אַזאַ און אַזאַ זון, וואָס איך האָב אים ניט געגעבן?״ דער אָפּאָנענט איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל ער איז אַליין אויך געווען אויף דער ליסטע פון די, וואָס האָבן באַקומען פון שאַצמייסטער אַ מתנת יד.[20]

אָבער אָפילו ביי אַזאַ סיסטעם פון האַלב־אָפּיציעלער קאָרופּציע איז דאָס יאָרגעלט פון וועד אַרבע ארצות פאַרן שאַצמייסטער אַ געוואַלטיקע סומע, וואָס קען נאָר דערקלערט ווערן מיט דער רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער

20) אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון דערווירטשאַפט פון די פּוילישע שאַצמייסטערס גיט דער פּוילישער היסטאָריקער טאַדעאוש קאָרזאָן (ד. צ. וו. בד׳ 3, ז. 113־114) ווערמען מען קען זיכער ניט חושד זיין, אַז ער איז געווען פאַראינטערעסירט צו מאָלן דאָס בילד אין שוואַרצע פאַרבן!

באַפּעלקערונג. אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1703 האָבן מיר געפונען פאַר־צייכנט, אַז דעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין, יערזשי פּרזשעבענדאָוו־סקי, קומט אויסצוצאָלן פון דער אַלטער קוואַרטע אַ סומע פון 1,700 גילדן. יידן פלעגן בכן דאַרפן צוצאָלן צום קאָפּשטייער געהאַלט פאַרן שאַצמייסטער מער ווי 7 מאָל אַזוי פיל, ווי פיל מען האָט אַראָפּגענומען פון דעם הויפּט־מלוכה־שטייער, קוואַרטע, אויפן חשבון פון דעם זעלבן מיניסטער.[21]

וואָס שייך די שרייבערס פון דער שאַצקאַמער דאַרף מען נאָך צורעכענען צו דעם „יאָרגעלט" וואָס איז אָפיציעל פאַרנאָטירט אין בודזשעט פון וועד, אָפיציעלע אָפּצאָלן פון די פּראָווינציעלע וועדים ביים אָפּגעבן די שטייער־צעטיילונגען. אין די דאָקומענטן, וואָס באַלאַנגען צו די יאָרן 1726 ביז 1739, ווערט פאַרצייכנט, אַז דער יידישער גליל פּאָדאָליע צאָלט רעגולער 36 גילדן „די וואָילגעבאָרענע הערן שרייבערס פון דער שאַצקאַמער פאַר אָננעמען די שטייער־צעטיילונג".

אומפאַרגלייכלעך מער איידער די פּראָווינץ פּאָדאָליע צאָלט פאַר די שרייבערס די גרעסטע יידישע אויטאָנאָמע פּראָווינץ, רייסן (מזרח־גאַליציע און די בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט), ווי עס דרינגט אַרויס פון אַט דעם דאָקומענט:

אין יאָר 1737 לאָזט וויסן דער שרייבער פון די רייסישע יידן, מאַרעק ראַבינאָוויטש פון בראָד דעם שרייבער פון דער שאַצקאַמער הערמאַן, אַז ער שיקט אים דורכן רב פון בערעסטעטשקאָ: „צוויי פּאַסן, איינעם אַ רויטן קאַרמאַזין און דעם צווייטן אַ געלן. פאַר דעם רויטן האָב איך אַליין גע־געבן אַכט רויטע גילדן און פאַר דעם געלן האָב איך געגעבן זיבן אַ האַלבן רויטע גילדן. גאָט איז מיר אַן עדות, אַז איך האָב געקויפט ביי אַ סוחר אויפן יריד אָן אַ שום רווח און פאַרקויף עס צו טון אַ טובה דעם גנעדיקן האַר; אויב זיי וועלן טויגן, מעגסט דו, גנעדיקער האַר, זיי צונעמען ווי אַ געפעליקייט פאַר 600 גילדן פון די יידן פון דער רייסישער וואָיעוואָדשאַפט פאַר דעם דיספּאַרטימענט (צעטיילונג) פון גענעראַל־קאָפּשטייער וואָס קומט פאַרן יאָר 1738, און אויב זיי וועלן ניט געפעלן דעם גנעדיקן האַר, וועט דער בערעסטעטשקער רב איבערגעבן געלט מזומן, צוזאַמען מיטן דיספּאַרטימענט."

דער משא ומתן איז קלאָר: רייסישע יידן גיבן דעם שרייבער פון דער שאַצקאַמער 600 זלאָט אַן אָפּצאָל יעדער יאָר ביים אָפּגעבן דעם חשבון פון דער שטייערצעטיילונג. דאָס יאָר וויל אים דער שרייבער פון דער ריי־סישער פּראָווינץ געבן דערפאַר צוויי פּאַסן בערך אין דעם זעלבן ווערט.

מיט די דאָזיקע האַלב־אָפיציעלע אָפּצאָלן פלעגט מען אָבער אויך נאָך ניט אָפּקומען. די פאָרשטייערס פון די פּראָווינציעלע וועדים פלעגן נאָך

21) ערשט אין יאָר 1736 האָט די מלוכה באַשטימט פאַרן שאַצמייסטער אַ ריזיק גע־האַלט פון 120 טויזנט גילדן אַ יאָר (זע קאָרזאָן, דאָרט גופא).

צוגעבן מתנות ביי יעדער געלעגנהייט פון בעטן עפּעס אַ „טובה״ א. ד. גל. וועגן דעם דערציילן די בריוו, וואָס האָבן זיך אויפגעהיט צווישן די דאָ־קומענטן פון יידישן קאַפּשטייער:

אין יאָר 1725 שיקט דער לאַקאטשער רב און יידישער שרייבער פון דער פּראָווינץ וואָלין, דוד טעוועל פּישלאָוויטש אַ שטייער־חשבון פאַר דעם לודמירער (וולאַדימיר וואָלינסקי) גליל מיט אַ בקשה, ער זאָל אָננעמען די ענדערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער חלוקה. צום סוף פאַר־זיכערט ער: „איך וועל די דאָזיקע טובה מיין גנעדיקן האַר אָפּדינען און באַלוינען...״

אין יאָר 1733 ווענדט זיך צדוק בן שמואל אין נאָמען פון די סאַמ־באָרער יידן צום שרייבער פון דער שאַצקאַמער וועגן אַ סומע פון 600 גילדן, וואָס די ראשים פון פּרזשעמישל האָבן, נאָך זיין מיינונג אומגערעכט אַרויפ־געלייגט אויף זיין קהילה. דערפאַר זאָגט ער אים צו: „פאַר דער דאָזיקער טירחא פון דעם הויכוואוילגעבוירענעם און גנעדיקן האַר דערקלער איך, אַז איך וועל בקרוב זיין אין וואַרשע און איך וועל ברענגען צו פירן צוויי שטיק זייער שיינעם לייוונט פאַר דער וואוילגעבוירענער גנעדיקער פרוי, פון וועלכע די וואוילגעבוירענע גנעדיקע פרוי וועט הנאה האָבן״.

דער אויבן־דערמאָנטער שרייבער פון וואָלינער יידן, שאול בן יעקב, זאָגט צו דעם באַאַמטן פון דער שאַצקאַמער הערמאַן, אין זיין בריוו פון יאָר 1737, אַז „ער וועט זיך קענען דערויף, מיט וואָס אָפּצודאַנקען די גרויסע טובה״. חוץ דעם פאַרענטפערט ער זיך, אַז ער שיקט אים ניט מיט מיטן שליח, דאָס וואָס ער האָט אים באַפוילן מיטצוברענגען פון וואָלין, ווייל ער האָט דעם שליח געטראָפן אין לובלין. „אַז גאָט וועט געבן — פאַרזיכערט ער — איך וועל קומען צו פאָרן קיין וואַרשע, וועל איך מיט זיך מיט־ברענגען.״

אַ „פּריוויליקע מתנה״ ("donum charitativum") פלעגט אויך באַ־קומען פון וועד ארבע ארצות דער רעגירונג־קאָמיסאַר, וואָס פלעגט פאַרטראָטן דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום אויף דעם קאָנגרעס פון וועד. אין יאָר 1762 איז באַשטימט געוואָרן אויף דער זיצונג פון וועד אין פּיליצע אַ סומע פון 370 גילדן פאַר דעם רעגירונג־קאָמיסאַר, וואָס איז בייגעווען ווי אַ שליח פון פי־נאַנץ־מיניסטער.[22]

הוצאות אויף השתדלותן און „קאַזובאַלעץ״

נאָך אַ גרעסערע סומע ווי די יאָרגעלטער און מתנות פאַר מלוכה־באַאַמטע באַטרעפן די הוצאות פון וועד אויף השתדלות. אין בודזשעט פאַרן יאָר 1726 האָבן מיר אַזעלכע פּאָזיציעס פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע:

22) זע י. שיפּער „פּוילישע רעגעסטן״ א. אַ. וו., היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד 1, ז. 110.

א) (פּאָזיציע 16, 17) הוצאות פאַר דעם וואַרשעווער סיים 10,116 גילדן און פּראָצענטן פון דער דאָזיקער סומע — 2,419 גילדן.

דער וואַרשעווער סיים, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, איז ווי מען קען זיך משער זיין, דער סיים פון יאָר 1717, וואָס האָט, כידוע, צווישן אַנדערע אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן העכערן דעם יידישן קאָפּשטייער אויף 220 טויזנט גילדן אַ יאָר. זינט 1717 ביז 1725, ווען עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער בודזשעט פון וועד אויף דעם יאָר 1726, זיינען נאָך פאָרגעקומען בלויז צוויי זיצונגען פון סיים, וואָס זיינען ניט אויפגעריסן געוואָרן, איינע אין יאָר 1718 און די צווייטע אין 1724;ביידע האָבן אָבער בכלל זיך ניט פאַרנומען מיט דער יידישער פראַגע. די הוצאָה פון העכער 10 טויזנט גילדן פאַר השתדלות בעת דעם סיים איז פאַרהעלטנישמעסיק גאַר קליין אין פאַרגלייך מיט דער הוצאָה פאַר דעם זעלבן צוועק, קרוב 51 טויזנט גילדן, וואָס דער וועד האָט אַריינגעשטעלט אין בודזשעט פאַרן יאָר 1740.[23] בכל אופן איז די הוצאָה פון וועד פאַר השתדלות אין וואַרשע בעת דעם סיים אַ רעגולערע דערשיינונג. דער פנקס מדינת ליטא פאַרצייכנט שוין פאַרן יאָר 1628 (שפ״ח) 405 שאָק גראָשן ווי „הוצאות וואַרשי״.[24]

ב) אַ צווייטע הוצאָה פאַר השתדלות, אין בודזשעט פון וועד פאַרן יאָר 1726, וואָס דערגרייכט נאָך אַ גרעסערע סומע, 10,725 גילדן חוב און 2,791 פּראָצענטן (פּאָזיציע 18, 19) איז אויסגעגעבן געוואָרן פאַר דער „ראַדאָמער קאָמיסיע״, ד. ה., בעת דער זיצונג פון פינאַנץ־טריבונאַל אין ראַדאָם. מעגלעך, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דער אויבן־דערמאָנטער זיצונג פון יאָר 1723, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן 15 טויזנט גילדן שטייער פון יידן, וואָס האַנדלען מיט וויין. מן הסתם האָט די „מתנה״ געזאָלט ווירקן, פונקט ווי בעת דעם סיים אין יאָר 1717, אַז די שטייער־סומע זאָל ניט באַשטימט ווערן נאָך גרעסער.

ג) אַ דריטע הוצאָה פאַר השתדלות איז די סומע פון 1,760 גילדן „אויף הוצאות פון די לובלינער יידן פאַר די וואוילגעבוירענע הערן דעפּוטאַטן״ (פּאָזיציע 7). געמיינט זיינען דאָ די דעפּוטאַטן פון דער שלאַכטע צום לובלינער קרוין־טריבונאַל. אין אַ באַשלוס פון אַ שפּעטערן קאָנגרעס פון וועד, פון יאָר 1762, ווערט געזאָגט קלאָר, אַז אַ סומע פאַרן לובלינער טריבונאַל ווערט רעגולער יעדער יאָר איבערגעגעבן פון וועד די לובלינער יידן. דאָרט ווערט אָבער באַשטימט אַ קלענערע סומע, בלויז 1,400 גילדן.[25]

ד) צו דער קאַטעגאָריע פון משונהדיקע פּאָזיציעס „אכפרה פניו במנחה״

23) י. שיפּער „פינאַנציעלער חורבן״ א. אַ. וו., עקאָנאָמישע שריפטן, באַנד 2, 1932, ז. 3, טאַבעלע 3. פון די חשבונות פון וועד מיטן גליל טיקטין אין 17 טן י״ה זעען מיר, אַז דער וועד פלעגט אויסגעבן סומעס געלט נישט נאָר פאַרן סיים, נאָר אויך פאַר די סיימיקעס, וואָס פלעגן קלויבן דעפּוטאַטן צום סיים. (י. היילפּרין, ד. צ. אָ. ז. 213).

24) פנקס מדינת ליטא, אַרויסגעגעבן פון דובנאָוו, סימן צ״ח.

25) י. שיפּער „פוילישע רעגעסטן״ א. אָ. וו., דאָרט, ז. 108.

דאַרפן מיר אויך צורעכענען דעם סכום פון 143 גילדן, וואָס פיגורירט אין בודזשעט פון וועד ווי אַ הוצאָה פאַר די „קאַשטשיעלניס״ (קירכנדינער) אין כעלמער און לובלינער דיסטריקט (פּאָזיציע 27). דאָ דאַרף באַמערקט ווערן, אַז יידישע קהילות אין פוילן אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט פלעגן מוזן רעגולער אָפּצאָלן פאַר דער קירך יעדער יאָר אַ באַשטימטע סומע געלט, אָדער פּראָדוקטן אין נאַטור (על פי רוב פעפער, אינגבער און אַנדערע געווירצן) אָדערביידע צוזאַמען.[26] מיר ווייסן אויך, אַז יידן פלעגן אָפּצאָלן „קאָזובאַלעץ״[27] ניט בלויז די סטודענטן פון יעזויטישע קאָלעגיעס, ווען זיי פלעגן פאַרבייגיין די קאָלעגיעס אָדער דעם קלויסטער. די קהילות ווי קער־פּערשאַפטן פלעגן אויך צאָלן אַ יערלעכע באַשטייערונג און געבן „מתנות״ די דינער און פּראָפעסאָרן פון אַקאַדעמיעס (קראָקע).[28] די דינער פון פּאַ־לעסטרע (שולע פאַר יוריסטן)[29] אד״גל. דאָ זעען מיר, אַז דער דערנ־יד־ריקנדיקער מנהג פון „קאָזובאַלעץ״ דערגרייכט אַזש צו דער העכסטער אינ־סטאַנץ פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פוילן. אין לובלינער און כעלמער דיסטריקט פלעגן מן הסתם די אָנפאַלן אויף יידן, וואָס גייען פאַרביי קלויס־טערס, זיין באַזונדערס אומדערטרעגלעך, אויב דער וועד באַשטימט אין זיין בודזשעט אַ באַזונדערע הוצאָה צו פאַרמאַכן דאָס מויל די דאָרטיקע קריכן־
בודזשעט אַ באַזונדערע הוצאה צו פאַרמאַכן דאָס מויל די דאָרטיקע קירכן־דינער... אַן אַנאַלאָגיע דערצו געפינען מיר שוין אין 17טן י״ה, ווען דער וועד האָט באַשטימט אַ סומע אויף קאָזובאַלעץ („שילער געלט״) פאַר די סטודענטן אין וואַרשע.[29א]

ה) דאָס נייטיקן זיך אין כסדרדיקן השתדלות האָט דערפירט אַזוי ווייט, אַז דער וועד באַשטימט אויך אין זיין בודזשעט (פּאָזיציע 39) אַ גאַנץ באַדייטנ־דיקע סומע פון 300 גילדן פאַר — דעם מעקלער פון פוילישן שאַצמייסטער, מיטן נאָמען מאיר...

הוצאות פון וועד אויף אייגענע באַאַמטע און פונקציאָנאַרן

אין בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1726 זיינען אויסגערעכנט אַזעלכע געהאַלטן פון די באַאַמטע און פונקציאָנאַרן פון צענטראַלן אַפּאַראַט:

די פיר גענעראַל־שרייבער פון וועד — — — — — 1,600 גילדן

פּענסיע דער אַלמנה פון גענעראַל־שרייבער הערש — 400 גילדן

26) זע למשל אונדזער אַרטיקל וועגן יידן אין הרוביעשאָוו (רובישויוו) אין Encyclopedia Judaica באַנד 8.

27) יצחק ריבקינד באַמערקט ריכטיק, אַז די עטימאָלאָגיע פון קאָזובאַלעץ איז „קוואָססאַבילים״ („דאָס, וואָס וואַרפט זיך״), ד. ה. אָפּצאָל אויף שפּילן וועדפל. ר׳ זלמן צבי פון אויפנהויזן דערמאָנט אין זיין „יידישן טעריאַק״ „ווירפול אודר קוזיבלת״. זע י. ריבקינד „מס הקוביא״ אין דער פּערטליאָרשריפט „ציון״ באַנד 1, תרצ״ו.

28) מ. באַלאַבאַן, באַנד 3, 1825, ז. 174. Historia i literatura żydowska

29) וואַרשע, 1905, ז׳ 118. St. Kollątaj, Stan oświecenia w Polsce

29א) זע „חשבונות״ פון י. היילפּרין, ד. צ. אָ. ז. 220 אונטערן יאָר תל״ו (1676): ר׳ זהו׳ לשילר געלט בורשא ע״י רמ״ש (ר׳ משה שתדלן).

שרייבער פון וועד — — — — — — — — — — 150 גילדן
דעם שתדלן פון פיעטרקיוו — — — — — — — — 200 גילדן
דעם שמש פון וועד — — — — — — — — — — 75 גילדן
דעם שמש, שרייבער און די דינער פון פרנס הוועד — 214 גילדן

ווי מיר זעען, איז די גרעסטע הוצאה אויף באַאַמטע דאָס געהאַלט פון די פיר גענעראַל־שרייבער, צו 400 גילדן אַ יאָר. די חתימות, וואָס מיר האָבן געפונען אויף עטלעכע שטייער־חשבונות פון די יאָרן 1725־1727, באַווייזן, אַז די צאָל 4 גענעראַל־שרייבער איז געווען אַ שטענדיקע. דער באַשלוס פון פוילישן מלוכה־סיים פון יאָר 1717 וועגן יידישן קאָפּשטייער רעקאָמענדירט דעם גרויסן שאַצמייסטער פון דער קרוין „איינצופירן די בעסטע אָרדענונג אין דעם ענין (פון רעגולערן אויסצאָלן דעם קאָפּשטייער), דהיינו דורך באַשטימען דריי יידישע גענעראַל־שרייבער, איינעם אין דער פּראָווינץ גרויס־פוילן, איינעם אין דער פּראָווינץ קליין־פוילן און איינעם אין דער פּראָווינץ רייסן.[30] דער וועד האָט, ווי מיר זעען, ניט מדקדק געווען אין דער צאָל און רעכענענדיק זיך מן הסתם מיט אָרגאַניזאַטאָרישער צוועקמעסיקייט אָנגעשטעלט פיר גענעראַל־שרייבער. דער וועד האָט זיך אָבער אויך ניט געהאַלטן אָן דעם געזעץ פון סיים בנוגע די יידישע אויטאָנאָמע פּראָווינצן, וואָס דאַרפן זיין פאַרטראָטן דורך די גענעראַל־שרייבער. פון די דערמאָנטע חתימות פון די גענעראַל־שרייבער (דריי פון זיי רבנים!) זעען מיר, אַז צוויי פון זיי האָבן טאַקע פאַרטראָטן קליין־פוילן און רייסן (מזרח־גאַליציע און אוקראַינע), אָבער פון די אַנדערע צוויי האָט איינער פאַרטראָטן די כעלמער־בעלזער פּראָווינץ און דער צווייטער פאָדלאַשע.[31] פון פאָדלאַשע פיגורירט אין יאָר 1725 דער רב פון סיעמיאַטיץ און אין יאָר 1727 דער רב פון טשעכאַנאָווצע. אַ גענעראַל־שרייבער פון גרויס־פוילן ווערט גאָר ניט דערמאָנט.

אינעם בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1739 פיגורירן שוין 5 גענעראַל־שרייבער מיט אַ געהאַלט פון 2,500 גילדן, ד. ה. צו 500 גילדן יעדער [32]. ווייזט אויס, אַז ניט בלויז די 4 גענעראַל־שרייבער, פאַרטרעטער פון די פּראָווינצן, האָט מען מיט דער צייט געהעכערט דאָס געהאַלט, נאָר אויך דעם שרייבער פון וועד („שרייבער פון די יידן אין דער קרוין") האָט מען אויסגעגליכן בנוגע געהאַלט מיט די 4 גענעראַל־שרייבערס.[33]

(30 Vol. legum. 1860, באַנד 4, ז. 142.

(31 זע טריוואַקסזיגאל נר. 6 אין „דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון וועדי הגלילות אין פוילן", וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, באַנד 2, 1937, ז. 648.

(32 י. שיפּער „פינאַנציעלער חורבן" א. אַ. וו., ז. 2, טאַבעלע 2.

(33 די פיר גענעראַל־שרייבער, וואָס ווערן דערמאָנט אין בודזשעט ווי באַאַמטע פון צענטראַלן וועד חתמען זיך אונטער די חשבונות פון צענטראַלן וועד פאַר דער שאַצקאַמער, אַלס „גענעראַל־שרייבער פון די יידן אין דער קרוין". די שרייבער פון די יידישע אויטאָנאָמע פּראָווינצן, רופן זיך אויך גענעראַל־שרייבער, ווי למשל גענעראַל־שרייבער פון וואָלין, טיקאָטין, אָרדינאַציע זאַמאָשטש א. אַ. וו.

להיפך צום בודזשעט פון יאָר 1739 ווערט אויך ניט דערמאָנט אין בודזשעט פון יאָר 1726 קיין גענעראַל־שתדלן. ווייזט אויס אַז אין יענער צייט איז אַזאַ אַמט ניט געווען באַזעצט, כאָטש עס האָט שוין עקזיסטירט אין 17טן יאָרהונדערט. אַזוי דאַרפן מיר אַוודאי אויך דערקלערן דעם פאַקט, וואָס דער וועד באַשטימט אַ געהאַלט פאַר דעם שתדלן פון פּיעטרקיוו (200 גילדן). דער שתדלן פון דער דאָזיקער שטאָט האָט מן הסתם אויך פאַרטראָטן דעם גענעראַלן וועד. אין יאָר 1727 שיקן די גענעראַל־שרייבער דעם חשבון פון דער צעטיילונג פון שטייער אויף די באַזונדערע פּראָווינצן צו דער שאַץ־קאַמער דורך דעם שתדלן פון דער קליין־פּוילישער (קראָקעווער־צויזמירער) פּראָווינץ, יעקב פון פּינטשעוו.[34] ערשט אין יאָר 1731 געפינען מיר אַ חתימה פון איינעם, ניסן בן יהודה, וואָס טיטולירט זיך „שתדלן פון די יידן אין דער קרוין״, אָבער אויך מיט אַ צוגאָב „און פון קהל טשעכאַנאָוועצ״. אין בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1739 פיגורירט באַזונדער אַ סומע פון 400 גילדן פאַרן גענעראַל־שתדלן און אַ סומע פון 100 גילדן פאַרן שתדלן, וואָס פאַרט מיט די חשבונות קיין וואַרשע. פאַר דעם שמש פון צענטראַלן וועד, וואָס באַקומט אין יאָר 1726 — 75 גילדן, ווערט שוין באַשטימט אין יאָר 1739 — 100 גילדן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער וועד האָט אין משך פון די 13 יאָר ניט אַרויסגעוויזן קיין טענדענץ צו שפּאָרן קהלשע געלטער, ניט געקוקט אויף די אַלץ מוראַדיקער וואַקסנדיקע חובות, נאָר פאַרקערט...

די 4 גענעראַל־שרייבער באַקומען אַ חוץ די געהאַלטן אויך גאַנץ גרויסע דיעטן (פּאָזיציע 42): פאַר וועגענער און קאָסט בעת דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון וועד אין ריטשיוואָל (וואוין־אָרט פון שאַצמייסטער)[35] באַקומען זיי צוזאַמען 1,210 גילדן, ד. ה. העכער 300 גילדן יעדער איינער.

די אַנדערע הוצאות פון וועד אין משך פון אַ גאַנץ יאָר באַשטייען פון אַ סומע פון 188 גילדן פאַר שליחים און 15 גילדן פאַר פּאָסטמענער.

עס קומען נאָך צו „הוצאות אויף יאַראָסלאַווער יידן בעת דעם קאָנגרעס״ — 133 גילדן, וואָס דערמיט ווערן מן הסתם באַצייכנט הוצאות פון אויפנעמען דעלעגאַטן פון וועד. די יאַראָסלאַווער מעקלערס באַקומען פון וועד פאַר דער צייט פון דער זיצונג „ווי דער מנהג איז״, 175 גילדן. מען מעג זיך משער זיין, אַז די מעקלערס פלעגן פאַרמיטלען אין די הלוואות, וואָס דער וועד פלעגט מאַכן בעת דעם יאַריד אויף צו דעקן אומגעוויינלעכע הוצאות און אַלטע חובות.

די הוצאות פון אָפּהאַלטן דעם קאָנגרעס פון דעם צענטראַלן וועד ווערן

34) זע זיין בריוו, ווי אויך זיין חתימה אין די דערמאָנטע „דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון „וועדי הגלילית״, דאָרט, ז. 640־643, 648־649.

35) די זיצונג פון וועד איז פאָרגעקומען אין יאָר 1725 אין יאַראָסלאַוו. אין ריטשיוואָל איז דערנאָך פאָרגעקומען די זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון וועד כדי צו מאַכן דעם חשבון פון שטייער פאַר די באַזונדערע פּראָווינצן.

אָנגעגעבן אומדירעקט דורך דער פּאָזיציע (פּאָז. 31) „פּראָצענטן פון געלט, וואָס מיר האָבן געבאָרגט אויף די הוצאות פון אונדזער סיים אין יאַראָסלאַוו — 390״. די פריער דערמאָנטע ציפערן פון חובות און פּראָצענטער פאַר השתדלות בעתן וואַרשעווער סיים און ביי דער ראַדאָמער קאָמיסיע, באַווייזן, אַז די פּראָצענטן־נאָרמע האָט באַטראָפן 24%־25%. אויב אַזאַ הויכער פּראָצענט איז אויך געצאָלט געוואָרן פאַר דעם חוב אויף הוצאות פון אָפּהאַלטן דעם וועד, האָט די געבאָרגטע סומע באַטראָפן אַרום 1,500 גילדן. לויט דער אַנאַלאָגיע פון די הוצאות אויף דער זיצונג פון דער קאָמיסיע פון וועד אין ריטשיוואָל — 1,210 גילדן, קענען מיר זיך משער זיין, אַז די 1,500 גילדן האָט מען פאַרוועט אויף נסיעה־הוצאות און קאָסט און קוואַרטיר פאַר די גענעראַל־שרייבער און אַנדערע באַאַמטע פון וועד; די הוצאות פון די דעלעגאַטן פון די פּראָווינצן צום וועד פלעגן טראָגן די וועדי הגלילות.

הוצאות אויף סאָציאַלער הילף און רעליגיעזע צוועקן

די הוצאות פון וועד אין יאָר 1726 אויף סאָציאַלער הילף און רעליגיעזע צוועקן זיינען אַזעלכע:

(פּאָז. 21) אויף אָרעמעלייט אין יאָר 1726 — — —	1,908 גילדן
(פּאָז. 35) שטיצע פאַר די יידן אין מאָקאָוו — — —	200 גילדן
(פּאָז. 38) אויף דעם יידישן שפּיטאָל אין יאַראָסלאַוו —	60 גילדן
(פּאָז. 32) אויף בויען שולן (בתי מדרשים) — — —	400 גילדן
סך הכל — — — — — — —	2,568 גילדן

אַז שטיצע פאַר אָרעמעלייט איז געווען אַ רעגולערע יערלעכע הוצאה פון וועד, דערינגט אַרויס פון דער פּאָז. 20, וואו עס ווערט אָנגעגעבן דער חוב פון 1,280 גילדן פאַר הוצאות אויף אָרעמעלייט אין פאַריקן יאָר, 1725. די סומע, וואָס דער וועד פלעגט אויסגעבן פאַר דעם דאָזיקן צוועק, פלעגט, ווייזט אויס, תמיד בלייבן אין די גרענעצן פון 1,000 ביז 2,000 גילדן: אין יאָר 1739 באַשטימט דער וועד אין זיין בודזשעט 1,500 גילדן פאַר אָרעמע־לייט.[36] די תקנות פון וועד מדינת ליטא באַווייזן, אַז דער אופן פון פאַר־טיילן שטיצע אָרעמעלייט דורכן וועד איז געווען אַ צווייפאַכיקער: אַ גע־וויסע סומע פלעגט מען פאַרטיילן דירעקט די אָרעמעלייט, וואָס פלעגן זיך פּערזענלעך ווענדן צום וועד נאָך שטיצע, מן הסתם מיט רעקאָמענדאַציע־„כתבים״, בעת דער וועד פלעגט אָפּהאַלטן זיינע באַראַטונגען.[37] אַ גרעסערע

36) י. שיפּער „פינאַנציעלער חורבן״ א .אַ. וו. ד. צ. אָ., ז. 2, טאַבעלע 2.

37) פּנקס מדינת ליטא, אויסגאַבע דובנאָוו, רפ״ז, פון י. שצ״ד (1634) ווי אָפט מען פלעגט זיך ווענדן צום ועד אַרבע ארצות מיט בקשות וועגן שטיצע, אילוסטרירט דער פאַקט, וואָס אין י. תע״ד (1717) איז דערשינען אין אַמסטערדאַם אַ העברעאישער בריוו־שטעלער, וואו עס איז אָנגעגעבן דער נוסח פון אַ בריוו, וואָס אַן „עני הגון״ שרייבט צום וועד, בעטנדיק שטיצע אויף נדן פאַר דער טאָכטער. זע י. היילפּרינס „חשבונות״, ד. צ. אָ. ז. 350.

סומע פאַר אָרעמעלײַט פלעגט דער װעד איבערגעבן באַזונדערע פּראָװינצן און קהילות, לױט אַ באַשטימטן שליסל.[38]

די שטיצע פאַר די ייִדן אין מאָקאָװ איז אָן אַ ספק באַשטימט אויף צוריק־אויפבוי נאָך אַ שׂרפה. נאָך אויף דער לעצטער זיצונג פון װעד אַרבע ארצות, װאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1764 אין פּיליצע, איז באַשטימט געװאָרן אַ באַדײַטנדיקע סומע פון דרײַ טויזנט גילדן אויף װידער־אויפבוי נאָך דער שׂרפה פאַר די ייִדן אין טישמיעניצע (רײסן, מזרח־גאַליציע).[39]

שטיצע אויף צו בויען שולן און בתי מדרשים אין פאַרשײדענע ליטװישע שטעט װערט פאַרצײכנט שוין אין די עלטסטע תקנות פון װעד מדינת ליטא, אין יאָר 1628.[40] אויך דער װעד פון קרוינפּוילן האָט אַזאַ שטיצע באַטראַכט פאַר זײַן רעגולערער פליכט: אין יאָר 1763 באַשטימט דער װעד אין פּיליצע 1,000 גילדן שטיצע אויף צוריק אויפצובויען די שול אין פּיליצע (קלײן־פּוילן) און דער מלוכה־קאָמיסאַר באַשטעטיקט די דאָזיקע הוצאה מיט דער באַמערקונג, אַז „דער ייִדישער מלוכה־פאַרבאַנד פלעגט זיך אויך פריער נוהג זײַן בײַצושטײערן בײַם בויען שולן״.[41] אויך די פּראָװינציעלע װעדים פלעגן העלפן מיט געלט־שטיצע אין פאַלן פון בויען שולן. אויף דער זיצונג פון װעד מדינת װאָלין, װאָס איז פאָרגעקומען אין האָראָכאָװ אין יאָר 1700, איז זיך מתחייב די קהלה אין לודמיר (װלאַדימיר װאָלינסקי) צו שענקען דעם שטעטל אוסטשילוג דעם יערלעכן קאָפּשטײַער פון 100 גילדן אין משך פון צװײ יאָר און אַלײן אײַנצאָלן די סומע אין דער שאַצקאַמער, כדי די דאָרטיקע ייִדן זאָלן זײַן אין שטאַנד אויפצובויען זײער שול.[42]

די סומע פון 190 גילדן, װאָס דער װעד באַשטימט פאַר דעם זון פון פאַרשטאָרבענעם גענעראַל־שרײַבער הערש אויף חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער רעכענען מיר דאָ ניט צו די הוצאות אויף סאָציאַלער הילף, װײַל לױט דער פערזאָן, פאַר װעלכער די שטיצע איז באַשטימט, דאַרף די דאָזיקע הוצאה גיכער אַרײַנגערעכנט װערן צום געהאַלט פון די ראשים פון װעד. מיר מעגן אָבער אָננעמען, לױט דער אַנאַלאָגיע פון עלטערע חשבונות פון די װעדים אין פּוילן און ליטע, אַז אַזעלכע הוצאות זײַנען ניט געװען קײן יוצא מן הכלל. אין די תקנות פון װעד מדינת ליטא פון י. שפ״ח (1728) איז פאַרצײכנט אַ הוצאה פון דרײַ שאָק ליטװישע גראָשן פאַר דעם ש״ץ (שליח צבור, חזן)

---

38) פּנקס מדינת ליטא, תקנה תתכ״ט פון י. תנ״א (1691).

39) י. שיפּער, „פּוילישע רעגעסטן״, א. אַ. װ., ד. צ. אָ., ז. 114.

40) פּנקס מדינת ליטא, תקנה צ״ח, פון י. שפ״ח (1628).

41) י. שיפּער „פּוילישע רעגעסטן״ א. אַ. װ., ד. צ. אָ., ז. 112. שטיצע פון װעד אַרבע אַרצות אויף צו בויען שולן אין די יאָרן 1671, 1673, 1693־4 אין די שטעט סיעמיאַטיטש, אויגוסטאָװ (אַגוסטי), „באַדקי״, װערט פאַרצײכנט אין די חשבונות פון װעד מיטן גליל טיקטין (י. הײלפּרין, חשבונות, ד. צ. אָ., ז. 212).

42) װעגן דעם װעד פון װאָלין אין האָראָכאָװ פּגל. אויבן אין שײַכות מיטן אופן פון אויפמאָנען דעם קאָפּשטײַער.

פון שערעשעוו אויף חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער.[43] אין די חשבונות פון וועד אַרבע ארצות מיט טיקטין זיינען פאַרצייכנט סומעס (צו 10 גילדן) פון שטיצע אויף נדן פאַר די טעכטער פון רב אין האָראָדלע, פון אַ דיין א. א.[43א]

דאַקעגן דאַרף מען יאָ באַטראַכטן ווי אַן אויסנעמפאַל די סוסידיע פון וועד פאַרן יידישן שפּיטאָל אין יאַראָסלאַוו. אויב מיר געפינען ניט אין ערגעץ פאַר־צייכנט קיין ענלעכע הוצאה, מעגן מיר אָננעמען, אַז דער וועד האָט געהאַלטן דאָס בויען און אויסהאַלטן אַ „הקדש" פאַר אַן אויסשליסלעכער פליכט פון די אָרטיקע קהילות. פאַר יאַראָסלאַוו האָט דער וועד געמאַכט אַן אויסנאָם מן הסתם צוליב דעם טעם, וואָס דאָרט פלעגט זיך צונויפקומען דער וועד. פונקט אַזוי איז געווען פריווילעגירט די פּיליצער קהילה, וואָס האָט באַקומען פון וועד שטיצע אויף צו בויען די שול אין יאָר 1763, בעת די זיצונג פון וועד איז פאָרגעקומען אין דעם שטעטל. אויך לובלין, ווי דאָס פאַרזאַמלונג־אָרט פון וועד פלעגט געניסן פון איר פּריווילעגירטער שטעלונג. אין יאָר 1609 באַשליסט דער וועד אויפצופאָדערן אַלע קהילות, זיי זאָלן שיקן שטיצע קיין לובלין, אויף צו בויען דאָרט אַ שול.[44]

סך הכל באַטרעפט די הוצאָה פון וועד אין יאָר 1726 פאַר סאָציאַלע און רעליגיעזע צוועקן 2,568 גילדן, גאָר אַ באַשיידענע סומע אַפילו פאַר זיך אַליין גענומען, שוין אָפּגערעדט פון דער פּראָפּאָרץ לגבי אַנדערע הוצאות.

סטרוקטור און כאַראַקטער פון בודזשעט פון וועד אין יאָר 1726

נאָך דעם אַנאַליז פון די באַזונדערע פּאָזיציעס פון בודזשעט, לאָמיר איצט באַטראַכטן דעם בודזשעט ווי אַ גאַנצקייט, סיי נאָך דעם ווי ער שפּיגלט אָפּ דעם פינאַנציעלן מצב פון דער צענטראַלער אויטאָנאָמער אינסטאַנץ, סיי נאָך דעם אויף וואָס ער באַשטימט די הוצאות.

די ריזיקע קאָסטן פון השתדלות און שוחד, די גאַנץ באַדייטנדיקע געהאַלטן און דיעטן פאַר די אייגענע באַאַמטע, האָבן געמוזט דערפירן דערצו, עס זאָלן אויסטערליש וואַקסן די חובות פון וועד.

דער בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1726 ווייזט אויף אַזעלכע תביעות, וואָס זייער דעקונג איז ניט פאָרויסגעזען אין לויפנדיקן יאָר:

1) (פּאָז. 6) אַן אַלטער חוב („ווידערקאף") ביי קלויסטערס, וואָס די פּראָצענטן דערפון מיט מתנות באַטרעפן 9,024 גילדן.

אויב מיר זאָלן רעכענען די פאַרהעלטנישמעסיק נידעריקע פּראָצענט־נאָרמע פון 8%, וואָס ווערט אָנגעגעבן פאַר די הלוואות ביי קלויסטערס צום

43) פנקס מדינת ליטא, תקנה צ"ח פון י. שפ"ח (1628); לש"ץ דשערשאווי לנדוניא בתו ג' שאק.

43א) י. היילפּרין „חשבונות", ד. צ. אָ. ז. 350, פּגל אויך הערה 37.

44) ל. לעווין. Neue Materialien, א. א. וו., 2, ז. 2, תקנה 3.

45) י. שיפּער, דער פינאַנציעלער חורבן א. אַ. וו., ז. 2.

סוף פון 17טן יאָרהונדערט, קומט אויס אַז דער קרן פון חוב ביי קלויסטערס אין יאָר 1720 האָט באַטראָפן אַרום 112,500 גילדן.[46]

2) (פּאַז. 28) אַן אַלטער חוב („ווידערקאַף״) ביי יידן, וואָס די פּראָצענטן פון אים באַטרעפן 700 גילדן. דער קרן פון חוב קען באַרעכנט ווערן על פּי דער דערמאָנטער פּראָצענט־נאָרמע אין סכום פון בערך 8,750 גילדן.

3) אַ נייער חוב אויף הוצאות פון וועד (פּאַז. 31) אין יאַראָסלאַוו, וואָס די פּראָצענטן פון קרן ווערן אָנגעגעבן אין סכום פון 390 גילדן. דער קרן פון חוב באַטרעפט בכן בערך 1,500 גילדן.

די סומע פון די אַלע תביעות באַטרעפט בערך 122,750 גילדן. אויב מיר רעכענען נאָך צו דעם רעשט פון 3,179 גילדן, וואָס נאָכן חשבון פון וועד איז אויף זיי ניט פאַרויסגעזען קיין דעקונג אין די הכנסות פון לויפנדיקן יאָר, דערגרייכט סך הכל דער חוב פון צענטראַלן וועד צום סוף פון 1726 בערך 126,000 גילדן!

די פינאַנציעלע סטרוקטור פון בודזשעט גופא כאַראַקטעריזירט צום בעסטן די גרויס פון די הוצאות וואָס זיינען באַשטימט אויף דעקונג פון נייע חובות און אויף אָפּצאָלן פּראָצענטן פון אַלטע חובות, לגבי די לויפנדיקע הוצאות פונעם יאָר.

דער ברוטאָ־בודזשעט פון וועד אויפן יאָר 1726 באַטרעפט 291,527 גילדן. דער נעטאָ־בודזשעט פון וועד, נאָכן אַראָפּרעכענען 220 טויזנט גילדן קאַפּשטייער, באַטרעפט בכן 71,527 גילדן. דערפון זיינען פאָלגנדיקע פּאָזיציעס באַשטימט אויף אָפּצוצאָלן חובות און פּראָצענטן:

1) (פּאַז. 6) פּראָצענטן פון אַלטע חובות ביי קלויסטערס — 9,024 גילדן
2) (פּאַז. 16) אַ חוב אויף הוצאות פאַרן וואַרשעווער סיים — 10,116 גילדן
3) (פּאַז. 17) פּראָצענטן פון דער דאָזיקער סומע — — 2,419 גילדן
4) (פּאַז. 18) אַ חוב אויף הוצאות בעת דער קאָמיסיע אין ראַדאָם — — — — — — — — — — — — 10,725 גילדן
5) (פּאַז. 19) פּראָצענטן פון דער דאָזיקער סומע — — — 2,791 גילדן
6) (פּאַז. 28) פּראָצענטן פון חובות ביי יידן — — — — — 700 גילדן
7) (פּאַז. 29) אַ חוב דעם רב פון אָסטראָהע[47] — — — 1,680 גילדן
8) (פּאַז. 30) אַ חוב דעם יידן ענזל פון קראָקע — — — 800 גילדן
9) (פּאַז. 31) פּראָצענטן פון חוב אויף הוצאות פון וועד אין יאַראָסלאַוו — — — — — — — — — — — 390 גילדן
10) (פּאַז. 34) אַ חוב דעם רב פון סיעמיאַטיטש — — — 660 גילדן

46) שיפּער באַרעכנט, אַז אין יאָר 1748 איז דער צענטראַלער וועד שולדיק געווען חובות ביי קריסטלעכע גייסטלעכע העכער 100 טויזנט גילדן (דאָרט גופא, ז. 4).

47) מעגלעך, אַז דאָס איז דערזעלבער רב פון אָסטראָהע, „ר׳ שמעלקע ע״ה״, וואָס דער וואָלינער וועד האָט ביי אים געבאָרגט געלט, אויף צו שטיצן אָרעמע ישיבה בחורים. זע: י. שיפּער, פּוילישע רעגעסטן א. אַ. וו., ד. צ. אַ., ז. 100.

(11) (פּאַז. 20) אַ חוב אויף הוצאות פאַר אַרעמעלייט אין
יאָר 1725 — — — — — — — — — — — — — 1,280 גילדן
(12) (פּאַז. 33) פאַר פאַרשידענע אַסיגנאַציעס און חוות דעת
פון די ראשים פון דער קרוין אין יאָר 1724 — — 741 גילדן
(13) חובות צו די קהילות, וואָס האָבן איבערגעצאָלט[48]
אין יאָר 1725 — — — — — — — — — — — — 6,100 גילדן

סך הכל — — — — — — — — — — 47,426 גילדן

ווי מיר זעען, איז פון דעם נעטאָ־בודזשעט פון וועד 71,527 גילדן, אַ סכום פון 47,426 גילדן, ד. ה. העכער 66 פּראָצענט, הכלל צוויי דריטל, באַשטימט אויף צו באַצאָלן חובות און פּראָצענטן און בלויז איין דריטל ווערט אויסגעגעבן אויף לויפנדיקע הוצאות פונעם בודזשעט־יאָר! די פינאַנציעלע ירידה פון וועד קומט דאָ ווידער בולט צום אויסדרוק! כדי צו דעקן די לויפנדיקע הוצאות פלעגט דער וועד מיט יעדער יאָר אַלץ מער פאַרזינקען אין נייע חובות!

לאָמיר איצט זען, ווי אַזוי דער נעטאָ־בודזשעט פון וועד איז צוזאַמענגעשטעלט נאָך דער באַשטימונג פון די הוצאות:

סך הכל פון הוצאות פון וועד אין יאָר 1726 — — — — 291,527 גילדן

	אַבסאָלוטע סומע	פּראָצענט
נעטאָ־הוצאות (נאָכן אָראָפּרעכענען 220 טויזנט גילדן קאַפּשטייער) — — — — — — — — —	**71,527 גילדן**	**100,0**
יאָרגעלטער פאַר מלוכה־באַאַמטע — — — — —	14,780 "	20,6
הוצאות אויף השתדלות[49] — — — — — — —	28,254 "	39,5
הוצאות פון וועד אויף געהאַלטן און דיעטן פאַר אייגענע באַאַמטע — — — — — — — — —	4,765 "	6,7
הוצאות אויף סאָציאַלער הילף און רעליגיעזע צוועקן	2,568 "	3,6
חובות, וואָס זייער באַשטימונג איז ניט אָנגעגעבן —	21,160 "	29,6
א) פּראָצענטן פון אַלטע חובות — — — — 9,724 גילדן 13,6		
ב) נייע חובות[50] — — 5,336 " 7,5		
ג) אָראָפּגערעכנט די קהלות פון פאַראַיאָריקן קאָפּשטייער — — 6,100 " 8,5		

דער סדר פון די הוצאות נאָך זייער גרייס נאָך איז בכן אַזאַ:
בערך 40 פּראָצענט פון זיין יערלעכן נעטאָ־בודזשעט גיט אויס דער וועד

48) „דעפּאַלקאָ" פּאָזיציעס, נר. 8־15, 45, 46.
49) דאָ האָבן מיר אַריינגערעכנט די סומע פאַרן יידישן מעקלער פון שאַצמייסטער, אויך די סומע פאַר די קירכנדינער.
50) דאָ האָבן מיר אַריינגערעכנט די הוצאָה אויף מעקלערס אין יאַראָסלאַוו, וואָס האָבן פאַרמיטלט ביי די הלוואות.

אויף השתדלות. קרוב 30 פּראָצענט גייט אַוועק אויף חובות, וואָס זייער באַשטימונג איז ניט אָנגעגעבן. העכער 20 פּראָצענט באַטרעפן יאָרגעלטער פאַר מלוכה־באַאַמטע. פון די איבעריקע 10 פּראָצענט ווערן אויסגעגעבן 6,7% אויף אייגענע הוצאות פון אַפּאַראַט פון וועד און 3,6% אויף סאָציאַלע און רעליגיעזע צוועקן.

אַזוי ווי די געהאַלטן פאַר מלוכה־באַאַמטע טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער פון „אכפרה פניו במנחה", ווי די אייגנטלעכע הוצאות פאַר השתדלות, הייסט עס, אַז 60%, גאַנצע דריי פינפטל פון אייגנטלעכע הוצאות פון צענטראַלן וועד (ניט רעכנענדיק דעם קאָפּשטייער) ווערט אויסגעגעבן אויף באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג קעגן דעם הערשנדיקן באַאַמטן־אַפּאַראַט און קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס פון דער שלאַכטע. די דאָזיקע פּראָפּאָרץ רעדט שוין אַליין פאַר זיך וועגן דער רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמאָ־ליקן פוילן!

וואָס שייך די באַדייטונג פון דער צענטראַלער אויטאָנאָמיע פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמאָליקן פוילן ווערט זי אין אמתן רעדוצירט בלויז צו דער פּאָזיציע פון נישטיקע 3,6% אויף סאָציאַלע צוועקן. די איבעריקע קרוב 96½ פּראָצענט פון נעטאָ־בודזשעט ווערן דאָך אין גאַנצן אויסגעגעבן אויף צוועקן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די שטייערפּליכטן פון יידן לגבי דער מלוכה און ניט מיט די הצטרכותן פון דער יידישער באַפעלקערונג. וואָרעם ניט בלויז די חובות (קרוב 30 פּראָצענט!) זיינען ניט אויסגעגעבן געוואָרן אויף עפּעס אַנדערש, ווי אויף צו דעקן קאָסטן פון השתדלות, און פאַרלעגענע מלוכה־שטייערן. אַפילו די הוצאות אויף אויסהאַלטן דעם צענטראַלן וועד (6,7%) זיינען אַ רעזולטאַט פון דער לאַסט פון יידישע שטייערן פאַר דער מלוכה: אויף צו מאַכן חשבונות פון שטייער פּלעגט מען צאָלן געהאַלטן די יידישע גענעראַל־שרייבער, צוליב דער אויפגאַבע פון צעטיילן די שטייערן אויף די באַזונדערע פּראָווינצן פּלעגן די קאָמיסיעס פון וועד אָפּהאַלטן זיי־צונגען גאַנצע חדשים, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט אַ הון דיעטן.

דאָס אַלץ האָט אָבער נאָר אַ שייכות צום נעטאָ־בודזשעט פון וועד. לגבי דעם פולן בודזשעט פון וועד, וואו דער קאָפּשטייער אַליין דערגרייכט 220,000 גילדן, באַטרעפן די הוצאות פון דער צענטראַלער אויטאָנאָמער אינ־סטאַנץ אויף פּאָזיטיווע יידישע צוועקן, אויף סאָציאַלער הילף (אריינגערעכנט אַפילו די סובסידיעס אויף בויען שולן!) אַפילו ניט קיין הונדערטסטל (גענוי 0,8 פּראָצענט!)!

דאָ אַנטפּלעקט זיך דער אמתער מהות פון דער יידישער צענטראַלער אויטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פוילן. דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ הילפס־אַפּאַראַט פאַר דער שלאַכטע־מלוכה אויף אויסצופּרעסן ספּעציעלע שטייערן פון דער יידישער באַפעלקערונג. די קאָסטן פון אויסהאַלטן דעם דאָזיקן אַפּאַראַט האָבן זיך געלייגט ווי אַ נייע שווערע משא אויף די פּלייצעס פון די פאַר־אָרעמטע יידישע מאַסן.

הונדערט און פופציק יאָר יידיש

פון יודא א. יאָפע

(רעפעראַט געלייענט דעם 7טן יאַנואַר, 1939, אויפן צוזאַמענפאָר פון אַמאָפּטייל).

אַ שפּראַך ווערט ניט געבאָרן אַ פאַרטיקע זאַך, אין אַ געוויסן טאָג (ווי אַ קינד למשל). פון אַ שפּראַך קען מען די מעטריקעס ניט קריגן; און יידיש האָט זיך אַנטוויקלט ביסלעכווייז, ווי אַלע שפּראַכן.

פון אַ מענטשנס פאָטאָגראַפישע בילדער פון געבוירנטאָג ביזן טויט קען מען זען, ווי אַזוי זיין פּנים האָט זיך געביטן. אָבער אָן די צווישנדיקע פאָר־טרעטן קען מען קוים איינזען, ווי אַזוי דער פּנים פון קינד איז געוואָרן דער צערונצלטער, מיט אַ לאַנגער באָרד באַוואַקסענער פּנים פון אַ זקן.

צוליב באַקוועמלעכקייט און קלאָרקייט קען מען צעטיילן אָדער אָפּ־גרענעצן דעם לעבן און די אַנטוויקלונג פון אַ שפּראַך אין פאַרשיידענע עפּאָכעס, עלטער. מע קען דעריבער מיט רעכט אָפּטיילן די לעצטע 150 יאָר יידיש ווי אַ באַזונדערע עפּאָכע, און איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאָג איך צו דערציילן, ווי אַזוי יידיש האָט זיך געביטן זינט דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע.

אָבער פאַרשטיין דאַרפט איר, אַז געוויסע זאַכן האָבן זיך נאָך אַלץ גע־טראָפן אַ סך שפּעטער פון 1789, און אַז אַנדערע פאַקטן קען מען געפינען נאָך פריער פון גרענעץ־יאָר 1789. מע מוז געדענקען, אַז 1789 מיינט אַן ערך: 10—25—50 יאָר שפּעטער אָדער פריער איז ניט אַבסאָלוט וויכטיק.

***

אויסערלעכער אויסזען פון געדרוקטן יידיש

יידיש האָט זיך באַלד קלאָר אָפּגעצאַמט פון העברעאיש, ווען מע האָט אָנגעהויבן דרוקן ביכער. כתב־ידן העברעאישע און יידישע פלעגט מען שרייבן מיטן זעלביקן קורסיוו (אָדער משקיט, מעשיט)*), נאָר רבנישע ביכער פלעגן די ספרדים שרייבן מיט רשי־כתב. אָבער ביכער האָט מען אָנגעהויבן דרוקן (1) העברעאישע מיט קוואַדראַט, (2) רבנישע מיט רשי־כתב, און (3) יידישע מיט ווייבער־כתב (דער אַלטער אַלגעמיינער קורסיוו) אָדער ווייבער־טייטש, קליין־טייטש, עברי־טייטש אאַז״וו. און אַזוי איז קליין־טייטש פאַרבליבן ביי

---

*) פאַרגלייך גרינבוים יידיש־דייטשע כריסטאָמאַטיע זז. 5־494 (לייפּציג, 1882), און לעוויטאַס, „תשבי״, וואָרט משקיט.

יידיש ביז אין 19טן יאָרהונדערט אַריין, צאינה וראינות האָט מען נאָך געדרוקט אין די 60ער און תחינות אַפילו אין די 70ער יאָרן מיט ווייבער־כתב. איין אויסנאָם מיט קוואַדראַט אין די עלטערע יאָרן איז, ווי ווייט איך ווייס, געווען די „ליבלכה תפילה אודר גרעפטיגה־ארטצנייא פאַר גוף און נשמה", געדרוקט אין 1709.

פאַרבייגייענדיק וויל איך אָנווייזן ספּעציעל אויפן פאַקט, אַז דער גע־דרוקטער ווייבער־טייטש איז גאָר אַ קנאַפּע מאָדיפיצירונג פון דעם העב־רעאישן און יידישן שריפט, וואָס מע האָט גענוצט הונדערטער און הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד אין אַלע כתב־ידן, און צו דערצו אויך, אַז אָט דער שריפט שטאַמט דירעקט פון אוראַלטן פיניקישן, פון פאַר־קריסטוסעס צייטן.

אין יידישע געדרוקטע ביכער איז דער קוואַדראַט־שריפט, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, צוריקגעקומען אָנשטאָט דעם ווייבער־כתב, און אָט דער אויסער־לעכער, בולטער, מעכאַנישער אונטערשייד איז געווען סימבאָליש פאַר דער אינערלעכער איבערקערעניש אין דער יידישער שפּראַך וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט, אַן איבערקערעניש אין: (1) וואָרט־אוצר (מער סלאַווישע ווערטער), (2) וואָרט־סדר (אָפּגעשאָפט דייטשישע קאָנסטרוקציע), (3) וואָרט־פאָרמעס און זאַץ־בוי (מער סלאַוויש).

די רעוואָלוציע פון 1789 האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט, און אויב פאַר איר און אין איר צייט האָט מען גערעדט וועגן אַבסטראַקציעס (פיקציעס, אויב איר ווילט), ווי „מענטש", „מענטשנרעכט", „פרייהייט", „גלייכהייט", „ברידערלעכקייט", האָט מען נאָך איר, ספּעציעל נאָך נאַפּאָלעאָנען, אָנגעהויבן רעדן וועגן קאָנקרעטע בשר ודמס, מענטשן און פעלקער, — אַ מין זעלבסטבאַשטימונג־באַוועגונג, ווי אין 1915—1920, נאָר מיט אַ 100 יאָר פריער. איצט האָט מען גערעדט וועגן (רעכט פון) פראַנצויזן, דייטשן, רוסן, יידן, און נאַפּאָלעאָן האָט געהאַט אין 1806—7 אַ פּלאַן איינצורופן אַ יידישן אַלוועלטלעכן סנהדרין.

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע (אַ דאַנק דער נייער דאַמפּמאַשינע) האָט אַרויסגערוקט בולטער פאַר דער וועלט דעם פּשוטן מענטשן, וואָס האָרעוועט צו מאַכן אַ לעבן, מיט זיינע נויטן און אַפילו פאָדערונגען. ביז דעמאָלט פלעגט ער מוזן זיך אויסלערנען צוויי אלף־בית (העברעאיש פאַרן דאַווענען און חומש און דעם יידישן פון זיין מוטערשפּראַך, און אַמאָל נאָך אַ דריטן פאַר רשי), און צו דערצו האָט ער נאָך געדאַרפט ברעכן די ציין צו פאַרשטיין זיין אייגענע שפּראַך אין געדרוקטע מוסר־ספרים, ווייל זי איז געבליבן אין אַ פאַרגליווערטער פאָרמע, וואָס מע האָט פּינקטלעך און געטריי איבערגע־דרוקט ווי אַ הונדערטער־יאָריקע ירושה. דערפאַר האָט מען פאַר אים איצט אָנגעהויבן דרוקן ביידע סאָרטן ספרים מיט איין קוואַדראַט־אלף־בית.

און ווייטער האָט מען זיך גענומען אָנקליידן די יידישע ספרים אין דער שפּראַך וואָס ער, דער לעבעדיקער ייד, האָט גערעדט, און ניט אין דער פאַר־

גליווערטער פּאַרמע פון צוויי, דריי, פיר הונדערט יאָר פריער (פּאַרגלייך אַ שטייגער חדר־ווערטער, ווי „געפעדערט", „לעפצן", „דיך", „ברווילאפּט", „אָרן", „פרימזל", „לאַטוך"). אַט נעמען מיר דעם „מנורת המאור" (אַמסטערדאַם 1722), וואָס אין אַלע אויסגאַבעס ביז אַפילו אין 1824, סלאַוויטא, איז נאָך אַלץ איבערגעדרוקט אות באות, און פאַרגלייכן אים מיט דער 1830—1831 אויסגאַבעביים זעלביקן אַרויסגעבער פון סלאַוויטא.

דער שער־בלאַט פון 1824 (געדרוקט ביי שמואל אברהם שפּירא) זאָגט: פירוש טייטש, און אין די דריי הסכמות: „הן עס טייטש פשוט והן עס טייטש בכתב אשוריש (גלייך ווייבער־כתב, — י. א. י.).

אין 1824 (ד' ה' פון 1722 אָן) לייענען מיר: „גרסינן מיר לערנען אין (מסכת שבת) ער זאָגט (רבי עקיבאָ) ער זאָגט (רבי יוחנן) וואָס מיינט דער פּסוק גאָט האָט געבן איין זאָג דש דאָ האָט גבעטן ברוט פיל היאר דאז איז גמיינט איטליכן (דבור) דש גאט גירעט האט. איז פר טיילט גיוואָרן אויף שבעים לשונות: בייא (רבי ישמעאל) האָט מן גילערנט עש שטיט אין פּסוק. מיין ריד זיין אלש איין הייאר: און אלש וויא איין האמיר דער דאָ צו שלאגט דען פעלזן.. וויא איז איין האמיר צו טיילט דען שטיין צו פיל שטיקר זוא איז אך דוא ריד פון (הקב"ה) דיא זיין פרטיילט גיוואָרן אויף פיל ארלייא מאַנירן." (הקדמה למנורה, ערשטע שורות).

אין דער שפּעטערדיקער סלאַוויטער אויסגאַבע, שער: 1830, העב. לפ"ק 1831, אָבער־צענזור ווילנע 9טן יולי 1828, שטייט: עם פּירוש טייטש־עברי (אין אַלע 3 הסכמות און אויפן שער־בלאַט).

W Sławucie w Drukarnie szmula abrama szapiry własnym nakładem Roku, 1930.

די שריפט אין יידיש איז קוואַדראַט, לייענען מיר (הקדמה למנורה): „גרסינן מיר לערנען אין מסכת שבת אין פּרק רבי עקיבאָ: רבי יוחנן זאָגט וואָש מיינט עס דער פּסוק גאָט האָט גיגבין איין זאָג וואָש עש האָט איין בשורה גיזאָגט צו פיל חיילות. דש איז גימיינט איטליכר דיבור וואָש גאָט הט גירעט איז צו טיילט גיוואָרין אויף זיבציג לשונות. די בני ישיבה פון רבי ישמעאל האָבן גילערינט עש שטייט אין פּסוק דאָס איז גימיינט אַזוי ווי איין האַמיר צו קלאַפּט דעם שטיין אויף פיל שטיקער אַזוי אוך דיא רייד פון דער תורה ווערן צו טיילט אוף פיל ארלייא ענינים."

מיר נעמען נאָך אַ ביישפּיל פון דיביידע אויסגאַבעס פון „מנורת המאור", סלאַוויטא 1824 (הקדמה לנר הראשון, ערשטע שורות): „שנינו מיר האָבן גילערנט אין מסכת אבות. רבי אלעזר הקפר זאָגט הקנאה ווער לייטן מקנא איז און גינט זיא ניט וואז זיא גאָט גיבט והתאוה אוך דר דאָ גילושט מער אַלש אים געבירט אודר צו עבירות און ביזי זאַכן והכבוד אונ דר דאָ וויל פיל כבוד האָבן. זעלכי זאַכן ברענגן דעם מענשן פון דיא וועלט. און איטליכש פון דיא דרייא זאַכן זיין אורזאַך דז דר מענש קיין רעכטי פר טרויאן האָט

אויף הש״י. אונ דז ער שטאַרבט פר זיין צייט. און ווערט פר יאָגט פון עולם הבאָ. דען דר זיין חבר מקנא איז האָט איין ביזי נטויאר אונ איז גאָר ביז פון הערצן. און אַלי צייט בילד ער זיך איין זיין חבר האָט צו פיל אונ ער האָט צו ווינג. און אַל דז גוטש וואָש גאָט זיין חבר גיבט.. האָט ער קנאָה דרויף אונ פר דריסט אים.

אין סלאַוויטאַ 1831 (דף אן) זעט דאָס אויס גאָר אַנדערש:

שנינו מיר האָבן גילערינט אין דער מסכת אבות אין פרק בן זומא רבי אליעזר הקפר זאָגט: דיא קנאָה וואָש איין מענטש איז לייטין מקנא און דיא תאווה וואָש איין מענטש ווערט גצויגן נאָך תאוות עולם הזה: און דער כבוד וואָש איין מענטש יאָגט נאָך, דהיינו ער וויל לייטין זאָלין אים ערליך האַלטין: דיא דאָזיגי זאַכין ציהן אויש און ברייגגן אויש דעם מענטשן פון דער וועלט. און איטליכי מידה פון די דאָזיגי דריי מידות זענין גורם דאָס איין מענטש ווערט אָן דורך זייא זיין גלייבונג אין הש״י: און זייא טייטן דעם מענטשן פאַר זיין צייט און פאַר יאָגן אים פון עולם הבא. דען דער וואָש איז זיך מקנא אין זיין חבר, דאָש איז איין מיאוסע מידה און דאָש קומט פון איין בייז האַרץ וועד עש האָט: דען עש דאַכט זיך אים תמיד דאָש וואָש זיין חבר האָט איז פיל און וואָש ער האָט איז ווייניג און וואָש פאַר איין טובה עש קומט צו זיין חבר איז דאָש צום בעל־מקנא צו איין כעס און צו איין קנאָה.

1) שפּאַלט ,34א .ז ,1720 ,וויטער אין „עץ חיים" (פראַנקפורט־אַם־מאַין לייענען מיר:

„דש אורט פון די מזוזה איז אן די בייא שטידל, נידריגר ניט. און די בעשטי מצוה איז מן גהער איין גלאז פר דעם (שם) צו מאַכן, און איין טיכל דער פיר צו הענגן. ווען דר טיר ווער אין די היך קייליכדיג אַזו ווייט אַז דש קייליכדיגי איז טאָר מן דאַרטנ איין מזוזה ניט אָן מאַכן, נייאַרט נידריגר אונטר דעם קייליכדיגן" (אַזוי אויך אין זשאָלקווע, 1806, יוזעפאָוו, 1834„ און אַ ביסל בעסער אין וואַרשע 1856).

אָבער אין „חק חיים" פון ווילנע 1844, ז. 71, שפּאַלט 1, געפינען מיר אונדזער יידיש: „דאָש אורט וויא דיא מזוזה בדאַרף זיין אונם (אין דעם) האָדווירעג איז אונם דריטין חלק און (אין) דער הייך דהיינו ווען דער האָד־ווירעג האַלט דרייא איילין זאָל זיין די מזוזה אונם דריטין טייל, אָבער ניט נידריגער און די בעשטע מצוה איז אַז עש זאָל זיין איין גלאָז איבער דעם שם פון דער מזוזה. ווען די טיר איז קייליכדיג אַזוי ווייט וואו עש איז קייר־ליכדיג זאָל מען ניט צו שלאָגין די מזוזה, נייערט נידריגער אונטער דעם קייליכדיגן".

דאָ איז דער אַלט־יידישער וואָרט „ביישטידל" (אין מינסק באַקאַנט סוף 19טן י״ה און אַפּילו היינט אויכעט), וואָס קומט פון בייעריש פאַרביטן אויפן ליטווישן וואָרט אדווירי־א, (אָבער שוין מיט אַ ה און אַ פאַרקלענער־סופיקס), וואָס מען האָט קענטיק אין יענעם געגנט גענוצט.

נאַטירלעך קומט אויף די פראַגע, פון וואַנען איז אַט די איבערקערעניש גע־קומען? ווי באַקאַנט, האָט נ. שטיף דאָ אַריינגעשטעלט אַ רעוואָלוציע, ווי מע דאַרף פאַר אַלץ וואָס מע שרייבט אין סאָוועטן־רוסלאַנד. איך וועל זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין מחלוקת, צי עס איז אַ „רעוואָלוציע", אָבער אַן איבער־בראָך איז דאָס געווען, און וועגן דעם וועלן מיר ריידן.

*
**

גערעדטע שפּראַך — עלטסטע דאָקומענטן

עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז אין זייערע שאלות ותשובות האָבן די אַלט־צייטיקע רבנים גאָר ספּעציעל פּינקטלעך פאַרשריבן די גבית־עדות אין די אָריגינעלע שפּראַכן. אַזוי האָבן מיר יידיש (בלשון אשכנז), אַ קליין ביסל סלאַוויש (רייסיש, אוקראַאיניש) און ביי די ספרדישע רבנים — אַפילו אַראַביש און שפּאַניאָליש (פאַרגלייך רובאַשאָוו, „היסטאָרישע שריפטן", ב. 1, ז. 124).

נאַטירלעך דאַרפן מיר דאָ זוכן די עלטסטע פאַרפראָטאָקאָלירטע פראַג־מענטן פון יידיש ווי מע האָט עס גערעדט דעם טאָג פון פאַרהער אין דער שטאָט אָדער אָרט, פון וואַנען אַן עדות האָט געשטאַמט.

פאַרשטייט זיך, אַז די שפּראַך בייט זיך מיטן אָרט און צייט: די עלטסטע פּראָטאָקאָלן און די פּראָטאָקאָלן פון דייטשלאַנד זיינען נעענטער צום מיטל־הויכדייטש פון דער צייט איידער די שפּעטערדיקע, פאַרשריבענע אין קראָקע, לובלין, מאָהילעוו, בעלז אאַז"וו. און אויך אויב דער רב שטאַמט פון דייטש־לאַנד אָדער מערן (מאָראַוויאַ, טשעכאָסלאָוואַקיי), קען מען עס זען פון זיין חקרענען, אַזוי, למשל, יואל סירקיש (1541—1640) אין סימן 72, שרייבט: א"א, ער איז יוא (ער), דן ער איז גילאָפן ארפט (אַראָפּעט) פון דען הויז איז ביז אראָב צו גין גוועזן איז אין רין שטאָק גישפּרונגען איז זער טיף גיוועזין אַזו איז ער קוים (גי) קומן אין דיין געסיל אַראָב קיגן וועלבאַרסקין מיר זענן קומן ביז אן דען פּערטיל הינטן וואָ מן דיא שומרים אַרויז גילאָזן אויז דען לאַנד הויז: און מיר האָבן אין דער נאָך ניט גזעהן."

אין דער תשובה גופא שרייבט ער שוין ... דען ער איז גלאָפן הראָב פון דען הויז. און אַפילו דער פּוילישער ייד רש"ל קלאָגט זיך: שמדברין לשון אשכנז גסה במדינת פּולין, ד. ה. אַז זיי ריידן אַ שלעכטן פאַרדאַר־בענעם דייטש אין פּוילן. אין זיין אַרטיקל: די אומגאַנג־שפּראַך און פאָלקס־ליטעראַטור פון די פּויליש־ליטווישע יידן אין 16טן און ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט (יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ, 1909 ,1, ז"ז, 7—40), זאָגט דובנאָוו:

„נאָר אַ שמאָלינקע, קוים אָנזעעוודיקע סטעזשקע האָבן דורכגעלייגט די איינוואַנדערערס פון מערב־אייראָפּע (דייטשלאַנד, בעמען אאַז"וו) קיין פּוילן וואָס האָט געהאַלטן אין געבוירן ווערן". און ווייטער זאָגט ער (ז"ז 33): „ניט

גלאַט אַ צופאַל איז עס געווען וואָס מיט אַט אָ דער עפּאָכע (עפּאָכע פון „זשאַרגאָנישער״ ליטעראַטור, י. אָ. י.) איז צוזאַמענגעבונדן דער נאָמען פון יידישן צענטער אין פוילן, און ניט אין דייטשלאַנד, דעם געבוירן־אָרט פון זשאַרגאָן. די יידישע קראָקע פון אָנהייב זעכצנטן יאָרהונדערט איז באַשטאַנען פון צוויי קהילות: דער היימיש־פוילישער און דער בעמישער (פּייעמישער), פון געקומענע פון פּייעס און דייטשלאַנד (דער קורסיוו איז מיינער, י. אָ. י.). אין אַלט־יידיש האָט בעמען (טשעכאָסלאָוואַקיע) געהייסן: פּיהם ומערהען (מאָראַוויע). די דייטשישע יידן אין דער קראָקעווער קהילה האָבן גערעדט „דייטש״ און די בעמישע יידן האָבן גערעדט „מעריש״־(יידיש). די איינגעבאָרענע פּוילישע יידן האָבן באַצייכנט די „העכערע״ שפּראַך פון דער פרעמדער איינגעוואַנדערטער יידישער באַפעלקערונג גאַנץ נאַטירלעך מיטן נאָמען דייטש־מעריש, אָן שום שפּאָט. מע קען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן, אַז אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן די פּוילישע יידן זיך אָנגעהויבן צו באַציען צו די יידן פון דער אַנדערער קהילה אַביסל ווי די ניו־יאָרקער מזרח־יידן אין זייערע באַציאונגען צו די היגע דייטשע „יאַהודים״. און אַזוי אַרום האָט דער וואָרט דייטש־מעריש אַנטוויקלט אונדזער איצטיקן ביי־טעם פון חוזק און שפּאָט.

אָבער מ׳דאַרף געדענקען אַז דער פאַרדאַרב פון טייטש איז דער וואוקס און זעלבסטשטענדיקע אַנטוויקלונג פון יידיש. די געשיכטע פון איינפאַכן פּרעטעריט (פאַרגאַנגענע צייט אין ווערבן) אילוסטרירט פאַר אונדז אָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג.

דער איינפאַכער פּרעטעריט וואַר, זאַך, גינג, שפּראַך, שטונד פון די עלטסטע שאלות ותשובות ווערט אין די שפּעטערע: האָט געשפּראָכן, גערעדט, איך האָב געזען אאַז״וו. אין מהרי ווילס (ערשטע העלפט 15טן י״ה) שאלות ותשובות, סימן קמז׳, געפינען מיר: דאָ שפּראַך (3 מאָל) דורכגעמישט מיט: זי האָבן פור וירקט, דו האָשט גשיקט, איך הון גיטון, איך הון גברוכן די הסכמות, הון גימאַכט, איך הון אוביל גריט (2 מאָל). אין סימן קמח׳: דאָ נם איך איין חומש און לגיט מיין הנט דריין און טעט איין שבועה.

אין איסערלינס (1390—1460), סימן ס״ז: הוט גיהורט, סימן קס״א — הוט מן גילובט; סימן רכ״ב: ער הוט ניט רעכט בייא מיר גלעגן; אָבער אין סימן ר״ם געפינען מיר: די דר טרענקטען אין.

מהר״י ברונאָ (1400—1480) חזרט איבער: ער הוט ניט רעכט בייא מיר גליגן (סימן ק״צ), הוט מן אין גבינדן (סימן רט״ז); איך הב אים וואָלגהענט (וואויל געקענט) (סימן נ״ג).

מהרי מינץ (געבאָרן אין מאַינץ און רב דאָרט אין 1455 און אין פּויזן 1474) (סימן י״ז): דאָ האָט ער מיך דר צו גיצוואונגן; דאָ שפּראַך זיא; קאַם צו מיר אין מיין בית דאָ זייט (זאגטע) איך: דאָ קאַם זי צו לויפן; דאָ וואָלט איך עש ניט טון און ליש דש גט שרייבן... און איך ליש און פולגט אוישרייבן און חתמנן; און די אַנשפרוך כ״ו (אַזוי); האַב פר טון; זי האט

עס אַלן נאָך גיהט; איך עס פר קויפט האָן; מיין קליידר הוט ער מיר פר קויפט די ער מיר ניט הוט גימכט; סימן מ״ד (1463!) (47 מ) דוא הושט אים בעשטן גטאָן (48) אַז פייל אַז דוא געבן הושט;. דוא הושט עס דיר זעלברט גטאָן, הושט געבן אאַז״וו (54) אַז דוא מיר געשריבן הושט... דז האב איך ביי דיין אונקיל גשריבן.

רמ״א (איסערליש, קראָקע 72—1520); סימן י״ב (1558); איך בין בייא מיינם ווייב גיוועזין (ניט וואר!) און האָב גזעהן; דאָ האב איך גיזעהן (ניט זאַך!);. איז גישפרונגען (ניט שפּראַנג!) פון איר... זאָ זאַך איך פלוני; האַב זיא גיפונדן; האט מיר גיוויזן חתימות; (68) דר נאָך איז מיר פלוני ווידר נאָך גנגן אין האט מיך גיבעטן... דא שפּראַך איך... דא האט ער צו מיר גישפּראָכן... דא האב איך גישפּראָכן; (70) נאָך איינמאָל האט לייצל צו מיר גישפּראָכן... בין איך גנגן און האב אן גיקלאָפּט... און איך האב גיהערט; (71) און האב עס מיינם ווייב גיזאגט.

רש״ל (73—1510) און אַלע שפּעטערדיקע נוצן כמעט אויסשליסלעך די האט־, האב־, האסט־, האָבן־פאָרמעס; .גירעט, גיהורט, אאַז״וו. איך בין גיקומין (ניט איך קאם) אאַז״וו.

אין דער דייטשישער שפּראַך־וויסנשאַפט איז עס אַן אָנגענומענער פאַקט, אַז די איינפאַכע פאַרגאַנגנהייט (פּרעטעריט) איז אין גאַנצן אויסגעשטאָרבן אין פאָלקסמויל אַרום סוף פון 15טן יאָרהונדערט, און דאָס זעלביקע האָבן מיר געפונען אין די אויבן פאַרצייכנטע מוסטערן פון גערעדטן יידיש אין אַלטע צייטן.

לאָמיר איצט אַ קוק טאָן אויף דער יידישער פאָלקסשפּראַך אַרום סוף פון 18טן און אָנהייב 19טן י״ה. פאַר דעם צוועק זיינען נחמן בראַצלאַווערס סיפורי־מעשיות, בערדיטשעוו 1815, אַ וואונדערלעכער מאָנומענט. די נאַאיווע פאָלק־שפּראַך, אומבאַפּוצט און כמעט נאַקעט, שטייט פאַר אונדזערע אויגן, ווי די חסידישע מגידים האָבן זי גענוצט אין יענע צייטן. צו אָט אַזאַ שפּראַך איז געווען נייטיק נאָר איין זאַך, — באַקאַנטשאַפט מיט אַן אַנדער ליטעראַרישער שפּראַך, כדי פון אונדזער אייגענער אויסצופורעמען אַ קלאָרע, קרעפטיקע און זאַפטיקע שריפטשפּראַך, ווי מיר זעען זי אין אָסטראָהער „שבט יהודה" (1810), אין ספר „ישרי לב" און „ספר חסידים" (ביידע ווילנע 1819), אין סדילקאָווער „חובות הלבבות" (1820), פלאָוואוטער „מנורת המאור" (1831) און נאָך פריער אין „תיקון חצות" (לעמבערג, 1806), „יוסיפון" (לוואָוו, 1802) און אין „ספר מרגניתא" (פיורדא 1791).

אין אַ קליין ביכעלע „ראשית לימודי יעאָגראַפיע" (געדרוקט צווישן 30טן מאַי, 1814 און 30טן אָקטאָבער, 1816, ווי מע קען דרינגען פון געוויסע פאַקטן (דערמאָנטע קייסאָרים אין בוך) לייענען מיר אויפן שער: „האָבין מיר עס גידרוקט אוף גימיין טייטשי שפּראַך (בכדי) עס זאָלין עס קאָנין אָלי פר שטיין". ווייטער אין בוך גופא: „דיא וואָש שרייבן אונז (יעאָגראַפיע) ווייזן

אונז אויף דען פּאַפּיר זעלכי גרושע (לאַנד קאַרטין מאַפּפּעש) וואָש עש אי
דערויף די וועלט אין גאַנצין״. ווייטער: „נהר ווערט גירופין איין לופידיגע
וואַשר וואָס גייט איר וועג וויא אין איין קאָריטע״ ד״ה רוסישער וואָרט корыто
„מולטער״. דער מחבר נוצט די ווערטער: „רעליגע״, „סטאַדעס״, „„קינצלער״
„רעזידענצייע״, „פּראָווינצייע״, „פּאַבריקיס״, „גובערנייעס״, „עלצטי״, „אינדיך״
(אינדיגאָפּאַרב) אאַז״וו.

ווען מיר קומען צו דער פּראַגע, ווער איז געווען דער סאַמע וויכטיקסטער
פון דער גרופּע: מאַרקוזע, לעפין, חייקל הורוויץ, פּערל, עטינגער און אָקן
סענפעלד, איז שטיף באַשיידט אָן שום ספק, אַז דער פּלאַץ געהערט הורוויצן
(זיין בוך „צפנת פענח״ איז געווען פאַרטיק אין 1814, אָבער געדרוקט האָט
ער אים אין 1817). פּערל קומט ניט אין באַטראַכט, ווייל זיינע שריפטן האָבן
דערזען די ליכטיקע וועלט אין 1937 אין דער ייוואָ־אויסגאַבע. מאַרקוזע (זיין
ספר „רפואות״ איז אַרויס אין פּאָריצק אין 1790) שרייבט וועגן זיך: „ריין
טייטש לשון האָב איך פיל מאָהל גיוואָלט שרייבן, וואָלט מיך דער עולם ניט
דער למדן און ניט דער פּראָסטאַק פאַר שטאַנדן: איך האָב זאָ לאַנג גימוסט
וואַרטין ביז איך האָב מיר קאַליע גימאַכט מיין לשון: אונד האָב גילערנט
שלעכט טייטש צו ריידן (לשון זכר און לשון נקבה פאַר ביטן!)״. ער נוצט
סלאַווישע פּשוטע ווערטער און רעדט ווי אַ פּשוטער מענטש, אָבער דער וואָרט־
סדר איז נאָך אַלץ אָפּט אַ דייטשישער. — אַ גרויסער אויפטו נאָך אַלעמען

אויף זייט 7 (איך נעם עס פון זייט 30, פּרילוצקיס זאַמלביכער פאַר יידישן
פּאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע, 2, וואַרשע 1917) שרייבט ער
„איך וועל מוזן זאָגין וויא אַהער (ד. ה. פון וואַנען) עש קומט. ביי אונז אין
פוילן, צום ערשטן גלאַבט קיינר ניט, דאָס מיט גאָטס הילף קענן פּאָקין אונד
מאָזלין איין דאָקטר העלפין (ווער ווענען? — י. אָ. י.). אמת איז עס, דאָס
עש איז שווער אויך דעם גילערנטן דאָקטער צו העלפין (ד. ה. פאַר דעם גע־
לערנטן דאָקטאָר איז עס אויך אַ שווערע זאַך צו העלפן — י. אָ. י.) ווען די
פּאָקן שלעכט זיינן״. (איך וויל דאָ ספּעציעל אָנווייזן אויף אומיידישן וואָרט־
סדר).

שטיף מאַכט מאַרקוזען אַוועק מיטן האַנט און זאָגט, אַז פּרילוצקי האָט
אים פאַרגרימירט פאַר אַ יידישיסט.

איצט לאָמיר פאַרגלייכן אַן אַנאָנימען „קהלת״, ווילנע והורודנא, ת׳ק׳צ׳ב
(въ типографіи Манеса и Зымели 1831) מיט לעפינס באַ־
רימטער איבערזעצונג.

א) דיא רייד האָט גירעט שלמה המלך וועלכען מען רופט קהלת (ווייל
ער...) זון פון דויד המלך (ע״ה וועלכער וואָר...) ער איז גיוועזין איין מלך
אין דער שטאָט ירושלים (וואָש זיא איז פול...).

ב) שלמה המלך זאָגט אַלע זאַכין איז נישט [ ].

ג) וואָש פאַר איין גוטץ קומט אַרויש צום מענשין אין אַלי זייני מידיקייט

וואָש ער מידט זיך אויף דער וועלט וועלכע איז אונטער דער זון (נישט מער...).

ד) די רשעים שטאַרבן אַזו קומען אַנדערי מענטשן [און נעמען אַוועק בייא זייערי קינדער...] אָבער די ערד שטייט איביג".

לעפינס „קהלת", 1819, איז זיין אייגענער אויפטו, אָבער די 1831 איז אַן איבערדרוק און דאָס הייסט, אַז אפשר איז געווען אַן אויסגאַבע אפילו פאַר 1819. פאַרלויפיק קען איך ניט קיין אויסגאַבע פאַר 1819. איך וויל ניט זאָגן דערמיט, אַז לעפין האָט גענומען און גענוצט אַ פאַרטיקע איבערזעצונג. אָבער אַ פאַקט איז עס, אַז אַן איבערזעצונג אין פשוטע יידיש פאַר „פראָסטי לייט" האָט מען שוין געהאַט אָנפאַנג 19טן י"ה, אפשר נאָך פאַר לעפינס אייגענער איבערזעצונג. אָט זיינען לעפינס ערשטע שורות:

א) דאָס זענין דיא ווערטיר קהלתס דוידיס זון מלך און (אין) ירושלים. ב) פלעגט קהלת צו זאָגין: אַלדונג איז הבל. ג) וואָס קומט דעם מענטשין דרויס מיט אַלי זיינע האַריבאַניע. וואָס ער דער האַריביט זיך נאָר אונטר דער זון. ד) איין דור גייט פאַר בייא; און אַנאַנדר דור קומט ווידר אויף; נאָר דיא ערד בלייבט אַזו אייביג שטיין.

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אין „שבט יהודה", 1591, קראָקע, דף 82א, שורה 7 א"וו... נאָך דעם האָט אונש דער אַפיפיור דער לידיגט. ... דער עולם איז ניט וויניגר דען פינף און אַכציג יובלת און אין דעם יובל דעם לעצטין ווערט ער קומן (") האָט ער גיזאָגט צו אים: „אָם אָנפנג אודר אן לעצטין" (") זא זאגט ער (") איך ווייש ניט ("). שפראָך צו אים דער חכם מתיתיה (:") דער מאמר דער מכט גאָר ניט וואַרהפטיג דז ישו משיח איז דען ער איז דען זעלבין צייט ניט קומען. דער ווייל עש ניט קומט נאָך דער רעכין שפט פון יובלת". גרונימו וואר משיב: „איך האָב אין מיין אַן פנג ניט גיזאָגט דז ישו משיח איז גייערט דאש גיזאגט דז משיח פאר קומן איז. עש זייא פער צעהן יאָרן אודר פער צעהן טאגין איז אַלש גלייך". זאגטן דיא שלוחים (:") ער זאָל זעהן אונזר הער און זאלש ריכטין. ווען עש ניט ישו איז, דא אן אים גיזעהן, ווערט איין צייכן פון אכפרקייט און קלוקייט ווער זאלט זיין מאטיאו דער נאָר אודר מראשטי דער נאָר (?"). דא זאגט דער אפיפיור: „ווארום זאלט איר גרונימו ניט פער שטין (?), איז ער דאָך אייערין, ער איז מיט איינר עלילה אויף אייך גיקומן. ווערט איר זאגן דז משיח פאר קומן איז, אַז וואל צו זעהן איז פון דען מאמר, דא איז ענקיר זכין בטיל. און אוב דוא שון וועלשט זאגן דז עש מיגליך איז דז ער זייא קומן, ער איז אבר ניט ישו זוא ווערט ער צו אייך ווידר זאָגן (") איז ער דען מאטיפיקו דער נר(?)"

אין דער אָסטראָהער איבערזעצונג פון „שבט יהודה" 1810 (ז. 25א, שפּ. 2) לייענט עס זיך אַזוי: „דאָ ווערט דר פופש איבער גבעטן מיט די רייד און זאגט: „איר זענט גרעכט. דש מאג זיין דר אמת פון דר זאַך". אַזו זענן מיר דעם טאָג פון דאַרט אַוועק גגאַנגן צו אונזר הארבריג. מאַרגין קומן מיר

ווידר. דא פרעגט אונז גרימוני. „דיא גמרא זאגט אין (העולם פחות מן פ״ח יובלות וביובל אחרון בא) *) וכ״ו, זאָגט ר׳ מתיתיה: „פון דאַנן איז ניט גוויזן אז אייער באָג איז משיח — ער איז דאָך ניט גקומין אין דער צייט״. זאָגט גרימוני: „איך מיין ניט אַז דוקא דער באָג איז משיח. עש מאג זיין איין אנדר וואש איז גקומן מיט צעהן יאָר פריר אָדור שפּעטיר פון אים.״ זאָגין דיא רבנים צו אים: „נוא היינט פר שטייא מיט דיין שכל ווען דער באָג וואָש מן הט אן אים גזעהן אַזויבי סימני, גדולה וחכמה איז ניט דער משיח, נוא ווער דען קאָן ער זיין מאַטיאַש דער שוטה אודר פיקו דר טיפּוש?״ זאגט דער פופש: „ווארום פר שטייט איר ניט אַז דר גרימוני קומט אַלץ בעלילה מיט אייך: ער טראַכט זיך: „ממה נפשך — וועט איר זאָגן אַז דער משיח איז שון גקומן, וויא עש איז גוועזן פון דעם מאמר: אַזו איז דר וויכוח בטל: און אוב איר וועט זאגין אַז ער איז אפשר גקומן נאָר ער איז ניט דער באָג, וועט ער אייך זאָגן אַזוי וויא איר האָט אים גזאָגט: ווער דען קאָן ער זיין — מאַטאיש השוטה און פיקו הטיפש״.

ז. 222ב, שפּ. 2, (1810): „זו גראָבן זי אים אויף און גפינן דאָרט ליגן דעם גפגערטן מומר (;) דא קומן זי צום דיכוס און זאָגן (:״) מיר האָבן געפנט און מיר גפונן דאָרט איין מת און האָבן אים דר קענט אַז דש איז דר וואָש מיר האָבן אים גשמדת (;) דר דוכוס ווייסט ניט פון דר עלילה, וואָש דיא חומרים הבן דש גטאן (;) אַזו ווערט ער מלא חימא וכעס און דר צאָרן ברענט אים זער און שרייבט די מעש״ און שיקט דעם בריב צו דעם מלך און נעמט די ראשי היהודים אין תפיסה אַריין ביז עש וועט קומן איין תשובה פון דעם מלך (.) די יהודים האָבן זיך אַלי בהאַלטין און האָבן מורא אויף דר גאַס גיין מחמת רשעות פון די נוצרים (.) דא שיקן זי איין שליח קיין שביליא״...

אין „שבט יהודה״ 1591, ז. 75א איז עס: ...„האָבן עש אויף גיגראָבן און האָבן דען מומר גפונדין; זיין זי קומן צום דוכס און האָבן אים גיזאגט: מיר האבן איין נייא קבר גיפונדין און האבן אויף גיגראבין און האבן אויך דער קענט דען מאן דען זעלבן און אין דער ווארהייט דער מאַן דער דא האָט מימר גיוועזן. און דער דוכס האָט גיברענט וור צארין און גיזאגט (:„״) ביליך דז מען אום איין זעלכי זך דעם מלך חשבו(ן) זאָל געבן. זעצט דיא יודן אין הויז דער גיפענקניס ביז דז ווידר איין בישייד פון מלך קומט.(״) און וויא דיא יודן דיא זך אינן װאָרדן, שיקטין זי איין שליח להר״ר יהודה בן ווירגא קען שביליא ער זאלט בלד קומן״...

אויפן שער פון 1810 לייענען מיר: ...„מיר האָבן מעתיק גוועזן פון לשון הקודש אויף טייטש לשון כדי עש זאָלין פר שטיין דער פּראָסטי אולם ונשים. השם יתברך זאָל אונז שיקין דעם גואל צדק במהר בימינו אמן.״

ווי איר זעט, איז דער אַנאָנימער איבערזעצער (ריכטיקער איבערדער־

*) אין 1591 הייסט עס: דר עולם איז ניט וויניגר דען פינף און אַכציג יובלת און אין דעם יובל דעם לעצטין ווערט ער קומען (82א).

ציילער) האָט עס געמאַכט ספּעציעל פֿאַר פּראָסטע לייט און ווייבער, און איך גלייב ניט, אַז עס איז מיגלעך געוועזן די אַרבעט בעסער אויסצופֿירן. איך זאָג בפירוש, אַז איך וואָלט זיך גערן אונטערגעשריבן אונטער אַזאַ שטיק אַרבעט, דערצו נאָך, אַז עס האָט אַ דאַטע — 1810!

אין די אַלע אויבן־דערמאָנטע ציטאַטעס זעען מיר, ווי יידיש האָט זיך באַפרייט פֿון די קייטן פֿון אַלט־יידישן סינטאַקסיס אַרום אָנפֿאַנג פֿון 19טן י״ה. פֿאַרגלייכט אָט די זאַצן: „און איין שטול איין שינן דא דער נשיא אויף האט זולן זיצן מיינט איצט — אַ שיינעם שטול וואָס דער נשיא האָט אַף אים גע־זאָלט זיצן אָדער וואָס דערויף האָט דער נשיא געזאָלט זיצן.״ (פֿון „שבט יהודה״ 1591, ז. 99א, ש. 13).

אין „פרקי אבות״, 1600, ז. 224א: „דו זולשט דיך ניט גיזעלן צו דיינר שררה דא דו אונטר זיצט„ מיינט איצט: חבר זיך ניט מיטן באַלעבאָס, וואָס דו ביסט אונטער אים.

אין „שאלות ותשובות״ מהרי וויל, סימן קמ״ז („היסטאָרישע שריפֿטן״ ב. 1, ג. 12): „איך הון גברוכן די הסכמות די די רבני (ם) הון גמאַכט, דא איך אויף גחתמת בין״ מיינט אין אונדזער יידיש: וואָס איך בין אויף זיי געחתמעט.

פֿאַרגלייכט איצט די דריי ציטאַטעס מיט אָט וואָס פֿון „ישרי לב״, ווילנע, 1819, (אַ קליין מוסר־ביכל אין גראַמען פֿון 38 בלעטלעך), זייט 3ב: „און יידר מענש וואָס קאָן קיין (תורה) לערנען ווערט דיזן (ספר) מיט טראָגן... איך האָב געשטעלט דאָס לשון גלייך ווי איין מענטש שמועסט צו זיך זעלבשט״ (4א).

...„און אַלע תענוגים פֿון מענטשן וואַש דער פֿון ווערט אַלעש אייטל (צרות) צום (גוף) און צו דער (נשמה)...

„פֿון דיא פיר (מדות) וואָש דער (גוף) איז דערפֿון גבוהט (־געבויט) געוואָרן... און אַזוי ווי עש שטייט אין פּסוק: (חזק ואמץ לבך וכוח אל ה׳), פֿי׳ צו פֿאַר שטאַרק זיך אַליין קעגן דען (יצ׳ הר׳) און האָף צו הש״י אַז ער וועט דיר העלפֿן (נאַ באָגאַ נאַדייסיאַ, אַ סאַם ניע פּלאָשאַי״), ז. 3א.

און ווען ניט הקב״ה וואָלט אים העלפֿן, וואָלט ער אים ניט בייקומען (ז. 3א) (־יעסלי בי ניע).

דער מושל איז הש״י דער (מלך) וואָס זיין רצון איז משיב צו זיין (1ב).

און דער נאָך האָב איך גישטעלט דען (סדר) פֿון (תשר״ג) אויך וויא (ניט „לויט״!!) דער (סדר) פֿון דעם (אלף־בית), ז. 4ב.

דער (יסוד עפר) איז דער קלענשטר (יסוד) פֿון דיא פיר (ד״ה יסודות (!)) דאָש איז מאַטעריאַלין וואָס די וועלט איז דער פֿון בשאַפֿן געוואָרן (6ב).

וועט הש״י העלפֿן צו קאָנצען די מלחמה, ביז דער יוצר הרע וועט דיר ווערן אַן אוהב און איין העלפֿער צו גאָטס דינסט (3א).

דער מחבר זאָגט „בשעת ריכט״ (8א), שטול פֿון ריכט (21ב), מען וועט

דיך ברײנגען צום ריכט (22ב), אאַז״וו. וואו מע נוצט ביי אונדז דעם דייטש־מערישן „געריכט״. דיסטלאַך (13ב), טעט (תשובה) ווי (־לויט!) אייער מיג־לאַכקייטן (14ב), זיי זיך אָפּקערן (16א); איין מענטש וואָס דרוף האָט ער ניט גטאָן האָרעבן (13ב), דיינק (4א) זייער (אומעטום) גייט, גיין, באיי: ברײנגן (7ב), באַגערן, בגיטיקונג, מענטש, אומעטום, ד״ה אַ הונדערט יאָר פריער פון אונדזער מאָדערנעם אויסלייג.

***

אָבער מיר קענען צו אונדזער אָנפאַנג־דאַטע (1789) קומען נאָך נענטער מיט דעם „ספר מרגניתא״, וואָס בנימין סג״ל מעליץ האָט געדרוקט אין פיורדא (די דייטשישע שטאָט פירט) אין 1791 (זע לעווענשטיין נ. 334) ד״ה בלויז צוויי יאָר נאָך דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע.

אויף ז. 21ב, 22א (די זייטלעך האָבן ניט קיין נומעראַציע) לייענען מיר:

וויא זייא זיינן געקומין צו אים אזו האט דער רבי (ד״ה רב יצחק לוריא) איטווידערין (־יעדערן) שלום משיב גיוועזין רק צו דעם רשע הט ער משיב גיוועזין (אין שלום לרשעים) דאַש איז טייטש („:) גאָט וויל ניט אַז מען זאָל איין רשע שלים ענטפערן. דוא בישט איין גרושר רשע (.) דוא האשט אלז ביז (בייז) גיטאַן, דיא און דיא עבירות האטטו עובר גיוועזין (.) ער הט אים אָלי עבירות בפרוטרט גיזאגט באותו יום (:) דעם טאָג אונ דיא שעה האשטו דיא עבירות גיטאַן און אין דעם אורט, גם דוא בישט גילעגין בייא דיין שפחה נכריות (.) אַזוי וויא דער רשע האט דאש גיהרט (־גיהערט), האט ער אויף אָליס מודה גיוועזין אַז עש איז אמת רק דאש וואש דער רבי יצחק לוריא האט גיזאגט אַז ער איז בייא דער שפחה גילעגין האט ער ניט גיוואלט מודה זיין (.) אַזו זאָגט דער רב צו אים („:) דא וועשטו זעהין אַז דו וועשט מוזין מודה זיין דעם אמת, דען די שפחה וועט דיר באַלטן (באַלד) זאָגין אין דיא אוגין אַז דוא האָשט מיר (מיט) איר גיהורט באיזה מקום ובאיזה שעה (.) דוא וועשט איר ניט קענן לייקנן (״:) אַזו הייבט דער רב זיין האַנט אויף אונ׳ לייגט אויף דעם רשע זיין קאפף (־דעם רשע אויפן קאָפּ) (.) אַזו באַלד דער זעהט ער (:) די שפחה שטייט קעגן אים גלייך אַז זיא האט גילעבט (,) אין דיא זעלביגי בגדים וויא זיא פלעגט צו גיין אונ׳ האט אים גיזאגט (:״) .דאָרטין אונ׳ דאָרטין אין יענם אונ׳ יענם ארט האשט מיט מיר פאר גיהאט (״.) אַזו וויא דער רשע האָט זיא דער זעהן און האט גיהערט אירי רייד איז ער גיפאלין אויף זיין ענצלט (־פּנים) אונ׳ איז כמעט גישטארבין פאר פחד ומורא וואש אויף אים איז גיפאַלן.״

דאָ האָבן מיר אונדזער יידיש פון היינטיקן דור מיט אַלע כאַראַקטעריס־טישע שטריכן. שטיין, גיין, וועשט, וועשטו, וועט זיינען אויסגעלייגט ווי היינט (די שט אין צווייטן פּאַרשויך, האָט זיך נאָכגעשלעפּט ביז מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק!) און אין גאַנצן ביכל געפינען מיר כמעט דורכויס: .מענטש, פינצטער, ברײנגען, אַנטקעגן, לעבעדיקן, אַוועק, דיא הענט, זעט. אין מאָרפאָלאָגיע גע־

פינען מיר דורכויס דעם, סי מער ניטאָ קיין פאָרמע דען.. דער זאַצבוי איז אין גאַנצן אַ היינטיק־יידישער: זאָגן, מודה זיין, זען, אַז און ניט: דש, דז, דאָס, ווי מיר געפינען נאָך אָפט אַפילו איצטער אין שריפט און וואָרט. אַזוי איז אויך (ז׳ 15א) אין די פאַרבינדונגען:

„ע״כ גיהער איטליכר בן אדם זעהין אַז ער זאָל גיין אין גוטין וועג... בשעת אַז ד(ע)ר בן אדם ווערט בשאַפין, גיבט הקב״ה פאַר אים צווייא וועגין״...

דער וואָרט־סדר איז דאָ אונדזער היינטיקער, און מיר געפינען אונ־דזערע היינטיקע אויסדרוקן: זאָגן אימעצן אין די אויגן (ז׳ 11א) און: „שרייא היינט שרייא מאָרגן עס איז פר בייא״.

אַזאַ סטיל ווערט גאָר ספּעציעל אינטערעסאַנט, ווען מיר פאַרגלייכן אים מיט דער שפּראַך פון צוואת מן ר׳ יהודה חסיד, וואָס איז געדרוקט אויף זייט־לעך 16א——21א, צווישן „ספר מרגניתא״ גופא און מעשה נקרא אויף ז׳ 21ב—30א. די זעלביקע צוואות (אַפילו מיט זייט 16ב פאַרקלעפּט פון צענזאָר) גע־פינען מיר אין ספר יורה חטאים, געדרוקטביים זעלביקן דרוקער אין פיורדא אין דעם זעלביקן יאָר 1791, און דעם זעלביקן פאָרמאַט, און מיט גאָר אַן אַנדער דייטשמערישער שפּראַך (זע: לעווענשטיין נ. 838).

ווי ס׳זעט אויס, האָט בנימין סג״ל מק״ק מעליץ, דער איבערזעצער פון מרגניתא, געזאָלט האָבן אַ ספּעציעלע ליבשאַפט פאַר צוואות, ווייל ער האָט אָפּגעדרוקט צוואות הגאון מו׳ נפתלי כ״ץ ז׳ צ׳ ל׳ (ווילנע, 1803—1806; וואַרשע, 1844). (זע „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, 9, 624; פּרילוצקי — „קאָנסאָנאַנטיזם״, ז׳ 225, לעצטע שורה).

לאָמיר איצטער נעמען אַ ציטאַטע פון דעם ערשט־דערמאָנטן ר׳ יצחק לוריאַס „תיקון חצות״, (לעמבערג ?), 1806, בדפוס הרבני הנגיד מוהר״ר נפתלי הירץ גרוש מאן (ז. יד־ב, די זייטלעך זיינען ניט געגומערירט!)

נייג גאָט דיין אורין און הער (.) עפין דייני אוגון און זעה אונזר וויסט־ניש און די שטאָט ירושלים וואָט איז אויש גרופן דיין זאָמן דרויף (ד. ה. וואָס פון דאָרט איז אַרויסגעריסן געוואָרן דיין זאָמען) (,) דען ניט פין (פון) אונזר גרעכט וועגן טואן מיר בעטן פר דיר (,) נייארט פון דר ברימקייט וועגן (.) גאָט (!) הער אונש צו און פר גיב אונזר זינד (.) פר נעם אונזר ריד און טוא פון דיינט וועגן (,) דען דיין נקמה איז אוף דיין שטאָט און אויף דיין פאָלק (.) (אתה) דו גאָט זאָלסט אוף שטין און דר באָרם זיך איבר ציון (,) דען די צייט איז גקומען זי צו בווילגן דיין פאָלק: די שטיינר פון ארץ ישראל אונ אָפילו די ערד האָבן זי ליב (.) בויא די שטאָט ירושלים (,) די פר שטוסני ישראל זאָלן ווערן איין גזאַמלט (.) (לדוד) צו דוד איז דש גזאַנג גוועזן (,) צו גאָט איז (ארץ ישראל) און די וועלט און איר דר פילונג (,) דען גאָט האָט ארץ ישראל אוף וואַשר גגרונד פעסט און אַלץ אָן גריכט: ווער קאָן אוף גיין אוף גאָטש באָרג (?) ווער קאָן שטין אוף זיינם הייליגן אורט (?) דר וואָש איין לויטר הרץ הט (,) וואָש שווערט ניט ביי מיינם נאָמן פאַלש (,)

דר קאָן אנטפאַנגן איין ברכה פון אים (.) אַזו איינש דור היישט גאָטש פאַרשטר (,) וואָס בגערן דיין שכינה (,) דש זענן קינדר יעקב: הייבט אוף (,) איר טאָרן (־טויערן) אייער קעפּ און ווערט דר הויבן די טויארן (־טירן) פון בית המקדש און לאָז אַריין קומן דר מלך (,) דר גע(ע)רטר (,) גאָט דר וואָש שטאַרק אין דר מלחמה (,) דר איז דר אַלמעכטיגר מלך אוף איביג (אייביג).

דאָס איז אַ גלענצנדיקער מוסטער פון געלייטערטן יידיש, וואָס דריקט אויס אַ טיפן רעליגיעזן פּאַטאָס. דער אַנאָנימער מחבר וואָלט זיך געקענט פאַרמעסטן מיט אונדזערע מייסטער פון סטיל.

***

און נאָך אָט די געוואַלדיקע אויפטועז פון אַנאָנימען און חייקל הור־וויצן, מענדל לעפינען, עטינגערן, אַקסענפעלדן א״א, קומט אַ פּעריאָד פון פאַרשמוצן אונדזער שפּראַך: די צייט, וואָס הייבט זיך אָן מיט דיקן און ענ־דיקט זיך מיט שמרן. זיי האָבן געמאַכט אַ „לייטישן" יידיש, וואָס איז געווען אַ דייטשמערישער זשאַרגאָן, אָנגעפּילט מיט וואָר, שפּראַך, געשאַך און דעם גאַנצן קלאָפּערגעצייג פון 18טן י״ה.

אין שמרס „פּאַרקערטע וועלט", ווילנע, 1897, 1, ז. 34, לייענען מיר: „אַלע האָבען וויא אויפמערקזאַם זיך איינגעהערט צו דער געשיכטע און דיא איינגעבילדעטע געאָרגינע האַט ניט בעמערקט דעם פערעכטליכען שמייכעל וואָס איז אויף אַלימענס ליפּען געלעגען (באַמערקט דעם וואָרט־סדר!)... דער גרויסער טאַנצזאַאַל וואַר פּאָל מיט העררען אונד דאַמען פון דעם גרעסטען קריסטליכען אַדעל. אַלע געסטע, בעזאָנדערס דיא דאַמען וואַרען פּרעכטיג געקליידעט. איבעראַל האָט מאַן בעגעגענט פינקלענדע ברילליאַנטען, שטראַה־לענדע דיאַמאַנטען... זייא וואַרען איינגעטונקען אין ברילליאַנטען און אין דיא טהייערסטע שפּיצען." אויף ז. 35 נוצט ער דעם אויסדרוק „מאַכן דעם האָף", דאָס מיינט דאָס פראַנצייזישע „פער לאַ קור".

צום באַדויערן האָבן די ערשטע פּירער פון די האַרעפּאַשניקעס זיך גע־לערנט יידיש ווי משכילים, און זיי האָבן ווייטער געשטופּט די אַרבעט פון דיקן און שמרן מיט זייערע דייטשמערישע גנאָסע, ציוויליזאַציאָן, רעליגיאָן, קאָאָפּעראַציאָן, שלאָגענדע אַרגומענטן, יידיש־שפּרעכענדע אַרבייטער, סאָציאַ־ליזמוס, קאַפּיטאַליזמוס, פּראָדוציאָן, דיעזער אַאז״וו, וואָס האָבן אַזוי געעקלט יצחק־אייזיק הורוויצעס שפּראַך־חוש, ווען ער האָט געשריבן אין „פּאָרווערטס" (1902) דעם פעליעטאָן „סלאָבאָדקער דייטש און יידישע יידיש". וויפל צרות יצחק־אייזיק הורוויץ האָט, נעבעך, אויסגעליטן פון די רעדאַקטאָרס (פון „פּאָרווערטס" און „צוקונפט"), וואָס האָבן געקאַליעטשעט זיינע אַרטיקלען מיט זייער אייגענעם „לייטישן" יידיש.

אין די ערשטע יאָרן אין אַמעריקע האָט זיך דער יידיש פון די „גענאָסן" (אין „אַרבייטער צייטונג", „אַבענדבלאַט", „פּאָרווערטס", „צוקונפט", אויף קיין

האָר ניט אָפּגעשיידט פון דער שפּראַך פון זעליקאָוויטשן אָדער יאָהאַן פּאַליי אין דער אָרטאָדאָקסישער „טאַגעבלאַט". אָט אין „צוקונפט" (אויגוסט, 1894) שרייבט לואי מילער אין דעם אַרטיקל „וואָס איז דיא ליעבע": דיזער (אפשר אַ הונדערט מאָל), טהעאָריע דער ליעבע, דיזע שטרעבונגען דער אידעע, ווע־רענד, אַלזאָ, זאָ געשעפטע, און אַפּילו: זאָ זעהען מיר, דאס פריהער וואר אַ געדאַנק. יע, דאָס אַנשטאָט אַז און וואר אין 1894, גאָר ווי ביי דיקן און שמרן. גראָד די רוסישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען אָנגעקומען נאָך 1890, די גאָרדינס און יצחק־אייזיק הורוויצעס און שפּעטער זשיטלאָווסקי האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר יידישע יידיש מיט דערפאָלג און האָבן דאָ־הי אויסגעפורעמט דעם יידיש ווי ער איז.

איך וועל איך ניט באַלײַדיקן און דערציילן, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם האָבן געטאָן פאַר יידיש, און איך וועל ניט דערמאָנען קיין איין אַנדער נאָמען, ווייל איך וואָלט געדאַרפט איך געבן אַלע נעמען פון אונדזערע יידישע שרייבער.

אָבער וואָס פּרץ האָט אָפּגעטאָן מיטן אויסלייג פון יידיש, דאָס וועלן מיר אים ניט קענען גרינג מוחל זיין. ווי אַזוי אַ מענטש, וואָס האָט געקנעלט סאָציאָלאָגיע מיט די לייענער פון פּרצעס „בלעטליך", האָט געקענט זיין אַזוי בלינד, און איך וועל זאָגן פאַרעקשנט, צו שרייבן: באקק, בעקוקקען, שאָקק, מאדליך, קליינשטאטלדיגען, שטאָממען, האָממער, גענוממען, וואָססער, וויססענדיג, בעססערע, פאַללען, אַללע, צופאַללע, איבעראַלל, שאָפּפען, אָפּפען, אַפּילו: געשטאַננען, אטעמען, קארפּער, טאָג־טאַגליך, מאדליך, גלאקקליך, — די לעצטע אַלע מיט אַ חיריק אין ין, קען איך איצט ניט פאַרשטיין, ווי איך האָב דאָס יעמאָלט אויך ניט געקענט, ספּעציעל נאָך אַז פּרץ אַליין האָט אויפן שער אין רוסיש געדרוקט Перецесъ Блетлахъ

אין 1819, אין „ישרי לב" איז עס געווען: גייען, שטיין, זיינען בריינגן, דיינקען, ליינגער, דיסטלאך, מיגלאכקייט, זעד, זינדיקן, אראָפּגיין, פאַרקויפט, פאַרשעמט, בקומן, דער ציען, און אין 1916 האָט מען מחמת פּרצעס אַוטאָ־ריטעט געדאַרפט זיך קריגן חדשים־לאַנג מיט די אַנהענגערס פון די שטומע האיען, עינס, טאָפּעלע קאָנסאָנאַנטן, בע־, פער־, ער־, אאַז״ו כדי אָפּצוראַמען די מיסט אין פערד־שטאַל, וואָס דער יידישער אויסלייג איז געוואָרן דורך די באַמיאונגען פון די אַזוי־גערופענע אינטעליגענטן.

די יידישע שולן, דער ייוואָ און די אַרבעט אין סאָוועטן־רוסלאַנד האָבן אַ שטאַרקן רוק געטאָן דעם יידיש־אויסלייג. אָבער יעדער תקנה, וואָס מע נעמט אָן דורך אָפּשטימען די פילאָלאָגישע פונקטן, איז ניט בלויז אַ שטער — זי איז אַ סכנה. דער אַלטער רוימישער היסטאָריקער ליווי באַמערקט: ווי געוויינטלעך איז די מינדערהייט געווען גערעכט, און דער גרעסטער דייטשי־שער פילאָלאָג הערמאַן פּאול קלאָגט זיך: „דאַן קאַם, דאָס איבער די איינצעל־הייטן נאָך צופאַלסמאַיאָריטעטן ענטשידן וואורדע". („דויטשע גראַמאַטיק", ב. 1, ז. 142, פּ. 4).

מיט אַ ביסל באַרעכטיקטן פאַרגעניגן קען איך איצטער זאָגן, אַז אַ גרויסן שטויס פאַר רעווידירן אונדזער אויסלייג האָבן געגעבן מיינע אַרטיקלען „די קלאַנגען פון יידיש און דער יידישער אַלף־בית״ אין זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן״, אויגוסט־נאָוועמבער 1909, און „שרייבן אָדער שרייבען״ אין זשורנאַל „ליטעראַטור״, יולי, 1910 (זז. 102־111).

אָבער מע דאַרף אויפס ניי אָנהייבן קריגן זיך, ווען אַלע מיטגלידער פון אַ זיצונג שטימען אָפּ די פראַגעס פון אויסלייג, צי זיי פאַרשטייען עפּעס אין פילאָלאָגיע, צי ניין, און מע נעמט אָן אַזעלכע ווילדע אויסלייגן ווי: אין איינעם, אַ מאָל אאַז״וו, וואָס זיינען ניט אויף אַ האָר בעסער פון די אַלטע: פאַר שטיין, הערגב גיין.

סך־הכל.

פון די ציטאַטעס פון די יאָרן 1790—1840 זעען מיר:

1. פון יידישן וואָרט־אוצר האָט מען אויסגעזיפּט פאַרעלטערטע עכט־יידישע (מיטל־הויך־דייטשע) ווערטער.

2. נייע פאָלקסווערטער (אָפּטמאָל סלאַווישע), וואָס מע האָט גענוצט אין טאָג־טעגלעכן לעבן, זיינען אַריין אַפילו אין מוסר־ספרים. (פאַרבייגייענדיק: סמיטינה, ד. ה. סמעטענע, באַגעגענען מיר שוין אין „לב טוב״ אין 1620).

3. פאַרעלטערטע ווערב־פאָרמעס פון פאַרגאַנגנהייט (וואַר, זאַך, שפּראַך, גינג, אאַז״וו) האָט מען אַרויסגעוואָרפן.

4. דער דייטשישער וואָרט־סדר (פּאַרטיציפּ צום סוף זאַץ) און סינטאַקסיס (פאָרמעס ווי: „וואו ער מיט געשריבן האט״, אָנשטאָט: „וואָס מיט אים האָט ער געשריבן״) איז מער ניטאָ אין אונדזער שפּראַך.

עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון יידישן מיטלשטאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן

פון ד״ר ה. פראַנק

אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט די סאָציאַלע סטרוקטור פון דעם יידישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיך שטאַרק געביטן. אונדזער היגער מאַסן־ישוב, וואָס איז ביז די יאָרן 1915—1918 באַשטאַנען דערהויפּט פון אַרבעטער אין די נאָדל־פאַכן, בוי־פאַך און עטלעכע „לייכטע״ אינדוסטריעס (שפּייז, יואוועלירעריי, דרוקעריי אד״גל) האָט אין משך פון דער נאָך־מלחמה־צייט דורכגעמאַכט אַ דעלאַבאָריזאַציע־פּראָצעס. טויזנטער געוועזענע אַרבעטער זיינען אַריינגעגאַנגען אין די מיטלשטאַנד־פּרנסות, ווי קרעמעריי, מעקלעריי, צום טייל אויך פאַרמעריי, און די קינדער פון די יידישע אַרבעטער זיינען גלייך אַריינגעגאַנגען אין די מיטלקלאַס־רייען ווי מיטגלידער פון די פרייע פּראָפעסיעס, האַנדל־אָנגעשטעלטע און געשעפטסלייט. געווירקט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס האָבן, הן אַלגעמיין־אַמעריקאַנער הן ריין־יידישע סאָציאַלע פאַקטאָרן און טרייד־כוחות, ווי למשל די איבערגרופּירונג פון פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל, די גרעסערע ראָלע פון די פאַרמיטלונג־ און באַדינונג־פּרנסות, פון איין זייט, און די שטרעבונג ביים יידישן אימיגראַנט צו אַ העכערן לעבן־סטאַנדאַרד, צו עקאָנאָמישער „זעלבסטשטענדיקייט״ אאַ״וו, פון דער צווייטער זייט.

צוזאַמען מיט אַזאַ איבערשיכטונג, איז אין אַמעריקאַניש־יידישן לעבן געשטיגן די געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון די עקאָנאָמישע מיטלשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, ווי די קאָאָפּעראַטיווע פאָסלקסבענק, אונטערנעמער־אַסאָציאַציעס און אַנדערע פאַך־קערפּערשאַפטן. אין אַ סך פאַלן זיינען אָט־די אָרגאַניזאַציעס נאָך זייער מיטגלידער־באַשטאַנד אויף פולע 100 פּראָצענט יידישע. אין אַנדערע פאַלן, באַזונדערס אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמער־אַסאָציאַציעס, איז דער צוזאַמענשטעל אַ געמישטער; אָבער די מיטגלידער־יידן, אין איינקלאַנג למשל מיט זייער וואָג און ראָלע ווי קליידונג־פּראָדוצענטן, זיינען כמעט שטענדיק 80 ביז 90 פּראָצענט פון דער אָרגאַניזאַציע. פאַראַלעל מיט די סאָציאַלע ענדערונגען אין דער אַרומיקער וועלט, וועט אויך די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג ביי די אַמעריקאַנער יידן שטייגן אין דער צוקונפט. דער ענין איז אָן ספק אַזאַ, וואָס פאַרדינט דעם אינטערעס פון עקאָנאָמישע טוערס און סאָציאַלע פאָרשערס.

יעטוועדע וויסנשאַפטלעכע באַטראַכטונג פון אונדזער טעמע האָט פאַר זיך אַ צווייפאַכע אויפגאַבע, א) צו שאַפן אַ סכעמע פאַר טעאָרעטישער קלאַסי־פיקאַציע אויף איינצוטיילן און אויסצופאָרשן די אומציילִיקע מיטלשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, אַ סכעמע, וואָס זאָל זיי טיילן אין געוויסע קאַטעגאָריעס נאָך זייערע פונקציעס נאָך און נאָך זייער סאָציאַלער נאַטור, און ב) אויפצוקלערן אויפן סמך פון אַזאַ קלאַסיפיקאַציע די קעגנזייטיקע באַציאונגען און פאַר־בינדונגען צווישן די איינצלנע אָפט מאָל דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע טיפּן פון די אָרגאַניזאַציעס, ווייל אַזוי איז שוין די סאָציאַלע נאַטור פון מיטלשטאַנד, דהיינו: דער מיטלשטאַנד באַטייליקט זיך מאַטעריעל און גייסטיק אי אין די פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטישע באַוועגונגען, ווי קעגנזייטיקע הילף און קאָאָפּעראַציע, און איז אַריינגעצויגן אין דער ספערע פון גרויס־קאַפּיטאַ־ליסטישע אינטערעסן און פּראָפיט־שטרעבונגען, ווי מאָנאָפּאָלן, אָפּאָזיציע צום אַרבעטער־קלאַס, קאַמף פאַר פרייע קאָנקורענץ אאַ״וו.

אַן אָביעקטיווער סיסטעמאַטישער אַנאַליז אויפן יסוד פון אַ מעטאָדישער באַשרייבונג, וועט אַריינטראָגן קלאָרקייט אין די פאָרשטעלונגען מכוח דער באַוועגונג פון יידישן מיטלשטאַנד; אַ באַוועגונג וואָס איז סיי אין אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, סיי אין אירע שטרעבונגען — זייער פאַרצווייגט און איז מער פאַרוויקלט און קאָמפּליצירט אין פאַרגלייך מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אָרגאַניזיר־טעטיקייט.

מיר לייגן פאָר אָט דעם פּלאַן פאַר קלאַסיפיקאַציע פון די יידישע עקאָנאָמישע מיטלשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר דער מעטאָדישער באַשרייבונג:

1) קאָאָפּעראַטיווע פּאָלקס־בענק:

א) פאַרמערשע קרעדיט־יוניאָנס,

ב) סוחרישע קרעדיט־יוניאָנס און „אַקציעס״;

2) אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציעס אין האַנדל:

א) קרעמערשע אוינקויף־געזעלשאַפטן,

ב) קאָאָפּעראַטיווע „קייטן״ פון קרעמער,

ג) אַסאָציאַציעס פון גרויסהענדלער און קליינהענדלער;

3) אונטערנעמער־קערפּערשאַפטן אין דער אינדוסטריע:

(„טרייד־אַסאָסיאיישאָנס״);

4) פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס:

א) קאָאָפּעראַטיווע אַסאָציאַציעס,

ב) פאַרמער־פאַרבאַנדן.

1. קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק

סוף 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָבן אידעאַליסטן טרוימער צווישן די יידישע אימיגראַנטן־אַרבעטער געפּרואווט בויען קאָאָפּעראַטיווע פּראָדוציר־אונטערנעמונגען און קאָנסום־פאַראיינען.[1] די ערשטע אימיגראַנטן פון די רוסישע געטאָס זיינען אָבער אין זייער אַלטער היים ניט געווען קיין פּראָלעטאַרישע אינדוסטריאַליזירטע עלעמענטן, און פאַר די קאָאָפּעראַטיווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס נאָכן מערב־אייראָפּעאישן מוסטער איז בכלל אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען קיין פּלאַץ ניט געווען. ס׳איז דעריבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן ישוב אין ניו־יאָרק אין יענער צייט, אַז אין די קעפּ פון געוויסע טרוימער און טוער אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט איז דער ענדציל געווען ניט דער פּראָלעטאַרישער אידעאַל פון קאָלעקטיוויזם, נאָר דווקא דער „קליינבירגערלעכער" חלום מכוח אַן אייגענער נחלה און טאַקע ניט אין דער ניכטערער אַמעריקע, נאָר אין ראָמאַנטישן ארץ־ישראל.

פון אַזאַ פאַל, וואָס שטאַמט פון יאָר 1891, האָט דערציילט אַ באַקאַנטער דייטש־יידישער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער ד ע װ י ס ט ר י ט ש. ווי ער גיט איבער, איז אין יענעם יאָר (1891) אַרויס אין ניו־יאָרק אַ בראָשור אויף יידיש, וואָס האָט אויף עטלעכע און צוואַנציק זייטלעך באַהאַנדלט אַ פּראָיעקט מכוח גרינדן אין פּאַלעסטינע יידישע קאָלאָניעס דורך די פּראָפיטן פון יידישע קאָנסום־פאַראיינען אין ניו־יאָרק. אויפן שער־בלאַט פון ביכל איז געווען געדרוקט אַ קיצור פון דער גאַנצער פּראָגראַם פון אָט דעם אומבאַקאַנטן בעל־חלומות, היינו: „דער פּראַקטישער פּלאַן און נעקסטער וועג ווי יעדער יהודי קען זיך באַזאָרגן אַן אייגענע פאַרם אין הייליקן לאַנד (ארץ ישראל), און עס דאַרף קיינעם קיין געלט ניט קאָסטן".[2]

פון די פּרטים וואָס זיינען דורך ד. טריטשס אַרטיקלען דערגאַנגען, דערוויסן מיר זיך וויכטיקע פאַקטן צו דער געשיכטע פון יידישן עקאָנאָמישן שטייגער אין אַמעריקע מיט אַ יאָר 50 צוריק, ווי למשל: פאַמיליען־בודזשעט, ריווח פון די קליינהענדלער אין שפּייז־האַנדל אאַ״וו.

ווי אומעטום זיינען די עלטסטע און פּאָפּולערסטע פאָרמען פון עקאָנאָמיש־קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס ביים יידישן מיטלשטאַנד אין אַמעריקע געווען די קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק. אמת, אין אַמעריקע האָט זיך די

---

1. א. ש. זאַקס:. „געשיכטע פון אַרבעטער־רינג", ב. 1, ז״ז 84־89 און 106־111, ה. פראַנק:. „ערשטע קאָאָפּעראַטיוון פון אימיגראַנטן", „צוקונפט", אַפּריל, 1936.

2. ד. טריטש האָט די בראָשור באַקומען צוגעשיקט, אַ פּאָר יאָר נאָך איר דערשיינען, פון זיינעם אַ פריינד, אַ געוויסן מאַנילאָף, פון ברוקלין, וואָס זאָל האָבן געווען אַ מיטגליד פון יענער גרופּע וועלכע האָט געפּלאַנט צו גרינדן די דאָזיקע קאָנסום־פאַראיינען, זעט: DAVIS TRIETSCH: Juedische Emigration und Kolonisation, Berlin, 1918, p. 169-172; auch "Die Welt" (Zentralorgan d. Zionist Partei), 1899.

דאָזיקע באַוועגונג אָנגעהויבן פיל שפּעטער ווי אין אייראָפּע. סוף 90ער יאָרן און אָנהייב 20טן י״ה האָט מען אין די יידישע שטעט פון גאַליציע, פוילן און רוסלאַנד געהאַט אין גרויסע צאָלן געגרינדעט די אַזוי גערופענע „ליי־ און שפּאָר־קאַסעס״, בעת אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען ערשט אין 1909 (אין שטאַט מאַסאַטשוסעטס) לעגאַליזירט אַ קרעדיט־יוניאָן, אַט די אַמעריקאַנישע פאָרעם פון אַ קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־באַנק.[3]

יידישע פאַרמערס מיט דער הילף פון באַראָן הירש־פאָנד האָבן צווישן 1911 און 1915 אָרגאַניזירט די ערשטע לאַנדווירטשאַפטלעכע קרעדיט־יוניאָנס דאָ אין לאַנד.[4] נאָך אין 1907 האָט די „יידישע אַגריקולטור געזעלשאַפט״ (באַראָן הירש־פאָנד) דורכגעפירט אַ ספּעציעלן שטודיום פון קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט־וועזן אין אייראָפּע. אין 1909 האָט זי אויסגעאַרבעט אַ טעאָרעטישן סטאַנדאַרד־טיפּ, אַ מאָדעל פון אַ קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו אויפן מוסטער פון די ראַיפאייזנשע דאָרפישע פאָלקס־בענק אין דייטשלאַנד. אָבער די דאָזיקע יידישע קרעדיט־יוניאָנס האָבן געקראָגן הלוואות ניט פון דער מלוכה (ווי עס דאַרף זיין נאָכן פּלאַן פון באַוואוסטן מיטלשטאַנד־טוער אין דייטשלאַנד פ. וו. ראַיפאייזען), נאָר פון דער רייכער „יידישער אַגריקולטור־געזעלשאַפט״. די ערשטע 19 יידישע קרעדיט־יוניאָנס (אין מאַסאַטשוסעטס, ניו־יאָרק, קאָנעטיקוט, ניו־דזשוירזי) זיינען געווען דער אָנהייב פון פאַרמערשער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

הגם יידן זיינען געווען די פּיאָנערן פון די פאַרמערשע פאָלקס־בענק, האָט אָבער די באַוועגונג ביי יידן קיין קיום ניט געהאַט. אין 1916 האָט דער באַראָן הירש־פאָנד ליקווידירט זיין אָנטייל אין אַט די קרעדיט־יוניאָנס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין בעסערן מזל ווי אַלע האַלב־פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס מיט וועלכע מען האָט געזוכט צו העלפן דעם יידישן פאַרמער אין די ערשטע יאָרן פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין אַמעריקע. עס איז אָבער אַ היסטאָריש באַדייטנדיקער פאַקט, אַז אין די קרייזן פון די אַמעריקאַנער קאָאָפּעראַטאָרס האָט מען (מסתמא אויפן סמך טאַקע פון די ערשטע יידישע קרעדיט־יוניאָנס פון לאַנדווירטן) געקוקט אויף דעם יידישן מיטלשטאַנד ווי אויף אַזאַ טייל פון פאָלק וואָס איז גאָר באַזונדערס ראוי און מסוגל אויפצונעמען די אידייען און פּלענער פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. אַזוי למשל האָט די „ראָסעל סעידזש פאַונדיישאָן״ אין ניו־יאָרק (וואָס איינער פון אירע צילן איז געווען צו אַגיטירן פאַר דער אידייע פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע) אין 1916 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור פון 52 זייטן אויף

---

3. פּרטים וועגן דער געשיכטע פון דער קרעדיט־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע, און ביי יידן בפרט, געפינען זיך אין — ה. פראַנק: „די יידישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין אַמעריקע״, אין „ווירטשאַפט און לעבן״, בערלין, ב. 2, נומ. 3, יוני, 1929, ז״ז 48—56.

4 WHITNEY, E. L. Cooperative Credit Societies in America and Foreign Countries, U.S. Dept. of Labor, Bulletin No. 314, 1922, pp. 18-19.

י י ד י ש כדי צו אַרבעטן פאַר קאָאָפּעראַטיווער אויפקלערונג צווישן די
ברייטע יידישע מאַסן (מיר ברענגען דאָ אַ פאַקסימיליע פון דער שער־בלאַט
און דער דאַזיקער בראָשור).[5] צום שלוס פון ביכל ווערט געגעבן אַ רשימה
פון 107 קרעדיט־יוניאַנס אין אַמעריקע, וואָס צווישן זיי געפינט מען אַ פּאָר
צענדליק יידישע קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק.

די יידישע פּעדלערס און אַנדערע קליינהענדלער פון באָסטאָן האָבן
אין 1913־1914 געגרינדעט די „וועסט־ענד קרעדיט יוניאָן". דאָס איז געווען
די ערשטע קרעדיט־יוניאָן אין מאַסאַטשופּעטס וואָס האָט געהאַט איר אייגענע
ביוראָ־געביידע.[5a] אין אַנדערע שטאַטן איז פאַרן שטאַטישן מיטלשטאַנד געווען
אַ סך שווערער צו קריגן דעם לעגאַלן סטאַטוס — די געזעצגעבונג וואָס איז
נייטיק פאַר דער געזונטער און געזיכערטער פאָרעם פון קרעדיט־קאָאָפּעראַציע
(די קאַפּיטאַליסטישע בענק האָבן געשטערט!).

די יידישע פאָלקסמאַסן פון מיטלשטאַנד האָבן אַליין געשאַפן אַ מין
סוראָגאַט פון אַ ריכטיקער פאָלקס־באַנק אין דער פאָרעם פון פינאַנץ־
קאָרפּאָראַציעס און „אַקציעס". הונדערטער „אַקציעס" האָבן זיך צעבליט אין
די נאָך־מלחמה־יאָרן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע גרויסע צענטערס פון
קליינע יידישע סוחרים און אונטערנעמערס. מען האָט געשאַצט, אַז אַפילו
אין אַזאַ שלעכטן יאָר ווי 1931 האָבן די „אַקציעס" אַרויסגעגעבן דעם יידישן
אָרעמען מיטלשטאַנד הלוואות אויף אַ סכום פון 60 מיליאָן דאָלאַר.[6] פון קיין
שום קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט געבויט אויף סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער
הילף האָט אין די „אַקציעס" גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. פּונקט ווי
די אַזוי גערופענע „פינאַנץ־קאָרפּאָראַציעס", האָבן די מער יידישלעכע פאָלקס־
טימלעכע „אַקציעס" גענומען געלט אויף הויכע ציגזן פון די רייכערע
יידישע מיטלשטאַנד־מענטשן און פלעגן עס אַוועקלייען אויף נאָך העכערע

---

5. מיר גיבן אַ פאַקסימיליע פון שער־בלאַט. אויפן דעקל (הילע) איז דער נוסח
געווען אַזאַ: קרעדיט יוניאַנס (קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק) זייער ענטשטעהונג און שטרע־
בונג, ביי מ. צעזאַר. נאָך דעם איז דער טעקסט געווען דער זעלבער ווי אויפן שער־בלעטל.

5a ROY F. BERGENGREN: Cooperative Banking, New York, 1923, p. 133.

דער מחבר, ר. בערזשענגרען, איז דער הויפּט־עסקן און טעאָרעטיקער פון דער קרעדיט־
יוניאָן־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווי ער שרייבט (ז' 319) פאַרמאָגט די
„וועסט ענד קרעדיט יוניאָן" אין באָסטאָן, איינע פון די גרעסטע און עלטסטע יידישע
קרעדיט־יוניאָנס אין אַמעריקע, אַן אייגנס פון $200,000, און, ווי ער באַטאָנט, ברענגט זי
אַ געוואַלדיקן נוצן די באָסטאָנער יידישע פּעדלערס, קרעמערס און אַנדערע קליינע געש־
עפטסלייט. אין בוך איז אויך אָפּגעדרוקט אַ בילד פון דער אייגענער געביידע פון אָט־דער
יידישער קרעדיט־יוניאָן.

6 ADOLPH HELD: Community Provision for Reconstruction Through Credit, "Jewish Social Service Quarterly, Dec., 1932, pp. 123-128.

וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן „אַקציעס" געפינט מען ביי:
ROLF NUGENT: Credit Facilities for Jewish Marginal Groups, "Jewish Social Service Quarterly," Sept., 1934, pp. 44-47.

קרעדיט יוניאָנס

(קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס בענק)

זייער ענטשטעהונג און שטרעבונג

אלף בית פון קרעדיט יוניאָניזם

לויט פראַגען און אַנטוואָרטען.

סעמפּעל פון ביי־לאָוס.

ביי

מ. צעזאַר

ארויסגעגעבען פון דער

DIVISION OF REMEDIAL LOANS

RUSSELL SAGE FOUNDATION

130 East 22nd Street New York City

December 1916 **פרייז 25 סענט**

שער בלאַט פון דער י י ד י ש ע ר בראָשור וועגן קרעדיט קאָאָפּעראַציע, וואָס די ניו־יאָרקער „ראָסעל סעידזש פאָנדעישאָן" האָט אַרויסגעלאָזן אין יאָר 1916

צינזן די נויטבאַדערפטיקע יידישע קרעמערס און אַנדערע קליינע געשעפטס־לייט. אין די קריזיס־יאָרן 1930—1933 זיינען כמעט אַלע „אַקציעס", אַט די נעבעכדיקע פינאַנץ־אינסטיטוציעס אָן יעדער געזעלשאַפטלעכן קאָנטראָל און אָפיציעלער השגחה, אונטערגעגאַנגען, און בעת זייער ליקווידאַציע איז צו אַ טייל טוערס אויף אומכשרע וועגן אָדער צו די יידישע פּראָפעסיע־לייט, ווי אַדוואָקאַטן, בוכהאַלטאָרן און אַנדערע, אַריינגעפאַלן אַ היפּשער טייל פון די אָפּגעשפּאָרטע געלט פון יידישן מיטלשטאַנד. די גאַנצע באַוועגונג איז געווען אַ לעבעדיקער באַווייז, ווי נייטיק ס'איז געווען אַ פּאָלקסטימלעכע קרעדיט־אינסטיטוציע אין די יידישע מיטלשטאַנד־שיכטן.

אין די לעצטע 15 יאָר האָבן די קרעדיט־יוניאָנס ביי יידן זיך שטאַרק אַנטוויקלט. די לעגאַלע שוועריקייטן זיינען טיילוויז בטל, טיילוויז געמילדערט געוואָרן, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ס'איז אַריין אין קראַפט (אין 1934) דער פעדעראַלער געזעץ וועגן קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, ד"ה ווען די צענטראַלע רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָט אַרויסגענומען דעם קרעדיט־יוניאָניזם פון דעם רשות פון די אַנטידעמאָקראַטישע עלעמענטן אין געוויסע רעאַקציאָנערע שטאַטן. די געזעצן דערלויבן איצט צוויי מינים קרעדיט־יוניאָנס „אָפענע" און „פאַרמאַכטע". צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די קרעדיט־אָרגאַניזאַציעס וואָס נעמען אַריין בלויז מיטגלידער פון איין געוויסער אָרגאַניזאַציע, ווי אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון איין פירמע אָדער פון אַ געזעלשאַפטלעכן מוסד, למשל, מוניציפּאַלע אַדמיניסטראַציע, אָדער די מיטגלידער פון אַ טרייד־יוניאָן. אין אַן „אָפענער" קרעדיט־יוניאָן זיינען אָרגאַניזירט אַזעלכע יחידים, ווי איינוואוינער פון איין געוויסן שטאָטטייל אָדער פאַרם־דיסטריקט, וואָס זיינען צווישן זיך ניט פאַרבונדן אויף קיין אַנדער אָרגאַניזירטן אופן, חוץ דער צוגעהעריקייט צו אָט דער קרעדיט־יוניאָן. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהערן טאַקע די מערסטע סוחרישע יידישע קרעדיט־יוניאָנס, און אין פאַרבינדונג מיט אונדזער טעמע פאַרדינען דווקא זיי דעם הויפּט־אינטערעס.

אין די גרויסע שטעט ווערט זייער באַדייטונג אין די לעצטע יאָרן קלענער נאָך דעם ווי די רייכע קאָמערציעלע בענק זוכן אַנטקעגנצוקומען (אפשר טאַקע אונטער דער ווירקונג פון קרעדיט־יוניאָניזם) די אינטערעסן פון דעם מיטלשטאַנד דורך הלוואות אויף ניט קיין צו שווערע באַדינגונגען. אָבער אין די קלענערע שטעט, וואו דער קאָמערציעלער באַנקוועזן איז שוואַכער אַנטוויקלט, איז נאָך פאַר די קרעדיט־יוניאָנס פון קליינהענדלער (שפּייז־קרעמער אד"גל) פאַראַן אַ זייער ברייטער אַרבעטספעלד, באַזונדערס אין פאַרבינדונג מיט יענע קרעמערשע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מיר וועלן זיי באַשרייבן שפּעטער. אויך די פאַרטרעטער פון אַנדערע נייע יידישע מיטלשטאַנד־פּרנסות ווי די האָטעל־באַזיצערס באַנוצן זיך איצט מיטן קרעדיט־יוניאָניזם פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן. אין 1923, למשל, האָט מען געשאַפן אין עלענוויל, ניו־יאָרק, אַזאַ קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק פון און פאַר די יידישע האָטעל־

באַזיצער פון יענער קוואָרט־געגנט. אָנגעפאַנגען מיט בלויז 100—150 מיטגלידער, האָט זי אין 1938 שוין געציילט 436 מיטגלידער און אַן אַקטיוו (אַסעטס) פון קאַרגע 118 טויזנט דאָלער.[7]

דער דאָזיקער ביישפּיל איז, אגב, אינטערעסאַנט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע פון אַ צענטראַלער באַנק פאַר די יידישע פאָלקסבענק. די מערסטע מיטגלידער פון דער קרעדיט־יוניאַן אין עלענוויל נעמען זייערע הלוואות אין פרילינג־צייט, כדי ווי געהעריק זיך צוצוגרייטן צום זומער־סעזאָן. דורך די זומער־חדשים צאָלט מען אָפּ דעם חוב, און ממילא קלייבט זיך אָן דורך דעם ווינטער אַן אומבאַוועגלעכער קאַפּיטאַל אין דער קאַסע פון דער קרעדיט־יוניאַן, בעת אין פרילינג איז די פאָדערונג אויף הלוואות אַ סך אַ גרעסערע ווי דער סכום פון די פאָנדן. דאָס האָט די עלענווילער קרעדיט־יוניאַן אַרויפֿגעפירט אויפֿן פּלאַן צו שאַפֿן אַ צענטראַלע באַנק פאַר קרעדיט־יוניאַנס אין איר ראַיאָן. די דאָזיקע צענטראַלע באַנק נעמט פאַר ווינטער איבער די פרייע סומעס פון דער עלענווילער אָרגאַניזאַציע און לייט זיי צו אַזעלכע קרעדיט־יוניאַנס, וואָס גראַד ווינטערצייט דערגרייכט זייער קרעדיט־באַדערפעניש דעם העכסטן פונקט. פאַרקערט, די עלענווילער קרעדיט־יוניאַן באַרגט פון דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער באַנק אין סאַמע אָנפאַנג סעזאָן (פרילינג) די סומע וואָס זי וועט באַדאַרפן האָבן פאַר הלוואות צו אירע מיטגלידער[8] אַט דער ביישפּיל ווייזט, ווי אַזוי די צענטראַלע בענק פאַר קרעדיט־יוניאַנס, וואָס זיינען דערוויייל אין אַמעריקע נאָך זייער שוואַך אַנטוויקלט, וואָלטן געקענט פאַרגרעסערן די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון די קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־בענק פאַר די אינטערעסן פון די קליינע יידישע אונטערנעמערס.

אַרום און אַרום האָבן די קרעדיט־יוניאַנס געהאָלפן דעם קליינעם יידישן געשעפטסמאַן, ווי מיר וועלן באַלד זען, לייכטער אויסצוהאַלטן די מעכטיקע קאָנקורענץ מצד דעם גרויסן קאַפּיטאַל. אַ דאַנק אַזעלכע קאָאָפּעראַטיווע בענק האָבן די קאָמערציעלע בענק מיט זייערע „פּערזענלעכע הלוואות״, ווי אויך די „אינדוסטריעלע בענק״, אָנגעהויבן בעסער זיך צו באַציען צו די קלענערע אָרעמערע קליענטן. ערשט דורך די קרעדיט־יוניאַנס זיינען אַ סך קרעמערס און אַנדערע קליינע געשעפטסלייט צוגעוואוינט געוואָרן צו פירן פולע חשבונות און טראָגן די געהעריקע אחריות פאַרן געשעפטלעכן סדר אין זייערע עסקים, פונקט ווי אַנדערע עלעמענטן פון נידעריקערן מיטלשטאַנד (אָנגעשטעלטע אד״גל) ווערן אויך דווקא דורך זייער קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס־

[7] 1938 Annual Report of Superintendent of Banks Relative to Saving & Loans Assns. and Credit Unions, Legis. Doc. 1939, No. 25, Albany 1939, p. 268.

[8] M. R. NEIFELD: Cooperative Consumer Credit (with special reference to Credit Unions), N. Y., 1936, pp. 149-153.

באַנק צוגעוואוינט צו אַ געוואוינטשענער שפּאַרעוודיקייט און צו זעלבּ־שטענדיקייט ביים דעקן זייער הוצאה־בודזשעט.[9]

2. אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציעס אין האַנדל

א. איינקויף־געזעלשאַפטן און קאָאָפּעראַטיווע „קייטן"

די קאָאָפּעראַטיווע פּאָלקס־בענק, אָדער קרעדיט־יוניאָנס, וואָס גיבן אַ לייכטן און ביליקן קרעדיט דעם קליינעם יידישן סוחר און קרעמער, העלפן צו דערציען אַ קאָאָפּעראַטיוון גייסט אין אַזעלכע קרייזן, וואָס זיינען בטבע אין זייער סאָציאַלער נאַטור אינדיווידואַליסטיש געשטימט. און ווי אַ צווייטע מדרגה אין מאָדערנעם אָרגאַניזירן קליינע געשעפטסלייט אויף אַ קאָאָפּעראַ־טיוון באַזיס, ווערן דאָ און דאָרט געשאַפן קאָאָפּעראַטיווע איינקויף־געזעלשאַפטן און ענלעכע סוחרישע קערפּערשאַפטן. אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט דער מיטלשטאַנד אין אַמעריקע זיינע פּאָזיציעס היינט צוטאָג, ניט געקוקט אויף די טריאומפן פון גרויסן קאַפּיטאַל.

אויף דער פּראָבלעם פון קאָנקורענץ מצד „קייטן"־קראָמען (טשיין־סטאָרס) און אויף אַנדערע ברענענדיקע עקאָנאָמישע פראַגעס פון שפּייזקרעמער, באַזונדערס פון „גראָסערימאַן" (באַקאַליישטשיק), האָבן אַ סך טויזנטער קרעמער, און צווישן זיי ניט ווייניק יידן, געפונען אַן ענטפער אין קאָלעקטיווע אונטערנעמונגען אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. דער וויכטיקסטער טיפּ פון אַט דעם מין אונטערנעמונגען איז די „א י י נ ק ו י ף"־געזעלשאַפט, ד"ה אַן אָרגאַניזאַציע פון קרעמערס, וואָס קויפן איין בשותפות זייער סחורה, די קרעמער־גרופּע ווערט, אַזוי צו זאָגן, איר אייגענער הורט־הענדלער (גראָ־סיסט) און באַקומט די סחורה פון דער ערשטער האַנט, ווי ס'טוען די גאַנץ גרויסע קראָם־קאָרפּאָראַציעס, די מולטימיליאָנערישע „קייטן"־קראָמען. אָפּט קויפן איין די אָרגאַניזירטע קליינהענדלער די סחורה פון די געוויינלעכע גרויסהענדלער און קריגן אָבער דעם געהעריקן קוואַנטום־דיסקאַונט, באַקו־מענדיק סוף כל סוף די סחורה ביליקער ווי די קרעמער־יחידים.

ווי אַ טיפּישער מוסטער פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען די טרעגער פון דער דאָזיקער נייער באַוועגונג אינעם יידישן מיטלשטאַנד, קענען אונדז דינען די „קאָאָפּעראַטיווע קייטן", ד"ה עקאָנאָמיש־אָרגאַניזירטע קראָם־אונטערנעמונגען פאַרן בשותפותדיקן איינקויפן סחורה. די פאַקטן האָט איבער־געגעבן אַן עקספּערט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישער אַרבעט.[10] אַ פּאָר אַזעלכע ביישפּילן וועלן מיר דאָ בקיצור באַשרייבן.

---

9. אויספירלעכער וועגן די פונקציעס, סטרוקטור און פאַרשריט פון די יידישע קרעמערשע קרעדיט־יוניאָנס ווערט געשריבן אין אַרטיקל פון ה. פראַנק: „עקאָנאָמישע זעלבסט־הילף דורך קרעדיט יוניאָנס", אין „טעגליכע שפּייז ציימונג", ניו יאָרק, 16טן סעפּט. 1936.

10 EDWARD M. KAHN: Some Observations on Jewish Community Life in the South, "Jewish Social Service Quarterly," Dec., 1939.

אין אטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיא, האָבן די יידישע שפּייזקרעמער אָרגאַניזירט אַ „קייט״ אונטער דעם נאָמען „אַטלאַנטאַ סעיווינגס סטאָרס״. זיי האָבן שפּעטער זיך פאַרבונדן מיט ניט־יידישע קרעמערס, וואָס זיינען פון פריער שוין געווען פאַרבונדן אין אַ „קייט״, כדי די ניט־יידן זאָלן קענען קריגן די סחורה פון דעם לאַגער פון די „אַטלאַנטאַ סעיווינגס סטאָרס״. אַלע קרעמערס וואָס גע־הערן צו אָט דעם פאַראייך (קייט) אָרגאַניזירן בשותפות זייער רעקלאַמע און קאָאָפּערירן אויך פאַר אַנדערע געמיינזאַמע עקאָנאָמישע צוועקן. די אָרגאַ־ניזאַציע האָט אויך געשאַפן פאַר אירע מיטגלידער אַ קרעדיט־יוניאָן כדי צו קריגן מזומן אויף איינצוקויפן סחורה פון זייער אייגענעם קאָאָפּעראַטיוון לאַגער. אַן ענלעכע קערפּערשאַפט — די „היברו קאָמערשעל אַלייענס״, מיטן הויפּטזיץ אין אַטלאַנטאַ, אָבער וואָס נעמט אַרום טיילן פון דזשאָרדזשיאַ, סאַוט קאַראָליינאַ און פלאָרידאַ, גיט זיך אָפּ דערהויפּט מיט געבן די מיט־גלידער הלוואות בעתן איינקויף־סעזאָן, כדי די קרעמערס זאָלן אויף לייכטערע באַדינגונגען אַריינקריגן אין זייערע געשעפטן די סחורה. אַן ענלעכע קאָמבינאַציע ווי די אַטלאַנטער „קייט״, ד״ה פאַרבינדונג צווישן אַן איינקויף־געזעלשאַפט און אַ קאָאָפּעראַטיווע פאַראייניקונג פון קרעמער־יחידים אין אַ „קייט״ קראָמען, איז אויך אויפגעבויט געוואָרן דורך יידישע שפּייזקרעמער אין טשאַטאַנוגאַ, טענעסי.

אָט דער מין קאָאָפּעראַטיוו ראַטעוועט אָפט מאָל דעם קליינעם קרעמער, וואָס אויב ניט קען ער צעריבן ווערן צווישן די מילשטיינער פון דער מאָדערנער ווירטשאַפט — די טראַסטס וואָס פּראָדוצירן די קאָנסערווירטע און אַנדערע באַאַרבעטע שפּייז־פּראָדוקטן פון איין זייט, און די פאַרם־קאָאָפּעראַטיוון, וואָס פאַרקויפן די שפּייז־סחורות און פּראָדוקטן און זוכן די גרעסטע און ראַיעלסטע אָפּנעמער, ווי די קאַפּיטאַליסטישע „קייט־קראָמען״, „סופּער־מאַרקעטס״ און אַנדערע רייכע גיגאַנטישע פירמעס.

די באַשריבענע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען פון דעם יידישן מיטל־שטאַנד זיינען פאַרשפּרייט דערהויפּט אין די שטעט פון דער „סאַוט״ און „וועסט״. פאַרקערט, ביטער ביז גאָר איז די אינדיווידואַליסטישע קאָנקורענץ פון די יידישע קליינע שפּייזקרעמער אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע געדיכטע ישובים פון די מזרח־שטאַטן. פּרוואָוון פון קאָאָפּעראַטיווע איינקויף־געזעל־שאַפטן האָבן זיך דאָ ניט איינגעגעבן.

עס האָבן זיך אָבער אַנטוויקלט אין אָט דעם טייל פון דער יידישער אַמעריקע די אַזוי־גערופענע „האָלסעיל־ריטעיל״ פאַראייגען, דאָס הייסט, אַ פאַראייניקונג פון אַ גרופּע יחידים־קרעמער פון איין זייט מיט אַ געוויסן רייכן גרויסהענדלער פון דער צווייטער זייט. דער צוועק פון אַזאַ „קאָאָפּעראַטיוו״ איז אַ פּשוטער — צו שאַפן פאַרן גרויסן סוחר אַ געזיכערטן אָפּזאַצמאַרק פאַר זיינע סחורות (ווי למשל קאָנסערווירטע גרינס און פרוכט וואָס ווערן „געפּאַקט״ אונטער זיין מאַרקע), און דערביי האָט שוין דער גרויסער סוחר אַ פולע

השגחה אויך אויף די פאַרקויף־מעטאָדן פון די קליינהענדלער וואָס זיינען געשעפטלעך פון אים אָפּהענגיק. דער גרויסער ליפעראַנט באַמיט זיך למשל אויסצובעסערן ביי זיינע קרעמערס די קראָם־פירונגען, רעקלאַמירן זייערע סחורות אד״גל. די איניציאַטיוו פאַר אַזעלכע „פּרייוויליקע קייטן״ קומט אין 9 פאַלן פון 10 ניט פון די יחידישע קרעמער גופא, נאָר פון דעם גרויסן סוחר, דעם ליפעראַנט־מאָנאָפּאָליסט, און צו דער אמתער, עכטער מיטלשטאַנד־קאָאָפּעראַציע האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַ גאַנץ ווייטע שייכות.[11]

ב. אַסאָציאַציעס פון קרעמערס

די מאָדערנע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פון מיטלשטאַנד שטאַמען אַלע פון דייטשלאַנד, און צוזאַמען מיט דער דייטשישער אימיגראַציע פון אַרבע־טער און קליינהענדלער אין די 60ער און 70ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אויך דייטשישע אָרגאַניזאַציע־געוואוינהייטן אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַהער קיין אַמעריקע. שוין אָנהייב 80ער יאָרן האָבן די דייטשישע שפּייזקרעמער אין ניו־יאָרק געהאַט אַ פאַך־זשורנאַל — „דהי דזשערמאַן־אַמעריקאַן גראָסער״, און די דייטשן זיינען געווען דער רוקנביין פון אַ פאַך־קערפּערשאַפט פון קרעמער, וואָס האָט געהייסן „ניו־יאָרק ריטייל גראָסערס יוניאָן״. אַ פּרואוו אַריינצוציען אין דער באַוועגונג גרעסערע מאַסן שפּייזקרעמער חוץ די דייטש־אַמעריקאַנער האָט מען אָפּנים געמאַכט ערשט אין 1882. ס'איז פאַרבליבן אַן אויפרוף צו אַ מאַסן־מיטינג פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט און אין אים איז געווען אגב אָפּגעדרוקט די גאַנצע פּראָגראַם פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס אירע הויפּטצילן זיינען געווען צו געבן דעם קרעמערטום יורידישע שוץ, צו הייבן די פאַך־קענטענישן און דעם קולטורעלן מצב בכלל, פון די שפּייזקרעמערס אין ניו־יאָרק (דער פאַקסימילישער אָפּדרוק וואָס ווערט דאָ געבראַכט אַנטהאַלט אַלע פּונקטן פון אָט דער פּראָגראַם).[12]

די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס אירע פאַרטרעטער זיינען דערהויפּט געווען די רייכערע דייטש־אַמעריקאַנער שפּייזהענדלער, האָט די אָרעמערע קרעמערס פון דער יידישער געטאָ ניט געקענט און אפשר ניט געוואָלט אַריינציען אין אירע רייען. וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון די יידישע מיטלשטאַנד־באַוועגונגען איז אָבער דער פאַקט, אַז פּונקט ווי אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

11. אויספירלעכער: — ה. פראַנק: „קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פון ריטייל גראָ־סערילייט״. „טעגל. שפּייז צייטונג״, 27טן מאַי, 1935. דער זעלבער:. „קאָאָפּעראַטיווע באַ־וועגונג און גראָסערי טרייד, „ט. ש. צ.״, 10טן מאַי, 1935; צווייערליי קייטן פון זעלבסטשטענ־דיקע גראָסערלייט, „ט. ש. צ.״, 29טן יולי, 1935. אמתע פּרייוויליקע „קייטן״ — אַ רעטונג פאַרן ריטייל־קרעמער, „ט. ש. צ.״, 26טן אויג., 1935. ווי גראָסערס פאַרשטאַרקן זייערע פּאָזיציעס דורך קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, „ט. ש. צ.״, 27טן סעפּט., 1935.

12. פאַרגלייך א. גאָלדבערג: „דער יידישער פאַך־זשורנאַליזם אין אַמעריקע״, אין „זאַמלבוך לכבוד דעם 250טן יובל פון דער „יידישער פּרעסע״, רעד. יעקב שאַצקי, אַמאָפּטייל ניו־יאָרק, 1936, ז. 234.

EVERY RETAIL GROCER

OF THIS CITY SHOULD ATTEND THE GRAND

MASS MEETING

OF THE

New York Retail Grocers' Union,

Sunday, June 18th, at 3 P. M.,

AT BEETHOVEN HALL, 5th St., near Bowery,

To hear the Speeches in English and German about the

OBJECT of the UNION

THE FOLLOWING POINTS WILL BE DISCUSSED:

1.—Protection from Bad Customers, in keeping a "Black List"
2.—Earlier Closing of Stores.
3.—Abolishing of the Peddler evil.
4.—Reforming the present system of Inspection and Scaling.
5.—Selling of Vegetables and Fruits by Weight, instead of by measure.
6.—The selling of goods on the part of Wholesale Houses in small quantities directly to consumers.
7.—Adulteration of goods, fictitious labels, etc.
8.—Short weights and false tares, excessive and unmercahtile competition.
9.—Keeping a list of Stores which are to let or for sale.
10.—Intelligence Bureaus for Clerks.
11.—Formation of a Library, containing useful books of information for the trade.
12.—Watching Local and State Legislation affecting the trade.
13.—Extension of Gansevoort Market.
14.—Fostering social feeling among the Retail Grocers.

The Meeting will be addressed in German and English on these points, by President F. BLOHM, Secretary H. GOLDBERGER, Mr. JOHN FREDERICKS, Editor of the GERMAN-AMERICAN GROCER, and other speakers.

DO NOT FAIL TO ATTEND

And become a member of the Union.

No Initiation Fees are charged up to Aug. 1, 1882

German-American Grocer Print, 242 to 258 Centre Street New York

אויפרוף־פלוגבלעטל פון דער ניו־יאָרקער „ר י ט י י ל גראָסערס יוניאָן" אין
פאַרבינדונג מיט אַ מאַס־מיטינג וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 18טן יוני 1882.

אַזוי אויך אין דעם קרעמערשן פאַך האָבן די דייטשישע אימיגראַנטן אויס־געטראָטן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן וועג פאַר די שפּעטערדיקע אָרעמערע יידישע האַלב־אַמעריקאַניזירטע אַרבעטער־ און פּאָלקסמאַסן. די פּראָגראַם וואָס יענע ניט־יידישע עלעמענטן האָבן אין יאָר 1882 פאָרמולירט איז צום גרעסטן טייל פאַרבליבן אין קראַפט פאַר די אַנאַלאָגישע קערפּערשאַפטן ביי יידן ביזן היינטיקן טאָג. אָבער ערשט אין 25—30 יאָר נאָך די דייטש־אַמעריקאַנער, האָבן די יידישע קליינקרעמער פון ניו־יאָרק געשאַפן אַ פאַך־קערפּערשאַפט, פון דעם פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע מין „טרייד אַסאָציאַציעס״. געשען איז דאָס אין דער צייט פון העכסטן פונאַנדערבלי פון דעם יידיש־אימיגראַנטישן ישוב אין ניו־יאָרק, צווישן 1907 און 1910, און אָפּגעשפּילט האָט זיך די דאָזיקע פּאַסירונג אין איינעם פון די געדיכטסטע יידישע קוואַרטאַלן — אין בראַנזוויל.[13]

אין אַ שטאָט, ווי ניו־יאָרק, מיט טויזנטער קליינע יידישע שפּייזקרעמערס, האָט די דאָזיקע באַוועגונג דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים. אָנגעפאַנגען מיט קליינע „לאָקאַלע״ (ד״ה פאַר באַזונדערע שטאָט־טיילן) אַסאָציאַציעס פון יידישע קרעמערס, האָט די באַוועגונג, אין משך פון איר 25־יאָריקער עקזיס־טענץ, ניט איין מאָל שוין געפּרואווט זיך צו דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ צענטראַליזירטער פאַך־קערפּערשאַפט פאַר אַלע יידישע שפּייזקרעמערס פון גרויסן כרך ניו־יאָרק. ווידער האָט מען אַ פּאָר מאָל, באַזונדערס אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן מיט דער אויפגעבלאָזענער געשעפטלעכער אַזאַרט־ספּעקולאַציע פון 1923—1927, געפּרואווט פאַרבינדן אַן אַלגעמיינע פאַך־אַסאָציאַציע פון שפּייז־קרעמערס (אַ גראָסערס יוניאָן) מיט קאָאָפּעראַטיווע קרעמער־אונטערנעמונגען פאַרן איינקויף. אָבער קיין פּאָזיטיווע און דויערנ־דיקע רעזולטאַטן האָבן די פּרוואוון ניט געהאַט און די סיבות וועלן קלאָר ווערן פון ערשטן בליק, אויב מען וועט זיך צוקוקן נענטער צו דער דאָזיקער פאַרצווייגטער באַוועגונג דאָ אין ניו־יאָרק, בפרט צו איר שטאַנד אין דער לעצטער צייט.

אין מאַי 1936 האָבן אין ניו־יאָרק עקזיסטירט 25 אַסאָציאַציעס פון יידישע שפּייז־קרעמערס און מילך־פאַרקויפערס, ווי דאָס האָט מיט אַלע פּרטים פעסטגעשטעלט אַן עקספּערט פון די יידישע קרעמער־אַסאָציאַציעס.[14]

13. אַ. גאָלדבערג, פּר. ציט. ז׳ 235. א. ל. אברמסאָן: „ערנסטע ווערטער וועגן בראַנזוויל״, אין „טעגל. שפּייז צייטונג״, 8טן יולי, 1935, און — „קיינער איז ניט שולדיק, נאָר די גראָסערילייט אַליין״, דאָרט, 9טן סעפּט., 1935.

14. „אַ קלאָרע אָפּשאַצונג פון דער איצטיקער לאַגע אין דער גראָסערי באַוועגונג״ אין דער „טעגליכער שפּייז צייטונג״, 1טן מאַי, 1936. אַ פולער קאָמפּלעקט פון דער דאָ־זיקער, דער וויכטיקסטער פאַך צייטשריפט פון יידישן קראָם־האַנדל מיט באַקאַליי (גראָסערי) סחורות, פאַר די גאַנצע 14 יאָר (1923—1936) פון איר עקזיסטענץ געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער „אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט״, ניו־יאָרק, 3080 בראָדוויי.

צו אַלע 25 אָרגאַניזאַציעס האָבן געהערט ניט מער ווי 25 פּראָצענט פון די קרוב 8 טויזנט יידישע „זעלבשטענדיקע" שפּייז־קרעמער פון ניו־יאָרק. יעדער אַסאָציאַציע האָט בכן געהאַט ניט מער ווי איין פּראָצענט פון די יידישע שפּייז־קרעמער. ביי אַזאַ צעברעקלונג, מיינט עס, וואָלט נייטיק געווען צו אָרגאַניזירן, לפּחות, נאָך 75 אַזעלכע „לאָקאַלע" „גראָסערס־אַסאָסיאיישאָנס", וואָס יעדערע באַזונדער פאַרמאָגט זייער שוואַכע מאַטעריעלע און גייסטיקע כוחות. אמת, כמעט יעדערע פון די 25 אַסאָציאַציעס האָט איר אייגענעם טשאַרטער, אירע פּאַרוואַלטערס און אָרגאַניזאַטאָרס, אָפט מיט שטענדיקע ביוראָס און שטענדיק מיט אירע אייגענע געדרוקטע פּובליקאַציעס, ווייל אַלע אַסאָציאַציעס אָרגאַניזירן יערלעכע באַנקעטן מיט סואוועניר־פּראָגראַמען און זאַמלען רעקלאַמעס פון יענע גרויסע און רייכע פירמעס, וואָס שטעלן צו די קליינע קרעמערס זייערע נויטיקסטע גאַנגבאַרסטע סחורות, ווי מילך, ברויט, ביסקוויט, קאָנסערווירטע שפּייזן אאַ״וו.

מען קען לייכט זען, אַז אין גרונט זיינען אָט די אַלע שוואַכע אַסאָציאַציעס מער אָפּהענגיק פון די גרויסע פירמעס, וואָס גיבן אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער פאָרעם די געלט־מיטלען צו דעקן דעם הוצאה־בודזשעט פון די פאַראיינען, ווי זיי דינען די „זעלבסטשטענדיקע" קרעמערס גופא און זיי באַשיצן גאַנץ ווייניק זייערע אינטערעסן און פאָדערונגען לגבי דעם מעכ־טיקערן רייכערן צד, ווי די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע קאָנקורענטן. אָפט מאָל סובסידירן גאָר די גרויסע פירמעס אָט די אַסאָציאַציעס פון די יידישע קרעמערס דירעקט דורך די אַזוי גערופענע „דיסקאונטס", אָדער פּעריאָדישע באָנוסעס, וואָס ווערן צעטיילט צווישן די אָרגאַניזירטע קרעמערס אין פּראָפּאָרציע מיטן פּדיון פון דער געוויסער סחורה וואָס דער אָדער יענער אַסאָציאַציע־מיטגליד האָט געלייזט. די פּאַרוואַלטערס ציען אַרויס פון אָט אַזעלכע הכנסות מער געלט ווי פון מיטגליד־אָפּצאָל, פּונקט ווי די הויפּט־הכנסה פון די פאַך־זשורנאַלן און צייטשריפטן קומט פון די אַנאָנסן וואָס די גרויסע פירמעס, די ליפעראַנטן פון די קרעמערס, גיבן אַריין כדי נושא חן צו זיין ביי די טוערס פון דער באַטרעפנדיקער אַסאָציאַציע. די באַוועגונג האָט אין אַזעלכע באַדינגונגען געמוזט דעגראַדירן און זיך דערקייקלען צו יענער טיפער ירידה, וואָס זי מאַכט דורך שוין אַ גוטן צענדליק יאָר.

אַזאַ לאַגע נעמט זיך פון דער ביטערער קאָנקורענץ צווישן די יידישע שפּייז־קרעמערס אין ניו־יאָרק, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז אגב אַן אָרעמער, ווייניק אַנטוויקלטער און צו זיין פאַך לחלוטין ניט־צוגעגרייטער עלעמענט. אגב איז דער געוואַלדיקער שטח פון דער שטאָט ניו־יאָרק אַ מניעה פאַר אַן אָרגאַניזיר־פאָרעם וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע קליינע קרעמער־אונטערנעמער, וואָס אַרבעטן לאַנגע שעהן כמעט אַ קיילעכדיקע וואָך און זיינען צעוואָרפן אין אַלע עקן פון דער ריזיקער שטאָט.

אין אַנדערע גרויסע שטעט מיט געדיכטע יידישע געגנטן, ווי שיקאַגאָ,

לאָס אַנדזשעלעס אאַ״וו, פונקציאָנירן עטלעכע יידישע קרעמער־פאַראיינען פאַר גאַנץ שטאַט, און דאָס שפּיגלט זיך אָפּ גאַנץ אָנזעעוודיק אין זייערע (מאָנאַטלעכע) פאַך־צייטשריפטן, וואָס ווערן בדרך הכלל געדרוקט אין יידיש און אין ענגליש, מיט באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר די פרויען פון די קרעמער.

אַנדערע צווייגן פון גרויסן יידישן קליינהאַנדל מיט שפּייז, ווי בעקערייען, פליישׂ־קראָמען, דעליקאַטעסן־געשעפטן אד״גל פאַרמאָגן אויך דאָ אין ניו־יאָרק זייערע, פיקטיווע אין גרונט, פאַך־אַסאָציאַציעס, וואָס דינען די אינטערעסן מער פון אַ קליין הייפל טוערס ווי די באַדערפענישן פון די קרעמער גופא. דאָך איז, ווי ס׳ווייזט אויס, אין אָט די פאַכן פון קליינהאַנדל די קאָנקורענץ אַ שוואַכערע ווי אין „גראָסערי״־האַנדל, און ממילא איז אויך די רעפּוטאַציע און קראַפט פון יענע קרעמער־אַסאָציאַציעס אַ געהויבענערע ווי די פון די קערפּערשאַפטן פון „גראָסערי־לייט״.

אין 1933—1935, ווען פרעז. רוזוועלטס „נאַציאָנאַלע אויפבוי־אַדמיניסטראַציע״ (נ. ר. א.) האָט אַלע פאַך־אַסאָציאַציעס צוגעצויגן צו אַן אַליין־רעגולירונג פון די געשעפטלעכע פירונגען אין נאָמען פון אַ „יושרדיקער קאָנקורענץ״ און פּראָספּעריטעט, דעמאָלט זיינען אויך די היגע יידישע שפּייז־קרעמער און אַנדערע קליינהענדלער, דורך זייערע פאַך־אַסאָציאַציעס, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער גרויסער געשעפטלעך־אַדמיניסטראַטיווער רעפאָרעם־באַוועגונג פון לאַנד. זיי האָבן געפּרוּווט קומען אין באַרירונג מיט די פאַך־אַסאָציאַציעס פון די שפּייז־פאַבריקאַנטן, פון איין זייט, און מיט די לעגיסלאַטיווע אינסטיטוציעס אין אָלבאַני, נ. י. און אין וואַשינגטאָן, פון דער צווייטער זייט. צוזאַמען מיטן בטל ווערן פון דער נ. ר. א. איז אָבער אויך אָט דער צייטווייליקער אויפבלי פון די יידישע קרעמער־אַסאָציאַציעס פאַרביי; און גלייך האָט די קרעמער־באַוועגונג דערגרייכט נאָך אַ נידעריקערע מדרגה ווי אין די קריזיס־יאָרן 1930—1932.

3. אינדוסטריעלע אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציעס

אַ וויכטיקע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן פון דעם יידישן מיטלשטאַנד שפּילן די אַסאָציאַציעס פון די מיטעלע און קליינע פאַבריק־אונטערנעמערס, און די באַדייטונג פון אָט דעם מין פאַך־אַסאָציאַציעס, ווי פון אַלע קערפּערשאַפטן פון די אונטערנעמערס, איז שטאַרק געוואַקסן אין די נאָך־מלחמה־יאָרן. די דאָזיקע אַסאָציאַציעס עקזיסטירן שוין צענדליקער יאָרן אין אַמעריקע. זיי שטרעבן צו באַשיצן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די מיטגלידער דורכן רעגולירן די פּרייזן אויף סחורות, וואָס די פירמעס אַרבעטן אויס, דורך פאַרשפּרייטן זייערע פּראָדוקטן אין נייע אָפּזאַץ־געביטן, דורך פאַרהאַנדלען מיט דער רעגירונג, מיט אַרבעטער אאַ״וו. אונטער ה. הוואָוער, פריער ווי דער אַמעריקאַנער האַנדל־מיניסטער און שפּעטער ווי דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן די פאַך־אַסאָציאַציעס פאַרנומען אַ זייער

אַנזעעוודיקע און איינפלוסרייכע פּאָזיציע אין אַמעריקאַנער האַנדל־אינדו־סטריעלן לעבן.[15]

אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער, וואו דער טרייד־יוניאָניזם איז שוין פון לאַנג אַ מעכטיקער כוח אין דער אינדוסטריע, פלעגן די אונטער־נעמער־פאַרבאַנדן אָפּשליסן אין נאָמען פון דעם גאַנצן צווייג פון דער אינדוסטריע, וואָס זיי פאַרטרעטן, קאָלעקטיווע טאַריף־אָפּמאַכן מיט די אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער מכוח שכירות, אַרבעט־צייט און אַרבעטער־באַדינגונגען. אין די יידיש־אַמעריקאַנער קרייזן, וואו דער טרייד־יוניאָניזם האָט געמאַכט זיינע ערשטע טריט נאָך סוף 80ער יאָרן, האָט מען די מאָדערנע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן צווישן דער יוניאָן און די אונטערנעמער־פאַראייניגן איינגעפירט אַ סך, אַ סך שפּעטער. מעגלעך, אַז די קליינע און שוואַכע אונטערנעמער, וואָס זיינען געווען דאָס רוב בנין ומנין פון יידישן אונטערנעמערטום אין די אימיגראַנטן־אינדוסטריעס זינט 1895, האָבן טאַקע געהאַט זייערע חברות, אָדער אַסאָ־ציאַציעס, אָבער האָבן פאַרמאָגט אַ צו קליינעם פּרעסטיזש אין דער אינדוסטריע, אַ צו קנאַפּע עקאָנאָמישע קראַפט צו קענען שפּילן אַ חשובע ראָלע פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן קאָנטראַגענט אין די קאָלעקטיווע אָפּמאַכן.

אַזוי, למשל, האָט די „יידישע שריפטזעצער־יוניאָן" אין ניו־יאָרק, (גע־גרינדעט אין 1888) ערשט סוף 1907 געקאָנט אונטערשרייבן אַ קאָלעקטיוון אָפּמאַך מיט די דרוקעריי־אייגנטימער, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער „היברו פּרינטערס ליג".[16] אָבער בעת אַ סכסוך מיט די אַרבעטער, אין 1909, איז אומגעריכט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די „היברו פּרינטערס ליג" איז גאָר ניט געווען קיין לעגיטימע פאַך־אַסאָציאַציע, ווייל זי האָט ניט געהערט צו דער נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט פון די דרוקער־באַלעבאַטים — די „יוניאָן פּרינטערס ליג". די סיבה איז געווען אַ פּשוטע — די יידישע דרוקעריי־באַזיצער, די אַזוי גערופענע „דזשאַב דרוקערס", האָבן ניט געוואָלט אַרויפ־נעמען אויף זיך דעם געלט־אָפּצאָל אין דער קאַסע פון זייער צענטראַלער פאַך־אַסאָציאַציע. דערביי האָבן זיי פאַרלאָרן וויכטיקע אינדוסטריעלע רעכט און פּריווילעגיעס, ווי צ״ב די מעגלעכקייט צו אַרביטרירן די אינדוסטריעלע סכסוכים אד״גל.[17]

ניט קיין סך רייפער און שטאַרקער זיינען געווען די יידישע אונטערנעמער־אָרגאַניזאַציעס, אויב זיי האָבן אַפילו עקזיסטירט צווישן די אָרעמע און־

15. וועגן די פאַך־אַסאָציאַציעס, זייער צוזאַמענשטעל, פּילזייטיקע פונקציעס און גע־זעלשאַפטלעכער ראָלע — זעט אָט די ווערק:

DONALD, W. J. Trade Associations (Management, Policies, Organization, Personnel, Services), New York, 1933.

FOTH, J. H. Trade Associations (Their Services to Industry), N. Y., 1930.

16. ש. שיינפעלד: 50 יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן, ניו יאָרק, 1938, ז' 94.

17. דער זעלבער, דאָרט, 102, א״וו.

טערנעמערס, ווי קאָנטראַקטאָרס אין די גרויסע נאָדלפאַך־אינדוסטריעס פון ניו־יאָרק. ערשט אין סעפּטעמבער 1910, נאָך דעם היסטאָרישן סטרייק פון די פרויען־מאַנטל־שניידערס, ווען ס׳איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער באַוואוסטער „פּראָטאָקאָל" צווישן דער צענטראַלער אַרבעטער־יוניאָן, פון איין זייט, און דער רייכער „מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן", פון דער צווייטער זייט, ערשט דעמאָלט איז עס געוואָרן אַן אייזערנער כלל אין דער פרויען־מאַנטל־אינדוסטריע, דער גרעסטער יידישער אינדוסטריע פון ניו־יאָרק, איינצופירן יורידיש־בינדנדיקע קאָלעקטיווע אָפּמאַכן צווישן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און די אָרגאַניזירטע אונטערנעמערס.[18]

פונקט ווי מיט 30 יאָר צוריק, ליגט אויך איצט די אַמעריקאַנער קאָנפעקציע־אינדוסטריע (פּאַרטיקע מלבושים), וואָס ס׳איז שייך באַלעבאַטים אויף 85־90 פּראָצענט אין יידישע הענט, באַזונדערס דאָ אין ניו־יאָרק.[19] ממילא איז די מיטגלידערשאַפט אַ דורך און דורך יידישע. און ביי געוויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, ווי צו שאַפן פאָנדן פאַר דער צדקה־פעדעראַציע (אַ מין צדקה־גדולה פאַר ניו־יאָרק און ברוקלין), שפּילן אָט די יידישע אָרגאַניזירטע געשעפטסלייט אַ גרויסע ראָלע. די באַדייטונג און ראָלע פון די דאָזיקע אַסאָציאַציעס איז באַזונדערס געשטיגן בעת דעם קורצן אָבער איינדרוקספולן עקספּערימענט מיט דער נ. ר. א., ווי דער ערשטער אָנפאַנג פון אַ מין אַליין־רעגולירונג פון דער כאַאָטישער און פון ביטערער קאָנקורענץ צעפּרעסענער קליידונג־אינדוסטריע.[20]

אָבער נאָך לאַנג פאַר די רוזוועלט־געזעצן פון יאָר 1933 האָבן שוין די אַסאָציאַציעס פון קליידונג־אונטערנעמער און פון גרויסע און קליינע פאַרקויפער פון פאַרטיקע בגדים אָרגאַניזירט באַזונדערע אַסאָציאַציעס (און דער פּראָצענט יידן איז דאָרט נאָך גרעסער ווי אין די פאַך־אַסאָציאַציעס פון די פאַבריקאַנטן) און זיך געמיט איינצושטעלן אַ מין קאָאָפּעראַציע פאַר זייערע שותפותדיקע געשעפטלעכע אינטערעסן אויף פאַרשיידענע געביטן, ווי אינפאָרמאַציע מכח קרעדיט־פעאיקייט, אויסצוגלייכן סכסוכים, אַרביטראַזש אד״גל.[21]

ווי באַקאַנט, האָט דאָס יידישע אונטערנעמערטום אין דער אַמעריקאַנער קליידונג־אינדוסטריע אַריינגעטראָגן אין אָט דעם גרויסן צווייג פון דער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע אַ הויכע מדרגה פון אַן אייגנאַרטיקער סאָציאַלער

18. וועגן יענעם גרויסן אינדוסטריעלן סכסוך — זע ה. פראַנק: „די יידישע טרייד יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקע", אין „יאָרבוך" (פון אַמאָפּטייל"), ב. 2, ניו־יאָרק, 1939, ז״ז 115—116.

19 JEWS IN AMERICA, by the Editors of "Fortune," N. Y., 1936, p. 49.

20 The National Recovery Administration: An Analysis and Appreciation, Washington, D.C., Brookings Institution, 1935.

21 Trade Association Activities, U.S. Dept. of Commerce, Domestic Commerce Series, No. 20, Washington, 1927, pp. 114-116, 215-217.

אַרבעט־פּאַרטיילונג, פּונקט ווי די יידישע אַרבעטער זיינען געווען גאָר גרויסע ברייות צו פאַרפולקומען די טעכנישע אַרבעט־פּאַרטיילונג, די ספּעציאַליזאַציע פון נייַ־מלאכות אין די ניי־וואַרשטאַטן און פאַבריקן. די יידישע אונטערנעמערס האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן, חוץ גרויסע פאַבריקאַנטן, אויך די אַזוי גערופענע „דזשאָבערס", וואָס זיינען האַלב־פאַבריקאַנטן, האַלב גרויס־הענדלער, און נאָך אויך די שטאַרק אָפּהענגיקע (פון רייכן אונטערנעמער און „לאַגערמאַן") „סוב־מאַנופעקטשורערס" און קאָנטראַקטאָרס. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע קאָמפּליצירטע איינטיילונג — ווערטיקאַל, דאָס הייסט פאַרן סאָציאַלן מעמד (גרויסע פאַבריקאַנטן, מיטעלע און קליינע), און האָריזאָנטאַל, פאַר די באַזונדערע צווייגן פון פּראָדוקציע (קליידונג פאַר מענער, פרויען און קינדער, וועש, מענער־העמדער, קאָרסעטן אד״גל) האָט געפירט צו אַן אומגעהייערער פאַרמערונג פון דער צאָל פאַך־אַסאָציאַציעס אין דער באַקליידונג־אינדוסטריע. אין אַ רשימה פון 2400 גרויסע און מיטעלע פאַך־אַסאָציאַציעס פון גאַנצן לאַנד געפינט מען 69 פאַרשיידענע פאַך־אַסאָציאַציעס פון דער קאָנפעקציע־אינדוסטריע (פאַרטיקע קליידונג), פון זיי בלויז 9 אין שטעט אויסער ניו־יאָרק; חוץ דעם זיינען נאָך דאָרט אויסגערעכנט 18 פאַך־אַסאָציאַציעס פון מאַדיסטן־פאַך („מילינערי").[22]

די וויכטיקסטע פאַך־אַסאָציאַציעס און די צוויי הויפּט־צווייגן פון דער גרעסטער ניו־יאָרקער שניידער־אינדוסטריע, די פרויען־קליידונג, צוזאַמען מיט דער צאָל אַרבעטער און אונטערנעמער אין זיי, ווערן געוויזן אויף די טאַבעלעס, וואָס זיינען צונויפגעשעלט געוואָרן פון די ציפערן, וואָס ווערן געבראַכט אין אַן אָפיציעלער פּובליקאַציע פון דעם אַרבעט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן.[23]

טאַב. 1 — די מאַנטל־אינדוסטריע („קאָוט ענד סוטס") אין ניו־יאָרק, 1935.

אונטערנעמער־גרופּע	צאָל פירמעס	צאָל אַרבעטער	נאָמען פון פאַך־אַסאָציאַציעס
רעגולערע פאַבריקאַנטן	622	20,800	„אינדאַסטריעל קאונסיל אָוו קלאָוק, סוט ענד סקוירט מאַנופעקטשורערס".
„דזשאָבערס"	360		„מוירטשענט ליידיס גאַרמענט אַסאָסיאיישן".
„קאָנטראַקטאָרס" און „סובמאַנופעקטשורערס"	924	24,700	„אַמעריקען קלאָוק ענד סוט מאַנופעקטשורערס אַסס׳ן".
צוזאַמען	1,906	45,500	

22 Dept. of Commerce, Washington, D.C., Market Research Series No. 1. Selected Trade Associations in the U.S., 1937 Edition (Index by Commodity or Service, pp. 107-124). ס׳איז אַ טשיקאַווער פאַקט, אַז פון די 2400 אַסאָציאַציעס אין גאַנצן לאַנד געפינען זיך אין ניו־יאָרק 945, בעת שיקאַגאָ האָט בלויז 320.

23 U.S. Department of Labor, Women's Bureau, Washington, D.C., 1936, Bulletin No. 146, p. 8 ff.

טאַב. 2 — די ניו־יאָרקער פרויען־קליידער („דרעסעס") אינדוסטריע, 1935

אונטערנעמער־גרופע	צאָל פירמעס	צאָל אַרבעטער	נאָמען פון פאַך־אַסאָציאַציעס
רעגולערע פאַבריקאַנטן	250	12,000	אפיליאייטעד דרעס מאַנופעקטשו־רערס.
„דזשאַבערס"	800	12,000	האָלסייל דרעס מאַנופעקטשורערס אַסס׳ן.
„סובמאַנופעקטש." און „קאָנטראַקטאָרס"	2,250	82,000	יונייטעד אַסס׳ן אָוו דרעס מאַנו־פעקטשורערס.
צוזאַמען	3,300	106,000	

פון ביידע טאַבעלעס, באַזונדערס אָבער פון דער טאַב. 2, זעט מען, אַז די גאַנץ גרויסע מערהייט אַרבעטער און אויך אונטערנעמער געהערט צו דער קאַטעגאָריע „סובמאַנופעקטשורערס". און אַזאַ צעשפּליטערונג פון דער אינדוסטריע, וואָס זי איז בכלל אונטערגעוואָרפן אַ סך וואַקלדיקע פאַקטאָרן, ווי מאָדע־ענדערונגען, סעזאָן־וואַקלונגען, נייע סאָרטן רוי־שטאָפן (קונסט־זייד, למשל, אָנשטאָט באַוול אאַ"וו), פאַרערגערן גוואַלדיק די לאַגע הן פון קליינעם אונטערנעמער, הן פון די אַרבעטער וואָס זיינען אין אַזעלכע שוואַכע און קליינע פירמעס באַשעפטיקט. איין פועל־יוצא פון אַזאַ אומגעזונטער און פאַרן יידישן עקאָנאָמישן לעבן שמערצלעכער לאַגע איז די גרויסע צאָל באַנקראָטן און ליקווידאַציעס פון אַלטע פירמעס און דער כסדרדיקער אויפקום פון אומצייַליקע פרישע קאָנקורענטן. אָט איז איין ביישפּיל: אין יאָר 1934־35 (ניט קיין שלעכט יאָר פאַר דער דאָזיקער אינדוסטריע) האָבן זיך אין ניו־יאָרק ליקווידירט 298 „קאָוט ענד סוט"־פירמעס, בעת נייע 353 פירמעס זיינען צוגעקומען. נאָך גרעסער איז געווען דער דאָזיקער אומבייט פון פירמעס אין דער ניו־יאָרקער „דרעס"־ (קליידער) אינדוסטריע, וואָס האָט, ווי מיר האָבן אויבן פון דער טאַב. 2 געזען, באַשעפטיקט אין 1935 — 106 טויזנט אַרבעטער.[24]

4. פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס

א. קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען

די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע צווישן די יידישע פאַרמערס וואָס זיינען פאַקטיש געווען די פּיאָנערן פון יענעם צווייג פון קאָאָפּעראַציע ביי אונדז אין לאַנד, האָט, ווי מיר ווייסן שוין, קיין קיום ניט געהאַט. אַ נייע פּרוכטבאַרע עפּאָכע פאַרן קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט־וועזן צווישן די יידישע לאַנדווירטן איז אָנגעקומען ערשט אין די לעצטע 15 יאָר צייט — אין איינעם מיט דער באַפעסטיקונג פון דער יידישער פאַרמעריי און מיט דער פאַרשפּרייטונג פון פאַרמערשע קרעדיט־יוניאָנס איבערן לאַנד.

[24] Coat & Suit Authority Statistical Tabulation, Table 12, 1.

אין די צוויי גרעסטע שטאַטן פון דער ייִדישער פאַרמעריי, ניו־יאָרק און ניו־דזשוירזי, האָבן אין די לעצטע יאָרן די ייִדישע פאַרמערס געשאַפן אַ ריי דערפאָלגרייכע קרעדיט־יוניאָנס. די ייִדישע פאַרמערס פון פוירנוויל, נ. דזש., זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן געשאַפן אַ פאַרמערשע קרעדיט־יוניאָן אויפן סמך פון דעם נייעם פעדעראַלן געזעץ פון יאָר 1934.[25]

נאָך אַ גרעסערע עקאָנאָמישע באַדייטונג האָבן די קאָאָפּעראַטיווע פאַרקויף־ און איינקויף־אַסאָציאַציעס („מאַרקעטינג אַסאָסיאיישאָנס״), וואָס מען געפינט איצט כמעט אין יעדער גרעסערן ייִדישן פאַרם־ישוב. אין געמישטע געגנטן (צענטראַל־טייל פון ניו־דזשוירזי, למשל) זיינען די ייִדישע פאַרמערס, הגם אין מינדערהייט אין אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו, דאָך די אויסגעקליבענע פאַר־וואַלטערס און פירערס פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי ס׳וויזן אַ סך ביישפּילן אין אַ געדרוקטן באַריכט וואָס איז לעצטנס דערשינען.[26] אין שטאַט ניו־דזשוירזי זיינען די ייִדישע פאַרמער־קאָאָפּעראַטיוון אגב געווען די איניציאַטאָרס און הויפּט־עסקנים ביים גרינדן אַ שטאַט־פעדעראַציע פון אַלע לאַנדווירטשאַפט־לעכע קאָאָפּעראַטיוון. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די ייִדישע פאַרמערס ווערט געשטיצט פון דער ייִדיש אַגריקולטור־געזעלשאַפט און אויך פון דער רעגירונג דורך דער „פאַרם קרעדיט אַדמיניסטריישאָן״ אין וואַשינגטאָן.

ב. פאַרמער־פאַרבאַנדן

אַ גרויסער פאַרבאַנד מיט אַ ברייטער עקאָנאָמישער פּראָגראַם פון אַלע ייִדישע פאַרמערס איז געשאַפן געוואָרן נאָך אין 1909, אָבער ער האָט די וועלט־מלחמה ניט איבערגעלעבט. די דאָזיקע „פעדעראַציע פון ייִדישע פאַרם־פאַראיינען״ (מיט 56 לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס אין 27 שטאַטן און 1267 מיטגלידער) האָט געשטרעבט צו אָרגאַניזירן דעם קאָאָפּעראַטיוון פאַרקויף פון די פאַרם־פּראָדוקטן, ווי אויך פירן אַ בילדונג־טעטיקייט און אַנדערע קולטור־אַרבעטן צווישן די ייִדישע פאַרמערס, ווי, למשל, צו דערציִען דעם אינטערעס צו קאָאָפּעראַציע אאַ״וו. זי איז אונטערגעגאַנגען אַרום 1920 צוליב דעם דחק אין גרונט און אויסקער־קאַפּיטאַלן.[27]

אין די לעצטע יאָרן האָט מען געלייגט אַ יסוד פאַר אַ גאַנץ נייעם טיפּ פאַרמער־פאַרבאַנד ביי ייִדן אין אַמעריקע. דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע

25 GABRIEL DAVIDSON: The Jew in Agriculture in the United States, American Jewish Yearbook, 5696 (1935-1936), p. 108.

26 Annual Report (for 1937) of Jewish Agricultural Society, New York. ה. פראַנק: „ייִדן און די פאַרם־קאָאָפּעראַטיוון״, אין „פרייע אַרבעטער שטימע״, 2טן יוני, 1939. דערזעלבער. „ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון אין אַמעריקע״, „צוקונפט״, סעפּטעמבער, 1936, ז״ז 604—606.

27. ה. פראַנק: „דער צושטאַנד פון דער אידישער פאַרמעריי אין די פאַראייניגטע שטאַטן״, „צוקונפט״, דעצעמבער, 1926, ז״ז 694—698. דאָרט ווערט איבערגעגעבן די אַנטוויקלונג־געשיכטע פון דעם ייִדישן פאַרמער־פאַרבאַנד פון 1909 ביז 1921.

פון דעם יונגן יידישן פּאַרמער־דור איבערן לאַנד, און זי טראָגט דעם נאָמען „רוראל יוטה אָוו אַמעריקא", די ערשטע אָרגאַניזאַציע פון דעם דאָזיקן מין דאָ, אין די פּאַראייניקטע שטאַטן.[28]

דער דאָזיקער פּאַרבאַנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון דער „יידישער אַגריקולטור־געזעלשאַפט", שטרעבט קודם כל אַרויפצופירן דעם יונגן דור, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויף די פּאַרמס, אויף אַ העכערן שטאַפּל פון פּאַך־קענטענישן און געניטשאַפטן און צו פּאַרשטאַרקן די פריינט־שאַפטלעכע באַציאונגען צווישן יענע יונגע יידישע עלעמענטן וואָס האַלטן פון דער פּאַרם־פּרנסה.

אַזאַ נייע טענדענץ אויפן געביט פון אָרגאַניזירטן יידישן פּאַרם־וועזן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן שטימט דורך און דורך מיט דער נייסטער טענדענץ אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפטלעכקייט, דהיינו: אַריינ־ציען דעם יונגן דור אין אַזעלכע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע (ד"ה טעטיקע איבערן גאַנצן לאַנד) קערפּערשאַפטן, וואָס אי זיי שטעלן זיך קולטורעלע צוועקן, ווי בילדונג למשל, אי זיי שטרעבן אַנטקעגנצוקומען די ע ק אָ־נ אָ מ י ש ע אינטערעסן און באַדערפענישן פון דעם לאָקאַלן ישוב מיט זיינע באַזונדערע אָרטיקע אָדער רעגיאָנעלע אייגנשאַפטן און אומשטענדן. אָט אַזאַ קאָנסטרוקטיווע קולטור־עקאָנאָמישע אַרבעט פּאַר אַ טייל פון דעם יונגן יידישן דור אין אַמעריקע, העלפט בעסער ווי וועלכע ס'איז אַנדערע אונטערנעמונגען, צו פּאַרשטאַרקן די עקאָנאָמישע פּאָזיציע און צו העכערן דעם געזעלשאַפטלעכן פּרעסטיזש פון דעם יידישן מיטלשטאַנד אין די פּאַר־אייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

---

28. ה. פּראַנק: „אויפן שוועל פון אַ נייער תקופה" (פון דער סעריע: „אידישע פּאַרמעריי אין אַמעריקע", „פרייע אַרבעטער שטימע", 9טן יוני, 1939.

נתן בירנבוימס בריוו צו י. ל. כהן

מיט אַן אַריינפיר פון מ. שטאַרקמאַן

אינעם י. ל. כהן־אַרכיוו, וואָס איז אין רשות פונעם אַמעריקאַנער אָפטייל ייוו״אָ, געפינט זיך אַ פעקל פון פיר בריוו און דריי קאַרטלעך, וואָס ד״ר נתן בירנבוים האָט סוף 1908 און אָנהייב 1909 געשריבן פון טשערנאָוויץ צו כהנען קיין ניו־יאָרק.

די פיר בריוו און דריי קאַרטלעך — אי זיי ווייזן אונדז כהנס תשוקה צו פראַקטישער יידישער קולטור־אַרבעט, אי זיי גיבן אונדז די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן עמאָציאָנעלן צושטאַנד און מאַטעריעלן מצב פון „מתתיהו אחר״ (נתן בירנבוימס פסעוודאָנים) אין די „האָניג־חדשים״ נאָך דער היסטאָרישער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ.

אין דער צייט ווען זיי האָבן זיך דורכגעשריבן, זיינען כהן און בירנבוים ניט געווען באַקאַנט איינער מיטן צווייטן. ווען בירנבוים האָט אין 1908 באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן, און אין דוד פינסקיס שטוב איז אויף אַ זיצונג אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּראָיעקט פאַר דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ[1], איז כהן שוין געווען אַ ניו־יאָרקער תושב בערך פיר יאָר[2]. אין 1905, באַלד נאָך זיין קומען קיין ניו־יאָרק, איז כהן געווען איינער פון די גרינדער — צוזאַמען מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, ה. אַלעקסאַנדראָוו, לעאָן קאָברין און אָ. ליעסין — פונעם „יידישן ליטעראַרישן פאַראיין״, וואָס האָט אין זיין פּרינציפּ־דערקלערונג פּראָקלאַמירט יידיש פאַר דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון יידישן פאָלק.[3] אָבער ווען די איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָבן דריי יאָר שפּעטער גערופן זייער ערשטן צוזאַמענקום אין ניו־יאָרק, האָט מען דעם 27־יאָריקן יידישיסט און פאָלקלאָריסט ניט גערופן צו דער זיצונג. פאַרוואָס — איז ניט באַוואוסט.

ווען ד״ר בירנבוים האָט גלייך נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אָנגעהויבן אַרויסגעבן „ד״ר בירנבוימס וואָכנשריפט״, פון וועלכער עס זיינען

1. די ערשטע יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ... ווילנע 1391, ז׳ 1, א״וו. (ביבליאָטעק פון ייוואָ. פילאָלאָגישע סעקציע.)

2. ד״ר יעקב שאַצקי: יהודה לייב כהן... אַרויסגעגעבן פון אַמאָפּטייל ייוואָ, ניו־יאָרק, 1938, ז״ז 15—16 (צווייטע פאַרגרעסערטע און קאָרעגירטע אויפלאַגע, סעפּאַראַטאָפּדרוק פון [ערשטן] יאָרבוך פון אַמאָפּטייל, 1938).

3. דאָרט.

דערשינען בלויז זעקס נומערן, האָט כהן זיך אַליין געווענדט צו בירנבוימען און אים אָנגעבאָטן פּראַקטישע מיטהילף. דער אָנבאָט איז געווען באַגלייט מיט אַ היפּשער געלט־ביישטייערונג פון כהנס אייגענער קעשענע, און בירנבוים איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז די סומע ווערט אים געשיקט אין נאָמען פון אַ קאָמיטעט, וואָס האָט דאָס געלט געשאַפן.

בירנבוים האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט כהנס פרייוויליקן אָנבאָט, וואָס איז אים אָנגעקומען פּונקט דעמאָלט ווען ער איז געצוואונגען געוואָרן אָפּצושטעלן די וואָכנשריפט ווייל עס איז ניט געווען קיין געלט. „אחר" האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן".

פונעם צווייטן בריוו איז צו זען, אַז כהן האָט זיך אויך אונטערגענומען צו זיין דער אַמעריקאַנער פאַרטרעטער פאַרן געפּלאַנטן חודש־זשורנאַל.

די האָפענונגען, וואָס בירנבוים האָט געלייגט אויף אַמעריקאַנער יידישע שרייבער און קולטור־טוער בנוגע פינאַנציעלער מיטהילף, זיינען ניט מקוים געוואָרן. דער ניו־יאָרקער קאָמיטעט האָט זיך אַלץ ניט געקענט באַשליסן ווי אַזוי און ווען איינצואָרדענען אַן אונטערנעמונג („פאַראַנשטאַלטונג" — רופט עס בירנבוים) פאַרן זשורנאַל.[4] בירנבוים האָט אָנהייב יאַנואַר 1909 דערהאַלטן פון ניו־יאָרק טעלעגראַפיש איבער 380 עסטרייכישע קראָנען, אָבער פון וועמען דאָס געלט קומט, האָט בירנבוים ניט געוואוסט, און כהן האָט עקשנותדיק ניט פאַרענטפערט די פראַגעס, וואָס בירנבוים האָט אים וועגן דעם געשטעלט.

פון די בריוו און קאַרטלעך וועלכע ער האָט באַקומען פון בירנבוימען, האָט כהן געזען, אַז דער חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן" וועט ניט קענען דערשיינען מחמת בירנבוימס שווערער מאַטעריעלער לאַגע. ער האָט בירנבוימען דאָס ניט געוואָלט שרייבן, אָבער דאָס געשיקטע געלט, איז געווען פאַר בירנבוימען גופא און כהן האָט ניט געוואָלט מגלה זיין פון וועמענס קעשענע די סומע איז געקומען.

פון בירנבוימס בריוו זעט מען, אַז „אחר" האָט אין כהנען דערקענט ניט בלויז אַן אידייען־חבר, נאָר אויך אַ האַרציקן איבערגעגעבענעם פריינד. דערפאַר האָט דער שטאָלצער בירנבוים געעפנט זיין האַרץ און זיין נשמה פאַר דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן אין ניו־יאָרק און אים געשריבן די בריוו און קאַרטלעך, וועלכע רירן מיט זייער אויפריכטיקייט און מיט די ביטערע אמתן, וואָס ווערן אין זיי אַרויסגעזאָגט.

די בריוו זיינען אַלע געשריבן אויף בלאַנקען פון „ד"ר בירנבוימס וואָכנשריפט", דאַטירט פון טשערנאָוויץ. מיר דרוקן דאָ איבער די בריוו און קאַרטלעך אין זייער אָריגינעלן נוסח, בייטנדיק בלויז דעם אויסלייג. אין דריי שטעלן

4. זיינע אַנטוישונגען אין אַמעריקע גיט איבער בירנבוים אין אַ בריוו, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „בולעטין" פון דער „צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק", מערץ 1939, ניו יאָרק, ז. 8־9.

האָבן מיר זיך דערלויבט אויסצולאָזן די נעמען פון מענטשן, כדי זיי ניט פוגע בכבוד צו זיין.

די שפּאַצירטע ערטער אין די בריוו זיינען בירנבוימס.

די ווערטער אין פיר־קאַנטיקע קלאַמערן, אַריינגעשטעלט אינעם טעקסט פון די בריוו, געהערן דעם שרייבער פון די שורות.

[1] 22[טן] אָקטאָבער, 1908.

זייער געערטער הער !

אייער בריוו און אייער געלט האָב איך באַקומען און איך דאַנק אייך זייער. אייער מיטטיילונג וועגן דעם, וואָס אירווילט אויפטאָן פאַר יידיש אין ניו־יאָרק, האָט מיך טאַקע שטאַרק געפרייט. איך בעט אייך, זוכט זיך טאַקע נאָר די פּאַסיקע מענטשן צו דער אַרבעט. אין ניו־יאָרק זיינען פאַראַן אַ סך מוילמאַכערס, וואָס זאָגן צו און דערנאָך לאָזט זיך אויס אַ בוידעם.

איך האָב דאָ אַ זייער שווערן קאַמף. דאָ אין גאַליציע שפּילן נאָך אַ ראָלע די העב־רעאיסטן. זיי האָבן אַ שטיקל מאַכט, אַ „טאָגבלאַט" אין לעמבערג, וואָס גייט אַרויס אין דער יידישער שפּראַך און איז פונדעסטוועגן אַ בלוט־שונא צו יידיש. זיי האָבן אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע רדיפה קעגן מיר און מיין בלאַט. זיי האָבן מיך געאיסורט און געמסרט ביים פאָלק אַלץ איינער, וואָס וויל ביי אים צונעמען דאָס לעצטע ביסל יידישקייט און [באַ] אים רויבן די אַלטע יידישע אוצרות. און דערווייל גלייבט זיי דאָס פאָלק. איך וועל האָבן לאַנג צו אַרבעטן ביז איך וועל איבער די שורקישע מוסרים און שונאים פון יידיש גובר זיין. דערווייל איז אָבער ביטער. איך קען דאָס בלאַט ניט האַלטן, און די נומער 7 וועט ניט מער אַרויס.

אָבער איך האָב ניט די טבע צו שווייגן און צו ליידן. איך האָב מיר צוזאַמענגע־שטעלט אַ קאָמיטעט, און מיר ווערלן פונעם 1[טן] דעצעמבער אָן אַרויסגעבן אָנשטאָט דעם „וואָכנבלאַט" אַ חודש־זשורנאַל „דאָס לעבן". אויב איר ווילט קען איך אייך פאַררעכענע דאָס געלט, וואָס איר האָט געשיקט אויף דעם „וואָכנבלאַט", אויף דעם חודש־זשורנאַל. אויב איר ווילט ניט, בין איך גרייט אייך צוריקצושיקן דעם באַטראַג.

נאָר איך האָב נאָך איין בקשה צו אייך. אַזוי ווי איר שרייבט מיר, אַז איר זענט אַ פריינט פון יידיש און זיין ליטעראַטור, האָף איך, אַז איך קען צו אייך אָנקומען, כאָטש מיר זיינען עד היום ניט באַקאַנט געווען. און איך ווענד מיך מיט דער בקשה צו איין ניט פאַר מיר, נאָר פאַר דער זאַך.

„דאָס לעבן" וועט נאָר דאַן קענען האָבן אַ קיום, ווען ער וועט אויך שטאַרק פאַר־שפרייט ווערן אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע. פאַרוואָס זאָלן זיך אין אַמעריקע ני קענען פאַרקויפן 300 ביז 400 עקזעמפּלאַרן. מען באַדאַרף נאָר אַן ערלעכן און געניט מענטש, וואָס זאָל קענען געווינען אַבאָנענטן און, דער עיקר, פאַרשטיין אָרגאַניזירן דע פאַרקויף אין גאַס. — נאָר אויף אַזאַ אופן, אַז פּינקטלעך יעדן חודש זאָל צונויפגעקלייב ווערן דאָס געלייזטע געלט און אַהערגעשיקט ווערן. — בעט איך אייך, אפשר ווייסט אי עמעצן, וואָס פּאַסט פאַר דעם געשעפט, אָבער, דאָס איז זייער באַלד נייטיק, וואָרען ביזן 15[טן] נאָוועמבער מוז איך שוין וויסן וויפל בלעטער איך זאָל אַריבער שיקן קיין אַמעריק

איך האָב מיך מיט דער בקשה אויך געווענדט צו אונדזערע גענאָסן אי ניו־יאָרק. נאָר ווייס איך דען צי עס וועט האָבן אַ פּעולה. ווען איר געפינט עמעצן, בע איך אייך דאָס מודיע צו זיין ה׳ י. אַדלער[1] 22 פּענסילוואַניאַ אַווע, ברוקלין, כדי ער זאָ ניט אומזיסט זוכן.

1. דער דיכטער י. אַדלער, וואָס איז איצט באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים ב. קאָוונע

דאָס בלאַט וועט קאָסטן 1.20 אַ גאַנץ יאָר, 60.—$ אַ האַלב יאָר, 10 סענט אַ העפט. די גרויס וועט זיין ווי פון „וואָכנבלאַט", דער אומפאַנג 48 זייטן.

איך דאַנק אייך פאָרויס פאַר אייער טרחה, און פאַרבלייב,

מיט גרויס דרך ארץ,

ד"ר בירנבוים.

פ. ס. — די דערשינענע 6 נומערן פון „וואָכנבלאַט" האָב איך שוין אַרויסגעשיקט צו אייך.

[2]

17[טן] נאָוו. 1908.

ווערטער ה' כהן!

מיט גרויס פרייד בין איך מסכים אויף אייער פאָרשלאַג און איך דאַנק אייך זייער, וואָס איר ווילט די אַרבעט פאַר דעם חודש־זשורנאַל אויף זיך נעמען. זאָל עס זיין מיט מזל. איך האָף, אַז עס וועט אייך געלינגען, וואָס איר האָט אייך פאָרגענומען. איך בין אויך איינשטימיק מיט דעם געברויך, וואָס איר ווילט מאַכן פון די פּראָצענטן. טוט נאָר, וואָס איר קענט כדי דאָס בלאַט אין אַמעריקע באַוואוסט צו מאַכן און צו פאַרשפּרייטן. איך וויל גאָרניט רעדן פון דעם, אַז איך גיב אַרויס דאָס בלאַט, און אַז איך האָב מיר אַ ביסל פאַרדינט, אַז די, וואָס האָבן איין אידייע מיט מיר, זאָלן העלפן אויפהאַלטן מיין בלאַט. איך מיין, ווען איר, מיינע פריינט, טוט נאָר אַ קוק אויף אייער טעגלעכע פרעסע אין אַמעריקע, מוזט איר זען אַלצדינג צו טאָן נאָר „דאָס לעבן" זאָל קומען און פאַרשפּרייטן זיינע ריינע אידייען צווישן דעם פאָלק. מיר זיינען אַ קליין הייפעלע, מוזן מיר, וואָס מערער [זיך] צוזאַמענהאַלטן, אויב מיר ווילן דאָס פאָלק זאָל אונדז הערן.

איר האָט מיר ניט געשריבן צי איך זאָל אָנקינדיקן אין בלאַט אייערע אָדער וועלכע עס איז אַדרעס פאַר דעם אַדרעס פון „דאָס לעבן" אין אַמעריקע. וועל איך עס, אויב איך באַקום ניט נאָך אַ ידיעה וועגן דעם פון אייך, ניט קענען אָפּדרוקן אין דער ערשטער נומער. אפשר לאָזט איר דאָרט אויפקלעפּן קליינע צעטעלעך אויף די העפטן מכוח אייער פאַרטרעטונג.

די ערשטע נומער וועט, מיין איך, ניט קענען אַרויס, פונקט דעם ערשטן, איך וועל מיך משתדל זיין זי זאָל כאָטש אַרויס דעם 6[טן] אָדער 7[טן] נאָוועמבער. די סיבה דערפון דאַרפט איר אייך משער זיין: נישטאָ קיין געלט. די זאַמלונג, וואָס זיי האָבן געזאַמלט דאָ אין גאַליציע און בוקאָווינע, האָבן ביז אַצינד כמעט ווי גאָרניט איינגעטראָגן. און פון דאָרטן געלט, פון דער אונטערנעמונג, וואָס פּינסקי האָט מיר פון איר געשריבן — מן הסתם די אייגענע פון וועלכע איר שרייבט מיר — קען דעם חודש נאָך ניט קיין געלט זיין, אויב עס וועט איבערהויפּט זיין. איר דאַרפט ויסן, אַז איך בין אויף דעם אַ גרויסער אַפּיקורס. איך האָב בנוגע צו געלט פאַר מיר און מיינע צוועקע פון אַמעריקע ביז אַהער געמאַכט די שלעכטעסטע דערפאַרונגען.

אָבער, ווען דאָס נס זאָל דאָך געשען — און עס זאָל טאַקע צענויפקומען אַ ביסל געלט, בעט איך אייך איר זאָלט ביי דעם קאָמיטע פועלן מען זאָל עס מיר גאַנץ אָדער אַ טייל שיקן טעלעגראַפיש: מען זאָל ניט זען [קוקן] אויף דעם, וואָס עס קאָסט אַ פּאָר דאָלער און מען וועט מוזן שיקן אַ פּאָר דאָלער ווייניקער. איך האָב געמיינט, — פּינסקי האָט מיר אַזוי געשריבן — אַז די אונטערנעמונג וועט זיין דעם 7[טן] נאָוועמבער, האָב איך מיט מי און נויט צוזאַמענגעקליבן די פּאָר גולדן און טעלעגראַפירט צו פּינסקי, מען זאָל טעלעגראַפיש געלט שיקן, איז דאָך ניט געקומען.

איר דאַרפט ויסן, אַז ראשית בין איך דורך די רדיפות, וואָס מ'האָט מיך דאָ אין גאַליציע גערודפט און וואָס זיי האָבן אַן עק געמאַכט דעם „וואָכנבלאַט", אַליין שטאַרק

אויף צרות און דער דרוקער שוויגט ניט. שנית וועט ער אי ניט שווייגן, אי ניט אָנהייבן דרוקן, ביז ווען איך וועל אים ניט קענען אַנידערלייגן דאָס געלט פאַר דעם ערשטער נומער. און איזן איז ער אַ קליינער דרוקער, וואָס קען נאָר דרוקן אַ בויגן נאָך אַ בויגן. קענט איר שוין אַליין וויסן ווי וויכטיק עס איז פאַר דעם באַלדיקן דערשיינען פון בלאַט, אַז איך זאָל אים ווי אַמגיכסטן קענען געלט געבן. און פון דאָ זיינען ניט אַ סך אויס־זיכטן. — אַז מ'וועט שיקן טעלעגראַפיש געלט, זאָל מען אַדרעסירן:

Dr. Birnbaum, Czernowitz, Rottgasse neun.

איך בעט אייך, איבערגיט דאָס דעם קאָמיטעט.

דעם אינהאַלט פון דער ערשטער נומער קען איך אייך נאָך ניט שיקן, איך וועל אייך אים מודיע זיין אין אַ באַזונדערן בריוו.

איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל הערצלעך פאַר אייער נאָבל גערייטקייט צו העלפן פאַר־שפרייטן דאָס בלאַט אין אַמעריקע, און איך פאַרלאָז מיך גאַנץ אויף אייך. איר וועט אַוודאי אַלצדינג טאָן דער יידישער עולם פון דער אַנדערער זייט ים זאָל זיך באַקענען מיט מיין בלאַט, מיט מיינע, דאָס הייסט מיט אונדזערע אידייען.

וועגן די פאַרשריטן פון אייער חברה, בעט איך אייך, שרייבט מיר ווען אַ קליין ידיעהלע. איך גריס אייך הערצלעכסט,

אייער,

ד"ר בירנבוים.

גריסט, איך בעט אייך, פון מיר, ה' י. אַדלער און די אַנדערע פריינט.

אַ שיינעם דאַנק פאַר דער אַנגאַבע.

פּ. ס. — אין רוסלאַנד, האָף איך אויך, וועט זיך דאָס בלאַט פאַרשפרייטן. שימין[1] אין חאַרשע וועט עס פאַרטרעטן. ער האָט אויך מיט דעם וואָכנבלאַט אָנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן.

18/2 1908. איך האָב נעכטן דעם בריוו נאָך ניט אַוועקגעשיקט. היינט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון ה' מ. בלינקין[2] (ק/אָ „צוקונפט“, 141 דיווי[ז]שען סט.). ער שרייבט מיר, אַז ער האָט זיך געזען מיט וויכטיקע בוכהענדלער וועגן מיין צייטונג, אויך מיט דעם פרעזידענט פון דער „מעטראָפּאָליטאַן ניוס קאָמפּאַני“. איך מיין עס וואָלט וויכטיק געווען איר זאָלט אייך מיט אים צונויפקומען. אפשר קען אייך דאָס נוצן ביי אייער פאַרטרעטונג פון מיין בלאַט. איך האָב אים געשריבן, אַז איך האָב אייך איבערגעגעבן די פאַרטרעטונג.

[3]

11[טן] דעצ. 1908.

זייער געערטער ה' כהן!

איך האָב אייערנעכטן פון פינסקי באַקומען אַ בריוו פון וועלכן איך זע אַרויס, אַז איך האָב פון אַמעריקע אויך ניט אַ סך צו האָפן מכח גרינדונגסבייטראַג צו דעם חודש־זשורנאַל. און אַזוי ווי אויך די היגע צוזאָגן האָבן זיך אויסגעלאָזט בלאָטע, האָב איך ניט געקענט אָנהייבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל. אַלע פאַרשפרעכונגען, מען וועט דער־נאָך אַלצדינג טאָן כדי צו פאַרשפרייטן, — העלפן ניט, ווען עס איז ניט קיין געלט דאָ אָנצוהייבן.

פון דאָ, גאַליציע און בוקאָווינע, איז שוין ניט מער וואָס צו רעכענען. נאָר פון אַמעריקע, ווען מען וועט זיך אַ ביסל נעמען דערצו. איר דאַרפט וויסן, איך קען ניט אַנדערש אָנהייבן, נאָר עס מוז ליגן געלט לכל הפחות פאַר 3 העפטן. דאָס זיינען 800

1. י. שימין, אייגנטימער פון אַ יידישן פאַרלאַג אויף זיין נאָמען.

2. מאיר בלינקין, דעמאָלט אַ באַקאַנטער יונגער יידישער בעלעטריסט. זע ז. רייזענס „לעקסיקאָן“, באַנד איינס, עמודים 308—309.

ק. [־קראָנען], אַמעריקאַניש : — .160$. עס וואָלט גלייך געווען, ווען איך וואָלט געקענט אָנהייבן אין יאַנואַר, זאָל זיין ענדע יאַנואַר, נאָר יאַנואַר. דערצו מוז אָבער דאָס געלט שוין דאָ זיין לכל הפחות 4 וואָכן פריער, ווייל מיין דרוקער איז טעכניש ניט זייער גוט איינגעריכט און שולדיק בין איך אים אויך אַ סך, וועט ער ניט אָנהייבן, איידער ער וועט ניט געלט זען.

אַלזאָ, ווען איר קענט און ווילט דאָרט עפּעס טון, מוזט איר עס אַזוי טון, אַז דאָס געלט זאָל כאָטש אין אָנהייב יאַנואַר דאָ זיין.

נאָר, ליבער ה׳ כהן, די פראַגע איז ניט נאָר אַ צייטונגספּראַגע, נאָר אויך מיין פּער־זענלעכע פּראַגע. און, צווישן אונדז געזאָגט איז — — — ניט דער מענטש צו פאַרשטיין, וואָס די פּערזענלעכע פראַגע פאַרלאַנגט, הגם ער ווייס גאַנץ גוט, וואָס זי באַטייט.

פּערזענלעכע פראַגע מיין איך דאָס אין צוויי באַציאונגען. ערשטנס, מאַטעריעל : איך האָב מיין גאַנץ לעבן לאַנג ניט געטאָן דאָס, וואָס מען באַדאַרף טון, ווען מען וויל זיך זיכערן פּרנסה אָדער גאָר אַ רואיקע עלטער. איך האָב מיך תמיד אַרויסגעשטעלט פאַר זאַכן, וואָס זיינען נאָך אומפּאָפּולער, איך בין תמיד געשוואומען דעם טייך אַרויף. איך האָב תמיד אַוועקגעלייגט דעם גאַנצן קאָפּ פאַר כלל־זאַכן. בין איך טאַקע תמיד אויף צרות, בין איך אַ נע־ונדניק. קומט מיר אויס 50 מאָל אין יאָר, אַז איך און די מיינע האָבן ניט דאָס נייטיקסטע און מוז מיך לאָזן זידלען אָדער גרינגשעצן פון געמיינע מענטשן, וואָס באַקומען דורך איר געלט, וואָס עס איז פאַר אַ מאַכט איבער מיר. אָבער, יעצט איז, גלייב איך, גענוג. איך קען ניט מער. מיין געזונטהייט איז אויך ניט מער ווי זי וואָלט באַדאַרפט צו זיין. די צרות, די דאגות, דאָס עגמת נפש האָבן מיך רואינירט. איך מוז זען, ווען עס איז ניט שוין צו שפּעט, מיך און מיין ווייב און מיינע קינדער צו ראַטעווען. און איך קען ניט מער אָנהייבן אַרבעטן אין אַ כלל־זאַך, ווען איך זע ניט, אַז עס איז דאָ גענוג געלט און גענוג רצון ביי מיינע פריינט מיר צוצוהעלפן. לאַנג גענוג געווען דער נאַר פון מיינע פיינט און מיינע פריינט. יאָ, אויך מיינע פריינט ! וואָרען עס איז ווינציק אָנצוערקענען, אַז איך בין אַ קעמפער, אַז איך האָב מיך גאָר מוסר נפש געווען, אַז איך האָב געטאָן דאָס און יענעס. ניין, מען מוז זיך אויך אַ ביסל זאָרגן : וואָס טוט דער מענטש, האָט ער צו עסן, צו לעבן איבערהויפּט ? עס איז ניט קיין גרויסע קונץ צו באַוואונדערן אָדער שבחים אָפּצוגעבן, און דערביי צו לאָזן פאַרהונגערן, פאַרוואָגלט און פאַרפאַלן ווערן ! — אין פאַרשטייט די פאַרווירפע ווענדן זיך ניט צו אייך. ווי לאַנג קענט אין מיך אינגאַנצן ? און איר קענט מיך ניט אַמאָל גענוי. פונוואַנען זאָלט איר וויסן, צי איך בין טאַקע דער ערלעכער מענטש, וואָס איך זאָג אייך. אָדער יענע, וואָס ווייסן אַלצדינג גאַנץ גוט, אי מיין אַרבעט, אי מיין אמתע איבערגעגעבנקייט צו דעם כלל, אי מיין מסירת נפש — פאַרוואָס לאָזן זיי מיך שוין צענד־ליקער יאָרן צו שאַנד און צו שפּאָט צו ווערן ביי די געמיינע מענטשן ? פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אינדיפערענט קעגן דעם, אַז איך מוז מיך תמיד ראַנגלען מיט דעם דלות און קען דעריבער ניט דאָס צענטל פועלן, וואָס איך וואָלט געקענט פועלן אַלץ אַן אומאָפּ־הענגיקער פרייער מאַן ? איך פאַרלאַנג, חלילה, ניט, אַז דער אָדער יענער זאָל אַליין טון און מער פון זיין יכולת. אָבער איך וואָלט געמעגט פאַרלאַנגען, אַז מיינע פריינט זאָלן די זאַך באַהאַנדלען מיט כאָטש אַ טויזנטפאַל פון דעם מסירת־נפש, וואָס איך האָב, מיט פייער, מיט געדולד און מיט דעם וואָרט „עס מוז זיין !" וואו עס איז דאָ אַ ווילן, איז אויך פאַראַן אַ וועג. ווען מען וויל אָבער ניט מיט דער גאַנצער ענערגיע, ווען מען וויל מיט אַ ווילן, וואָס שלאָפט איין יעדע מינוט, איז [נישט] קיין חידוש, וואָס מען פועלט ניט. — און אין ערגעץ איז גרינגער צו העלפן ווי אין אַמעריקע. ווי שלעכט די צייטן זאָלן דאָרט ניט זיין, זיינען דאָך נאָך פאַראַן מענטשן און דרכים גענוג זיך צו באַנוצן מיט זיי. און דאָס וויכטיקסטע : אַ דאָרטיקער דאָלער איז ביי אונדז 5 קרוינען, און אַ דאָלער איז דאָרט ניט מער ווי ביי אונדז 2 קרוינען (1 גולדן). וואָס מען מאַכט דאָרט,

איז ביי אונדז 2½ מאָל אַזויפיל ווערט. — ווען, אַלזאָ, מיינע פריינט, וואָלטן פריינט געווען, וואָלט איך שוין בעסער [־אין אַ בעסערע לאַגע] אַוועקגעפאָרן פון אַמעריקע. און איצט וואָלט שוין לאַנג באַדאַרפט דאָ צו זיין: ניט נאָר פאַר 3 נומערן אין פאָרויס, נאָר אויך אַ פּאָר הונדערט דאָלער, איך זאָל מיך קענען אַביסל רירן, איך זאָל ניט מוזן אויפ־עסן, וואָס עס קומט דערנאָך אַריין; איך זאָל כאָטש עפּעס קענען אָפּצאָלן אויף מיינע שולדן, בפרט דעם דרוקער, און איך און מיינע זאָלן האָבן וואָס אָנצוטאָן, ניט אַרומגיין צו שאַנדע. אַזוי וואָלט באַדאַרפט צו זיין. נאָר מיט וועמען מען האָט דאָ צו טון?

און איצט וויל איך דאָך קורץ באַרירן די מאָראַלישע זייטע פון דער פּערזענלעכער פראַגע. פינסקי שרייבט מיר, אַז מען זידלט מיך אין די דאָרטיקע צייטונגען, אַז מען לאַכט פון מיר, אַז מען פאַרשטייט דאָרט ניט, וואָס איך וויל און אַז איך גיי פאָרויס מיט מיינע בליקן פאַר דער אַנטוויקלונג. איך ווייס, אַז דאָס מוז זיך אַזוי פירן, אָבער ניט תמיד מוז זיך אַזוי פירן. דאָס שלימזל איז, וואָס מיינע פריינט באַהאַלטן זיך מיט מיר. פינסקי איז אַמאָל אַרויס מיט אַן אַרטיקל פאַר מיר. איך ווייס. אָבער, ווען די אַנגריפע האָבן זיך געדרוקט אין די פאַרשיידענע בלעטער — האָט מען גאָרניט געטאָן, נאָר גע־שוויגן. פאַרוואָס האָט מען ניט מיין נאָמען געמאַכט צו אַ לאָזונגסוואָרט? גלייבט מיר, איך האָב אַזעלכע ווערטער נאָך קיינמאָל ניט גערעדט אָדער געשריבן. אָבער איך האַלט עס ניט מער אויס, ווי מען באַגייט זיך מיט מיר און מיט דער זאַך, וואָס איך קעמף פאַר איר. וואָס? איך בין שלעכטער ווי דער אָדער יענער, וואָס מען שרייט זיך הייזעריק און [מען] שרייבט זיך משוגע וועגן אים? איך בין אַן ענו, אַ באַשיידענער אין מיין אַרויסטרעטן. איז פון דעם געדרונגען, אַז מיינע פריינט מוזן אויך זיין באַשיידן מיט מיר. יעדן סאָציאַליסטישן איוואַן רופט מען אויס פאַר אַ גאָט, און ווייַ דעם, וואָס וואָלט אַזאַ איוואַן אַטאַקירט. די ציין וואָלט מען אים ניט שיעור אויסגעהאַקט. אָבער, אַז אַ גאַנץ לאַנד האַקט אויף מיר, טוט מען גאָרניט כדי צו הייבן מיין כבוד ביי יענע. דאָ איז מען פלוצלונג „זאַכלעך“, שרעקלעך זאַכלעך; פון מיר ווערט ניט גערעדט, נאָר פון דער זאַך, גלייך ווי זיי וואָלטן איך געווען. פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם כעס לערנען מיינע שונאים נאָר אַרויס, אַז איך בין אַ ניט און מען טאָר מיך באַהאַנדלען ווי אַ ניט.

האָט ניט [קיין] פאַראיבל, וואָס איך שרייב אייך דאָס אַלצדינג. נאָר מיר דאַכט זיך פון ווייטן, — אפשר בין איך מיך ניט טועה, — אַז איר זענט אַ מענטש מיט אַ שטיקל פייער אין האַרץ, מיט אַ שטיקל חסידישן „ברען“ פאַר אַ ירושה, און איר וועט פאַר־שטיין, וואָס איך לייד, און אַז דאָס, וואָס איך זאָג, איז ניט פאַר רדיפות כבוד, נאָר פאַר איבערגעבנקייט צו דער יידישער זאַך, און ווייל איך קען מיין ווערט, און עס טוט מיר וויי ווי מען הרגעט מיך אַוועק — מיך, וואָס איך וואָלט נאָך געקענט אַזוי פיל אויפטון.

אַ יונגער מאַן לואיס וויזענפעלד[1] פון ריישע (גאַליציע) וועט באַלד צו אייך קומען, ער פאָרט אויף דער וואָך קיין אַמעריקע. ער איז [ניט] קיין „גרינער“, ווייל ער איז אויפגעצויגן געוואָרן אין ניו־יאָרק, נאָר ער איז יעצט געווען אַ פּאָר יאָר אין גאַליציע. איך רעקאָמענדיר אייך דעם יונגנמאַן אַלץ אַ באַזונדערס איבערגעגעבענעם פריינט פון דער יידישער שפּראַך און אַלץ איינעם פון מיינע געטרייסטע אָנהענגער. אויך אַ גרויסער טוער, וואָס ווערט ניט תיכף מיד. איר וועט מיט אים צופרידן זיין.

פון קאַנאַדע האָב איך באַקומען אַן אַנטראָג וועגן אַ דאָרטיקער גענעראַל־פאַרטרעטונג, פון אַ באַקאַנטער זייט. פרעג איך אייך, צי אירווילט אפשר אויך פאַרטרעטן קאַנאַדע. ווען איר וועט אַרויסזען, אַז דאָס חודש־זשורנאַל וועט קענען אַרויסגיין, בעט איך אייך, מיר תיכף וועגן דעם צו ענטפערן.

מיט בעסטע גריסע, אייער

ד״ר בירנבוים.

---

1. לעאָן וויזענפעלד, איצט אַ באַקאַנטער יידישער זשורנאַליסט אין קליוולאַנד.

[4, פּאָסטקאַרטל]

טשערנאָוויץ 17/12, 1908.

ווערטער ה׳ כהן!

באַקומען אייער קאַרטל, אין וועלכן איר זענט מיר מודיע, אַז די פאַראַנטשטאַלטונג איז, געלויבט צו גאָט, ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן. וואָס דען, זי וועט ניט אָפּגעלייגט ווערן? זי איז דאָך פאַר מיר. — פאַר מיר? איך האָב ניט קיין כוחות דערויף צו וואַרטן און וויל גאָרניט מער בויען מיין האָפענונג דערויף. איך מוז גיין זוכן פרנסה און ניט קלערן אויף טובת הכלל. דרייסיק יאָר פון מיינע 44 אַ נאַר געווען. גענוג! לאָזן זיך אַנדערע פרייען מיט „טובות״, למשל, — — — — — — — אים האָט מען שוהערע טויזנטער תמיד צוגעטראָגן, און ער פלעגט אין איין טאָג מער צו פאַרשווענדן ווי איך ברויך אַ חודש לעבן. און גלויבט מיר, איך בין אויך שוין אַ סך מאָל אַזוי קראַנק געווען, אַז איך וואָלט באַדאַרפט פאָרן מיך קורירן. ווער האָט געוואוסט און ווער האָט געהאָלפן? יעדער איינער גילט מער ווי איך און האָט צו זיינע פריינט מער מזל ווי איך. זעט, למשל, — — — — — איך בין אים ניט מקנא, און, אַזאַ יאָר אויך מיר, וואָסער אַ פיינער מענטש ער איז. נאָר איך וויל אייך נאָר וויזן מיין פינצטער מזל. ער האָט גענומען 621 דאָלער פון דער ערשטער פאַראַנשטאַלטונג און איך, ווי איך בין געווען אין אַמעריקע — 170. און איך האָב וויב און קינדער, און מיין אַרבעט איז דאָך אַ גרעסערע געווען... אז איך פאַרגעס, ער באַלאַנגט צו אַ פּאַרטיי און איך ניט...

איך שרייב דאָס ניט קעגן אייך. איר זענט איינער, וואָס קענט איר טון? — וועט ניט קיין געלט קומען, וועל איך ניט אַרויסגעבן דאָס בלאַט. דער געדאַנק האָט שוין פאַרלוירן זיין אימה פאַר מיר.

בעסטע גריסע,

ד״ר בירנבוים.

[5]

10[טן] יאַנואַר 1908 [1909].

ווערטער ה׳ כהן!

אייערנעכטן פאַרנאַכט האָב איך באַקומען טעלעגראַפיש פון אַמעריקע 380.70 ק. [קראָ־נען]. איך בין מיך משער, אַז דאָס איז פון אייך, ד״ה פון מיינע דאָרטיקע פריינט, פאַר „דאָס לעבן״. איך בין קראַנק געלעגן די צוויי טעג, און אַזוי קום איך ערשט היינט דערצו איך זאָל אייך שרייבן, און אייך און מיינע פריינט איבערהויפּט דאַנקען. איר האָט זיכער אַלע געהאַט אַ גרויסע אַרבעט, און דערפאַר קומט אייך אַ דאַנק.

נאָר מיין סיטואַציע איז דורך דער זענדונג ניט אום אַ סך בעסער געוואָרן. איך רעד גאָרניט פון מיר אַליין, פון מיינע צרות, פון מיינע ליידן, דערפון, אַז איך שטיי דאָ נאָך 7 מאָגערע יאָר און די 7 פעטע זיינען נישטאָ, און איך זאָל מיך פאַרנעמען מיט אַ בלאַט, וואָס מיין קאָפּ טויג איצט ניט דערצו, — איך רעד פון דעם אַלען [ם] ניט. איך רעד פון דעם בלאַט אַליין, צי קען איך עס גרינדן מיט 380ק. [קראָנען]. איין נומער קאָסט דרוק און פאָרטע לכל הפחות 280 ק. [קראָנען]. דאָס געלט איז אַלזאָ נאָר פאַר $1\frac{1}{3}$ נומערן, ד״ה אַלזאָ נאָר פאַר איין נומער. וואָס וועט זיין ביי דער צווייטער נומער [?]. אין דעם איינעם חודש קען דאָך ניט אַזוי פיל קומען, אַז עס זאָל זיין גענוג פאַר דער צווייטער נומער, פון דער דריטער גאָרנישט צו רעדן. און איך אַליין בין דאָך אַ קבצן. ס׳קומט געלט, מ׳וויל ניט, מען מוז נעמען. קומט די נייע נומער, פעלט. דעריבער האָב איך אייך נאָך געשריבן, עס איז נייטיק אַ פאָר הונדערט דאָלער (ניט 78), איך זאָל האָבן געזיכערטע 3 נומערן, און טאַקע אויך עפּעס פאַר מיר אַליין.

וואָס איז, אַלזאָ, צו טון? האָב איך אַזוי באַשלאָסן ביי מיר. איך וועל דאָס בלאַט

אַרויסגעבן פון 1[טן] מערץ אָן, טראַכטן דאָס געלט, וואָס איר האָט מיר געשיקט זאָל זיך האַלטן ביז צו דער צייט, כאָטש אַזוי פיל ווי די ערשטע נומער קאָסט. איר מוסט אָבער דאָרט, מיינע ליבע פריינט, אַלצדינג אָנווענדן, כדי נאָך צו שיקן פאַר דער צווייטער און דער דריטער נומער אין פאָרויס, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איר מאַכט שפּעטערע אַבאָ־נענטן. דאָס געלט פון אַבאָנענטן וועט שוין צונויף קומען ביי די אַנדערע נומערן און טאַקע פאַר מיר אַליין. — איך בעט אייך, ליבער ה׳ כהן, טוט, וואָס איר קענט. גלייבט מיר, איך טו מער ווי איך קען. עס איז אַ גרויסע זאַך פון מיר, ווען איך איבערנעם יעצט אַרויסגעבן דאָס בלאַט. מיין מוח איז אָפּגעשוואַכט פון די גרויסע צרות, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט די לעצטע חדשים, מער נאָך ווי די גאַנצע לעצטע צוואַנציק יאָר. אַחוץ־דעם האָב איך איצט אָנגעהויבן פּרואוון נאָך עפּעס אַ וועג צו האָבן פּרנסה. ווען איך איבערנעם יעצט דאָס בלאַט, איז עס טאַקע נאָר, ווייל עס לאָזט מיך ניט רוען, ווייל איך בין פאָרט דער אַלטער ד״ר בירנבוים און קען ניט איינרוען. איך מוז עפּעס טון פאַר מיינע אידייען.

אַ גרויסע הילף וועט אייך זיין הער וויזענפעלד[1] פון ריישאַ (גאַליציע), אַ יונגער מאַן, אָבער קלוג און איבערגעגעבן, אי דער זאַך, אי מיר. ער וועט אָבער ערשט מיטע פעברער אַוועקפאָרן פון דאָ.

און דאַן בעט איך אייך, ווענדט אָן אַלע מיטל כדי דאָס בלאַט צו פאַרשפּרייטן אין אַמעריקע (ד״ה אין די פאַראייניקטע שטאַטן) און שרייבט מיר נאָכאַמאָל תיכף:

1. וויפל עקזעמפּלאַרן פון דער ערשטער (און פון דער צווייטער) נומער איך זאָל אייך אַרויסשיקן.

2. ווי איר דענקט וועגן די פּרייזן, צי זיי זאָלן אַזוי בלייבן, אָדער מען זאָל זיי אַביסל דערהעכערן פאַר אַמעריקע (מחמת פּאָרטע און פּראָצענטן).

3. אויף וואָסער אַ[ן] אופן מען זאָל שיקן די פּאַקעטן, איינפאַך דורך פּאָסט, אָדער דורך אַ שפּעדיטער.

איך בעט אייך, רעדטס ווי אַמגיכסטן מיט פּינסקי און זשיטלאָווסקי, און בעט זיי אין מיין נאָמען זיי זאָלן מיר תיכף בייטרעגע שיקן פאַר דער ערשטער נומער.. וואָרען אויך די הילף ברויך איך פון מיינע פריינט, אפשר נאָך נייטיקער ווי די אַנדערע. דאָס בלאַט מוז דאָך אויך אַ פּנים האָבן.

האָט מיר ניט פאַראיבל, אַז איך דול אייך מיט אַזויפל, נאָר איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אַזאַ זאַך טאָר ניט האַלב געטאָן ווערן.

נאָך אַמאָל מיין בעסטן דאַנק צו אייך און צו אַלע פריינט, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן, און מיינע בעסטע גריסע!

אייער,

ד״ר בירנבוים.

נ. ב. — נאָך אַ בקשה. „אַדווערטייזט“, איך בעט אייך, נאָך אַמאָל דאָס בלאַט אין די צייטונגען: ד״ה אַז וועגן פאַרשיידענע סיבות (אָדער קלייבט אייך אויס אַ סיבה), איז דאָס בלאַט ניט אַרויס דעם 1[טן] דעצעמבער, עס וועט אָבער באַשטימט אַרויס דעם 1[טן] מערץ. — אין פעברער וועל איך אייך מודיע זיין דעם אינהאַלט פון ערשטן העפט.

[6, פּאָסטקאַרטל]

טשערנאָוויץ, 25/1, 1909.

ווערטער ה׳ כהן!

מיט מער פון צוויי וואָכן צוריק האָב איך באַקומען 380 קרוינען פון ניו־יאָרק טע־לעגראַפיש און ביז היינט ניט איין וואָרט דערצו פון וועמען, פון וואָס, און וואָס מען

מיינט דערמיט. איך האָב אייך דאָן תיכף געשריבן, און דערוואַרט כאָטש אייער ענטפער.
די ערשטע נומער פון „דאָס נייע לעבן"[1] האָב איך נאָך ניט באַקומען און נאָך ניט געזען.

מיט בעסטע גריסע,

אייער,

ד"ר בירנבוים.

פ. ס. — דאָס געלט איז אַפּנים ניט פון אַ פאַראַנשטאַלטונג, וואָרעם איך אָב ניט געלעזן פון אַ פאַראַנשטאַלטונג.

[7, פאָסטקאַרטל]

טשערנאָוויץ, 4/2, 09.

ווערטער ה' כהן!

איך האָב אייער בריוו באַקומען און אים געלייענט, איך ווייס אַליין ניט מיט וועלכע געפילן. אויף דער איינער זייט האָב איך מיך געפילט אויסגעלייזט פון אַ גזירה רעה, וואָרען ניט אַנדערש האָב איך געזען אויף דער רעדאַקציע פון „דאָס לעבן" אָן געלט, אָן שרייבערישע הילף, אָן געזונט. און אין דער פאַרצווייפלטער, מידער שטימונג, וואָס איז געקומען איבער מיר — אַ שטימונג, וואָס איך האָב פריער קיינמאָל ניט דערפילט. — אויף דער אַנדערער זייט איז די דאָזיקע שטימונג נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווייל איך האָב פון אייער בריוו אויסגעלייענט, אַז עס איז פאַר מיר און פאַר מיין שטרעבן איצטווירקלעך קיינער נישטאָ אַ ביסל צו הילפן. איך האָב געזען, אַז אויך איר אַליין זענט אַ פאַרנומענער, פון צרות־געפּלאָגטער, וואָס פילט אפשר אויך ווי אַן אויסלייזונג, ווען ער מוז ניט דעם עול פון דער פאַרטרעטונג אויף זיך נעמען. — אין יעדן פאַל, אָבער, האָט איר און די אַנדערע פריינדע, מיר אַ גרויסע טובה געטאָן, וואָס איר האָט מיר דאָס געלט געשיקט. עס איז געקומען צו דער רעכטער צייט. איך האָב זייער ביטערע טעג מיטגעמאַכט — אי מכח פרנסה, אי וועגן געזונט, אי וועגן אינערלעכע צרות. איצט האַלט איך דערביי, אַז מיין פרוי עפנט זיך אויף דאָ אין טשערנאָוויץ אַ פּאַפּיר־געשעפטל. אפשר וועט עס גיין. נאָר גרויסע האָפענונגען האָב איך ניט. — אפשר וועט מען וועגן דעם בלאַט עפּעס קענען שפּעטער טאָן, וועט איר זיך דאָך אַוודאַי ניט פוילן. — איך דאַנק אייך נאָכאַמאָל הערצלעך און גריס אייך,

אַלץ אייער,

ד"ר בירנבוים.

אפשר האָט איר שוין אָנגעצייגט, אַז דאָס בלאַט וועט אַרויס. טיילט מיט, אַז איך בין ניט געזונט געוואָרן.

1. געמיינט דעם חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", רעדאַקטירט פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ניו־יאָרק, דעצעמבער 1908.

אבֿרהם גראַדיס און גענעראַל מאָנקאַלם

(צו דער געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע אין 18טן יאָרהונדערט)

פון ב. ג. זאַק

די גאָר ערשטע טריט פון דער געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע זיינען געווען שטילע און ניט קיין אימפּעטדיקע. זיי פאַרלירן זיך אין דעם פריען פּעריאָד פון דער אַלגעמיינער געשיכטע פון קאַנאַדע. זי הייבט זיך אָן נאָך פאַר דער בריטישער אָקופּאַציע. זי איז שייך צום פראַנצייזישן רעזשים.

אָבער די דאָזיקע שייכותן זיינען דינע, אָפּגעריסענע, אָן פאַרוואָרצלונגען, פאַרבונדן מיט אַ ריי צופאַלן און אויסגעשמידט פון יחידישע ווילנס.

יידן האָבן געהאַט אַ שייכות מיט קאַנאַדע ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. דער יידישער איינפלוס איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען אין דינסט פון פראַנקרייכס אינטערעסן אין קאַנאַדע. הגם יידן איז דעמאָלט געווען פאַרווערט צו וואוינען אין די פראַנצייזישע קאָלאָניעס, האָבן זיי געהאָלפן באַפעסטיקן די פּאָזיציע פון פראַנקרייך אין צפון־אַמעריקע. זיי זיינען אָפּט געקומען אין קאָנטאַקט מיט די פראַנצייזישע קאָלאָניעס, כאָטש זיי האָבן אַליין ווי יידן זיך ניט געטאָרט געפינען אין ניי־פראַנקרייך. אין געוויסע דאָקומענטן פון יענער צייט טרעפן מיר נעמען וואָס קלינגען בלויז האַלב־יידיש, ווייל זיי זיינען פאַרענגלישטע אָדער פאַרגאַליזירטע נעמען. מיר האָבן פאַר זיך אויך דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס אַ שיף מיט דעם ביבלישן נאָמען „בנימין“ האָט אין אַ קריטישער צייט פאַר דער פראַנצייזישער קאָלאָניע געבראַכט דרינגנדיקע הילף פאַר אירע איינוואוינערס. די שיף האָט געהערט צו אַ יידן און איז פון אים געוואָרן אויסגעהאַלטן און פאַרזאָרגט מיט שפּייז. דאָס איז געווען יעמאָלט ווען די איינוואוינערס פון דער פראַנצייזישער קאָלאָניע האָבן ממש געהונגערט, על פּי דעם באַריכט וואָס דער אינטענדאַנט פון ניי־פראַנקרייך האָט דעם 9טן סעפּטעמבער 1752 געשיקט דעם פראַנצויזישן מיניסטער: „6 וואָכן צייט געלעבט אויף פּאָרציעס פון אַ פערטל פונט ברויט אַ טאָג“.[1]

פונדעסטוועגן האָבן יידן אַריינגעדרונגען אין קאַנאַדע שוין אונטער דעם

---

[1] פראַנצייזישע אַרכיוון פאַר די קאָלאָניעס (קאַנאַדער דופּליקאַטן) Archives Nationales. Archives de Colonies. "Canada—Correspondence Generale" Vol. 98, Fol. 141.

פראַנצייזישן רעזשים. אמת, דאָס זיינען געווען בלויז צופאַלן. מיר געפינען אַ פּאָר יידישע נעמען אַפילו אין דער דאַמאָלסטדיקער מיליץ פון לאַנד. אַ יוסף דא סילווא, קאַנטיק אַ פּאָרטוגעזישער ייד, איז געווען אַ קרעדיטאָר פון דער רעגירונג פון ניי־פראַנקרייך. אַ „מאַראַנדאַ", וואָס זעט אויס צו זיין פאַרגרייזט פון מיראַנדאַ, טרעפט מען אין אַ רעגיסטער פון 1711. אַ יעקב קאָסטע (קאָסטאַ ?) ווערט דערמאָנט אין אַ דעקלאַראַציע פון 1744. מען קען אַנווייזן אויך נאָך נעמען פון יידן. אָבער דאָס בלייבן ניט מער ווי פּאַראיינצלטע פאַקטן. עס איז פון דעם דאָך קלאָר, אַז קינדער פון די אַמאָליקע מאַראַנען האָבן זיך געפונען אין קאַנאַדע אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון פראַנקרייכס הערשאַפט.

אַהער געהערט אפשר אויך די מאָדנע דערציילונג, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין אַן אַרכיוו־דאָקומענט. דאָס איז אַ באַריכט פון קוירנעל דייוויד דאַמבאַר, געשריבן דעם 25טן אויגוסט 1732. אין דעם באַריכט איז ער מודיע, אַז ביי לואיזבורג זאָלן זיך האָבן געפונען „זעקס פראַנצייזישע קריגשיפן פול מיט יידן, צו באַזעצן זיי אויף סט. דזשאָן אינדזל (היינע פּרינץ עדוואַרד אינדזל) ביי דער גרינער בוכטע". דער באַריכט דערציילט ווייטער, אַז די פראַנצויזן, וואָס געפינען זיך דאָרטן, וועלן „באַזאָרגן און אויסהאַלטן דעם דאָזיקן ניי־געפּלאַנטן יישוב אין סט. דזשאָן מיט ברויט, תבואה און בהמות, אויב מען וועט זיי לאָזן".[2]

די מעשה קלינגט פאַנטאַסטיש, אַזוי אַז עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז זי איז געווען ווייט פון אמת. עס איז אָבער מעגלעך, אַז זי איז געבויט אויף דעם, וואָס האַנדלשיפן פון פראַנצייזישע יידן, בפרט נאָך שיפן מיט ביבלישע נעמען, האָבן דעמאָלט פאַרקערט צווישן פראַנקרייך און אירע אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. אָבער קיין איין שיף אַזאַ האָט זיך דעמאָלט ניט געקענט געפינען ביי לואיזבורג, סיידן מיט אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר שפּעטער.

דאָ איז כדאי צו באַמערקן, אַז ערשט לעצטנס האָט מען אויסגעפונען קאָנקרעטע פאַקטן וועגן יידן אונטער דעם פראַנצייזישן רעזשים. אין די ערשטע צוויי ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע, געשריבן פון יידן גופא, אין דעם ערשטן באַנד „פּובליקאַציעס" פון דער אַמעריקאַניש־יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט,[3] און אין דער ענגליש־יידישער ענציקלאָפּעדיע,[4] איז וועגן דעם ניטאָ קיין איין וואָרט, אַ סימן אַז מען האָט פון דעם גאָר ניט געוואוסט. עס איז אַפילו קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ זאַך זאָל זיין מעגלעך. און דאָך האָבן שוין אַפילו יעמאָלט עקזיסטירט אַ סך מאַטעריאַלן, צו וועלכע מען וואָלט גלייך געקענט האָבן אַ צוטריט, און וואָס וואָלטן גאַנץ אַנדערש באַלויכטן דעם אָנהייב פון דער

---

[2] Public Record Office, "Board of Trade, Nova Scotia, Vol. VII, E29."

[3] Publications, American Jewish Historical Society, Vol. I, 1893.

[4] Jewish Encycl., Vol. III, pp. 524.

יידישער געשיכטע אין קאַנאַדע. עס האָט בלויז געפעלט דער ערשטער אָנוואונק אויף אַרויסצורופן דעם אינטערעס צו די אומגעריכטע אָנהייבן.

אין 1933 איז אין דעם קליינעם אַמעריקאַנער שטעטל טיקאָנדעראָגאַ, ביים טייך שאַמפּליין, אין דעם שטאַט ניו־יאָרק, געפּראַוועט געוואָרן אַ היס־טאָרישער יובל. דער יובל האָט זיך באַצויגן אויף געוויסע געשעענישן וואָס האָבן זיך אין דעם דאָזיקן אָרט אָפּגעשפּילט בעת דער „זיבן־יאָריקער מלחמה", ווען פראַנקרייך האָט געהאַט באַקומען אַזוי פיל יידישע הילף. אַזוי ווי די יובל־פייערונג האָט געהאַט אַ באַזונדערע שייכות צו קאַנאַדע, האָט ער געהייסן „דער קאַנאַדער טאָג". וואָס זיינען דאָס געווען פאַראַ געשעענישן?

גענעראַל מאָנקאַלם איז געשיקט געוואָרן פון יענער זייט ים צו פאַר־טיידיקן קאַנאַדע פון ענגלאַנד. ער איז געווען די צענטראַלע און אויך די טראַגישע פיגור פון אַט דער בלוטיקער תקופה אויף דער „נייער וועלט". ער האָט געדאַרפט מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, ווייל ער האָט געדאַרפט מלחמה האַלטן ניט בלויז מיט אַ צאָלרייכן און מיליטעריש בעסער צוגעגרייטן שונא, נאָר אויך קעמפן קעגן שטערונגען לעבן זיך, אַרום זיך, קעמפן קעגן אַ שרעקלעכן הונגער, קעגן קראַנקייטן, קעגן קאָרופּטע באַאַמטע, וואָס האָבן מיט זייערע שענדלעכע מעשים געבראַכט די באַפעלקערונג פון נייע־פראַנקרייך צו פאַרצווייפלונג.

און אין יענער טראַגישער צייט האָט גענעראַל מאָנקאַלם באַקומען אַ סך הילף דווקא פון אַ יידן, דעם ספרדי אברהם גראַדיס. אין דעם גענעראַלס טאָגבוך וואָס איז דערשינען אין קוויבעק אין 1895 ווערט זייער אַ סך דער־ציילט וועגן דעם דאָזיקן ספרדישן יידן און וועגן זיין ראָלע אין שטיצן די פראַנצייזישע קאָמפּאַניע אין קאַנאַדע.[5] אויך אין די בריוו וואָס מאָנקאַלם האָט געשיקט צו זיין משפחה אין פראַנקרייך ווערט גראַדיסעס נאָמען אָפט דערמאָנט.

אברהם גראַדיס האָט (נאָך די רייד נאָך פון דעם פראַנצייזישן היסטאָ־ריקער ק אַ מ י ל ז ש ו ל י אַ ן), אויפגעטאָן מער צו פאַרטיידיקן די פראַנצייזישע אינטערעסן אין קאַנאַדע, „ווי דאָס קיניגטום אַליין".[6] ער האָט ניט איין מאָל געראַטעוועט די פראַנצייזישע קאָלאָניסטן אין קאַנאַדע וואָס האָבן געליטן הונגער, דורך דעם וואָס ער האָט זיי איבערגעשיקט שפייז. באַזונדערס גרויס איז געווען זיין אָנטייל אין די אָנשטרענגונגען וואָס פראַנק־רייך האָט געמאַכט בעת דער „זיבן־יאָריקער מלחמה" כדי צו בלייבן ביי איר קאָלאָניע אין צפון־אַמעריקע. ער האָט גענומען דעם חשובסטן אָנטייל אין די דאָזיקע אָנשטרענגונגען, ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין צו־גרייטן די פראַנצייזישע פאַרטיידיקונג דאָ אין לאַנד. די פאַרעפנטלעכטע

[5] Journal du marquis de Montcalm, publie par l'abbe H. R. Casgrain, Quebec, 1895.

[6] Camille Jullian, Histoire de Bordeaux, 1895, 542.

בריוו פון גענעראַל מאָנקאַלם וואַרפן אַ באַזונדער ליכט אויף די פאַרבינ־דונגען וואָס ער האָט געהאַט מיט גראַדיסן.

גראַדיס איז געווען אַ גרויסער שיפבויער, איינער פון די גרינדערס פון פראַנצייזישן האַנדלס־פלאָט. דערצו איז ער געווען אַ מענטש מיט גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און אַ סך פראַקטישן שכל. ער האָט געהערט צו די חשובסטע פערזענלעכקייטן פון פראַנקרייך. ווען עס איז אויסגעבראָכן די „זיבן־יאָריקע מלחמה" האָט ער מיט לייב און לעבן זיך אריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צו העלפן פראַנקרייך אין קאַמף. ער האָט געשיקט קיין קאַנאַדע שיפן מיט שפּייז, אַמוניציע און סאָלדאַטן. ער האָט געשאַפן דעם קאָנטאַקט צווישן מאָנקאַלם און זיין היימלאַנד. ער האָט אינפאָרמירט מאָנ־קאַלמען וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אין פראַנקרייך. מאָנקאַלם דערמאָנט אים דעריבער אַזוי פיל מאָל אין זיין „טאָגבוך" און אין די בריוו צו זיין פאַ־מיליע. עס זעט אויס אַז מאָנקאַלם האָט צו גראַדיסן געהאַט אויסערגעוויינ־לעכן צוטרוי. אין איין בריוו, פון סעפּטעמבער 1757, שרייבט ער צו זיין מוטער, דער מאַרקיזין סען־ווערען, אין מאָנפּעליע: „מאָסיע דע לאַ קאַרט, הויפּט־סעקרעטאַר פון פלאָט־דעפּאַרטמענט, איז אַזוי נאַכלעסיק, אַז איך מוז דיך בעטן מער דורך אים מיר ניט צו שרייבן, נאָר דורך גראַדיסן פון באָרדאָ".[7]

מאָנקאַלם דערמאָנט אויך אַ סך מאָל גראַדיסעס שיפן וואָס זיינען אָנגע־קומען אין קוויבעק. ער האָט דורך זיי באַקומען פאַרשטאַרקונגען. ער דער־מאָנט שיפן ווי „דוד", „סיפּערב", „רענאָמע", „ראַביסט" און אַנדערע וואָס האָבן אין יענער מלחמה זיך שטאַרק אויסגעצייכנט.

מאָנקאַלם איז געווען פאַרצווייפלט. מען האָט קיין פאַרשטאַרקונגען ניט געקענט קריגן. נאָך שווערער איז געווען זיי איבערצושיקן. אַ שטיק צייט איז קאַנאַדע אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון פראַנקרייך. איז גראַדיס יעמאָלט געקומען צו הילף. פריער האָט ער פאַקטיש געהאָלפן באַקומען סאָלדאַטן און נאָך דעם האָט ער אין אַפּריל 1737 איבערגעשיקט קיין קאַנאַדע אַן אָפּ־טייל פון 400 מאַן.[8] דאָס איז געווען אַ טייל פון דער אַרמיי, וואָס מאנקאלם האָט מיט איר אָנגעפירט, בעת ער האָט אין טיקאָנדעראָגאַ באַזיגט די ענג־לענדער.

וועגן דעם אָנקום פון אָט יענעם טראַנספּאָרט מיט אַ טייל סאָלדאַטן וועלכע דער יידישער שיפבויער פון באָרדאָ האָט איבערגעשיקט, שרייבט מאָנקאַלם אין זיין „טאָגבוך" (אונטער דער דאַטע פון 9טן יוני 1757), אַז ער האָט זיך נאָר וואָס דערוואוסט אַז גראַדיסעס צוויי שיפן, „דוד" און „יאזאָן", זיינען אָנגעקומען מיט שפּייז, וואָפן און סאָלדאַטן. די שיפן האָבן אויך געבראַכט נייס וועגן אַן אַטענטאַט וואָס מען האָט געמאַכט אויפן קעניג

[7] Report of the Public Archives for 1929, Ottawa, p. 61.

[8] Jean de Maupassant, Un grand armateur de Bordeaux,.1917, p. 59 et seq.

און וועגן אינערלעכע אומרועןָ אין לאַנד. „די וויכטיקסטע נייס אָבער פאַר אונדז", באַמערקט ער, „איז דאָס וואָס מיר האָבן באַקומען געגנוג שפּייז, פּולווער, סאָלדאַטן, און בכלל אַלצדינג וואָס מיר האָבן לעצטנס געהאַט געבעטן. עס בלייבט בלויז צו האָפן, אַז די דאָזיקע הילף זאָל ווייטער אויך פּינקטלעך אָנקומען"[9]

אונטער דער דאַטע פון 13טן יוני, דאָס זעלביקע יאָר, שרייבט ער אין זיין „טאָגבוך" וועגן דעם פון ס'ניי, ווידער דערמאָנענדיק גראַדיסן.[10] דאָס זעלביקע טוט ער אונטער דער דאַטע פון 16טן יוני, צוגעבנדיק, אַז ער האָט נאָר וואָס געקראָגן אַ ידיעה, אַז נאָך אַ שיף וואָס גראַדיס האָט געשיקט, איז אָנגעקומען.[11] ער דערמאָנט אויך אין נאָך שטעלן, אומעטום אַרויסצייגנדיק דערמיט צופרידנקייט און יענעם באַזונדערן אָפּטימיזם, וואָס די הילף, וואָס גראַדיס האָט געשיקט, האָט ביי אים אַרויסגערופן.

אין אַ בריוו, וואָס איז דאַטירט 6טער יולי, 1757 שרייבט מ אָ נ ק אַ ל ם צו זיין פרוי אַזוי:

„איך האָב באַקומען, טייערע, דיין בריוו נומער 13, דאַטירט נאָוועמבער 28, דורך דער פאַרמיטלונג פון ה' גראַדיס. איך דערוויס זיך אַז עס זיינען פאַראַן עלף פריערדיקע פּאַקעטן, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן, אָדער פאַרלאָרן געגאַנגען, אָדער וואָס ווען אפשר אָנקומען. די נייס וועלכע דו האָסט מיר געשריבן, האָט מיר פאַרשאַפט אומגעהייער גליק. מיינע אָנגרייטן פון מאָנפּעליע און פון באָרדאָ זיינען געוואָרן איבערגעשיקט אויף עטלעכע שיפן, דריי פון זיי זיינען אָנגעקומען. די שיף „ראָביסט" האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן קאַמף. פון „סיפּערב" און „רענאָמע" האָב איך נאָך ניט געהערט"...[12]

אין אַ בריוו פון 28טן יולי, 1757, בעט ער אַז מען זאָל פאַר אים אויס־זוכן אַן אינטעליגענטן און פעאיקן יונגנמאַן פאַר אַ סעקרעטאַר, מחמת זיין סעקרעטאַר האָט חתונה געהאַט, און אַז גראַדיס זאָל אים אַריבערשיקן צו אים קיין קאַנאַדע.[13]

פון אַן אַנדער בריוו, געשריבן צו זיין מוטער (דאַטירט סעפּטעמבער 13טן, 1757), איז צו דרינגען אַז גראַדיסעס שיף „סיפּערב" איז באַפאַלן געוואָרן פון די ענגלענדער וועלכע האָבן זי פאַרכאַפּט. די „סיפּערב" דערמאָנט ער עטלעכע מאָל. ביי אַ צווייטער געלעגנהייט איז ער מודיע זיין מוטער (אין אַ בריוו וואָס איז דאַטירט 2טער יוני, 1758) אַז מערערע שיפן וואָס גראַדיס האָט געשיקט מיט נייטיקע אָנגרייטן, זיינען בשלום אָנגעקומען און האָבן געבראַכט הילף אין דער ריכטיקער צייט. די לאַגע אין דער קאָלאָניע איז

---

9 Journal du marquis de Montcalm, Quebec, 1895, p. 212.

10 דאָרטן, זייט 215

11 דאָרטן, זייט 216

12 Report of the Public Archives for 1929, Ottawa, p. 57.

13 דאָרטן, זייט 60

געווען שרעקלעך. די באַפעלקערונג האָט געהונגערט, „זי האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן צו עסן גראָז און קרייטעכער...[14]

***

חוץ דער הילף פאַר דער פראַנצייזישער רעגירונג בעת דער מלחמה איז ג ר אַ ד י ס באַקאַנט מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין ק ו ו י - ב ע ק גופא „ריזיקע שפייכלערס", כדי אויפצוהאַלטן די פאַרבינדונג צווישן פראַנקרייך און דער צפון-אַמעריקאַנער קאָלאָניע.[15]

די ראָלע פון א ב ר ה ם ג ר אַ ד י ס ן אין דעם קאַמף צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד פאַרדינט בלי ספק אַ גרעסערע אויספאָרשונג, וואָס קען נאָר געמאַכט ווערן דורך שטודירן די פראַנצייזישע אַרכיוון.

---

14 דאָרטן, זייט 68

15 Hh. Malvezin, Histoire des Juifs a Bordeaux, 1875, p. 241.

די מוטערשפּראַך פון די פּוילישע יידן

י. ל.

דער סאַמע אָביעקטיווער סימן פון נאַציאָנאַלער אייניקייט איז געוויס די שפּראַך. בנוגע די פּוילישע יידן פאַרמאָגן מיר וועגן דער דאָזיקער פראַגע די דאַטעס פון דער פאָלקסציילונג פון 1931, אָבער פאַר די פאַרגאַנגענע אַכט יאָר האָט זיך די לאַגע אין דעם פּרט גאָר ווייניק געענדערט. מיר בויען ווייטער די הויפּט־טאַבעלע אַזוי, אַז מיר זאָלן באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן דער שפּראַך־אַסימילאַציע ביי יידן אין פאַרשיידענע טיילן פון פּוילן און ממילא שוין אויך וועגן דעם שפּראַך־כאַראַקטער פון יעדן ראַיאָן, וואָס איז אַריינ־געפאַלן אין באַזונדערע הענט. דעם ליטוויש־ווייסרוסישן ראַיאָן קאָן מען ניט צעטיילן, ווייל ס׳איז ניט גענוי באַקאַנט ווי מען האָט צעטיילט די ווילנער וואָיעוואָדשאַפט צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און ליטע און ווי מ׳האָט צעטיילט ביאַ־ליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און פּוילן. אַזוי ווי דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק נאָר פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע אויפן יסוד פון דער שפּראַך־דערקלערונג און ניט די גענויע פאַרטיילונג פון די צעריסענע טיילן פון פּוילן צווישן פאַרשיידענע מלוכות, איז די פאַראייניקונג פון די ליטווישע מיט די ווייסרוסישע וואָיעוואָדשאַפטן ניט שטערנדיק.

די ציילונג האָט רעגיסטרירט צוויי יידישע שפּראַכן — יידיש און העב־רעאיש. מען דאַרף אָננעמען, אַז דער גרעסטער רוב פון די, וואָס האָבן אָנגעגעבן העברעאיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך, רעדן פאַקטיש נאָר יידיש, אָדער אויך יידיש, נאָר האָבן געוואָלט דעמאָנסטרירן זייער העברעאישע פרומקייט. דאָך גיבן מיר אין דער טאַבעלעביידע שפּראַכן. די דאַטן וועגן העברעאיש אַלס מוטער־שפּראַך אילוסטרירן, ראשית, די ציוניסטישע שטרי־מונגען אין פּוילן; חוץ דעם זאָגן זיי טאַקע עדות, אַז די העברעאישע רייד־שפּראַך האָט אין די יאָרן פון באַדייטנדיקער איבערוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל געמאַכט גרויסע דערפאָלגן אין פּוילן. ס׳איז געוויס ווייט פון דעם, אַז 243 טויזנט יידן זאָלן אין פּוילן רעדן העברעאיש, אָבער ס׳איז מסתמא ניט ווייט פון דעם, אַז זיי זאָלן ק אָ נ ע ן רעדן העברעאיש. פון דער צווייטער זייט, מוז מען מודה זיין, אַז ניט וועניקע פון די, וואָס האָבן אָנגעגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך, רעדן פאַקטיש אָדער נאָר פּויליש אָדער מער פּויליש ווי יידיש און מיטן אָנגעבן יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך האָבן זיי געוואָלט אָדער דעמאָנסטרירן זייער צוגעהעריקייט צום יידישן פאָלק אָדער נאָך מער זייער פּראָטעסט קעגן דער פּוילישער מיעוטים־פּאָליטיק. ביי

אַ געוויסן גראַד קאָן מען דעריבער באַטראַכטן די דאַטעס וועגן דער יידישער מוטערשפּראַך מער אַלס באַווייז פון דעם אויסגעוואָקסענעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, ווי פון דער פּאַקטישער לאַגע אין פּוילן. די קאָלאָסאַלע אַגיטאַציע פון אַלע יידישע פּאַרטייען פּאַר אָנגעבן ביי דער ציילונג אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך האָט געוויס געהאַט איר ווירקונג.

מיר האָבן געהאַלטן פּאַר נייטיק מאַכן די אַלע באַמערקונגען, כדי דאָס בילד, וואָס באַקומט זיך פון די ציפער, זאָל זיין מעגלעך נאָענטער צו דער ווירקלעכער לאַגע. זיי קאָנען אָבער בשום אופן ניט אָפּשוואַכן דעם אמתן ווערט פון די דאָזיקע גרויסע צאָלן, וואָס גיבן אין תוך געוויס אַן אָביעקטיוו ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער הערשנדיקער שפּראַך פון פּוילישן יידנטום און וועגן דער מדרגה פון שפּראַך־אַסימילאַציע פון פאַרשיידענע טיילן זיינע.

לאָמיר איבערגיין צום מאַטעריאַל.

די טאַבעלע שפּיגלט אין זיך אָפּ דער עיקר די פאַרשיידענע פּאָ־ליטישע פאַרגאַנגנהייט פון באַזונדערע ראַיאָנען. אין אַלגעמיינעם באַקומט זיך אַזאַ בילד: די געוועזענע דייטשע ראַיאָנען (פּויזן, פּאָמערן און שלעזיען) געבן דעם קלענסטן פּראָצענט יידיש־און העברעאיש־רעדנדיקע. דערביי איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די יידיש־רעדנדיקע, וועלכע מאַכן אויך דאָ אויס העכער אַ דריטל און מיט די העברעאיש־רעדנדיקע כמעט 40 פּראָצענט, באַשטייען פון צוגעוואַנדערטע עלעמענטן. העכער 60 פּראָצענט האָבן אָנגעגעבן פרעמדע שפּראַכן פאַר זייער מוטער־שפּראַך און אין דער גרויסער מערהייט — דייטש.

אויפן צווייטן אָרט לויט דער מדרגה פון שפּראַך־אַסימילאַציע שטייען די געוועזענע עסטרייכישע טיילן, וועלכע גיבן מאַקסימום 41,1% (טאַרנאָ־פּאָלער) רעדנדיקע אויף אַ פרעמדער שפּראַך, פּאַקטיש כמעט נאָר פּויליש, און מינימום 21,7% (סטאַניסלאַווער). אויפן דריטן אָרט קומט עטנאָגראַפיש פּוילן מיט 8,9% שפּראַך־אַסימילירטע און אויפן לעצטן אָרט ליטוויש־ווייס־רוסישער ראַיאָן מיט דער מינימאַלער ציפער פון 2,2% שפּראַכלעך אַסימילירטע.

דער ערשטער אויספיר, וואָס בעט זיך ממש פון די דאָזיקע ציפערן, איז דער געגנוג באַקאַנטער פּאַקט, אַז יידן, און אפשר ניט נאָר יידן, אַסימילירן זיך נאָר מיט אַ העכער שטייענדיקער קולטור און ניט מיט אַ נידעריקער שטייענדיקער קולטור.

שטעלט מען נעבן אַנאַנדער די ראַיאָנען, באַקומען מיר אַזאַ בילד פון דער הערשאַפט פון דער יידישער שפּראַך, אָננעמענדיק די הנחה, אַז די, וואָס האָבן אָנגעגעבן העברעאיש, רעדן פּאַקטיש אויך יידיש:

1. ליטוויש־ווייסרוסישער ראַיאָן — — — — — — 97,8%
2. עטנאָגראַפיש פּוילן — — — — — — — — 91,1%
3. אוקראַינישער ראַיאָן — — — — — — — — 76,0%
4. גאַליקע דייטשע ראַיאָנען — — — — — 39,6%

דערפון האָבן אָנגעגעבן פאַר זייער מוטער-שפּראַך				
אַנדערע Other Languages אַבס. % Number	העברעאיש Hebrew אַבס. % Number	יידיש Yiddish אַבס. % Number	יידן בכלל Total of Jews	וואָיעוואָדשאַפט Waywodeships (Governmental Districts)
5,5— 19305	5,6— 19743	88,9— 313611	352659	Warsaw City .... וואַרשע שטאָט
1,9— 4076	6,8— 14891	91,3— 200157	219124	of Warsaw .... וואַרשעווער
5,0— 19060	6,1— 23241	88,9— 336194	378495	" Lodz .... לאָדזשער
3,8— 12136	3,7— 11715	92,5— 293169	317020	" Kielce .... קעלצער
17,4— 54803	4,3— 13527	78,3— 246010	314340	" Lublin .... לובלינער
26,2— 45573	17,4— 30232	56,4— 97813	173618	קראקאווער
8,9—154953	6,5—113349	84,7—1486954	1755256	Ethnographic Poland עטנאָגראַפיש פּוילן
1,2— 2430	11,5— 22771	87,3— 172164	197365	of Bialystok .... ביאַליסטאָקער
1,8— 1968	12,3— 13649	85,9— 95179	110796	" Wilno .... ווילנער
7,1— 5847	8,7— 7243	84,2— 69782	82872	" Nowogrodok .... נאָוואָרודקער
0,9— 1022	14,4— 16452	84,7— 96514	113988	" Polesje .... פּאָלעסיער
2,2— 11267	11,9— 60115	85,8— 433639	505021	Lithuanian —White Russian Region ... ליטוויש-ווייס רוסישער ראַיאָן
32,0—109467	6,4— 21936	61,6— 211002	342405	of Levow (Lemberg) .... לעמבערג
21,7— 30368	5,8— 8122	72,5— 101256	139746	" Stanislaw .... סטאַניסלאַווער
41,1— 55185	5,2— 7042	53,7— 71890	134117	" Tarnopol .... טאַרנאָפּאָלער
1,1— 2247	15,1— 31388	83,8— 174157	207792	" Volhynia .... וואָלינער
24,0—197267	8,3— 68488	67,7— 558305	824060	Ukrainian Region ... אוקראַינישער ראַיאָן
54,4— 3920	5,0— 362	40,6— 2929	7211	of Posen .... פּויזענער
43,0— 1482	4,1— 143	52,9— 1822	3447	" Pomerania .... פּאָמערן
65,9— 12471	5,7— 1082	28,4— 5385	18938	" Schleswig .... שלעזיען
60,4— 17873	5,3— 1587	34,2— 10136	29596	Former German Districts אַמאָליגע דייטשע געגנטן
12,2—381360	7,9—243539	79,9—2489034	3113933	Entire Poland .... גאַנץ פּוילן

דער נאַציאָנאַלסטער ראַיאָן איז דער ליטוויש־ווייסרוסישער, דער אָפּ־געשטאַנענסטער אין זין פון לאָקאַלער הערשנדיקער מערהייט־קולטור און אויך אין פּרט פון הערשאַפט פון דער פּוילישער קולטור; אויפן צווייטן אָרט קומט עטנאָגראַפיש פּוילן, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו רוסלאַנד און וואו אַן אָבליגאַטאָרישע פּאָלקשול איז איינגעפירט געוואָרן ערשט נאָך דער וועלט־מלחמה. אויפן דריטן אָרט גייט דער אוקראַינישער ראַיאָן, וואָס אין זיין מערהייט האָט ער געהערט צום אַמאָליקן עסטרייך, וואו אין די שטעט פון גאַליציע האָבן געהערשט די פּאָליאַקן און וואו די פּאָלק־שול האָט שוין עטלעכע צענדליק יאָר משפּיע געווען אויפן לעבן. אויפן לעצטן אָרט קומען די אַמאָליקע דייטשע ראַיאָנען, וואו די געבליבענע דייטשע יידן רעדן דייטש און דאָס ביסל צוגעוואַנדערטע פּוילישע יידן האָבן טאַקע אָנגענומען יידיש און העברעאיש.

דער צווייטער אויספיר, וואָס קאָן לכן געמאַכט ווערן פון די דאָזיקע ציפערן, איז אַז אין פּרט פון שפּראַך־אַסימילאַציע האָט די פּאָלק־שול אַ גאָר גרויסע ווירקונג, אַפּנים אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג, ווי די עקאָנאָמישע באַציאונגען. די לעצטע צווינגען צו באַהערשן ביז אַ געוויסן גראַד די שפּראַך פון דער אַרומיקער מערהייט: אין שטעטל און אין דאָרף אין אַ שוואַכערער מאָס, אין שטאָט אין אַ גרעסערער מאָס. די פּאָלק־שול אָבער באַהערשט פון די יונגע יאָרן אָן די נשמה פון מענטשן און באַאיינפלוסט זיין גייסטיקן גרונט־באַגאַזש, לייגט דעם יסוד פאַרן באַנעמען די וועלט און פאַרן אַריינלעבן זיך אין די אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור — די שפּראַך פון דער פּאָלק־שול ווערט דעריבער דער שאַרפסטער און געפער־לעכסטער אַסימילירונג־אינסטרומענט. ס'איז גענוג פעסטצושטעלן דעם פאַקט, אַז יידן אין גאַליציע, וואו די אוקראַינער זיינען אין דער מערהייט, פאַר־שטייען און קאָנען אויך רעדן אוקראַיניש, אָבער לייענען זיי פּויליש און פאַר זייער מוטער־שפּראַך גיבן זיי אָן פּויליש. און ס'איז גענוג צו ברענגען די דאַטעס וועגן דער מדרגה פון שפּראַך־אַסימילאַציע אין פאַרשיידענע שטעט, כדי גלייך צו מערקן, ווי שטאַרק ס'איז די ווירקונג פון דער פּאָלק־שול אין פאַרגלייך מיטן עקאָנאָמישן פאַקטאָר.

דער פּראָצענט יידן, וואָס האָבן אָנגעגעבן פרעמדע שפּראַכן פאַר זייער מוטער־שפּראַך, האָט באַטראָפן:

1. אין ווילנע — — — — — — — — — — — 0,7
2. אין לובלין — — — — — — — — — — — 2,4
3. אין לאָדזש — — — — — — — — — — — 5,3
4. אין וואַרשע — — — — — — — — — — — 5,5
5. אין קראָקע — — — — — — — — — — — 10,9
6. אין לעמבערג — — — — — — — — — — 24,4
7. אין פּויזן — — — — — — — — — — — 45,4
8. אין קאַטאָוויץ — — — — — — — — — — 72,4

לאָדזש און וואַרשע זיינען גרעסער, קאָמערציאַליזירטער און אינדוסט־ריאַליזירטער ווי קראָקע און לעמבערג; די פּוילישע קולטור הערשט דאָרטן ניט ווייניקער ווי אין די לעצטע; אָבער זיי האָבן אַ פּאָלק־שול נאָר פון נאָך דער וועלט־מלחמה און קראָקע און לעמבערג אַ סך יאָרן פריער. געוויס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע פאַקטאָרן, וועלכע ווירקן אויף דער מדרגה פון שפּראַך־אַסימילאַציע אין דעם אָדער יענעם פּונקט אָדער ראַיאָן, אָבער דער וויכטיקסטער פאַקטאָר איז די פּאָלק־שול.

לאָמיר פאַרגלייכן די שפּראַך־אַסימילאַציע פון די סאָוועטישע יידן מיט דער לאַגע פון יענע פּוילישע יידן, וועלכע זיינען איצט אַריבער אין רשות פון סאָוועטן־לאַנד. ס'האָבן אָנגעגעבן אַ פרעמדע שפּראַך פאַר מוטער־שפּראַך:

1. די יידן אין סאָוועט־אוקראַינע (1926) — — — — — — 24,1
2. די יידן אין אוקראַינישן ראַיאָן פון פּוילן (1931) — — 24,0
3. די יידן אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד (1926) — — — 10,2
4. די יידן אין ליטוויש־ווייסרוסישן ראַיאָן פון פּוילן (1931) — 2,2

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס איןביידע פאַלן קומט אויס, אַז אין ווייסרוסלאַנד זיינען יידן שפּראַכלעך ווייניקער אַסימילירט, ווי אין אוק־ראַינע. אַן איבעריקע ראַיה, ווי די אַסימילאַציע איז אָפּהענגיק פון דער קולטור־מדרגה פון דער אָרטיקער אַסימילירנדיקער וועלט. אמת, אין אוקראַינע, אין ביידע טיילן, זיינען יידן אַסימילירט ניט מיט דער לאָקאַלער הערשנדיקער מערהייט־שפּראַך, נאָר מיט דער שפּראַך פון דער הערשנדיקער קולטור אין די שטעט: אין גאַליציע — פּויליש; אין סאָוועטישער אוקראַינע — רו־סיש. אָבער אויך דאָס באַווייזט, ווי וויכטיק ס'איז דער מדרגה־צושטאַנד פון דער אַרומיקער אַסימילירנדיקער קולטור. די גרויס־רוסישע שפּראַך אין אוקראַינע, אַ שפּראַך פון אַ מינדערהייט, האָט מער אַסימיליר־פּאָטענץ, ווי די אוקראַינישע מערהייט־שפּראַך. פאַר די לעצטע יאָרן, מיטן שטייגן פון קולטור־הויך פון דער אוקראַינישער שפּראַך, פון איר אָרט און ווערט אין די לערן־אַנשטאַלטן און אין מלוכהשן לעבן, וואַקסט אומנעהייער שנעל איר אַסימיליר־פּאָטענץ. די נייסטע ציילונג פון סאָוועטן־רוסלאַנד וועט געוויס אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ סך נייס אין דעם פּרט. די ציילונג פון 1926 האָט אָפּגעשפּיגלט מער דעם רעזולטאַט פון די צענדליקער יאָרן פון פאַר דער וועלט־מלחמה, ווי די סיטואַציע אין סאָוועט־אוקראַינע אַלס אַזעלכע. פאַר דער וועלט־מלחמה האָט אין די אוקראַינישע שטעט, ווי אָדעס, כערסאָן, יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו, פיל מער געהערשט די גרויס־רוסישע שפּראַך, ווי אין די ווייסרוסיש־ליטווישע, ווי מינסק, קאָוונע אָדער ווילנע. די אוקראַינישע שטעט האָבן פּשוט געהאַט אַ סך אַ גרעסערע גרויסרוסישע באַפעלקערונג, ווי די שטעט פון ליטע און ווייסרוסלאַנד.

ביבליאָגראַפיע.

1 Drugi Powszechny Spis. Ludnosci Z Dn. 9/12 1931R. Warszawa.

רעפעראַטן און רעצענזיעס

מעדיצינישע פאָרשונגען וועגן יידן.

1 Harry J. Johnston. Comparison of the Incidence of Glycosuria Among Jews and Non-Jews. Proc. Life Ext. Examiners. 1: March-April, 1939, 42-43.

2 George Wolf. Cancer and Race with Special Reference to the Jews. Am. J. hyg. 29: May 1939, 121-137.

ל. נלקן.
לבעית השכיחות של חוסר דם ממאיר בין היהודים בארץ ישראל.
ה ר פ ו א ה טז: חוב. א. 10־17 טבת, תרצ״ט.

די דריי אַרטיקלען באַהאַנדלען זייער וויכטיקע קראַנקייטן. איינע פון די דריי — צוקערקראַנקייט — איז אָנערקענט ווי מער פאַרשפּרייט צווישן יידן, איינע — געפערלעכע בלוט־אָרעמקייט — איז פאַרשפּרייט ווייניקער צווישן יידן, אָבער אויך ווייניק צווישן אַנדערע פעלקער וואָס וואוינען אין דרום־לענדער, ווי איטאַליענער למשל.

דער אַרטיקל וועגן צוקער־קראַנקייט איז אַ קורץ סטאַטיסטישער. דער שרייבער ווייזט אַפילו אָן אַז דער פאַקט וואָס עס איז פאַראַן צוקער אין דער אורין „באַטייט נאָך ניט אַז די פאַציענטן זיינען דיאַבעטיקער“. ער האַלט אָבער אַז דאָס וואָס ער געפינט אַז פאַלן פון צוקער אין דער אורין זיינען 160 פראָצענט העכער ביי יידן ווי ביי ניט־יידן איז אַ מערקווערדיקע דערשיינונג. ער איז מוסיף אַז מסתמא וואָלטן די זעלביקע ציפערן געפונען געוואָרן אויך צווישן דיאַבעטיקער. ער באַגרינדעט אָבער ניט זיין מיינונג פון אַן אייגענעם טעאָרעטישן שטאַנדפּונקט, און ברענגט אויך ניט קיין ראיות פון אַנדערע אויטאָריטעטן.

כאָטש די טעסטן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף 1000 יידן און 1000 ניט־יידן, האָט דער אַרטיקל, צוליב די פריער אָנגעגעבענע סיבות, אַ קנאַפּן וויסנשאַפטלעכן ווערט.

דער אַרטיקל וועגן געפערלעכער בלוט־אָרעמקייט זעט אויס אין פלוג צו האָבן אַרויס־געבראַכט אַ געוויסן אונטערשייד צווישן יידן און ניט־יידן. איז דאָס אָבער בעצם ניט קיין נייס. און דערצו איז דער שרייבער פונעם אַרטיקל אַ ביסל אָפּגעלאָזן אין זיינע פאַרגלייכונגען, פון וועלכע ער קומט צו זיינע רעזולטאַטן. למשל, ער ווייזט אָן אַז „אין הדסה האָספּיטאַל אין ירושלים זיינען אין אַ פעריאָד פון פינף יאָר, 1923־1928 געווען נאָר פיר פאַציענטן — וואָס האָבן געליטן פון געפערלעכער בלוט־אָרעמקייט — צווישן 3381 פאַציענטן, וואָס דאָס מאַכט אויס 0.118 פראָצענט אין פאַרגלייך מיט די ציפערן פון באָסטאָן וואָס זיינען 0.61 פראָצענט. דאָס באַטייט אַן ערך פון ווייניקער ווי איין פינפטל ווי אין חוץ לארץ“. האָט אָבער דער שרייבער, ווייזט אויס, זיך ניט געווען אָריענטירט אין די ציפערן וואָס ער ציטירט פון דר. פרידלענדערס אַרבעט אין באָסטאָן וואו ער האָט אַנאַליזירט 500 אַזעלכע חולאים וואָס האָבן געליטן פון דער קראַנקייט. פרידלענדערס ציפערן זיינען אָט וועלכע: „די פינף הונדערט פאַציענטן צוזאַמען זיינען 0.61 פראָצענט פון אַלע פאַציענטן וואָס זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער צייט פון אַפּריל 1919 ביז נאָוועמבער 1932. אָבער די שוועדישע, קאַנאַדער און

דענישע פּאַציענטן האָבן געגעבן מער ווי 1 פּראָצענט, מער פון 0.7 פּראָצענט זיינען געווען ענגלענדער און אירלענדער, און אין דער זעלביקער צייט זיינען נאָך 0.18 פּראָצענט געקומען פון רוסלאַנד, וואָס פון זיי זיינען אַלע אַחוץ איינעם געווען יידן". בכן, אויב דער מחבר האָט געוואָלט מאַכן אַ פאַרגלייך, האָט ער עס באַדאַרפט טון מיט דער לעצטער גרופּע און דעמאָלט וואָלט דער אונטערשייד שוין ווייט ניט געווען אַזוי גרויס. די ריכטיקע ציפערן קומען אייגנטלעך אַרויס אָט אַזוי:

ליידנדיקע פון בלוט־אָרעמקייט	פּראָצענט
באָסטאָנער אַלגעמיינע באַפעלקערונג — — — — — — —	0.61
באָסטאָנער יידן (איינער פון זיי אַ רוס) — — — — —	0.18
ירושלימער יידן — — — — — — — — — — —	0.118

ווי עס איז צו זען איז דער אונטערשייד אין באָסטאָן אויך 3½ אַלגעמיינע באַפעל־קערונג צו 1 יידישע באַפעלקערונג.

דער אַרטיקל באַשטעטיקט נאָר דעם איינציקן פאַקט וואָס איז אָבער פון לאַנג באַוואוסט, דהיינו, אַז די „נאָרדישע שטעלן צו אַ פיל גרעסערע צאָל פון אָט־די קראַנקע".

אַן ערגערע אָפּגעלאָזנקייט פאַלט אַריין אין ענגלישן סך הכל פונעם העברעאישן אַרטיקל. אויב עמעצער וואָס קען ניט לייענען קיין העברעאיש וואָלט זיך פאַרלאָזט אויפן ענגלישן טעקסט, וואָלט ער גאָר פאַרפירט געוואָרן. אַזוי למשל ציטירנדיק פרידלענדערס ציפערן זאָגט דער העברעאישער טעקסט: „נתקבלו בכלל פי שנים וחצי יותר איטלקים מאשר שודים, אבל השוודים חולים פי שלושה בחוסר דם ממאיר מאשר איטלקים" (בכלל זיינען אָנגענומען געוואָרן צוויי און אַ האַלב מאָל אַזוי פיל איטאַליענישע פּאַציענטן ווי שוועדישע, אָבער צווישן די פּאַציענטן וואָס ליידן פון געפערלעכער בלוט־אָרעמקייט זיינען געווען דריי מאָל אַזוי פיל שוועדישע ווי איטאַליענער). דאָס זיינען די ריכטיקע ציפערן.

דער ענגלישער זאַץ, אָבער, זאָגט דעם היפּוך:

"R. D. Friedlander found twice and a half as many Italians as Swedes among 500 patients with Anemia perniciosa of the Peter Bent-Brigham Hospital at Boston in the years 1913-1919, whilst there were three times as many Swedes as Italians among the total number of admittances into the internal wards of the hospital during the same period."

דאָס איז צו אַ שווערער טעות. פאַר לאָזן אומבאַמערקט.

בנוגע דער פראַגע פון ראַק־קראַנקייט (קאַנסער) צווישן יידן קומט דר. וואָלף צום אויספיר (נאָך אַ שטודיע אין בערלין) אַז „עס איז פאַראַן זייער אַ קליינער אונטערשייד אין דער שטאַרביקייט פון סכנותדיקע (malignant) געשווירן־קראַנקע צווישן יידן און ניט־יידן". איך גלייב אַז צוליב אָט דעם אויספיר אַליין איז ניט כדאי אַריינצוגיין אין די דעטאַלן פונעם אַרטיקל וואָס איז זייער לאַנג און מער אָדער ווייניקער טעכניש.

כאָטש דער וויסנשאַפטלעכער צושטייער פון די דריי אַרטיקלען איז ניט גרויס איז אָבער די אַרבעט זיכער כדאי געווען. ווארעם מען קען קיינמאָל ניט וויסן ווען מען הייבט אָן פאָרשן אַ געוויסן ענין וואָס מע וועט אויסגעפינען. לכל הפחות האָבן זיי געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער אין דעם פאַל פון ראַק־קראַנקייט, און האָבן באַשטעטיקט דאָס וואָס איז שוין לאַנג באַוואוסט בנוגע דער גרעסערער צאָל צוקער־קראַנקע און דער קלענערער צאָל וואָס ליידן פון געפערלעכער בלוט־אָרעמקייט ביי יידן.

ד"ר מ. ווײנבערג, (פּיטסבורג)

Publications of the American Jewish Historical Society: Number 34, (1937) XXVII—332 pp.; Number 35, (1939), XXIV—341 pp.

די פריערדיקע בענד פון די שריפטן פון דער אַמעריקאַנער יידיש־היסטאָרישער געזעלשאַפט זיינען פון מיר רעצענזירט געוואָרן אין די „ייוואָ־בלעטער“, IV 341,339, VII 166-163.

די לעצטע צוויי בענד אַנטהאַלטן גראָד אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע אַרבעטן ווי אויך אַ גרעסערע צאָל קליינע נאָטיצן, וואָס ברענגען נייע פאַקטן.

פון די אַרבעטן אין באַנד 34 איז כדאי צו דערמאָנען די שטודיע פון פּראָפעסאָר ג. קיש וועגן דייטשע יידן אין דינסט פון ווייס־שקלאַפעריי. (ז. 11־50). זי איז באַזירט אויך פערזענלעכע דאָקומענטן פון אַ דייטשן יידן, וואָס איז אין 1819 געקומען קיין אַמעריקע, דאָ פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ שקלאַף, איז אַנטלאָפן פון זיין בעל־הבית. אאַ״וו אַז ווייסע פלעגן דאָ פאַרקויפט ווערן פאַר שקלאַפן איז געווען אַ באַקאַנטע זאַך, אָבער אַז צווישן זיי זיינען געווען אויך יידן, האָבן מיר ביז איצט ניט געוואוסט. אגב איז איין דאָקומענט, אַ בריוו, געשריבן אין יידיש פון יענער צייט.

ווי אַלע אַרבעטן פון קישן איז אויך די אַ ביסל שווין צו פיל איבערגעלאָדן מיט ביבליאָגראַפישע הערות, וואָס האָבן גאָר אַ קנאַפּע שייכות צום ענין גופא. דער ערשטער קאַפּיטל פון זיין אַרבעט, וואָלט געקענט ניט געדרוקט ווערן, ווייל עס איז אַ באַזונדערער ענין און ווי אַ הקדמה צו דער טעמע אַ ביסל צו אויספירלעך.

יצחק ריבקינד דרוקט איבער דריי העברעאישע דאָקומענטן פון די יאָרן 1718 (אַ כתובה), 1782 (אַ סערטיפיקאַט פאַר אַ שוחט) און פון יאָר 1770 (אַ בריוו).

צו דער ניט רייכער ליטעראַטור מיט אַלטע יידישע בריוו איז צוגעקומען נאָך אַ וויכטיקער צושטייער. דאָס זיינען עלף בריוו אין יידיש געשריבן אין די יאָרן 1758־1771, מערסטנטייל פון איינעם מאיר יוסף זאָהן פון רידינג (Reading) צו דער באַקאַנטער יידישער סוחרים־משפחה גראַץ אין פילאַדעלפיע. די דאָזיקע בריוו, וואָס האָבן חוץ אַ היסטאָרישן ווערט אויך אַ פילאָלאָגישן אינטערעס, ווי די עלטסטע גרוסן פון יידיש אין אַמעריקע זיינען מוסטערהאַפט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון ד״ר ישוע ניימאַן.

פאַר דער געשיכטע פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן קיבוץ אין אַמעריקע שטעלט פאָר אַ באַדייטנדיקן אינטערעס די אַרבעט פון יעקב האַרטשטיין, וועגן דער תלמוד־תורה אין ניו־יאָרק, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַ דאַנק דעם, וואָס אַ פוילישער ייד, מאיר פּולוני, האָט איבערגעלאָזט געלט פאַר דער קהילה שארת ישראל. די דאָזיקע תלמוד־תורה איז געגרינדעט געוואָרן אין 1802, אייגנטלעך איז נאָר זיין נאָמען געגעבן געוואָרן יענעם יאָר אַן אינסטיטוציע (ישיבת מנחת ערב), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1731. דער מחבר דערציילט זייער אויספירלעך די געשיכטע פון דער דאָזיקער תלמוד־תורה.

צוויי אויספירלעכע ביבליאָגראַפיעס פון יידישע פאָרשער, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַמעריקע פאַרענדיקן די רשימה פון גרעסערע אַרבעטן אין דעם באַנד. דאָס זיינען: פון ד״ר ישראל שאַפּירא — די אפרים דיינאַרד ביבליאָגראַפיע (149־164) און פון דעם פאַרשטאָרבענעם ע. קאָלמאַן — די מאַקס קאָלער ביבליאָגראַפיע, וואָס באַשטייט פון 554 נומערן, איז זייער סיסטעמאַטיש אַראַנזשירט, ווי בכלל אַלץ, וואָס קאָלמאַן האָט צוזאַמענגעשטעלט.

אַ ריי קלענערע נאָטיצן האָבן פאַרעפנטלעכט: ג ר י נ ש ט י י ן, ה אָ ר ן, ל ע ס ע ר, ד״ר י. ב ל אָ ק אאַז״וו.

דער לעצטער באַנד (35) איז אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן אַ סך אָרעמער. ד אָ ב ־ ל י ן (Dublin) דערציילט לויט אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן מיט אַ שטאַרקן אַפּאָלאָגעטישן בייטעם וועגן דעם צושטייער פון דעם יידישן סוחר אין דער קאָלאָניאַלער תקופה (1758־1763).

אינטערעסאַנט זיינען די מעמואַרן פון ד״ר י ו ס ף י צ ח ק ב ל ו ש ט י י ן (1860־1934), וואָס זיין נאָמען איז ענג פאַרבונדן מיט דעם יידישן לעבן פון ניו־יאָרק בכלל און פון יידישער דערציאונג בפרט. ליידער איז דער מחבר (ה. ג ר י נ ש ט י י ן) נאָר אַן ענגלישער איבערדערציילער פון בלושטיינס י י ד י ש ע מעמואַרן. עס וואָלט געווען זייער כדאי אָפּצודרוקן די זכרונות אין גאַנצן אין דער שפּראַך אין וועלכער זיי זיינען געשריבן געוואָרן ד״ה אויף יידיש.

ג י ד אָ ק י ש דרוקט איבער מיט אַן אויספירלעכער הקדמה אַ טאָג־בוך פון אַ בעמישן יידן, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע פון האַמבורג קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1847. דאָס טאָג־בוך איז געשריבן אין דייטש. עס זיינען פאַראַן אין דעם דאָזיקן טאָג־בוך איינציקע יידישן מאָמענטן. מערסטנטייל האָבן זיי אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, ווי „מאַכן אַ מנין" אויף דער שיף, שמירת שבת, כשרות א. אַ. וו. קיין י י ד י ש ע ע מ י ־ ג ר אַ נ ט י ש ע פּסיכאָלאָגיע איז אין דעם טאָג־בוך ניטאָ.

דער פאַרשטאָרבענער ביבליאָטעקאַר ע. ק אָ ל מ אַ ן האָט פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפיע פון פ ר י ד ע נ ב ע ר ג ן, דעם סעקרעטאַר פון דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זייער אַ סך געשריבן וועגן דער גע־שיכטע פון יידן אין אַמעריקע.

דער זעלבער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכע, דעסקריפּטיווע רשימה פון ווערק אויף ענגליש (דראַמעס און ראָמאַנען) אין וועלכע די טיפּן זיינען גענומען פון „אמתע" פּאַסירונגען אָדער די כאַראַקטערס קאָפּירט פון לעבן. (ז. 227־280). דער שרייבער פון דער דאָזיקער רעצענזיע קען בשום אופן ניט זען די נוצלעכקייט פון אַזאַ אַרבעט, וואָס געהערט גיכער צו דער קאַטעגאָריע פון רכילות, איידער צו פאָרשונג.

עס מוז האַלטן זייער שמאָל מיט פאָרשונגען פון דער אַמעריקאַנער־יידישער געשיכטע, אויב דאָס איז אַ טעמע, וועלכער מען גיט אָפּ איבער 50 זייטן!

עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר קלענערע אַרבעטן פון ש א ו ל ג י נ ז ב ו ר ג, ק אָ ר ן, ר י ב ק י נ ד א״א. פון זיי איז דער אַרטיקל פון א י ז י ד אָ ר מ י י ע ר וועגן דעם לימוד פון העברעאיש אין ה אַ ר ו ואַ ר ד דער אינטע־רעסאַנטסטער, ווען אַפילו געבויט אויף גערדרוקטע מאַטעריאַלן.

דער באַנד שליסט זיך מיט אַ ריי קלענערע נאָטיצן און נעקראָלאָגן.

אין סך־הכל קען מען זאָגן אַז דער אַנטיקוואַרער כאַראַקטער פון די אַרבעטן וועגן איבער די היסטאָרישע אַרבעטן. שולדיק איז אין דעם די צופעליקייט פון די אַרבעט און דאָס באַגרענעצן די טעמאַטיק. דאָס וואָס איז לעבעדיק אין אַמעריקאַנער יידנטום און האָט שוין איר געשיכטע איז זייער ווינציק פאַרטראָטן אין די שריפטן פון דער אַמע־ריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט.

י. ש.

Major Noah: American-Jewish Pioneer. By Isaac Goldberg. Philadelphia. The Jewish Publication Society of America, 1936. 316 pp.

דאָס דאָזיקע בוך פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם ענגליש־יידישן שריפטשטעלער א י י ז י ק ג אָ ל ד ב ע ר ג (1888—1938) איז דאָס בעסטע, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן דער קאָלירפולער פערזענלעכקייט פון מ ר ד כ י ע מ נ ו א ל נ ח (1785—1851). קודם כל האָט דער מחבר געהאַט אין זיין רשות אַ גרופּע פאַמיליען־בריוו, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין געבן אַ לעבעדיקע שילדערונג פון דער משפּחה־סביבה. צווייטנס האָט ג אָ ל ד ב ע ר ג באַאַרבעט די געדרוקטע ליטעראַטור אַ סך אויספירלעכער, ווי עס האָט געטאָן מ ר ד כ י ר י י ז י ן , דער מחבר פון דער העברעאישער מאָנאָגראַפיע וועגן נחן (1905).

דער ריין מענטשלעכער עלעמענט פון דער ביאָגראַפישער קאַנווע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן זייער לעבעדיק, אָפט מאָל אַפילו מיט אַ כמעט אַ בעלעטריסטישער פרישקייט. די סאָציאַלע אַטמאָספערע אָבער, ד״ה די באַדינגונגען אין וועלכע אַזאַ טיפּ, ווי נח, אַ דיפּלאָמאַט, אַ פּיעסן־שרייבער, רעדאַקטאָר, פּאָליטישן און טעריטאָריאַליסטישער אוטאָפּיסט איז אויסגעוואַקסן — איז ניט שטאַרק באַטאָנט געוואָרן.

נאָך אַלעמען, מיט דער גאַנצער סימפּאַטיע, וואָס דער מחבר ווייזט אַרויס צו זיין באַליבטן „ביאָגראַפישן העלד" — איז ער ניט בכוח צו געבן אַ פּסיכיש בילד, ווייל די סטאַנדאַרטן לויט וועלכע ער מעסט מענטשן זיינען דעם לייענער ניט קלאָר.

גאָלדבערג קומט צום אויספיר אַז נח האָט זיך אויסגעצייכנט מיט „כיטרעקייט, אַז ער איז געווען אַ פּאָליטישער אָפּאָרטוניסט" און אַז אין זשורנאַליזם האָט ער אָפּערירט מיט „פּאַרטיזאַנישע מעטאָדן" — שטריכן, וואָס מען געפינט ביי אַ סך געזעלשאַפטלעכע מענטשן פון זיין תקופה. עס איז גענוג צו לייענען פּ אַ ר י נ ג ט אָ נ ס (Parington) קלאַסיש ווערק וועגן די הויפּט־ריכטונגען אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, כדי זיך אין דעם איבערצוצייגן.

דער אויספיר בנוגע נחס פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען „מחוץ דעם קרייז פון העלדישקייט, דאָך צייטנווייז האָט זי זיך גוט אַריינגעפּאַסט אין קרייז פון עקסצענט־ריטעט" — איז ביז גאָר אַ טרעפלעכער.

בכלל זיינען אין דער דאָזיקער ביאָגראַפיע ריכטיק אַרויסגעבראַכט געוואָרן די סתירות אין כאַראַקטער פון מרדכי נח: זיין טעאַרעטישער דעמאָקראַטיזם, וואָס האָט אים ניט געשטערט צו זיין זייער רעאַקציאָנער אין דער נעגער־פראַגע. זיין קאָנצעפּציע פון יידישער נאַציע איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט געדאַנקען, וואָס דריקן אויס אַסימילאַציע (אינטערעסאַנטע ציטאַטן אויף זייט 262), אייניקע עפּיזאָדן, באַזונדערס די, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין יידישער טעטיקייט, ווי די „אררט"־געשיכטע, זיינען ניט אויספירלעך געשילדערט געוואָרן, פּשוט צוליב דעם, וואָס דער מחבר האָט פאַרזען די ליטעראַטור וועגן דעם ענין.

פאַר דעם ענין איז זייער וויכטיק דער בריוו פון ע מ נ ו א ל ו ו אָ ל ו ו י ל צו צ ו נ צ ן (21טן דעצ. 1825), וואָס איז געדרוקט אין Z. f. G. d. J. in D. V, 265 און צונצעס זייער אַן אינטערעסאַנטער בריוו צו מ אַ נ ה י י מ ע ר (פון 27טן יאַנואַר 1826), געדרוקט אין M. G. W. J., 1917, 295.

די עלטסטע ידיעה אין אייראָפּע וועגן נחן געפינען מיר אין דעם ביכל אַז Der Freimuethige fuer Deutschland von J. D. Symanski (1820)

דער אינטערעסאַנטער פאַקט וועגן נחס אָנטיילנעמען אין אַ הילפס־אַקציע לטובת דער פוילישער רעוואָלוציע פון 1831 ווערט אַרויסגעבראַכט אין די מאַטעריאַלן פון פילאַ־דעלפיער טעאַטער. דעם 13טן אָקטאָבער 1831 האָט נח אַראַנזשירט אַ טעאַטער־בענעפיט לטובת פוילן. (James R. D. Old Drury of Philadelphia, 1932, 490, 495)

וועגן נחס מיטגלידערשאַפט אין אַמעריקאַנער פוילישן קאָמיטעט זע: „ייווא־בלעטער", 4, (1932), 408. דאָרטן איז אָנגעגעבן די ליטעראַטור צום ענין: נח און די מאַראָקאַנער פראַגע איז כדאי אָנצואווייזן אויף דעם אַרטיקל פון ש. ווינער און „אַלגע־מיינע צייטונג דעס יודענטומס", 1908, 594־595.

מרדכי עמנואל נח איז אויך געווען זייער פּאָפּולער אין מזרח־איירופּע. אין דער יידישער ליטעראַטור ווערט זיין ביאָגראַפיע אָנגעגעבן אין בוכ־בינדערס „דער קליין כלבוניק", וואַרשע, 1880, 59 און אין שמרס „דער מענשנפריינד", 1890, 692־694.

נחס טעטיקייט אין שייכות מיט דער דמשק־אַפערע (1840) פאַרדינט אַן אויספירלעכע באַהאַנדלונג איבער דעם גאַנצן יידישן קאָמפּלעקס, וואָס דער דאָזיקער בלוט־בילבול האָט אַרויסגערופן אין יידנטום פון מערב־איירופּע.

די מאַטעריאַלן, וואָס גאָלדבערג ברענגט וועגן דעם ענין זיינען זייער וויכטיק, ווי אַ באַזע פאַר אַ ווייטערדיקער פאָרשונג־אַרבעט.

אין סך הכל: אַ ליבע, ציכטיק געשריבענע, מער פּאָפּולערע, ווי וויסנשאַפטלעכע ביאָגראַפיע. דאָס בעסטע וואָס איז וועגן דעם דאָזיקן מערקווערדיקן מענטשן געשריבן געוואָרן.

י. ש.

Samuel P. Abelow. History of Brooklyn Jewry. Brooklyn, 1938. 344 pp.

דאָס דאָזיקע בוך איז אַ מוסטער פון רעקלאַמע־ליטעראַטור, וואָס אונטער דער מאַסקע פון געשיכטע האָט לעצטנס אָנגעהויבן צו פאַרפלייצן דעם ביכער־מאַרק. שוין די ערשטע אַריינפיר־ווערטער זיינען געגנוג אויף צו כאַראַקטעריזירן דאָס דאָזיקע „ווערק".

„די יידן — שרייבט דער „מחבר" — זיינען געקומען קיין ברוקלין אַסימילירן אַמע־ריקאַנער אידעאַלן און ביישטייערן יידישע (Hebrew) אידעאַלן צום אַמעריקאַנער לעבן".

אויב דאָס דאָזיקע בוך איז אַ מוסטער פון די אידעאַלן, זיינען זיי ניט קיין הויכע, ווייטער גייט אַ רשימה פון „פּאַטראָנען", ד"ה געקויפטן כבוד. די ביאָגראַפיעס פון יחידים זיינען אויך פון דעם זעלבן מין. די געשיכטעס פון שולן און בתי־מדרשים זיינען דער הויפּט־צענטער פון דעם בוך.

זייער קאָמיש איז די אָפּטיילונג „ברוקלינער ליטעראַטן", ד"ה פון מענטשן, וואָס שרייבן, אָבער האָבן קיין שום שייכות ניט מיט ליטעראַטור. קיין יידישע שרייבער ווערן ניט דערמאָנט.

די ביבליאָגראַפישע אינפאָרמאַציע איז זייער אַ קלאָגעדיקע. — למשל פינקל־שטיינס בוך ווערט אָנגערופן: Jewish Commonwealth in the Middle Ages און אַז עס איז געשריבן (ז. 167) אויף ענגליש און העברעאיש (?).

די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער נאָטיץ איז פשוט מזהיר זיין דעם עולם אַז די 344 געדרוקטע זייטן פון הער אַבעלאָוו מיט „פּיקטשעס" און אַנדערע רע־קלאַמעס — האָבן גאָר קיין שייכות ניט מיט דער געשיכטע פון ברוקלינער יידן.

י. ש.

יידישע פאַמיליעס און פאַמיליע־קרייזן פון ניו יאָרק פון דער יידישער שרייבער־גרופּע אויפן פעדע־ראַלן שרייבער פּראָיעקט, אַרויסגעגעבן פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, ניו יאָרק 1939, 206 זייטן.

דער פאַמיליע־קרייז איז אַ נייער, אייגנאַרטיקער און וויניק־באַקאַנטער טיפּ פון אַ געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום איינגעזעסענע יידישע אימיגראַנטן און זייערע אַמעריקאַנער־געבאָרענע קינדער.

אין דער אַלטער היים פלעגן די „אַגודות אחים" און ענלעכע חברות ניט זעלטן צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון קרובים, גלידער פון גרויסע, פאַרצווייגטע משפחות. חוץ אַן אייגענעם מנין, מיט אייגענע ספרי־תורות, אַמאָל אויך שטיצע פאַר אַ געפאַלענעם קרוב אד"גל, האָבן אָבער יענע אָרגאַניזאַציעס קיין שום קהלשע ראָלע ניט געשפּילט. ערשט דאָ אין אַמעריקע, וואו די סביבה (ווי אין אַלע אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער) איז בכלל אָנ־געפּילט מיט מער רעספּעקט לגבי פאַמיליע־יחוס און גענעאַלאָגישע חקירות ווי אין קאָנ־טינענטאַל־אייראָפּע, איז די יידישע פאַמיליע־אָרגאַניזאַציע אויסגעוואַקסן אין איר פּרעסטיזש און איז היפּש פאַרשפּרייט אין ניו־יאָרק, און מסתמא אין אַנדערע יידישע שטעט. מ'דאַרף באַגריסן יעדער פּרואוו צו געבן ידיעות מכוח דער יידישער פאַמיליע בכלל און אויך וועגן אָט די נייע פאַמיליע־קרייזן.

פון די זיבן קאַפּיטלען אין בוך, גיבן זיך פיר אָפּ מיט די היסטאָרישע אומשטאַנדן, פּסיכאָלאָגישע סיבות און אַנדערע זייטן פון דער סביבה אין וועלכער די „קרייזן" זיינען אויפגעקומען, מיט איין וואָרט — מיטן הינטערגרונט פון אָט דער באַוועגונג. די נעמען פון אָט די פיר קאַפּיטלען זייגען: דער פונדאַמענט פון דער יידישער פאַמיליע, דער הינטערגרונט פון דער יידישער איינוואַנדערונג; משפחה־לעבן (אויפן סמך פון בעלעט־ריסטיק), און דער אַרט פון פאַמיליע־קרייזן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער רעדאַקטאָר, י. ראָנטש, דער איינציקער וואָס האָט מיט זיין נאָמען אונטערגעשריבן אָט די קאָלעקטיווע אַרבעט פון 19־20 מיטאַרבעטער, באַטאָנט, אַז קיין פאַקטישע מאַטע־ריאַלן זיינען ניט געווען און מ'האָט געמוזט אָפּטאָן אַ שטיק פּיאָנערן־אַרבעט. דאָס מעג זיין דער פולער אמת, אָבער דאָס איז אָבער ניט קיין אַנטשולדיקונג פאַרן הויפּט־חסרון פון אָט דעם ווערק: אין אים פעלט אַ פאַרטיפונג אין די באַהאַנדלטע ענינים, בעת די פון לאַנג און פאַר אַלע באַקאַנטע זייטן פון דער פראַגע זיינען אין בוך צעצויגן געוואָרן איבער יעדער מאָס. במילא, זיינען אַן אַ שיער וויכטיקע פּונקטן לחלוטין פאַרזען געוואָרן, בעת די איבעריקע זיינען זייער שוואַך באַלויכטן.

די איבעריקע דריי קאַפּיטלען באַהאַנדלען איין איינציקן קרייז, אַ געוויסן ביאַלאָ־סטאָקער „פּעם־פּליקער פאַמיליע־קרייז" (וואָס נעמט אַרום 70 משפחות פון בערך 400 מיטגלידער־יחידים), אַנאַליזירנדיק עטלעכע זייטן פון דעם קולטורעלן און סאָציאַלן מצב פון אָט דער גרויסער משפחה־געמיינשאַפט. מיר קריגן שטיקלעך און ברעקלעך פון סטאַטיסטישער אינפאָרמאַציע וועגן דעם מאַטעריעלן צושטאַנד, בילדונג, גייסטיקע אינטע־רעסן א. ד"גל.

הגם אַזאַ מעטאָד (צו אונטערזוכן איין אויסגעקליבענעם מוסטער ווי אַ רעפּרעזענטאַנץ פון אַ סך ענלעכע דערשיינונגען) איז אַ דערלאָזענער און ניט זעלטן באַנוצטער וועג פון סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, זיינען אָבער אין אָט דעם פאַל באַגאַנגען געוואָרן אַ סך גרויסע פעלערן ביים צוזאַמענקלייבן און באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל, שוין ניט צו רעדן וועגן דער אומקלאָרער פאָרם ביים פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן. די טאַבעלע

אויף זייט 112 פון די 112 פאַמיליע־קרייזן — פון זיי 97 מיט 7952 מיטגלידער, וואָס פון זיי זיינען 52 פּראָצענט אַמעריקאַנער־געבאָרענע — אָט די איין איינציקע טאַ־בעלע אין בוך איז ניט־פאַכמעסיק און ניט־געלונגען אויפגעבויט געוואָרן. ווידער, איז אַן אומגעהייערער פאַרזען ניט צו באַטאָנען וויפיל יוגנטלעכע זיינען בכלל געווען אין קרייז, בעת מ׳שרייבט, אַז 25 פון זיי האָבן געענטפערט אויף אַן אַנקעטע מכוח דער עקאָנאָמישער לאַגע, בילדונג אאַ״וו. מיר ווייסן ניט, בכן, צי די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע זיינען אַן אויספאָרשונג פון דעם ריכטיקן דורכשניט, פשוט ווייל מיר ווייסן ניט ווי גרויס איז געווען די צאָל פון יענע יונגע מענער און פרויען וואָס האָבן אויף דעם פרעג־בויגן לגמרי ניט געענטפערט. אגב, וואָלט מען דעם טעקסט פון פרעג־בויגן געדאַרפט אין בוך אָפּדרוקן ווי ער שטייט און גייט.

אין קאַפּיטל „לעבנס־געשיכטעס (דריי דורות) ווערט צווישן אַנדערע געבראַכט אַ פולע ביאָגראַפיע פון אַ יונגען מיטגליד פון קרייז, אַ „פּאָליסמאַן״. איז דאָס טאַקע אַ רעפּרעזענטאַטיווע יידישע־פרנסה? פאַר וואָס האָט מען ניט געהאַלטן פאַר נייטיק צו ברענגען די לעבנס־געשיכטעס פון אַ פּאָר פּאַרטרעטער פון דווקא די כאַראַקטעריסטישע פרנסות פון יונגן יידישן דור מענער און פרויען, אָט אַזוי ווי די באַשעפטיקונגען ווערן אויסגערעכנט אויף די ז״ז 66 און 67? נעמט מען נאָך דערצו אַ „פּאָליסמאַן״ מיט אַ הויכן גראַד פון אַנטוויקלונג, מיט אַן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור — איז דאָס אַ טאָפּעלער אויסנעם, גוט אפשר פאַר אַן אָביעקט פון אַ ליטעראַרישער סקיצע, אָבער ניט ווי אַן איינצל־מוסטער פון אַ גרויסער סאָציאַלער גרופּע, — ווייל „נייטען פון בראַנזוויל״ איז אַן אויסנעם אַפילו צווישן די יידישע „קאַפּס״ פון ניו־יאָרק. געוויס זיינען די יידישע „פּאָליסלייט״ ניט די סאַמע כאַראַקטעריסטישע יידישע יונגע לייט אין ניו־יאָרק, מעגן אַפילו די אירלענדישע פּאָליסלייט אָדער פייער־לייט דאָ אין ניו־יאָרק יאָ זיין כאַ־ראַקטעריסטישע פּאַרטרעטערס פון זייער נאַציאָנאַלער גרופּע... און אַזאַ „נייטען פון ברוקלין״ וואָס קען און האָט ליב מאַמע־לשון איז אַוודאי אַן אויסנעם.

דער קאַפּיטל „עקאָנאָמישער מצב פון פאַמיליען־קרייז״ דערציילט עפּעס וואָס מכוח דעם מאַטעריעלן צושטאַנד פון די מיטגלידער פון קרייז, אָבער די טעמע איז דאָך אַן אַנדערע — ווי איז דער מצב פון ק ר י י ז גופא? וואָס פאַר אַ סומע געלט האָט ער אויסגעגעבן, אויף צדקה און אַנדערע באַדערפענישן? פון וואַנען נעמט זיך זיין הכנסה? ווי אַזוי האָט זיך דער עקאָנאָמישער מצב געביטן זינט דער קרייז איז אין 1928 געקומען אויף דער ליכטיקער וועלט?!

די אויפמערקזאַמקייט פון דער שרייבער־גרופּע צום דאָזיקן פאַמיליע־קרייז איז גע־צויגן געוואָרן דורך אַ יובליי־זשורנאַל, וואָס איז אין 1938 דערשינען (פאַרגלייך „די יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק״, ז. 20) און וואָס האָט באַקומען אַ לויב פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר, י. ראָנטש, פון די צוויי פּובליקאַציעס פון דער יידישער שרייבער־גרופּע אויפן פעדעראַלן פּראָיעקט. ס׳איז אָבער געווען אַ גרויסער פעלער און פאַרזען זיך צו באַוועגן בלויז מיט א י י ן א י י נ צ י ק ן קרייז ווי אַן אונטערזוכונגס־אָביעקט. וואָלטן גענומען געוואָרן עטלעכע, אָדער כאָטש צוויי, פאַמיליע־קרייזן פון באַזונדערע טיפּן, ווי עלטערע־יינגערע, פון פאַרשיידענע אָפּשטאַם־לענדער אאַ״וו, דאַן וואָלטן זיך געלאָזט די אויסגעפונענע פאַקטן און ציפערן פאַרגלייכן צווישן זיך, און די אויספירן פון אַזאַ מעטאָד וואָלטן געווען באַלערנדיקע, און וואָלטן נאָך סטימולירט צו ווייטערדיקע פאָרשונגען.

כדאי איז צו לייגן אַכט אויף אַזאַ פאַקט. די „דירעקטאָרי״ אין דעם יובליי־זשורנאַל פון דעם אויסגעפאָרשטן פאַמיליע־קרייז ווייזט, אַז 75 פּראָצענט פון די 68 משפחות, וואָס האָבן אין יענעם יאָר (1938) געהערט צו דעם דאָזיקן פאַריין, האָבן געוואוינט אין ברוקלין. ס׳וואָלט זיך געלוינט אויסצופאָרשן די פּראַגע, צי איז ניט דער קאָנצענטרירטער

יידישער ישוב אין ברוקלין, ווי דער הויפּט־צענטער פון די צוויי מיליאָן יידן אין און אַרום ניו־יאָרק, געווען אַ גרויסע סגולה, אַ באַגינסטיקנדיקער אומשטאַנד, פאַרן אויפקום פון די דאָזיקע קרייזן ? און אפשר פאַרקערט ; דווקא די גרויסע צעוואָרפנקייט און אָפּגעריסנקייט פון די ווייטע און נאָנטע פאַמיליע־מיטגלידער וואָס לעבן אַלע אין גע־וואַלדיקן כרך־גדול ניו־יאָרק, קען זיין, האָט זיי געצוואונגען זיך צוזאַמענצוקומען, פון צייט צו צייט, כאָטש אויף אָט אַזאַ קינסטלעכן, מעכאַניש־באַשאַפענעם אופן ווי אַ „פאַ־מיליע־קרייז". אָט דאָס איז איין ביישפּיל פון די ניט־פאַרענטפערטע וויכטיקע פראַגעס, וואָס בלייבן אין מוח נאָך דעם ווי מ'האָט דאָס בוך דורכגעלייענט פון טאָוול ביז טאָוול.

ה. פּ.

פאָרמולאַרן וועגן דער „לובלינער רעזערוואַציע"

די וויטערדיקע דאָקומענטן האָבן צו טאָן מיט דער „לובלינער רעזער־וואַציע", די רעזערוואַציע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דער דייטשישער מאַכט, דאַרף לויט די ביז אַהעריקע ידיעות אַריינגעמען יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און דעם פּראָטעקטאָראַט. מיר גיבן דאָ איבער די אָפיציעלע פאָרמולאַרן פון דער ווינער קהלה, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם ענין. מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז די קהלה איז דאָ נאָר אַן עקזעקוטיווער אָרגאַן פון דער דייטשישער מלוכה, וואָס מוז אַלץ אויספירן לויט דער אָנווייזונג פון דער דייטשישער פּאָליציי. אַזוי אַרום זיינען אָט־די פאָרמולאַרן אין דער אמתן דער אָפיציעלער קוק פון דער דייטשישער פּאָליציי אויף דעם גאַנצן ענין רעזערוואַציע פון יידן אין לובלין.

פאַר די עסטרייכישע יידן הייבט זיך די נייע גזירה אָן אין אָקטאָבער 1939. די ווינער קהלה קריגט אַ באַפעל יעדער וואָך צוצושטעלן טויזנט יידן פאַר דער רעזערוואַציע. די קהלה פּרוּווט דאָס קודם כל אויסצופירן מיט אַזוינע יידן, וואָס מעלדן זיך פרייוויליק. וויטער אָבער רעגיסטרירט זי אַלע ווינער יידן און קלייבט אויס פאַר דעם טראַנספּאָרט אין דער ערשטער ריי אַזוינע, וואָס לעבן פון שטיצע און זיינען אָפּהענגיק פון דער קהלה.

פאָרמולאַר נומער 1 : איז אַ רעגיסטראַציע־בויגן.

פאָרמולאַר נומער 2 : דאָס „מערקבלאַט" גיט אַן אַלגעמיינע אינסטרוקציע וועגן דעם אַריבערפירן מענטשן און זאַכן אין דער רעזערוואַציע.

פאָרמולאַר נומער 3 : גיט זיך אין גאַנצן אָפּ מיט די משפחות פון די אַרויסגעפאָרענע, וואָס דאַרפן לויט דער אָנווייזונג פון דער פּאָליציי מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אויך אַרויספאָרן אין דער רעזערוואַציע.

פאָרמולאַר נומער 4 : איז דער נוסח פון אַ בריוו צו אַלע די יידן, וואָס זיינען ניט אַרויסגעפאָרן, כאָטש די פּאָליציי האָט זיי געהייסן, און דאָרט רעדט זיך וועגן דער שווערער שטראָף וואָס קען קומען פאַר ניט אויספאָלגן דעם באַפעל.

ווי מיר דערוויסן זיך, איז די צאָל טויזנט, וואָס מען האָט געדאַרפט אַרויסשיקן יעדער וואָך, קיינמאָל נישט דערגרייכט געוואָרן. אין גאַנצן חודש אָקטאָבער זיינען נאָר 1672 ווינער יידן אַריין אין דער רעזערוואַציע.

ר. ג.

פ אַ ר מ ו ל אַ ר .1

DEUTLICH UND LESERLICH SCHREIBEN

No.

Zuname in Blockbuchstaben Vorname in Blockbuchstaben

Adresse

geboren am in (Land) zuständig: (Land)

Ledig, verh., verw., getrennt, gesch.

In Wien befindliche Familienangehörige, für welche Sie zu sorgen haben:

Verwandtschaft	Zu-u.Vorname	Geb.Jahr u.Tag	Adresse

Beruf umgeschult auf

Vorhandene Werkzeuge

Stehen Sie derzeit in Arbeit? ja nein bei

Haben Sie einen Ruhegenuss? Wenn ja von als

Ausreise wohin wann (genaues Datum)

Sind Sie Hauptmieter? Ja nein

Sind Sie reisefähig? Ja nein (warum)

Besitzen Sie einen gültigen Reisepass? ja nein eingereicht

Besitzen Sie eine gültige Steuerunbedenklichkeit ja nein eing.

Stehen Sie in Fürsorge der Kultusgemeinde? ja nein

Leben Sie von eigenen Mitteln? ja nein

Besondere Bemerkungen:

Eingeteilt zum Transport Nr.

am

Unterschrift.

פאָרמולאַר 2.

Merkblatt

für die Umsiedlungsaktion der in Wien wohnenden Juden in polnisches Gebiet.

Es wird die Beachtung folgender Richtlinien dringend empfohlen:

1. Jedem Transportteilnehmer ist die Mitnahme von Reisegepäck bis zum Höchstgewicht von 50 kg gestattet. Bei der Auswahl des Gepäcks muss darauf Rücksicht genommen werden, dass es nur im Waggon selbst oberhalb des Sitzplatzes untergebracht werden kann. Das Gepäck darf nicht zu umfangreich sein, doch kann nach Massgabe des vorhandenen Raumes im separat mitgehenden Gepäckswagen eine Anzahl von Koffern oder grösseren Gepäcksstücken untergebracht werden. Alle Gepäcksstücke müssen in Oelfarbe oder auf gut fixiertem Adresszettel den Namen des Teilnehmers tragen.
2. Zum Berufe erforderliche Werkzeuge und Maschinen können, wenn sie nicht allzugrossen Umfang haben, nach Massgabe des zur Verfügung stehenden Raumes im mitgeführten Gepäckswagen mitgenommen werden.
3. Es wird empfohlen, nach Möglichkeit folgende Gegenstände mitzunehmen:

2 warme Anzüge od.Kleider	1 Spiritus-od Petroleumkocher
1 Wintermantel	Menageschale und Trinkbecher
1 Regenmantel	Essbesteck
2 Paar hohe Schuhe	Taschenmesser u. Schere
2 Garnituren warme Wäsche	Wasch-u. Rasierzeug
Shawl	Taschenlampen u. Reservebatterie
Ohrenschützer	Kerzen u. Feuerzeug
Kappe und Hut	Nähzeug
Handschuhe, womögl.Fäustlinge	Hirschtalg
Taschentücher	Rucksack
Handtücher	Feldflasche (Thermosflasche)
Fusslappen	
Arbeitsanzug	

Reiseproviant und Verpfelgung nach Möglichkeit (unverderbliche Lebensmittel).
4. Jeder Reiseteilnehmer darf einen Geldbetrag bis höchstens 300 RM (dreihundert) mitnehmen.
5. Eine Ausschaltung aus dem behördlicherseits angeordneten Transport ist nur möglich, wenn
a) die betreffende Person unmittelbar vor einer Ausreise in ein anderes Einwanderungsland steht; beabsichtigt die Person, von diesem Ausschaltungsgrund Gebrauch zu machen, so muss sie durch Vorlage entsprechender Dokumente zweifelsfrei nachweisen, dass ihre Angaben hinsichtlich der Einreise vollkommen den Tatsachen entsprechen. Die blosse Aussicht auf eine später erfolgende Einreise genügt nicht. Es muss vielmehr der Zeitpunkt der Einreise schon ungefähr angegeben werden können.
b) ein weiterer Befreiungsgrund von der Teilnahme am Transport liegt dann vor, wenn die betreffende Person transportunfähig ist. Diese Tatsache muss durch ein amtsärztliches Zeugnis festgestellt werden.
c) bis auf weiteres sind Invalide von der Einteilung in die Transporte ausgenommen, es muss jedoch die Invalidität in zweifelsfreier Weise festgestellt werden.
d) Personen, welche die vermögensrechtliche Ordnung ihrer Angelegenheiten noch nicht endgültig durchgeführt haben, können nicht am Transport teilnehmen.
6. Die Lebensmittelkarten, die bis zum Tage der Abreise und für die Anschaffung des Reiseproviantes verwendet werden können, sind zusammen mit den Bezugscheinen zur Gänze und zwar dem Waggonleiter vor Besteigen des Zuges abzugeben.
7. Die polizeiliche Abmeldung ist von dem Angehörigen oder von einem Bevollmächtigten am Tage der Abreise durchzuführen.

Wien, am 23. Okt. 1939.

פאָרמולאַר 3.

Wien, am 23. Oktober 1939.

Ueber Weisung der Behörde wurden die Familienangehörigen derjenigen Männer, welche am 20.d.M. mit dem Transporte nach Polen abgingen oder Donnerstag, den 23.d.M. dorthin abgehen werden, zur Umsiedlung nach Polen bestimmt und haben mit dem am Samstag, den 28.d.M. abgehenden Transport abzureisen.

In Betracht kommen männliche und weibliche Familienmitglieder, die das 15. Lebensjahr überschritten haben.

Sie werden ersucht, einen informierten Vertreter oder eine Vertreterin Ihrer Familie

am 25. Okt. 1939 9 Uhr

in den ehemaligen Tempelraum, I., Seitenstettengasse 4, zu entsenden.

Mitzubringen sind:

1. Für jede der für diesen Transport in Betracht kommende Person einen der beiliegenden, in allen Rubriken genau und wahrheitsgemäss ausgefüllten Fragebogen. Sollten die beigelegten Fragebogen nicht ausreichen, sind solche Formulare vorher im Kultusgemeinde-Gebäude zu beziehen,

2. zwei Passbilder jedes in Betracht kommenden Familienmitgliedes.

Wir sind bemüssigt, darauf aufmerksam zu machen, dass Sie verpflichtet sind, dieser von der Behörde angeordneten Vorladung unbedingt Folge zu leisten, widrigenfalls Sie sich alle daraus entstehenden Folgen selbst zuzuschreiben hätten.

Die Israel. Kultusgemeinde Wien, die diese Aktion durchzuführen hat, wird selbstverständlich nach Kräften bemüht sein, die damit unvermeidlich verbundenen Schwierigkeiten nach Möglichkeit zu erleichtern. Es liegt im eigensten Interesse eines jeden Einzelnen, die Kultusgemeinde in der Erfüllung ihrer schweren und verantwortungsvollen Aufgabe zu unterstützen.

Israelitische Kultusgemeinde
Wien

פאָרמולאַר 4.

Wien, den 21.Okt.1939.

Herrn

Ungeachtet Ihrer erfolgten Einteilung für den F r e i t a g den 2o.Oktober 1939 abgegangenen Transport nach Polen sind Sie nicht erschienen.

Im Auftrage der Behörde werden Sie hiemit aufgefordert, H e u t e, zwischen 3 - 6 Uhr nachmittags zuverlassig in der Israel. Kultusgemeinde, Zimmer 20a zu erscheinen und die Gründe Ihres Fernbleibens bekannt zu geben.

Wir müssen Sie aufmerksam machen, dass im Falle Ihres Nichterscheinens für Sie schwerwiegende Folgen entstehen würden.

Im Auftrage:

Israel.Kultusgemeinde Wien.

נעקראָלאָגן

משה גאַסטער

משה גאַסטער איז געבוירן געוואָרן דעם 17טן סעפּטעמבער 1856 אין בוקאַרעסט, רומעניע, ביי א רייכער מיוחסדיקער משפחה.

אין יאָר 1883, אין עלטער פון 27 יאָר האָט גאַסטער אַרויסגעגעבן איינס פון זיינע מאָנומענטאַלע און פונדאַמענטאַלע ווערק פון דער רומענישער פאָל־קלאָריסטיק אונטערן טיטול Literatura Populara Romana (רומענישע פאָלקס־ליטעראַטור).

וועגן דעם דאָזיקן ווערך זאָגט נ י ק אָ ל אַ י ק א ר ט אָ ז ש אַ ן, פּראָפעסאָר פאַר רומענישער שפּראַך און ליטעראַטור ביים בוקאַרעשטער אוני־ווערסיטעט און מיטגליד פון דער רומענישער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפט, אַז עס נעמט אַרום מיט אַ זעלטענער פאַר יענער צייט ערודיציע, דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פונעם געשריבענעם וואָרט, פון די אַפּאָקריפע לעגענדעס ביז צו די פאָלקס־מעשיות, פון דער גנאָסטישער ליטעראַטור ביז צו מעדיצינישע עצות, פון די לעבנסבאַשרייבונגען פון הייליקע ביז צו ווייַנאַכט־לידער און מעשיות וועגן מכשפות.

גאַסטער איז אין דעם ווערק געווען ניט נאָר דער ערשטער וויסנשאַפט־לעכער אַרויסגעבער פונעם געשריבענעם רומענישן פאָלקלאָר, נאָר ער האָט אויך דער ערשטער צונויפגעטראָגן דעם מאַטעריאַל. די יונגע רומענישע ביבליאָטעקן האָבן צו יענער צייט ניט פאַרמאָגט נאָך קיין קאָלעקציעס פון מאַנוסקריפּטן און גאַסטער האָט, ווי ער דערציילט אַליין, געזאַמלט פון פּריי־וואַטע ביבליאָטעקן בלעטל נאָך בלעטל:

„כ'האָב געזאַמלט בלעטל צו בלעטל און האָב געוואָרט אַז דער ווינט פון גורל זאָל מיר ברענגען אַלע מאָל אַן אַנדער בלעטל, כדי איך זאָל קענען אויפשטעלן דעם אומשטערבלעכן מאָנומענט פונעם רומענישן פאָלקלאָר, איבער וועלכן עס שוועבט די געטלעכע מאַיעסטעט אַליין".

אַזוי רעדט ניט נאָר די שטורעמדיקע וויסנשאַפטלעכע נייגיריקייט פון אַ גרויסן געלערנטן, נייערט אויך דאָס „קראַנקע האַרץ" פון אַ ראָמאַנטיש פאַרליבטן.

און דער לוין?

אין יאָר 1884 האָט דער יונגער גאַסטער געהאַלטן אַ לעקציע פאַר דער קעניגלעך־געאָגראַפישער געזעלשאַפט אין בוקאַרעשט. קעניג קאַראָל דער ערשטער איז געווען דער פאָרזיצער. אַנוועזנד איז צווישן אַנדערע „גדולים" געווען דער דעמאָלט מעכטיקער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער מיניסטער און אָפיציעלער געלערנטער ד י מ י ט ר י ע ס ט ו ר ד ז אַ. גאַס־

טערס פּאָרטראַג וועגן דער נאָמענקלאַטור פון שטעט און שטעטלעך אין רומענישן דיסטריקט וועלטשעאַ איז סטורדזאַן ניט געווען צום האַרצן. די וויסנשאַפטלעכע אויספירן פון דער פּאָרלעזונג האָבן פּאַרוואונדעט דעם געגערנטן מיניסטערס נאַציאָנאַליזם, פּאַר וועלכן די וויסנשאַפט האָט עקזיסטירט נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי קען אין אַלעמען, איבעראַל און תמיד באַווייזן דעם נאָבעלן דאַקאָ־ראָמאַנישן אָפּשטאַם פונעם רומענישן פאָלק.

אַ יאָר שפּעטער האָט זיך סטורדזאַס טינא בלבל אויסגעלאָדן אין אַ אַרויסשיקונגס־דעקרעט פאַרן יידישן וויסנשאַפטלער. ד"ר גאַסטער האָט דעם 16טן אָקטאָבער 1885 פאַרלאָזן רומעניע ווי אַ „ניט־געוואונשענער פרעמדער", וואָס וואַגט זיך צו מישן אין די ענינים פון דער רומענישער מלוכה. זיין וואַגעניש איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער איז פּובליציסטיש אַרויסגעטראָטן לטובת יידישע בירגער־רעכט און אַקעגן אַנטי־יידישע שיקאַנעס מצד דער מלוכה־פּאַרוואַלטונג. אין יאָר 1888 האָט דער קאָנסערוואַטיווער קאַבינעט, וואָס האָט סוף כל סוף פאַרביטן די צוועלף־יעריקע רעגירונג פונעם מעכטיקן בראַטיאַנו, בטל געמאַכט דעם אַרויסשיקונגס־דעקרעט, אָבער גאַסטער איז שוין געבליבן אַ לאָנדאָנער תושב ביז צום סוף פון זיין לאַנגן און פרוכטבאַרן לעבן.

גאַסטער איז געווען זייער פרוכטבאַר. אין דער ביאָגראַפּיע וואָס ברונאָ שינדלער האָט אויפגעשטעלט פון גאַסטערס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און פּובליציסטישע אַרטיקלען קאָן מען זען אַז פון די 272 נומערן איז אַ פערטל געווידמעט דער רומענישער וויסנשאַפט אָדער איז לכל הפּחות געשריבן געוואָרן אין רומעניש.

רעזומירנדיק גאַסטערס פאַרדינסטן אויפן געביט פון רומענישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט זאָגן מיר:

ד"ר גאַסטער האָט אַרויסגעפירט די רומענישע שפּראַך־און פאָלקלאָר־פאָרשונג פון אירע פראַגמענטאַרישע אָנהויבן און זי דערהויבן צו סאָלידער וויסנשאַפטלעכער אויספירלעכקייט. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער פאָלקלאָר־פאָרשונג ניט נאָר זיין טיפן קריטישן גייסט, נאָר האָט אויך צוגעשטעלט פאַר איר דעם מאַטעריאַל. גאַסטער איז דער ערשטער, וואָס האָט די יונגע רומענישע שפּראַך־און ליטעראַטור־וויסנשאַפט אַריבערגעפירט די נאַציאָנאַלע גרענעצן און זי, אַזוי צו זאָגן, געמאַכט אייראָפּע־פייאיק.

מיט רעכט ווידמעט ברונאָ שינדלער די יובל־שריפט אין דער ערשטער ריי גאַסטערן Studiorum Dacorum Principi ווייל גאַסטער, דער וועלט־באַרימטער געלערנטער, איז פאַר אַלעמען געווען דער פירשט פון דער רומענישער ליטעראַטור־און פאָלקלאָר־פאָרשונג.

די וויסנשאַפטלעכע גלאָריע פונעם רב פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזישער קהלה אין לאָנדאָן האָט סוף כל סוף פאַרשעמט די רומענישע רעגירערס. זיי האָבן חרטה באַקומען אויף זייער אַרויסשיקונגס־דעקרעט. דער קעניג קאַראָל דער ערשטער און זיין נאָכפאָלגער פערדינאַנד האָבן גאַסטערן עטלעכע מאָל

דעקאָרירט מיט די העכסטע רומענישע אָרדנס. די רומענישע אַקאַדעמיע פֿאַר וויסנשאַפֿט האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר איר ערן־מיטגליד. דער אינ־סטיטוט פֿאַר געשיכטע פֿון דרום־מזרח־אייראָפּע, אָנגעפֿירט פֿון פּראָפֿעסאָר נ י ק אָ ל אַ י ־ י אָ ר ג אַ האָט אין יאָר 1921 פֿאַרבעטן גאַסטערן פֿאַר אַ לעקציע־טור ביי די רומענישע אוניווערסיטעטן. גאַסטער איז געווען דער גאַסט פֿון דער רעגירונג און זיין רייזע איבערן לאַנד אַן אָפֿיציעל אָרגאַ־ניזירטער „ככה יעשה לאיש״־טריומף.

די יידישע מאַסן אין רומעניע האָבן אָבער פֿון דעם טריומף ווייניק הנאה געהאַט. אפשר אויס פֿאַרשטענדלעכער דאַנקבאַרקייט פֿאַר אַזוי פֿיל כבוד, אָדער גאָר צוליב דער לייכטגלויביקייט מיט וועלכער ער האָט זיך צו־געהערט צו דער אָפֿיציעלער אינפֿאָרמאַציע, אָדער צוליבביידע טעמים אינאיינעם, האָט גאַסטער אויף זיך גענומען די באמת אומדאַנקבאַרע ראָלע פֿון צו זיין אַן עדות פֿאַר דער וועלט, אַז די יידן אין רומעניע גייט שוין איצט גוט, וואָס גוט הייסט. עס איז זיכער געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס די רומענישע יידן האָבן אַטאַקירט זייער גרויסן געלערנטן, אָנשטאָט מיט אים ווי געווײנטלעך זיך גרויסן.

מ׳האָט זיך מיט רעכט געחידושט איבער דעם דאָזיקן אומאָנגענעמען עפּיזאָד אין גאַסטערס ביאָגראַפֿיע, וואָרעם גאַסטער איז אַלע זיינע יאָרן געווען ניט נאָר דער באַרימטער רומענישער געלערנטער, ניט נאָר דער גרויסער יידישער מלומד און פֿאָרשער אויפֿן געביט פֿון היסטאָריאָגראַפֿיע, פֿאָלקלאָר און רעליגיעזער ליטעראַטור, נאָר אויך אַן אייפֿריקער ייִדיש־נאַ־ציאָנאַלער עסקן אין וועלט־מאַסשטאַב.

אין די יונגע יאָרן זיינע אַן אַקטיווער קעמפֿער פֿאַר דער עמאַנציפּאַציע פֿון די רומענישע יידן און אַ פֿאַרנדיקער חובב־ציון, איז ער שפּעטער צו־געשטאַנען צום פּאָליטישן ציוניזם און געווען איינער פֿון הערצלס וויכטיקסטע מיטאַרבעטער. אין די ערשטע יאָרן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז ער אָפֿט געווען וויצע־פּרעזידענט פֿון די קאָנגרעסן, דער וואָרטזאָגער פֿון דער העברעאיש־אויפֿלעב־גרופּע, און דער געשיקטער דיפּלאָמאַט ביי דער ענג־לישער רעגירונג. עס ווערן אויך לשבח דערמאָנט זיינע באַמיאונגען און פֿאַרדינסטן אַרום דעם צושטאַנדקומען פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע.

צו יידיש האָט אים דערנענטערט אי דער וויסנשאַפֿטלעכער אינטערעס און אי די ליבשאַפֿט צו דער שפּראַך פֿון די יידישע מאַסן אין רומעניע, וואָס מיט זיי און אין זייער מיט האָט ער אין זיינע יונגע יאָרן געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר עמאַנציפּאַציע און פֿאַר חבת־ציון.

זינט דעם באַשטאַנד פֿון „ייוואָ״ איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון איר ערן־פּרעזידיום און אַרויסגעוויזן אינטערעס ניט נאָר צו דער וויסנשאַפֿט־לעכער אַרבעט פֿון אירע סעקציעס, נייערט אויך צו אירע פּראַקטישע אָר־גאַניזאַציאָנעלע נויטן.

ד״ר שלמה ביקל.

אלכסנדר הארקאווי

מאָנטיק דעם 27טן נאָוועמבער 1939 איז שטיל און איינזאַם אויסגע־גאַנגען אין זיין האָטעל־צימערל דער פּיאָנער פון דער יידישער פילאָלאָגיע אויף יידיש — אלכסנדר בן יוסף־משה הארקאַווי.

דער וועטעראַן פון דער יידישער פילאָלאָגיע איז דעם יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט געווען ליב און טייער. אלכסנדר הארקאַווי איז געווען דער ע ר ן ־ מ י ט ג ל י ד פון אונדזער פילאָלאָגישער סעקציע. לכבוד זיין 70סטן געבוירנטאָג איז אַרויס אַ הארקאַווי־בוך אין פאָרעם פון אַ ספּעציעלן נומער „ייוואָ־בלעטער״ (פעברואַר, 1934). דער אַמאָפּטייל האָט דעמאָלט צונויפגעשטעלט „הארקאַוויס ביאָ־ביבליאָגראַפיע״. אין מאַי 1938 האָט דער אַמאָפּטייל איינגעאָרדנט אַ פייערונג לכבוד זיין 75סטן געבוירנטאָג. אונדזער אַלעמעס באַציאונג צו אים איז געווען ניט בלויז דרך־ארץ צו אַן אַלטן תלמיד־חכם, צו אַ וויסנשאַפטלער אַ פּיאָנער, נאָר אויך ליבשאַפט צו אַ טייערן פריינד און אַ זעלטענעם מענטשן. און אַ טייערן פריינד און אַ זעל־טענעם מענטשן האָבן מיר איצט פאַרלאָרן!

אַלכסנדר הארקאַווי איז שוין ניט געווען יונג און האָט שוין אַ לאַנגע צייט געליטן פון זיין קראַנקייט וואָס האָט צוגענומען פון אים די מעגלעכקייט צו אַרבעטן. אָבער דער 76־יאָריקער קראַנקער האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל גוטסקייט און האַרציקייט, אַז אַפילו די יסורים זיינע, דאָס געפיל פון איינ־זאַמקייט און דאָס גרייטן זיך צום טויט — קיין זאַך האָט ניט געקענט פאַר־מינערן די תמימותדיקע וואַרעמקייט פון זיין בליק, די יוגנטלעכע אָנוואַלקנ־דיקייט פון זיין שטענדיקן, הערצער־געווינענדיקן שמייכל, די רואיקע שטראַ־ליקייט פון דעם אויסטערלישן צניעותדיקן חן פון דעם מהות מענטש אין אַלכסנדר הארקאַווין.

איבער 50 יאָר אַרבעט ביי שווערע מאַטעריעלע פאַרהעלטענישן; דאָס אויסלערנען ענגליש צענדליגער טויזנטער עמיגראַנטן דורך לייענביכער און ווערטערביכער, צונויפגעשטעלט מיט התמדה און ליבשאַפט; דאָס איינלערנען אַ בעסערן, אַ ריינערן יידיש אַלע די וואָס האָבן געמוזט אָנקומען צו זיינע ווערק און דאָס דירעקטע לערנען יידיש מיט די היגע־געבוירענע; די ריינע, ערלעכע, אָנפּניותדיקע קולטור־טרעגעריי אין פאַרשיידענע פאָרמען און דורך פאַרשיידענע מיטלען; אַ סעריע פון אַלץ מער און מער פאַרפולקומטע

ווערטער־ביכער, מיט דעם פּרואוו צוזאַמענצושטעלן דעם גאַנצן יידישן ווערטער־אוצר (אין דעם אָנגעהויבענעם און דורך קראַנקייט איבערגעריסענעם יידישן „פאָלקס-ווערטערבוך"); פּיאָנערישע אַרבעטן אויף אַ ריי געביטן פון יידישער פילאָלאָגיע, חוץ לעקסיקאָגראַפיע; דער ערשטער פּרואוו אין אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע דורכצופירן אַ מאָדערנעם אויסלייג; כסדרדיקע אויפקלע־רונגען אַז יידיש איז אַ שפּראַך ווי אַלע שפּראַכן, דאָס אייפערדיקע און דאָס באַזאָכטע און באַטראַכטע פאַרטיידיקן יידיש קעגן אָנפאַלערס און ניט-פאַר־שטייערס, דאָס וועקן ליבשאַפט און דרך־ארץ צו אונדזער יידישן לשון, —

אָט אַזאַ אָן ערך איז דער אויבנאויפיקער באַלאַנס פון אַ לעבן, פול מיט אַרבעט און מיט ווינציק שכר פאַר אָט דער אַרבעט.

אלכסנדר האַרקאַוויס לעבנסוועג איז געווען אַ שטיינערדיקער. מיט שטילע טריט איז ער אים אַדורך, אָן טענות און מענות. אַ מענטש אָן גאַל און אָן שנאה, אַ מענטש וואָס נעמט אַריין אין זיך פּקחות און וויסן פון פאַרשיידענע יידישע דורות, זאַפּט זיי איין און לעבט מיט זיי, שאַפט מיט זיי. אַ מענטש אַ שאַפער וואָס גייט זיך עניוותדיק אָן אַ זייט. אַ געטרייער תלמיד פון הלל הזקן, האָט ער געזוכט און געפונען נאָר דאָס פּאָזיטיווע, נאָר דאָס גוטע.

און ווי הלל הזקן איז, נאָך דעם תלמוד נאָך, אַ באַווייז אַז אויך אָרעמעלייט זיינען ביכולת צו קענען לערנען, ווען זיי ווילן נאָר קענען, — איז אַלכסנדר האַרקאַווי אַ ראיה, אַז אַ יחיד קען שטיין בערג העכער פאַר זיין סביבה.

און באמת: אין אַ מסיבה פון עם־הארצות און ערב־רב, אין אַ וועלט פון סוועטשאַפּ און געפּאַלנקייט, אין אַ קרייז פון פאַרפלאַכטער אויפקלערונג און האַלב־אינטעליגענטישער זיכערקייט, האָט אלכסנדר האַרקאַווי געקענט זיין פאַרטיפט אין זיין פאָרשן, שטייגן אין זיין וויסן, זיין אָפּגעהיט און אחריותדיק בנוגע אַלץ וואָס ער שרייבט; אַנטוויקלען דאָס געוויסן פון אַ וויסנשאַפטס־מאַן און צו דעם נאָך בלייבן שטיין פאַר די אויגן פון צוויי דורות ווי אַ מאָנומענט פון קרישטאָלענער נשמה־ריינקייט, פון לויטערער נשמה־האַרציקייט.

פאַר דער יידישער פילאָלאָגיע וועט פאַרבלייבן אַלכסנדר האַרקאַוויס אויפ־טו ווי אַ היסטאָרישער אויפטו אויף אָט די צוויי געביטן:

1) מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש, מיט זיין אויפקלערערישער און אויבּ איר ווילט אַפּאָלאָגעטישער אַרבעט, מיטן אַרויסהייבן אַ ריי אייגנטימ־לעכקייטן פון יידיש, מיטן שטענדיקן פאַרגלייכן יידיש און ענגליש, האָט ער, דער לאַנגיאָריקער סניגור פון יידיש, געמאַכט אַ טייל יידן יידיש־באַוואוסט. דורך דעם האָט ער געהאָלפן בויען דעם פונדאַמענט פאַרן גאַרן בנין פון יידישער פילאָלאָגיע;

2) מיט די צענדלינגער יאָרן אַרבעט פאַר יידישער לעקסיקאָגראַפיע, מיטן אָנזאַמלען דעם רייכן אוצר פון זיין ליטווישן יידיש און מיטן צונויפ־

קליינן קרוב צו פּופּציק טויזנט ווערטער פון אונדזער גערעדטן און געשרי־
בענעם יידיש, האָט אַלכסנדר האַרקאַווי געמאַכט מעגלעכער, דערגרייכלעכער
די אויפגאַבע, וואָס זי שטייט פאַר אונדז ווי אַ מאָנערקע, די אויפגאַבע פאַרן
איצטיקן דור יידיש־פאַרשערס — —דורכצופירן אין לעבן זיין פּלאַן און זיין
חלום, דערגרייכן צום „יידישן פאָלקס־ווערטערבוך".

און נאָך איינס, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי פשוט קאָנקרעטיזירן אין אַ
פּונקט, איז פאַראַן אין דער האַרקאַווי־ירושה:

די ליבשאַפט צו יידן, די ליבשאַפט צו יידיש, וואָס פון דעם האָבן אַרויס־
געקוואָלט כוח און ענערגיע, אויסדויער און אחריות פאַר דער וויסנשאַפטלעכער,
פאַר דער לערערשער, פאַר דער קולטור־טרעגערישער אַרבעט.

אין זיין ערשטער קליינער בראָשור „די יידיש־טייטשע שפּראַך", ביי זיין
ערשטן טראָט אין דער ליטעראַרישער וועלט אין יאָר 1886, איז ער זיך מודה:
„ווי ליב איך דיינע יידן, ווי ליב איך זייער שפּראַך!"

אָט דאָס איז דער הויפּטמאָטיוו פון זיין לעבנסווערק, די פאָסיקסטע
אויפשריפט אויף זיין מצבה...

זיין נשמה איז געווען און וועט בלייבן פאַרבונדן אין צרור החיים.

י. מ.

ע. סאַפּיר

דעם 4טן פעברואַר 1939 איז אין ניו־הייווען געשטאָרבן פּראָפעסאָר עדוואַרד סאַפּיר, אַ מיטגליד פון ערן־קוראַטאָריום פון יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט.

סאַפּיר איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן יאַנואַר 1884 אין אַ קליין שטעטל לאַוענבורג, דייטשלאַנד. זיי פאָטער איז געווען אַ חזן, און האָט געשטאַמט פון ליטע. באַקומענדיק אַ שטעלע אין יענעם דייטשן שטעטל, האָט ער אַהין אימיגרירט. אין הויז ביי די סאַפּירס האָט מען גערעדט יידיש, און עס האָט געהערשט אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסישע אַטמאָספערע. דערפון נעמט זיך די גוואַלדיקע פּיעטעט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט פאַר דער יידישער שפּראַך און פאַר דער קולטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין משך פון דורות אין מזרח־אייראָפּע באַזירט אויף יידיש.

ער איז געקומען קיין אַמעריקע גאָר יונג, האָט דאָ געענדיקט קאָ־לומביאַ אוניווערסיטעט, וואו אין יאָר 1909 האָט ער באַקומען זיין טיטול ד״ר פון פילאָסאָפיע, און אין 1929 — דעם טיטול ד״ר פון וויסנשאַפט.

פון 1910 ביז 1925 איז דער פאַרשטאָרבענער געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם קאַנאַדער נאַציאָנאַלן מוזיי. פון 1925 ביז 1931 איז ער געווען פּראָפעסאָר פון אַנטראָפּאָלאָגיע און לינגוויסטיק אין שיקאַגער אוניווערסיטעט. פון 1931 ביז זיין טויט איז ער געווען פּראָפעסאָר פון אַנטראָפּאָלאָגיע און לינגוויסטיק אין יעיל אוניווערסיטעט אין ניו־הייווען.

דער פאַרשטאָרבענער האָט באַטראַכט אַנטראָפּאָלאָגיע פון אַ קולטור־שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט, הגם ער האָט ניט געלייקנט די וויכטיקייט פון פיזישער אַנטראָפּאָלאָגיע. זיין גוואַלדיקע בקיאות אין דיאַלעקטן פון אינ־דיאַנישע שבטים אין אַמעריקע און זיין אויסערגעוויינלעכע פעיקייט צו אינטערפּרעטירן שפּראַך־רודימענטן אין טערמינען פון סאָציאַלן לעבן האָבן אים אַוועקגעשטעלט בראש פון די אַמעריקאַנער סאָציאָ־לינגוויסטן.

אויך אויפן געביט פון פאָלקלאָר, דווקא דעם אינדיאַנישן, האָט דער פאַרשטאָרבענער אַרויסגעוויזן זייער אַ סך ראַפינירטקייט אין אַנאַליז פון דעם ווערט פון פאָלקס־שאַפונג.

אַ מוסטער פון אַ פאָלקלאָריסטישער אויסגאַבע איז די „פאָלקסלידער פון פראַנצייזישער קאַנאַדע״, וואָס סאַפּיר האָט צוזאַמען מיט מאַריוס באַרביאָן אַרויסגעגעבן אין 1925.

אויף דעם יידישן געביט איז כדאי צו פאַרצייכענען זיין שטודיום פון פאַנאַלאָגיע פון ליטווישן יידיש, פאַרעפנטלעכט אין „דזשואיש קוואָרטערלי ריוויו", 1915, ב' 6, ז"ז 231—266, ווי אויך אַ ריי שטודיען וועגן עטימאָלאָגיע פון אייניקע העברעאישע ווערטער, פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל פון דער אַמעריקאַנער אָריענטאַלער געזעלשאַפט (1936־1937). ער האָט אויך געגעבן אַ שאַרפן אַנאַליז פון ראַסן־פּראָבלעמען אין אַן אַרטיקל געדרוקט אין „מנורה־זשורנאַל אין 1924.

סאפּירס באַציאונג צו יידיש, ווי אַ קולטור־שפּראַך, האָט זיך אויסגע־דריקט קודם כל אין זיין אָנגעמען צו זיין אַ מיטגליד פון דעם ערן־קוראַ־טאָריום פון ייוואָ, ווי אויך אין אייניקע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, וואָס ער האָט וועגן דעם געמאַכט. אָם בולטסטן איז געקומען צום אויסדרוק די פּראָבלעם פון יידיש פון שטאַנדפּונקט פון קולטור־סאָציאָלאָגיע אין זיין באַגריסונג, וואָס ער האָט צוגעשיקט צום אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין 1935; עס איז כדאַי פון דאָרט צו ציטירן די פאָלגנדיקע שורות:

„...איך וואָלט זייער געוואָלט בייזיין און נעמען אַן אָנטייל אין די באַראַ־טונגען פון דעם צוזאַמענפאָר, נאָר צום באַדויערן איז דאָס ניט מיגלעך און איך מוז זיך באַנוגענען מיט שיקן דעם אינסטיטוט מיינע האַרציקסטע גע־רוסן און מיינע ברכות פאַר דער פּראַכטיקער אַרבעט, וואָס ער טוט און האָט געטאָן, און מיינע האָפענונגען, אַז ער זאָל ווייטער פירן זיין אַרבעט אויף די זעלביקע געזונטע פּרינציפּן ווי פריער און אויף אַ געזונט וואַקסנ־דיקן שטייגער. — ווען איך בין געווען אַ קינד, איז יידיש געווען בדרך כלל אַ פאַראַכטעטע שפּראַך, אַ „זשאַרגאָן", וואָס האָט ניט געקענט דערמאָנט ווערן בנשימה אחת מיט לשון־קודש אָדער רוסיש, פּויליש אָדער דייטש, די שפּראַכן פון די עמאַנציפּירטע אינטעליגענטן צווישן די יידן פון פּוילן און ליטע. אָבער שפּראַכן האָבן ניט קיין שום מיסטישע מעלות מחוץ יענע מעלות, וואָס זייערע באַנוצערס גיבן אין זיי אַריין דורך אויסדריקן זייער פּערזענלעכקייט און דורך דער ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום דעם זכרון און די אַספּיראַציעס פון דער פאָלקס־מאַסע. אין דער נאַטור פון דער זאַך איז ניטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל קאָנען שטערן יידיש צו זיין פונקט אַזאַ ביי־געוודיקע, אַזאַ פינקטלעכע און אַזאַ געהויבענע שפּראַך ווי העברעאיש אָדער לאַטיין, אָדער גריכיש אָדער פראַנצויזיש — אויב נאָר די, וואָס ריידן זי ווי אַ נאַטירלעכע שפּראַך און וואָס האָבן זי ליב, ווילן, אַז אַזוי זאָל זיין. — כבוד און באַוואונדערונג פאַר די וואָס ווילן, אַז אַזוי זאָל זיין! און איך ווייס, אַז די ערנסטע געלערנטע וואָס זיינען פאַרבונדן אין ייוואָ, שטייען אין אַוואַנגאַרד פון יענע וואָס האַלטן אין מאַכן יידיש פאַר אַ זעלבסטשטענ־דיקער קולטור־שפּראַך. איך קען זיך ניט פאָרשטעלן קיין מער געהויבענעם און קיין מער פּראַקטישן וועג פון ברענגען די יידישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע אין אַ פעסטן קאָנטאַקט מיט דער וועלט־קולטור

ווי איבערצושמידן אַ פּאַראַכטן לשון אין אַן אינסטרומענט פון פּראַכטיק קלאָרער אויסדריקלעכקייט. אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה!״

עדוואַרד סאַפּיר איז געווען פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט פון יידישע געלערנטע אין אַמעריקע פאַר יידישע סאָציאַלע פאָרשונגען. דער קאָמיטעט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1933, לויט סאַפּירס איניציאַטיווע, און איינער פון זיינע הויפּטצוועקן איז געווען צו שטיצן די טעטיקייטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

ערע זיין אָנדענק!

י. ש.

גוסטאַוו אייזנער

אין עלטער פון 53 יאָר איז זונטיק, דעם 3טן דעצעמבער, געשטאָרבן נאָך אַן אָפּעראַציע דער לאַנג־יאָריקער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון אַמאַפּטייל גוסטאַוו אייזנער.

גוסטאַוו אייזנער איז געבוירן געוואָרן דעם 15טן פעברואַר 1886 אין קוטנאָ, פוילן. אין זיין פריסטער יוגנט איז ער אַריבערגעקומען קיין לאָדזש, וואו ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי; אין דער צייט פון די יידישע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1905־6 ווערט ער דער אָנפירער פונעם זעלבסטשוץ אין לאָדזש. ער שטעלט צו געווער פאַרן זעלבסטשוץ. אייזנער איז מערערע מאָל אַרעסטירט געוואָרן אין רוסלאַנד פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

במשך פון די יאָרן 1905—18 איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון די לאָדזשער יידישע צייטונגען, ווי „לאָדזשער טאָגעבלאַט״, „גלאָס פּאָלסקי״ און „דויטשע לאָדזשער צייטונג״.

אין 1920 עמיגרירט ער קיין אַמעריקע און אויך פון דאַנען שיקט ער פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדענצן צו די יידישע צייטונגען אין לאָדזש. אין 1925, ווען אין אַמעריקע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַמאַפּטייל פון ייוואָ, ווערט אייזנער איינער פון זיינע אַקטיווע טוער, און במשך פון צען יאָר אויך דער קאַסירער פון אינסטיטוט. אַ צייט לאַנג, אַן ערך ביז 1930, איז דער אַדרעס פון אייזנערס ביוראָ אויך געווען דער אַדרעס פון אַמאַפּטייל.

ביי אייזנערן איז דער אינסטיטוט ניט געווען סתם אַ יידישע קולטור־אינסטיטוציע; ער האָט דעם אינסטיטוט ליב געהאַט און איז אים געווען איבערגעגעבן. וואו ער האָט נאָר געקענט דעם אינסטיטוט עפּעס איינשפּאָרן אָדער איינבריינגען, האָט ער עס געטאָן מיט גרויס פאַרגעניגן.

אין 1933 האָט ער אויך זוכה געווען מיטצואַרבעטן אין די ייוואָ־בלע־טער; אין מערץ־מאַי־נומער פון יענעם יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע אַן אַרבעט וועגן י. ל. פּרצס אַרעסט אין 1899.

אייזנערס געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז אָבער ניט געווען באַגרענעצט נאָר מיטן אינסטיטוט. ער פלעגט אָנטייל נעמען אין אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און קולטור־אונטערנעמונגען. אויף זיין איניציאַטיוו און אונ־טער זיין רעדאַקציע איז אין 1934 דערשינען דער „לאָדזשער אַלמאַנאַך". דאָס איז געווען כמעט די ערשטע שריפט פון דעם מין צווישן די יידישע לאַנדס־מאַנשאַפטן. אין דעם דאָזיקן אַלמאַנאַך האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרבעטן: אַן אַרבעט וועגן דעם לאָדזשער „ראַבונעק" פון 1892, די כראָ־נאָלאָגיע פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין לאָדזש אין די יאָרן 6־1905 און „אונדזערע קלאַסיקער אויף אַ באַזוך אין לאָדזש" — וועגן באַזוך פון מענ־דעלען, פּרצן און שלום־עליכמען.

מיט זיין טויט האָט די יידישע קולטור־באַוועגונג אין אַמעריקע בכלל, און דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט בפרט, פאַרלאָרן אַ וויכטיקן מיטאַרבעטער און אַ געטרייען איבערגעגעבענעם חבר.

ערע זיין אָנדענק!

נ. פּ.

עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל

מ. אונגער

ג. אייזנער

י. אפּאַטאָשו

י. יאָפע

ה. לייוויק

י. ליפשיץ

לייבוש לעהרער

י. לעשצינסקי

ד״ר ר. מאהלער

י. מארק

ד״ר א. מוקדוני

ש. מענדעלסאָן

ש. ניגער

ה. עהרענרייך

ב. צביון

מ. קאָסאָווער

א. רעכטמאַן

ד״ר י. שאַצקי

מ. שטאַרקמאַן

מענדל עלקין, ביבליאָטעקאַר

נ. פיינערמאַן, סעקרעטאַר.

אויספיר קאָמיטעט:

לייבוש לעהרער, יעקב לעשצינסקי, יעקב שאַצקי.

כאָטש מיר האָבן זיך כסדר באַמיט אָפּצוהיטן דעם ייִוואָ־אויסלייג איז דאָס אָבער, צוליב טעכנישע שוועריקייטן, ניט געלונגען אין אַלע פאַלן. מיר וועלן זיך אָנשטרענגען אויס־צומיידן דעם דאָזיקן פעלער אין די ווייטערדיקע נומערן. — רעדאַקציע.

נייסטע אויסגאַבע פון ייוואָ —

„יאָר־בוך" פון אַמאָפּטייל, 1939

א י נ ה אַ ל ט:

פון דער רעדאַקציע

די יידיש־רוסישע עמיגראַציע אין אַמעריקע..........ד״ר ק. פאַרנבערג

יוסף באָווּשאָווער (1872—1915)........................קלמן מרמר

די יידישע טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע
(1888—1938)............................ד״ר הערמאַן פראַנק

שטימונגען ביי אונדזער יוגנט........................לייבוש לעהרער

צו דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע...............ב. שטיינבערג

צו דער געשיכטע פון יידיש אין אַמעריקע...........משה שטאַרקמאַן

בריוו פון אַמעריקע צום גריידיצער צדיק (1868—1871).....זלמן רייזען

די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין
מאַסאַטשוזעטס (1882—1938)......................ז. ברכות

יעקב שאַצקי־ביבליאָגראַפיע (מיט ביאָגראַפישע דאַטעס)
מרדכי קאָסאָווער און מנשה אונגער

Printed in U.S.A.

קאָמבאָ פּרעס, אינק. 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק 446

YIVO BLETER Journal of the Yiddish Scientific Institute
Published by the American Branch
Vol. XV, #1-2
Jan.-Feb., 1940

TABLE OF CONTENTS:

Leibush Lehrer
igmund Freud

Jacob Lestschinsky
he Jewish Proletariat in Poland

Dr. Jacob Shatzky
he Opposition to Purim-Plays in Prussia in the Eighteenth Century

N. Goldberg
ata on Conditions of the Jewish Writer in New York City

Dr. R. Mahler
Budget of the Council of the Four Lands in the Eighteenth Century

Judah A. Joffe
ne Hundred and Fifty Years of Yiddish

Dr. H. Frank
conomic Organizations of the Jewish Middle-Class in the United States

M. Starkman
etters of Nathan Birnbaum to J. L. Cahan

B. G. Sack
braham Gradis and General Montcalme

J. L.
he Mother Tongue of Polish Jews

REVIEWS AND ABSTRACTS:

Dr. Max H. Weinberg
edical Investigations of Jews

J. S.
hree Publications on American Jewish History

H. F.
wish Families and Family Circles

DOCUMENTS AND MISCELLANEA

R. G.
ocuments in Connection with the "Jewish Reservation" in Lublin

IN MEMORIAM:

Moses Gaster | Alexander Harkavy | Edward Sapir | Gustave Eisner

MERICAN BRANCH OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE
425 Lafayette Street, New York City

ייוואָ בלעטער

שריפטן פון יידישן
…יסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן פון אַמאָפּטייל

…ינהאַלט פון נומער

…ר אברהם זוהל:
…דער דייטש־יידישער פילאָזאָף קאָנסטאַנטין ברונער.......... 169

…דכי קאָסאָווער:
…דער אינלענדישער האַנדל פון פוילישע יידן אין 16טן און 17טן י״ה.......... 182

…קב לעשצינסקי:
…צו דער יידישער קרימינאַליטעט אין דייטשלאַנד.......... 202

…בע שילדקרעט:
„השופר״.......... 217

…שטיינבוים:
…יידיש וואָקאַבולאַר אין דער אָנפאַנג־שול.......... 225

…ר יעקב שאַצקי:
…לעא ווינער.......... 247

…פעראַטן און רעצענזיעס

…יעקב שאַצקי:
…יידישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק.......... 257

…רץ-אַפּריל 1940 — באַנד XV, נומ׳ 3

מאַקס קראַנשטאַט, ע"ה

מאָנטיק, דעם 25טן מאַרץ, איז נאָך אַ לענגערער קראַנקייט אין עלטער פון 54 יאָר געשטאָרבן מאַקס קראַנשטאַט. מיט זיין טויט האָט דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פאַרלאָרן איינעם פון זיינע געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע אונטערשטיצערס. עס איז ניט געווען קיין איין ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, קיין איין קולטור־אונטערנעמונג, וווּ דער פאַרשטאָרבענער האָט ניט בייגעטראָגן זיין באַדייטנדיקן חלק. אין זיין גרויסער באַשיידנקייט האָט ער קיין מאָל ניט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן אין דער עפנטלעכקייט. אויך בנוגע דעם אינסטיטוט האָט ער קיין מאָל ניט געוואָלט, אַז די סומעס, וואָס ער האָט פאַר אים באַוויליקט, זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן. ער איז געווען אַן אמתער עקזעמפּלאַר פון דעם טיפּ „אויב ניט נאָך העכער".

צוזאַמען מיט זיין שווער געטראָפענער פאַמיליע, זיינע נאָענטסטע און צענדליקער אָרגאַניזאַציעס און יחידים, מיט וועמען דער פאַרשטאָרבענער איז געווען ענג פאַרבונדן, טרויערט דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון אַ געטרייען זון פון ייִדישן פאָלק, פון אַ מענטשן מיט וווּנדערלעכע מידות טובות.

ערע זיין אָנדענק

דער דייטש־יידישער פילאָזאָף קאָנסטאַנטין ברונער

פון ד״ר א ב ר ה ם ז ו ה ל

פילאָזאָפן זייַנען דאָ אַ סך.

ווען איך בין געווען אַ יונגער סטודענט פון פילאָזאָפיע, האָט מען מיר געראָטן נעמען עפּעס אַ קורצע געשיכטע פון פילאָזאָפיע ווי אַן אַריינפיר. איך האָב זיך אַנידערגעזעצט לייענען. נאָך עטלעכע שעה האָט זיך מיר אָנגעהויבן דרייען דער קאָפּ: איך האָב ניט געקענט דערקענען קיין חילוק צווישן איין פילאָזאָף און דעם צווייטן. ס׳איז מיר אויסגעקומען, אַז איינער דרייט די פּראָבלעמען אַ ביסל אויף דער זייט, דער אַנדערער אויף יענער זייט. וואָס איז דער חילוק? און וואָס איז מיר דער חילוק? . . . און שפּע־טער האָב איך שטודירט ביי פאַרשיידענע פּראָפעסאָרן. איך האָב דערזען, אַז זיי האָבן ערודיציע, געשיכטע, פילאָלאָגיע פון טערמינען — זיי האָבן דאָס, וואָס מען קען זיך אויסלערנען. אָבער זיי האָבן ניט קיין פילאָזאָפיע. פילאָזאָפיע קען מען זיך אין תוך אַריין ניט אויסלערנען. מען דאַרף זיין געבוירן דערצו.

און געבוירן דערצו, באמת אַ פילאָזאָף, איז געווען קאָנסטאַנטין ברונער. ביי אים האָב איך דערפילט, וואָס איז דער חילוק און וואָס איז מיר דער חילוק . אויב עמעצער פון היינטיקע פילאָזאָפן האָט מיר עפּעס געגעבן, איז עס געווען קאָנסטאַנטין ברונער.

ווער איז געווען קאָנסטאַנטין ברונער?

ער איז געווען אַ דייטשישער ייִד, שוין אייגנטלעך ניט פון אונדזער דור. ווען ער איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר צוריק, איז ער אַלט געווען 75 יאָר. און אַזוי ווי ער האָט אַליין אַ מאָל געזאָגט, אַז דער מאַן ווערט געבוירן צו פערציק יאָר, דאַרף מען זאָגן, אַז דער מאַן ברונער איז שוין געווען געבוירן אַרום 1900: דער מאַן — ד״ה די פּערזענלעכקייט און דער פילאָזאָף. אין אַ ריי שטריכן זעט זיך, אַז ברונער איז אַ דייטשישער ייִד, וואָס איז גייסטיק צייטיק געוואָרן אַרום 1900: זיין אומהיסטאָרישע קאָנ־צעפּציע פונעם שטאַט, זיין באַגריף פון דער נאַציע ווי אידענטיש מיטן שטאַט, זיין דעצידירטע אַסימילאַטאָרישע האַלטונג, וואָס דרינגט דערפון; און טאַקע אויך זיין אויסגאַנג־פּונקט אין דער פילאָזאָפיע ווייזן אויף דעם.

אויך זיין בירגערלעכע פאַרשטעלונג, אַז פּראָסטיטוציע איז אומפאַרמייד־לעך צוליב דער פּאָליגאַמישער נאַטור פון מענער, און אַז מאָנאָגאַמיע איז דער נאַטירלעכער שוץ פאַר פרויען („ליבע, עהע, מאַן און ווייב״, 1924).

אגב אויך זיין אויסערלעכע דערשיינונג האָט עס געוויזן: די פראַנצייזישע וואַנצעלעך און אויף דער געגאָלטער געמבע דאָס קמץ־בערדל און די לאַנגע האָר און דער ברייטער, ווייכער קאַפּעליוש און דאָס באַרדירטע סאַמעטענע רעקל — מעשה קינסטלער אַרום 1900.

און אויך זיין נאָמען ווייזט עס.

זיין אמתער נאָמען איז אגב געווען לעאָ ווערטהיימער. ער איז געווען אַן אייניקל פון אַ גרויסן דייטשישן רב, רב אריה ווערטהיימער פון אלטאָנאָ. ער אַליין האָט נאָך געקענט העברעיִש. ווי ער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, פלעגט זיין טאַטע קינדווייז ביים שפּאַצירן לערנען מיט אים. פון זיינע שריפטן קען מען זען, אַז ער האָט אויך אַריינגעקוקט אין א ספר. פונדעסטוועגן האָט ער דאָך געביטן זיין נאָמען. און ברונער איז ניט נאָר געווען אַ ליטעראַרישער פסעוודאָנים. ס׳איז געווען דער איינציקער נאָמען, וואָס ער און אויך זיין פרוי און זיין טאָכטער פלעגן נוצן. בלי ספק האָט ער מיט דעם פאַרווירקלעכט אין זיין לעבן, וואָס ער ראָט צו טאָן אַלע דייטשישע יִדן אין זיין בוך „דער יִדנהאַס און די יִדן״ (1918): למאַי זאָלן זיי ליידן פון זייערע נעמען? בייט זיי!

אָבער דער נאָמען קאָנסטאַנטין ברונער האָט אויך נאָך אַ מיין: דער באַשטענדיקער ברונעם! ניט קיין צו באַשיידענער נאָמען. אַרום 1900, נאָך וואַגנער און ניצשע, איז אַ געניוס ניט באַשיידן.

אונדזער דור, געוויינטלעך, פירט זיך אַנדערש. איך האָב שטודירט ביי איינעם זייער אַ באַוווּסטן, זייער אַ מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן דייטשישן פילאָזאָפיע־פּראָפעסאָר, אַ צוגעלאָזטער, ביז גאָר דעמאָקראַטישער, ביז גאָר באַשיידענער מענטש, אַן ענוו! אין זיין סעמינאַר, דיסקוטירנדיק פילאָזאָפישע פּראָבלעמען מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער זיצן אונטער אַ גרויסן ביוסט, — טאַקע זיין אייגענעם, דעם ענווס ביוסט...

ברונער אָבער האָט גערעדט און געשריבן מיט זייער גרויסע פּרעטענזיעס. עס שטעקט אין דעם די איבערצייגונג פון זיין מיסיע. אפשר אויך אַ פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע אויף דעם ניט צו גרויסן אָפּרוף אויף זיינע שריפטן: זיין הויפּט־ווערק האָט ערשט געדאַרפט וואַרטן 20 יאָר ביז צו אַ צווייטער אויפלאַגע. אָבער אויפן שער־בלעטל פונעם דאָזיקן ווערק געפינט איר אַ בילד, ס׳איז ניט ברונערס, ס׳איז — ספּינאָזאָס! און דאָס איז ניט קיין בוך וועגן ספּינאָזאָן. און דאָך: דער ביז גאָר ניט באַשיידענער ברונער וויל מיט דעם אָפּגעבן דעם גאַנצן כבוד ספּינאָזאָן.

ברונער און ספּינאָזאָ — דאָס איז אַ גרויס קאַפּיטל, אַ רירנדיקס און אַ העראָיִשעס.

ברונער איז געשטאָרבן אין האָלאַנד, אין האַג. אַ זיבעציקער האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון דייטשלאַנד, ער, דער דייטשישער פּאַטריאָט. ווען עס האָט שוין שטאַרק געשמעקט מיט היטלערן, האָט ער ניט געוואָלט גלייבן

און מיר געזאָגט, אַז די דייטשישע ייִדן זיינען צו פיל צונויפגעבונדן מיט די דייטשן, אַז אַ היטלער זאָל קענען אויספירן זיינע פּלענער. אָבער ווען ברונער האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין היימאַט, האָט ער זיך באַזעצט אָפּצולעבן דאָס רעשטל יאָרן אויפן אָרט, ווו ברוך ספּינאָזאַ האָט פאַרענדיקט זיין „עטיק״ און זיין לעבן.

ברונער, וואָס האָט זיך געלאָזן רופן „דער מייסטער״ פון זיינע אָנהענגער האָט אָנערקענט פאַר זיין „מייסטער״ ספּינאָזאַן. אַ פּיכטע, אַ העגעל, רופט ברונער אָן „די קליינע גרויסע״; אָבער ספּינאָזאַ — דאָס איז דער גרויסער גרויסער, דער מייסטער אין דער פילאָזאָפיע, דער איינציקער, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דעם גאַנצן אמת אָן שום ביימישונג פון פאַלשקייט, שרייבט ער.

איך וואָלט געזאָגט, אַז די גאַנצע, זייער גרויסע און טיילווייז גאַנץ ניצלעכע ליטעראַטור וועגן ספּינאָזאַן, וואָס איז געוואָרן אָנגעשריבן אין אונדזער צייט, האָט דאָך ניט אויפגעטאָן פאַר ספּינאָזאָס פילאָזאָפיע אַזוי פיל ווי ברונער אַליין. און כאָטש ברונער איז ניט קיין קאָמענטאַטאָר און שוין אַוודאי ניט קיין פילאָלאָג און היסטאָריקער. ברונער אַליין, אמת, האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן וויסן. ער האָט אַגב אויך געהאַט איינע פון די גרעסטע ספּינאָזאַ־ביבליאָטעקן. אָבער אַפילו דאָרטן ווו ברונער פאַרנעמט זיך אַ מאָל טאַקע דירעקט מיט אויסטייטשן ספּינאָזאַן — אין איינעם פון זיינע לעצטע ביכער, „מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם״ (1928), קאַפּיטל 3 וועגן ספּינאָזאָס אַטריבוטן — וועט איר דאָך ניט געפינען קיין סך ציטאַטן. ברו־נער באַמיט זיך ניט אויפצווייזן, אַז דאָס און נאָר דאָס האָט ספּינאָזאַ געקענט מיינען מיט זיינע אַטריבוטן — נאָר ער ווייזט, אַז אַזוי ווי ער טייטשט עס אויס ספּינאָזאָס אַטריבוטן, איז עס אַ גרויסער געדאַנק, אַ געדאַנק, וואָס מען קען באמת דענקען.

לאָמיר זיך טאַקע אָפּשטעלן אַ מינוט אויף דעם ווי אויף אַ ביישפּיל. ווער עס ווייס, אַז עס איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן ספּינאָזאָס אומענדלעכע צאָל אַטריבוטן, וואָס בלויז צוויי פון זיי זיי־נען אונדז באַקאַנט: דענקען און אויסשפּרייטונג — דער וועט פאַרשטיין אָפּצושאַצן ברונערס פּשטות. צו זיינע אויספירן קומט ברונער אייגנטלעך מיט איין שריט: ער גיט אַ נייע איבערזעצונג פון ספּינאָזאָס דעפיניציע פון אַטריבוט. געוויינלעך זעצט מען איבער: „מיט אַטריבוט מיין איך וואָס דער פאַרשטאַנד באַגרייפט פון דער סובסטאַנץ, אַז אין דעם באַשטייט איר וועזן.״ [1] ברונער זעצט איבער: „מיט אַטריבוט מיין איך, וואָס אַ פאַרשטאַנד איז תופס פון דער סובסטאַנץ, אַזוי ווי עס וואָלט אין דעם באַשטאַנען איר וועזן.״ איך האָב אונטערגעשטראָכן די צוויי נייסן: 1) ניט דער פאַרשטאַנד

1. Per attributum intelligo id quod intellectus de substantia percipit, tanquam eiusdem essentiam constituens. (Ethica, lib. I, def. 4.)

(וואָס מיינט יעדער פאַרשטאַנד) נאָר אַ פאַרשטאַנד פּאַסט אויף; און אַזוי ווי עס איז דאָ אַן אומבאַגרענעצטע צאָל פון אינטעלעקטן (פאַרשטאַנדן), ווערט איצט מעגלעך צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ספּינאָזאַ רעדט פון אַן אומענדלעכער צאָל אַט־ריבוטן. און 2) ניט: אַז „עס באַשטייט״, נאָר: „אַזוי ווי עס וואָלט באַשטאַנען״ אין דעם אַטריבוט דאָס וועזן פון דער סובסטאַנץ. ד״ה ברונער שטרייכט אונ־טער, אַז דער אַטריבוט איז נאָר רעלאַטיוו, נאָר אַן אינטעלעקטס אויפפאַסונג פון אַבסאָלוט, ניט דער אַבסאָלוט אַליין. דער אַבסאָלוט, די סובסטאַנץ, איז פון דער רעלאַטיווער זייט אומענדלעך מאָל אומענדלעך אויפפאַסונגען. ד״ה אַטריבוטן — ד״ה וועלטן!

אָט ווי אַ ברונער לערנט אַ פּסוק!

אין אַלגעמיין אָבער שרייבט ברונער, כאָטש אַ פייערדיקער ספּינאָזיסט, ניט קיין פּרושים, נאָר זיין אייגענע פילאָזאָפיע.

דאָס ווייזט זיך שוין אין גאַנצן שניט. אַלע ספּינאָזיסטישע ווערק און די גאַנצע ליטעראַטור פון „ספּינאָזאַ־פאָרשער״ באַנוצן זיך מיט ספּינאָזאָס טערמינען. אָבער ספּינאָזאַ איז געווען אַ קינד פון 17טן י״ה. זיין אויס־גאַנג־פּונקט און זיינע טערמינען זיינען שפּעט־סכאָלאַסטישע. מיר דאַרפן זיי ערשט היסטאָריש פאַרשטיין, כדי צו פאַרשטיין ספּינאָזאַן. ברונער האָט ניט די דאָזיקע טערמינען. ער איז, ווי געזאָגט, צייטיק געוואָרן אַרום 1900. אויך זיין פילאָזאָפישער אויסגאַנג־פּונקט, זיינע טערמינען קומען פון דער צייט. ניט צופעליק איז איינע פון ברונערס ערשטע שריפטן אַ מין פילאָ־זאָפישער קאַמפּס־פאַמפלעט „ספּינאָזאַ קעגן קאַנט״. ברונער איז געווען אָנגעזאָפּט מיט דער דייטשישער פילאָזאָפיע: ברונער האָט זיך ערשט גע־דאַרפט אָפּטרייסלען פון קאַנטן, אָבער אין זיין פילאָזאָפיע רעדט זיך ניט וועגן סובסטאַנץ, אַטריבוטן, דענקען און אויסשפּרייטונג. אין ברונערס פילאָ־זאָפיע רעדט זיך נאָר וועגן דענקען.

איך וועל פּרווון סקיצירן זיינע הויפּט־געדאַנקען. כאָטש איך ווייס, אַז ברונערן דאַרף מען לייענען אַליין, זיינע געדאַנקען אמת צו פאַרשטיין.

ברונערס הויפּטווערק, „די לערע פון די גייסטיקע און פון פאָלק״ (1908), קען מען על־פּי דעם פילאָזאָפישן הויפּט־אינהאַלט, אָנרופן „די לערע פון די דריי פאַקולטעטן פון דענקען״. ברונער אַליין זאָגט, אַז וועגן אָט דער צעשיידונג פון דענקען איז נאָך קיין מאָל ניט קיין טעאָריע אַרויסגעגעבן געוואָרן. אמת, די גרויסע פילאָזאָפן האָבן פילאָזאָפירט אין איינקלאַנג מיט אַזאַ צעשיידונג, אָבער זיי האָבן ניט פאָרמולירט זי טעאָרעטיש. און ברונער האַלט, אַז די דאָזיקע צעשיידונג פונעם דענקען אין דריי פאַקולטעטן האָט זייער אַ גרויסע באַדייטונג, מאַכט קלאָר פילאָזאָפישע הויפּט־פּראָבלעמען.

דעם ערשטן פון די דריי פאַקולטעטן רופט ער אָן דאָס דענקען פון פאַרשטאַנד. אונדזער פאַרשטאַנד איז ניט מער ווי אַן אינסטרומענט פאַר אונדזער לעבן, פאַר אונדזער פּראַקטישן געברויך, ניט אַ פאָרשער פון אמת

„אַן־און־פאַר־זיך". צום פּראַקטישן דענקען געהערט אויך די גאַנצע וויסנשאַפט, זי איז נאָר אַן אינסטרומענט אין אונדזער לעבנס־קאַמף. צום פּראַקטישן דענקען רעכנט ברונער ניט נאָר דאָס וויסן, נאָר אויך דאָס פילן און דאָס וועלן. וואָס פרוידס פּסיכאָאַנאַליז רופט אָן „אונטערבאַוווּסט" (וואָס קען מען זיך פאָרשטעלן דערביי?), איז ביי ברונער פּשוט „ניט געוווּסט", נאָר „געפילט". (דאָס באַלייכט אגב אויך ספּינאָזאָס דעפיניציע פון אַפעקטן ווי „ניט קלאָרע אידייען".) וויסן, פילן, וועלן — דאָס איז דאָס פּראַקטישע דענקען, ד"ה דאָס דענקען פון אונדזער וועלט, פון אונדזער מאַטעריעלער וועלט. אין פּראַקטישן דענקען איז נאָר דער מאַטעריאַליזם ריכטיק. גשמיות־דיקע „דינגלעכע" זאַכן, זיינען פאַראַן נאָר אויף אַזוי פיל ווי מיר דענקען זיי! ד"ה, אויף אַזוי פיל ווי מיר פילן זיי, ווייסן זיי און ווילן פון זיי. ס'איז ניטאָ קאַנטס „דינג אַן־און־פאַר־זיך".

אָבער אין דער אמתן איז דאָס געטראַכטע, פון פּראַקטישן דענקען געטראַכטע, ד"ה אונדזער וועלט, גאָרניט קיין לאָגישער געדאַנק. ווי ברונער פאָרמולירט עס פּאַראַדאָקסאַל: „קיין שום געטראַכטס, קיין שום געטראַכטער אינהאַלט פון דענקען איז ניט דענקבאַר. אַפילו ניט אין דער אָפּגעקלערטער פאָרעם פון דער וויסנשאַפט. איר וועג איז: אַלץ צו רעדוצירן פון זיין חושימדיקער קערפּערלעכקייט און פיל־פאָרעמדיקייט צו איין פּרינציפּ: באַוועגונג; אַריינשטעלן אין צוזאַמענהאַנג פון דער איין באַוועגונג. אַרום 1900 האָט מען שוין אָנגעהויבן צו רעדוצירן כעמיע צו אַ טייל פון פיזיקע און פיזיקע איז שוין געווען אַ רעדוקציע פון אונדזער וועלט פון פאַרשיידענע חושים — צו פאַרשיידענע מינים באַוועגונג. אָבער — וואָס באַוועגט זיך? אַטאָמען! שוין אַרום 1900 פרעגט ברונער: „צי זיינען אַטאָמען, ד"ה, ניט צעטיילבאַרע מאַטעריעלע טיילן, דענקבאַר?" דער שכל קען זיך ניט פאָרשטעלן אַ טייל, וואָס מען זאָל ניט קענען צעטיילן ווייטער, טאַקע אָן אַ גרענעץ. היינט האָט זיך שוין די פיזיקע אַליין אָפּגעזאָגט פון באַגריף פון אַטאָם אין אַבסאָלוטן זין; מער נאָך, מען האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז מאַטעריע ווערט אידענטיפיצירט מיט ענערגיע, אַז די אייגענע דערשיינונג שטעלט מען אַ מאָל פאָר ווי באַשטייענדיק פון מאַטעריעלע טיילן און דאָס אַנדערע מאָל ווי אַ באַשטימטע פאָרעם פון באַוועגונג. בלייבט דאָך אָבער די אַלטע קשיא: וואָס באַוועגט זיך? ד"ה דאָס פּראַקטישע דענקען איז אין דער אמתן ניט דענקבאַר; עס איז נאָר פּראַקטיש. ווען איך האָב געלייענט עדדינגטאָנס באַרימט בוך (Nature of the Physical World) האָט מיך דערשטוינט, ווי דער גרויסער ענגלישער פיזיקער פירט צו זיין אַנאַליז פון דער היינטיקער פיזיקע צו פּונקט דער זעלבער אויפלייזונג פון גאַנצן מאַטעריעלן דענקען, וואָס ברונערס פילאָזאָפיע אַרום 1900. עדדינגטאָן גייט אַזוי ווייט, אַז ער פרעגט, צי מען מוז ניט אָננעמען, אַז דער סובסטראַט, דער יסוד פון דער פיזישער וועלט איז גאָרנישט קיין פיזישער, נאָר אַ גייסטיקער. און אַט דאָס

איז דער ענטפער, וואָס ברונער גיט. עדדינגטאָנס פּרוּוו צו געבן דעם ענטפער אין די לעצטע קאַפּיטלעך פון זיין דערמאָנטן בוך, איז אין גאַנצן ניט געלונגען. פילאָזאָפיע וואָלט ער זיך געדאַרפט לערנען ביי ברונערן. ווען איך האָב ברונערן בשעתו געשיקט עדדינגטאָנס בוך, איז ער געווען אַנטציקט דערפון און האָט געוואָלט, איך זאָל עפּעס אָנשרייבן וועגן דעם אין באַציוּנג צו זיין פילאָזאָפיע. ברונער גיט דעם ענטפער. ברונער רעדט פון דעם, וואָס איז דער יסוד פון אונדזער מאַטעריעלער וועלט.

עס איז ניטאָ דער מענטש, זאָגט ברונער, וואָס דאָס דענקען פון אונדזער רעלאַטיווער וועלט זאָל פאַר אים זיין אַלץ און וואָס ער זאָל זיך באַפרידיקן דערמיט. דער אויבנאויפיקסטער בליק זעט דאָס כסדרדיקע ווערן און פאַרגיין, געבורט און טויט, אויפבוי און צעפאַל, — און ווו איז דאָס זיין? דאָס פּראַקטישע דענקען, — דאָס דענקען פון אונדזער וועלט רוט שטענדיק נאָך אויף אַן אנדער דענקען. און דאָ קומען מיר צו דער צווייטער און דריטער פאַקולטעט פון דענקען, לויט ברונער: דאָס איז דאָס „אַבסאָלוטע דענקען״, און זיין אַנאַלאָג, זיין אימיטאַציע: דאָס „אָבערגלויבישע דענקען״.

וואָס איז אַזוינס דאָס „אַבסאָלוטע דענקען״?

איך האָב ציטירט ברונערס פּאַראַדאָקסאַלע ווערטער וועגן רעלאַטיוון דענקען: „קיין שום געטראַכטס, קיין שום געטראַכטער אינהאַלט פון דענקען איז ניט דענקבאַר״. און ברונער פאַרענדיקט דעם דאָזיקן זאַץ: „דענקבאַר איז נאָר דאָס דענקענדיקע אַליין ווי אַ ניט געטראַכטס״. און מיט דעם רעדט ברונער פון אַבסאָלוט. ער שטעלט עס אַקעגן דעם רעלאַטיוון. דאָס רעלאַטיווע איז געטראַכט, דאָס אַבסאָלוטע איז ניט געטראַכט. דאָס אַבסאָלוטע איז דאָס דענקענדיקע גופא. און דאָס „דענקענדיקע״ איז „דענקבאַר״, ד״ה עס האָט ניט קיין ווידערשפּרוך אין זיך, ווי דאָס דענקען פון אונדזער גשמיותדיקער דינגלעכער וועלט. אָבער עס איז אַ ניט געטראַכטס. ד״ה מען קען עס ניט דענקען ווי די רעלאַטיווע געדאַנקען, ווי דעם אינהאַלט פון אַ געדאַנק. מיר דענקען נאָר גשמיותדיק. און דאָס דענקענדיקע איז ניט גשמיותדיק. קיין שום געטראַכטס קען ניט זיין אָן דעם דענקענדיקן. אָבער דאָס דענקענדיקע גופא איז ניט קיין געטראַכטס. „כאָטש דאָס געוויסטע ווערט ערשט דאָס געוויסטע, דאָס געוואָלטע ווערט ערשט דאָס געוואָלטע נאָר און בלויז דורך דעם דענקענדיקן, ווייס דאָך דאָס דענקענדיקע אַליין גאָרניט נישט, און האָט גאָרניט נישט. און דאַרף גאָרניט נישט״, זאָגט ברונער. ד״ה עס קומט אַרויס דער נאָך גרעסערער פּאַראַדאָקס: „דאָס דענקענדיקע דענקט גאָרנישט ניט״. אָבער אַזאַ פּאַראַדאָקס קומט אַרויס פון דעם, וואָס דענקען האָט דאָ צוויי פאַרשיידענע באַדייטן, וואָס מיר מישן צונויף צוויי „פאַקולטעטן״ פון דענקען. דאָס רעלאַטיווע דענקען איז נאָר פּראַקטיש, ד״ה נאָר פאַר אונדזער לעבן. דאָס אַבסאָלוטע דענקען, דאָס זיין „אַן־און־פאַר־זיך״, האָט גאָרניט נישט צו טאָן מיט אונדזער לעבנס־קאַמף. עס דאַרף ניט האָבן אונדזער וועלט. עס דאַרף ניט דענקען אונדזער

וועלט. און אין דעם זין, אין רעלאַטיוון, דענקט עס גאָרניט נישט. אָבער אויב אַזוי, ווי קענען מיר דאָס דענקענדיקע, ד״ה דאָס אַבסאָלוטע, דענקען? דער ענטפער איז: מיר דענקען עס ניט! אַלץ אַחוץ דעם אַבסאָלוטן ווערט געטראַכט, ד״ה עס ווערט דורך אונדזערע חושים און לאָגישע אָפּעראַציעס ערשט פּראָדוצירט, אָבער די אידייע פון דעם דענקענדיקן ליגט אין אונדז אויף גאָר אַן אַנדער אופן פון אָנהייב אָן.

אפשר קען אַזאַ ביישפּיל מאַכן דייטלעכער וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ: איר גייט אַמאָל שפּעט ביינאַכט, מיד און פאַרשלאָפן, פאַרביי אַ גרויסן שפּיגל. איר דערזעט דאָרט עמעצן, און ערשט שפּעטער כאַפּט איר זיך: דאָס בין איך דאָך אַליין! איך? וואָס האָט יענער מענטש אין שפּיגל מיט מיין איך צו טאָן? איך האָב פון מיר אַ באַוווסטזיין אָן אָט דער חושימדיקער גשמיות־דיקער פאָרשטעלונג. מיין איך איז נישט געווען קלענער, ווען איך בין געווען אַ קינד, און נישט געוואָרן גרעסער, ווען איך בין אונטערגעוואַקסן. מיין איך קען נישט ווערן אַנדערש, ווען מען האַקט מיר אָפּ אַ האַנט — אָדער טאַקע גאָר דעם קאָפּ?! ווען איך זאָל ווערן בלינד און טויב און אָנווערן אַלע חושים, קען זיין, אַז דאָס רופט מען טויט; אָבער מיין איך־באַוווסטזיין בלייבט, נישט אָפּהענגיק פון קיין שום חושים. אָט דאָס „איך־באַוווסטזיין" איז נישט קיין וויסן פון עפּעס, נישט קיין פילן פון עפּעס און נישט קיין וועלן עפּעס. עס איז דאָס באַוווסטזיין פון זיין. אָט דעם באַוווסטזיין קומט גאָרנישט נישט צו פון די חושים, עס ווערט גאָרנישט נישט אָן, ווען עס פעלן די חושים. אָט דאָס, מיין איך, איז ברונערס „דענקענדיקס".

אָבער אויב אַזוי, ווי וועט ברונער קענען רעדן דייטלעך און פּינקטלעך וועגן דעם פאַקולטעט פון אַבסאָלוטן דענקען, ד״ה וועגן אַ דענקען, וואָס האָט נישט קיין באַגריפן און קיין אינהאַלטן? און עס איז אמת, ברונערס הויפּטווערק, צוויי בענדער פון כמעט 1200 זייטן, איז געבליבןביים ערשטן טייל: עס רעדט נאָר וועגן דעם ערשטן פאַקולטעט, וועגן פּראַקטישן דענקען. אַ צווייטער און דריטער טייל איז קיין מאָל נישט אַרויס. און אפשר טאַקע קיין מאָל נישט אָנגעשריבן? — נו, ברונער האָט אָנגעשריבן אַ בוך, און דווקא אַ דיקס, וואָס רעדט וועגן אַבסאָלוטן דענקען. אָבער אין אַן איבער־ראַשנדיקער פאָרעם: דאָס בוך רופט ער אָן „אונדזער קריסטוס" (1921), און עס איז טאַקע אַ ברייטער אַנאַליז פון יעזוסן. דער אונטער־טיטל פון בוך איז: „אָדער דאָס וועזן פון געניוס".

וועגן אַבסאָלוטן קען מען טאַקע נישט רעדן און מען קען עס נישט באַשרייבן פּינקטלעך. מען קען נאָר רעדן וועגן רעלאַטיוון. אָבער מען קען אויפווייזן, ווי דער מענטש, וואָס אין אים לעבט דאָס אַבסאָלוטע, איז גייסטיק מאָדיפיצירט; ווי ער לעבט אונדזער וועלט, דאָס רעלאַטיווע, אויף גאָר אַן אַנדער אופן.

אָט דער מענטש איז דער געניוס.

אָבער פּאַר וואָס קליבט זיך ברונער גראַד אויס יעזוסן? פּאַר וואָס נישט שעקספּירן, אָדער רעמבראַנדטן, אָדער בעטהאָווענען? יעדער קונסט־ווערק איז די בריק פון רעלאַטיוון אַריבער אין אַבסאָלוטן, אַ דערמאָנונג זיך אויפצוּוועקן פון דער פיל־פּאַרעמדיקייט צו דער איינציקייט. אָבער בעת דער קינסטלערישער אָדער דער פילאָזאָפישער געניוס מאַניפעסטירט זיך אין זיינע ווערק, מאַכט דער מיסטיקער, דער מיסטישער געניוס, פון זיין לעבן זיין ווערק. יעזוס, דער מיסטישער געניוס, זאָגט נישט: איך האָב דעם אמת. נאָר — איך בין דער וועג און בין דער אמת. אויך קונסטווערק זיינען „דער וועג״, אָבער דאָ איז דער מענטש אַליין, זיין לעבן דאָס ביישפּיל, ווי עס שטראַלט דאָס דענקען פון דער אייביקייט דורך דורכן דענקען פון דער צייט־לעכקייט, פון אונדזער וועלט.

דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דעם דאַזיקן בוך ברונערס, וועגן „מיסטיק״, געהערט צום קלאָרסטן און אויך גוואַלדיקסטן, וואָס איז ווען עס איז אָנגע־שריבן געוואָרן וועגן מיסטיק. וואָס איך האָב ציטירט וועגן דער פאַקולטעט פון אַבסאָלוטן דענקען האָב איך אַרויסגענומען פון אָט דעם קאַפּיטל.

ווי איז אָבער מיט די מענטשן, וואָס נישט אין פילאָזאָפיע (זי „ווייזט, וואָס זי האָט ליב״), נישט אין קונסט (זי „ווייזט, ווי אַזוי זי האָט ליב״) און נישט אין מיסטיק (זי „ווייס נאָר, אַז זי האָט ליב״), — אַזוי שיידט זיי אונטער ברו־נער — קענען זיי ניט דורכלעבן דאָס אַבסאָלוטע? אויך זיי גאַרן נאָך עפּעס אַן אַבסאָלוט! אָבער אַזוי ווי זיי פאַרבלייבן אין רעלאַטיוון דענקען, אין דער גשמיותדיקער וועלט, און קענען זיך נישט אָפּרייסן דערפון, נעמען זיי אַ רע־לאַטיווס, אַ גשמיותדיקס, און מאַכן עס פאַר אַן אַבסאָלוט.

דאָס איז, וואָס ברונער רופט אָן דער דריטער פאַקולטעט פון דענקען, דאָס אָבערגלויבישע דענקען.

פון דער מיסטיק למשל ווערט אין אָבערגלויבישן דענקען: רעליגיע. דאָס דענקענדיקע, דאָס אַבסאָלוטע, ווערט אַ פּערזענלעכער גאָט. דאָס אייגענע, וואָס מען קען זאָגן פון אַבסאָלוטן, ווערט געזאָגט וועגן גאָט. למשל: ער איז איינער, זאָגן מיר אין שמע־ישראל. מיר רעדן וועגן „מאָנאָטעיזם״. אָבער פּאַר וואָס איינער? פּאַר וואָס נישט אַ סך פּערזענלעכע געטער? דער גע־דאַנק פון אחד קען נישט ווערן געדרונגען פון געדאַנק פון פּערזענלעכן גאָט פון רעליגיע. פון וואַנען נעמט ער זיך? פון אַן אימיטאַציע פון אַבסאָלוטן דענקען. ברונער זעצט איבער שמע־ישראל אויף אַ נייעם אופן. יהוה, זאָגט ער, לויטן שרש מיינט דאָס זייענדיקע. און ער זעצט איבער: „הער, ישראל, דאָס זייענדיקע איז אונדזער גאָט, דאָס זייענדיקע איז איינס״. דאָ באַקומט דער יִדישער הויפּט־אני־מאמין גאָר אַ נייעם מיין — דעם אַלטן אָריגינעלן, זאָגט ברונער, דעם אמתן. דאָס אחד, וואָס יִדן ציען אַזוי, באַדייט, אַז די פיל־פּאַרעמדיקייט פון אונדזער רעלאַטיווער וועלט איז נישט דער אמת, דאָס אַבסאָלוטע זיין איז איינס. „הער ישראל״ מיינט: דערמאָן זיך, פאַרגעס זיך

נישט, מענטש, מאַך נישט איינע פון די רעלאַטיווע זאַכן, עפּעס פון אונדזער גשמיותדיקער וועלט, פאַר אַן אַבסאָלוט, פאַר אַ גאָט! נישט געקוקט אויף דער נויטווענדיקייט צו לעבן די וועלט, פאַרגעס נישט, דערמאָן זיך, ווען דו שטייסט אויף און ווען דו לייגסט זיך אַנידער: אַז נישט דאָס, נאָר דאָס זייענדיקע איז אונדזער גאָט, און אַז דאָס זייענדיקע איז נישט אונדזער פיל־פאַכיקע וועלט פון זאַכן אָן אַ צאָל, נאָר אַז עס איז איינקייט, איינס.

אָבער ישראל הערט נישט, זאָגט ברונער, פון יהוה איז געוואָרן אדוני, אָבערגלויבן.

רעליגיע איז נאָר איין פאָרעם פון אָבערגלויבישן דענקען, פונעם דענ־קען, וואָס אימיטירט דאָס אַבסאָלוטע דענקען. אַן אַנדער פאָרעם רופט ברונער אַן „מעטאַפיזיק". מעטאַפיזיק אימיטירט פילאָזאָפיע. קאַנט למשל איז אַ „מעטאַפיזיקער": ער רעדט פון „דינג אַן זיך", ד"ה ער נעמט דאָס רעלאַ־טיווע, דאָס נאָר געטראַכטע, דאָס דינג, דאָס וואָס האָט נאָר אַ פּראַקטישן זין, און פאַראַבסאָלוטירט עס, מאַכט עס אַ זיין „אַן־און־פאַר־זיך", מאַכט זיך אַ פיקטיוון אַבסאָלוט. דאָס איז אָבערגלויבן, פונקט ווי דער פיקטיווער גאָט פון רעליגיע.

אָבער פון דעם פיקטיוו אַבסאָלוטן דענקען ווערט צוריק אויך אַנגערירט דאָס פּראַקטישע דענקען. דאָרט ווו מען דאַרף דענקען קאַוזאַל, סיבהדיק — דאַוונט מען. דאָס רעלאַטיווע, פּראַקטישע דענקען אַליין קען אויך נאָר זיין ריכטיק און קלאָר, אויב עס באַזירט זיך אויפן אַבסאָלוטן דענקען. אַניט ווערט עס דורכגעלעכערט מיט פיקטיווע פאָרשטעלונגען, אָבערגלויבישע. אונ־דזער פּראַקטיש דענקען איז דאָס דענקען פון אונדזער עגאָאיזם. אויפן אָרט פון באַפרידיקן אויף אַ שכלדיקן און באַרעכטיקטן אופן אונדזער עגאָאיזם, אויפן אָרט פון רעגולירן נאָכן מענטשלעכן שכל נאָך אונדזער קיום און דעם קיום פון אונדזער מין — דאָס רופט ברונער אַן „לעבן עטיש" — געפינען מיר ביי דער „אָבערגלויבישער" מענטשהייט אַ משוגע געוואָרענעם עגאָאיזם — ברונער רופט אים אַן „מאָראַל" — וואָס מאַכט זיך און אַנדערע אומגליקלעך. אָט דער מאָראַל־עגאָאיסט רעדט זיך איין, אַז ער איז גאָרנישט קיין עגאָאיסט, אַז ער איז „גוט". אָבער די אַנדערע זיינען „שלעכט": זיינען עגאָאיסטן! ער פאַראַבסאָלוטירט זיך, פאַרהערלעכט זיך, און דערנידעריקט דעם צווייטן. ער ווערט בלינד און הייבט אָן זען רוחות און גלייבן אין מכשפות.

וועגן אָט דער פאָרעם פון דעם פאַקולטעט פון אָבערגלויבישן דענקען האָט ברונער אָנגעשריבן אייניקע ביכער. דאָס זיינען ביכער — וועגן און קעגן אַנטיסעמיטיזם!

וואָס זאָגן אַנטיסעמיטן וועגן יידן? אַז זיי זיינען שלעכט. זיי דערני־דעריקן אונדז. מאַכן שרעקבילדער פון אונדז. איז דאָס אַן אורטייל? עס איז אַ

פּאָראורטייל, די טיפּישע מאָראַל־קריטיק פון מענטשלעכן עגאָיִסט מיט זיין גדלות. שנאה צו ייִדן איז גלאַט שנאה צו מענטשן, די שנאה, וואָס מען געפינט אומעטום, צווישן אַלטע און יונגע, צווישן שוואַרצע און בלאָנדע, די זעלבע שנאה אָנגעווענדט אויף אַ מינאָריטעט, וואָס שיידט זיך אונטער דורך איר נאָמען, איר אויסזען, פון דער מערהייט. די שנאה צו ייִדן האָט אינערלעך גאָרנישט נישט צו טאָן מיט די ייִדן. וואָלטן די פּראָפּאָרציעס זיך איבער־געדרייט, וואָלטן גויים געוואָרן די מינאָריטעט, וואָלט זיי געליטן דאָס אייגענע פון ייִדן, וואָס ייִדן ליידן היינט פון זיי! — אַ געדאַנק, וואָס קען זיין אי־בעראַשנדיק פאַר אונדז, אָבער אונדז געבן אַ רעאַליסטישן קוק אויפן אַנטי־סעמיטישן פּראָבלעם. שנאה צו ייִדן, דאָס איז נישט מער ווי דאָס עגאָיִס־טישע אינטערעסן־אורטייל געמאַכט פאַר אַ כלומרשט נישט עגאָיִסטישן, נישט אינטערעסירטן, אַבסאָלוטן אורטייל; דאָס איז נישט מער ווי „ממשלת זדון״ (אַזוי רופט זיך אָן איינע פון ברונערס שריפטן), די הערשאַפט פון אָבער־גלויבישן גדלות, אַז דער מענטש, וואָס איז דורך און דורך אַן עגאָיִסט, איז דאָך נישט קיין עגאָיִסט, נאָר עפּעס אַן אַבסאָלוט, אַ מלאך; אָבער די „אַנ־דערע״, זיי זיינען עגאָיִסטן — שדים.

צווישן ברונערס שריפטן האָט דעם גרעסטן דערפאָלג געהאַט טאַקע אַ בוך קעגן אַנטיסעמיטיזם, דאָס שוין דערמאָנטע „דער ייִדן־האַס און די ייִדן״, וואָס אין משך פון דריי יאָר איז עס אַרויס אין דריי אויפלאַגעס און האָט ערשט באַקאַנט געמאַכט ברונערן אין ברייטערע קרייזן.

דאָס בוך רעדט אָבער נישט נאָר וועגן אַנטיסעמיטיזם, נאָר אויך וועגן ייִדן. און איך האָב שוין געזאָגט, אַז ברונער איז צוליב זיין קאָנצעפּציע פון שטאָט אַן אַסימילאַטאָר. ברונער אַליין, וויסנדיק אַז איך בין נישט מסכים מיט אים, האָט מיר אַמאָל געוויזן אַ ייִדישן פעליעטאָן, וואָס דער פאַרשטאָר־בענער ד״ר קאָראַלניק האָט געהאַט אָנגעשריבן וועגן אים אין ניו־יאָרקער „טאָג״ און ווו ער רופט אָן ברונערן „דער גרויסער ייִד״, ווייל נישט געקוקט אויף זיין אַסימילאַטאָרישקייט איז ברונער פעסט איבערגעצייגט אין דער אייביקייט פון ייִדנטום, וואָס מיר זיינען ווייט נישט אַזוי פעסט איבערגע־צייגט אין דעם.

ווען איך האָב ברונערן אָנגעוויזן, אַז דער קיום פון אונדזער פאָלק לאָזט זיך דערקלערן צוליב דעם פאַקט וואָס ייִדן זיינען הונדערטער יאָרן געווען אָן אָפּגעזונדערטע עקאָנאָמישע שיכט, האָט ער מיר, טאַקע ווידער אַמאָל אין אַ בריוו נישט לאַנג פאַר זיין טויט, געענטפערט, אַז ביי ייִדנטום האַנדלט זיך וועגן אַ סך אַ טיפערער זאַך ווי עקאָנאָמיע. איך ווייס, אַז געמיינט האָט ער מיט ייִדנטום דעם געדאַנק: יהוה־אחד.

און אַוודאי קען מען זאָגן, אַז אַ גרויסער ייִד איז נפטר געוואָרן אין האָג דעם 27טן אויגוסט 1937 פונקט ערב זיין 75טן געבוירנטאָג — אַ מין

מאָדערנער רבי, וואָס ספּעציעל ייִדן וואָלטן זיך געדאַרפט צוהערן צו אים. און דערלויבט מיר צום סוף געבן דאָס וואָרט טאַקע דעם רבין אַליין. זיינע אייגענע ווערטער, אין זיין אייגענעם שפּילעוודיקן, טאַפּלזיניקן, טיפזיניקן סטיל, וועלן געבן אַ בילד פון דער פּערזענלעכקייט, דער אייגנאַרטיקער, פּאַ־דערנדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס דער פילאָזאָף קאָנסטאַנטין ברונער שטעלט מיט זיך פאָר. עס זיינען די פּאָר ווערטער, וואָס ברונער האָט געזאָגט ביי זיין 70טן געבוירנטאָג:

„ליבע קינדער! מיין אומדאַנקבאַרקייט, וואָס איך דאַרף אייך דאָך איצט אַרויסווייזן אין עפּעס אַ פאָרעם, איז פונדעסטוועגן נאָך אַלץ אַזוי ווייט פון דער געוויינלעכער מענטשלעכער דאַנקבאַרקייט — אומגעפער אַזוי ווייט ווי דער נאָנטסטער ספּיראַל־נעפּל פון אונדז: מיר דאַכט זיך אַ 850,000 ליכט־יאָרן. אויף אַ האָר נישט — בין איך ניט פאַרשעמט, וואָס איר ווייזט מיר אַזוי אַרויס אייער ליבשאַפט. היות ווי מיר זיינען דאָך אַלע עגאָיִסטן, ווייס איך, אַז קיינער פון אייך האָט מיך נישט ליב פון מיינעטוועגן, פּונקט ווי איך האָב נישט ליב קיינעם פון אייך פון אייערטוועגן — פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך ליב וווּנדערלעך און אמתדיק. מוז עס טאַקע זיין די ליבשאַפט פון דעם טיפערן וואָרצל, וואָס זי אַליין נאָר איז ווערט דעם נאָמען ליבשאַפט. אָט די ליבשאַפט איז דערוועקט אין אונדז און פאַראייניקט אונדז.

„מיט מיין ווערק בין איך קיין אַנדער זאַך נישט אויסן ווי אייניקן; דאָס איז דאָך זיין גאַנצער קלאַנג און געזאַנג. און דאָ, אמת, פעלן נאָך אויס ליבהאָבער. די וועלט וויל בלייבן צעקריגט, די וועלט איז דער קריג; דער קריג ווייס מיך נאָך נישט.

„דאָס ביסל צופּלוס היינט, דאָס וואָס די צייטונגען דערמאָנען מיין נאָמען — דאָס איז אַ מין צדקה־זאַך, נדבה־צענערלעך, איינגעוויקלט אין פּאַפּיר און אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער. דאָס איז נאָך נישט פון דעם מין, וואָס זאָגט אָן אַ וואַקסנדיקע באַוועגונג. און מיין לעבן וועט אַוועקשווימען מיטן אָפּ־פלוס.

„איך וועל משמעות שטאַרבן, ובפרט אַזוי ווי איך בין איצט שוין אַן אַלטער — אַלטע לייט זאָלן גאַרניט געבוירן ווערן! — איך וועל טאַקע משמעות שטאַרבן — איך קען נישט פאַרטראָגן דעם קריג, איך קען נישט פאַרטראָגן די רעלאַטיוויטעט. איך בין צו אַבסאָלוט. דעריבער האָב איך קיין מאָל נישט געקענט גלאַטיק לעבן אָדער גלאַטיק שרייבן. אַזוי קלאָר בין איך זיך וועגן דעם, אַז איך בין נישט אין דער אמתן אַ מענטש, ווי אַן אַקטיאָר איז זיך קלאָר, אַז ער איז נישט אין דער אמתן דער קיניג אָדער בעטלער, וועלכן ער שטעלט פאָר. מען האָט אַ מאָל געפרעגט אַ גרויסן אַק־טיאָר, צי ער לעבט טאַקע באמת דורך זיין ראָלע. האָט ער געענטפערט: אויף דעם וואָלט איך געדאַרפט זיין נישט קיין אַקטיאָר נאָר אַ משוגענער!

„אחר המעשה, ווען עס וועט פאַר מיר זיין נאָך אַלעמען אויפן טעאַטער פון דער רעלאַטיווקייט — אחר המעשה וועט ווירקן דורך מיר, וואָס איז נישט פון מיר; דאָס וואָס איר האָט ליב אין מיר. אָט דאָס אַלגעמיינע, דאָס פאַר־אייניקנדיקע — דאָס דענקען און די וויזיע פון דעם וואָס דערשיינט און וואָס איז אונטער דער דערשיינונג. וואָרעם איך בין געפאָרן איבערן לעבן, איבער דער רעלאַטיווקייט, דוכט זיך, נישט אַכטלאָז, נישט אַנונגלאָז — ווי ס'ריוב מענטשן פאָרן איבערן ים; טראַכטן נאָר וועגן זייער פאָרן אויפן וואַסער און האָבן קיין אַנונג נישט פון די לענדער אונטער זיי, איבער וועלכע זיי פאָרן, פון די פאָרמען און אייגנשאַפטן פון די דאָזיקע לענדער אין זייערע הייכן און זייערע טיפן. יאָ, מיין לעבן — זאָל איך אַליין זאָגן, מיט וואָס איך, קען זיין, שייד זיך אונטער פון אַ סך אַנדערע? איך האָב בעסער גע־ווּסט ווי אַנדערע: מיין לעבן געהערט נישט מיר; און דעריבער האָב איך קיין מאָל נישט געפּרוּווט צו לעבן מיין לעבן! און אויב איך האָב רייכטום געשענקט אַ וועלט, וואָס מוז בלייבן אָרעם, האָב איך דאָך געקענט מיטלעבן מיט אַ סך — איך האָב זיי פונעם לעבן, וואָס געהערט זיי נישט, געבראַכט צו דעם „איינעם", וואָס געהערט זיי יאָ, אַזוי אַז — צוליב אָט דער באַ־זינונג — האָט צו זיי איצט דאָס לעבן אויך בעסער „געהערט" ווי פריער. און אַזוי וועל איך — נישט „איך" — אין דער צוקונפט לעבן; מיין לעבן וועט זיין מיטן לעבן פון די מענטשן. דאָס זאָלט איר וויסן זיין, אויך ווען אָט דאָס וועט זיין געשטאָרבן, וואָס איר האָט דאָס דאָך גאָר נישט ליב. קיינער זאָל נישט וויינען, ווען עס וועט פאַר מיר פאַרביי זיין אָט די רגע, וואָס וועט נישט זיין געוועזן. דאָס לעבן גייט אַזוי טיף אַראָפּ אין „דאָס אַלץ און דאָס איינע", אַז מורא האָבן פאַרן טויט אָדער אים באַוויינען דאַרף ווערן אָנגערופן דער עיקר־חטא פון דענקען און פון לעבן.

„שיין איז דאָס לעבן, כאָטש עס איז באַגלייך אויך שרעקלעך. און מחמת מיר לעבן שוין אַ מאָל, לאָמיר ליב האָבן דאָס לעבן וואָס מער מיר באַנוצן זיך מיט דעם אויף אַ העכערער מדרגה און באַפעסטיקן זיך אינעם אמת, וועלכער איז באַגלייך די ליבע צום לעבן. מיר זיינען דאָס „איינע"; דאָס „איינע" וואָס מיר האָבן עס ליב אין אַלע זיינע פאַרקליידונגען און פאַרלייידונגען. זייט מקבל מיינע גרוסן צום לעבן, איר געליבטע לעבעדיקע; און גליקלעך בין איך, וואָס איר פייערט נישט מיך און האָט נישט ליב מיך, נאָר דאָס לעבן און דאָס איינע. ווונדערבאַר איז דאָס זיין; יעדערער פון אייך איז ווונדער־לעך און אייביק. וועגן דעם דאַרף איך נישט פאַרלירן קיין ווערטער, ווייל איך האָב נישט קיין ווערטער; ס'איז נישטאָ קיין ווערטער דערפאַר. דאָס איז פילאָזאָפיע וואָס וויס: וויסן און ווערטער זיינען נאָר פאַרן לעבן, פילאָ־

זאָפּיע איז איבערגאַנג פונעם וויסנדיקן דענקען צום זיין. און איצט ענדיק איך אָן שהיות, מיין בלייפּעדער איז אָפּגעבראָכן, איר זאָלט האָבן אַ רמז: ס'איז נישטאָ קיין סוף".

ביבליאָגראַפיע:

Constantin Brunner.

1. Die Lehre von den Geistigen und vom Volke, Berlin, 1908.
2. Spinoza gegen Kant, Berlin, 1910.
3. Der Judenhass und die Juden, Berlin, 1918.
4. Memscheleth sadon, Berlin, 1920.
5. Unser Christus, Berlin, 1921.
6. Der Judenhass und das Denken, Berlin, 1922.
7. Liebe, Ehe, Mann und Weib, Potsdam, 1924.
8. Vom Einsiedler Constantin Brunner, Potsdam, 1924.
9. Aus meinem Tagebuch, Potsdam, 1928.
10. Materialismus und Idealismus, Potsdam, 1928.
11. Von den Pflichten der Juden und von den Pflichten des Staates, Berlin, 1930.
12. Unser Charakter, Zürich, 1939.

דער אינלענדישער האַנדל פון פוילישע ייִדן אין 16טן און 17טן י״ה[1]

(מקורים צו דער געשיכטע פון ייִדן אין פוילן אויפן יסוד פון דער רבנישער ליטעראַטור).

פון מרדכי קאָסאָווער

אַ טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט איז אונטערן זעלבן נאָמען פאַרעפנטלעכט אין אַן אַנדער אָרט[2]. דאָרט איז, צווישן אַנדערע, אָנגעוויזן מיט וואָס האָבן ייִדן אין פוילן געהאַנדלט און ווי אַזוי איז זיי אויסגעקומען צו פירן זייער מסחר; עס זײַנען געבראַכט אײנצלהייטן וועגן דעם שווערן גורל פון ייִדישן סוחר אויף די וועגן; זיך טיילווייז אָפּגעשטעלט אויף די פאָרמען פון ייִדישן האַנדל און לסוף איבערגעגעבן אַ ריי פאַקטן וועגן יענע ייִדישע סוחרים, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צושטעלן פאַרשיידענע פּראָדוקטן און אַרטיקלען פאַרן מיליטער און וואָס זײַנען מער באַקאַנט אונטערן נאָמען מאַרקעטענער. דאָ ברענג איך ווייטערדיקע פּרטים וועגן דעם ייִדישן האַנדל צו יענער צייט, וואָס וועגן אים דערציילן אונדז אונדזערע מקורים.

די צאָל ייִדישע קליינהענדלער איז, ווייזט אויס, געווען אַ גאַנץ גרויסע. קיין ציפערן וועגן זיי פאַרמאָגן מיר נישט, ווייל זייער זעלטן קען מען אין די שאלות־ותשובות געפינען סטאַטיסטישע אָנגאָבן און אין אַזעלכע פאַלן קומט אויס זיך צו ווענדן צו אַרכיוו־מאַטעריאַלן. אַז ס׳זײַנען אָבער געווען אַ סך קרעמער־קליינהענדלער, קאָן מען זען פון דער קאָנקורענץ, וואָס עס האָט געהערשט צווישן זיי און וואָס וועגן איר דערציילט אונדז ר׳ מרדכי יפה אָט וואָס: „— — — פון דעם, וואָס איך האָב איצט געזען אין אָט די מדינות[3] איז דאָס, וואָס צוליב דעם פאַרשפּרייטן האַנדל און משא ומתן וואָס קומט פאָר צווישן די סוחרים („שמורגל בין הסוחרים שמחמת רוב הסתחרות

---

[1] אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט א״נ „די עקאָנאָמיק פון ייִדן אין פוילן אין 16טן אין 17 יאָרהונדערט“. דאָרט קומט אויך דער גאַנצער פאַרגלייכיקער מאַטעריאַל מיט אַנדערע פרעמד־שפּראַכיקע מקורים. פון דער רבנישער ליטעראַטור האָבן מיר דאָ בלויז געבראַכט אויסצוגן פון שאלות־ותשובות, בעת די אָנווייזן פון דרוש־און־מוסר־ליטעראַטור האָבן מיר דערווייל אויסגעלאָזט.

[2] אין „ייוואָ־בלעטער“, ווילנע 1937, ב. 12, נומ׳ 4־5, ז״ז 533־545.

[3] דעם גרעסטן טייל פון זײַן לעבן איז ער געווען רב אין פוילן — אין גראָדנע, לובלין, קרעמעניץ און פּויזן. אַ קורצע צייט איז ער געווען רב אין זײַן געבוירן־שטאָט

ומשא ומתן שיש להם זה עם זה״), זיינען זיי געוואוינט צו געבן אַ סך אויף באָרג. און ווען עס איז פעליק די צייט צו צאָלן און מ׳צאָלט זיי ניט, איז זייער שטייגער צו געבן זייערע בעלי־חובות לאַנגע טערמינען און זיי מאַכן איין פשרה נאָך דער אַנדערער — — ביז עס קלייבט זיך אָן פראָצענט אויפן קרן און דער לווה פטרט זיך אָפּ מיט גאָר ווייניק אָדער ער באַפרייט זיך פון זיין חוב דורך די פראָצענטער וואָס עס קומט אַרויס פונעם געלט און אויף אַזאַ אופן פאַרדינט דער לווה כמעט דעם גאַנצן קרן און דאָס איז זייער אַן אָפּטע דערשיינונג ביי די סוחרים״ („וזה דבר מצוי ורגיל הרבה בין הסוחרים״) [4].

וואָס שייך קאָנקורענץ צווישן סוחרים טרעפן מיר זיך דערמיט איבער־הויפּט אין צוזאַמענהאַנג מיט די רעכט פון „חזקת הישוב״, ד. ה. די רעכט צו וואוינען אויף שטענדיק אין אַ באַשטימטן אָרט און פריי צו האַנדלען דאָרט, וואָס איז ווידער געווען פאַרבונדן מיט די פליכטן צו באַטייליקן זיך אין אַלע שטייערן און אָפּצאָלן פון דעם יישוב. אין אַ פריערדיקן פאַל וועגן קאַראַבעלניקעס, ייִדן דאָרפסגייער, האָבן מיר געזען [5], אַז זייער רעכט צו האַנדלען איז געווען באַגרענעצט אויף באַשטימטע אַרטיקלען — געווירצן און צירונג פאַר פרויען. אויב זיי האָבן אָבער געוואָלט האַנדלען אויך מיט אַנדערע אַרטיקלען און זיך באַזעצן אויף שטענדיק, האָבן זיי דאָס געקאָנט טאָן נאָר מיט דער צושטימונג פון די איינוואוינער פון דער געהעריקער שטאָט.

מער אויספירלעך וועגן דעם געפינען מיר ביי דעם בעל־הלבושים אין דעם טייל פון די דינים, וואָס טראָגט דעם בפירושן נאָמען „הלכות נזקי שכנים״, דינים וועגן שאָדנס וואָס שכנים קענען האָבן. דאָרטן ווערט אָנ־געוויזן, אַז איינוואוינער פון שטאָט קענען פאַרווערן סוחרים צו האַנדלען אויב זיי באַטייליקן זיך נישט אין די שטייערן. דאָס איז גערעדט אין פאַל ווען די סוחרים האַנדלען „אויפן שטייגער פון קרעמער״, ד״ה, ווען זיי פאַר־קויפן זייער סחורה לאחדים. אויב אָבער זיי קומען אין שטאָט אַריין און פאַרקויפן זייער סחורה אויף אַמאָל, קאָן מען זיי אין דעם ניט שטערן. דערביי איז אָבער איינגעשטעלט געוואָרן אַ באַגרענעצונג, אַז פאַרקויפן קאָנען זיי נאָר אויפן מאַרק און באין אופן טאָרן זיי נישט גיין מיט זייערע

פראָג און אַן ערך צען יאָר איז ער געווען אין איטאַליע, ווו ער האָט געלערנט וועלט־לעכע וויסנשאַפטן. אין זיינע ספרים, וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען „לבושים״, רעדט ער מערסטנטייל וועגן די מנהגים און פירונגען אין פּ ו י ל ן און אין דייטש־לאַנד, וואָס יוסף קאַרו האָט, אין זיין באַרימטן חיבור „בית יוסף״ אויפן שולחן־ערוך, אויסגעלאָזט.

[4] לבוש עיר שושן, סי׳ קכ״ח, א, — מיר ציטירן פון דער קראָקעווער אויסגאַבע, פון יאָר שנ״ח (1598).

[5] „ייוואָ־בלעטער״, דאָרט, ז׳ 538.

סחורות איבער די הייזער [6]. נאָך איז פאַראויסגעזען, אַז סוחרים פון איין שטאָט מעגן זיך קעגנשטעלן סוחרים פון אַנדער שטאָט, אויב די לעצטע פאַרקויפן אויפן זעלבן פּרייז ווי די שטאָט־לייט און אויב זייער סחורה איז פון דער זעלבער קוואַליטעט. אויב אָבער זייער סחורה איז אַ בעסערע און אַ ביליקערע, קאָן מען זיי גאָרנישט נישט טאָן, „ווייל דאָן געניסן פון איר די יִדן וואָס וואוינען דאָרטן." דאָס גלייכן קאָן מען זיך נישט קעגנשטעלן אין פאַל, ווען פרעמדע סוחרים ברענגען מיט זיך אַ סחורה, וואָס איז אין שטאָט נישט פאַראַן.

געוויסע קאָנצעסיעס זיינען געווען פאַרויסגעזען פאַר סוחרים, וואָס זיינען צוליב אַ סכנה אַנטלאָפן פון זייער היים און זיך ווייטער פאַרנומען מיט זייער האַנדל אין דעם נייעם וווינאָרט „ביז די געפאַר וועט אַריבערגיין" („עד שיעבור זעם"). זיי האָבן זיך אָבער געדאַרפט באַטייליקן אין די אַל־געמיינע שטייערן פון קהל נאָך זייערע פאַרדינסטן נאָך („כפי מיעוט עסקם"). אויב אָבער סוחרים האָבן זיך געוואָלט באַזעצן אויף שטענדיק און צאָלן שטייערן, איז געווען אַ מיינונג, אַז זיי מעגן דאָס טאָן, „ווייל יעדערער קאָן וווינען ווו ער וויל, ווייל די ערשטע (וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט) האָבן נישט קיין חזקה אויף דער שטאָט און דער הערשער אַליין וויל דאָך, אַז יעדערער זאָל זיך קענען באַזעצן אין דער מדינה." אַנדערע האָבן אָבער געהאַלטן, אַז די שטאָטלייט קאָנען פּראָטעסטירן קעגן דעם און דערביי מאַכט דער בעל הלבושים אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג: „אַזוי איז מען זיך דער עיקר נוהג אין אונדזער צייט, ווען מ׳ווינט צווישן די אומות העולם, ווייל מ׳האָט מורא, אַז דורך דעם וואָס עס וועט זיך פאַרגרעסערן די צאָל איינוואוינער קאָן נאָך דערפון ארויסקומען אַ צרה פון די גויים" (וכן נוהגין בפרט בזמן הזה שדרים תחת האומות ויש לחוש שאם יתוספו הדיורין שיבא להם קילקול על ידי זה מן הגוי׳"). דעריבער טאַקע איז די אַלגעמיינע מיי־נונג אין אַזעלכע פאַלן אַזאַ: „אויב די שטאָטלייט קאָנען פאַר עמעצן פאַרשפּאַרן די טיר און זיך משתדל זיין ביים מושל ער זאָל נישט דערלאָזן צו וואוינען דאָרטן צוזאַמען מיט זיי אָדער אים פאַרווערן צוליב אַן אַנדער סיבה — האָבן די שטאָטלייט דאָס רעכט אַזוי צו טאָן." זיי קאָנען אַפילו אויסרופן אַ חרם, אַז מ׳זאָל נישט האַנדלען מיט די ניי־אָנגעקומענע, וואָס קומען וווינען אָן זייער רשות [7].

דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן דער פאָרמעל־יורידישער זייט פון ענין קאָנקורענץ. לאָמיר איצטער זען, ווי האָט מען זיך פּאַקטיש נוהג געווען אין אַזעלכע פאַלן. אָט האָבן מיר פאַר זיך אַזאַ ענין: סוחרים פון אַ געוויסער שטאָט האָבן עטלעכע יאָר געהאַנדלט אין אַן אַנדער שטאָט „ווייל

[6] תקנות אין דעם זעלבן זינען זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן דורכן „ועד ארבע ארצות" און „ועד מדינת ליטא".

[7] גענויער וועגן דעם אַלעם אין „לבוש עיר שושן", הלכות נזקי שכנים, סי׳ קנ״ו, ו.

זי געהערט צו זייער בית־דין און צו זייער קרייז" („באשר היא שייכא לב"ד שלהם והיא שייכא לפרווהא דידה"). די שטאָטלייט האָבן קעגן דעם נישט פּראָטעסטירט צוליב דעם וואָס עס איז געווען אַ שותפות צווישן זיי און דער עיקר צוליב דעם, וואָס די געקומענע סוחרים זיינען געווען תקיפים. אָבער יעדער מאָל פּלעגן זיך די שטאָטלייט באַקלאָגן אויף די סוחרים וואָס קומען האַנדלען אָן זייער רשות. לסוף האָט זיך געטראָפן, אַז די שטאָט־לייט האָבן באַקומען אַ כח און זיי האָבן געצוווּנגען די סוחרים צו גיין צום בית־דין. די דיינים האָבן צווישן זיי געמאַכט אַ פּשרה אין דעם זינען, וואָס כל זמן די סוחרים וועלן האָבן שותפים אין דער גרויסער שטאָט ווו זיי האַנדלען, זאָלן זיי געבן אַ געוויסע סומע פאַר די שטייערן פון די שטאָטלייט און דאַן וועלן זיי שוין נישט קאָנען פּראָטעסטירן. אַזוי האָט די פּשרה אָנ־געהאַלטן אַ לענגערע צייט. נאָר אָט האָט זיך געמאַכט אַ מעשה און ס'איז געקומען צו אַ קריגעריי צווישן די שטאָטלייט און אַ טייל פון די סוחרים. די שטאָטלייט האָבן געטענהט, אַז מ'האָט אָנגערירט זייער כבוד און אַז די סוחרים האָבן אויסגערעדט אויף דער שטאָט. האָבן זיך צונויפגעקליבן די שטאָטפירער און האָבן אָנגענומען אַ באַשלוס נישט צו דערלאָזן מער די סוחרים האַנדלען אין שטאָט און האָבן מיט דעם אַוטאָריטעט פון קהל („בגזירת הקהל") פאַרווערט אַריינצוגיין אין שותפות מיט עמעצן פון דער צווייטער שטאָט. אויף דעם האָבן זיך יענע מתרעם געווען און געזאָגט: „אַז איינער האָט זיך פאַרזינדיקט, ווילט איר אייער כעס אויסלאָזן אויף דער גאַנצער שטאָט? און נאָך עפּעס: נאָך דעם ווי מיר זיינען שוין פריער דורכגעקומען צווישן אונדז, האָט איר נישט קיין רעכט נישט צו דערלאָזן האַנדלען אין אייער שטאָט. דערצו נאָך ברענגט איר מיט אייערע גזירות נאָר שאָדן צו אַ סך פון אייערע שטאָטלייט, וואָס ווילן מיט אונדז האַנדלען צוליב דעם, וואָס מיר לאָזן ביליקער אונדזערע סחורות — — —. ענטפערן אויף דעם די שטאָטלייט: הגם מ'האָט פריער געמאַכט אַ פּשרה, האָבן מיר אָבער דעם כח דורכצופירן תקנות ווי מיר ווילן בפרט נאָך וועגן דעם, אַז מען זאָל מיט אייך נישט זיין קיין שותפים. די פּשרה איז נישט אויף אייביק און די שטאָטלייט קענען אָננעמען וואָסערע תקנות זיי ווילן און קיינער קען זיי וועגן דעם קיין וואָרט נישט זאָגן" („— — — ואף כי הפשרה אינה נצחית רק יש לבני העיר לתקן מה שירצו ואין מוחה בידם")[8].

דער רמ"א, וואָס צו אים האָט מען זיך געווענדט מיט דער פראַגע, האָט זיך גראָד נישט געשטעלט אויף דער זייט פון דער מערהייט און ער ענט־פערט אָט וואָס: „עס איז אַ קלאָרע זאַך, אַז די טובי העיר קאָנען אָננעמען תקנות וואָס זאָלן זיין על פי הדין און קאָנען מיט גוואַלד נישט גיין אַקעגן יחידים, און די מערהייט האָט נישט דאָס רעכט צו באַרויבן דעם יחיד. — — אויסער דעם — — האָט נישט דער קהל קיין רשות אָנצונעמען אַ

[8] שו"ת הרמ"א, אַמסטערדאַם תע"א, סי' ע"ג.

תקנה און אַרויפוואַרפן זי אויף אַנדערע, בעת אַ טייל געניסן פון איר און אַ טייל האָט דורך איר שאָדן" („— — ועוד — — דאין רשות ביד הקהל לעשות תקנה להסיע על קצתן במקום דאיכא רווחא להאי ופסידא להאי")[9].

אַן אינטערעסאַנטער פּאַל ווערט דערציילט ביים מהר"מ מלובלין וועגן זייער אַ בכבודיקן סוחר, וואָס האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געפירט זייער אָרנט־לעך און איז אויף זיין האַנדלסוועג געקומען אין אַ קהלה מיט אַ סחורה, וואָס מ'האָט זי דאָרט נישט געטאָרט אַריינפירן. עטלעכע קהילה־לייט האָבן אים גראָד געהאַט געפּרעגט אונטערן שטראָף פון חרם, אויב ער פירט מיט זיך אָט די פאַרבאָטענע סחורה. „און אַזוי ווי אָט דער ערלעכער מאַן האָט געוווסט, אַז אָט די לייט זיינען זיינע שונאים און האָט געהאַט מורא, אַז טאָמער וועט ער אַריינפאַלן ביי זיי אין די הענט וועט מען אים שטרענג באַשטראָפן נישט לויט זיין כבוד נאָך, האָט ער זיך נישט געקימערט אויף זייערע רייד און זיך נישט מודה געווען. וואָס־זשע האָבן אָט די קהילה־לייט געטאָן ? זיי האָבן אָוועקגעשיקט מענטשן צו זוכן אין הויז ווו ער איז איינ־געשטאַנען מיט זיין סחורה און זיי האָבן טאַקע געפונען פון דער זעלבער סחורה און דעריבער האָבן זיי געוואָלט פאַרפלעקן זיין נאָמען („להבאיש את ריחו") און קנסענען אים מיט האַרבע שטראָפן. דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן צוליב דעם, וואָס אָט דער מאַן איז זייער אַ באַקאַנטע פּערזאָן („ובאשר אותו האיש יש לו יד ושם בגדולי ארץ"). איצט ווילן אַ טייל קהל־לייט אים מבזה זיין און דערקלערן אים פאַר נישט קיין ערלעכן מאַן („ועתה רוצים לפגום מקצת מבני הקהלה בכבודו ולהוציאו מחזקת כשרותו") — — מחמת דעם, וואָס ער איז עובר געווען אויף זייער חרם, וואָס זיי האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט"[10].

מיר הערן אויך פון אַ פּאַל, ווו קהל האָט געוואָלט אָננעמען רעפּרעסיעס קעגן איינעם און פאַרווערן אים צו האַנדלען אין זייער שטאָט, אויב ער וועט זיך נישט באַטייליקן אין די שטייערן: „ — — און נאָך טענהן די איינוואוינער פון דער אויבנדערמאָנטער קהלה און זאָגן: אויב דו ווילסט נישט טראָגן דעם יאָך צוזאַמען מיט אונדז, וועלן מיר דיר נישט לאָזן האַנדלען דאָ מיט קיין זאַך" („— — אם אין רצונך לישא בעול עמנו נעכב עליך להרויח פה בשום משא ומתן")[11].

וועגן דעם, אַז קיין פרעמדע טאָרן נישט האַנדלען ערגעץ ווו, נישט באַקומענדיג אויף דעם קיין דערלויבעניש, הערן מיר אויך צום סוף פון זי־בעצנטן יאָרהונדערט אין דעם ענטפער וואָס ר' אליקום געץ ב"ר מאיר,

---

[9] דאָרט, אין דער תשובה.

[10] שו"ת מהר"מ מלובלין, ווענעציע שע"ט, סי' נ"ח.

[11] שו"ת פני יהושע, חלק שני, לעמבערג 1860, סי' צ"ו, די תשובות געהערן צו דער ערשטער העלפט פון 17טן י"ה.

ער מחבר פונעם שו״ת־ספר „אבן השהם ומאירת עינים״, גיט וועגן איינעם ייִדן וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַשטרוד, דייטשלאַנד. עס ווערט דאָרט עגן אים דערציילט, אַז ער „האָט געגעבן מתנות די אַמטלייט און די ערשער, אַז קיין ייִד זאָל דאָ נישט קענען קומען האַנדלען און האָט פאַר־אַכט די טיר פאַר אַלע ייִדן״. ענטפערנדיק אויף דער טענה פון קהל, אָס פאָדערט, אַז מ׳זאָל אויף דעם ייִדן „מכריז זיין פאַר אַלעמען, אַז ער יז אַ רשע גמור״ („וגם להכריז עליו ברבים שהוא רשע גמור״), זאָגט ער: עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, וואָס איז אַלעמען באַוווּסט, אַז אין מדינת פוילן יז פאַראַן אַן אָנגענומענער מנהג, אַז דער וואָס וואוינט אונטער אַ שררה, אָר נישט האַנדלען און פירן קיין משא ומתן אין אַן אָרט ווו ייִדן וווינען״ [12].

ענלעכע באַדינגונגען האָבן אויך געהערשט אין ליטע, און דער ליט־ישער וועד האָט אויף זיינע סעסיעס אָנגענומען די געהעריקע תקנות. אַזוי ערן מיר אויף דער סעסיע פון יאָר שפ״ג (1623), אַז די דריי קהלות בריסק, ראָדנע און פינסק האָבן זיך באַקלאָגט „אויף פרעמדע מענטשן פון אַנדערע רטער וואָס קומען האַנדלען און דורך דעם נעמען זיי אַוועק פרנסה פון די וטאָטלייט״. דער באַשלוס, וואָס דער וועד האָט אָנגענומען, „פאַרווערט י אין גאַנצן צו האַנדלען מיט קריסטן״ („עלה ונגמר למחות על ידם מלישא ליתן עם גויים כל עיקר״). יעדע שטאָט האָט זיך, לויט דער תקנה, דאָס עכט פעסטצושטעלן די צאָל טעג, וואָס אַ סוחר פון דער פרעמד קען דאָרט אַרברענגען „לויט דער סחורה נאָך און לויטן סעזאָן נאָך.״ דאָס זעלבע יז אויך גילטיק אויף סחורות, וואָס מ׳באַקומט פון פרעמדע סוחרים צו אַרקויפן זיי „בתורת אויף גיזעצט״, ד״ה סחורה, וואָס מ׳באַקומט אויף אָמיסיע [13]. אין דעם האָט מען אָבער אויך געזען אַ שטאַרקע קאָנקורענץ ון אין אַ שפּעטערדיקער תקנה פון יאָר שפ״ח (1628) האָט מען אָנגענומען באַשלוס אין גאַנצן צו פאַרווערן אויפצונעמען אַזעלכע סחורות „פון אַנ־ערע ערטער אין מדינת פוילן״ ווי אויך „פון אַנדערע קהילות אין מדינת יטע״. פאַרן נישט אָפּהיטן דעם באַשלוס ווערט מען געוואָרנט מיט קאָנ־יסקירן די סחורה („בקנס איבוד סחורה ההיא״) [14].

געניע האַנדלס־פאַרהעלטענישן צווישן ווילנער סוחרים און די אַנדערע מדינות ליטא״ זיינען דורכן ליטווישן וועד איינגעשטעלט געוואָרן אין יאָר וצ״ד (1634) נאָך דעם, ווי ווילנער מנהיגים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז עס ומען סוחרים פון „מדינות ליטא״ און נעמען אַוועק פרנסה ביי די ווילנער. ויך דאָ איז די אויסערשטאָטישע סוחרים פאַרווערט געוואָרן צו פאַרקויפן אחדים („על יד על יד״). אין די תקנות איז אויך אויסגערעכנט דער מי־

[12] שו״ת אבן השהם ומאירת עינים, דירנפורט תצ״ג, סי׳ כ״ח.

[13] פנקס מדינת ליטא, סי׳ ח׳, ז׳ 4־5.

[14] דאָרט, סי׳ קע״ב, ז׳ 93.

נימום, וואָס סוחרים פון דער פרעמד מעגן פאַרקויפן פון בראָנפן, האָנ
לייוונטענע בגדים, בשמים און גלאָזוואַרג. עס זיינען אויך איינגעשטע
געוואָרן טערמינען ווען מ׳מעג פאַרקויפן צו גויים און ייִדן. עס איז אָב
צוגעגעבן געוואָרן, אַז מיט אַ ספּעציפישן ווילנער האַנדל טאָר מען זיך ני
פאַרנעמען און מ׳מעג פאַרקויפן נאָר אַזעלכע סחורות, וואָס מ׳האָט געבראַ
פון דער פרעמד, אָבער אַ סחורה וואָס מ׳האָט אויפגעקויפט אין ווילנע מ
מען אין שטאָט גופא נישט פאַרקויפן [15]. ווי אַ קאָמפּענסאַציע איז, ווי
אויס, די ווילנער סוחרים געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו האַנדלען „אין ז
שטעטלעך, דערפער און ישובים“ פון די דריי אַנדערע ליטווישע קהילות

:: :: ::

אין אונדזערע מקורים געפינען מיר אויך ידיעות וועגן דעם אָנטייל
פרויען אין האַנדל, וואָס וועגן זיי דריקט זיך אויס דער מהרש״ל: „— —
היינטיקן טאָג האַנדלען אויך אונדזערע פרויען אין דער היים אָנשט
זייערע מענער, און דער מאַן איז מחוייב צו באַצאָלן פאַר אַלץ וואָס מ׳מ
פון זיי“ („— — ואף שהנשים שלנו האידנא שנושאין ונותנין בבית ועומ
במקום בעליהן והבעל מחוייב לשלום בעבורן על כל הטענות“) [17]. אין אַ צ
אַרום רופט זיך אָפּ דער בעל „טורי זהב“ (דער ט״ז) וועגן זיי אין צו
מענהאַנג מיט משרתים וואָס זיי האַלטן ביי זיך און שרייבט אָט וואָס: „
אַלע קהילות האָבן מיר געזען, אַז פרומע ווייבער („נשים יקרות“) האַ
ביי זיך משרתים און בפרט טוען אַזוי די ווייבער, וואָס פאַרנעמען זיך
האַנדל און ווייזט אויס, אַז קיין איסור איז אויף דעם ניטאָ... ווייל
ווייסן, אַז זיי [די משרתים] היטן זיך אָפּ צו בלייבן אַליין מיט די וויי
אַקוראַט ווי אַנדערע מענער, וואָס האָבן בשותפותדיקע געשעפטן מיט ווייב
(„וכבר ראינו בכל הקהילות שנשים יקרות יש להם משרתים בפרט א
שהם בעלת משא ומתן ונראה דאין בזה איסור... והכל יודעים שהם נזה
מייחוד כשאר אנשים שיש להם עסק שותפות עם נשים במשא ומתן“
ביים האַנדל איז זיי אויסגעקומען אָפט מאָל צו לאָזן זיך אין וויטן וועג
זאַמען מיט בעלי־עגלות און כדי עס זאָל אויף זיי נישט פאַלן קיין ח
אַז זיי זיינען עובר אויף צניעות, פלעגט מיט זיי מיטגיין אויף שמירה
קליין ייִנגל אָדער אַ מיידל. מיט דעם זיינען אָבער די רבנים נישט גע
צופרידן און מיר געפינען ווי איינער זאָגט זיך אַרויס קעגן אָט דער ד
שיינונג אין אַזעלכע ווערטער: „מיר וווּנדערט זייער שטאַרק, וואָס אין

---

[15] דאָרט, סי׳ רפ״ט, ז׳ 60־61.

[16] דאָרט, סי׳ רצ״ג, ז׳ 62. — וועגן נאָך פּרטים זע דאָרטן אין אינדעקס או
„מסחר“, ז׳ 347.

[17] שו״ת מהרש״ל, לובלין שנ״ט, סי׳ צ״ט.

[18] טורי זהב על יורה דעה, לובלין ת״ו, סי׳ רס״ז, ו׳.

דזער מדינה [ליטע] באַציט מען זיך אַזוי לייכט צו דעם, וואָס ווייבער אָדער אַפילו איין ייִדענע לאָזט זיך אַפילו אין ווייטן וועג מיט אַ ייִדישן פורמאַן נישט קענענדיק אים אַפילו. אויך פאָרן זיי מיט אַ גויישן פורמאַן און אַ קליין ייִנגל אָדער אַ קליין מיידל היטן זי אויפן וועג — און מיר האָבן ניט געזען, אַז די גרויסע רבנים זאָלן קעגן דעם וואָרענען״ („— — גדולה התמי׳ בעיני על מה ולמ׳ נפל׳ קולא זו במדינתינו שנשים אפי׳ אשה אחת הולכת אפי׳ בדרך מרחקים אפי׳ עם עגלון אחד יהודי אף שהוא סתם איש וגם שהולכים עם עגלן גוי ונער אחד קטן או נערה קטנה שומר אצלה בדר[ך] ולא חזינן לרבנן קשישא שהיה מזהירים על זה״)[19].

אין די שו״ת טרעפן מיר זיך אויך מיט אַ פאַל פון אַ פרוי אַ סוחרטע, וואָס איז געפאָרן אויף אַ יאַריד און אַ „שליאַכציץ״ (אַן אַדעליקער) האָט געוואָלט לייגן אַן אַרעסט אויף איר געלט צוליב דעם, וואָס אַ ייִד פון איר קהילה איז אים געבליבן שולדיק אַ חוב. די סוחרטע האָט זיך געווערט אַקעגן דעם מיט אָט די ווערטער: „אמת טאַקע, אַז איך האָב חובות ביי די ייִדן וואָס וואוינען אונטער דיין ממשלה, אָבער אויך אַנדערע ייִדן פון אונדזער קהילה האָבן חובות ביי זיי — טאָ פאַרנעם דאָס געלט פון אָט די בעלי־חובות — — —״[20].

געוויסע פּרטים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן האַנדל, וואַרפן אויך אַ קליינעם שיין אויף דער קולטור־געשיכטע פון ייִדן אין פוילן צו יענער צייט. אָט די איינצלהייטן זיינען מערסטן טייל פאַרבונדן מיטן עדות־זאָגן וועגן סוחרים, וואָס זיינען אומגעקומען אויף די וועגן און זייערע פרויען זיינען געבליבן עגונות. דרך־אגב דערוויסן מיר זיך וועגן דעם אינוועטאַר וואָס אַזאַ סוחר האָט מיטגענומען, ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. וועגן איינעם אַזאַ סוחר, אַ שטייגער, הערן מיר, אַז דערקענט האָט מען אים „איי־בערהויפּט (צוליב) אַ קליין קעסטעלע, וואָס מ׳האָט געפונען ביים גוי (דעם רוצח) און די יורשים האָבן דערקענט, אַז עס געהערט צו זייער פאָטער, וואָס פלעגט דאָרט באַהאַלטן זיינע וועקסלען און זיינע פנקסים [בוכהאַלטעריע ביכער] און זיין געלט״ („— — — ובפרט ארגז קטן שמצאו אצל הגוי והכירוהו יורשיו כי הוא של אביהם שהיה גונז שם שטרותיו ופנקסיו

[19] בית הלל על אבן העזר, דירנפורט תנ״א (1691), סי׳ כ״ב סעיף ה׳ — פון הלל ב״ר נפתלי הירץ, געבוירן אין בריסק שע״ה (1615), געווען רב אין ווילנע און אין נאָך עטלעכע קהלות אין ליטע. געזעסן אויך אויפן כסא הרבנות אין אַלטאָנע און האַמבורג און לסוף אין זשאָלקווע, וווּ ער איז געשטאָרבן אין יאָר ת״ן (1690). — תקנות וועגן דער צניעות פון פרויען וואָס האַנדלען, זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן דורך ליטווישן ועד (זע דערצו „פנקס מדינת ליטא״, סי׳ קל״ב, קל״ג). — פאַרגלייך אויך דעם אינטערעסאַנטן אַרטיקל פון י צ ח ק ר י ב ק י נ ד, די יידישע פרוי אין אַמאָליקן ייִדישן ווירטשאַפטלעכן לעבן, „צוקונפט״, פעברואַר 1933, ז׳ 110־115.

[20] שו״ת פנים מאירות חלק ראשון, אַמסטערדאַם תע״ה, סי׳ מ״ט.

ומעותיו) [21]. וועגן אַ סוחר „רבי יחיאל בן רבי ליב שמוקלרש מזאַמאָשטש" דערציילט אַן עדות, אַז „— — איך וייש דז ער האָט איין בריטל [ברעטל] אויף דעם הרצין געטרגין. ער האָט גאלד דרינן פור ניט [פאַרנייט] גיהאַט. אויך האָט מיר דער משרת גיבראַכט איין סידרל [סידורל] ווש ער האָט ביי אים גיפונדין אונ' דאש סידרל איז מיין גיוועזן, איך האָב אימש צו וואַיידסליב גיליגן [געליגן=געליגן] [22]. אַ פרוי ווידער דערציילט אין איר

[22] שו"ת „צמח צדק" פון ר' מנחם־מנדיל קראָכמאַל, אַמסטערדאַם תל"ה, סי' ק"ו.

עדות־זאָגן, אַז די רוצחים האָבן אומגעקערט אַלץ וואָס איר מאַן האָט פאַרמאָגט „און צווישן זיי איז געווען זיין בייטל און שטעמפל, וואָס מיט אים פלעגט ער אָפּשטעמפלען אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפט אָפּזיגלען" („וביניהם היה כיסו וחותמו שהיה חותם בהם כל דבר שצריך לחתום") [23]. אינטערעסאַנט ביז גאָר איז דאָס עדות־זאָגן וועגן אַ סוחר „מק"ק פרשוטק [=פשיטעק]" און עס ווערט איבערגעגעבן, אַז זיין גזלן איז „נתפס גוואָרין — — באשר מען האָט דער קענט בייא דעם גזלן יודשה קליידר [=ייִדישע קליידער]". אין דעם ייִדישן לשון פון אַ געוויסן עדות, ווערט וועגן דעם דערציילט אָט וואָס: „— — גם הבין [האָבן] מיר דר קענט זיין לייב סערדקיל מיט ציצית — — גם אל זיינה קלייד[ע]ר ווי ער האָט גיהאַט בכאן קודם נסיעתו לעיר ברעסלה — — גם בעט גיוואַנט האָט מען אוך דער קאנט בייא דעם רוצח גם זיין חומש גם זיינה צעטלין איז אויך גיוועזין בייא דעם רוצח[.] גם דיא בריבלך [בריוולעך] וואש אשתו הוט צו אים גישריבין איז אוך אלש גיוועזין בייא דעם רוצח וגם דאש גביית עדות ב"ד [בית־דין] וואש ער האָט גיהאַט גובה גיוועזין על מהר"ר ליב בן כהר"ר רחבי' אודו'[ת] החלב איז אוך גיוועזין בייא דעם רוצח — —" [24]. פון אַ פּאָר פאַלן הערן מיר אויך, אַז אַזעלכע סוחרים פלעגן זיך פאַרן אַרויסלאָזן אויף זייער נסיעה באַזאָרגן מיט געוויסע אידענטיפיציר־סימנים אויף זייערע קליידער אָדער גאָר אויפן לייב. אַזוי, למשל, גיט איבער אַ געוויסע פרוי וועגן איר מאַן: „— — אוך העט זיא איין סי'[מן] אין אַללע העמד(ע)ר דיא ער האָט אונטן אויף גינייט איין ק' אין [און] למד — —" (עס האַנדלט זיך וועגן איינעם מיטן נאָמען ר' קופמאַן, וואָס איז געפאָרן פון קראָקע קיין פראַג און איז אויפן וועג דערטרונקען געוואָרן [25]. וועגן אַ געוויסן שלום פון לובלין, וואָס איז געפאָרן מיט אַפּטייק־זאַכן („עם אפטיקאריש") קיין מינסק, ווערט איבערגעגעבן, ווי אַזוי אַן עדות האָט אויף אים געזען אַ סימן „אַ פאַרעלטערטע מכה — — און אַרום דער מכה איז געווען אַ גרינע פאַרב פון הימל־קאָליר און געווען אויף אים אַ באַגולדטער שטעמפל מיט זיין אויסגעקריצטן נאָמען „שלום

---

[21] שו"ת משאת בנימין, קראָקע שצ"ג [1633], סי' ס"ח.

[23] שו"ת פני יהושע, חלק שני, סי' ס"א.

[24] שו"ת פנים מאירות, חלק ראשון, סי' נ'.

[25] שו"ת פני יהושע, חלק שני, סי' ס'.

כמהור״ר אברהם ז״ל״ און דער מזל אריה — —״ („— — מכה ישן — — וסביב המכה היה צבע ירוק כצבע שמים והיה עליו חותם של נחושת קלל ומזהב היה נחקקין שמו שלום כמהור״ר אברהם ז״ל ומזל ארי׳ ״ [26].

אונדזערע מקורים ברענגען אויך ידיעות וועגן די קאָמוניקאַציע־מיטלען צו יענער צייט און וועגן דער געאָגראַפישער פאַרשפּרייטונג פון אינלענדישן האַנדל פון יידן אין פוילן. פון זיי קען מען, פאַרשטייט זיך, קיין פולשטענדיק בילד נישט באַקומען און מען קען זיי מערסטן טייל באַטראַכטן ווי אַ צוגאָב צו יענע ידיעות, וואָס מיר געפינען אין די פנקסים און אַרכיוו־מאַטעריאַלן. די געאָגראַפישע נעמען ווידער זיינען וויכטיק דערמיט, וואָס אָפט מאָל דער־ווייסן מיר זיך פון זיי וועגן דער עקסיסטענץ פון יידישע יישובים, וואָס זיינען אפשר ערגעץ אַנדערשוואו נישט דערמאָנט געוואָרן.

דער פאַרשפּרייטסטער קאָמוניקאַציע־מיטל צו יענער צייט איז דער פערד־און־וואָגן, וואָס פון זייער צאָל קענען מיר דרך־אגב אָפּלערנען וועגן דעם האַנדלס־פאַרנעם פון אַ יידישן סוחר און דעם ווערט פון זיין סחורה. אָט זיינען עטלעכע ידיעות:

(1) „— — און אויך דער זעלבער ר׳ דניאל איז געפאָרן מיט צוויי ווע־גענער בראָנפן און אַנדערע סחורות״ („— — והלך גם ר׳ דניאל עם שתי עגלות יין שרף ושאר סחורות״) [27].

(2) „און ער האָט אויך געפונען דעם וואָגן און פערד און די סחורה, וואָס האָט געהערט צו יוספן — — און נאָך (האָט ער געזאָגט), אַז דער גוי האָט פאַרקויפט די סחורה, וואָס איז ווערט געווען הונדערט גילדן פאַר דרייצן גילדן״ („וגם מצא העגלה והסוס והסחורה של כמר יוסף — — ועוד שהגוי הזה מכר הסחורה מה ששוה ק׳ זהובים בעד י״ג זהובים״) [28].

(3) „— — פונדעסטוועגן קען מען זען — — אַז אויב מ׳האָט געפונען זייערע וואָגנס און סחורה, איז דערוויזן, אַז זיי זיינען דאָס [עס רעדט זיך וועגן אומגעקומענע סוחרים]״ („— — מ״מ נראה — — דכיון דמצאו העגלות שלהן והסחורה שלהן מוכח דאלו הן״) [29].

(4) „— — האָב איך מיט עם חברותה גימאַכט — — האָב עם גיגעבין המשי׳ זהובי׳ אונ׳ איין עגלה וסוס״ [30].

(5) וועגן צוויי יידישע סוחרים ווערט דערציילט, אַז זיי זיינען געפאָרן פון לובלין קיין מינסק „אויף אַ פוילישן וואָגן, געשפּאַנט צו צוויי פערד״ („בעגלה של מדינות פולין עם אשקא דרספרי עם זוג סוסים״) און דער עדות

[26] ספר שאגת אריה וקול שחל, סאַלאָניק תק״ו (1746), סי׳ י״ד, דף, ל״ג, ע״ב. — „מזל אריה״ איז אין זאַדיאַק די באַצייכענונג פאַרן יידישן חודש א ב.

[27] שו״ת מהר״מ מלובלין, סי׳ קכ״ח.

[28] שו״ת משאת בנימין, סי׳ ס״ח.

[29] דאָרט, סי׳ מ״ד, דף ס״ח, ע״א.

[30] שו״ת גאונים בתראי, סי׳ כ״ז.

דערציילט, אַז ער איז דאָס געווען דער פורמאַן, וואָס האָט געטריבן די פערד [31]. דאָרט ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז אַ שותפותדיקע סחורה האָט באַטראָפן הונדערט גילדן.

(6) ווייטער ווערט דערציילט וועגן „סוחרים, וואָס האַלטן פערד און וועגענער און פירן משאות גאָר ווייט" („אנשים סוחרים מחזיקים סוסים ועגלות ומוליכים משאות למרחקים"). אין יענעם פאַל האָט מען אָנגעפרעגט דעם „שאגת אריה", צי מעגן די סוחרים שיקן אום שבת זייערע אָנגעלאָדענע וואָגנס מיט סחורה דורכן גוי, וואָס גיט אַכטונג אויף די פערד [32].

אויפן וואַסער ווידער באַנוצן זיך יִדישע סוחרים מיט פליטן, שיפלעך און שיפן:

(7) „— — אַן אָנגעזעענער מאַן [אַ סוחר, וואָס איז געפאָרן אויפן וועג פון קראָקע קיין פּראָג] — — איז צוזאַמען מיט אַ יִדישער קאָמפּאַניע צוגעקומען צו אַ גרויסן טייך און זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פּליט, וואָס מ'רופט פּליץ" („— — איש א' נכבד — — ובא לנהר גדול א' עם חבורה מישראל וישבו כולם באסדא שקו'[רין] פּליץ") [33].

(8) „— — משה ליפשיץ האָט איין יונגן בייא זיך גיהט צו דנצק [=דאַנציג] ער האָט גיהיישן הירש. דאָ האָט משה ליפשיץ גיבעטין געץ [=געטס, —קריגט] איין בעל הבית פון בריסק דו זיין יונג הירש זול אויף דער שקוטא פּאָרן — —" [34].

(9) „— — דער יהודי האָט גיוואָלט אין די' ספינה אַריין שפּרינגן וואש על המים שטעניין [=זיינען געשטאַנען] [35].

(10) ביים ב"ח ווידער געפינען מיר אַ ידיעה וועגן אַ גרויסן אַרענדאַר, וואָס „פלעגט דינגען פון די קיניגלעכע פירשטן שטעטלעך און דערפער און געהאַט אַ סך תבואה, וואָס ער פלעגט פירן אויף שיפן, כדי צו פאַרקויפן די סוחרים, וואָס קומען פון די האַפן־שטעט" („חוכר משרי המלך עיירות וכפרי' ויש לו הרבה תבואות זרעו ומוליך התבואה בספינות למכור אותו לאנשים הבאי' מכרכי הים") [36].

וואָס שייך דער האַנדלס־פאַרשפּרייטונג פון יִדישע סוחרים אין פּוילן און ליטע צו יענער צייט, וועט אונדז ווייזן די ווייטערדיקע טאַבעלע:

---

[31] שו"ת (שאגת אריה) וקול שחל, סי' י"ד.

[32] דאָרט, סי' כ"ב.

[33] שו"ת פני יהושע, חלק שני, סי' ס.

[34] שו"ת מהרש"ל, סי' צ"ו.

[35] שו"ת משאת בנימין, סי' מ"ה.

[36] שו"ת הב"ח הישנות, סי' כ"ז. — פונוואַנעט ד"ר י צ ח ק ש י פּ ע ר האָט געדרונגען אין זיין בוך "Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich" (וואַרשע 1937, ז' 81), אַז „כרכי הים" מיינט גראָד ד אַ נ צ י ג — פאַרשטיי איך ניט.

וואוהין פאָרן יידישע סוחרים

פון	קיין	מיט וואָסערע סחורה	יאָר	מקורים
לעמבערג (לבוב)	„מדינת מאָסקווי"	(האַנדלען מיט מיליטער)	1611	שו"ת מהר"מ מלובלין, סי׳ קכ"ט
"	סביאַטין	(אויפן יאַריד)	1613	שו"ת מהר"מ מלובלין, סי׳ קל"ג
"	פערעיאַסלעוו	בראָנפן	1630	שו"ת גאונים בתראי, סי׳ כ"ז
קראָקע	„למדינת ליטה"	—	—	שאגת אריה וקול שחל, סי׳ ד׳
"	סמאָלענסק	(האַנדלען מיט מיליטער)	1629	שו"ת הב"ח הישנות, סי׳ נ"ו.
בריסק דקויאַ[ווע]	דאַנציג	תבואה ?	1569	שו"ת הרש"ל, סי׳ צ"ו
לובלין	„אין דער מאָסקווי"	(האַנדלען מיט מיליטער)	—	שו"ת הרמ"א, סי׳ ק"א
"	באַקשט, קוידענאָוו, מינסק	גווירצן, אַפּטייקוואַרג	—	שאגת אריה וקול שחל, סי׳ י"ד
זאַמאָשטש	וואָידעסלאַוו	—	1657	שו"ת צמח צדק, סי׳ ק"ו
וואָידעסלאַוו	שלעזיע	—	1657	" " " " "
פינטשעוו	סמאָלענסק	(האַנדלען מיט מיליטער)	1629	שו"ת הב"ח החדשות, סי׳ ס"ד
וואסלעוויץ	לובלין	—	—	שו"ת הרמ"א, סי׳ ק"א
לובאָמיל	מעזריטש	געוואַנט	1611	שו"ת הב"ח הישנות, סי׳ ע׳
פרילוק	פרעקאָווע	בראָנפן	1613	שו"ת מהר"מ מלובלין, סי׳ קל"ג
נאַראָל	לאַכעוויץ	גלאָז	1638	שו"ת פני יהושע, ח׳ שני, סי׳ ס"ח
טיקטין	מאַזאָוויע	בראָנפן	1637	שו"ת פני יהושע, ח׳ אבן העזר, סי׳ ח׳
גראָדנע	פערעיאַסלעוו	"	1630	שו"ת גאונים בתראי, סי׳ כ"ז
"	אוקראַינע	"	1630	. " " " " "
שדה-לבן (ביעלאָ-צערקאָוו)	„למדינת מאָסקווה"	בראָנפן, שטיוול „און אַנדערע סחורות"	1610	שו"ת מהר"מ מלובלין, סי׳ קכ"ח

דעם קאַפּיטל וועגן אינעווייניקסטן האַנדל פון ייִדן אין פּוילן וועלן מיר פאַרענדיקן מיט די ידיעות, וואָס מיר געפינען אין אונדזערע מקורים וועגן די יאַרידן. דער יאַריד איז געווען דאָס אָרט, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען סוחרים מיט זייערע סחורות, בעלי־מלאָכות פלעגן דאָ אויסשטעלן זייערע אויסאַרבעטונגען און די פירער פון די קהילות פלעגן דאָ, צווישן אַנדערע, אָפּהאַלטן זייערע זיצונגען ווו ס׳פלעגן ווערן אָנגענומען תקנות צו רעגולירן אַלע פראַגעס אין ייִדישן לעבן.

אַן אינטערעסאַנטע שילדערונג פון די יאַרידן, הגם פול מיט גוזמאות, גיט אונדז איבער ר׳ נתן־נטע האַנאָווער אין זיין „יון מצולה“, ווו ער שרייבט אַט וואָס: „אויף יעדער יאַריד פלעגן זיך צונויפקומען הונדערטער ראשי־ישיבות און טויזנטער בחורים און עטלעכע צענדליק טויזנט (!—מ. ק.) ייִנגלעך („וכמה רבבות נערים“). ייִדישע און גויִישע סוחרים, להבדיל, זיינען געווען ווי זאַמד ביים ים, ווייל פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן פלעגט מען קומען אויפן יאַריד. און ווער עס האָט נאָר געהאַט חתונה צו מאַכן אַ זון אָדער אַ טאָכטער, פלעגט פאָרן אויפן יאַריד און דאָרטן זיך מתחתן זיין, ווייל יעדערער האָט דאָרטן געפונען זיין גלייכן און זיין זיווג. און אַזוי פלעגן אויף יעדער יאַריד זיין הונדערטער און אַמאָל טויזנטער (!—מ. ק.) שדוכים. און ייִדן, מענער ווי פרויען, פלעגן גיין אָנגעטאָן אויפן יאַריד אין בגדי מלכות ווייל זיי זיינען געווען חשוב אין די אויגן פון מלכות און פון די פעלקער. און ייִדן זיינען (דאָרטן) געווען אַזוי פיל, ווי זאַמד ביים ים — —“[37].

וועגן דער פאַרלאָזלעכקייט פון ר׳ נתן־נטע האַנאָווער און זיינע טייל מאָל היפּערבאָלישע שילדערונגען און ידיעות, האָט שוין אויספירלעך געשריבן דר. י. שאַצקי[38]. אָבער דער זעלבער ר׳ נתן־נטע האָט אונדז איבערגעלאָזט אַן אַנדער באַשרייבונג וועגן אַ יאַריד און דער קאָנקורענץ צווישן ייִדישע סוחרים, וואָס האָט שוין מער צו טאָן מיט פאַקטישן מאַטעריאַל. מיר מיינען דאָ דעם אויסגעטראַכטן שמועס צווישן אַ סוחר און זיין געזעלן וואָס פאָרן אויפן יערעסלאַווער יאַריד און איז אָפּגעדרוקט אין זיין פינף־שפּראַכיקן ווערטערבוך „שפה ברורה“[39]. די אויסטייטשונגען און די עטלעכע שמועסן זיינען געדרוקט אין העברעיִש, ייִדיש, פראַנצייזיש, איטאַליעניש און לאַטיין (אָדער, ווי ס׳הייסט ביי אים: „לשון הקודש, לשון אשכנז, לשון צרפת, לשון איטליאה, לשון לטינא“). מיר ברענגען דאָ דעם ייִדישן טייל פון דעם

[37] „ספר יון מצולה“, הוצאת כלל, בערלין תרפ״ג, ז׳ 59.

[38] אין זיין היסטאָריש־קריטישן אַריינפיר צום „יון מצולה“, אויסגאַבע פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע 1938, אין קאַפּיטל „דער היסטאָרישער ווערט פון „יון מצולה“.

[39] וועגן אים זע אין אַרטיקל פון ד״ר מאַקס ווייַנרייך, די ייִדישע שפּראַכפאָרשונג אין 17טן יאָרהונדערט, צייטשריפט, באַנד 2־3, מינסק, 1928, שפּ. 706־715.

אויבנדערמאָנטן שמועס (דעם אויסלייג האָבן מיר ניט געביטן, נאָר צוגעגעבן אָפּשטעל־צייכנס):

„מיין גזעלין, מיר וועלן גין [גיין] מיט אנבדר אויף דען יאָר מרק קען יערסלב און דאָרטן וועלן מיר קפין וואַרן [קויפן וואַרן=סחורה] וואש אונזר הערץ ביגערט. אונ דוא זאלשט ניט זיומן [זוימען] אונ זאל דיך ניט אויף הלטן דער רעגין אונ דער שניא, ווארום זוימען איז ניט רעכט. נייארט ווען מיר ווערן קומן דרטן [דאָרטן] צון ערשטן דאז זעלבג מאל, קענן מיר אויש דער ווילין ווארן דיא אליר בעשט אונ אויך וואלוול. דער נאָך אזו ווערן קומן צום יאר מרק פיל קאָף לייט [קויפלייט] אונ ווערן מכין טייאר דיא וואַרן.

„אין וועלכן וועג דרפן מיר צו גין? אויך זאג מיר וועלכר וועג איז בעסער? איז זיכער אונטר וועגן פר שטראסין ראביר [שטראָסן־רויבער=וועג־רויבער] צו נמין מיט מיר פיל געלט אָדר איז בעסר צו מאַכן איין וועקסיל? אָדר מיר וועלן נמין מיט אונש וועלכי רייטר אָדר וועלכי סאלדאטן די דא גיין צו פוס? אויך זאג מיר וויא פיל צאל איז אויף דען וועג אונ וויא פיל דרף מן צו געבן צאל?

„האשטו צו פר קפין [פאַרקויפן] יענה ווארן אָדר ווילשטו קפין אנדרה וואר דער קיגן? אום וויא פיל ווילשטו געבן דאש? אום אַזוי פיל. עז איז ניט מיגלך צו קויפן פון וועגן עז איז טייאר. דאש איז וואלוויל אבר מען דרף צום ערשטן צו זעהן וואל [וואויל] אינן וויניג אונ אוישן וויניג, פאַרן אונ הינטן, אונ מוז אום קערן וויפיל מאל אויב עש נייא איז אדר אוב עז אלט איז.

„ווי פיל ווארן ווילשטו מיר געבן אויף באָרג אונ ביז וועלכי צייט? ביז דען אַנדרן מרק אונ איך וויל דיר געבן איין באָרג צו ביצאלן מיט גוט געלט — — — וואש השטו גברכט צו דען מרק? ווארום האשטו ניט גי־בראסט [גיבראַכט] איין אנדרה וואר? ווען דו ווערשט קומן אנגדר מאל, ברענג מיר ווארן פון אידל גשטיין [איידל געשטיין] אדר איין פּאָר קליידר פון זיידנה ווארן אדר ליינה [ליינע=ליוונטענע] קליידר אדר פון גפרבטי זכין [זאַכן]״ [40].

אויסער דעם פאַרמאָגן מיר אויך פּרטים וועגן די ייִדישע סוחרים, וואָס קומען אויפן לובלינער יאַריד: „וועגן דעם וואָס מען איז זיך נוהג אין דער שטאָט לובלין, ווו עס קומט פאָר אַ גרויסער יאַריד און די שטאָט איז אָרומגענומען מיט אַ מויער און אַ סך ייִדן קלייבן זיך דאָרט אויף דריי מאָל אין יאָר און וווינען דאָרט אין קאַמערן, וואָס זיינען אָפּן צו דער שטאָט צו („ודרים שם בחדרים הפתוחים לעיר״). די קאַמערן געהערן צו גויים און זיינען אין

[40] ספר שפה ברורה, אַמסטערדאַם תס״א [1701], עמ׳ כ״ד b — כ״ו a. דאָס איז די צווייטע אויסגאַבע. אין דער ערשטער אויסגאַבע, פּראָג 1660, פעלט די רובריק אין פראַנצייזיש.

גוֹיִישע הייזער, נאָר די ייִדן דינגען זיי אָפּ און האַלטן דאָרט אַ גאַנצן יאָר זייערע סחורות, אָבער וווינען וווינען זיי דאָרטן נאָר בשעת דעם יאַריד, וואָס געדויערט ווייניקער ווי דרייסיק טעג. אין די גוֹיִישע הייזער טוען זיי אויך זייערע קליינע באַדערפענישן, אַשטייגער, ווי קאָכן זייער עסנס און דאָס גלייכן אָ־ן די ייִדן זיינען זיך נוהג אַרומצוגיין איבער דער גאַנצער שטאָט אָן אַ עירוב — צי איז דאָס רעכט אַזוי. אַזוי פירן זיי זיך פון לענגערע צייטן אָבער (איצט) האָט זיך די זאַך (אַביסל) געענדערט: פריער האָט דאָרט אײן ייִד געוווינט שטענדיק אַ גאַנץ יאָר און איצט וווינט ער שוין דאָרטן ניט די גאַנצע שטאָט איז אַ קריסטלעכע („כל העיר של כותי׳"), נאָר אין צייט פון די יאַרידן שטייען דאָרט אײן ייִדן פון אַנדערע מקומות, בלייבן דאָרטן וווינען ביז איבערן יאַריד און קערן זיך אום צוריק אַהיים"[41].

אויפן יאַריד רעקלאַמירן די סוחרים זייערע סחורות און וועגן דעם הער מיר ביים מחבר פון „בית הילל" אָט וואָס: „און אָט ווען מ׳האָט מיר אויס געקליבן פון דער מדינה [ליטע — ק.] דורכצופירן תקנות אין יערעסלאַוו האָט מיר איינער אַ וווילגעלערנטער געפרעגט: וואָס איז דער טעם, וואָס היינטיקע צייטן היטן מיר זיך ניט אָפּ אויף די יאַרידן, ווו מ׳שרייבט אָן אויף אַ פּאַפּירענעם טאָוול „דאָ איז פאַראַן צו פאַרקויפן דאָס און דאָס", אַ שטייגער וויין אָדער פלייש, אָדער אַנדערע זאַכן און מ׳הענגט דאָס אויף אויף אַ צעטל און מ׳שרייבט דאָס מיט ייִדישע אותיות און דאָס איז אַן איסור גמור" (והנה בהיותי נבחר מהמדינה לעשות תיקונים ביערסל״ב נשאלתי מפי משכיל א׳ מ״מ [מאי טעמא] אין אנו נזהרין בזמן הזה בירידי׳ שכותבין על הטבלא בנייר כאן יש למכור איזה דבר דהיינו יין או בשר או שאר דברים ותולין ע׳ הפתק וכותבין בכתב אשוריות וזהו איסור גמור)[42].

מיר האָבן אויך געציילטע ידיעות וועגן דעם וואָס מ׳ברענגט און פון וואַנעט מ׳קומט אויף די יאַרידן. אַזוי ווערט איבערגעגעבן „אַ מעשה מיט פיר שותפים, וואָס האָבן געמאַכט שותפות אויף אַ באַשטימטער צייט און דערווייל איז איינער פון זיי אַוועקגעפאָרן אויף אַ יאַריד מיט סחורה פון די שותפים"[43]. אין אַן אַנדער אָרט הערן מיר וועגן אַ סוחר, וואָס איז געקומען „פון ווייטע מקומות" אויפן לוקעווער יריד און געבראַכט צו פאַרקויפן אייז אויפן מאַרק[44]. מ׳ברענגט אויך צו פאַרקויפן, וויין, פלייש אָדער אַנדערע זאַכן"[45]. אַז מ׳קומט פון מרחקים אויף די יאַרידן, דערוויסן מיר זיך פון

[41] שו״ת הרמ״א, סי׳ ק״כ. — דאָס יאָר איז אין דער שאלה ניט אָנגעגעבן, אָבער דער רמ״א (ר׳ משה ב״ר ישראל איסרלש) האָט געלעבט אין די יאָרן 1520־1572. אין 1550 האָט ער געלערנט אין לובלין.

[42] בית הילל על יורה דעה, סי׳ רפ״ד, ב׳.

[43] שו״ת הרמ״א, סי׳ כ״ב.

[44] שו״ת פנים מאירות, ח״א, סי׳ פ״א.

[45] בית הילל על יורה דעה, סי׳ רפ״ד, ב׳.

איינעם, וואָס דערציילט, אַז ער איז געווען אויף אַ יאַריד אין ליטע און האָט דאָרט געטראָפן עטלעכע קראָקעווער („ובא לירידה א׳ במדינת ליטא והיו שם קצת בני קראקא״)[46]. אַן אַנדערש מאָל הערן מיר וועגן איינעם, וואָס איז געקומען אויפן יאַריד אין שניאַטין און געפונען דאָרטן לעמבערגער („דהיינו שלמה בר יצחק שהעיד שכשהיה ביריד סנע״טין שמע מיהודים אנשי לבו״ב״)[47].

די יאַרידן פלעגן פאָרקומען אין פאַרשיידענע ערטער און אין פאַרשיידענע צייטן פון יאָר. אַזוי ווייסן מיר פון די שו״ת וועגן יאַרידן, וואָס פלעגן זיין אין יערסל״ב (יאַראָסלאַוו)[48], לובלין[49], לוקב (לוקעווע)[50], ליטע[51], סנעט״ין (סניאַטין)[52] און אין פוזנ״א (פויזן)[53]. די צייט, ווען די הויפּט־יאַרידן פלעגן פאָרקומען, ווייסן מיר פון זייערע נעמען נאָך: „יריד גראמ״ניץ״, (Gromnice) וואָס פאַלט אויס אין אָנהייב פעברואַר, ד״ה ווינטער־צייט, ווען עס פלעגט פאָרקומען דער יאַריד אין יערעסלאַוו, „יריד שוואַנט״קי״ (שוויאָנטקי), וואָס איז דער קריסטלעכער שבועות (אַן ערך אין מיטן יוני), ד״ה דער זומער־יאַריד און דאַן פלעגט פאָרקומען דער יאַרמאַרק אין לובלין[54] און „יריד שימן יודי״ (אין די שו״ת דערמאָנט אונטער די ראשי־תיבות „יריד ס״י״), וואָס עס פלעגט אויספאַלן דעם 28טן אָקטאָבער, אין טאָג פון קאַטוילישן יום־טוב אין אָנדענק פון די אַפּאָסטאָלן שמעון און יהודה[55]. וועגן אַנדערע יאַרידן און זייער צייט, הערן מיר אויך ביי ר׳ נתן־נטע האַנאָווער: „בקיץ היו נוסעין על יריד זסלב ועל יריד יערעסלב ובחורף על יריד לבו״ב ועל יריד לובלין[56].

עס זיינען אָבער אויך געווען יאַרידן, וואָס פלעגן, צוליב די אונטערשיידן צווישן דעם ייִדישן לוח און קריסטלעכן קאַלענדאַר, אויספאַלן חול־המועד אין עס פלעגט אַנטשטיין אַ שאלה, צי מעגן יעמאָלט ייִדן האַנדלען. כדי אָבער נישט צו ברענגען קיין שאָדן ייִדישן סוחרים, האָבן די רבנישע אויטאָריטעטן

[46] שו״ת פני יהושע, ח׳ אבן העזר, סי׳ יוד.

[47] שו״ת מהר״ם מלובלין, סי׳ קל״ג. — פאַר די קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען פון יענער צייט איז לעמבערג—שניאַטין געווען אַ היפּשער מהלך.

[48] שו״ת מהר״מ מלובלין, סי׳ פ״ד ; בית הלל על יורה דעה, סי׳ רפ״ד, ב׳.

[49] שו״ת הרמ״א, סי׳ מהר״מ מלובלין, סי׳ ע״ז, סי׳ ע״ט ; שו״ת הב״ח הישנות סי׳ צ״ד ; שו״ת פני יהושע, ח׳ אבן העזר, סי׳ ט״ו.

[50] שו״ת פנים מאירות, ח״א, סי׳ פ״א.

[51] שו״ת פני יהושע, ח׳ אבן העזר, סי׳ יוד. — די רשימה פון די יאַרידן אין ל י ט ע , זע אין אינדעקס צום „פנקס מדינת ליטא״.

[52] שו״ת מהר״מ מלובלין, סי׳ קל״ג.

[53] דאָרט, סי׳ ס״ט. — וועגן די יאַרידן אין פויזן, זע :
Louis Lewin, Die: vs. Landessynode der grosspolinischen Judenschaft, Frankfurt a-M., 1926, p. 67 passim.

[54]ביידע יאַרידן ווערן דערמאָנט אין שו״ת מהר״מ מלובלין, סי׳ ע״ז.

[55] שו״ת הב״ח הישנות, סי׳ צ״ד.

[56] ספר יון מצולה, הוצאת כלל, בערלין תרפ״ג, ז׳ 58־59.

מתיר געמאַכט דעם האַנדל אין אַזעלכע יריד־טעג פאַרגלייכנדיק דעם יריד צו אַן ענין, וואָס נישט צו יעדער צייט קאָן מען אים דערגרייכן. די הלכה וועגן דעם, געפינען מיר ביים בעל הלבושים, ווו מיר לייענען אָט וואָס: „אַ זאַך, וואָס נישט שטענדיק איז עס פאַראַן נאָך דער צייט, אַ שטייגער שיפן אָדער שיירות (קאַראַוואַנען) וואָס זיינען אָנגעקומען אָדער וואָס האַלטן ביים אַרויספאָרן און פאַרקויפן ביליק זייערע סחורות, אָדער קויפן אויף סחורות צו טייערע פרייזן און וואַרטן נישט ביז נאָכן טערמין — איז עס אַקוראַט ווי אַ פאַרלאָרענע זאַך און [דעריבער] מעג מען אויפקויפן ביי זיי און אויך פאַרקויפן אַפילו אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זיינען ניט באַשטימט פאַרן אייגענעם געברויך און זיינען נישט מער ווי אַ סחורה, וואָס מ׳קאָן ביי איר פאַרדינען. דאָס זעלבע איז אויך מיט יאַרידן, וואָס קומען פאָר אין באַשטימטע צייטן און פאַלן אויס אום חול־המועד, און מ׳מעג פאָרן אַהין אַפילו פון שטאָט צו שטאָט און האַנדלען דאָרט, ווי דער שטייגער איז, ווייל דאָס איז אַן ענין וואָס גייט פאַרביי און איז אַקוראַט ווי אַ פאַרלאָרענע זאַך״[57]. דאָס איז גערעדט נאָר וועגן יאַרידן, אָבער אין אַ געוויינלעכן מאַרק־טאָג, וואָס פאַלט אויס אום חול־המועד, טאָר מען נישט האַנדלען: „אבל מקומות שיש להם יום השוק בשבוע לבני העיר וסביבותיה הקרובים לה אינו מותר למכור ולקנות ביום השוק שבתוך המועד״[58].

וועגן האַנדלען פאַקטיש אום חול־המועד טרעפן מיר ביים מהרש״ל אין אַ שאלה, וואָס עס האָט אים געפרעגט זיינער אַ תלמיד שלמה בן מהר״ר יהודא, וועלכער איז געוועזן אין קראָקע און זיך צוגעקוקט ווי עס גייט אָט דער האַנדל: „איך וועל אייך פרעגן און גיט מיר צו וויסן — — (וועגן דעם) וואָס שוין פון אַ לענגערער צייט איז זיך דער עולם נוהג צו מאַכן אַ היתר ביים האַנדלען אום חול־המועד — — און דער עיקר אין דער צייט, ווען די בעסטע און שענסטע מאַרק־טעג פאַלן היינטיקס יאָר אויס חול־המועד — — ווייל דאָ [אין קראָקע] קומט דער יריד פאָר חול־המועד סוכות און אַ סך תלמידי־חכמים פון לאַנד פאָרן זיך צונויף אַהער״[59]. אין דעם ענטפער, וואָס דער מהרש״ל גיט זיין תלמיד פאַררופט ער זיך אויפן אויבנדערמאָנטן דין און שרייבט וועגן דעם אָט וואָס: „— — וועגן דעם ענין האַנדל — זיי וויסן, אַז איך האַלט זיך ביי דעם דין („שקבלתי הלכה למעשה״) מתיר צו מאַכן אום חול־המועד אויב עס פאַלט אויס אַ יאַריד אָדער אַפילו דער מאַרק־טאָג, וואָס הייסט קרסני טארה״ („יומא דשוקא הנקרא קרסני טארה״), וואָס איז נישט אָפט און קומט פאָר אין (באַשטימטע) צייטן און איז געגליכן צו שיירות און שיפן און מיר האַלטן, אַז פאַרלירן ריווח איז (דאָ אַקוראַט) ווי

[57] לבוש החור, וועניציע ש״פ (1620), סי׳ תק״מ, ה׳. — די הלכה גופא איז פאַראַן אין בבא מציעה, דף, כ״ז, ע״א.

[58] דאָרט, דאָרט.

[59] שו״ת מהרש״ל, סי׳ ע״ט.

פאַרלירן דעם קרן" („וחשבינן הפסד ריוח להפסד קרן")[60]. אויך דער מהרש"ל האַלט, פאַרשטייט זיך, אַז אין אַ געוויינלעכן מאַרק־טאָג טאָר מען חול־המועד נישט זיצן אין קראָם און האַנדלען, סיידן דער קרעמער עפּנט די טיר פאַר אַ קונה, וואָס קומט קויפן לכבוד יום־טוב.

די באַשטימטע טעג, ווען די יאַרידן פלעגן פאָרקומען, זיינען אויך געווען די טערמינען צו באַצאָלן חובות און דער יאַריד גופא — דער בעסטער אָרט זיך צו טרעפן מיט אַלטע בעלי־חובות און אויפמאָנען פון זיי דאָס וואָס עס קומט. „ראובן האָט געדונגען ביי שמעונען אַ הויז — לייענען מיר ביים מהר"מ מלובלין — און ער האָט אָפּגעמאַכט צו צאָלן אים פופצן גילדן אַ יאָר, דהיינו: ביי יעדן לובלינער יאַריד — פינף גילדן. און אין יאַריד גראָמניץ איז שמעון געווען געענגט אין געלט און (דעריבער) האָט ער גע־בעטן ביי ראובנען ער זאָל אים געבן פיר גילדן און ער וועט ווערן פריי פון די פינף גילדן, וואָס ער דאַרף באַצאָלן אין יאַריד שוואַנטקי און ראובן איז אויף דעם איינגעגאַנגען און האָט אים געגעבן די פיר גילדן — —"[61]. אין אַן אַנדער פאַל הערן מיר וועגן צוויי בעלי־חובות, וואָס דאַרפן באַצאָלן ביי יעדער יאַריד צו דריי גילדן און זיי באַקלאָגן זיך, אַז אַזוי פיל קאָנען זיי נישט צאָלן[62]. ביי דעם זעלבן מהר"מ בלובלין הערן מיר פון אַ מער אויספירלעכן פאַל וועגן אויפמאָנען אַ חוב בעת אַ יאַריד: „ראובן מיט שמעונען זיינען צוזאַמען געווען שותפים ביים פאַרלייען געלט און זיי האָבן געהאַט אַ רייסטער, ווו עס זיינען געווען אויפגעשריבן די חובות. איין חוב האָבן זיי געהאַט ביי איינעם אַ יידן און דער צאָלונגס־טערמין זיינער איז גע־ווען „ביריד פוז"נא". מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער שותף האָט געמאָנט ביי זיין חבר ער זאָל אים געבן זיין חלק פונעם חוב. האָט ער געענטפערט: „איך האָב דיר דאָך שוין דיין טייל אָפּגעגעבן גלייך ווי איך בין געקומען פון פּוי־זענער יאַריד." און ער האָט געבראַכט אַן עדות, וואָס האָט געזען, אַז ווי נאָר ער איז געקומען פון פּויזענער יאַריד, האָט ער זיין שותף געגעבן אַ געוויסע סומע געלט"[63]. אַן אַנדערש מאָל דערוויסן מיר זיך, ווי אַ סוחר שיקט זיין משרת אויפן יאַריד אויפמאָנען חובות, וואָס דאָרטיקע בעלי־מלאָכות זיינען אים שולדיק געבליבן[64].

אַזעלכע פאַלן פון אויפמאָנען חובות בעתן יאַריד זיינען טייל מאָל געווען עלול צו שטערן דעם נאָרמאַלן האַנדלס־גאַנג. אַ פרייע האַנט ביים איינמאָנען

[60] דאָרט, דאָרט.

[61] שו"ת מהר"מ מלובלין, סי' ע"ז. — עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם, צי איז ניט דער פאַל פאַרבונדן מיטן איסור צו נעמען פּראָצענט.

[62] דאָרט, סי' מ"ז.

[63] דאָרט, סי' ס"ט.

[64] שו"ת יד אליהו לאליהו בהמפורסם שמואל ז"ל מלובלין, אַמסטערדאַם תע"ב, סי' כ"ח.

חובות האָט געקענט ברענגען דערצו, אַז אַ סך סוחרים זאָלן אין גאַנצן אויס־מיידן צו קומען אויפן יאַריד אָדער אין פאַל פון נישט קאָנען באַצאָלן די חובות צו דער באַשטימטער צייט, האָבן זיי געקאָנט פאַרלירן זייער קרעדיט. וועגן אַזאַ ענין הערן מיר ביי אַ תביעה, וואָס אַ געוויסער סוחר מענדל האָט אַרויסגעשטעלט צו אַ צווייטן סוחר, זימל פון שידלאָוויעץ. די לאַגע, וואָס ווערט דאָרט געשילדערט, איז אַזאַ: מענדל מאָנט ביי זימלען ער זאָל אים צוריקגעבן זעכציק גילדן פּראָצענט און זימל ענטפערט, אַז ער איז שוין לאַנג דורכגעקומען מיטן מאָנער. מענדל טענהט אָבער — און זיין טענה באַקרעפטיקט ער מיט צוויי עדות — אַז ער איז געווען געצוואונגען דורכ־צוקומען מיט זימלען און געבן אים אַ כתב, אַז ער באַפרייט אים פון יעדער תביעה („כתב פטור"). ווען מ'האָט אים געפרעגט אין וואָס איז באַשטאַנען דער צוואַנג, האָט ער אַזוי געענטפערט: „ווען זיין תביעה וואָלט געוואָרן באַקאַנט אויפן יאַריד, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער האָט נישט (קיין געלט). וואָלט מען אים נישט געגלויבט און מען וואָלט אים נישט געגעבן קיין סחורה אויף באָרג און יעמאָלט וואָלט ער פאַרבליבן אָן פרנסה." („— — שבאם היה נתפרסם התביעה ביריד יתגלה שאין לו ולא יאמינו לו ולא יתנו לו סחורה בהקפה ואז לא יוכל לפרנס את עצמו")[65].

און לסוף טרעפן מיר אָן אויף אַ פאַל, ווו איינער האָט צוליב אַ חוב פאַרנומען ביי אַ סוחר זיין סחורה, וואָס ער האָט געבראַכט צו פאַרקויפן אויפן יאַריד: „די מעשה איז געשען אויפן לוקעווער יריד („ביריד לוקב"), ווו איינער איז געקומען פון גאַנץ וויים צו פאַרקויפן אייזן אין מאַרק־טאָג און עמיצער פון דער קהילה האָט קעגן אים געהאַט אַ (געלט)־תביעה. איז ער געקומען צו אים הינטן אַרום מיט אַ פאָרטל („ובא עליו בעקיפין ובערמה") און האָט זיך כלומרשט פאַרגעשטעלט פאַר אַ סוחר און האָט פון אים אָפּ־געקויפט דאָס אייזן פאַר אַ געוויסער סומע. זיי זיינען דורכגעקומען מיטן מיקח און ער האָט צוגענומען דאָס אייזן צו זיך („ונגמר המקח ומשך הברזל לרשותו"). און דער פאַרקויפער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם, אַז נאָך דעם ווי דער יאַריד וועט זיך ענדיקן, וועט ער (דער קונה) אים געבן זיין געלט. נאָך דעם ווי דער יאַריד איז אַריבער, איז ער אַוועק מאָנען זיין געלט, ווייל ער האָט נישט געוווּסט, וואָס אין אים (דעם קונה) שטעקט. און דער וואָס האָט גענומען (דאָס אייזן), האָט אים געענטפערט: „איך האָב זיך נאָר אויס־געלאַכט פון דיר און האָב גאָר נישט געהאַט בדעה צו נעמען עס פאַר דעם פרייז, און געטאָן האָב איך עס נאָר דערפאַר, וואָס דו קומסט מיר געלט און איך האָב געוואָלט פאַרכאַפּן אַן ערך פופציק גילדן און דאָס איבעריקע קאָנסטו צונעמען פאַר זיך." און דער (פאַרקויפער) מאַכט גוואַלדן („והלה צועק ככרוכיה"), אַז איצטער, ווען דער יאַריד איז שוין אַריבער, קאָן איך נישט פאַרקויפן מיין סחורה און איך קאָן מיך נישט אַרומשלעפּן פון אָרט צו אָרט

[65] שו"ת שארית יוסף, סי' ט"ו.

מיט אַזאַ שווערער משא, און אויפן יאַריד, (ווידער), זיינען געווען אַ סך קונדן (וואָס וואָלטן געקאָנט קויפן די סחורה)״ [66].

אין אַזאַ מין אויפפירונג האָבן די רבנים געזען אַ ברוך אין דער פּראַק־טיק פון אויפמאָנען חובות אויפן יאַריד און דעריבער טאַקע ענטפערט דער בעל „פנים מאירות״, וואָס צו אים האָט מען זיך וועגן דעם פאַל געווענדט, אָט וואָס: „אין דעם באַהאַנדלטן ענין קאָן ער נישט זאָגן, אַז „איך האָב עס געטאָן, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס מייניקע״, ווייל בכל אופן האָט ער אים געבראַכט גרויס היזק. און נאָך עפּעס: ער האָט אים גלייך געדאַרפט מודיע זיין און אים נישט אָפּלייגן ביז נאָכן יאַריד. דעריבער איז קלאָר, אַז דער מאַן האָט זיך אויפגעפירט נישט ווי עס פּאַסט פאַר אַ ייִדן („שזה האיש לא עשה כשארית ישראל״) און ער איז ווערט מ׳זאָל אים קנסענען און אויפ־מאָנען ביי אים דעם גאַנצן היזק פונעם פאַרקויפער״ [67].

פאַרנעמען סחורה אויף די יאַרידן ווי אַ רעפּרעסיווער מיטל קעגן נישט באַצאָלן חובות איז אָנגעווענדט געוואָרן נישט נאָר קעגן סוחרים נאָר אָפט מאָל אויך קעגן גאַנצע קהילות, וואָס האָבן נישט ווי געהעריק דערפילט זייערע פליכטן ביים באַצאָלן די געמיינזאַמע שטייערן פאַר דער פוילישער מלוכה־קאַסע. אין די תקנות וואָס זיינען פאַרבליבן פון וועד ארבע ארצות און פון וועד מדינת ליטא געפינט מען וועגן דעם אַ היפּשן מאַטעריאַל און וועגן דעם וועל איך זיך אויספירלעכער אָפּשטעלן אין אַן אַנדער אָרט. דערווייל וויל איך נאָר צוגעבן, אַז אויף דער סעסיע פון ליטווישן וועד, וואָס איז אין יאָר 1676 פאָרגעקומען אין זאַבלודאָווע, איז אָנגענומען געוואָרן אַ תקנה, אַז מער ווי אַ צענטל פון באַטראָפענעם חוב טאָר מען נישט פאַרכאַפּן און דאָס — ערשט נאָך דעם, ווי דער מאָנער וועט צו ערשט לאָזן וויסן דער געהע־ריקער קהילה פון וואַנעט דער בעל־חוב שטאַמט [68].

---

[66] שו״ת פנים מאירות, ח״א, סי׳ פ״א.

[67] דאָרט, אין דער תשובה.

[68] זע וועגן דעם אין י ש ר א ל ה ל פּ ע ר נ ס „תוספות ומלואים לפנקס מדינת ליטא״, סי׳ ט״ז, ז׳ 13, תל־אביב תרצ״ה (געדרוקט צוערשט אין „חורב״, באַנד צוויי). — פאַרגלייך אויך: שמעון דובנאָוו, „ועד ארבע ארצות״ בפולין ויחוסו אל הקהלות, אין „ספר היובל לכבוד נחום סוקולוב״, וואַרשע 1904, ז׳ 255.

צו דער ייִדישער קרימינאַליטעט אין דייטשלאַנד

פון י ע ק ב ל ע ש צ י נ ס ק י

די אָפיציעלע דאַטעס וועגן דער פאַרברעכערישקייט ביי ייִדן אין דייטש־לאַנד אין די לעצטע דריי יאָר, פאַרעפנטלעכט פון דייטשן צענטראַלן סטאַ־טיסטישן אַמט, זענען אַ הילכיקער פאַטש אין פּנים היטלערן און זיין גאַנצער תורה וועגן דער „אינפעריאָריטעט" פון דער ייִדישער ראַסע און „סופּעריאָ־ריטעט" פון דער דייטשער ראַסע. די דאָזיקע אָפיציעלע דאַטעס, אויב זיי באַווייזן עפּעס בכלל אין דעם פּרט, באַווייזן זיי אַקוראַט דאָס פאַרקערטע. סיידן מען זאָל אָננעמען אַ צווייטע נאַצישע תורה, אַז מאָרדן און ראַבעווען זע־נען אייגנשאַפטן פון אַ העכערער ראַסע און אויסמיידן פאַרגיסן בלוט און אָנ־פאַלן צוליב רויב זענען סימנים פון שוואַכקייט און דעגענעראַציע.

נאָר לאָמיר גלייך איבערגיין צום מאַטעריאַל. טאַבעלע 1 גיט אונדז דעם מאַטעריאַל אין דער פאָרעם ווי ער איז פאַרעפנטלעכט פון סטאַטיסטישן אַמט אָן יעדער מינדסטן שינוי. מיר פאַרמאָגן דאָ דאַטעס פאַר דריי יאָר — פאַר 1936, 1937 און 1938. מיר פאַרשפּאָרן צוצוגעבן, אַז דאָס זענען גע־ווען ווייט ניט קיין נאָרמאַלע יאָרן פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. לאָמיר זשע זען, ווי האָט זיך די דאָזיקע אומנאָרמאַלקייט אָפּגעשפּיגלט אין דער פאַרברעכערישקייט.

די אַלגעמיינע צאָלן זענען געווען אַזעלכע:

	1936	1937	1938
אַלע פאַרברעכנס און עוולות — — — —	385,400	438,493	335,666
פון דעם ייִדישע — — — — — — —	4,104	4,438	3,584
פראָצענט פון ייִדישע פאַרברעכנס און עוולות	1.06	1.00	1.00
אויף 100 טויזנט נפשות פון דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג[1] —	578	654	495
אויף 100 טויזנט ייִדן[1] — — — — — — —	1,026	1,268	1,194

1. מיר האָבן גערעכנט ניט־ייִדן: אין 1936 — 66 מיליאָן; אין 1937 — 66½ מיליאָן; אין 1938 — 67 מיליאָן נפשות. ביי ייִדן האָבן מיר גערעכנט אין די שייכותדיקע יאָרן: 400 טויזנט, 350 טויזנט און 300 טויזנט נפשות. ס'באַקומט זיך, לכן, אַז ייִדן האָבן אויסגעמאַכט: אין יאָר 1936 — 0.60 פון דער גאַנצער באַפעלקערונג; אין יאָר 1937 — 0.53; און אין יאָר 1938 — 0.45.

פאַרגלייכן סתם ייִדן מיט ניט־ייִדן, באַזונדערס אין פאַרברעכערישקייט, איז פּשוט אַן אַבסורד. ייִדן זענען אין דייטשלאַנד אויסשליסלעך שטאָטישע און גרויס־שטאָטישע איינוווינער און ביי די דייטשן איז אַ גאַנץ פערטל פון דער באַפעלקערונג אין דאָרף און אַ גרויסער פּראָצענט אין שטעטלעך. די פאַרברעכערישקייט איז זייער פאַרשיידן ביי די דאָזיקע צוויי גרופּעס פון דער באַפעלקערונג און אומעטום און ביי אַלע פעלקער איז די פאַרברעכערישקייט אין שטאָט העכער ווי אין דאָרף און שטעטל. דער פּראָפעסיאָנעלער און סאָציאַלער בוי איז ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג אַ גאַנץ אַנדערער, ווי ביי דער דייטשער. און יעדער פּראָפעסיאָנעלע אָדער סאָציאַלע גרופּע האָט איר אייגענע קרימינאַליטעט — אָפּהענגיק טאַקע פון דער באַשעפטיקונג און פון דער עקאָנאָמישער לאַגע.

די דייטשע סטאַטיסטיקער האָבן אָבער פּלוצים פאַרגעסן די נאָר וואָס אָנגעוויזענע אמתן און גענומען פאַרגלייכן סתם ייִדן מיט ניט־ייִדן און האָבן באַקומען די אויספירן וואָס זענען נייטיק פאַר היטלערן. וואָרעם פון די נאָר וואָס געבראַכטע אַלגעמיינע דאַטעס איז דאָך קלאָר, אַז די פאַרברעכערישקייט איז ביי ייִדן צוויי מאָל גרעסער, ווי ביי ניט־ייִדן. אויפן סמך פון די דאָזיקע אַלגעמיינע דאַטעס האָבן די נאַצישע צייטונגען יאָר־אײַן יאָר־אויס געפּויקט, אַז ייִדן גיבן צוויי מאָל מער פאַרברעכערס ווי זייער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג. די אויספירן זענען שוין געווען גאַנץ קלאָר — ייִדן זענען אַ פאַרברעכעריש פאָלק. נעמט מען אָבער די דאָזיקע אַלגעמיינע דאַטעס אויפן עקזאַמען פון קריטישן אַנאַליז, באַקומט זיך גאָר, גאָר אַן אַנדער בילד.

אַ פאַרברעכן צו אַ פאַרברעכן איז דאָך ניט גלייך — מען קאָן באַגיין אַ מאָרד, אַ קינדער־מאָרד, אַ פאַרגוואַלדיקונג און כדומה „גרינגע" פאַר־ברעכנס און מען קאָן באַשטראָפט ווערן פאַר פאָרן מיטן אויטאָ שלא כדין, פאַר עובר זיין אויף פּאַס־תקנות, פאַרן ניט איינמעלדן זיך, פאַר זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף די מאַכט־האָבערס. און אין אַזאַ „פרייִ" לאַנד, ווי דייטשלאַנד, קען מען גאָר שטאַרק באַשטראָפט ווערן פאַר אַזעלכע פאַר־ברעכנס, וועלכע זענען אין דער אמתן אַ באַוויַיז, ווי פאַרברעכעריש די רע־גירונג באַהאַנדלט אירע בירגער, למשל, שטראָפן פאַר ראַסן־שאַנד אָדער אַפילו פאַר עובר זיין אויף וואַלוטע־כללים. ייִדן זענען דאָך אין דייטשלאַנד אין דער לאַגע פון „הבא להרגך" — די רעגירונג באַגזלט און באַראַבעוועט די ייִדישע באַפעלקערונג אויפן שענדלעכסטן אופן און ס'איז גאָר אַ חידוש, וואָס די צאָל אַזעלכע „פאַרברעכערס" איז צו ווייניק. מוז מען דעריבער ניט נעמען קיין אַלגעמיינע ציפער, נאָר באַזונדערע מינים און אַרטן פאַרברעכנס און דעמאָלט מוז מען שוין קומען צו גאָר אַנדערע אויספירן.

דער סטאַטיסטישער אַמט טיילט אַליין די פאַרברעכנס אין אַזעלכע, וואָס זענען קעגן שטראָף־געזעצבוך, לכן שווערערע און האַרבערע פאַרברעכנס און אַלע איבעריקע, גרינגערע. שוין די דאָזיקע טיילונג בייט דאָס בילד.

אויף הונדערט טויזנט נפשות איז אויסגעקומען באַשטראָפטע פאַר עובר זיין אויפן שטראָף־געזעצבוך:

	1936	1937	1938
ביי ייִדן — — — — — — — — — —	439	511	408
ביי ניט־ייִדן — — — — — — —	434	487	375

די ציפער פוןביידע רובריקעס פאַלן כמעט צונויף. אָבער מיר מוזן דעם אַנאַליז טרייבן ווייטער און טיפער. לאָמיר פּרוּוון צונויפשטעלן גרופּעס פון פאַרברעכנס. מיר וועלן נעמען פיר גרופּעס פאַרברעכנס: א) שווערע קרימינעלע פאַרברעכנס. ב) גרינגע פאַרברעכנס און עוולות. ג) פּאָליטישע פאַרברעכנס. ד) פאַרברעכנס, וועלכע זענען אַרויסגערופן דורך רעגירונגס־טעראָר און אויסנעם־געזעצן. מיר וועלן נעמען די דאַטעס פאַר אַלע דריי יאָר צוזאַמען און וועלן אויסרעכענען די יערלעכע דורכשניטן אויף 100 טויזנט נפשות פון יעדער באַפעלקערונג־גרופּע — דאָס וועט אויסשליסן צו־פעליקייטן פון איינצלנע יאָרן.

טאַבעלע 2. פאַרשיידענע מינים פאַרברעכנס ביי ייִדן און־ניט ייִדן אין דייטשלאַנד (1936־1938)

Table 2: The Various Kinds of Offenses Among Jews and Non-Jews in Germany (1936-1938)

Kinds of Offenses	ניט־ייִדן Non-Jews		ייִדן Jews			מינים פון פאַרברעכנס
	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	אַבסאָלוט Number	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	%	אַבסאָלוט Number	
A) Felonies						א) שווערע פאַרברעכנס :
Murder	0,23	456	0,09	0,22	1	מאָרד
Manslaughter	0,34	688	0,29	0,43	3	טויט־קלאַפּ
Infanticide	0,18	362	0,18	0,55	2	קינדער־מאָרד
Involuntary homicide	3,10	6215	3,33	0,56	35	טייטן בשוגג
Major bodily injuries	0,27	534	0,18	0,37	2	שווער מזיקן דעם קערפּער
Dangerous bodily injuries	23,50	46861	4,48	0,10	47	געפערלעך מזיקן דעם קערפּער
Minor bodily injuries	12,37	24693	6,95	0,29	73	לייכט מזיקן דעם קערפּער
Robbery and blackmail	0,79	1575	0,29	0,19	3	רויב און אויספּרעסן דורך רויב
Crimes against morality	32,66	65168	31,52	0,50	331	פאַרברעכנס קעגן מאָראַל
Extortion and threats	3,00	5985	1,71	0,30	18	נייטן און דראָען
Grand larceny	18,43	36778	6,66	0,19	70	שווערע גנבות
Arson	0,64	1280	—	—	—	אונטערצינדן במזיד
Offenses against laws dealing with venereal diseases	0,15	308	0,09	0,32	1	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן באַקעמפן געשלעכט־קראַנקייטן
Total	95,70	190903	55,82	0,31	586	צוזאַמען

Kind of Offenses	ניט־ייִדן Non-Jews		ייִדן Jews			מינים פון פאַרברעכנס:
	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	אַבסאָלוט Number	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	%	אַבסאָלוט Number	
B—Misdemeanors						ב) גרינגע פאַרברעכנס און עוולות:
Offenses against auto traffic regulations	26,88	53627	20,67	0,40	217	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן אויטאָ־פאַרקער
Offenses against regulations limiting working hours	4,07	8119	15,05	1,90	158	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן אַרבעט־צייט
Offenses against law for humane treatment of animals	5,18	10335	13,71	1,40	144	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן צער בעלי־חיים
Offenses against trade regulations	8,11	16188	30,09	1,91	316	האַנדלען קעגן דער „געווערבע״־אָרדנונג
Offenses against regulations for hotels and inns	5,75	11481	8,48	0,77	89	קעגן די פאַראָרדנונגען וועגן האָטעלן און אכסנות
Offenses against regulation affecting public auctions	0,10	204	1,33	6,42	14	קעגן דער קאָנקורס־פאַראָרדנונג
Total	50,09	99954	89,33	0,94	938	צוזאַמען

Kind of Offenses	ניט־יידן Non-Jews		יידן Jews			מינים פון פאַרברעכנס :
	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	אַבסאָלוט Number	יערלעך אויף 100 טויזנט Annually per 100,000 Population	%	אַבסאָלוט Number	
C—Political Offenses						ג) פּאָליטישע פאַרברעכנס :
Resistance to authorities	9,00	18008	3,71	0,22	39	ווידערשטאַנד קעגן דער מלוכה־מאַכט
D—Offenses evoked by governmental terror and emergency laws						ד) פאַרברעכנס, אַרויסגערופענע דורך רעגירונגס־טעראָר און אויסנעם־געזעצן :
"Race-defiling"	0,20	405	85,62	68,94	899	ראַסן־שאַנדע
Offenses against foreign exchange regulations	2,80	5579	49,62	8,54	521	עובר זיין אויף די תקנות וועגן אויסלענדישער וואלוטע
Offenses against passport regulations	13,40	26730	214.95	7,78	2257	עובר זיין אויף די פּאַס־תקנות
Total	16,40	32714	350,19	10,10	3677	צוזאַמען

די דאָזיקע 4 טאַבעלעס, וואָס נעמען אַרום העכער אַ העלפט פון אַלע מינים פאַרברעכנס און קרוב צו 350 טויזנט פאַרמשפּטע, דעקן אויף ערשט דעם אמתן אינהאַלט פון דער גרויסער אַלגעמיינער טאַבעלע. לאָמיר צו ערשט זען דעם פּראָצענט, וואָס ייִדן מאַכן אויס אין פאַרשיידענע מינים פאַרברעכנס:

טאַבעלע 3. דער אָנטייל פון ייִדישער פאַרברעכערישקייט אין פאַרשיידענע גרופּעס פאַרברעכנס:

Table 3: The Part Played by the Jews in Various Fields of Criminality:

גרופּעס פאַרברעכנס: Classified Offenses	פּראָצענט ייִדן אין דער פאַרברעכערישקייט Percentage of of Jews in Criminality	
שווערע פאַרברעכנס Felonies	0,31	% ייִדן אין דער באַפעלקערונג—0,53 Percentage of Jews in Population 0,53
גרינגע פאַרברעכנס און עוולות Misdemeanors	0,94	
פּאָליטישע פאַרברעכנס Political offenses	0,22	
פאַרברעכנס אַרויסגערופענע דורך רעגירונגס־טעראָר און אויסנעם־געזעצן Offenses evoked by governmental terror and emergency laws	10,10	

דאָס איינציקע טרויעריקע אין די דאָזיקע ציפער איז דאָס, וואָס ייִדן זענען אַזוי קנאַפּ באַטייליקט אין די פּאָליטישע פאַרברעכנס, צוויי מיט אַ האַלב מאָל ווייניקער, ווי זייער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג. אין די שווערע פאַרברעכנס איז דער אָנטייל פון ייִדן מער ווי אויף אַ דריטל קלענער פון זייער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג. אין די פאַרברעכנס, וואָס זענען אין דער אמתן פאַרברעכנס פון דער היטלער־רעגירונג, אין דער לעצטער גרופּע, — איז דער ייִדישער פּראָצענט 19 מאָל גרעסער פונעם אָנטייל פון ייִדן אין דער באַפעלקערונג. און אָט ביי די דאָזיקע „פאַרברעכנס", ווי ראַסן־שאַנדע, פּאַספּאָרטן־עבירות און וואַלוטע־עבירות (ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז אין די גענומענע יאָרן איז פאָרגעקומען אַן אָפענער גזילה אויף ייִדן און אַן אָפענער רויב פון ייִדישן פאַרמעגן), מוז מען זיך גיכער חידושן, וואָס דאָך איז זייער צאָל נאָך רעלאַטיוו גאָר אַ קליינער. איינס איז קלאָר — און דאָס איז דער עיקר — אין די שווערע פאַרברעכנס, ווי מאָרד, שווערע גנבה, מזיקן בשוגג אָדער במזיד, אונטערצינדן במזיד — אָט אין די אַלע

אמת־קרימינעלע עבירות איז דער ייד וויינעקער באַטייליקט, ווי דער אריער. דאָס ווערט נאָך קלאָרער זוען מען שטעלט קעגן אַנאַנד די צאָל פאַר־ברעכנס אויף הונדערט טויזנט פון יעדער באַפעלקערונג־גרופּע.

טאַבעלע 4. אויף הונדערט טויזנט נפשות פון יעדער באַפעלקערונג־גרופּע זענען אויסגעקומען יערלעך פאַרברעכנס:

Table 4: Annual Percentage of Criminality Among Race-Groups per 100,000 Population:

ניט־יידן Non-Jews	יידן Jews	גרופּעס פאַרברעכנס Classified Offenses
95,70	55,82	Felonies שווערע פאַרברעכנס
50,09	89,33	גרינגע פאַרברעכנס און עוולות Misdemeanors
9,00	3,71	Political offenses פּאָליטישע פאַרברעכנס
16,40	350,19	פאַרברעכנס, אַרויסגערופענע דורך רעגירונגס־טעראָר און אויסנעם־געזעצן Offenses evoked by governmental terror and emergency laws

ביי יידן הייבט זיך דער פּראָצענט פאַרברעכנס אין דער ריכטונג פון די שווערע פאַרברעכנס צו די גרינגע און באַזונדערס צו די פאַרברעכנס, וועלכע די געשיכטע וועט געוויס פאַרמשפּטן ווי היטלער־פאַרברעכנס. נאָך די פּאָליטישע פאַרברעכנס זענען אַן אויסנעם. ס'איז אַ ווייטאָג און אַ בזיון דאָס צו קאָנסטאַטירן — די דייטשע יידן האָבן אין פּרט פון קאַמף קעגן דעם באַרבאַרישן רעזשים ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. די ניט־יידישע גיבן מער ווי צוויי מאָל אַ העכערן קאָעפיציענט פאַרמשפּטע פאַר פּאָליטישע פאַר־ברעכנס. כאָטש אויך ביי ניט־יידן איז ער ניט זייער הויך. אויף איטלעכע הונדערט טויזנט נפשות קומט אויס נאָר 9 באַשטראָפטע פאַר שטעלן זיך אַנטקעגן דער מאַכט, אָבער ביי יידן נאָר 3,71. אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס די טאַב. 4 ווייזט, באַשטייט אין דעם, וואָס ביי די דייטשן, ביי די אַריער, גיבן די שווערע קרימינעלע פאַרברעכנס, ווי מאָרד, קינדער־מאָרד, רויב, מזיקן קערפּערס, שווערע גנבות וכדומה דעם העכסטן פּראָצענט פאַרברע־כערס, צוויי מאָל אַ העכערן ווי ביי די גרינגע פאַרברעכנס, זעקס מאָל אַ העכערן ווי ביי די פאַרברעכנס פון דער גאָר לעצטער גרופּע, פון דער גרופּע, וואָס זענען אין דער אמתן גאָר ניט קיין חטאים, נאָר זעלבשוץ פון דער באַ־פעלקערונג קעגן אַ פאַרברעכערישער און רויבערישער רעגירונג. דער קאָע־פיציענט איז דאָ צען מאָל העכער ווי ביי די פּאָליטישע פאַרברעכנס.

בכן, אויב די דאָטעס וועגן פאַרברעכערישקייט באַווייזן עפּעס, באַווייזן זיי געוויס, אַז די אַריער מאָרדעווען און הרגענען און צינדן אונטער און שלאָגן און מזיקן צוויי מאָל עפטער ווי ייִדן, ווי די ניט־אַרישע ראַסע. צום אייגענעם אויספּיר קומט מען ווען מע נעמט ניט נאָר גאַנצע גרופּעס פון פאַרברעכנס, נאָר אויך איינצלנע פאַרברעכנס און חטאים.

טאַבעלע 5. אויף הונדערט טויזנט פון יעדער באַפעלקערונג־גרופּע זיינען געווען פאַרברעכנס:

Table 5: Number of Crimes Committed by Race-Groups per 100,000 Population:

ניט־ייִדן Non-Jews	ייִדן Jews	גרופּעס פאַרברעכנס
13,40	214,95	עובר זיין אויף פּאַס־תקנות Offenses against passport regulations
0,20	85,62	'Race defiling" ראַסן־שאַנדע
2,80	49,62	עובר זיין אויף וואַלוטע־תקנות Offenses against foreign exchange regulations
8,11	30,09	האַנדלען קעגן „געווערבע"־אָרדענונג Offenses against trade regulations
26,88	20,67	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן אויטאָ־פאַרקער Offenses against auto traffic regulations
9,00	3,71	ווידערשטאַנד קעגן דער מלוכה־מאַכט Resistance to authorities
18,43	6,66	Grand larceny שווערע גנבות
23,50	4,48	געפערלעך מזיקן דעם קערפּער Dangerous bodily injuries
0,79	0,29	רויב און אויספּרעסן דורך רויב Robbery and blackmail
0,23	0,09	Murder מאָרד

קעגן אַנאַנד מאַכן די דאָזיקע ציפער נאָך אַ טיפערן איינדרוק. דאָ ווערט נאָך בולטער, ווי די מערהייט ייִדישע פאַרברעכנס זיינען אַרויסגערופן דורך די ספּעציעלע רדיפות פון דער היטלער־רעגירונג. די ערשטע דריי פאַרברעכנס גייען ביי ייִדן אויפן ערשטן אָרט נאָך דער גאָר גרויסער צאָל פאַלן, ווען ביי ניט־ייִדן שפּילן זיי נאָר אַ נישטיקע ראָלע, חוץ די פּאַס־תקנות. וואָס נעגנטער מיר קומען צו די אמת שווערע און קרימינעלע פאַרברעכנס, אַלץ איינגעשרומפּענער ווערן די ייִדישע פאַרברעכנס, ווען ביי ניט־ייִדן איז דאָס ווייט ניט אַזוי. ייִדן גיבן 18 מאָל מער פאַרברעכערס מיט

וואַלוטע, דערפאַר גיבן אַריער דריי מאָל מער ביי שווערע גנבות און 6 מאָל מער ביי געפערלעך מזיקן דעם קערפער. יידן גיבן 16 מאָל מער פאַר־ברעכנס מיט פאַס־עבירות, דערפאַר גיבן די אַריער 2½ מאָל מער מערדער און רויבער.

פון נאַציישן שטאַנדפּונקט איז אפשר מאָראַליש העכער צו הרגענען אַ מענטשן איידער צו פּרוּוון דורך אַ וואַלוטע־קאָמבינאַציע ראַטעווען אַ ביסל פאַרמעגן פון די רויבערישע אַפּעטיטן פון אַ פאַרברעכערישער רעגירונג. פון אַלגעמיין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט בלייבן נאָך דערוויל מאָרד און רויב שווערערע פאַרברעכנס ווי די סאַמע שווינדלערישע געלט־ספּעקולאַציע, בפרט נאָך אַז אין געגעבענעם פאַל האָט מען צו טאָן מיט אַ רעגירונג, בנוגע וועלכער דער בירגער פילט זיך ניט מתחיב אויסצופילן אירע „געזעצן".

ביבליאָגראַפיע:

Wirtschaft und Statistik, Berlin, 1937, p. 748-9; 1938, p. 168, 340, 710; 1939, p. 133, 704.

טאַב. 1 — פאַרברעכערישקייט ביי יידן אין דייטשלאַנד.

Criminality Among Jews in Germany

1938		1937		1936		פאַרברעכנס און עוולות Felonies and Misdemeanors
יידן Jews	אַלג. צאָל Total	יידן Jews	אַלג. צאָל Total	יידן Jews	אַלג. צאָל Total	
3584	335666	4438	438493	4104	385400	אַלגעמיינע צאָל פאַרברעכנס און עוולות קעגן געזעץ Total number of felonies and misdemeanors
1223	252768	1790	325541	1756	288553	דערפון: 1) קעגן שטראָף־געזעצבוך Of these: (1) against statutory laws
2361	82898	2648	112952	2348	96847	2) קעגן אַנדערע געזעצן (2) against other laws
						די וויכטיקסטע פאַרברעכנס נאָך דער שווערקייט פון פאַרברעכן אָדער נאָך דער צאָל אָדער נאָך דעם מין פאַרברעכן: Most important crimes according to their gravity, number, and kind:
14	4848	13	6819	12	6380	ווידערשטאַנד קעגן דער מלוכה־מאַכט Resistance to authorities
6	2523	7	3237	9	2834	„שטערן הויז־פרידן" Breach of peace
9	1117	17	2234	11	1425	אַנטלויפן פון אַרעסט Runaways from imprisonment
—	83	—	139	1	222	פעלשן געלט Counterfeiting money
11	2008	16	2051	11	1949	פאַרברעכנס קעגן דער שבועה־פליכט Perjury

1938		1937		1936		פאַרברעכנס און עוולות Felonies and Misdemeanors
ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	
107	22107	111	23069	113	20323	פאַרברעכנס און עוולות קעגן מאָראַל Moral crimes and delinquencies
111	15784	185	25150	210	22201	Insults באַליידיקונג
—	125	—	179	1	153	Murder מאָרד
—	226	—	231	3	234	Manslaughter טויטקלאַפּ
—	117	1	129	1	118	Infanticide קינדערמאָרד
21	6983	20	5737	10	3552	Abortion אָפּטרייבן
9	2085	11	2238	15	1927	Involuntary homicide טויטן בשוגג
20	6995	25	9536	28	8235	לייכט מזיקן דעם קערפּער Minor bodily injuries
12	13261	16	17255	19	16392	געפערלעך מזיקן דעם קערפּער Dangerous bodily injuries
1	171	—	186	1	178	שווער מזיקן דעם קערפּער Major bodily injuries
220	26998	461	35759	411	28742	בשוגג מזיקן דעם קערפּער Unintentional injuries to body
5	1526	6	2235	7	2242	Extortion and threats נייטן און דראָען
122	51392	167	64651	139	57725	Petty larceny איינפּאַכע גנבה

1938		1937		1936		
ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	פאַרברעכנס און עוולות Felonies and Misdemeanors
18	11268	23	12123	29	13457	Grand larceny שווערע גנבה
51	12441	81	17787	73	14993	Embezzlement צונעמען פקדון־זאַכן
2	502	1	475	—	598	רויב און אויספּרעסן דורך רויב Robbery and blackmail
7	759	14	1000	3	939	Extortion אויספּרעסן
41	5105	60	7295	46	6391	Concealment אויסבאַהאַלטן
223	27825	344	37841	322	33131	Fraud שווינדל
56	6773	58	8194	82	7728	Forgery פעלשן דאָקומענטן
34	2483	32	4033	26	3375	עוולות ביי לאָטערייען און אַנדערע שפּילן Misdemeanors at lotteries and other kinds of gambling
1	3891	6	5500	12	4783	Damage to property שעדיקן זאַכן
—	393	—	437	—	450	Arson אונטערצינדן במזיד
11	1431	10	1622	21	1766	בשוגג אונטערצינדן Unintentional incendiarism
16	1551	8	1579	5	174	פאַרברעכנס אין אַמט Offenses while in office

1938		1937		1936		
ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	ייִדן Jews	אַלג. צאָל Total	פאַרברעכנס און עוולות Felonies and Misdemeanors
73	3696	127	6164	116	6644	קעגן דער „געווערבע"־אָרדנונג Offenses against trade regulations
24	2981	40	4322	25	4267	קעגן געזעץ וועגן האָטעלן און אכסניות Offenses against laws for hotels and inns
3	68	6	58	5	92	קעגן קאָנקורס־געזעץ Offenses against laws governing public auctions
38	3342	35	5634	51	4316	קעגן געזעץ, ווי אומגיין מיט שפּייז־זאַכן Offenses against food laws
21	1552	22	2618	—	—	קעגן פאַרזיכערונגס־אָרדנונג Offenses against insurance laws
38	15924	94	20357	85	17563	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן אויטאָ־פאַרקער Offenses against auto traffic regulations
34	6802	14	567	14	803	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן דער סכנה פאַר אַ פי־מגפה Offenses against laws dealing with cattle epidemics

1938		1937		1936		
יידן Jews	אַלג. צאָל Total	יידן Jews	אַלג. צאָל Total	יידן Total	אַלג. צאָל Total	פאַרברעכנס און עוולות Felonies and Misdemeanors
68	3293	90	5004	—	—	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן אַרבעטצייט Offenses against regulations limiting working hours
1	120	—	189	—	—	קעגן דעם געזעץ וועגן געשלעכט־קראַנקייטן Offenses against law dealing with venereal diseases
3	1302	6	2097	—	—	קעגן געזעץ וועגן געווער Offenses against arms regulations
513	7256	882	11042	862	10689	עובר זיין אויף די פּאַס־תקנות Offenses against passport regulations
12	2516	55	4239	77	3724	עובר זיין אויפן געזעץ וועגן צער בעלי־חיים Offenses against laws for humane treatment of animals
254	1775	151	2716	116	1609	עובר זיין אויף די תקנות וועגן אויסלענדישער וואַלוטע Offenses against foreign exchange regulations
282	434	355	512	262	358	"Race defiling" ראַסע־שאַנדע

„השופר"

(אַ קאַפּיטל געשיכטע פון דער ייִדישער פּרעסע אין ענגלאַנד)

פון ליבע שילדקרעט

ייִדיש איז שוין פון לאַנג געווען אַ געדעטע שפּראַך אין ענגלאַנד. ווען די האָלענדישע און דייטשישע ייִדן זיינען געקומען קיין ענגלאַנד האָבן זיי געבראַכט זייער לשון מיט זיך. אַ קלאָרע ראיה דערצו איז, וואָס אין 1772 האָט מען שוין אין ענגלאַנד געדרוקט אויף ייִדיש. דאָס זיינען געווען די טאַשן־לוחות ספּעציעל געמאַכט פאַר די רייזנדיקע קליין־הענדלער און פּעד־לער. די לוחות זיינען געווען טיילווייז געדרוקט אויף ייִדיש, טיילווייז אויף העברעיִש [1].

עס זיינען אויך פאַראַן באַמערקונגען וועגן דער געדעטער שפּראַך. פּאַטריק קאַלקעהון, דער פּאָליצייַ־מאַגיסטראַט פון לאָנדאָן, סוף 18טן, אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן לעבן פון די אָרעמע שיכטן, האָט באַמערקט, אַז די דייטשישע און האָלענדישע ייִדן רעדן „זשאַרגאָן" [2].

יעדער נייער שטראָם אימיגראַציע האָט מער פאַרפּעסטיקט דעם באָדן פון ייִדיש. אין 1867, אַ היפּשע צייט פאַר דער גרעסערער אימיגראַציע פון רוסישע און פּוילישע ייִדן איז שוין געווען אַ ייִדישע צייטונג אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען די „לאָנדאָנער יידיש דייטשע צייטונג", ליטאָגראַפירט און, „דער דיאַלעקט איזט דער באַקאַנטער זשאַרגאָן" [3]. ווייטערדיקע פּרטים וועגן דער צייטונג זיינען ניטאָ. אָבער עס איז קלאָר, אַז אַפילו נאָך אין 1867 האָט זיך געשפּירט אַ באַדערפעניש אין אַ ייִדישער צייטונג.

אין 1874 האָט מען געמאַכט נאָך אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צייטונג. דאָס איז געווען דער „שופר", אַרויסגעגעבן פון שמואל דיסטיל־לאַטאָר און רעדאַקטירט פון חיים זלמן עליאַשאָוויטש, אַ העברעיִשער שרייַ־בער, וואָס פלעגט שרייבן אונטערן פּסעוודאָנים חזא"ל. דער ערשטער נומער

---

1. M. Myers, "Calendars of the Coaching Days." Transactions of the Jewish Historical Society of England; V. 5, pp. 219-223.
2. Patrick Calquhoun, A. Treatise on the Police of the Metropolis, London, 1806.
3. Allgemeine Zeitung des Judenthums, 31 Jahrgang, No. 28, Juli 9, 1867. S. 552, Leipzig.

האָט דערשיינט שבת, דעם 21טן יאַנואַר, 1874. דער לייט־אַרטיקל „פּאָר־ווערט" האָט אויפגעוויזן אויפן צוועק פון דער צייטונג.

„...אײַנע צייטונג גיבט זעלבסט דען אונגעבילדעטען מענשען איינען בעגריף איינײַגערמאַסען פאָן מעהרערע וויססענשאַפטען, דאַהער בעשטרעבען זיך אַללע רעדאַקטאָרען (העברויס געבער) דער צייטונגען, אָבוואָהל זייא אָם מייסטען (על פּי רוב) דיא העכסט געבילדעטע לייטע זינד, איהרע צייטונגען פּאָפּולער (איינפאַך) צו שרייבען, דאַמיט אַללע, זעלבסט דיא אונוויססענדע זאָללען עס פאַרשטעהן קעננען, אונד ווענן אויך זייא קעננער אין מעהרערע שפּראַכען זינד, שרייבען זייא דאָך איהרע צייטונגען נור אין דער פאָלקס שפּראַכע, דאַמיט אויך דער פאבעל (המון עם) עס פאַרשטעהן זאָלל, אויס דיזעם גרונדע האָבען וויר זיך פאָרגענאָממען אויך איינע וועכענטליכע צייטונג אין די ייִדיש דייטשע שפּראַכע הערויס צו געבין, דענן וויר האַבען היער אין ענגלאַנד גאָטט זייא דאַנק צעהענדליקע פאָן טויזענדע יודען, אויס־לאַנדער פאָן רוסלאַנד פּאָלען, פאָן הערצאָגטומס פּאָזען, אונד דעס גלייכען, דיא ניכט אים שטאַנדע זינד וועדער ענגליש נאָך דייטש צו לעזען, אונד דאַהער בלייבען זייא אונוויססענד פאָן אַללעס יעדער איינציגער בלייבט זיך בייא זיינע אידעען (מיינונגען אונד געדאַנקען) די ער מיט זיך פאָן זיין היימאַטה מיט געבראַכט האָט, ..."

די צייטונג האָט געהאַלטן אַכט זייטן אין צוויי שפּאַלטן, קוואַרטיר פאָר־מאָט. עס געפינען זיך איצטער דריי נומערן פון „השופר" אין דער ווילנער סטראַשון־ביבליאָטעק: דער ערשטער פונעם 21טן יאַנואַר, דער דריטער (על־פּי טעות איז אויף אים געדרוקט נומ' 2 [4] פונעם 13טן פעברואַר און דער פערטער פונעם 20טן פעברואַר 1874, נאָר אויפן סמך פון די דריי נומערן באַשרייב איך די צייטונג.

די איינהייטלעכקייט פון סטיל אין אַלע דריי נומערן און דער פאַקט וואָס עס זעט זיך ניט קיין נאָמען פון אַ מיטהעלפער באַווייזן, אַז דער רעדאַקטאָר איז מסתמא געווען דער איינציקער שרייבער פון דער צייטונג. לכתחילה אָן מאַטעריעלע מיטלען און לכן אָן ליטעראַרישע, איז די צייטונג אין גאַנצן געווען אַ פּראָדוקט פונעם רעדאַקטאָר עליאַשאָוויטש.

חיים זלמן עליאַשאָוויטש איז געווען אַ העברעיִשער שרייבער, אַ משכיל, וואָס האָט געשטאַמט פון ווילנע. על־פּי אַ. ר. מלאכי האָט ער געזאָלט האָבן עמיגרירט קיין ענגלאַנד סוף די 60־יקער יאָרן. זיינע פאַרדינסטן ווי העב־רעיִשער שרייבער און סתם אינטעליגענטער מענטש זיינען לכל־הדעות ניט קיין קליינע. ער איז געווען יהודה לייב גאָרדאָנס אַ פריינד. פון 1877 איז

[4] די צייטונג האָט געהאַט אַ לויפיקע נומעראַציע, און עס פעלן די זייטן 9—16, ד"ה, דער דריטער נומער. נאָך ראיות: אינעם דריטן נומער דרוקט זיך שוין אַ המשך פון אַ ראָמאַן, וואָס איז אין ערשטן נומער ניט געווען; דער ווייטערדיקער נומער, נאָך דער לויפיקער נומעראַציע איז אָנגעגעבן ווי 4.

פאַראַן אַ בריוו פון גאָרדאָנען צו חזא״ל ווי גאָרדאָן האָט זיך מישב געווען מיט אים וועגן אַ ליד [5]. אינעם ערשטן באַנד פון גאָרדאָנס געקליבענע שריפטן געפינט זיך אַ ליד געווידמעט עליאַשאָוויטשן [6].

די עטלעכע פאַקטן באַווייזן לכל־הפחות, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן נישט פון אַ נידעריקן קולטורעלן ניוואָ, הגם אפשר אַ באַגרענעצטן.

פון וואַנען האָט עליאַשאָוויטש געשעפּט מאַטעריאַל אויף אויסצופילן די ציַיטונג? היות ווי קיין מיטאַרבעטער זיינען נישט געווען און די צייטונג האָט נאָר דערשיינט איין מאָל אַ וואָך (און אַפילו דאָס אויך נישט רעגולער) [7], קען גרייליך זיין, אַז דער רעדאַקטאָר האָט באַקומען זיין מאַטעריאַל פון צווייט־העַנטיקע מקורים. ווי פיל ענגליש עליאַשאָוויטש האָט געקענט און בכלל ווי ער האָט זיך אָריענטירט אין דער ענגלישער שפּראַך קען מען גענוי נישט וויסן.

אָבער עטלעכע אָנווייזונגען זיינען יאָ בנמצא. אין דריטן און פערטן נומער געפינט זיך אַ בריוו־קאַסטן. איין ענטפער איז געשריבן אויף ענגליש מיט העברעיִשע אותיות. מען קען זען פונעם אויסלייג, אַז עליאַשאָוויטשעס ידיעות וועגן דער ענגלישער שפּראַך, לכל־הפחות אין אויסשפּראַך, זיינען נישט איבעריק שטאַרק. we לייגט ער אויס „ווע"; procure „פּראָקיורע". ער האָט אַפילו איבערגעטראָגן זיין ליטווישן דיאַלעקט אויף ענגליש, דהיינו, sufficient ווערט ביי אים „שופּיסיענט". אַזעלכע גרייזן דאַרפן, פונדעסט־וועגן, נישט דווקא זיין קיין ראיה, אַז ער האָט נישט געקענט פריי לייענען ענגליש. איז אָבער קיין מאָל נישט דערמאָנט קיין נאָמען פון אַן ענגלישער צייטונג ווי אַ מקור פאַר ניַיס. זעקס צייטונגען זיינען אָנגעגעבן ווי מקורים פאַר געוויסע ניַיסן פון יענע לענדער: „די קעלנישע צייטונג", „פּלאָינט נאַציאָנע" (איטאַליע), דאָס אַמטלעכע בלאַט פון רוסלאַנד, „סט. טהאָמעז טיימז" פון אַמעריקע, „פּעלערין" פון פראַנקרייך, און דער „ווינער איזרעאַליט". די ערשטע פינף זיינען נאָר אגב־אורחאדיק דערמאָנט. פון דער זעקסטער צייטונג געפינט מען אַ לאַנגע ציטאַטע אַפילו מיט אַ הערה צוגעבנדיק דעם נומער און יאָרגאַנג פונעם מקור. עליאַשאָוויטש האָט איטאַליעניש און פראַנצויזיש זיכער נישט געקענט לייענען. וועגן זיין דייטש קען מען אויך מסופק זיין, מחמת גלייך אין דער ערשטער שורה פון דעם פריער ציטירטן

---

[5] אגרות יהודה לייב גאָרדאָן (מן שנת תרי״ח עד תרנ״ה). רעדאַקטירט פון יצחק יעקב ווייסבערג: ערשטער טייל, וואַרשע 1894, ז' 216.

[6] א. ר. מלאכי, „ווער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „השופר'"? זאמלבוך לכבוד 250טן יובל פון דער יידישער פּרעסע, אַמאָפּטייל, ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1937, ז' 316.

[7] שוין אינעם ערשטן נומער שטייט אַזאַ נאָטיץ: „דיזער נומער האָט זיך פער־צאגערט ביז הייטע, [ווען ווייסט מען נישט. — ל. ש.] דער צווייטער נומער ווירד אי״ה פינקטליך פרייטאָג דען 30טען דיזעס מאָנאַטס ערשיינען." אויב דער צווייטער נומער האָט יאָ דערשיינט צו דער צייט, האָט דער פערטער פאַרשפּעטיקט לפי־הערך אויף צוויי וואָכן.

לייטאַרטיקל, שרייבט ער כלומרשט דייטש: „דיא נאָטהווענדיגקייט איינעס צייטשריפטעס". אָן שום ספק האָט ער די אַמעריקאַנער צייטונג געוויס נישט געהאַלטן אין האַנט.

דער „ווינער איזרעאַליט" האָט דערשיינט פון יאָר 1862 און האָט געהאַט אריכת ימים. געשריבן איז די צייטשריפט געווען אויף אַ פשוטן דייטש מיט העברעיִשע אותיות. קיין איין העברעיִזם (אַ חוץ אין די רעקלאַמעס) איז נישט בנמצא. ווי מען קען משפטן נאָך דעם מאַטעריאַל, איז קלאָר אַז סיי פאָרמעל, סיי אין אינהאַלט, האָט עליאַשאָוויטש געוואָלט נאָכמאַכן דעם „ווינער איזרעאַליט", און אויב ער האָט נישט געהאַט בדעה נאָכצומאַכן, האָט ער מן הסתם געשעפּט זיינע ידיעות פון יענער צייטונג.

„השופר" איז דער עיקר געווען אַ צייטונג איבערצוגעבן נייס זיינע לייענער זיי זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און איז נישט געווען אַ צייטונג פאַר ספּעציעלער אידעאָלאָגישער פּראָפּאַגאַנדע ווי אַ סך פון די שפּעטערע ייִדישע צייטונגען אין ענגלאַנד. עס איז בכן נישט קיין חידוש, וואָס מיר געפינען, אַז אינעם ערשטן נומער באַשטייט כמעט אַ העלפט פונעם לייענשטאָף פון נייס. די צעטיילונג פונעם מאַטעריאַל איז אַזאַ:

לייטאַרטיקל — — — — — — 12.30
נייס — — — — — — — — 46.99
פאַרשיידענע „בעגעבענהייטן" — — 15.48
טעלעגראַמען — — — — — — 1.59
באַקאַנטמאַכונגען — — — — — 17.07
(דער קאָפּ פון דער צייטונג פאַרנעמט 6.15).

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די נייס שטיצט זיך נישט ספּעציעל אויף ענגלאַנד. נייס נאָך די לענדער נאָך איז אַזוי צעטיילט: פראַנקרייך — 11.16, ענגלאַנד — 5.92, אַפריקע — 5.1, אַמעריקע — 4.1, אַזיע — 3.65, איטאַליע — 3.18, רוסלאַנד — 2.76, האָלאַנד — 2.5, אאַז"וו. בסך־הכל זיינען פאַרטראָטן עלף לענדער. מיר געפינען דאָ פאַרשיידענע מינים נייס: פון אַ באַריכט וועגן דעם געזונט פונעם דייטשישן קייזער, ביז אַ באַשרייבונג וועגן אַן אויפשטאַנד אין מאַראָקאָ. עס שאַפט זיך אַ געפיל, אַז אין זיין קליינער צייטונג האָט עליאַשאָוויטש געוואָלט תיכףביים ערשטן נומער געבן זיינע לייענער אַלע נייסן וואָס זיינען בנמצא. אינעם דריטן און פערטן נומער איז די שיטה פון נייס־צעטיילונג מער שכלדיק. די נייס פאַרנעמט נאָך אַלץ אַ קנאַפּע העלפט פונעם לייען־מאַטעריאַל. ראשית־כל איז די נייס נוגע נאָר פינף לענדער מיט אַזאַ פאַרטיילונג: רוסלאַנד — 19.81, ענגלאַנד — 18.68, פראַנקרייך — 7.37, האָלאַנד — 1.15, טערקיי — 0.69. אין די „פערמישטע נאַכריכטען" וואָס פאַרנעמט אין גאַנצן 3.22 זיינען פאַראַן איין פּאַראַגראַף וועגן רוסלאַנד און אַ קירצערער וועגן לאָנדאָן. דער נומער

איז אויסגעפילט מיט אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן (28.59) און באַקאַנטמאַכונגען (20.96). מען הייבט שוין דאָ אָן שפּירן, אַז די צייטונג נעמט זיך ערשט צו יענע ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַר אירע לייענער. אינעם פערטן נומער זעען מיר, אַז נאָר צוויי לענדער זיינען פאַרטראָטן מיט נייס: דייטשלאַנד — 18.22, און רוסלאַנד — 7.28.

דער עיקר איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן די נייס פון רוסלאַנד. אינעם דריטן נומער גיט דער רעדאַקטאָר איבער מיט אַלע פּרטים די באַדינגונגען אין מיליטער־דינסט; אינעם פערטן נומער — וועגן אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס זיינען נישט קיין נייסן, וואָס האָבן געקענט האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר אַבי וואָס פאַר אַ ייִדן, אָבער די נייס האָט מסתמא שטאַרק אָנגערירט די רוסישע ייִדן אין לאָנדאָן, וואָס האָבן נאָך אַלץ געלעבט אינעם געדאַנק מיט רוסלאַנד, און האָבן זיך ווייניק איינגעלעבט אין ענגלאַנד.

די נייס פון דייטשלאַנד איז אויך נישט בפירוש דייטשישע. למשל: דער רעדאַקטאָר גיט איבער די הויפּטמאָמענטן פון אַ רעדע, געהאַלטן אין בערלינער ראַטהויז וועגן דער יעמאָלדיקן "קולטור־קאַמף" קעגן די קאַטוילישע עלעמענטן. אַלע באַמערקונגען זיינען געצילט כדי צו ציען דעם לייענערס אויפמערק צו דער שייכות פונעם מאַטעריאַל מיט ייִדן. דער רעדנער ווערט ציטירט: „אונ איין רעליגיאָן וואָס קען קיין פרייהייט ניכט ערטראָגען מוז זיך פאַר זיך אַליין שעמען". אין אַ הערה גיט דער רעדאַקטאָר צו זיין מיינונג: „מיר אידען קענען נאָך דאָס זעלבע זאָגען איין רעליגיאָן מוז דיא פרייהייט ערטראגען. אונ דעריבער אַז אידען זיינען געוועזין פיר זיך איין רעגירונג, האָבין זיי חס ושלום קיינעם ניכט געצוואונגען אויך קיינעם ניכט אָן גירעט די אידישע אמונה אָן צו נעמען, מיר אידען דאַרפין נאָר זעהען אַז מיר אַליין זאָלין זיין פעסט אין אונזער אמונה —"

אין אַן אַנדער אָרט פון דעם זעלבן אַרטיקל באַגעגנט מען די ציטאַטע:

„...ער באַוויזט דאָס זייא ווייסען אַז בייא אונז [ד"ה, ענגלענדער — ל. ש.] איז אויך אַזוי וויא בייא זייא, דאס דער גלויבין מיט די ליבע צו פאַטערלאַנד שטייען ניכט איינע געגען דיא אַנדערע, דאָס גראַדע אומגיקעהרט, די רעליגיאָן מיט די ליבע צו פאַטערלאַנד, איז אַזוי גלייך וויא דער הימעל איז הערום די ערד, זייא דאַרפין זיך ניכט אָבטהיילין, אונ קעננען זיך ניכט אָבטהיילין. — —"

דאָס פילט מען, איז געווען אָנגעשריבן כדי אָנצוווייזן אויף דער באַציִונג פון ייִדן צום לאַנד ווו זיי וווינען.

די „ייִדישע נאַכריכטען" אינעם פערטן נומער זיינען פיל־ווינציק עקזאָטיש. קודם כל גיט מען איבער עטלעכע פּרטים וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין איטאַליע, און מע פאַרענדיקט מיט דעם טריִומפירנדיקן פאַקט, אַז אַ ייִד איז אויסגעקליבן געוואָרן אין רוימישן סענאַט.

נייס מיט אַ פשוטן מענטשלעכן אינטערעס (human interest) זיינען פּאַ־ראַן ווייניק. אינעם פערטן נומער געפינט זיך אַ פּאַראַגראַף וועגן אַ ייִנגעלע וואָס איז פאַרברענט געוואָרן בעת ער האָט געזוכט אייער אין אַ שייער. דער מין שרייבן האָט אייגנטלעך געפונען זיין אָרט אין דעם ראָמאַן.

ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, האָט זיך דער ראָמאַן אָנגעהויבן אינעם צווייטן נומער און זיין המשך ציט זיך אינעם דריטן און פערטן. דער נאָמען איז גאָר אַ באַשיידענער: „איין געשיכטע וואָס האָט זיך פּאַסירט מיט הערר עמנואל". דערפאַר וואָס עס פעלט דער ערשטער קאַפּיטל איז אַ ביסל שווער זיך צו אָריענטירן אין דער סיפּור המעשה. דער ראָמאַן קומט אַפּנים פאָר אין שפּאַניע בעת דער אינקוויזיציע, הגם עס איז נישטאָ קיין רמז פון דעם וואָס מיר וואָלטן אָנגערופן סביבה־באַשרייבונג. ווי ווייט מען קען דערגיין איז דער אינהאַלט בערך אַזאַ: אַ ייִדישע פרוי געווינט אַ קינד (ס'איז אייגנטלעך נישט קלאָר, צי אַ צווילינג, צי איין קינד). זי איז מודיע, אַז זי האָט געהאַט אַ מיידל כדי די אינקוויזיטאָרן זאָלן נישט האָבן דעם חשד, אַז מען וועט דאָס ייִנגל מל זיין. צו דער זעלבער צייט האָט איר דינסט אַ קינד, פון אַ גלח וואָס פירט אָן מיט דער אינקוויזיציע. איר קינד שטאַרבט. היות ווי זי וויל האָבן די פאַרזיכערונג וואָס דער גלח האָט איר און איר קינד צוגעזאָגט, פאַרבייט זי איר טויט קינד אויף דעם לעבעדיקן קינד פון איר באַלעבאָסטע.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז שווער צו משפטן וועגן דעם ראָמאַן פון די צוויי קאַפּיטלעך, אָבער אַז דער ראָמאַן געהערט צו די ערגערע טיפּן צייטונג־ראָמאַנען איז לפי־דעתי גאַנץ קלאָר. די עלעמענטן פון צופאַל און אויס־טערלישקייט שפּילן אַ צו גרויסע ראָלע, מען זאָל דעם ראָמאַן באַטראַכטן ווי ערנסטע ליטעראַטור.

ווי פריער געזאָגט, האָט עליאַשאָוויטש אַפּנים געוואָלט נאָכמאַכן דעם „ווינער איזרעאַליט". דאָס קען מען זען צום בעסטן אין דער שפּראַך. עליאַ־שאָוויטש האָט געפּרוווט שרייבן דייטש מיט העברעיִשע אותיות. דערפאַר אָבער האָט זיין שלעכט קענען דייטש צי זיין גוט קענען ייִדיש געפירט צו אויסטערלישקייט אין זיין שפּראַך. דערצו נאָך האָט עליאַשאָוויטש מסתמא איינגעזען, אַז זיינע לייענער זיינען נישט קיין מבינים אויף דייטש.

זאַצבוי און שפּראַך זיינען בדרך־כלל דייטשישע, הגם פאַרגרייזט. מען געפינט למשל אַזעלכע טעותן: „דיא נאָטהווענדיגקייט איינעס צייטשריפּ־טעס", „דער אָבערסטעטער". דער גרויסער חילוק אָבער צווישן „השופר" און דעם „איזרעאַליט" ליגט אין דעם, וואָס „השופר" באַנוגנט זיך נישט מיטן כלומרשטן דייטש. ווו נישט ווו זיינען דייטשמעריזמען פאַרטייטשט אויף אַן אמתן ייִדיש. עטלעכע ביישפּילן איז כדאי צו געבן.

„בירגען" ווערט פאַרטייטשט „ערב זיין"

„דומהייט" — „נאַרישקייט"

„בעערדיקט זיין" — „צו קבורה קומען"
„ביינאַהע" — „כמעט"
„געלונגען" — „געגליקט"
„טיילט מיט" — „איז מודיע"

סלאַוויזמען זיינען גאָר ווייניק פאַראַן: למשל, „באַפעל" — „אוקאַז", „רעגירונג" — „קאַזנאַ", „איינער אַליין צו זיצן" — „סעקרעטנע", „רעוואָלוציאָן" — „מאַטעז", „שטיממען" — „גאַלקעס".

אַנגליציזמען זיינען פאַראַן אַפילו אין אַ קלענערער מאָס ווי די סלאַוויזמען. דער פאַקט אַליין איז אַ ראיה, אַז דער רעדאַקטאָר האָט קנאַפּ געקענט ענגליש. בדרך כלל, אין פאַלן פון רעדאַקטירן אַ צייטונג פאַר אימיגראַנטישע לייענער פילט דער רעדאַקטאָר אויף זיך די התחייבות צו העלפן אַריינפירן זיין עולם אין דער נייער סביבה און אים דאָרטן מאַכן היימיש. וואָס די סיבות זאָלן נישט זיין, האָט עליאַשאָוויטש נישט געהאַט אָט די איינשטעלונג. ס'איז באַשיינפּערלעך קלאָר: ער אַליין איז געווען אָפּגעזונדערט פונעם ענגלישן לעבן און איז נישט געווען בכוח אין דעם פּרט צו פירן דעם עולם פאַר וועמען ער האָט געשריבן. די עטלעכע אַנגליציזמען זיינען: „מיטגלידער" — „מעמבערס", און אפשר „האָספּיטאַל" פאַר „שפּיטאָל". דער ליטווישער דיאַלעקט איז אָפּט באַמערקלעך אינעם אויסלייג: „חאָץ", „סיקאַנירן", „אאַז"וו.

עס זיינען פאַראַן קליינינקייטן אין דער צייטונג וואָס ווייזן אפשר אָן קלאָרער פונעם אינהאַלט אויף איר קולטורעלן ניוואָ. דעם רעדאַקטאָרס דערקלערונגען זיינען דערצו גוטע דוגמאות. אין טעקסט באַנוצט ער דאָס וואָרט „באָמאַדן". גלייך דערנאָך, אין קלאַמערן, גייט אַזאַ דערקלערונג: „(דאָס זיינען דיא לייט וועלכע זייער גאַנצער געשעפט איז הערום צו גיין פון איין אָרט צום אַנדערין מיט פּיה)".

אין אַן אַנדערביישפּיל: „צו רעזערפנע (דאָס הייסט צוא זיין בערייט ווען עס וועט זיין איין מלחמה)".

עס איז געוויס שווער צו פסקענען, צי אַזעלכע פרימיטיווע דערקלערונגען שטאַמען פון דעם רעדאַקטאָרס אייגענער אומפּעיִקייט. אפשר האָט ער אַראָפּגעשריבן צו זיינע לייענער, זיי האַלטנדיק פאַר אומוויסיקע באַשעפענישן וואָס מען דאַרף פאַר זיי יעדער וואָרט איבערקייען.

צווישן די תשובות אין בריווקאַסטן געפינט מען אָבער, אַז עליאַשאָוויטש איז אַליין נישט געווען פריי פון קליינלעכקייט און בכלל, אַז די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע האָבן זיך נישט נוהג געווען מיט מער חשיבות ווי די לייענער — צי ווי מען האָט געמיינט, אַז די לייענער פירן זיך. אינעם דריטן נומער איז אָפּגעדרוקט אָט דער ענטפער צו אַ לייענער:

„איהר צווייטען בריף האָבין וויר אויך ערהאַלטין, בריעפליך איהנען צו אַנטוואָרטען ערלויבט אונז די צייט ניכט, אונזערע שפּרעך שטונדען זינד

ביז 10 אוהר דעם מאָרגענס. צום בעווייז דאָס זיא איהרען זיך ניכט אונד וויר מיינען איהנען, מעלדען וויר איהנען דאס וויר קיין אונפראַנקירטע בריף אננעהמען ווערדין — "

אינעם פערטן נומער גייט נאָך אַ בריוו צום זעלבן לייענער:
„וויר זאגען קיינע ליגע, איר בריעף וואַר אונפראַנקירט".

די רעקלאַמעס אין דער צייטונג זיינען ס'רוב נישט צו דערקלערן. מען געפינט צ"ב צוויי יִדישע רעקלאַמעס פון לערערס וואָס זוכן לעקציעס, פון סופרים, פון אַן איינבינדער, פון אַ בליי־אַרבעטער. אַלע געפינען זיך אינעם יִדישן קוואַרטאַל פון לאָנדאָן. לייגט זיך אויפן שכל, אַז אַזעלכע רעקלאַמעס זיינען טאַקע געווען אַריינגעגעבן אין דער רעדאַקציע. די גרעסטע צאָל רעקלאַמעס אָבער זיינען פון גרויסע, ענגלישע געשעפטן פון טייערע שרייב־פּאַפּירן, צירונג און אָרנאַמענטן. אַלע זיינען, ווי עס ווייזן די פאַמיליעס פון די באַלעבאַטים, נישט יִדישע און געפינען זיך ווייט פונעם יִדישן קוואַרטאַל. און די פּראָדוקטן זיינען געוויס נישט געווען נאָך דער קעשענע און דעם געשמאַק פונעם יִדישן אימיגראַנט. אין איין רעקלאַמע געפינט זיך אַפילו אַזאַ זאַץ: „אַ היפשע הנחה איז געמאַכט פאַר קאַטוילישע צדקה־געזעלשאַפטן."

משמעות זיינען די רעקלאַמעס נישט געווען אַריינגעשיקט פון די פירמעס, נאָר עס זעט אויס, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט זיי אַריינגעשטעלט אָדער אויף אויסצופילן דאָס אָרט, אָדער קינסטלעך צו שאַפן אַ באַדערפעניש פאַר רעקלאַמע.

„השופר" האָט זיכער נישט באַוויזן אויפצוטאָן עפּעס ממשותדיקעס אויף דער יִדישער גאַס אין לאָנדאָן. די צייטונג איז אויפגעקומען און אונטער־געגאַנגען שטילערהייט. היות ווי „השופר" האָט נישט געהאַט קיין פּאָזיטיווע יִדיש־פּאָליטישע שטעלונג, האָט ער נישט געקענט פאַראינטערעסירן כאָטש אַ טייל פון דער יִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאָנדאָן. און היות ווי דאָס איז געווען אַ צייטונג אָן ליטעראַרישע כחות, אָן פּאָליטישן כאַראַקטער, וואָס זיין אַרויסגעבער איז נאָר געווען אויסן פּרנסה, איז קיין חידוש נישט וואָס די צייטונג איז אַזוי שטיל פאַרשווונדן פון דער יִדישער עפנט־לעכקייט.

יידיש וואָקאַבולאַר אין דער אָנפאַנג־שול

אַ פּראָגראַם פאַרן יידיש־לימוד

פון י. שטיינבוים

דאָס לערנען יִדיש אין דער אָנפאַנגשול, באַזונדערס אין אונדזער לאַגע דאָ אין אַמעריקע, מוז מען אַזוי פּלאַנירן און אָרגאַניזירן, אַז אויף יעדער שול־מדרגה זאָל מען קענען פּינקטלעך מעסטן און וועגן די קענטענישן וואָס די קינדער האָבן באַקומען. אַזאַ געַנויע פּלאַנירונג איז אַבסאָלוט נייטיק, אויב מיר ווילן אויסמיידן אַ פּראָצעס פון סתם שווימען אין דער וועלט אַריין. און אַזאַ פּלאַנירטער צוגאַנג צום לימוד פון יִדיש איז דערגרייכלעך, מחמת שפּראַך־קענטשפאַט, די קענטשאַפט פון לייענען, פון רעדן און פון אויס־לייגן איז ווי יעדער אַנדערע קענטשאַפט, טעכניש מעגלעך צו מעסטן און אויף אונדזער יִדיש אין די שולן מוזן מיר אין אַ גרויסער מאָס קוקן ווי אויף אַ טעכנישן מיטל, וואָס פאַרמאָגט אַן אָנהייב, אַ מיטן און אַ סוף.

אָבער כדי מיר זאָלן ווי געהעריק קענען מעסטן און וועגן קענטענישן אין יִדיש וואָס מען האָט דערגרייכט צו זיי אין דער שול, דאַרפן מיר לכתחילה וויסן וואָס מיר נעמען זיך אונטער צו מעסטן. אין אַנדערע ווערטער, כדי מיר זאָלן קענען מעסטן און פאַרגלייכן די דערגרייכטע קענטענישן וואָלטן מיר געדאַרפט פאַר זיך האָבן אַ מין קענטעניש־פּלאַן, מיט געוויסע נאָרמעס און גרענעצן פאַר יעדער שפּראַך־מדרגה. ווייל סתם־יִדיש קען מען נישט מעסטן, סתם־יִדיש קען באַטייטן: פאַרשטיין אַ בלאַט־צייטונג, אַ זייטל זשיטלאָווסקי אָדער עלבעס „יִנגעלע־רינגעלע“. און מעסטן אַזאַ סתם־יִדיש, לויט דער איינזעעניש פון דעם אָדער אַ צווייטן מעסטער, וואָלט אונדז בדיעבד געגעבן סתם־רעזולטאַטן, וואָס וואָלטן אונדז גאָרנישט אויפגעקלערט. וואָס אַ שטייגער קען באַטייטן דער פאַקט, אַז דער בחור קען נישט לייענען זשיט־לאָווסקיס אַרטיקלען און די מיידל קען יאָ לייענען „יִנגעלע־רינגעלע“? ווי פיל יִדיש קען נישט דער בחור און ווי פיל קען דאָס מיידל יאָ? דאַרף

דער בחור, וואָס קען נישט לייענען זשיטלאָווסקין פאַרבלייבן אין קלאַס און מעג דאָס מיידל אַריבערגיין אין דער מיטלשול?

קלאָר, אַז סתם־פאַרשטעלונגען, וואָס עס דאַרפן זיין די קענטענישן פון אַ ייִנגל, לאָמיר זאָגן, וואָס האָט אָפּגעלערנט אַ יאָר אין ערשטן קלאַס, קענען אונדז בלויז נאָך טיפער פאַרפירן. כדי באמת צו קענען אָפּשאַצן די אויפטוען פון דעם תלמיד אין משך פון אַ יאָר, מוזן מיר זיינע דערגרייכונגען מעסטן על־פי אַ פעסטער פּראָגראַם און מיט איר פאַרגלייכן די דערגרייכונגען.

אַזאַ פעסטע פּראָגראַם, אַזאַ קענטעניש־פּלאַן פאַר ייִדיש אין דער אָנפאַנגשול בכלל און פאַר די באַזונדערע לערניאָרן בפרט פאַרמאָגן מיר נישט. מיר פאַרמאָגן יאָ, באַזונדערס אין שייכות צו די ערשטע מדרגות פון לימוד אַלגעמיינע און נעפּלדיקע פאַרזאָגן צו די לערער וועגן דעם, וואָס די תלמידים דאַרפן קענען אויפן געביט פון לייענען ביים איבערגיין פון איין קלאַס אין צווייטן. ווי אויסדרוקן פון אַלגעמיינע צילן פאַר די לערער זיינען אָט די פאַרזאָגן גאַנץ ניצלעך און מסתמא נייטיק, אָבער ווי אָנווייזן אויף געוויסע קענטענישן, וואָס מ׳דאַרף דערגרייכן צו זיי אין די גרענעצן פון צייט און אָרט — ווי אַזעלכע זיינען זיי נעפּלדיק און כמעט אומנוציק. פאַר פּראַקטישע צוועקן, וואָס קען למשל דער לערער באַווייזן מיט אַ פאַרזאָג, אַז אין ערשטן זמן אָנפאַנגשול דאַרפן קינדער זיך אויסלערנען „לייענען דייטלעך אַ לייכטן ייִדישן טעקסט"? אָדער אַז דעם צווייטן זמן דאַרפן די קינדער זיך אויסלערנען „לייענען אַ ייִדישן טעקסט מיט לייכטע העברעיִשע אומגאַנגווערטער"?[1]. איז דער וווקס אין ייִדיש צווישן ערשטן זמן און צווייטן אַן איבערגאַנג פון קענען לייענען אַ „לייכטן טעקסט" און בכלל אַ „ייִדישן טעקסט"? ווי אַזוי באַשטימען מיר וועלכער טעקסט איז לייכט און וועלכער שווער? און בכלל וועגן וואָס פאַר אַ טעקסטן רעדט זיך דאָ — אַ טעקסט פון דעם לייענבוך אין וועלכן דאָס קינד האָט געלערנט דעם ערשטן זמן? אָדער אַן ענלעכער טעקסט פון אַן אָנפאַנגער־לייענבוך, כאָטש דאָס קינד האָט דאָס פריער נישט געזען און נישט גענוצט? און וואָס אויב דער טעקסט פון אַ צווייטן לייענבוך וועט זיך נישט צונויפקומען מיט דער שווערקייט־ראַנג פון לייענבוך וואָס דאָס קינד האָט געלערנט?

ווי באַלד „טעקסט" און „לייכטער טעקסט" ווערן נישט דעפינירט און נישט באַגרענעצט קען גרייַלעך פּאַסירן, אַז איין לערער זאָל למשל האַלטן, אַז טעקסט נומער איינס (זע וויי‏טער) איז שווערער פון טעקסט נומער צוויי און דעריבער איז דער ערשטער טעקסט נישט קיין פּאַסיקע מאָס צו מעסטן די קענטענישן פון זיינע תלמידים. אַ צווייטער לערער, אַ דאַנק זיין איינ־

[1] פּראָגראַם פון די אַרבעטער־רינג שולן, בילדונג דעפּאַרטמענט פון אַרב.־רינג, ניו־יאָרק 1927, ז"ז 21, 23.

דרוק און זיינע איינזעענישן, קען טענהן פונקט פאַרקערט, אַ דריטער — גאָר אַנדערש, אאַז״וו.

טעקסט איינס

„אַמאָל האָט אַ קעניג אַרויסגע־געבן אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן זאָלן פאַרטריבן ווערן פון לאַנד. איינער אַ ייִד האָט געהאַט געלט און צי־רונג. איז ער אַוועק מיט דעם צו זיין שכן, אַ קריסט, און האָט אים געבעטן, ער זאָל עס באַהאַלטן, ביז ער וועט קענען צוריקקומען. דער קריסט האָט צוגעזאָגט היטן דעם ייִדנס פאַרמעגן און דער ייִד איז אַוועק מיט אַלע פאַרטריבענע ייִדן אין אַן אַנדער לאַנד.״

טעקסט צוויי

„אַ רייכער מאַן האָט געשפּאַצירט אין זיין גאָרטן און האָט דערזען אַ פייגעלע, וואָס האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין אַ נעץ. ער האָט באַ־פרייט דאָס פייגעלע פון נעץ און גענומען עס אין האַנט. פּלוצלונג האָט דאָס פייגעלע אָנגעהויבן צו רעדן צו אים אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך: — לאָז מיך אָפּ, מענטש! שיין בין איך נישט, זינגען קאָן איך נישט און צום עסן טויג איך נישט. ווּעסטו מיך באַפרייען, וועל איך דיר געבן דריי ניצלעכע עצות.״

פּרוּווט אָקאָרשט פאַר זיך אַליין באַשטימען, איידער איר לייענט ווייטער, וועלכער פון די צוויי טעקסטן איז מער פּאַסיק ווי טעקסט־מאַטעריאַל פאַר קינדער, וואָס האָבן געענדיקט דעם ערשטן קלאַס און וואָס דאַרפן אַריבער־גיין אין צווייטן. דער פאַרהער דאַרף, פאַרשטייט זיך, אַרומנעמען צוויי מאָ־מענטן: קענטשאַפט אין לייענען און קענטשאַפט אין פאַרשטיין דאָס גע־לייענטע.

אויב איר האָט אויסגעקליבן דעם ערשטן טעקסט, על־פּי וועלכע אָביעקט־טיווע עלעמענטן? אויב איר זייט געקומען צו דער מסקנא, אַז דער צווייטער טעקסט איז בעסער, איז וואָס שטעקט אַזוינס אין דעם טעקסט, וואָס דער ערשטער אַנטהאַלט נישט, אָדער אַנטהאַלט אין אַ צו שטאַרקער אָדער צו שוואַכער מאָס?

מ׳קען זיך משער זיין, אַז ווייל די טעמאַטיק פון ערשטן טעקסט איז אַ ביסל ווייטער אָפּגערוקט פון דער דערפאַרונג־ספערע פון יונגע קינדער, קען זיין אַז צוליב דעם וואָלט דער טעקסט נישט געווען אַזוי פּאַסיק, ווי דער צווייטער, ווו די טעמאַטיק איז אַ סך נאָענטער. אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך דער עיקר וועגן לייען־קענטשאַפט און פאַרשטיין פּירוש המילות און על־פּי דעם פאַרזאָג פון דער ציטירטער פּראָגראַם — בלויז וועגן לייענען אַליין. נו, אין דעם פּרט שטייעןביידע טעקסטן כמעט אויף איין שווערקייט־מדרגה, כאָטש דער ערשטער טעקסט אַנטהאַלט מער פילטראַפּיקע ווערטער ווי דער ערשטער.

אַז סתם טעקסט אַליין, צי „לייכט״ אָדער „שווער״, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן די ערשטע טריט אין לייענען קען נישט דינען ווי אַ קריטעריע פון

קענטשאַפט אין לייענען און פאַרשטיין דאָס געלייענטע ווערט נאָך בולטער אַרויסגעבראַכט דורכן פאַקט, וואָס אין דער אמתן איז דער ערשטער טעקסט אַרויסגענומען פון אַ לייענביכל, וואָס ווערט גענוצט פאַרן ערשטן לערניאָר און דער צווייטער טעקסט — פון אַ לייענבוך פון דריטן לערניאָר.

ווי באַלד אַזוי בלייבט אונדז נישט קיין אַנדער קריטעריע צו מעסטן די דערגרייכונגען פון די קינדער, ווי צוריקגיין צום טעקסטביכל אין וועלכן זיי האָבן געלערנט און פאַרהערן זיי אין זייער אייגענעם סידור. אָבער אַזאַ איינציקע מאָס איז מחייב צו צוויי זאַכן: ערשטנס, איז יִדיש, לאָמיר זאָגן, פאַרן ערשטן יאָר, שטעלט מיט זיך אין דער אמתן פאָר כלערליי „יִדישן", וואָס קיינער ווייס נישט גענוי, וואָס און ווי פיל דאָס איז אַזוינס און צווייטנס — און ווי אַ רעזולטאַט דערפון, אַז די דערגרייכונגען צו וועלכע קינדער דערגייען דורך איין טעקסטביכל זיינען נישט די זעלביקע (ביי אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען) ווי די דערגרייכונגען צו וועלכע עס זיינען דערגאַנגען קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט פון אַן אַנדער ביכל. און ציענדיק דעם זעלביקן געדאַנק ווייטער קענען מיר לייכט איינזען, אַז אַזאַ לאַגע קען פירן דערצו, אַז תלמיד 1, וואָס לערנט אין בוך ב׳ און געפינט זיך אַצינד אין צווייטן קלאַס זאָל דאַרפן, ביים טראַנספערירן זיך אין אַ צווייטער יִדישער שול, אַריינגעזעצט ווערן אָדער אין קלאַס ג׳ ווייל ער קען מער, ווי זיינע איצטיקע חברים, אָדער אין קלאַס א׳ ווייל בוך ב׳ אין דער שול איז „שווע־רער" פון זיין פריערדיקן בוך ב׳.

אַזאַ לאַגע און אַזאַ צוגאַנג צום לימוד פון אונדזער שפּראַך איז פּע־לערדיק און ריזיקאַליש. עס קען נישט געמאָלט זיין פאַרשיידנאַרטיקע „יִדישן", וואָס דערגייען צו אונדז אַ דאַנק דעם פּערזענלעכן געשמאַק, פּערזענלעכער איינזעעניש און אויסקלייב פון דעם אָדער יענעם צוזאַמענשטעלער פון שפּראַכ־טעקסטן. עס טאָר נישט דערגיין דערצו, אַז קינדער וואָס לערנען אין דער בראָנקס ביי איין לערער פון איין ביכל זאָלן נישט קענען דעם זעלביקן יִדיש פון די קינדער וואָס לערנען לאָמיר זאָגן אין פילאַדעלפיע ביי אַ צווייטן לערער פון אַן אַנדער ביכל. דער פאָרמעלער שפּראַך־לימוד מוז זיין איינהייטלעך און אוניווערסאַל; מעגן זיך די לערן־מעטאָדן זיין ווי פאַר־שיידן, מעג די טעמאַטיק זיין אַנדערש — די שפּראַך, רעדוצירט צו דער קענטשאַפט פון באַשטימטע ווערטער־סכומען אין קאָנטעקסטועלן צוזאַמענהאַנג און אויסער אים, דאָס מוז אומעטום זיין די זעלביקע. אַנדערש בלייבן מיר ביי אַ צושטאַנד, ווו יעדער טעקסטביכל קען מיט זיך פאָרשטעלן אַ באַזונ־דערע שפּראַך־פּראָגראַם, אַזוי אַז מיר קענען בשום אופן נישט וויסן, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס לשון פון אַן ערשטן זמן און ווו עס דאַרף זיך, אין אַ ברייטערן זין פון וואָרט, ענדיקן די פאָדערונג פאַר קענטשאַפט אין דער שפּראַך סוף דריטן זמן.

ביי מיר איז נישט פאַראַן דער מינדסטער ספק, אַז די שוואַכע דערגריי־

כונגען אויפֿן געביט פֿון פּשוטער שפּראַכקענטשאַפֿט — לייענען, שרייבן און רעדן — נעמט זיך אין אַ גרויסער מאָס, אַ חוץ אַנדערע אָביעקטיווע סיבות, פֿון דעם שוואַכן און פֿעלערדיקן אַוועקשטעלן דעם לימוד. היות ווי אין אונדזער לאַגע דינען די טעקסטביכלעך, ווי די פּראָגראַם־אָנווייזער און פּירער פֿאַרן לימוד אין די שייכותדיקע קלאַסן, מעגן מיר מיט אַ גרויסער זיכערקייט זאָגן, אַז אין געוויסע קלאַסן ווערט דער ייִדיש־לימוד איבערגעלאָדן מיט אומנייטיקע באַלאַסטן, אין אַנדערע קלאַסן ווערט דער ייִדיש אויסגעצערט און אַז אין גאָר זעלטענע פֿאַלן ווערט געזאָרגט דערפֿאַר, אַז די קינדער זאָלן אויף אַ סיסטעמאַטישן און בהדרגהדיקן אופֿן אַריינגעפֿירט ווערן אין שפּראַך־אוצר פֿון אונדזער לשון פֿון וואַנען זיי זאָלן אַרויסציען שטיקער נחת און פֿרייד.

דער וואָרט־אוצר פֿון פֿיר אָנפאַנגער־ביכלעך

אַז דאָס איז דער פּאַקטישער צושטאַנד, באַזונדערס אין שייכות צום לימוד פֿון ייִדיש אין די אָנפאַנגער־מדרגות, באַווייזן אונדז די ווייטערדיקע אַנאַליזירן פֿון פֿיר אָנפאַנגער־ביכלעך, וואָס זיינען מצד די מחברים באַשטימט געוואָרן פֿאַרן לימוד פֿון ערשטן יאָר ייִדיש. איך האָב בכיוון אויסגעקליבן דאָס ערשטע יאָר ייִדיש, מחמת דאָ, אין די ערשטע קלאַסן, איז דרינגלעכער די נויט אין געהעריקער פּלאַנירונג און סיסטעמאַטישער אָרגאַניזאַציע פֿון דעם לימוד און ווירקט אַגב שטאַרקער אויף די ווייטערדיקע דערגרייכונגען, ווי אין וועלכן נישט איז אַנדערן לערניאָר.

פֿאַר אונדזער אַנאַליז האָבן מיר גענומען ווייטערדיקע פֿיר אָנפאַנגער־טעקסטביכלעך:

1) דוואָירע טאַראַנט — מיין אַלעפֿבייס [2] (ערשטע אויפֿלאַגע), ווייטער באַצייכנט ווי „אַלעפֿבייס“.

2) יעקב לעווין — דער אָנפאַנגער, ערשטער טייל [3] (דרייצנטע אויפֿלאַגע), ווייטער באַצייכנט, ווי „אָנפאַנגער“.

3) י. קאַמינסקי — איך לערן זיך ייִדיש (ערשטע אויפֿלאַגע), ווייטער באַצייכנט, ווי „ייִדיש“.

4) י. שטיינבוים — מיין לייענבוך, ערשטע טריט (צווייטע אויפֿלאַגע), ווייטער באַצייכנט, ווי „לייענבוך“.

טאַבעלע איינס גיט אונדז אַן אַלגעמיין בילד פֿון דעם וואָרט־אוצר, אין גאַנצן סכום לייענשטאָף, פֿון יעדן פֿון די פֿיר ביכלעך. אין אונדזערע פֿאַר־

---

[1] לויט דער פֿאָררעדע, אויסגערעכנט בלויז פֿאַר דעם ערשטן האַלב יאָר פֿון ערשטן קלאַס.

[3] דער מחבר גיט ניט אָן גענוי אויף ווי לאַנג דאָס ביכל איז אויסגערעכנט. פֿון דער פֿאָררעדע און אינהאַלט פֿון צווייטן טייל אָנפאַנגער קען מען דרינגען, אַז דער ערשטער טייל איז אויסגערעכנט, ווי „מיין אַלעפֿבייס“, אויף אַ האַלב יאָר.

גלייכן דאַרפן מיר כסדר אין זין האָבן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי פאָרן: „אַלעפבייס" און „אָנפאַנגער" — אויסגערעכנט אויף איין זמן און „יִדיש" און „לייענבוך" — אויסגערעכנט אויף אַ גאַנץ יאָר.

טאַבעלע איינס — אַלע און באַזונדערע ווערטער אין די פיר טעקסטן

טעקסט	אַלע פּרעקוועַנצן	באַזונדערע ווערטער
אַלעפבייס	2157	510
אָנפאַנגער	6753	836
יִדיש	8697	1126
לייענבוך	4323	907

וועגן דעם אופן ווי די ווערטער זיינען געציילט און קלאַסיפיצירט געוואָרן דאַרף מען אָנווייזן:

1) עס זיינען אויסגעלאָזן פון חשבון אַלע העברעיִשע ווערטער, אַנגליציזמען, דער אומבאַשטימטער אַרטיקל אַ און אַזעלכע קלאַנג־אימיטאַציעס (ווי ז־ז־ז, ש־ש־ש, אאַז״וו.

2) צונויפגעזעצטע ווערטער מיט אַ מקף (גראָב־בייכעלע, וואַסער־שטראָם) זיינען פאַררעכנט געוואָרן, ווי צוויי באַזונדערע ווערטער.

3) אָפּקירצונגען (ס׳מאַכט זיך, כ׳וועל) זיינען פאַרצייכנט געוואָרן ווי איין וואָרט (מאַכן, וועלן).

4) ווערבן מיט פאַרשיידענע פּרעפיקסן און אין פאַרשיידענע בייגפאַלן זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אונטער דער שטאַמפאָרעם (אונטערגעשריבן, אָראָפּגעשריבן, איינשרייבן — אַלע אונטער שרייבן, ווי איין וואָרט). אַן אויסנעם איז געמאַכט געוואָרן מיט יענע ווערבן, וואָס איבער דעם פּרעפיקס האָבן אַזוי אַרום באַקומען אַ נייעם מיין. אין אַזעלכע פאַלן זיינען די ווערבן פאַרצייכנט געוואָרן מיטן פּרעפיקס (ווי: מאַכן — אויפמאַכן, הייבן — אויפהייבן).

5) דער ווערב „זיין" איז פאַרצייכנט געוואָרן באַזונדער אין אַלע זיינע בייפאַלן, ווי: זיין, איז, געווען, ביסט, אאַז״וו. דער טעם איז אַ פּשוטער: פון שטאַנדפּונקט פון דער לייענטעכניק, זעט זיך דאָ נישט אָן קיין געמיינשאַפטלעכער לייען־עלעמענט צווישן די אַלע פאָרמען און דעם אינפיניטיוו „זיין".

6) אַלע האָמאָגראַפן זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אונטער איין קלאַסיפיקאַציע: שטיין, זון, גלאַט, האַלטן, אאַז״וו.

מיר האָבן בכיוון איבערגעציילט די ווערטער פון אַ 15 זייטן פון איין ביכל צו זען צי די פאַרשיידענע ציפערן שטימען. עס האָט זיך דערביי אַרויסגעוויזן, אַז געוויסע טעותן זיינען געמאַכט געוואָרן ביים פאַרצייכענען פּרעקווענצן און ביים צונויפרעכענען אַלע באַזונדערע ווערטער. די טעותן

זיינען קוואַנטיטאַטיוו נישט געווען גענוג וואָגיק, אַז זיי זאָלן ראַדיקאַל ענ־דערן די אונטערשטע שורות פון די טאַבעלעס.

פון אָט דער טאַבעלע איז לייכט צו זען, אַז אַ לייענבוך פאַרן ערשטן יאָר קען מיט זיך פאָרשטעלן כלערליי גרייסן אין פרט פון דעם סכום לייענ־שטאָף און זייער גאַנצן סכום ווערטער. ווען מיר זאָלן חשבונען, אַז „אַלעפ־בייס" און „אָנפאַנגער" זיינען באַשטימט בלויז פאַר אַ האַלב־יאָר און „יידיש" און „לייענבוך" פאַר אַ גאַנץ יאָר, וועט עס הייסן, אַז על־פּי „אַלעפבייס" דאַרף אַ לייענביכל פאַרן ערשטן זמן אַנטהאַלטן לייען־מאַטעריאַלן, וואָס נעמען אַרום וואָסערע 2,000 ווערטער בעת לויט „אָנפאַנגער" דאַרפן די קינדער דעקן מאַ־טעריאַלן מיט קנאַפּע 7,000 אין דעם זעלביקן זמן — 3.5 מאָל אַזוי פיל. און פאַרן גאַנצן ערשטן יאָר גיט אונדז „יידיש" אַ לייען־מאַטעריאַל מיט קנאַפּע 9,000 ווערטער בעת „לייענבוך" באַנוגנט זיך מיט אַ ביסל מער ווי 4,000 — ווייניקער ווי העלפט.

אָבער נאָך אַלעמען איז דער סכום לייען־מאַטעריאַל אין אַן ערשט לייענ־ביכל נישט דער סאַמע וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דעם אַוועקשטעל פון דעם יידיש־לימוד. ביי דער געהעריקער אָרגאַניזאַציע און פּלאַנירונג פון לימוד קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז די מעגלעכקייט צו פירן די לעקציעס אין דער שפּראַך זאָל מיט גאָרנישט געמינערט ווערן נישט פון דעם, וואָס איין ביכל אַנטהאַלט 30 זייטלעך לייענשטאָף מער, אָדער 30 זייטלעך ווייניקער. אַ סך לייענשטאָף קען זיין אַ פּלוס פאַר איין לערער און אַ מינוס פאַר אַ צווייטן. עס ווענדט זיך אין לעצטן סך־הכל ווי אַזוי דער מאַטעריאַל ווערט אויס־געניצט. אַוודאי מוז זיין אַ גרענעץ — מ'קען דעקן אַזוי פיל שטח און נישט מער, אָבער סוף־כל־סוף קען יעדער לערער זיך לייכט אַן עצה געבן מיט אַזעלכע פּראָבלעמען: אויב דאָס לייענביכל גיט צו ווינציק, קען ער במשך פון דעם יאָר צונעמען נאָך אַנדערע מאַטעריאַלן, אויב צו פיל — קען ער אויסשניידן אָדער איבערלאָזן.

וויכטיקער פון דער פראַגע איז נאָך אַלעמען דער ספּעציעלער וואָרט־באַשטאַנד פון די לייען־מאַטעריאַלן, ד"ה דער סכום באַזונדערע ווערטער, וואָס די מחברים פירן אַריין אין ערשטן יאָר און מיט וועלכן זיי אָפּערירן כדי צו דערגרייכן אַ סך־הכל פון 9,000 אָדער 5,000 ווערטער פאַרן גאַנצן יאָר. דאָס איז דער סאַמע שפּיץ פון דער פראַגע. אָן דעם איז אייגנטלעך אָפּהענגיק אַלץ — אי וואָסערע ווערטער איין טעקסט גיט יאָ און דער צווייטער גיט נישט, אי דער אופן, אין וועלכן דאָס וואָס ווערט יאָ די קינדער געגעבן, ווערט דורכגעפירט.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט דעם מאָמענט, אַז פאַר אונדזערע צוועקן איז אַבסאָלוט וויכטיק צו וויסן, וואָס די תלמידים דאַרפן דערגרייכן אין פרט פון שפּראַך־קענטעניש אין דער אָנפאַנגשול בכלל און אין איטלעכן לערנ־יאָר בפרט. לעת עתה ווייסן מיר וועגן דעם גאָרנישט און ווי אַ רעזולטאַט

האָבן מיר דעם פאַקט, וואָס גאַנץ צופעליק גיט אונדז איין ביכל, „אַלעפ־בייס“, 510 באַזונדערע ווערטער אויף אַ האַלב יאָר און דאָס צווייטע, „אָנ־פאַנגער“, גאַנצע 836 ווערטער אויף דער זעלביקער צייט. די קינדער קומען דאָ, הייסט עס, לחלוטין נישט אין באַטראַכט. די מחברים פון די אַלע טעקסטן האָבן דאָ נישט געטראַכט נישט אין טערמינען פון אויפנעם־פעיִקייט מצד די קינדער און אויך נישט אין טערמינען פון פּראָגראַם־נויטן. ווייל ווי באַלד ס׳איז פאַראַן אַ גרענעץ (און אַ גרענעץ מוז דאָך זיכער זיין) ווי פיל נייע ווערטער אַ קינד קען אויפנעמען און איינהאַלטן ביי זיך אין משך פון אַ געוויסער צייט און ווי באַלד ס׳איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט יעדער יאָר צו לערנען אַ באַשטימטן מינימום ווערטער — וועלכע פון די מחברים זיינען דאָ גערעכט, די מאַקסימאַליסטן צי די מינימאַליסטן?

כדי נאָך שאַרפער אַרויסצוזען די אוממעגלעכע לאַגע אין וועלכער אַזאַ איינשטעל פון שפּראַך־לימוד קען אונדז אַריינפירן, לאָמיר אַ קוק טאָן און זען ווי דער ענין זעט אויס, ווען מיר צעוואַרפן דעם שפּראַך־לימוד דאָס ערשטע יאָר אויף באַזונדערע לעקציעס, אָננעמענדיק, אַז די קינדער קומען אַריין אָן וועלכע נישט איז ייִדיש־קענטעניש פון פריער.

אין אונדזערע שולן לערנט מען אַ קימאַ־לן פון 30 וואָכן אין יאָר, צו (דורכשניטלעך) דריי מאָל אַ וואָך, מאַכט דאָס אויס 120 לעקציעס ביי די אידעאַלסטע באַדינגונגען פון גוטן וועטער, אָן אַריינמיש פון יום־טובים, קראַנקייטן, אאַז״וו. פאַר אַ האַלב לערניאָר וואָלט דאָס אויסגעמאַכט בלויז זעכציק לעקציעס. וועט אַזוי אַרום אויסקומען, אַז די קינדער וואָס לערנען פון

„אַלעפבייס“ — דאַרפן זיך אויסלערנען 8.5 ווערטער פער לעקציע,
„אָנפאַנגער“ — דאַרפן זיך אויסלערנען 14 ווערטער פער לעקציע,
„ייִדיש“ — דאַרפן זיך אויסלערנען 9 ווערטער פער לעקציע און
„לייענבוך“ — דאַרפן זיך אויסלערנען 7.5 ווערטער פער לעקציע

וואָס דאָס מיינט, אַז ס׳קען געמאָלט זיין אַזאַ גוואַלטיקער מהלך צווישן אויפנעמען און אויסלערנען 7.5 נייע ווערטער פער לעקציע און 14. און גלייך דאָ וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז בעת אין פאַל פון אויספּלאַנעווען די איינטיילונג פון די פאַרשיידענע אותיות סטאַרען זיך געוויינטלעך די מחברים אַריינצוברענגען אַ מינימום פון נייע עלעמענטן פער לעקציע, זיינען זיי גאָרנישט אַזוי אויסגערעכנט, ווען ס׳קומט צו נייע ווערטער. און נייע ווערטער זיינען זיכער שווערערע אויפנעם־ און דערקען־עלעמענטן אין דעם לייען־פּראָצעס, ווי איינצלנע אותיות.

אָבער עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז מיר וואָלטן זיך געדאַרפט זאָרגן לכל־הפחות נישט ווייניקער וועגן דעם קינדס מעגלעכקייט אויפצונעמען און איינצולערנען גאַנצע ווערטער, אויסגעטיילט אָדער אין קאָנטעקסט, ווי די באַזונדערע עלעמענטן פון וועלכע די ווערטער זיינען צונויפגעשטעלט. מיר זיינען דאָך סוף־כל־סוף פאַראינטערעסירט דערין, אַז די קינדער זאָלן באַ־

נעמען און תופס זיין ווערטער און וואָרט־אַסאָציאַציעס און נישט סתם קלאַנ־גען. אויב אַזוי איז דאָך פאַר אונדז אומגעהויער וויכטיק צו וויסן מיט ווי פיל אַזוינע גאַנצע שפּראַך־עלעמענטן מיר קענען אויף איין מאָל באַלאָדן די תפיסה פון קינד און ווי פיל מיר קענען אַריינשפּאַרן אין משך פון גע־וויסע צייט־דויערן און דערביי זיין זיכער, אַז פון דעם אַלעם וועט ביי אים פאַרבלייבן וועלכער נישט איז מינימום פון דעם געלערנטן. מיר קענען נישט איבערלאָדן די לעקציעס און מיר־נישט, דיר־נישט אָנוואַרפן סתם־ווערטער, ווייל זיי פּאַסן זיך צו צו די אָדער אַנדערע אותיות. פון אַזאַ לערנען בלייבט אין לעצטן סך־הכל זייער ווייניק איבער ביים קינד, מחמת אַלע פאַרבינ־דונגען ווערן דאָ ביי אַזאַ איינשטעל געמאַכט מיט הוילע קלאַנג־אַסאָציאַציעס, וואָס שפּילן קיין באַזונדערע ראָלע נישט אין אויפנעמען ווערטער אין ליי־ענען, און נישט מיט וואָרט־אַסאָציאַציעס וואָס זיי אַליין טראָגן מיט זיך זין און באַדייטונג.

ווערטער און וואָרט־אַסאָציאַציעס, אויב מיר האָבן דאָס אין זין, מוזן דורך די באַזונדערע לעקציעס און דורכן גאַנצן טעקסט אַזוי אַריינגעפירט ווערן, אַז עס זאָל בולט זיין אַ כסדרדיקע און סיסטעמאַטישע איבערחזרונג אויף פאַרשיידענע אופנים. מיט אַנדערע ווערטער, כדי אַ געוויסע רשימה ווערטער אָדער גרופּירונגען זאָלן קענען פאַרבלייבן אַ באַשטאַנדטייל פון דעם תלמידס געברויכלעכן וואָקאַבולאַר, איז נייטיק, אַז זיי זאָלן אים דערלאַנגט ווערן פּעריאָדיש און אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע [4] צו דעם גאַנצן סכום לייען־מאַטעריאַל. אַזאַ איינטיילונג פון ווערטער, וואָס די קינדער דאַרפן לערנען, וואָלט געפירט דערצו, אַז די ערשטע איינדרוקן פון אַ ניי וואָרט וואָלטן דורך דער פּעריאָדישער איבערחזרונג געשטאַרקט געוואָרן, סיי וואָס ס'איז שייך דעם וויזועלן אויפנעם, סיי וואָס שייך דעם באַדייט פון וואָרט. אויב מיר פאַרזאָרגן נישט אין די טעקסטן אַזאַ איבערחזרונג קענען מיר זיך נישט ריכטן, אַז ווען דאָס קינד וועט אויפס ניי באַגעגענען וועלכע נישט איז ווערטער פון לאַנג געלערנטע רשימות, אַז עס וועט וויסן וואָס זיי באַדייטן, אָדער אַפילו זיי דערקענען אין די זעלביקע אָדער נייע קאָנטעקסטן.

אויב מיר מעגן אין דעם פּרט זיך באַנוצן מיט די דערפאַרונגען און מיט די מעטאָדן, וואָס ווערן באַנוצט אין דער איינשטעלונג פון אַן ענגלישן וואָ־קאַבולאַר [5] אין די אָנפאַנגער־ביכלעך, וואָלטן מיר געדאַרפט אָננעמען, אַז כדי אונדזערע קינדער זאָלן באמת זיך קענען אויסלערנען לייענען און פאַר־שטיין ייִדיש וואָלטן אונדזערע טעקסטביכלעך געדאַרפט אַזוי צוזאַמענגע־

[4] אויספירלעך אין
Arthur I. Gates. The Improvement of Reading, Ch. X.

[5] זע וועגן דעם די אַרבעטן
John A. Hockett and Deta P. Neely, El. School Journal, Nov. 1936 and Jan. 1937; John A. Hockett, Journal of Educational Research, Vol. 31, No. 9.

שטעלט ווערן, אַז יעדער באַזונדער וואָרט וואָס ווערט אַריינגעבראַכט זאָל זיך דורכשניטלעך איבערחזרן אין די לייען־מאַטעריאַלן נישט ווייניקער ווי 15 מאָל, און ווו נאָר מעגלעך אין אַ קאָנטעקסטועלן צוזאַמענהאַנג. ד״ה מע דאַרף לכל־הפּחות 15 וויזועלע אויפנעמען ביז אַ וואָרט ווערט אַן איינגעשטעלטע געוווינהייט ביים קינד.

דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער איינשטעל. ווי אַזוי אָבער זעט דער ענין אויס אין אונדזערע פיר טעקסטן?

אַז מיר טיילן דעם סכום פון אַלע וואָרט־פרעקווענצן אין יעדן בוך דורך דעם סכום פון די באַזונדערע ווערטער באַקומען מיר אַ דורכשניטלעכע איבערחזרונג אין

אַלעפּבייס — — — — — 4 מאָל
אָנפאַנגער — — — — — 8 מאָל
ייִדיש — — — — — 7.7 מאָל
לייענבוך — — — — — 4.8 מאָל

דער דורכשניט איז, בכן, אַ סך נידעריקער ווי מיר וואָלטן געדאַרפט דערוואַרטן. אָבער דאָס איז נאָך ווייט נישט דאָס אמת׳ע בילד פון דער וואָרט־פאַרטיילונג און וואָרט־איבערחזרונג אין די טעקסטן. עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז אַ גאַנץ קליינע צאָל ווערטער ווערן, צוליב די ספּעציפישע אותיות־געניטונגען, שוין צו פיל איבערגעחזרט, בעת דער כלל ווערטער, אין גרויסן און אין גאַנצן גענומען, ווערט שוין צו פיל פאַרוואַרלאָזט.

אַ ציילונג פון די אָפטסטע 50 ווערטער אין די פיר ביכלעך באַווייזט אונדז אַז אין אַלע פאַלן באַטרעפן זייערע סך־הכל פרעקווענצן צווישן 45 און 50 פּראָצענט פון אַלע פרעקווענצן אין יעדער בוך. דאָס הייסט, אַז אַ העלפט לייען־מאַטעריאַל אין אָט די ביכער באַשטייט אין איבערחזרונגען פון אָט די 50 ווערטער אין קאָנטעקסט, אָדער אָפּגעטיילט. איז לאָמיר אַראָפּנעמען די פרעקווענצן פון אָט די 50 ווערטער און זען וואָס פאַר אַ פרעקווענץ עס שפּילט דער גאַנצער סכום פון די איבעריקע ווערטער. דאָס קלערט אונדז אויף

טאַבעלע צוויי — פרעקווענצן און איבערחזרונג פון אַלע ווערטער

	אַלעפּבייס	אָנפאַנגער	ייִדיש	לייענבוך
פרעקווענצן פון די 50 אָפטסטע ווערטער	1091	3320	3944	1916
איבערחזרונג פער וואָרט אין די 50	22	66	78	38
פרעקווענצן פון די איבעריקע ווערטער	1066	3433	4753	2407
איבערחזרונג פער וואָרט אין די איבעריקע	2.3	4.3	4.4	2.8

פון שטאַנדפּונקט פון איינשטעלן ביי די קינדער, דורך די לייענביכלעך, אַ געזונטע און זיכערע לייען־טעכניק און אַ פערשטענדעניש פון דעם געלייענטן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז וואָס ס׳איז נוגע דעם רוב ווערטער

ווערט אין אָט די טעקסטן נעשט געגעבן די קינדער קיין מעגלעכקייט צו קריגן די נייטיקע קענטענישן אין דער שפּראַך. נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל באַזונדערע ווערטער אין יעדער בוך און נישט געקוקט אויפן סכום פרעקווענצן, וואָס זיי שטעלן צונויף, אָפּערירן דאָ די מחברים מיט אַ גאָר קליינער וואָרט־גרופּע. וואָס ס'איז נוגע אַלע איבעריקע ווערטער בלייבט די אונטערשטע שורה, אַז גאַנצע

90 פּראָצענט פון אַלע באַזונדערע ווערטער אין „אַלעפבייס"
98 פּראָצענט פון אַלע באַזונדערע ווערטער אין „אָנפאַנגער"
95 פּראָצענט פון אַלע באַזונדערע ווערטער אין „ייִדיש" און
94 פּראָצענט פון אַלע באַזונדערע ווערטער אין „לייענבוך"

ווערן איבערגעחזרט עפּעס מער ווי צוויי ביז עפּעס מער ווי פיר מאָל אין דורכשניט פּער וואָרט.

דער וואָרט־אויסקלייב פאַר אָנפאַנגער־טעקסטן.

אָט די אַלע אַנאַליזן און ציפערן באַווייזן אונדז קלאָר, אַז אונדזערע מחברים וואָלטן זיך געדאַרפט גאַנץ שטאַרק באַמיען אַריינצוברענגען מער פּלאַן און אַ בעסערע אָרגאַניזאַציע אין די לעקציעס, וואָס זיי שטעלן אונדז צו אויסצולערנען די קינדער ייִדיש. און אויב אַזאַ פאָדערונג בנוגע שפּראַך־לימוד איז נייטיק ביי נאָרמאַלע אומשטאַנדן פון מוטערשפּראַך, על אחת כמה וכמה אין דער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך ייִדיש און אונדזער שול.

און דאָס וואָס איז חל אויף איינטיילונג פון ווערטער בנוגע איבער־חזרונג, צאָל פּער לעקציע, אאַז"וו איז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס חל אויף די ווערטער גופא, וואָס די מחברים באַנוצן אין די טעקסטן. עס טאָר נישט געמאָלט זיין אַזאַ צוגאַנג פון סתם אַריינגעמען ווערטער אָדער ווערטער־גרופּירונגען, נאָר דערפאַר ווייל זיי פּאַסן זיך אַריין אין אַ פּלאַן פון קלאַנג־געניטונג. עס מוזן דאָך באַשיינפערלעך זיין אין אונדזער שפּראַך אַזעלכע ווערטער, וואָס דאַרפן מער פון אַלע אַנדערע באַקומען בירגערשאַפט דווקא אין אַן ערשטן קלאַס און פאַר קינדער, וואָס קומען אַריין אַהין מיט אַזוי ווייניק וואָרט־קענטעניש. צי מיר נעמען אָן, אַז אַן אָנפאַנגער־ביכל דאַרף אַנטהאַלטן 1,000 באַזונדערע ווערטער, צי 500 — אין יעדער פאַל מוזן מיר דאָך האָבן אַן איינהייטלעכע רשימה ווערטער, וואָס מיט זיי הייבן אַלע אָנ־פאַנגער אָן. מיט אַנדערע ווערטער, מיר מוזן ביי זיך איינשטעלן אַ פּרינציפּ פון אויסקלייב על־פּי וועלכן מיר נעמען יאָ אָדער נעמען נישט אַריין די אָדער אַנדערע ווערטער אין ערשטן, צווייטן אָדער אַנדערן קלאַס [6].

[6] אַ גרינטלעכן פאַרזוך אַוועקצושטעלן דעם לימוד פון ייִדיש, דורך ספּעציעלע וואָ־קאַבולאַר־רשימות פאַר די באַזונדערע קלאַסן פון דער אָנפאַנג־שול האָט געמאַכט יודל מאַרק, צונויפשטעלער פון „פּראָיעקט פון פּראָגראַם פאַר ייִדיש אין דער עלעמענטאַר־שול" (מימיאָגראַפירטע אויסגאַבע פון אַרבעטער־רינג, ניו־יאָרק 1939). די אַלע ווערטער און באַגריפן וואָס דער צונויפשטעלער לייגט פאָר פאַר די אָנפאַנג־שולן זיינען צונויפ־

אָן אַזאַ פּרינציפּ פון אַן אויסקלייב פאַרמאָגן מיר בכלל קיין גאַראַנטיע נישט, אַז די שפּראַך ווערט סיסטעמאַטיש געלייענט. היות ווי פאַר יעדער איינעם איז מסתמא קלאָר, אַז מיר קענען אונדזערע קינדער נישט אויס־לערנען, לאָמיר זאָגן, די אין אַן ערך 45,000 ייִדישע ווערטער פון א. האַר־קאַוויס ייִדיש־ענגליש־העברעיִשן ווערטערבוך — איז וועלכע און ווי פיל ווערטער דאַרפן מיר, אָדער קענען מיר זיי יאָ אויסלערנען? און פון די ווערטער וואָס מיר קלייבן שוין יאָ אויס, מיט וועלכע הייבן מיר אָן אין ערשטן קלאַס און וועלכע קענען מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער?

ס׳איז קלאָר אַז קיין סתם־אויסקלייב קען דאָ נישט אָנגיין. ווייל ווי באַלד מיר שאַפן דערביי נישט קיין באַשטימטע גרענעצן, אין אַ ברייטערן זין פון וואָרט, קען איין מחבר אָדער איין לערער קומען צום אויספיר אַ דאַנק זיין איינזעעניש, אַז פאַר געניטונגען מיטן אות „ז" זיינען די ווערטער „זויבער", „גרויזאַם" און „אָרגאַניזאַציע" בעסער ווי די ווערטער „זיכער", „אייז" און „זלאַטע", וואָס אַן אַנדערער מחבר אָדער לערער האָט אויסגעקליבן. אין דער שפּראַך זיינען אָבער זיכער דאָ „ז"־ווערטער, וואָס קענען אין אַזעלכע פאַלן אויסגענוצט ווערן אָן וועלכע נישט איז פּערזענלעכע איינזע־ענישן, איינפאַלן און צופאַלן. איז נאָך וועלכן אויסקלייב־פּרינציפּ וואָלטן מיר אַזעלכע ווערטער־רשימות געקענט צונויפשטעלן און וועלכע וואָלטן אונדז געדינט ווי שטענדיקע וועגווייזערס אין שפּראַך־לימוד אויף אַלע מדרגות?

קיין בעסערער און אָביעקטיווערער פּרינציפּ ווי די אָפטקייט־פּאָזיציע פון אַ וואָרט אין דער שפּראַך (אין לייען־מאַטעריאַלן בכלל און אין קינדער־ליטעראַטור בפרט) קען גאַרנישט געמאָלט זיין. אויסקלייב על־פּי דעם פּרינציפּ גייט אַרויס פון שטאַנדפּונקט, אַז די אָפטסטע ווערטער אין דער שפּראַך זיינען אין דער זעלביקער צייט די נייטיקסטע און די לייכטסטע

געשטעלט געוואָרן, דערציילט אונדז די פּראָגראַם „אויפן סמך: 1) פון שכל הישר; 2) פון זיי טעקסטן, וואָס די קינדער וועט אויסקומען צו לייענען; 3) פון די ענינים וואָס זיי וועלן דאַרפן שמועסן וועגן זיי; 4) פון די מער־ווייניק גלייכבאַדייטיקע ווערטער אין די אָפטקייט־רשימות פון אַנדערע שפּראַכן; 5) פון די באַגריפן און פאָרשטעלונגען, וואָס מיר וועלן געבן די קינדער". פאַר קלאַס אַ׳ ווערט אָנגעגעבן אַ רשימה פון 682 ווערטער. קיין ספּעציעלע רשימות פאַר די איבעריקע קלאַסן ווערן ניט געבראַכט. אָנשטאָט רשימות, קומען פאַר די לערניאָרן רעקאָמענדירטע טעמעס פאַר שמועסן, דערציילונגען, וואָס אַנט־האַלטן די רעקאָמענדירטע ווערטער פאַר אָט די קלאַסן.

ס׳איז דאָ לײדער ניט דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף די מעלות און חסרונות פון אָט דעם ייִדיש־פּראָיעקט. דאָס וועלן מיר טאָן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט. ס׳איז אָבער כדאי דאָ צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז דער דאָזיקער פּראָיעקט ווייזט אָן אויפן מאָמענט, וואָס אין פּרט פון העברעיִשן עלעמענט אין ייִדיש פאַרמאָגן מיר נישט קיין אָפּטקייט־טאַבעלע, וואָס על־פּי איר זאָל מען קענען צונויפשטעלן רשימות פון אַזעלכע ווערטער פאַר די באַזונדערע לערניאָרן. מיר וועלן דאָ אָנווייזן דערויף, אַז אַזעלכע טאַבעלעס (געבויט אויף אַ ציילונג פון נאָנט צו אַ האַלבן מיליאָן ווערטער) און אַזאַ וואָרט־רשימה איז געווען אָפּגעדרוקט אין באַנד 5, נומער 3־4, 1933 פון די ייִוואָ־בלעטער.

אויסצולערנען, ווייל מ׳זעט זיי און מ׳הערט זיי אויף טריט און שריט, און במילא דאַרפן אָט די אָפּטסטע ווערטער אַריינקומען אין די ערשטע מדרגות פון לימוד, די זעלטענערע שפּעטער, די גאָר זעלטענע נאָך שפּעטער. צו דעם הויפּט־פּרינציפּ אין וואָרט אויסקלייב קענען, פאַרשטייט זיך, צוקומען סעקונדאַרע פּרינציפּן פון נוצלעכקייט־ווערטער (ווי אַ שטייגער צאָלן, מאָסן, דאַטעס), לאָקאַליזמען (ווי נעמען פון ספּעציעלע אָרטיקע פּאַרקער־מיטלען, נעמען פון אָרטיקע אינסטיטוציעס אאַז״וו) און אַנדערע. דער הויפּט־פונ־דאַמענט בלייבט אָבער דער פּרינציפּ פון אָפטקייט.

די הויפּט־געוויכט אין אויסקלייבן און קלאַסיפיצירן אַזעלכע ווערטער־רשימות ווערט געלייגט נישט אויף דער מעגלעכקייט צי יאָ צי נישט אויס־צונוצן די ווערטער אין די לייען־איבונגען, נאָר צי זיי דאַרפן יאָ צי נישט ווערן אַ טייל פון קינדס שפּראַך אין דעם אָדער יענעם לערניאָר. אַזעלכע אויסגעקליבענע ווערטער קענען געוויינלעך דינען ביידע צוועקן — אי ווי מאַטעריאַל פאַר לייען־געניטונגען, אי ווי נייטיקע עלעמענטן אין דעם באַ־רייכערטן וואָקאַבולאַר, ד״ה — פריער דאַרפן קומען אין דער פּלאַנירונג די פאַרשיידענע נייטיקע ווערטער־רשימות און פון זיי דאַרפן אַרויסוואַקסן די נייטיקע געניטונגען פאַר דער ספּעציפישער לייען־טעכניק.

ווי האַלט עס מיטן אויסקלייבן אָט אַזעלכע ווערטער אין אונדזערע טעקסטביכלעך? שוין דער פאַקט גופא וואָס אַלע פיר ביכלעך זיינען צו־נויפגעשטעלט על־פּי דעם פּרינציפּ, אַז דאָס וואָרט פּאַסט זיך צו צום קלאַנג, שוין דאָס אַליין צווינגט אַרויף אַ נישט־ווילקע סיסטעמלאָזיקייט בנוגע אויס־קלייבן ווערטער, הגם מע וואָלט דאָס געקענט אויסמיידן אויב מע וואָלט זיך אָנגעשטרענגט. דאָס פירט שוין במילא דערצו, אַז די לייען־מאַטעריאַלן אין די ערשטע מדרגות זאָלן איבערגעלאָדן ווערן מיט אַזעלכע ווערטער ווי — זשאַלעווען, גאַנער, גערשטן, וואַיען, זעמל, זאַלמען, אַנקער, וואַרע, אינ־דיק, סטענגע, שאָל, עמער, — ווערטער וואָס קינדער וועלן זיי נאָך אַ מאָל נישט באַגעגענען אַפילו ווען זיי וועלן איבערלייענען טויזנטער זייטלעך לייען־מאַטעריאַל. דאָס דערקלערט שוין אויך במילא אין אַ גרויסער מאָס די נישט־נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס אַזוי פיל ווערטער אין די ביכלעך חזרן זיך אַזוי זעלטן איבער — אין די מעשה־מאַטעריאַלן (אין די זעלביקע ביכלעך) קענט איר אָט די ווערטער נישט געפינען. אַלץ וואָס בלייבט ביי די קינדער פון אַזוינע באַקאַנטשאַפטן מיט ווערטער איז אַן איינמאָליקער איינדרוק, וואָס לאָזט נישט איבער קיין וואָגיקע ווירקונג פאַר שפּעטערדיקן אויפנעם און שפּעטערדיקן דערמאָנען זיך.

וואָלטן מיר געהאַט אין די אָנפאַנגער־ביכלעך אַ וועלכן נישט איז סיס־טעמאַטישן אויסקלייב פון ווערטער, וואָלטן מיר געמעגט דערוואַרטן, אַז אַ גאָר גרויסע צאָל זאָלן זיין בשותפותדיקע עלעמענטן פאַר שפּראַך־געניטונג אין אַלע פיר. אַלע מחברים וואָלטן דאַן גענוצט די אָפּטסטע ווערטער און

מיר וואָלטן אַזוי אַרום געפונען אַ גרויסע וואָרט־ענלעכקייט אין יעדער לעקציע. די פּאַקטישע לאַגע איז אָבער גאָר אַן אַנדערע. אין די 36 ווערטער, למשל, וואָס דריי פון די 4 טעקסטן נוצן פאַרן אות „ז" — געפינט איר בלויז איין וואָרט, וואָס איז פאַראַן אין אַלע און דריי ווערטער, וואָס זיינען פאַראַן אין צוויי פון די 4 ביכלעך. 15 פון אָט די 36 ווערטער געהערן אין גאַנצן נישט אין אַן אָנפאַנג־ביכל, מחמת זיי זיינען זעלטענע ווערטער אין יידיש [7]. דאָס זעלביקע בילד באַקומט זיך ווען איר פאַרגלייכט אַנדערע וואָרט־גרופּעס. אַפילו ווען איר נעמט די 50 אָפטסטע ווערטער אין יעדער בוך, וואָס דאָ וואָלט זיך אוודאי געדאַרפט שטאַרק פילן אַ שותפותדיקער וואָרטבאַשטאַנד, אַפילו דאָ איז יעדער ביכל אויף אַ מהלך פון דעם אַנדערן. אַז איר פאַרגלייכט וואָרט און וואָרט אין יעדער ביכל מיט וואָרט און וואָרט פון די אַנדערע ביכלעך געפינט איר, אַז

בלויז 20 ווערטער פון די 50 אָפטסטע זיינען פאַראַן אין אַלע פיר

בלויז 17 ווערטער זיינען פאַראַן אין דריי

בלויז 14 ווערטער זיינען פאַראַן אין צוויי

28 ווערטער שטייען אין גאַנצן אַליין, ד"ה, זיי געפינען זיך בלויז צו איין מאָל אין דער קאָמבינירטער רשימה פון אַלע פיר אָפטקייט־רשימות.

און מיר מעגן דרינגען דערפון, אַז ווי באַלד עס איז פאַראַן אַזאַ מהלך צווישן איין בוך און דעם אַנדערן בנוגע דער זעלביקייט פון וואָרט־אויס־קלייב אין די 50 אָפטסטע ווערטער־גרופּעס, ווי גרויס מוז שוין דער מהלך זיין בנוגע די ווערטער, וואָס ווערן אין יעדער בוך דערמאָנט בלויז 2 אָדער 4 מאָל — דער גרעסטער רוב אין אַלע ביכער.

אַזאַ צושטאַנד אין שפּראַך־לימוד קען, באַזונדערס ביי אונדזערע אומ־שטאַנדן, נישט פירן צו די געווינטשטע רעזולטאַטן, און מיר מוזן פון דעם אַלעם קומען צום אויספיר, אַז בכדי די קינדער אין די שולן זאָלן נישט גלאַט פאַרוואָרפן ווערן מיט אַן איבעריקן באַלאַסט פון ווערטער, וואָס ברענגען זיי סיי ווי קיין נוצן נישט אין די ערשטע מדרגות פון לימוד, בכדי דאָס אויסצומיידן איז נייטיק צונויפצושטעלן אַ רשימה פון די אָפטסטע ווערטער אין יידיש (אָפּט אין דער ליטעראַטור, מיט וועלכער די קינדער דאַרפן זיך שוין באַנוצן און צו וועלכער זיי דאַרפן צוגעגרייט ווערן) און במילא שוין פון די נייטיקסטע, און אָט די רשימה איינטיילן און צופּאַסן צו די פּאַר־שיידענע לערן־מדרגות פון דער שול. אַזאַ רשימה וועט האָבן די מעלה, וואָס אַלע קינדער וואָס לערנען יידיש וועלן לערנען די זעלביקע שפּראַך, ווי זיי זאָלן זיך נישט געפינען און וועמעס טעקסטביכל זיי זאָלן נישט באַ־נוצן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, מחייב צום געדאַנק, אַז בעת מחברים פון טעקסטביכער און אַנדערע שרייבער פאַר קינדער קענען זיך זיין פריי און איניציאַטאָריש בנוגע מעטאָדן און נייער אָרגאַניזירונג פון מאַטעריאַלן און

[7] על־פּי טענטאַטיווער אָפטקייט־רשימה, וואָס געפינט זיך ביי מיר.

לעקציעס פאַר אָנפאַנגער־תלמידים, מוזן זיי אָבער, צוליב דער איינהייט־לעכקייט פון שפּראַך־לימוד, אַלע זיין אונטערגעוואָרפן באַשטימטע סטאַנ־דאַרדן אין אויסקלייב פון וואָקאַבולאַר מיט וועלכן זיי קענען אָפּערירן.

איך האָב שוין פּאַראַנטעטיש אָנגעוויזן דערויף אַז אַזאַ רשימה דאַרף אַרויסוואַקסן פון אַ קלאַסיפיקאַציע פון אַלע ווערטער, וואָס ווערן גענוצט אין דעם סאָרט ליטעראַטור, וואָס איז על־פּי געוויסע אָנגענומענע מאָסן צום בעסטן צוגעפּאַסט צו קינדער אין אַן אָנפאַנגשול. אַזאַ קלאַסיפיקאַציע וואָלט, על־פּי מיין חשבון, אונדז געגעבן אַן ערך 5,000 אַפּטע ווערטער (איינשליסנדיק דעם העברעיִשן עלעמענט), וואָס וואָלטן געדאַרפט דינען ווי דער אַרבעטס־מאַטעריאַל פאַרן יִדיש־לימוד איינגעטיילט אויף זעקס יאָר (4—5 יאָרן אָנ־פאַנגשול, און 1—2 לערניאָרן אין מיטלשולן) אויף אַזאַ אופן: 500 ווערטער דאָס ערשטע יאָר און 500 דאָס צווייטע[8]; צו 1,000 פאַרן דריטן און פערטן יאָר און די איבעריקע 2,000 אָדער פאַר נאָך איין יאָר אָנפאַנגשול און איין יאָר מיטלשול, אָדער איבערגעלאָזן אין גאַנצן פאַר די ערשטע צוויי יאָר אין מיטלשול.

היות ווי די דורכשניט־איבערחזרונג איז צווישן 10 און 15 פּער וואָרט אין דער ליטעראַטור פאַר די יינגערע קינדער[9] און אַן ערך צווישן 5—10 פאַר די עלטערע קינדער[10], וואָלט אַזאַ סיסטעמאַטישער און פּלאַנירטער לימוד געגעבן די קינדער סוף ערשטן לערנשיאָר אַ לייען־וואָקאַבולאַר פון אַן ערך 50,000 לויפיקע ווערטער, סוף צווייטן יאָר 100,000 לויפיקע ווערטער אאַז״וו.

ביי מיר איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז אַזאַ אַוועקשטעלן דעם לימוד וואָלט ביי אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען אָן אַ שיעור פאַרבעסערט דעם גאַנצן יִדיש־לימוד, און אים דערפירט צום ניווֹאָ פון אַ שפּראַך פון וועלכער קינדער קענען שעפּן נחת און פרייד בעתן לייענען איר ליטעראַטור.

די קרובישע ווערטער פון יִדיש און ענגליש

מיר האָבן ערשט געזאָגט: „ביי אַלע אַנדערע גלייכע באַדינגונגען“, און געמיינט האָבן מיר דערביי דער עיקר דעם פאַקט, וואָס די לעצטע יאָרן

---

[8] אין די נייערע ענגלישע אָנפאַנגער־טעקסטן איז די פאַרטיילונג פון וואָקאַבולאַר אומגעפער אַזוי: אַרום 200 ווערטער פאַרן קינדערגאָרטן, אָדער פאַר די צוגרייטונגס־מאַטעריאַלן צום ערשטן לייענבוך, 500 פאַרן ערשטן לייענבוך און 1,000 פאַרן צווייטן. איך רעכן, אַז אין אונדזער פאַל וואָלט אַ באַלאַסט פון אַרום 1,500 באַזונדערע ווערטער פאַרן ערשטן און צווייטן לערניאָר געווען צו פיל. זע די אויבן־דערמאָנטע אַרבעטן פון האָקעט, ווי אויך דעם וואָרט־אַנאַליז פון Garrett E. Richard, "The Recognition Vocabulary of Primary Pupils," J. of Ed. Research, Vol. 29, No. 4.

[9] אַ ציילונג פון כאַווער־פּאַווערס מעשהלעך (פאַרלאַג מתנות) גיט אונדז אַ דורכשניט־איבערחזרונג פון 12.5 פּער וואָרט.

[10] אַ ציילונג פון אַ נומער קינדער־זשורנאַל (פאַרלאַג מתנות) גיט אונדז אַ דורכ־שניט איבערחזרונג פון 7 פּער וואָרט.

האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער שול־באַפעלקערונג ביי אונדז שטאַרק געביטן. בעת מיט יאָרן צוריק זיינען טויזנטער פון די תלמידים געקומען צו אונדז אין די שולן מיט אַ שטיק פאַרטיק לשון, נישט בלויז געקענט פאַרשטיין דעם לערערס ייִדיש, נאָר טאַקע אַליין גערעדט אַ היפּש ביסל, איז די לאַגע אַצינד גאָר אַנדערש. די מערסטע קינדער — נישט נאָר רעדן זיי נישט קיין ייִדיש, נאָר זיי פאַרשטייען אויך זייער ווייניק. דאָס רוקט אַרויס אַ שפּאָגל נייע פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם אין וועלכער מיר האָבן זיך ווייניק פאַרטראַכט.

ווי באַלד די ניי־אָנגעקומענע תלמידים רעדן נישט און פאַרשטייען נישט קיין ייִדיש — איז ווי אַזוי און מיט וואָס הייבט דער לערער אָן זיינע לעקציעס? זאָלן מיר אפשר צוליב דער לאַגע אין גאַנצן פאַרוואַרפן טעקסטן אויף אַ ווייל און זיך די ערשטע חדשים אָפּגעבן בלויז מיט איינשטעלן אַ וועלכן נישט איז וואָקאַבולאַר פאַר שמועסן, שפּילן און דאָס גלייכן? אָדער זאָלן מיר אפשר גאָר איבערנעמען די מעטאָדן, וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַר לימוד פון פרעמדע שפּראַכן אין די אַמעריקאַנער שולן?

אַוודאי וועלן מיר אַריינקוקן אין די אַלע מעגלעכקייטן און געפינען דעם לייכסטן אויסוועג. אָבער מיר דוכט זיך, אַז אַ גרויסן טייל פון אָט דעם געזוכטן אויסוועג קענען מיר שוין און טאַקע לייכט געפינען אין ייִדיש גופא, איך מיין אין דעם פאַקט, וואָס עס עקסיסטירט אַזאַ שפּראַכלעכע קרובהשאַפט צווישן ייִדיש און ענגליש [11]. הונדערטער ווערטער אין ייִדיש זיינען זייער ענלעך אין קלאַנג און טייטש צו זייערע ענגלישע עקוויוואַלענטן. קינדער, וואָס קענען אָט די קרובהשע ווערטער אין ענגליש, דאַרפן אָן גרויסע אָנשטרענגונגען קענען זיי איבערנעמען אין ייִדיש און אָט די דאָזיקע ווערטער קענען אַזוי אַרום דינען ווי אַן אַריינפאַר אויף צו עפענען דאָס מויל פון די נייע תלמידים פון אָנהייב אָן [12].

כאָטש דער ענין איז אפשר נישט אַזוי פשוט, ווי ס׳קען זיך אין פלוג אויסדוכטן, איז ער אָבער אויך נישט אַזוי קאָמפּליצירט, אַז מיר זאָלן

---

[11] אויף דעם דאָזיקן פאַקט האָט זיך לעצטנס אָפּגערופן דער לערער ד. ברידזשער אין זיין אַרטיקל אין דעם „פּעדאַגאָגישער בולעטען", אַרויסג. פון בילד. קאָמ. פון אַרבעטער־רינג, יאַנואַר 15, 1940. אין דעם זעלביקן נומער געפינט זיך אויך אַן ענטפער פון רע־דאַקטאָר פון „בולעטען" (י. מאַרק) אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז כאָטש מ׳דאַרף די דאָ־זיקע ווערטער אויסנוצן, באַזונדערס מיט די עלטערע תלמידים, קענען זיי אָבער ניט דינען ווי אַ באַזיס פאַרן לימוד פון ייִדיש אין ערשטן קלאַס.

[12] אלכסנדר האַרקאַווי (ע"ה) האָט אין 1934 פאַרעפנטלעכט אַ „ווערטערביכל פון נאָנ־טע ווערטער אין ייִדיש און ענגליש" (היברו פּאָבלישינג קאָ., ניו־יאָרק 1939), וואָס אַנט־האַלט אַן ערך 1260 אַזעלכע נאָנטע ווערטער. האַרקאַווי האָט אין דעם ביכל איינגע־שלאָסן אַלץ, סיי דאָס סאַמע קרובישע — פּאָסט, מוזיק, ווונד — סיי אַזעלכע ווו די קרובישקייט איז גאָרניט אַזוי אויגנשיינלעך — מיר — we, באַצייכענען — betoken געוויכט — weight.

נישט קענען אויסנוצן אַט די גליקלעכע קרובהשאַפט פוןביידע שפּראַכן לטובת דער פאַרלייכטערונג פון ייִדיש־לימוד די ערשטע צייטן.

ס'איז אַ פאַקט אַז די קינדער, וואָס קומען אָן אין אונדזערע שולן ליי־ענען שוין פון אַ צווייטן אָדער פון אַ דריטן לייענבוך אין ענגליש. די דאָזיקע ענגלישע לייענביכער זיינען, באַזונדערס די אויסגאַבעס פון די לעצטע צען יאָר, צוזאַמענגעשטעלט אויפן באַזיס פון אַ באַשטימטן וואָקאַבולאַר, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ מוז־וואָקאַבולאַר אין ברייטע גרענעצן [13] פאַר די דאָזיקע לערניאָרן. די צאָל באַזונדערע ווערטער, וואָס די קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט פון סאַמע אָנהייב ביז איינשליסנדיק דאָס צווייטע לייענבוך, באַטרעפט אַן ערך 2,000 ווערטער [14]. היות ווי דער וואָקאַבולאַר־איינשטעל איז אין אַ גרויסער מאָס פלאַנירט אויף דער באַרימטער אָפטקייט־רשימה פון ענגלישע ווערטער פון טהאָרנדייק [15], פאַרוואָס נישט אַריינקוקן אין אָט דער רשימה און זען, וואָס קענען מיר דאָרטן געפינען, וואָס זאָל אונדז באַהילפיק זיין אין אונדזער פּראָבלעם:

אַן אַנאַליז פון דער טהארנדייק־רשימה באַווייזט אונדז, אַז נאָנט צו 500 ווערטער געפינען זיך אין דער ערשטער צוויי־טויזנטער גרופּע, וואָס זיינען אין אויסשפּראַך און טייטש זייער ענלעך צו די ייִדישע ווערטער. עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע אַזעלכע ווערטער זיינען באמת אַזוי נאָנט אין אויסשפּראַך צו די ייִדישע, אַז מ'זאָל גיך און לייכט קענען אויפכאַפּן די ייִדישע עוורטער, ווען מ'קען די ענגלישע און אויך נישט אַלע 500 ווערטער פאַרנעמען די זעלביקע אָרט־פּאָזיציע אין ייִדיש, ווי ס'איז דער פאַל אין ענגליש. מיט אַנדערע ווערטער, בעת אין ענגליש געהערן זיי אַלע צו די אָפטסטע אין דער שפּראַך (אין אַ ציילונג פון מיליאָנען ווערטער), און במילא צו די נייטיקסטע פאַר דער קינדערשול, פאַרנעמען זיי נישט דעם זעלביקן אויבנאָן אין ייִדיש. ווי אַ ביישפּיל קענען אונדז דינען די ווערטער: אַלאַרם, אַקעאַן, אַרטיקל, וויזיט, פּערפעקט — אין ענגליש געהערן זיי אין דער ערשטער־טויזנט גרופּע, די אָפטסטע ווערטער אין דער שפּראַך, בעת אין ייִדיש זיינען זיי אַ סך זעלטענער אין דער שפּראַך.

מיר מוזן אָבער נישט נעמען אַלע אַזעלכע ווערטער, ווי זיי שטייען און

---

[13] זע —
Chester Newlun, "The Selection of Basal Readers," Elementary School J., Vol. 32, No. 4.

[14] זע דאָס פלוג־בלעטל איבערן וואָרט אַנאַליז אין דער נייער סעריע
Edward L. Thorndike, "A Teacher's Word Book," etc., Teachers' College, Columbia University, 1921.

זע אויך
Arthur I. Gates, "A Reading Vocabulary for the Primary Grades," Teachers' College, Columbia University, 1926.

און די אויבן־דערמאָנטע אַרבעטן פון האָקעט און נילי.

גייען. אַפילו ווען מיר זאָלן נאָר אַרויסנעמען וואָסערע 200 פון אָט די ווער־טער קענען מיר מיט זיי — און מיט דער הילף פון עטלעכע הונדערט פון די אָפטסטע אין ייִדיש — צונויפשטעלן גענוג פּאַסיקע מאַטעריאַלן פאַר אַן ערשטן לערניאָר, וואָס וועלן גלייך פון אָנהייב אַריינלייגן אין די קינדערס מיילער ווערטער און באַגריפן מיט וועלכע זיי זיינען גאַנץ גוט באַקאַנט.

דער אמת איז אַז ווען מ׳זאָל גוט אַ זוך טאָן וואָלטן מיר שוין אַצינד געפונען גענוג גרייטע מאַטעריאַלן, לידלעך און מעשהלעך, אין וועלכע אָט די קרובישע ווערטער זיינען די הויפּט־מחותנים. אָט קומען מיר אויפן זין עטלעכע אַזעלכע לידלעך פון ב. סמאָליאַר, י. קאַמינסקי און אלף כץ:

עפּל, עפּל רויט און פריש,\
עפּל, עפּל אויפן טיש.\
עפּל, עפּל רייף און רויט\
עסן, עסן מיר ווי ברויט.\
עפּל, עפּל פול מיט זאַפט,\
עסן מיר און קריגן קראַפט.

י. קאַמינסקי.

ווינטער — ווייס און ווילד,\
פרילינג — גרין און מילד,\
זומער — זון און בלוי —\
האַרבסט — ברוין און גרוי!

אַלף כץ.

איך האָב ליב צוקער,\
איך האָב ליב האָניק,\
איך האָב ליב קעז און פּוטער.\
איך האָב ליב עפּל,\
איך האָב ליב באַרן,\
נאָר מער פון אַלץ —\
מיין מוטער!

ב. סמאָליאַר.

די אַלע דריי לידלעך אַנטהאַלטן אַ קימאַ־לן פון 73 ווערטער און 50 פון די 73 געהערן צו די קרובישע ווערטער — ד״ה קנאַפּע 70 פּראָצענט. אויב אין לידלעך און מעשיות וועט נישט מעגלעך זיין צו דערגרייכן אַזאַ הויכן פּראָצענט אין אַלע פאַלן, וועט דאָס אָבער דורכויס מעגלעך זיין אין די גע־וויינלעכע וואָרט־ און זאַץ־געניטונגען, וואָס פּילן געוויינלעך אַן גאַנצע זייטן אין די אָנפאַנגער־ביכלעך. אָנשטאָט איינניטן די קינדער אין לייענען אַזעל־כע זאַצן, ווי: „אַ שלאָס מיט אַ שליסל״ — „זי עסט זיסע זעמל״ — „דער זיידע פאַרזאַמט ניט פיל״ — „אַף פערד פאָרן זיי איין שטונדע״ — וועט

זיין פיל לייכטער און אַ סך פאַרשטענדיקער פאַר די קינדער, ווען מיר וועלן זיי געבן (דאָרטן ווו אַזעלכע געניטונגען זיינען בכלל נייטיק) אַזעלכע אַדער ענלעכע זאַצן, ווי: „איך לערן אין שול“ — „איך לערן אין אַ בוך“ — „איך שרייב מיט אַ פען“ — „מיין ברודער קען גוט שווימען“ אאַז״וו.

אַזעלכע מאַטעריאַלן וועלן זיין אַ געווינס פאַר די קינדער און דאַרפן בשום אופן ניט אויסשליסן די אַנדערע ווערטער. פאַרקערט, צוזאַמען מיט זיי וועלן אַריינגעפלאָכטן ווערן אַלע יענע אָפטע ייִדישע ווערטער, וואָס דאַרפן אַריינקומען אין ערשטן יאָר ייִדיש און מ׳קען האָפן, אַז אַ דאַנק דער אַסאָציאַציע מיט ווערטער, וואָס זייער טייטש איז זיי באַקאַנט און וואָס זייער קלאַנג איז זיי ניט פרעמד, אַ דאַנק אָט דער טעקסטועלער אַסאָציאַציע וועלן זיך די אַנדערע ייִדישע ווערטער אַ סך לייכטער אָנקניפּן און פאַר־פעסטיקן אין די מוחות פון קינדער.

איך ברענג דאָ ווייטער די רשימה פון די דאָזיקע קרובישע ווערטער. ווי געזאָגט קומען דאָ אַריין נאָר אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אין די אָפטסטע ווערטער אין ענגליש. איך האָב איבערגעציילט נאָענט צו 500 אַזעלכע ווערטער, אָבער איך ברענג דאָ בלויז 250. אויסגעשלאָסן פון אונדזער רשימה האָב איך אַלע אַזוינע וואָס זיינען גאָר זעלטענע אין ייִדיש און וואָס זייער ענלעכקייט צו די ייִדישע עקוויוואַלענטן איז ניט בולט גענוג פאַר קינדער. אויב עס איז ניטאָ קיין ציפער ביי אַ וואָרט הייסט עס, אַז דאָס וואָרט געפינט זיך אין ערשטן טויזנט פון דער טהאָרנדייק־רשימה; די ציפער 2 מיינט, אַז די ווערטער געפינען זיך אין צווייטן טויזנט און דער א׳ באַצייכנט דעם פאַקט, אַז דאָס דאָזיקע וואָרט געפינט זיך אין אַ טענטאַטיווער רשימה פון די 500 אָפטסטע ווערטער אין ייִדיש, וואָס איך האָב צונויפגעשטעלט פון אַ ציילונג פון איבער 50,000 ווערטער אין מעשיות און לידער פאַר קינדער. וועלכע פון אָט די ווערטער קענען אַריינגעפירט ווערן אין סאַמע אָנהייב, וועלכע אָפּלייגן אויף שפּעטער און ווי אַזוי צו שאַפן די פאַרבינדונג צווישן די ווערטער און די ווערטער פון אַ ייִדישער אָפטקייט־רשימה — דאָס איז אַן ענין, וואָס פאָדערט אַ פאַרזיכטיקע אונ־טערזוכונג:

רשימה פון 250 אָפטע ייִדיש־ענגלישע ווערטער

אָטאָמאָביל—א	אַנדער—א	בוך—א
איז—א	אַמעריקע	ביטער—2
אין—א	אָפּט	ביין—א
אינדיאַנער	אָפּן—א	בייסן—2א
אינטערעסאַנט	אָקס	בלוט
אַלט—א	אָראַנדזש	בלינד—א
אַליין—א	אַרמיי	בלוי
אַלע—א	אָרעם	באַקן—2א

בעט—א	היים—א	טאַנצן—א
בעקער—א	היץ	טאָכטער
בעסער—א	הויז—א	טאָפּל
בער—א	הונגער—א	טויט—א
בראָוו	הויך—א	טאָן—א
ברויט—א	הערן—א	טיף
ברעכן	הוט	טיר—א
ברענען	הענגען—א	טייער—א
ברוין	וועטער	טראָפּן—2
ברענגען—א	וואָגן—2	טרינקען—2־א
ברייט	וואָלף—א	יאָר—א
ברודער—א	וואָרעם—א	יונג—א
גאָרטן—א	וואָרעם—2א	לאָמפּ—2
גאָט—א	וואַשן—2א	לאַנד—א
גאָלד—א	וואַסער—א	לאַכן—א
גאַסט—א	וואַך	לאַנג—א
גיין—א	וואַנדערן	ליפּ
גוט—א	וואָרט—א	ליב—א
גלאָז—א	ווונדער—א	ליכט
געבן—א	ווייס—א	לעצט—2
גרוי	ווילד—א	לערנען—א
גרויס—א	ווילן—א	לעבן—א
גרין—א	ווינט—א	מאַכן—א
גרופּע—2	ווינטער—א	מאַשין
דאָלער—2	וועמן—א	מאַן
דאַנקען	זאַק—2	מאַרשירן
דאָקטער	זאַלץ	מאַרק
דין	זאַמד	מאַסע—2
דענקען	זומער—א	מוטער—א
האַמער	זון—א	מאָמענט
האַנט—א	זון—א	מאָנאַט
האָבן—א	זונענשיין	מוזיק
האָפן	זילבער	מויז—א
האָניק—2	זינט	מינוט
האַרץ	זייט—א	מיל
האָר	זינגען—א	מילך—א
הון	זינקען	מער—א
היי—א	זען—א	מייל

מיין—א
מעדיצין
נאָמען
נאַכט—א
נאָז—א
נוס—א
נומער
ניי—א
נייס
נײַן—א
ניט—א
נעקסט
נעסט
סאָלדאַט
סטרייק
סעקונדע
סעזאָן
סענט
ספּאָרט—2
ענדע
עסן—א
עפּל—א
עפּענען—א
ערד
ערנסט—2
ענגליש
פֿאָר—א
פּאַלאַץ
פּאַפּיר—א
פּאַרק
פּאָסט
פּען
פּעני—2
פּערזאָן
פּלאַץ
פּלאַן
פּרייז
פּוטער —א

פּאַלן—א
פֿאַמיליע
פֿאַרמער
פֿאָטער—א
פֿאָרעם
פֿאַרגעסן
פֿאַר—א
פֿוס—א
פֿול—א
פֿילן—א
פֿיגור
פֿיש —א
פֿייער—א
פֿינגער—א
פֿײַן
פֿליג
פֿליען—א
פֿעט
פֿעלד—א
פֿוקס—2־א
פֿריי—א
פֿריש—א
פֿריינט—א
פֿראָסט—א
צוקער
פּרוכט
קאַן
קאָסטן
קאַפּיטאַן
קאָכן—א
קאַר
קאַרטל
קאָץ—א
קאַווע—2
קאָליר—2
קאַלט—א
קאָלאָניע—2
קעמפּ

קו—א
קיך—2
קושן
קומען—א
קעז
קלאָס—א
קיל
קלאָר—א
קני
קעניג—א
קרוין
קראָ
ראָזע
רויט—א
רייך
רינגל
רעכט
רעגן
שאָטן
שאַרף
שאָפּ
שאָס
שול—א
שוך—א
שטאָל—2
שטיין—א
שטיין—א
שווימען—א
שטודירן
שטורעם
שטיל—א
שטערן—א
שיסן—א
שלאָפֿן—א
שניי—א
שער—א

אויספירן:

מיר קענען איצט פאָרצייכענען אַ ריי אויספירן און סך־הכלען:

1. די צופעליקע פּלאַנירונג און שוואַכע אָרגאַניזירונג פון דעם ייִדיש־לימוד, ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די פיר אָנפאַנגער־טעקסטן, טראָגן אין אַ גרויסער מאָס די אַחריות פאַר די אָרעמע רעזולטאַטן אין דעם לימוד פון ייִדיש.

2. די דאָזיקע לאַגע, צוזאַמען מיטן פאַקט, וואָס דער כאַראַקטער פון אונדזער שול־באַפעלקערונג האָט זיך ראַדיקאַל געביטן די לעצטע יאָרן, פאָדערט פון אונדז אַ גרונטיקע רעוויזיע אין אַוועקשטעלן דעם ייִדיש־לימוד אין דער אָנפאַנגשול בכלל און אין די ערשטע קלאַסן בפרט.

3. די דאָזיקע רעוויזיע מוז לייגן גרויס אַכט און אַקצענטירן די נויטווענדיקייט פון אַ פעסטן און אייטהייטלעכן וואָקאַבולאַר פאַר אַלע מדרגות פון דער שול.

4. דאָס באַאַרבעטן דעם וואָקאַבולאַר אין די טעקסטן דאַרף זיך רעכענען מיט: א) געהעריקער פאַרטיילונג אין לעקציעס, און מיט ב) אַ גענוגנדיקער און פּלאַנירטער איבערחזרונג פון די ווערטער וואָס מע באַנוצט אין גאַנצן טעקסט.

5. אין דעם צוגעגרייטן וואָקאַבולאַר דאַרפן אריינגענומען ווערן: א) די אָפטסטע ווערטער אין ענגליש, וואָס זיינען אויך גאַנגבאַר אין ייִדיש; ב) די אָפטסטע ווערטער אין דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור; ג) די אָפטסטע ווערטער פון העברעיִשן עלעמענט אין ייִדיש[16]; ד) די טערמינען פאַר צאָלן און מאָסן; ה) די טערמינען פון קאַלענדאַר (טעג פון וואָך, חדשים, אאַז״וו) און ו) די אָפטסטע ווערטער פון די אַנדערע לימודים, וואָס מע לערנט אין די שייכותדיקע קלאַסן (ווי, למשל, ייִדישע געשיכטע).

---

16 זע: „דער העברעיִשער עלעמענט אין ייִדיש" פון י. שטיינבוים, ייִוואָ־בלעטער, באַנד 5, נומער 3־4, מערץ־מאַי 1933.

לעאָ ווינער

פון ד״ר י ע ק ב ש אַ צ ק י

דעם 13טן דעצעמבער, 1939, איז אין באָסטאָן געשטאָרבן פּראָפעסאָר ל ע אָ ו ו י נ ע ר . דער פאַרשטאָרבענער איז געבוירן געוואָרן אין ביאַ־ליסטאָק, דעם 26טן יולי, 1862. זיין פאָטער ש ל מ ה ו ו י נ ע ר: איז געווען אַ ייִד אַ משכיל, פון באַרוף אַ בוכהאַלטער. זיין מאַמע פריידל האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער משפחה ר אַ ב י נ אָ ו ו י ט ש . דער יונגער ווינער האָט זיך געלערנט אין דער מינסקער גימנאַזיע, אָבער פאַר־ענדיקט האָט ער זיין מיטלשול־בילדונג אין וואַרשע. אין יאָר 1880 איז ער אָנגעקומען אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט שטודירט מע־דיצין. ער האָט אָבער געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז אַוועק קיין בערלין, ווו ער האָט אין דעם שוליאָר 1881־82 געשטודירט אין דעם דאָרטיקן פּאָלי־טעכניקום. אין דעם זעלבן יאָר (1882) האָט ווינער צוזאַמען מיט זיינע על־טערן עמיגרירט קיין אַמעריקע.

זייער פעיִק צו שפּראַכן, האָט ווינער גאָר גיך באַהערשט די ענגלישע שפּראַך. אין די יאָרן 1883־84 איז ער געווען אַ לערער פון גריכיש, לאַטיין און מאַטעמאַטיק אין אָ ד ע ס אין שטאָט מיזורי. אין די יאָרן 1884־1892 האָט ער געלערנט די זעלבע לימודים אין „קענזעס סיטי האַי־סקול". אין קענזעס סיטי האָט ער טאַקע חתונה געהאַט מיט ב ע ר ט אַ ק אַ ה ן , וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד. דאָרטן איז ער אויך באַשטימט גע־וואָרן פאַר אַ געהילפס־פּראָפעסאָר פון גערמאַנישע און ראָמאַנישע שפּראַכן (1892־1895). אין 1895 איז ווינער באַשטימט געוואָרן פאַר אַ דאָצענט (אינ־סטרוקטאָר) פון סלאַווישע שפּראַכן און ליטעראַטור אין האַרוואַרד, ווו ער איז געשטיגן אין זיין לערערישן אַמט ביז צו פולער פּראָפעסור. אין האַר־וואַרד איז ער געווען טעטיק ביזן יאָר 1930. פון 1930 ביז זיין טויט איז ער געווען פּראָפעסאָר עמעריטוס. ער האָט אָבער ווייטער געאַרבעט וויסנ־שאַפטלעך אויף פאַרשיידענע געביטן פון קולטור־ און ליטעראַטור־געשיכטע.

זיין וויסנשאַפטלעכע קאַריערע האָט ווינער אָנגעהויבן מיט זאַמלען, פאָרשן און פּובליקירן מאַטעריאַלן צום ייִדישן פאָלקלאָר. דעם אינטערעס פאַר ייִדישן פאָלקלאָר האָט ער „געירשנט" פון זיין פאָטער, וועלכער האָט צווישן אַנדערע אַרטיקלען, פאַרעפנטלעכט אין דער דייטשער סט. פּעטערס־

בורגער צייטונג, אויך געדרוקט אַ לאַנגע סעריע פון פאָלקלאָריסטישע בילדער
Von der Wiege bis zum Grabe. Skizzen aus dem jüdischen Leben in Litauen und Polen (Montagsblatt. St. Petersburger Zeitung, 1878, 52; 1879, 3 sq.) א״נ

אין ניו־יאָרק, און שפּעטער אין באָסטאָן האָט ווינער מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינד און באַקאַנטע, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער פילאָלאָג י ו ד אַ א. י אָ פ ע, געזאַמלט ייִדישע פאָלקסלידער און מעשיות. די דאָזיגע זאַמלונגען זיינען שפּעטער טיילווייז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם „אַמעריקאַנער זשורנאַל פאַר פאָלקלאָר״ (זע די ביבליאָגראַפיע) און אין די „מיטטיילונגען פיר ייִדישע פאָלקסקונדע״ (האַמבורג). ווינער איז געווען דער ערשטער ייִדישער פאָלקלאָריסט, וואָס האָט אָנגעווענדט די אָנגענומענע פּרינציפּן אין דער פאָלקלאָריסטיק, וואָס באַשטייט קודם כל אין אַ פּאַנקטישער טראַנסקריפּציע פון טעקסט, אין פעסטשטעלן די וואַריאַנטן און אין געפינען די אַנאַלאָגישע מאָטיוון אין דעם פאָלקשאַפן פון די אַרומיקע שפּראַכלעכע גרופּעס, כדי אויף אַזאַ אופן אויסצוזוכן די השפּעות און ענדערונגען אין פאָלקשאַפן. באַזונדערס אין זיינע הערות צו די ייִדישע פאָלקס־מעשיות האָט ער אַרויסגעוויזן בקיאות אין דער אַלגעמיינער פאָלקס־מעשה־ליטעראַטור. ער איז געווען ביי אונדז דער ערשטער וואָס האָט דעפינירט, אַז אַ ייִדישע פאָלקס־מעשה איז נישט קיין מעשה אויף אַ ייִדישער טעמע, נאָר אַ מעשה, וואָס איז אָדער אַנטשטאַנען אָדער אַדאַפּטירט געוואָרן אין דער ייִדישער שפּראַך־ספערע, מעג איר טעמע זיין אַן אַלגעמיינע אָדער ווי מען האָט עס שפּעטער אָנגערופן: אַ וועלטלעכע. ער האָט ווי אַ פילאָלאָג קודם כל זיך אינטערעסירט מיט דער שפּראַך פון דער מעשה און ערשט שפּעטער מיט די ספּעציפישע ייִדישע קנייטשן, אונטערשיידן אין געוויסע אָריגינעלע פּרטים לגבי דעם הויפּט־מקור פון וועלכן די ייִדישע פאָלקס־מעשה איז אַן אייגנאַרטיקער רינג. זיין הויפּט־אינטערעס אָבער איז געלעגן אין פאָרשן די ייִדישע דיאַלעקטן. אין 1893 האָט ער געאַרבעט אויף דעם ייִדיש פון דרום־מערב דייטשלאַנד, ווי ער גיט דאָס איבער אין אַן הערה צו זיינער אַן אַרבעט. (Hebraica, X, 176) ליידער איז די דאָזיקע אַרבעט קיין מאָל נישט געווען געדרוקט.

אין די יאָרן 1893־1904 האָט ווינער אָפּגעדרוקט אַ ריי אַרבעטן וועגן ייִדישן עלעמענט איז דער פּוילישער, דייטשישער, אוקראַיִנישער און ווייס־רוסישער שפּראַך.

די דאָזיקע אַרבעטן האָבן היינט צו טאָג נאָר אַ היסטאָרישן ווערט. די ייִדישע פילאָלאָגיע האָט זיך זינט יעמאָלט אַזוי אַנטוויקלט און דוקא אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס אין ווינערס צייטן האָט מען אַפילו נישט געטראַכט וועגן דעם. בעת מיר דערמאָנען ווינערס אַרבעטן דאַרפן מיר נישט פאַרגעסן אַז דאָס זיינען געווען פּיאָנערישע פּרוּוון, געמאַכט אויף אַן אומגינסטיקן באָדן אין אַ סביבה, וואָס האָט געהאַט ווינציק אינטערעס

פאַר אַזעלכע פילאָלאָגישע עקספּעדיציעס אין אַזאַ עקזאָטיש לאַנד פון ייִדיש, וואָס די פירנדיקע קעפּ פון דער ייִדישער פּרעסע, ליטעראַטור און טע־אַטער אין אַמעריקע האָבן באַטראַכט ווי אַ צייטווייליקע זאַך, אַפילו ווי אַ שלעכטע זאַך, אָבער דערווייל ליידער אַן אומפאַרמיידלעכע.

ווינער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ וויסנשאַפטלעכע שולונג, וואָס דאָס קען מען ליידער וועגן דעם איינציקן ייִדישן פילאָלאָג פון זיין צייט דאָ אין לאַנד, אלכסנדר האַרקאַווי, נישט זאָגן.

אַפילו ווי ביבליאָגראַפישע מקורים זיינען די דאָזיקע אַרבעטן וואָס זיי־נען געדרוקט אויף דייטש, רוסיש און ענגליש — ביז גאָר אינפאָרמאַטיוו און באַלערנדיק.

פון די דאָזיקע אַרבעטן איז אויך אויסגעוואַקסן זיין פּרווו צונויפ־צושטעלן אַ ווערטערבוך פון אַלט־ייִדיש, וואָס איז ליידער נישט פאַרענדיקט געוואָרן און וואָס זיין טאָרסאָ געפינט זיך אין אַרכיוו פון דער פילאָלאָגישער סעקציע פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, וווהין ער איז אָנגעקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

אין 1899 האָט ווינער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט א״נ „די פאָלקס־פּאָעזיע פון די רוסישע ייִדן״ (זע: ביבליאָגראַפיע נומער 5).

די דאָזיקע אַרבעט באַשטייט פון צוויי טיילן: אין ערשטן טייל גיט ער אַ כאַראַקטעריסטיק פון ייִדישע פאָלקסלידער אויפן סמך פון זיינע אייגענע זאַמלונגען. ער ציטירט אין אַ לאַטיינישער טראַנסקריפּציע זייער אַ סך לידער, וואָס זיינען נישטאָ אין קיין איינער פון די זאַמלונגען וואָס זיינען דערשינען עד־היום, אַ טרויעריקער באַוויז פאַר דעם פאָרשונגס־מעמד פון אונדזער פאָלקלאָריסטיק. אמת, עטלעכע פון די לידער זיינען וואַריאַנטן צו די שפּעטער דערשיינטע זאַמלונגען פון גינזבורג־מאַרעק, י. ל. כהן, פּרילוצקי און אאַז״וו. אָבער אַנדערע זיינען פולע לידער — ווי למשל, דאָס ליד וועגן רעק־רוטשינע, וואָס פון אים האָט ווינער פאַרעפנטלעכט 40 שורות. שוין די ערשטע שורות פון דעם ליד זאָגן עדות, ווי פּרעכטיק עס איז דאָס דאָזיקע ליד, אגב מיט אַ פאַרשיידענעם סטראָפעס־בוי:

עס איז אַרויסגעקומען אַן אוקאַז, אַז מען זאָל נעמען ייִדישע
קינדער אין חיל

בין איך אַנטלאָפן פאַר צוואָנציק מייל,
בין איך געלאָפן, געלאָפן
און איך האָב מיר די וועג פאַרבראָכן,
אַז איך האָב די וועג פאַרבראָכן
האָב איך אין אַ גרוב אַריינגעטראָפן:
בין איך געזעסן דריי מעת־לעת
בין איך געוואָרן אַזוי ווי אַ מת
דערנאָך האָב איך געזען, אַ שטיבעלע שטייט ווייט אָן דער זייט

האָב איך גערעכנט, אַז דאָרטן זיינען ניט קיין מענטש און ניט קיין לייט:
בין איך צוגעגאַנגען, האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר
און איך האָב געבעטן: „עפנט מיר!״
טוט זי אַ בליק אויף מיין צורה, ווי איך בין טויט.
„צי קענט איר מיר געבן אַ שטיקל ברויט?״
האָב איך אָגעגעסן, איך האָב גענומען בענטשן,
זיינען געקומען די כאַפּער, וואָס כאַפּן די מענטשן,
האָבן זיי מיר געפירט איבערן מאַרק און איבערן גאַס, —
פרעגט אַ יונגער מאַן: „צי האָסטו אַ פּאַס?״
זאָג איך: „איך האָב געטאָן דעם פּאַס צו פאַרלירן״:
האָבן זיי מיך גענומען רעווידירן:
האָבן זיי מיך אויסגעטאָן ביזקן היילן לייב,
פרעגט אַ מאַן: „צו האָסטו איין ווייב?״
האָב איך זיי געענטפערט: איך האָב דאָך אַ „ווייב מיט אַ קליין קינד
אַז אָך און ווי צו מיינע ביטערע זינד!
פון יענער צייט אָן, צייט ייִדן האָבן געזען די לקוי לבנה
פון יענער צייט אָן האָט מען ניט קיין גוטס און ניט קיין נחמה.״
אאַז״וו.

אַזעלכע פאָלקסטימלעכע פערל זיינען צעוואָרפן אין ווינערס אַרבעט און עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס די אָריגינעלע זאַמלונג האָט זיך נישט אָפּ־געהיט. די לידער, וואָס ער ציטירט פאַרדינען איבערגעדרוקט צו ווערן, ווייל זיי ברענגען אַ סך נייע וואַריאַנטן.

אין צווייטן טייל אַנאַליזירט ווינער די בדחנישע דיכטונג. קודם כל זיינען זיינע ביבליאָגראַפישע אָנווייזן זייער וויכטיק, ווייל קיין פולע רשימה פון די בדחנישע פובליקאַציעס פאַרמאָגן מיר נישט דערוויל. חוץ דעם איז זיין אַנאַליז זייער אַן אינטערעסאַנטער. ער ברענגט, למשל אַרויס, די בשותפות־דיקע מאָטיוון ביי אַ סך בדחנים ווי אויך די דייטשע און סלאַווישע אָפּירן מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט. מיט רעכט זאָגט ווינער, אַז דאָס איז די ערשטע אַרבעט אויף דעם געביט און דערפאַר זיינען אַ סך אויספירונגען זיינע נישט מער ווי טענטאַטיווע. באַזונדערס איז שווער געווען (און עס איז נאָך עד היום שווער!) אויסצוגעפינען, וואָס זיינען די ערשטע אויסגאַבעס פון די פּראָמינענטסטע פאַרטרעטערס פון דער ייִדישער בדחנישער דיכטונג. דער דאָזיקער טייל פון ווינערס אַרבעט האָט ביז היינטיקן טאָג נישט פאַרלאָרן זיין ווערט און עס וואָלט געווען כדאי די אַרבעט איבער־צוזעצן אויף ייִדיש.

ווינערס „אַנטדעקונג״ פון מאָריס ראָזענפעלדן איז אין אַלגעמיין גוט באַ־קאַנט. אין לעבן פון דעם דיכטער האָט דער האַרוואַרדער פּראָפעסאָר גע־שפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע, ווען אַפילו אין געוויסע פּרטים אַ פּאַטאַלע!

װינער האָט זיכער מגזם געװען ראָזעפעלדס טאַלאַנט. און ניט דערפאַר, װײל ער איז נישט געװען קיין מבין אויף פּאָעזיע, נאָר װײל ער האָט געװאָלט ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער ייִדישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע אויף דעם ערשטן װיכטיקן ייִדישן פּאָעט פון דער נייער װעלט. דערפון נעמען זיך די אַ ביסל רעקלאַמעדיקע טענער אין װינערס אַרטיקלען װעגן ראָזענפעלדן, װאָס דער פּאָעט גופא האָט גענומען זייער ערנסט און איז פון דעם אומגעריכטן גליק אַ ביסל פאַרשיכורט געװאָרן.

פון די דאָזיקע פילאָלאָגישע און פאָלקלאָריסטישע שטודיעס איז אויס־געװאַקסן דער געדאַנק צו שרייבן אַ ייִדישע ליטעראַטור־געשיכטע. דאָס איז געװען פרילינג 1898. אין װינערס פּריװאַטער ביבליאָטעק זיינען שוין געװען אָנגעזאַמלט פּופצן הונדערט ייִדישע ביכער, ס׳רוב פון 19טן י״ה, װאָס איז געװען אַ גוטער פונדאַמענט פאַר אַזאַ פאַרש־אַרבעט. כדי אָבער צו האָבן מער מאַטעריאַל האָט ער געמאַכט אַ רייזע קיין אייראָפּע. ער האָט באַזוכט די װיכטיקסטע אייראָפּעיִשע ביבליאָטעקן, האָט אָבער דאָרטן געפונען זייער װיניק ייִדישע דרוקן פון 19טן י״ה. ערשט אין רוסלאַנד, אַ דאַנק דעם אינטערעס, װאָס ייִדישע שרייבערס האָבן אַרויסגעװיזן פאַר זיין אַרבעט, האָט ער געקענט קריגן די נייטיקע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע ידיעות. ער האָט איינגעקויפט כמעט אַלץ, װאָס מען האָט געקענט קריגן צו קויפן, באַקומען אַן אומדערװאַרטע מתנה פון אברהם אליהו הרכבי (1835—1919), יעמאָלט דער געהילפס־ביבליאָטעקאַר אין „אַזיאַטישן מוזיי" אין פּעטערבורג און צענזאָר פאַר העברעיִש און ייִדיש. די מתנה איז באַשטאַנען פון טויזנט ייִדישע ביכלעך. פּרץ האָט אים אויסגעליען זיין זאַמלונג ייִדישע פאָלקס־לידער (געפינט זיך איצט אין אַרכיװ פון ייִװאָ). אַנדערע שרייבער האָבן אים געהאָלפן מיט אינפאָרמאַציעס װעגן זיך און װעגן אַנדערע בני־דור. די שװעריקייטן אויף װעלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן זיינען געװען אַזוי גרויס, אַז װינער האָט שוין געװאָלט אויפגעבן אין גאַנצן צו שרייבן זיין געשיכטע. אויב די דאָזיקע געשיכטע איז פאָרט אָנגעשריבן געװאָרן איז דאָס דוקא צו פאַרדאַנקען דעם פאַרביסענעם קעגנער פון ייִדיש אברהם הרכבי, װאָס האָט מיט זיין װעלן פּטור װערן פון די „זשאַרגאָנישע שמאַטעס", װי ער האָט זיך אויסגעדריקט צו װינערן, אַ סך בייגעשטייערט צום רעאַליזירן װינערס פּלאַן [1].

---

[1] אין אַ בריװ צו אַ ל פ ר ע ד ל אַ נ ד ױ י (דאַטירט: 22 נאָװעמבער 1898) שרייבט װינער, אַז זיין ביבליאָטעק פאַרמאָגט 1500 ייִדישע ביכער, װאָס ער האָט מיט עט־לעכע װאָכן צוריק מנדב געװען דעם האַרװאַרדער אוניװערסיטעט — פון דעם, 300 ביכער געדרוקט אין אַמעריקע. „אַזוי אַרום — שרייבט ער — האָבן מיר דאָ אין אַמעריקע אַ בעסערע געלעגנהייט צו שטודירן ייִדיש — װי ערגעצװו אין אייראָפּע, מיטן אויסנאַם אפשר פון דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין פּעטערבורג".

אין דעם זעלבן בריװ גיט ער אָן די שטעט און לענדער, װוּ ער איז געװען פאַר דעם צװעק צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר זיין געשיכטע. דאָס זיינען: אָקספאָרד, לאָנדאָן,

צום שווערסטן איז געווען צו באַקומען מאַטעריאַל אין... אַמעריקע. אין 1898, צוואַנציק יאָר זינט דאָס ערשטע ייִדישע ביכל איז דאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן, איז שוין געווען שווער צו באַקומען די פּעריאָדישע שריפטן, וואָס האָבן אין משך פון דער צייט דאָ דערשיינט. אַזוי ווינציק גלויבן און צו־טרוי צום אייגענעם שאַפן האָט געהאַט יענער דוד פון ייִדישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין אַמעריקע! עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון יענער צייט. — דאָס וואָס ווינער ווענדט זיך צו די ייִדישע שרייבערס אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן שרייבן זייערע זכרונות כדי שפּעטער זאָל מען קענען געבן אַ בילד פון דער באַוועגונג „וואָס האָט מקדים געווען דאָס פאַרשלינגען ווערן פון די רוסישע ייִדן דורך דער אַמעריקאַנער נאַציע" (הקדמה, 11).

ווינערס בוך נעמט אַרום: די געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך, ייִדיש פאָלקלאָר בכלל און דאָס פאָלקסליד בפרט, די בדחנישע דיכטונג, ייִדישע פּאָעטן פאַר 1880, ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע, די וויכטיקסטע פּראָזע־שרייבערס אין איירָאָפּע זינט 1817, די פּראָזע־ליטעראַטור אין אַמעריקע, ייִדיש טעאַטער און אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַטור.

צום סוף (ז. 258־354) גייט אַ כרעסטאָמאַטיע פון אויסצוגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פון לעפינס „קהלת" ביז פּרצעס „באַנטשע שוויַיג" געדרוקט פּאַראַלעל אין אָריגינאַל מיט לאַטייַנישע אותיות און אין זיינער אָן איבערזעצונג (נישט אַלע מאָל אַ געלונגענער!).

די גרויסע ביבליאָגראַפיע פון דעם ייִדישן דרוקוועזן (ז. 357־382) איז די ערשטע וויכטיקע ביבליאָגראַפיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און האָט עד היום נישט פאַרלאָרן אין ווערט, ווי אַ קוואַל פאַר אינפאָרמאַציע. די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע איז גלייכצייטיק אַ רשימה פון די מקורים, וואָס זיינען געווען אין ווינערס באַזיץ און וואָס ער האָט געשאָנקען דער ביב־ליאָטעק פון האַרוואַרדער אוניווערסיטעט.

ווינערס געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן י״ה האָט נאָך עד היום נישט פאַרלאָרן איר וויסנשאַפטלעכן ווערט. קודם כל זיינען פאַראַן ביי אים מיינונגען און אורטיילן, וואָס אַ סך שפּעטערדיקע ליטע־ראַטור־פאָרשער האָבן באַפעסטיקט. זיין אַנאַליז פון דער בדחנישער דיכטונג איז אַ ריכטיקער. ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געקוקט אויף בדחנים, ווי אויף מגידים אין גראַמען. וועגן דער שפּראַך פון די ערשטע ייִדיש־שרייבנדיקע משכילים זאָגט ער מיט רעכט, אַז עס איז אַ גרויסער פאַרדרוס, וואָס די ענגלישע מיסיאָנערן האָבן אין זייערע ייִדישע שריפטן אַרויסגעוויזן מער שפּראַך־קולטור, איידער די דאָזיקע משכילים! (ז. 136).

אַמסטערדאַם, בערלין, וואַרשע, ווילנע, פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, בערדיטשעוו, אָדעס, קעשענעוו, יאַסי, לעמבערג, קסאָקע, בודאַפּעשט, ווין.

(ציטירט לויט „ייִוואָ־בלעטער" 12 (1938), 298־299).

ווינער האָט ריכטיק כאַראַקטעריזירט אַקסענפעלדס ווערק און דערביי אגב געבראַכט אייניקע אינטערעסאַנטע ביאָגראַפישע פּרטים, וואָס זיינען פון די אַקסענפעלד־פאָרשער פאַרזען געוואָרן.

זיין הויכע מיינונג וועגן לעווינזאָנס קאָמעדיע „די ווייבערשע קניפּלעך" איז אין גאַנצן באַשטעטיקט געוואָרן פופציק יאָר שפּעטער, ווען דוד הערמאַן ע"ה האָט זי אויפגעפירט אין וואַרשע.

צווייפלען האַלט ער פאַר דעם וויכטיקסטן רעפּרעזענטאַנט פון דער מאָ־דערנער יידישער מוסר־ליטעראַטור (ז. 174).

זיין מיינונג וועגן פּרצן איז פאַר יענע צייטן, ווען דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן, זייער אַן אינטערעסאַנטע. ווינער זאָגט, אַז ערשט מיט פּרצן טרעט די יידישע ליטעראַטור אַריין אין דער משפּחה פון די וועלט־ליטעראַטורן. פּרץ, הגם ער באַשרייבט דאָס יידישע לעבן, איז אָבער אוניווערסאַל און דערפאַר זאָגט ווינער נביאות, וועט ער מיט דער צייט פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

זייער וויכטיק זיינען די קאַפּיטלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווייל זיי ברענגען אַ סך ידיעות, וואָס מיר וואָלטן קיין מאָל נישט געהאַט ווען נישט ווינערס געוויסנהאַפטע רעגיסטראַציע פון ליטעראַ־רישע פאַקטן. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן דעם קאַפּיטל וועגן יידישן טעאַטער, ווו עס זיינען פאַראַן ביבליאָגראַפיש פאַרצייכנט מקורים, וואָס מיט יאָרן שפּעטער האָט מען „אַנטדעקט" אויפס ניי, נישט וויסנדיק, אַז ווינער האָט זיי שוין אויסגענוצט. (ווי, למשל, אַבראַמסקיס „במת ישחק", וואָס איז אין יאָר 1923 „אַנטדעקט" געוואָרן פון נח פּרילוצקי אין „ביכער־וועלט", נומ' 3־4).

אין סך־הכל קען מען זאָגן אַז ווינערס געשיכטע פון דער יידישער לי־טעראַטור אין 19טן י"ה איז געווען געשריבן פון אַ געשולטן ליטעראַטור־היסטאָריקער און איז אַ סך מער ווי אַ פּיאָנערישע אַרבעט, ווייל זי איז עד היום געבליבן אַ פונדאַמענטאַלער הילפסבוך פאַר איטלעכן, וואָס וויל קודם כל ביבליאָגראַפישע אינפאָרמאַציע און אַפילו ביאָגראַפישע פּרטים וועגן אונדזערע שרייבערס.

זיין גרויסע זאַמלונג פון יידישע דרוקן וועט קלעקן פאַר אַ סך באַזונדערע שטודיעס. במשך פון די לעצטע 15 יאָר איז זי שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן פון יידישע ליטעראַטור־פאָרשער.

ווינערס בוך האָט דערשיינט אין אַ צייט, ווען די פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַן ענין פאַר גערמאַניסטן. עס איז דערפאַר נישט קיין חידוש, וואָס די איינציקע פאַכמענישע רעצענזיע איז געשריבן געוואָרן פון אַ גערמאַניסט פּרענקעל (זע ביבליאָגראַפיע, נומער 11).

די איבעריקע רעצענזיעס, אַפילו פון אונדזער אייגענעם אלכסנדר האַרקאַווי זיינען מער אומקריטישע לויב־ווערטער, איידער אַ זאַכלעכע אָפּ־

שאַצונג. ווי אַ קוריאָז איז כדאי צו דערמאָנען, אַז גוסטאַוו קארפּעלעס, למשל, האָט געטאַדלט ווינערן, הלמאי ער האָט נישט געשריבן וועגן דער ייִדישער דיכטונג אין מיטלעלטער, באַווייזנדיק דערמיט, אַז ער האָט דעם שער־בלאַט נישט איבערגעלייענט.

ווינערס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אַרום 1904 — ווי ער האָט מיר דערציילט בעת מיין באַזוך ביי אים אין 1928 — האָט ער געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן אַ צווייטע, שטאַרק פאַרבעסערטע אויפלאַגע. ער איז אָבער אין דער זעלבער צייט געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין עטנאָ־לאָגישע פּראָבלעמען און שפּעטער אין פאַרגלייכיקער ליטעראַטור־געשיכטע — אַז ער האָט זיך „געכאַפּט", אַז ער האָט פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין ייִדישער ליטעראַטור.

אמת, ער האָט נאָך געדרוקט פון צייט צו צייט אַרבעטן וועגן דער ייִדישער שפּראַך (אין דער ייִדיש־ענגלישער ענציקלאָפּעדיע) און וועגן ייִדישן פאָלקלאָר, אָבער דאָס זיינען מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך ביי אים אָנגעזאַמלט פון פריער [2].

ווינער האָט אויך געשריבן וועגן דער לאַדינאָ־שפּראַך און פאָלקלאָר. אין 1895 האָט ער באַזוכט די באַלקאַנען און האָט דאָרטן געזאַמלט ביי די ספרדים זייערע פאָלקסלידער. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער קענער פון אַלע שפּאַנישע דיאַלעקטן, ווי דאָס איז צו זען פון זיינע צאָלרייכע אַרטיקלען איבער ראָמאַנישער פילאָלאָגיע.

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועט ווינערס נאָמען דערמאָנט ווערן, ווייל ער איז פון די ערשטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשער פון דער ייִדישער שפּראַך, פאָלקלאָר און ליטעראַטור. זיין בוך, וואָס איז געווען דער הויפּט־מקור פאַר פינעסעס געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אַרויס אין 1910 אויף פראַנצייזיש, אויך אויף ייִדיש, רוסיש און (פאַרקירצט) אויף דייטש — בלייבט אַ מאָנומענט פון געוויסנהאַפטער און פלייסיקער אַרבעט אין אַ צייט, וואָס איז נישט געווען אַזוי גינציק פאַר ייִדישיסטיק.

זיינע פּרט־אַרבעטן פאַרדינען אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן אין אַ באַזונ־דערן באַנד אויף ייִדיש, פאַרשטייט זיך, מיט אַ פּאַסיקער הקדמה און נייטיקע דערגאַנצונגען.

[2] עס לאָזט זיך פעסטשטעלן ווען האָט ווינער איבערגעריסן זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט פון דער ייִדישיסטיק. אין 1902 האָט ווינער איבערגעשיקט לאַנדוין פאָלקלאָ־ריסטישע מאַטעריאַלן כדי ער, לאַנדוי, זאָל זיי באַאַרבעטן פילאָלאָגיש, מחמת ער „האָט ניט קיין צייט זיך אָפּגעבן מיט ייִדיש". אין אַ בריוו צו שײנעאַנו, דעם רומעניש־ייִדישן שפּראַכפאָרשער, אַפּעלירט לאַנדוי צו אים אַז ער זאָל פאָרזעצן זיין אַרבעט איבער ייִדיש, ווייל פון ווינערן וועט מען לאַנג מוזן וואַרטן אויף אַן אַרבעט אויף דעם געביט. (ציטירט לויט ח. גינינגער. די קאָרעספּאָנדענץ לאַנדוי־שײנעאַנו, ייִוואָ־בלעטער, 13, 1938, 295.)

ווינער האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס פאַרן ייוואָ. ער האָט אַוועק־געגעבן זיין יידישן אַרכיוו, וואָס איז באַשטאַנען פון ראָזענפעלדס בריוו, פון פרצעס זאַמלונג פון פאָלקסלידער און פון די קאַרטלעך פון זיין ווערטערבוך פון אַלט־יידיש.

גייסטיק איז ער אָבער געוועזן צו ווייט פון דער יידישער וועלט — אַז זיין אינטערעס זאָל איבערשפרייזן די גרענעצן פון צופרידנקייט, וואָס זיין אַרבעט איז נישט געגאַנגען לאיבוד און אַז נישט געקוקט אויף זיין נביאות, אַז יידיש אין אַמעריקע וועט אונטערגיין אין 25 יאָר אַרום (ד״ה אין 1924 איז אין אַ יאָר אַרום נאָך דער „טויט־דאַטע״, אין 1925, געגרינדעט געוואָרן דער אַמאָפּטייל פון ייוואָ, און אַ נייער, אים פרעמדער דור איז ממשיך זיין פּיאָנערישע אַרבעט.

ביבליאָגראַפיע פון ווינערס אַרבעטן וועגן דער יידישער שפּראַך, פאָלקלאָר און ליטעראַטור:

1) On the Judaeo-German spoken by the Russian Jews. The American Journal of Philology. Baltimore. 1893, XIV, 41-67; 456-482.
2) The Judaeo-German Element in the German Language. *ibidem*. XV, 329-347.
[3]Еврейско-немецкие слова в русских наречиях. Живая Старина, 1895, V, 57-70.

(אַ רשימה פון 41 ווערטער וואָס זיינען דורך יידיש אַריין אין פּויליש, ווייסרוסיש און אוקראַאיניש).
4) Die jüdischen Elemente in Polnischen. Archiv für slavische Philologie. 1898, XX, 620-624.

(אַ רשימה פון 15 ווערטער, וואָס זיינען דורך יידיש אַריין אין פּויליש).
5) The popular poetry of the Russian Jews. Americana Germanica, 1898, II, 1-26; 33-58. פאַראַן אַ סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון 52 זייטן.
6) The folklore of the Russian Jews in Boston. Journal of American Folklore, 1898.
7) On the Hebrew element in Slavo-Judaeo-German. *Hebraica*, 1893, X, 175-187.
8) Aus der russich-jüdischen Kinderstube Mitt. f. jüd. Volkskunde, 1898, II, 40-49; 77-79.
9) Morris Rosenfeld. Menorah, A Monthly Magazine, 1898, February, p. 88-98.
10) M. Rosenfeld. Songs from the Ghetto, with prose translation, glossary and introduction by Leo Wiener. Boston. Copeland and Day, 1898. VIII, 115 pp; 2nd edition, 1900.
11) The History of Yiddish Literature in the Nineteenth Century. New York. Charles Scribner's Sons. 1899. XV, 402 pp.

דאָס בוך איז געווידמעט זיין מוטער.

די וויכטיקסטע רעצענזיעס:

L. Fränkel: Literaturblatt für germanische und romanische Philologie, XXII, 1901, 386-391. Henryk Lucjan Kohn, Izraelita, Warszawa, 1901, 44, 45, 47.

G. Karpeles. Jahrbuch für jüdische Geschichte und Literatur, III, 1900, 34; Israel Levi, Revue des études juives, 38, 301.

ד"ר נ. ס י ר ק י ן דער יוד, 1900, 2, נומ' 7.

ה אַ ר ק אַ ו ו י אין זמ"ב. „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט", 1900. ז' 41־47.

ב. ג אָ ר י ן אין דער ייִדיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדאַר 1899־1900.

קלענערע רעצענזיעס:

The Literary Era, Philadelphia, 1899, 124.
Book News, New York, May, 1899, 501.
The Nation, June 1, 1899, 425-426.
The Literary Digest, June 10, 1899, 667-668.
The Literary World, Boston, July 22, 1899, 230.
The Dial, Chicago, Sept. 1, 1899, 132.

12) Märchen und Schwänke. Mitt. f. jud. Volks. Kunde, 1902 Heft, X, 98-121. (מיט אַ רייכן פאַרגלייכנדיקן מקורים־אַפּאַראַט).

13) Judaeo-German Language. Jewish Encyclopedia, 1904, VIII, 304-309.

13a) Yiddish Language. The Encyclopedia Americana, vol. 29, 637.

14) Märchen und Schwänke in America, aus dem Munde russischen Juden aufgezeichnet. Mitt. f. jüd. Volkskunde, XVIII, 1906, 69-75.

15) Kinderspiele aus Russland. *ibidem.*, 75-76.

(די הערות זיינען פון אַלפרעד לאַנדוי.)

16) A Yiddish Proclamation of 1848. The Jewish Comment. Baltimore, Oct. 2, 1904.

(ווינער האָט אָפּגעדרוקט נאָר אַן ענגלישע איבערזעצונג. דעם פולן טעקסט אין אָריגינאַל פאַרעפנטלעכט פון מיר אין די „היסטאָרישע שריפטן" פון ייִוואָ, 2, 33־638.

וועגן לאַדינא:

17) The Ferrara Bible. Modern Language Notes, X (1895), 41-43; XI (1896), 12-21; 42-53.

18) Songs of Spanish Jews in the Balkan Peninsula. Modern Philology, 1902, 1-2; 205-216; 259-274.

וועגן ייִדן אין רוסלאַנד:

19) L. Wiener. An interpretation of the Russian people. New York. 1915, 220-238.

וויכטיקסטע אַרטיקלען וועגן ווינערן

י ע ק ב ש אַ צ ק י „טאָג" פון 2טן נאָוועמבער, 1929.

ד ו ד ד ר ו ק „מאָרגען זשורנאַל" פון 25טן פעברואַר 1937.

ש. נ י ג ע ר „די צוקונפט", מערץ, 1938, 172־175.

ה. ג י נ ג ע ר ייוואָ־בלעטער, 13, 1938, 275־300.

י. ש אַ צ ק י מאָריס ראָזענפעלד אין ליכט פון זיינע בריוו. ניו־יאָרק, 1936 32 זייטן.

S. Blondheim. Les parlers judeo-romans et la vetus Latina. 1925.

רעפעראַטן און רעצענזיעס

ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן פון ניו־יאָרק. צוגעגרייט דורך [פון] דער ייִדישער שרייבער־גרופּע אויפן [ביים] פעדעראַלן שרייבער־פּראָיעקט. אַרויסגעגעבן פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין 1938, 400 זייטן.

די פּראָבלעם פון אויספאָרשן די גענעזע און אַנטוויקלונג פון די לאַנדסמאַנשאַפטן איז איינע פון די קאַרדינאַלסטע אויפגאַבעס פון דער ייִדישער געשיכטע־פאָרשונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויף די דאָזיקע לאַנדסמאַנשאַפטן איז באַזירט די גאַנצע עקאָנאָמישע, קולטורעלע און סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום זינט דער עמיגראַציע פון 1881.

וועגן די לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע איז פאַראַן זייער אַ רייכע ליטעראַטור. זי איז צעוואָרפן אין פאַשיידענע זשורנאַלן און צייטונגען און ווינציק וואָס איז צוגענגלעך אין בוכפאָרעם. דאָך קען מען זאָגן אַז די סאָציאָלאָגישע יסודות פון דעם לאַנדסמאַנשאַפטום איז גאָר ערנסט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אָבער קיין אַלגעמיין היסטאָריש בילד האָט מען ביז איצט ניט געגעבן, ווייל עס האָבן געפעלט די נייטיקע פּרט־אַרבעטן וועגן באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, הגם וועגן אַ סך פון זיי זיינען שוין פאַראַן וואָגיקע צו־שטייערס.

כדי, הייסט עס, צו פאָרשן און אַנאַליזירן די לאַנדסמאַנשאַפטן מוז מען קודם כל האָבן אַ סאָציאַלאָגישע שולונג, גוט קענען די רייכע אַמעריקאַנער ליטעראַטור וועגן סאָציאָלאָגיע פון גרופּעס בכלל, און פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בפרט (די אַרבעטן פון Roucek, למשל) ועל כולם די ביז איצט געדרוקטע ליטעראַטור פון ייִדישע און ניט־ייִדישע סאָציאַלע פאָרשערס.

אין דעם רעצענזירטן בוך איז ניטאָ קיין שפּור ניט פון באַקאַנטשאַפט מיט דער ליטעראַטור וועגן דעם ענין און ניט קיין מינדסטער שפּור פון פאַרשטיין דעם עצם פּראָבלעם.

דעם מאַטעריאַל וואָס די גרופּע מיטאַרבעטערס פון דעם בוך האָט געהאַט אין איר רשות איז באמת זייער אַ רייכער און אינטערעסאַנטער. מען האָט אויפגעקליבן אינפאָרמאַציע וועגן 2468 לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק. פון זיי, 2045 „פולע" און 423 ניט קיין פולע. דאָס איז אַריינגעקומען אַ דאַנק אַן אַנקעטע, וואָס די רעדאַקציע האָט אויסגע־אַרבעט. אָבער אַז מען לייענט דורך די אַרבעטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט דער טעמע (און אַזעלכע זיינען דאָ נאָר אַ פּאָר) זעט מען, אַז די ידיעות, וואָס מען האָט אַרויסבאַקומען פון דער אַנקעטע זענען לחלוטין ניט באַאַרבעט געוואָרן, ווי למשל דער עקאָנאָמישער סטאַטוס פון די אָרגאַניזאַציעס, דאָס געלט, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט און געשיקט אין דער אַלטער היים, די סיבות פון אונטערגאַנג פון לאַנדסמאַנשאַפטן, די שייכות צווישן קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן אין דער אַלטער היים און דעם אויפקום פון לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס אאַז"וו.

עס ווערט דערציילט אז 30 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט אין די לאַנדס־מאַנשאַפטן זיינען ניט קיין לאַנדסלייט. עס וואָלט געווען זייער וויכטיק צו וויסן ווען געשעט דאָס און וואָס זיינען די סיבות, וואָס „פרעמדע" ווערן אָנגענומען אין אזעלכע חברות ?

די עלטסטע אָרגאַניזאַציע וואָס ווערט באַשריבן שטאַמט פון 1859. דאָס איז אַ האָ־לענדישע חברה, בכן ניט קיין לאָקאַל־געאָגראַפישע, נאָר אַ מלוכהש־געאָגראַפישע (ז. 15). אָבער די דאָזיקע האָלענדישע חברה, וואָס ווערט אויספירלעך באַשריבן (ז׳ 111—113) וואָרצלט אין אַ סך עלטערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן ניט דערמאָנט אַפילו, ווייל דער מחבר קען ניט די האָלענדישע ליטעראַטור וועגן דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. ניט ריכטיק איז אויך די באַמערקונג, אַז די ערשטע פוילישע לאַנדסמאַנשאַפט שטאַמט פון 1870, בעת מיר האָבן פאַקטן פון 1830 (פילאַדעלפיע), 1848 (קאַליפאָרניע), 1863 (ניו־יאָרק) א״אַ.

דאָרטן ווו עס קומט צו געבן אַן היסטאָרישן איבערבליק איבער ייִדישע חברות אין אַמעריקע איז קיין איינער פון די מיטאַרבעטערס „ניט אין דער היים" און גיט אינפאָר־מאַציעס, וואָס זיינען ווייט פון צו זיין ריכטיק.

אויף ז׳ 17 ווערט דערציילט אַז די „אנשי"־אָרגאַניזאַציעס ד״ה די רעליגיעזע חברות מיט שולן ווערן זעלטן געשאַפן, וואָס דאָס איז קודם כל היסטאָריש ניט ריכטיק, ווי דאָס קען מען זען פון די קאָרעספאָנדענצן אין דער העברעיִשער פרעסע פון יענער צייט. אויב שפּעטער זיינען אַזעלכע חברות באמת זעלטן געווען געשאַפן, מוז דאָך זיין פאַר דעם אַ סיבה (און אויב מען קען די סאָציאַלע סטרוקטור פון די ייִדישע עמיגראַנטן איז ניט שווער דאָס אויסצוגעפינען). אָבער זי ווערט ניט אָנגעגעבן.

איין מיטאַרבעטער איז אַזוי בקי אין ייִדישער געשיכטע אַז ער שרייבט (ז׳ 25) אַז די ערשטע כוואַליע פון ייִדישער מיגראַציע (?) איז געווען נאָך די פאָגראָמען פון נאָך 1870 (?). און אַז זיין „פונקט" איז צו באַווייזן אַז די „אימיגראַציע האָט געהאַט זייער אַ גרויסן חלק אינעם אויפבוי פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע". אָבער באַ־ווייזן באַווייזט ער דאָס ניט, נאָר שרייבט סתם אַן אַרטיקל אויף צוויי זייטלעך מיט אַ קעפל: „אימיגראַציע און לאַנדסמאַנשאַפט".

אַ צווייטער אינפאָרמירט אַז דער „האַיאַס" איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין 1889 (ז׳ 33), בעת אין דער אמתן איז די Hebrew Immigrant Aid Society געגרינדעט געוואָרן אין דעצעמבער 1881, וואָס מען קען לייכט וויסן, ווייל די באַריכטן זיינען געדרוקט.

אין אַ גוטן אַרטיקל וועגן די קאָנסטיטוציעס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, אגב דעם בעסטן אין בוך, ווערט למשל ציטירט אַ שבועה וועגן האַלטן „אין געהיים", וואָס עס קומט פאָר אין חברה, אָבער דער פאַרוואָס, די וויכטיקסטע פראַגע אין יענער פאָרשונג איז אין דעם אַרטיקל ניטאָ. וואָלט אָבער דער מחבר זיך באַקאַנט מיט די מאַסאָנען־חברות אין אַמעריקע, וואָלט ער געפונען זייער אַ סך באַריר־פונקטן וואָס איז שייך דעם ריטואַלן עלעמענט פון די ייִדישע חברות. (מען אימיטירט דאָך די העכערע קלאַסן !).

די אינפאָרמאַציעס וועגן די ניט־ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע (ז׳ 64—67) זיינען אין גאַנצן פאַלש. און וועגן דעם איז דאָך אַזוי פיל געשריבן געוואָרן פון Znaniecki, Hayman, Roucek, Rewczuk א״אַ. גענוג צו לייענען די American Journal of Sociology כדי אין דעם זיך איבערצוצייגן.

די אַרבעט א״נ „די סאָציאַלע ראָלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן" (ז׳ 68—108) קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אַרבעט — זאָגט אָן דאָס אונטערקעפל — האָט דאָ און דאָרטן אינטואיטיוו גוט באַנומענע פונקטן, אָבער אַלץ העגנט אין דער לופטן, ווייל ניט אויף קיין פאַקטן און דאַטעס, וואָס זיינען דאָך דאָ אין אַ גרויסער צאָל. למשל: פ ר י י ס, „די רו־סישע ייִדן אין אַמעריקע" (רוסיש) 1893 ; דאָס בוך אַרויסגעגעבן פון E. J. James א״נ The Immigrant Jew in America, 1902.

אָדער: Steiner: On the Trail of the Immigrant, 1902, 126-178 און די טשיקאַ־ווע אַרבעט פון Wheatley Richard וועגן די ייִדן אין ניו־יאָרק, געדרוקט אין Century Magazine, 1892, XXI. עס איז אַ ריזיקע ליטעראַטור, וואָס האָט דוקא אַ נאָנטע שייכות מיט דער דאָזיקער טעמע !

אַן אומזין איז דער אַרטיקל איבער די „פֿאַמיליע־קרייזן" (ז' 109—120). אויף דער דאָזיקער טעמע קען מען אָנשרייבן אַ שיינע מאָנאָגראַפֿיע, ווייל עס איז דאָ אַ סך געדרוקטע „סוּווענירס" און יובילײ־אויסגאַבעס (מערסטנטייל פּריוואַט־דרוקן).

אייניקע רעפּאָרטאַזשן זיינען ניט שלעכט, ווי למשל וועגן די ביאַליסטאָקער (ז' 121—122).

דער צווייטער טייל גיט זיך אָפּ אין גאַנצן מיט ליטעראַטור. דאָרטן קומען אַריין אַזעלכע טעמעס: ווי „די לאַנדסלייט־מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור" מיט זייער אַ כאַראַקטעריסטישער ביבליאָגראַפֿיע, אין וועלכער דער מחבר האָט ניט געקענט אויסגעפֿינען אַזאַ „היסטאָרישן" פֿאַקט, צי אַ געוויסע פּיעסע איז געווען געדרוקט אין דער „צוקונפֿט" אין 1920 אָדער 1921. דאָס איז אַ געוואַלדיקע אילוסטראַציע פֿאַר דער געוויסנדיקייט פֿון דער אַרבעט. נאָך דעם קומען רעצענזיעס וועגן לאַנדסמאַנשאַפֿט־אויסגאַבעס, מער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט, ווי באמת רעצענזירט.

די מוסטערן פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט־ליטעראַטור זיינען זייער פּיקאַנט, אָבער אָפּגעגעבן אויף דעם 4 גרויסע זייטן (159—198) איז באמת אַן עוולה!

די אַנטאָלאָגיע פֿון דער לאַנדסמאַנשאַפֿט־פּאָעזיע איז אַן אַנטאָלאָגיע מיט זייער ווינציק פּאָעזיע!

די גרויסע ביבליאָגראַפֿיע איז באמת וואָגיק אין צאָל פֿון פֿאַרנאָטירטע דרוק־איינסן, ווען אַפֿילו מיט שטאַרקע בלייזן אָבער געמאַכט אַזוי כאַאָטיש, אָן אַ סיסטעם. ביי עטלעכע אויסגאַבעס ווערן אָנגעגעבן אַ סך פּרטים, ווי אינהאַלט פֿון בוך, רעדאַקטאָר אאַז"וו. ביי אַנדערע ווערט אַפֿילו די צאָל זייטלעך ניט אָנגעגעבן. דאָך איז די אַרבעט צוזאַמען מיט דער רשימה אַדרעסן פֿון לאַנדסמאַנשאַפֿט־אָרגאַניזאַציעס (ז' 245—372) — די צוויי וויכטיקסטע צושטייערן פֿאַר דעם ענין, וואָס דאָס בוך וויל רעפּרעזענטירן.

דער אינדעקס איז זייער שלעכט צונויפֿגעשטעלט געוואָרן.

אין דער ביבליאָגראַפֿיע ווערט ניט אָנגעגעבן, אַז אייניקע לאַנדסמאַנשאַפֿטן האָבן אַפֿילו אַרויסגעגעבן מאָנאָגראַפֿישע אַרבעטן וועגן יחידים כלל־טוער פֿון צווישן זיי. אַזוי למשל האָבן די וולאַדימיר־וואָלינער פּראָגרעסיוו יוגנט אַרויסגעגעבן אַ טשיקאַווע ביכל א"נ „מענדל נידערבערג, זיין לעבן און טעטיקייט", ניו־יאָרק, 1936, 63+(1) זייטן".

די שפּראַך איז זייער אַ פֿאַרלאָזענע. דער רעדאַקטאָר גופֿא שרייבט למשל „שטערבלעכקייט" ווען ער מיינט שטאַרביקייט.

און אָט איז אַ מוסטער פֿון דעם רעדאַקטאָרס סטיל:

„לעצטנס האָבן טייל סאָסייטיס אַרויסגעגעבן זשורנאַלן וואָס זיינען אַ לוקסוס מיט זייער פּאַפּיר און איינבונד" (ז' 20).

אויף ז' 36 לייענען מיר אַזאַ קוריאָז:

„און איבער 120 יאָר, ווייסט דער סאָסייטי־מיטגליד, וועט ער אויך ניט בלייבן עלענט — ער וועט דאָן ליגן אויף אייגענער סאָסייטי־קרקע צווישן לאַנדסלייט. און ביי די יערלעכע בעלער און קאָנצערטן פֿון סאָסייטיס טרעפֿן זיך אַלע לאַנדסלייט (וועלכע — די טויטע? י. ש.) און עס ווערן געשלאָסן נייע פֿריינטשאַפֿטן און שידוכים".

דאָס בוך שווימט און גריבלט מיט אַנגליציזמען, וואָס האָבן געקענט זייער לייכט פֿאַרביטן ווערן מיט ייִדישע ווערטער און באַגריפֿן.

דער ענגלישער לשון פֿון שער־בלאַט איז אויך ניט קיין וואַזשנער: racial group איז אויף ייִדיש: עטנישע גרופּע, און ניט: ראַסן־גרופּע, ווי דער רעדאַקטאָר זעצט איבער.

אין סך־הכּל: אין רשות פֿון דער גרופּע ביים „פּראָיעקט" איז געווען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל און אויך ניט קיין שלעכטע מיטאַרבעטערס, וואָס ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ פֿאַכמאַן פֿאַר אַ רעדאַקטאָר וואָלט מען זיכער געקענט צונויפֿשטעלן אַ גוט און וואָגיק בוך.

בלייבט נאָך אַלץ די טעמע צו באַאַרבעטן, אַ טעמע וואָס איז דער רוקנביין פון דער ייִדישער געשיכטע אין אַמעריקע במשך פון די לעצטע כמעט הונדערט יאָר.

כדי אָבער אַזאַ אַרבעט זאָל קענען דורכגעפירט ווערן מוז מען זיך גוט באַקענען מיט דער שוין געדרוקטער ליטעראַטור וועגן ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע. וואָס זיינען, למשל, ווערט אַזעלכע מקורים ווי Annual Report of the Roumanian Hebrew Aid Association, 1901. אָדער די צוויי העברעיִשע ביכלעך פון משה וויינבערגער (1887) און הורוויץ (רומניה באַמריקה, 1874) פאַר דער טעמע, וואָס ווערט באַהאַנדלט אין דעם זאַמלבוך!

חוץ דעם מוז מען אומבאַדינגט שטודירן די אַרבעטן וועגן די ניט־ייִדישע חברות, די השפעות פון אייראָפּעיִשע פאָרמען (תקנות פון דער אַלטער היים, אַריינגעפלאָכטן אין די תקנות פון די היגע „אנשי"־אָרגאַניזאַציעס), די פּראָבלעם פון „אַדאַפּטירן דאָס אַלטע צום נייעם, ווי Hapgood האָט עס ריכטיק פאָרמולירט אין זיין The Spirit of the Ghetto (זייט 12) און באַזונדערס די סאָציאָלאָגיע פון געטאָ בכלל און אין אַמעריקע בפרט, ווי Louis Wirth האָט עס פאָרמולירט אין זייט בוך The Ghetto (שיקאַגאָ, 1928).

דאָס איז אַ וויכטיקע און שווערע טעמע. אָבער פעליעטאָניסטישע אַרטיקלען און צייטונגס־רעפּאָרטאַזש קען מען אַזעלכע פּראָבלעמען ניט אויסקשטעלן און ממילא ניט אַנטוויקלען, אַ פּשיטא נאָך באַשרייבן און אויפקלערן!

ד"ר יעקב שאַצקי.

THE GERMAN-JEWISH PHILOSOPHER CONSTANTINE BRUNER

By DR. A. ZUHL

(From Page 169 to 181)

Bruner is a German Jew, who reached the peak of maturity about 1910, as is evidenced by his concepts of state and nation, his assimilational attitude, his ideas on prostitution and monogamy, as well as his exterior. Likewise in his point of departure in philosophy: "Spinoza and Kant (1910).

Bruner is a follower of Spinoza. How Bruner comments on Spinoza's attributes.

Bruner's own philosophy is the theory of three "faculties" of thinking. The "practical thinking" of our reason to which science also be_ longs, is but an instrument for our living. Our physical world does not think. To it belongs not only cognition, but also feeling and volition.

But there is no human being that should content himself with thinking of the relative reality, with the consent coming into and going out of existence, birth and death:—and where is the being? What is thought by the practical reason is in truth unthinkable; not even in the thought out form of science which reduces the physical polymorphusnes to movement: but what moves?

The cognition of our world is based constantly also upon another mode of thinking: on the "absolute thinking" or its analogy, its imitation, the "superstitious thinking." The absolute is that which itself does the thinking. It can not be thought, produced by the senses and logical operations. From the very start, it lies wihin us. It manifests itself in the life of the great mystics ("Our Christ or the Coming of Genius into Being," 1921), in philosophy and art.

But those who cannot apprehend the absolute, who cannot tear themselves away from material thinking, turn a material relative into an absolute. From Jehova (in Shma Israel) the existing (part) of mysticism, becomes the personal Adonai of religion; the "an-und-fuer-sich" of philosophy becomes Kant's "ding an sich" of metaphysics.

But also the practical reason which is but the thinking of our egoism, is also involved by the fictitious absolute thinking. An egoism, gone mad, makes himself absolute into a non-egoist, an angel; but "the others" are egoists, evil spirits ("Jew hatred and the Jews," 1918). Finally; Bruner's brief mystical speech on his seventieth birthday.

THE INTERIOR TRADE OF THE POLISH JEWS IN THE 16th AND 17th CENTURIES

(Sources for the History of the Jews in Poland based upon rabbinical Literature)

By MORDECAI KOSOVER

(From Page 182 to 201)

The article contains a number of details concerning the interior trade of the Polish Jews, gathered from the rabbinical responses of that

period. Particulars are given concerning minor commerce and competition among merchants; the pertinent enactments of the Jewish congregations in Poland and Lithuania with regard to the regulation of commerce are cited.

The part played by the Jewish woman in commerce and in the Jewish economic life, of the time, is drawn from these sources; we learn, that women conduct business, travel to distant places and visit country fairs. The rabbinical authorities endeavor to take care of the morals of the women in these activities.

Certain details, in connection with commerce, throw a light on the *cultural history* of the Jews in Poland at the time. We get information concerning the wares handled by Jewish merchants, the means of communications, the geographic extent and the scope of the commerce of Jewish merchants. A table shows the places visited by the Jewish merchants, and the goods they sell.

The article concludes with the information, which we find in the sources as regards the *fairs*. The interesting descriptions, given by Nathan Note Hannover, in his historical chronicle "Yeven Metzulah" and in his dictionary "Safah Berurah" (Amsterdam, 1702 second edition) are quoted in the article.

The author dwells at some length on the places and the dates of the fairs: in Lublin, Jaroslaw, Zaslaw, Sniatyn, Lukow, Posnan and in several places in Lithuania. The dates of the fairs came mostly on Christian holidays in Summer and Winter. The stipulated dates on which the fairs were held, were also the term dates for payment of debts, and the fair itself was the best place to meet an old debtor and to collect what was due. In order that this custom should not interfere with the normal course of commerce, the leaders of congregations introduced pertinent regulations.

CRIMINALITY AMONG JEWS IN GERMANY

By JACOB LESTCHINSKY

(From Page 202 to 216)

The Nazi "sciences" and the Nazi press have in late years made quite a noise about Jews contributing twice as many criminals as their population percentage would indicate. Bunch together all sorts of crimes then it is true. Jews do constitute only ½ per cent of the population and yet have in latter years provided one percent of the criminals. But, if one were to analyze and categorize the crimes:

a) serious criminal acts (murder, infanticide, arson, robbery, etc.);

b) criminal acts of less gravity (illegal use of names for communications and hotel purposes);

c) political crimes (resistance to officers);

d) crimes provoked by government terror and persecution (racial disgraces, currency restrictions—in short—Hitler government decreed crimes);

then, one gets a far different impression (see tables 3, 4 and 5). It thus appears that, if Jews do provide eighteen times as many criminals in respect of currency restrictions, then the Aryans contribute even six times as many assault and battery and three times as many serious robberies. Jews provide 428 times as many racial disgraces. But by the same token Hitler's Aryans provide two and a half times as many *murderers.* There are sixteen times as many passport criminals among Jews, but there are two and a half times as many Aryan robbers. Hitler's superior race thus robs and murders, while Jews try to rescue themselves and something of their posessions from Hitler's robbery "laws." Too bad Jews provide such a small number of political criminals—only 2½ times less as non-Jews.

ARTICLE IN "HASHOFER"

By L. SCHILDKRAT

(From Page 217 to 224)

Although there are many indications, that Yiddish was for long a spoken language in England (as early as 1772 Yiddish was printed there) the first publication dates back to 1874. That was the *Hashofer*, published by Samuel Distillator and edited by Chayim Zalmen Eliashkvits, a Hebrew "Maskil" from Vilna. Only three issues remain of the publication, and they are to be found in the Vilna Strashun Library.

The *Hashofer* was edited entirely by Eliashkvits, who, evidently, provided all the material. News, both Jewish and general, filled up half the pages of each issue. Its news items were drawn mainly from the *Vienna Israelite*, one of the best German-Jewish publications of that period. Its news reports, however, catered more to the interests of the Russian and German immigrants than to English Jews.

The *Hashofer* also ran uninterrupted installments of a "romance" that can scarcely be considered serious literature. The language of the *Hashofer* was heavily Germanized. But the parenthetical explanations of the Germanisms were truly Yiddish. Anglicisms and Slavism are encountered less frequently.

The publication appeared about nine times, and left no traces after its demise.

THE YIDDISH VOCABULARY FOR THE ELEMENTARY SCHOOL

By J. STEINBAUM

(From Page 225 to 246)

The study of Yiddish in the elementary school, must be so arranged, that in all the school grades it should be possible to measure the pupil's achievements. This is especially important with regard to the vocabulary in Yiddish, which the children should acquire in the elementary school.

As matters are now, it is truly difficult to learn whether the knowledge of language which the pupils have acquired in one school is below or above the knowledge which children of another school have attained;

the reason is simply because at present we have no established language program which should be denorm everywhere and in all cases.

This is clearly seen from an analysis of the primar books, which are used in the elementary schools of America. This analysis concerns itself with: 1. the world contents in all four text books; 2. the total of individual words employed by each text book; 3. the allotment of this word total in the separate lessons; 4. the average repetitions per word in each text book; 5. the necessity of establishing a definite vocabulary for the different school years on the basis of "frequency position" of each word in the literature, which the children must be prepared by the school to read.

These analyses prove, that (in the case of the 4 text books) there is a scant uniformity with regard to the most necessary requirements for primar books and the conclusion is reached that the meager acquaintance with Yiddish in the pupils of the schools must be ascribed to a considerable degree to the lack of system with which all the 4 text books have been put together.

In connection with the question of the putting together definite word lists for each school year, a suggestion is made that these lists should in the first place take in all those English words which in sound and meaning are similar to their Yiddish equivalent. This must be done particularly at the first stages of language instruction in order that in this way, the children might receive from the start a large number of words which they already have used before their entering the Yiddish school. Simultaneously a list of 250 kindred words of Yiddish and English, which are likewise the most frequently used in English (according to Eduard Thorndike's word list) and also to a great degree the most frequent ones in Yiddish (according to a tentative list of such words in the author's possession).

LEO WIENER (Obituary)

By J. SHATZKY

(From Page 247 to 256)

PROFESSOR LEO WIENER of Harvard University, who died December 13, 1939, was the pioneer in English-speaking countries in the study of the Yiddish Language and Literature, which culminated in his: "History of the Yiddish Literature in 19th Century" (New York, 1898).

The author gives a short biographical sketch of the deceased scholar, an analysis of his contributions in the field of Yiddish philology, folklore and literature, and a bibliography of publications in this particular domain of his many-sided linguistic studies.

ידיעות

פון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אַמאָפּטייל

ניו־יאָרק, מאַרץ־אַפּריל, 1940 446 (88־87) 1־2

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ פון אַמאָפּטייל פון ייווא

פרייטיק, שבת און זונטיק, דעם 5טן, 6טן און 7טן יאַנואַר, 1940, אין האָטעל „דיפּלאָמאַט", 108 וועסט 43טע גאַס. ניו־יאָרק.

קיצור פון פּראָטאָקאָל

פרייטיק אָוונט

ביי אַ יום־טובדיקער שטימונג, ביים אָנטייל פון 800 דעלעגאַטן און געסט עפנט די ערשטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ פון אַמאָפּטייל דער עקז.־סעקר. נ. פיינערמאַן און פאַרבעט אויף דער בינע אַלע מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע, אויך די רעפערענטן: פּראָפ׳ דזש. דאָלאַרד, ד״ר א. טאַר־טאַקאָווער, ד״ר מ. לאַזאַרסאָן און ד״ר ש. ביקל.

דעם פאָרזיץ נעמט איבער חבר י. לעשצינסקי.

ער בעט דעם עולם צו באַערן מיט אויפשטיין דעם אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע פריינד: זיגמונד פרויד, משה גאַסטער, עדוו. סאַפּיר, ערן־מיטגלידער פון קוראַטאָריום; אַלכסנדר האַרקאַווי, ערן־מיטגליד פון דער פילאָלאָגישער סעקציע, און גוסטאַוו אייזנער, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע. (דער עולם שטעלט זיך אויף).

לייבוש לעהרער, סעקרעטאַר פון דער פסיכ.־פּעד. סעקציע, שטעלט פאָר (אין ענגליש) דעם רעפערענט ד״ר דאָלאַרד. דערביי דערקלערט ער, אַז ד״ר דאָלאַרדס ספּעציאַליטעט איז סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע. אויף דעם געביט האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע וואָגיקע אַרבעטן. פאַריקן סעפּטעמבער האָט ד״ר דאָלאַרד געזאָלט זיין אין ווילנע צו לייענען אַ ציקל לעקציעס אויף דער

אַספּיראַנטור. ער איז שוין געווען אויפן וועג אַהין, ווען די מלחמה האָט אויס־געבראָכן; האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן קיין אַמעריקע.

ד"ר דזש. דאָלאַרד לייענט זיין רעפעראַט אויף דער טעמע: „פרויד און סאָציאַלע וויסנשאַפט".

דער פאָרזיצער באַדאַנקט דעם רעפערענט און גייט איבער צום סימ־פּאָזיום „ייִדן אין פּוילן".

אין זיין אָריינפיר־וואָרט צום סימפּאָזיום ווייזט י. לעשצינסקי אָן, אויף די גרויסע פאַרדינסטן פון די פּוילישע ייִדן פאַר דער ייִדישער קולטור. זיי האָבן געשאַפן אַ באַזע פאַר דער קולטור און איר אָרגאַנישקייט. ייִדן אין פּוילן זיינען בכלל געווען אַ פּראָדוקטיווער עלעמענט אויף די פאַר־שיידנסטע געביטן פון אַלגעמיינעם פּוילישן לעבן בכלל און פון ייִדישן לעבן בפרט. און דער דאָזיקער פּראָדוקטיווער עלעמענט וועט סוף־כּל־סוף אויפשטיין תּחית־המתים. לאָמיר האָפן, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום וועט נאָך לעבן און שאַפן.

דער עצם סימפּאָזיום באַשטייט פון דריי רעפעראַטן:

ד"ר י. שאַצקי רעפערירט אויף דער טעמע: „די היסטאָרישע באַדייטונג פון פּוילישן ייִדנטום"; ד"ר א. טאַרטאַקאָווער לייענט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די סאָציאָלאָגיע פון פּוילישן ייִדנטום"; ד"ר ש. ביקל רעפערירט וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן.

צווייטע זיצונג.

שבת, 2 אַ זייגער ביי טאָג.

עס ווערן באַשטימט די ווייטערדיקע קאָמיסיעס:

פּרעזידיום — ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו און י. מאַרק;

סעקרעטאַרן פון דער קאָנפערענץ — י. יורקאָוויטש, ה. בזשאָזע און ליבע שילדקרעט;

מאַנדאַטן־קאָמיסיע — ד"ר ראַקאָלין, פ. מאַסלאָוו, אַנאַ קראָנשטאַט, סטאַדאָלסקי, י. בערזין, מ. שניידער, סוסקין, ש. שרייער, ל. פעלד און י. רו־בינשטיין;

נאָמינאַציע־קאָמיסיע — ד. שערמאַן, ל. געלפאַר, נ. כאַיעט, נ. סוסעל, ד"ר ב. סייקין, י. ישורון, י. רובינשטיין, מ. גאָרעליק, מ. גורין.

רעזאָלוציע־קאָמיסיע — ד"ר י. פּיין, גיטל גערשאַנאָוויטש, נ. כאַנין, פּ. גינגאָלד, א. הגלילי, י. יאָפע, מ. שטאַרקמאַן, מ. קאָסאָווער, ז. עפּראַיקין, י. לעווין, א. מילער, א. אויערבאַך און צביון.

דעם פאָרזיץ פירט ה. לייוויק.

ד"ר רודאָלף גלאַנץ לייענט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די ייִדן אין נאָך־מלחמהדיקן עסטרייך".

פּראָפ' מ. לאַזאַרסאָן רעפערירט אויף דער טעמע: „די נאַציאָנאַלע אַנט־וויקלונג פון די באַלטישע פעלקער און פון זייערע ייִדישע מינדערהייטן".

עס וועלן געשטעלט ווערן עטלעכע פראַגעס דעם רעפערענט, וואָס ער פאַר־ענטפערט זיי.

עס באַגריסט די קאָנפערענץ יעקב אַפּענשלאַק, דער רעדאַקטאָר פון „נאַש פּזשעגליאָנד", פאָרזיצער פון דער יידישער קונסט־געזעלשאַפט אין פוילן:

כאָטש די יידן אין פוילן האָבן ניט געהאַט קיין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, פונדעסטוועגן איז פוילן געווען דער צענטער פון דער יידישער קולטור. אין פוילן האָט מען אויך געשאַפן אַ סך יידישע קונסטווערטן; אויף 150 אויס־שטעלונגען זיינען געווען רעפּרעזענטירט אַרבעטן פון קנאַפּע 500 יידישע קינסטלער. דאָס פוילישע יידנטום וועט נאָך צוריק אויפגעריכט ווערן און וועט אונדז באַרייכערן מיט זיינע שאַפונגען.

אין נאָמען פון פּען־קלוב באַגריסט די קאָנפערענץ ברוך גלאַזמאַן. ער ווייזט אָן אויף דער שייכות צווישן דער וויסנשאַפט און דער שיינער ליטע־ראַטור. וויסנשאַפט פאַרנעמט איצט אַ היפשן אָרט אין דער ליטעראַטור, און דערפאַר איז טאַקע דאָ אַזאַ נאָענטקייט צווישן דעם ייוואָ און דעם פּען־קלוב. דער פּען־קלוב שאַצט אָפּ די אַרבעט פון ייוואָ, און ווינטשט אים דערפאָלג.

ה. בזשאָזע באַגריסט די קאָנפערענץ אין נאָמען פון „ש"ע־פאָלק־אינ־סטיטוט". אין זיין באַגריסונג־וואָרט ווייזט ער אָן, אַז דער ייוואָ בייטיקט זיך מער ניט אין רעקלאַמע. די וואַגיקע שריפטן, וואָס ער האָט ביז איצט אַרויס־געגעבן, זיינען די בעסטע עדות פון זיינע אויפטוען. דער אַמאַפּטייל דאַרף זיך מער אָפּגעבן מיטן פאָרשן דאָס לעבן פון יידן אין אַמעריקע.

וועגן סאָציאַלער מעדיצין ביי יידן רעפערירט ד"ר ל. וואָלמאַן.

ביים פאָרשטעלן דעם רעפערענט בעט דער פאָרזיצער ה. לייוויק דעם רעפערנטס בן־עיר ד"ר שאַצקין, ער זאָל וועגן אים זאָגן עטלעכע ווערטער. ד"ר שאַצקי דערקלערט, אַז דער רעפערענט האָט ריזיקע פאַרדינסטן אויפן געביט פון סאָציאַלער מעדיצין; ער איז במשך פון 15־16 יאָר געווען דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „סאָציאַלע מעדיצין", אַ זשורנאַל וואָס אין די אַמע־ריקאַנער מעדיציניש קרייזן האָט מען וועגן אים אַ גאָר הויכע מיינונג. דערביי דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז ד"ר וואָלמאַן האָט ניט נאָר געשאַפן די פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פאַרן זשורנאַל, נאָר האָט אויך באַדאַרפט שאַפן אַ מעדיצינישע טערמינאָלאָגיע אין דער יידישער שפּראַך. ד"ר וואָלמאַנס גרעסטער פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט דעמאָקראַטיזירט די מעדיצין און זי פּאָפּולאַריזירט.

אין נאָמען פון „ציקאָ" באַגריסט די קאָנפערענץ ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. דער באַגריסער ווייזט אָן, אַז „ציקאָ" און ייוואָ ווערן ביידע באַהערשט פון איינער און דער זעלבער אידייע — אויפצובויען אונדזער יידיש לעבן דאָ אין אַמע־ריקע. מיר, מאָדערנע יידן, דאַרפן זיך לערנען פון די פרומע, וואָס זיינען אַרומגעלאָפן מיט די ספרי־תורות פון איין פלאַץ אין אַ צווייטן און זיי אויס־

געהיט פון פאַרניכטונג. אויך מיר מוזן ראַטעווען אונדזערע ספרי־תורות — די יידישע קולטור.

אין נאָמען פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין באַגריסט די קאָנפערענץ וו. עדלין. ער ווייזט אָן, אויף דער נאָנטקייט צווישן די יידישע שרייבער און דעם ייווא. אין אונדזער גרויסן אומגליק מוזן מיר געדענקען, אַז אונדזער לעבן הייבט זיך ניט אָן מיטן היינט און ענדיקט זיך ניט מיטן היינט, נאָר איז אייביק. אין דער איצטיקער טראַגישער צייט מוזן מיר פילן די גרויסע אַחריות, וואָס דאָס אומגליק מעבר לים האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן. זאָלן זיין געבענטשט די הענט, וואָס זוכן צו זאַמלען און פאָרשן די וואָרצלען פון אונדזער קולטור.

דריטע זיצונג.

זונטיק 2 אַ זייגער ביי טאָג.

דעם פאָרזיץ פירט י. אָפּאַטאָשו, צום סוף פון דער זיצונג י. מאַרק.

ד״ר ב. וויינריב, לייענט אַ רעפעראַט וועגן אָנהייב פון סאָציאַליזם ביי יידן.

עס באַגריסט די קאָנפערענץ ד״ר שאָשקעס, דער אָנפירער פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין פוילן. אין זיין באַגריסונגס־וואָרט שטעלט ער זיך אָפּ אויפן ברויזנדיקן לעבן פון די ברייטע יידישע מאַסן אין פוילן, געזעל־שאַפטלעכן און קולטורעל־גייסטיקן — ביז סעפטעמבער 1939. ער רעכנט אויס די וווּנדער־שיינע אינסטיטוציעס, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט געשאַפן און אויסגעהאַלטן אין פוילן, ווי: שולן, פאַרלאַגן, קולטור־צענטערס, ביבליאָטעקן, קאָאָפּעראַטיוון. אָט דאָס אַלץ ליגט איצט צעשמע־טערט אין חורבות. די יוגנט איז פאַרשווּנדן, אַ סך אויסגעהרגעט, אַ סך אַרעסטירט, פאַרשיקט, זיך צעלאָפן אין די וועלדער און פעלדער; אָבער די יידישע מאַסן טראָגן אין זיך פולן בטחון און זיכערקייט אין דער גאולה. די זעלבסטמאָרדן וואָס זיינען פאָרגעקומען, זיינען געווען צווישן די רייכערע אַסימילירטע יידן, אָבער ניט צווישן דער יידישער פאָלקס־מאַסע, וואָס איז גרייט אויף קרבנות און גלייבט אין כח פון אונדזער קיום, אַז מיר וועלן ווייטער לעבן, בויען און שאַפן.

נ. סוסעל, פאָרזיצער פון מאַנדאַטן־קאָמיסיע, גיט איבער, אַז אויף דער קאָנפערענץ זיינען פאָרטראַטן 152 אָרגאַניזאַציעס מיט 276 דעלעגאַטן, צווישן זיי: נאַציאָנאַלע עקז. פון אַ״ר, בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ״ר, 150 אַ״ר־ בראַנ־טשעס, 32 א״ר־שולן, די צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג פון אַ״ר און דער לע־רער־פאַרבאַנד פון אַ״ר. צוזאַמען 185 דעלעגאַטן. פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד: נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, שטאָט־קאָמיטעט, 13 בראַנטשעס און 3 שולן; צוזאַמען 36 דעלעגאַטן. ש״ע־פאָלק־אינסטיטוט: 7 שולן; צו־זאַמען 15 דעלעגאַטן. דער י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין, פּען־קלוב, „פאַר־ווערטס״־אָסס׳ן, ציקאָ, דזש.־ב. אַמאַלגאַמעיטעד, דרעסמאַכער לאָקאַל 22 אינ־

טערנעשאָנאַל, ייִדישע שריפטזעצער־יוניאָן, לובערער יאָנג מענס און לאַדזשער יאָנג מענס, צוזאַמען 16 דעלעגאַטן. מאָנטרעאָלער ייוואָ־גרופּע, סטעמפאָרד, קאָנג.; עקזעקוטיווע פון ייוואָ און שטאָט־קאָמיטעט ביים ייוואָ; צוזאַמען 24 דעלעגאַטן.

באַריכט פון נ. פיינערמאַן, סעקרעטאַר פון אַמאָפּטייל.

אַן אומרויִק יאָר האָט דורכגעלעבט דער ייִדישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, באַזונדערס אין די לעצטע 5 חדשים. אָבער די אומרויִקייט אין אונדזער ווינקל האָט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט דעם פאַקט, אַז דער ייִוואָ איז ניט קיין לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ וועלט־צענטער פון דער ייִדישער וויסנשאַפט, און אַז דער אַמאָפּטייל איז ניט קיין אַגענטור צו קלייבן געלט און מאַטעריאַלן פאַרן צענטער, נאָר איז מסוגל איבערצונעמען די אַרבעט פון צענטער און זי ממשיך צו זיין. איר וועט זיך אַוודאי אַליין משער זיין, מיט וויפל נערוועזיטעט און אומרויִקייט מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די פּאַסירונגען אין פוילן. נאָך אונדזער דערקלערונג, וואָס מיר האָבן פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע וועגן דעם, אַז דער אַמאָפּטייל האָט צייטווייליק איבערגענומען די פונקציעס פון צענטער, האָבן מיר וועגן דער ווייטערדיקער אַרבעט זיך צונויפגעשריבן מיט אַלע ייוואָ־אָפּטיילונגען איבער דער וועלט, ווי פּאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס. אין דער ערשטער ריי האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די „ייוואָ־בלעטער", די וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון אינסטיטוט. צו דער היינטיקער קאָנפערענץ האָבן מיר אייך געבראַכט די ערשטע מתנה די „ייוואָ־בלעטער" פון 170 זייטן. מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט וועגן די אויפגאַבעס פון די פאַרשיידענע ביוראָען, מיטן פּאַריזער ביוראָ וועגן זיינע פונקציעס, מיטן לאָנדאָנער ביוראָ וועגן זיין אַרבעט און אויך מיט דעם אַרגענטינער ביוראָ, וועגן זיין אַרבעט דאָרט.

אַן אינטענסיווע קאָרעספּאָנדענץ האָבן מיר אויך געפירט מיט יחידים, פריינד פון ייוואָ, אין די פאַרשיידענע לענדער, באַזונדערס מיט אונדזערע צוויי הויפּט־מיטאַרבעטער ד"ר מאַקס ווײַנרײַך און ז. קלמנאָוויטש, וואָס האָבן זיך געפונען אויסער די גרענעצן פון ווילנע.

איצט, ווי איר ווייסט שוין אַלע, געהערט ווילנע צו ליטע, אַ נייטראַלע לאַנד; לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס מיר האָבן, איז דער אינסטיטוט פון די מלחמה־אָפּעראַציעס צום גליק ניט אָנגערירט געוואָרן, זיינע אָנגעקליבענע אוצרות זיינען ניט באַשעדיקט געוואָרן, כמעט אַלע מיטאַרבעטער זיינען שוין צוריק אויף זייערע ערטער, און די אַרבעט הייבט שוין אָן גיין מיט אַ נאָרמאַלן גאַנג.

פאַרלאַג אַרבעט. די אַרבעט פון אינסטיטוט באַשטייט אין לעצטן סך־הכל אין פאַרשפּרייטן תורה און וויסן. וועל איך דערפאַר אָנהייבן מיט דער טעטיקייט פון פאַרלאַג. במשך פון יאָר 1939 זיינען דערשינען: 5 נומערן

„ייוואָ־בלעטער" 580 זייטן, 5 נומערן „ידיעות" — 150 זייטן, „היסטאָרישע שריפטן", ב. 3, 840 זייטן, ספּענסערס „פּרינציפּן פון עטיק", איבערגעזעצט פון ד"ר מעריסאָן — 292 זייטן, „וואָכשטיין־בוך" — 632 זייטן, „געשיכטע פון ייִדן אין פּלאָצק" — 176 זייטן, 6 נומערן „ייִדישע עקאָנאָמיק" — 304 זייטן, 4 נומערן „ייִדיש פאַר אַלע" — 138 זייטן, דובנאָווס געשיכטע, ב. 4 און 5 — אַרום 868 זייטן, „יאָרבוך פונם אַמאָפּטייל" — 330 זייטן, ד"ר שאַצקי־ביבליאָגראַפיע — 82 זייטן, „ייוואָ־בלעטער", אַמעריקאַנער נומער — 168 זייטן. צוזאַמען קנאַפּע 4,500 זייטן וויסנשאַפטלעכער מאַטעריאַל אויף די געביטן פון שפּראַך־פאָרשונג, געשיכטע, עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק, פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק. דאָס איז אַ דערגרייכונג, וואָס אַפילו ביי די אומות העולם וואָלט מען מיט דעם געמעגט שטאָלצירן.

חוץ די דערשיינענע שריפטן גרייט מען צום דרוק אַ באַנד שריפטן „פּסיכאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק", אַ צווייטן באַנד שריפטן „צו דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער און דראַמע", י. ל. כּהנס 6 בענד שריפטן, דובנאָווס געשיכטע, ב. 6 און 7. די אַלע אַרבעטן ווערן געגרייט צום דרוק אין ווילנע. אַ באַנד שריפטן „ייִדן אין פּוילן" (וועגן דעם צושטייער פון די ייִדן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון פּוילישן לעבן) גרייט דער אַמעריקאַנער אָפּטייל. דער אַמעריקאַנער אָפּטייל האָט שוין אויך אָוועקגעגעבן דרוקן אַ קורצע געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור (אין ענגליש) פון ד"ר א. ראָבאַק. אַז מיר וועלן נאָך דערצו צוגעבן דאָס בוך „ייִדן אין פראַנקרייך", וואָס ווערט צוגעגרייט אין פּאַריז און ווערט סובסידירט פון אַמעריקאַנער אָפּטייל; דאָס בוך „ייִדן אין ענגלאַנד", וואָס ווערט פּראָיעקטירט פון דער לאָנדאָנער ביוראָ, און דאָס בוך „ייִדן אין אַרגענטינאַ", וואָס ווערט צוגעגרייט פון אַרגאָפּטייל, וועט איר האָבן אַ בילד פון דער פאַרצווייגטער אינטענסיווער אַרבעט, וואָס ווערט דורכגעפירט פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

די אַספּיראַנטור. אויפן 4טן יאָר אַספּיראַנטור אין 1939 האָבן זיך געלערנט 18 סטודענטן און פּראָ־אַספּיראַנטן. זייערע טעמעס, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט במשך פון יאָר, זיינען געווען: 4 — וועגן ייִדישער שפּראַך, 2 — וועגן ליטעראַטור און פּרעסע, 5 — וועגן געשיכטע, 4 — סאָציאַלאָגיע און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע און 3 — וועגן פאָלקלאָר. דער אַלגעמיינער סך־הכל במשך פון די 4 לערן־יאָר איז געווען אַזאַ: שפּראַך־פאָרשונג — 8; ליטעראַטור — 10; געשיכטע — 19; עקאָנאָמיק — 7; פאָלקלאָר — 8; סאָציאָלאָגיע און סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע — 12 און פּעדאַגאָגיק — 14. סך־הכל — 68 טעמעס.

וועגן דער קוואַליטעט פון די סטודענטן און וועגן דעם ערנסט, מיט וועלכן זיי נעמען אויף זייערע לימודים און שטודיעס, איז גענוג אָנצוווייזן, אַז אויף דער היי־יאָריקער אַספּיראַנטור איז פאַרבעטן געוואָרן פּראָפּ' דזשאָן

דאַלאַרד, פון יעיל אוניווערסיטעט, אויף אַ ציקל לעקציעס. ד״ר דאַלאַרד איז שוין געווען אין אייראָפּע, אויפן וועג קיין ווילנע, אָבער צוליב דער מלחמה האָט ער זיך געמוזט צוריקקערן קיין אַמעריקע.

איך האָב ביז איצט אָנגערירט דעם אַמאָפּטייל נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער איז פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער אַרבעט פון אינסטיטוט. און איצט — וועגן אונדזער אַרבעט אין אַמעריקע.

אין דער רשימה פון פּובליקאַציעס האָב איך דערמאָנט דאָס „יאָרבוך״. וויל איך דאָ נאָר צוגעבן, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע איז געווען לכבוד ד״ר יעקב שאַצקין צום 25־יאָריקן יובל פון זיין ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. אין דעם דאָזיקן „יאָרבוך״ האָבן מיר אויך פאַרעפנטלעכט אַ שאַצקי־ביבליאָגראַפיע.

די צווייטע אויסגאַבע איז דער טאָפּלטער נומער „ייִווָאָ־בלעטער״, וואָס איך האָב שוין פריער דערמאָנט.

אינפאָרמאַציעס. במשך פון יאָר האָבן מיר געענטפערט אויף אַ היפּשער צאָל אָנפראַגעס, מיט וועלכע מען האָט זיך צו אונדז געווענדט. אַ טייל אָנפראַגעס זיינען געווען גאַנץ וואָגיקע, אַנדערע — אפילו קוריאָזע. איך וועל נאָר אָנווייזן אויף עטלעכע ווי אילוסטראַציעס. די ייִדישע שול אין וויניפּעג האָט זיך געווענדט נאָך אַ ביבליאָגראַפיע צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין אַמעריקע, אויף וויפל זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ד״ר בראַון פון מילוואָקי — וועגן ייִדישע דערציילונגען אין דער לאַטווישער שפּראַך; פון אַ סטודענט אין קאָלאָמביאַ, וואָס דאַרף שרייבן אַ דיסערטאַציע, וועגן דעם אָנהייב פון דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין אַמעריקע; וועגן מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער טרעיד־יוניאָן אין אַמעריקע. רעדאַקציעס האָבן זיך אָפט געווענדט וועגן דאַטעס וועגן ייִדישע שרייבער און אינפאָרמאַציעס וועגן ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס; וועגן דעם, צי די ייִדישע שפּראַך איז די איינציקע וואָס ווערט געשריבן פון רעכטס צו לינקס, און אויב עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָסערע? ווי זעצט מען איבער באַשטימטע ייִדישע נעמען אויף ענגליש? אפילו די „פּאָסטל טעלעגראַף״ האָט ביי אונדז נאָכגעפרעגט, ווי זעצט מען איבער אויף ענגליש אַ טעלעגראַמע, וואָס לייענט זיך אין ייִדיש: „דערליידיקט, מזל־טוב״.

ווי געזאָגט, זיינען דאָס נאָר מוסטערן פון די אָנפראַגעס. מיר זיינען זייער צופרידן, וואָס וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערער עולם באַקאָנט זיך מיטן אינסטיטוט, ווענדט ער באַטראַכט ווי אַן אויטאָריטאַטיווע קערפּערשאַפט צו פסקענען אַזעלכע שאלות.

יצחק־אייזיק־ביבליאָגראַפיע. יצחק־אייזיק הורוויצעס יורשים האָבן זיך צו אונדז געווענדט וועגן דער מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן יצחק־אייזיק הורוויצעס שריפטן. מיר האָבן זיי דערקלערט, אַז כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער דאָזיקער מעגלעכקייט מוז מען צוערשט צונויפשטעלן אַ ביבליאָגראַפיע.

זיי האָבן ביי אונדז אַזאַ ביבליאָגראַפיע באַשטעלט און בקרוב וועט זי ווערן פאַרטיק.

פאַרבאָט אויף ייִדיש אין אַרגענטינאַ. אין אַרגענטינאַ איז געווען אַ געפאַר אַז מע וועט פאַרבאָטן די ייִדישע שפּראַך אין דעם עפנטלעכן באַנוץ. האָט מען זיך געווענדט צו אונדז, אַז מיר זאָלן וועגן דעם אינטערווענירן ביי דעם אַרגענטינער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן וועגן דעם געטאָן וואָס מען האָט נאָר געקאָנט, און מיר זיינען זיך משער, אַז אונדזער אַריינמישונג האָט מסתמא געווירקט.

רייזענס אַרעסט. מיט גרויס צער האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז אונדזער אַלטער חשובער מיטגליד פון אויספיר־ביוראָ פון ייִוואָ, זלמן רייזען איז אַרעסטירט געוואָרן. עד היום ווייסן מיר ניט די פּרטים פון דעם אַרעסט. מיר האָבן זיך געווענדט צו די ליטווישע רעגירונגס־פאַרטרעטער דאָ אין לאַנד, ווי אויך צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין ליטע, וועגן זיין באַפרייונג, אָבער דערוויל נאָך אָן רעזולטאַטן.

וויסנשאַפטלעכער פאָרום. פאַר־אַ־יאָרן ווינטער האָבן מיר עטאַבלירט אַ סיסטעמאַטישן וויסנשאַפטלעכן פאָרום, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן יעדער מיטוואָך במשך פון די ווינטער־חדשים. דער פאָרום איז געווען איינגעטיילט אין 8 סעריעס צו 3 לעקציעס אין אַ סעריע. די טעמעס זיינען געווען: „דריי מאָדערנע פילאָזאָפן פון געשיכטע": „שפּענגלער, פּאַראַטי און טאָינבי". דער לעקטאָר ד"ר שאַצקי. „צילן און וועגן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע". דער לעקטאָר ש. ניגער. „דריי ייִדישע היסטאָריקער: יאָסט, גרעץ און דובנאָוו"; לעקטאָר — ד"ר י. מאַהלער. „די אונטערשטע שיכטן פון ייִדישן פאָלק אין די אַמאָליקע דייטשישע לענדער", לעקטאָר ד"ר גלאַנץ. „פרויד, יונג און אַלפרעד אַדלער — דריי גרויסע פסיכאָלאָגן פון דער היינטיקער צייט". לעקטאָר — לייבוש לעהרער. „די בית־הלל און בית־שמאי" — ד"ר זשיטלאָווסקי. „געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך" — יודא יאפע. „ייִדישע קונסט" — ד"ר ראַמאַנאָוו.

דער היי־יאָריקער פאָרום באַשטייט אויך פון 8 סעריעס צו 3 לעקציעס אין אַ סעריע. די טעמעס און לעקטאָרן זיינען: „אסיים, קראים און חסידים" — ד"ר ר. מאַהלער. „רמבם, שפּינאָזע און אַנרי בערגסאָן" — חיים גרינבערג. „דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס און זיין סאָציאַלער פּנים" — יעקב לעשצינסקי. „דריי סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיסטעמען און די שייכות פון ייִדן צו זיי" — ד"ר נ. רייך. „לודוויק בערנע, פערדינאַנד לאַסאַל און קאַרל קראַוז — דריי פיגורן פון דער ייִדיש־דייטשישער אַסימילאַציע" — ד"ר ש. ביקל. „פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור־שפּראַך" — יודל מאַרק. „די סאָציאָלאָגיע פון מאַקס וועבער" — ד"ר שאַצקי. „לינעצקי, גאָלדפאַדן און י. ל. פּרץ — דריי ליטעראַרישע דאַטעס" — ש. ניגער.

דער דורכשניטלעכער באַזוך אויף די פּראָגראַמס איז אַרום 60. צווישן די באַזוכער זיינען דאָ אַ היפּשע צאָל יונגטלעכע. דער אינטערעס ביי די באַזוכער צו געשיכטע, פילאָזאָפיע און ליטעראַטור איז אַ גרעסערער ווי צו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. איך וויל ביי דער געלעגנהייט אַרויסזאָגן אַ האַרציקן דאַנק די לעקטאָרן פאַר דער מעגלעכקייט, וואָס זיי האָבן געגעבן צו פירן דעם וויסנשאַפטלעכן פאָרום.

שטאָט־קאָמיטעט פון ייִוואָ. אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער פאַר־אַ־יאָריקער קאָנפערענץ האָט די עקזעקוטיווע אין חודש מערץ אָרגאַניזירט אַ שטאָט־קאָמיטעט פון ייִוואָ. דער שטאָט־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די חברים: מ. גאָרעליק, מ. גורין, פּ. מאָסלאָוו, מ. פּראַגער, י. רובינשטיין, ד. שערמאַן, ל. פעלד, און א. רעכטמאַן. במשך פון די עטלעכע חדשים, וואָס דער קאָמיטעט האָט פונקציאָנירט, האָט ער באַזוכט אַן ערך 50 ברענטשעס פון אַ״ר; טייל ברענטשעס האָבן זיך אָנגעשלאָסן פאַר מיטגלידער מיט אַ יערלעכן אָפּצאָל, טייל האָבן צוגעזאָגט דעם ענין צו באַטראַכטן ביי זייערע זיצונגען פון דער עקזעקוטיווע. ביי דער געלעגנהייט וויל איך אַרויסזאָגן אַ גרויסן יישר־כח דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג פאַר איר וואַרעמען און פריינדלעכן בריוו, וואָס זי האָט אַרויסגעשיקט צו אַלע אירע ברענטשעס איבערן לאַנד צו העלפן דעם אינסטיטוט. כ׳וויל אויך באַדאַנקען דעם נאַציאָנאַלן אַ״פּ פאַר זיין צוזאָג אַרויסצושיקן אַזאַ בריוו צו זיינע ברענטשעס.

טרעיד־יוניאָן־קאָמיסיע. אין הסכם מיטן באַשלוס פון דער פאַר־אַ־יאָריקער קאָנפערענץ צו אָרגאַניזירן אַ טרעיד־יוניאָן־קאָמיטעט צו העלפן דעם אינסטיטוט אין זיין אַרבעט האָבן מיר נאָך שווערע באַמיאונגען אַזאַ קאָמיטעט אָרגאַניזירט. מיר האָבן דעם דאָזיקן קאָמיטעט פאָרגעלייגט אַ גאַנץ באַשטימטן פּלאַן — העלפן שאַפן די מיטלען, מיר זאָלן קענען צוגרייטן אַ באַנד שריפטן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער און טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע. דער קאָמיטעט האָט אונדז צוגעזאָגט זיין פולע קאָאָפּעראַציע.

מיטגלידער־פּרעמיעס. במשך פון די 14 יאָר, וואָס דער אַמאַפּטייל עקסיסטירט, האָט ער ווערבירט אַ צאָל מיטגלידער, וואָס צאָלן זייער מיטגליד־אָפּצאָל רעגולער איבער 10 יאָר. מיר האָבן געפילט, אַז מיר דאַרפן אויף אַ באַשטימטן אופן די דאָזיקע מיטגלידער אויסדריקן אונדזער אָנערקענונג. 60 אַזעלכע מיטגלידער זיינען פּרעמירט געוואָרן מיט אַ בוך און אַ פּאַסיקער אויפשריפט.

שטייערן. ניט געקוקט דערויף, וואָס מיר זיינען אינקאָרפּאָרירט לויט די געזעצן פון שטאָט ניו־יאָרק, איז אונדזער געגנויער סטאַטוס בנוגע שטייערן קיין מאָל ניט געווען באַשטימט. מיר האָבן זיך דערפאַר געווענדט צו דעם הויפּט־שטייער־אַמט אין וואַשינגטאָן, ער זאָל פעסטשטעלן אונדזער סטאַטוס.

פאַר דעם צוועק איז נייטיק געווען פערזענלעך צו אינטערוועניר̇ן אין וואַ־שינגטאָן. לסוף האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו באַווייזן אין שטייער־אַמט, אַז סיי דער צענטער אין ווילנע און סיי דער אַמעריקאַנער אָפּטייל, זיינען קולטור־ און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דאַרפן לויט דעם געזעץ באַ־פרייט ווערן פון אַלע מינים שטייערן. דער וואַשינגטאָנער שטייער־אַמט האָט מיט אונדז מסכים געווען און האָט אונדז באַפרייט.

די צענטראַלע יִדישע ביבליאָטעק. ווען מיט 4 יאָר צוריק איז אָרגאַ־ניזירט געוואָרן די צענטראַלע יִדישע ביבליאָטעק, אויף אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ביבליאָטעק זאָל הייסן צענטראַלע יִדישע ביבליאָטעק און אַרכיוו ביים אַמ־אָפּטייל פון ייוואָ. עס איז דערביי פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די ביבליאָטעק איז ניט קיין זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע, און אַז נאָר צוליב טעכנישע און ריין פּראַקטישע טעמים ווערט די ביבליאָטעק אָרגאַניזירט ווי אַ טיילווייז זעלבשטענדיקע אינסטיטוציע. פּראַקטיש האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז שווער צו פיגורירן פאַר דער וועלט ווי אַ באַזונדער אינסטיטוציע און אינערלעך צו זיין אָפּהענגיק פון אַ צווייטער אָרגאַניזאַציע. און דאָ איז אונטערגעקומען חורבן פּוילן מיט דער אומבאַשטימטקייט פון דער לאַגע פון צענטער אין ווילנע. עס איז דערפאַר נייטיק געוואָרן, אַז ניט נאָר די ענגע קרייזן ביים ייוואָ זאָלן וויסן, אַז די ביבליאָטעק געהערט דעם ייוואָ, נאָר אַז אויך די ברייטע וועלט זאָל פון דעם וויסן. אַט דער פאַקט צו־זאַמען מיט די שוועריקייטן צו קלייבן געלט באַזונדער פאַר דיביידע אינסטי־טוציעס האָט גורם געווען, אַז דער אַמאָפּטייל זאָל אָפיציעל איבערנעמען אין זיין רשות די ביבליאָטעק און אַרכיוו.

טורן. במשך פון יאָר זיינען דורכגעפירט געוואָרן צוויי גרעסערע טורן. איין טור מיט חבר מלך ראַוויטש, וואָס האָט אַרומגענומען דעם טייל ביז שיקאַגאָ, איינגעשלאָסן טאָראָנטאָ און מאָנטרעאָל, אין קאַנאַדע: דער צווייטער טור מיט ד״ר רודאָלף גלאַנץ, וואָס האָט איינגעשלאָסן דעם צפונדיקן טייל פון קאַנאַדע און די שטעט פון שיקאַגאָ ביז לאָס־אַנגעלעס. איך וויל דאָ, ביי דער געלעגנהייט אַרויסזאָגן אַ דאַנק, אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע, די ח״ח ראַוויטש און ד״ר גלאַנץ פאַר זייער וויכטיקער אַרבעט, וואָס זיי האָבן דורכ־געפירט ווי אייגענע חברים.

וועלפעיר פאָנדס. במשך פון יאָר זיינען צוגעקומען 14 וועלפעיר־פאָנדן. די אַלגעמיינע צאָל פון די וועלפעיר־פאָנדן, וואָס שטיצן איצט דעם אינסטי־טוט, זיינען 34. ווייט ניט אַלע וועלפעיר־פאָנדן פאַרשטייען די וויכטיקייט פון אונדזער אַרבעט. ביי געוויסע וועלפעיר־פאָנדן גייען מיר אַריין אין דעם כלל פון ישיבות אויף יענער זייט ים, וועמען מען קען אָפּקומען מיט שהי־פּהי. עס וועט אונדז נאָך משמעות אויסקומען נאָך אַ היפּש ביסל צו קעמפן מיט די אָנפירער פון די וועלפעיר־פאָנדן אונדז צו אָנערקענען פאַר אַ וויסנ־

שאַפּטלעכער אינסטיטוציע פון מאָדערנער תורה און וויסן, וואָס דאַרף פון זיי געשטיצט ווערן מיט דער פולער האַנט.

איך וויל באַדאַנקען די עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל פאַר איר פריינד־לעכער קאָאָפּעראַציע, דעם שטאָט־קאָמיטעט פאַר זיין אַרבעט און אַלע ייוואָ־גרופּעס און יחידים איבערן לאַנד, וואָס העלפן אונדז אין אונדזער אַרבעט. לאָמיר האָפן, אַז ווען מיר וועלן זיך צונויפקומען איבער אַ יאָר צו פייערן דעם 15־יאָריקן יובל פון אינסטיטוט, וועלן די שווערע וואָלקנס, וואָס רע־גענען מיט פייער און פאַרניכטונג אין אייראָפּע, פאַרשווינדן, און אַז צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט וועלן מיר קענען פייערן דעם נצחון פון יושר און וויסן איבער פאַראורטייל און ברוטאַלער מאַכט.

מ. עלקין גיט אָפּ אַ באַריכט פון דער ביבליאָטעק און אַרכיוו.

נאָך דעם צוגרייטונג־פּעריאָד, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר יאָר, איז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר 1939 דאָס ערשטע יאָר, ווען די ביבליאָטעק האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו פונקציאָנירן. גלייך נאָך אונדזער איבערציען זיך אין אונדזער איצטיקער דירה, האָבן מיר זיך גענומען ברענגען אין אָרדנונג די מאַטע־ריאַלן אין דער ערשטער ריי, קאַטאַלאָגירן די ביכער, כדי די באַזוכער זאָלן זיך קענען מיט זיי באַנוצן. מיר האָבן זיך אויך באַדאַרפט אָפּגעבן מיט זאַמלען ביכער און אַרכיוו־מאַטעריאַלן, און דאָס שווערסטע — צו שאַפן די מיטלען צו קענען אויסהאַלטן די ביבליאָטעק.

קאַטאַלאָגן. מיר האָבן פאַרבעטן ווי אַ צייטווייליקן מיטאַרבעטער מרדכי קאָסאָווער אונדז צו העלפן אין דער אַרבעט. די גרעסטע צאָל ביכער זיינען קאַטאַלאָגירט געוואָרן אונטער זיין אויפזיכט לויט אַ באַשטימטן פּלאַן. דאָס ווייטערדיקע קאַטאַלאָגירן ווערט געטאָן דורך דעם ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער. ביז איצט זיינען שוין קאַטאַלאָגירט געוואָרן 12,160 בענד, פון דעם, 9907 ביכער און פּעריאָדיקאַ 2253. עס זיינען נאָך איצט פאַראַן אַן ערך פון אַ 1300 ביכער צו קאַטאַלאָגירן, פון דער גוסטאַוו אייזנער ביבליאָטעק, אַן ערך 500 ביכער, פון דער עקאָנאָמישער סעקציע פון ייוואָ — אַן ערך 550 ביכער; די קאַמיל־ביבליאָטעק — 150 ביכער; און אַרום 100 ביכער — פון די חברים גלאַזמאַן און לעשצינסקי.

מיר פאַרמאָגן איצט דופּליקאַטן אַן ערך 1100, פון זיי יידישע ביכער 900 און פון אַנדערע שפּראַכן 200. די פּעריאָדיקאַ וואָס מיר קריגן ציילט 151 נעמען: פון דעם אין יידיש 86, אין אַנדערע שפּראַכן 65. לויט לענ־דער: אַמעריקע און קאַנאַדע 126, פּוילן — 7, מעקסיקאָ — 2, ארץ־ישראל — 2, לאַטוויע — 2, ליטע — 1, אַפריקע — 2, אַרגענטינע — 2, קובע — 2, טשילי — 1. לויטן דערשיינען: טעגלעכע 20, וועכנטלעכע און חודשדיקע — 131.

אַרכיוו. אונדזער אַרכיוו באַשטייט פון טויזנטער נומערן און איז נאָך אין גאַנצן ניט קאַטאַגאָלירט, חוץ געוויסע מאַטעריאַלן פון פאַרשיידענע שולן

און גאַנצע אַרכיוון פון פּעריזאַנען. במשך פון פאַרגאַנגענעם יאָר (חוץ די 4 זומער־חדשים) האָבן זיך מיט דער ביבליאָטעק באַנוצט 240 באַזוכער, פון זיי 174, וואָס האָבן געאַרבעט וואָכן לאַנג און האָבן זיך באַנוצט מיט 672 ביכער, אַ צאָל אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן און כמעט די גאַנצע פּעריאָדיקאַ. דער עיקר זיינען באַנוצט געוואָרן מעמואַרן און רעפערענץ־ביכער, ענציקלאָ־פּעדיעס, לעקסיקאָנען, קאָנקאָרדאַנצן און יאָרביכער.

שווער איז אונדז אָנגעקומען צו לייזן די פּראָבלעם פון בודזשעט. ווי אַ נייע אינסטיטוציע, נאָך אין גאַנצן אומבאַקאַנט איז אונדז שווער געווען צו קריגן געלט; פון דער צווייטער זייט, דאָס אַריבערקלייבן זיך אין אַ נייער דירה, זי רעמאָנטירן און צופּאַסן פאַר אַ ביבליאָטעק איז געווען פאַר־בונדן מיט גאָר גרויסע הוצאות; האָט מען טאַקע פאַרענדיקט דאָס יאָר מיט אַ היפּשן דעפיציט פון אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר; עס האָט זיך אונדז פונדעסטוועגן איינגעגעבן צו ווערבירן אַ מיטגלידערשאַפט פון 235 יחידים און 70 פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. מיט דעם איבעריגן פון דער ביב־ליאָטעק צום ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט וועט פאַרשטייט זיך די זאָרגן פאַר דער ביבליאָטעק פאַלן אין גאַנצן אויפן אַמאָפּטייל.

אויסשטעלונגען. במשך פון יאָר האָט די ביבליאָטעק איינגעאָרדנט צוויי גרעסערע אויסשטעלונגען: 1) אַ וואָלאַדעק־אויסשטעלונג, וואָס האָט אָפּגע־שפּיגלט זיין לעבן און שאַפן; 2) אַ ביכער־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן ביכער־אויספאַרקויף, וואָס ציקאָ האָט איינגעאָרדנט. איצט ווערט פּלאַנירט אַ דריטע אויסשטעלונג — 50 יאָר טרעיד־יוניאָניזם אין אַמעריקע.

ביכער האָבן אונדז אַריינגעטראָגן אין משך פון דעם יאָר פאָלגנדיקע פּערזאָנען, (לויטן אלף בית): דר. אָסטראָווסקי — לאָס־אַנגעלעס, י. אָפּאַ־טאָשו, גרשם באדער, ד״ר י. בלאָך, ז. ברכות — באָסטאָן, ב. גלאַזמאַן, ד״ר גלאַנץ, מ. דאַמבי — דעטרויט, י. דובאָוו — שיקאַגאָ, פּ. הורוויץ, ל. הערשע־וויטש, מ. טורענבערג, יודאַ יאַפע, ד״ר י. יאַפּע, נחום יוד, י. ישורון, לאַ־סאווין — סיראַקיוז, פּ. ליפּשיץ, יעקב לעווין, י. לעשצינסקי, ליפּע לעהרער, יודל מאַרק, מאָריס מאַגנעס, ר. מאַרגאָליס — פּיטסבורג, ר. מעדאָף — ווינדזאָר, ש. מענדעלסאָן, פיליפּ סאַנדלער — פילאַדעלפיע, נ. סטאָן, מענדל עלקין, מאַקס פּאָלאַק, נ. פיינערמאַן, י. פּלאַנצרייך, צעשינסקי — שיקאַגאָ, ל. קאָברין, הערמאַן קאַהאַן, י. קאַמיל, מ. קאָסאָווער, מ. קאראנא — מעקסיקאָ, מ. קטן, י. ראָטבאָרד — פּיטסבורג, א. ראַפּאַלאָווסקי, עמיל רייכערמאַן, ד״ר י. שאַצקי, י. שולמאַן, א. שולמאַן, מאַרק שווייד, מ. שטאַרקמאַן, א. שינדלער. גאַנצע ביבליאָטעקן זיינען צו אונדז אַריינגעקומען פיר: יאַנאָווסקי־ביבליאָ־טעק, וואָלאַדעק־, פּסח־בערג־ און אייזנער־.

בולעטין. אָנהייבנדיק יאַנואַר 1939 האָט די ביבליאָטעק אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ בולעטין וועגן איר טעטיקייט. צוליב טעכנישע סיבות, באַזונ־

דערס צוליב מאַנגל אין געלט, זיינען מער ווי 3 נומערן ניט דערשינען. איצט, ווען די ביבליאָטעק איז אַריבער אין רשות פון ייוואָ, וועלן אַלע ידיעות וועגן דער ביבליאָטעק פאַרעפנטלעכט ווערן אין די „ידיעות", וואָס דער אַמאָפּטייל האָט בדעה אַרויסצוגעבן.

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקסטן דאַנק די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע פון דער ביבליאָטעק פאַר זייער חברישער און אויפריכטיקער קאָאָפּעראַציע. איך וויל אויך אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע באַדאַנקען אַלע אָרגאַניזאַציעס און יחידים, וואָס האָבן געהאָלפן דער ביבליאָטעק אין איר אַרבעט.

ד״ר י. מאַהלער גיט אָפּ אַ באַריכט פון היסטאָריקער־קרייז ביים אַמ־אָפּטייל:

דער היסטאָריקער קרייז ביים ייוואָ עקסיסטירט ניט מער ווי אַ יאָר. די סיבות פון שאַפן אַזאַ קרייז זיינען געווען די זעלביקע ווי די גרינדונג פון ייוואָ בכלל, — אויסצופאָרשן די יידישע עקאָנאָמיק, געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע, די אַנטוויקלונג פון יידישע פרנסות, פון דער יידישער פּרעסע און פון דער יידישער קולטור דאָ אין לאַנד. דער קרייז באַשטייט פון אַרום צוויי צענדליק מיטגלידער, און במשך פון דעם יאָר זיינען אויף די זי־צונגען פון קרייז, וואָס קומען פאָר אַלע צוויי וואָכן, געלייענט געוואָרן 14 רעפעראַטן אויף אַרבעטן, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן פון מיטגלידער פון קרייז גופא. אַרום אַ העלפט פון די רעפעראַטן זיינען געווען געווידמעט דער געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע. דער קרייז האָט בדעה צום סוף פון יאָר צו פאַרעפנטלעכן עטלעכע פון די דאָזיקע אַרבעטן און אַרויסגעבן אַ באַנד שריפטן „בלעטער פאַר געשיכטע".

רעזאָלוציעס אָנגענומען אויף דער קאָנפערענץ

1. וועגן דעם יידישן קיבוץ אין פוילן.

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אָפּטייל פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט איז דורכגעדרונגען מיט געפילן פון צער און צאָרן איבער דעם מאוימדיקן חורבן פון דעם דריי־און־אַ־האַלב־מיליאָניקן יידישן קיבוץ פון פוילן. דער חורבן פוילן איז איינע פון די גרעסטע קאַטאַסטראָפעס אין אונדזער יידישער געשיכטע. דער סאַמע פאַר־וואָרצלטער, טראַדיציאָנעל־איינגעפעסטיקטער, סאַמע קערנדיקער און שעפערישער טייל פון יידישן פאָלק, דער טייל וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל לעבנסלוסט, ענערגיע און פעיקייט צו קעמפן פאַר זיין קיום, זיינע רעכט און זיין קולטור, — איז איצט צעריסן געוואָרן, באַרויבט געוואָרן פון יעדער מעגלעכקייט אַליין צו פאַרוואַלטן מיט זיין גייס־טיקן לעבן, פון יעדער מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן זיך כדי זיך אַליין צו העלפן, פון יעדער מעגלעכקייט אויסצודריקן זיין ווייַ, זיינע נויטן, און ווערט אַפילו געשטערט ביים קריגן הילף פון יידן אין גליקלעכערע לענדער.

אין דעם טייל וואָס ליגט אונטערן שטיוול פון ברוטאַלן נאַציזם, שמאַכט די מערהייט יידן פון פוילן, גייט אויס פון הונגער, ליידט פון קעלט און פון קראַנקייטן, פייניקט זיך אונטער דער אַכזריותדיקער בייטש פון אַן אָקופּאַנט, וואָס פאַרהערלעכט גרויזאַמקייט

און חיהשקייט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט אַלע ייִדן אין רעכטלאָזע שקלאַפן און אין געיאָגטע אַרעסטאַנטן, וואָס פאַרגרעסערט מיט יעדער טאָג די צאָל מאַרטירערס, וועלכע קומען אום ביי קאַטאָרגע־אַרבעטן, אין קאָנצענטראַציע־לאַגערס און סתם פון ווילדקייטן פון אוממענטשלעכע רשעות, וואָס ווערן פאַרטריבן אין געטאָס, באַצירט מיט דער מיטל־אַלטערלעכער געלער לאַטע און ווערן אַ צילברעט פאַר גיפטיקע פיילן פון כלערליי בלבולים און העצעס.

צוזאַמען מיט אַלע ייִדן פון דער וועלט דריקט אויס די קאָנפערענץ פון ייוואָ איר האַרציקסטן מיטגעפיל און פעלזנפעסטן גלויבן, אַז די ייִדן פון פוילן, ווי אַלע אַנדערע געפּלאָגטע און גערודפטע ייִדן, וועלן אין איינעם מיט אַלע פאַריאָכטע מענטשן־קינדער איבערלעבן די גרויליקע צייט, וועלן באַפרייטע און דערהויבענע ווידער ווערן אַ לעבנס־פעיִקער, מוטיקער, שעפערישער טייל פון דעם ייִדישן פאָלק איבער דער וועלט.

2. אַ ווענדונג צום צענטער אין ווילנע.

טייערע פריינד:

מיט דער גרעסטער פרייד האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה, אַז דער בנין פון ייִוואָ, די אַרכיוון, די ביבליאָטעק, אַלע ווערטפולע זאַמלונגען און בכלל דער גאַנצער מיט אַזוי פיל מי און ליבשאַפט צונויפגעקליבענער נאַציאָנאַלער אוצר אין די ווענט פון ייוואָ־בנין האָט לחלוטין ניט געליטן פון די גורלדיקע שינויים, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון די פאַסירונגען זינט אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם, וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אויסדויער, בטחון, איבערגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט, די אַרבעט זאָל ווייטער אָנגיין, אַפילו איצט, נאָך דעם חורבן פון גרויסן ייִדישן קיבוץ אין פוילן.

מיר דריקן אויס אונדזער ווייטאָג, וואָס איינער פון די ענערגישסטע טוערס פון אייער קרייז, איינער פון די הויפּט־טוערס פון ייוואָ, דער מיטגליד פון אויספיר־ביוראָ, פריינד זלמן רייזען איז דורך דער סאָוועטן־מאַכט אַוועקגעפירט געוואָרן פון ווילנע, און מיר האָפן, אַז ער, און צוזאַמען מיט אים אויך די אַנדערע טוערס פון ייוואָ וואָס טיילן זיין גורל, וועלן בקרוב באַפרייט ווערן און וועלן זיין אין שטאַנד ווייטער צו אַרבעטן פאַרן ייוואָ.

מיר האַלטן פאַר אַ גליק, וואָס דער צענטער פון ייוואָ געפינט זיך גראָד איצט אין אַ נייטראַלן לאַנד, אין ליטע, אַ לאַנד וואָס ווייזט אַרויס פאַרשטענדעניש פאַר דעם ייִדישן מיעוט און שטיצט דאָס ייִדישע קולטור־לעבן. מיר רעכענען, אַז די ליטווישע רעגירונג וועט ריכטיק אָפּשאַצן דעם גרויסן ווערט פון ייוואָ פאַר ייִדן פון דער גאָרער וועלט און דעם פּרעסטיזש וואָס ליטע קען האָבן פון דעם צענטער פון ייִדישער וויסנשאַפט און וועט רעכטלעך און מאַטעריעל שטיצן דעם ווילנער צענטער.

מיר פאַרזיכערן אייך, אַז מיר וועלן טאָן אַלדאָס מעגלעכע ביי דער איצטיקער לאַגע צו געבן אייך מיטלען, כדי איר זאָלט ווייטער קענען טאָן אייער גרויסע אַרבעט, און כדי איר זאָלט בלייבן אַ לעבעדיקער סימבאָל פון אונדזער קולטור־אייניקייט איבער דער גאַנצער וועלט.

3. וועגן די נאָנטסטע אויפגאַבעס פון אַמאָפּטייל

היות ווי די ייִדן אין אַמעריקע זיינען איצט דער איינציקער גרויסער און פרייער ייִדישער קיבוץ איבער דער וועלט וואָס קען אָרגאַניזירן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פאַר אַלע גערודפטע און אונטערדריקטע, געפייניקטע און געשטיקטע טיילן פון ייִדישן פאָלק, זעט איין די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער אָפּטייל:

אַז אויף די אַמעריקאַנער פריינד פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט ליגט דער חוב צו פאַרשטאַרקן, פאַרברייטערן און פאַרטיפן די ביז איצטיקע אַרבעט, און באַשליסט:

א) העלפן דעם צענטער אין ווילנע אין אַ פאַרשטאַרקטער מאָס, כדי צו געבן די מעגלעכקייט ווייטער צו פירן די אַרבעט, זיך צופּאַסנדיק צו די איצטיקע פאַרהעלטענישן.
ב) אַז אין הסכם מיט ווילנע זאָל דער אַמאָפּטייל אויף זיך נעמען אויסצופירן אַלע פונקציעס וואָס דער צענטער אין ווילנע קאָן ביי די איצטיקע באַדינגונגען אין אייראָפּע ניט אויספירן.
ג) אין הסכם מיט די געזעצן פון אונדזער לאַנד זיך מיען אַריבערצוברענגען אַהער די וויסנשאַפטלעכע טוערס און פאָרשערס וואָס זיינען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אייראָפּע און אין דער ערשטער ריי, די וואָס זיינען ביז איצט געווען ענג פאַרבונדן מיטן ייוואָ.
(מ. קאַסאָוער און מ. שטאַרקמאַן לייענען די ווייטערדיקע רעזאָלוציעס).

4. וועגן דער פאַראייניקונג פון דער ביבליאָטעק און אַרכיוו מיטן אַמעריקאַנער אָפּטייל פון ייוואָ.

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ פון ייוואָ ראַטיפיצירט דעם אָפּמאַך צווישן דער עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל און עקזעקוטיווע פון דער צענטראַלער יידישער ביבליאָטעק און אַרכיוו. די קאָנפערענץ גיט איבער דער נייער עקזעקוטיווע אויסצוטיילן פון זיך אַ ביבליאָטעק־ און אַרכיוו־קאָמיסיע און צו זאָרגן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו.
די קאָנפערענץ ווענדט זיך צו אַלע פריינד און ביז־איצטיקע אונטערשטיצערס פון דער ביבליאָטעק און דעם אַרכיוו אויך ווייטער צו העלפן מאַטעריעל דער דאָזיקער אינסטיטוציע פון ייוואָ און צו זאָרגן, אַז די ביבליאָטעק און דער אַרכיוו זאָלן כסדר באַרייכערט ווערן.

5. וועגן דער טרעיד־יוניאָן־קאָמיסיע.

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ באַגריסט די אָרגאַניזירונג פון אַ טרעיד־יוניאָן־קאָמיסיע צו העלפן דעם אַמאָפּטייל אין זיין אַרבעט.
די קאָנפערענץ אונטערשטרייכט מיט באַזונדערער צופרידנקייט די ספּעציעלע אויפגאַבע וואָס די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אויף זיך גענומען: העלפן זאַמלען דעם מאַטעריאַל און שאַפן די נייטיקע פאָנדן אַרויסצוגעבן אַ באַנד שריפטן וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער און טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע.
די קאָנפערענץ איז זיכער, אַז די יידישע טרעיד־יוניאָן־באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס ווייזט אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר יידישע געזעלשאַפטלעכע ענינים, וועט אויך אויף דעם געביט פון יידישער קולטור־אַרבעט אַרויסווייזן איר אַחריות.

6. 40 יאָר אַרבעטער־רינג.

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ פון ייוואָ־אַמאָפּטייל באַגריסט דעם אַרבעטער־רינג צו זיין 40־יאָריקן יובל. דער אַרבעטער־רינג, די גרעסטע יידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, איז שוין פיר צענדליק יאָר אַ גרויסער בויענדיקער כח אין אונדזער היגן פאָלקס־לעבן. דער אַרבעטער־רינג איז אין משך פון די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר געוואָרן אויך אַ שאַפנדיקער כח פאַר דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, בויער און אויסהאַלטער פון אַ גרויסער נעץ יידישע שולן, אַרויסגעבער פון יידישע לערן־ביכער און קינדער־ליטעראַטור און אַ נאָנטער באַטייליקער אין דער אַרבעט פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווי אויך אין אַלע וויכטיקע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלקס־לעבן און קולטור־לעבן.
40 יאָר אַרבעטער־רינג איז דער יובל פון אָרגאַניזירטן יידישן פאָלקס־לעבן אין אַמעריקע. מיר ווינטשן דעם אַרבעטער־רינג, אַז זיין אַרבעט זאָל נאָך מער וואַקסן און פאַרשטאַרקט ווערן אין דער יידישער אַמעריקע.

7. וועגן „אָזע"

די קאָנפערענץ, אויסהערנדיק דעם רעפעראַט פון ד"ר ל. וואולמאַן, וועגן די דער־גרייכונגען פון דער יידישער סאָציאַלער מעדיצין פאַר די פאַרגאַנגענע 20 יאָר, שיקט איבער איר האַרציקע באַגריסונג אַלע טוער און אָנפירער פון דער דאָזיקער וויכטיקער פאָלקס־אַרבעט און דריקט אויס איר האָפנונג, אַז זי וועט ווייטער פאַרגעזעצט ווערן ביי באַנייטע באַדינגונגען פון אַ פריי יידיש לעבן, און אַז זי וועט ברענגען גרויס נוצן די יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַלע לענדער, ווו זיי וווינען.

די קאָנפערענץ באַגריסט מיט גרויס פרייד דעם באַשלוס פון „אָזע"־„טאָז" צו באַ־נייען אין אַמעריקע דעם זשורנאַל „סאָציאַלע מעדיצין", וואָס איז די איינציקע וויסנ־שאַפטלעכע צייטשריפט אין יידיש פאַר די פראַגן פון סאָציאַלער מעדיצין און היגיענע ביי יידן און וואָס איר ווייטערדיקע דערשיינונג איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב די טראַ־גישע געשעענישן אין פּוילן.

די קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט די פאַרוואַלטונג פון אַמאָפּטייל באַהילפיק צו זיין דער רעדאַקציע אויף אַלע מעגלעכע אופנים פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון איר וויכטיקער און ניצלעכער אויפגאַבע.

8. וועגן שרייבער־פאָנד פון י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין

די קאָנפערענץ באַגריסט דעם י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין פאַר דער הילפס־אַקציע לטובת די נויטליידנדיקע יידישע שרייבער אין איראָפּע. דער י. ל. פרץ שרייבער־פאַראיין, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַ הילפס־פאָנד פון 25,000 דאָלאַר, פאַרדינט די האַרציקסטע מיטהילף פון אַלע יידישע קולטור־מענטשן אין אַמעריקע.

9. וועגן יידישע קולטור־יום־טובים.

די קאָנפערענץ רעקאָמענדירט דער קומענדיקער עקזעקוטיווע, זי זאָל העלפן צוגרייטן ביבליאָגראַפיעס און פראָגראַמען אין שייכות מיט יידישע קולטור־דאַטעס, ווי הונדערט יאָר גאָלדפאַדן, הונדערט יאָר לינעצקי, 25טער יאָרצייט פון י. ל. פרץ אד"גל, וואָס זאָלן קענען אויסגענוצט ווערן אין די יידישע שולן און אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס.

10. דאַנק־רעזאָלוציע פאַר נ. פיינערמאַן.

די קאָנפערענץ דריקט אויס איר האַרציקסטן דאַנק פריינד נ. פיינערמאַן, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון אַמאָפּטייל־ייוואָ, פאַר זיין געטרייער און גלענצנדיקער אַרבעט אין די אינטערעסן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

די דאָזיקע אַרבעט פון פריינד נ. פיינערמאַן האָט מעגלעך געמאַכט, אַז ניט געקוקט אויף דער איצטיקער שווערער צייט זאָל די אַרבעט פון ייוואָ קענען פאַרשטאַרקט ווערן.

11. דאַנק־רעזאָלוציע פאַר מענדל עלקין.

די קאָנפערענץ באַדאַנקט פריינד מענדל עלקין, דירעקטאָר פון דער צענטראַלער יידי־שער ביבליאָטעק און אַרכיוו, פאַר זיין אַרבעט אין אָט דער אינסטיטוציע אין פאַרלויף פון דעם לעצטן יאָר.

די באַרייכערונג פון דער ביבליאָטעק־זאַמלונג איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק פריינד מענדל עלקינס אומדערמידלעכער אַרבעט.

12. אַ דאַנק דער יידישער פרעסע.

די 14טע יערלעכע קאָנפערענץ דריקט אויס איר דאַנק און אָנערקענונג די אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען און דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור — ייטאַ — פאַר דער שטענ־דיקער גרייטקייט מודיע צו זיין וועגן די אויפטוען פון ייוואָ און פאַר העלפן אין דעם צונויפרוף פון דער איצטיקער קאָנפערענץ.

13. באַגריסונגס־רעזאָלוציעס.

באַגריסן דעם ערן־מיטגליד פון קוראַטאָריום ד״ר חיים זשיטלאָווסקי צו זיין 75־יאָריקן יובל; שלום אַשן — צו זיין 60־יאָריקן יובל; א. גלאַנץ־לעיעלעסן — צו זיין 50־יאָריקן יובל; ב. לאַפּין — צו זיין 50־יאָריקן יובל.

אין נאָמען פון דעם ייִדישן נאַצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד באַגריסט די ייוואָ־קאָנפערענץ ח׳ פּ. גינגאָלד. ער ווייזט אָן אַז ס׳פעלט דאָ אין לאַנד אַ הויפּט־קולטור־צענטער, וואָס זאָל משפּיע זיין אויף דעם קולטורעלן אויסלעבן זיך פון די ייִדישע מאַסן, ספּעציעל פון אונדזער יוגנט; עס פעלט אַ צענטער, אַ פּלאַץ, אַ פאַרזענלעכקייט וואָס זאָל גרופּירן אַרום זיך, צוטוליען און גלייכ־צייטיק מרביץ תורה ברבים זיין — דאָס האָט געדאַרפט ווערן דער ייוואָ־אַמאָפּטייל דאָ אין לאַנד.

דוד שערמאַן, פאַרזיצער פון דער נאָמינאַציע־קאָמיסיע, לייגט פאָר די קאַנ־דידאַטן פאַר דער עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל און פון שטאָטישן קאָמיטעט ביים אַמאָפּטייל:

עקזעקוטיוו־קאָמיטעט:

חיים גרינבערג, י. ישורון, י. א. יאפע, פּראָפ׳ י. ש. יפה, מ. קאָסאָווער, לייבוש לעהרער, ליפּע לעהרער, ה. לייוויק, יעקב לעשצינסקי, י. ליפּשיץ, ד״ר ר. מאַהלער, יודל מאַרק, ש. מענדעלסאָן, ד״ר א. מוקדוני, ש. ניגער, י. אָפּאַטאָשו, י. רובינשטיין, ד״ר ב. מ. סייקין, ד״ר יעקב שאַצקי, משה שטאַרקמאַן, מנשה אונגער און נ. פיינערמאַן.

שטאָט־קאָמיטעט:

אוירל, ביאַלין, י. גאָלדבערג, מ. גורין, ל. געלפּאַר, אידאַ יאַפע, פּ. מאָס־לאָוו, ה. מאָריסאָן, מ. מענטשל, סוסקין, לעאָ פעלד, מ. פּראַגער, קליאַטשקין, אַנאַ קראַנשטאַט, ד״ר ראַקאָלין, י. רובינשטיין, אַ. רעכטמאַן און אידאַ שאַצקי.

די רעקאָמענדאַציעס פון דער נאָמינאַציע־קאָמיסיע ווערן אָנגענומען.

שלוס־ווערטער:

מלך ראַוויטש. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער אַנטוויקלונג פון ייִוואָ אין ווילנע, אויף זיין אויפגאַבע אַרויסצורייסן זיך פון דער באַנאַליטעט, פון דער גרויקייט. ער דאַרף וועקן, ער דאַרף זיין דער כח, וואָס זאָל באַפליגלען אי זיך, אי דעם אַרום אים, — ניט נאָר גראָבן און פאָרשן פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן.

דוד איגנאַטאָוו. דער מענטש איז נאָך ווייניק קולטורעל; ער איז נאָך חיהש, דאָס מיין איך די נגישות לגבי אונדז, ייִדן. ווי איז עס מעגלעך, אַז מענטשן זאָלן קענען זיין אַזוי סאַדיסטיש, ווי די נאַציס און זייער חברותא? אונדזער צונויפקומען זיך איצט ביי די איצטיקע אומשטענדן און דאָס פאַר־

נעמען זיך מיט אַזעלכע הויכע ענינים ווייזט, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכער פאָלק מיר זיינען. וואָס פאַר אַ כח מיר האָבן. אָט דער זעלביקער כח, דער בטחון וואָס מיר טראָגן אין זיך, בטחון אין גאולה, האָט אויפגעהאַלטן אונדזער קיום ביז איצט און וועט אונדז אויפהאַלטן אויף להבא.

אפרים אויערבאַך. אויסהערנדיק די גרוסן און די באַריכטן פון די אַלע באַגריסער, אויסהערנדיק די אַלע רעפעראַטן, האָט זיך אין מיר פאַרשטאַרקט דער טיפער גלויבן, אַז מיר וועלן ווייטער זיין. אויב מיר האָבן געבויט און געשאַפן ביז איצט, ווייל אין דער טיף פון יידישן פאָלקס־לעבן איז דאָ אַ גרויסער דראַנג צו זיין, צו בלייבן, צו פאַרמערן די אוצרות — וועלן מיר ווייטער שאַפן און בויען פאַר אונדזער איצטיקן דור און פאַר די קומענדיקע דורות.

יודל מאַרק: אומעטום, ווו עס איז דאָ גלויבן, איז דאָ יידיש שאַפן. ייוואָ איז אומעטום. ווו עס איז דאָ יידיש לעבן, וועט פאַרגעזעצט ווערן יידיש שאַפן, פאָרשן און בויען: מיר זיינען איצט אַזוי ווי אין אַ באַלאַגערטער שטאָט. אונדזער יבנה איז אין ירושלים. מיר קענען ניט אין ערגעץ אַוועק. מיר דאַרפן שאַפן קולטורווערטן ווען דער שונא ברעכט די ווענט.

אונדז באַגייסטערט דער טיפער גלויבן אין דעם יידישן פאָלק, און די קומענדיקע יאָרהונדערטער וועלן נאָך ליכטיקער, העלער באַשטראַלן די אויפ־טוּונגען פון די ייוואָ־קרייזן.

דער באַנקעט

7 אַ זייגער אין אָוונט איז פאָרגעקומען דער יערלעכער באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטן און געסט אין דעם זעלביקן האָטעל.

פאָרזיצער פון באַנקעט איז געווען לייבוש לעהרער. ס׳האָבן גערעדט: שמואל ניגער, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס און ד״ר חיים זשיטלאָווסקי.

אין דעם קינסטלערישן טייל האָבן אָנטייל גענומען: מאַשע בען־יאַ, סאָפּראַנאָ, באַגלייט אויף דער פּיאַנע פון משה שערמאַן.

אויף דעם אַפּיל פון פאָרזיצער ל. לעהרער צו העלפן דעם אינסטיטוט איז געשאַפן געוואָרן במזומנים און צוזאָגונגען איבער 2700 דאָלאַר.

טעלעגראַפישע באַגריסונגען צו דער קאָנפערענץ זיינען אָנגעקומען פון:

ד״ר מאַקס ווײַנרייך (קאָפּענהאַגן), ר. גוסקין, פרעז. פון א״ר, י. באַס־קין, גענ.־סעקר. פון אַ״ר, דוד פּינסקי, פּרעז. פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, אברהם רייזען, פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין אַמעריקע, דוד אַש, ד״ר ש. קליימאַן, פאָרזיצער, און י. דראַכלער, סעקר. פון ציקאָ אין דעטראָיט, און אַלבערט איינשטיין.

נאָך דער קאָנפערענץ

באַאַמטע פון אַמאָפּטייל

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך דער קאָנפערענץ, זיינען אויסגעקליבן געוואָרן די ווייטערדיקע באַאַמטע: פּאָרזיצער — ש. ניגער; וויצע־פּאָרזיצער — י. אָפּאַטאָשו; קאַסירער — ד״ר י. שאַצקי, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר — ג. פּיינערמאַן. אין אויספיר־ביוראָ: ד״ר מאַקס ווײַנרייך, לייבוש לעהרער, יעקב לעשצינסקי, יודל מאַרק און ד״ר יעקב שאַצקי.

ד״ר מאַקס ווײַנרייך אָנגעקומען אין אַמעריקע

דעם 18טן מאַרץ איז אָנגעקומען אין אַמעריקע דער דירעקטאָר פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע ד״ר מאַקס ווײַנרייך. אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון דער עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל האָט ד״ר ווײַנרייך אָפּגעגעבן אַ פּרטימדיקן באַריכט וועגן דער לאַגע אין ווילנע. פון דעם באַריכט איז געוואָרן קלאָר, אַז די אַרבעט פון אינסטיטוט איז איצט צוריק אָרגאַניזירט געוואָרן, אַז אַלע מיטאַרבעטער זיינען ווידער אויף זייערע ערטער, און אַז די אַספּיראַנטור און פּראָ־אַספּיראַנטור פונקציאָנירן שוין ווידער. די געזעלשאַפטלעכע פּערספּעקטיוון פון יידיש זיינען איצט היפּש אויסגעוואַקסן, און ווען דאָס לעבן אין ליטע וועט זיך בכלל סטאַביליזירן, וועט דער אינסטיטוט האָבן ברייטע מעגלעכקייטן.

עס איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז ביז איבער דער מלחמה וועט דער אַמאָפּטייל מוזן איבערנעמען אַ צאָל פונקציעס, וואָס האָבן פריער געהערט צום צענטער, און אַז אויסהאַלטן דעם צענטער וועט אין דער גרעסטער מאָס פאַלן אויפן אַמאָפּטייל.

שבת, דעם 30טן מאַרץ, איז אין „ניו־סקול״ פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער קבלת־פּנים לכבוד דעם חשובן גאַסט.

פּאַריזער ביוראָ

דאָס פּאַריזער ביוראָ גרייט איצט צום דרוק אַ באַנד שריפטן „צו דער געשיכטע פון יידן אין פראַנקרייך״. דאָס ביוראָ האָט אויף זיך אויך גענומען צו זאַמלען אַלע מעגלעכע מאַטעריאַלן אין שייכות מיט די יידן אין די מלחמה־פירנדיקע לענדער. דער באַנד שריפטן, ווי בכלל דאָס ביוראָ, ווערן סובסידירט פון אַמאָפּטייל.

„געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור״ (אין ענגליש)

עס געפינט זיך אין דרוק און וועט אין גיכן דערשיינען אַ קורצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, געשריבן אין ענגליש, פון ד״ד א. א. ראָבאַק. דאָס בוך וועט האַלטן איבער 350 זייטן און ווערט אַרויסגעגעבן פון אַמאָפּטייל.

„געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך"

עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק אַ געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך. די אַרבעט ווערט צוגעגרייט פון ד"ר מאַקס ווײַנרייך און איז אויסגערעכנט אויף אַן ערך פון 200 זייטן.

„יידישע דעמאָגראַפיע"

עס געפינט זיך טיילווייז אין מאַנוסקריפּט און וועט בקרוב פאַרענדיקט ווערן אַ גרעסערע אַרבעט (אַן ערך 200 זייטן) פון פּראָפ' ל. הערש — „יידישע דעמאָגראַפיע".

ד"ר רודאָלף גלאַנץ און מענדל עלקין אויף אַקציע־טורס פאַרן אינסטיטוט

דעם 8טן יאַנואַר איז ד"ר רודאָלף גלאַנץ אַרויסגעפאָרן אויף אַ טור פאַרן אינסטיטוט. ער האָט ביז איצט באַזוכט די שטעט: מאָנטרעאַל, אָטאַוואַ, טאָראָנטאָ — אין קאַנאַדע, און שיקאַגאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ד"ר גלאַנץ האָט געזאָלט באַזוכן נאָך אַ ריי שטעט, אָבער צוליב אַ קראַנקייט אין דער פאַמיליע איז ער געצוווּנגען געוואָרן איבערצורייסן דעם טור און זיך צוריקקערן קיין ניו־יאָרק.

דעם 12טן יאַנואַר איז מענדל עלקין אַרויסגעפאָרן אויף אַ לענגערן טור. ער האָט ביז איצט שוין באַזוכט די שטעט: וויניפּעג, סאַסקאַטון, רידזשיינאַ, עדמאָנטאָן, וואַנקוווער, קאַלגאַרי אין קאַנאַדע, סיאַטל, וואַש., סאַן־פראַנציסקאָ, לאָס־אַנדזשעלעס, אין קאַליפאָרניע, דענווער, קאָלאָ., אָמאַהאַ, נעב., אין די נאָענטסטע וואָכן דאַרף ער נאָך באַזוכן: דעטראָיט, גרענד ראַפּידס, אין מישיגען, קליוולאַנד, אָהייאָ, און פּיטסבורג, פּאַ.

אין דעם נאָענטסטן נומער „ידיעות" וועלן מיר פאַרעפנטלעכן די רשימות מיט די מיטגלידער פון פאַרשיידענע קאָמיסיעס אין יעדער שטאָט, וואָס האָבן אים געהאָלפן אין דער אַרבעט.

ייוואָ גרופּע אין נואַרק

אַ נייע ייוואָ־גרופּע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין נואַרק, נ. דזש. די נואַרקער פריינד ציילן איבער 30 מיטגלידער. זיצונגען פון דער גרופּע קומען פאָר אַלע צוויי וואָכן. אויף די זיצונגען ווערן דיסקוטירט אַקטועלע יידישע קולטור־פּראָבלעמען מיטן אָנטייל פון גאַסט־רעדנער פון ניו־יאָרק. די באַאַמטע פון דער נואַרקער גרופּע זיינען: ה. לין — פאָרזיצער, און ס. קאָהען — סעקרעטאַר.

ספּעציעלע ייוואָ־אָוונטן

אַ ייוואָ־אָוונט אין פּערט־אַמבאָי

אויף די באַמיאונגען פון פּראָפ' ש. יאָפּע פון ניו־בראַנזוויק, און דורך דער גאַסטפריינדלעכקייט פון די פריינד סימקין פון פּערט־אַמבאָי איז אין פּערט־אַמבאָי אין הויז פון די פריינד סימקין איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעלער אָוונט לטובת דעם ייוואָ. מרדכי קאַסאָווער, מיטגליד פון דער עקזע־

קוטיווע פון אַמאָפּטייל, האָט פאַרטראָטן די עקזעקוטיווע אויף יענעם אָוונט. דער אָוונט איז געווען זייער אַ איינגעגעבענער, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַרן אינסטיטוט.

אַ ייוואָ־אָוונט אין די שלום־עליכם־הייזער

אויף די באַמיאונגען פון די ייוואָ־פריינד, איינוווינער פון די ש״ע־הייזער, און מיט דער הילף פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט ביים ייוואָ איז אין די ש״ע־הייזער פאָרגעקומען אַ ספּעציעלער ייוואָ־אָוונט. דער גאַסטרעדנער אויף יענעם אָוונט איז געווען לייבוש לעהרער. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ פּאַסיקע קאָנצערט־פּראָגראַם. אויפן אָוונט איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע סומע פאַרן ייוואָ.

אַ ייוואָ־אָוונט אין די אַמאַלגאַמייטעד

אויף דער איניציאַטיוו פון ייוואָ־פריינד, איינוווינער פון די אַמאַל־גאַמייטעד־הייזער, מיט דער קאָאָפּעראַציע פון די אינסטיטוציעס אין יענע הייזער איז אין די אַמאַלגאַמייטעד־הייזער פאָרגעקומען אַ דערפאָלגרייכער אָוונט, אויף וועלכן עס איז געזאַמלט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע פאַרן אינסטיטוט. דער גאַסטרעדנער אויף יענעם אָוונט איז געווען ה. לייוויק.

ס. וואָלאָס לאָזט איבער 300 דאָלאַר פאַרן ייוואָ

דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער ס. וואָלאָס, אַ טוער פון אַרבעטער־רינג און „פאָרווערטס", האָט אין זיין צוואָה אָפּגעשריבן 300 דאָלאַר פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. עס איז כדאַי דערביי אָנצוווייזן, אַז דער פאַר־שטאָרבענער, כאָטש ער איז ניט געווען ענג פאַרבונדן מיטן אינסטיטוט, האָט אָבער זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיין אַרבעט. ער איז אַ פּאָר מאָל געווען אַ דעלעגאַט אויף די יערלעכע קאָנפערענצן פון ייוואָ, ווו ער האָט פאַרטראָטן דעם „פאָרווערטס".

ד״ר מייקל קאָהען שליסט איין דעם אינסטיטוט אין זיין צוואָה

דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער פּראָמינענטער יידישער ראַדיקאַל און שריפטשטעלער ד״ר מייקל קאָהען האָט אין זיין צוואָה אָפּגעשריבן פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַלע יידישע ספרים פון זיין ביבליאָטעק ווי אויך 3 פּראָצענט פון זיין אַלגעמיינער ירושה.

ד״ר מייקל קאָהען איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער פון ייוואָ און האָט אין פאַרשיידענע צייטן בייגעשטייערט גאַנץ באַדייטנדיקע סומעס פאַר דער אַרבעט פון אינסטיטוט.

איינהייטלעכע אָרטאָגראַפיע

די עקזעקוטיווע פון אַמאָפּטייל האָט באַשלאָסן זיך ווענדן צו אַלע מחברים, וואָס גיבן אַרויס ביכער, ווי אויך צו אַלע פאַרלאַגן, וואָס דרוקן איצט נייע ביכער, אַז זיי זאָלן ניצן די נייע אָרטאָגראַפיע לויט די תקנות, וואָס זיינען אָנ־גענומען געוואָרן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. די עקזעקוטיווע

האָט אויך באַשלאָסן זיך ווענדן צום אַרבעטער־רינג, אַז אין זיינע אָפּיציעלע פּובליקאַציעס זאָל געניצט ווערן די נייע אָרטאָגראַפיע.

אין דער ביבליאָטעק

במשך פון די דריי חדשים, יאַנואַר—מאַרץ, האָבן צוגעשיקט ביכער, איינצלנע עקזעמפּלאַרן ווי אויך אין גרעסערע צאָלן: דוד איגנאַטאָוו, מ. גאָרעליק, ברוך גלאַזמאַן, ל. גערשעוויטש, מ. גראַניטשטיין, י. דוואָרקין (אָטאַוואַ), ש. טענענבוים, י. ישורון, ליפּע לעהרער, ש. מענדעלסאָן, ש. ניגער, מ. עלקין, י. פּלאַנצרייך, ד״ר ה. פראַנק, צעשינסקי, י. ראַסקאָף, מ. ראַבין, ד״ר י. שאַצקי, מ. שטאַרקמאַן, י. ל. שטיין. במשך פון דער צייט האָבן באַזוכט די ביבליאָטעק 88 פּערזאָן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. פון זיי אַ היפּשע צאָל וואָס האָבן געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק מערערע טעג, און אַנדערע אַפילו וואָכן.

גאָלדפאַדן־אויסשטעלונג

אין אַדיטאָריום פון דער צענטראַלער ייִדישער ביבליאָטעק ביים אַמאָפּטייל ווערט פּראָיעקטירט אַ גאָלדפאַדן־אויסשטעלונג צום 100טן געבוירנטאָג פון אברהם גאָלדפאַדן. דער אינסטיטוט האָט אַרויסגעלאָזן אַ ווענדונג צו אַלעמען, וואָס האָבן מאַטעריאַלן אין שייכות מיט גאָלדפאַדענען, ווי בריוו, כתב־ידן, געדרוקטע פּיעסעס און בילדער, זיי זאָלן די דאָזיקע אָביעקטן אויסבאָרגן דעם אינסטיטוט פאַר דער אויסשטעלונג.

„פאָרווערטס" שענקט דער צענטראַלער ייִדישער ביבליאָטעק 40 יאָרגאַנג „פאָרווערטס", געבונדן

דער „פאָרווערטס" האָט אַוועקגעשאָנקען דער צענטראַלער ייִדישער ביבליאָטעק אַלע יאָרגענג „פאָרווערטס", געבונדן, פון 1897 ביז 1940. חוץ דעם האָט דער „פאָרווערטס" אויך צוגעשיקט דער ביבליאָטעק אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן ווי „אָבענד בלאַט", „צייט גייסט", „מאָרגן צייטונג". אויף דער לעצטער זיצונג פון דער צענטראַלער ייִדישער ביבליאָטעק איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוזאָגן דעם „פאָרווערטס" אַן עפנטלעכן יישר־כח פאַר זיין פּראַכטפולער מתנה.

גערוסן פון ייוואָ אין ווילנע

אַלע זאַמלונגען פון ייוואָ זיינען אַרויס גאַנץ פון די מלחמה־געשעענישן. די אַרבעט פון די מיטאַרבעטערס האָט זיך די גאַנצע צייט ניט איבערגעריסן. און איצטער איז זי צוריק אין פולן גאַנג. ווי עס ווייזן די ווייטערדיקע נאָטיצן, זיינען ווייטער טעטיק די פריערדיקע צווייגן און עס זיינען אָנגעהויבן געוואָרן די אַרבעטן.

שטאַרק געליטן האָט די אָנפירונג פון אינסטיטוט. ז. רייזען איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך דער סאָוועטן־מאַכט. ס'איז אויך אַרויסגעפירט גע־

וואָרן י. טשערניכאָוו, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט פריער קאָאָפּטירט געוואָרן אין אויספיר־ביוראָ. י. גיטערמאַן איז אַראָפּגענומען געוואָרן דורך די דייטשן פון אַ שיף אויף זיין וועג פון ריגע קיין סטאָקהאָלם און אינטערנירט געוואָרן. מ. וויינרייך איז דורכן אויסברוך פון דער מלחמה פאַרהאַלטן געוואָרן אין קאָפּענהאַגען. די פאַרבינדונגען מיט די מיטגלידער פון אויספיר־ביוראָ א. טשעריקאָווער (פּאַריז) און י׳ לעשצינסקי (ניו יאָרק) איז דורך די מלחמה־פּאַסירונגען שטאַרק פאַרשווערט געוואָרן. פון אַלע מיטגלידער פון אויספיר־ביוראָ איז נאָר ז. קלמנאָוויטש געבליבן אויפן אָרט. אויך פון די מיטגלידער פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג זיינען טייל געוואָרן אָפּגעריסן פון דער אַרבעט. עס איז דעריבער אויסגעטיילט געוואָרן בהסכם כולם אַ דערווייליקע אויספיר־ביוראָ אין אַזאַ צוזאַמענשטעל: ש. באַסטאָמסקי, ש. גילינסקי (קאַנדידאַט), ש. לעווין, ז. מייזנער, ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזדאַן, פּ. קאָן, ז. קלמנאָוויטש. דאָס דערווייליקע אויספיר־ביוראָ האַלט אָן פעסטע באַציאונגען מיט אַלע מיטגלידער פון פריערדיקן אויספיר־ביוראָ, צו וועלכע מען קען גרייכן, און אויך מיט די אָפּטיילן פון ייוואָ אין אַנדערע לענדער. אויף אַזאַ אופן איז געזיכערט די פולע המשכדיקייט אין דער טעטיקייט פון ייוואָ.

דער ייווא אין ליטע

דורכן חורבן פון פּוילישן ייִדנטום האָט דער ייוואָ שטאַרק געליטן אָרגאַניזאַטאָריש: גענוג צו זאָגן, אַז עס האָבן זיך איבערגעריסן זיינע פאַרבינדונגען מיט אַ צוויי טויזנט פּערזאָן אין 198 שטעט און שטעטלאַך. די ערשטע חדשים נאָך דעם ווי ווילנע איז אַריבער צו ליטע איז דער ייוואָ מאַטעריעל און געזעלשאַפטלעך געווען אין גאַנצן אויסגעשטעלט אויף דער הילף פון די ליטווישע ייִדן. זייער אויסגעפּרוּווטע געטריישאַפט צום אינסטיטוט האָט דאָס מאָל אויך ניט אָפּגענאַרט. צו ביסלעך האָבן זיך צוריק איינגעשטעלט די פאַרבינדונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן, דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, מערב־אייראָפּע אאַז״וו.

אַספּיראַנטור און פּראָ־אַספּיראַנטור

די מלחמה־געשעענישן האָבן אַריינגעטראָגן אַ שינוי אין דעם פּערסאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די ביידע אינסטיטוציעס: איין שטיקל צייט האָבן זיי כמעט ניט געאַרבעט אויך. איצטער זיינען ביידע צווייגן צוריק טעטיק. די אַספּיראַנטור אויפן נאָמען פון ד״ר צ. שאַבאַד ווערט אָנגעפירט דורך אַ קאָלעגיע, מיטן אָנטייל פון פריערדיקן קאָנסולטאַנט מ. וויינרייך. די פּראָ־אַספּיראַנטור אויפן נאָמען פון ב. כהן־ווירגילי — דורך ד״ר מ. העלער און מעג׳ ב. שלאָסבערג. אין ביידע צווייגן אין איינעם אַרבעטן איצט 18 סטיפּענדאַטן. זייערע נעמען און טעמעס וועלן געבראַכט ווערן אין קומענדיקן נומער „ידיעות פון אַמאָפּטייל“.

קאַטעדרע פון ייִדיש ביים ווילנער אוניווערסיטעט

דאָס אויספיר־ביוראָ פון ייִוואָ האָט געפירט פאַרהאַנדלונגען מיטן רעקטאָר פון ווילנער אינסטיטוט פּראָפ׳ מ. בירזשישקאַ וועגן איינשטעלן ביים אוניווערסיטעט אַ קאַטעדרע פאַר ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. ווייזט אויס, אַז דער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן אָנהייבנדיק פון האַרבסטיקן סעמעסטער; דעם קאַנדידאַט אויף דאָצענט וועט דאַרפן צושטעלן דער ייִוואָ.

פּרץ־פייערונג

דאָס אויספיר־ביוראָ האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו דער גאַנצער ייִדישער וועלט מיט אַ דערמאָנונג אָפּצוריכטן דעם 25טן יאָרצייט נאָך י. ל. פּרצן. אין ווילנע גופא אָרדנט דער ייִוואָ איין אַ פאַרזאַמלונג, אַן אוידיציע אין ווילנער ראַדיאָ און אַ גרויסע געדענק־אויסשטעלונג פון דרוקזאַכן, מאַנוסקריפּטן און בילדער.

וויסנשאַפטלעכע קורסן

פאַר די אָרטיקע באַדערפעניש, ספּעציעל פאַר דער ווילנער לערערשאַפט, האָט דעם 2טן מאַרץ דער ייִוואָ באַנייט די ציקלען וויסנשאַפטלעכע לעקציעס. ביז סוף מאַי וועלן געלייענט ווערן אַזוינע קורסן: ייִדישע שפּראַך (נ. פּרילוצקי, ח. ש. קאַזדאַן), ייִדישע ליטעראַטור (נ. פּרילוצקי, ז. קלמנאָוויטש, ש. מענדעלסאָן), פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע (נ. וויינריג), ייִדישע געשיכטע (ז. קלמנאָוויטש, פּ. קאָן, מ. העלער), ייִדישע דעמאָגראַפיע און עקאָנאָמיק (י. אַלעקסאַנדראָוויטש).

פופצן יאָר ייִוואָ

אין אַ צירקולאַר־בריוו צו אַלע אָפּטיילן האָט דאָס אויספיר־ביוראָ דערמאָנט, אַז דעם 24טן מאַרץ איז געוואָרן 15 יאָר זינט דער ייִוואָ איז געשאַפן געוואָרן. פאַר דער גרינדונגס־דאַטע רעכנט זיך דער טאָג, ווען נ. שטיפס מעמאָראַנדום „וועגן ייִדישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט" איז געלייענט און דיסקוטירט געוואָרן אויף אַ קאָנפערענץ פון ייִדישע קולטור־טוערס אין ווילנע. היינטיקס יאָר האָט זיך געזאָלט אויפקלייבן אין ווילנע דער רעגולערער צוזאַמענפאָר פון ייִוואָ, וואָס קומט פאָר ע״פּ סטאַטוס אַלע פינף יאָר. איבער דער מלחמה ווערט דער צוזאַמענפאָר אָפּגעלייגט, און אויך אַלע אַנדערע פייערלעכקייטן זיינען אָפּגערופן געוואָרן. דאָס אויספיר־ביוראָ וועט אָבער אין גיכן אָפּדרוקן, אין פאַרבינדונג מיטן יובילייַ, אַ „שליסל צו די ייִוואָ־אוצרות" — אַ פּרטימדיקן ביבליאָגראַפישן אָנווייזער צו אַלע אויסגאַבעס פון ייִוואָ פאַר די פופצן יאָר צייט. דער אָנווייזער וועט זיין געדרוקט לויט צווייגן וויסנשאַפט און וועט שטאַרק פאַרגרינגערן דאָס באַנוצן זיך מיט די דרייסיק טויזנט זייטן וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור וואָס דער ייִוואָ האָט ביז איצט פּובליקירט.

תיקון טעות

אינעם אַרטיקל „מאַטעריאַלן צום מצב פון יידישן שרייבער אין ניו־יאָרק" פון נ. גאָלד־בערג, אין פריערדיקן נומער ייוואָ־בלעטער, האָבן זיך לײדער אַרײנגעכאַפּט אַ צאָל פאַר־דריסלעכע גרײַזן.

זייט	שורה	שטייט	דאַרף זיין
40	20	76 פראָצענט	96 פראָצענט
40	27	68	69
41	32	פון די פאַרהייראַטע	פון די ניט־פאַרהייראַטע
43	17	6 און 30	26 און 30
44	9	נײַע	נײַן
45	4	צו צוויי מאָל	צו איין מאָל
45	12	אָנצורופן זייער	אָנצורופן צוויי צו פינף זייער
50	23	4,600	4,400
51	22	800,700	800—700
52	20	26	24
52	28	זיי זיינען פיל	זיי זיינען ניט פיל
53	13	צו צוויי מאָל	צו איין מאָל
59	8	אַרויסגעבער פון ביכער	אַרויסגעבער פון 13 ביכער
59	13	פיר האָבן	צוויי האָבן
60	25	550 דאָלאַר	50 דאָלאַר

●

YIVO BLETER, 425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Please enter my subscription for one year to the YIVO BLETER, for which I am enclosing $5.00.

NAME ....

ADDRESS ....

CITY ....

446 קאָמבאָ פרעס, אינק. 161 גרענד סטריט, ניו יאָרק

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

Vol. XV | MARCH-APRIL, 1940 | No. 3

TABLE OF CONTENTS

DR. A. SUHL
The German-Jewish Philosopher Constantine Bruner

MORDECAI KASOVER
The Interior Trade of the Polish Jews in the 16th and 17th Centuries

JACOB LESTSCHINSKY
Criminality Among Jews in Germany

LIBBY SCHILDKRAT
"The Hashofer"

J. STEINBAUM
The Yiddish Vocabulary for the Elementary School

DR. JACOB SHATZKY
Leo Wiener

REVIEWS AND ABSTRACTS:

J. S.
The Jewish Landsmanschaftn of New York

YIVO BLETER — March-April 1940 — Vol. XV, No. 3

Published bi-monthly, except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

SUBSCRIPTION $5.00 PER YEAR

Application for second class entry pending.

Printed in U.S.A.

ייוואָ בלעטער

שריפֿטן פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן פֿון אַמאָפּטייל

אינהאַלט פֿון נומער

ד"ר יעקב שאַצקי:
גאָלדפֿאַדן אין וואַרשע 265

פּראָפ. מאיר באלאבאן:
זכרונות וועגן ייִדישן טעאַטער אין לעמבערג און א. גאָלדפֿאַדן.................. 282

נ. מייזל:
דאָקומענטן צו גאָלדפֿאַדנס ביאָגראַפֿיע 286

ז. שייקאָווסקי:
גאָלדפֿאַדן אין פּאַריז 291

ש"ס ראָמאַן (בוקאַרעשט):
די ערשטע רעצענזיעס וועגן ייִדישן טעאַטער אין רומעניע.................. 307

א. ר. מלאכי:
גאָלדפֿאַדן - מאַטעריאַלן 328

מרדכי קאָסאָווער:
די ערשטע גאָלדפֿאַדן ביאָגראַפֿיע.................................. 352

(המשך פון אינהאַלט אויף דער צווייטער זייט הילע)

מאַי-יוני, 1940 באַנד XV, נומ' 4

י. ש.:
אַ צענזור דערלויבעניש אויף גאָלדפאַדנס פּיעסעס......................... 356

ד"ר יעקב שאַצקי:
גאָלדפאַדנס אַ לידער־זאַמלונג אין כתב־יד......................... 359

נאָטיצן:

מכוח זילבערבושס זכרונות וועגן גאָלדפאַדענען......................... 371
לערנערס הקדמה צו „אוריאל אקאסטא"......................... 372
דוד אפּאטעהקער וועגן גאָלדפאַדנס לידער......................... 373

גאָלדפאַדן אין וואַרשע *

פון ד״ר יעקב שאַצקי

דעם ערשטן באַזוך האָט גאָלדפאַדן געמאַכט אין וואַרשע אין יאָר 1876. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעשטעלט זיין זשורנאַל „ישראליק״, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט לינעצקין אַרויסגעגעבן אין לעמבערג.

קיין וואַרשע איז ער געקומען זוכן אַ פאַרלעגער און אפשר נאָך אַ דרוקער פאַר זיין נייער זאַמלונג לידער. ער האָט אָבער דאָס דאָזיקע ביכל — וואָס האָט דערשיינט ערשט אין 1883 אין אָדעס א״נ „דאָס פידעלע״ — אין וואַרשע ניט אַרויסגעגעבן און האָט זייער גיך פאַרלאָזן די שטאָט.

אין וואַרשע האָט ער זיך באַקענט מיט דעם הייפל משכילים, וואָס האָבן אים געקענט פון זיינע העברעיִשע שירים און ייִדישע לידער. איינער פון זיי, דער בוכהענדלער און קאָרעספּאָדענט פון „המגיד״ אליעזר־יצחק שאַפּירה, האָט געהאַלטן גאָלדפאַדנס באַזוך אין וואַרשע פאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט וועגן דעם מודיע געווען אין זיינע בריוו פון וואַרשע. דערביי האָט ער איבערגעגעבן, משמעות דערציילט פון גאָלדפאַדענען גופא, אַז זיינע צוויי ביכלעך: „דאָס ייִדעלע״ און „די ייִדענע״, זיינען זיך צעגאַנגען אין צענדליקער (!) טויזנטער עקזעמפּלאַרן, ווייל די דאָזיקע לידער זיינען „אמתע בילדער פון פאָלקסלעבן״ [1].

לײדער דערציילט אונדז ניט שאַפּירה, מיט וועמען פון דער שרייבערישער משפחה האָט זיך גאָלדפאַדן געזען אין וואַרשע. גראָד האָט אין יענער צייט גאָלדפאַדנס לערער און געוועזענער דירעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער שול, חיים זעליק סלאָנימסקי (1810—1904) אַריבערגעטראָגן די פון אים רעדאַגירטע „הצפירה״ פון בערלין קיין וואַרשע. סלאָנימסקי, בטבע אַ בייזער און טרוקענער ייִד, האָט גראָד צו גאָלדפאַדענען געפילט אַ געוויסע וואַרעמקייט און האָט אים אויסגעטיילט פון אַנדערע תלמידים. ער האָט געהאַלטן גאָלדפאַדענען פאַר אַ גוטן „העברעער״, די העכסטע אַטעסטאַציע אין זיינע אויגן. עס וואָלט געווען באמת זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, צי דער תלמיד האָט באַזוכט דעם רבין און זיך געזען

---

*) אַ קאַפּיטל פון אַ ניט פאַרעפנטלעכער מאָנאָגראַפיע.

[1] המגיד, 17, 3 מאַי, 1876, ז׳ 145 ; ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, 1, 1930, 523.

מיט דער פרוי סלאָנימסקי, מיט דער, וואָס האָט אים פּאַראינטערעסירט אין דער ראַבינער־שול מיט עטינגערס פּיעסע „סערקעלע", ווו דער יונגער תלמיד האָט דעביוטירט ווי אַן אַקטיאָר. ליידער פעלן אונדז מאַטעריאַלן כדי דאָס אויסצוגעפינען.

גראָד צו יענער צייט איז אין וואַרשע געווען אַ יונגער העברעיִש־ייִדישער שריפטשטעלער, וועמען ראובן אָשר ברוידעס (1851—1902) האָט איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין „ישראליק". דאָס איז געווען יצחק לייבוש פּרץ.. האָט גאָלדפאַדן ניט געהערט פון אים? ברוידעס, וואָס האָט אַזוי שטאַרק מקרב געווען גאָלדפאַדענען און פּרצן — האָט זיכער דערציילט גאָלדפאַדענען וועגן דעם „אָנגענעמען דיכטער מיט אַ פילנדיק האַרץ", וואָס איז געווען ברוידעס אַ פריינד, ווי ער האָט געשריבן אין אַ בריוו צו לינעצקין (דעם 27סטן יאַנואַר, 1876) [2].

וואַרשע האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע גרופּע משכילישע שרייבערס, וואָס האָבן אפילו געהאַט אַן אייגענעם ליטעראַרישן „סאַלאָן" אין הויז פון הילארי (הלל) נוסבוים (1820—1895), דעם ערשטן היסטאָריקער פון וואַרשעווער ייִדן.

וועגן די דאָזיקע קאָנטאַקטן מיט דער ליטעראַרישער וועלט פון דער ייִדישער וואַרשע ווייסן מיר ווייטער גאָרניט.

מיט טעאַטער־ענינים האָט זיך גאָלדפאַדן דאַמאָלסט ווינציק אינטערעסירט, אַזוי, אַז ער האָט ניט געקענט זוכן די ייִדיש־טעאַטראַלישע פאַרבינדונגען, וואָס גראָד אין וואַרשע איז עס געווען לייכט צו געפינען. נאָך אין 1872 האָט וואַרשע פאַרמאָגט אַ ייִדישן טעאַטער, וואָס האָט מיט אַ פּאָר איבערדרייסן געשפּילט אַ ריי מיט יאָרן. נאָך אין 1870 האָט דווקא אַ העברעיִשער שרייבער ב. נאַטאַנזאָן געמוסרט די ייִדן אין אָדעס, הלמאי זיי האָבן ניט קיין ייִדישן טעאַטער, בשעת וואַרשע פאַרמאָגט ייִדישע אַקטיאָרן „וואָס שפּילן פאַרן המון ספּעקטאַקלען פון דעם ייִדישן לעבן" [3].

אויב גאָלדפאַדן האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס פאַר דעם ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע, האָט ער אָבער זיכער בעת זיין צווייטן באַזוך אין וואַרשע, אין 1886, געמוזט זיך אָנשטויסן אויף די פאַרוואָרצלטע טעאַטער־טראַדיציעס, וואָס האָבן אים גרינגער געמאַכט צו זיין אין וואַרשע אַקטיוו אויפן געביט פון טעאַטער [4].

---

[2] י. ר י מ י נ י ק אין „ביבליאָלאָגישן זאַמלבוך", 1, 517—518.

[3] „המליץ", 1870, 47. וועגן ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע: ש אַ צ ק י אין „ייִדיש טעאַטער", ווילנע, 1928, 288—299; „ייוואָ־בלעטער", 14, (1939), ז׳ 1—9.

[4] מ. ו ו י י כ ע ר ט שרייבט, אַז ג—ן איז געקומען קיין וואַרשע אין 1884. (טעאַטער און דראַמע", 1, 56) ז י ל ב ע ר צ ו ו י י ג שרייבט, אַז „אין משך פון די יאָרן 1885—87 שפּילט ג. אין וואַרשע" (לעקסיקאָן, 1, 313). מ י י ז ל אינפאָרמירט, אַז ג. האָט פאַרלאָזן וואַרשע אין 1886 („יודישע וועלט", וואַרשע, 1928, יולי, 113).

אין 1886 איז גאָלדפאַדנס נאָמען, ווי אַ טעאַטראַל, געווען זייער פּאָפּו־לער אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט.

גוטע גרוסן פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט גאַסטראָלירט אין מאָסקווע אין דעם סעזאָן פון 1878—1879 האָט קיין וואַרשע געבראַכט דער העברעיש־יידישער שרייבער יהושע מזח (1834—1917), אַ הייסער חסיד פון גאָלדפאַ־דענען, וואָס האָט אים שטאַרק מקרב געווען אין וואַרשע. נאָך איידער גאָלד־פאַדן איז געקומען קיין וואַרשע האָבן שוין געוועזענע אַקטיאָרן פון זיינע טרופּעס אין רומעניע און רוסלאַנד געבראַכט קיין וואַרשע זיין רעפּערטואַר. איינער פון זיי איז געווען יעקב ספּיוואַקאָווסקי (1852—1919), איינער פון די אינטעליגענטסטע אַקטיאָרן פון יענער צייט.

אויף דער פּוילישער פּראָווינץ האָבן פאַרשיידענע ווינקל־טרופּעס, דאָס רוב געגרינדעט פון איינצלנע אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיטגעשפּילט אין די ערשטע טרופּעס און האָבן נאָכן פאַרבאָט אויפן יידישן טעאַטער אין 1883 ניט געקענט ווייטער שפּילן — זיך באַוויזן בראש פון „דייטש־יידישע געזעל־שאַפטן" און געשפּילט גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר.

גרשון לעווין (1868—1939) דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אַן ערך 1880 האָט ער געזען אין לובלין גאָלדפאַדנס „שמענדריק" און אַז אפילו „דייטשע יידן" (ד"ה די פּראָגרעסיווע) זיינען געלאָפן זען די פּיעסע. מיט יאָרן שפּעטער האָט דער זעלבער לעווין געזען „דיביידע קוני־לעמעל", „בר־כוכבא" און „שולמית". וועגן „שולמית" שרייבט ער, אַז די פּיעסע האָט „גע־שלאָגן אַ רעקאָרד" און „דער עולם איז אַרויס (פון טעאַטער) געשטימט ציוניסטיש" [5].

די פּויליש־יידישע פּראָווינץ האָט אַרומגעכאַפּט אַ פיבערהאַפטע טע־אַטראָמאַניע. יידישע בעלי־מלאכות און ישיבה־בחורים, ווי נאָר זיי האָבן דער־טאַפּט אַ פּיעסע אָדער אַ ביכל פון בדחנישע לידער, האָבן זיך באַלד אָרגאַ־ניזירט אין „געזעלשאַפטן", אַרומגעפאָרן אין די נאָענטסטע שטעטלעך (דווקא ביי זיך אין שטעטל האָבן זיי ניט געהאַט קיין מוט צו שפּילן!) און אויף אַ פּרימיטיוון אופן „פאַרגעשטעלט" באַזונדערע סצענעס פון די שוין־פּאָפּולערע

אַלע דריי באַהויפּטונגען זיינען ניט קיין ריכטיקע. סוף נאָוועמבער 1885 איז ג. געווען נאָך אין אָדעס. ער האָט פאַרלאָזן וואַרשע סעפּטעמבער 1887. דעם 30סטן יולי 1887 האָט ג. באַקומען פון אַמעריקאַנער קאָנסול אין וואַרשע אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג, אַז ער איז אַ דראַמאַטורג און פאָרט קיין אַמעריקע. דערביי איז צוגעגעבן אַ רשימה פון זיינע פּיעסעס מיט אַן ענגלישער איבערזעצונג. (אָריגינאַל — אין טעאַטער־מוזיי פון ייוואָ אין ווילנע).

פון דער דאַזיקער אַרבעט איז אויך קלאָר, ווי אומפּינקטלעך איז זילבערצווייגס אינ־פאָרמאַציע, אַז די „יידישע פּרעסע אין וואַרשע האָט זייער זעלטן געשריבן וועגן דאָזיקן [ד"ה ג—ס] טעאַטער מיטן אויסרייד, אַז זייער פּובליקום שעמט זיך צו גיין אין יידישן טעאַטער" [לעקסיקאָן, 1, 313].

[5] ג. לעווין „דאָס בוך פון מיין לעבן". וואַרשע, 1937, 133—136.

פּיעסעס אָדער געשפּילט דעם רעפּערטואַר, וואָס איז אין פּוילן ממש פאַר־געדענקט געוואָרן פון יענע צייטן, ווען די „בראָדער זינגער" האָבן גאַסטראָ־לירט און זיך אַזוי טיף אַריינגעבאַקן אין האַרצן פון דעם עמך. וואַרשע האָט צו יענער צייט געהאַט פיר אַזעלכע טעאַטערלעך אין רעסטאָראַנען אין ביר־גערטנער, ווו פאַר פינף קאָפּיקעס האָט מען געקענט הערן און זען, ווי דאָס פאָלק שפּילט טעאַטער [6].

אפילו דער פאַרבאָט אויפן ייִדישן טעאַטער האָט ניט אָפּגעשוואַכט די טעאַטראַלישע טעטיקייט. אין „שאַטאָ דע פלער", אויף דלוגע עלף, אין די גערטנער־רעסטאָראַנען אויף גזשיבאָוו, מאָקאָטעוו א״אַ — האָט מען געקענט זען אויפגעפירט אַ סאַטירישן דיאַלאָג און געקענט הערן זינגען די לידער פון בערל בראָדער, וועלוול באַרזשער, שאַפּיר א״אַ.

ווי אַזוי עס האָבן געשפּילט די אַקטיאָרישע „מאַראָדערן", וואָס זיינען אַוועק פון רוסלאַנד נאָכן פאַרשפּילן די שלאַכט פאַר רעכט אויף אַ ייִדישן טעאַטער, זיינען מיר גוט אינפאָרמירט פון פּערזענלעכע זכרונות פון ייִדישע אַקטיאָרן. אויף זיי געשטיצט, גיט איבער גאָרין [7] אַז בעת קיין וואַרשע איז אָנגעקומען די „ייִדיש־אָריענטאַלישע טרופּע", וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין בערלין און איז מיאוס דורכגעפאַלן אין אַ ריי דייטשישע שטעט — האָט זי געמוזט שפּילן אונטער דעם נאָמען פון אַ קאָנצערט, ווייל אויף טעאַטער האָט מען קיין דערלויבעניש ניט געקענט באַקומען. אַזאַ „קאָנצערט" איז באַשטאַנען פון שטיקלעך און ברעקלעך פון דעם „אייזערנעם" רעפּערטואַר, פון סצענעס, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום צוזאַמענהאַנג. אָפט מאָל האָט מען געמוזט אי־בעררייסן אַ סצענע אין מיטן שפּילן, ווייל דער פאַרטרעטער פון דער פּאָליציי האָט אומגעריכטערהייט באַזוכט אַ פאָרשטעלונג, כדי אויסצוגעפינען צי מען שפּילט אין דער שפּראַך, וואָס ווערט אָנאָנסירט, ד״ה אויף דייטש.

די מאַכט האָט בודק געווען יעדער פאָרשטעלונג אין נאָמען פון לעגאַל־קייט. די פירער פון דער אַסימילאַציע אין וואַרשע האָבן געטאָן דאָס זעלבע אין נאָמען פון... פּראָגרעס. ביידע שטערונגען זיינען געווען גאָר וואָגיקע און עס איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט זיי בייצוקומען.

בעת די בראָדער זינגער זיינען געקומען גאַסטראָלירן קיין וואַרשע האָט די „איזראַעליטאַ", דער אָרגאַן פון דער ייִדישער אַסימילאַציע, וואָס האָט דער־שיינט אין דער פּוילישער שפּראַך, שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען דערלויבט צו שפּילן דער דאָזיקער „געזעלשאַפט פון זשאַרגאָנישע זינגער". די צייטונג האָט אָנגערופן די בראָדער זינגער „אַ מכה", וואָס צאַפּט געלט פון די אָרעמע מאַסן און דעמאָראַליזירט זיי.

דערביי גיט די צייטונג אָנצוהערן, אַז עס „דוכט זיך, אַז מען וואָלט גע־

[6] בעריש בעקערמאַן. „זכרונות פון ערשטען וואַרשעווער אידישען טעאַטער". (כתב־יד).

[7] „געשיכטע פון אידישען טעאַטער, 1, 241.

קענט אויספועלן אַ פּאָליציי־פּאַרבאָט, וואָס דערלאָזט ניט אַזעלכע ספּעק־טאַקלען״.

דער שרייבער דערקלערט, אַז היות ווי די צענזור לאָזט ניט דורך אַזעלכע „זשאַרגאָנישע ביכלעך״, וואָס „מאַכן קאַליע דאָס פאָלק״, קען מען דאָך אָנ־ווענדן דעם זעלבן פּרינציפּ בנוגע פאָרשטעלונגען אויף יידיש [8].

די געזעלשאַפטלעכע שטערונג איז אין וואַרשע געווען ניט גרינגער ביי־צוקומען, ווי די פּאָליצייאישע פאַרבאָטן. אויב גאָלדפאַדענען איז געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו שפּילן טעאַטער, הגם אָפיציעל אויף דייטש, האָט ער עס געהאַט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען חיים־זעליק סלאָ־נימסקין, וואָס איז געווען אַן אָדם חשוב ביי דער מלוכה, באַזונדערס אין צענ־זור־אַמט. סאָקאָלאָוו דערציילט, אַז ווען גאָלדפאַדן איז געקומען קיין וואַרשע און האָט אים באַזוכט, האָט ער שוין געהאַט די גאַנצע אינפאָרמאַציע וועגן דעם גאַסט טאַקע פון סלאָנימסקין, וואָס דער תלמיד האָט אים באַזוכט תיכף נאָך זיין אָנקומען קיין וואַרשע. סלאָנימסקי — דערציילט סאָקאָלאָוו — האָט כאַראַקטעריזירט גאָלדפאַדענען ווי אַ „פריילעכן יידן״, וואָס ווען ער איז גע־ווען אַ תלמיד אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה [9].

אַ פריינדלעכן קבלת־פּנים האָט גאָלדפאַדן באַקומען מצד די יידישע און העברעישע שרייבערס אין וואַרשע. די „הצפירה״ האָט זיך אין זכות פון סלאָ־נימסקין באַצויגן צו אים זייער פריינדלעך און הגם זי האָט אים העכער גע־שעצט ווי אַ דיכטער, איידער ווי אַ טעאַטער־מענטש, האָט זי אָבער אָפּגע־געבן אַ סך פּלאַץ פאַר זיינע בינע־אויפפירונגען.

נפתלי־הערץ ניימאַנאָוויטש (1843—1898), מער באַקאַנט אונטערן פּסעוו־דאָנים הנ״ך, האָט אין אַן אַרטיקל געלויבט גאָלדפאַדענען ווי אַ פּאָעט, באַזונ־דער אָפּשטעלנדיק זיך אויף זיין פּאָעמע „יודל סעמיט״, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין דעם זאַמלבוך „דער יידישער וועקקער״.

דער וואַרשעווער מחבר יאַאַכים זילבערשטיין האָט אין דער הקדמה צו זיין „דער דאָרן״ (1887) זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף זיין „שולמית״.

יעקב דינעזאָן, מיט וועלכן גאָלדפאַדן האָט זיך באַקענט, איז געוואָרן ניט נאָר זיינער אַ הייסער חסיד, נאָר האָט אַ סך ביי געשטייערט פאַר דעם דערפאָלג פון זיין טעאַטער אין וואַרשע.

ווי אַן אַלטער חובב־ציון האָט גאָלדפאַדן זיך געפילט היימיש אין דעם קרייז פון די חובבי־ציון, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום שאול־פּנחס ראַבינאָ־וויטש (1845—1910) און דעם „כנסת ישראל״, וואָס ער האָט רעדאַגירט.

אין וואַרשע האָט גאָלדפאַדן זיך געטראָפן מיט אליקום צונזערן (1840—1913), יענער איז געקומען קיין וואַרשע געבן אַ קאָנצערט לטובת דער חובבי־

8 „איזראעליטא״, 1886, 15.

9 „די וועלט״ (דייטש) 1908, 4.

ציון־באַוועגונג און האָט אַפּילו זיך באַמיט, אַז גאָלדפאַדן זאָל אויפפירן זיינע אַ פּיעסע.

צונזער האָט געקוקט אויף גאָלדפאַדענען ווי אויף זיינעם אַן אידעאָלאָ־גישן חבר און האָט הויך געשאַצט זיינע נאַציאָנאַלע לידער, להיפוך צו פּרצן, מיט וועלכן גאָלדפאַדן האָט זיך דאָס מאָל באַקאַנט אין וואַרשע, אָבער צו קיין התקרבות צווישן זיי איז ניט געקומען. גאָלדפאַדן האָט זיך באַמיט צו געווינען פּרצן פאַר זיין טעאַטראַלישער מיסיע, אָבער אָן דער־פאָלג. פּרץ האָט געהאַט אַ סך אויסצוזעצן קעגן גאָלדפאַדענען, ווי אַ פּיעסע־שרייבער, באַזונדערס ווי אַ מחבר פון „שמענדריק״ און אַנדערע פּיעסעס, וואָס האָבן געזאָלט זיין רעאַליסטישע בילדער פון לעבן, און פּרץ האָט מיט דעם ניט איינגעשטימט. פּרץ האָט אָבער געשעצט גאָלדפאַדענען דעם פּאָעט, הגם ער האָט ביי עטלעכע געלעגנהייטן אים געטאַדלט פאַר געוויסע לידער און געשריבן, אַז זיי זיינען „באַוואָקסן געוואָרן מיט פעט בדחנות״ [10].

אַזוי האָט אויסגעזען די געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַטמאָספערע אַרום גאָלדפאַדענען, ווען ער האָט אָנגעהויבן שפּילן מיט זיין טרופּע אין טע־אַטער „עלדאָראַדאָ״.

ווי שווער עס איז געווען די רעכטלעכע לאַגע פון ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע דערציילט אונדז מזח. אין 1884 האָבן די ייִדישע אַקטיאָרן יוסף וויינ־שטאָק (1858—1930) און שואל וויינשטיין געעפנט אַ טעאַטער בשותפות מיט אַ רוסישער טרופּע, ווייל אַנדערש איז געווען שווער צו באַקומען אַ דערלויבע־ניש. אַזוי ווי קיין בעלנים צו זען רוסיש טעאַטער האָט וואַרשע ניט געהאַט קיין סך, חוץ די אָפיצירן, איז אויסגעקומען אַז די ייִדישע פאָרשטעלונגען האָבן געמוזט טיילווייז דעקן די דעפיציטן פון די רוסישע ספּעקטאַקלען. דאָס זעלבע האָט געמוזט טאָן גאָלדפאַדן. ער האָט געהאַט אַ רוסישע דירעקטאָרשע, וואָס האָט מיט די גוטע הכנסות פון די ייִדישע פאָרשטעלונגען געדעקט די דעפיציטן פון דעם קינסטלעך אַרויפגעצוווּנגענעם רוסישן טעאַטער. דער דאָזיקער שידוך

[10] פּרצעס מיינונגען וועגן גאָלדפאַדן: „יודישע ביבליאָטעק״, באַנד 1, 330, באַנד 2, 363, 373. וועגן דעם, אַז פּרצן איז ניט געפעלן געוואָרן גאָלדפאַדנס ליד „אַ שטיין פון האַרצן״, געדרוקט אין „ייִדישן וועקקער״, אָדעס, 1885, 7—14, גיט איבער צ י ט ר אָ ן אין זיינע „דריי ליטעראַרישע דורות״ ז׳ 131—132. ציטראָנס באַריכט דאַרף אָבער געלייענט ווערן מיט גרויס פאָרזיכט, ווייל מען קען זיך אויף אים ניט פאַרלאָזן. אַזוי, למשל, רופט ער אָן גאָלדפאַדנס שווער: י ע ק ב ו ו ע ר ב ע ל, בעת ער האָט געהייסן א ל י ה ו מ ר ד כ י, און זיין ביכל שירים רופט ער אָן: כנף־רננים, אָנשטאָט „שפתי רננים״. אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער, אַז לערנער האָט איבערגעזעצט „די ייִדן״ פון קאַרל גוצקאָוו, בעת עס האַנדלט זיך וועגן „אוריאל אַקאָסטאַ״. „די ייִדן״ האָט אָנגעשריבן ל ע ס י נ ג. (דאָרטן) מ. ז י ל ב ו ר ג (ליטעראַרישע בלעטער, 95, 1926) גיט איבער, אַז פּרץ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמיד פון ג—ן. עס איז אין ערגעץ ניט באַשטעטיקט.

האָט קיין גוטע רעזולטאַטן ניט געקענט ברענגען און האָט געמוזט פירן צו אַן אומפאַרמיידלעכן באַנקראָט.

אין אָנהייב האָבן די פאָרשטעלונגען געצויגן אַ גרויסן עולם. די „איז־ראַעליטאַ", וואָס האָט סיסטעמאַטיש געשריבן וועגן יידישן טעאַטער, האָט גענומען אַ מאָדנע שטעלונג צו די פאָרשטעלונגען. זי האָט געשריבן, אַז ווייל מאַסן מענטשן באַזוכן דאָס טעאַטער איז זי דערפאַר . . . קעגן אים.

אונטערן אויסרייד, אַז די יידישע פאָרשטעלונגען זיינען „אַ וואַסער פאַר דער אַנטיסעמיטישער מיל", ווייל יידן לאַכן אויס זיך אַליין — אַן אַרגומענט, וואָס איז אגב באַקאַנט פון דער רוסיש־יידישער זשורנאַליסטיק — האָט זי געטענהט, אַז מען דאַרף דעריבער זיך באַמיען, די פאָרשטעלונגען זאָלן פאַר־ווערט ווערן.

דער רעצענזענט האַלט, אַז בעת די יידישע ליטעראַטור איז נוציק, ווייל זי איז אַ רעאַליסטיש־סאַטירישע און ממילא קען זי משפיע זיין אויף יענע שיכטן פון יידישן פאָלק, וואָס מען דאַרף „רעפאָרמירן" — איז דער יידישער טעאַטער שעדלעך, ווייל ער האָט קיין שום כוונות ניט, חוץ פאַרווייל־ן דעם עולם. דאָס אויסלאַכן פון דער בינע — דערקלערט דער רעצענזענט — האָט נאָר אַן אויסערלעכן עפעקט, גייט ניט טיף און ממילא ברענגט עס ניט יענע רעזולטאַטן, וואָס זיינען געווונטשן. דער מחבר האַלט, אַז בעת יהודה ליב גאָרד־דאָנס „שיחת חולין", (אַ זאַמלונג לידער אויף יידיש) איז אַ נוציק ווערק, קען ער עס אָבער ניט זאָגן וועגן גאָלדפאַדנס פּיעסעס [11].

דער אַלץ־וואַקסנדיקער דערפאָלג פון גאָלדפאַדנס טעאַטער האָט אָנגע־הויבן „באַאומרואיקן" די „איזראַעליטאַ".

אין אַן אַרטיקל, געדרוקט דעם 8טן אַווגוסט, 1886 (נומ' 33) שרייבט די „איזראַעליטאַ" שוין אַ ביסל אַנדערש. די צייטונג איז זיך מודה, אַז די פאָר־שטעלונגען רופן אַרויס אַ געפיל פון אומרואיקייט, אָבער מען טאָר ניט פאַר־לייקענען קיין פאַקטן. עס איז דאָ אַ יידישער טעאַטער, פּונקט ווי עס איז דאָ אַ יידישע ליטעראַטור, וואָס די קרייזן פון „איזראַעליטאַ" האָבן זי שוין אָנערקענט.

אויב עס איז פאַראַן אַן עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פאַר דער „אַזוי־גערו־פענער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, וועמענס באַארבעטער (uprawiacze) טענהן, אַז מען דאַרף בילדן דאָס פאָלק און געבן אים חשק פאַר אַ ניי לעבן און ניט אַנדערש, ווי אין זיין אייגענעם לשון" און אויב דאָס „טרעפט צום שטאַרקסטן זיינע איבערצייגונגען" — איז, היינט פאַר וואָס זאָל מען דאָס ניט קענען באַרעכטיקן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן יידישן טעאַטער?

אמת, דעם אָרגאַן פון די אַסימילאַטאָרן איז שטאַרק ניט געפעלן גע־

---

[11] איזראַעליטא, 1886, 8. וועגן ענלעכע אַרגומענטן זע: מזח אין „הויז פריינד" 1, 1888, 161, דער „יודישער פאָלקס־בלאַט" און די רוסיש־יודישע פרעסע. זע אויך: „טעאַטער־בוך", קיעוו, 1927, 55—68.

וואָרן, וואָס דער יִדישער טעאַטער שפּילט „נאַציאָנאַלע״ פּיעסעס, וואָס גלאָ־ריפיצירן די יִדישע פאַרגאַנגענהייט, אָבער „פאַרבעסערן״ ניט דעם יִדן פון דער איצטיקייט.

וואָס האָט די דאָזיקע צייטונג געוואָלט? אַ רעאַליסטישן טעאַטער מיט שטאַרקע סאַטירישע טענער, וואָס זאָל באַקעמפן חסידים, גוטע יִדן, אַנווייזן אויף די מעלות פון „פּראָגרעס״ אאַ״וו. אין דער זעלבער צייט האָט דער רע־צענזענט פון דער „איזראַעליטאַ״ ניט געקענט פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז ניט נאָר טויזנטער יִדן לויפן זען „שולמית״ אין דעם „היימישן דיאַלעקט״ (ד״ה אויף יִדיש), נאָר ער אַליין איז זיך עפנטלעך מודה, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער דאָזיקער אָפּערעטע.

טויזנטער יִדן — אינפאָרמירט ער — פילן אָן דאָס טעאַטער בפרט אין די שבתים, ווען מען שפּילט „שולמית״ און „בר־כוכבא״.

באַזונדערס האָט אין וואַרשע אויסגענומען „שולמית״. די אַלגעמיינע פּוילישע פּרעסע האָט געשריבן באַגייסטערט וועגן דער פּיעסע. עס האָבן זיך באַלד געפונען בעלנים אויפצופירן „שולמית״ אין דער פּוילישער שפּראַך.

די איבערזעצונג האָט געשטאַמט פון אַ געוויסן י. בערנאַס, וואָס האָט אין יאָר 1889 אַרויסגעגעבן דעם „וואַרשעווער יודישן קאַלענדאַר״ און אין 1891 דעם „יודישן האַנדעלס־קאַלענדאַר״, בכן אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע שייכות צו די יִדישע ליטעראַרישע קרייזן [12].

אין דער „איזראַעליטאַ״ איז די איבערזעצונג און די אויפפירונג שטאַרק געלויבט געוואָרן, אָבער די נעמען פון די פּוילישע שפּילער ווערן ניט אָנ־געגעבן.

אַן אינטערעסאַנטן באַריכט פון דער דאָזיקער אויפפירונג גיט אונדז יעקב דינעזאָן, אין אַ ניט־פאַרעפנטלעכטן בריוו צו דער שוישפּילערין בעטי ווינאָוויטש (דאַטירט 27סטן אַווגוסט (אַלטער סטיל) 1887).

„היר שפּילט מען אַלע טאָג „שולמית״ אין פּאָלנישן מיט גוטע איינאַמען אונד גוטן בייפאַל, אָבגלייך מאַן שפּילט „שולמית״ אָנע שולמית, דאָ די עס שפּילט, זינגט ניכט. זי איזט איינע דראַמאַטישע שוישפּילערין, וואָס אַבער אַן שפּילן בעטריפט, איז ווערט זאָ וואָס אַנצוזען. גוט, דאַס מאַן בעסער זיך קוים דיינקען קאַן! די האַט ווירקליך די קוישע [צנועותדיקע] אַנמוטיקע יִדישע שולמית פאַרשטאַנען, בעגריפן אונד איך פאַרגעסע ווירקליך דאַס אויס־געלאָזענע זינגען איבער דאַס וואַרע, קונסט רייכע שפּילן״.

ווייטער שרייבט דינעזאָן אין דעם בריוו, אַז די „אַביגיל איז ניכט ערגער אין אירע ראָלע. זי זינגט שוין יאַ! אונד האַט דאַפּיר איינען דאָפּלטן ביי־

[12] וועגן דעם דאָזיקן קאַלענדאַר האָט פּרץ פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע אין „דיא יודישע ביבליאָטעק״, 1891, 2, 372—374. נאָך די מבינות פון דעם רעצענזענט פון „איזראַעליטאַ״, איז די איבערזעצונג געווען אַ „גלאַטע״. אגב, האָט ג—ן אָפּגעדרוקט אין ב ע ר נ אַ ס ׳ קאַלענדאַר (1891, 114—118) זיין פּאָעמע „דער הימל שפּאַלט זיך״.

פאַל. מנוח איז אויך גוט, בעסער אַלס גאָלדשמידט [13], אָבער די איבריקע אַלע זיינען אבשויליך און שטייען נידעריקער, אַלס אַלער אַכטונג, דיזע האַבן שולמית פערדאָרבן . . .

דער גאָרטן איז אימער פול מיט קריסטן, פיינסטער אַדל באַזוכט אונד הערט די שטיק מיט אויפמערקזאַמקייט אונד באַדויערן נור דאַס איינע זאָלכע ערהאַבענע מעלאָדראַמאַ ווערט מיט זאָלכע שלעכטע שוישפּילער אויסגעפירט" [14].

גאָלדפאַדן האָט די דאָזיקע אויפפירונג ניט געזען, ווייל ער האָט פאַרלאָזט וואַרשע סוף מאַי 1887 און די פּוילישע אויפפירונג האָט זיך אָנגעהויבן אין חודש יוני. דינעזאָן, באַשטימט פון גאָלדפאַדענען ווי דער פאַרטרעטער פון זיינע טאַנטיעמעס, האָט ניט געהאַט קיין שום שוועריקייטן ביים איינמאָנען די פּראָצענטער פאַרן מחבר, וואָס דאָס האָט גאָלדפאַדן שטאַרק געפרייט.

דאָך איז דער דערפאָלג פון דער פּוילישער „שולמית" ניט געווען אַזוי גרויס אין פאַרגלייך מיטן יידישן אָריגינאַל. דער טומל אין דער פּרעסע האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז גאַנץ וואַרשע איז געלאָפן זען די ערשטע יידישע פּיעסע, געשפּילט אויף פּויליש. אמת, די ידיעות וואָס בלאָנדזשען נאָך אַרום אין דער יידישער טעאַטער־ליטעראַטור וועגן די הונדערטער ספּעקטאַקלען פון „שולמית" אויף פּויליש, זיינען ניט מער ווי אַקטיאָרישע גוזמאות.

צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע אויף זיינע פּיעסעס האָט גאָלדפאַדן פאַרקויפט די וואַרשעווער דרוקער בוימריטער און גאנשאָר, די אויסשליסלעכע רעכט צו דרוקן זיי און באַשטימט יעקב דינעזאָן פאַר זיין ליטעראַרישן פאַרטרעטער. פאַרלאָזן האָט גאָלדפאַדן וואַרשע גאָר אומגעריכט. די סיבות פון זיין פּלוצימדיקן אָפּפאָר זיינען ניט באַוווּסט. מזח, וואָס האָט געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט גאָלדפאַדענען אין וואַרשע, קאָמענטירט (אין זיין „במת ישחק", זייט 12), אַז צווישן שמרן און גאָלדפאַדענען זיינען פאָרגעקומען רייבונגען און אַזוי ווי פאַר צוויי טעאַטערס איז אין וואַרשע קיין פּלאַץ ניט געווען, האָט קיינער פון זיי ניט געקענט בלייבן.

„צוויי יאָר נאָכאַנאַנד, שרייבט ער, איז דער טעאַטער „בוף" געווען אָפן פאַר יידישע אַקטיאָרן און איצט זיינען אפילו די וועגן צום „בוף" פאַרוויסט. הער גאָלדפאַדן איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק און הער שמר — קיין פּינסק".

שמר, וואָס האָט געשפּילט אין וואַרשע אין דער זעלבער צייט מיט אַ טרופּע און אויפגעפירט נאָר זיינע אייגענע פּיעסעס, האָט געהאַלטן, אַז אייגנט־

[13] י ו ס ף ג אָ ל ד ש מ י ד ט האָט געשפּילט אין ג—ס טעאַטער אין 1887 און ניט אין 1882, ווי זילבערצווייג (לעקסיקאָן, 1, 383) אינפאָרמירט.

[14] מ ז ח שרייבט אין זיין ביכל „במת ישחק" (וואַרשע, 189), אַז די פּוילישע „שולמית" איז געשפּילט געוואָרן ניין מאָל (?) און אַז יעדן אָוונט איז דער גאָרטן טעאַטער „אלהאמבּרא" געווען געפּאַקט.

לעך איז ניטאָ קיין קאָנקורענץ צווישן אים און גאָלדפאַדענען.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן שאַפער פון דראַמע אויף יידיש, און גאָלד־פאַדענען — פאַרן שאַפער פון דער יידישער אָפּערעטע [14a]

דער אמתער קאַמף צווישן גאָלדפאַדענס און שמרס רעפּערטואַר האָט זיך אַנטוויקלט אין וואַרשע ערשט נאָך דעם ווי בײדע זײנען אַוועקגעפאָרן. די אַקטיאָרן פון גאָלדפאַדענס טרופּע זײנען געבליבן אין וואַרשע און געשפּילט אונטער דער דירעקציע פון אברהם־יצחק טאַנצמאַן. שפּעטער איז געקומען גאַסטראָלירן יעקב אַדלער. דער רעפּערטואַר איז געבליבן דער אַלטער, ד״ה גאָלדפאַדענס אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס.

אין מאַי 1888 האָט מען געשפּילט „בר־כוכבא״. דער רעצענזענט פון „איזראַעליטא״, אַ געוויסער עלקאַן, לויבט שטאַרק אַדלערן און ווינטשט אים אַז „ער זאָל וואָס גיכער פאַרלאָזן די יידישע בינע״, ווייל ער האָט טאַלאַנט. פון דער זעלבער רעצענזיע אגב דערוויסן מיר זיך, אַז פרוי טאַנצמאַן האָט געזונגען „זייער אינטעליגענט״ און אַז שמואל טאַבאַטשניקאָוו (1861—1930) איז געווען אַן אויסגעצייכנטער בר־כוכבא.

נאָר איין זאַך געפעלט ניט דעם רעצענזענט: די שפּראַך. ער גיט די שפּילער אַן עצה בכלל ניט צו שפּילן קיין דראַמעס נאָר „פּיעסן פון רעאַליס־טישן לעבן״ (!).

אָבער אין עטלעכע וואָכן שפּעטער, בעת די זעלבע גרופּע האָט גע־שפּילט גאָלדפאַדענס „אחשורוש״, אַ זייער שוואַכע פּיעסע, אגב אָנגעשריבן אין וואַרשע, האָט די דאָזיקע אויפפירונג אַרויסגערופן לויב־ווערטער מצד דעם קריטיקער פון דער „איזראַעליטא״.

דער קריטיקער גייט ווייטער אַרויס מיטן פּזמון, אַז מען קען זיך ניט העלפן: די מאַסע וויל האָבן פאַרשטעלונגען אין איר „לעבעדיקן דיאַלעקט״, וואָס מען דאַרף זיי דערלויבן, אָבער עס וואָלט ניט געשאַדט אויסצולערנען די יידישע אַקטיאָרן אַז מען דאַרף ניט איבערטרייבן אין שפּילן, ווי זיי טוען דאָס. אויך דאָס מאָל שיט ער מיט קאָמפּלימענטן אויף אַדלערס אַדרעס און שרייבט, אַז „זיין פיגור, שטימע, דיקציע, אינטעליגענטע באַנעמען פון דער ראָלע און געטרייע געשטאַלטונג — מאַכט פון אים אַן אַקטיאָר״.

אויף אַדלערן האָבן די דאָזיקע לויב־ווערטער געמאַכט אַ שטאַרקן איינ־דרוק, דווקא ווייל זיי זײנען געקומען פון דעם אָרגאַן פון דער יידישער אַסי־מילאַציע. ער האָט קודם־כל געוואָלט זיך באַפרייען פון גאָלדפאַדענס רעפּער־טואַר, וואָס האָט אים ניט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַ שפּיל צו טאָן, ווי למשל שמרס מעלאָדראַמעס אָדער זיינע אייגענע באַאַרבעטונגען פון טונקעלע, זעלטן דערמאָנטע אייראָפּעיִשע פּיעסע־שרייבערס.

אַדלערס שיטה האָט געשטימט מער מיטן קוק פון די פּויליש־יידישע

14a) MIRIAM SHOMER-ZUNSER. Yesterday, New York, 1939, 195.

אַסימילאַטאָרן אויף דעם ייִדישן טעאַטער. דער דאָזיקער טעאַטער דאַרף געבן לעבנס־בילדער, וואָס דער ייִדישער המון קען זיך לערנען, פון זיי אַרויס־דרינגען אַ מוסר השכל און ניט קיין נאַציאָנאַלע ראָמאַנטישע אָפּערעטעס, וואָס באַפעסטיקן דעם ייִדישן „סעפּאַראַטיזם" און רופן אַרויס אַ בענק־שאַפט נאָך דעם אַמאָל. די אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע האָט עס סיסטע־מאַטיש באַקעמפט ווי אַ שעדלעכע זאַך.

דער קאַמף קעגן אַדלערן איז אין דער זעלבער צייט געווען אַ קאַמף קעגן שמרן, וועמענס ווערק האָבן אַרויסגערופן אַ סך שטאַרקערע פּראָטעסטן אין וואַרשע מצד דעם ייִדישן עולם, ווי דאָס איז געווען מיט עטלעכע גאָלד־פאַדנישע אָפּערעטן.

אָנגעהויבן האָט זיך די דאָזיקע אַטאַקע מיט אַ בריוו, געשיקט פון וואַרשע צום פּעטערבורגער „ייִדישן פאָלקסבלאַט" פון אַ ייִדן מיטן נאָמען ליפשיץ, וואָס האָט אין וואַרשע צופעליק געזען אַ ייִדישע פאָרשטעלונג. אַ גרויסער חסיד פון גאָלדפאַדנס נאַציאָנאַלע אָפּערעטעס, האָט דער דאָזיקער ייִד געשריבן אַז דאָס וואָס גאָלדפאַדן האָט אויפגעבויט אין צען יאָר האָט אַדלער חרוב געמאַכט אין צוויי (!) פאָרשטעלונגען.

די גאָלדפאַדעניסטן האָבן באַשולדיקט אַדלערן, אַז ער האָט מיט אַ כיוון באַזייטיקט גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר, באַזונדערס די האַרציקע, מעלאָדישע היסטאָרישע אָפּערעטעס, ווייל זיי גיבן אים ניט קיין מעגלעכקייט זיך אויסצו־ציכענען. זיי באַקלאָגן זיך, אַז מען הערט שוין ניט מער אין יידישן טעאַטער די צאַרטע ניגונים, נאָר רק „גראָבע רייד און פאַרדאָרבענע וויצן פון אַדלערס אָפּערעטעס" [15].

אויך מזח איז ניט געווען צופרידן מיט אַדלערס רעפּערטואַר. ער טאַדלט אים, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן בנוגע אייניקע פּיעסעס פון גאָלדפאַדענען, („שמענדריק" למשל), אַז ער ברענגט אַרויס „די נעגאַטיווע זייטן פון ייִדישן לעבן און קאָן צושטעלן מאַטעריאַלן פאַר דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע".

אין דעם זעלבן „פאָלקסבלאַט" (נומ' 31, 1888) האָט מזח געשריבן (אונ־טערן פּסעוודאָנים א. ליטוואַק), אַז אין שמרס „קאַטאָרזשניק", וואָס אַדלער האָט גראָד דאַן געשפּילט אין וואַרשע, זיינען אַלע כאַראַקטערס אויסגעטראַכט. אויב טעאַטער דאַרף ניט פאַרבעסערן די מענטשן — טענהט ער — איז דאָס אַן אומנוציקע אינסטיטוציע.

---

[15] י ש ר א ל ל י פ ש י ץ א י ש ק אָ ו נ ע „דאָס יודישע טעאַטער און די יודישע שוישפּילער" אין „יודישעס פאָלקס־בלאַט", ביילאַגע צום נומער 26, 1888. דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אַרויסגערופן אַן ענטפער פון י ע ק ב ד י נ ע ז אָ ן אין וועלכן ער באַשטרייט ניט די אַרגומענטן פון ליפשיצן, נאָר ווייזט אויף, אַז גאָלד־פאַדן איז ניט אַ נ ט ל אָ פ ן פון וואַרשע, נאָר איז אַוועקגעפאָרן לעגאַל, בעת ל י פ ש י ץ איז מרמז, אַז אַדלער האָט געהאַט אַ האַנט אין גאָלדפאַדנס פּלוצעמדיקן פאַרלאָזן וואַרשע.

„און דאָס טעאַטער איז דאָך אונדז נייטיק — שרייבט ער — פון דער סצענע איז לייכטער צו ווירקן אויפן המון, ווי דורך טויזנטער מגידים און בעלי־דרשנס״.

די „איזראַעליטא״ האָט גענומען אַדלערן אונטער איר שוץ. זי האָט גע־שריבן, אַז ליפשיצעס אַרטיקל איז אַ „מיאוסער פּאַסקוויל, געשריבן פון אַן אייפערזיכטיקן מענטשן״.

פון פאַרטיידיקן אַדלערן און זיין רעפּערטואַר איז שוין די „איזראַעליטא״ איבערגעגאַנגען צו אַטאַקירן גאָלדפאַדענען און דעם גאָלדפאַדעניזם.

ווען אַ לייענער פון דער דאָזיקער צייטונג, און דווקא אַ תושב פון דעם יִדישן געטאָ, פון דער פראַנצישקאַנער גאַס, האָט זיך געווענדט צו דער רע־דאַקציע מיט אַן אָנפראַגע: ווי געפינט זיך אברהם גאָלדפאַדען? — האָט מען אים געענטפערט, אַז גאָלדפאַדען געפינט זיך משמעות אין ניו־יאָרק. וואָס איז שייך זיין דראַמאַטישער טרופּע, ווייסט די רעדאַקציע בכלל ניט וואָס איז מיט איר געשען. און צום סוף באַמערקט די רעדאַקציע, אַז אייגנטלעך האָט דער יִיד פון פראַנצישקאַנער גאַס זיך באַדאַרפט ווענדן מיט אַזאַ אָנ־פראַגע צו די, וואָס אינטערעסירן זיך מער מיט דער „זשאַרגאָנישער דראַמאַ־טורגיע״, ווי זיי אין דער „איזראַעליטא״ (1889, 9).

וועגן דעם יִדישן טעאַטער־עולם אין וואַרשע באַקומט מען אַ באַגריף פון דער קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער אויפפירונג פון דעם אויבן־דערמאָנטער פּיעסע: „דער קאַטאָרזשניק״, פון שמרן.

„מער ווי אַלץ האָב איך באַוואונדערט — שרייבט דער קאָרעספּאָנדענט — אונדזערע ברידער און שוועסטער, וואָס זיינען געקומען אין טעאַטער. עס איז קיין עין־הרע געווען גאַנץ געדיכטלעך און מען האָט זיך פּשוט געריבן אַ פּלייצע אָן אַ פּלייצע. אָבער וואָס פאַר אַ סבלנים זיי זיינען. עס האָט גע־רעגנט און געגאָסן ווי פון אַ צאַפּן און דאָס פּובליקום איז זיך געשטאַנען אַזוי רויִק, עס זאָל דאָס זיי עפּעס אָרן. אונטערן קאָלנער רינט, עס ווערט צעווייקט דער הוט. פון די קליידער ווערן שמאַטעס און דער עולם שטייט און וואַרט. ער פאַרלירט אַ ביסל דעם געדולד. ער הייבט אָן צו קלאַפּן מיט די פיס, מיט די הענט, מען ווערט אויסער זיך. נאָר גאָט צו דאַנקען מען האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און מען האָט אָנגעהויבן צו שפּילן.

אַן אַנדער קאָרעספּאָנדענט, דאָס מאָל פון „המליץ״, לויבט אויך שטאַרק דעם יִדישן טעאַטער־עולם. ער טאַדלט אָבער דאָס שפּילן, וואָס איז שטאַרק געפאַלן אין כחות, זינט גאָלדפאַדען איז אַוועקגעפאָרן.

דאָס פאָלק — שרייבט ער — זינגט ביי טאָג ביי דער אַרבעט די באַ־

[16] נומ׳ 31 פון 2 (14) אַווגוסט, 1888. די אָרטאָגראַפיע אין דער ציטאַטע איז מאָדערניזירט.

ליבטע לידלעך פון גאָלדפאַדנס אָפּערעטעס און ביי נאַכט לויפט ער זען די ייִדישע פאָרשטעלונגען אין טעאַטער „בוף“ [17].

הנ״ץ כאַראַקטעריזירט דעם רעזולטאַט פון גאָלדפאַדנס פאַרלאָזן וואַרשע בזה הלשון:

„זינט גאָלדפאַדן איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק איז דער גלאַנץ פון ייִדישן טעאַטער אַרונטער און פּיעסעס פון ייִדישן לעבן זייִנען אַרונטער פון דער בינע. זיי ווערן ניט דערמאָנט מער און קיינער אינטערעסירט זיך ניט מער מיט זיי“ [18].

דוד פרישמאַן האָט געהאַלטן גאָלדפאַדנס פאַרלאָזן וואַרשע פאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט תיכף געלאָזט וועגן דעם וויסן שלום־עליכמען [19].

און אין אַ „בריוו צו אַ פּעטערבורגער דאַמע“, האָט ער כאַראַקטעריזירט גאָלדפאַדנס טעאַטער, וואָס ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו זען אין לאָדזש און אין וואַרשע מיט די ווערטער:

„איך וויל זיך מודה זיין, איך האָב זייער פיל אויסצוזעצן קעגן גאָלד־פאַדנס פּיעסן אָבער ווייניקסטן זייִנען זיי ניט שעדלעך, ווייניקסטן האָבן זיי אין זיך פיל ייִדישקייט, אַ מאָל רעיעל פונעם ייִדישן לעבן און אַ מאָל אַלס קאַריקאַטור, אַ מאָל אויס דער ייִדישער היסטאָריע און אַ מאָל גלאַט אַזוי אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז גאַנץ ייִדישלעך, און חוץ דעם האָט אויך די מוזיק אין זייִנע פּיעסעס פיל גוטס“ [20].

אויך דינעזאָן האָט געקוקט אויף גאָלדפאַדנס טעאַטער, וואָס ער האָט געזען אין וואַרשע, פון שטאַנדפּונקט פון זיין ייִדישער טעמאַטיק. ער דער־ציילט, אַז די ניגונים פון זייִנע אָפּערעטעס זייִנען געוואָרן דאָס אייגנס פון דער מאַסע. מען האָט זיי געקענט הערן אויף חתונות, בריתן און סתם שמחות. דער טעאַטער האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַליזירנדיקע ווירקונג אין לעבן פון דער פאַרפוילישטער ייִדישער אינטעליגענץ. דאָס מאַכט נאָך קלאָרער פאַר וואָס האָט די „איזראעליטא“ באַקעמפט גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר.

„צייטנוויז — שרייבט ער — בין איך אפילו גרייט געווען צו גלייבן, אַז ניט די לידלעך זייִנען צוליב דעם טעאַטער אויף דער וועלט געקומען, נאָר דאָס גאַנצע ייִדישע טעאַטער איז צוליב די לידלעך באַשאַפן געוואָרן“.

---

[17] י. ז אַ ק. המליץ, 1888, נ' 102.

[18] „הצפירה“, 1889, 144.

[19] מ ל א כ י, „אגרות פרישמאַן“. 1927, דף קי״ט.

[20] „הויז־פריינד“, 2, 1889, 122—130. די אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט.

מיט יאָרן שפּעטער האָט פרישמאַן אַזוי רעזומירט זיין קוק אויף ג—ן:

„ג—ן ווי ווייט ער איז געווען גרויס אָדער קליין, האָט געשאַפן אַ זאַך, וואָס פאַר אים איז ניט געווען און איצט איז דאָס דאָ. אין דער וועלט געפינען זיך איצט אַן ערך 1000 פערזאָנען, וואָס האָבן פון אים פּרנסה און עס זייִנען דאָ 10.000 מענטשן, וואָס האָבן יעדן אָוונט פון אים הנאה. ער איז אַ שאַפער און איך מוז אים אָפּגעבן כבוד“. (כל כתבי פרישמאַן, 1914, 2, 65).

און ווען מען האָט צוגעמאַכט דאָס ייִדישע טעאַטער און די רעשטלעך פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן ניט עמיגרירט, האָבן זיך פאַרוואַנדלט, ווי דינעזאָן דריקט זיך אויס, אין „נײַע מאָדישע בדחנים״, האָט דער עולם זיך געקוויקט מיט זיי.

„זיי האָבן גענומען דאָס צוגעמאַכטע ייִדיש טעאַטער — דערציילט דינעזאָן — ווי יענער קבצן נעמט צו עפּעס אַ קאַליקע אַ קינד צו גיין מיט אים אין די הייזער. ייִדן האָבן שוין ניט באַדאַרפט גיין אין טעאַטער. דאָס ייִדישע טעאַטער איז שוין אין זייערע הייזער געגאַנגען״. און אין וואַרשע — פאַרענדיקט דינעזאָן זײַנע אינטערעסאַנטע זכרונות — האָט מען אין יעדן ייִדישן הויז געקענט הערן זינגען די טעאַטער־לידלעך און „מיט זיי זיך געקוויקט״ (זכרונות און בילדער 1928, 230—231).

ווי אַ זכר פון יענער גאָלדפאַדענישער תקופה אין וואַרשע איז געבליבן אַ זאַמלונג טעאַטער־לידער, וואָס טאַנצמאַן, דער פאַרטרעטער פון גאָלדפאַדענישן טעאַטער, האָט אַרויסגעגעבן א„ נ „האַצמאַח׳ס קרעמיל פון פערשידענע אַנטיקן. 25 יודישע פאָלקס־ליעדער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרען אין גאָלדפאַדענס יודישען טהעאַטהער״ (וואַרשע, 1891, 88 זייטן).

אין דער הקדמה מאָטיווירט דער אַרויסגעבער זײַן זאַמלונג בזה הלשון (אָרטאָגראַפּיע מאָדערניזירט):

„הערנדיק ווי פיל מענטשן, סיי גרויסע, סיי קליינע, סיי יונגע, סיי ווייבלעך, סיי מיידלעך, וועלכע האָבן געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען און צו הערן דאָס ייִדיש טעאַטער עליו השלום, מוטשען זיך נאָך עד־היום נאָכצוזינגען די שיינע לידער און קופּלעטן, וואָס זיי האָבן געהערט פון די ייִדישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, האָט מיר נישט איין מאָל זייער באַנג געטאָן (פאַרדראָסן) אויף דאָס „געהערטן פּובליקום״, וואָס זי נעמט זייער אָפּט אַ גאַנק, גאַנץ שיינעס ליד און זינגט עס אָבער אַזוי נאָך, אַז דאָס ליד בלייבט נעבעך אָן הענט און אָן פיס, אָן לייב אָן לעבן . . . ״.

דאָס האָט אים גורם געווען אַרויסצוגעבן די זאַמלונג, כדי „דאָס פרומע שניידערל, ווען ער זיצט זיך פאַרלייגט איין פּיסל איבער דאָס אַנדערע און ציט אויס מיט דער נאָדל ד׳עם נאָט, פאַר וואָס זאָל ער ניט אויסציען אויך מיטן גרגרתל דעם טאָן ?״

דער בעל־הקדמה איז מרמז אויף די שלעכטע צייטן פאַר ייִדן און אין אַזעלכע צייטן איז גוט צו פאַרטרייבן די צייט מיט זינגען און האָפן, אַז עס וועלן קומען בעסערע צייטן און דער ייִדישער טעאַטער וועט אויפגעריכט ווערן.

דער אינטערעס פאַר גאָלדפאַדנס טעאַטער איז אָבער אין וואַרשע ניט אָפּגעשטאָרבן. אין 1890 האָט די „איזראעליטא״ איבערגעדרוקט די סעריע אַרטיקלען וואָס איגנאַצי זיסער (1870—1903) האָט פאַרעפנטלעכט אין לעמבערגער אָרגאַן פון דער אַסימילאַציע „אָיטשיזנא״. דער פאַקט פון איבערדרוקן

אַזאַ גרעסערע אַרבעט אין וועלכער זיסער האָט געדעדט מיט גרויס אָפּשיי פאַר גאָלדפאַדענען און זיין פּיאָנערישן אויפטו פאַרן ייִדישן טעאַטער איז גע־ווען אַ בולטער באַווייז, אַז די רעדאַקציע שטימט איין דאָס מאָל מיט זיסערס פּאָזיטיווער באַציִונג צום ייִדישן טעאַטער.

אין די רעצענזיעס, וואָס די דאָזיקע צייטשריפט האָט שפּעטער געדרוקט וועגן די אויפפירונגען פון פאַרשיידענע טרופּעס, וואָס האָבן גאַסטראָלירט אין וואַרשע, זיינען די גאָלדפאַדענישע אויפפירונגען געווען די מאָס, מיט וועלכער מען האָט געמאָסטן דאָס שפּילן פון די ייִדישע טרופּעס.

בעת משה ווייספּעלד האָט געשפּילט אין וואַרשע (אין 1896 און 1897) און האָט אויפגעפירט „שולמית" און „די כישוף־מאַכערין" האָט דער רעצענ־זענט פון דער „איזראַעליטא" פאַרגליכן זיינע אויפפירונגען מיטן אָריגינעלן גאָלדפאַדן־נוסח און איז געקומען צום אויספיר, אַז ווייספּעלדס זיינען אַ סך ערגער. דער עולם — שרייבט ער — ווייכט פון ייִדישן טעאַטער טאַקע צו־ליב דער זעלבער סיבה. עס ליגט אים נאָך אין מויל דער טעם פון דער אמתער „שולמית", וואָס וואַרשע האָט געזען. די אַנדערע פּיעסעס וואָס מען שפּילט, זיינען בכלל שלעכט. זיי האָבן ניט די ייִדיש־ראָמאַנטישע באַפאַר־בונג, וואָס באַרעכטיקט אַן עקסיסטענץ פון אַ טעאַטער אויף ייִדיש.

אַ זייער אינטערעסאַנטן בריוו וועגן ייִדישן טעאַטער האָט פאַרעפנטלעכט הענריק לעוו, אַ ייִדישער פאָלקלאָריסט און פּוילישער איבערזעצער פון פּרצן. ער שרייבט, אַז דער טעאַטער אויף מאָקאָטעוו (ווייספּעלדס טרופּע) איז אונטער יעדער קריטיק. ער ציטירט אַ בריוו פון אַ „געבילדעטן ייִדן", וואָס איז צו־געשיקט געוואָרן צום רעדאַקטאָר פון פּוילישן זשורנאַל „קראַי", אין וועלכן עס ווערט דעבאַטירט די פראַגע פון ייִדישן טעאַטער.

די רעדאַקציע פון „קראַי", אַ ליבעראַלער זשורנאַל, אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג, האָט געענטפערט, אַז עס דאַרף זיין אַ פּרינציפּ ניט אַרויפצווינגען אויף קיינעם אַ שפּראַך אין נאָמען פון וועלכער עס איז אידעע און אַז דער דאָ־זיקער פּרינציפּ דאַרף זיין „הייליק און אומבאַרירלעך", אויך בנוגע ייִדן.

לעוו שטימט איין מיטן דאָזיקן פּרינציפּ. טעאַטער, האַלט ער, איז אַ „קולטורעלע פאַרווײלונג" אומאָפּהענגיק פון דער שפּראַך אין וועלכער מען שפּילט. דערפאַר האָט ייִדיש טעאַטער דאָס רעכט צו עקסיסטירן, אויב ער שטעלט זיך פאַר אַ ציל „ציוויליזירן די מאַסן", וואָס איז ניט דער פאַל מיט ווייספּעלדס טעאַטער [22].

דער שאָטן פון גאָלדפאַדנס באַזוך אין וואַרשע איז משמעות אַ לאַנגע צייט געהאַנגען איבערן ייִדישן טעאַטער און האָט געשטערט די צופעליקע גאַסטראָל־טרופּעס צו קריגן דעם קבלת־פּנים, וואָס גאָלדפאַדן האָט באַקומען בעת זיין באַזוך אין וואַרשע.

---

[21] „איזראַעליטא", 1896, 19 ; 1897, 25 און 28.

[22] דאָרטן 1897, 28.

ווי אַ זייטיקער אָבער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד פון גאָלדפאַדנס באַזוך אין וואַרשע איז אינטערעסאַנט דער ווייטערדיקער פאַקט: בעת זיין באַזוך אין וואַרשע האָט גאָלדפאַדן זיך שטאַרק באַפריינדעט מיטן חזן פון דער „דייטשער“ שול גריצענדלער. דעם דאָזיקן חזנס טאָכטער האָט זיך געגרייט צו אַ קאַריערע פון אַן אָפּערע זינגערין.

אונטער אַ פאַרפוילישטן נאָמען פעליציאַ קאַשאָווסקאַ האָט זי דעביוטירט אין דער וואַרשעווער אָפּערע דעם 18טן מיי 1887 אין מייערבערס „ראָבערט דער טייוול“. גאָלדפאַדן איז געווען צווישן די געסט, איינגעלאַדענע אויף דער פּרעמיערע. זיין חלום איז געווען, אַז די דאָזיקע זינגערין, וואָס האָט גאָר גיך געמאַכט אַ וועלט־קאַריערע, זאָל ווי אַ ייִדישע און דערצו נאָך אַ טאָכטער פון אַ טאַטן אַ חזן זינגען „שולמית“ און ניט קיין „גוישע“ אָפּערעס.

אין דעם אַלבום פון פעליציע גריצענדלער — קאַשאָווסקאַ האָט גאָלדפאַדן אַריינגעשריבן אָט דעם עקספּראָמט:

יעון אייך איז ווירקלעך שוין געלונגען
אַ גוטע שטימע. קענט שיין זינגען.
זינגט אייך אַלע אַריען אויס:
פון שובערט, מענדעלסאָן און שטרויס.
זייער מוזיק איז אַ גאָטס־חידוש;
נאָר — זינגט מיר אויך אַ ביסל „ייִדיש“:
„טאם פאדגורזשע יאוואָר סטאיע“ [24]
קען דאָך זינגען יעדע גויע.
זינגט מיר ייִדישע ניגונים:
יאָ, כאָטש דעם טאַטנס „וכל מאמינים“ [15].

[23] ג ר י ק איז אויף פּויליש קאַשאַ, דערפון דער פּסעוודאָנים.

[24] דאַרף זיין: „טאַם נאַ גורזשע יאַוואָר סטאָי“ — די ערשטע שורה פון אַ פּאָפּולערן פּוילישן פאָלקס־ליד.

[25] פון דעם אַלבאָם, וואָס געפינט זיך אין טעאַטער־מוזיי פון ייִוואָ. שפּעטער האָט גאָלדפאַדן דעם דאָזיקן שיינעם עקספּראָמט איבערגעדרוקט אין „מיניקעס יום־טוב־בלעטער“, ימים־נוראים־ און סוכות־אויסגאַבע פון 1901.

דער זעלביקער נוסח געפינט זיך אין ג—ס לידער־זאַמלבוך, וואָס געפינט זיך אין כתב־יד,ביים אַמאָפּטייל פון ייִוואָ. דאָרט זיינען אָבער די לעצטע צוויי שורות גע־ענדערט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זיינען מרמז אויף דעם חזן ש אָ ר און זיין טאָכטער. ווייזט אויס, אַז ג—ן האָט אויך שאָרס טאָכטער, וואָס איז געווען אַ זינגערין, פאַרשריבן אין אַלבאָם דאָס זעלביקע ליד.

זכרונות וועגן יידישן טעאַטער אין לעמבערג און זיין גרינדער א. גאָלדפאַדן [1]

פון פּראָפ. ד״ר מ א י ר ב אַ ל אַ ב אַ ן

מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק האָט דער אַלטער יידישער טעאַטער אין לעמבערג געשפּילט אויף די חורבות פון דער פעסטונג, אויף דעם הויכן שלאָס־באַרג, אין אַ פּראַכטפולן גאָרטן „צו דער גנבישער סאָראָקע״, אָדער ווי מען האָט אים דאַמאָלסט גערופן אויף דייטש Zur diebischen Elster דאָס איז געווען דער ערשטער אמתער טעאַטער, מיט דעקאָראַציעס, אַקטיאָרן, קאָסטיומען. דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביי די לעמבערגער יידן וואָס זיינען געווען צוגעוואוינט נאָר צו זינגען, (די בראָדער זינגער) אַ גרויסע איבער־ראַשונג און אפילו אַ ווונדער.

אַ יינגל, פלעג איך מיט גרויס הנאה זיך צוהערן צו די לידלעך פון יענע „בראָדער זינגער״ (אַזוי האָט מען זיי גערופן) וואָס פלעגן געבן פאָר־שטעלונגען אין דעם גאָרטן „יאַשאַ־האַנקאַ״, אויף דער מלינאַרסקע גאַס. אַזוי ווי איך האָב אָבער נישט געהאַט די עטלעכע גראָשן אָפּצוצאָלן פאַרן אַריינ־טריט, פלעג איך שטיין לאַנג שטיין הינטער דעם פאַרקן און דורך אַ לעכל קוקן אויף דער עסטראַדע, אויף וועלכער מען האָט געגעבן די פאָרשטעלונג.

מיר, יידישע יינגלעך, דורשטיקע נאָך עסטעטישע איינדרוקן, פלעגן גאַנץ אָפט זיך צעשלאָגן צווישן זיך איבער אַ צוטריט צו אָט אַזאַ שפּאַרע. כּפּעציעל האָבן זיך געשלאָגן די, וואָס האָבן נישט געקאָנט זיך אַרויפדראַפּען אויף דעם גאַנץ הויכן פלויט.

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געטראָגן דער טעאַטער וואָס איז דאָ אָנגעקומען אַרום דעם יאָר 1886..

אין עסטרייך האָט אַ טעאַטער אין יענער צייט געהערט צו די קאָנצע־סיאָנירטע באַשעפטיגונגען. דערפאַר טאַקע האָט געדויערט אַ היפּש שטיקל צייט ביז מען האָט געקאָנט דעם טעאַטער עפענען. די אַקטיאָרן זיינען זיך שוין געווען צוזאַמענגעפאָרן, מען האָט געוואַרט אויף גאָלדפאַדענען אַליין.

ענדלעך האָט מען מיט מזל געפונען דעם וואָס האָט געקענט קריגן די קאָנצעסיע.

דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער חשובער יעקב־בער

[1] געשריבן אין 1933.

גימפּל [2]. אַ מעבל־לאַקירער, אָדער אַ הויז־מאָלער פון פאַך. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געזונגען אין כאָר אין פוילישן טעאַטער, דאָס האָט אים גע־געבן די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס כדי צו קריגן אַ קאָנצעסיע אויף אַ יִדיש־דייטשן טעאַטער אין לעמבערג.

יעקב־בער האָט געהאַט גרויסע מוזיקאַלישע פעִיקייטן. זיינער אַ זון איז געווען אַ לאַנגע צייט דיריגענט אין דעם יִדישן טעאַטער. דריי פון זיינע אייניקלעך זיינען היינט צו טאָג באַרימטע מוזיקער איבער דער גאָרער וועלט, — אָבער מיט טעאַטער (ספּעציעל מיט דראַמע) האָט י. ב. גימפּל געהאַט זייער ווינציק שייכות. פון דעם האָבן אַ סך געהאַט אויסצושטיין די אַקטיאָרן, ווייל ער האָט זיי כסדר געשטערט אין דער אַרבעט.

ווער עס איז דאַמאָלסט געווען דער פּאַקטישער רעזשיסאָר און דירעקטאָר, געדענק איך נישט. אגב האָב איך זיך דאַמאָלסט נישט צו־שטאַרק אָריענ־טירט אין דעם. די פּרימאַדאָנע איז געווען די פרוי טאַנצמאַן. איר מאַן האָט געשפּילט ראָלן פון שדכנים (האַצמאַך) פּאַיאַצן (צינגיטאַנג) אד״גל. דעם ערשטן טענאָר האָט געזונגען טאַבאַטשניקאָוו, דער הויפּט־קאָמיקער (קוני לעמל) איז געווען אַקסלראָד [3].

דער ליבלינג פון דער לעמבערגער אינטעליגענץ (אויף ווי פיל יענע האָט איבערהויפּט באַזוכט י. ב. גימפּלס טעאַטער) איז געווען דער אַקטיאָר שאָר. אַ הויכער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און מיט נאָך אַ גרעסערער גריווע, פלעגט ער שפּילן די ראָלן פון המנען, רוימישע פּראָקוראַטאָרן, (בר־כוכבא) כהנים־גדולים (שולמית) אד׳גל.

ער איז געווען דער איינציקער פון דער גאַנצער טרופּע, וואָס האָט גע־רעדט דייטש און צו דעם נאָך מיט אַ נישקשהדיקן אַקצענט. מיט דעם האָט ער זיך איינגעקויפט ביי די לעמבערגער יִדן, וועלכע זיינען געווען דערצויגן אויף שילערן און „דער נייער פרייער פּרעסע״ און זיי, די היימיש־געבאַקענע דייטשן, האָבן טאַקע געהאַט אַ רעכט צו פאָדערן, אַז מען זאָל אויף דער בינע ריידן דייטש, עס איז דאָך געווען אַ דייטש־יִדישער טעאַטער, נישט אַ נאָר יִדישער.

אויף די גאָר גרויסע אַפישן, וועלכע האָבן זיך שטענדיק אָנגעהייבן מיט די ווערטער Ob schoen, ob Regen. Wenn schoen im Garten, wenn Regen im Saale האָט זיך שטענדיק דאָס טעאַטער באַניצט נאָר מיט דער דייטשער שפּראַך. אין אַ זייט נאָר איז געווען צוגעגעבן אויף יִדיש אָדער אויף העברעיִש דער נאָמען פון דער פּיעסע.

---

[2] געבוירן — 1840 — געשטאָרבן — 1906. גימפּל איז געווען אַ משורר אין דער „דייטשער״ שול אין לעמבערג. זע:

M. BALABAN. Historia lwowskiej synagogi postępowey: Lwów, 1937, 100.

[3] וועגן די אַקטיאָרן זע: זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון יודישן טעאַטער, באַנד 1.

ווי ס'האָבן געזאָגט די אַפּישן. האָט מען טאָקע בשעת דעם פיינעם ווע־טער געשפּילט אין געראַמען פּראַכטפולן גאָרטן; די אַלע ביימער האָבן גע־שאָפן דעם געהעריקן שאָטן. אין אַ סך ערטער האָבן אפילו די אַלטע ביימער פאַרגעשטעלט מיט זיך די בינע.

ווען עס איז אָבער געקומען אַ רעגנדיקער וועטער זיינען די פאָרשטע־לונגען פאַרגעקומען אין אַ גאַנץ קליינעם זאַל.

און אין דעם איז נעבעך באַשטאַנען דאָס אומגליק: עס האָט פּאַסירט, אַז דער הימל איז געווען אַ קלאָרער, דער גאַנצער טעאַטער איז געווען אויס־פאַרקויפט, — מיט אַ מאָל — אַ רעגן! דער עולם נעמט לויפן אין זאַל, די געסט פון די הינטערשטע רייען פאַרנעמען די פּלעצער פון אויבן אָן. פּילן זיך נאַטירלעך די געסט וואָס האָבן באַצאָלט פאַר בילעטן אין די ערשטע רייען געקריוודעט, אַ סך געפינען שוין איבערהויפּט נישט קיין פּלעצער ווו צו זיצן. הייבן זיך אָן קריגערייען. מען קלאָגט זיך אויף דעם יידישן טע־אַטער מיט זיינע פאַראַנדקעס. דער טומל האָט אָפט געדויערט גאַנץ לאַנג. די אַקטיאָרן, ווען עס איז אויסגעקומען אין גרים און קאָסטיומען צו לויפן פון דער בינע אין גאָרטן ביז דער בינע אין זאַל, האָבן אויך נישט אַזוי גיך געקאָנט אָנהייבן אויפס ניי די פאָרשטעלונג. ספּעציעל ווען עס איז אויסגע־קומען אַריבערצוטראָגן דעקאָראַציעס און זיי צוזאַמענקלאַפּן.

די גרעסטע שוועריקייט איז געווען מיט די לאָמפּן, וועלכע מען האָט געדאַרפט אָנצינדן אויף אַ „שנורבאָדן" און פונאַנדערשטעלן אונטער דער ראַמפּע. די לעצטע פונקציע האָט געהערט צו אַן אַרבעטער, אַ האַלבן אידיאָט, וועלכער איז אָבער זייער שטאָלץ געווען מיט זיין אויפטו. מען האָט אים גע־רופן טולי, זיין אמתער נאָמען איז געווען נפתלי אַדלער. ער האָט געשטאַמט פון אַ פיינער משפחה, איז אָבער געווען האַלב משוגע אויף דעם פונקט יידי־שער טעאַטער. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ בעטלער אין טעאַטער, ווו ער האָט געבעטלט אַ פּאָר גראָשן פאַר פיין אויספּוצן די לאָמפּן, וועלכע האָבן אייגנטלעך שטענדיק געקאָפּטשעט. אים האָט אויך געהערט די פונקציע פון אָנצינדן הינטער דער בינע די פייערווערק. יעדער פאָרשטעלונג פון גאָלד־פאַדנס אַ פּיעסע פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט פייערווערק, אַ מאָל אַפילו יעדער אַקט.

אַ שטאַרקן כוח אין יידישן טעאַטער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די בילעטיאָרן, וועלכע האָבן זייער גוט געקאָנט דעם עולם. אַ סך פון זיי זיינען געווען שמשים אין דער אַ ביסל רעפאָרמירטער שול. זיי האָבן געהאַט די געניטקייט פון כאַפּן די „פייגל", וואָס האָבן געוואָלט דאַווענען אָן בילעטן. אָט די געניטקייט האָבן זיי אויסגעניצט אין דעם יידישן טעאַטער, נישט אָפּזאָגנ־דיק זיך אָבער דערביי פון דער מטבע וואָס אַ סך פון די געסט האָבן זיי אַריינגערוקט אין האַנט אָנשטאָט אַ בילעט. זיי האָבן אויך אויפגענומען די

חשובע געסט און אויפן קול אויסגערופן דעם געהעריקן טיטל און דערביי מגזם געווען יענעמס שטאַנד.

אַזוי צום ביישפיל האָט מען אויסגערופן ווען עס האָט זיך באַוויזן אין טעאַטער דער שול־גבאי אָדער פאָרשטייער פון דער קהלה:

Guten Abend, Herr Verwalter; Herr Kaiserlicher Rath;

Ergebener Diener; Herr Vorsteher; Kuess die Hand, Herr Praesident.

גאָר אויסער זיך פלעגן די בילעטיאָרן ווערן ווען אין טעאַטער איז געקומען אַן אָפיצער. עס פלעגן אַגב גאַנץ אָפט קומען אין יידישן טעאַטער עסטרייכישע אָפיצערן. עס האָבן זיי צוגעצויגן די גרויסע אַפישן מיט די אויפשריפטן Deutsch-juedisches Theater געסט פון דעם שטאַנד פלעגט געווײנלעך אויפנעמען י. ב. גימפּל אַליין. די אַקטיאָרן האָבן אויך שטענדיק באַוויזן בשעת דער פאָרשטעלונג אַריינצופלעכטן אָנצוהערעניש צו די allerhoechste Gaeste—die Herren Offiziere sollen leben!

דער יידישער טעאַטער אין לעמבערג האָט אין דעם ערשטן יאָר פון זיין עקסיסטענץ, אין 1886, געהאַט גרויס דערפאָלג. די קאַסע איז כמעט שטענדיק געווען באַלאַגערט, דער טעאַטער — געפאַקט. די אָפּערעטע „שולמית" איז כמעט נישט אַרונטער פון דער בינע במשך פון דער גאַנצער צייט.

אַזוי גיך ווי דער זומער איז פאַרביי און עס איז געקומען דער גרויער רעגנדיקער האַרבסט, איז פשוט אוממעגלעך געוואָרן ווייטער צו שפּילן אין גאָרטן. מען האָט גענומען צוגרייטן דעם „זאַל". דער זאַל איז נעבעך געווען אַ הילצערנע בודע אפילו פיין באַגלאָזט. דערהייצן זי איז אָבער געווען נישט מעגלעך. דער עולם האָט געפרירט, די אַקטיאָרן זיינען אויסגעריסן געוואָרן פון קעלט, ביי די מוזיקאַנטן זיינען די פינגער פאַרשטייפט געוואָרן פון פראָסט. צו די אַלע צרות איז צוצוגיין צום טעאַטער ווינטער אין די גליטשן—געווען אַ געפאַר. מען האָט זיך געדאַרפט דראַפּען אויף אַ משופּעדיקן באַרג. האָבן טאַקע די לעמבערגער יידן אויפגעהערט צו קומען, און מען האָט דעם טעאַטער געשלאָסן ביזן פרילינג, ביז די ערשטע וואַרעמע זון־שטראַלן.

בינו־לבינו האָט דער דירעקטאָר גימפּל פאַרלוירן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל און איז אַריין אין גרויסע חובות. די הונגעריקע אַקטיאָרן און זינגער האָבן נישט געוואָלט ליידן און געדראָאַט צו פאַרלאָזן די טרופּע. אַ סך פון זיי זיינען טאַקע אַוועק קיין רומעניע אָדער אַמעריקע. דער דירעקטאָר איז געצוווּנגען געווען צו זוכן מעצענאַטן וואָס זאָלן שטיצן דעם טעאַטער, זיין אַרטיסטישע אונטערנעמונג. און ער האָט טאַקי גיך געפונען מעצענאַטן „קאַפּיטאַליסטן". זייערע נעמען זיינען געווען: קלמן מינצער און קלמן קאַלב.

קלמן מינצער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ מעבל־געשעפט אויף דעם „טאַנדעטן־פּלאַץ", קלמן קאַלב איז געווען אַ שלאָסער און האָט געהאַט אַ בעקעריי אין זאַמאַרסטינאָווסקער פאָרשטאָט. ער איז געווען דער פאָטער פון צוועלף נישט באַזאָרגטע קינדער. כדי זיי צו „באַזאָרגן" פלעגט

קלמן קאַלב מיטנעמענדיק זיי אין טעאַטער ווו די עלטערע פלעגן קאָנטראָלירן די בילעטן און די ייִנגערע האָבן זיך סתם געפּלאָנטערט אַרום טעאַטער.

ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער טעאַטער אונטער אָט דער „אָנפירונג" קען מען זיך לייכט פאָרשטעלן. יעדער אָוונט פלעגן ביידע „מעצענאַטן" צו־נעמען די קאַסע, צוואַרפנדיק די אַקטיאָרן אַ בייך. עס פלעגן פאָרקומען קריי־גערייען און אָפט מאָל האָט אויך אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דער זיגער איז כמעט שטענדיק געווען קלמן קאַלב — אַ דאַנק זיינע שלאָסערישע הענט.

אָט אַזאַ פּנים האָט געהאַט דער ייִדישער טעאַטער אין לעמבערג ביים סוף פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דעם תּוך האָט געראַ־טעוועט דער אַזוי רייכער רעפּערטואַר פון א. גאָלדפאַדן.

ווי פון אַ שפּרודלענדיקן קוואַל האָבן געברויזט אונטער גאָלדפאַדנס פּעדער איין פּיעסע נאָך דער צווייטער.

וואָס אָבער פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ געקאָנט האָבן, אַז דער טע־אַטער איז געווען אַ הילצערנע נישט באַהייצטע בודע, זיינע מעצענאַטן — מינצער און קאַלב, און מער ווי אַלץ, אַז איבער דעם מחבר, רעזשיסאָר און אַקטיאָרן האָט רעגירט דער „קייזערלעכער און קעניגלעכער צענזאָר", וועל־כער האָט במילא מער געוווּסט און פאַרשטאַנען ווי עפּעס אַ שרייבערל אין רוסלאַנד, אַן אברהם גאָלדפאַדן!

דער צענזאָר איז געווען יצחק־יונה גרינעס, דער זון פון פּסחיה — Patentierter Etatsschullehrer, Translator und Schriftenkenner.

צוויי דאָקומענטן צו גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע

פון נחמן מייזיל

1

גאָלדפאַדנס אַטעסטאַט פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול

דער דאָזיקער דאָקומענט, וואָס געפינט זיך אין טעאַטער־מוזיי פון ייִוואָ, אין ווילנע, איז אין ערגעץ ביז יעצט ניט געוועזן פּובליקירט. דער ייִוואָ האָט דעם רוסישן אָריגינאַל באַקומען פון ש. האָכבערג. די איבערזעצונג ווערט דאָ געבראַכט אות באות.

„אַטעסטאַט.

דער שילער פון דער פּעדאַגאָגישער אָפּטיילונג פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול גאָלדענפאָדים אבראאם, דער זון פון חיים־ליפּאַ, שטאַמט פון מע־שטשאַנעס, 26 יאָר אַלט, האָט געלערנט פון 14טן אָקטאָבער 1857 ביזן 19טן אויגוסט 1866 אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין דער צייט פון דעם לער־נען איז זיין אויפפירונג געווען אויסגעצייכנט, ער האָט אַרויסגעוויזן אין די לימודים אַזעלכע קענטעניש: אין תנ״ך — אויסגעצייכנט, אין משנה און תלמוד — באַפרידנדיק, אין דער ייִדישער געזעצגעבונג — באַפרידנדיק, אין עטיק — גוט, אין ריידנער קונסט („קראַסנאָרעטשיע״) — גוט, אין רוסי־שער שפּראַך און ליטעראַטור — באַפרידנדיק, אין העברעיִשער שפּראַך — אויסגעצייכנט, אין כאַלדעיִשער שפּראַך — גוט, אין דייטשישער שפּראַך — אויסגעצייכנט, אין מאַטעמאַטיק־אַריטמעטיק — באַפרידנדיק, אַלגעברע — באַפרידנדיק, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע — באַפרידנדיק, אין פיזיק און קאָסמאָגראַפיע — באַפרידנדיק, אין געאָגראַפיע: אַלגעמיינע — באַ־פרידנדיק, רוסישע־גוטע: אין געשיכטע: אַלגעמיינע — באַפרידנדיק, רו־סישע — באַפרידנדיק, פון ייִדישן פאָלק — גוט.

דעריבער האָט דער פּעדאַגאָגישער ראַט פון דער שול, לויט דעם זשור־נאַל־באַשלוס פון 19טן אויגוסט 1866, וועלכער איז צונויפגערופן געוואָרן אויפן סמך פון די באַשלוסן וועגן די ראַבינער־שולן קאַפּ. 111, פּונקטן 33 און 34, באַערט אים מיטן נאָמען לערער פון דער ייִדישער רעגי־רונג־שול פון דער ערשטער מדרגה מיט אַלע רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס גילטן פאַר אָט דעם נאָמען. — אין באַשטעטיקונג פון דעם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן גאָלדנפאָדימען אָט דער אַטעסטאַט מיט די געהעריקע אונטערשריפטן און מיטן בייגעלייגטן שטעמפּל.

זשיטאָמיר דעם 23סטן סעפּטעמבער 1866. דעם אָריגינאַל האָט אונטער־געשריבן דער דירעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול סטאַטסקי־סאָוועטניק (ציווילער בעל־יועץ) און קאַוואַליער ק. פּאַוולאָווסקי, דער לערער פון רוסישער ליטעראַטור — וו. לאַפּידעווסקי, דער לערער פון אַריטמעטיק — מ. טשיזשעווסקי, דער לערער פון דער רוסישער שפּראַך — א. ביעלאָקאָנאָוו, דער לערער — גאָטלאָבער [1], דער לערער פון געשיכטע — ק. זאַר־זשעווסקי, דער לערער פון מאַטעמאַטיק — אָ. שומסקי. אינספּעקטאָר — ז. סלאָנימסקי [2], דער הויפּט־נאַדזיראַטעל (הויפּט־אויפזעער) ז. מישלאַיעוו־סקי, דער לערער — ח. נ. לערנער [3], דער לערער — ד. גאבעל ,דער לערער — א. באקסט, דער לערער — ל. צווייפעל [4]".

2

נאַטאַריעלער אָפּמאַך צווישן א. גאָלדפאַדן און דעם אַרטיסט גראַדנער

פּאַר אונדז ליגט אַן אָפיציעלער נאָטאַריעלער אָפּמאַך, וואָס איז גע־שלאָסן געוואָרן דורך א. גאָלדפאַדן מיט דעם באַוווסטן ייִדישן אַרטיסט ישראל גראָדנער אין אָדעס דעם 25סטן אויגוסט 1879. אָט דער אָפּמאַך האָט אַ גרויסע באַדייטונג. עס איז אַ דאָקומענט, אונטערגעשריבן פון א. גאָלדפאַדן און י. גראָדנער. ער באַציט זיך צו די ערשטע יאָרן פונעם ייִדישן טעאַטער, און ער באַווייזט קלאָר די פּאַרהעלטעניש, וואָס האָבן שוין דעמאָלט זיך איינ־געשטעלט אין די הינטער־קוליסן פון ייִדישן טעאַטער.

עס איז געווען אויפן דריטן יאָר פון דער גרינדונג פונעם ייִדישן טע־אַטער אין יאַסי (די ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס א. גאָלדפאַדן האָט אָרגאַני־זירט, איז פאָרגעקומען אָנהייב אָקטאָבער 1876). אין לויף פון די ערשטע צוויי־דריי יאָר איז דאָס ייִדישע טעאַטער מיט אַ מאָל אויפגעוואַקסן און גע־וואָרן אַ פּאָפּולערער אַרטיקל. דער ערפאָלג פון א. גאָלדפאַדנס אונטערנע־מונג האָט זייער גיך אַרויסגערופן נאָכמאַכערס, קאָנקורענטן. אָנגעהויבן זייַנע פאָרשטעלונגען מיט צוויי אַקטיאָרן ישראל גראָדנער און שכר גאָלד־שטיין, איז גאָלדפאַדנס טרופּע אין עטלעכע חדשים אַרום זיך פונאַנדערגע־וואַקסן אין אַ גאַנצן אַנסאַמבל. בעיקר איז דער פונאַנדערוווקס פאָרגעקומען

[1] אברהם בער גאָטלאָבער (1811—1899), באַוווסטער העברעיִש־ייִדישער שרייבער. לערער אין דער ראַבינער־שול פון 1865 ביז 1873 (ביזן פאַרמאַכן די ראַבינער־שול).

[2] חיים־זעליק סלאָנימסקי (1810—1904), באַוואוסטער געלערנטער און רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון „הצפירה". באַשטימט אין 1862 נאָכן טויט פון י. אייכענבוים ווי דער אינספּעקטאָר, איז ער געווען דאָרט ביז 1873.

[3]) חיים־צבי לערנער (1815—1899) לערער פון העברעיִש זינט 1851. מחבר פון „מורה הלשון" און אַנדערע גראַמאַטישע ווערק.

[4] אליעזר־צבי צווייפעל (1815—1888), באַוואוסטער געלערנטער, מחבר פון „שלום על ישראל" און אַנדערע ווערק. לערער פון תלמוד אין דער ראַבינער־שול זינט 1853.

אין בוקאַרעשט, ווו גאָלדפאַדן האָט צוגעצויגן די משוררים פונעם באַקאַנטן חזן קופער־זעליג מאָגולעסקאָ, לייזער צוקערמאַן, משה זילבערמאַן, שמחה דינמאַן (דילמאַן — ביים עולם). מאָגולעסקאָ רוקט זיך גיך אַרויס ווי אַ טאַ־לענטפולער אַקטיאָר, ער הייבט אָן שטאַרק אויסנעמען און צווישן גראָדנער און אים הייבן זיך אָן סכסוכים, די באַקאַנטע שנאָה־קנאָה צווישן יִדישע אַקטיאָרן. ישראל גראָדנער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע ביים גרינדן דעם יִדישן טעאַטער אין יאַסי, ווו גאָלדפאַדן האָט אים דעמאָלט געטראָפן אַרויסטרעטן עפנטלעך מיט לידער פאַר אַן עולם. אים האָט עס גאָלדפאַדן צוגעצויגן ביים לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דעם יִדישן טעאַטער.

וועגן גראָדנערן דערציילט גאָלדפאַדן (אין זיינע זכרונות וועגן די ערשטע שריט פון זיין טעאַטער):

„דער טאַלאַנטפולער גראָדנער האָט אויסער זיינע קינסטלערישע פעיִקייטן באַזעסן דעם אונטערנעמונגס־גייסט, דעם מוט און די ענערגיע, מיט וועלכע אייגנשאַפטן עס צייכענען זיך אויס אַלע ליטוואַקעס. ווערענד אַנדערע זיינען געפאָרן אין קליינע שטעטלעך און האָבן געזונגען אין אַ געוויינלעכער שטוב אָדער אין אַ קיך, אָדער אין אַ שענק, פלעגט ער שוין קומען אין גרויסע שטעט, אָפּזוכן אַ גרויסן לאָקאַל, מאַכן אַן עסטראַדע, אויסשטעלן נומערירטע בענקלעך און דרוקן קליינע אַפישלעך, וועלכע האָבן געטראָגן דעם קורצן נאָר קלינגענדיקן אינהאַלט: אַז ער זינגט די בעסטע לידער פון די באַליבטסטע פאָלקס־דיכטער אליקום צונזער, וועלוול זבאַרזשער, לינעצקי און מיינע אאַ"ור".

און אָט דער פּראַקטישער און ענערגישער גראָדנער, וועלכער האָט גע־שפּילט אין אַ ריי פּיעסעס ביי א. גאָלדפאַדן, — ווען ער איז געקומען מיט אים אין אַ סכסוך צוליב אַרטיסטישע אַמביציעס — האָט ער זיך פאַרשאַפן אַ טרופּע, צוגענומען ביי גאָלדפאַדענען אַ פּאָר אַרטיסטן און אָנגעהויבן זעלבסט־שטענדיק צו שפּילן אין יאַסי גאָלדפאַדנס רעפּערטואַר. גראָדנער ציט דערנאָך צו יאָזעף לאַטיינערן ווי אַ דראַמאַטורג, ער פאָרט אַרום איבער רומעניע; אין זומער 1878 פאַראייניקט ער זיך מיט „פּראָפ." הורוויץ און שפּילט אין בוקאַ־רעשט. די סכסוכים צווישן גראָדנערן און הורוויצן צעברעכן די טרופּע. וואַנדערט גראָדנער אַרום מיט זיין פרוי אויף קאָנצערטן, שפּאַרט אָן אַזש ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון וואַנעט ער פאָרט קיין אָדעס און קומט ווידער אָן צו גאָלדפאַדענען.

אָנגעלערנט שטאַרק פון דער דערפאַרונג, אַז גראָדנער קאָן גלייך אַוועק און אויסנוצן דעם רעפּערטואַר, שליסט גאָלדפאַדן אָט דעם נאָטאַריעלן אָפּ־מאַך מיט גראָדנערן, אַן אָפּמאַך מיט אַזוי פיל באַוואָרענישן און פאַרהיטונגס־פּונקטן.

מיר ברענגען דאָ דעם נאָטאַריעלן אָפּמאַך אין אַן אות־באות־איבערזע־צונג פון רוסיש. דעם דאָקומענט האָבן מיר אויך באַקומען ביים אויבן דער־

מאָנטן ש. האָכבערג. דער אָפּמאַך איז אַריבער אין רשות פון טעאַטער־מוזיי א״נ פון א. ר. קאַמינסקא ביים ייִוואָ אין ווילנע:

„אָדעסא דעם 25סטן אויגוסט 1879. —

ישראל, דער זון פון דוד, גאָראָדנער, מאָהילעווער בירגער[5], האָט גע־געבן די נאָטאַריעלע אונטערשריפט דעם מחבר פון די ייִדישע דראַמאַטישע פּיעסעס, דעם אַנטרעפּרעניאָר פון ייִדישן טעאַטער אַבראַאַם גאָלדפאַדן.

1. איך, גאָראָדנער, ווי אַן אַקטיאָר פון די ייִדישע טעאַטערס, אָנערקען די פון א. גאָלדפאַדן פאַרפאַסטע פּיעסעס אויף דעם ייִדישן זשאַרגאָן, דהיינו: „ברײַנדל קאָזאַק״, „קאָלדוניאַ״ (די כישופמאַכערין — נ. מ.), „ני־בע ני־מע ני־קוקעריקו״, „שמענדריק״, „שטומע כלה״, „רעקרוטן״, „טאָדרעס דוי, טאָדרע בלאָז״, „באָבע און אייניקל״, „שוועבעלעך״, „קאַטאַר״ און אַנדערע, — די פּיעסעס, וואָס זיינען שוין פון אים פאַרפאַסט געוואָרן און ווי אויך די, וואָס קאָנען פון אים פאַרעפנטלעכט ווערן — ווי דאָס פולע ליטעראַריש־טעאַטראַלע אייגנטום פון אים, גאָלדפאַדענען און איך זאָג זיך דערמיט אָפּ פון די רעכט (אין רוסישן „לישאיוס פּראַוואָ״ — נ. מ.) נישט נאָר פון אויפצופירן וועלכע נישט איז פון די אויסגערעכנטע פּיעסעס אויף דער בינע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד אונטער מיין נאָמען אָדער אונטערן נאָמען פון גאָלדפאַדענען, נאָר אויך אונטער אַן אַנדער נאָמען, — נאָר אויך נישט אַרויסצונעמען עפּעס וואָס (פון זיי) פאַר די פּיעסעס, וואָס קאָנען דורך מיר פאַרפאַסט ווערן;

2. נעמענדיק אַן אָנטייל אין די פאָרשטעלונגען אויף דער סצענע, אונטער דער דירעקציע פון גאָלדפאַדן, זאָג איך זיך אָפּ אין דער איצטיקער צייט און אין דער צוקונפט ווו עס זאָל נישט זיין פון די רעכט עפּעס וואָס צוצוגעבן צו די פּראַזעס אין זיינע ווערק, נאָך מיין אייגענעם איינזען, אָדער זיך אויסדריקן מיט ווערטער, וואָס גייען אַרויס פון די גרענעצן פון זיינע ווערק;

3. איך זאָג זיך אָפּ צו נעמען אַן אָנטייל אין פאָרשטעלונגען, וואָס קאָנען געגעבן ווערן דורך אַנדערע פּערזאָנען אויף דער ייִדישער שפּראַך, אין וועלכע ס'וועלן באַמערקט ווערן פּראַזעס פון גאָלדפאַדנס ווערק;

4. איך בין זיך מתחייב נישט צו נעמען קיין אָנטייל אין פאָרשטעלונגען פון ייִדישע פּיעסעס אויף דער סצענע, וועלכע וועלן געגעבן ווערן אין די שטעט, ווו ס'וועט געבן פאָרשטעלונגען די טרופּע פון ה. גאָלדפאַדן;

5. איך באַשטעטיק דערמיט, אַז ביז אַהער איז דורך מיר נישט פאַר־פאַסט געוואָרן און נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן קיין שום ייִדישע פּיעסע כדי אויפצופירן זי אויף דער טעאַטער־סצענע, אַ חוץ עטלעכע איבערזעצונגען;

אין פאַל, אויב איך וועל ברעכן וואָסער ס'איז פּונקט פון מיין דאָזיקער פאַרפליכטונג, בין איך, אויסער דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר גאָלדפאַדענען

[5] ס'איז וויכטיק די פעסטשטעלונג פון נאָמען: גאָראָדנער און נישט גראָזנער, ווי עס פיגורירט אין אַ סך ערטער. ביי ז. זילבערשטיין אין „לעקסיקאָן״ איז אַפילו אַ פראַגע, צי איז זיין נאָמען ראָזנפעלד.

לויטן אַרטיקל 684 פון טייל 1 און סט. אוסט, צענז., מחויב אויסצוצאָלן אים 500 רובל שטראָף פאַר יעדן פאַל פון עובר זיין אַ פּונקט; ביז יענער צייט קאָן גאָלדפאַדן ביים באַמערקן דאָס עובר זיין אויף אַ פּונקט גלייך צוטרעטן אויפן געזעצלעכן אופן צו אַרעסטירן צוליב דער פאַרזיכערונג פון זיין תביעה, אַלע טעאַטראַלע באַוועגלעכקייטן און די קאַסע פון יענעם טעאַטער, אין וועלכן זיין ווערק וועט אויפגעפירט ווערן, — וואָס ס'וועט באַוויזן ווערן דורך עדות, על־פּי דעם אַרטיקל 409 פון סטאַטוט פון ציווילער געריכט־פאַרהאַנדלונגען.

געחתמעט — איזראַיל דאַווידאָוו גאָראָדנער, דעם 25טן אויגוסט 1879, אָדעס, באַשטעטיקט דורך דעם אָדעסער נאָטאַר אַבראַם באָרזשאַנסקי, נומ׳ 2762. — גאָראָדנער וווינט אין אָדעס אויף יעקאַטערינסקאַ, אין דעם כער־סאָנער האָטעל״.



גאָלדפאַדן אויפן טויטן־בעט.

גאָלדפאַדן אין פּאַריז

פון ז. שייקאָווסקי

1

אין אָקטאָבער 1889 איז גאָלדפאַדן אָנגעקומען פון לאָנדאָן קיין פּאַריז, און דעם 28סטן דעצעמבער איז שוין פאָרגעקומען די ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג, רעזשיסירט פון אים גופא. מען האָט געשפּילט „נס חנוכה"[1].

וועגן גאָלדפאַדענען האָט די פּאַריזער פּרעסע געשריבן נאָך איידער ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז. דאָס איז געווען אין שייכות מיט די פאָר־שטעלונגען פון דער „רוסיש־יידישער דראַמע און אָפּערעטע־געזעלשאַפט", וואָס איז געווען אָנגעפירט פון לייזער יאַקובאָוויטש און קעמפּנער. די דאָ־זיקע טרופּע האָט געשפּילט אין עטלעכע לענדער, אויך אין ענגלאַנד און איז פון דאָרטן געקומען קיין פּאַריז, אין דעצעמבער 1888.

דאָס לענגערע שפּילן אין ענגלאַנד האָט געהאַט אַזאַ השפּעה אויף די שפּילערס, אַז די פראַנצייזישע צייטונג „לע טאַן" האָט אין אַ רעצענזיע באַ־מערקט, אַז זיי ריידן יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט[2].

על פּי די באַריכטן פון דער פּרעסע האָט די טרופּע געשפּילט אָט די פּיעסעס: „דער בעל־תשובה" (פון שמר), „דער מאַמעס טעכטערל" (פון לאַטיינער), „די יידישקע" (פון סקריב, איבערגעזעצט פון י. לערנער), „רשי" (פון קאַצענעלבויגען), „צוויי קוני־לעמעלס" (פון א. גאָלדפאַדן), „אינטרי־גאַנט" און אַנדערע.

צווישן די אַקטיאָרן זיינען געווען די פרוי פון דעם אַדמיניסטראַטאָר קעמפּנער, ליבמאַן, פיינבערג, פישמאַן, אַלעקסאַנדער מאַגידזאָן און זיין פרוי איידאַ, יאַקובאָוויטש און זיין פרוי. עס איז כדאי צו ציטירן דעם אַפיש פון די ערשטע צוויי פאָרשטעלונגען פון דער טרופּע[3].

„די רוסיש־יידישע דראַמע און אָפּערעטן־געזעלשאַפט, וועלכע מיט דעם גרעסטן ערפאָלג געשפּילט האָבן אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, אונ־גאַרן, רומעניע אונד ענגלאַנד, ווערדן צום ערשטן מאָל אויפטרעטן אין פּאַ־

[1] דאָס איז די פּיעסע „יהודה המכבי". „אַרשיוו איזראַעליט", 16 יאַנואַר 1890. זי איז געשפּילט געוואָרן צום דריטן מאָל א"נ „יהודה המכבי" דעם 11 יאַנואַר 1890. זע פּ נ ק ס ניו־יאָרק, 1, 266.

[2] „לע טאַן" פון 9טן פעברואַר, 1889.

[3] „אוניווער איזראַעליט" פון 16טן יאַנואַר 1889. די אָרטאָגראַפיע — מאָדערניזירט.

ריז שבת דעם 29־טן דעצעמבער 1889 צו וועלכע געלעגנהייט עס וועט גע־שפּילט ווערדן דער בעל־תשובה, דראַמע אין 5 אַקטן מיט געזענגע פון שיי־קעוויטש און דינסטיק דעם 1־טן יאַנואַר ווירד געשפּילט ווערדן „דער מאַ־מעס טעכטערס״' קאָמישע אָפּערעטע אין 4 אַקטן מיט טענץ פון לאַטיינער. שבת פאַר דער רעפּרעזענטאַסיאָן ווירד די גאַנצע געזעלשאַפט אויפטרעטן און דאָס געהערטע פּובליקום מיט איין ווילקאָמען כאָר באַגריסן. די פּרייזע זינד פאַן 2 פראַנק, 1 פראַנק און 50 סאַנטים. בילעטן צו באַקומען צו יעדער צייט אין דער אַבאָנאָמענטן־קאַפּע [4]. ערעפענונג דער קאַסע 7 אוהר, אָנפאַנג 8 אוהר. אַדמיניסטראַטאָר — קעמפּנער. רעזשיסאָר — יאַקובאָוויטש״.

אין שייכות מיט דער אויפפירונג פון „רשי״ (דעם 26סטן יאַנואַר 1889) האָט די צייטשריפט „אַרשיוו איזראַעליט״ געשריבן (דעם 31טן יאַנואַר, 1889), אַז דער מחבר פון דער דראַמע א. גאָלדפאַדן איז זייער באַרימט אין רוסלאַנד. אַז די דראַמע האָט פּאַרפּאַסט ניט גאָלדפאַדן, איז אַ באַקאַנטע זאַך. עס איז אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס סיי די פּרעסע און סיי דער עולם האָבן די מחברשאַפט פון אַ ייִדישער פּיעסע אידענטיפיצירט מיט גאָלדפאַדנס נאָמען. גאָלדפאַדן איז געווען צו יענער צייט אַזוי פּאָפּולער אין פראַנקרייך, אַז עס האָט זיך געמאָלדן אַ רומענישער ייִד, אַ געוויסער לולו וואַלעסקו און האָט מודיע געווען, אַז ער האָט בדעה איבערצוזעצן גאָלדפאַדנס ווערק אויף פראַנצייזיש [5].

די ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען האָבן אַרויסגערופן אין פּאַריז אַן אמתע סענסאַציע.

דער באַרימטער אַנטיסעמיט עדואַרד דרימאָן איז געקומען צוזאַמען מיט פיר פריינד זיינע אָנקוקן די פאָרשטעלונג פון קאַצענעלבאָגענס „רשי״. דאָס איז געווען דעם 26סטן יאַנואַר 1889. אין דער צייטונג „לע טאַן״ איז געווען געדרוקט אַ גרעסערער אַרטיקל וועגן דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. געשריבן האָט דעם דאָזיקן אַרטיקל ניט דער שטענדיקער טעאַטער־רעצענזענט פון דער צייטונג, נאָר לערו, דער וועכנטלעכער כראָניקער, וואָס האָט געפירט די רובריק „לאַ ווי דע פּאַרי״ (דאָס לעבן אין פּאַריז). לערו שרייבט אַז עס האָבן אים שאָקירט די קאָסטיומען פון די צייטן פון לואי דעם 14טן, וואָס מען האָט געטראָגן צוזאַמען מיט מאָדערנע קליידער אין דער זעלביקער פאָרשטעלונג. ער איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן פון דעם ייִדישן פאָלקס־טעאַטער און האָט פאַרענדיקט זיין אַרטיקל מיט די ווערטער:

„איך רוף אַלע טעאַטער־ליבהאָבער צו גיין זען די פּאָפּולערע פאָרשטע־לונגען, בתנאי, פאַרשטייט זיך, אַז זיי זאָלן ניט שאָקירט ווערן פון דער אַריס־טאָקראַטישער געוואַגטקייט, וואָס הערשט דאָ ביים שפּילן״.

[4] אויף „רי דע־ברעטאַן״, 49. שפּעטער האָט די טרופּע געשפּילט אויף „רי־ראָשעשאַר״ און אין זאַל „ערמיטאַזש״ אויף „רי זשיסע״.

[5] „לע טאַן״ פון 9טן פעברואַר, 1889.

ווער זיינען געווען די באַזוכערס פון דעם ייִדישן טעאַטער אין פאַריז אין יענער צייט? בעיקר די ייִדישע אָרעמקייט פון די עמיגראַנטישע קרייזן. די אָרעמקייט איז דעמאָלסט געווען אַזוי גרויס צווישן די ייִדישע עמיגראַנטן, אַז ניט אַלע האָבן זיך געקענט דערלויבן צו וווינען אין באַקוועמע הייזער און קנאַפּע טויזנט ייִדישע עמיגראַנטן האָבן געוווינט אין באַראַקן פון ברעטער, בלעך און פּאַפּיר[6].

פאַר זיי איז אַ ייִדישע פאָרשטעלונג געווען אַ גרויסער יום־טוב. לערוו שרייבט, אַז מ'האָט געזען אַזוי פיל נויט צווישן די באַזוכערס אויף דער פאָר־שטעלונג, אַז דער עולם האָט אויף אים געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ „טרויע־ריקן קאַרנאַוואַל".

„עס זיינען דאָ ניט געווען קיין אַנדערע, נאָר פאָלקס־מענטשן אין אַרבעטער־קליידער, אַ גרויסע צאָל פרויען מיט בלויזע קעפּ, מיט זייערע קינדער אויף די קני".

דער „אַרשיוו איזראַעליט", האָט געשריבן (דעם 31סטן יאַנואַר 1889), אַז „דאָס גאַנצע ייִדישע פוילן, פון האָטעל דע וויל ביז מאַנמאַרטער האָט זיך דאָ געמאַכט אַ ראַנדע־ווו, אַ געמישטע קאָלעקציע פון טיפּן פון הענדלער מיט היטלען, מיט אָראַנזשען, אַ מאַרק פון אַלטוואַרג".

די פאָרשטעלונגען זיינען געווען רעקלאַמירט דורכן פאַרטיילן פלוג־בלעטלעך פאַר די שולן[7]. דער דערפאָלג איז, ווייזט אויס, געווען אַ גרויסער, ווייל דער זאַל אויף „רי דע־ברעטאַן", וווּ עס זיינען פאָרגעקומען די ערשטע פאָרשטעלונגען איז געוואָרן צו קליין און מען האָט געמוזט דערפאַר דינגען אַ גרעסערן זאַל אויף „רי ראָשעשואַר"[8].

„אַפילו קריסטן האָבן אָנגעהויבן קענען דעם וועג צו דעם זאַל" — שרייבט דער „אוניווער איזראַעליט" — און קומען אָנקוקן ייִדיש טעאַטער[9].

2

וואָס פאַר אַ באַציִונג האָבן געהאַט די פראַנצייזישע ייִדן צום ייִדישן טעאַטער?

די פראַנצייזישע ייִדן האָבן שטאָלצירט מיט זייער אינטערעס פאַר טעאַטער בכלל און מיט דער ראָלע פון ייִדן אין פראַנצייזישן טעאַטער בפרט.

„גייט אין טעאַטער — שרייבט דער „אַרשיוו איזראַעליט" (24סטן יאַנואַר 1889) וועט איר טרעפן צווישן עולם אַ נישקשהדיקן פראָצענט ייִדן. באַקוקט דעם אַפיש, וועלן זיך אייך וואַרפן אין די אויגן נעמען פון ייִדישע אַר־

[6] זע מיין אַרטיקל: „אַ ייִדיש דאָרף אין אַמאָליקן פאַריזש", געדרוקט אין „פראַ־טערניטע", נומ' 9, 1939.

[7] „אוניווער איזראַעליט", 1טן יאַנואַר, 1889.

[8] דאָרטן, 16טן יאַנואַר, 1889.

[9] דאָרטן, 16טן פעברואַר, 1889.

טיסטן. עס איז ניט זעלטן, אַז די מחברים פון דעם פּאַרווײַלנדיקן וואָדעוויל אָדער פון דער טרויעריקער דראַמע, וואָס מען פירט אויף — זײַנען אונדזערע מיטגלייבערס. אויב עס איז אַ פּיעסע מיט מוזיק, אַן אָפּערע אָדער אַן אָפּע־רעטע — טאָ אינספּעקטירט די רייען און אָרקעסטער און עס וועט ניט זײַן פּאַר אייך קיין שום איבערראַשונג צו זען דאָרטן סעמיטישע פּנימער. דורכ־גייענדיק פּאַרן קאָנטראָל־ביוראָ האָט איר אפשר ניט באַמערקט, אַז דעם בילעט האָט אייך געגעבן אונדזערער אַ מיטגלייבער. אַ ייִדישע פּרוי העלפט אייך אָפּט אויסטאָן דעם מאַנטל און צום סוף, — שטייגנדיק העכער, וועט מען אָפּט טרעפן אין שפּיץ אַ ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר".

אַזוי האָט די צייטונג פון דער ייִדישער אַסימילאַציע אין פראַנקרייך זיך באַרימט מיט דער טעאַטער־קולטור פון די פראַנצייזישע ייִדן.

ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אַ ייִדישע טרופּע קומט צו פאָרן קיין פּאַריז, האָבן די פראַנצייזיש־ייִדישע צייטונגען אָנגעהויבן שרייבן אין אַ נעגאַטיוון טאָן קעגן אַ טעאַטער אויף ייִדיש בכלל און קעגן דער ייִדישער שפּראַך בפרט.

ייִדיש איז פּאַר די דאָזיקע צייטשריפטן געווען „אַן איבערבלייבעכץ פון די באַרבאַרישע צייטן", און ממילא האָבן זיי געקוקט קרום אויף אַ טעאַטער, גע־שפּילט אין דער דאָזיקער שפּראַך.

חוץ דעם, איז די פראַנצייזישע ייִדן געווען לחלוטין פרעמד דער לעבן־שטייגער פון די אײַנגעוואַנדערטע ייִדן.

„בלויז אין אַ פּוילישן קאָפּ קאָן אַנטשטיין דער געדאַנק אויפצופירן „רשי" אויף דער בינע" — האָט געשריבן דער „אַרשיוו איזראַעליט", דעם 31סטן יאַנואַר 1889.

וועגן דער פּיעסע, „די ייִדישקע", וואָס איז אָריגינעל אָנגעשריבן גע־וואָרן אויף פראַנצייזיש, האָט דער „אוניווער איזראַעליט" געשריבן דעם 1טן מאַרץ 1889, אַז דאָס איז גאַנץ פּשוט די אָפּערעס פון סקריב און הלוי, אָבער אָן דער מוזיק, ווי מען שפּילט עס אָפּט אין אַ סך טעאַטערס אויף דער פּראָ־ווינץ. אָבער שפּילן אַ ליברעטאָ, מיינט אײַנהאַלטן דעם טעמפּאָ פון דער אַק־ציע. מען האָט צוליב דעם ספּעציעלן עולם געמוזט מאַכן אַ פּאָר שנויים. מ'האָט אַרויסגענומען די טעאָלאָגישע וויכוחים צווישן אליעזרן און דעם קאַרדי־נאַל, פון וועמען מען האָט אין לעצטן אַקט געמאַכט אַ רענעגאַט. אין סוף פון דער פּיעסע וואַרפט זיך רחל אין די פלאַמען מיטן געשריי: „שמע ישראל".

די פראַנצייזישע ייִדן האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס עס ווערט אין דער פּיעסע אַזוי פיל גערעדט וועגן דעם ייִדישן עבר און וועגן דער ייִדישער אמונה.

דער רעדאַקטאָר פון „אַרשיוו איזראַעליט" שרייבט וועגן דער אויפ־פירונג, אַז די „רעליגיעזע מנהגים פון אונדזער אמונה שפּילן אַ גרויסע, אַ צו

גרויסע ראָלע אין די דאָזיקע בונטע פּיעסעס און מע צעקאָלעטשעט אַ שפּאָר ביסל העברעיִשע ווערטער" (24סטן יאַנואַר, 1889).

אַלע צייטשריפטן לויבן אָבער זייער שטאַרק דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן.

ווען גאָלדפאַדן איז אָנגעקומען קיין פּאַריז איז שוין דער ייִדישער טעאַטער געווען אָנערקענט, ווי אַ קינסטלערישע דערשיינונג, מצד אַלע ייִדיש-פראַנצייזישע צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך סוף-כל-סוף געמוזט אינטערעסירן מיט אים מער ווי די פראַנצייזישע פּרעסע. גאָלדפאַדנס פּאָפּולערקייט איז געווען צו מערקן אין די נאָטיצן וועגן אים. ווען ער איז געקומען, האָט ער אָרגאַניזירט אַ טרופּע אונטערן נאָמען: „ייִדיש-רוסישער דראַמאַטישער קלוב". (Club Dramatique Israelite Russe)

אין די פאָרשטעלונגען האָבן גענומען אָן אָנטייל: ראָזענטאַל, נאַדאָלסקאָ מיט דער פרוי, גאָלדשמידט, פריילין שאַלוטאַ, קאַצמאַן, שאַרמאַנג א"אַ [10]. וועגן גאָלדפאַדענען גופא האָט דער „אַרשיוו איזראַעליט" געשריבן (דעם 16טן יאַנואַר 1890), אַז ער „טוט אַ סך פאַר דער ייִדישער זאַך און שוין דערפאַר פאַרדינט ער, אַז דער פּאַריזער עולם זאָל אים שטיצן".

ניט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן אָפּטימיזם, וואָס גאָלדפאַדן האָט געהאַט בנוגע זיין טעאַטער-אונטערנעמונג אין פּאַריז, האָט זיך אָבער זייער גיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עמיגראַנטישער ישוב איז צו קליין כדי אַ טעאַטער זאָל קענען עקסיסטירן.

אַ קורצע צייט האָט זיך „געדרייט גראָד אַ פראַנק אין קעשענע", ווי ער שרייבט אין אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן, אָבער ניט אויף לאַנג. די אויפטועץ פון גאָלדפאַדענען האָט דער „אוניווער איזראַעליט" מיט צוויי יאָר שפּעטער כאַראַקטעריזירט אויף אַזאַ אופן:

גאָלדפאַדן איז „אַ מין קליינמאָלער, מחבר און אַקטיאָר, וואָס זיינע פּיעסעס שטעלן פאָר טייל מאָל היסטאָרישע פאַקטן אָדער לעגענדאַרע, טייל מאָל סצענעס פון אינעווייניקסטן ייִדישן לעבן. ער איז אַ שרייבער מיט פאַנטאַזיע, וואָס עס האָט אפשר אים געפעלט בלויז אַ ביסל קולטור בכדי צו ווערן, אויב ניט אַ קאָרנעי (Cornelle) אָדער אַ שעקספּיר, איז כאָטש אַ מחבר מיט פאַרדינסטן און ריינעם געשמאַק. ווי עס זאָל ניט זיין, לאָמיר האָפן, אַז דער נייער טעאַטער, וואָס וועט אים געבן אַקטיאָרן נאָך דער גרויס נאָך פון זיין טאַלאַנט, וועט האָבן מער מזל און אַ לענגערן קיום ווי די פריערדיקע [11].

אין אָקטאָבער 1890 האָט גאָלדפאַדן פאַרלאָזן פּאַריז און אַוועקגעפאָרן קיין גאַליציע.

[10] אין זיין אַרבעט: עטיודן צו דער געשיכטע פון איינגעוואַנדערטן ייִדישן ישוב אין פראַנקרייך, 1, פּאַריז, 1936, ז' 138, גיט דער מחבר אַן אַנדער רשימה פון גאָלדפאַדנס טרופּע — ד י ר ע ד אַ ק צ י ע.

[11] „אוניווער איזראַעליט", פון 16טן פעברואַר, 1892.

קיין פּאַריז האָבן זיך אָפּט אָראָפּגעכאַפּט אויף גאַסטראָלן אויסלענדישע טעאַטער־טרופּעס. אַזוי, למשל, האָט פון 7טן ביזן 10טן נאָוועמבער 1891 אַן אַמעריקאַנער טרופּע געשפּילט אין אַ זאַל אויף „רי קאָנדאָרסיע". די דאָזיקע טרופּע האָט זיך פאַראייניקט מיט אַ פּאַריזער גרופּע פון ייִדישע אַקטיאָרן און געשאַפן אַ „טעאַטער־פאַראייניקונג פון ייִדישע אַמאַטאָרן אין פּאַריז", (Union Theatrale des Amateurs Israelites, Paris.)

די טרופּע האָט געשפּילט: „שולמית", „אסתר פון ענגענדין אָדער דער פאַלשער משיח", „מכירת יוסף", „בר־כוכבא", „ראָבערט דער טייוול אָדער דער אשמדאי", די „קאָרטן־שפּילער"[12].

אין דער פראַנצייזישער פּרעסע האָט מען צו יענער צייט אַ סך געשריבן וועגן דער ייִדן־פראַגע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער גרויסער אַנטי־סעמיטישער קאַמפּאַניע אין פראַנקרייך און מען געפינט אויך אָפּקלאַנגען וועגן ייִדישן טעאַטער אין פּאַריז, וואַרעמע אָפּרופן אַזוי גוט ווי אַנטיסעמיטישע אָפּשפּאָטונגען.

די צייטונג „לע זשור" (18טן דעצעמבער 1892) האָט אין אַן אַרטיקל וועגן דער מזרח־איראָפּעיִשער באַפעלקערונג אין פּאַריז געשריבן, אַז מיט אַ צייט צוריק האָבן די ייִדישע עמיגראַנטן „געמאַכט אַן אינטערעסאַנטן קינסט־לערישן פּרוּוו". זיי האָבן געשאַפן אַ טעאַטער, „וואָס האָט באַדאַרפט שפּילן בלויז העברעיִשע(!) פּיעסעס אין אַ פאַרדרייטן דיאַלעקט, וואָס זי (די באַ־פעלקערונג) רעדט. דער פּרוּוו האָט געדויערט עטלעכע טעג און האָט זיך ניט איינגעגעבן. ער וועט אָבער פאַרבלייבן ווי אַ גלענצנדערביישפּיל פון איניציאַטיוו ביי מענטשן, וועמען מ'האָט מיט רעכט געקענט האַלטן פאַר פרעמדע אין קינסטלערישע ענינים".

אַן אַנדער צייטונג, ספּעציעל פאַר טעאַטער־פראַגעס, האָט שטאַרק אויס־געלאַכט אַ פאָרשטעלונג פון „יהודה המכבי" און באַזונדערס די מוזיק, וואָס איז, על־פּי דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם רעצענזעט, געשריבן געוואָרן פון אַ „פאַרקאַטערטן וואַגנער".

„אין פראַנקרייך איז פאַראַן נאָר איין קונסט: די פראַנצייזישע — שרייבט דער קריטיקער.

דערביי אינפאָרמירט דער קריטיקער, אַז די ייִדישע פאָרשטעלונגען זייַ־נען אַ מין קעגן־סם קעגן די קריסטלעכע מיסיאָנערן, וואָס אַרבעטן צווישן די איינגעוואַנדערטע ייִדן. עס איז שווער אויסצוגעפינען ווי פיל אמת איז פאַראַן אין אַזאַ מיינונג[13].

אויך די צייטונג „פיגאַראָ" האָט אַרונטערגעריסן די ייִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען, וואָס עס האָבן געגעבן פאַרשיידענע צופעליק צוזאַמענגע־

[12] דאָרטן, 16טן פעברואַר און 1טן מאַרץ, 1892.

[13] ל ע אָ ד׳ ה אָ מ פּ אָ ל אין „רעווי ד'אַר דראַמאַטיק", 30טן מאַרץ און 6טן אַפּריל, 1895.

שטעלטע טרופּעס פון האַלב־פּראָפעסיאָנאַלן און האַלב־אַמאַטאָרן אין 1893, 1895 און אַזוי ווייטער. אין רעפּערטואַר פון די דאָזיקע צופעליקע פאָרשטע־לונגען האָט גאָלדפאַדנס שאַפונג געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. באַזונדערס אָפּט זיינען געשפּילט געוואָרן „שולמית" און „בר־כוכבא". אַזעלכע טרופּעס פלעגן שפּילן יעדער פאָר חדשים, אָבער ניט אויף לאַנג. צו קליין איז געווען די צאָל יידישע עמיגראַנטן, אַז אַ יידישער טעאַטער זאָל זיך קענען עטאַבלירן אין דער הויפּט־שטאָט פון פראַנקרייך.

3

אין אָקטאָבער 1897 האָט גאָלדפאַדן זיך נאָך אַ מאָל באַזעצט אין פּאַריז. געקומען איז ער אין שייכות מיט דער פּאַריזער וועלט־אויסשטעלונג און גע־האַפט צו שאַפן אַ פּערמאַנענטן יידישן טעאַטער. די פּלענער זיינען אָבער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. גאָלדפאַדן און זיין פרוי לעבן זיך אָפּגע־זונדערט פון דער וועלט. זיין איינציקע הכנסה איז די „אַווטאָרסקע", וואָס ער און זיינע גוטע פריינד, באַזונדערס דינעזאָן אין וואַרשע, באַמיען זיך אויסצובעטלען.

אין פּאַריז ווערט גאָלדפאַדן זייער אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַ־וועגונג. ער האָט געקענט פּערזענלעך די ווירקטיקסטע פירערס פון ציוניזם און האָט געשריבן אַ סך אַרטיקלען און מיטגעטיילט וועגן אינטערוויוס מיט אָט די ציוניסטישע פירערס אין ניו־יאָרקער „יידישע גאַזעטן".

גאָלדפאַדענען האָט מען אפילו געשיקט פון פּאַריז פאַר אַ דעלעגאַט אויפן 4טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן פון 13טן ביז 16טן אויגוסט 1900.

גאָלדפאַדן איז אָפּט אַרויסגעטראָטן אויף אָוונטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „מבשרת ציון", וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גאַס זשאַרדען־סען־פּאָל, נומער 35. ער האָט דאָרט אַליין געזונגען זיינע לידער אָדער אַקאָמ־פּאַנירט אויף דער פּיאַנאָ, ווען אַנדערע האָבן געזונגען זיינע לידער. דאָרט האָט גאָלדפאַדן זיך באַקאַנט מיטן ציוניסטישן טוער ח. כהן, וואָס האָט געהאַט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס. דאָרט האָט ער זיך אויך באַגעגנט מיט ד"ר מאַקס נאָרדוי און ד"ר א. מאַרמאָרעק. צום שטאַרקסטן האָט אָבער אויף גאָלדפאַדענען געווירקט דער אייגבינדער זיידע וואָלף, אַ רומענישער ייד, וואָס האָט דעם „רבין" — ווי ער האָט גערופן גאָלדפאַדענען — אויסגענוצט פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין פּאַריז. זיידע וואָלף איז געווען אַן אַלטער ציוניסטישער טוער און פּאַריז. פון פאַך איז ער געווען אַן אייגבינדער. יונגערהייט נאָך האָט ער אין רומעניע, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, זיך אויס־געלערנט שפּילן פידל און אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן ציוניסטישע שירים.

אָט וואָס עס דערציילט מיר זיידע וואָלף גופא וועגן זיין באַגעגעניש מיט גאָלדפאַדענען:

„אײן מאָל האָב איך באַקומען אײנצובינדן גאָלדפאַדנס װערק, װאָס כ׳האָב נאָך ביז דאַמאָלסט ניט געהאַט געלײענט. כ׳האָב דעריבער אויסגע־נוצט די געלעגנהײט און אײן פאַרלויף פון אײן נאַכט האָב איך דורכגעלײענט גאָלדפאַדנס װערק, װאָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט גאָלדפאַדן געדאַרפט אַרויסטרעטן אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון „מבשרת ציון”. כ׳בין געװען דער ערשטער אין זאַל און גע־װאַרט, אַז גאָלדפאַדן זאָל קומען. מאַכט זיך אָבער, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג. גיך בין איך צוגעלאָפן צו גאָלדפאַדענען, אים פאַרשטופּט אין אַ װינקל און געזאָגט: „איר קענט נאָך קריגן אַ קלאַפּ, כ׳װעל אײך פאַרטײדיקן” און צום עולם, װאָס האָט זיך געשלאָגן און געקריגט, האָב איך אויסגעשריען: דרך־ארץ פאַרן רבין! גאָלדפאַדן שעמט זיך מיט אײך!” מײנע װערטער האָבן געהאָלפן, דער עולם האָט זיך אײנגעשטילט און גאָלד־פאַדן איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע עפּעס פאָרצולײענען. כ׳בין גע־שטאַנען לעבן גאָלדפאַדענען און איאם צוגעלויכטן מיט אַ לאָמפּ אין האַנט. גאָלדפאַדן האָט געמישט די בלעטלעך פון בוך, װאָס כ׳האָב מיט עטלעכע טעג צוריק ערשט געהאַט אײנגעבונדן און האָט געפרעגט זיך אַלײן הויך אויפן קול: „װאָס זאָל איך לײענען?” כ׳בין געװאָרן דרײסט און אָנגערופן דעם נאָמען פון אַ ליד, אפילו דעם נומער פון זײטל, װוּ דאָס ליד האָט זיך גע־פונען האָב איך אָנגערופן. גאָלדפאַדן האָט מיר שאַרף אָנגעקוקט און טאַקע פאָרגעלײענט דאָס ליד, װאָס כ׳האָב אָנגערופן”.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך צװישן רבין און דעם אײנבינדער פאַרבונדן אַ פרײנטשאַפט, װאָס איז קײן מאָל ניט איבערגעריסן געװאָרן. זײדע װאָלף איז געװאָרן גאָלדפאַדנס „פינאַנץ־מיניסטער” אין פּאַריז, שפּעטער איז ער אפילו געפאָרן צום „רבין” עטלעכע מאָל קײן אַמעריקע.

אין „מבשרת ציון” איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און זײדע װאָלף האָט אָנהײב 1900 געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע „בחורי־ציון”. פאַרשטײ־ענדיק, אַז גאָלדפאַדנס נאָמען קען צוציען צו דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אַ סך מיטגלידער, האָט זײדע װאָלף געמאַכט גאָלדפאַדענען פאַרן ערן־פּרעזי־דענט פון „בחורי־ציון”, זיך אַלײן פאַרן פּרעזידענט און פאַרן װיצע־פּרעזי־דענט זײן לאַנדסמאַן בן־ציון יודקאָװיטשי, װאָס איז נאָר װאָס געװען צוריקגע־קומען פון פּאַלעסטינע. גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן אַלץ אָפטער צו קומען אויף ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. זײדע װאָלף האָט געװוּסט װי אַזוי אונטער־צוקומען דעם „רבין”, װאָס האָט אַ לאַנגע צײט געלעבט דאָ אין שװערע באַ־דינגונגען. פאַרן „רבינס” אַן אַרויסטריט אויף אַן אונטערנעמונג האָט ער געפאָדערט אַ „װײן־בלעטעל” (הונדערט פראַנק). גאָלדפאַדן גופא האָט קײן מאָל ניט געװאָלט אַרויסטרעטן אָן װיסן פון זײן „פינאַנץ־מיניסטער”. װען מ׳האָט אָנגעהויבן צו קלערן װעגן שיקן פון פּאַריז דעלעגאַטן אויפן 4טן ציוניס־טישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן, האָט גאָלדפאַדן געבעטן זײדע װאָלפן, אַז מען

זאָל אים אויך שיקן ווי אַ דעלעגאַט. גאָלדפאַדן האָט געגלויבט, אַז אין לאָנדאָן וועט מען פאַר אים איינאָרדענען באַנקעטן און ער וועט פון דאָרט צוריק־קומען מיט אַ ביסל געלט. ער האָט טאַקע ניט געהאַט קיין טעות. געלט אויף רייזע־הוצאות פאַר גאָלדפאַדענען האָט צונויפגעזאַמלט זיידע וואָלף, וואָס איז אויך געפאָרן ווי אַ דעלעגאַט צום קאָנגרעס. צוריקגעקומען פון לאָנדאָן איז גאָלדפאַדן מיט עטלעכע צענדליק פונט אין קעשענע און מיט מתנות. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אין פּאַריז מיט אַ שטעקן מיט אַ זילבערן הענטל, וואָס ער האָט באַקומען אַ מתנה פון די ציוניסטישע דעלעגאַטן אין לאָנדאָן.

גאָלדפאַדן האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שאַפן אַ שטענדיק ייִדיש טעאַטער אין פּאַריז, אַ פּלאַן מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן זינט ער איז אָנגעקומען קיין פּאַריז. ער האָט אָנגעהויבן פון צונויפזאַמלען אַבאָנענטן אויף בילעטן. ער האָט ביים עולם ניט געבעטן קיין געלט פאָרויס, נאָר בלויז זייערע אַדרעסן, כדי זיי צו קענען צושיקן בילעטן אַהיים, באַצאָלן וועלן זיי ביי דער קאַסע אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג. ס'האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן. גאָלדפאַדן האָט געשטעלט דאָ איין מאָל זיין פּיעסע „שולמית“ און דערלייגט געלט צו דער פאָרשטעלונג. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַר־ביטערטער און זיך געקלאָגט אויף פּאַריז.

מיט די ייִדישע אַרבעטער־קרייזן האָט גאָלדפאַדן זיך אין גאַנצן ניט צע־נויפגעטראָפן. בערל בינעם מאַריינו, אַ פּיאָנער פון ייִדישן אַרבעטער־טע־אַטער אין פּאַריז, דערציילט וועגן זיינער אַ באַגעגעניש מיט גאָלדפאַדענען. צוזאַמען מיט בעריש אונטערמאַן, אויך אַ פּאַריזער תושב, אַ בונדיסט, איז ער אַוועק אין פרידמאַנס בוכהאַנדלונג אויף „רי דע־ראָזיע“ זוכן די פּיעסע „דער אַמעריקאַנער“. געווען איז עס אין יאָר 1903. אין דער בוכהאַנדלונג איז פונקט געזעסן א. גאָלדפאַדן, וועמען בערל בינעם און בעריש אונטערמאַן האָבן נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געזען. גאָלדפאַדן האָט זיך געוווּנדערט: „איר קענט מיך ניט?“ האָט ער זיי געפרעגט און דערוויסנדיק זיך, אַז אין פּאַריז שפּילט מען ייִדיש אַרבעטער־טעאַטער, האָט ער צוגעגעבן: „איר שפּילט שוין אויף אַ מאָדערנעם אופן“.

בעריש אונטערמאַן דערציילט מיר: „מיר האָבן דרך־ארץ געהאַט פאַר גאָלדפאַדענען, אָבער ניט מער. אונדז, די נאָר וואָס אָנגעקומענע רעוואָלו־ציאָנערע ייִדישע עמיגראַנטן, זיינען פרעמד געווען גאָלדפאַדנס ווערק און די ציוניסטישע קרייזן, ווו גאָלדפאַדן איז אַריינגעקומען אין פּאַריז“.

הוספה איינס

צוויי פראַגמענטן פון קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון א. גאָלדפאַדן.

1) א ו י פ ר ו ף .

דיא חברה „בחורי ציון“, פּאַריז

עהרען פּרעזידענט הערר א. גאָלדפאַדען

גיבט יעצט צום 2טען מאָהל איין איבעראַשענדען אונד העכסט אַמוזאַנטען קאָנצערט אונד באַל

שבת אָבענד דעם 19טען מאַי סאַלאָן עדען די טעמפּעל

Salon de l'Eden du Temple, 49 rue de Bretagne

ליעבע ברידער אונד שװעסטער! איהר זענט שוין איבערצייגט װי אַזוי איהר האָט זיך אַמוזירט אויף דעם ערשטען באַל. — מיר פערזיכערען אייך יעצט דאָפּפּעלט זיך צו אַמוזירען אונד איהר װעט פּאַרגעניגען האָבען ביי דעם יעצטיגען קאָנצערט פון דיא פיעלע ציוניסטישע ליעדער אונד אינ־טערעסאַנטע פּאַרטרעגע װאָס װעללען באַפינדען פון דילעטאַנטן דער חברה בחורי־ציון אונטער דער לייטונג פון אונזער האָכװירדיגען עהרן־פּרעזידענט ה׳ א. גאָלדפאַדען.

דאהער אַפּעלירען מיר צו אַללע אונזערע ברידער בכלל און ציוניסטען בפרט אונז קאָנקורס צו געבען אונד מיט צו העלפען קעמפּפען פיר דער הייליקע אידעע װאָס מיר שטרעבען אונטער דער לייטונג פון אונזערע פיהרער דעס ציוניזמוס: ד״ר טה. הערצל, ד״ר מאַקס נאָרדוי, ד״ר אל. מאַרמאָרעק און אַלע אַנדערע תבוא עליהם ברכת ד׳ מציון!

ע ר ש ט ע פּ ר אָ ג ר אַ ם.

1) אַ רעדע איבער ציוניזמוס װיצ־פּרעז. ה׳ יודקעװיטש. 2) דאָס איז אַ יודעניו, געזינגען פון ה. מאַקס ראָזענטהאַל פערפאַסט פון א. גאָלד־פאַדען. 3) „בן ציון״ שלאָף־לידער געזינגען פון מאַדאַם װאָלף פערפאַסט פון ז. װאָלף. 4) איבער ערציהונג פון דיא יודישע קינדער אַ רעדע פון פריילין ראָזענטהאַל. 5) „מיר זאָללען דאָס דערלעבען״ ליעד געזינגען פון דעם פּרעזידענט ה׳ װאָלף פערפאַסט פון איהם זעלבסט. 6) „די פערבלאָנדזשעטע שיף״ װעט דעקלאַמירן פריילין ראָזענטהאַל פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדן. 7) „כּנען מיין טהייער הייליג לאַנד״ ליעד געזינגען פון ה. מאַקס פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען. 8) „דאָס ביימעלע״ ליעד געזינגען פון מאַדאַם װאָלף פערפאַסט פון א. גאָלדפאַדען. 9) „על נהרת בבל״ פון װיצע־פּרעז׳ ה׳ יוד־קעװיטש. 10) „איך בין אַ ציוניסט״ געזינגען פון פּרעזידענט זיידע װאָלף פערפאַסט פון אים זעלבסט.

ביז 12 אוהר קאָנצערט — ביז 2 אוהר באַל

אַנטרעע 50 סענטים מיט ציונס גערוסס

דאָס קאָמיטע״.

צ װ י י ט ע פּ ר אָ ג ר אַ ם.[14]

1) אָנשפּראַכע פון ה׳ פּרעזידענט.

2) דעקלאַמאַציאָן פון א. גאָלדפאַדען.

---

[14] אין דער זעלבער פּראָגראַם איז אָפּגעדרוקט גאָלדפאַדנס „מיין הייליק לאַנד״ און זיידע װאָלפס „איך בין אַ ציוניסט״.

(3 „איך בין אַ ציוניסט" — אַ ליעד פּערפאָסט פון ר' וואָלף געזינגען מיט קאָהר דורך מאַדאַם אהרונוואַלד.

(4 דיא פייערליכע עהרנבעצייגונג דען געהערטען ה' דר. מאַרמאָרעק פון דער חברה בחורי־ציון פון ה' א. גאָלדפאַדען.

10 מינוטען פויזע.

(5 אַנשפּראַכע פון פריילין ראָזענטהאַל.

(6 מיין הייליג לאַנד — פּערפאָסט פון א. גאָלדפאַדען געזינגען פון ה. מאַקס.

(7 יענקעלע געהט אין שול אַריין פון א. גאָלדפאַדען געזינגען פון ה' ליבלינג.

5 מינוטען פויזע.

(8 דעקלאַמאַציאָן פון פריילין ראָזענטהאַל.

(9 „בן ציונס שלאָפליעד" פּערפאָסט פון ה' וואָלף געזינגען פון מאַדאַם וואָלף.

(10 שיר המעלות (תהילים קאַפּ' קכ"ו) פון א. גאָלדפאַדען געזינגען פון ה' מאַקס.

טאַנץ."

הוספה צוויי

סטאַטוטן פאַר דער חברה בחורי־ציון

וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן באַם אויטאָר אונד קאָמפּאָזיטאָר א. גאָלדפאַדן אין פּאַריז אים יאַרע 1900 [15].

אַ ר ט י ק ל 1.

פּ. 1. די חברה טראָגט דעם נאָמען „בחורי־ציון" בפּאַריז.

אַ ר ט י ק ל 2.

די צוועקע דער חברה:

1) צו שטיצן מיט ניצלעכע ביכער און צייטונגען ווי אויך מאַנכמאָל מיט אַ געלט־סומע די אָרימע יִדישע אַרבעטער־קינדער אין די קאָלאָניעס פון פּאַלעסטינע, וועלכנס עלטערן זיינען ניט אים שטאַנדע זיי צו געבן איינע סיסטעמאַטישע קולטור־בילדונג אין דער העברעאישער שפּראַכע און דער יִדישער געשיכטע.

2) צו גרינדן אין פּאַריז איינע אָבענד־שולע, אין וועלכער עס ווירד יעדע נאַכט (אויסער פייערטאָגע) געלערנט ווערן גראַטיס די העברעאישע

[15] דער אָריגינאַל פון די סטאַטוטן געפינט זיך אין די זאַמלונגען פון אַמאָפּטייל. אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט.

שפּראַכע און די געשיכטע דער יודן מיט אָרמע אַרבעטער־קינדער און אויך ערוואַקסענע מענטשן פון די רוסיש־רומעניש־גאַליציאַנישע עמיגראַנטן.

אַרטיקל 3.

די מאַטעריעלע און גייסטיקע מיטל צו די צוועקע:

פּ. 1. דער אויטאָר און קאָמפּאָזיטאָר ה׳ אברהם גאָלדפאַדן שטעלט צו די צוועקע צו פערפיגונג גראטיס.

1) זיינע אַלע געדרוקטע העברעאישע ווערקע.

2) אַלע זיינע מוזיקאַליש־דראַמאַטישע ווערקע צו מאַכן דיליטאַנטן פאָרשטעלונגען, וועלכער בעטראַג זאָל געהערן צו דער געזעלשאַפט.

3) צו פערפאַסן נייע לידער, קאָנצערטע, לערנען דעקלאַמאַציאָן אונד מימיק, ווי אויך רעזשיסירן די בינע אין דער נאַכט דער דיליטאַנטן־פאָרשטעלונג.

4) לערנען די העברעאישע שפּראַכע און די ייִדישע געשיכטע.

5) אין מאַנכע אָבענדע אַן־פערזאָן־פאָרטראַגן, פאָרלעזן וויכטיקע געלערטע אַרטיקלען פון ציוניסטישע צייטונגע.

6) אנגאַזשירט אויך אַנדערע לערער, וועלכע זאָלן מיטהעלפן צו דעם צוועק.

7) באַציט פיר דער געזעלשאַפט אַלע ייִדישע צייטונגען אויף זיינער רעכענונג.

8) ה׳ גאָלדפאַדן וועט זיך באַשטרעבן אַרויסצוגעבן אַ פעריאָדיש ייִדיש צייטונגס־בלאַט, וואָס וועט באַהאַנדלען מייסטנס די אינטערעסן דער חברה, און 5 פּראָצענט פון דעם פּראָפיט גיבט ער וועק דער געזעלשאַפט.

אַרטיקל 4.

פּ. 1. וועגן דער לייטונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון טייל, אויך דער אָרדענונג באַשטימט ה׳ גאָלדפאַדן. איין אַקציאָנס־קאָמיטע, וועלכעס באַשטייט אויס פאָלגנדע גלידער:

1) פּאָרזיצענדע אָדער פּרעזידענט;

2) צוויי וויצע־פּרעזידענטן;

3) צוויי סעקרעטערע: פּראָטאָקאָלירענדער און פינאַנס־סעקרעטאָר;

4) איין קאַסיר;

5) איין קאָנטראָלער;

6) 2 קאָמיסערע;

7) איין אינספּעקטאָר איבער דער אָבענדשולע אונד ביבליאָטעק;

8) איין רעזשיסער ביי אייגענער פאָרשטעלונג אונד קאָנצערט.

אָנמערקונג: אין קאָמיטע קענען אויך פרויען אָנגענאָמען ווערדן.

אַ ר ט י ק ל 5.

פליכטן אונד רעכטע פאָם קאָמיטע.

פּ. 1. — צו פאַרוואַלטן און לייטן די אַדמיניסטראַציאָן;

פּ. 2. — איינפירן ביכער און פאַרצייכענען די אויסגאַבן און איינקינפטע;

פּ. 3. — אויפנאַמע נייע מיטגלידער און קינדער אין דער שולע;

פּ. 4. — באַשטימען אונד אַראַנזשירן אונטערהאַלטונגס־אַבענדע, יעדאָך ניכט אָנע צושטימונג דעס ערנפרעזידענטן;

פּ. 5. — פירן די שטרענגסטע אָרדענונג;

פּ. 6. — ווען איין מיטגליד ווינטשט עטוואָס, דעקלאַמירן, ריידן אָדער פאַרזינגען, מוז ער שריפטלעך פאָרויס מעלדן דעס קאָמיטע אין קורצן דעם אינהאַלט, איבער וועלכן ער ווירד באַהאַנדלען. דאָס קאָמיטע צוזאַמען מיט דעם ערנפרעזידענט מוז אַלעס צענזורירן, עס זאָל נישט ענטהאַלטן: קיינע פּאָליטיק, קיינע אויפרעגנדע מיינונגען אָדער אוממאָראַלישע אויסדריקע — אין פאַל אנגענאָמען — לאָסט דאָס קאָמיטע איינטראַגן אין פּראָטאָקאָל און עס ווירד איבערגעגעבן דען פּרעזידענטן, וועלכער פערטיילט יעדן דאָס וואָרט נאָך דער אָרדענונג.

אָנמערקונג: עס קען נור געשפּראָכן און געזונגען ווערן אין דער פראַנצייזישער אונד העברעאישער שפּראַכן. פיר עמיגראַנטן, די ביידע שפּראַכן ניכט פאַרשטייען, דאַרף געשפּראָכן ווערן אין יִדישע פאָלקס־שפּראַכע (זשאַרגאָן).

פּ. 7. — ווען דער פּרעזידענט האָט איינגעזען יעמאנדן צו רעפּוזירן דאָס וואָרט, האָט דער באַטרעפענדע קיין רעכט צו פּראָטעסטירן און דאַרף געהאָרכן.

פּ. 8. — ווען דער פּרעזידענט רופט צוויי מאָל צור אָרדענונג און איין מעמבער געהאָרכט ניט, האָט ער דאָס רעכט צו בעטן דאָס קאָמיטע, עס זאָל באַפעלן דעם אָנגעהאָרזאַמען דאָס לאָקאַל צו פערלאָסן.

פּ. 9. — דער פּרעזידענט אונד דאָס קאָמיטע האָט רעכט אויפצונעמען אָדער נישט אויפצונעמען איין גאַסט, ווען זיי האָבן אַ פאַרדאַכט אויף זיין אוממאָראַלישער אויפפירונג.

פּ. 10. — דער פּרעזידענט האָט דאָס רעכט צוזאַמענרופען איינע פאַר־זאַמלונג צו יעדער צייט, ווען ער געפינט עס פיר נייטיק.

פּ. 11. — אים מאָנאַט יאַנואַר פינדעט שטאַנד איינע זשענעראַל־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס ווערט ערקלערט ווערדן פיר אַלע דער צושטאַנד פון דער חברה. בירטאָן פאַרזאַמלונג פינדעט שטאַט צוויי מאָל אים מאָנאַט, שבת אָבענדס.

פּ. 12. — דער פּרעזידענט מוז פאַר ניי־יאָר צושיקן אין פּרעפעקטור אָ באַלאַנס רעכנונג פון דעם קאַסע־באַשטאַנד און פון מאָראַלישן צושטאַנד

דער חברה. דער פּרעזידענט מוז באַנאַכטריכטיקן אויף דער פּרעפעקטור פון יעדע נייע פאַראָרדענונגען וואָס עס קומט פאָר ביי דער חברה.

פּ. 13. — דער קאַסיר קען האַלטן ביי זיך ניט מער פון 50 פראַנק פיר קליינע אויסגאַבן, די איבריגע סומע מוז אַריינגעלייגט ווערן אין דער שטאַטס־שפּאָר־קאַסע (Caisse d'Epargne) אויף דעם נאָמען דער חברה, פון דריי מעמבערס פונם קאָמיטע מיט דעם זיגל פונם פּרעזידענטן. דאָס ביכליין ליגט ביים פּרעזידענט.

פּ. 14. — אום אַרויסצונעמען איינע סומע פון דער שפּאַרקאַסע, מוזן אַלע דריי מעמבערס זיך שטאַטפּינדן.

פּ. 15. — דער פינאַנס־סעקרעטער מוז האָבן אַ טשעקבוך, ווען מאַן ברויכט אויסגאַבן, שרייבט מען אויף דעם קאַסיר איין טשעק פון דער סומע (מיט בוכשטאַבן) און אויך פון דעם געגנשטאַנד. דער פּרעזידענט מוז דעם זיגל לייגן אויף דעם טשעק.

פּ. 16. — דער קאַסיר מוז אַלע טשעקס אויפבעוואָרן און פאָרצייגן ביי דער קאָנטראָלע.

אַרטיקל 6.

רעכטע און פפליכטן פון די מעמבערס.

פּ. 1. — יעדער נייער גאַסט מוז איינגעפירט ווערן אין דער חברה דורך איין אַלטעס מיטגליד, וועלכער דאַרף פאָרגעשטעלט ווערן צום קאָ־מיטעט און דעם פּרעזידענטן.

פּ. 2. — דער נייע איינגעפירטע גאַסט דאַרף ביים איינטריט עטוואָס ביישטייערן מיט געלט ביים אויפגענומען ווערן אַלס מעמבער.

פּ. 3. — דער אויפגענאָמענע מעמבער מוז איינצאָלן איינטריט־געלט 2 פראַנק און 1 פראַנק פּער מאָנאַט. אַרבעטער צאָלן די העלפטע, איינע אָרמע אָבער האָנעטע פּערזאָן ווירד גראַטיס אויפגענאָמען לויט באַשטימונג פון קאָמיטע.

אָנמערקונג: ווען איין מיטגליד אין פאַרלויף פון איין יאָר האָט מיט זיינער בראָווער אויפפירונג אונד גייסטיקע פעאיקייטן געוואָרן די גייסט פון דער געזעלשאַפט אונד עס האָט אים איין נאָטפאַל געטראָפן אין מאַטעריעלער אָדער פיזישער הינזיכט, דאַרף ער געשטיצט ווערן פאָן דער געזעלשאַפט לויט דער הינזיכט פון דעם קאָמיטע.

פּ. 4. — מאַן און פרוי קענעןביידע אַלס איינפאַכע מיטגלידער אויפ־גענומען ווערדן, יעדאָך איין אַמט אָדער פונקציאָן אין דער געזעלשאַפט קאָן נאָר איינע פּערזאָן פאָן ביידע בעקליידן.

פּ. 5. — איין מעמבער האָט נור דאַן רעכט צו וואָטירן אָדער שטימען אויסערן וועגן די אָנגעלעגנהייטן דער געזעלשאַפט, ווען 6 מאָנאַטע האָט אָפּ־געלאָפן זינט פאָם טאָגע זיינער אויפנאַמע.

פּ. 6. — די מעמבער דער בירא זיינען פאַרפליכטעט צו קאָמען אויף יעדער פאַרזאַמלונג צו באַטראַכטן די אינטערעסע פון דער חברה און מיט־העלפן צו פירן די אָרדענונג ביי יעדער פאַרזאַמלונג און אָבענד־אונטער־האַלטונגען.

פּ. 7. — יעדעס אַקטיווע מיטגליד האָט רעכט צו לערנען, צו לעזן אין דער ביבליאָטעק ביכער און צייטונג, צו דעקלאַמירן, זינגען אָדער ריידן פון דער יידישער געשיכטע און אָנטייל נעמען אין דעליטאַנטן־פאָרשטעלונגען.

פּ. 8. — יעדעס מיטגליד ביים איינטריט אָבענדס אין לאָקאַל מוז טראָגן דאָס צייכן פון דער געזעלשאַפט אָדער צייגן זיין אַנטרע־ביכליין.

אָנמערקונג: יעדעס מעמבער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דער חברה אָדער די חברה האָט אים אַנטזאָגט, קען ניט פאָדערן דאָס געלט צוריק, וואָס ער האָט איינגעצאָלט.

פּ. 9. — ווען איין מעמבער אָדער איין קינד פון דער אָבענד־[שול] וועט אין פאַרלויף פון איין יאָר גוטע פאָרטשריטע מאַכן אים לערנען דער העברעאישן שפּראַכע אונד דער יידישן געשיכטע אָדער אים זינגען אָדער אין איינער דיליטאַנטן־פאָרשטעלונג, ווי אויך אין זיינער בראַווער אויפפירונג, בעקאָמט איינע אויסצייכנונג פאָן דער געזעלשאַפט — איין אַרמעס מעמבער אָדער קינד באַקאָמט אויך אויסער דער אויסצייכנונג איינע געלט־סומע.

פּ 10. — דיזע אויסצייכנונגען לויט באַשטימונג פאָם קאָמיטע וויר דן פייערלעך איבערגערייכט פון דעם פּרעזידענטן אין דעם אָבענד פאָן דעם יאָרעס־באַנקעט דער געזעלשאַפט.

אַ ר ט י ק ל 7.

פּ. 1. — אין פאַל ווען מאַן וויל איבערמאַכן די סטאַטוטן, מוז מען אבערמאלס בעטן איינע אויטאָריזאַציאָן אין דער פּרעפעקטור לויט אַרטיקל 290 אין שטראָף־קאָדעקס געצייכנט.

פּ. 2. — ווען די חברה ווינטשט פאַראַנשטאַלטן איין קאָנצערט אָדער טאַנץ־אָבענד אָדער איינע דיליטאַנטן־פאָרשטעלונג, ווו עס ווערן אויך פּרעמדע פּערזאָנען איינגעלאַדן, מוז דער פּרעזידענט מעלדן דער פּרעפעקטור.

פּ. 3. — דער פּרעזידענט מאַכט באַקאַנט אויף דער פּרעפעקטור דעם פאַליס מיט 3 טאָגע פריער פאַר יעדער פאַרזאַמלונג: דעם דאַטום אויך דעם כאַראַקטער פון דער פאַרזאַמלונג; די אויטאָריזאַציאָן פון דער געזעלשאַפט קאָן צו יעדער צייט צוריקגעצויגן ווערן אונד ביי דער ערשטער רעקוויזיציאָן פון דער רעגירונג מוז זי זאָפאָרט אויפגעלייזט ווערן.

אַ ר ט י ק ל 8.

פּ. 1. — אין פאַל פאָן אבלעבן דעס אויטאָרס אונד גרינדערס דער געזעלשאַפט ה' גאָלדפאַדן מוז די געזעלשאַפט אָן זיינער שטעלע ווילן אַלס ערן־פּרעזידענט איינעם פאָן די פאַריזער ראַבינער.

פּ. 2. — אין פאַל ווען די געזעלשאַפט ווערט אויפגעלייזט, זאָ מוז די צוריקגעבליבענע קאַסע פון דער געזעלשאַפט ווי אויך די ביבליאָטעק מיט אַלע רעקוויזיציאָנען איבערגעבן ווערן דעם באַטרעפנדן ראַבינער, וועלכער מוז דאָס געלט פאַרווענדן נור צו דיזע ביידע צוועקע, וועלכע זינד אָנגעצייכנט אין אַרטיקל 2 פון דיזע סטאַטוטן.

M. Wolf, 10 av. Parmentier.



זשיגניצא־גאָרטן (בוקאַרעשט)

די ערשטע רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער אין רומעניע

פון ש״ס ראָמאַן (בוקאַרעשט)

דער גורל האָט געוואָלט, אַז די ערשטע טעאַטער־רעצענזיע וועגן ערשטן יידישן ספּעקטאַקל זאָל אָנגעשריבן ווערן דווקא פון אַ קריסט. דאָס איז געווען רומעניעס גרעסטער דיכטער מיכאַאיל עמינעסקו. זייענדיק דער הויפּט־רע־דאַקטאָר פון דער צייטונג „קוריערול דע יאַסי״, ווו ער האָט געטריבן אַ סיסטע־מאַטישן און פאַרביסענעם אַנטיסעמיטיזם, האָט ער בינו־לבינו פאַרעפענטלעכט די וייטער־געבראַכטע רעצענזיע.

פון איניקע שטעלן אין זיינע ווערק איז קענטיק, אַז עמינעסקו האָט אַפילו געקענט יידיש, אַזוי אַז די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען בנוגע די „פּיעסעס״ זיינען אַזוי מאָסגיביק פּונקט ווי דאָס אַרויסגעזאָגטע בנוגע דעם שפּילן.

די איבעריקע רעצענזיעס זיינען, כמעט אַלע, געשריבן פון איין מענטש. דאָס איז דער יידיש־רומענישער געלערנטער און פּובליציסט — משה שוואַרצפעלד.

דאָ איז נייטיק צו באַמערקן, אַז בעת עמינעסקו איז אָביעקטיוו. אויפ־ריכטיק, איז שוואַרצפעלדס צוגאַנג כמעט אין אַלע רעצענזיעס אַ סוביעקטיווער, אַ מוסר־זאָגערישער, אַ משכיליש־אַסימילאַטאָרישער. אָבער צוליב דער שפע איינצלהייטן אין שוואַרצפעלדס רעצענזיעס האָבן מיר אין זיי אַ שלל דאָקומענטאַלן מאַטעריאַל וועגן די אָנהייבן פון יידישן טעאַטער אין רומעניע. מיר האָבן דאָרט: נעמען פון פּיעסעס, פון אַקטיאָרן, פון טעאַטער־שרייבערס, איבערזעצערס, קאָמפּאָזיטאָרן; באַשרייבונגען פון פּיעסעס, פון קאָסטיומען, פון דעקאָראַציעס; די גאַנצע טעאַטער־אַטמאָספערע, אאַז״וו . . .

חוץ־לזה קען מען נאָך פון דאַנען אַרויסזען די מענטאַליטעט פון גאָלד־פאַדנס בני־הדור (פון די דעמאָלטיקע „יאַהודים״, אייגנטלעך) וועגן יידישן טעאַטער און אפילו וועגן יידישן לשון. און דאָס אַלץ איז זייער וויכטיק.

I

יידיש טעאַטער

אין אַ גאָרטן אויף דער גרויסער גאַס[1] האָט זיך געעפנט אַ קליינער זומער־טעאַטער, ווו מען שפּילט אין דער יידישער שפּראַך (צעבראָכן דייטש).

[1] באַ שמעון מאַרק (יאַס).

די טרופּע וועלכע קומט פון רוסלאַנד און באַשטייט פון בערך 16 פּאַרשוין (אַלע מאַנסבילן), האָט אַ כאַראַקטעריסטישן רעפּערטואַר, וועלכער באַרירט נאָר דאָס שטוביקע און רעליגיעזע לעבן פון די ייִדן. אַזוי האָט מען דאָנערשטיק דעם 19טן אויגוסט געשפּילט: 1. די וועלט ווי אַ גן־עדן (אַ סאַטיריש ליי־דעלע); 2. דער פאַרליבטער פילאָזאָף און דער אויפגעקלערטער חסיד (חבד״ניק), דיאַלאָג; 3. דער שווער מיטן איידעם; 4. פישל בעל־עגלה מיט זיין משרת סידר, קאָמעדיע [2]. בנוגע די פּיעסעס האָבן מיר ווייניק וואָס צו זאָגן — זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין גרויסן דראַמאַטישן ווערט, אָבער דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן איז געווען זייער גוט. למשל, אין דער צווייטער פּיעסע האָט דער שוישפּילער, וועלכער האָט געשפּילט אַ חסיד, אַזוי געטריי פאָרגעשטעלט אַ ייִדן אַזוי ווי מיר זעען אים אַלע טאָג, אַ היציקן, מיטן איילנ־דיקן און דריבנעם רעדן, אַן איינגעבילדעטן, גיך לאַכנדיקן און אַ פינטלענדיקן מיט די אויגן, — אַזוי אַז מיר דאַרפן אים אָנערקענען פאַר אַ גרויסן טאַלענט. אין דער 3טער פּיעסע האָט דעם איידעם געשפּילט אַן אַנדער אַקטיאָר, וועלכן מיר רעכענען פאַרן טאַלענטפולסטן פון דער גאַנצער טרופּע. ער האָט געשפּילט דעם געפּלעפטן ייִד. דער שווער איז איינער פון יענע, וועלכע ווילן זייער פאָלק אויסבילדן, דערפאַר האָט ער גענומען פאַר אַן איידעם אַ ישובה־בחורל [3], אַ גרויסער לאָ־יוצלח און נתפעל פון דער תלמודיסטישער לערע. די דאָזיקע ראָלע איז געשפּילט געוואָרן אויף זייער אַ כאַראַקטעריסטישן אופן. אַלע מאָל אויפהייבנדיק די ברעמען און פאַרקנייטשנדיק דעם שטערן, מיט אַ שוואַרצער באָרד, מאָדנע געשוירן, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, רעדנדיק און זינגענדיק נאַטירלעך, האָט ער אונדז געוויזן אַן אמתן פּראָטאָטיפּ פון אַ מטורף און אַ לאָ־יוצלח. דער דירעקטאָר פון דער טרופּע [4] האָט אַ סימפּאַטישע שטימע (באַריטאָן) און אַן אַנגענעמענע פיגור. די אַריעס זיינען ייִדישע, און דאָס

---

[2] די אויסגערעכנטע פיר „פּיעסעס“ איז שווער צו אידענטיפיצירן. אין די ביז איצט דערשינענע רשימות פון ייִדישן טעאַטער־רעפּערטואַר זיינען זיי נישט פאַרצייכנט. משמעות זאָלן דאָס זיין פון יענע... „ערשטע שטיק, וואָס גאָלדפאַדן האָט צוגעגרייט ביים לייגען דעם גרונדשטיין פון דעם אידישען טהעאַטער“. וועגן איינע פון יענע „שטיק“ זאָל זיך גאָלדפאַדן האָבן אויסגעדריקט אַזוי: „וואָס זאָג איך שטיק! אַ — איך ווייס אַליין ניט וואָס — אַ מין דולעניס, אַן אונזין, אַ קאָלאָטובע“. גאָרין (ביי וועלכן מיר האָבן די ציטאַטן גענומען) ברענגט אַ פראַגמענטאַרישן מוסטער פון אַזאַ „שטיק“ (אין צוויי אַקטן), וואָס זאָל עפּעס שטימען(?) מיט דער 2טער פון די אויבן אויסגערעכנטע „פּיעסעס“. גאָרין גיט נאָך צו, אַז: „דאָס דאָזיקע שטיק איז אויפגעפיהרט געוואָרען אין יאַסי אַרום די ימים־טובים אין 1876...“ („די געשיכטע פון אידישען טהעאַטער“ ניו־יאָרק, 1918. ב. 1, ז״ז 169—171; „גאָלדפאַדן־בוך“, ניו־יאָרק, 1926, ז״ז 59—61).

[3] אין אָריגינאַל: Studiosus theologiae

[4] דאָס מיינט ער אַפּנים גראַדנערן, וועלכן גאָלדפאַדן האָט כאַראַקטעריזירט מיט די ווערטער: „גראַדנער האָט שעהנע פעהיגקייטען: ער באַזיצט אַ געזונטע אָנגענעהמע נאָר נישט נאָך אויסגעאַרבייטע באַריטאָן־שטימע...“ (ג—ן, 1, ז' 157).

פובליקום, וואָס באַשטייט צום גרעסטן טייל פון די אַקטיאָרנס גלויבנס־גענאָסן, אונטערהאַלט זיך גוט.

MIHAIL EMINESCU. Curierul de Jassy, 93, 1876.

M. EMINESCU. Scrieri politice si literare.

בוקאַרעשט, 1905, ב׳ 1, ז״ז 363—364.

II

איזראַעליטישער טעאַטער [3]

דריי יאָר אַן ערך ווי ביי יידן אין רומעניע זיינען אויפגעקומען עטלעכע טרופעס, וואָס שפּילן פּיעסעס אין דער היינטיקער יידישער רייד־שפּראַך. עטלעכע רומענישע צייטונגען האָבן דאָס באַגעגנט מיט מיטגעפיל, זאָגנדיק, אַז ס׳איז אַ גוטער מיטל אויסצובעסערן די שלעכטע מידות פון יידן.

ביז אַ געוויסן פונקט זיינען מיר אויך מסכים מיט דעם, וואָרים אויב דער טעאַטער קען דאָס ניט דערגרייכן, אָדער ער זאָל זיך אַזוינס ניט פאָרנעמען, וואָלט ער קיין שום ווערט ניט געהאַט. האָבן מיר זיך בכן אויך פאַראינטע־רעסירט מיטן יידישן טעאַטער, כדי צו זען, אויף וויפל ער אַרבעט אין דער ריכטונג.

ס׳איז קיין ספק ניט, אַז כדי אויסצובעסערן יידישע מידות דורך דער בינע, דאַרפן מיר שטעלן פּיעסעס, אין וועלכע מען זאָל ווייזן יידישע כאַראַקטערס און מידות, אַז ביים קוקן אויף דאָס לעכערלעכע אין זיין פולער מיאוסקייט, זאָל דאָס פאַרמיאוסט ווערן ביי דער יוגנט און אפילו ביי די, וואָס זיינען האַלב־איינגעוואָרצלט [אין דעם אַלטן לעבנס־שטייגער].

ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז פאַר אַ סאַטירע דאַרף מען אויסקלייבן דאָס לעכערלעכע, וואָס איז מער אַלגעמיין און וויכטיק, און ניט נעמען קיין אויס־נאַמפאַלן וואָס טרעפן זיך מער ניט ווען־ניט־ווען. און אוודאי דאַרפן מיר אויף דער יידישער בינע ניט ווייזן קיין זאַכן וואָס זיינען זיי [יידן] פרעמד.

נאָר צום באַדויערן מוזן מיר מודה זיין, אַז אַלע טרופעס, וויפל מיר האָבן אין רומעניע, זיינען ווייט פון דעם, וואָס מיר זוכן. מיט אַנדערע ווערטער, דער גרעסטער טייל פּיעסעס זיינען שלעכט, ווייל זיי באַשרייבן אונדז כאַ־ראַקטערס און מידות, וואָס ס׳רוב האָבן זיי קיין שום אינטערעס ניט פאַר אונ־דזער ציל, ווייל זיי זיינען גאָר פרעמד פאַר אונדז, און די פּיעסעס מיט רעאַלע כאַראַקטערס און מידות זיינען אַזוי לעכערלעך געשריבן און געפאַלשעוועט, אַז זיי פאַרלירן ווייטער וועלכן ניט איז אינטערעס.

דאָס נעמט זיך אַפּנים דערפון, וואָס די מחברים פון די פּיעסעס, אַחוץ וואָס זיי האָבן ניט קיין געשמאַק, האָבן זיי ניט קיין טאַלענט צום שרייבן אויך, סיידן נאָר צו טרייבן קאַטאָוועס (און גאַנץ געמוטשעטע), און זיי שרייבן ניט, נאָר זיי

[3] אין אָריגינאַל שטייט כסדר „איזראַעליטישער טעאַטער״; מיר האָבן אין טעקסט איבערגעמאַכט אויף „יידישער טעאַטער״.

מאַכן נאָך דייטשע, רומענישע, פראַנצייזישע פּיעסעס, און זיי מאַכן נאָך ווי זיי פאַרשטייען, דהיינו, זיי זעצן איבער, אַריינשטעלנדיק ייִדישע נעמען און ווערטער אָדער צוגעבנדיק נאָך עפּעס אַ צווייטראַנגיקע ייִדישע סצענע. אינעם רוב פאַלן זיינען אַפילו די פאַרשוינען פון אַזעלכע פרעמדע פּיעסעס אויך אין אַ סתירה מיט דער נאַטור פון אַ ייִדן.

בדרך כלל, איז אפילו אימיטאַציע אין בעסערן זינען פון וואָרט אויך ס׳רוב אוממעגלעך פאַר דער ייִדישער בינע. אַ שטייגער, כמעט אין יעדער ניט־ייִדישער פּיעסע זעט מען פאַרשטעלן אַ ליבע. אין אַ ייִדישער פּיעסע דאַרף דאָס לחלוטין ניט זיין. מיר זאָגן ניט, אַז ייִדן זיינען „מלאָכים״ אָדער בעסער [געזאָגט] ווילדע מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין האַרץ צו פילן און גערירט צו ווערן פון דעם זיסן קול פון ליבע. פאַרקערט, דער ייִד, און איבערהויפּט די ייִדישע טאָכטער, האָט צו אַ פילנדיק האַרץ, נאָר איר ליבע האַלט זי בסוד. זי ווערט צעשמאָלצן פון ליבע, אָבער זי רעדט ניט, זי ווייזט ניט אַרויס אירע געפילן צו איר געליבטן; און אַז עס האַלט דערביי, דערקלערן זיך ניט די גע־ליבטע אין ליבע מיט געקינצלטע ווערטער און דורך פאַלן צו די פיס, נאָר זיי טרעפן זיך פּלוצלינג אין די אָרעמס, אַליין ניט וויסנדיק ווי אַזוי. גוט־מוטיקע און צערטלעכע בליקן, אַ גלעטנדיקע און ציטערדיקע שטים — אָט וואָס עס רעדט ביי ייִדישע געליבטע, וואָס די ליבע ווערט ביי זיי געבאָרן פאַמעלעך און אומבאַמערקט. בקיצור: די ליבע ביי ייִדן, ביים פאָלק, איז נאַיוו, ווי דאָס שפּילן זיך פון אַ קינד. הייסט עס, אַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטעלן [אויף דער בינע] ווען מיר ווילן באַקומען [בייזע מידות], און ניט ווי מיר זעען דאָס נאָר ביי דעם פאַרדאָרבענעם טייל פון דער געזעלשאַפט.

אויב מיר אין די איצטיקע ייִדישע פּיעסעס ווען זיך שוין מאַכן ניט וויסנדיק, ווי אַזוי עס ווערט פאַרגעשטעלט די ליבע, וועלן מיר אָבער ניט קענען מוחל זיין די היפּשע עטלעכע פאַלן, ווי די געליבטע אַנטלויפן, ווייל מען לאָזט זיי ניט זיך צונויפגיין. אפילו אין יענעם מכלומרשט ציוויליזירטן טייל זעט מען ניט און אויב יאָ, איז זייער זעלטן, אַז ייִדן זאָלן גנבענען מיידלעך. מיר גייען נאָך ווייטער. ביי מאַן און ווייב זעט מען ניט, און אַפילו ביי די ציווי־ליזירטע קלאַסן זייער זעלטן, אייפערזיכטיקע מענער; מער ווי דאָס — אין דער היינטיקער רייד־שפּראַך פון ייִדן איז אַפילו ניטאָ קיין וואָרט וואָס זאָל אויסדריקן דעם דאָזיקן באַגריף. דאָס דייטשע וואָרט Eifersuecht ברענגט אַ פּשוטער ייִד לחלוטין ניט אויפן מויל. פאַראַן אַ געפיל געגליכן צו אייפערזוכט, אָבער נאָר „אַזאַ מין״. וואָרעם ס׳איז נישטאָ וועגער ס׳זאָל עס שאַפן, ווער ס׳זאָל עס דערוועקן, אַזוי אַז עס דערגייט ניט צו קיין סצענעס. ווען מיר זאָלן אַריינ־דרינגען טיף אין די ייִדישע משפּחות ,איבערהויפּט אין די געמיינערע, וועלן מיר זען, אַז דאָס אייביקע קריגן זיך איבער קליייניקייטן און דאָס איבערבעטן זיך קומט פאַר ניט דורך אַרומנעמען זיך אָדער פאַלן צו די פיס, ווי עס ווייזט אונדז די ייִדישע בינע; און אַ סך אַנדערע זאַכן פון דעם מין. פאַרפאַלן, ניט

אַזאַ איז דער ייִד. און קיין אַנדער זאַך, ווי אַ קרומען גאַנג מיט מיאוסע ווערטער־שפּילן קען מען פון דאַנען ניט אָפּלערנען.

פון דעסטוועגן זאָגט דער גרויסער עולם, אַז דער טעאַטער איז פיין, און גייט אַהין אָפט, וואָרעם טעאַטער הייסט ביי אים [ביים עולם] דאָס וואָס ס׳מאַכט דיך לאַכן צי וויינען, דורך וואָסערע מיטלען ס׳זאָל ניט זיין. הגם ס׳איז קיין שום ספק ניט, אַז אַ לייטישע פּיעסע וואָלט אַ סך מער אויסגענומען.

כדי צו געבן אונדזערע לייענערס אַ השגה וועגן „ייִדישן טעאַטער" וועלן מיר זיך נעמען פונאַנדערקלייבן דריי פּיעסעס וואָס נעמען זייער שטאַרק אויס ביים עולם, וואָס זיינען די ייִדישסטע, און ווייזן פאַר איינס אויס צו זיין פון די בעסטע (!). דאָס זיינען: 1. „די באָבע מיטן איניקל" (פּיעסע אין דריי אַקטן), 2. „שמענדריק" (דאָס אייגענע) און 3. „דאָס פּוילישע ייִנגל" (פּיעסע אין פינף אַקטן).

די באָבע מיטן איניקל. די דאָזיקע פּיעסע ווייזט אונדז זייער אַן איבער־גלוביבישע באָבע, וואָס האָלט לעבן זיך אַן איניקל, וועלכע זי האָט שטאַרק ליב. ס׳מיידל האָט אַ דייטשן לערער, נאָר אַנשטאָט צו לערנען, שפּילן זיי גאָר אַ ליבע. די באָבע האָסט דעם לערער, נישט מחמת זי האָט עפּעס אַ חשד, נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ „דייטש". זי וואָלט וועלן איר איניקל אויסגעבן פאַר אַ פרומען[9], ווי איר געפעלט, נישט רעכענענדיק זיך מיטן מיידלס ווילן. ס׳מיידל אַנטפלעקט פאַר איר געליבטן די סכנה וואָס שטייט זיי פאַר, און ווען ער [דער געליבטער] שלאָגט איר פאָר אין איינעם צו אַנטלויפן, נעמט זי דאָס אָן אָן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד. די באָבע פּלאַצט פאַר פאַרדרוס, ווען זי זעט פאַרויס דורכן חלום, אַז דאָס אויף וואָס זי האָט איר גאַנץ לעבן גע־האָפט, דהיינו: חתונה מאַכן ס׳איניקל און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל — גייט זיך איר ניט איין.

פון אונדזער אויסצוג וואָלט זיך געדאַכט, אַז חוץ דער ליבע איז אַלץ ייִדיש, און ס׳איז באמת אַזוי, אָבער לאָמיר נעענטער באַטראַכטן. ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ שטאַרק איבערגלויבישע זקנה, זאָל דווקא דינגען אַ לערער פאַר דייטשער שפּראַך, ווען זי רופט עס „טרף־פּסול" און האָסט די „דייטשן"? אַפילו ווען זי זאָל פאַרשטיין, אַז דאָס איז נייטיק, דאָך וואָלט זי אַזעלכעס אויף קיין פאַל אין איר שטוב נישט דערלויבט, אויס מורא אַז די עבירה זאָל נישט פאַלן אויף איר קאָפּ! אָבער מיר דאַרפן [אויך] נישט פאַרגעסן, אַז די באָבע וויל איר געבן פאַר אַ מאַן אַ פרומען ווי „איר געפעלט". און אַזאַ פרוי באַדאַרף נישט האָבן, און ס׳איז פאַר איר אפילו שעדלעך זיך צו באַקענען מיט „טרייף־פּסולען" . . . — ווייטער, צי קען געמאָלט זיין, אַז עפּעס דייטשע

[9] אין טעקסט: habotnic וואָס מיינט אַ פרומען, אַ ביגאָטישן, אַ אָרטאָדאָקסישן, אַ פאַנאַטישן ייִדן, אָדער אַלץ אין איינעם.

ווערטער, וועלכע סע פאַרמאָגן אויך די ייִדן, אַ ביסל געענדערטע, זאָל זיי די באָבע נישט פאַרשטיין, און ס׳אייניקל זאָל זיי איר קענען אויסטייטשן ווי איר קומט אויס צום חשבון? . . . און מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז ווערטער און אפילו די זעלביקע ווערטער הערן מיר אין מויל פון דער באָבע מיטן אייניקל און זיי פאַרשטייען זיך יאָ. — אין איין שטעל וויל די באָבע אַ קוש געבן דאָס אייניקל, קושט זי אומגערן דעם לערער, דעם געליבטן! פאַר אַן אַלטער ייִדענע, ווי רעליגיעז זי זאָל נישט זיין, מאַכט אַזעלעכס וואָס־ווייניק אויס, זי וועט אפשר אַליין לאַכן פון אַזאַ טרעפונג, אָדער וועט העכסטנס אויס־שפייען דריי מאָל, ווייטער וועט זי מער נישט קלערן דערפון. דער אויטאָר אָבער מאַכט, זי זאָל זיך עקלען און ערגערן, און זי זאָל בעטן אַ גלאָז וואַסער זיך אויסצוואַשן ס׳מויל, און זי האַלט אין איין שפייען ביזן סוף פונעם אַקט, נישט צוהערנדיק זיך צו די רייד פונעם שדכן, כאָטש דאָס אינטערעסירט זי זייער שטאַרק. אין אמתן אַ גאַנץ אומנאַטירלעכע זאַך, אָבער מאַכט׳ס נישט צום לאַכן? אַלץ צוליבן לאַכן שטעלט דער הער אויטאָר די באָבען מאַכן „קנייט־לעך”, ס׳הייסט ליכטלעך פאַרן פאַרגעבונגס־טאָג [יום־כפור], גאַנץ אַנדערש ווי ס׳איז אויף דער וואָר און ווי סע וואָלט קיין מאָל נישט געקענט פאַרקומען. אַז צו די ביז איצט אָנגעוויזענע זאַכן וועלן מיר נאָך צוגעבן, אַז אפילו די לי־דער און אפילו דער אופן אויספירן דעם חלום פונעם ערשטן אַקט, איז נישט פּאַסיק צו דער נאַטור פונעם ייִדן, וועלן מיר קענען זאָגן אין רעזומע: אַז מיר זאָלן לאַכן האָט געוואָלט דער אויטאָר, טאַקע אויף געלעכטער אין זיין פּיעסע!

שמענדריק איז אַ שוטה און אַ געפּעשטשעטער זון פון אַן אַלמנה, וואָס וווינט אויפן לאַנד. זי איז אַ ייִדענע אין אמתן זינען פון וואָרט. זי וויל אים פאַר־קנסן, און שמענדריק דער נאַר ביצקעט פאַר פרייד; ס׳מיידל אָבער וויס ס׳אַראַ פּרא־אָדם דאָס איז, און חוץ דעם האָט זי שוין אַ געליבטן, לאָזט זי זיך זייער שווער איבערצייגן פון איר פאָטער, כאָטש ער איז אַן אָרעמער און קען איר קיין נדן נישט געבן. אין צווישן פאַלט אַריין איר געליבטער, וועלכער איז שוין לאַנג אַרויס אויף דער וועלט צו פּרוּוון זיין מזל, און מיט פרייד קומט ער איר אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז ער איז זי בכח צו נעמען, און זיין צוקונפט איז פאַרזיכערט; די געליבטע ענטפערט אים מיט איראָנישע ווערטער, אַז זי האָט שוין געפונען אַ חתן, אַ שענערן אאַז״וו און אַז טאַקע אין דעם זעלביקן טאָג באַדאַרף זיין די חתונה. און ווי זיי שטייען אַזוי אין אַ פאַר־לעגנהייט נישט ווויסנדיק זיך קיין עצה צו געבן, קומט אַריין דער ברודער פון שמענדריקס מאַמע און רעדט מיט כעס צו דער כלה, מחמת זי איז עס די וואָס פאַראומגליקט זיין טאָכטער, וואָרעם שמענדריק איז פון קינדוויז אויף פאַרקנסט געוועזן מיט איר, אַזוי אַז זיין טאָכטער באַדאַרף ער נעמען. אַ גליק־לעכער פון אַזאַ גוטער געלעגנהייט, מאַכט אָפּ דער געליבטער מיט איר, אַז מען זאָל פאַרבייטן די כלה צום באַדעקנס. סע געשעט אַזוי אויף דער וואָר (ווען אַלע פאַרלאָזן ס׳הויז), און ערשט נאָך דער חתונה ווייזט זיך אַרויס דער טעות.

שמענדריקס מאַמע איז שטאַרק ברוגז און וויל אַפילו נישט אָנערקענען דעם רעליגיעזן אַקט, און נאָר מיט גרויס שוועריקייט בעט זי זיך איבער; די געליבטע ווערן בכן פריי און אַלץ ווערט כשורה.

איצט אַז מיר קענען שוין דעם אינהאַלט, לאָמיר די פּיעסע נעענטער באַטראַכטן. קודם־כל ווייזט אונדז נישט אויס נאַטירלעך, אַז אַ ייִדענע אין פּוילן זינען פון וואָרט זאָל צעררייסן אַ תּנאים, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ווען איר זון איז נאָך אַ קינד געווען און געהייליקט געוואָרן פונעם קינדס פאָטער אויפן טויטן־בעט; און סיי ווי סיי וועט זי נישט פון ס׳נייַ פאַרקנסן ס׳קינד איידער דער רב זאָל אָפּלאָזן דעם ערשטן שידוך און ביז איר ברודער וועט איר נישט מוחל זיין! ווייטער וועט אַ ייִד, וויסנדיק אפילו אַז ער ווערט גליקלעך, אויך נישט אָפּטאָן אַזאַ „פּיינעם שווינדל״ ווי אונטערצובייטן אַ כלה, נאָך אַלעמען אַ שווערע זאַך, איבערהויפּט ווען ער ווייסט אַז דער, פאַר וועלכן ער טוט עס, איז אַ שמענדריק. און אויב מיר וועלן צוגעבן, אַז אַ ייִד קען נישט באַטראַכטן ווי קיין עבירה אונטערצובייטן אַ כלה, איז אָבער ווי באַלד די רעליגיעזע צערעמאָניע איז דורכגעפירט — קען שמענדריקס מאַמע ברוגז זיין, אָבער זי קען נישט שטעלן אַזאַ ווידערשטאַנד, וואָרעם זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז איצט איז אַלץ פאַרפאַלן. אַזוי אַז עס איז דורכויס אַ טעות, אפילו די מערסטע צווייטראַנגיקע סצענעס זיינען אומנאַטירלעכע און שלעכטע. אַזוי זעען מיר, אַז דער שדכן איז אויך דער באַוויינער (ס׳הייסט בדחן) פון דער כלה; פאַר דער חתונה זעען מיר מערערע ייִדן אַרויסטרעטנדיק אויף דער בינע ווי די קאָנספּיראַטאָרן פון מאַ־דאַם אַנגאָ [7] און בענטשן שמענדריקן. וואָסער אַ באַדייט האָט דאָס אַ שטיי־גער? . . . אָבער צו וואָס זאָלן מיר נאָך נוייזן אויף חטאים, ווען די גאַנצע פּיעסע איז נישט עפּעס אַנדערש ווי איין חטא.

דאָס פּוילישע ייִנגל איז אַ בחור אויפגעוואַקסן צווישן פרומע לייט. אַזוי ווי ער האָט מער געפיל, קען ער נישט אויסהאַלטן צו פאַרברענגען זיינע טעג אין בית־המדרש, ווו די מענטשן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, זיינען אים זייער עקלדיק. זיינע עלטערן פילן זיך דעריבער זייער אומגליקלעך, און נאָך מער — ווען זיי שטעלן זיך פאָר ווי ער גייט אַוועק און נעמט זיך צו עפּעס אַ מלאכה, אַ חרפּה וואָס האָט נאָך נישט געטראָפן אין זייער משפּחה!... קומען זיי צום באַשלוס, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען אים צו פאַרקנסן; און צו זייער פרייד קומט צו גיין אַן אַנדער חסיד מיט אַן אויסרייד פון גע־שעפט און שלאָגט זיי פאָר זיין טאָכטער, אַ מיאוסקייט אין דער וועלט. פאַר־שטייט זיך, אַז דער בחור וועט נישט וועלן, אַז דעם געדאַנק, מיט וועלכן ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום, צו אַנטלויפן, וועט ער איצט דורכפירן. נישט וויסנדיק צו וואָס זיך צו נעמען, טרעט ער אַריין פאַר אַ באַהעלפער אין אַ חדר; אַזוי אַרום טרעפט זיך, אַז ער קומט נעמען אין חדר אַריין די קינדער פון אַ

---

[7] Fille de Madame Angot, אַ פראַנצייזישע אָפּערעטע אין דריי אַקטן פון: Victor Koning & Sirandin Clairville; מוזיק פון: Ch. Lecoq (1872)

גרויסן קמצן. זיין טאָכטער, ווי נאָר זי דערזעט אים, פאַרליבט זי זיך באַלד; זי וויל אים באַגלייטן מיט די קינדער אין חדר אַריין, זי בעט אים קומען אויף דער נאַכט איר לייענען מעשהלעך, און ענדלעך זוכט זי אַ תירוץ צו גיין אין חדר אַריין אים צו זען; זי בעט זיך ביים מלמד, אַז ער זאָל אים נישט שטרענג האַלטן; און ווען דער מלמד שלאָגט אים פאַר זיין אַקעגנשטעלן זיך קעגן זיין אופן אויפפירונג מיט די קינדער, אַנטלויפט ער פון אים, און וויסנדיק די סימ־פּאַטיע מצד דעם מיידל, קומט ער צום קמצן, וועלכער נייטיקט זיך אין אַ משרת אין זיין קלייט. דאָס פּוילישע יינגל לייגט זיך פאַר פאַר אַ משרת און ער ווערט וואַרעם אויפגענומען, מיטן תנאי, אַז באַצאָלט זאָל ער נישט באַקומען אַ משרת צום קמצן, ווערט ער שטאַרק ברוגז און באַשליסט ביי זיך אים פון דאָרט מיט אַלע מיטלען אַרויסצונעמען. קודם־כל באַדאַרף ער כאַפּן די נעץ פאַר די פיש און פאַרשדכנען ס׳מיידל. ער פאַרלירט נישט קיין צייט און גייט אַריין אין אַ שמועס מיטן קמצן, און שדכנט זיין מיידל אַן אַלטן פון 60 יאָר, וואָס וועט אים אָבער געבן אין האַנט אַריין 10,000 רענדלעך״. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס׳איז אָנגענומען געוואָרן. סע געלינגט אים נאָך צו פועלן, מען זאָל דעם בחור אַרויסטרייבן פון שטוב. בלייבנדיק אַליין, רופט צו דער קמצן זיין טאָכטער און דערציילט, וואָסער „גליק״ סע וואַרט אויף איר, און אַז זי באַדאַרף אים [יענעם 60יעריקן] אומבאַדינגט נעמען פאַר אַ מאַן. די געליבטע באַגעגענען זיך, זי דערציילט אים אַלץ, און ער פאַרלירט נישט קיין צייט, און גייט זיך באַגעגענען מיטן מלמד, פאַרשטעלט ווי יענער אַלטער און אַזוי אַרום ווערט תנאים מיטן בחור און נישט מיטן זקן; און ווען ער מאָנט, מען זאָל אים אויסציילן ס׳געלט, וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ די מאַסקע. אָבער ביים קמצן גייט נישט אָן געלט, ער פאַריאָגט אים און ברעכט די תנאים. דער בחור שווערט ווידער אַ מאָל ליבע זיין געליבטער, און פאַרזיכערט איר, אַז תיכף ווי ער וועט האָבן דאָס געלט וואָס איר פאָטער מאָנט, וועט ער זיך אומקערן צוריק. ער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד, ווו זיין אומגליקלעכער גורל הייבט זיך אָן צו באַווייזן, און אַ באַנדע וואַלד־גזלנים נעמען אים איבער און פּראָקלאַמירן אים פאַר זייער הויפּט. ער, אויס מורא, נעמט אָן מיטן תנאי, זיי זאָלן אים שווערן, אַז זיי וועלן קיין מאָל נישט הרגענען; און זיי זאָלן אים שווערן, אַז אויב ער וועט אַמאָל קושן אַ פרוי, זאָל מען אים אין פייער אַריינוואַרפן. דעם בחורס עלטערן און דער קמצן מיט דער טאָכטער באַגעגענען זיך גראָד אין דעם שרעקלעכן וואַלד, גייענדיק זוכן די ערשטע זייער זון און די צווייטע דעם חתן; און די גזלנים אַזוי ווי זיי דערבליקן זיי נאָר, צילן זיך אויף זיי און דערהרגענען זיי... ביים דערהערן די שיסעריי קומט צו גיין דער הויפּט, און באַטראַכטנדיק די הרוגים, נעמט אים אַרום אַ שוידער. ער הייבט אויף די פאַרבלוטיקטע געליבטע, נעמט זי אַרום און קושט זי זיס . . . און די גזלנים רייסן אים אַוועק

פון דער פאַרשכורנדיקער ברוסט און וואַרפן אים אין פייער אַריין לויט זייער אָפּמאַך . . . און דער פאַרהאַנג פאַלט.

כ׳מיין, אַז דער גענעיטערער לייענער האָט שוין באַמערקט אין דעם געמאַכטן רעזומע, אַז סע זיינען דאָ אַ סך שטיקלעך ריינע ייִדישע, אָבער אין תּוך איז די פּיעסע נישט קיין ייִדישע. און מיט אַזוי פיל מער זיינען מיר געקריוודעט, מיט ווי פיל יענע ייִדישע סצענעס זיינען געוויזן מיט אַ לעבעדיקער פאַרב, למשל: די סצענעס מיטן מלמד, די סצענע מיט די תּנאים, און אַנדערע. לאָמיר נאָר נעענטער באַטראַכטן. קודם־כּל ווערט די ליבע זייער אומנאַטירלעך און לעכערלעך פאַרגעשטעלט. לאַזנדיק אַלץ אין אַ זייט, ווי אַזוי קומט ער אונדז פאַרשטעלן ווי דאָס מיידל פאַרליבט זיך אַזוי גיך און אַזוי שטאַרק אינעם „בחור״, וועלכער קומט אַהין ווי אַ באַהעלפער און ברענגט צו טראָגן אירע ברידערלעך אויף די פּלייצעס? . . . און ווען מיר זאָלן אפילו צוגעבן, אַז פון איין בליק קען געבוירן ווערן אַ פעסטע ליבע, מכּל־שכּן אין אונדזער פאַל, אפילו ווען זי זאָל אים ווי שטאַרק ליב האָבן, באַדאַרף זי נישט אין אַ מאָמענט אַרום אים נאָכלויפן; זי, אַ מיידל, נאָך אַ ייִנגל! ווידער אַ יונגערמאַן וואָס האָט נאָר וואָס אַוועקגעוואָרפן דעם מיאוסן עלעמענט פון ייִדישקייט, קען נישט ווערן פאַרגעשטעלט ווי אַ גאַלאַנטער ליבהאָבער וועלכער רעדט אַ פאַרדייטשטן ייִדיש! ווידער פאַרשטייען מיר נישט, ווי אַזוי דער הער אויטאָר מאַכט דאָס פוילישע ייִנגל פאַר אַ באַהעלפער, בשעת ער האָסט דעם חסידיזם און אַנטלויפט מיטן געדאַנק צו ווערן אַ בעל־מלאכה; צו ווערן אַ לערן־ייִנגל ביי אַ שוסטער אָדער אַ שניידער איז אַ גרויסע זאַך? אַ מענטשן מיט קענטעניש, וועלכער קען אַ סך דערציילן, וועלכער שוסטער אָדער שניידער וואָלט אים נישט צוגענומען? . . . מען האָט בכן אַנדערש באַדאַרפט צונויפשטעלן אַ פּאָר סצענעס צוגלייך מיטן רצון צו ווערן אַ בעל־מלאכה; מען האָט גאָר אַנדערש באַדאַרפט די געשעענישן אַריינפירן. מילא, אָבער דער לעצטער אַקט לאָזט אונדז אין גאַנצן געפּלעפּט; ווער האָט גאָר געהערט, ווער האָט גאָר אַמאָל געזען אַ באַנדע וואַלד־גזלנים ייִדן?...... האָט דער ה׳ מחבר פאַרגעסן אין דעם צווישן ייִדן אַזוי פאַרשפּרייטן אויסדריק, אַז „אַ ייִדן אַ וואַלד־גזלן האָט מען נאָך נישט געזען״? צי האָט ער אונדז געוואָלט ווייזן, אַז ער האָט געלייענט שילערן און האָט אים נישט פאַרשטאַנען? . . . נאָר וואָס קער זיך אָן קאַרל מאָאָר מיטן פוילישן ייִנגל?. און כּדי זיך צו דערהייבן אַזוי הויך, האָט ער זיך באַדאַרפט אַזוי דערנידעריקן, מאַכנדיק אַזש דעם גזלן, ער זאָל צווינגען דאָס „ייִנגל״ צו שווערן, אַז ווי באַלד ער וועט קושן אַ מיידל זאָל מען אים אין פייער אַריינוואַרפן!

אַז דאָס זיינען די בעסטע פּיעסעס פון די וואָס געפעלן דעם עולם צום מערסטן, — וואָס זשע קענען מיר נאָך דערוואַרטן פון די אַנדערע? און אַז דער ייִדישער טעאַטער איז אַזעלכעס ווי מיר האָבן עס פאַרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ וויכטיקייט האָט ער אַ שטייגער פאַר אונדז? . . .

דער ייִד באַדאַרף זיך אידענטיפיצירן מיטן רומענער, און אויב מיר שטעלן אים מניעות אויף דעם דאָזיקן וועג, טוען מיר אים די גרעסטע רעה. די ייִדישע שפּראַך איז פאַר אונדז אַ גרויסע שטערונג, און אונדזער ציל באַדאַרף זיין די רומענישע שפּראַך: וואָלטן מיר זי געקענט פונעם וויגל, באַקומענדיק אַ דערציִונג אין איר, וואָלטן אונדזערע געפילן געקענט זיין דורכויס רומעניש; און מיט ווי פיל ס׳איז דיר ליב די שפּראַך, מיט אַזוי פיל איז דיר ליב דאָס לאַנד, ווו זי ווערט גערעדט. בכלל גייט די גאַנצע וועלט אין טעאַטער, צי מען פאַרשטייט, צי מען פאַרשטייט נישט, מען גייט זיך פאַרשאַפן פאַרגעניגן! אָבער כל־זמן ייִדן האָבן זייער אייגן טעאַטער, ווו זיי פילן זיך ווי ביי זיך אין דער היים, פאַרשטייט זיך, אַז זיי וועלן באַזוכן נאָר דעם. מיר דאַרפן זיך גוט און אומפּאַרטייִיש פאַרטראַכטן וועגן אַן אונטערנעמונג, וועלכע קען האָבן די קלענסטע השפּעה אין דער ריכטונג פון פּראָגרעס פונעם ייִדן, מחמת איצט ביים דערוואַכן אָדער ווידער אויפלעבן, ווי מיר זאָלן עס נישט אָנרופן, קען אונדז דער קלענסטער גרייז ברענגען גרויס שאָדן. מיר דאַרפן בכן אויך אַ טראַכט טאָן וועגן ייִדישן טעאַטער און זוכן אים צו געבן די ריכטונג וואָס ער דאַרף האָבן אויף דער בינע; מיר דאַרפן אַכטונג געבן אויף די ייִדישע מידות און מנהגים, דהיינו, יענע וואָס מען דאַרף בייטן ,אַלע איבערגלויבענישן און באַנעמונגען וואָס זיינען נישט צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט. און כדי מיר זאָלן זיך דערמאָנען, אַז אונדזער צוועק איז צו פאַריאָגן די אויבן־דערמאָנטע זאַכן, און אַז מיר ווילן ווערן רומענער מיט גוטע מידות, זאָל מען צוגעבן צו יעדן ספּעקטאַקל אויך אַ רומענישע פּיעסע אויפן סטיל פון יענע ייִדישע, קודם־כל איינאַקטערס, און שפּעטער בהדרגה מער, ביז עס וועט קומען דער פּאַסיקער מאָמענט, מען זאָל אין גאַנצן איבעראַנדערשן דעם ייִדישן טעאַטער אין אַ ייִדיש־רומענישן טעאַטער, דהיינו, מען זאָל אויפפירן פּיעסעס מיט ייִדישן כאַראַקטער אין דער רומענישער שפּראַך.

אָבער מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז אַקטיאָרן קענען שפּילן נאָר אַזעלכע פּיעסעס וועלכע זיי האָבן, און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז זיי אַליין ווילן בעסער אַ גוט געלונגענע און צו זייער סצענע צוגעפּאַסטע פּיעסע, איידער אַ שלעכטע און פרעמדע פאַר זיי. זאָגנדיק בכן די דאָזיקע זאַכן, ראָטן מיר יענע וואָס קענען זייערע „רעליגיאָנס־גענאָסן״ פון רומעניע און וואָס האָבן טאַלענט צו פאַרפאַסן פּיעסעס פאַרן ייִדישן טעאַטער, זיי זאָלן זאָרגן, אַז זיי זאָלן באַפרידיקן די נייטיקע באַדינגונגען.

מיר האָבן גענוג געזאָגט און האַלטן, אַז ס׳איז שוין צייט צו ענדיקן: דער ייִדישער טעאַטער, אַזוי ווי ער איז ביז איצט, איז אַ רעה פאַר אונדז ייִדן פון רומעניע; געבנדיק אים אָבער די אָנגעוויזענע ריכטונג, וועלן מיר

דערגרייכן די ערנסטע רעזולטאַטן, און נאָר דעמאָלט וועט דאָס איזראַעליטישע טעאַטער זיין ראוי אונטערגעשטיצט צו ווערן [8].

M[oses Schwarzfeld]

III

דאָס זשיגניצאַ־טעאַטער

שוין אַ שטיקל צייט ווילט אין בוקאַרעשט די איזראַעליטישע טרופּע, אונטער דער דירעקציע פון ה״ה מאַגולעסקו און פינקעל, וועלכע גיט אירע פאָרשטעלונגען אין טעאַטער זשיגניצאַ. דער רעפּערטואַר פון דער דאָזיקער טרופּע איז אַ גאָר־וואַריִרטער און אויסדערווײלטער; די ראָלעס זיינען מייסטנס גוט פאַרטיילט און אייניקע מיטגלידער פון דער טרופּע פאַרדינען דעם טיטל אַרטיסטן. בראש פון אַלע פיגורירט מיט רעכט דער ה׳ ז. מאַגולעסקו, וואָס זיין לעבעדיק און נאַטירלעך שפּילן, פאַרשטענדעניש און אַריינפּאַסן זיך אין זיינע ראָלעס איז שוין פון לאַנג אָפּגעשאַצט. דער אַנסאַמבל איז תמיד באַ־פרידיקנדיק; כמעט די גאַנצע טרופּע איז מוזיקאַליש און די פרוי פינקעל פאַרדינט באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן ווי אַן אויסגעצייכנטע אַקטריסע און זינגערין; דער כאָר איז זייער אַ גוטער און דער אָרקעסטער קען פאַרגליכן ווערן צו די בעסטע פונעם לאַנד. די רייכע און שיינע קאָסטיומען שטימען מיט די צייטן און זיינען צוגעפּאַסטע צו די העלדן פון די פּיעסעס. די דעקאָ־ראַציעס זיינען אויך וואַריִרטע און שיינע, — צווישן די נייע פּיעסעס איז די קאָקעטע [9], איינע פון די בעסטע אָנגעשריבענע, הגם דער טיטל איז דאַכט זיך נישט קיין פּאַסיקער. אַלץ איז אָפּקאָפּירט פון דער נאַטור. די סאַטירע איז אַ פיינע און אויף איר פּלאַץ. אייניקע כאַראַקטערס זיינען גוט געשיל־דערט, אַזוי אַז די אַקטיאָרן האָבן געקענט אַרויסווייזן אין דער פולער מאָס זייער טאַלענט. דער ציל פון דער פּיעסע איז צו ווייזן דעם חילוק צווישן אַן ערנסטער דערציִונג און אַמתער קולטור און אַ לייכטער דערציִונג. דער ה׳

---

[8] די באַמערקונגען וועגן טעאַטער וואָלט מען געקענט אָנווענדן אויך אויף די ייִדישע צייטונגען (אין דער היינטיקער רייך־שפּראַך). מיר וואָלטן געוווּנטשן, אַז מיר זאָלן זיך מער נישט נייטיקן אין אַזעלכע פּובליקאַציעס, נאָר ווייל איצט איז עס אַן אומפאַרמייד־לעכע נויטווענדיקייט פאַרן פאָלק, ווינטשן מיר, אַז די דאָזיקע צייטונגען זאָלן כאָטש זיין גוט און פאַרזיכטיק רעדאַגירטע, זיי זאָלן האָבן פאַר זיך אַ באַשטימטע פּראָגראַם, וואָס זיי זאָלן זי שטרענג אָפּהיטן. אין אַזאַ צייטונג דאַרף מען געפינען לייט־אַרטיקלען, אין וועלכע סע זאָלן דיסקוטירט ווערן פאַרשיידענע וויכטיקע זאַכן פאַר ייִדן, וועלכע זאָלן זיי אויפוועקן פון דער לעטאַרגיע, אין וועלכער זיי געפינען זיך; זאָלן זיי אַלע מאָל פאַרוואַרפן די שלעכטע זייטן און זיי אָנווייזן דעם גוטן וועג. סע וואָלט נאָך געווונטשן געווען, אַז דער ליטעראַרישער טייל זאָל פאַרנעמען אַ באַדייטנדיק פּלאַץ אין אַזאַ בלאַט, ווו דורך סאַ־טירע און דראַמע זאָל מען צילן צו מאַכן אַ סוף צו די מיאוסע פאָראורטיילן. אַזאַ בלאַט אָבער דאַרף אָנגעפירט ווערן פון אַ קאָמיטעט מענטשן, וואָס זיינען גרייט אויף אַרבעט און הוצאות. ווער איז אָבער דער, וועלכער זאָל מאַכן דעם ערשטן שריט?

Calendar pentru Israeliti. באַקוי, 1, 1877, ז״ז 91—97 און ז׳ Errata

[9] „קאָקעטע דאַמען" פון שמר"ן.

מאָגולעסקו איז געווען ווי געווײנלעך דער העלד פונעם אָוונט. דער ה׳ פינקעל, אַ בריהשער אײנאָרדענער, וועלכער באַווייזט זיך, צו אונדזער באַדויערן, גאָר זעלטן אויף דער בינע, האָט געשפּילט אַזוי נאַטירלעך, אַז ער האָט אַרויסגערופן אַלעמענס באַוווּנדערונג. אַ סך אַרטיסטן, אפילו פונעם „נאַציאָנאַל־טעאַטער" [10] וואָלטן אים געמעגט אין דעם פּרט נעמען פאַר אַ מוסטער. דער ה׳ ווײנבלאַט האָט זײַן ראָלע זייער גוט פאַרשטאַנען און האָט געשפּילט מיט אַ סך „שיק". פון די דאַמען האָבן זיך אויסגעצייכנט: פרוי פינקעל, פרוי ראָזענבערג און פרוי עדעלשטיין (די קאָקעטע). אומאָנגענעם איז געווען דער „דאָקטער", וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט די ווערדע, וואָס מ׳קען פאַרלאַנגען פון אַ מעדיקער, און וועלכער זינגט און דעקלאַמירט אָנשטאָט צו רעדן ווי אַ מענטש. דאָס איז אפילו אַ חסרון, וואָס מערקט זיך אויך ביי עטלעכע אַנדערע אַקטיאָרן פון דער טרופּע און סע וווּנדערט אונדז, וואָס די פרוי פינקעל גופא קען זיך דערפון נישט באַפרייען.

די טרופּע מאָגולעסקו און פינקעל פאַרדינט בכן אויפמערקזאַמקייט, סיי צוליבן שפּילן, סיי צוליב די גוט־אויסגעווײלטע פּיעסעס, וואָס שטעלן צונויף איר רעפּערטואַר; זי פאַרדינט פון אַלעמען דערמוטיקט צו ווערן [11].

(Fraternitatea, VII, 26.
בוקאַרעשט, פרייטיק, 7 יוני, 1885)

IV

דאָס זשיגניצאַ־טעאַטער

„פּעריקאָלאַ" [12] איז פון דער קלײנער צאָל פּיעסעס, וואָס זײַנען גוט־באַזוכט פונעם בוקאַרעשטער עולם. דאָס איז אַ פראַנצייזישע אָפּערעטע, מיט אַ שוואַכער ליברעטאָ, ווי ביי אַלע פראַנצייזישע אָפּערעטעס, אָבער מיט אַ סך עפעקט־סצענעס, מיט וואַריִרטע לידער און רייכע קאָסטיומען, דאָס וואָס סע געפעלט איבערהויפּט דעם עולם. מיר האַלטן, אַז אַזעלכע פּיעסעס זײַנען איבעריק אויף דער בינע פון איזראַעליטישן טעאַטער, אָבער מיר באַציִען זיך נישט שטרענג צו זייער אויפפירונג, מחמת דער עולם מאָנט אַזעלכע פּיעסעס און די איזראַעליטישע טרופּע, וואָס איז אָפּהענגיק נאָר פון דער אונטערשטיצונג פונעם פּובליקום, באַדאַרף זוכן אים צו באַפרידיקן. די איבערזעצונג [13] געמאַכט פון פאַרדינסטפולן קאַפּעלמייסטער פון דער טרופּע, ה׳ י. פינקעלשטיין, איז זייער אַ גוטע; זי האָט אומעטום פּאַסיקע אויסדרוקן. דער אַנסאַמבל איז זייער באַפרידיקנדיק. די פרוי פינקעל ווי פּעריקאָלאָ האָט דעם דערפאָלג פונעם אָוונט. באַזונדערס גוט איז אויך דער ה׳ קעסלער אין דער ראָלע פונעם אַלטן אַרעסטאַנט.

(Fraternitatea VII, 21.
בוקאַרעשט, פרייטיק, 12 יולי, 1885)

---

10 דער רומענישער מלוכה־טעאַטער.

11 פגל. „אַרכיוו" ב. 1, ז׳ 253.

12 פון אָפענבאַך.

13 אין גאָרינס רשימה ניט פאַרצייכנט.

V

עפּעס וועגן איזראַעליטישן טעאַטער

שוין איבער 12 יאָר זינט ס'האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד צום ערשטן מאָל די אַזוי־גערופענע איזראַעליטישע טרופּעס, וועלכע פּלעגן פאָרשטעלן טעאַט־ראַלישע פּיעסעס אין פאַלקסטימלעכן ייִדישן דיאַלעקט. די אונטערשטיצונג מצד דעם ברייטן עולם האָט געמאַכט מעגלעך, זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן, זיי זאָלן זיך אפילו מערן און זייערע כוחות זאָלן וואַקסן.

אָבער אויף וויפל אַ טייל פונעם איזראַעליטישן עולם, וואָס איז להוט נאָך ספּעקטאַקלען, פלעגט אונטערשטיצן דאָס אַזוי־גערופענע איזראַעליטישע טעאַטער, — אויף אַזוי פיל איז אַ קליינער טייל, אָבער אַ וויכטיקערער צוליב זיין סאָציאַלער פּאָזיציע, געווען פיינדלעך דעם דאָזיקן טעאַטער און וואָלט אפילו מיט פאַרגעניגן אָנגענומען אַן אַגרעסיווע שטעלונג קעגן אים, ווען ער וואָלט אים נישט צו־שטאַרק פאַראַכט און וואָלט נישט באַטראַכט דאָס דאָזיקע טעאַטער און זיינע רעפּערטואַרן ווי פאָרויס־באַשטימטע צו שטאַרבן אין וויגל.

ס'איז אָבער פאַרביי, ווי מיר זעען, מערער ווי אַ צענדליק יאָרן און דער איזראַעליטישער טעאַטער האָט זיך פאַרשטאַרקט, געוואָרן אַ ליבלינגס־זאַך ביי די ייִדן פונעם לאַנד און ביי די מאַסן בפרט. דער שטילער אָבער ברענענדיקער ווונטש „פון דעם בעסערן טייל" פון דער איזראַעליטישער גע־זעלשאַפט האָט זיך, ווי מיר זעען, נישט פאַרווירקלעכט; פאַרקערט, די פאַקטן זיינען געגאַנגען פונקט להיפוך צו יענע באַגערן.

אין דעם פאַל שטעלט זיך זייער אַן איינפאַכע און נאַטירלעכע פראַגע: וואָס איז די סיבה, פאַר וואָס ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן און האַלט זיך אויף נאָך דער איזראַעליטישער טעאַטער מיט זיינע טרופּעס? נאָך מער, פאַר וואָס פאַר־שפּרייט ער זיך און פאַרשטאַרקט זיך וואָס אַ מאָל מער?

דער ענטפער איז ווידער אַן איינפאַכער, ווייל דער דאָזיקער טעאַטער האָט באַפרידיקט און באַפרידיקט נאָך אַ באמתע באַדערפעניש.

דאָס ייִדישע פאָלק איז דער גרעסטער ליבהאָבער פון ספּעקטאַקלען; אין מיטן פון זיינע באַשעפטיגונגען און זאָרגענישן צו לעבן פון היינט אויף מאָרגן, גאַרט ער נאָך אַן אָנגענעמער אונטערהאַלטונג, וואָס זאָל שטאַרקן זיין גייסט און זיין האַרץ. דער ייִד אַנטלויפט מייסטנס פון גליקשפּילן, פון אָר־גיעס; און ווען ער זאָל אפילו נישט האָבן קיין נאַטירלעכע נייגונג צום טע־אַטער, וואָלטן דאָך, צוליב די אָנגעוויזענע סיבות, די ספּעקטאַקלען געבליבן די איינציקע אָביעקטן, צו וועלכע ער וואָלט געמוזט לויפן אין די פרייע שעהן.

אָבער דער ייִד פון דעם לאַנד, דער ייִד פון אַלע סאָציאַלע קלאַסן, האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן קענען רומעניש און באַזונדערס זיך אָפּצוגעבן מיט דער דאָזיקער שפּראַך און אַזוי אַרום באַקומען סימפּאַטיע צו איר.

דעריבער האָבן די רומענישע טעאַטערס נישט געקענט און קענען נאָך נישט אין גאַנצן באַפרידיקן די ווונטשן פון דער מערהייט יידן פונעם לאַנד. כדי צו געניסן פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, באַדאַרפן מיר פאַרשטיין און פילן איטלעכס וואָרט וואָס מיר הערן, אַנדערש גייט לאיבוד דער עפעקט צוזאַמען מיטן פאַרגעניגן.

אַזוי, אַז די גוט־באַקאַנטע שפּראַך, אויף וועלכער ס׳האָבן געשפּילט די איז־רעאַליטישע טרופּעס, איז געווען דאָס וואָס האָט דעם עולם צוגעצויגן צום יידישן טעאַטער. כל־זמן די דאָזיקע סיבה איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַר־שוונדן, האָט נאַטירלעך דער יידישער טעאַטער נאָך כח זיך אויסצוהאַלטן.

דאָס וואָס עס האָט געגעבן אַ באַזונדערן אימפּעט דעם יידישן טעאַטער, דאָס וואָס האָט אים חשובער געמאַכט פון אַ מאָל, איז זיין אַקטועלער רעפּער־טואַר. אין אָנהייב איז דער רעפּערטואַר געווען צונויפגעשטעלט פון פּיעסעס אָן קיין שום ליטעראַרישן ווערט; מיט העלדן, אַרויסגענומענע פון, למשל, קאָצעבוס און מאָליערס פּיעסעס און נאָר איבערגעמאַכטע אויף יידן; מיט קינדערישע סצענעס, וואָס פלעגן עקלען אַ מענטשן מיט אַ שכל־הישר, מיט דאָ און דאָרט אַריינגעשטעלטע לידלעך מיט שיינע מעלאָדיעס. וואָלט זיך דעם עולם צוגעגעסן דער יידישער טעאַטער. און טאַקע, נאָכן רוסיש־רומעניש־טערקישן קריג האָבן די איזראַעליטישע טרופּעס אָנגעהויבן אָפּגעשוואַכט צו ווערן און זיינען געצוווּנגען געווען זייער עקזיסטענץ צו זוכן אויסערן לאַנד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אין רוסלאַנד, ווו דער איזראַעלי־טישער טעאַטער איז שוין געבליבן פאַרפעסטיקט. דאָרטן אָבער האָט דער יידישער עולם — מיט אַ מער עסטעטישן געשמאַק און אַ מער גאַרנדיקער נאָך סצענעס פונעם אמתן יידישן לעבן — וועלכער האָט געזען די בלויזן פון זיין טעאַטער, זיין געשמאַק אַרויפצוווּנגען, און האָט גורם געווען אַ באַמערק־לעכע ענדערונג אין יידישן טעאַטער. ראשית האָט ער [דער יידישער עולם] גורם געווען דורך זיין דערמוטיקונג, אַז די יידישע טרופּעס זאָלן זיך פאַר־שאַפן אַ גאַרדעראָב און נייע דעקאָראַציעס, צוגעפּאַסט צו די געשפּילטע פּיעסעס און חוץ דעם צוציענדיקע פאַר זיך; דערנאָך זיינען די אַלטע פּיעסעס מיט זייערע לחלוטין פרעמדע און גאָר קנאַפּ יידישע טיפּישע פּערסאָנאַזשן פּאַוואָליע באַזייטיקט געוואָרן און מ׳האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אַ רעפּערטואַר מיט ריין יידישע פּיעסעס, הגם אויך איצט אָן אַ באַדייטנדיקן ליטעראַרישן ווערט. די פּיעסעס פונעם נייעם רעפּערטואַר האָבן חוץ דעם די מעלה, וואָס זיי האָבן ס׳רוב היסטאָרישע סוזשעטן, באַהאַנדלענדיק פּאַטעטישע אָדער העראָאישע עפּיזאָדן פון אונדזער עבר, און נאָך מערער ווי דאָס, באַמערקנדיק ביי יידן אַ פעסטן געשמאַק פאַר מוזיק, ווי זיי לויפן איבערהויפּט צו אָפּערעטע־פּיעסעס, האָבן די איזראַעליטישע טרופּעס צענויפגעשטעלט כמעט זייער גאַנצן רע־פּערטואַר פון אָפּערעטעס.

דאָס צופּאַסן זיך מצד די איזראַעליטישע טרופּעס צום געשמאַק פונעם

עולם האָט גורם געווען דעם איבערבייט אין דער אַנטוויקלונג פונעם איזראַעלי־טישן טעאַטער.

ווען מיר באַטראַכטן אַזוי די זאַך, דאַרף דער ייִדישער טעאַטער אונדז שוין נישט אויסווייזן אַזוי מיאוס און דאַרף אויך נישט וווּנדערן די יעניקע, וואָס זיינען נישט צופרידן מיטן קיום פון דעם דאָזיקן טעאַטער.

ווי נאָר די דאָזיקע טרופּעס האָבן זיך באַוויזן, האָבן מיר אין אַן אַר־טיקל, פּובליקירט אין Anuar pentru Israeliti (1טער יאָר, 1876)[14] אָנגעוויזן, אַז מיר דאַרפן ניט פאַרקוקן דעם ניי־געשאַפענעם טעאַטער, נאָר פאַרקערט, מיר דאַרפן וואַכן איבער אים, וואָרעם ער האָט וואָרצלען צו עקסיסטירן און מיר מוזן זוכן צוצוגעבן אים אַ קאָרעקטע ריכטונג; אַזוי אַז ווי אַ קולטורעלער פאַקטאָר זאָל ער דורכפירן זיין מיסיע.

ס'רוב האָבן אָבער פאַרמשפּט און פאַרמשפּטן נאָך היינט אויך דעם ייִדישן טעאַטער, צוליב צוויי טעמים: ראשית, דערפאַר וואָס דער ייִדישער טע־אַטער פּראָפּאַגאַנדירט און העלפט מיט צו דערהאַלטן דעם אַזוי־גערופענעם ייִדישן זשאַרגאָן, וועלכן זיי וואָלטן געוואָלט זען אונטערגיין מיט אַ שעה פריער, לטובת ייִדן; און צווייטנס, צוליבן מאָטיוו, וואָס ער מאַכט אונדז צו שפּאָט דורך זיינע סאַטירעס קעגן די חסידים און קעגן אַנדערע, וואָס דער המון־עם באַנעמט עס נישט ווי אַ סאַטירע.

די דאָזיקעביידע מאָטיוון ווייזן אונדז לחלוטין נישט אויס צו זיין ערנצטע. זיי ווייזן נאָר אַרויס לייכטזיניקייט, וואָס איז שווער מוחל צו זיין.

דער ייִדישער פאַלקסטימלעכער לשון, דער זשאַרגאָן אויב איר ווילט, קען נישט נישט פּראָפּאַגאַנדירט ווערן, נישט דערהאַלטן ווערן פון די איזראַ־עליטישע טעאַטערס. מיט אָדער אָן דעם ייִדישן טעאַטער, קען עס נישט אונטערגיין איידער אַלע איזראַעליטישע סאָציאַלע קלאַסן וועלן נישט באַהערשן אַ מאָדערנע שפּראַך אויף אַ פּאָלקומענעם אופן, און ביז די קינדער וועלן נישט לערנען אַלע פון קליינערהייט אָן די לאַנד־שפּראַך, און וועלן נישט קענען קיין אַנדערע חוץ איר, וויניקסטנס ביז אַ געוויסער צייט. ס'האָט זיך שוין אפילו אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג אין דעם זין אין גאַנצן לאַנד, אפילו אויך אין דער אייבער־מאָלדאָווע. ווען דאָס וועט ווערן אַ כלל, וועלן די איזראַעליטישע טעאַטערס מוזן אָדער אונטערגיין, אָדער בייטן זייער שפּראַך. נישט לטובת דעם ייִדישן טעאַטער טוט עמעצער, אויב זיין קינד קען דעם זשאַרגאָן; אלא דאָס קינד אייגנט זיך איין גאָר פשוט די שפּראַך, וואָס זיינע עלטערן קענען בעסער און וואָס זיי רעדן אָפטער און מיט מער חשק; און אויב די קינדער קענען די שפּראַך, איז שוין, פאַרשטייט זיך, קיין נפקא־מינה נישט, ווען און ווי זיי הערן זי שוין.

אַצינד דער צווייטער פּונקט, אַז ס'ייִדישע טעאַטער מאַכט אונדז צו שפּאָט

[14] פּינקטלעך: Calendar pentru Israeliti (1טער יאָרגאַנג 1876).

מיט זיינע סאַטירעס. דאָס וואָלט געקענט זיין ריכטיק ביים אָנהייב, ווען די איזראַעליטישע טרופעס פלעגן אויפפירן רייך־גאַליצישע סצענעס, מיט כאַראַק־טערס און טיפּן, וועלכע זיינען לחלוטין פרעמד די נייע דורות פון רומעניע. אַזוי ווי יענע סאַטירעס האָבן קיינעם נישט פאַרטשעפּעט אין אונדזער לאַנד, קע־נען זיי אפילו ביי אונדז אַזוי נישט אָנגערופן ווערן, און זיי זיינען היינט מיט רעכט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פונעם נייעם רעפּערטואַר.

די סאַטירע גופא, וואָס פאָדערט תמיד אַ ביסל איבערטרייבונג, קען אונדז קיין רעה נישט טאָן. די רומענער וואָס קומען זען ס'יידישע טעאַטער זיינען אָדער אינטעליגענטע מענטשן און ווי אַזעלכע וויסן זיי, אַז ביי יעדער פאָלק זעט מען באַנעמונגען און מנהגים וואָס פאַרדינען אַרונטערגעריסן צו ווערן; אָדער זיי זיינען אומפאַרנונפטיקע און מיט פּאַראורטיילן קעגן יידן און רע־כענען סיי ווי יידן פאַר ערגערע פון יענע, וועלכע מען שטעלט זיי פאָר ווי דעם איינציקן לעכערלעכן און שלעכטן טייל.—דער פאַקט, אַז סע זיינען פאַראַן יידן וואָס פאַרמשפּטן דאָס שלעכטע און באַקעמפן עס עפנטלעך באַדאַרף אויף זיי מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

דאָס וואָס האָט געשטויסן און שטויסט נאָך היינט צו טאָג, אַז אַ טייל זאָלן זיין קעגן יידישן טעאַטער, זיינען פּערזענלעכע דערווידערס; פּאַראורטיילן פון וועלכע זיי קענען זיך נישט באַפרייען.

אין דער אמתן ווייסט יעדערער, וואָס פאַר אַ ראָלע סע שפּילן פּאַראורטיילן און ווי אַזוי זיי ווענדן אָפּ דעם שכלדיקסטן מענטשן פון דער שמאָלער סטעזשקע פון לאָגיק און פאַרפירן אים אויף פרעמדע דרכים. דער פּאַראור־טייל האָט אפילו דעם ערשטן חטא, וואָס ער שטערט דיך צו טראַכטן איבער די ענינים. — כ'האָב אַ דערווידער אָדער אַ פּאַראורטייל קעגן דער שפּראַך פונעם יידישן פאָלק, פאַרשפּרייט זיך אויף אַן אומבאַוווּסטזיניקן און אומשול־דיקן אופן מיין דערווידער אויך אויף יענע וואָס באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך ווי מיט אַ וואָפן.

ווען דער מענטש שאַצט אָפּ, דאַרף זיך יעדערער איינחזרן: כדי מען זאָל מיך פאַרשטיין, דאַרף איך צו יענעם רעדן אויף אַ שפּראַך וואָס ער פאַר־שטייט; וואָס וועלן מיינע דיבורים נוצן, ווען מען וועט זיי הערן ווי פּוסטע קלאַנגען [און ניט פאַרשטיין] ?

קיינער לייקנט נישט די וויכטיקייט און דעם גוטן איינפלוס פון אַ טע־אַטער מיט אַ גוט־אויסגעקליבענעם רעפּערטואַר. וואָס פאַר אַ ראָלע קען דאָ שפּילן די שפּראַך, חוץ ווי אַ פאַרמיטלערין; חוץ אויף צו דערנענטערן די געוויזענע זאַכן צום פאַרשטאַנד פון דעם וואָס זעט זיי?

אויב אַזוי, דאַרף די שפּראַך זיין די בעסער־פאַרשטאַנענע שפּראַך, פון וועלכער מיר קענען זיך אָפּוואַרפן ווען מיר ווילן, וואָרעם בכלל קען מען לייכטער באַזייטיקן אַ נאָענטן דיאַלעקט, ווען מיר שטעלן אַ מענטשן אַוועק אין דער פּאָזיציע בעסער צו קענען אַן אַנדערן.

צוליב אָט די טעמים קענען מיר נישט איינשטימען מיט יענע וואָס פאַרמשפּטן דעם איזראַעליטישן טעאַטער. פאַרקערט, מיר גלייבן, אַז ס׳איז נייטיק דעם דאָזיקן טעאַטער צו געבן אַ ברייטע, באַוואַכנדיקע און באַראַטנדיקע אונטער־שטיצונג, מחמת ס׳איז לטובת אַלע יידן וואָס גאַרן נאָך פּראָגרעס. אַזוי אַרום יועלן מיר, ווי ווייניק, דאָך עפּעס צוטראָגן צו דער אינטעלעקטועלער קולטור פונעם יידן פון די נידעריקע שיכטן, געבנדיק אים אַן אמתדיק גוטן טעאַטער.

* * *

דאָ וואָלטן מיר געקענט פאַרענדיקן אונדזערע רעפלעקסיעס איבערן איז־ראַעליטישן טעאַטער; אָבער מיר האָבן נאָך אָנצוווייזן אויף אַ זאַך, ביי אַנ־דערע אפשר ניט קיין געשעצטע, אָבער פון אַ גרויסער באַדייטונג פאַר זיך, דהיינו, דער עפּעקט וואָס דער איזראַעליטישער טעאַטער האָט שוין געהאַט דורכן מוזיקאַלישן טייל פון די פּיעסעס פון זיין רעפּערטואַר.

די יידן, וואָס האָבן נישט די מעגלעכקייט ווי אַנדערע פעלקער, וועלכע זיינען ס׳רוב פּויערים, זיך צונויפקומען אין מאַסן, נישט כמעט טעגלעך ווי יענע, און נישט אפילו מערער מאָל, חוץ אין די שולן אָדער ביי יום־טובדיקע געלעגנהייטן, האָבן זיי נישט געקענט זיך שאַפן און אַנטוויקלען דאָס פאָלק־ליד. אין דער אמתן, קענען מיר נישט זאָגן, אַז יידן פאַרמאָגן לחלוטין נישט קיין פאָלקס־ליד; זיי האָבן עטלעכע בענקשאַפט־ און טרויער־לידער; עטלעכע ביסנדיקע סאַטירעס; אָבער נאָר עטלעכע, און אפילו די זיינען נישט אַזוי גוט פאַרשפּרייט. פון די אַלע זיינען נאָר די קינדער־לידער אין אַ גרעסערער צאָל, טאָקע דערפאַר, ווייל קינדער אין שול און ביים שפּילן זיינען תמיד צוזאַמען. דאָס ליד איין מאָל צוגעטראָכט און אויסגעזונגען פון אַ מאַמע, דערנאָך איבער־געחזרט פונעם קינד, וואָס האָט עס אָפטער געהערט, קען אָננעמען דעם כאַ־ראַקטער פון אַ פאָלקס־ליד. — דאָס פעלן פון צוזאַמען־אַרבעט, פון עפטערע פאַמיליאַרע פאַרזאַמלונגען, האָט גורם געווען אַ חלל אינעם רייכן באַגאַזש פון דער איזראַעליטישער פאָלקס־ליטעראַטור: דאָס פעלן פון ליד.

דעם דאָזיקן חלל האָבן קוים אויסגעפילט די שירים פון די יידישע פאָלקס־דיכטער. נישט געהערטע בציבור, האָבן זיי זיך נישט געקענט פאַר־שפּרייטן אַזוי לייכט. דער דוחק אין פאָלקס־ליד איז דערשפּירט געוואָרן פונעם פאָלק און איטלעכער האָט אים געזוכט ממלא צו זיין ווי אַזוי ער האָט געקענט, אָדער מיט פרעמדע פאָלק־לידער — יענע וואָס האָבן געקענט אַ פרעמדע שפּראַך — אָדער פּשוט מיטן אַליין זינגען טרויעריקע אָדער פריילעכע ניגונים.

דער איזראַעליטישער טעאַטער האָט אַריינגעפירט דאָס ליד, און גליק־לעכערווייז מיט מעלאָדיעס וואָס גייען דירעקט צום יידנס האַרץ, מיט צום יידנס געשמאַק צוגעפּאַסטע פאָרמען, מיט אינהאַלטן צוגעפּאַסטע צו פאַר־שיידענע שטימונגען האָבן די לידער געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די

מאָסע יונגע באַזוכער און קעגן זייער ווילן זינגען זיי איבער יענע לידער, ווען זייער האַרץ איז אין דעם זעלבן געמיט וואָס דער אַקטיאָר פון דער בינע האָט אָנגערירט. הייַנט, — גיי פון איין עק לאַנד צום אַנדערן עק און אומעטום וועט דיך טרעפן די זעלביקע איבערראַשונג: די ייִדישע יוגנט פון היינט זינגט אַ סך מערער ווי די ייִדישע יוגנט פון אַמאָל!

וואָס זינגען זיי? זיי זינגען געוויינלעך לידער, וואָס זיי האָבן געהערט אין טעאַטער; איבערהויפּט זינגען זיי אָבער לידער, געצומענע פון וואַנען אַלע ווייסן, מיט צוגעטראָפענע מעלאָדיעס, וואָס מען הערט זיך אָן אין די פּיעסעס, וואָס ווערן פאַרגעשטעלט אויף דער בינע פונעם איזראַעליטישן טעאַטער.

דער איזראַעליטישער טעאַטער האָט אַזוי אַרום געגעבן דעם ייִדן אַ טייערן פאַרוויילונגס־מיטל, צו קרעפטיקן דעם גייסט: האָט עס אים געגעבן ס'ליד וואָס האָט אים געפעלט.

דאָס אַליין איז גענוג כדי צו שענקען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דעם דאָזיקן נייעם טעאַטער און אים מוחל צו זיין אַלע חטאים, וועלכע ער איז באַגאַנגען.

* * *

דער ייִדישער טעאַטער האָט נאָך אויפגעטאָן אַ גוטע זאַך. ער האָט אַרויסגעבראַכט וויכטיקע טאַלענטן, וועלכע וואָלטן מסתמא פאַרלוירן געגאַנגען.

בראש פון די דאָזיקע אַלע טאַלענטן איז בלי־ספק זיגיסמונד מאָגילעסקו. אָן אויטאָ־דידאַקט אין דער דראַמאַטישער קונסט, מאַכט דאָך מאָגילעסקו דורך אַ באַדייטנדיקן פּראָגרעס, אַ נאַטירלעכע אינטואיציע שטויסט אים צום אמתן קונסט־באַגריף, ער ווערט וואָס אַ מאָל נאַטירלעכער אין דער מימיק, אין רעדן, אין גאַנצן שפּילן. זעענדיק אים, איבערהויפּט אין אייניקע מאָמענטן זיינע, מיינסטו אַז דער דאָזיקער מענטש איז נישט קיין אַקטיאָר, נאָר אַ מענטש, וואָס איז צופעליק אַרויף אויף דער בינע און ער רעדט, קריגט זיך, שרייט, וויינט, בעט זיך — ווייל סע טרייבט אים דערצו די נויט פון דעם מאָמענט. ער איז אַ מענטש אויף דער בינע און נישט קיין אַקטיאָר; מיט אַנדערע ווערטער: ער איז אַ קינסטלער.

צו מוזיק האָבן אַ סך פון די שוישפּילערס און שוישפּילערינס פון די איז־רעאַליטישע טרופּעס, אַ נאַטירלעכע נייגונג. און אויב זיי וואָלטן שטודירט, וואָלטן מיר אין זיי געהאַט שוישפּילערס וואָס וואָלטן אונדז כבוד פאַרשאַפט.

טייל אַקטיאָרן וואָלטן זיך מער אַרויסגעוויזן ווי קינסטלער, ווען די פּיעסעס וואָלטן נישט געליטן פון אַן אינעווייניקסטער ווערטלאָזיקייט. אין סצענעס און דעקלאַמאַציעס אָן אַ זין און אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיטן גאַנצן, ווערט אפילו אַן אַרטיסט אַ פּשוטער אַקטיאָר. נאָר אין יענע פּיעסעס, אין וועלכע גרויסע און הויכע ליידנשאַפטן באַלעבן דעם העלד; ווו אָפּגעקליבענע און אָפּ־געווויגענע ווערטער און געדאַנקען ווערן אין זייער מויל אַריינגעלייגט, ווו דורך

די האַנדלונגען וואָס וויקלען זיך פונאַנדער אויף דער בינע, האַלט עס געשפּאַנט דעם צוהערער, ווי אויך דעם וואָס שפּילט, — נאָר דאָרט ווו דער טאַלענט קען זיך אויסדריקן, קען דער אַקטיאָר ווערן אַ קינסטלער.

מיר קאָנסטאַטירן דערפאַר מיט פאַרגעניגן, אַז דער נייער רעפּערטואַר פונעם איזראַעליטישן טעאַטער מיט בעסער־אויסגעווײלטע פּיעסעס, לכל־הפּחות נאָכן אינהאַלט, מיט טיילווייז גוט־אָנגעפּירטע סצענעס, קען שוין נישט באַאײנפלוסן צום שלעכטן. און ביז יידן וועלן קענען אַן אַנדער שפּראַך בעסער איידער זייער זשאַרגאָן און דער יידישער טעאַטער וועט ווייטער גיין אויפן וועג פון פּראָגרעס, וועט ער קענען ברענגען אַ סך גוטס די יידישע פאָלקס־מאַסן.

Fraternitatea VII, 26.
בוקאַרעשט, פּרייטיק, דעם 12טן יולי, 1885.

VI

דער איזראַעליטישער טעאַטער פון גאַלאַץ

מיר לייענען אין Galattii פון 9טן ה״י: „אין גרויסן טעאַטער, צוליבן אויספעלן פון אַ רומענישער טרופּע — זעצט פאָר די סעריע פאָרשטעלונגען דער פאַראיין פון איזראַעליטישע אַרטיסטן, אונטער דער אָנפירונג פון די ה״ה מאָגולעסקו און פינקעל. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען ציִען צו יעדער אָוונט נישט נאָר איזראַעליטן, נאָר אויך אַ סך רומענער, וועלכע ווערן צוגעצויגן פון אַן אָנגענעמער און אָריגינעלער מוזיק. זיי ווייסן אָפּצושאַצן און אָפּצולויבן די אויפפירונגען און דער עיקר די קרבנות, וועלכע די יונגע טרופּע ברענגט, כדי אויפצוהאַלטן איר אונטערנעמונג. אמת, ווען דו הערסט צום ערשטן מאָל פון אַ יידישער טרופּע, זאָגט זי דיר ניט צו קיין שום נחת, אָבער ווען דו ביסט צו אַ פאָרשטעלונג, בייטסטו אין גאַנצן די מיינונג; דו האָסט פאַר זיך אַ גוט־אויסגעקליבענעם רעפּערטואַר, זעסט אַ צאָלרייכע טרופּע, נייע און שיינע קאָסטיומען, בקיצור אַלץ וואָס סע פאַרמאָגן נישט קיין איינע פון אונדזערע וואַנדערנדיקע טרופּעס. ה׳ מאָגולעסקו—אַן אויסגעצייכנטער קאָמיקער, פּרוי פינקעל מיט אַ סימפּאַטישער סאָפּראַנאָ־שטימע, ווי אויך פּרוי עדעלשטיין, זיינען די ערשטע, וועלכע באַקומען אַפּלאָדיסמענטן. עס איז צו באַוואונדערן ביי דער איזראַעליטישער טרופּע, ווי אָן קיין שום ספּעציעלער שול, מערניט פון זיך גופא, איז איר געלונגען צו אינטערפּרעטירן אַ רייכן רעפּערטואַר פון פּיעסעס אויף דעם קאָרעקטסטן אופן. טאַקע אויף דעם גרונד, האָט מען אין אונדזער שטאָט ווו ס׳האָט זיך געבילדעט אַ קאָמיטעט צו געבן אַ פאָרשטעלונג לטובת דער לאָטעריע פונעם אַטענעום, אַפּעלירט צו דער איזראַעליטישער טרופּע, וועלכע האָט מיט פאַרגעניגן מסכים געווען צו געבן איר צושטייער פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור־אינסטיטוציע. די פאָרשטעלונג וועט פאָרקומען

אין גיכן און מיר גלייבן, אַז דער עולם וועט זיך איילן זי בייצוווינען, האָבנדיק די געלעגנהייט צו הערן די איזראַעליטישע טרופּע, ווי אויך די אויסזיכט צו פאַרדינען 75,000 לעי, מחמת ביי דער דאָזיקער פאָרשטעלונג וועט יעדער באַזוכער באַקומען אומזיסט אַ לאָטעריע־צעטל״.

Fraternitatea VII, 40.

בוקאַרעשט, פרייטיק, 18טן אָקטאָבער, 1885.

VII

טעאַטער כראָניק 1

די איזראַעליטישע אָפּערעטן־טרופּע, וואָס דעביוטירט איצט אויף דער בינע פונעם גרויסן טעאַטער פון גאַלאַץ, אונטער דער דירעקציע פון ה״ה יוועליר און טרייטלער, איז די איינציקע אין אונדזער לאַנד פאַרבליבענע טרופּע און איינע פון די בעסטע, וועלכע פאַרמאָגט אויסגעצייכנטע אַקטיאָרן און אַ רייכן גאַרדעראָב.

די פּיעסע „בלימעלע״ אָדער „די פּערל פון וואַרשע״ [15] אָפּערעטע אין 4 אַקטן, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן 5 מאָל און וועלכע מען וועט נאָך שפּילן, איז איינע פון די באַרימטע ווערק, וועלכע מ׳האָט געשפּילט אויף דער בינע פונעם אַמעריקאַנער טעאַטער Windsor און געיובלט אין דער לעצטער צייט איר [פון דער פּיעסע] 500טע פאָרשטעלונג.

כמעט אַלע שוישפּילערס זיינען געווען אויף דער הייך פון זייערע ראָלעס. צווישן זיי האָט מען די ה״ה יוועליר, טרייטלער, גילטמאַן, פּערקאָוף, מאַרגו־ליעס, שילינג, גאָלדענבערג, און די פרימאַדאָנע, פריילין טרייטלער, וואָס איז געווען פולקום אין „בלימעלע״ — נאָך יעדער סצענע אַפּלאָדירט. זייער גוט זיינען אויך געווען די פרויען יוועליר און אַקסעלראַד.

די מוזיק אונטער דער פירונג פון ה׳ פּערלמוטער איז אויך אַ גוטע.

דער טעאַטער איז באַזוכט פון אַ בעסערן עולם, צווישן זיי אַ סך רומענער.

שבת און זונטיק ווערט געשפּילט דער גבור החיל [16], היסטאָרישע אָפּע־רעטע אין 4 אַקטן און 9 בילדער.

Viitorul 1, 2

בראַילאַ, 27סטן אָקטאָבער, 1896.

VIII

טעאַטער כראָניק 2

אויף דער בינע פונעם גרויסן טעאַטער פון גאַלאַץ איז אויפגעפירט גע־וואָרן נאָך אַנאַנד די פּיעסע „דער גבור החיל״ אָפּערעטע אין 4 אַקטן, דורך דער איזראַעליטישער טרופּע, אונטער דער פירונג פון ה״ה יוועליר און טרייטלער.

---

[15] יוסף לאַטיינערס: „בלימעלע, די פּערל פון וואַרשע, אָדער גראַף און יודע״ (1894).

[16] ז. פיינמאַן „דער גבור החיל אָדער דער פרינצעסינס נדר״ (1896).

דער טעאַטער איז געווען איבערפילט פון אַ געקליבענעם עולם. כ׳האָב באַמערקט ווי אַ סך רומענער, וועלכע קענען די דייטשע שפּראַך, האָבן אַפּלאָ־דירט די פאַרדינסטפולע שוישפּילערס.

ה׳ יוּועליר, אַ טענאָר פון ערשטן ראַנג, דעביוטירנדיק אין זיין ראָלע פון „גבור החיל״, איז אַפּלאָדירט געוואָרן מערערע מאָל און פריילין טרייטלער, ערשטע סאָפּראַנאָ. אין 3טן אַקט, ווען זי רייסט אַרונטער די מאַסקע און דער־קענט איר ברודער דעם גבור החיל, גיט זי אים אָן דעם מערדער פונעם קריגס־מיניסטער, זייער פאָטער, און זיי שווערן ביידע נקמה צו נעמען פון דעם מערדער־פּרינץ; אין דער דאָזיקער סצענע איז פריילין טרייטלער אין דער ראָלע „יהודית״ גרויס, און זי האָט אַרויסגערופן שטורעמדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אויך דער ה׳ גאָלדבערג האָט זיין מערדער־ראָלע אינטערפּרעטירט זייער גוט, און דער סימפּאַטישער קאָמיקער ה׳ גילטמאַן האָט ווי געוויינלעך פאַר־ווײַלט דעם עולם מיט זיין דינער־ראָלע און איז אַ סך מאָל אַרויסגערופן געוואָרן מיט אַפּלאָדיסמענטן און געלעכטער.

צוליב דוחק אין פּלאַץ קענען מיר נישט באַריכטן וועגן אַלע ראָלעס, און מיר באַנוגענען זיך מיטן באַמערקן, אַז אויך די איבעריקע אַקטיאָרן האָבן זייערע ראָלעס גוט געשפּילט.

מיר עצהן דעם עולם און ליבהאָבער פון טעאַטער (מחמת קונסט האָט נישט קיין נאַציאָנאַליטעט און נישט קיין פאָטערלאַנד) צו קומען אין אַ גרויסער צאָל, כדי צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין שענסטער פאַרווײַלונג.

שבת דעם 2טן נאָוועמבער ווערט געשפּילט „דער גבור החיל״ און זונטיק — „בלימעלע״.

Viitorul 1, 3

בראַילא, 3 נאָוועמבער, 1896 [17].

[17] דער דאָזיקער זשורנאַל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם רומענער אַ ל ע ק - ס אַ נ ד ע ר ט ר י פ אַ ן (ניט קיין ייִד).

גאָלדפאַדן־מאַטעריאַלן

פון א. ר. מלאכי

1. גאָלדפאַדנס אַרטיקלען אין „ישראליק"

בנוגע גאָלדפאַדן ווי דעם רעדאַקטאָר פון „ישראליק", שרייבן נ. אויס־לענדער און או. פינקעל אין זייער אַרבעט „א. גאָלדפאַדן, מאַטעריאַלן פאַר אַ ביאָגראַפיע" (מינסק, 1926, ז' 25): „וואָס גאָלדפאַדן האָט אָפּגעדרוקט פון זיינע אייגענע ווערק אין „ישראליק", איז אונדז ליידער ניט באַוווּסט. מען קאָן אָבער ניט צווייפלען דערין, אַז ערשט דעמאָלט, ווען עס וועט זיך איינגעבן פעסטשטעלן גאָלדפאַדנס ראָלע אין „ישראליק", וועט באַלויכטן ווערן דער פעריאָד ערב דער גרינדונג פון יידישן טעאַטער".

וועגן „ישראליק" האָב איך אַ גרעסערע אַרבעט (אַ טייל געדרוקט אין „צוקונפט", מאַי, 1930), וואָס איך וועל אין גיכן פאַרעפנטלעכן. דאָ וועל איך איבערגעבן אַ רשימה פון גאָלדפאַדנס לידער, אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין „ישראליק", וואָס זיינען נאָך ביז איצט אין ערגעץ ניט פאַרצייכנט געוואָרן.

1) ישראליק (ליד) — „פּראָבעבלאַט" (פון „ישראליק"), 23 יולי 1875.

2) שוין נאָך אַללע היום׳ס (ליד) — נומ׳ 3, 16 אָקטאָבער 1875.

3) דאָס יודיניא (ליד) — נומ׳ 6, 6 נאָוועמבער 1875.

4) נאָך דער לעצטער מאָדע (ליד) — אין זעלבן נומער.

5) אַ בריוועלע פון יענער וועלט (פעליטאָן) — נומ׳ 11, 11 דעצעמ־בער 1875 (אונטערגעשריבן אגף).

2. גאָלדפאַדנס באַזוך אין וואַרשע אין 1876 [1]

ווי די מערסטע ביאָגראַפן גאָלדפאַדנס גיבן אָן, איז גאָלדפאַדן גלייך, נאָך דעם ווי דער „ישראליק" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, אַריבער קיין בוקאָ־ווינע, זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ און אין דעם זעלביקן יאָר וואָס דער „ישראליק" איז אונטערגעגאַנגען (1876) גענומען אַרויסגעבן דאָס „איזראַעלי־טישע פאָלקס בלאַט". ווען זיין צווייטע זשורנאַליסטישע אונטערנעמונג האָט אויך קיין דערפאָלג ניט געהאַט, האָט גאָלדפאַדן זיך אַריבערגעצויגן קיין רו־מעניע, וואָס איר איז באַשערט געווען צו ווערן דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער.

פון אַ קאָרעספּאָנדענציע פון וואַרשע וואָס איז געדרוקט אין „המגיד", איז

---

[1] וועגן דעם עפּיזאָד זע: ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, כאַרקאָוו־מאָסקווע, 1930, ז"ז 523—524. די רעדאַקציע.

אָבער צו זען, אַז אין 1876 האָט זיך גאָלדפאַדן געפונען אין רוסלאַנד. נאָך מער: ער האָט דאָרט צוגעגרייט צום דרוק אַ בוך לידער מיטן נאָמען „דאָס פידעלע״, און צוליב דעם זיך געגרייט פאָרן קיין פעטערבורג.

דער שרייבער פון דער קאָרעספּאָנדענציע איז אליעזר־יצחק שפּירא, אַ באַקאַנטער העברעיִשער שרייבער, בוכהענדלער און פאַרלעגער, און פון זיין שרייבן איז צו זען, אַז ער איז געווען גאָלדפאַדנס אַ פאַרערער און פריינד; ער דריקט אויך אויס זיין צער וואָס אָנשטאָט העברעיִש, שרייבט גאָלדפאַדן ייִדיש.

ווי אַ צושטייער צו גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע איז כדאי איבערצוגעבן די קאָרעספּאָנדענציע[2]:

„די טעג איז פון אָדעס דאָ געקומען דער חשובער משורר הער גאָלדפאַדן, וועלכער איז אין אונדזער ליטעראַטור באַרימט מיט זיין בוך „ציצים ופרחים״, וואָס האָט אין יאָר תרכ״ה דערשיינט אין אָדעס. אָבער גלייך נאָך דער דערשיינונג פון דעם דאָזיקן בוך זיינעם, האָט ער אויפגעהערט צו שאַפן אין אונדזער שפּראַך, ווייל זיין אַרבעט האָט זיך ניט באַצאָלט און ער האָט זיך געטאָן קערן צום מדבר, צו דער „שפת בבל השדודה״ (זשאַרגאָן) און אין דער דאָזיקער שפּראַך אַרויסגעגעבן די ביכער „דאָס יודעלע״ און „דיא ייִדענע״, וועלכע זיינען אין די טויזנטער און אפשר אין די צענדליקער טויזנטער פאַרקויפט געוואָרן צווישן אַלע קלאַסן פון פאָלק, ווייל גאָלדפאַדן האָט געוווסט, ווי אַזוי צו באַאיינפלוסן די מאַסע, וואָס צו זיי ווידמעט ער זיין אַרבעט, און אויף זיינע לידער קענען מיר זאָגן, אַז זיי זיינען אמתע פאָטאָגראַפישע בילדער פון פאָלקס לעבן און פון זיינע מנהגים.

איצט האָט ער מיט זיך געבראַכט נייע לידער, געשריבן אין דער ייִדיש־דייטשער שפּראַך, וואָס די פּאָעטן פון יעדער פאָלק און יעדער שפּראַך וואָלטן זיך מיט זיי ניט געהאַט צו שעמען, ווייל ווי וואַסער־קוואַלן זיינען די הערצער פון די צוהערער אין די הענט פון חשובן דיכטער, זיי צו מאַכן אין איין רגע וויינען און אין דער צווייטער — לאַכן, און אין דעם באַווייזט ער דעם גרעסטן וווּנדער. צו די מערסטע לידער זיינע האָט דער מחבר געשאַפן די געהעריקע נאָטן. פון דאַנען פאָרט ער קיין פעטערבורג, כדי דאָרט צו דרוקן אַ ביכל לידער מיטן נאָמען „דאָס פידעלע״, צוזאַמען מיט נאָטן, און הלוואי זאָל ער דאָרט אָנקומען און מיט געזאַנג זיינע גאַרבן שניידן!

די ייִדישע שרייבערס זיינען זייער אויפריכטיק און זיינען ביכולת צו־צוגרייטן מאכלים אויך אין דער העברעיִשער שפּראַך, אָבער — ווי זיי גיבן נאָר אַרויס די ערשטע פּרוכט פון זייער פעדער און האָבן ניט באַלד דעם געהעריקן דערפאָלג, — רוקן זיי זייערע הענט אַריין אין די קעשענעס און ווילן

[2] אין עטלעכע פאַלן גיב איך אַ פרייע איבערזעצונג, ווייל שפּיראָס מליצות איז אוממעגלעך איבערצוגעבן פּינקטלעך.

מער ניט ווידמען זייערע פעיִקייטן צו אַ פּובליקום, וואָס פאַרשטייט ניט זייער שפּראַך און פאַרנעמען ניט זייערע געדאַנקען.

טייל נעמען זיך צו פרעמדע ליטעראַטורן און ווערן שרייבער אין אַנ־דערע שפּראַכן און אַ סך פון זיי גיסן אין זיי אויס זייער צאָרן אויף זייער פאָלק, ווייל זייערע הערצער זיינען פאַרביטערט צוליב די קלעפּ, וואָס זיי האָבן פון זייערע פריינד באַקומען און מען קען אויף זיי, צוליב דעם, ניט פאַראיבל האָבן.

טייל ווידער — נעמען זייערע דערהויבענע געדאַנקען אויסדריקן אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך כדי דאָס פאָלק זאָל זיי קענען פאַרשטיין און די העב־רעיִשע שפּראַך ווערט דערווייל פאַררוקט אין אַ ווינקל און אירע איבערגעגע־בענע שרייבערס ווערן פון טאָג צו טאָג וואָס ווייניקער. ווײ צו די אויערן, וואָס מוזן דאָס הערן!"

די קאָרעספּאָנדענציע איז געדרוקט אין דעם 17טן נומער פון 20סטן יאָר־גאַנג פון „המגיד", וואָס האָט דערשיינט דעם 3טן מאַי 1876. זינט די קאָ־רעספּאָנדענציע איז געשריבן ביז זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָט געוויס גע־דויערט עטלעכע וואָכן. קומט אויס, אַז אָנהייב אַפּריל אָדער סוף מאַרץ האָט זיך גאָלדפאַדן געפונען אין רוסלאַנד.

דער „ישראליק" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען דעם 2טן פעברואַר 1876, און מען קען זיך משער זיין, אַז גאָלדפאַדן האָט זיך גלייך אומגעקערט אין רוסלאַנד, האָט געהאָפט דאָרט צו האָבן פרנסה פון ליטעראַטור, און אַז דאָס איז אים ניט געלונגען, האָט ער גלייך פאַרלאָזן רוסלאַנד און פון דאָרט אַוועק קיין בוקאַווינע, ווו ער האָט געמאַכט אַ נייעם זשורנאַליסטישן פאַרזוך גרינדנדיק דאָס „איזראַעליטישע פאָלקס בלאַט".

צי „דאָס פידעלע" האָט זיך אין יענעם יאָר געדרוקט, איז מיר ניט באַ־וווּסט. אין שאַצקיס גאָלדפאַדן־ביבליאָגראַפיע (אין „גאָלדפאַדן־בוך", ניו־יאָרק, 1926) איז אָנגעגעבן 1883, ווי דאָס יאָר, ווען „דאָס פידעלע" האָט דערשיינט אין דער דרוק־אָרט — אָדעס.

עס איז אויך אומפאַרשטענדלעך, וואָס שפּירא דערמאָנט ניט אַ וואָרט וועגן „ישראליק". שפּירא, ווי אַ שרייבער און צייטונגס־אַגענט, האָט פון דער עקסיסטענץ פון „ישראליק" זיכער געוווּסט. אפשר האָט ער ניט געוואָלט דער־מאָנען דאָס בלאַט אין פאַרבינדונג מיט גאָלדפאַדנס נאָמען, ווייל דער „ישראליק" האָט דעמאָלט אויפגעהערט צו דערשיינען און עס וואָלט צווישן די אַבאָנענטן פון בלאַט זיכער געשאַדט גאָלדפאַדנס פּרעסטיזש. און ער, גרייטנדיק זיך אַרויסגעבן מיט ליידיקע הענט אַ בוך, האָט געוויס געהאָפט צו באַקומען „פּרענומעראַנטן" און עס איז גלייכער געווען ניט צו באַרירן דאָס אונ־טערגאַנגענע בלאַט.

3. גאָלדפאַדנס־טרופּע אין מינסק

אין ערשטן נומער פון „המגיד״ 1881 (דעם 5טן יאַנואַר) איז געדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענציע פון מינסק, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער בכלל און די באַציונג פון דער יידישער אינטעליגענץ צו גאָלדפאַדנס טעאַטער־פּאַרזוך בפרט. דער שרייבער איו״ב ממינסק (יוסף בריל), אין זיין צייט אַ באַקאַנטער העברעישער סאַטיריקער, דערציילט וועגן דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס גאָלדפאַדנס טרופּע האָט געהאַט אין מינסק און קריטיקירט שטאַרק די דראַמעס, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן. ער באַנוגנט זיך ניט מיט זיין אייגענער מיינונג, נאָר גיט אויך איבער יהל״לס אַ בריוו צו אים, אין וועלכן יענער רעדט וועגן יידישן טעאַטער מיט ביטערניש און זעט אין אים שאַנד און שפּאָט פאַרן יידישן פאָלק, האַלט גאָלדפאַדענען פאַר אַ שונא ישראל און פאַרגלייכט אים צו דעם משומד ווייגבערג.

איך גיב דאָ אַן אויסצוג פון דער קאָרעספּאָנדענציע:

„שוין זעקס וואָכן צייט ווי די פון לאַנג צו די צייטונגס־לייענער באַקאַנטע טעאַטער־טרופּע פון הער גאָלדפאַדן, געפינט זיך אין אונדזער שטאָט. די דאָזיקע טרופּע האָט געגעבן פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען. דער אינהאַלט פון די דראַמעס איז גענומען נאָר פון דעם לעבן פון יידישע זשוליקעס, נאַראָנים און טיפּשים, וואָס מיט זייער נאַרישקייט און פאַרדאָרבענע מדות האָבן זיי שאָדן געטאָן אויך צו די, וואָס זיינען פון זיי באַאיינפלוסט געוואָרן. טאָג־טעגלעך באַזוכן דעם טעאַטער גאַנצע קאָמפּאַניעס יידן און קריסטן. די לעצטע — כדי זיך צו אַמוזירן און זיך לוסטיק צו מאַכן איבער די העלדן פון די דראַמעס, זיך גוט אויסצולאַכן און אָנצוקוועלן פון די בזוינדיקע יידן, וואָס האָבן ניט קיין מענטשלעך געשטאַלט, צו לאַכן איבער זייער מאָדנער לעכערלעכער קליידונג, זייער כיטרעקייט, זייער שאַנד און שפּאָט; און יעדער פאָרשטעלונג איז פאַר זיי אַ באַוויז, אַז יידן זיינען באמת אַ פאַרדאָרבן פאָלק. די יידן שעפּן פאַרגעניגן פון די לצנות און קאַטאָוועס־ווערטלעך פון די אַקטיאָרן, האַלטן אין איין הירזשען און לאַכן, אין איין אַפּלאָדירן און שרייען: ביס, ביס!! די יידן דינען פאַר די קריסטן ווי כשרע ריכטיקע עדות, אַז מיר זיינען באמת אַ שמוציק־אומווערדיק פאָלק, אַ שאַנדע פאַר יעדער קלוגן פאָלק און שפּאָט פאַר יעדער דענקנדיקן מענטשן. דערווייל איז יעדער טאָג דער טעאַטער פול מיט מענטשן. די קאַסע ווערט פול אויפן חשבון פון די אויסגעליידיקטע קעשענעס.

איך וועל איצט ניט פּרווון אַנאַליזירן דעם אינהאַלט פון די דראַמעס און אויפוויזן, אַז זיי אַנטהאַלטן ניט דעם עיקר אויף וואָס אַ דראַמע איז געבויט, ווייל איך וועל זיך מוזן צו פיל פאַררעדן, און מיין אַרטיקל וועט אַרויס פון דעם גדר פון אַ קאָרעספּאָנדענציע און ווערן אַ קריטיק. אויסער דעם האָבן שוין אַנדערע שרייבער די אַקטיאָרן גוט צעקלאַפּט. איך וועל נאָר איבערגעבן

די מיינונג פון מיין פריינד, דעם באַרימטן געלערנטן און שרייבער יהל״ל, וואָס האָט מיר געשריבן אין אַ בריוו:

„די גאָלדפאַדן־טרופּע האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען אָבער ניט מיט רעכט. און ווען איך וואָלט געווען ביכולת, וואָלט איך געזען דאָס אויפצולייזן. אויסער שאַנד און שמאַכט, וואָס זי לייגט אויף אונדז אַרויף, ווייטאָגט דאָס האַרץ פון יעדן איינעם, וואָס קען דאָס יידישע לעבן, צו זען אַזעלכע פאַרשטעלונגען, וואָס שילדערן די יידן ווי ווילדע און צעיושעטע. עס איז זייער דערהויבן, ווען אין אַ דראַמע ווערט געשילדערט דאָס פאָלקס לעבן, אָבער דער שרייבער באַדאַרף זיך גוט דערגרונטעווען אום צו קענען דאָס לעבן פון פאָלק, וואָס ער שילדערט, זיך פאַרטיפן אין זיין נשמה און פאַרשטיין זיין גייסט. גאָלדפאַדן אָבער איז נאָר אַ לץ, וואָס לאַכט און שפּאָט אָפּ און באַדעקט אונדזער פאָלק מיט שאַנד, און האָט נאָך דערצו די חוצפה פון אַ הפקרדיקער זונה זיך אָנצורופן „פאָלקס־פּאָעט״. מיין פריינד און חבר בראַנד האָט זייער פּעיִק זיין מאַסקע אַרונטער־געריסן אין „רוסקי יעווריי״, אָבער עס איז נאָך ווייניק. עס איז דער חוב און מצווה פון יעדן ערלעכן מאַן מיט אַ הויכער שטים אויסצושרייען צו די יידן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ ביסל דרך־ארץ צו זיך גופא און ניט אונטעררוקן זייער פנים צו דעם, וואָס פּאַטשט זיי און שפּאָט זיי אויס. זאָלן זיי זיך אָפּקערן פון דעם דאָזיקן לץ וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן אונדזערע שונאים, וואָס פאַר־אומווערדיקן אונדזער נאָמען מיט פאַלשקייטן און ליגנס. זאָל אונדזער פאָלק ווייסן, אַז גאָלדפאַדן איז מיט זיינע פירונגען פונקט ווי וויינבערג״ . . .

איוב ממינסק פאַרענדיקט זיין קאָרעספּאָנדענציע אַזוי:

„די דאָזיקע רייד זיינען מער ווי גענוג. און איך קען צוגעבן, אַז די דאָזיקע טרופּע האָט פון אונדזער שטאָט אַרויסגעשלעפּט הויפענס געלט, הע־כער פינף טויזנט רובל, אין דער צייט וואָס אין שטאָט הערשט אַ גרויסער יקרות און די אָרעמע לייט גייען אויס פון הונגער. אַ העלפט פון דער דאָזיקער סומע איז פון די אָרעמע גראָשנס פון די אָרעמע לייט, ווייל ווער קען זיין ניי־געריקייט אונטערדריקן און ניט וועלן זען יידן שפּילן טעאַטער און רעדן יידיש? איך קען אַ סך יהודסדיקע פאַמיליעס אין אונדזער שטאָט, וואָס האָבן קיין מאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אַ טעאַטער, און דאָך האָבן זיי זיך דער־לויבט צו זען גאָלדפאַדנס דראַמעס. פאַר וואָס? ווייל ער רעדט יידיש און קומט אַרויס פון יידישן פאָלק. אַזעלכע און זייער גלייכן האָבן מיטן גאַנצן האַרצן זייער געלט פאַרשווענדט, און גאָלדפאַדנס טרופּע האָט גרויס דערפאָלג געהאַט״.

4. גאָלדפאַדן און גאָטלאָבער

אַ גרויסע השפעה אויף גאָלדפאַדענען האָט געהאַט דער באַוווּסטער העב־רעישער פּאָעט א. ב. גאָטלאָבער.

גאָלדפאַדנס פריינדשאַפט מיט גאָטלאָבערן איז גוט באַקאַנט. כמעט

יעדער ביאָגראַף גאָלדפאַדנס גיט איבער וועגן גאָטלאָבערס השפּעה אויף גאָלד־פאַדענען, סיי ווי אַ דיכטער און סיי ווי אַ דראַמאַטורג.

גאָלדפאַדן איז געווען גאָטלאָבערס תלמיד אין אַלט־קאָנסטאַנטין, ווען ער אזי געווען נאָך אַ יונגער יינגל און שפּעטער — אין ראַבינער־אינסטיטוט אין זשיטאָמיר.

אין זיינע זכרונות, וואָס זיינען פאַרעפענטלעכט אין ערשטן באַנד פון שלום־עליכמס „פאָלקסביבליאָטעק", גיט גאָטלאָבער איבער זיין באַציִונג צו גאָלדפאַדענען און שילדערט די אַנטוויקלונג פון דעם שפּעטערדיקן פאָלקס־פּאָעט אין שעפער פון דער ייִדישער בינע.

בשעת גאָלדפאַדן האָט דורך זיין טעאַטער געוומען ווערן באַרימט אין רוסלאַנד, איז גאָטלאָבער שוין געווען אַן אַלטער מאַן, האַלב בלינד און געלעבט פון שנאָרעריי, פון פראַווען יובילייען און פון אַרויסגעבן דעם „הבוקר אור" איין מאָל אין אַ האַלב יאָר, ווי אַ אויסרעד צו ווערן געשטיצט פון די „ליבהאָבער" פון דער העברעיִשער שפּראַך. דערוויסנדיק זיך פון גאָלדפאַדנס גרויסן דער־פאָלג, ווענדט ער זיך צו זיינע פריינד צו ווירקן אויף גאָלדפאַדענען צו געבן פאַר אים אַ פאַרשטעלונג, אַ „בענעפיט". אין דער קאָלעקציע גאָטלאָבערס בריוו וואָס איך פאַרמאָג, געפינט זיך אַ בריוו צו יצחק־יעקב וויסבערג (דאַ־טירט 7 מערץ 1882) אין וועלכן גאָטלאָבער שרייבט:

„דער מאַן גאָלדפאַדן וואָס די וועלט שטורעמט איצט מיט אים צוליב זיין טעאַטער, איז מיינער אַ תלמיד מובהק. ער האָט ביי מיר געלערנט אין מיין געבורטשטאָט אַלט־קאָנסטאַנטין אין דעם צווייטן „ראַזריאַד". אויסער דעם פלעגט ער טאָג־טעגלעך קומען צו מיר אין הויז און האָט אַ סך געלערנט, און איך האָב ניט געוומען ביי אים דערפאַר קיין גראָשן. שפּעטער איז ער געווען מיין תלמיד אין ראַבינער־אינסטיטוט אין זשיטאָמיר און זיין גאַנצע קראַפט און גרויסקייט אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַך האָט ער דערגרייכט אַ דאַנק מיר, ווי ער אַליין ווייסט דאָס זייער גוט. ביז איצט האָט דער דאָזיקער מענטש פאַר מיר גאָרנישט געטאָן. און ווי מיר דוכט זיך וואָלט צעדערבוים געקענט ווירקן אויף אים, ער זאָל פאַר מיר אַראַנזשירן אַ בענעפיס[3] אין זיין טעאַטער אין פּעטערבורג. שלאָג דאָס פאַר צעדערבוימען אין דיין נאָמען און ניט אין מיין נאָמען, און זאָלסט מיר זיין ענטפער לאָזן וויסן. שרייב מיר, צי מיין עצה געפעלט דיר".

5. בן־יהודה און גאָלדפאַדן

אליעזר בן־יהודה, דער אויפלעבער פון דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס איז געווען אַ פאַרביסענער קעגנער פון ייִדיש, איז מיט גאָלדפאַדענען געווען זייער באַפריינדעט, און אין זיינע צייטונגען האָט ער עטלעכע מאָל מיט ליב־

[3] גאָטלאָבערס אייגענער אויסדרוק.

שאַפט דערמאָנט גאָלדפאַדנס נאָמען. אונטער בן־יהודהס רעדאַקציע האָט אויך דערשיינט די העברעיִשע איבערזעצונג פון די „צוויי קוני לעמילס" („יקטן יקשן", איבערגעזעצט פון מרדכי קריטשעווסקי, איצט באַקאַנט מיטן נאָמען אזרחי), ווי אַ בײַלאַגע צום „הצבי".

בן־יהודה און גאָלדפאַדן האָבן זיך באַקענט פּערזענלעך. ווו זיי האָבן זיך געטראָפן, אין רוסלאַנד אָדער פּאַריז, איז מיר ניט באַוווּסט. ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי צווישן זיך קאָרעספּאָנדירט, ווײַל אין „ניו־יאָרקער אילוס־טרירטע יודישע צייטונג" דערמאָנט גאָלדפאַדן זייער אָפּט בן־יהודהס נאָמען, מיט דעם צוגאָב: „אונדזער פריינד". זייענדיק אַ חובב־ציון, האָט גאָלדפאַדן זיך אונטערגענומען צו פאַרשפּרייטן בן־יהודהס „הצבי" אין אַמעריקע און אָנ־נעמען אַבאָנענטן אויף אים. אין 9טן נומער פון „ניו־יאָרקער אילוסטרירטע צייטונג" געפינט זיך אַזאַ מעלדונג:

א קול פון ירושלים!

אַזוי וויא מיר האָבען ערהאַלטען אַ בריף פון אונזער פריינד אויס יערו־זאַלעם פאָן הערן בן־יהודה עדיטער[4] דער העברעיִשען צייטונג „הצבי" אין וועלכן ער בעט אונז דאָס בלאַט צו פערברייטען צווישען אונזערע גלויבענס־ברידער אין אַמעריקא, געפינען מיר פיר איינע הייליגע פפליכט צו מעלדן אַלע חובבי ציון איבערהויפּט יעדער יוד, וואָס איז אין דער ווייטער וועלט און האָט דאָך ניט פערגעסען זיין אַלטע הייליגע מוטער, זאָללען זיך אַבאָנירען אויף דער נוטצליכער אונד אי[נ]טערעסאַנטער צייטונג — ווער עס ווינשט זיך צו אַבאָנירן קען זיך ווענדען ענטוועדער אָן די רעדאַקציאָן דער נו. י. יודעש. איללוסט. צייטונג אָדער דירעקט אויף דער אַדרעסע דער רעדאַקציאָן „הצבי".

6. אַ ליד פון חאַשקעס, געווידמעט גאָלדפאַדענען

עטלעכע פּאָעטן האָבן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן געווידמעט לידער גאָלדפאַדענען. אין זײַן „גאָלדפאַדן־ביבליאָגראַפיע" („גאָלדפאַדן־בוך", ז׳ 77—96), האָט ד״ר יעקב שאַצקי פאַרצייכנט זעקס אַזעלכע לידער. זײַן רשימה איז ניט קיין פולשטענדיקע. מיר איז באַקאַנט משה חאַשקעס אַ ליד „צו גאָלד־פאַדען", וואָס איז געדרוקט אין דעם 18טן נומער פון פּעטערבורגער „יודישעס פאָלקסבלאַט", פון יאָר 1887.

דאָס ליד — אויסער דעם וואָס עס איז דאָס ערשטע, וואָס איז געווידמעט גאָלדפאַדענען, איז וויכטיק ווי אַ דאָקומענט, וואָס דריקט אויס די שטימונג בײַ דער ייִדישער אינטעליגענץ בנוגע צו גאָלדפאַדענען. זיי באַדויערן אים, וואָס ער האָט גענומען שרײַבן אַזעלכע ווערק ווי „שמענדריק", „ביידע קוני לע־מילס", און וואָס זײַן מוזע איז אַנטשוויגן געוואָרן.

עס איז ניט איבעריק דאָס ליד דאָ איבערצוגעבן:

[4] רעדאַקטער.

צו גאָלדפאַדן

1

שעם זיך אברהמעל אין אַזאַ צייט צו שלאָפען
ווען דיין פאָלק וויל דו זאָלסט זיין וואַך
און געגען איהר גיוועזענע אונגליקען וואָס זי האָט געטראָפען
זאָלסטו אַרויס מיט דיין טרייסט, מיט דיין שפּראַך!

זינג איהר דיינע ליעד׳לעך, די שיינע, די זיסע
געננוג דיר צו רוהען דאָרט ביי דיין ווייב . . .
געדענק אָן דיין פאָלק וואָס וואַר מאָראַליש אין תפיסה
נעהם די פעדער אין האַנד, זעטץ זיך און שרייב!

2

ווערביל׳ס טאָכטער — קען זיין — איז אַ גאַנץ וואהלע דאַמע
אין איהר שויס איז פיעללייכט גוט צו געפינען די רוהע
נאָר אָן דיין ערשטע פרוי האָסטו פאַרגעסן מן הסתמא
איך מיין די הימלעשע, ליעבע, זיסע פאָעזיע! . . .
אָן זי צו פאַרגעסן איז חלעבען אַ פאַרברעכען
דאָס טהוט קיין דיכטער אין היינטיגען דור,
נעהם גיכער די פעדער און זאָלסט איהר פאַרשפּרעכען,
אַז דו וועסט זי ניט פאַרלאָזען אויף אייביקע יאָהר.

3

גיב אונז אַזוינע ליעד׳לעך ווי „פינטלעך פון יודלעך"
ווי „בית דין של מעלה", ווי „דער יודישער רעקרוט"
עס וועלין זיך פרעהען הערצליך, צוגעהן וועלין אַלע גלידלעך,
און צו מוטה וועט אונז וויעדער ווערען גאַנץ גוט; —
שרייב אונז „געה! געה!" „דאָס פאַסטיכעל" זינג וויעדער
פון דיין הערץ, פון דיין מויל קוועטש אַרויס ליעדער
אַבי נאָר דיין פיעדעל, דיין פעדער נאָר נעהם!

4

„שמענדריקעס" „קאָלדוניעס" האָבען מיר גענוג,
מיר האָבען דאָס באַלד מעהר ווי מיר דאַרפען,
מיט דיין „קונע לעמיל" וועסטו אונז ניט מאַכען קלוג,
מיר ליעבען אַ וויטץ, נאָר אַ זיססען, אַ שאַרפען.
אין וויטץ מוז ליעגען ליעבע, געפיהל און סאַטירע

עס דאַרף קיטצלען, נאָר ניט בייסען, שטעכען;
גיב אונז אַהער דיין פיעדעל, די יודישע לירע;
און אין וועלכע צייט דו לעבסט ווייס אין בערעכען!
סט. פעטערבורג, 27 אַפּריל, 1887.
(געגאנט „חאַשקע די ווילנערקע").

7. שלום־עליכמס רעצענזיע איבער גאָלדפאַדנס לידער אין „וועקער"

אין זיין העברעיִשער דערציילונג „שימעלע" (געדרוקט אין 5טן באַנד פון סאָקאָלאָווס „האסיף"), באַשרייבט שלום־עליכם אין אַ באַזונדער קאַפּיטל די גרינדונג פון יִדישן טעאַטער, און דערמאָנענדיק גאָלדפאַדענען, רופט ער אים: „המשורר הלאומי הדגול מרבבה בכשרונו". דאָס איז צום צווייטן מאָל וואָס שלום־עליכם האָט אויסגעדריקט זיין פאַרערונג צו גאָלדפאַדנס פּאָעטישן טאַלאַנט. אין אַ רעצענזיע וואָס שלום־עליכם האָט (אונטערן פּסעוודאָנים „דער יודישער גזלן") געדרוקט אין „יודישעס פאָלקסבלאַט" (יאַרג. 7, נומ' 43, ט"ז חשון תרמ"ח), איבער דעם חובב־ציוניסטישן זאַמלבוך „דער יודישער וועקער", שרייבט שלום־עליכם וועגן גאָלדפאַדנס לידער, וואָס זיינען געדרוקט אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך: „דער טאַלענטפאלער זשאַרגאָנישער דיכטער ה' גאָלדפאַדען אין זיין שיר „אַ שטיין פונעם האַרצען" שטעלט זייער לעבעדיק פאָר איינע פון די סצענען דער לעצטען צייט אין אַ צווייגעשפּרעך, פון וועלכן עס קומט אַרויס, אַז יודן האָבן נאָר איין עצה — צו געהען אין זייער געוועזענעם לאַנד; די ווערטער זיינען זייער שטאַרק און פּאַסן זייער גוט, נאָר איז, נאָך אונדזער מיינונג איז, די שפּראַכע אַביסל צו האַרט און פּאַסענדער צו זינגען אויף דער סצענע, ווי צו שרייבן אין אַ ספר. אַ שטאַרקער שלאָף דאַרף אפילו האָבן אַ שטאַרקן וועקער, דאָך איז דאָס וועקן מיט שטאַרקע קלעפּ אַ ביסל צו שטאַרק. דאַקעגן איז זיין „יודעל סעמיט" אויסגעצייכנט גוט; דאָס געדיכט שטעלט פאָר אַ בריוו פון יודעל סעמיט (ד"ה פון יודען) צו זיין מוטער (ד"ה ארץ־ישראל), אין וועלכן יודעל סעמיט איז מודיע דער מוטער, אַז עס איז ליגענד וואָס מען האָט אים שוין גאָר געהרגעט אויף טוידט; עס איז אמת, מען האָט אים געשלאָגן, געממיתט נאָר דאָך לעבט ער נאָך, ווי ער האָט געלעבט און וועט נאָך אויך אי"ה ווייטער לעבן, דען די קמיע, וואָס זי האָט אים געגעבן (ד"ה די תורה) האָלט אים אויף דאָס לעבן. ער ענדיקט דערמיט, אַז ער וויל זיך דורכויס נאָך מיט איר זעהן".

וועגן „יודעל סעמיט" האָט אויך געשריבן הנ"ץ אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען „בראש הומיות" אין „הצפירה".

... 8. גאָלדפאַדן דער ציוניסט

גאָלדפאַדן איז געווען אַ הייסער חובב־ציון. עס איז אויך באַוווּסט זיין באַציִונג צו דער פּאָליטיש־ציוניסטישער באַוועגונג און זיין גרויסע פאַרערונג

פאַר הערצלען. צו דעם מאַטעריאַל, וואָס איז פאַראַן וועגן גאָלדפאַדנס באַ־ציִונג צום ציוניזם, וועל איך דאָ צוגעבן עטלעכע שורות וואָס ווערן געבראַכט אין אַן אַרטיקל „התמונה העברית״, געדרוקט אין ש. מ. לאַזאַרס וואָכנבלאַט „המצפה״ (יאָרג. 8, נומ׳ 45).

דער מחבר י. ב. בערקאָוויטש פון גאַלאַץ, רומעניע, ווי עס ווייזט אויס אַ העברעיִשער לערער, באַריכט אין זיין אַרטיקל די פראַגע, ווי וויכטיק עס איז אַז העברעיִשע שרייבערס זאָלן באַזוכן ארץ־ישראל, קענען דאָס לאַנד פון אייגענער באַטראַכטונג, כדי צו געבן אין זייערע דערציילונגען ריכטיקע שילדערונגען פון דער לאַנדשאַפט, וואָס דאָס וועט אויף די קינדער מאַכן אַ גוואַלדיקן רושם. ער דערמאָנט אגב־אורחא גאָלדפאַדנס דראַמעס, וואָס בשעת זיי זיינען אין רומעניע אויפגעפירט געוואָרן, האָבן זיי אויף די טעאַטער־באַזוכערס אַ שטאַרקן השפעה געהאַט און דעם עולם דערנענטערט צום ציוניסטישן געדאַנק. ער שרייבט:

„איך געדענק, וואָס דער גרויסער דראַמאַטורג גאָלדפאַדן ז״ל האָט אויף אַ ציוניסטישער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין גאַלאַץ, רומעניע, געזאָגט צו מיין פאָטער: „איר, הער בערקאָוויטש, וועט דאָך צוגעבן, אַז מיט מיינע דראַמעס פון דעם לעבן פון אונדזער פאָלק אין אונדזער לאַנד, האָב איך אַ סך אויפגעטאָן צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק״. און האָט מיט גרויס התפעלות אויסגעשריען: „איך וועל ניט אויפהערן אויפצופירן אַזעלכע פּיעסעס און זינגען ציוניסטישע לידער אויף דער בינע ביז די קריסטלעכע דינסט־מיידלעך וועלן, בשעת זיי וועלן שעפּן וואַסער פון ברונעם, זינגען מיינע ציוניס־טישע לידער״.

בערקאָוויטש גיט צו:

„און באמת האָט דער דאָזיקער מענטש מיט זיינע דראַמעס אָנגעצונדן אַ פייער פון ליבשאַפט צו ציון. אָבער צום באַדויערן האָט איצט די תאווה צו מאָדערניזם אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט אונדז, אַז צוליב דעם האָבן מיר פאַרלאָזן די עכטע יידישע דראַמעס, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די נשמה פון דעם ייִדן, זיין בענקשאַפט און האָפנונג, ווי „בר־כוכבא״, „שולמית״, „עקדת יצחק״ און אַנדערע, און זיי איבערגעביטן אויף גאַרדאָנס שמאַטעס ווי „גאָט, מענטש און טייוול״, „די יתומה״, „מירעלע אפרת״, „די שחיטה״, וואָס אין זיי איז קיין ייִדישער טיפּ ניטאָ, בפרט די נשמה זיינע״.

ווי עס איז צו זען איז דעם שרייבערס פאָטער געווען גאָלדפאַדנס אַ גוטער פריינד. ער איז פון די ערשטע ציוניסטן אין רומעניע, האָט מיט אַ פערציק יאָר צוריק געשאַפן חובבי־ציון־פאַראיינען און זיך נאָך דעם באַזעצט אין ארץ־ישראל. ווי זיין זון שרייבט ,איז ער אַ קאָלאָניסט אין יבנאל. אויב ער לעבט נאָך וואָלט מען פון אים זיכער געקענט באַקומען זכרונות וועגן גאָלדפאַדענען אין די צייט פון זיין אויפהאַלטן זיך אין רומעניע.

9. גאָלדפאַדנס „די כישוף־מאַכערין" אויף דער פּוילישער בינע

אין זומער 1889 איז גאָלדפאַדנס „די כישוף־מאַכערין" אַ היפּשע צייט געשפּילט געוואָרן אין פּויליש אין וואַרשע, אין גאָרטן „עלדאראדא". די דראַמע איז איבערגעזעצט געוואָרן פון איינעם אַ ייִדן מיטן נאָמען בערנאַס, און אַלע אַקטיאָרן זיינען געווען פּאָליאַקן. דער דערפאָלג איז געווען זייער אַ גרויסער. צו די פאָרשטעלונגען זיינען געקומען סיי ייִדן און סיי קריסטן. צו יעדער פאָרשטעלונג איז דער גאָרטן געווען געפּאַקט און די „קאַסע" האָט געמאַכט גוטע געשעפטן.

אין דער כראָניק פון דער דאַמאָלסטיקער העברעיִשער פּרעסע ווערט דאָס איבערגעגעבן בקיצור.

אַ ביסל מער באַריכות שרייבט וועגן דעם דער פעליעטאָניסט פון „הצפירה", הנ"ץ. אין זיין וואָכענטלעכן פעליעטאָן „בראש הומיות", דריקט ער אויס מיט גרויס התפעלות זיין באַגייסטערונג פון די פאָרשטעלונגען. אין דעם 144סטן נומער פון „הצפירה" 1889, שרייבט ער:

„ווי גרויס עס איז די קראַפט פון דער ליטעראַטור צו באַשאַפן אַן אויפרעגונג און באַוועגונג צווישן פאָלק, — האָבן מיר די לעצטע טעג געזען ביי אונדז אין שטאָט.

בשעת דער זשאַרגאָנישער דיכטער גאָלדפאַדן האָט מיט צוויי יאָר צוריק פאַרלאָזן אונדזער שטאָט און איז אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, איז דער גלאַנץ פון דער ייִדישער בינע אַרונטער און פּיעסעס פון ייִדישן לעבן זיינען פון דער בינע אַרונטערגענומען געוואָרן. זיי ווערן ניט דערמאָנט מער און קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט זיי. אויך די רעגירונג האָט זיי פאַרווערט אויפצופירן.

נעמט אָבער אַ ייִד פון אונדזער שטאָט די פען אין האַנט און שטעלט זיך אַ פראַגע: „זאָלסט טאַקע ניט לאָזן די מכשפה לעבן?" די דאָזיקע דראַמע איז דאָך גאָלדפאַדנס אַ שאַפונג און אַנטהאַלט דאָך אַ מאָראַל ניט נאָר פאַר ייִדן נאָר אויך פאַר ניט־ייִדן, און ער האָט די כישוף־מאַכערין געראַטעוועט פון טויט און פון ווערן פאַרלאָרן. פּונקט ווי ער האָט מיט יאָרן צוריק איבערגעזעצט „שולמית", האָט ער אויך די דאָזיקע דראַמע איבערגעזעצט אין אַ ריינעם פּויליש, און איר אַ נאָמען געגעבן Czarownica, און זי ווערט איצט געשפּילט פאַר אַ גרויסן עולם אין גאָרטן „עלדאראדא". יעדן אָוונט ווען די פאָרשטעלונג קומט פאָר, איז דער גאָרטן פול מיט מענטשן, ייִדן און קריסטן וואָס האָבן פאַרגעניגן פון די פרוכט פון די טאַלאַנטן אונדזערע. דער מחבר גאָלדפאַדן און דער איבערזעצער בערנאַס. (הנ"ץ רופט אים מיט אַ העברעיִשן שפּילוואָרט: „בר־נש").

אין דער דאָזיקער אָפּערעטע איז צונויפגעמישט פרייד און טרויער, ערלעכקייט און שלעכטס, ריינע און טייוולשע געדאַנקען; זי איז באַוווסט צו די מערסטע פון דער ייִדישער מאַסע וואָס האָבן איבער איר זיך

אַמוזירט און פאַרגעניגן געהאַט פון אירע זיסע מעלאָדיעס, בשעת דער יידישער טעאַטער האָט נאָך עקסיסטירט, אַזוי אַז עס איז ניט נייטיק אונדזערע לייענער איבערצוגעבן דעם אינהאַלט. מיר באַדאַרפן נאָר צוגעבן אַז דער איבערזעצער בערנאַס האָט אין דער דאַזיקער דראַמע אַריינגעגעבן לעבן און זי אויסגעפּוצט אין שיינע אייראָפּעישע קליידער. די שיינע מעלאָדיעס פון יידישע לידער, וואָס זיינען ניט Maiofes [5], זיינען ווי גאָלדענע רינגען איינגעפּאַסט, זיי־נען די אַרבעט פון אַ קינסטלער און האָבן ניט קיין שום חסרונות.

ווי מיר האָבן געהערט, ווייזן די פּוילישע אַרטיסטן ווונדער אין זייער שפּילן, ווי זיי וואָלטן געווען יידן. איבערהויפּט צייכנט זיך אויס דער ה׳ ברעמער, וואָס שפּילט די ראָלע פון „האָצמאַך" מיט אַלע פּיטשעווקעס, און די טעאַטער־באַזוכערס גלייבן זיך ניט אַז מען האָט איבער אים קיינמאָל ניט גע־זונגען „וכרות" [6]. אויך די כישוף־מאַכערין גופא Osmolska [7] איז די אמתע בעלת־אוב פון עין־דור און די אַלע וואָס זעען זי, גלייבן אַז צו איר אין די הענט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די שליסלען פון אַלע זיבן מדורי גיהנום.

און ווייל די דאַזיקע פאַרשטעלונג פאַרשאַפט כבוד יידישע פעיקייטן אין פאַרשיידענע פרטים, האָבן מיר קיין ספק ניט אַז די וואָס זיינען געוווינט צו באַזוכן טעאַטערס, וועלן דאָס איצטיק מאָל ניט דורכלאָזן צו זען ווי די מרשעת ווערט לעבעדיקערהייט פאַרברענט און צוזאַמען מיט איר ווערן אַלע רשעים פון דער וועלט פאַרטיליקט".

10. פּרעסע־נאָטיצן וועגן גאָלדפאַדנס „נ. י. יוד. אילוסט. צייטונג"

אַ באַזונדער אָפּהאַנדלונג וועגן דעם „ניו־יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג", וואָס גאָלדפאַדן האָט אין 1887 אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, האָב איך געהאַט אין „אונדזער בוך" (יאָרג. 1, נומ׳ 4, ז׳ 261—256). ווי מלואים צו דעם דערמאָנטן אַרטיקל מיינעם, וועל איך דאָ איבערגעבן עטלעכע נאָטיצן וואָס געפינען זיך אין העברעישע צייטונגען וועגן דעם דערשיינען פון „ניו־יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג".

אין „המליץ" 1887, נומ׳ 267, ווערט אין דער רובריק „עניני ספרות" גע־זאָגט:

„ה׳ א. גאָלדפאַדן האָט אין ניו־יאָרק געמומען אַרויסגעבן אַ ניי בלאַט אין דער יידישער שפּראַך מיט בילדער און אילוסטראַציעס. די בילדער איז די אַרבעט פון דעם פּראָפעסאָר משה ווערבעל (דער זון פון דיכטער א. ווערבעל ז"ל), וואָס האָט געענדיקט די קונסט־אַקאַדעמיע אין מינכען. אויף דעם פאָדער־בלאַט פון צייטונג איז געדרוקט אַ בילד פון די חרובע ירושלים און אַ ייד מיט אַ ספר־תורה אין האַנט שטייט אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. זיינע

[5] הנקס כוונה איז: ניט צו די פּאָליאַקן באַקאַנטע „מה יפית" לידער.

[6] ניט געמלט, ווייל ער איז אַ גוי.

[7] די וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון דער כישוף־מאַכערין.

ביידע אויגן זיינען אויסגעשטרעקט צו די רואינען פון ירושלים און ער זאָגט: „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". די ייִדיש־ענגלישע בלעטער פון אַמע־ריקע רימען זייער דאָס בלאַט".

די נאָטיץ איז געשריבן פון יהודה ליב גאָרדאָן, דער פּאַקטישער רע־דאַקטאָר פון „המליץ" אין יענער צייט.

אגב — גאָלדפאַדנס נאָמען ווערט אויך דערמאָנט אין איינער פון גאָרדאָנס רעצענזיעס אין „המליץ" פון יאָר 1880.

אַ ביסל מער באריכות שרייבט איבער דעם „ניו־יאָרקער יודישע אי־לוסטרירטע ציטונג", י. פּעטריקאָווסקי אין זיינע „בריוו פון אַמעריקע". פּעט־ריקאָווסקי, וואָס איז געווען גאָלדפאַדנס אַ מיטאַרבעטער, האָט אין „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען, און האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב די לעזער אין איראָפּע מיטצוטיילן וועגן גאָלדפאַדנס אונטער־נעמונג. אין דעם 118סטן נומער פון „המליץ", 1888, שרייבט ער:

„ריידנדיק וועגן פעלדמאַנען, וויל איך דערמאָנען אַ צווייטן גאַסט וואָס איז איצט צו אונדז געקומען פון אייער לאַנד, דעם ה' גאָלדפאַדן, „דעם פאָטער פון טעאַטער" אין דער גערעדטער־ייִדישער שפּראַך. קומענדיק קיין ניו־יאָרק האָט ער זיך צום אָנהייב פאַרבונדן מיט אַקטיאָרן־טרופּעס פון קליינע טעאַטערס און נאָך דעם האָט ער גענומען אַרויסגעבן אַן אילוסטרירטן בלאַט אין זשאַרגאָן. ביז היינט האָט דאָס בלאַט דערשיינט צוויי מאָל אַ חודש, אָבער איצט איז דער דרוקער געוואָרן אַ שותף און דאָס בלאַט האָט גענומען אַרויס־גיין וועכנטלעך. מיר ווינטשן אים, אַז ער זאָל אין זיין אַרבעט האָבן הצלחה, ווייל ער ווייס זיין פאַך און רעדאַקטירט זיין בלאַט מיט געשמאַק און פאַר־שטאַנד".

אין אַ סעריע אַרטיקלען „משא הארץ החדשה", וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „הצפירה" 1882, פון איינעם וואָס האָט זיך געחתמעט „פועל אמת" (ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן האָט זיך אונטער דעם פסעוודאָנים באַהאַלטן י. מ. הענשעל, דוד פרישמאַנס אַ שוואָגער), ווערט אגב־אורחא דערמאָנט אויך גאָלד־פאַדנס בלאַט. אין אַ באַמערקונג צום המשך פון דעם 171סטן נומער (ה' אלול תרמ"ח), אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די לאַגע פון די נעגערס אין אַמע־ריקע, ווערט געזאָגט: „איצט איז אויך די געלעגנהייט צו דערמאָנען לשבח וואָס דער דיכטער גאָלדפאַדן, רעדאַקטאָר פון בלאַט „ניו־יאָרקער יודישע אילוסטרירטער צייטונג", וואָס דערשיינט מיט בילדער אין זשאַרגאָן, האָט געשריבן. אין בילד ווייזט אונדז צוויי ייִדן און קעגן זיי שטייט אַ שוואַרצער (נעגער). איינער פון די ייִדן איז שוין לאַנג אין לאַנד, און זיין חבר וואָס איז ניט לאַנג געקומען, פרעגט אים וועגן דעם שוואַרצן וואָס שטייט לעבן זיי, וואָס זיינע ליפּן זיינען גראָב, זיינע ציין און אויגן גלאַנצן: „ווי עס ווייזט אויס איז שוין דער דאָזיקער מאַן זייער לאַנג דאָ?". „פון וואַנען דרינגסטו דאָס?"

פרעגט אים זיין חבר. „ווייל ער איז גוט פאַרשוואַרצט!" (די לעצטע פראַזע איז איבערגעגעבן אין יידיש).

11. גאָלדפאַדנס טרופּע אין דרום־רוסלאַנד

אַ וויכטיקער דאָקומענט צו דער געשיכטע פון דער גאָלדפאַדן טרופּע נאָך דעם ווי די רוסישע רעגירונג האָט דעם יידישן טעאַטער פאַרבאָטן, איז אַ לייט־אַרטיקל אין „המגיד" פון יאַר 1883 (נומער 15).

דעם אַרטיקל האָט אונטערגעשריבן חגי — דער פסעוודאָנים פון דעם אין זיין צייט באַקאַנטן משכיל גדליה חישין, וועלכער פלעגט זיך אָפט באַטייליקן אין „המגיד" און „השחר" און איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון סמאָלענסקין, גאָטלאָבער, יהלל און יהודה־ליב גאָרדאָן (זע גאָרדאָנס בריוו צו אים אין „אגרות יל"ג" ב. 2, ז' 325—324. ביי מיר געפינען זיך עטלעכע בריוו יהללס צו אים).

דער אַרטיקל איז פול מיט סימפּאַטיע צו דעם יידישן טעאַטער בכלל און צו גאָלדפאַדענען בפרט. דער שרייבער, ווייזט אויס, איז געווען אַ גרויסער טעאַטער־פּאַטריאָט און אַ פאַרערער פון יעדער אַקטיאָר, באַטאָנענדיק זיין חשיבות מיט דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו פאַרברענגען מיט די אַקטיאָרן מעשה „גוט ברודערשאַפט" און געשריבן זיי בריוו. זיין בליק אויפן טעאַטער איז אַ נאַיווער, צוגעפּאַסט צו די באַגריפן פון אַ קליינשטעטלדיקן משכיל. דער אַרטיקל איז געשריבן אין אַ מליצהדיקער שפּראַך און איז פול מיט מוסר צו דעם יידישן עולם וואָס לעבט נאָך אין פינצטערניש און פאַנאַטיזם. דער שרייבער לייגט גרויס האָפענונג אויפן טעאַטער און זעט אין אים אַ גורם צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן. איך נעם פון אַרטיקל אַרויס די וויכטיקע שטעלן.

די שטאָט ווו די טרופּע האָט גאַסטראָלירט ווערט אין אַרטיקל אָנגעגעבן אין ראשי־תבות נאוואג. מע קען זיך משער זיין, אַז דער פולער נאָמען איז נאָוואָגראַד — וואָלינסק, אין אַרטיקל ווערט אָבער יאָ דערמאָנט אַז די פּיעסעס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין דרום־רוסלאַנד.

„אַ גרופּע אַקטיאָרן פון דער טרופּע פון דעם הויפּט פון אונדזערע נאַציאָנאַלע דיכטער אין אונדזער לאַנד, אין יידיש, ה' גאָלדפאַדן, איז ניט לאַנג געקומען אין נאוואג, און האָט אויפגעפירט טייערע דראַמעס (אין דער שפּראַך פון דרום־רוסלאַנד געמישט מיט דייטשישע ווערטער) פון דעם יידישן לעבן אין אונדזער לאַנד. בראש פון דער דאָזיקער טרופּע שטייען די אינטעליגענטע אַקטיאָרן און באַגאַבטע אַרטיסטן: ראָזענפעלד און שוואַרץ. איין נאַכט האָבן זיי אויפגעפירט די דראַמע „אינטריגע", וואָס איז אַ ריכטיקע בילד וואָס שילדערט ווי גרויס עס איז דער כח פון נאַרישקייט און חניפה, אומגליקלעך צו מאַכן דעם מענטשן וואָס קען זיך ניט היטן פון זיי. מיט גרויס טאַלאַנט האָט מען אויפגעפירט די דאָזיקע דראַמע וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט מיט

אַזאַ קראַפט אַז די אַלע באַזוכערס האָבן געהאַלטן אין איין אַפּלאָדירן און שרייען בראַוואָ, בראַוואָ! צווישן די אַקטיאָרן האָט זיך זייער שטאַרק אויסגע־צייכנט דער ה׳ שוואַרץ אַלס שמעלקע, אַ שטאַמלער, אַ זאַיִקער, אַ הינקענדי־קער און אַ געפּערלעכער נאַר — דער משרת פון יאָזעף; זיינע גענגעלעך, תנועות און שליידערן מיט די הענט, און זיין רעדן סיי רויִק און סיי מיט רוגזה און איבערטריבענער התלהבות, זיינען געווען ווי ביי אַ נאַטירלעכן קאַליקע פון געבורט: זיינע קליידער, זאָקן און שיך, זיין רעדן און פּלאַפּלען האָבן באַוויזן, אַז ער איז אַ ווילדער מענטש וואָס איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן צווישן נאַרישע און טיראַנישע חסידים. דער דאָזיקער אַקטיאָר מיט זיין גרויסן טאַלאַנט האָט געוווּסט ווי צו שפּילן זיין ראָליע און צו אַמוזירן די באַזוכערס. אויך ה׳ ראָזענפעלד אַלס יאָזעף — אַן אינטעליגענטער אָבער לייכטזיניקער מאַן וואָס האָט זיך געלאָזט איבעררעדן צו גלייבן זיין שכנטע, וועלכע האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול אויף זיין געטרייער פרוי, אויך ער האָט געשפּילט די ראָלע ווי געהעריק און איבערגעגעבן דעם אַרט לעבן פון די דאָזיקע מענטשן. דער אַקטיאָר ה׳ מ. שינקמאַן אין דער ראָלע פון מאריטץ — יאָזעפס אַ פריינד וואָס האָט אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון די פאַלשע מענטשן און אים אויפגעוויזן אַז מען האָט אים אויסגעלאַכט און גענאַרט . . . אויך ער האָט זיין ראָלע געשפּילט מיט טאַלאַנט און געשמאַק. און זיי אַלע זיינען ד׳עריבער ווערט געלויבט צו ווערן אויף אַן אמת.

נאָך דער פאָרשטעלונג איז דער פריער דערמאָנטער אַקטיאָר ה׳ שוואַרץ אַרויף אויף דער בינע און מיט זיין זיסער שטימע געזונגען אַ ווונדערלעך ליד מיטן נאָמען „זשיד, גיי וויטער!" . . . אַ טייער ליד וואָס איז טיף אַריינ־געדרונגען אין די הערצער פון די קריסטן (וואָס צווישן זיי האָבן זיך אויך גע־פונען פון די הויכע לאָקאַלע באַאַמטע), וואָס כאָטש אַ פּאָר שאַרפע אויסדריקן האָט זיי ניט געשמעקט, אָבער עס איז גענוג פאַר אונדז אַז זיי האָבן פאַר־שטאַנען דעם ווונק אַז מען מיינט זיי" . . .

נאָך דעם ווי דער שרייבער גיט איבער דעם אינהאַלט פון ליד און דער־ציילט אַז „גלייך ווי איך בין אַרויס פון טעאַטער האָב איך אין דעם זעלביקן אָוונט געשיקט אַ דאַנק־בריוו צו דער טרופּע פאַר דעם ווונדערלעכן ליד, וואָס האָט מיין האַרץ שטאַרק אויפגערעגט", זעצט ער פאָרט:

„ווי שיין, בייטיק און וויכטיק עס זיינען די דראַמעס פון דער גאָלדפאַדן טרופּע פאַר אַ סך פון אונדזער פאָלק וואָס שטייען נאָך אויף אַ נידעריקן שטאַפּל פון קולטור און וויסן; אין אָט די דראַמעס זעען זיי זייערע מידות און לעבן־שטייגער ווי עס איז און ווי עס באַדאַרף צו זיין! ווי דערהייבן און גרויס עס איז דער ציל פון אויפצופירן אַזעלכע פּיעסעס אין דעם טעאַטער, פּיעסעס וואָס געבן אַ ריכטיקן באַגריף און ריכטיק בילד דער אומוויסנדיקער מאַסע, זיי צו לערנען גוטע מדות און אָפּגעווינען זיי פון די שלעכטע זיטן וועלכע שעדיקן דעם מענטשן! אויב דער טעאַטער בכלל איז איינס פון די וויכ־

טיקסטע מיטלען צו בילדן מענטשן פון אַנדערע רעליגיעס. אָנצופילן זייערע הערצער מיט וויסן, אויסצוראָטן אָבערגלויבנס און פאַנאַטיזם און פאַרפלאַנצן אין זיי מאָראַלישע באַגריפן און לעבנס־געפילן, איז פאַרן יידישן פאָלק דער טעאַטער אַ נויטווענדיקייט, אויסצוואָרצלען דורך אים די אַלע הבלים וואָס האָבן דעם יידן אומגליקלעך געמאַכט. אַ סך פון די פראָסטע ביי אונדז וואָס צוליב זייער שלעכטער דערציונג זיינען זיי ווילד און צעלאָזן און זעען ניט דאָס ליכט — די דאָזיקע מאָראַלישע דראַמע וועט זיי איבערמאַכן און באַרייכערן זיי מיט בעסערע באַגריפן, באַגריפן פון בילדונג און ליבע צום פאָלק און וועלן זייער אַרט לעבן פאַרבעסערן מיט גוטע מדות. דורך די פאַרשיידענע דראַמעס וואָס ווערן אויפגעפירט אין טעאַטער ווען זיי זען זייער ריכטיק געשטאַלט און דאָס בילד פון זייער לעבן, די אַלע מדות און מענטשלעכע נאַטורן ווי אין אַ שפיגל, ווייל די אַקטיאָרן וואָס שפילן פאַר זיי וועלן יעדער איינעם אויף זיין שטייגער באַווייזן דאָס מענטלעכן לעבן, דאָס גוטע און שלעכטע צוזאַמען, און זייערע אויגן וועלן זען יעדער שלעכטע מדה וואָס פאַרפירט דעם מענטשן און יעז״ער שלעכטן כאַראַקטער וואָס פאַרדאָרבט די געזעלשאַפט, און דער אמת און יושר שטעלן זיך קעגן זיי מיט אַ גייסט פון גבורה, פירן אַן אומדערמידלעכן קאַמף זיי צו באַזיגן, זיי זאָלן ניט זיין קיין שטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. בקיצור: דאָרט אין טעאַטער וועלן זיי זען עקלהאַפטע געשטאַלטן פון קאַליקעס וואָס די געזעלשאַפט ברענגט צוליב הינטערשטעליקייט אַרויס, אומפעיקע און אומוויסנדיקע לייט וואָס זיינען צו שפּאָט. און אַקעגן וועט מען זיי אויך ווייזן שיינע געשטאַלטן פון לעבעדיקע פערזאָנען וואָס ווייזן שוין סימנים פון וויסן און אַנטוויקלונג, און פון דיביידע סאָרט מאָראַלישע פיעסעס, וואָס אַנטהאַלטן אַ זיסע מאָראַל וועלן זייערע הערצער ווערן באַגייסטערט און וועלן מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק צו פאַרשטיין און באַגרייפן וואָס די צייט פאָדערט פון זיי, און וועלן אויסוואָרצלען נאַרישע מנהגים, פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן אָנגעפילט די הערצער פון די היפּאָקריטן און פאַנאַטיקער, די „פינצטערלינגע" וואָס לאָזן ניט צו אונדזער פאָלק זאָל זיך בילדן, און עס איז דעריבער איבעריק צו זאָגן, אַז גאָלדפאַדנס נאָמען איז באַרימט ביי יעדן געבילדעטן און אויפגעקלערטן ייד. [און כאָטש] פון עטלעכע פיעסעס גאָלדפאַדנס זיינען דער רוב משכילים ניט צו פרידן, אָבער נאָר עטלעכע! די מערסטע זיינען טייער און זיס פאַר אונדז און פאַר אַלע משכילים.

פון דעם וואָס אויף דער פאָרשטעלונג האָבן זיך געפונען אַ באַדייטענדיקע צאָל קריסטן ווי אויך רעגירונגס־באַאַמטע און אויך פון דעם שרייבערס ווערטער, אַז מען האָט געשפילט „בשפת נגב־רוסיה בלולה במילות אשכנזיות", איז זיך משער צו זיין, אַז די דראַמע איז אויפגעפירט געוואָרן אין אַ געמישטן יידיש מיט רוסיש.

12. גאָלדפאַדנס באַזוך אין לעמבערג אין 1890

זייער ווייניק איז באַוווּסט פון גאָלדפאַדנס טעטיקייט אין גאַליציע אָנהייב נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. באַוווּסט איז נאָר, אַז צוריק־קערנדיק זיך פון אַמעריקע קיין אייראָפּע סוף אַכציקער יאָרן, האָט גאָלדפאַדן אַ קורצע צײַט פאַרבראַכט אין לעמבערג, ווו ער האָט געפּרוּווט צונויפשטעלן אַ טרופּע און אויפגעפירט זײַן אָפּערעטע „ראָטשילד". ער האָט אָבער קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט, און ער האָט גענומען אַרומוואַנדערן פון לאַנד צו לאַנד. אין די יאָרן 1889—1890 געפינען מיר אים אין רומעניע, לאָנדאָן און פּאַריז. פון זײַן לעבן אין פּאַריז זײַנען אונדז באַוווּסט עטלעכע פּרטים אַ דאַנק זײַנע בריוו צו שלום־עליכמען, וואָס ד"ר שאַצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין „גאָלדפאַדען־בוך" (ניו־יאָרק, 1926, ז' 25—32).

פון אַ קורצער נאָטיץ, געדרוקט אין דעם וואָכנבלאַט „הזמן", וואָס ראובן־אָשר ברוידעס האָט אָנהייב נײַנציקער יאָרן אַרויסגעגעבן אין קראָקע, דער־וויסן מיר זיך, אַז סוף 1890 האָט גאָלדפאַדן ווידער באַזוכט לעמבערג, און ווי עס איז פון אָט דער נאָטיץ צו מערקן, איז גאָלדפאַדן אויפגענומען געוואָרן פון דער העברעיִשער אינטעליגענץ מיט גרויס כבוד. דערבײַ האָט מען גע־האַט די האָפענונג, אַז ער וועט דעם ייִדישן טעאַטער אויפהייבן פון דעם נידעריקן צושטאַנד אין וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט געפונען.

די נאָטיץ איז געדרוקט ווי אַ שטיקל נײַס אין דער רובריק „ייִדישע נײַס" (נומער 2, 7 נאָוועמבער, 1890), אונטערן קעפּל: „אברהם גאָלדפאַדן אין לעמבערג", און לייענט זיך אַזוי:

„אונדזער קאָרעספּאָנדענט פון לעמבערג שרײַבט אונדז: אַ טײַערער גאַסט איז געקומען צו אונדז אין שטאָט. דאָס איז דער פאָלקס־דיכטער און דער ערשטער גרינדער פון טעאַטער בײַ ייִדן, ה' אברהם גאָלדפאַדן. דער זשאַרגאָנישער טעאַטער בכלל — וואָס אויך אונדזער שטאָט איז שוין דרײַ יאָר באַגליקט געוואָרן מיט אים — קען זייער אַ סך אויפטאָן צו בילדן די מאַסע און דערוועקן דעם נאַציאָנאַלן גײַסט נאָך אונדזער באַגעם נאָך, ווען די דירעקטאָרן, די אַקטיאָרן און די זינגער וואָלטן זייער אויפגאַבע פאַרשטאַנען און עס וואָלט געווען אַ בלאַט וואָס זאָל זיי קריטיקירן און אויפווײַזן זיי זייערע נאַרישקייטן; ווען עס וואָלט אַזאַ צײַטונג דאָ עקסיסטירט, וואָלט זי געהאַלטן אין איין שרײַען, אַז אַ חוץ בדחנות און וואולגאַרע געשמאַקלאָזע לידער, זײַנען פאַרן עולם אויך (!) נײטיק דראַמעס, וואָס זאָלן אים ווײַזן דעם וועג אין וועלכן ער זאָל גיין, וואָס זאָל אים שילדערן זײַן לעבן פון אַמאָל און פון איצט; וואָס זאָל אים לערנען און דערציִען; אַז עס איז ניט נײטיק פאַר אַ פאָלקס־דיכטער און אַ שרײַבער פון פּיעסעס פאַרן טעאַטער, אַז ער זאָל אויך זײַן אַן אַלטערטימער־פאָרשער און שרײַבן „שמשון הגבור" נאָך די נײַסטע אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען, וואָס אין דער פּיעסע זאָל ער צונויפפאָרן דורך אַ מעקלער צוויי נפשות, איידער איינע האָט זיך מיט דער צווייטער געזען

(דאָס איז אויך נאָך נייסטע פאָרשונגען פון שמואל פיליבס אוניווערסיטעט...), — נאָר ער מוז צו אַלעם ערשטן זיין אַ דיכטער, ער מוז קענען דאָס פאָלק, זיין אַנטוויקלונג, זיינע באַדערפענישן און וויסן וואָס אים פעלט.

אָבער איצט, אַז מיר האָבן ניט אַזאַ צייטונג, האָבן מיר אויך ניט קיין געזעלשאַפטלעכע מיינונג, און יעדער איינער טוט ווי זיין האַרץ גלוסט, און די וועלט פירט זיך ווי שטענדיק; דיכטער ווי מ"ר, קאַצענעלענזאָן און פיליב שרייבן זייערע שמאַטעס, פאַר וועלכע זיי ווילן ווען עס איז מוזן אָפּגעבן רעכענונג (אין העברעיש: עתידים ליתן את הדין — געמיינט פאַרן פאַר־דאַרבן דעם געשמאַק פון עולם. — א. ר. מ.). אונדזערע דירעקטאָרן קויפן די דאָזיקע פיעסעס, כאָטש זיי ווייסן ניט זייער פירוש המלות. אונדזער פשוטער קהל לויפט ווי אַ הירש אין טעאַטער צו זען ווי מען שטעכט שמשונען אויף דער בינע און נאָך אַזעלכע וווּנדער —, און אַלץ איז רעכט".

„און דעריבער האָבן מיר אַ טאָפּעלטע פרייד געהאַט מיט דעם קומען פון דעם ה' גאָלדפאַדן, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט נייע פיעסעס, וואָס זיינען בכח צו נעמען דעם עולם, און וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אַן אמתן דיכטער און דעם גייסט פון אונדזער פאָלק".

ה' גאָלדפאַדן וועט דאָ האַלטן אַ פאָרטראַג אין דעם זאַל פון דעם „ציון"־פאַראיין, דאָנערשטיק און דעם קומענדיקן שבת. איך וועל בשעתו אייך וועגן דעם אָפּגעבן אַ באַריכט בפרטיות".

קיין ווייטערדיקע באַריכטן וועגן גאָלדפאַדענען ווערן אין „הזמן" ניט געבראַכט, און עס איז ניט באַוווּסט צי ער האָט זיך אין לעמבערג אויפגע־האַלטן אַ לענגערע צייט אָדער איז גלייך אָפּגעפאָרן פון דאָרט. קיין נאָמען איז אונטער אָט דער נאָטיץ ניט אָנגעגעבן, אָבער פון סטיל און אויך פון דעם אינטערעס אין יִידישן טעאַטער בין איך זיך משער, אַז דער שרייבער פון נאָ־טיץ איז אָדער ד"ר מרדכי ערענפּרייז, אָדער ד"ר יהודה ליב לאַנדאָ (דער איצטיקער רב־הכולל אין דרום־אַפריקע), וועלכע האָבן אין די עטלעכע נומערן פון „הזמן" זיך אָפּט באַטייליקט מיט קריטישע אַרטיקלען.

דער פיליב וואָס ווערט געבראַכט ווי אַ מחבר פון פיעסעס, איז מעגלעך שמואל משה פיליב, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער גרידונג פון דעם יאָרבוך „אוצר הספרות", וואָס שאלתיאל אייזיק גרעבער האָט אין 1887 גע־נומען אַרויסגעבן, און דער מחבר פון „בית הבחירה" — אַן אויסגאַבע פון יהודה הלויס שירים.

13. א. ש. פרידבערגס רעצענזיע אויף דער העברעאישער איבער־זעצונג פון „דיביידע קוני לעמעל"

די איבערזעצונג פון „די ביידע קוני לעמיל" אין העברעיש האָט דער־שינט אין ירושלים, 1900, ווי אַ ביילאַגע צו בן־יהודהס „הצבי" (אָדער „השקפה" — די אויסגאַבע פאַר רוסלאַנד).

אין העברעיִש איז דער נאָמען „שני יקטן יקשן". ווי דער איבערזעצער איז אַנגעגעבן מר־דרור, דער פּסעוודאָנים פון מרדכי קריטשעווסקי, אַ העברעיִשער לערער און איבערזעצער אין תל־אביב, איצט באַקאַנט מיטן נאָמען מ. אזרחי.

קריטשעווסקי איז דעמאָלט געווען אונטער בן־יהודהס איינפלוס און זיין איבערזעצונג האָט אַנטהאַלטן אַ סך ניי־געשאַפענע ווערטער, ספּעציעל בן־יהודהס.

די פּוריסטן און קאָנסערוואַטיווע העברעיִשע שרייבער אין רוסלאַנד, זיינען געווען קעגן בן־יהודהס חדושים אין לשון, און באַקעמפט דעם נייעם ירושלימדיקן סטיל, אָדער „ווערטער פאַבריקאַציע" ווי זיי פלעגן דאָס אָנרופן אין זייער פּאָלעמיק.

צווישן די הויפּט־קעמפערס קעגן בן־יהודהס סטיל, איז געווען דער באַקאַנטער העברעיִש־יִדישער שרייבער א. ש. פרידבערג, דער מחבר פון „זכרונות לבית דוד" און „עמק הרזים". ער איז געווען אַ שטרענגער פּוריסט, און ווי אַ תלמיד פון אברהם מאַפּו פלעגט ער אין זיינע דערציילונגען (ניט אין די פעליעטאָנען) שרייבן מיט אַ ריין ביבלישן סטיל.

בשעת „שני יקטן יקשן" איז אַרויס, האָט פרידבערג אין אַ לענגערן פעליעטאָן „מזמרת האָרץ", וואָס האָט זיך געצויגן אין דריי המשכים אין „הצפירה" [8], שטאַרק אַרונטערגעריסן די איבערזעצונג.

זיין קריטיק איז דורכויס וועגן דער שפּראַך. ער ווייזט אָן אויף פעלערן און צייגט אויף דער שעדלעכקייט פון דעם „נייעם העברעיִש". ער שטעלט זיך אָבער אויך אָפּ אויף דער דראַמע און גיט איבער אַ קורצן אינהאַלט פון „די ביידע קוני לעמיל", אויפוואַרפנדיק דערביי בן־יהודהן, וואָס ווי אַ פּרעמיע צו זיין בלאַט האָט ער אויסגעקליבן אַזאַ שמאַטע ווי די דאָזיקע „אָפּערעטקע".

„דער מנהג פון אַ רעדאַקטאָר איז, — שרייבט פרידבערג — אַז אויב ער גיט זיינע לייענערס אַ געשאַנק, קלייבט ער אויס דאָס בעסטע בוך. היינט ווי אַזוי האָט בן־יהודה אַזאַ נאַרישקייט געטאָן, אָנשטאָט וואָס ער האָט ניט באַדאַרפט צולאָזן, אַז ביי אים אין דרוק זאָל זיך דרוקן אַזאַ אומווערדיקע זאַך („מוקצה מחמת מיאוס"), האָט ער זיך נאָך אָן דער מציאה אָנגעכאַפּט און מיט ביידע הענט זי אָנגענומען צו ברענגען זי אַ מתנה צו זיינע לייענערס ווי אַ געשמאַקפולע ממשותדיקע זאַך. אָבער האָט שפּינוועבס אַ ממשות? אָדער האָט שפייעכץ אַ טעם? איך וואָלט זיך ניט דערנידערט — שרייבט ער ווייטער — צו פאַרפּאַטשקען [9] מיין פּען און זיך פאַרנעמען מיטן שרייבן אַ קריטיק איבער אַ זאַך, וואָס איז אונטער יעדער קריטיק".

פרידבערגס צוועק איז אָבער, ווי ער דערקלערט, ניט דאָס בוך, נאָר די שפּראַך.

---

[8] 1901, נומ' 144, 145, 146.

[9] פרידבערגס לשון: „לטנף".

אין דער דאָזיקער קריטיק געפינען זיך אויך עטלעכע וואַרעמע שורות וועגן גאָלדפאַדענען גופא, אין וועלכע דער שרייבער רימט גאָלדפאַדנס בעסערע דראַמעס. פרידבערג שרייבט: „גאָלדפאַדנס כבוד באַדאַרף ניט געמינערט ווערן. ער האָט אַ סך דראַמעס געשריבן וואָס אין זיי האָט זיך אָנטפּלעקט זיין פּאָעטישער טאַלאַנט און יידיש־מוזיקאַלישער גייסט, וואָס ליגט אין די שיינע מעלאָדיעס, וואָס ער האָט צו זיי פאַרפאַסט. די בעסערע שאַפונגען זיינע ווי „שולמית“, ד״ר אלמאסאדא“ און „בר־כוכבא“, זאָגן עדות אויף זיין אויסגעצייכנטן טאַלאַנט צו אַמוזירן דעם עולם וואָס קומט אין טעאַטער. אָבער די דאָזיקע דריי דראַמעס זיינען די לעצטע וואָס ער האָט געשריבן. ער האָט זיי געשאַפן נאָך דעם ווי ער איז מיד געוואָרן צו טראָגן דעם צאַרן פון דער אינטעליגענץ פאַר זיינע פריערדיקע דראַמעס וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אַ צו פיל בדחנותדיקן גייסט, צו קיצלען די געפילן פון דעם נידעריקסטן עלעמענט פון אונדזער מאַסע, און וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן כדי צו דערציען אונדזערע משרתים און דינסטן צו לצנות און לייכטזיניקייט, נבול־פה, אויסגעלאַסנקייט און הפקרות, וואָס אַזוינס זעט מען ניט און מען הערט ניט אפילו אין די ערגסטע טעאַטערס און צירקן פון אומות העולם. די אַלע וואָס קענען גאָלדפאַדענען זאָגן אויף אים עדות, אַז ער איז פול מיט צער אויף זיינע ערשטע שאַפונגען, וואָס האָבן אים געמאַכט אַ שלעכטן נאָמען. איינע פון זיינע עקלהאַפטיקסטע שאַפונגען וואָס עס וואָלט בעסער געווען ווען עס וואָלט גאָר נישט געבאָרן געוואָרן, איז „דיביידע קוני לעמיל“.

14. גאָלדפאַדנס אַ בריוו

דער דאָזיקער בריוו גאָלדפאַדנס קען דינען ווי מלואים צו דעם ערשטן קאַפּיטל פון משה שטאַרקמאַנס אַרטיקל „מאַטעריאַלן פאַר אברהם גאָלדפאַדנס ביאָגראַפיע“, וואָס איז געדרוקט אין ערשטן באַנד פון „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער“. דאָרטן רעדט זיך וועגן דער טעאַטער־אונטערנעמונג צו גאָלדפאַדנס פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובילייִ, דעם 22סטן נאָוועמבער, 1901, אין „פיפּלס־טעאַטער“. די אונטערנעמונג איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך די יידישע אַקטיאָרן און עס האָט גאָלדפאַדענען אַריינגעבראַכט אַ הכנסה פון עטלעכע הונדערט פראַנק. גאָלדפאַדן האָט דעמאָלט געוווינט אין פּאַריז און געווען שטאַרק פאַרענגט, און די עטלעכע פראַנק זיינען אים שטאַרק צו נוץ געקומען. אויסצודריקן זיין דאַנקבאַרקייט די אַקטיאָרן האָט ער צוגעשיקט אַ בריוו צום „טאַגעבלאַט“ און „פאָרווערטס“, וואָס אַן אויסצוג פון דעם האָט שטאַרקמאַן איבערגעגעבן אין זיין אַרטיקל.

פון דעם בריוו איז אָבער צו זען, אַז די רעדאַקציע פון „טאַגעבלאַט“ (ריכטיקער: דער אַרויסגעבער, שרהזאָן), האָט זיך ניט געאײַלט גאָלדפאַדנס „דאַנקזאָגונג“ צו פאַרעפנטלעכן, אַזוי אַז גאָלדפאַדן האָט באַדאַרפט אָנקומען צו שתדלנות. ער האָט זיך געווענדט צו קאַצענעלנבאָגן, ער זאָל אים אַרויס־

נעמען פון אַ „פּאַרלעגנהייט", און זען אַז זיין דאַנק־בריוו זאָל ערגעץ ווו געדרוקט ווערן, „אין פאַל שרהזאָן וועט ניט דרוקן" זיין בריוו, ווייל „די אַרטיסטן קענען מיך רעכענען פאַר דעם גרעסטן אונדאַנקבאַרן מענטשן".

דער „דאַנק־בריוו" איז אין „טאָגעבלאַט" געדרוקט געוואָרן אין אַפּריל, אַ חודש שפּעטער נאָך דעם ווי גאָלדפאַדן האָט דעם דאָזיקן בריוו געשריבן.

דער אַדרעסאַט פון בריוו איז דער באַקאַנטער ניו־יאָרקער פאַרלעגער, גרינדער און איינער פון די אייגנטימער פון דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני".

קאַצענעלענבאָגן האָט פאַר גאָלדפאַדענען אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס. אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו איז גאָלדפאַדנס 25־יאָריקער ליטעראַרישער יובילײ געפייערט געוואָרן אין ניו־יאָרק.

דעם בריוו האָב איך באַקומען פון י. ד. א י י ז נ ש ט י י ן, רעדאַקטאָר פון דער העברעישער ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל", און מחבר פון „אוצר זכרונותי", „אוצר מדרשים" און אַנדערע ספרים וואָס האָבן אַן ענציקלאָפּעדישן כאַראַקטער.

אייזנשטיין איז געווען גאָלדפאַדנס אַן אינטימער פריינד. ער האָט זיך מיט אים באַקאַנט אין 1882, דעם יאָר ווען גאָלדפאַדן איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע און גענומען אַרויסגעבן זיין „ניו־יאָרקער אילוסטרירטע יודישע צייטונג". אייזנשטיין איז אויך דער מחבר פון גאָלדפאַדנס אַ קורצער ביאָגראַפיע אין העברעיש, וואָס איז געשריבן געוואָרן צו דער געלעגנהייט פון גאָלדפאַדנס 25־יאָריקן יובילײ אין 1901 און געדרוקט אין ראָזנצווייגס „העברי" (יאָרג. 10, נומ' 23—26) און איז איצט אַריין אין דעם 2טן טייל פון זיין „אוצר זכרונותי". (ניו־יאָרק, 1929, ז' 316—320).

דער בריוו ווערט איבערגעגעבן אין גאָלדפאַדנס אָרטאָגראַפיע.

מיין בעסטער פריינד יהודא קאַצענעלענבאָגען!

איך ווייס גאָר ניט וואָס עס געהט פאַר דאָרטען בייא אייך — פאַר וואָס האָט שרהזאָן נישט אָפּגעדרוקט מיין „אָפענעם בריעף" וואָס איך האָב איהם אַריינגעשיקט אין איינעם מיט זיין בריעף — ער האָט מיך געבראַכט אין אייגער פערגלעגענהייט — די אַרטיסטען קעננען מיך רעכענען פאַר דעם גרעסטען אָנדאַנקבאַרען מענשען, אַז נאָך דעם וואָס זייא האָבען מיר אַזוי אָנערוואַרטעטע טובה געטהון און איך זאָל זייא אפילו קיין דאַנק שיקען — איך האָב דאָך אייך געבעטען, אַז אין פאַלל שרהזאָן וועט ניט דרוקען מיין בריעף זאָלט איהר איהם בייא איהם אַרויספאָדערען אין אַריינגעבען אין איין אַנדער צייטונג! אויך דעם „פּאָרווערטס" האָב איך געשיקט אַ „דאַנק־בריעף" און איך ווייס ניט אויב די רעדאַקציאָן האָט איהם ערהאַלטען; ווייל איך באַקום דיא צייטונג ניט. פון יעצט אָן האָב איך מיר געמאַכט אַ כלל, אַז אַללעס, וואָס איך וועל באַדאַרפען אַריינשיקען אין אַ צייטונג זאָלל עס געהן דורך אייער האַנד; ווייל איהר זעננט דאָרט און ווייסט אייך שוין וואו צו ריכטען —.

דאָ איז נאָך גוט קאַלט און איך צייהל דיא טעג איך זאָלל שוין איה״ש אַוועק פאָהרען אין די בעדער — ווען איהר וועט האָבען עפּיס וויכטיגעס זאָלל [ט] איהר מיר שרייבען אימּמער אויף מיין אַדרעססא נאָך פּאַריז; ווייל מיינע פרוי בלייבט דאָ אונ אַללע וויכטיגע בריעף וועט זיא מיר ריכטיג איבער־שיקען אין וואָס פּאַר איין אָרט מיר וועט אויסקוממען צו זיין —

פאַרבלייבט געזונד פון מיר אייער בעסטער פריינד

א. גאָלדפאַדען.

15. וועגן גאָלדפאַדנס צווייטן באַזוך אין אַמעריקע

אויך וועגן גאָלדפאַדנס קומען קיין אַמעריקע צום צווייטן מאָל, געפינט זיך אין דער העברעיִשער פּרעסע אַ באַריכט.

אין דער ליטעראַרישער ביילאַגע פון „הצפירה״ (1903, נומ׳ 20), איז גע־דרוקט אַן אַרטיקל „מהבמה והדפוס באמריקה״ פון ד״ר מרדכי זאב רייזין (אַ באַקאַנטער רעפאָרעם־ראַבינער און העברעיִש־ענגלישער שרייבער), וואָס די ערשטע העלפט איז געווידמעט גאָלדפאַדענען.

רייזין גיט איבער וועגן דעם בענעפיט, וואָס איז לכבוד גאָלדפאַדענען געגעבן געוואָרן אין „גרענד־טעאַטער״, וועגן דער ליבשאַפט, וואָס מען האָט צו אים אַרויסגעוויזען און וועגן דעם איינפלוס פון זיינע נאַציאָנאַלע לידער אויף די מאַסן. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל שטעלט זיך רייזין אויך אָפּ אויף דעם צושטאַנד פון ייִדישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, און כאָטש קיין איבעריקע בייס איז ביי אים ניטאָ, דאָך האָט דער אַרטיקל אַ שטיקל ווערט פאַר דער גע־שיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

אַ פּאָר פּרטים וועגן גאָלדפאַדענען זייינען ביי אים ניט ריכטיק, ווי, למשל, אַז גאָלדפאַדן איז דער גרינדער פון ייִדישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, ווי אויך אַז צווישן זיין ערשטן באַזוך אין צווייטן באַזוך אין אַמעריקע, זיינען פאַרלאָפן צען יאָר, בשעת עס איז באַוווסט אַז גאָלדפאַדן האָט אויסגעוואַנדערט אין אַמעריקע אין 1887 און ביז זיין צווייטן באַזוך זיינען אַריבער קרוב צו זעכצן יאָר. זייער נאַאיוו איז אויך זיין אָפּשאַצונג פון גאָרדינס פּיעסעס, וואָס נאָך זיין מיינונג נאָך, זיינען זיי ניט פון ייִדישן לעבן גענומען און אַנט־האַלטן טעראַריסטישע טענדענצן.

רייזין שרייבט:

„דער באמת חשובער גאַסט אין דער ייִדישער געטאָ פון ניו־יאָרק, איז איצט גאָלדפאַדן, דער שאַפער און גרינדער פון ייִדישן טעאַטער. דאָס איז נישט דער ערשטער באַזוך גאָלדפאַדנס אין אַמעריקע. מיט צען (?) יאָר צוריק איז ער געווען אין ניו־יאָרק און אין דער דאָזיקער שטאָט יעמאָלט געגרינדעט דעם זשאַרגאָנישן טעאַטער. ער האָט דעמאָלט געפלאַנעוועט צו באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק און אָפּגעבן זיך מיט שרייבן זיינע דראַמעס, אָבער דער צו־שטאַנד פון זשאַרגאָנישן טעאַטער איז דעמאָלט געווען זייער אַ טרויעריקער,

און גאָלדפאַדן האָט גערעכנט, אַז פאַר אים איז בעסער זיך צוריקקערן קיין אייראָפּע. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז גאָלדפאַדן איז איצט פול מיט חרטה וואָס ער האָט דעמאָלט פאַרלאָזן ניו־יאָרק. אין די לעצטע צען יאָר האָבן די ייִדישע אימיגראַנטן אין ניו־יאָרק און אין די איבעריקע גרעסערע שטעט, זיך שטאַרק פאַרמערט. אַ סך גרויסע זשאַרגאָנישע צייטונגען האָבן אַ גרויסן אָפּגאַנג צווישן דער מאַסע און זייערע אַרויסגעבערס זיינען רייך געוואָרן און אויך דער ייִדישער טעאַטער האָט אויפגעלעבט. אַנשטאָט איין טעאַטערל, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אַ קליין אָרעם שטיבעל, עקסיסטירן היינט אין ניו־יאָרק פיר גרויסע פּרעכטיקע הייזער, פּאַלאַצן, גאַנצע טעמפּלען פאַר קונסט און געזאַנג. דער זשאַרגאָנישער טעאַטער היינט צו טאָג האָט זיך ניט צו שעמען פאַר די גרעסטע ענגלישע טעאַטערס. די ייִדישע אַרטיסטן האָבן דורך דער צייט אַ סך פּראַקטיצירט און זייער טאַלאַנט האָט זיך היפּש אַנט־וויקלט. אַדלער, טאָמאַשעווסקי, קאַליש, ראָזענטאַל און אַנדערע, צייכענען זיך אויס מיט זייער קונסט ניט נאָר ביי ייִדן, אויך צווישן קריסטן. די אַמעריקאַ־נער צייטונגען האָבן איינגעפירט קריטיק וועגן ייִדישן טעאַטער פּונקט ווי איבער דעם ענגלישן. יעקב אַדלער האָט פאַר אַן אַמעריקאַנער עולם גע־שפּילט שעקספּירס „האַמלעט", און כאָטש ער איז צווישן די אַקטיאָרן געווען דער איינציקער וואָס האָט גערעדט זשאַרגאָן און דער עולם האָט אים ניט פאַרשטאַנען, דאָך האָט מען אים גרויס כבוד צוגעטיילט. אויך האָבן זיך באַ־וויזן גוטע זשאַרגאָנישע דראַמאַטורגען, וואָס האָבן פאַר די דאָזיקע טעאַטערס געגומען שרייבן דראַמעס ווי יעקב גאָרדין, יוסף לאַטיינער און הורוויץ. גאָרדין איז דער לייב צווישן זיי, אָבער זיינע פּיעסעס האָבן ניט קיין ייִדישן אינהאַלט, און אין אַ סך פון זיי זיינען שטאַרק בולט רעוואָלוציאָנערע און טעראָריסטישע טענדענצן.

די אַקטיאָרן ווי די דראַמאַטורגען, זיינען אַלע דערפאַלגרייך און זיינט גאָלדפאַדן האָט פאַרלאָזן ניו־יאָרק, האָט זיך זייער לאַגע שטאַרק פאַרבעסערט. ער זעט ווי דער קערענדל וואָס ער האָט פאַרזייט האָט אַרויסגעוואָקסן, האָט גע־בראַכט פרוכט און ער, דער פאַרזייער, דער פאָטער און שאַפער, קען פון דעם ניט געניסן בשעת די אַנדערע, די וואָס זיינען נאָך אים געקומען, וועלכע זיי־נען פיל נידעריקער פון אים, שאַרן גאָלד און זיינען פון די אַמעריקאַנער דאָ־לאַרן רייך געוואָרן".

„מען באַדאַרף אָבער צוגעבן, אַז די זשאַרגאָנישע אַקטיאָרן ווייסן ווי צו ערן און אָפּשאַצן גאָלדפאַדנס ווערט. זיי זיינען ניט אומדאַנקבאַר דעם מאַן, וואָס דורך אים האָבן זיי די דאָזיקע מדרגה דערגרייכט. כדי אויסצודריקן זייערע דאַנק־געפילן אויף אַ געהעריקן אופן האָבן די הויפּט־אַקטיאָרן פון אַלע טעאַטערס, באַשלאָסן אין „גראַנד־טעאַטער" אויפצופירן פאַרשיידענע אַקטן פון גאָלדפאַדנס פּיעסעס און די הכנסה זאָל גיין פאַר אים. די פאַרשטעלונג איז פאָרגעקומען דעם צווייטן דעצעמבער. דער טעאַטער איז געווען פול מיט

מיִענטשן, וואָס זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם געערטן מחבר און פון זייער געלט ביישטייערן צו דעם פאָנד וואָס איז פאַר אים געגרינדעט געוואָרן. דער קלענסטער פרייז פון בילעט איז געווען צוויי דאָלאַר און די גאַנצע הכנסה טרעפט אָן די חשובע סומע פון דריי טויזנט, דריי הונדערט דאָלאַר. די אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע ראָלן. אַדלער, פינקלשטיין, פיינמאַן און גאָלדפאַדן אַליין, האָבן געהאַלטן רעדעס. פאַר אונדז, נאַציאָנאַליסטן, איז גאָלדפאַדן טייער איבערהויפּט מיט זיין אַרבעט פאַר דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק. דעם גרויסן איינפלוס פון זיינע דראַמעס „שולמית״ און „בר־כוכבא״ איז זיך ניט משער צו זיין. „שטיי אויף, מיין פאָלק״, „פאַריאָ־מערט פאַרקלאָגט״, „ראָזינקעס מיט מאַנדלען״ און אַנדערע לידער וואָס זיינען געוואָרן פאָלקס לידער, און עס איז ניטאָ קיין ייִדיש הויז וואָס די זשאַרגאָנישע שפּראַך הערשט דאָרט, — אַז מען זאָל זיי ניט זינגען אָדער לפּחות ניט קענען זיי. דאָס באַווייזט אונדז גאָלדפאַדנס חשיבות. זיינע נאַציאָנאַלע מע־לאָדראַמעס זיינען אַזוי אומעטיק־פאַרבענקט, פריילעך און לוסטיק, און דרינגען אַריין אין די טיפענישן פון דער נשמה און רעגן אויף די סטרונעס פון האַרצן״.

די ערשטע גאָלדפאַדן־ביאָגראַפיע

(ביבליאָגראַפישע נאָטיץ).

פון מרדכי קאָסאָווער

דעם 9טן יאַנואַר 1908 איז אברהם גאָלדפאַדן געשטאָרבן אין ניו־יאָרק און אין צוויי חדשים אַרום האָט מען אים מספיד געווען גראָד ניט דאָרטן, ווו ער האָט זיין גאַנץ לעבן געווירקט און ווו צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן הנאה געהאַט פון זיינע טעאַטער־שפּילן, נאָר אין אַ שטאָט, וואָס האָט ביז דאַן ניט זוכה געווען צו זען זיינע טעאַטער־אויפפירונגען און האָט קיין ייִדישן טעאַטער ניט פאַרמאָגט — אין ווין.

דער הספד איז, אין פאָרם פון אַ פירטראָג, געהאַלטן געוואָרן אין דייטש דעם ערשטן מאַרץ, אין דער ייִדישער טאָינבי־האַלע אין ווין. דער מספיד איז געווען אַדאָלף היינריך לאַנדוי, וועלכער האָט זיין רעפעראַט אָפּגעדרוקט אין דער צייטשריפט Die Wahrheit, און עס נאָך דעם אַרויסגעגעבן אין אַ סע־פּאַראַט־אָפּדרוק, וואָס די ריינע הכנסה דערפון איז געווען באַשטימט פאַרן „קינ־דער־שוץ״ פון דער טאָינבי־האַלע און פאַרן בית־יתומים און פאָלקס־קיך אין ירושלים.

דער פולער טיטל פון דער בראָשור איז:

Abraham Goldfaden, Sein Leben und Wirken. Von Adolf Heinrich Landau, Wien, 1908, 16 pp.

עס איז די ערשטע ביאָגראַפיע פון גאָלדפאַדענען און זי איז אין קיין ג׳־ביבליאָגראַפיע אָדער ג׳־פאָרשונג ניט פאַרצייכנט. מיר באַשרייבן זי לויט דעם ביז־איצט איינציקן באַקאַנטן עקזעמפלאַר, וואָס געפינט זיך אין רשות פון ד״ר יעקב שאַצקי.

קיין פּרטים וועגן אַדאָלף לאַנדוי האָבן מיר, צום באַדויערן, ניט. דעם איינציקן פאַקט, וואָס מיר האָבן געקענט אַרויסקריגן פון דער מאָנאָגראַפיע איז, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ לעמבערגער, וואָס האָט וואַרשיינלעך אויסגעוואַנ־דערט קיין ווין. אַדאָלף לאַנדוי איז, ווייזט אויס, געווען פאַרבונדן מיטן פילאַנ־טראָפּישן אַנשטאַלט פון דער ווינער ייִדישער טאָינבי־האַלע און מסתמא האָט ער געהערט צו דער ווינער ציוניסטן־גרופּע.

עס איז אַ ביאָגראַפיע, וואָס איז אַרויס פון דער פּען פון אַ נאַציאָנאַלן ייִדן, געשריבן אין אַ געהויבענעם טאָן און אין פולסטער אָנערקענונג פאַר אברהם גאָלדפאַדן. ער גיט אָן אויספירלעכע לעבנס־באַשרייבונג, שילדערט די תקופה, ווייזט אָן ווי אַזוי איז גאָלדפאַדן געקומען אויפן געדאַנק צו גרינדן אַ ייִדישן



Abraham Goldfaden.

Sein Leben und Wirken.

Von

Adolf Heinrich Landau

Wiener Neustadt.

Vortrag, gehalten am 1. März 1908 in der jüdischen Toynbeehalle in Wien, XX. Bezirk.

Der gesamte Reinertrag fließt dem „Kinderhort“ der Toynbeehalle, dem „Waisenhaus“ und der „Volksküche“ in Jerusalem zu.

Wien, 1908.

Im Selbstverlag.

Druck von Moriz Waizner & Sohn, Wien IX.

פאָדערבלאַט פון סעפּעראַט אָפּדרוק פון אַדאָלף לאַנדויס הספד

טעאַטער, שטעלט זיך אָפּ אויף זיינע טעאַטער־שאַפונגען, גיט איבער דעם אינ־האַלט פון אייניקע ווערק, באַטאָנט דער עיקר גאָלדפאַדנס נאַציאָנאַלע מאָטיוון און ווייזט אָן אויף זיין גרויסן באַטייט אַלס קינסטלער און דיכטער.

אין זיין אָפּשאַצונג, וואָס איז ערטערווייז פול מיט איבערפליסיקן לויב, זיי־נען אויך פאַראַן אייניקע אומבאַקאַנטע פרטים וועגן גאָלדפאַדנס לעבנס־וועג. אַזוי צום ביישפיל גיט אַדאָלף הייגריך לאַנדוי איבער, אַז ג׳ס אָנקומען אין לעמבערג (אין יאָר 1875) איז צו גלייך געווען דער אָנהייב פאַר אַ נייער באַ־וועגונג צווישן דער יידישער יוגנט אין לעמבערג. אין די ווערטער פונעם ביאָגראַף הייסט ער אַזוי:

„מיין פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז ער און זיינע פריינד זיינען דורך גאָלדפאַדנס פּערזענלעכקייט געקומען צו רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען — רעוואָ־לוציאָנער אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן געהאַט בדעה, קעגן דעם ווילן פון זייערע עלטערן, איבערצורייסן מיט דער אַלט־אָנגעקומענער טראַדיציע פון לערנען גמרא און שולחן־ערוך און זיך אָפּגעבן מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן, און וואָס אייניקע יונגעלייט האָבן עס טאַקע דורכגעפירט״ (ז׳ 6—7).

אינטערעסאַנט איז לאַנדויס אָפּשאַצונג וועגן גאָלדפאַדענען דעם קינסטלער און שאַפער. לויט דער מיינונג פון זיין ביאָגראַף איז גאָלדפאַדן געווען אַן אָריגינעלער יידישער דראַמאַטורג, וועלכער האָט פאַר זיך ניט גע־האַט קיין מוסטערן פון וואַנעט צו קאָפּירן. אויב מענדעלע האָט אָנגעשריבן זיין „טאַקסע״, איז עס געווען ניט מער ווי אַ ווערק אויף פּירצולייענען, אָבער ניט צו שטעלן אויף דער בינע. ווערק ווידער פון דער וועלט־ליטע־ראַטור מיט אַ יידישן אינהאַלט (שעקספּירס „סוחר פון ווענעציע״, לעסינגס „נתן דער חכם״, גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ״, העבעלס „יהודית״ און גרילפּאַרצערס „די יידישקע פון טאָלעדאָ״) האָבן „אפשר פאַרמאָגט אַ יידישן גוף, אָבער ניט קיין יידישע נשמה״ (ז׳ 14).

נאָך מער איבערצייגנדיק זאָגט זיך לאַנדוי אַרויס, ווען ער שאַצט אָפּ גאָלדפאַדנס אַדעסער עפּאָכע, ווו ער האָט געשאַפן זיינע פּיעסעס מיט אַ היסטאָרישן אינהאַלט, ווי „ד״ר אַלמאַסאַדאָ״, „בר־כוכבא״ און „שולמית״. וועגן דעם שרייבט ער אָט וואָס: „ער האָט דורכגעמאַכט אַ קענטיקע אַנט־וויקלונג: פון דעם פריערדיקן צופאַל־דיכטער איז ער געוואָרן אַ דראַמאַ־טישער מייסטער, און די טעאַטער־שטיק (דאָ רעכנט לאַנדוי די אויבן־דער־מאָנטע פּיעסעס — מ. ק.) זיינען פאַרענדיקטע, קינסטלערישע שאַפונגען און יעדע פון זיי איז אַ דורכויס־צייטיקע פּרוכט, אַראָפּגענומען פון יידישן לעבנס־בוים. זיי זיינען צוזאַמען געשטעלט מיט געשמאַק, פאַרמאָגן אינטערעס־סאַנטע סצענעס, פיגורן און זיינען רייך מיט חנעוודיקע לידער, מיט גליקלעכע איינפאַלן פון אַ שאַפנדיקן טאַלאַנט״ (ז׳ 10).

אין אַן אַנדער אָרט ווייזט לאַנדוי אָן, אַז „גאָלדפאַדן האָט געשאַפן פון זיך אַליין און פונדעסטוועגן האָט ער זיינע ווערק געבראַכט צו אַזאַ טעכני־

שער שלימות, אַז מען האָט זיינע מייסטערשטיק איבערגעזעצט אין פרעמדע שפּראַכן". (ז' 14).

לסוף ברענגט לאַנדוי אַן אַלגעמיינע אָפּשאַצונג וועגן גאָלדפאַדנס ווערט און באַדייט, וואָס קומט ווי אַ שלוס־אַקאָרד צו זיין מאָנאָגראַפיע, און עס איז כדאי צו ברענגען די שורות, וואָס האָבן נאָך ביז איצט ניט פאַרלאָרן זייער פרישקייט, אין גאַנצן:

„גאָלדפאַדענען דאַרף מען באַצייכענען פאַרן רייכסטן דיכטער־גייסט און גרויסן מוזיקאַלישן זשעני. ער האָט פאַרמאָגט די גרעסטע קענטעניש פון מענטשלעכן האַרצן. ער האָט געקאָנט נאָכגיין דער לײדנשאַפט אויף אַלע גלייכע און קרומע וועגן און האָט אַלע מאָל געפונען דערצו די פּאַטעטישע אָדער קאָמיש־טרעפלעכע טעאַטער־שפּראַך. ער האָט געפונען די ריכטיקע ווערטער פאַר יעדן קלאַס, יעדן געשלעכט און יעדן לעבנס־עלטער. אָט די מתנה האָט דערגאַנצט דאָס וואָס עס האָט אים טיילווייז געפעלט אין טעאָ־רעטישן וויסן און האָט געמאַכט אין גאַנצן פאַר אומנייטיק, אַז מען זאָל אין יעדער סצענע אָדער אין יעדן וואָרט פון זיינע דיכטונגען אַריינלייענען טיפזיניקע כוונות, אַ באַשטימטן עסטעטישן אָדער פילאָזאָפישן ווילן אָדער אַ פאַרבאַהאַלטענע געקינצלטקייט.

„ער האָט מיט מייסטערשאַפט פאַרשטאַנען צו טרעפן דעם טאָן, וואָס קומט פון האַרצן און גייט צום האַרצן.

„דורך זיינע דיכטונגען האָט זיך אים איינגעגעבן צו פאַרוואַנדלען די יאָמער־טרערן אין טרערן פון פרייד. אַזוי איז זיין נאָמען אויף אייביקע צייטן פאַרשריבן געוואָרן אין האַרצן פון ייִדישן פאָלק.

„אַזוי האָט ער זיך אומשטערבלעך געמאַכט ביים ייִדישן פאָלק, דעם פאָלקרעפּטיקן צייכן פון ייִדישן שטאַם, און ניט־ווינציקער — ביי די שענסטע און בעסטע פון פאָלק.

„דעם כבוד, וואָס מען באַצאָלט אים, האָט ער ערלעך און יושרדיק פאַרדינט.

„מיט פולע רעכט קענען מיר אויף אים באַנוצן די טרעפלעכע ווערטער פון שילערן:

„ווער עס האָט אין זיינע בעסטע צייטן גענוג אויפגעטאָן,
האָט געלעבט פאַר אַלע צייטן". (ז' 15—16).

אַ צענזור־דערלויבעניש אויף גאָלדפאַדנס פּיעסעס

פון י. ש.

אין טעאַטער־מוזיי פון ייוואָ, אין ווילנע, געפינט זיך אַן אָריגינאַל פון אַ צענזור־דערלויבעניש אויף 19 פּיעסעס, וואָס גאָלדפאַדן האָט באַקומען אין פּעטערבורג אין מאַרץ 1882. די דאָזיקע רשימה איז אינטערעסאַנט שוין מיט דעם אַליין, וואָס פון איר קען מען זען, וואָס פאַר אַ פּיעסעס האָט ג—ן געהאַלטן פאַר וויכטיק צו לאָזן אין זיין רעפּערטואַר. משמעות, אַז אייניקע פון זיינע טעאַטראַלע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס ער האָט געשפּילט אין רומע־ניע און אפילו אין אָדעס זיינען פון אים אין 1882 שוין פאַרבראַקירט גע־וואָרן. סך־הכל האָט גאָלדפאַדן אָנגעשריבן ביזן יאָר 1882 (ד״ה ביז סוף 1881) — 29 פּיעסעס, אַריינגערעכנט איבערזעצונגען און כלערליי אַדאַפּטאַ־ציעס. די דערלויבעניש איז נאָר אויף 18, וואָס ער האָט זיכער אַליין צו־געשטעלט. דאָס רוב פּיעסעס, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין דער רשימה געפינען זיך מיט די אָריגינעלע צענזור־דערלויבענישן אין טעאַטער־מוזיי פון ייוואָ. זיי זיינען טיילוויז צענזורירט אין פּעטערבורג.

אין דער דאָזיקער רשימה פעלט „בר־כוכבא״, וואָס איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן אין 1882. פון דעם איז געדרונגען, אַז „בר־כוכבא״ איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך מאַרץ 1882, ווען די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן.

דעם אָריגינאַל פון דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט דער טעאַטער־מוזיי צו פאַרדאַנקען דעם יידישן אַקטיאָר וואָלף גאָלדפאַדן, אַ פּלעמעניק פון אברהם גאָלדפאַדן.

צוליב די מלחמה־שטערונגען איז ליידער געווען אוממעגלעך צו באַקומען אַ פאָטאָסטאַט פון דעם אָריגינאַל. דערפאַר דרוקן מיר אים איבער אות באות אָפּהיטנדיק אפילו די אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל.



אַ רשימה פֿון גאָלדפֿאַדנס פּיעסעס, געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט
[פּאַריז, בערך 1902]

М. В. Д.
Главное Управленіе
по дѣламъ печати
19 Марта, 1882

СВИДѢТЕЛЬСТВО

Дано сіе изъ Главнаго Управленія по дѣламъ печати антрепренеру еврейскаго театра Абраму Гольдфадену въ томъ, что пьесы его сочиненія, на еврейскомъ языкѣ: 1) Тодрисъ Блозъ (Тодрисъ Дуй) оперетта въ 3 д. 2) Ди Швебылохъ (Спички) Вод. 1 д. 3) Деръ Катеръ (Катаръ) Вод. 1 д. 4) Иксъ, Миксъ Дриксъ Шут. вод. 2 д. 5) Фиръ поръ парцелаене Телеръ (Четыре пары фарфоровыхъ тарелокъ) Шут. вод. 1 д. 6) Ди бабе митенъ-эйникель (Бабушка со внучкою). 7) Бранделе Козакъ (ком. 4 д.). 8) Ди Кишефмахеринъ (Колдунья). 9) Нибе, ниме, ни кукуреку (или Борьба цивилизаціи съ фанатизмомъ) Ком. 4 д. 10) **Шмендрикъ.** Ком. 3 д. 11) Фанатикъ. Оп. 4 д. 12) Альмасадо. Др. 5 д. 13) Деръ фаркейфте шлофъ (Проданный сонъ или Банкиръ тиранъ) Мелодр. 3 д. 14) Ди штумме Кале (Нѣмая невѣста). Ком. 3 д. 15) Ди рекрутенъ (Рекруты). Ком. 3 д. 16) Двосье ди Пліотке Махеринъ (Интрига или Сплетница Двося). Ком. 5 д. 17) Ди Капризнэ - Калэ - Мойд (Капризная дочь) Др. 5. 18) Деръ Падрядчикъ, одеръ ондейнкъ фунъ демъ Русишъ - Тиркшенъ кригъ. (Подрядчикъ или Память Плевны). Ком. 4 д. 19) Шуламисъ (Суламиѳ или Дочери Іерусалима) Мелод. 4 д. — могутъ быть играны только по подлиннымъ цензурованнымъ экземплярамъ снабженнымъ подписью цензора драматическихъ сочиненій и печатью Главнаго Управленія по дѣламъ печати.

И. Д. Начальника Главнаго
Управленія по дѣламъ печати

[ ] **К. Вяземскій.**

И. Д. Правителя Дѣлъ

גאָלדפאַדנס אַ לידער־זאַמלונג אין כתב־יד

פון ד״ר יעקב שאַצקי

אין דער ביבליאָטעק פון אַמאָפּטייל פון ייִוואָ געפינט זיך אין כתב־יד אַ זאַמלונג פון גאָלדפאַדנס לידער. די דאָזיקע זאַמלונג האָט אַ באַדייטנדיקן ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט. מיר געפינען אין איר עטלעכע לידער, וואָס זיינען אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט. דאָס רוב לידער (אַלע געשריבן מיט ג—ס אייגנאַרטיקער האַנטשריפט) זיינען יאָ געווען געדרוקט. נאָך אַ גענויען פאַרגלייך מיט די געדרוקטע טעקסטן שטעלן זיי מיט זיך פאָר וואָגיקע וואַריאַנטן. מען קען זאָגן, אַז כמעט קיין איין ליד איז ניט געדרוקט אות באות, ווי עס איז פאַרשריבן אין דעם דאָזיקן ביכל.

דער כתב־יד איז געווען דאָס אייגנטום פון ברוך טשאַרני־וולאַדעק ע״ה, און איז צוזאַמען מיט וולאַדעקס ביבליאָטעק אַריבער אין ייִוואָ. לויט די אינפאָרמאַציעס, וואָס עס איז געלונגען צו באַקומען, איז דער דאָזיקער כתב־יד, נאָך דעם טויט פון פרוי גאָלדפאַדן (1909), אַריבער צו די טאָמאַשעווסקיס און פון זיי צו וולאַדעקן.

דאָס ביכל באַשטייט פון קנאָפּע 250 זייטן און איז געבונדן. די זייטלעך זיינען נומערירט, אָבער ניט פון גאָלדפאַדענען און דערצו נאָך זייער פעלערדיק. עטלעכע בלעטלעך זיינען לויזע און דער, וואָס האָט נומערירט די זייטלעך, האָט זיך ניט באַמיט אויסצוגעפינען דעם געהעריקן סדר פון די פאַרשריבענע בלעטער.

קיין שער־בלאַט איז ניטאָ. די ערשטע צוויי זייטלעך פאַרנעמט אַ תוכן הענינים א״נ: „סאַטירישע טייל״, נומערירט ביז נומער 13, דערנאָך גייט אַ ריי טיטלען, גאָר צופעליק צונויפגעשטעלט.

דער סדר פון די לידער נאָכן אינהאַלט־פאַרצייכעניש איז אַזאַ: 1) ימים־נוראים (פאָעמע אין 3 אָפּטיילונגען), 2) שבתיאל (פאָעמע אין 10 קאַפּיטלען), 3) די קינדערישע יאָרן (פאָעמע אין 2 אָפּטיילונגען), 4) אַ שטיין פון הארצן, 5) שין אלף רוב, 6) נאָך דער לעצטער מאָדע, 7) צדוק׳ס אָפּשיד פון דער קלויז (פאַראָדיע אויף דער יונגפרוי פאָן אָרלעאַנס), 8) די דריי סימנים, 9) די צוויי שכנות, 10) דער הימל שפּאַלט זיך (באַלאַדע), [אין דער זעלבער שורה איז צוגעשריבן דאָס ליד: דער מלאך], 11) דער המן־טאַש מיט מאָן,

12) שטיי אויף מיין פּאָלק!, [אין דער זעלביקער שורה צוגעשריבן דאָס ליד: צוויי טראָפּן דער טאַטע], 13) דער מאַרש פון משיחן.

דאָן גייען שוין אָן נומערן די ווייטערדיקע לידער: 14) גבורי יהודה, 15) יודל סעמיט, 16) אַ ייִדענע, 17) ישראליק, 18) אוי כנען, כנען! 19) לאָז שוין זיין געווג, 20) גיי! גיי!, 21) דאָס פּאָסטעכל, 22) יענקעלע גייט אין שול אַריין, 23) דאָס ביימעלע, 24) השיבנו נאַזאַד, 25) גאָטס וווּנדער, 26) דער בית־דין של מעלה, 27) דאָס וויגליד, 28) חזיון ליל, 29) האָט איר אַ מאָל געהערט, 30) ערקלער מיר דאָס! (ראָמאַנס) און 31) דאָס פּערבלאָנדזשעטע שיף [צוגעשריבן מיט אַ בלייער.]

פון דעם אינהאַלט, אָנגעוואָרפן אָן אַ סדר, איז צו זען, אַז ג—ן האָט געפּלאַנעוועט צונויפצוזאַמלען אין איין בוך אַלע זיינע שריפטן און גראַמען און ער האָט עס געטאָן נאָכן זכרון, ווייל קודם־כל שטימען ניט אַלע טיטלען מיט די פאַקטישע קעפּלעך פון די לידער, והשנית האָט ער אין דער דאָזיקער זאַמלונג אַריינגעשריבן גאַנצע 36 לידער, ד״ה מיט פינף מער ווי עס ווערט אויסגערעכנט אין דעם אינהאַלט, אָבער אין דער זעלביקער צייט זיינען אַ סך לידער, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגערעכנט, ניט אַריין און ווי אָקאָרשט געזאָגט — זיינען יאָ אַריין אַ סך לידער, וואָס ווערן דאָרטן ניט דערמאָנט.

עס איז שווער אויסצוגעפינען, וואָס איז געווען גאָלדפאַדנס כוונה ביים צוזאַמענשטעלן דעם דאָזיקן בוך. עס איז זיכער, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן אין פּאַריז אַרום 1900. אין יענער צייט איז גאָלדפאַדן אַרויסגעטראָטן אויף פאַרשיידענע אָוונטן, דאָס רוב ציוניסטישע, און דעקלאַמירט זיינע ווערק. אויב דאָס איז געווען דער עקזעמפּלאַר פון וועלכן ער האָט געלייענט, קען מען מיט זיכערקייט ניט זאָגן. די אָפּטע טעקסטועלע שינויים אין מאַנוסקריפּט באַווייזן, אַז גאָלדפאַדן האָט גיכער געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ פולע זאַמלונג פון זיינע לידער. אַ פאַקט, וואָס לאָזט זיך דערווייל ניט באַשטעטיקן.

אויף פאַר דער ביאָגראַפיע פון ג—ן האָט די דאָזיקע זאַמלונג אַ גרויסן ווערט. קודם־כל לאָזט זיך מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז דאָס ערשטע לידל אין ייִדיש האָט גאָלדפאַדן אָנגעשריבן אין זשיטאָמיר, אין 1859, ד״ה אין דער עלטער פון 19 יאָר. פאַלן שוין אָפּ ממילא די מעשיות, וואָס עס ווערן דער־ציילט וועגן אים (גאָטלאָבער, זילבערבוש, ציטראָן), אַז ער האָט געשריבן לידער נאָך אין אַלט־קאָנסטאַנטין, זיין געבורטס־שטאָט.

מיר גיבן אַ דעטאַליזירטע רשימה פון אַלע לידער, געדרוקטע און ניט־געדרוקטע מיט אַ גענויען אָנווייז, וועלכע פון זיי זיינען שוין געווען געדרוקט און ווו. דער גאַנצער כתב־יד פאַרדינט אָן אויספירלעכע אויספאָרשונג, וואָס קען האָבן אַ פּראַקטישע באַדייטונג נאָך דעמאָלט, ווען מען וועט צוטרעטן אַרויס־געבן אַ פולשטענדיקע אויסגאַבע פון ג—ס לידער.

די אָרטאָגראַפיע איז מאָדערניזירט געוואָרן סיי אין די קעפּלעך פון די לידער און סיי אין די ציטאַטן, וואָס ווערן פון זיי געבראַכט. די נומעראַציע פון די לידער איז געמאַכט געוואָרן פון דעם שרייבער פון דעם אַרטיקל; אין מאַנוסקריפּט גופא האָבן די לידער ניט קיין נומעראַציע.

נאָר ביי די לידער וואָס זיינען ניט געווען ביז איצט געדרוקט ווערט אָנ־געגעבן די צאָל סטראָפעס אָדער שורות.

די לידער וואָס עס פעלט ביי זיי דער אָנהייב ווערן ציטירט די ערשטע און די לעצטע שורות. אפשר וועט אימעצער פון די לייענער דערקענען דאָס ליד און וועט אָנווייזן דעם טיטל און דערגאַנצן די לידער.

צום סוף איז כדאי אָנצוּווייזן, אַז פאַר גאָלדפאַדנס ביבליאָגראַפיע האָט די דאָזיקע זאַמלונג אַ גרויסן ווערט, ווייל די כראָנאָלאָגיע פון די לידער (לײדער ניט פון אַלע) באַשטימט ווען און ווו האָט זיך ג—ן געפונען בעת ער האָט די לידער געשריבן. אין דעם פּרט זיינען וויכטיק: די דאַטע פון 1859, זשיטאָמיר, מאַי 1876 — בוקאַרעשט און סוף 1885 — אָדעס, וואָס דאָס מיינט, אַז אין וואַרשע איז ער געווען ערשט אָנהייב 1886.

רשימה פון די לידער

1) ימים נוראים. אָנגעשריבן אין 1895. אין כתב־יד פעלן: די ערשטע 4½ סטראָפעס און די לעצטע פיר שורות.

געדרוקט אין „מיניקעס יום־טוב־בלאַט", סעפּטעמבער 1900 און „צוליב אַ שלעכטן דרוק איבערגעדרוקט אויפן פאַרלאַנג פון אונזערע לעזער"; דאָרטן, סוכות 1901, ז' 19—20. דאָרטן: יום־טוב־בלאַט 1908; אויך אין „דאָס פינטעלע יוד", נ״י. 1909, ז' 11—18.

2) גיי! גיי! געשריבן אין 1882, ווי אַ ליד פאַר דער היסטאָרישער אָפּערעטע: „אַלמאַסאַדע". געדרוקט אין „ישראליק״' אָדעס, 1884, ז' 112—15. מיט נאָטן צום זינגען.

איבערגעדרוקט: אין „יידישע בינע" נ״י 1897, 2, 125—129 מיט האַרקאַוויס אַ געגראַמטער ענגלישער איבערזעצונג; אין „האַצמאַח'ס קרעמיל", וואַרשע, 1891, 81—86.

3) אַ ליד אָן אַן אָנפאַנג (פינף 18 שורהדיקע סטראָפעס) די לעצטע פיר שורות פון דער צווייטער סטראָפע, מיט וועלכע עס הייבט זיך אָן דער פעלנדיקער טעקסט, לייענען זיך אַזוי:

„געשלאָסן ביי די הענט דרייען זיך אָן צאָל
אַקאָרדן אין אַ ראָנדאָ אַלע מיט איין מאָל!
און די גרויסע מחותנתטע די שיינע האַרמאָני
פליעסקעט פון ווייטן צום טאַקט די קינדער צו!"

די לעצטע פיר שורות:

„דאָס איז די שיינע קונסט, וואָס איר קושט אַזוי מיט די אויגן
דאָס איז דער הויך דער ליבע, וואָס איר קוויקט זיך אָנצוזויגן,
דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס מיט אייך אַליין גאָט רעדט
דורך זיין הייליקן שליח — קינסטלער און פּאָעט".

4) ד ע ר ה י מ ל ש פּ אַ ל ט ז י ך (באַלאַדע).

דאַטירט: אָדעס 1868. געווען אַנאָנסירט אין אַפּריל 1870 אין „קול מבשר", אַז עס וועט זיין געדרוקט אין אַ זאַמלונג לידער א״נ: „ווייסער חברהניק", וואָס ג—ן האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעגעבן.

געדרוקט אין: „דער יודישער האַנדעלס קאַלענדאַר" פון י. בערנאָס, וואַרשע, 1891, ז' 114—118.

„דאָס פּינטעלע יוד", ז. 38—40.

איבערגעדרוקט אין „מיניקעס יום־טוב־בלעטער", יולי 1908;

רעצענזירט פון פּרצן: „יודישע ביבליאָטעק", 2, 373.

5) נ אָ ך ד ע ר ל ע צ ט ע ר מ אָ ד ע.

דאַטירט: בוקאַרעשט, 18 פעברואַר 1876, הגם געווען שוין געדרוקט אין „ישראליק", 1875 (18 נאָוועמבער) נומ' 18.

איבערגעדרוקט אין: „האָצמאַחס קרעמיל", 34—40 (די לעצטע סטראָפע געענדערט).

6) ש אַ נ ס אָ נ ע ט ן (ד״ה קופּלעטן).

א) ת ש ל י ך, דאַטירט: בוקאַרעשט, 3 פעברואַר 1876. איבערגעדרוקט אין אַ זעלטענעם ייִדישן טעאַטער־זשורנאַל: „קול רנה", בוקאַרעשט 1886 און געחתמעט: א״ב (אברהם) ד״ף (גאָלדפאַדן) און אין „האָצמאַח'ס קרעמיל", 28—29.

ב) ע ט, ס' א י ז נ אָ ר ג ע ז אָ ג ט (פינף אַכט־שורהדיקע סטראָפעס), דאַטירט בוקאַרעשט, 15 מיי 1876.

ג) ה ו ל י ע ק ב צ ן! דאַטירט 18 מאַי 1876.

דאָס דאָזיקע ליד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ לאַטיינישער טראַנסקריפּציע פון איוואַן פראַנקאָ אין 1882 וואָס האָט עס געהאַט פון אַ „פראָסטן, ניט־שריפטקענעוודיקן ייִדן" און וואָס האָט אים אינפאָרמירט, אַז ס'איז זייער פאַרשפּרייט צווישן די ייִדן אין דראָהאָביטש און באָריסלאָוו.

אין מיין אַרבעט: „איוואַן פראַנקאָ און דאָס ייִדישע פאָלקסשאַפן" (ייִוואָ־בלעטער, 7, 1934, 47—53) האָב איך אָנגעוויזן, אַז דאָס איז ניט

קיין פאָלקס־ליד, אָבער עס איז מיר דאַן ניט געלונגען צו געפינען דעם מחבר.

דער טעקסט איז געדרוקט אין: „יידישע בינע", 2, 43—44, אָבער קיין מחבר איז ניט אָנגעוויזן.

ג—ן האָט דאָס ליד געזונגען אין בוקאַרעשט און פון דאָרטן האָט זיך עס גיך פאַרשפרייט אין מזרח־גאַליציע און אויפגעכאַפּט געוואָרן פון דעם פאָלק.

דער עושר־קבצן מאָטיוו אין דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור איז צו יענער צייט געווען שטאַרק פאַרשפּרייט.

זע: „דער אָרעמאַנן", געזונגען פון נ. ז. ט., געשריעבען פאָן פּ. א. ר. וואַרשע 1879. 13 זייטן און שמ"רס ליד „ס'איז שלעכט אָן געלד" אין זיין פּיעסע: „דער בעל־תשובה".

ד) און עפּעס נאָך! איך שעם זיך אויס־צוזאָגן! (זעקס ניין־שורהדיקע סטראָפעס) ניט דאַטירט. געהערט צו דער זעלביקער גרופּע „שאַנסאָנעטן".

7) דער נאַכט־וואַנדלער. קופּלעטן. 4 סטראָפעס צו צוועלף שורות יעדערע מיטן זעלביקן רעפרען.

8) מיין שמואליק (באַלאַדע) 10 פיר־שורהדיקע סטראָפעס.

ערשטע סטראָפע:

אין אַ קליין שטעטל אין אַ טאָל
ווי אַ קליין גריבעלע,
איז געשטאַנען אַ מאָל
איין איינגעהויקערט שטיבעלע.

אַן אַנטי־חסידיש ליד. געשריבן אונטער דער ווירקונג פון פּרצעס „מאָניש". אַ געדרוקטער טעקסט האָט זיך דערוויל ניט געפונען.

9) אַ שניידערש טרינק־ליד (קופּלעטן).

געדרוקט אין „קול מבשר", 1871, 44 א"נ: „פאַליגע שיכור" (אַ טרונק־ליד פון אַ שניידערל).

10) דאָס פאַרבלאָנדזשעטע שיף.

דאַטירט בראַילאַ, 5 מאַי 1896.

געדרוקט אין „דער קאָמפּאַס", בראַילאַ, 17 מאַי 1896, איבערגעדרוקט אין „יידישע נאַציאָנאַל־געדיכטע" פון א. גאָלדפאַדן. קראָקע, 1898, ז' 14—17. אין דער צייטונג „וואַרהייט", נ"י, 9 יאַנואַר (אין טאָג פון ג—ס טויט) און אין „מיניקעס יום־טוב־בלעטער", פסח, 1909, זייט 62.

דאָס דאַזיקע ליד האָט משפּיע געווען ראָזנפעלדס באַרימטע פּאָעמע „אויפן בוזעם פון ים״.

11) די דריי סימנים (אַ צוואה פון אַ פּאָטער).

דער כתב־יד האָט אַ סך ענדערונגען לגבי דעם טעקסט, וואָס איז געווען געדרוקט אין „קול מבשר״, 1871, 2.

12) דער אַבשיד פון דער קלויז (פּאַראָדיע אויף שילערס „יונגפרוי פאָן אָרעלאַנס״).

פון גאָלדפאַדנס פאַרס „רעקרוטן״, אָנגעשריבן און געשפּילט אין רומעניע. זע מיין אַרבעט איבער דער דאָזיקער פּיעסע אין „ייִדישע קולטור״, 1939, נומ׳ 6, ז׳ 67—75.

13) די צוויי פּליאַקעס (נאָך היינעס „צוויי ריטער״) (סוף — פעלט). אָנגעשריבן: 1876.

געדרוקט א״נ: „צוויי פּוילישע העלדן״ אין „מיניקעס פּסח־בלאַט״, 1898 און סוכות־בלאַט 1898.

מסתמא געווען געדרוקט אַ סך פריער, וואָס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן.

14) צאן קדשים מע־עע!

געשריבן אין אָדעס דעם 12טן דעצעמבער 1884. געדרוקט אין ייִדישע גאַזעטן״, נ״י, 24 מאַרט 1899, אין „ייִדישע בינע״ 2, 476—479, אין „מיניקעס פּסח־בלאַט״ 1900 און אין ג—ס „דאָס פּינטעלע ייִד״, 1909.

15) די קינדערשע זאַך. פּאָעמע אין 3 אָפּטיילונגען.

א) דער קריזש! ב) דאָס חנוכה־געלד! ג) דער אפיקומן!

דאַטירט: אָדעס, 1 מאַי 1885. געדרוקט אין ספּעקטאָרס „דער פאַמיליען פריינד״, וואַרשע, 1887, 24—34. איבערגעדרוקט: „דאָס חנוכה־ליד״ אין „מיניקעס חנוכה בלאַט״, 1897; „דער אַפּיקומן אָדער קינדערשע חכמה״ אין „פּסח־בלאַט״, 1896 און 1906.

רעצענזירט פון: רבי־קצין (ראַווניצקי) אין שלום־עליכמס „יודישע פאָלקס ביבליאָטעק״ 1, 1888, 323—325 („אַן אמתע „פּערל״, און „איין אמת פּאָעטיש שטיק אויף ניעקראַסאָווס אַרט שרייבן״.

קריטיקוס (דובנאָוו) אין „וואָסכאָד״, 10, 1888, זייט 19. (זייער אַ פּאָזיטיווע רעצענזיע).

16) שבתיאל. דאַטירט: אָדעס, דעם 3טן יאַנואַר 1885.

געדרוקט אין אַ באַזונדער ביכל אין קראָקע, אין 1896 (41 זייטן) און געווידמעט אַ געוויסן יעקב מאַשלער. די דאָזיקע ווידמונג, געשריבן אויף העברעיִש און דייטש איז אין מאַנוסקריפּט ניטאָ.

דער כתב־יד פאַרמאָגט אַ סך ענדערונגען, וואָס זיינען אינטערעסאַנט פון שפּראַכלעכן שטאַנדפּונקט, ווי, למשל, דאָס פאַרקלענערן די צאָל סלאַ־וויזמען, וואָס מיט זיי איז דאָס ביכל אַזוי אָנגעפּילט, אַז ג—ן האָט צו־געגעבן אַ ווערטערבוך פון סלאַווישע ווערטער אין דער געדרוקטער אויס־גאַבע. על־פּי ווינער („געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור" (ענגליש) ז' 98, איז „שבתיאל" געשריבן אונטער דער ווירקונג פון מענדעלעס „דאָס יידל".

(17 אַ ש ט י י ן פ ו נ ' ם ה אַ ר צ ן (נאָך דעם פּאָגראָם) מיט אַ רוסישן צושריפט: „ראַזמישלעניאַ פּאָסליע פּאָגראָמאַ".

אויף דעם אָריגינאַל קאָרעגירט מיט אַ בליי־פּעדער: „וואַניושאַ בן ישי אָדער..." מיט אַ באַמערקונג: „אין אָנדיינק צו דער יודנפערפאָלגונג אין רוסלאַנד".

געדרוקט אין „דער יודישער וועקקער", אָדעס, 1887, זייטן 7—14. דאַטירט: אָדעס, דעם 15טן סעפּטעמבער 1885.
איבערגעדרוקט אין „יודישע נאַציאָנאַל־געדיכטע", קראָקע, 1898, ז' 18—24, א"נ: וואַניאַשאַ בן ישי און צוגעגעבן דערקלערונגען פון די סלאַוויזמען. אין מאַנוסקריפּט זיינען אַ סך סלאַוויזמען פאַרביטן.

דער טעקסט איז אין אַ סך פּרטים אַנדערש פון דעם געדרוקטן. די לעצטע סטראָפעס פון 8 ביז 11 פעלן אין מאַנוסקריפּט.

איבערגעדרוקט אין: „דאָס פּינטעלע יוד", 27—33 און אין „מיניקעס יום־טוב־בלאַט" 1887 א"נ: „דער שבת־גוי".

רעצענזירט פון: מסטיסלאַווסקי (ש. דובנאָוו) אין „וואָסכאָד" 1887, דעצעמבער, ליט. כראָניק, זייט 2; פּרץ אין „יודישע ביבליאָטעק", 2, 373 און שלום־עליכם אין „יודישעס פאָלקסבלאַט", 1887, 43.

איינע פון די פּאָפּולערסטע יידישע טעאַטער־דעקלאַמאַציעס.

(18 י ו ד ע ל ש ' מ ' ת (יודל סעמיט) (שרייבט אַ בריוו צו זיין מוטער בת ציון) דאַטירט: אָדעס, דעם 3 נאָוועמבער 1885. געדרוקט אין „דער יודישער וועקקער", אָדעס, 1887, זייטן 57—61, איבערגעדרוקט אין דער פון אים רעדאַגירטער „ניו יאָרקער אידישער אילוסטרירטער צייטונג", פּראָבע נומער, 22 אָקטאָבער 1887; אין ג—ס זאַמלונג „דאָס פּינטעלע יוד", א"נ: „יודל סעמיט" (ז' 34—37); אין די „יידישע נאַציאָנאַל־גע־דיכטע", 25—28.

רעצענזירט פון הנ"ץ אין „הצפירה", 1889 און פון שלום־עליכם אין „יודישעס פאָלקסבלאַט", 1887, 43.

19) דאָס שטערבענדע אַרבייטערמעדכן (אַ דיאַלאָג צווישן אַ מוטער און אַ טאָכטער).

מיט אַ באַמערקונג: „דאָס ליד האָב איך פאַרפאַסט אין אַמעריקאַ, [אין] ניו־יאָרק, 1888).

געדרוקט אין „ייִדישע בינע", און א"נ: „צוויי קרבנות אָדער..." אין „דור הפלגה", נ"י, 1909, 22—23.

20) „האָט איר אַמאָל געהערט"?
„געווידמעט דער יונגער פּיאַנאָ־קינסטלערין, פרייליין מינאַ ביבער, ווין, 18 אָקטאָבער 1890.
געדרוקט אין „טעאַטער־זשורנאַל", נומ' 4, 15 נאָוו. 1900, ז' 18—19. און אין „דור הפלגה", 24—25.

21) דער המן־טאַש מיט מאָן. דאַטירט: ניו־יאָרק, 18 מאַי 1888. אין כתב־יד זיינען אָפּגעדרוקט דריי און האַלב סטראָפעס (פון 5 — וואָס די פּאָעמע פאַרמאָגט). געווען געדרוקט אין „פּאָלקס־אַדוואָ־קאַט", 1888 (צוויי מאָל) אין איינראָפּע געווען געדרוקט אין „ייִדישע נאַ־ציאָנאַל־געדיכטע", 32—34, מיט אַן אונטערקעפל: צו דעקלאַמירן אים פּורים.

איבערגעדרוקט אין „ייִדישע בינע" 2, 480—481 און אין „דאָס פּינ־טעלע ייִד". (מיט אַן הערה וועגן די פּרירדיקע איבערדרוקן).

לויט ג—ס אַ בריוו געווען אויך געדרוקט אין באדעס לעמבערגער קאַלענדאַר פון 1898.

22) דער קאָמפּאַס (ספּעציעל געשריבן פאַר דער צייטונג „דער קאָמפּאַס", בראַזילאַ, דעם 5טן מאַי 1896).

געענדערט עטלעכע שורות. דער סוף — פעלט.

23) למלחמה (העלדן־געדיכט געווידמעט אַלע ייִדישע פרייוויליקע אין אַמעריקאַ פונם אַמעריקאַניש־שפּאַנישן קריגן אים יאָרע 1898). עס פעלט דער סוף פון ליד.

געשריבן אין פּאַריז דעם 1 יולי 1898.
געדרוקט אין „דאָס פּינטעלע ייִד", 41—43.

24) ציון לציון (פיר טאַגעבוך דער בני ציון אין לעמבערג).
דאַטירט: 25 נאָוועמבערג 1890.
געדרוקט אין: „ייִדישע נאַציאָנאַל־געדיכטע", 34—35.

25) אַ ל י ד אָ ן אַ ן נ אָ מ ע ן א ו ן אָ ן אַ ן אָ נ ה ו י ב.

די ערשטע צוויי סטראָפעס פעלן. די ערשטע פיר שורות פון דער לעצטער סטראָפע 3 לייענט זיך אַזוי:

מיר ווען אַלעס פון דיר אָננעמען
ווען דו ווילסט גאָט אונדז אַלע שטראָפן גלייך:
ווען גאַנצע וועלטן צו איבערשוועמען
באַפעלסטו גאָר אַ גאַנץ קליינעם טייך.

26) צ ו ם ג ע ד אַ נ ק ע ן ־ ל ע ז ע ר (א. מרגלית [אַ קראָקעווער פאַרלעגער] אין זיין אַלבאָם). דריי פיר־שורהדיקע סטראָפעס. ניט געדרוקט.

27) ד ע ר מ אָ ד ע ר נ ע ר ב ר י ו ו. „צו מיין פריינד און שול־קאָלעגע הערן דאָקטאָר יעקב שטערן, געשריבן אין באַד רייכענהאַל, דעם 8 סעפּטעמבער 1897".

געדרוקט צום ערשטן מאָל א"נ: „דער קאָלאָניסט (אין פּאַלעסטינא)" אין יידישע נאַציאָנאַל־געדיכטע" (1898), זייטן 1—13.

דער מאַנוסקריפּט זייער אַ סך רעדאַגירט מיט וואַריאַנטן, וואָס דער געדרוקטער טעקסט האָט ניט.

וועגן טשערנין זע: רייזינס לעקסיקאָן, 1, 1210. וועגן דער פּאָעמע גופא אין ג—ס אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן אין „צוקונפט", 1934, 290.

אַ טייל פון דער פּאָעמע האָט בערטאָלד פייוול איבערגעזעצט אויף דייטש און אָפּגעדרוקט אין די „וועלט", ווין, 1900, 28.

28) אַ ל י ד אָ ן אַ נ אָ מ ע ן (18 שורות).
ערשטע פיר שורות:

פרעמדע העלפן, פרעמדע נוצן
רחמנות מיט איין אָרימאַן
יתומות און אַלמנות שטיצן,
דעם ליידנדן באַהילפיק זיין.

29) אַ ל י ד אָ ן אַ נ אָ מ ע ן (דער אָנהייב פעלט).
דאַטירט: גאַלאַץ, 18 פעברואַר 1894.
די ערשטע פיר שורות פון די 12, וואָס זיינען דאָ אין טעקסט:

„באַשווערט דען ניט דער דיכטער גייסטער?
דער נביא זאָגט דען ניט דעם סוף?
זעלבסט דען אונזיכטבאַרן מייסטער
זעט אָן אויגן דער פילאָזאָף".

30) אין אליי באָמען נומ׳ 1. (ייִדישער מעידכן אין גאַליציען). אַ ליד פון 10 שורות.

נומ׳ 2: איז דאָס ליד, וואָס איז געווידמעט דער אָפּערע־זינגערקע פּעליציע קאַשאַווסקאַ און איז איבערגעדרוקט אין מיין אַרבעט: „גאָלד־פאַדן אין וואַרשע״.

31) גבורי יהודה אַ פּאָעמע. אָנגעשריבן אין ניו־יאָרק אין 1888. געדרוקט אין „הויז פריינד״, וואַרשע, 1889, 2, 5—7. איבערגעדרוקט אין „ייִדישע נאַציאָנאַל־געדיכטע״ א״נ: יהודה המכבי (היסטאָרישעס־דעקלאַמאַציאָן פיר חנוכה), 29—31.

32) דער מאַרש פון משיח׳ן (אַ טרוים־בילד). דאַטירט זיטאָמיר, דעם 14טן דעצעמבער 1865.

געדרוקט אין „קול מבשר״ 1870. דער האַנדשריפטלעכער טעקסט איז אַ סך גרעסער און שאַרפער אין זיינע אַנטי־חסידישע אויסדרוקן, ווי דער געדרוקטער, וואָס איז איבערגעדרוקט געוואָרן פון נ. אויסלענדער מיט אַן אויספירלעכער הקדמה אין „פּאָרפּאָסט״ (בירא־בידזשאַן), 1938, נומ׳ 2 (7), זייטן 99—105.

זיינען די ענדערונגען אין „קול מבשר״ געמאַכט פון דער רעדאַקציע אָדער פון דער צענזור — דאַרף מען ערשט אויסגעפינען. פאַר די ראַדיקאַל־משכילישע שטימונגען פון גאָלדפאַדענען אין דער זשיטאָמירער תקופה איז דער טעקסט אין כתב־יד אַן ערשטקלאַסיקער מקור.

33) אַ ליד אָן אַ נאָמען און אָן אַן אָנהויב און סוף. אַפּנים אַ היסטאָריש ליד וועגן אַמעריקע.

עטלעכע סטראָפעס זיינען וועגן פרעה אין מצרים, וועגן די מאַראַנען אין שפּאַניע אאַז״וו.

„אויך דאַן אין דער צייט ווען מ׳האָט די מאַראַנען
מיט מאַרטער מאַשינען געראַדערט, געשפּאַנט
האָט גאָט טאַקע דאָרט פון לאַנד דער טיראַנען
פון דאָרט געשיקט איינעם צו גרינדן אַ ניי לאַנד...

34) אַ ליד אָן אַ נאָמען און אָן אַן אָנהויב. (פון די אַכט סטראָפעס פעלן די ערשטע — דריי).

דאָס איז אַ ליד געשריבן לכבוד דער גאָלדענער חתונה פון ג—ס אַ ידיד. די לעצטע סטראָפע:

„און אַז דער זכר פון דער שמחה זאָל ניט ווערן פאַרשווונדן
אַזוי נאָך פון אונדזער זכרון און אונדזער פאַרשטאַנד
האָט דעם קראַנץ פון דער גאָלדענער האָכצייט פאַרבונדן,
מיט זיין גילדענעם פאָדעם אייער בעסטער פריינד״.

35) אוי כנען, כנען!

געדרוקט אין זאַמלבוך „דאָס הייליגע לאַנד“, אָדעס, 189, א״נ: „אוי ביינק איך אַהיים“ (ז׳ 25—28) און דאַטירט: פּאַריז 1890.

אין געדרוקטן טעקסט איז דאָס וואָרט כנען פאַרביטן אויף ציון. רעצענזירט פון פּרצן אין „די יודישע ביבליאָטעק“, 1891, 2, 361.

36) אָמר ה׳ ליעקב.

מיט ג—ס אַ באַמערקונג: „מיין ערשט זשאַרגאָניש ליעד“. דאַטירט: זיטאָמיר 1859. צוליב דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט, וואָס עס האָט ג—ס ערשטע יידיש ליד, ווערט עס דאָ איבערגעגעבן אין גאַנצן, (אָרטאָגראַפיע — מאָדערניזירט).

1

גאָט האָט צו יעקעלן אַזוי געזאָגט :
האָב ניט מורא מיין געליבט קינד :
פון אַלע צרות, וואָס דיין לייב טראָגט
לייז איך דיך אויס געשווינד.
יאָ, טייערער טאַטע, איך גלויב ס׳דיר.
ביי דיר קען דאָך אַלדינג געשען.
דערווייל איז דאָך יעדער נוקם אין מיר
ס׳איז גאָר ניט מיין כוח אויסצושטיין.

2

וואָס זאָל איך טאָן? איבער דיר אַליין
האָב איך דיך צעזייט אויף דער וועלט!
נאָר זאָג נאָר! וווהין דו קומסט צו גיין —
צי פעלט דיר הן כבוד, הן געלט?
וואָס טויג מיר דער כבוד ,וואָס טויג מיר דאָס גאָלד
אַז איך זע גאָר ווי אַ שוואָם אויס
עס קוועטשט פון מיר יעדער מיין גוטס אויס, גוואַלד!
און מען וואַרפט מיך נאַקעט אַרויס!

3

וואָס זאָל איך דיר טאָן? איבער דיר אַליין
איז אַ פייער אין דיין הייזל אַריין!
נאָר זאָג נאָר, וווהין דו קומסט צו גיין
צי ווינסטו ניט שיין און פיין?
וואָס טויג מיר די דירות, וואָס האָט דאָס אַ ווערט?
איך פיל גאָר קיין נחת אין דעם.
כ׳וואָלט בעסער געשלאָפן אויף דער הוילער ערד,
אַבי אין מיין אייגענער היים.

4

איך האָב דאָך דיר אַ קאָמעיע (קמיע) געמאַכט
דאָס תורהלע, אויב דו ווייסט,
אין האַרץ זאָלסט עס טראָגן, טעג ווי נאַכט.
דאָס זאָל דערויף זיין דיין טרייסט .
דיין תורה איז דאָך טאַקע זייער גוט,
איך גלייב דאָך אין איר זייער שטאַרק.
נאָר ווי קען איך און לערנען באַרוט
אַז מען שלאָגט מיך שטענדיג אין קאַרק?

5

מיין טייערער זון, איך בין דיר מבטיח,
דו וואַרט נאָר יעדן אויגנבליק —
איך וועל דיר שיקן מיין משיח,
ער וועט דיך אַהיים פירן צוריק!
איך וואַרט דאָך אויף אים פון לאַנגע צייטן,
איך וואַרט אויף אים יעדע מינוט
דערווייל האָב איך צרות פון אַלע זייטן,
מען צאַפּט מיר יעדער מיין בלוט.

6

פון דעם גלות וועל איך דיך אומקערן,
ווי דו האָסט געבידעוועט לאַנג,
פון אַלע זייטן וועסטו הערן
אַ שפילן, אַ פרייד, אַ געזאַנג.
און דאָס וועל איך זינגען, איך קען שוין דאָס ליד —
אמונה האָב איך שטענדיק געהאַט,
אמת זאָג איך, אמת זאָגט יעדער יוד
אַז נאָר דו ביסט דער גוטער גאָט.
זיטאָמיר 1859.

37) אַ קאַפּיטל תהלים צ״ב. (פאַרן קאַפּיטאַן דרייפוס).
טעקסט: העברעיִש און ייִדיש. דאַטירט: פּאַריז, 25 יולי 1899.

צום סוף פון ביכל קומען אַ פּאָר טעאַטער־קופּלעטן אָבער ניט געשריבן פון גאָלדפאַדענען.

גאָר צום סוף קומען ציטאַטן פון אַ ריי שרייבער: ווי הוגאָ, בערנע, איבסען, שטשעדרין, קאַנט און טורגעניעוו. אַלע ציטאַטן ווערן געבראַכט אין אָריגינאַל. דאָס זיינען פאַרשיידענע געדאנקען און אַפאָריזמען וועגן ייִדן, קונסט און אַנ־דערע פראַגן וואָס ג—ן האָט פאַרשריבן אין דעם ביכל פון זיינע לידער.

נאָטיצן

1. מכה זילבערבושס זכרונות וועגן גאָלדפאַדענען

אין זיין בוך „מענטשן און געשעענישן" (ווין, 1935) האָט דער פאַרשטאָרבענער ד ו ד י ש ע י ה ו ז י ל ב ע ר ב ו ש (1854—1936) אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קאַפּיטל אין זיינע זכרונות, גאָלדפאַדענען. ווי ווייט מען קען זיך פאַרלאָזן אויף די דאָזיקע זכרונות וועלן די ווייטערדיקע פעסטשטעלונגען קלאָר מאַכן.

זילבערבוש דערציילט (ז. 78) אַז גאָלדפאַדן האָט פאַר אים פאַרגעשטעלט דעם משכיל מ ש ה אָ ר נ ש ט י י ן (1839—1905) און דערביי אינפאָרמירט, אַז דאָס איז דער מחבר פון „תולדות גויי ימי קדם", וועלכע ווערן איצט געדרוקט אין סמאָלענסקיס „השחר".

די באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ, אין 1876. אין דער אמתן האָט אָ ר נ ש ט י י ן אָנגעהויבן דרוקן זיין חיבור אין „השחר" אין באַנד 10 (זייטן — 88) און פאָרגעזעצט אין באַנד 12, 2 (זייטן 89—130), וואָס האָבן דערשיינט אין די יאָרן 1879—81 און 1883—84.

ווייטער דערציילט ז י ל ב ע ר ב ו ש, אַז אָרנשטיין האָט פאַרגעלייענט זיין פּאָעמע „הגולם", וואָס איז געווען געדרוקט אין באַנד 9, פון דעם זעלבן „השחר" (ז. 366—374) און וואָס האָט דערשיינט אין 1877—79.

אויף זייט 83 באַשרייבט זילבערבוש, ווי גאָלדפאַדן זיצט אין אַ ווינקעלער מיט ו ו ע ל ו ו ל ז ב א ר ז ש ע ר און ווערט אַזוי נתפּעל פון וועלוולען, אַז ער „צייכנט אַריין מיט אַ שרייבפעדל אין זיין נאָטיץ־ביכל עטלעכע שורות א"נ „וועלוועלע", וואָס זיינען פּ אַ ק ט י ש אָנגעשריבן געוואָרן אין אַמעריקע און געפינען זיך אין ג—ס פּאָעמע „דור הפלגה" (געדרוקט 1907).

ז י ל ב ע ר ב ו ש שרייבט אַז ו ו ע ל ו ו ל ז ב א ר ז ש ע ר האָט ליב געהאַט ו ו ע ר ב ל ס (ג—ס שווער) „עדים נאמנים". דאָס ווערט דערציילט אַן ערך וועגן 1875, בעת דאָס דאָזיקע ווערק איז אַרויס אין אָדעס אין 1852, און דערביי גיט ער תיכף אַ זאָג, אַז אויך ו ו ע ר ב ע ל האָט ליב געהאַט ע ר ע נ ק ר אַ נ צ ן (ד"ה וועלוול זבארזשער) פאַר זיינע „שפתי ישנה", וואָס איז אגב אַרויס אין 1874. פון דעם ווערט ניט קלאָר מיט וויפל אייגנטלעך „היפּשע עטלעכע יאָר" האָט זיך גאָלדפאַדן באַגעגנט מיט וועלוולען אין אָדעס, אויב דאָס ווערט דערציילט פון יאָר 1876, און אויב דער „חזון למועד", וואָס ווערט אויך דערמאָנט אין איין אָטעם מיט די אַנדערע חיבורים, איז גאָר אַרויס אין 1855.

דאָ האָבן מיר אַ בולטן ביישפּיל פון קאָפּ־מעמואַרן, באַזירט אויף דער ש פּ ע ־ ט ע ר ד י ק ע ר באַקענטשאַפט מיט די געדרוקטע ווערק און אינטערפּאָלירט כראָנאָ־לאָגיש אין אַ פריערדיקער צייט, כדי דאָס בילד זאָל זיין מער... „פּינקטלעך".

זילבערבוש דערציילט אַז ו ו ע ל ו ו ע ל ע האָט אין אָדעס געזונגען ג—ס ליד „המבדיל", וואָס איז ערשט ניט לאַנג געדרוקט געווען אין צעדערבוימס „קול מבשר".

אייגנטלעך האָט דאָס דאָזיקע ליד געהייסן „דאָס באַזאָרגטע באַלעבעסל" און איז געווען געדרוקט אין 1865.

זילבערבוש זכרונות זיינען פול מיט אַזעלכע כלומרשטע פּאַקטן, וואָס פּאָרמעל זיינען זיי אַלע ר י כ ט י ק אָבער פּאַסן זיך לחלוטין ניט אַריין אין די כראָנאָלאָ־גישע ראַמען, אין וועלכע ער באַמיט זיך זיי אַריינצושטעלן.
דאָס איז אַ געמיש פון שפּעטערדיקער אינפאָרמאַציע, שטאַרק אגב פאַרבעלעטריזירט און דערפאַר האָבן זיי אַ קנאַפּן ווערט פאַר דער ביאָגראַפיע פון אַ ב ר ה ם ג אָ ל ד פ אַ ד ן.

2. לערנערס הקדמה צו „אוריאל אקאָסטא"

אין 1885 האָט י. י. ל ע ר נ ע ר אַרויסגעגעבן זיין איבערזעצונג פון „אוריאל אקאָסטאָ" א"נ.

„אוריאל אקאָסטא, אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטן פון ק אַ ר ל ג ו ט צ ק אָ ו ו פאַר דער יודישער סצענע איבערזעצט און אַראַנזשירט פון י. י. לערנער".

די צווייטע אויסגאַבע איז דערשינען אין וואַרשע, אין 1889 (80 זייטן).

די „פאָררעדע" צו דער איבערזעצונג איז אַ שטיק ייִדישע קולטור־געשיכטע, און דערפאַר ווערט זי דאָ איבערגעדרוקט אות באות, נאָר די אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט.

„פונקט אין מיטן דעם רעש און געטומל, וואָס פאַרשיידענע „שמענדריקעס" און „קוני־לעמלס" האָבן אָנגעמאַכט צוריק מיט עטלעכע יאָר אין דעם קליינעם וועלטל פון דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס, ווי ווייניק עס האָט עקזיסטירט, האָט זיך יעדער געקאָנט איבערצייגן אין דער גרויסער נוצלעכקייט דערפון; סאַמע ווען די „לצים" האָבן זיך צעהוליעט און אָנגעהויבן דעם עולם געוווּנען מיט אַ מין משונהנער „אָפּערעטע", וואָס האָט געמוזט עקלען יעדן דענקנדן מענטשן און באַזונדערס דעם, וואָס פאַרשטייט די אויפגאַבע פון דער ייִדישער סצענע; און טאַקע דווקא ווען דער געשמאַק איז שוין כמעט אין גאַנצן פאַרדאָרבן געוואָרן און אָן אַ בדחנישער תנועה איז פשוט שווער געוואָרן עמעצן אַריינאַרן אין טעאַטער — האָב איך מיך אַנטשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו און האָב אויפגעפירט עטלעכע היסטאָרישע שטיק, אין וועלכע „משוגעים" און „קאַליקעס" האָבן אָפּגעטרעטן זייער פּלאַץ איידעלע גבורים און אויפן אָרט פון פינצטערע מיאוסע סצענען האָט מען געקאָנט זען ליכטיקע און ערהאבענע בילדער פון דער הייליקער פאַרגאַנגענהייט. מיין האָפענונג אַז דאָס פּראָסטע פאָלק לאָזט זיך נאָר גרינג אַראָפּפירן פונעם וועג, אָבער דעם שכל האָט ער פאַרט ביי זיך, האָט מיך ניט אָפּגענאַרט און מיט גרויס פרייד האָב איך מיך איבערצייגט, ווי פריינדלעך און וואַרעם עס זיינען אויפגענומען געוואָרן ערגסטע דראַמען, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מע פלעגט זיך צוהערן צו יעדן געדאַנק, מיט וואָס פאַר אַ חשק מע פלעגט צעקייען יעדעס וואָרט.

אונדזער זשאַרגאָנישע ליטעראַטור איז אויך פאַרפלייצט מיט אַזוינע „פאַרזעעניש־", ווי „שמענדריק", „קוני־לעמלס" און נאָך ערגערע קאַליקעס, איז דערפון צו דרינגען אַז אונדזערע ייִדן פאַרדינגען טאַקע ניט קיין לייטישערע זאַכן צום לייענען? מוז מען לערנען אַ פשט אַז אויף בעסערס איז גאָר צווישן זיי קיין מבין ניטאָ? איך רעכן אַז ניין! די לעצטע באַוועגונג אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור באַווייזט פונקט דעם היפוך און מע מוז מודה זיין אַז דער ייִדישער מאָגן קאָן פאַדייען אויך פרישע און ריינע מאכלים, אַבי זיי זיינען נאָר גוט געמאכט: מען דאַרף דעם עולם געבן אַזעלכעס, וואָס קאָן אים אינטערעסירן, מע מוז מיט אים רעדן ריין, קלאָר, ערנסט, פונם האַרצן, אָן ווונקן, אָן קונצן, אָן חכמהלעך, אָן אייבער־הסברות.

די נייע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור גיט שוין צייכנס פון לעבן. עס האָבן זיך שוין געפונען גענוג טויבן, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט די ערשטע בלעטער, וואָס אונדזערע מחברים

האָבן אַרויסגעלאָזט צווישן דעם מבול פון „מעשה־ביכלעך“ און „העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען“, און דאָס ווייזט אַז דאָס וואַסער ווערט שוין גרינגער...

אַצינד געפין איך אויך פאַר נייטיק אָנהייבן דרוקן מיינע איבערזעצטע און פון מיר פאַרפאַסטע טעאַטער־שטיק. אויף דעם פעלד פונעם זשאַרגאָן האָבן זיך אַרויסגעוויזן נייע קרעפטן און צו זייער אַרבעט לייג אויך צו מיינע, מיט דער האָפענונג אַז אונדז וועלן אַנדערע נאָכטון און באַלד וועט אונדזער צאָל זיך פאַרמערן כפל כפלים.

„אוריאל אקאָסטאַ“ איז געווען די ערשטע דראַמע וואָס איך האָב געגעבן דעם יידישן פובליקום, און דאָס ברענג איך אויך אַ מתנה מיינע ליבע חברים, וואָס אַרבעטן מיט מיר אין איינעם אויף איין פעלד. צו זיי ווענד איך מיך אויך מיט די דאָזיקע ווערטער פון אַ גרויסן דענקער: איר שטאַרקע און פיינע! אַרבעט און פאַרמערט אייך, ווייל אין דעם ליגט אונדזער כח; ווען איר זאָלט גאָר ניט זיין, וואָלט איך ניט געקענט שרייבן, ווען אַלע זאָלן זיין ווי איר, וואָלט איך ניט בעדאַרפט שרייבן, אַזוי ווי איר זענט אָבער נאָר צווישן אַלע און ניט אַלע זיינען ווי איר — קאָן איך און מוז טאַקע שרייבן.

י. י. לערנער.

ש.

3. אפּאַטהעקער וועגן גאָלדפאַדנס לידער

אין 1881 האָט דוד אפּאטהעקער (1855—1911) אַרויסגעגעבן אַ ביכל לידער א״נ הנבל. דיא לייער. צעהן שעהנע פאָלקסלידער איבער דיא וויכטיגסטע פראַגען דער יודען. אויף העברעאיש אונד יודיש דייטש. מיט זעהר שעהנע מעלאָדיען. פערפאַסט פאָן... דרוק פאָן אלישע הײלפּערן אין טשערנאָ־וויק. [1881]. 80 זייטן.

אין דער הקדמה, וואָס מיר דרוקן דאָ איבער טרעט אַפּאָטהעקער אַרויס קעגן גאָלדפאַדענען:

...„ליבער לערער! מיינע לידער זיינען נישט ווי די גאָלדפאַדענישע טעאַטער־שטיקע, וועלכע אָנע טענדענץ אונד אָנע זינן. גאָלדפאַדן פערשפּאָטעט דאָס יודנטום אין זיינע לידער. ער אייגנעט דעם יודענטום זאָלכע אבשייליכע זאַכן (ווי גניבה, גזילה, רציחה, שכרות) צו. עס איז נור איין בושה ווי מאַן זיינע אייגינע נאַציאָן פערדעכטיקט אונד פערשפּאָטעט.

איך דאַגעגן האָב נור געזאָרגט אונד געטראַכטעט די לאַגע און דען פאַל מיינער מיטברודער צו פאַרבעסערן. זיי איבער דעם פינסטערן פאַנאַטיזמוס אונד האָכמוט צו באַלעבן, אויפצוקלערן אונד צו בעפרייען, דאַרום... דאָס איך זער גוט איבער מיין פאָלק דענקע. מיין שטרעבן איז נור די רייכע אונד האָכמיטיקע אונזערעס פאָלקעס צור מענשליכקייט אונד געפעליקייט צו ערמאַנען. די אָרימע יודליך צו בילדונג אונד זעלבסטשטענדיקייט פערהעלפן.

איך האָפע [אַז] די לאַגע דער אונטערדריקטן מאחינו בני ישראל געוויס פער־בעסערט ווערדן ווירד.“

[ציטירט לויטן עקזעמפּלאַר פון דער ייוואָ־ביבליאָטיק, ניו יאָרק.]

דיא יודענע

פערשיידענע געריכטע און טהעאטער

אין פראסט יודעשען

פון

אברהם גאלדפאדען

(דער מחבר פונ'ם "יודעלע")

אדעסא

בדפוס אולריך עט שולטצע.

ДИ ИДЕНЕ

т. е.

ЕВРЕЙКА

или

Собраніе лиро-эпическихъ и драматическихъ сочиненій на жаргонѣ

А. ГОЛЬДФАДЕНА

ОДЕССА.

Въ типографіи Ульриха и Шульце.

1872.

פון די זאמלונגען אין דער ביבליאטעק פון אמאפטייל.

THE STORY OF YIDDISH LITERATURE

(In English)

By A. A. ROBACK

A Yiddish Scientific Institute Publication

Nearly 1000 Years of Yiddish Literature

The first comprehensive survey of Yiddish Literature in any language—bringing the subject up to 1940.

Non-technical accounts of the best writings in Yiddish since the Middle Ages, with characterizations of the authors. Discussions of *The Dibbek*, *The Brothers Ashkenazi*, *The Goilem*, *The Nazarene*, and hundreds of other well-known works.

The Story of Yiddish Literature follows its course from century to century and from country to country, uncovering a new vast territory—"Yiddish land."

So great has been the demand for a work of this kind that used copies of a short history of Yiddish literature, brought out *forty years ago*, have been selling at $10, and more. Dr. Roback has been commissioned by the Directorate of the Yiddish Scientific Institute in Vilna, and its executive board in New York, to fill the need; and the result has been a weighty tome of about 450 pages, including portraits, as well as illustrative material from the works discussed, showing the human and humanistic aspects of a literature which existed for ages without being perceived.

CONTENTS

Part I

THE OLDER YIDDISH PERIOD

INTRODUCTION

THE SUBSTANCE OF EARLY YIDDISH LITERATURE

THE ENLIGHTENMENT PERIOD

Part II

YIDDISH LITERATURE COMES OF AGE

THE GOLDEN AGE AND MENDELE

SHOLEM ALEIKHEM

YITZKHOK LEIBUSH PERETZ

THE COLLATERALS

THE FLOWERING OF YIDDISH LITERATURE IN THE NEW WORLD

THE EPIGONES AS MASTERS

THE RUSSIAN HEIRS OF MENDELE

THE BIRTH OF LITERARY CRITICISM

DI YUNGE

RECENT YIDDISH POETRY IN AMERICA

RECENT YIDDISH PROSE IN AMERICA

RECENT YIDDISH LITERATURE IN OTHER COUNTRIES

PHILOSOPHY AND SCIENCE

YIDDISH LITERATURE IN 1940

RETROSPECT

BIBLIOGRAPHY

REGISTER OF PERSONAL NAMES

INDEX OF SUBJECTS

Portraits of a dozen famous Yiddish authors

Fully indexed. Extensive list of Yiddish books translated into English, and Bibliography

About 450 pages — 6¼ x 9¼

YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, 425 Lafayette Street, New York, N. Y.

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

OL. XV — MAY-JUNE, 1940 — No. 4

•

TABLE OF CONTENTS

J. SHATZKY
oldfaden's Sojourn in Warsaw

M. BALABAN
eminiscences of Goldfaden and of the Jewish Theater in Lemberg

N. MEISEL
npublished Documents Relating to A. Goldfaden

Z. SHAIKOVSKY
aden's Activities in Paris

SCHOSS-ROMAN
Earliest Critical Reviews of the Jewish Theater in Roumania

A. R. MALACHI
leniana

M. KOSOVER
ne First Biographer of A. Goldfaden

J. SHATZKY
n Unpublished Collection of Goldfaden's Poems

* * *

Russian Censorious Approval of Goldfaden's Plays

* * *

iscellany

YIVO BLETER — May-June, 1940 — Vol. XV, No. 4

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH

425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

ייוואָ בלעטער

שריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן פֿון אַמאָפּטייל

אינהאַלט פֿון נומער

ד"ר ל. וווּלמאַן:
דער חורבן פֿון ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד אין אייראָפּע........................1

פּראָפֿ' סאָל ליפּצין:
וואַלטער ראַטענוי..9

פּראָפֿ' מ. לאַזערסאָן:
זשאַן־זשאַק רוסאָ וועגן ייִדן..0

יודל מאַרק:
ייִדישע לינגוויסטישע אַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד........................1

יודאַ יאָפֿע:
ייִדישע פּראַכטדרוקן..5

י. ליפֿשיץ:
ענגלישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י"ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן............9

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

סעפּט'-אָקט', 1940 באַנד XVI, נומ' 1

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס:

ב. שטיינבערג:
יידישע נעמען אינעם Dictionary of American Biography 7

ד״ר מ. ווײַנבערג:
J. Bielinky, Médécins juifs au service de la France 1

ד״ר רודאָלף גלאַנץ:
Herwig Hartner-Hnizdo, Das jüdische Gaunertum 2

לייבוש לעהרער:
ד״ר יצחק פּאָלישוק, די אַנטוויקלונג פֿון באַוווסטזײַן און דער פּראָצעס פֿון וויסן......3

ד״ר יעקבֿ שאַצקי:
מאָנאָגראַפֿיעס וועגן רעגנסבורג, אויגסבורג און קעלן.........................9

נ. גאָלדבערג:
יידישע עילויים...3

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

ד״ר ב. ווײַנריב:
צו דער פֿאַרברעכערישקייט בײַ ייִדן אין וואַרשע אין מיטן 19טן י״ה..............5

ז. ברכות:
אַ קאָנטראַקט צווישן אַ ייִדישן סוחר און אַ ייִדישן אַרבעטער, ניו־יאָרק, 1749........1

ירמיה שאַפּירא...

דער לויס לאַמעד־פֿאָנד...

פֿון דער רעדאַקציע...

אַנגעקומען אין דער רעדאַקציע...

דער חורבן פֿונעם ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד אין אייראָפּע

פֿון ד״ר ל. װ ו ל מ אַ ן

פֿון דער רעדאַקציע:

די פּראָבלעם װאָס ד״ר ל. װולמאַן שטעלט אַװעק איז װיכטיק ביז גאָר. אויב עס זײַנען פֿאַראַן אַנדערע מיינונגען װעגן דער פּראַקטישער זײַט פֿון דער פּראָבלעם, זײַנען מיר גערן אָפּצוגעבן פֿאַר זיי אָרט אין אַ װײַטערדיקן נומער פֿון אונדזער זשורנאַל.

אין דעם ספֿר איכה, װאָס דאָס ייִדישע פֿאָלק שרײַבט מיט זײַן בלוט זינט דעם יאָר 1933, און איבער הויפּט זינט דעם אויסבראָך פֿון דער מלחמה, װעט דער גורל פֿונעם ייִדישן דאָקטאָר אין מיטל־ און מערבֿ־אייראָפּע (אַחוץ ענגלאַנד) פֿאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט.

עס װעט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער ייִדישער דאָקטוירים־שטאַנד אין יענע לענדער װערט ממש אָפּגעװישט.

עס איז ניט נאָר דאָס װאָס פֿיל טויזנטער ייִדישע מעדיקערס האָבן אָנגעװאָרן זייער רעכט צו פּראַקטיקירן, װאָס טויזנטער האָבן געמוזט נעמען דעם װאַנדער־שטעקן אין האַנט, װאָס הונדערטער האָבן אויף דעם דאָזיקן דערנערװעג פֿאַרלאָרן זייער לעבן פֿאַר דער צײַט, װאָס עס שמאַכטן נאָך איצט אין פֿאַרשיידענע לענדער איבער דריט האַלבן טויזנט ייִדישע דאָקטוירים אָן רעכט צו פּראַקטיקירן און מאַטערן זיך אויפֿן שטיקל ברויט פֿון טאָג צו טאָג. דער בראָך איז נאָך גרעסער מיט דעם, װאָס בײַם ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד אין די אַלע לענדער איז אָפּגענומען געװאָרן זײַן צוקונפֿט, זײַן נאָכפֿאָלגערשאַפֿט. און זאָלן די נירנבערגער געזעצן װאָס פֿאַרקערפּערן די נאַציסטישע טעאָריעס אָנהאַלטן אַ לענגערע צײַט, קען מען זיך ריכטן, אַז אפֿשר שוין אין די נאָענטסטע צען־צװאַנציק יאָר װעלן אין יענע מקומות פֿאַרבלײַבן בלויז איינציקע אָפּגעזונדערטע אײנדזלען פֿון ייִדישע דאָקטוירים װאָס װעלן ניט האָבן דעם כּוח פֿון אַ געשלאָסענער פּראָפֿעסיאָנעלער גרופּע. און ממילא װעלן זיי ניט קענען האָבן קיין װירקונג אינעם אַלגעמיינעם לעבן פֿון דער „בײַער" אייראָפּע. און מען דאַרף דאָך װיסן, אַז ביז ניט לאַנג, סך־הכּל צוריק מיט עטלעכע יאָר, זײַנען אין די דאָזיקע לענדער געװען איבער 15,000 ייִדן־מעדיצינערס — אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפֿטלעך פּראָפֿעסיאָנעלע גרופּע װאָס האָט פֿאַרנומען אַ קענטיק אָרט אין דער מעדיצינישער פּראָפֿעסיע און אין דער מעדיצינישער װיסנשאַפֿט.

דאָס וואָס מיר זאָגן דאָ, ווי שרעקלעך עס זאָל ניט זײַן, איז ניט קיין מרה־שחורהדיקע פֿאַנטאַזיע, נאָר ס׳איז געבויט אויף אָבסערווירן רעאַלע פֿאַקטן. נאָך דעם ווי מען האָט אין דעם רובֿ אייראָפּעיִשע לענדער פּאַקטיש אויפֿגעהערט צו דערלאָזן אין די אוניווערסיטעטן ייִדישע יונגעלײַט וואָס האָבן גראַדויִרט פֿון די מיטלשולן איז איבערגעריסן געוואָרן דער צושטראָם פֿון יונגע כּוחות צום ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד. אין די אוניווערסיטעטן פֿון דײַטשלאַנד, איטאַליע, עסטרײַך, טשעכאָסלאָוואַקײַ, פּוילן, רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע האָבן אין די גאָרמאַלע צײַטן שטודירט מעדיצין פֿון 4,000 ביז 5,000 סטודענטן. יאָר אײַן יאָר אויס האָבן באַקומען מלוכישע ליצענצן אויף פּראַקטיקירן מעדיצין פֿון 700 ביז 800, און אַ מאָל ביז 1,000 יונגע ייִדישע דאָקטוירים. די דאָזיקע צאָל האָט פּראָצענטועל געשטימט מיט דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע מעדיצין־סטודענטן אין די אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן, און דער צושטראָם פֿון די דאָזיקע יונגע ייִדישע דאָקטוירים האָט פּאַראַליזירט דעם אָפּקום אינעם ייִדישן דאָקטוירים־קיבוץ צוליב טויט, אומגליקלעכע סיבות, אַרויסטריט פֿון דער פּראָפֿעסיע אאַז״וו.

אָט דער צושטראָם האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט — אין טייל לענדער נאָך לענגער, אין אַנדערע די לעצטע יאָרן. די גרויסע רײַכע אוניווערסיטעטן אין בערלין, ווין, פּראָג, פֿראַנקפֿורט, הײַדלבערג, רוים, פּאַדוע, באָלאָניע אאַז״וו פֿאַרמאָגן מער ניט קיין ייִדישע מעדיצין־סטודענטן און קיין ייִדישע סטודענטן בכלל. די אוניווערסיטעטן אין בודאַפּעשט, בוקאַרעשט, וואַרשע, קראָקע, לעמבערג, ווילנע האָבן נאָך ביז ניט לאַנג יאָ געהאַט אַ באַגרענעצטע צאָל ייִדישע מעדיקערס, אָבער לעצטנס, איבער דער מלחמה און אויך מחמת אַלץ מער אַנטי־ייִדישע רעסטריקציעס, איז די מעדיקערשאַפֿט דאָרטן פּאַקטיש ליקווידירט געוואָרן. גאָר בקרובֿ, אויב נישט שוין הײַנט, וועלן די זעלביקע באַגרענעצונגען חל זײַן אויך אין פֿראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד, דענעמאַרק, נאָרוועגיע, און אויפֿן גרויסן שטח פֿונעם רוסישן גרענעץ ביזן אַטלאַנטיק, מיט געציילטע אויסנאַמען, וועלן ייִדן מער קיין מעדיצין ניט קענען שטודירן. די ייִדישע דאָקטוירים־משפּחה אין אייראָפּע וועט פֿאַרבלײַבן אָן יורשים וואָס זאָלן ווײַטער פֿירן די שיינע געשיכטע פֿון דער ייִדישער מעדיציניִשער שאַפֿונג אין משך פֿון פֿיל יאָרהונדערטער, אויב פֿון אייראָפּע זאָל זיך ניט אָפּטאָן דער קאָשמאַר וואָס ווערגט זי שוין אַכט יאָר צײַט.

אַ מבול דיסקרימינאַציעס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַפֿילו אויף יענע ייִדישע דאָקטוירים, וואָס פֿאַרמעל האָט מען זיי ניט ליקווידירט. מען האָט אויסגעשלאָסן ייִדישע דאָקטוירים פֿון קליניקעס, שפּיטעלער, קראַנקען־קאַסעס, וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן. מען פֿאַרווערט זיי צו באַהאַנדלען קריסטלעכע פּאַציענטן, צו פֿאַרשרײַבן מעדיקאַמענטן, צו קאָנסולטירן מיט קריסטלעכע דאָקטוירים אאַז״וו. ניט נאָר האָט מען בײַם ייִדישן דאָקטאָר אָוועקגענומען דעם

ביסן פֿון מויל, נאָר מען איז אויסן אים צו דעגראַדירן און באַליידיקן. קיין חידוש ניט, וואָס די ייִדישע דאָקטוירים־מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַרײַן צו זוכן אַ מקום־מקלט פֿאַר זיך, ווו צו קענען אויסנוצן אירע קענטענישן.

אָט זײַנען עטלעכע צאָלן. אין די לעצטע יאָרן האָבן אויסגעוואַנדערט פֿון דײַטשלאַנד אַריבער 5,500 ייִדישע דאָקטוירים, פֿון עסטרײַך 1,200־1,400, פֿון טשעכיע קאַרגע טויזנט. פֿיל הונדערטער זײַנען אויך אַוועק פֿון פּוילן, אונגערן און רומעניע (מיר רעכענען דאָ געוויינטלעך ניט אַרײַן די דאָקטוירים פֿון יענע געגנטן וואָס זײַנען אַריבער צום ראַטן־פֿאַרבאַנד). צוזאַמען האָבן אויסגעוואַנדערט פֿאַר די לעצטע פֿינף ביז זיבן יאָר אַריבער 8,000 ייִדישע דאָקטוירים — אַ קאַרגע העלפֿט פֿון דער צאָל ייִדישע דאָקטוירים וואָס זײַנען געווען אין יענע מקומות.

לגבי דער אַלגעמיינער ייִדישער עמיגראַציע פֿון יענע לענדער מאַכט אויס די דאָקטוירים־עמיגראַציע אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט. פֿון דײַטשלאַנד אַ שטייגער זײַנען אַוועק ייִדן־דאָקטוירים קאַרגע 80 פּראָצענט, בשעת ווען די עמיגראַציע פֿון דער גאַנצער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאַר דער גאַנצער צײַט באַטרעפֿט אַ העלפֿט. פֿון עסטרײַך האָבן עמיגרירט לערך 60 פּראָצענט פֿון אַלע אָרטיקע דאָקטוירים. די ייִדישע באַפֿעלקערונג דאָרט האָט זיך אָבער פֿאַרקלענערט אויף 30־40 פּראָצענט. דאָס ווײַזט ערשטנס, אַז די דאָקטוירים, ווי אַ בעסער סיטויִרטער געזעלשאַפֿטלעכער שיכט, האָבן געהאַט גרעסערע מיגלעכקייטן פֿון עמיגראַציע. צווייטנס אָבער ווייסן מיר, אַז די עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק אַנטקעגן זיי איז געווען פֿיל שטאַרקער ווי אַנטקעגן אַנדערע עלעמענטן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט, זײַנען זיי דעריבער געווען געצוווּנגען גיכער צו פֿאַרלאָזן זייערע ווויִן־ און אַרבעט־פּלעצער. אַוודאי האָבן זיי זיך דערבײַ ניט גענאַרט וועגן זייערע פּערספּעקטיוון. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז אין די נײַע לענדער וועלן זיי מוזן אָפּקומען יאָרן לאַנג, ביז וואַנען זיי וועלן באַקומען זייערע ליצענצן און קענען זיך צושלאָגן צו אַ מעדיצינישער פּראַקטיק.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט קיין ספּעציעלע פּראָבלעם פֿונעם ייִדישן דאָקטאָר אַליין. אין דער זעלבער לאַגע געפֿינען זיך אויך אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, כעמיקערס, שרײַבערס, קינסטלערס וכדומה. אויף אַלעמען האָט זיך אויסגעגאָסן די תּוכחה; אָבער מיר זײַנען דאָ פֿאַרנומען נאָר מיט די ווירקונגען פֿון די נאַצי־רדיפֿות אויף איין סעקטאָר פֿון ייִדישן לעבן, און דאָ אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז דאָס בילד וואָס מיר האָבן אָפּגעמאָלט.

די קאָלירן ווערן נאָך טינקעלער, ווען מיר נעמען אין אַכט, ווי אַזוי דער חורבן האָט געווירקט אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן, מאָראַלישן און מאַטעריעלן מצבֿ פֿון די דאָזיקע דאָקטוירים־וואַנדערערס. פֿאַרטריבענע פֿון די אוניווער־

סיטעטן, קליניקעס, פֿאָרש־אינסטיטוטן, האָבן זיי דורך די אַלע יאָרן ניט געקענט פֿירן קיין װיסנשאַפֿטלעכע אַרבעט, ניט געקענט פֿאַרפֿולקומען זייער בילדונג. די מערהייט ייִדישע דאָקטוירים האָבן זיך בעל־כּרחם געמוזט קאָנ־צענטרירן אַרום די אָרטיקע ייִדישע שפּיטעלער װאָס זײַנען טאַקע אין גיכן געװאָרן צענטערס פֿון ערנצטער מעדיצינישער פּראַקטיק און װיסנשאַפֿטלעכער אַרבעט. אין די סאַמע לעצטע יאָרן האָבן אָבער אויך טייל פֿון די דאָזיקע לעצטע אָנשפּאַרפּונקטן פֿאַר דער גערודפֿטער ייִדישער דאָקטוירים־מאַסע אָנ־געװאָרן זייער װערדע איבער דעם װאָס זיי זײַנען געצװוּנגען געװאָרן צו פֿירן מער דרינגלעכע העלפֿאַרבעט װי קליניש־דיאַגנאָסטישע. אויך האָבן זיי װאָס װײַטער מער געליטן פֿון בודזשעט־שװעריקייטן, ס׳איז זיי ניט געװען מיגלעך צו מאַכן אינװעסטיציעס, מחמת די אָרטיקע ייִדישע קהילות זײַנען װאָס װײַטער אַלץ מער פֿאַראָרעמט געװאָרן. אַגבֿ האָבן זיך איבער די זעלביקע סיבות, װי אויך איבער דער אָפּשטראַם פֿון דער אָרטיקער ייִדישער באַפֿעל־קערונג, טייל ייִדישע שפּיטעלער געמוזט פֿאַרמאַכן אין גאַנצן, צװישן זיי עטלעכע מיט אַ לאַנגיאָריקער שיינער טראַדיציע (ברעסלע, פּויזן, ברין, גראַץ, מאַנהײַם און אַנדערע).

װי אַ רעזולטאַט פֿון די רדיפֿות אין עפֿנטלעכן, פּראָפֿעסיאָנעלן און װיסנ־שאַפֿטלעכן לעבן האָט אויך געמוזט קומען אַן אײַנבראָך אין דעם פּסיכיש־מאָראַלישן מצבֿ פֿון דער ייִדישער דאָקטוירימשאַפֿט. הגם אין אַלגעמיין האָבן די ייִדישע דאָקטוירים אַרויסגעװיזן די געהעריקע עקשנות, זײַנען אָבער פֿאַרט געװען פֿאַלן פֿון פֿאַרלירן די פּסיכישע גלײַכװאָג און אַפֿילו פֿון זעלבסט־מאָרדן. צװישן די װאָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן זײַנען געװען אַזױנע פּראָמינענטע געלערנטע װי פּראָפֿ׳ באָאַז, פּראָפֿ׳ קנעפּפּעלמאַכער, פּראָפֿ׳ שמידט, פּראָפֿ׳ לידיע ראַבינאָװיטש.

דאָרטן װוּ עס זײַנען געװען אָרגאַניזירטע ייִדישע מעדיצינישע קער־פּערשאַפֿטן איז אָנגעקומען גרינגער אויפֿצוהאַלטן אין די רייען פֿון ייִדישע דאָקטוירים אַן אינעװייניקסטע דיסציפּלין און אַן אַחריות־געפֿיל; אויך האָט מען דאָרטן בעסער אָרגאַניזירט די עמיגראַציע. אין עסטרײַך למשל, װוּ עס האָט עקסיסטירט פֿון יאָרן אַ פֿעסטע „פֿאַראייניקונג פֿון ייִדישע דאָקטוירים״ (Vereinigung der jüdischen Aerzte) איז די אַרבעט פֿאַר אָרגאַניזירן אַ פּלאַ־נירטע עמיגראַציע, פֿאַר אויסהעלפֿן די צום שװערסטן געטראָפֿענע קאָלעגן, פֿאַר אויסגעפֿינען נײַע אַרבעטערטער אַאַז״װ געפֿירט געװאָרן מיט גרויס פֿאַרשטאַנד און ענערגיע. אין דײַטשלאַנד פֿאַרקערט, װוּ אַזאַ ייִדישע דאָק־טוירים־אָרגאַניזאַציע איז ניט געװען בנמצא, איז די עמיגראַציע געגאַנגען מער אינדיװידועל, די העלפֿאַרבעט איז געװען אַ סך הינטערשטעליקער. ערשט אין די אימיגראַציע־לענדער האָבן די נײַ געקומענע דײַטש־ייִדישע דאָקטוירים באַװיזן זיך צו אָרגאַניזירן פֿאַר אַליינהילף, פֿאַר קולטורעל־געזעלשאַפֿט־לעכן צוזאַמענלעבן זיך און פֿאַר װיסנשאַפֿטלעכער אַרבעט — װוּ פֿאַר זיך

(פֿאַראייניקטע שטאַטן) און ווו אַרום די שוין פֿאַראַנענע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס (ארץ־ישׂראל, ענגלאַנד און ביז לעצט אויך פֿראַנקרײַך).

אין ארץ־ישׂראל האָט די „הסתדרות הרופֿאים היהודים" אַרויסגעוויזן ברידערלעכן מיטגעפֿיל פֿאַר די נײַ געקומענע און מיט גרויסע קרבנות געשאַפֿן פֿאַר זיי מיגלעכקייטן פֿון אַרבעט. אין אייראָפּע האָט דער וועלט־פֿאַרבאַנד „אָזע" אָפּגעטאָן אַ קאָנסטרוקטיווע אַרבעט מיט אַ ברייטן פֿאַרנעם: ער האָט אויסגעפֿונען היפּש אימיגראַציע־ערטער און געשאַפֿן נײַע אַרבעטפּלעצער פֿון הונדערטער דאָקטוירים.

דאָס צוהעלפֿן מצד אָרגאַניזאַציעס איז געווען ספּעציעל וויכטיק איבער דעם וואָס דאָס רובֿ ייִדישע דאָקטוירים אין די אייראָפּעיִשע לענדער זײַנען געבראַכן געוואָרן מאַטעריעל. אַפֿילו די וואָס האָבן אויפֿגעהיט דאָס נפֿש האָבן פֿאַרלאָרן זייער האָב און גוטס און זײַנען אָנגעקומען אין די נײַע לענדער מיט גאַנץ קליינע מיטלען און אָן אַן אָנשפּאַר.

די מאַרטירלאָגיע פֿון די אייראָפּעיִשע דאָקטוירים אין די אימיגראַציע־לענדער איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. דער אַבסאָרביר־פּראָצעס פֿון די נײַ צוגעקומענע מעדיקערס דורך די אָרטיקע לאַנד־אָרגאַניזמען מוז אַפֿילו אין בעסטן פֿאַל געדויערן אַ לענגערע צײַט. דערווײַל איז דער וועג פֿון די נײַע אימיגראַנטן אַ דערנערדיקער וועג. און יעטווידער לאַנד האָט זיך באַזונדערע שוועריקייטן.

איבער הויפּט איז שווער די סיטואַציע פֿון די דאָקטוירים־אימיגראַנטן אין ארץ־ישׂראל. צו דער לפֿי־ערך גרויסער צאָל ייִדישע דאָקטוירים אין לאַנד (בײַ 1,700 אויף אַ ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון אַ וואָסער האַלבן מיליאָן מענטשן) זײַנען צוגעקומען אין די לעצטע פֿאַר יאָר פֿרישע אַכט הונדערט ביז נײַן הונדערט דאָקטוירים. דער לעגאַלער סטאַטוס פֿון אַ טייל פֿון זיי איז ניט אין גאַנצן אויפֿגעקלערט. צו באַקומען ליצענצן פֿאַר פּראַקטיק מוזן זיי וואַרטן יאָרן איבער די יאָריקע קוואָטע־באַגרענעצונגען פֿאַר דאָקטוירים אין לאַנד. כּדי די נײַ געקומענע דאָקטוירים זאָלן באַקומען אַרבעט — און ניט נאָר די נײַ צוגעקומענע, פֿאַראַן אַן אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד אויך צווישן דאָקטוירים וואָס זײַנען דאָ פֿון פֿריִער — איז נייטיק צו שאַפֿן דאָ בכלל נײַע קוואַלן פֿון מעדיצינישער באַשעפֿטיקונג, ווי קורערטער, פֿאַרמאַצעווטישע פּראָדוקציע, אַ גרעסערע צאָל עפֿנטלעכע שפּיטעלער, אינסטיטוציעס פֿאַר פּרעווענטיווער מעדיצין אאַז״וו. צום באַדויערן איז אין מלחמה־צײַטן שווער צו מאַכן אַזוינע אינוועסטירונגען, און דעריבער איז דער אויסקוק אויף אַ פֿאַרבעסערונג אין דער שווערער לאַגע פֿונעם דאָקטוירים־קיבוץ אין ארץ־ישׂראל דערווײַל זייער אַן אומבאַשטימטער.

אין אַנדערע לענדער האָבן די אײַנגעוואַנדערטע דאָקטוירים אויסצושטיין אַנדערע שוועריקייטן. אין אַ סך שטאַטן פֿון צפֿון־אַמעריקע מוזן זיי אויס־

האַלטן באַזונדערע עקזאַמענס — פּריִער פֿון ענגליש און דערנאָך ספּעציעל פֿון מעדיצינישע לימודים, כּדי צו באַקומען ליצענץ פֿאַר פּראַקטיק. הונ־דערטער ייִדישע דאָקטוירים אין די מיטעלע יאָרן, און פֿיל פֿון זיי אַריבער פֿופֿציק און אַפֿילו זעכציק, האָבן זיך געמוזט צוריק אַוועקזעצן על התורה ועל העבֿודה. ניט אַזוי גרינג קומט דאָס אָן: די מערהייט האָבן דאגות־פּרנסה, דאַרפֿן זאָרגן וועגן זייערע פֿאַרבליבענע פֿאַמיליעס און זײַנען בכלל צערודערט נאָך די שווערע איבערלעבונגען. אין אַנדערע שטאַטן ווידער פֿאַרשפּאַרט מען צו האַלטן עקזאַמענס: מען גיט דאָרט בכלל ניט אַרויס קיין ליצענצן פֿאַר דאָקטוירים פֿון אויסלאַנד.

אין דרום־אַמעריקע און אין די ענגלישע דאָמיניעס זעט אויס די זאַך אַזוי: אויף צו באַקומען רעכט אויף פּראַקטיק מוז מען אָדער ווערן אַ ביר־גער, אָדער מען באַדאַרף באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פֿון דער אַד־מיניסטראַציע. ביידע זאַכן קומען ניט אָן גרינג.

*

אין די דאָזיקע ראַנגלענישן אַוועקצושטעלן זיך צוריק אויף די פֿיס נאָך די שווערע אַבֿדות מוזן קומען צו הילף די ייִדישע דאָקטוירים וואָס האָבן אויסגעמיטן דעם שווערן גורל פֿון זייערע קאָלעגן אין איראָפּע און פֿירן אָן עין־הרע אַ פֿרײַ לעבן, אָן שטערונגען איבער ראַסנדיקע אָדער נאַ־ציאָנאַלע סיבות.

אין די פֿרײַע לענדער זײַנען נאָך אַלץ פֿאַראַן אַריבער 20,000 ייִדן־דאָקטוירים, פֿון זיי 13,000 אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַליין, 2,000 אין ענגלאַנד, 2,000 אין ארץ־ישׂראל און די אַנדערע אין די דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן און אין די ענגלישע דאָמיניעס און קאָלאָניעס.

אַזאַ גרויסער קיבוץ דאָקטוירים קען געבן ממשותדיקע הילף און איז ביכולת צו היילן טייל וווּנדן וואָס די ייִדישע דאָקטוירים־מאַסע האָט באַ־קומען פֿון דער נאַציִשער רשעות. פֿאַרן ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד אין דער גאַנצער פֿרײַער וועלט שטייען גרויסע אויפֿגאַבעס.

צום ערשטן גייט אַ ברייטע אַקציע פֿון הילף ממש, אין אַזאַ פֿאָרנעם וואָס זאָל שטימען מיט דער גרייס פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע. ייִדישע דאָק־טוירים נעמען אָנטייל אין זייערע לענדער אין פֿאַרשיידענע זאַמלונגען לטובֿת די קרבנות פֿון די רדיפֿות אין איראָפּע. אָבער דאָס איז ווייניק, זיי מוזן טראָגן הילף אויך ווי ייִדן־דאָקטוירים, ווי קאָלעגן פֿאַר קאָלעגן. דער „דזשוינט״ און דער „היצעם״ טוען וואָס זיי קענען, אָבער עס איז גענוג צו באַקענען זיך מיט דער סיטואַציע פֿון די דאָקטוירים־אימיגראַנטן אין ענגלאַנד, פֿראַנק־רײַך, בעלגיע און ספּעציעל אין ארץ־ישׂראל, כּדי צו זען, אַז דאָס האָט ניט געקלעקט אַפֿילו אויף די עלעמענטאַרע באַדערפֿענישן פֿון דער דאָזיקער גרופּע.

אין ארץ־ישׂראל האָבן די אײַנגעוואַנדערטע דאָקטוירים בכלל ניט באַקומען קיין הילף פֿון אויסלענדישע ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס, און די גאַנצע משׂא איז געפֿאַלן אויף דער „הסתדרות הרופֿאים היהודים". די „הסתדרות" האָט זיך געבויגן אונטער דער משׂא, האָט גערופֿן נאָך הילף צו ייִדישע דאָקטוירים־גרופּעס אין פֿאַרשיידענע לענדער, נאָר אומזיסט. דאָך האָט די „הסתדרות" דורך „הילף פֿון דאָקטוירים פֿאַר דאָקטוירים" דורכגעפֿירט אַ גרויסע אַרבעט.

דעם זעלביקן לאָזונג האָט אויך אויפֿגענומען דער פֿאַרבאַנד „אָזע" און געשאַפֿן אַ פֿאָנד וואָס איז שטאַרק צו ניץ געקומען אין דער העלפֿאַרבעט. גענוג צו ברענגען פֿאַר אַ משל די קליינע ליטע, ווו אַ קיבוץ פֿון קאַרגע 200 ייִדישע דאָקטוירים האָט לויט דער איניציאַטיוו פֿון אָרטיקן „אָזע" דורך אַן אַקציע פֿון „הילף פֿון דאָקטוירים פֿאַר דאָקטוירים" אויפֿגעקליבן עטלעכע טויזנט דאָלער מזומן, דערצו גרויסע סכומען וועש, קליידונג און שיך, און דערמיט געהאָלפֿן אַריבער הונדערט ייִדישע דאָקטוירים־פֿאַמיליעס פֿון פּוילן, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אויף אומקום. די דאָזיקע ליטוויש־ייִדישע דאָקטוירים האָבן געוויס אָנטייל גענומען אין די אַלגעמיינע אַקציעס פֿאַר פּליטים, דאָס האָט זיי אָבער ניט געשטערט זיך ספּעציעל צו באַשטײַערן פֿאַר זייערע קאָלעגן פֿון פּוילן, וואָס די מלחמה האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון זייערע היימען.

די אַקציע פֿון העלפֿן קאָלעגן קען בשום אופֿן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ צעברעקלונג פֿון דער אַלגעמיינער ייִדישער העלפֿאַרבעט. מען דאַרף באַגריסן דעם רוף פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער „הסתדרות" צו שאַפֿן אַ „פֿאָנד פֿון ייִדישן דאָקטאָר" („קרן הרופֿא העבֿרי", ווי זיי רופֿן דאָס), אַ מין אַקציאָנערע דאָקטוירים־באַנק וואָס זאָל ווערן דער פֿינאַנציעלער אינסטרומענט פֿאַר דער אַליינהילף־אַקציע פֿון דאָקטוירים פֿאַר דאָקטוירים.

עס דאַרף אויך אויפֿגעלעבט ווערן דער וועלטפֿאַרבאַנד פֿון ייִדישע דאָקטוירים וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן גראָד אין אָנבליק פֿון די דאָזיקע און אַנדערע זייער וויכטיקע אויפֿגאַבעס, אָבער וועלכער האָט זיך צום באַדויערן ניט געקענט אַנטוויקלען מחמת די אויסערגעוויינטלעכע שטערונגען וואָס זײַנען געקומען נאָך דעם ווי ער איז געגרינדעט געוואָרן (די אומרוען אין ארץ־ישׂראל, דער אונטערגאַנג פֿון אָרגאַניזירטע ייִדישע דאָקטוירים־פֿאַראײנען אין אייראָפּע, דער אויסבראָך פֿון דער מלחמה). די ייִדישע דאָקטוירים אין אַמעריקע, דער גרעסטער ייִדישער דאָקטוירים־קיבוץ אין דער וועלט, דאַרפֿן שפּילן אין דער דאָזיקער אַרבעט אַן אָנגעזעענע ראָלע. צום באַדויערן שטייען זיי אין די לעצטע יאָרן מחוץ די אידעיִשע שטרעמונגען און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַוועגונגען וואָס האָבן באַהערשט די ייִדישע דאָקטוירים אין אייראָפּע און אין ארץ־ישׂראל. דער דאָזיקער אינדיפֿערענטיזם מוז אויפֿהערן, ווײַל דער

חורבן איז צו גרויס, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע דאָקטוירים זאָלן ניט באַנעמען, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון זיי אין איצטיקן מאָמענט. צוזאַמען מיט דער דאָקטוירים־קאָרפּאָראַציע אין ארץ־ישׂראל, וואָס איז געבליבן גאַנץ, מוזן זיי אָרגאַניזירן דעם צענטער פֿון הילף און רעאַגירן מיט ווערדע אויף די געשעענישן פֿון דער צײַט, וואָס רירן אָן דעם גאַנצן שטאַנד ייִדישע דאָקטוירים.

פֿון די וויכטיקע אויפֿגאַבעס דאַרף ווײַטער זײַן אויפֿצושטעלן נײַע מיגלעכקייטן פֿאַר מעדיצינישער אויסבילדונג אי פֿאַרן וויסנשאַפֿטלער וואָס וויל טאָן פֿאַרשאַרבעט, אי פֿאַרן דאָקטאָר־פּראַקטיקער וואָס וויל פֿולקומען זײַנע פֿאַך־קענטעניש, אי פֿאַר דער ייִדישער יוגנט וואָס שטרעבט צו שטודירן מעדיצין. אַ פּלאַן פֿון אַ מעדיצינישן פֿאַקולטעט בײַם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים איז שוין געווען לאַנג; אין דער נײַער סיטואַציע, אויב ארץ־ישׂראל וועט פֿאַרהיט ווערן פֿון מלחמה־שטורעם, קען ער האָבן אַ היפּשע באַדײַטונג, צוזאַמען מיט די מעדיצינישע אינסטיטוטן אין די פֿרײַע לענדער.

אַ ווײַטערדיקע אויפֿגאַבע איז צו שאַפֿן נײַע ערטער פֿון אַרבעט פֿאַר ייִדישע דאָקטוירים. אַזוינע מיגלעכקייטן זײַנען פֿאַראַן אין אַ ריי לענדער, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן.

דער פּלאַן פֿון איבערשיכטן ייִדישע דאָקטוירים און מאַכן פֿון זיי עלעקטראָמאָנטערן, שאָפֿערן, פֿעלדאַרבעטערס אד״גל איז אַ פֿאַרפֿירערישער פּלאַן. ער איז קעגן דער לאָגיק פֿון לעבן און ער קען ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן. ער איז פֿאַלש אויך: אין אַ צײַט ווען די צוררי־היהודים טראַכטן נאָר ווי צו פֿאַרקלענערן די ייִדישע אינטעליגענץ, ובֿתוכם די צאָל ייִדישע דאָקטוירים, טאָרן מיר דערצו אונדזערע הענט ניט צולייגן. גאָר עפּעס אַנדערש איז דער פֿאָרשלאַג וועגן באַשעפֿטיקן ייִדישע דאָקטוירים, וואָס זיי קענען לעת־עתה ניט פּראַקטיקירן אין זייערע ספּעציאַליטעטן, אין פּאַראַמעדיצינישע פֿאַכן, ווי אַדאָנטאָלאָגישע טעכניק, רענטגען־טעכניק, לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט אד״גל. אָבער דאָס איז מער ניט אַ דערהווײַליקער לאָקאַלער ענין, ניט קיין ענטפֿער אויף דער פּראָבלעם, ווי אַזוי אויפֿצוהאַלטן בײַ זײַן פּראָפֿעסיע דעם ייִדישן דאָקטאָר דעם נע־ונדניק. דערפֿון איז שוין קלאָר, אַז מיר וואַרפֿן אָפּ דעם געדאַנק, אַז דאָס פֿאַרהאַקן די טירן פֿון די מעדיצינישע פֿאַקולטעטן איז אַ ברכה פֿאַר דעם ייִדישן כּלל. אַ יונגער דאָקטאָר קען אַ מאָל מאַכן ענגער אַן אַלטן דאָקטאָר, אָבער אין די אינטערעסן פֿונעם ייִדישן דאָקטוירים־שטאַנד ווי אַ כּלל איז דווקא אויסצוהאָדעווען אַ יונגן דור ייִדישע דאָקטוירים.

װאַלטער ראַטענױ

פֿון פּראָפֿ׳ סאָל ליפּצין

פֿון דער רעדאַקציע:

דער אַרטיקל פֿון פּראָפֿ׳ ליפּצין איז װיכטיק ניט נאָר װײַל ער שטעלט אַװעק פֿאַרן לייענער אַ בריליאַנטע פּערזענלעכקייט אין אַ טראַגישער פּסיכישער און סאָציאַלער סיטואַציע. װאַלטער ראַטענױס פּסיכישער קאָנפֿליקט איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ היפּשן טייל דײַטשע ייִדן װאָס זײַנען געװען באמת טיף אַרײַנגעװאַקסן אין דײַטשלאַנד. נאָך הײַנט באַגעגענען מיר עלעמענטן פֿון דער זעלביקער גײַסטיקער האַלטונג בײַ דײַטשע ייִדן װאָס פּראַװען גלות. עס איז ניט גענוג צו קװעטשן מיט די פּלייצעס, מען דאַרף פּרוּװן זיך דערגרונטעװען צו די װאָרצלען, פֿון װאַנען עס װאַקסט אַזאַ קוק אויף ייִדן בײַ ייִדן גופֿא. אויב ניט, װעלן מיר ניט זײַן בכּוח צו פֿאַרשטיין אין זײַן גאַנצער פּסיכישער קאָמפּליצירטקייט דעם פֿענאָמען ייִד, װי ער איז אויסגעפֿורעמט געװאָרן דורך די העכער הונדערט יאָר עמאַנסיפּאַציע.

אין 1897 האָט מאַקסימיליאַן האַרדען, דעם אַלטן ביסמאַרקס ייִדישער העלפֿער, אָפּגעדרוקט אין זײַן זשורנאַל Die Zukunft אַן אַנאָנימען אַרטיקל: „הער, ישׂראל!"[1] צו דער „צוקונפֿט" האָט מען זיך צוגעהערט און מען האָט פֿאַר איר מורא געהאַט. דער אַרטיקל איז געװען אַ סענסאַציע; װער דער מחבר װאַלטער האַרטענױ איז האָט מען נישט געװוּסט. מיט פֿינף יאָר שפּעטער, װען דאָס איז איבערגעדרוקט געװאָרן אין װאַלטער ראַטענױס ערשטער זאַמלונג עסייען, איז מען געװאָר געװאָרן, װער ס׳האָט דאָס געשריבן.

ראַטענױ, אַן עקאָנאָמיסט און אַן אינדוסטריעלער, איז ביז יעמאָלט געװען באַװוּסט, און אויך נאָר אין אַ קלײנעם קרײַז, דורך זײַנע װיסנשאַפֿטלעכע שטודיעס; אין אַן ענין װאָס רופֿט אַרויס חלוקי־דעות האָט ער זיך דאָ אַרײַנגעלאָזן צום ערשטן מאָל. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיך שוין געהאַט קונה־שם געװען װי אַ מײַסטער פֿון פּראָזע, װי אַ פֿילאָסאָף און עסטעט, װי אַ מלוכה־מאַן און פֿינאַנציסט. איידער ס׳איז אַװעק אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז ער דערגאַנגען ביזן שטאַפּל פֿון אַ מיניסטער פֿאַר אויסנװייניקסטע ענינים אין דער דײַטשער רעפּובליק און איז דערהרגעט געװאָרן דורך פֿאַנאַטישע עקסטרעמיסטן װאָס האָבן נישט געװאָלט שלום מאַכן מיט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם.

ראַטענױ האָט זײַן אָפּשטאַם קיין מאָל נישט געלייקנט: זײַן ערשטער

---

[1] Walter Hartenau, "Höre, Israel!", Zukunft, XVIII, pp. 454-462, 16 März,

אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „איך וויל מודה זײַן פֿון דער התחלה, אַז איך בין אַ ייִד". אָבער גרויס ווייטיק האָט ער יאָ געהאַט דערפֿון. אין דעם זעלבן יאָר ווען הערצל איז אַרויס מיטן רוף צו ייִדן זיך אומצוקערן קיין ארץ־ישׂראל, האָט ראַטענוי זיי גערופֿן אָפּצוּוואַרפֿן אַלע זייערע נאַציאָנאַלע סימנים, גוטע און שלעכטע, וואָס קענען זײַן דערווידער פֿאַר זייערע מיטדײַטשן, און צו פֿאַרבײַטן דאָס מיט אַנדערע שטריכן וואָס וועלן זייערע שכנים מער זײַן צום האַרצן. בשעת ווען הערצל האָט דעפֿי־נירט די ראָלע פֿונעם קומענדיקן דור ייִדן ווי „אַ פֿאָלק אונטער וועגנס", אויפֿן וועג קיין ארץ־ישׂראל, האָט ראַטענוי פֿאַרלאַנגט פֿון ייִדן, זיי זאָלן דורכפֿירן אַן אַקט אָן אַ היסטאָרישן פּרעצעדענט: אַ היסטאָריש געוואָרענער קיבוץ זאָל מאַכן אַ באַוווּסטזיניקע אָנשטרענגונג צו באַגיין נאַציאָנאַלן זעלבסט־מאָרד. דער קיבוץ, האָט ער געטענהט, דאַרף מיט דעם פֿרײַען ווילן אָפּווישן אַלע זײַנע באַזונדערקייטן, די נידעריקע און די העכערע, און צופּאַסן זיך צו די פֿרעמדע באַדינגונגען. דערבײַ האָט דער יונגער פֿילאָסאָף גענומען „צופּאַסונג" נישט אינעם זינען פֿון דאַרווינס טעאָריע פֿון מימיקרי, וואָס לויט איר האָבן געוויסע אינסעקטן דעם כּוח אָנצונעמען דעם קאָליר פֿון זייער סבֿיבֿה. ער האָט געמיינט פּשוטו כּמשמעו: צופּאַסן זיך ביזן פּונקט פֿון פֿולקומער אַסימילאַציע, אַזוי אַז ייִדן זאָלן סוף־כּל־סוף זײַן נישט קיין נאָכ־געמאַכטע דײַטשן, נאָר עכטע דײַטשן, אויסגעהאָדעוועט און אויסגעבילדעט אין הסכּם מיט די טראַדיציעס פֿון דער מערהייט באַפֿעלקערונג.

ראַטענוי איז נישט אַרויס מיט זײַן אַרטיקל אָנצונעמען זיך פֿאַר ייִדן. ער אַליין איז אין זײַן אויסנווייניקסטן אויסזען און אין זײַנע אינעווייניקסטע שטרעבונגען גיכער געווען געגליכן צו אַ דײַטש ווי צו אַ ייִד, און זײַן גאַנג איז געווען נישט אַרײַנצולאָזן זיך אין פֿילאָסעמיטישער אַפּאָלאָגעטיק. גיכער פֿאַרקערט: ער האָט געהאַפּט, אַז דורך אײַנשטימען טיילווײַז מיט די אַנטי־סעמיטישע היטערס פֿון ריינער דײַטשקייט וועט ער דערגרייכן אַ פֿאַרשטענ־דיקונג. ער איז געווען אויפֿריכטיק איבערגעצייגט, אַז ייִדן — אָדער לכל־הפּחות די מערהייט ייִדן — זײַנען אַ פֿרעמדער קלין אין האַרץ פֿון דײַטש־לאַנד, אַן אַזיאַטישע האָרדע אויף די זאַמדיקע פּרײַסישע פּליינען. אָט די אויסטערלישע און איזאָלירטע ראַסע מענטשלעכע באַשעפֿענישן דרייט זיך אַרום צווישן קולטורעלע אייראָפּעער, רעדט הויך און וואַרפֿט זיך אין די אויגן מיט איר קליידונג, זי איז הייסבלוטיק און אומרויִק אין איר פֿירונג. און זי איז אַן אָביעקט פֿון אַלטער שׂינאה נישט אײַנצושטילן. דער אויס־לאָז פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט געפֿענטעט אַלע נאַטירלעכע כּוחות, און דעריבער זײַנען ייִדן ערשט נישט אויסגעשטעלט אויף די גוואַלד־מעשׂים, פֿון וועלכע זייערע אָבֿות האָבן תּמיד געליטן. אָבער עס קען קומען אַ טאָג, ווען די פּעגנטעס וועלן ווערן לויזער. ייִדן שפּירן די אָנגעצויגנקייט פֿון זייערע באַציִונגען צו דער דרויסנדיקער וועלט; זיי קלעפּן זיך איינער צום

אַנדערן, לעבן אין אַ געטאָ וואָס מען זעט נישט און רעאַגירן נישט ווי אַ לעבעדיקער אָבער פֿונעם גרויסן דײַטשן פֿאָלק, נאָר ווי אַ מין פֿרעמדקערפּער אין זײַן גוף.

אַ סך השערות, זאָגט ראַטענוי, קען מען ברענגען אויף אויסצוטײַטשן, פֿון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען. מען קען דעבאַטירן לאַנג און ברייט, אויף וועמען עס ליגט די היסטאָרישע אחריות פֿאַר דעם דאָזיקן מצבֿ. נאָר עס איז קיין ספֿק נישט, אַז אַפֿילו די בעסטע דײַטשן שפּירן אַ דערווידער — געררעכט צי אומ־גערעכט — אַנטקעגן דעם ייִדן און זײַנע ייִדישע סימנים. אַן אינטעליגענטער דײַטש וועט אפֿשר מאַכן אַן אויסנאָם לטובֿת עטלעכע „לײַטישע ייִדן“, זעלטענע גערעטעענישן פֿון דער נאַטור; נאָר ער וועט קיין מאָל נישט גובֿר זײַן אין גאַנצן דעם אומחן וואָס ער וואַרפֿט אויף דעם כּלל ייִדן. דער אומחן ווײַזט זיך אַרויס אומעטום. ער דרינגט אַרײַן אין שולן און אין אוניווערסיטעטן, מען זעט אים אויף די גאַסן און אין די קראָמען, אין פֿאַבריקן און ביוראָען, אין אײַזנבאַן־וואַגאָן און אין שענק, אין קאַזאַרמע און אין געריכט. דער דײַטש דאגהט נישט שטאַרק וועגן דעם אינסטינקטיוון אומחן וואָס ער וואַרפֿט אויף ייִדן, אים איז גענוג צו האַלטן די אומגעוווּנטשענע אויף אַ מהלך. ער האָט גענוג קאָפּ־דרייעניש מיט אַסימילירן די פּאָליאַקן אין פּויזענער געגנט און די דענער אין שלעזוויג־האָלשטיין. וואָס דאַרף ער נאָך זאָרגן וועגן אַסימילירן ייִדן? וועגן דעם דאַרפֿן י י ד ן טראַכטן.

נאָר ייִדן בלײַבן עפּעס מאָדנע פּאַסיוו, זיי שטעלן אַ פּנים אויס אויף גאָט און משיחן. אָבער דער גאָט פֿון גרימצאָרן און פֿון נצחון וואָס האָט אַ מאָל ליב געהאַט זײַן פֿאָלק פֿון קריגסלײַט האָט אָפּגעקערט זײַן פּנים פֿון דעם עולם קרע־מערס און מעקלערס. דער האַר פֿון דער וועלט וואָס זיצט אויפֿן באַרג חורבֿ און אויפֿן באַרג ציון האָט פֿאַרלאָרן דעם אינטערעס צו די מענטשן וואָס זײַנען מתפּלל צו אים אין בערלין. האָבן דעריבער די בעסטע ייִדן אין זייער פֿאַר־לאַנג צו ווערן גוטע דײַטשן אויסגעקליבן דעם וועג פֿון קריסטיקונג. פֿאַראַן אָבער אַנדערע ווילע ייִדן, וואָס פֿון איין זײַט האָבן זיי נישט געוואָלט פֿאַר־שריַען ווערן פֿאַר משומדים, נאָר פֿון דער צווייטער זײַט האָבן זיי געפֿילט צער און בושה פֿון זײַן פֿרעמדע און האַלבע בירגער אינעם לאַנד; האָבן זיי דע־ריבער געגאַרט צו אַנטלויפֿן פֿון געטאָ צו דער ריינער לופֿט פֿון די דײַטשע וועלדער און בערג.

אָט זיי דאַרפֿן עס ווערן די פּיאָנירן פֿון אַסימילאַציע, דער אַוואַנגאַרד פֿון די אָריענטאַלן וואָס ווילן אומקומען ווי ייִדן און צוריקגעבוירן ווערן ווי דײַטשן. יאָ קריסטיקונג אָדער נישט קריסטיקונג איז זייערע אַ פּריוואַטע זאַך, מחמת בײַ ראַטענויען קומט אויס, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרויסער חילוק פֿון דעם דעיִזם פֿון אַ ליבעראַלן פּראָטעסטאַנט ביז דעיִזם פֿון אַן אויפֿגעקלערטן ראַבינער. ווײַטער איז קריסטלעכע מאָראַל אַזוי בולט געוואָרן די מאָראַל פֿון געבילדעטע ייִדן, אַז זיי האָבן אַפֿילו געפּרוּווט אַרײַנטײַטשן די וואָרצלען פֿון קריסטלעכקייט אינעם

אַלטן טעסטאַמענט אַרײַן. אָננעמען די קריסטלעכע אמונה איז דעריבער נישט קיין גוואַלדאַקט קעגן דעם געוויסן פֿון אַ מאָדערנעם ייִדן. מען זעט דאָך, אַז די עלטסטע און רײַכסטע ייִדישע פֿאַמיליעס האָבן זיך נאָך מיט יאָרן צוריק געשטעלט אויף דעם וועג און דאָס גיין אין קלויסטער אַרײַן האָט נישט אויפֿגעהערט זינט די עמאַנסיפּאַציע האָט זיך אָנגעהויבן. אָבער ווערן קריסטן איז נישט גענוג! אויב אַ העלפֿט ייִדן וואָלט זיך אויסגעשמדט, וואָלט דאָס מסתמא געבראַכט צו אַ לײַדנשאַפֿטלעכער שׂינאה קעגן דער געשמדטער העלפֿט; אין דער זעלביקער צײַט וואָלט די ניט־געשמדטע העלפֿט דעגענערירט געוואָרן, ווײַל זי וואָלט געבליבן אָן פֿירערס און אינטעלעקטואַלן. פֿון דעסט וועגן מוזן ייִדן, אַזוי ווי זיי זײַנען אַ מינאָריטעט, כּסדר ווײַטער חנפֿענען זיך צו דער מאַיאָריטעט, זען צו נייטראַליזירן איר דערווידער און האָפֿן, אַז אין משך פֿון אַ פּאָר דורות וועלן די חילוקים אין גאַנצן אָפּגעמעקט ווערן. די דײַטשע מלוכה וואָלט געדאַרפֿט אָנערקענען די אויפֿריכטיקייט אין דער אָנשטרענגונג פֿון ייִדן גובֿר צו זײַן זייער ייִדישקייט און וואָלט זיי געדאַרפֿט צוגעבן חשק דורך אָפּוואַרפֿן די טעאָריע: „איין מאָל אַ ייִד — אַלע מאָל אַ ייִד"; פֿאַר עטלעכע יחידים וואָס זײַנען דאָס ווערט וואָלט דײַטשלאַנד געדאַרפֿט עפֿענען די קאַריערע פֿון אַרמיי־אָפֿיצירן און רעגירונגס־באַאַמטע.

אין אַ בריוו צו הערצלען האָט ראַטענוי זיך מודה געווען, אַז לייענערס פֿון זײַן אַרטיקל Höre, Israel! האָבן אים באַשולדיקט אין צוהעלפֿן דעם אַנטיסעמיטיזם. ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז אים אין זינען נישט געלעגן; היות ער אַליין איז אַ ייִד, איז אים נישט געגאַנגען אין שטאַרקן די אַנטי־ייִדישע אַגיטאַציע. פֿון דעסט וועגן, כאָטש זײַנע מאָטיוון זײַנען געווען ריינע, האָט זײַן אַרטיקל יאָ געווירקט לרעה. זײַן וואָרענונג, באַשטימט פֿאַר ייִדן, האָט געהאַט אין זיך צו פֿיל נעגאַציע און באַשולדיקונג. זײַן אַטאַק איז געווען אַזוי ביטער, אַז ער האָט נישט געקענט דערמיט פּועלן בײַ זײַנע ייִדישע לייענערס, זיי זאָלן בײַטן זייער גאַנצן שניט פֿון לעבן. ווען ער האָט שפּעטער אַליין דערזען, צו וואָסערע אויספֿירן זײַנע רייד ברענגען, האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון פֿאַרקויף דעם באַנד עסייען, ווו דער אַרטיקל איז געווען איבערגעדרוקט. ער האָט אים אויך נישט אַרײַנגענומען אין זײַנע געקליבענע שריפֿטן וואָס זײַנען אַרויס צום סוף פֿון דער וועלט־מלחמה. נײַע בעלנים אויף דעם אַרטיקל האָבן זיך געפֿונען שפּעטער: ווען די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן זײַנען געקומען צו דער מאַכט אין 1933, האָבן זיי אים ברייט פֿאַרשפּרייט. זיי האָבן געגעבן אַ קאָמפּלימענט דעם מחבר פֿאַר זײַן אַרטיקל, זיי האָבן אײַנגעשטימט מיט זײַן קריטיק און האָבן נאָר געהאַט אַ פּרעטענזיע, אַז ער שטרײַכט נישט גענוג אונטער די ראַסנ־דיקע פֿאַרשיידנקייט צווישן ייִדן און אַריער.[2]

להיפּוך צו די טעאָרעטיקער פֿון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם איז ראַטענוי געווען

2Deutschslands Erneuerung. Monatsschrift für das deutsche Volk, Nov. 1933, XVII, pp. 732-737.

קעגן שאַרף פֿונאַנדערטיילןביידע קיבוצים. ער האָט אויך געהאַלטן, אַז אויב אַפֿילו ייִדן האָבן אַ מאָל, אין די אַלטע צײַטן, געהאַט גרויסע מעלות, האָבן זיך זייערע אייגנשאַפֿטן שטאַרק פֿאַרערגערט אין רעזולטאַט פֿון אַ סך יאָרהונ־דערטער דערנידעריקונג. אָבער, אַזוי האָט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס ייִדישע געוויקס קען נאָך אַלץ אויסגעאיידלט ווערן, אויב ס'וועט אַריבערגעפֿלאַנצט ווערן אויפֿן גערמאַנישן שטאַם. אויב ייִדן וועלן בטל־בששים ווערן, איז אָן בייז, נאָר ווען די אַריער זאָלן פֿאַרשווונדן ווערן, וואָלט דאָס געווען אַ קאַטאַסטראָפֿע פֿאַר דער קולטור. דער פּראָגרעס פֿון דער מענטשהייט איז געקניפּט און געבונדן מיטן ווווילזײַן פֿון דעם בלאָנדן, פּרעכטיקן פֿאָלק וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אין צפֿון. פֿאַרגאַנגענע צײַטן האָט דאָס דאָזיקע פֿאָלק, אין אַ פּרוכפּערדיקייט וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט אַלע ברעגן, געשיקט כוואַליע נאָך כוואַליע אין דער דרומדיקער וועלט אַרײַן. איטלעכע וואַנדערונג איז געוואָרן אַן אײַנגעמונג, יעטווידער אײַנגעמונג אַ קוואַל פֿון כאַראַקטער און קולטור. נאָר ווען די באַפֿעלקערונג פֿון דער וועלט האָט גענומען וואַקסן, האָבן די כוואַליעס טונ־קעלע פֿעלקער גענומען פֿאַרשווענקען די אַרישע טעריטאָריע. סוף־כל־סוף האָט דער דרום אָפּגעהאַלטן זײַן ערשטן וויכטיקן נצחון און אַרויפֿגעצוווּנגען זײַן מיזרחדיקע רעליגיע, דאָס קריסטנטום, אויף די צפֿונדיקע לאַנדשאַפֿטן. די גער־מאַנער האָבן זיך ווײַטער געשטעלט אַנטקעגן, אויפֿהיטנדיק זייער אַלטן עטישן קאָדעקס, זייער וויקינגערישע באַהאַרצטקייט. נאָר די ערגסטע סכּנה פֿון אַלע סכּנות איז אָנגעשטאַנען, ווען די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע האָט פֿאַרכאַפּט די שליטה איבער דער וועלט. מוח און געשײַטקייט פֿאַרקערפּערט אין דעמאָ־קראַטיע און קאַפּיטאַליזם האָבן זיך אָנגעצילט קעגן דער העראָישער נאָר־דישער נשמה.

ראַטענויען האָט זיך געדוכט, אַז מיט דער דאָזיקער נשמה איז ער איינס אָן טענות און מענות. „איך האָב נישט קיין אַנדער בלוט און איך קען נישט קיין אַנדער בלוט ווי דאָס דײַטשע, קיין שום אַנדער שטאַם, קיין שום אַנדער פֿאָלק. ווען מען זאָל מיך אַוועקטרײַבן פֿון מײַן דײַטשער ערד, וועל איך בלײַבן אַ דײַטש, און קיין זאַך וועט זיך נישט בײַטן... איך האָב גאַרנישט בשותּפֿות מיט ייִדן, אַחוץ וואָס יעדער דײַטש האָט בשותּפֿות מיט זיי: די ביבל, דאָס געדעכעניש און די פֿיגורן פֿון אַלטן און נײַעם טעסטאַמענט. מײַנע אָבֿות און איך אַליין זײַנען געשפּײַזט געוואָרן דורך דײַטשער ערד און דײַטשן גײַסט, און מיר האָבן געגעבן דעם דײַטשן פֿאָלק ווי פֿיל עס איז געווען אין אונדזערע כּוחות. מײַן פֿאָטער און איך האָבן נישט געהאַט קיין שום געדאַנק וואָס איז נישט געווען דײַטש און פֿאַר דײַטשלאַנד; אויף ווי ווײַט איך קען אָפּזוכן דעם שפּור פֿון מײַן פֿאַמיליע, איז דאָס אַזוי געווען".[3]

„מײַן פֿאָלק זײַנען די דײַטשן און ווײַטער קיינער. פֿאַר מיר זײַנען ייִדן

---

[3]Walter Rathenau, *Briefe*, Dresden, 1930, I, p. 203.

א דײַטשער שטאַם אַזוי ווי די זאַקסן, די בײַערן אָדער די ווענדן... פֿאַר מיר זײַנען די פֿאַקטאָרן וואָס באַשטימען, צי עמעצער געהער צו אַ פֿאָלק אָדער אַ נאַציע, די פֿאַקטאָרן פֿון האַרץ, גײַסט, כאַראַקטער און נשמה. פֿון דעם שטאַנד־פּונקט שטעל איך אַוועק ייִדן ערגעץ צווישן די זאַקסן און די שוואָבן. זיי זײַנען מיר ווינציקער נאָענט ווי בראַנדענבורגער אָדער האָלשטיינער און אפֿשר אַ ביסל נעענטער איידער שלעזיער אָדער לאָטרינגער. איך רייד פֿאַרשטייט זיך נאָר וועגן דײַטשע ייִדן. אויף מיזרח־ייִדן קוק איך ווי אויף רוסן, פּאָ־ליאַקן, גאַליציאַנער, פּונקט ווי יעדער אַנדער דײַטש; אויף ייִדן פֿון מערבֿ קוק איך ווי אויף שפּאַניער אָדער פֿראַנצויזן. אַנטיסעמיטיזם און לאָקאַלער נאַ־ציאָנאַליזם שטייען פֿאַר מיר אויף איין מדרגה: ווען איך גיב גוט אַ גראָב אין זיך, געפֿין איך אויס, אַז עס טוט מיר מער וויי, אויב אַ בײַער רעדט אויף די פּרײַסן איידער ווען ער רעדט אויף ייִדן."[4]

אַ חודש פֿאַר דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט ראַטענוי געשריבן, אַז די איינ־ציקע נאַציאָנאַליטעט וואָס אַן אָרנטלעכער און געבילדעטער ייִד אין צענטראַל־אייראָפּע קען מאָנען איז די דײַטשע נאַציאָנאַליטעט. אַלע ראַסנדיקע טעאָריעס וועגן דעם, אַז ייִדיש בלוט איז אַנדערש, זײַנען אַ נאַרישקייט; פֿעלקער זײַנען צונויפֿגעשמאָלצן געוואָרן אין נאַציעס און נאַציעס אין מלוכות קודם־כּל דורך אינאיינעמדיקער ערד, דורך אינאיינעמדיקע איבערלעבונגען און דורך אינאיי־נעמדיקע באַציונגען צו דער דרויסנדיקער וועלט. ייִדישע אַחדות איז אַ מיטאָס וואָס נישט־פֿאַרגינערס זײַנען פֿאַראינטערעסירט צו פֿאַרשפּרייטן. דײַטשע ייִדן זײַנען נישט מער פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר ייִדישע פֿאַרברעכנס, פֿאָליטישע פֿירונגען און דערגרייכונגען אין אַנדערע לענדער ווי די דײַטשע זאַקסן זײַנען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אויפֿפֿיר פֿון די אַנגלאָ־זאַקסן.

פֿון ציוניזם האָט ראַטענוי גאָרנישט געהאַלטן. פּאַלעסטינע איז אפֿשר אַ בעסערע טעריטאָריע פֿאַר ייִדישע קאָלאָניסטן פֿון מיזרח־אייראָפּע איידער אַר־גענטינע, און פֿון אַ געשעפֿטלעכן אָדער פֿילאַנטראָפּישן שטאַנדפּונקט איז ער גרייט געווען אַ טראַכט צו טאָן וועגן שטיצן די פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע מאַ־טעריעל און פֿינאַנציעל. ער וואָלט גערן געוועזן, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט, צו זען דאָס הייליקע לאַנד און זיך באַקענען מיט די מיגלעכקייטן. נאָר קיין חשק איבער אַ נײַס צו מאַכן אַזיע פֿאַר זייער היים איז נישטאָ נישט בײַ אים און נישט בײַ דײַטשע ייִדן פֿון זײַן פֿיזישן און גײַסטיקן שניט. זיי ווילן לעבן און שטאַרבן פֿאַר דײַטשלאַנד ווי זייערע פֿאָטערס. זיי ריכטן זיך, אַז די פֿאַר־ענטפֿערונג פֿון דער ייִדישער פּראָבלעם וועט קומען פֿון אַן אַלגעמיינער פֿאַר־שטאַרקונג אינעם מאָראַלישן געפֿיל פֿון דער וועלט. אומקערן זיך צו אַ ייִדישער מלוכה איז בײַ זיי אַן אַנאַכראָניזם פֿון צוויי טויזנט יאָר.

---

[4] דאָרט גופֿא, 1, ז׳ 220.

נאָר פֿאַר וואָס זאָל מען מוזן אָפּלייגן די פֿאַרענטפֿערונג אויף עפּעס אַ לעתיד־לבֿוא? צי וואָלט נישט די קריסטיקונג פֿון ייִדן באַלד געבראַכט צו אַ פֿאַרבעסערונג אין די דײַטש־ייִדישע באַציִונגען? וואָס איז דער חסרון פֿון ליבעראַלן קריסטנטום, וואָס אַן אויפֿגעקלערטער ייִד ווי ראַטענוי קען דאָס נישט אָננעמען? אַזוי האָט בײַ אים געפֿרעגט קורט פֿאָן טריטשלער־פֿאַלקענשטיין, דער מחבר פֿון אַ בראָשור מיטן נאָמען: „די פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער ייִדן־פֿראַגע אין דײַטשן רײַך"[5]; דעם 26טן מאַרץ 1917 האָט ער צוגעשיקט ראַטענויען אַן עקזעמפּלאַר פֿון דער בראָשור און געבעטן אַ תּשובֿה. מיט אַ ווענדונג פֿון דעם זעלביקן כאַראַקטער האָט זיך מיט אַ 150 יאָר פֿריִער געהאַט געווענדט לאַפֿאַטער צו משה מענדלסאָנען. ווען ראַטענוי איז אַלט געווען 30 יאָר, האָט ער אַליין געהאַט אַרויסגעזאָגט ספֿקות, צי ס'איז כדאַי פֿאַר פּאַטריאָטישע דײַטשן פֿון ייִדישן אָפּשטאַם צו האַלטן זיך בײַ אַ רעליגיע וואָס איז נישט די רעליגיע פֿון דער דײַטשער מלוכה. איצטער, מיט צוויי צענדליק יאָר נאָך זײַן אַרטיקל „הער, ישׂראל!", האָט מען פֿון אים פֿאַרלאַנגט, ער זאָל אָדער אָננעמען דאָס קריסטנטום אָדער ער זאָל געבן צו פֿאַרשטיין, וואָס עס שטעקט אַזוינס אין משהס גלויבן, אַז עס זאָל לוינען פֿאַר אַ מאָדערנעם קולטורמענטש צו ברענגען דערפֿאַר קרבנות.

ראַטענוי האָט געענטפֿערט מיט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען Eine Streitschrift vom Glauben. ער לייקנט נישט, אַז רעליגיעס, ווי אַלע אַנדערע פֿאָרמען פֿון גײַסטיקן לעבן, האַלטן אין בײַטן זיך פֿון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט. ייִדישקייט איז תּחילת געווען אַן אמונה פֿון אַ שבֿט, דערנאָך אַ מלוכישע רעליגיע; אין מיטל־עלטער איז ייִדישקייט געווען אונטער דער שליטה פֿון סכאָלאַסטישער דאָגמאַטיק, אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט אויף איר משפּיע געווען דער ראַציאָנאַליסטישער דעיִזם, און אין נײַנצנטן — דער וויסנשאַפֿטלעכער קריטיציזם. אָבער נאָך אַלע איבערפֿורעמונגען האָט ייִדישקייט פֿאַרט אויפֿגעהיט געוויסע שטענדיקע שטריכן.

ראשית־כּל איז ייִדישקייט נישט קיין קלויסטער אַזוי ווי דאָס קריסטנטום. דאָס בית־הכּנסת בײַ ייִדן איז נאָר אַ שול, אָדער אַ הויז פֿון תּפֿילה, ווו עס קענען דורכגעפֿירט ווערן געוויסע צערעמאָניעס. נישטאָ קיין דין, אַז ייִדן מוזן גיין אין בית־הכּנסת. די בעלי־תּפֿילות זײַנען נישט קיין פּריסטערס, נאָר לערערס בײַ קהל. מען שטעלט זיי און מען קען זיי אָפּזאָגן. זיי קענען נישט אויסטײַטשן די אמונה, און נאָך ווינציקער דעם תּוכן פֿון דער אמונה, אויף אַזאַ אופֿן, אַז דאָס זאָל בינדן די גאַנצע עדה. אַפֿילו אַ כּנסיה פֿון אַלע רבנים האָט נישט אַזאַ מאַכט. די גײַסטיקע פֿירערס פֿון ישׂראל קענען נישט געבן אָדער צונעמען דאָס אייביקע לעבן. זיי קענען נישט נייטן צו פֿאָלגן דער אמונה. זיי קענען נישט נאָכקוקן. זיי קענען נישט באַשטראָפֿן. זיי קענען נישט אויס־

5Curt von Trützschler-Falkenstein, *Die Lösung der Judenfrage im Deutschen Reich.*

שליסן פון כלל־ישׂראל. אַ ייִד קען דאַווענען מיט קהל אויב ער וויל; נאָר ער ווערט נישט אויס ייִד, אויב ער טוט דאָס נישט. זײַנען טאָקע פאַראַן אַ היפּש ביסל געבילדעטע מענטשן וואָס פירן אַ ייִדיש־רעליגיעז לעבן און זײַנען קיין מאָל נישט אַרײַנגעגאַנגען אין קיין בית־הכּנסת. נישט מען שטראָפט זיי, נישט מען האָט צו זיי.

ווײַטער: אָט די רעליגיע אָן אַ קלויסטער איז אויך אַ רעליגיע אָן דאָגמעס. זי פאַראייניקט אירע מאמינים מיט איין איינציקן אני־מאמין, וואָס אין העבֿרעיִש שטעלט ער זיך צונויף אין גאַנצן פון פיר ווערטער: ה׳ אלהינו ה׳ אחד. די קאַנאָנישע ביכער פון אַלטן טעסטאַמענט, צונויפגענומען אין דער תּקופה פון עזראַן און נחמיהן, זײַנען געווען אַ חיובֿ פאַר דעם ארץ־ישׂראלדיקן קיבוץ. הײַנט האָבן זיי נישט אַזאַ מין אויטאָריטעט, און קיין שום רעליגיעזע קערפּערשאַפט קען נישט אויפשטעלן צוריק דעם טעאָקראַטישן רעזשים פון דער פּערסישער צײַט מיט אַלע זײַנע סאָציאַלע, יורידישע און סאַניטאַרע תּקנות. אויך האָבן נישט קיין בינדנדיקן כּוח די נבֿיאישע, היסטאָרישע און פּאָליטישע ביכער פונעם אַלטן טעסטאַמענט, און דאָס אייגענע די תּלמודישע ליטעראַטור פון די סכאָלאַסטיקער און די שפּעטערדיקע רעליגיעזע חיבורים און רבנישע פּסקים. זיי האָבן אַ מאָל געבראַכט טרייסט, גליק און האָפענונג; צער, מורא און ייִאוש. זיי זײַנען מענטשלעכע פּראָדוקטן. דער ייִד איז נישט מער געבונדן דורך די דאָזיקע טעקסטן ווי אַ געבילדעטער מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז געבונדן דורך די מיינונגען פון די פילאָסאָפן פון פאַרגאַנגענע צײַטן. עס קען זײַן ייִדישקייט אָן אַ גלויבן אין משיחן; אָן אַ גלויבן אין דער הייליקייט פון שבת; אָן אַ גלויבן אין דער אָפּשיידונג פון כּשר און טרפה.

ווען אַ ייִד זאָל אָננעמען קריסטנטום מיינט דאָס נישט נאָר, אַז ער מוז אָננעמען די לערעס פון קריסטוסן און די עוואַנגעליעס — דאָס זײַנען סוף־כּל־סוף שאַפונגען פון ייִדישן גײַסט וואָס מען מעג פון זיי נתפּעל ווערן — נאָר ער מוז אויך פאַרלאָזן אַ פרײַען קיבוץ גלייביקע און אַרײַנגיין אין אָן אָרגאַניזירטן קלויסטער אַרײַן, אין אַ מעכאַניזירטער פאָרם פון גלויבן מיט פּריסטערס, דאָגמעס, סאַקראַמענטן, בילדער, ליטורגיעס. ווײַטער מיינט דאָס, אַז ער מוז זיך אונטערגעבן אונטער אַ צוואַנג, אַז מען וועט אים נאָכקוקן. דאָס טויג נישט. מען וואָלט געדאַרפט ייִדן צוגעבן חשק, זיי זאָלן אַרײַננעמען קריסטוסן צווישן זייערע גײַסטיקע פירערס, פונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן געדאַרפט אַרײַננעמען ספּינאָזען. זיי וואָלטן געדאַרפט האַלטן טײַער דעם נײַעם טעסטאַמענט אַזוי ווי דעם אַלטן, אָבער זיי דאַרפן נישט אַרײַנגיין אין קאַטוילישן, פּראָטעסטאַנטישן אָדער ביזאַנטישן קלויסטער. דאָס דײַטשע פאָלק איז אַ צײַטיקער און געבילדעטער קיבוץ און עס וואָלט נישט געדאַרפט פאָדערן דווקא איינפאָרעמדיקייט אין רעליגיעזע ענינים. הגם דײַטשלאַנד וועט קיין מאָל נישט טאָלערירן קיין אַנאַרכיע אָדער הפקרות, האַלט אָבער דײַטשלאַנד יאָ, וואָס ווײַטער אַלץ מער, פון פרײַקייט, און זי דאַרף דעריבער זײַן טאָלעראַנט לגבי אַלע רע־

ליגיעזע פֿאָרמען וואָס זײַנען נישט אָפּשטויסנדיק פֿאַרן שׂכל און פֿאַר דער מאָראַל.

אין דײַטשלאַנד נאָך דער וועלט־מלחמה איז אָבער געוואַקסן גראָד די אומ־טאָלעראַנץ, און ראַטענוי איז געוואָרן דער ציל פֿון פֿאַרביסענער אַנטי־ייִדישער אַגיטאַציע. ער איז געוואָרן פֿאַר איר אַזוי ווי דער סימבאָל פֿון ייִדישער השפּעה אין פּאָליטיק און אינדוסטריע. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער שטייט בראָש פֿון די זקני־ציון און אַז אין דער מלחמה 1914־1918 האָט ער געאַרבעט פֿאַר דער מפּלה פֿון דײַטשלאַנד. ראַטענוי האָט זעלטן געענטפֿערט אויף די אָפּטע אָנפֿאַלן אין דער פּרעסע און געטאָן ווײַטער זײַן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט פֿאַר דער יונגער רעפּובליק. ווען מען האָט אים אין 1920 געבעטן באַטייליקן זיך אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט: ס'שטייט נישט אָן און ס'איז איבעריק. אָן אוממאָראַלישע באַוועגונג, האָט ער געהאַלטן, וואָס אַפּעלירט צו וווּלגאַרע לײַדנשאַפֿטן, קען אויף אַ צײַט אָנטאָן גרויס שאָדן, אָבער זי וועט מוזן אײַנגעבראָכן ווערן איבער איר אייגענער אינעווייניקסטער שלעכטסקייט אָן אָן אַרײַנמישונג פֿון דרויסן.

נאָר אייך מאָל אין די יאָרן נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אונטערגענומען אָפּצולייקענען די ראַסן־טעאָריעס וואָס זײַנען שפּעטער אין דריטן רײַך געוואָרן אַזאַ אָנגעלייגטע סחורה. זײַנער אַ גוטער פֿרײַנד האָט געגלייבט אין די דאָזיקע טעאָריעס, און ראַטענוי האָט אים געוואָלט ברענגען צום שׂכל: לייגט ער אויס פֿאַר אים זײַן קוק אין אַ בריוו און מאָטיווירט אַזוי:[9]

1. מען קען נישט צעטיילן די מאָדערנע אייראָפּעער אויף באַזיס פֿון ראַסנדיקע אונטערשיידן, וואָרעם די דאָזיקע אונטערשיידן — אַפֿילו אויב מען זאָל זיי שוין יאָ קענען דעפֿינירן — זײַנען לפֿי־ערך נישט וויכטיק לגבי די אונטערשיידן צווישן קלאַסן. אַ פּאָמערנער יונקער איז מער געגליכן צו אַן ענגלישן אָדער פֿראַנצייזישן אַריסטאָקראַט איידער צו אַ שלעזישן פּויער אָדער אַ בערלינער פּראָלעטאַריער. אַ ייִדישער קרעמער איז פֿיזיש און גײַסטיק שאַר־פֿער דיפֿערענצירט פֿון אַ ייִדישן פּאַטריציער איידער פֿון אַ קריסטלעכן קרעמער. די אײַנוווינער פֿון וועלטשטעט ווי ניו־יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז, בערלין איז גאָר שווער אונטערצושיידן צווישן אַנאַנד. דער ריינער נאָרדישער טיפּ איז אין דײַטשלאַנד אַ יקר־המציאות, און דאָרטן ווו ער האָט זיך יאָ אויפֿגעהיט, אַ שטייגער אין איסלאַנד, איז ער ווײַטער פֿונעם דורכשניטלעכן דײַטש איידער דער דורכשניטלעכער דײַטש פֿונעם דורכשניטלעכן ייִד.

2. אונטערשיידן אין דער גײַסטיקער סטרוקטור פֿון העכסט קולטורעלע יחידים לאָזן זיך נישט צוריקפֿירן צום אונטערשייד פֿון ראַסע. קאַנפֿוציוס האָט פּונקט אַזוי גוט געקענט זײַן אַ פֿראַנצויז. לאַאָ־טסע איז אַ נאָענטער קרובֿ פֿון

[9] וואַלטער ראַטענוי, בריוו. 2, זז' 129־132.

דער דײַטשער מיסטיק. פּלאַטאָן, אויגוסטינוס, ספּינאָזע וואָלטן זיך איינער דעם אַנדערן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. געטע האָט זיך געשפּירט צוגעבונדן צו ספּינאָזען מער ווי צו וועלכן עס איז אַנדער דענקער. דאָס אייגענע איז שייך צו לעסינגן. שאָפּענהויער און בודאַ זײַנען פון איין טייג געקנאָטן. די מערבֿדיקע נשמה איז טיף פאַרוואָרצלט אין קריסטוסן, אין פּוילוסן, אין יוחננען. דער מענטשלעכער גײַסט אין זײַנע פײַנסטע רעפּרעזענטאַנטן לייגט נישט קיין אַכט אויף היפּאָטעטישע אונטערשיידן פון בלוט.

3. ראַסנדיקע גאווה איז אַן אַבסורד. נאָר אויב אַרישע פאַנאַטיקערס ווילן דווקא זײַן העכער און לייקענען די שעפערישקייט פון יידן, איז זאָלן זיי וויסן זײַן, אַז קיין שום אַנדער פאָלק פון דער גרייס האָט נישט געהאַט אַזאַ דעצי־דירנדיקע השפעה אויף דער מענטשהייט. משה, ישעיה, קריסטוס, יוחנן, פּוי־לוס און, נעענטער צו אונדז, ספּינאָזע און מאַרקס זײַנען געווען וועגדפּונקטן אין דער גײַסטיקער וועלט־געשיכטע.

4. דער קאָליר פון די אויגן, פון דער הויט, פון די האָר איז נישט קיין קריטעריום פון העכערקייט. נאָר אויב עמעצער טענהט, אַז די בלאָנדע זײַנען דאָס אייבערשטע פון שטייסל, זאָל ער זיך דערמאָנען, אַז די פינף פיגורן פון אַ וועלטפּאַרנעם, וואָס זײַנען אויפגעשטאַנען אין די גערמאַנישע לענדער, זײַנען אַלע געווען טונקל. זייערע נעמען זײַנען לוטער, געטע, בעטהאָווען, רעמבראַנדט און שעקספּיר.

דאָס איז געווען ראַטענויס לאָגיק. זי האָט אָבער קיין האָפּט נישט געהאַט קעגן דער היציקער רעדנערקראַפט פון די אולטראַ־נאַציאָנאַליסטן. זיי האָבן אים געשטעמפּלט פאַר דעם יידן וואָס איז שולדיק אין דײַטשלאַנדס אומגליק אין האָבן אין געזאַנג און אין רייד גערופן אומצוברענגען אים, דעם אַרצי־פאַר־רעטער. אין 1922 איז ראַטענוי געווען מיניסטער פאַר אויסלענדישע ענינים. דעם פּאָסטן האָט ער געהאַט אַנגענומען אָן חשק. ווען ער האָט זיך סוף מײַ אומגעקערט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ אין גענוע, האָט זיך גע־שאַפן אַ פאַרשווערונג פון יונגע נאַציאָנאַליסטן מיטן ציל אים צו דערהרגענען. דעם 24טן יוני 1922 האָבן די פאַרשווערערס דערגרייכט זייער ציל. מיט האַנט־גראַנאַטן און קוילן־וואַרפערס האָבן זיי דורכגעלעכערט דעם האַרץ פונעם דײַטש־יידישן פּאַטריאָט וואָס האָט געשריבן סך־הכל מיט עטלעכע טעג פאַר זײַן טויט, אַז אַזאַ איז שוין זײַן גורל: צו זײַן תמיד גרייט אַראָפּצונעמען פון אַנדערע די משׂא וואָס דריקט זיי און אַליין פאַר זיך קיין זאַך נישט פאַרלאַנגען.

נאָך דעם ווי ראַטענוי איז געהרגעט געוואָרן, זײַנען געקומען האַרבע צײַטן פאַר דײַטשלאַנד. די פראַנצויזן האָבן פאַרנומען דעם רור־געגנט — ראַטענוי וואָלט אפשר דערצו נישט דערלאָזן דורך זײַן גוט באַוווסטער פּאָליטיק פון דורכ־קומען און פון האַלטן די אונטערגעשריבענע אָפּמאַכן. די דײַטשע וואַלוטע איז אײַנגעבראָכן געוואָרן, און דער מיטלקלאַס איז רויִנירט געוואָרן. דײַטשלאַנד איז

דערפֿירט געוואָרן ביזן ברעג פֿון תהום, און דאָס האָט צוגעאײַלט דעם אויפֿ־
שטײַג פֿון די אונטערגראָבערס וואָס האָבן סוף־כּל־סוף צעשטערט די רעפּובליק.
דער לעצטער גרויסער פּרוּוו פֿון אַ דײַטשן ייִד צו דינען זײַן געליבטן פֿאָטער־
לאַנד אין דער שעה פֿון גרויסער נויט האָט אַנטפּלעקט די טראַגעדיע וואָס האָט
געשטעקט אין דער דײַטש־ייִדישער דואַליטעט.

זשאַן־זשאַק רוסאָ וועגן ייִדן

אַן אַנאַליז פֿון אַן איבערגעלאָזענעם כּתבֿ־יד

פֿון פּראָפֿ׳ מ. לאַזערסאָן

אַזוי ווייניק האָבן מיר געטאָן צו קלײַבן דעם מאַטעריאַל וועגן דעם וואָס די גרעסטע דענקער און בויער פֿון דער וועלט־פּאָליטיק האָבן געטראַכט וועגן ייִדן, וועגן זייער מהות און וועגן זייער ראָלע אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט! דאָס איז נאָר אַ טיילפּראָבלעם פֿון אַ קומענדיקער ייִדישער פּאָליטישער וויסנשאַפֿט וועלכע דאַרף אויספֿאָרשן, וואָס פֿאַר אַ חלק דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געהאַט אין דער אַלוועלטלעכער פּאָליטישער אַנטוויקלונג און וואָס פֿאַר אַ כּוח שטעלט פֿאַר דאָס ייִדישע פֿאָלק כּלפּי חוץ און כּלפּי פּנים.

אַ וויכטיקע פּרשה אין דער דאָזיקער דיסציפּלין איז די אָפּשאַצונג וואָס די גרויסע פּאָליטישע מחברים און טוער האָבן געגעבן דעם ייִדישן פֿאָלק. ווײַל די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז איינער פֿון די פֿאַקטאָרן וועלכע באַשטימען אונדזער אָרט אין דער וועלט־פּאָליטיק און אין דער פּאָליטיק פֿון איינציקע לענדער און פֿעלקער.

עס איז באַוווּסט, אַז בעת דער גרויסער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע האָט זיך די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿאַרנומען מיט דער פֿראַגע, וואָס זײַנען ייִדן — אַ נאַציע אָדער אַ רעליגיעזער קיבוץ. די דאָזיקע פֿראַגע איז פֿאַר די דעפּוטאַטן נישט געווען קיין אַקאַדעמישע אָדער טעאָרעטישע, ווי דאָס קאָן זיך עמעצן אויסדוכטן. דער ליבעראַלער דעפּוטאַט קלערמאָן־טאָנער וועלכער איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון דער באַרימטער „דעקלאַראַציע פֿון רעכט פֿון מענטשן און בירגער״ האָט פֿאַרטיידיקט דאָס רעכט פֿון ייִדן צו ווערן פֿולע פּאָליטישע בירגער פֿון לאַנד. אין זײַן רעדע האָט ער אַגבֿ געזאָגט: „ייִדן ווי אַ נאַציע טאָרן קיין שום רעכט ניט האָבן, אָבער ייִדן ווי מענטשן מוז מען געבן אַלץ. זיי דאַרפֿן ווערן בירגער. עס זײַנען אָבער פֿאַראַן מיינונגען, אַז זיי גופֿא ווילן גאָרניט ווערן קיין בירגער. זאָלן זיי דאָס נאָר דערקלערן בפֿירוש. יעמאָלט וועלן מיר זיי אַרויסטרײַבן פֿון לאַנד, ווײַל עס טאָר נישט עקסיסטירן קיין נאַציע אין דער [פֿראַנצייזישער] נאַציע״. די פֿאַרשטייער פֿון די קלעריקאַלן (איבער הויפּט אַבאַט מאַרי) האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע אונטערשיידונג און זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז ייִדן זײַנען יאָ אַ נאַציע. דעריבער טאָר מען זיי ניט רודפֿן ווי מענטשן, אָבער זיי האָבן קיין שום רעכט נישט צו ווערן פֿול באַרעכטיקטע פֿראַנצייזישע בירגער. דער דעקרעט פֿון 28טן סעפּטעמבער 1791, וואָס האָט געגעבן די פֿראַנצייזישע ייִדן פֿולע פּאָ־

ליטישע רעכט, האָט געפֿאָדערט, אַז אין דער בירגער־שבֿועה װאָס ייִדן גיבן מוזן זײ זיך אָפּזאָגן פֿון אַלע פֿרײַערדיקע פּריװילעגיעס װאָס זײ האָבן געהאַט בעתן אַלטן רעזשים, ד״ה דאָס רעכט אויף באַזונדערע קהילות און אויטאָנאָמיע. אויך דער באַרימטער ייִדישער סנהדרין פֿון 1807, װעלכער איז צונויפֿגערופֿן געװאָרן פֿון נאַפּאָלעאָנען, האָט בפֿירוש דערקלערט, אַז ייִדן הערן אויף צו זײַן אַ באַזונדער נאַציע, און האָט באַגריסט זײער פֿרײַהייט. דער דאָזיקער סנהדרין האָט זיך געלאָזט פֿירן פֿון דער פֿאָרשטעלונג, אַז ייִדן װי אַ באַזונדער פֿאָלק האָבן נישט קיין זכות־הקיום.

אין דער שײַן פֿון די דערמאָנטע מחלוקתן איז אינטערעסאַנט אויפֿצוקלערן, װאָס ס׳האָט געטראַכט װעגן דעם דער נבֿיא און טעאָרעטישער באַגרינדער פֿון דער פֿראַנצײזישער רעװאָלוציע — זשאַן־זשאַק רוסאָ.

רוסאָ, װי אַ פּאָליטישער שריפֿטשטעלער פֿונעם 18טן יאָרהונדערט, האָט זיך גאַנץ אָפֿט באַנוצט מיט ציטאַטן פֿון תנ״ך און פֿון עװאַנגעליע אויף אַזוי װײַט, װי דאָס האָט געדאַרפֿט באַלויכטן זײַנע אײגענע געדאַנקען. װי אַלע שרײַבער פֿון יענער צײַט האָט ער ציטירט די רעליגיעזע מסורה װי היסטאָרישע פֿאַקטן, עס זעט זיך נישט בײַ אים קיין ספֿק װעגן דער עקסיסטענץ פֿון משהן װי אַ פֿירער און געזעץ־געבער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.[1] די לעגענדעס פֿון עװאַנגעליע װעגן קריסטוסן זײַנען פֿאַר אים פֿאַקטן. און אין אַ פּריװאַטבריװ צו זײַנעם אַ פֿרײַנד שרײַבט ער אַפֿילו װעגן דער ניי־דערטרעכטיקייט[2] פֿון ייִדן אין קריסטוסעס צײַטן. דער גרויסער רעװאָלוציאָנערער דענקער בלײַבט אין דעם פּרט אַ קינד פֿון זײַן סבֿיבֿה און עפּאָכע. אָבער אין זײַנע עיקרדיקע פּאָליטישע שריפֿטן איז רוסאָ קיין מאָל נישט אַרויסגעטראָטן קעגן ייִדן און זײער באַטייליקונג אין דער געשיכטע. ער האָט געהאַט צו ייִדן אַלגעמײנע טענות װי אַ הומאַניסט און ראַציאָנאַליסט. ער האָט אָנגעװיזן, אַז װי אַנדערע קלאַסישע פֿעלקער האָבן אויך ייִדן זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גשמיותדיקן גאָט[3] װי דעם בורא־עולם. רוסאָ האָט, װײַזט אויס, נישט געהאַט קיין גענויערע השׂגה װעגן דער ייִדישער אמונה, װי זי האָט זיך אַנטװיקלט אין דער געשיכטע. ער האָט נישט געװוּסט, אַז די ייִדישע רעליגיעזע פֿילאָסאָפֿיע האָט נאָך אין פֿרײַיִקן מיטל־עלטער אַנטװיקלט אַ מעכטיקע באַװעגונג קעגן די פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ גשמיותדיקן גאָט.

רוסאָ האָט פֿון ייִדישע דענקער געקענט נאָר ברוך ספּינאָזען. אים ציטירט ער אַפֿילו. אָבער ער האָט ניט געװוּסט, אַז מיט הונדערטער יאָרן

[1] צו פֿאַרגלײַכן למשל די הקדמה צום באַרימטן טראַקטאַט װעגן „דער אומגלײַכקייט צװישן מענטשן״, װוּ ער רעדט פֿון אָדם הראשון און פֿון די צײַטן פֿאַרן מבול װי פֿון אַ היסטאָרישער סטאַדיע פֿון אַ „נאַטור־צושטאַנד״.

[2] Bassesse.

[3] Dieu corporel.

פריער פאַר ספּינאָזען איז דער רמב״ם אַרויס מיטן טעזיס, אַז „גאָט איז ניט קיין קערפּער און אים קענען נישט משׂיג זײַן די וואָס זײַנען נאָר משׂיג דעם קערפּער ממש און צו גאָט איז נישט פֿאַראַן קיין שום גלײַכעניש״. אויך האָט ער נישט געוווסט, אַז דער דאָזיקער טעזיס איז אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין דער טעגלעכער תּפֿילה.

רוסאָ רעדט וועגן דער טאָלעראַנץ וואָס ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן צו פֿרעמדע געטער (מיינענדיק די תּקופֿה פֿון ייִדישער פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט) און ער זאָגט, אַז נאָר די שפּעטערדיקע רדיפֿות און רעליגיעזע אונטערדריקונג האָבן זיי געמאַכט אומטאָלעראַנט. ער ווײַזט פֿון דער אַנדער זײַט אָן, אַז דער הויפּט־ענין פֿון דער ייִדישער געזעץ־געבונג איז רעליגיע. אין דעם פּרט איז רוסאָ זייער ווײַט פֿון אַ מאָדערנעם קוק אויף ייִדן ווי אַ פֿאָלק. פּונקט אַזוי ווי אַלע איבעריקע דענקער פֿון יענער צײַט זעט אויך רוסאָ נישט הינטער דעם גרויסן שאַפֿונגסווערק פֿון דעם ייִדישן תּנ״ך דעם לעבעדיקן היסטאָרישן גורל פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

אַ לאַנגע צײַט האָט מען נישט געוווּסט, אַז רוסאָ זאָל האָבן וואָס נישט איז אָנגעשריבן וועגן ייִדן, אַחוץ איינציקע זאַצן אין זײַנע הויפּטווערק און רמזים אין בריוו. אין זײַנע הויפּטווערק געפֿינט מען נישט זעלטן וויכטיקע באַמערקונגען און פֿאַרגלײַכן וואָס פֿאַררופֿן זיך אויף ייִדן. אָבער דעם איינציקן געבונדענעם טעקסט וואָס איז אַ פּרווו צו כאַראַקטעריזירן דעם עצם מהות און די ספּעציפֿישקייט פֿון ייִדן האָט מען געפֿונען לאַנג נאָך רוסאָס טויט אין זײַן איבערגעבליבענער ליטעראַרישער ירושה. דאָס זײַנען צוויי פֿראַגמענטן. איינער, אַ גרעסערער, איז געשריבן אין דעם לאַקאָנישן און געהויבענעם סטיל פֿון „סאָציאַלן קאָנטראַקט״ און אַנדערע פּאָליטישע שריפֿטן; דער צווייטער, גאָר אַ קליינער פֿראַגמענט, איז גיכער אַ קורצער דראַמאַטיזירטער דיאַלאָג וועגן משהן ווי דער געזעץ־געבער און גײַסטיקער פֿירער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

דער ערשטער דאָקומענט איז אַ געקירצטער און ניט־פֿאַרענדיקטער פּאָליטישער עסיי וועלכן ס׳איז שווער איבערצוגעבן אין אַן איבערזעצונג. דער צווייטער איז אָנגעשריבן אין אַ האַלב בעלעטריסטישער, האַלב וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרם וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר רוסאָס פּעדאַגאָגישע און עטישע שריפֿטן, ווי זײַן „ווידוי״, „עלאָיִזע״ און אַנדערע.

די בײדע מאַנוסקריפּטן, וואָס מען קען קוקן אויף זיי ווי אויף צוויי טיילן פֿון איין חיבור, זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ פֿולער אויסגאַבע פֿון די פּאָליטישע שריפֿטן פֿון רוסאָ ערשט אין יאָר 1915 פֿון דעם באַרימטן ענגלישן רוסאָ־פֿאָרשער וואָהן[4] אין צוויי גרויסע בענד. בײדע כּתבֿ־ידן געפֿינען זיך אין דער שווייץ אין נעווישאַטעל, און זײַנען רעגיסטרירט

---

[4]*The Political Writings of J. J. Rousseau*, with introduction of C. E. Vaughan, Cambridge, 1915

אין דער דאָרטיקער ביבליאָטעק אונטערן נומער 7843; דער ערשטער פּראָג־מענט פאַרנעמט זז' 8־9, דער צווייטער שטייט אויף ז' 21. אַלע פּאָליטישע שריפטן פון רוסאָען האָט וואָהן געבראַכט אין פראַנצייזישן אָריגינאַל, און נאָר דער גרויסער באַלײַכטנדיקער אַרײַנפיר און אַ גרויסע צאָל קריטישע באַמערקונגען זײַנען געגעבן געוואָרן אויף ענגליש. איך ברענג דאָ אַן איבערזעצונג פֿונעם פראַנצייזישן אָריגינאַל אין ייִדיש, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז די דאָזיקע שורות וועגן ייִדן פֿונעם באַרימטן פּאָליטישן דענקער דערזעען צום ערשטן מאָל די וועלט אין זייער ייִדישן לבֿוש.

I

וועגן ייִדן

זאָל זײַן, אַז אין די גאַנץ אַלטע צײַטן האָבן מענטשן נישט געקענט זען, וואָס עס געפינט זיך איבער זייערע קעפּ, ווײַל זיי זײַנען נאָך געווען צו נאָענט צו זייער בראשית, זאָל זײַן, אַז די ווייניקער פאַרשפּרייטע טראַדיציעס זײַנען נעלם געוואָרן אין אַ פֿולקומער פאַרגעסעניש, אָבער מען זעט נישט מער אַזוי ווי אין אַמאָליקע צײַטן, אַז פֿעלקער זאָלן זיך באַרימען, אַז זיי זײַנען אײַנגעבאָרענע אמתע קינדער פון דער ערד אָדער פון דעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט. די אָפטע רעוואָלוציעס פון דער מענטשהייט האָבן אין אַזאַ מאָס פאַרביטן און צעמישט די פֿעלקער, אַז קיין איין פֿאָלק אין דער וועלט — אפשר אחוץ אַפריקע — קען זיך נישט באַרימען, אַז ס'שטאַמט פון דעם לאַנד וואָס באַלאַנגט צו אים. אין דעם צעמיש פון דעם מענטשלעכן מין האָבן אַזוי פֿיל ראַסעס, איינע נאָך דער אַנדערער, זיך באַזעצט אויף די זעלביקע ערטער און האָבן זיך איינע די אַנדערע אָפּגעוירשנט און צעמישט, אַז מען קען מער די דאָזיקע ראַסעס נישט אונטערשיידן, און די פאַרשיידענע נעמען פון די פֿעלקער באַצייכענען נאָר די ערטער וווּ זיי האָבן געלעבט...

אָבער עס איז אַן אויסטערליש און באמת אַן איין־און־איינציק בילד צו זען אַ פֿאָלק וואָס האָט נישט מער קיין פֿאָטערלאַנד, וואָס האָט נישט קיין אָרט און קיין באָדן כּמעט זינט צוויי טויזנט יאָר; אַ פֿאָלק, אויף וועמען פרעמדע זײַנען אָנגעפאַלן נאָך פרײַער ווי פֿאַר אָט דער צײַט און וואָס האָט אפשר נישט קיין איינציקן שפּראָץ פון די פרײַערדיקע ראַסעס; אַ צעזייט פֿאָלק, צעשפּרייט איבער דער ערד, פֿאַרשקלאַפט, געטרודפּט, נישט־דערשאַצט פון אַלע פֿעלקער, אַזאַ פֿאָלק זאָל אויפהיטן, נישט קוקנדיק אויף אַלץ, זײַנע מנהגים, זײַנע געזעצן, זײַן שטייגער, זײַן פּאַטריאָטישע ליבע און זײַן ערשטע סאָציאַלע באַהעפטונג, בשעת דוכט זיך אַלע בינדונגען זײַנען געוואָרן איבערגעריסן.

ייִדן זײַנען עס די וואָס גיבן אונדז דאָס דראַמאַטיש־פּלעפּנדיקע בילד. די געזעצן פֿון סאָלאָן, פֿון נומאַ, פֿון ליקורגאָס זײַנען טויט. משהס געזעצן לעבן אייביק, הגם זיי זײַנען אַ סך עלטער. אַטען, ספּאַרטע, רוים זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיק זייערע קינדער אויף דער וועלט. די צעשטערטע ציון האָט נישט פֿאַרלאָרן אירע קינדער. זיי האָבן זיך אויפֿגעהיט, זיי פּרוכפּערן זיך, זיי פֿאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער וועלט. זיי מישן זיך צווישן אַלע פֿעלקער און בלײַבן שטענדיק אַ פֿאָלק; זיי האָבן נישט מער קיין פֿאָטערלאַנד און זײַנען שטענדיק בירגער.

וואָס פֿאַר אַ כּוח דאַרף האָבן אַ געזעץ־געבונג, כּדי צו באַווײַזן אַזוינע נסים; אַ כּוח וואָס איז ביכולת זיך אַנטקעגנצושטעלן אַקעגן אײַננעמונגען, וואַגלענישן, רעוואָלוציעס, יאָרהונדערטער; ביכולת איבערצולעבן מנהגים, געזעצן און די ממשלה פֿון אַלע פֿעלקער; אַ כּוח ענדלעך, וואָס זאָגט צו דורך די נסיונות וואָס ער איז בײַגעשטאַנען בײַצושטיין אַלע ווײַטערדיקע, גובֿר צו זײַן די אומבאַשטענדיקייט פֿון מענטשלעכן אויפֿטו און צו געדויערן אַזוי לאַנג ווי די גאַנצע וועלט!

פֿון אַלע סיסטעמען פֿון געזעץ־געבונג וואָס זײַנען אונדז באַוווּסט זײַנען עטלעכע די באַשעפֿענישן פֿון שׂכל, וואָס ס׳איז אַ ספֿק, צי זיי זײַנען ממשותדיק, אַנדערע ווידער האָבן געדויערט נישט לענגער ווי אַ פּאָר יאָרהונדערטער, אַנדערע ווידער זײַנען פֿאַראַן, וואָס האָבן אַפֿילו נישט אויפֿגעשטעלט קיין איין איינציקע געאָרדנטע מלוכה. נישט איינע, אַחוץ אָט דער געזעץ־געבונג, איז נישט געפּרוּווט געוואָרן מיט אַלע נסיונות און האָט נישט געקענט זיי בײַשטיין און באַזיגן. דער ייִד און דער קריסט האָבן מסכּים געווען צו דערזען אין דעם דעם אצבע אלהים, וואָס לויט איינעם שטיצט ער זײַן פֿאָלק און לויט דעם אַנדערן שטראָפֿט ער עס. אָבער יעטווידער מענטש, וואָס ער זאָל נישט זײַן , דאַרף דערין זען אַ וווּנדערלעכע איינמאָליקייט, וואָס אירע געטלעכע אָדער מענטשלעכע סיבות פֿאַרדינען נאַטירלעך אויסגעפֿאָרשט און באַוווּנדערט צו ווערן פֿון מבֿינים, — אַ סך מער ווי די אַלע שיינע מעלות וואָס גריכנלאַנד און רוים האָבן אונדז געוויזן אין פּרט פֿון פּאָליטישע אינסטיטוציעס און הומאַנע מוסדות.

II

„וואָס טוסטו צווישן אונדז, אַ ייִד [משה] ? איך זע דיך דאָ מיט פֿאַרגעניגן. אָבער ווי קען דיר דאָ געפֿעלן ? . . . פֿאַר וואָס ביסטו נישט געבליבן מיט די דײַניקע ?"

„דו האָסט אַ טעות, איך געפֿין זיך צווישן מײַנע. אויף ד ע ר וועלט האָב איך געלעבט עלנט. ליקורגאָס, סאָלאָן און נומאַ זײַנען מײַנע ברידער. איך וועל גיין זיך באַהעפֿטן צו מײַן משפּחה. איך גיי סוף־כּל־סוף צו געניסן די זיסקייט פֿון אַ שמועס מיט די וואָס זײַנען מײַנס

גלײַכן. צווישן אײַך, מײַנע באַרימטע פֿרײַנד, וועל איך אַ מאָל האָבן הנאה פֿון זיך."

"דו האָסט געביטן דײַן טאָן, דײַנע געפֿילן און אידעעס (אַז דו האָסט געלעבט, האָסטו גערעדט גאָר אַנדערש)."

"איך האָב געשאַפֿן אַ פֿאָלק און האָב ניט געקענט שאַפֿן קיין מענטשן."

***

דער ערשטער פֿראַגמענט איז, פֿון דעם מאָדערנעם שטאַנדפּונקט, נישט אַזוי אָריגינעל. אָבער מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן, אַז דאָס איז אָנגעשריבן געוואָרן נאָך ביז דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע. אין יענער צײַט זײַנען דאָס געווען זייער אָריגינעלע געדאַנקען. מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז אין יעמאָלטיקן פֿראַנקרײַך פֿונעם אַלטן רעזשים האָבן ייִדן נישט געהאַט קיין בירגעררעכט. זיי האָבן געלעבט אין פֿראַנקרײַך אין צוויי גרופּעס וועלכע זײַנען קולטורעל און נאַציאָנאַל געשטאַנען זייער ווײַט איינע פֿון די אַנדערע: 1) די אַלטע גרופּע ספֿרדישע ייִדן אין דרום־פֿראַנקרײַך, דער עיקר אין באָרדאָ און 2) די אַשכּנזישע גרופּע וואָס האָט געלעבט אין דעם פֿראַנצייזישן תּחום־המושבֿ אין עלזאַס און לאָטרינגען. זיי זײַנען געווען ס׳רובֿ שטאָטישע עלעמענטן, סוחרים; אָבער געווען אויך אַ גרויסע צאָל דאָרפֿישע ייִדן, אויף וועמען דאָס פּויערטום האָט געקוקט ווי אויף עקספּלואַטאַטאָרן און פּראָצענטניקעס. נאָך אין די ערשטע יאָרן פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, 1789־1791, זײַנען פֿאָרגעקומען אין עלזאַס פּאָגראָמען נישט נאָר אויף פּריצים, נאָר אויך אויף די אָרטיקע ייִדן.

בשעת רוסאָ האָט געשריבן זײַן פֿראַגמענט, האָט ער נישט אין זינען געהאַט די פֿאַקטישע לאַגע פֿון פֿראַנצייזישן ייִדנטום. אים האָט אינטערעסירט דער עצם פֿאַקט פֿון דער לאַנגער היסטאָרישער עקסיסטענץ פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, אין וועלכן ער האָט איינער פֿון די ערשטע אין דער וועלט־פּאָליטישער ליטעראַטור דערזען אַ פֿאָלק. אין 1940 איז פֿאַר אונדז נישט קיין נײַס, ווען מיר הערן, אַז מען קוקט אויף ייִדן ווי אויף אַ פֿאָלק. דאָס ייִדנטום פֿון מיזרח־אייראָפּע און טיילווײַז פֿון אַמעריקע האָט אַרויסגעוויזן זײַן רצון צו אַ נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ דורך דעם וואָס ס׳האָט זיך געשאַפֿן אַ ייִדישע ליטעראַטור, אַ שולוועזן, פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. און פֿון דעסט וועגן לאָמיר נישט פֿאַרגעסן, אַז נאָך זייער לאַנג נאָך רוסאָס צײַטן האָבן ייִדן אַליין גענוג אָפֿט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען קוקט אויף זיי ווי אויף אַ "נאַציע"; אַפֿילו נאָך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. גענוג צו דערמאָנען נאָר צוויי כאַראַקטעריסטישע פֿאַלן. אַרום 1902־1904 איז דעם "בונד" אויסגעקומען צו קעמפֿן אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קעגן דער פּאָזיציע פֿון די ייִדישע "איסקראָווצעס", בראש מיטן ייִדן פּ. אַקסעלראָד, וואָס האָבן געהאַלטן שטאָל און אײַזן, אַז בכלל איז נישטאָ אויף

דער וועלט קיין ייִדישע נאַציע. דאָס זעלביקע האָט שפּעטער געטענהט דער באַרימטער אָטאָ בויער. און נאָך אין 1928 האָט דער „צענטראַל־פֿעריין דויטשער שטאַטסבירגער ייִדישן גלויבענס" שאַרף „פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען פֿאַררעכנט ייִדן פֿאַר אַ באַזונדער פֿאָלק. זיי זײַנען דאָס נישט, זיי געהערן צום דײַטשן פֿאָלק."

פֿאַר רוסאָ, דעם פּאָליטישן דענקער, איז גענוג געווען זיך נאָר צוצורירן צו דער דאָזיקער טעמע, האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס עס האָט נישט פֿאַרשטאַנען דער קאַטוילישער קלויסטער און די פֿראַנצייזישע מלוכה און וואָס ס'האָט נישט געקענט פֿאַרשטיין איינער פֿון די פֿײַערדיקע פּאַרטיידיקער פֿון ייִדישע רעכט אין דער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, דעפּוטאַט קלער־מאָן־טאָנער.

אָנהייבנדיק זײַן פֿראַגמענט — וועלכער האָט געדאַרפֿט ווערן, בלי שום ספֿק, אויסגעברייטערט אין אַ באַזונדערער אַרבעט — האָט רוסאָ געהאַט אין זינען פּאָליטישע, יורידישע און סאָציאַלע סיבות פֿון דער לאַנגלעביקייט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק. פֿאַר רוסאָען איז לכתּחילה קלאָר געווען, אַז ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק וואָס בלײַבט באַשטיין אָן אָן אייגענעם באָדן, וואָס „בלײַבן שטענדיק בירגער" פֿון אַ נישט־עקסיסטירנדיקן פֿאָטערלאַנד.

די דאָזיקע פּראָבלעם איז פֿאַר רוסאָען געשטאַנען אומאָפּהענגיק פֿון זײַן באַציִונג אָדער זײַנע געפֿילן צו ייִדן. פֿון ביידע פֿראַגמענטן זעט דער לייענער, אַז רוסאָ באַציט זיך צום ייִדישן פֿאָלק מיט סימפּאַטיע און אפֿשר נאָך מער ווי דאָס: מיט אַ יראת־הכּבֿוד צו אַ פֿאָלק וואָס איז אָן די אָנגענומענע סימנים פֿון אַ נאָרמאַלן נאַציאָנאַלן קיבוץ מסוגל צו עקסיסטירן און צו „געדויערן אַזוי לאַנג ווי די גאַנצע וועלט". אָבער נישט די באַגײַסטערונג פֿאַר ייִדן, וואָס שײַנט דורך אין יעדער שורה, איז פֿון אַ וויסנשאַפֿטלעכן אינטערעס.

דער דאָזיקער אינטערעס ליגט אין דעם אויספֿאָרשן די סיבות פֿון דער ייִדישער ספּעציפֿישקייט און לאַנגלעביקייט. אַנאַליזירנדיק דעם דאָזיקן פּונקט טאָר מען קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז אין דער פּערזאָן פֿון רוסאָ דעם פֿאָרשער טרעפֿן זיך צונויף דער פּאָליטיקער, דער פּעדאַגאָג און דער סאָציאָלאָג. אין זײַן וויכטיקן פּאָליטישן טראַקטאַט „דער סאָציאַלער קאָנטראַקט אָדער די פּרינציפּן פֿון עפֿנטלעכן רעכט" ברענגט רוסאָ דעם בײַשפּיל פֿון ייִדן און שטעלט זיך אָפּ אויף משה דעם געזעץ־געבער. ייִדן פֿיגורירן אויך אין זײַן „ווידוי" און „עלאָיִזע" — פּעדאַגאָגישע ווערק; ייִדן באַווײַזן זיך אויך אין זײַן באַרימטן סאָציאָלאָגישן טראַקטאַט „וועגן די סיבות פֿונעם אויפֿקום פֿון אומגלײַכקייט צווישן מענטשן" — אַ פֿונדאַמענטאַלע סאָציאָלאָגישע אַרבעט. און פּונקט אַזוי ווי די ערשטע אַרבעט האָט באַפֿרוכפּערט די גאַנצע פּאָליטישע ליטעראַטור פֿון סוף אַכצנטן און נײַנצנטן יאָרהונדערט אין האָט אַפֿילו געהאָלפֿן שאַפֿן די וויכטיקסטע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס

אַנהייבנדיק פֿון דער אַמעריקאַנער און פֿראַנצייזישער, פּונקט אַזוי זײַנען אויך די איבעריקע אַרבעטן געוואָרן דער אַרײַנפֿיר צו דער הײַנטיקער פּע־דאַגאָגיק און סאָציאָלאָגיע.

אָט אין די אַלע אַרבעטן קען רוסאָ נישט פּטור ווערן פֿון דער פּראָבלעם: „אייביק ייִדיש פֿאָלק". די פֿיגור פֿון דעם אייביקן לײַדנדיקן ייִדישן יחיד — אַהאַסווערוס — איז געשטאַנען אין דער קריסטלעכער וועלט נאָך לאַנג פֿאַר רוסאָען. אָבער בײַ אים איז די דאָזיקע פֿיגור פֿון מענטשלעכן פּער־זענלעכן לײַדן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלעקטיווער נאַציאָנאַלער פּראָב־לעם פֿון געשיכטע, פּאָליטיק און סאָציאָלאָגיע.

אין זײַן ערשטן פֿראַגמענט גייט נישט רוסאָ אַ סך ווײַטער ווי דאָס וואָס ער האָט שוין אַליין אַרויסגעפֿונען אין זײַנע פּאָליטישע שריפֿטן. דאָס איז קודם־כּל די ראָלע פֿון משהן ווי דער שעפֿערישער גרונטשטיין־לייגער פֿון דער ייִדישער נאַציע אין זײַן פֿונקציע פֿון אַ געזעץ־געבער.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר רוסאָס „וועלטלעכקייט", וואָס ער מײַדט אויס צו ריידן אַ סך וועגן משהס רעליגיעזן אויפֿטו. בײַ אים איז משה קודם־כּל דער שאַפֿער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, אַן ערך אין דעם זינען ווי סאָלאָן און ליקורגאָס אָדער נומאַ האָבן געקליבן און אָרגאַניזירט די צוויי אַנדערע קלאַ־סישע פֿעלקער: די גריכן און די רוימער. דעריבער פֿיגורירט משה איןביידע פֿראַגמענטן אין איין פֿלאַך מיט אָט די דרײַ אַנדערע פֿאָלקס־בויענדיקע געזעץ־געבערס.

אָבער אין דעם צווייטן פֿראַגמענט, דעם דיאַלאָג, לייגט רוסאָ אַרײַן משהן אין מויל אַזוינע אויסלאָז־ווערטער: „איך האָב געשאַפֿן אַ פֿאָלק און האָב נישט געקענט שאַפֿן קיין מענטשן". אין דער קורצער פֿראַזע איז פֿאַרבאַהאַלטן אַ פּאָליטישער וועלטבאַנעם פֿון רוסאָען, מיט וועלכן ער איז צוגעגאַנגען אויך צו אַנאַליזירן משהן ווי דעם פֿירער און באַשאַפֿער פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. פֿון זײַן „סאָציאַלן קאָנטראַקט" ווייסן מיר, אַז רוסאָ האָט שטענדיק געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן דעם מענטשן סתם און דעם בירגער. די דאָזיקע אונטערשיידונג איז אויך שפּעטער אַרײַן אין דער פֿראַנצייזישער „דעקלאַראַציע פֿון די רעכט פֿון מענטשן און בירגער" אין 1789. בײַ רוסאָען געפֿינען מיר די אונטערשיידונג צווישן דעם „רצון פֿון אַלע"[5] און דעם „אַל־געמיינעם רצון".[6] דער ערשטער רצון איז נאָר אַ רצון פֿון יחידים, און די סומע פֿון די איינציקע ווילנס שאַפֿט נישט פֿון זיך קיין שום גאַנצהייט. אויף דעם קען מען נישט בויען דעם קיום פֿון אַ פֿאָלק. דער דאָזיקער קיום קען געבויט ווערן נאָר אויף דעם אַלגעמיינעם רצון, וואָס ער איז נישט די אַריט־מעטישע סומע פֿון אינדיווידועלע שטרעבונגען, נאָר לגמרי עפּעס אַנדערש, דאָס איז דער רצון פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק צו בויען זײַן פּאָליטיש כּלל־לעבן.

[5]volonté de tous.
[6]volonté générale.

די דאָזיקע אונטערשיידונג פון פריוואַטן מענטש און פּאָליטישן מענטש אָדער בירגער האָט אויך אָנגעזאָפּט אין דער פּראָ.צייז־שעיר באַציאָנאַל־פּאַר־זאַמלונג די חילוקי־דעות צווישן די פריינד און קעגנער פון ייִדן, ווי מיר האָבן דאָס געזען פריער. דער דאָזיקער חילוק איז געווען דער „שבולת״ פון יענער תקופה.

דעריבער, אויב משה זאָגט ביי רוסאָען: „איך האָב געשאַפן אַ פאָלק און האָב נישט געקענט שאַפן קיין מענטשן״, הייסט דאָס, אַז משה האָט געשאַפן די פּאָליטישע עקסיסטענץ פונעם ייִדישן פאָלק, ער האָט אָבער נישט געזאָרגט וועגן יעדער איינציקן יחיד. דערמיט ווערט אונטערגעשטראָכן משהס אויפטו לשבח. און אין אַ געוויסער מאָס ווערט דאָ משה אַנטקעגנ־געשטעלט קריסטוסן, וואָס ער האָט נישט געזאָרגט וועגן דעם פּאָליטישן קיום פון זיין פאָלק, נאָר וועגן דער מאָראַלישער אויסבעסערונג פון יעט־ווידער מענטשן. אין זיין „קאָנטראַקט״ ווייזט רוסאָ אויף, אַז דאָס קריסטנטום האָט אָפּגעשוואַכט די בירגערלעכע געפילן און האָט געשעדיקט די מלוכה, אַז דאָס קריסטנטום ווי אַ קלויסטערישע רעליגיע איז סותר די מלוכה.

רוסאָ האָט אין דעם פּרט געהאַלטן, אַז די געצן־דינערישע רעליגיעס, און פון די מאָנאָטעיִסטישע אמונות נאָר די ייִדישע, זיינען געווען אמת נאַציאָנאַל און זיינען געשטאַנען פּאָזיטיוו צו דער מלוכה, בשעת ווען די קריסטלעכע קלויסטערס, און איבער הויפּט דער קאַטוילישער, זיינען שונאים פון יעטווידער מלוכה.

מיט דעם איינשטעל פון רוסאָען דערקלערט זיך אויך דער איבעריקער אינהאַלט פונעם צווייטן פראַגמענט. משה זאָגט, אַז אויף דער וועלט, ד״ה צייט זיין לעבן צווישן ייִדן, איז ער געווען עלנט; נישט געווען קיין צוויי־טער וואָס זאָל זיין געווען זיינס גלייכן אין זיין גיגאַנטישער אויפבוי־אַרבעט לטובת אַ פאָלק וואָס האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן פון יחידישע נאָמאַדן און שקלאַפן אין אַ פּאָליטישער גאַנצהייט. אין דער ייִדישער טראַדיציע איז אויך פאַראַן אַ פאַרשטעלונג פון משהס טיפער עלנטקייט און אויסשליס־לעכער געניאַלקייט: „לא קם בישראל כמשה עוד״ („נישט אויפגעשטאַנען צווישן ייִדן אַ גלייכער צו משהן״). און אַזוי ווי ביי זיין לעבן האָט ער נישט געהאַט זיינס גלייכן, האָט ער זיך נאָך זיין טויט באַהאַלטן צו ליקור־גאָסן, סאָלאָנען און נומאַן, מיט זיי געפינט ער אַ שותפישע שפּראַך, ווייל זיי האָבן געטאָן פאַר זייערע פעלקער דאָס וואָס משה האָט געטאָן פאַרן ייִדישן פאָלק. אַ וווּנדערלעכע טעמע פאַר אַ נאָך נישט אָנגעשריבענער דראַמע. מיר דוכט, אַז רוסאָ האָט געפילט די גאַנצע טראַגישע טיפקייט פון משהס אַליינקייט.

קען זיין, אַז אויב רוסאָ וואָלט געהאַט די מיגלעכקייט נעענטער צוצוגיין צו דער ייִדישער געשיכטע אַזוי ווי ער איז צוגעגאַנגען צו פּאָליטישע פּראָב־לעמען פון אַנדערע פרעמדע פעלקער, ווי למשל פּאָליאַקן, קאָרסיקאַנער

אַזז״וו, וואָלטן מיר אָנשטאָט אַ קורצן פֿראַגמענט געהאַט אַן אויסשעפּנדיקן טראַקטאַט.

לכל־הפחות האָט רוסאָ געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, צי זײַנען ייִדן אַ רעליגיעזע סעקטע אָדער אַ פֿאָלק, מיט אַ קלאָרן ענטפֿער: „ייִדן זײַנען יאָ אַ פֿאָלק״, און אַ מערקווערדיק פֿאָלק וואָס האָט באַוויזן, אַז עס קען האָבן אַ תּקומה אָן די נאָרמאַלע תּנאים פֿון אַנדערע טעריטאָריאַלע פֿעלקער.

ער האָט נישט געקענט וויסן, אַז זײַן אַרגומענטאַציע וועט קענען עטלעכע יאָר נאָך זײַן טויט אויסגענוצט ווערן קעגן דער גלײַך־באַרעכטיקונג פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן. עס איז קלאָר פֿון זײַן גאַנצער באַגײַסטערטער טאָלע־ראַנץ־דאָקטרין, אַז ער וואָלט קיין מאָל נישט געווען קעגן די פּאָליטישע רעכט פֿון ייִדן, אויב אַפֿילו זיי זײַנען אַ נאַציע פֿון אַ באַזונדערן טיפּ. אָבער דאָס איז דער געוויינטלעכער גורל פֿון פּאָליטישע דאָקטרינען: אינעם פּראַק־טישן פּאָליטישן קאַמף ווערן זיי אָפֿט וווּלגאַריזירט אָדער געבראַכט צו אַזאַ מין פּשטות, אַז דער מחבר אַליין דאַרף זיך אָפֿט אָפּטרייסלען פֿון זײַנע תּלמידים, חסידים און נאָכלויפֿערס.

די באַוווסטזיניקע און אומבאַוווסטזיניקע רוסאָיִסטן זײַנען געגאַנגען מיטן גאַנג, אַז די נאַציע וואָס איז פֿאַראייניקט אין איר אַלגעמיינעם רצון קען נישט דולדן קיין באַזונדערע אָפּגעזונדערטע קערפּערשאַפֿטן און גרופּעס. אין אַזאַ סעפּאַרירונג האָט מען יעמאָלט געזען אַ סתּירה צו דער נײַער דעמאָקראַ־טישער מלוכה, אין וועלכער ס׳טאָר נישט עקסיסטירן קיין שום מחיצה צווישן דעם איינציקן בירגער און דער אייבערשטער מאַכט פֿון דער סוווערענער מלוכה. דער צענטראַליסטישער כאַראַקטער פֿון דער נײַער דעמאָקראַטיע האָט נישט געוואָלט לײַדן קיין שום באַזונדערע אַסאָציאַציעס, זיי זײַנען געווען פֿאַרדעכטיק ווי נעסטן פֿון דעם באַזיגטן פֿעאָדאַליזם.

מיר זעען, אַז דער באַשעפֿער פֿון דעם „סאָציאַלן קאָנטראַקט״ און פֿון די צוויי פֿראַגמענטן וועגן ייִדן איז געווען אַ באַגײַסטערטער פֿרײַנד און באַוווּנדערער פֿון ייִדישן פֿאָלק, אָבער זײַן תּורה וועגן פֿאָלקס־סוווערעניטעט האָט געקענט געבן אין די הענט פֿון ייִדישע קעגנער אַ כּלי־זין קעגן ייִדישע קאָלעקטיווע רעכט אויף אַן אייגענעם אויטאָנאָמען שטייגער לעבן. מערניט ווען די דעמאָקראַטישע מלוכה איז אַרויסגעוואַקסן פֿון אירע ווינדעלעך און האָט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו אָנערקענען אויך ברייטע „אַסאָ־ציאַציעס״ פֿון אירע בירגער, אָנגעהויבן מיט רעליגיעזע קהילות און קאָנ־גרעגאַציעס און ענדיקנדיק מיט יוניאָנס פֿון אַרבעטער, — נאָר יעמאָלט האָט זיך ווידער געקאָנט שטעלן די פֿראַגע וועגן קאָלעקטיווע רעכט פֿאַרן ייִדישן קיבוץ.

מיר קענען נאָר באַדויערן, וואָס די ייִדישע פֿראַגמענטן בײַ רוסאָען זײַנען געבליבן אומפֿאַרענדיקט. ער, וואָס אַ מאָל האָט ער פֿאַרשטאַנען זייער

שאַרף אונטערצושיידן צווישן רעליגיעס און צווישן פֿאָלק און רעליגיע, וואָלט געפֿונען אין זיך די פֿעיִקייט אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער שאַבלאָנישער אוני־טאַרישקייט און צענטראַליזאַציע פֿון דער אומצײַטיקער דעמאָקראַטיע, וואָס אין זײַנע יאָרן איז זי אין אַ גרויסער מאָס געווען נאָך אַ ווײַטער אידעאַל און אַ געשריבענע תּורה.

ייִדישע לינגוויסטישע אַרבעט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

פֿון יודל מאַרק

ביַי דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון אוסס״ר אין קיִעוו איז פֿאַראַן אַ „קאַבינעט פֿאַר ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקלאָר״. אָט דער קאַבינעט האָט אַ לינגוויסטישע סעקציע. די דאָזיקע סעקציע גיט אַרויס אַן ערך איין מאָל אַ יאָר אַ זאַמלבוך „אָפֿנ שפּראַכפֿראָנט״. דער ערשטער נומער איז אַרויס אין 1937 (מיט 186 זיַיטן), דער צווייטער נומער — אין 1938 (מיט 178 זיַיטן), דער דריטער נומער — אין 1939 (מיט 214 זיַיטן) און דער פֿערטער נומער אויך אין 1939 (מיט 208 זיַיטן). כּדי צו זיַין אין גאַנצן גענוי לאָמיר אויך דערמאָנען, אַז אין 1937 און אין 1938 איז דער נאָמען פֿון דעם „קאַבינעט״ געווען אַ ביסל אַנדערש: „קאַבינעט פֿאַר דערלערנען די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקלאָר״, און די סעקציע האָט געהייסן „פֿילאָלאָגישע סעקציע״.

אָבער דער רעדאַקטאָר פֿון אַלע פֿיר זאַמלביכער איז דער זעלביקער, דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער סעקציע ע. ספּיוואַק. אויך די מיטאַרבעטערס זיַינען די זעלביקע, די וויסנשאַפֿטלעכע טוערס פֿון דער סעקציע: כ. לויצקער, מ. מיַידאַנסקי, ר. לערנער, מ. שאַפּיראָ און צוויי מאָסקווער פֿילאָלאָגן: אַ. זאַרעצקי און מ. שולמאַן. דער כאַראַקטער פֿון די פֿיר נומערן איז כּמעט דער זעלביקער, חוץ דעם פֿערטן נומער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט שלום־עליכמס שפּראַך; די שפּראַך פֿון אַלע פֿיר נומערן האָט די זעלביקע אייגנשאַפֿטן און טראָגט אויף זיך אַ בולטן שטעמפּל פֿון דעם לשון פֿון דעם שטענדיקן רעדאַקטאָר; די טעמעס פֿון די אַרבעטן וואָס זיַינען געדרוקט אין אַלע פֿיר זאַמלביכער גייען נישט אַרויס פֿון אַן ענגן, פֿון פֿאָרויס באַשטימטן תּחום. דעריבער איז כּדאַיער צו באַטראַכטן די דערמאָנטע זאַמלביכער ניט נאָך די נומערן נאָך, נאָר נאָך די מחברים נאָך. יעמאָלט ווערט בולטער דער פּרצוף־פּנים פֿון איטלעכן מיטאַרבעטער באַזונדער. דאָס איז ספּעציעל אינטערעסאַנט, וויַיל חוץ אַ. זאַרעצקין און ע. ספּיוואַקן זיַינען די איבעריקע מיטאַרבעטערס נאָך פּנים חדשות, בכל אופֿן זיַינען זיי ווינציק וואָס באַקאַנט מחוץ סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

ווי שוין דערמאָנט, האָט נאָר דער פֿערטער נומער „אָפֿן שפּראַכפֿראָנט״ אַן אַלגעמיינע טעמע: שלום־עליכמס שפּראַך. דער נומער איז אַרויס אין צוזאַמענהאַנג מיט די פֿיַיערונגען לכּבֿוד אַכציק יאָר נאָך שלום־עליכמס גע־

בוירן ווערן. אָגבֿ מאַכט אָט דער נומער אַן איינדרוק, אַז מען האָט אים גע־מאַכט אויף גיך. אין דעם זעלביקן נומער געפֿינט מען אויך צום סוף אַ גרויסע אַרבעט וועגן איבערזעצונגען פֿון שעוטשענקאָס לידער אויף ייִדיש, וואָרעם 1939 איז אויך געווען אַ שעווטשענקאָ־יאָר, און דער קאָבינעט איז דאָך ביי דער אַקאַדעמיע פֿון אוסס״ר. די ערשטע דריי זאַמלביכער זיינען אַ סך בעסער געווען צוגעגרייט און אַלע אַרבעטן וואָס האָבן זיך דאָרטן געדרוקט זיינען אַ פּנים אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פֿון דעם מיט וואָס עס פֿאַר־נעמען זיך שטענדיק די מיטאַרבעטערס פֿון דער קיִעווער „לינגוויסטישער סעקציע״. און דאָס איז בלי ספֿק אַ גרויסע מזל־ברכה.

ע. ספּיוואַק

מיר גייען איבער צו באַטראַכטן די אַרבעטן נאָך די מחברים נאָך. לאָ־מיר אָנהייבן פֿון דעם רעדאַקטאָר ע. ספּיוואַק. אין דעם ערשטן נומער האָט ער אַן אַרבעט „צו דער פּראָבלעם פֿון לעקסישער פֿאַראיינהייטלעכונג און רע־גולירונג אינעם ליטעראַרישן ייִדיש״ (זייטן 3־46); אין צווייטן נומער — אַן אַרבעט „דאָס נייע וואָרט״ (זייטן 3־30); אין דריטן נומער — אַן אַרבעט „רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווע לעקסיק״ (זייטן 3־20) און אין פֿערטן נומער צוויי אַרבעטן: „שלום־עליכם און די ייִדישע ליטעראַרישע שפּראַך״, און „אידיאָם און ווערטל אין שלום־עליכמס פֿראַזעאָלאָגיע״.

מיר זעען אָט פֿון די נעמען גופֿא, אַז ע. ספּיוואַק האָט די גאַנצע צייט צו טאָן נאָר מיט איין געביט — מיט לעקסיקאָלאָגיע. און ווען ער רעדט וועגן דער ליטעראַרישער שפּראַך בכלל באַרירט ער פּאַקטיש בלויז איין גע־ביט, לעקסיקאָלאָגיע. אַזאַ באַגרענעצן זיך איז אַ באַווייז פֿון אַ שטענדיקן איב־טערעס, פֿון אַ פּאַרטיפֿטן פֿאָרשן, פֿון אַ ספּעציאַליזירן זיך. עס קויפֿט לכתּחילה אונטער אָט אַזאַ מין באַשטענדיקייט וואָס איז אָגבֿ פֿאַראַן אויך ביי די אי־בעריקע מיטאַרבעטערס. מע זעט: מענטשן זיצן על התּורה ועל העבֿודה, אַרבעטן סיסטעמאַטיש איבער אַ באַגרענעצטן און אַזוי צו זאָגן אַרומגעצוימטן שטח און האָבן אַלע מיגלעכקייטן צו ווערן ספּעציאַליסטן און אויסצוגעפֿינען נייסן אויף זייער אַרבעטספֿעלד. אָבער ווען מע קוקט זיך צו נעענטער און מע געפֿינט ניט שטענדיק אַרויס אַ פּעולה פֿון דער באַשטענדיקייט, זיינען אפֿשר ניט די מענטשן דאָ שולדיק, נאָר די ספּעציעלע פֿאַרהעלטענישן און אומשטאַנדן ביי זייער אַרבעט.

מיר מוזן גובֿר זיין אַ סך מניעות, ביז מיר קומען צום קערן פֿון דעם וואָס ע. ספּיוואַק האָט אונדז צו זאָגן. ער איז דער רעדאַקטאָר פֿון „אָפּב שפּראַכפֿראָנט״, ער איז דער אָנפֿירער פֿון דער לינגוויסטישער סעקציע — ליגט אויף אים משמעות מער אַחריות ווי אויף די איבעריקע מיטאַרבע־טערס, מוז ער זיין פֿון די מזהירים. באַקומט זיך, אַז יעדער אַרטיקל זיינער

האָט אַ סך זײַטיקע שטעלן, און ערטערווײַז איז ער מער פּאָלעמיסט קעגן „רעאַקציע" ווי לעקסיקאָלאָג.

דאָס ערשטע געבאָט פֿון כּשרות איז פּאָלעמיזירן. וואָס זשע טוט מען, אַז עס ניטאָ מיט וועמען? ברענגט מען אַרויס פֿון די קבֿרים לאַנג גע־שטאָרבענע. אָפּט דאַרף מען זיך דערמאָנען גאַנץ פֿאַרגעסענע קעגנערס, און עס באַקומט זיך, אַז מע האַלט אָפּ נצחונות איבער די „בורזשואַזע חכמי ישראל אין דײַטשלאַנד", למאַי זיי האָבן ניט געהאַלטן פֿון ייִדיש (א, 4).[1] מע שיסט פֿײַלן אויף די „בורזשואַזע אויפֿקלערער", למאַי יענע האָבן זיך געצויגן צו דער רוסישער שפּראַך ווי צו דער „העכערער און העכערער שפּראַך" (א, 6), פּונקט ווי בימי ספּיוואַק קען גאָר אַזוינס ניט געמאָלט זײַן. בעת מע שפּאַט אָפּ פֿון „קול מבֿשׂר" איבער אַ זאַץ וועגן „פֿאָטערלאַנד אונטער דען מילדען רעגירונג פֿון אונזער קיסר", זאָל מען ניט פֿאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַ שטרענגע און נאַרישע צאַרישע צענזור און מע האָט זיך געדאַרפֿט אונטער־חנפֿענען אַ פֿײַנדלעכער מאַכט און מע קען בשום אופֿן ניט אָננעמען פֿאַר גוט געלט אַלץ וואָס דער משׂכּיל האָט געזאָגט וועגן אָט דער מאַכט. דער גע־צווונגענער „סטיל" פֿון צײַט אַנטבלויזט נאָך ניט דעם מענטשן.

דאָס צווייטע געבאָט פֿון כּשרות איז ציטירן די אויטאָריטעטן. עס ווערט ציטירט סטאַלין (א, 30; ב, 6), עס ווערט ציטירט לענין (ב, 4), קאַרל מאַרקס (ב, 4) און ענגעלס (ב, 3). עס איז אַ חיות צו זען וויפֿל שאַרפֿזיניקייט מע דאַרף אָנווענדן כּדי אַרײַנצונעמען די דאָזיקע ציטאַטן אין אַ לעקסיקאָלאָגישער אַרבעט, ווײַל כּידוע זײַנען די דערמאָנטע אויטאָריטעטן ניט קיין מומחים ניט אייפֿן געביט פֿון לעקסיקאָלאָגיע און ניט קיין ייִדישע לינגוויסטן. עס איז גוואַלדיק טשיקאַווע דאָס אָפּהיטן אַ געוויסע פּראָפּאָרציע בײַם ציטירן די אוי־טאָריטעטן. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין פֿון פּסיכאָלאָגיע, און מיר גייען אים פֿאַרבײַ.

פֿאַראַן אָבער נאָך אַנדערע שאָלעכצן ביז מע קומט צו אַ קערנדל לעק־סיקאָלאָגיע. עס ווײַזט זיך למשל אַרויס, אַז עס איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע „בורזשואַז פֿאַרשטאַנענע ריינקייט פֿון שפּראַך" (א, 37). עס שטעלט זיך אַרויס, אַז „מענדעלעס צונייג צו אַרכאַיש־ייִדישלעכן נוסח שטימט מיטן ווערן קאָנסערוואַטיוועד" (א, 23). עס באַקומט זיך גאָר אַ מאָדנע לינגוויסטישע דערשײַנונג, אַז ייִדיש האָט „ברידערלעכע" שפּראַכן אין רוסיש און אוקראַיִניש (א, 38). עס ווערט אַנטפּלעקט, אַז די ווערטער „פֿאָלק", „היימלאַנד", „ליבע", „אמת", „גוטס", „שיינקייט" — קלינגען גאַנץ אַנדערש אין ראַטן־פֿאַרבאַנד (ב, 7).

אויב דאָס איז נאָך אַלץ וויניק, קומט אַ פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם גערמאַ־נישן עלעמענט אין דער ייִדישער שפּראַך אויף אַזאַ מין שטייגער: „מען האָט

[1] דער אות ווײַזט דעם נומער פֿון „אָפּג שפּראַכפֿראָנט" און די ציפֿער ווײַזט די זײַט.

בכלל דאָס גערמאַנישע רעדוצירט צום בורזשואַזן בכלל. דעם בורזשואַזן דײַטש איז דאָך אָבער שאַרף קעגנגעשטעלט די שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבן געקעמפּט און געשאַפֿן מאַרקס און ענגעלס און אויף וועלכער עס קעמפֿן און עס שאַפֿן די רומפֿולע דײַטשישע און עסטרײַכישע פּראָלעטאַריער, די דײַטשישע און עסטרײַכישע באָלשעוויקעס" (א, 33). מיט אָט דעם געדאַנקענגאַנג וויל דאָ ע. ספּיוואַק אָפּשלאָגן אַן אַנדער פֿרומען „געדאַנק", אַז „מע דאַרף פֿירן אַ קאַמף קעגן די גערמאַניזמען וואָס קענען אויסגענוצט ווערן פֿונעם דײַטשישן פֿאַשיזם"! וואָס זשע באַקומט זיך פֿון ע. ספּיוואַקס אַרגומענטירן? עס זײַנען עפּעס פֿאַראַן צוויי מינים דײַטש: פֿון מאַרקסן און פֿון אַנטימאַרקסיסטן, פֿון דײַטשישע באָלשעוויקעס און, לאָמיר זאָגן, פֿון דײַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. איין מין שפּראַך איז גוט און אין איר ליכטיקן זכות איז דאָס באַרעכטיקט דער גערמאַנישער עלעמענט אין ייִדיש. דער אַנדער מין שפּראַך איז דאָך שלעכט, און אויב עס וואָלט ניט געווען חס וחלילה קיין דײַטש־קאָמוניסטישע פּאַרטיי — וואָלט אויסגעקומען זיך אָפּצוזאָגן פֿון ייִדיש? פֿאַרשטייט זיך, אַז ע. ספּיוואַק מיינט עס ניט אַזוי. נאָר לאָגישערהייט וואָלט עס אַזוי אויסגעקומען. גייענדיק אויף דעם גליטשיקן וועג האָט דאָס נחום שטיף זיך פֿאַרמאָסטן אויסצוראָטן דעם העברעיִשן עלעמענט פֿון ייִדיש און אַ. זאַרעצקי האָט אַ געוויסע צײַט געחלומט וועגן אַ נײַער סלאַוויש־ייִדישער שפּראַך. ע. ספּיוואַק איז אַ מענטש פֿון קאָמפּראָמיסן און פֿון באַרעכטיקן אַלע עלעמענטן אין ייִדיש, און ער רעדט אַפֿילו וועגן באַנעמען די ייִדישע שפּראַך ווי „אַ געשיכטלעכע קאַטעגאָריע" (א, 33), אָבער דאָס שטערט אים ניט אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק וואָס מיר האָבן אָקערשט ציטירט.

עס קומט אויך אויס צו זײַן אַ נאָוואַטאָר אויפֿן געביט פֿון עקאָנאָמישער געשיכטע. ע. ספּיוואַק ווייס צו דערציילן, אַז דער טייל משׂכּילים וואָס איז געווען פֿאַר דײַטש אָדער פֿאַר רוסיש האָבן געהאַלטן מיט דער בורזשואַזיע; אָבער יענע משׂכּילים וואָס זײַנען געווען פֿאַר ייִדיש — זײַנען געווען „מערער פֿאַרבונדן מיט דעם אונטערשטן מיטלשיכט ווי אויך מיט דער ברייטערער עקספּלאָאַטירטער און פֿונעם אָנוווּקס פֿון קאַפּיטאַליזם רויִנירטער מאַסע" (א, 13). אַגבֿ איז דאָ זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס פּינקטלעכע, הגם ניט אָריגינעלע באַשטימען „דעם אונטערשטן מיטלשיכט". אָבער אונדז אינטערעסירט דאָ דער רעיון, אַז אין די זיבעציקער און אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָט זיך דער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע געלעבט ערגער ווי אין מיטן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט. אָט דאָס האָט ע. ספּיוואַק ליב איבערצוחזרן. אין אַן אַנדער שטעל זאָגט ער: „דער אָנוווּקס פֿון קאַפּיטאַליזם האָט אָבער גלײַכצײַטיק מיטגעבראַכט די רויִנירונג פֿון די ברייטע מאַסן; אין דער ייִדישע סבֿיבֿה האָט עס פֿאַר אַלעמען געטראָפֿן די מאַסן פֿונעם האַרעפּאַשנעם און פֿונעם הענדלערישן קליינבירגערטום, ווי אויך אייניקע גרופּעס פֿונעם מיטל־בירגערטום. ס'איז פֿאַרשמעלערט געוואָרן די באַזע פֿאַר ביז־קאַפּיטאַליסטישע

פּרנסות״ (א, 24). ווי פֿײַן וויסנשאַפֿטלעך עס קענען קלינגען ווערטער וואָס אין תּוך גיבן זיי איבער דאָס פֿאַרקערטע פֿון דעם וואָס איז אמת. און ע. ספּיוואַק איז פֿאַרליבט אין זײַן טעאָריע, אַז די זיבעציקער און די אַכציקער יאָרן האָבן רוזנירט די ייִדישע מאַסן; ווען ער האָט נאָר אַ געלעגנהייט קומט ער מיט איר, און רעדנדיק וועגן שלום־עליכמס אויפֿטו פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַרישער שפּראַך זאָגט ער ווידער: דער אַנוווּקס פֿונעם קאַפּיטאַליזם האָט דאַן אָבער גלײַכצײַטיק מיטגעבראַכט די רוזנירונג פֿון די ברייטע מאַסן. אין דער ייִדישער סבֿיבֿה האָט עס פֿריִער פֿון אַלץ געטראָפֿן די מאַסן פֿונעם הארעפּאַשנעם און פֿונעם פֿאַרמיטלערישן קליינבירגערטום. עס איז דורכויס פֿאַרשמעלערט געוואָרן די באַזע פֿאַר די ביז־קאַפּיטאַליסטישע און אַנפֿאַנגלעך־קאַפּיטאַליסטישע פּרנסות״ (ד, 8). און ווי אַ געטרײַער תּלמיד זאָגט אויך דאָס זעלביקע כ. לויצקער, ווען ער רעדט וועגן הומאָר אין שלום־עליכמס שפּראַך (ד, 17־18). און די גאַנצע אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע געשיכטע פֿון ייִדן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט איז נייטיק ווײַל עס פּאַסט זיך בעסער אין דעם פּסוק אַרײַן.

ס ט י ל

מיר מיינען דאָ ניט אַראָפּצונעמען אַלע שאָלעכצן, מיר האָבן געהאַט אין זינען אָנצווײַזן אויף די מניעות וואָס מיר מוזן גובֿר זײַן בײַם לייענען ספּיוואַקן דעם לעקסיקאָלאָג. און מיר טאָרן ניט ניט דערמאָנען דעם טעכנישן שטער. כּידוע זײַנען לינגוויסטן ניט שטענדיג גוטע סטיליסטן. בײַ ספּיוואַקן איז עס אָבער ניט בלויז אַ פֿראַגע פֿון סטיל. זײַנע זאַצן זײַנען שוין צו אָפֿט געטרײַע איבערזעצונגען פֿון רוסיש. מע מעג חושד זײַן דעם מחבר ,אַז ער טראַכט אויף רוסיש בעת ער שרײַבט אויף ייִדיש. דאָס מאַכט שווער דאָס לייענען, און אין דעם ליגט אַזאַ ווייטאָגדיקע סתּירה צו דער גאָרער לעקסיקאָלאָגישער אַרבעט. נו טאַקע, אָט נעמט אַזאַ מין זאַץ: „און סײַ מיט דער דאָזיקער אומצעלייגבאַרקייט, סײַ שוין ממילא מיט דער סטאַבילקייט, מיט דער טראַדיציאָנעלקייט פֿונעם אידיאָם, איז צו דערקלערן אויך דאָס, וואָס אינעם אידיאָם איז ניט זעלטן אײַנגעגלידערט אַ וואָרט, וואָס אַליין גענומען ווערט עס קנאַפּ אָדער בכלל ניט געברויכט, און ס׳איז דעריבער אויך ווייניק פֿאַרשטענדלעך אין רייד, ווי עס איז צו טרעפֿן אויך אָפֿט אין די מאַסנטימלעכע שלום־עליכמישע פֿראַזעמעס: שלאָגן ביידעקעס, זיצן ווי די טאָקן און אַזוי ווײַטער״ (ד, 81־82). אָדער לייענט דורך קירצערע זאַצן: „די אָנהויערונג פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקן אַנדערשפּראַכיקן וואָרט טרעפֿן מיר בכלל אויף אָנפֿאַנגלעכע עטאַפּן פֿון דער בורזשואַז־שפּראַכלעכער אַנטוויקלונג. פֿאַר זיך גענומען, קומט עס דאַן צו באַרײַכערן אין אַ געוויסער מאָס די שפּראַך און מיטהעלפֿן צו אַרויספֿירן זי אויפֿן ברייטערן שליאַך פֿון נײַע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן און פֿון אָנגעוואַקסענע אויסדרוק־באַדערפֿענישן״ (א, 7).

הכּלל, דער לשון איז האַמעטנע. אָדער די ווערטער זײַנען מאָדנע, אָדער דער ווערטער־סדר איז ניט קיין ייִדישער, אָדער די פֿאַרבינדווערטער זײַנען צו לאָקאַל אָדער רוסיש. ע. ספּיוואַק קען אײַך אַזוי אָנהייבן אַ זאַץ: „ג ו פֿ א די פּראָבלעם פֿון פֿאָלקסשפּראַך איז דאָ זיכערער...“ (ד, 7) אָדער ווידער מיט אַ „ג ו פֿ א“ קען זיך באַקומען: „די אויבן אָפּגעמערקטע פֿאַרשײַדענע שפּראַך־אָריענטאַציעס זײַנען געקומען צום אויסדרוק און האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט ג ו פֿ א אין דער שפּראַך פֿונעם „קול מבֿשׂר“ (א, 7). שטענדיק און אויסגעהאַלטן שטעלט ע. ספּיוואַק אַוועק דעם צ ו פֿאַרן ווערבאַלן צוגאָב, למשל: „האָט געשטרעבט צו אויסנוצן און צו אָפּקלײַבן“ (א, 44). מיר האַלטן, אַז דער דאָזיקער נוסח ווײַסרוסלאַנד קען ניט זײַן דער אָנגענומענער נוסח אין דער כּלל־שפּראַך. ע. ספּיוואַק האָט אַ שוואַכקייט צו: „אויף דורך און דורך“. צו וואָס דאַרף מען דאָ א ו י ף ? ע. ספּיוואַק האָט ליב איבעריקע פֿאַרנײַן־ווערטער, למשל: „אַ טענדענץ וואָס נוגע איז זי ניט נאָר קיין העברעיִזמען“ (א, 39). צו וואָס דאַרף מען דאָ ק י י ן ?

מילאָ, איז סינטאַקס אין אַלגעמיין ניט ע. ספּיוואַקס ספּעציעל געביט. אָבער אַפֿילו אין דעם ווערטער־אָפּקלײַב איז אונדזער לעקסיקאָלאָג ניט איבערקלײַבעריש. ער איז חס וחלילה ניט קיין פּוריסט. האָט ער כּסדר: „אַלזאָ“, „דאַן“, „אַלס“, „שטופֿעס“, „מענגעס“. „אויפֿפֿאַסונג“, „קורצגעפֿאַסטקייט“, „וועזנטלעכער קריטעריִ“, „אייניקע פּעריאָדן“, „אָנגעווענדעט“ און נאָך און נאָך אָן אַ סוף. עס איז בכלל נישט קאָנטיק אַפֿילו די מינדסטע אָנשטרענגונג פּטור צו ווערן פֿון איבעריקע און גרינג פֿאַרמײַדלעכע דײַטשמעריזמען. אויך בנוגע מאָרפֿאָלאָגיע מעג מען האָבן טענות. אַזוי למשל: פֿאַר וואָס דאַרף עס אין מערצאָל זײַן טערמי נ ע ס און ניט טערמינען?

מיר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן אַ ביסל בײַם פּונקט שפּראַך, ווײַל פֿון אַ לינגוויסט מעג מען פֿאָדערן אַ ריינע, קלאָרע שפּראַך. אין אונדזער איצטיקן מצבֿ איז די שפּראַך פֿון דעם לינגוויסט אפֿשר ניט ווייניקער וויכטיק ווי דאָס וואָס דער לינגוויסט לערנט אונדז כּדי צו באַרײַכערן און פֿאַרפֿײַנערן אונדזער ייִדיש.

און ערשט איצט קען מען צוקומען צו די אַרבעטן גופֿא.

די לעקסישע עלעמענטן פֿון ייִדיש

ע. ספּיוואַקס וויכטיקסטע אַרבעט איז אָפּגעדרוקט אין דעם ערשטן נומער. דאָרטן גיט ער אַ קורצע געשיכטע פֿון ליטעראַרישן ייִדיש, אויף וויפֿל עס האָט אַ שייכות צו דער לעקסיק. דאָס איז אַ סך־הכּל פֿון אַ סך יאָרן אַרבעט און דאָרטן זײַנען שוין פֿאַראַן יענע אַלע געדאַנקען וואָס מע געפֿינט אין די אַרבעטן פֿון די ווײַטערדיקע נומערן. וועלן מיר באַריכותדיקער זיך אָפּשטעלן אויף אָט דער אַרבעט.

דער מחבר זעט אײַן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן צוויי זײַטן אין דער פּראָבלעם

פֿון לעקסישער פֿאַראיינהייטלעכונג: מע דאַרף שטודירן די קעגנזייטיקע ווירקונג צווישן דער שריפֿטשפּראַך און דער מינדלעכער אומגאַנגשפּראַך און מע דאַרף אויך רעגולירן די פֿאַרהעלטעניש צווישן די „אייגנטלעך לעקסישע מיש־עלעמענטן, לויט וועלכע ס'האָט זיך געפֿורעמט די שפּראַך (גערמאַניזמען, סלאַוויזמען, העבראיזמען)" (א, 5). עס איז אמת, די פּראָבלעם האָט טאַקע די בײדע זײַטן. אָבער אונדז דוכט זיך, אַז דאָס צענטראַלע איז די באַציִונג צווישן דיאַלעקטן און דער כּלל־שפּראַך. וואָס ד אַ ר ף מען נעמען פֿון די דיאַלעקטישע ווערטער? וואָס מ וּ ז מען נעמען? וואָס ט אָ ר מען נ י ט אַרײַננעמען? וואָס זאָל מען אויסקלײַבן צווישן סינאָנימישע ווערטער פֿון פֿאַרשײדענע דיאַלעקטן? דאָס זײַנען בלי שום ספֿק צענטראַלע פֿראַגעס. אָבער ע. ספּיוואַק רירט זיך קוים צו צו זיי. ער פֿאַרנעמט זיך כּמעט נאָר מיט דער צווייטער זײַט פֿון דער פּראָבלעם, מיט די שפּראַך־עלעמענטן. און אַפֿילו ווען ער גיט דעם געשיכטלעכן איבערבליק וואָס הייבט זיך בײַ אים אָן פֿון „קול מבֿשׂר" מאַכט ער עס אויך על פּי סכעמע באַזונדערע עלעמענטן.

ווי מיר האָבן עס פֿריִער פֿאַרבײַגײענדיק באַמערקט, איז ע. ספּיוואַק אַ פּשרה־מאַכער. צו די גערמאַניזמען באַציט ער זיך אַזוי ליבעראַל, אַז ער איז גוט אויך צו דײַטשמעריזמען. ער פֿאַרטיידיקט די העבראיזמען פֿון נ. שטיף'ס אויסראָטקאַמף, אָבער ער איז קעגן יענע העבראיזמען וואָס ער האַלט זיי פֿאַר צו אַרכאַיִש. דער מחבר גיט אָבער ניט קיין שום אָנווײַז, ווי זאָל מען דערקענען, צי דער העבראיזם איז טאַקע אַרכאַיִש אָדער ניט. ער גופֿא לאָזט אַזעלכע ווערטער ווי: „תּמימות", „מסירת־נפֿש", „פּניות", „מהות", „לכּבֿוד", „הנחה" און אַנדערע פֿון דעם שניט. דאָס זײַנען ניט קיין צו פּאָפּולערע ווערטער. אָבער ווו איז די גרענעץ? און אויב אַ וואָרט האָט ניט קיין מזל צו אָפּט גענוצט צו ווערן, דאַרף מען עס אַרײַנלייגן אין חרם? ע. ספּיוואַק האַלט זיך בײַם סאָוועטישן מנהג צו ריידן וועגן „שפּראַכלעכן שאָוויניזם". אָבער אין וואָס באַשטייט ער בנוגע דעם העבראיִשן עלעמענט? אָט האָב איך אָנגעשריבן אַ וואָרט „בנוגע" און איך ווייס ניט, צי דאָס איז שוין שפּראַכלעכער שאָוויניזם אָדער ניט. צום באַדויערן קען מען בײַ ע. ספּיוואַקן קיין טאָלק ניט דערגיין, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט.

וואָס שייך סלאַוויזמען איז ע. ספּיוואַק אַ סך קלאָרער. ער האַלט, אַז מע דאַרף אין דער ליטעראַרישער שפּראַך אַרײַננעמען אַלע סלאַוויזמען וואָס האָבן זיך אײַנגעבירגערט אין דער אומגאַנגשפּראַך און האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אויף אַ גרעסערן שטח. ע. ספּיוואַק איז בלויז קעגן די גאָר לאָקאַלע סלאַוויזמען. דאָס איז אַ שטאַנדפּונקט וואָס לאָזט זיך פֿאַרטיידיקן. ער מאַכט אָבער אַ גרויסן טעות, ווען ער וויל די סלאַוויזמען פֿאַרבינדן מיט אַ נײַער קדושה. אַוודאי זײַנען לעצטנס אַרײַן אין דער שפּראַך אַ סך נײַע סלאַוויזמען. אויב פֿריִער איז אַרײַן „ספּראַווניק", „פּריזיוו" צי „נאַטשאַלניק", איז אין דעם איצטיקן יידיש פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַרײַן „סטאַכאַנאָוועץ", „ספּעצאָווקע" צי

„פּוטיאַווקע". און עס איז, לאָמיר עס מילד אָנרופֿן, תּמימות דאָס צאַצקען זיך מיט די נײַע ווערטער. מען האָט דאָך זיי איבערגענומען פֿאַרטיקערהייט.

אַז עס וואָלט ניט געווען קיין נײַמאָדישע רעליגיעזע באַציִונג צו סלאַוויזמען, וואָלט מען ניט געקענט ריידן וועגן „אַרײַנבערענגען" אַזעלכע אַלטע ייִדישע ווערטער ווי: „צוויט", „אָזערע", „קריִע", „אַדליגע", „צעיושעט", „אויסכאָוועון" און ענלעכע. אמת, אין 1937 האָט מען אָפּט געניצט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד „צעיושעטער פֿאַשיזם", אָבער „צעיושעטער" איז דאָך געווען פֿאַרן פֿאַשיזם. און אויך אַזעלכע ווערטער ווי: „אָטריאַד" און „גראַמעטע" און „ספּראַווע" און „סטאַיִקע" און נאָך און נאָך פֿון אַזאַ מין האָבן בפֿירוש ניט געוואַרט אויף דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע כּדי אַרײַנצוקומען אין ייִדיש־ריידנדיקע מײַלער. דער פּשוטער פֿאַקט איז, אַז מענטשן וואָס זײַנען ניט מדקדק אויף זייער שפּראַך נעמען כּסדר און מיט אַ גרינגן געוויסן איבער די ווערטער פֿון אַרום, בפֿרט ווען זיי האָבן אַ שײַכות צו מאַכט.

גלײַכצײַטיק איז ע. ספּיוואַק אויך לאָקאַל פּאַטריאָטיש. ער פֿאַרטיידיקט דווקא די אוקראַיִנישע פֿאָרעם „להאָטע" און ניט „לגאָטע", „אַדליהע" און ניט „אַדליגע". ער איז דאָ נאָר גערעכט אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל מע דאַרף בדרך כּלל אָפּגעבן די בכורה די פֿאָרמען פֿון אוקראַיִניש און פּויליש און ווײַסרוסיש לגבי די רוסישע פֿאָרמען, ווײַל מיר ייִדן האָבן זיך מיט די רוסישע צונויפֿגעטראָפֿן אַ סך שפּעטער און אַ סך ווינציקער. אָבער יעדער וואָרט דאַרף דאָ באַטראַכט ווערן ב אַ ז ו נ ד ע ר. עס דוכט זיך למשל, אַז גראַד „לגאָטע" איז אַרײַנגעקומען טאַקע דירעקט פֿון רוסיש, מסתּמא בשײַכות מיט פּריזיוון; און מע מעג זיך וועטן, אַז „אַדליגע" איז אַ פֿאַרשפּרייטערע פֿאָרעם ווי „אַדליהע".

אויך די אַנאַלאָגישע שאַפֿונגען: „אויסגוס", „דורכגוס", „אײַנגוס" אָדער „צונויפֿפֿאַר", „צונויפֿפֿלי" און ענלעכע פֿון דער סיסטעם געהערן ניט אַלע צום „איצטיקן סאָוועטישן עטאַפּ". עס איז בלויז אמת, אַז לעצטנס זײַנען זיי מער געוואָרן אין צאָל. עס וואָלט זיך געלוינט די טירחה צונויפֿצונעמען אַלע ווערטער פֿון דעם מין וואָס זײַנען אויסגעשמידט געוואָרן גראַד אין דער צײַט צווישן טשערנאָוויץ און דעם סוף פֿון דער וועלט־מלחמה. דער דאָזיקער צענדלינג יאָרן האָט געגעבן אַ שלל נעאָלאָגיזמען און האָט צוגעגרייט אַלע שטאַמפּן און מוסטערן פֿאַר די שפּעטערדיקע נעאָלאָגיזמען. אַגבֿ איז ניט אַלץ וואָס ע. ספּיוואַק האָלט פֿאַר אַ רוסיש־אַנאַלאָגישער שאַפֿונג טאַקע אַרײַנגעקומען אין ייִדיש ווי אַן אַנאַלאָגישע שאַפֿונג: „אויסגראַבונג" איז ניט אויפֿגעבויט על פּי סלאַווישער אַנאַלאָגיע.

און לאָמיר אויך אונטערשרײַבן, אַז די אָדער יענע באַציִונג צו סלאַוויזמען קען ניט זײַן קיין לאַקמוס־פּאַפּירל אויף צו דערקענען, צי מען איז אַ רעוואָלוציאָנער אָדער אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. די אַמאָליקע באַרימטע „באַרישנע" פֿון די „דערעוויעס האָבן אַ פּריִאַטנעם זאַפּאַך" קען ניט באַ־

קומען קיין נײַעם חן. עס איז נײַער מה־יפֿית און קינדישקייט אויף דער עלטער, ווען מע פֿאַרבינדט די פּראָבלעם פֿון מער אָדער ווייניקער סלאַוויז־מען מיט געטרײַשאַפֿט צו דער אָדער יענער פּאָליטישער שיטה.

דער געשיכטלעכער איבערבליק איז חוץ דעם צעקאַליעטשעט איבער גאָר זײַטיקע כּוונות. עס באַקומען זיך ממש קוריאָזן. ווען ע. ספּיוואַק רעדט וועגן דער ווירקונג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער ליטעראַטור־שפּראַך, דערגייט ער נאָר ביזן מיטן נײַנציקער יאָרן און שפּרינגט נאָך דעם אַריבער צו דער תּקופֿה פֿון נאָך אָקטאָבער. ער מוז נעבעך דורכלאָזן צוואַנציק יאָר, אַז ניט וועט אפֿשר אויסקומען צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן „בונד" און די אַנדערע פּאַרטייען פֿון יידישן אַרבעטער, ווײַל קיין יידישע באָלשעוויקעס וואָס האָבן געשריבן אָדער גערעדט אויף יידיש זײַנען דאָך אין יענע די־סקרימינירטע צוואַנציק יאָר כּמעט ניט געווען.

אָבער אָט דאָס אַלץ איז ניט דער עיקר חטא וואָס צעקריפּלט די אַר־בעט און גיט אַ פֿאַלשע פּערספּעקטיוו. דאָס שעדלעכסטע און דאָס לעכער־לעכסטע איז, וואָס זינט 1917 האָט ע. ספּיוואַק מער ניט פֿאַר זיך קיין יידישע שפּראַך, נאָר עס איז פֿאַראַן עפּעס אַ „ י י ד י ש ע ס אָ וו ע ט י ־ ש ע ש פּ ר אַ ך ". די שטעלונג זײַנע איז אַ קלאָרע: אַלץ וואָס עס איז צוגעקומען אונדזער לשון האָט מען צו פֿאַרדאַנקען דער נײַער סיטואַציע פֿון יידיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. ווען מען האָט אַזאַ ענגן קוק, קען מען ניט דערזען די ווירקונגען פֿון אַלע יידישע קיבוצים, נעמט מען ניט אין באַ־טראַכט די שאַפֿונגען פֿון אַלע יידישע וואָרטמײַסטערס. איין טייל, איין אבֿר, מעג אַפֿילו זײַן אַן אָפּגעריסענעם אבֿר, פּראָקלאַמירט מען ווי אַ גאַנצע זאַך, ווי דעם אָרגאַניזם. אָט אַזאַ מין קוקן אין איין פּינטל איז דער צענטראַלער חסרון. און אַפֿילו ווען געוויסע פּרטים אין דער אַרבעט זײַנען גוט, ווען דער מחבר האָט זיך געמיט און אַנגעקליבן אַ היפּשן רוי־מאַטעריאַל, האָט ער דאָך אויפֿגעבויט עפּעס אַזוינס וואָס קען זיך ניט האַלטן. יידיש און דאָס יידישע וואָרטשאַפֿן פֿאַרנעמט אַ גרעסערן שטח ווי יידיש אין סאָוועטן־פֿאַר־באַנד.

פֿון אָט דעם עיקר דעפֿעקט דרינגען אַרויס אויך אַ ריי פֿאַלשע פּרטים. למשל אַזאַ מין פֿאַלשע דערקלערונג: דאָס פֿאַרגעסן אַ סך העברעיִזמען אין דעם איצטיקן גערעדטן און געשריבענעם יידיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד ווערט פֿאַרבונדן מיט אַ ספּעציעלער אייגנשאַפֿט פֿון יענעם לאַנד, וואָס ברענגט דערצו, אַז אַלע שפּראַכן פֿילן דאָרטן אַ „דעאַרכאַיִזירנדיקע טענדענץ". איז עס אָבער אַ טענדענץ נאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד? און צי האָט דען נישט יידיש אין אַמעריקע אָנגעוואָרן העברעיִזמען? אַ פּנים, אַז ניט מיט אַ ספּעצ־יעלער טענדענץ פֿון איין לאַנד, נאָר מיט דעם אַזוי גערופֿענעם פֿאַרוועלט־לעכן דאָס יידישע לעבן דאַרף מען דערקלערן די דערשײַנונג, וואָס געוויסע יידיש־ריידנדיקע שיכטן נוצן מער ניט אַ ריי ווערטער וואָס זײַנען געווען

פֿאַרבונדן מיט חדר און מיט בית־המדרש און מיטן אַלטן שטייגער לעבן. און וואָס שייך העברעיִזמען אין דער פּרעסע, איז אַמעריקע אַ סך אַרעמער איידער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

דער מחבר האָט צוויי מאָסן: עפּעס האָט אַ שײַכות צו ייִדיש אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז עס גוט, האָט עס אַ שײַכות צו פֿריִערדיקע עטאַפּן, מוז מען דאָרטן געפֿינען אַ פּגימה. אַפֿילו ווען מע רעדט וועגן דערשײַנונגען וואָס געפֿעלן — מוז מען געפֿינען אַ חסרון. אַזוי למשל זאָגט ע. ספּיוואַק, אַז די טענדענץ צו אַ ריינערן, פּשוטערן פֿאַלקסיִדיש וואָס שלאָגט זיך דורך אויך אין „קול מבֿשׂר" נעמט זיך פֿון שטרעבן צו... „ריין דײַטש" (א, 10). שלום־עליכמס און ספּעקטאָרס באַמיִונגען צו שאַפֿן אַ פֿײַנערע און ריינערע שפּראַך ווערן דערקלערט ווי רעזולטאַטן פֿון אַ „שאַרפֿן נאַציאָנאַליסטישן קער" (א, 25) און די באַציִונג דערצו איז גאָרניט אַזאַ באַגײַסטערטע ווי זי ווערט, ווען מע דאַרף שפּעטער יום־טובֿן שלום־עליכמען.

די באַציִונג צו דער שפּראַך פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע איז דערפֿאַר זייער אַ צופֿרידענע. דאָ איז שוין מער ניטאָ קיין זכר פֿון נ. שטיפֿס קריטיק. פֿאַרקערט, עס איז גוט: „די ייִדישע שפּראַך אין ראַטנלאַנד מאַכט איצט דורך איר אויפֿבלי און באַפֿרײַט זיך פֿון פּראָווינציעלער באַגרענעצטקייט, פֿון שמאָל דיאַלעקטישן געמיש, פֿון דעם אַנדערשפּראַכיקן וואָרט־מאַטעריאַל וואָס קען זיך ניט אָרגאַניש אַרײַנפֿלעכטן אין געוועב פֿון ייִדיש און וואָס שטערט צו דער פֿאַראיינהייטלעכונג פֿון דער שפּראַך" (א, 34).

דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער אַפּאָטעאָז.

און דאָך, ניט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע מאָדנעקייטן, איז דער אַרטיקל „צו דער פּראָבלעם פֿון לעקסישער פֿאַראיינהייטלעכונג און רעגולירונג אינעם ליטעראַרישן ייִדיש" אַ געוויסער צושטײַער: ערשטנס גיט ער אַ היפּש ביסל מאַטעריאַלן וואָס קענען צו נוץ קומען ווי ציגל פֿאַרן בנין, צווייטנס איז אין די באַדינגונגען פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַ נוציקע זאַך דאָס באַקעמפֿן עקסטרעמע „פּראָסלאַוויסטן" פֿון איין זײַט און הונדערט־פּראָצענטיקע קעגנערס פֿון העברעיִזמען פֿון דער צווייטער זײַט. ניט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע הויפּטדעפֿעקטן און בײַדעפֿעקטן, איז דאָך פֿאַראַן אין דעם יסוד אַ פֿאַרזיכטיקער צוגאַנג און די מאָס פֿון שׂכל־הישר.

נעאָלאָגיזמען

אין דעם צווייטן נומער איז פֿאַראַן אַן אַרטיקל פֿון ע. ספּיוואַקן „דאָס נײַע וואָרט". דאָרט פֿאָרשט דער מחבר די נעאָלאָגיזמען פֿון דעם סאָוועטישן ייִדיש. אָט די אַרבעט, ווײַל איר שטאָף איז באַגרענעצטער, לײַדט נאָך מערער פֿון דער בלינדקייט פֿאַר ייִדיש איבער דער וועלט. אַוודאי קען מען שטודירן די נעאָלאָגיזמען בלויז פֿון איין לאַנד, אָבער אין אויג דאַרף מען האָבן דאָס גאַנצע. אַניט איז לחלוטין אוממיגלעך צו האָבן אַ ריכטיק בילד פֿאַר זיך,

צו קומען צו מאָטיווירטע אויספֿירן. דער אמת איז דאָך, אַז פּונקט אַזוי ווי ייִדישע שרײַבערס און ייִדישע לערערס האָבן געמוזט באַווירקט ווערן פֿון די שפּראַכלעכע חידושים אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַזוי האָבן ייִדישע שרײַבערס און ייִדישע לערערס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איבערגענומען אַ שלל נעאָלאָגיזמען פֿון דעם ייִדיש אין אַנדערע לענדער. און דאָס איז אמת אַפֿילו ווען מען איז ניט גרייט דאָס מודה צו זײַן. דאָ איז קיין שום מחיצה ניט געווען געגנוג מחיצה. אין דער טערמינאָלאָגיע פֿאַר געאָגראַפֿיע אָדער פֿאַר כעמיע אָדער פֿאַר אַנדערע לימודים אין דער שול האָט מען מיט פֿולע הויפֿנס גענומען פֿון די אויפֿטוען אין ווילנע און אַנדערש וווּ. חוץ דעם איז ניט שטענדיק געווען די הונדערט־פּראָצענטיקע אָפּגעשלאָסנקייט וואָס איז איצט, און מענטשן אין אַ היפּשער צאָל זײַנען געקומען אַהין און מיטגעבראַכט מיט זיך גרייטע פּעקלעך ווערטער. און ווי המצאָהדיק עס זאָל ניט זײַן מאַרקיש אָדער האָפֿשטיין אָדער פֿעפֿער אין שאַפֿן נעאָלאָגיזמען, האָבן זיי פֿאַקטיש געאַרבעט אין דער זעלביקער ריכטונג און אָנגעווענדט די זעלביקע מיטלען ווי די ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע אָדער אין פּוילן.

דעריבער באַקומט זיך, אַז דאָס וואָס ע. ספּיוואַק באַטראַכט ווי ספּעציעלע, אייגנאַרטיקע אויפֿטוען פֿון סאָוועטישן ייִדיש איז אין דער אמתן אָן אַרויסוווּקס פֿון דעם אומעטומיקן און אַלגעמיינעם וואַקסן און אַנטוויקלען זיך פֿון אונדזער שפּראַך.

אַפֿילו ווען ע. ספּיוואַק רעדט אַזוי שטאָלץ וועגן דעם, אַז דאָס וואָרט „אַרבעט״ האָט באַקומען אַ נײַעם באַטײַט און אַסאָציִירט זיך ניט מער מיט „פּלאָג״, „לאַסט״, „אומגליק״ (מיר לאָזן דורך דעם פּלאָנטער צווישן עטימאָלאָגישער פֿאָרשונג און איצטיקן אײַנשטעל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכער לינגוויסטיק אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד — זען ב, 6־5), מעג מען אים דערמאָנען, אַז אַ גוט באַצאָלטער, 40 שעה אין וואָך פֿאַרנומענער אַרבעטער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַסאָציִירט אויך ניט מער מיטן וואָרט „אַרבעט״ יענע פֿאָרשטעלונגען וואָס די אַלטע גערמאַנער און סלאַוון. אַבסאָלוט וועגן איטלעכן וואָרט מיט אַ נײַעם באַטײַט לאָזט זיך זאָגן ענלעכס. ריכטיק איז נאָר, אַז דער נײַבאַטײַט פֿון די ווערטער: „פֿאַרטײַ״, „שעדיקער״, „רייניקן״ (ב, 8) איז אַ באמת סאָוועטישע דערגרייכונג. וואָרעם אַפֿילו אַזאַ וואָרט ווי „אַפּיקורס״ האָט לאָמיר זאָגן אין מויל פֿון אַנאַרכיסטן נאָך מיט צענדליגער יאָרן צוריק געהאַט די „נײַע פּאָזיטיוו־שאַצערישע שאַטירונג״ (ב, 7), אויב מיר זאָלן שוין אין גאַנצן פֿאַרגעסן יענע משׂכּילים וואָס זײַנען געווען גרייט צו עסן חלבֿ מיט טשוועקעס.

ע. ספּיוואַק זאָגט: „אין אַספּעקט פֿון נײַבאַטײַט דאַרף מען נאָך דאָ ספּעציעל אָפּמערקן אַזאַ אייגנאַרטיקע דערשײַנונג ווי די סובסטאַנטיווירונגען״ (ב, 9), און ער האָט דאָ אין זינען דאָס נוצן אַדיעקטיוון ווי סובסטאַנטיוון — „די בלוי״, „די וויסט״, „די שאַרף״ און ענלעכע. דער מחבר ציטירט האָפֿ־

שטיינען, פּעפּערן, קוויטקאָן. אָבער פּונקט אַזוי גוט קען מען ציטירן יהואָשן אָדער מ.־ל. האַלפּערנען און אַנדערע, און גראַד לידער וואָס מען האָט געשריבן ביז 1917. די סובסטאַנטיווירונג פֿון אַדיעקטיוון איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע, ווי עס איז בכלל אַן אייגנשאַפֿט פֿון דעם מאָדערנעם ייִדיש דאָס גרינגערע אַריבערטראָגן אַ וואָרט פֿון איין וואָרטקלאַס אין צווייטן.

אַבסאָלוט אַלץ וואָס ע. ספּיוואַק דערציילט וועגן דעם אופֿן שאַפֿן נײַע ווערטער על פּי אַנאַלאָגיע, וועגן שאַפֿן נײַע ווערטער מיט דער הילף פֿון סופֿיקסן און פּרעפֿיקסן, וועגן נײַע צונויפֿהעפֿטן, וועגן דיכטערישער נײַבילדונג (ב, 9־29) האָט אַ שײַכות צו ייִדיש ניט אין איין לאַנד, נאָר צו ייִדיש בכלל. אַוודאי זײַנען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד געשאַפֿן געוואָרן אַ סך נײַע ווערטער, אָבער ערשטנס איז די סיסטעם, דער מוסטער צו שאַפֿן גאָרנישט דווקא אַן אויסגעפֿין פֿון דאָרטן, און צווייטנס דאַרף מען וועגן איטלעכן וואָרט באַזונדער נאָך באַשטימען דאָקומענטאַל, ווו און פֿון וועמען איז דאָס וואָרט צום ערשטן מאָל גענוצט געוואָרן. דערווײַל אָבער איז נאָך אַזאַ אַרבעט ניט אָפּגעטאָן געוואָרן, און מע מעג האָבן ספֿקות צי אַזוינע ווערטער למשל ווי „אָנזאָג" אָדער „וויסנשאַפֿטלער" אָדער נאָך הונדערטער צו זיי זײַנען אַ סאָוועטישע פּראָדוקציע.

באַקומט זיך, אַז די גאַנצע אַרבעט איז עפּעס אַזוי ווי קינסטלעך און צופֿעליק אַרויסגעריסן פֿון אַ סך אַ ברייטערער טעמע און די פּערספּעקטיוו איז דאָ לחלוטין אַ פֿאַלשע.

ווען דער עיקר פֿון דער אַרבעט פֿאַלט, איז שוין ניט כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע פּרטים וואָס נייטיקן זיך אין קאָרעקציעס. דאָך קומט אויס זיך אָנצונעמען פֿאַר דער רוסישער שפּראַך און פּראָטעסטירן קעגן דעם פֿאַרמעסטן זיך צו באַטראַכטן ווי אַ ייִדישן סופֿיקס די ענדונג ־עץ אין „אַזוינע נײַע פֿריידיקע ווערטער" ווי „סטאַלינעץ" און „סטאַכאַנאָוועץ" (ב, 19). ווער קען ספֿקן אין דעם, אַז מען האָט אָט די ווערטער איבערגענומען ווי זיי שטייען און גייען פֿון רוסיש? ווו איז דאָ פֿאַראַן אַ ייִדישער סופֿיקס? אײַ, „בחורעץ" און „גויעץ" וואָס ע. ספּיוואַק פֿאַררופֿט זיך אויף זיי, איז דאָך פֿאַר אים אויך ניט קיין סוד דער פֿאַראַכטלעכער בײַטעם פֿון דעם ייִדישן סופֿיקס ־עץ.

מע קען בשום אופֿן ניט מסכּים זײַן, אַז די האַמעטנע רוסיציזמען: „זיכבויענדיקער", „זיכבאַפֿרײַענדיקער" זאָלן דאָס זײַן אַ מעלה און אַ פּראָגרעס לגבי דער סיסטעם וואָס איז ייִדישער, קירצער און באַקוועמער: „וואָס בויט זיך" (דרײַ טראָפֿן סך־הכּל אַנשטאָט פֿינף!), „וואָס באַפֿרײַט זיך" (ב, 26). און אויב נחום שטיף איז אפֿשר געווען צו שטרענג צום סופֿיקס ־ ב אָ ר, איז ער אָבער דאָך אין תּוך געווען גערעכט און האָט כּלעבן גאָרניט פֿאַרדינט, אַז זײַן תּלמיד ע. ספּיוואַק זאָל דערפֿאַר אים אַ שטאָך טאָן (ב, 18). דאָס

פֿולקומע לעגאַליזירן אַלע דײַטשמערישע ווערטער מיט ־באַר ווי: „אומפֿאַר־גלײַכבאַר“, „ניטאָפּלייקנבאַר“ און ענלעכע ווערטערקלעצער איז ניט קיין סימן, אַז מע האָט עפּעס אויפֿגעטאָן פֿאַר ייִדיש.

בכלל האָט ע. ספּיוואַק אַ גוטע נאַטור: אַלע נעאָלאָגיזמען זײַנען בײַ אים גוט און ווויל. ער קווּעלט אָן פֿון אַלע נײַע ווערטער אין די צײַטונגען און זעט אומעטום בלויז עשירות. ער איז צופֿרידן מיט אַזעלכע ווערטער ווי „זעלבסטטעטיקע“, „הינטעראויגלער“, „פֿינפֿהונדערטלערין“, „זעלבסטפֿאַר־פֿליכטונג“, „טיפֿאָווער“ און נאָך און נאָך אַזעלכע „שאַפֿונגען“ וואָס מען האָט גענומען מיט הויט און ביין פֿון דײַטש אָדער פֿון רוסיש אָדער וואָס מען האָט טאָקע זיי צוגעקלערט, נאָר מיט ווינציק אײַנזעעניש פֿאַרן אויער.

יורידישע טערמינאָלאָגיע

אין דריטן נומער „אָפּנ שפּראַכפֿראָנט“ שרײַבט ע. ספּיוואַק וועגן דער רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווער לעקסיק. פֿון איין זײַט גיט ער אַ דער־קלערונג צו אַ רשימה טערמינען פֿאַר רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווע ענינים, פֿון דער אַנדער זײַט פּרווּט ער פּראַקטיש דורכפֿירן יענע אַלגעמיינע אידעע וועגן רעגולירן די ייִדישע לעקסיק, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט פֿריִער. עס קומט דאָ אַ שבֿח ע. ספּיוואַקן פֿאַרן אַרײַננעמען פּשוטע פֿאָלקסווערטער; „מאָסנטימלעכע טערמינעס“ רופֿט זיי אָן דער מחבר. נאָר ווי ער זאָל זיי ניט אָנרופֿן איז גוט און פּשוט: „פֿאַרהער“, „דעקן דעם חובֿ“, „דערלאַנגען אין געריכט“, „אויג אויף אויג“. ער איז אָבער אַליין זיך סותר און ער ווערט צו אַ הייסער חסיד פֿון העברעיִזמען און ער רעקאָמענדירט צו שווערע ווער־טער, בעת ער לייגט פֿאָר אַזעלכע טערמינען: „מיטבכּיוונדיקייט“, „פֿאַר־הכּנסהווען“", „אַניורשימדיקער“. עס איז, דוכט זיך אונדז, אַ פֿאַלשער אײַנ־שטעל, אַז שטענדיק און אַלע מאָל מוז מען אַ רוסיש וואָרט איבערגעבן סך־הכּל מיט איין אײנציקן ייִדישן וואָרט, בשעת אַ פּאַראַפֿראַז קען זײַן גרינגער, קירצער, באַקוועמער. און אַפֿילו, אַז מען וויל דווקא זוכן איין וואָרט, קען ניט זײַן איין סיסטעם צו געפֿינען אָט דאָס וואָרט: שאַפֿן עס על פּי דער אַנאַלאָגיע מיט רוסיש. ווי שטענדיק, האָט דאָ ע. ספּיוואַק קיין מורא ניט פֿאַר דײַטשמעריזמען, און „הײַראַטן“ איז בײַ אים אויך אַ גוט ייִדיש וואָרט (ג, 15). דער סך־הכּל איז דאָ לײדער אויך ניט קיין פֿריילעכער. עס ווייט אַזאַ שווערקייט און עס קוקט אַרויס אַ ביוראָקראַטישע אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אַזעלכע ווערטער ווי: „באַריכטפֿליכטיקע פּערזאָן“, „רעכטמעסיקייט“, „אָפּ־אייגענונג“, „חשבון־פֿליכטיקע סומע“, „אַנפּערזאָניקייט“ און אַנדערע.

שלום־עליכם

אין דעם שלום־עליכם־נומער פֿון „אָפּנ שפּראַכפֿראָנט“ האָט ע. ספּיוואַק צוויי אַרטיקלען. דער ערשטער, „שלום־עליכם און די ייִדישע ליטעראַרישע

שפּראַך", טראָגט ניט קיין פּאָסיקן נאָמען. דער מחבר רעדט דאָרטן וועגן שלום־עליכמס שטעלונג צו ייִדיש סוף אַכציקער און אָנהייב נײַנציקער יאָרן. דער עיקר פֿון אָט דעם אַרטיקל האָט מען געקענט געפֿינען אין ערשטן זאַמל־בוך: נאָר די שטעלונג צו שלום־עליכמס קאַמף פֿאַר אַ ריינעם ייִדיש איז דאָ אין גאַנצן אַ פּאָזיטיווע. די צווייטע אַרבעט, „אידיאָם און ווערטל אין שלום־עליכמס פּראַזעאָלאָגיע", איז אַ פּנים געמאַכט געוואָרן אויף גיך; מע קען ניט פֿאַרשטיין, וואָס דער מחבר האָט יאָ געוואָלט נעמען און וואָס ער האָט בכיוון ניט געוואָלט נעמען פֿון שלום־עליכמס גוואַלדיקער עשירות. דאָ וואַרפֿט מען זיך פֿון איין ענין צום צווייטן, פֿון איין שטאַנדפּונקט צום צווייטן; קיין איין פּונקט ווערט דאָ ניט באַאַרבעט. און דער אויספֿיר וועגן צוויי מינים ווערטלעך און אידיאָמען, אַזעלכע וואָס מע דאַרף אויפֿהיטן און אַזעלכע וואָס זײַנען „פּראַזעאָלאָגיש ווילדגראָז" און מע דאַרף זיי „אויסיעטען מיטן וואָרצל" (ז', 99־100), בלײַבט הענגען אין דער לופֿטן. עס איז אָן עוולה, אַז אַזאַ מין שטאַנדפּונקט און אַזאַ מין אײַנטיילונג פֿון אידיאָמען און ווערטלעך אין צוויי אַקעגנדיקע גרופּעס ווערט אונטערגערוקט — שלום־עליכמען.

אין דעם ווײַטערדיקן טייל פֿון יודל מאַרקס אַרבעט וועלן אַרומגערעדט ווערן די אַר־טיקלען פֿון כ. לויצקער, מ. מײַדאַנסקי, מ. שאַפּיראָ, אַ. זאַרעצקי, מ. שולמאַן.

יִדישע פֿראַכטדרוקן

פֿון יודא א. יאַפֿע

אי די פֿרײַנד פֿון יִדיש און יִדישע ביכער, אי זייערע ניט־פֿאַרגינערס קלאָגן זיך, אַז אין פֿאַרגלײַך מיט העברעיִש פֿלעגט מען יִדישע ביכער דרוקן אויף שלעכט פּאַפּיר, מיט שלעכטע אותיות און מיט שלעכטע טינט.

דער אמת איז, אַז די ספֿרים אין דער הייליקער שפּראַך האָט מען גע־דרוקט פֿאַר די רײַכסטע יִדן, און אַפֿילו די מיטלמעסיק רײַכע האָבן זיך פֿאַרגונען אויסצוגעבן אַ ביסל מער געלט פֿאַר אַ הייליקן בוך. די יִדישע ביכער האָבן בדרך־כּלל נאַטירלעך ניט געקענט פֿאַרנעמען אַ גלײַכן אָרט מיט ספֿרים אין לשון־קודש, — ווײַל צום מייסטנס האָט מען זיי טאַקע גע־דרוקט פֿאַר די וואָס האָבן ניט געקענט קיין לשון־קודש און האָבן געהערט צו די אָרעמע שיכטן יִדן.

און פֿאַרט ניט אויסשליסלעך פֿאַר זיי. ערשטנס האָט אַ מענטש גע־מעגט קענען אויסגעצייכנט העברעיִש און פֿאַרט גאַרן נאָך אַ וועלטלעכן וואָרט, מיט וועלטלעכע פֿאַרגעניגנס, און דאָס איז געווען ניט צו געפֿינען אין די העברעיִשע ביכער. צווייטנס האָט ניט אַלע מאָל אַ רײַכער מענטש גע־קענט העברעיִש.

מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז די באַוווּסטע רויזל פֿישלס, די טאָכטער פֿון ר׳ יוסף בן יודא הלוי, האָט אין 1586 געלאָזט אָפּדרוקן אַ יִדישע איבערזעצונג פֿון תּהילים פֿון אַן עקזעמפּלאַר וואָס מען האָט פֿאַר איר אָפּגעשריבן אין האַנאָווער. מיר ווייסן אויך, אַז גליקל האַמל, אַ רײַכע און אַ לומדת, האָט געשריבן אירע מעמואַרן דווקא אויף יִדיש און ניט אויף העברעיִש.

מע דאַרף אויכעט געדענקען, אַז יודא חסיד האָט געפּסקנט (ספֿר חסידים; לויט דעם דרוק ווילנע 1819, ז׳ 57א, קונטרס ט״ו, 1א, אין אָריגינאַל איז עס סימן 588): „ואם ווען איינער פֿר שטייט ניט לשון הקודש און׳ ער איז איין ירא שמים ער האט גערן ווישין וואש ער איז איין מתפּלל איז ליבר אז ער זאל תּפֿלה טאן אוף דעם לשון וואש ער פֿר שטייט דען דיא תּפֿלה מוז זיין אז דאש הארץ זאל פֿר שטיין וואש ער רעט.“

דאָס איז ניט געווען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן אַ מין ליבעראַלער מאַניפֿעסט וואָס זאָל ניט מער ווי בלײַבן פֿאַרצייכנט אויף פּאַפּיר. דער סידור פֿון יוסף בר יקר (1544), ווי אויכעט דער מחזור (איך האָב געהאַט אין די הענט דעם צווייטן טייל) פּראָג 1600, איבערגעדרוקט אַ סך מאָל דערנאָך, און די סליחות פּראָג 1602 דערווײַזן בפֿירוש, אַז מע האָט געדאַוונט פֿון יִדישע תּפֿילות: נישט מער, דאָס ערשטע העברעיִשע וואָרט איז פֿאַר־

צייכנט אין יעדער אָפּשניט, כּדי דער געוויינטלעכער בשׂר־ודם זאָל קענען גיין אין שפּאַן מיטן עולם אין שול און וויסן וווּ מע האַלט.

איך האָב אַ כּתבֿ־יד פֿון אַ סליחה, וואָס איז געשריבן אַרום 1525־1550, דאָס הייסט אַ וואָסערע 50 יאָר פֿריִער איידער דער באַוווּסטער יצחק בן אהרן פֿון פּראָסטיץ האָט איבערגעזעצט און געדרוקט די ייִדישע סליחות אין פּראָג אין 1594, וואָס כּמעט אַלע וואָס האָבן עד־היום געשריבן וועגן ייִדישער ליטעראַטור האַלטן זיי פֿאַר די ערשטע.

נחום שטיף האָט זיך אַפֿילו אונטערגענומען צו דערווײַזן, אַז בר יקר איז געווען אַ גרויסער ענוו און האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האָט בלויז איבערגעדרוקט אַ פֿאַרטיקע איבערזעצונג און אַז אין דער אמתן האָט ער עס אַליין איבערגעזעצט. דאָס זײַנען אָבער בלויז סבֿרות. בײַ מיר גע־פֿינט זיך אַ ווונדערלעך אָפּגעהיטער סידור־מאַנוסקריפּט אין אַשכּנזישן שריפֿט, וואָס די וואַסער־צייכנס אין די פֿאַרשיידענע קונטרסים שטעלן פֿעסט די דאַטע פֿון אָפּשריפֿט אַרום 1520 ביז 1530. ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ טעקסט, וואָס פֿון אים (ריכטיקער: פֿון אַ ז אַ טעקסט) האָט בר יקר געדרוקט זײַן אויסגאַבע פֿון 1544. דער סידור האָט געהערט צו אַ דײַטשישן ייִדן וואָס איז אַרומגעפֿאָרן איבער איטאַליע. ווען מען לייענט דורך בר יקרס אייגענע ווערטער אין זײַן פֿאָרוואָרט:

„אויך האָב איך די תפֿילה ניט בֿור טוייטשט אויש מיינם קופּפּא, זונדר האב מיר אייני אויש גילעזן די מיך הוט גידוכט זיא זייא דיא בעשט גיוועזן. אונ׳ האב זיא מגיה גיוועזן בור אן אונ׳ גימכט אז גוט אז איכש קן״

און מע פֿאַרגלײַכט זײַן „איבערזעצונג״ מיט מײַן כּתבֿ־יד, זעט מען אויף יע־דער זײַטל פֿון סידור, ווי אַזוי בר יקר האָט „גערעדאַקטירט״ (ער האָט אַליין געזאָגט: מגיה געווען) די פֿאַרטיקע איבערזעצונג.

ווו דער כּתבֿ־יד האָט לשון־קודשדיקע ווערטער, וואָס זײַנען בלויז און ביין פֿון געוויינטלעכן ייִדיש, האָט דער „רעדאַקטאָר״ זיך געסטאַרעט צו ריידן אָן „העברעיִזמען״ און האָט געביטן די ווערטער: בן, מלך, חבֿר אויף זון, קיניג, געזעל אאַז״וו. מערניט אין איין אָרט שרײַבט בר יקר „חבר״, ווו אין כּתבֿ־יד שטייט „געזעל״.

און דאָס איז אויך אַ באַווײַז, אַז נ. שטיפֿס טענות, אַז די „לומדים״ האָבן אַרויפֿגעצוווּנגען העברעיִשע ווערטער אויף אומשולדיקע ייִדן און ייִדע־נעס וואָס האָבן ניט געקענט קיין לשון־קודש, האָבן פּשוט קיין שום באַרעכ־טיקונג ניט.[1]

---

[1] עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין „ספֿר מידות״ (איזנע 1542) האָב איך געפֿונען, זײַט בײַ זײַט:

„ווען זיך איינר ורייאט [=פֿרייט] ווען זיין ג י ז ע ל שטרויכלט מיט עבירות אונ׳ ורייעט זיך ווען זיין ח בֿ י ר י ם ניכש קוינן [=קענען] לערנן״ (ל״בא, שורות 13־

אָבער דער פאַקט, וואָס אַ דײַטשישער (אַשכּנזישער) ייִד איז אַרומגע־פאָרן אין איטאַליע און האָט מיטגעפירט אַ סידור אויף ייִדיש, איז סימפּטאָ־מאַטיש פאַר דעם שטייגער לעבן פון יענע צײַטן. וואָלט מען זיי ניט גע־נוצט אין לעבן, וואָלט מען אַזעלכע סידורים (אָן העברעיִש) ניט געדרוקט, און כּתבֿ־ידן אַזעלכע וואָלט מען אַוודאי און אַוודאי ניט אַרומגעשלעפּט אין לאַנגע וואַנדערונגען איבער פרעמדע לענדער.

אָט דער אַשכּנזישער ייִד, אַרומפאָרנדיק אין פרעמדן לאַנד איטאַליע, האָט געמוזט געבן זײַנע גרעט צו וואַשן. איז ווו איז געווען אַ מער זיכערער אָרט צו פאַרצייכענען די שטיקער גרעט ווי אויף די בלאַנקע פאַדערבלעטער פון סידור, כּדי ניט צו פאַרלירן דעם גרעטצעטל? געפינען מיר טאַקע דרײַ אַזעלכע רשימות פון אונטערהעמדער, און נאַכטהעמדער, און זאָקן, און האַנ־טעכער אאַז״וו. — אַלץ אין איטאַליעניש מיט ייִדישע אותיות.

הייסט עס דער אַשכּנזישער ייִד איז זיכער אַרומגעפאָרן אַ היפּשע צײַט אין איטאַליע, האָט געגעבן צו וואַשן וועש אין איטאַליע (ניט אין דער היים, — דאָרט האָט ער ניט געדאַרפט קיין קבלות אויף די וועש, און דערצו פאַר וואָס וואָלטן זיי געווען אין איטאַליעניש מיט ייִדישע אותיות?) און האָט עס פאַרשריבן אין זײַן ייִדישן סידור, ווו ער האָט אויך פאַרצייכנט אַ נס וואָס האָט מיט אים געטראָפן דעם 1טן יאַנואַר 1571 טאַקע דאָרט, אין איטאַליע.

נאַטירלעך, ווען דרוקערײַ האָט געמאַכט אַ בוך מער צוטריטלעך פאַר אַ מענטשן מיט באַשיידענע געלטמיטלען, האָט מען אָנגעהויבן דרוקן די תּפילות, מחזורים, מנהגים־ביכער, מוסר־ספרים און וועלטלעכע ביכער אין ייִדיש, און ווען דער מער פאַרמעגלעכער ייִד איז ניט געווען אין גאַנצן צופרידן מיט אַן אָרעמאַנסקן סאָרט סידור אָדער תּפילה, האָט דער דרוקער געסטאַרעט זיך אײַנצושטילן דעם פּראָטעסט און האָט צוגעשטעלט שענערע ביכער — פּראַכטדרוקן (לוקסוס־אויסגאַבעס) פאַר די וואָס האָבן געשטעלט העכערע פאָדערונגען און זײַנען געווען גרייט דערפאַר צו באַצאָלן.

*

די פּראַכטדרוקן געהערן צו צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס:

(1) ביכער וואָס מע האָט געדרוקט אין צוויי אָדער דרײַ פאַרשיידענע פאָרמעס (פאָרמאַט, סאָרט פּאַפּיר, אײַנבאַנד) פאַר רײַכערע און אָרעמערע קעשענעס.

15 פון סוף). „דא גינג דער זעלביג אדם שר צו זיינער ג י ז ע ל ן איינן [=צו איי־נעם פון זײַנע חבֿרים] אונ׳ שפראך צו אים ליבר ח בֿ ר , איך ביט דיך״ (ס5־ב, ש׳ 3). הייסט עס ח בֿ ר און ג י ז ע ל געמישט. ג י ז ע ל ן ז י ך איז דורכויס אין בוך און ניט ח בֿ ר ; ז י ך. אויף ז׳ סד־א סד־ב געפינען מיר א ב ן ט ו בֿ און ג ו ט ן ש ט י י ן זײַט בײַ זײַט, און אויף ז׳ סק־ב, געפינען מיר אויכעט אַזוי: „ווען ע נ ג י ל גוטש ית׳ דעש הערן איז ער׳ דען דיא מ ל א כ י ם זיין צרות אמת״.

(2) ביכער וואָס מע האָט געדרוקט נאָר אויף אַ רײַכערן אופֿן. עס איז גאַנץ מיגלעך, אַז פֿון די זײַנען די פּשוטערע צו אונדז ניט דערגאַנגען. מע האָט זיי צעפּיצלט, ווײַל דאָס פּאַפּיר איז געווען וואָלוולס, און לייענען יידישע ביכער האָט מען אין אַלטע צײַטן געלייענט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט זיי צעלייענט. איך ווייס, אַז איך האָב געזען נאָר אַ קליינעם טייל ביכער, און עס קען זיך מאַכן, אַז אַנדערע האָבן עקזעמפּלאַרן פֿון די פּשוטערע געדרוקטע ביכער, וואָס איך האָב זיי ניט געזען.

פּראַכטדרוקן פֿון אָט דעם צווייטן סאָרט פֿלעגט מען דרוקן אַ מאָל אויך אויף קאָלירטן פּאַפּיר, אַ מאָל אויף פּאַרמעט אאַז״וו. דערווײַל וועל איך נאָר דערמאָנען עטלעכע פֿון דעם סאָרט ביכער, ווי 1) בבֿא־בוך 1541; 2) ספֿר מידות 1542; 3) שמואל־בוך 1544; 4) בר יקרס סידור 1544; 5) יוסיפֿון 1546; 6) שבט יהודה 1648; 7) המגיד 1738; 8) חקירת־הלב 1784.

מיך אינטערעסירן איצט די ביכער פֿון ערשטן סאָרט, און איך וויל צו ערשט זאָגן אַ האַרציקן דאַנק יצחק ריבקינדן, אין ביבליאָטעק פֿון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, פֿאַר די פּראַכט־עקזעמפּלאַרן פֿון די נומערן: 3) בליק; 4) סליחות 1688; 9) הגדה 1712; 11) אלירלייא געשיכטי; 13) מחזור 1723 און 15) מחזור 1750, און אויך פּראָפֿ׳ ה. וואָלפֿסאָנען פֿון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט פֿאַר אויסמעסטן זייער עקזעמפּלאַר פֿון נומער 11.

*

זאַצשפּיגל מיינט אויסשליסלעך די שורות פֿון טעקסט גופֿא, וואָס זײַנען געדרוקט אויף אַ זײַטל, אָבער ער נעמט ניט אַרײַן דאָס קעפּל אין דעם זײַטל־ציפֿער פֿון אויבן און די קונטרס־אותיות פֿון אונטן.

1) שבט יהודה, קראָקע 1591 (בן יעקב 228, ז׳ 564). דער בוך האָלט הונדערט און איין און פֿערציק זײַטלעך, דער קל״ג אויפֿן לעצטן זײַטל איז אַ דרוקפֿעלער. מײַן עקזעמפּלאַר הייבט זיך אָן מיט זײַטל ה, ווייס איך ניט, צי עס פֿעלן נאָך זיבן זײַטלעך, כאָטש עס איז אַ קוואַרטאָ־פֿאָרמאָט און אויף זײַטל ט שטייט [קונטרס] ג א.

זאַצשפּיגל 15.8×10.8 צמ.

פּראַכטדרוק	פּשוטער דרוק
20×15.3×1.8 צמ.	17.8×13.1×1.4 צמ.
גליונות: אויבן 1.8; אונטן 2.4	אויבן 1.2; אונטן 0.8
רוקן: 1.7; זײַט: 2.8	רוקן: 1.7; זײַט 2.6

דער אונטערשייד אין ווײַסקייט און אין גרעב פֿון פּאַפּיר איז אַ סימן, אַז עס זײַנען געווען צוויי דרוקן. צי דער אײַנבינדער האָט דאָס אַזוי אומ־ברחמנותדיק אָרומגעשניטן די ראַנדן, קען איך ניט באַשיידן.

2) ס ד ר ה ג ד ה ש ל פ ס ח בלשון הקדש ופתרונו בלשון אשכנזים עם כמה צורות של כל האותות והמופּתים אשר נעשו לאבותינו במצרים ועל הים ובמדבר...

נדפּס לתשוקת הבחור היקר המשכיל כמ׳ר מ ש ה בן הנעלה לתהלה כמ׳ר גרשון פּרינצו יצ׳ו בויניציאה בבית ייואני קאליוני המדפּיס שנת ש פּ ט לפּ׳ק. = 1629, Appresso gli Illustr. Sig. Pietro, Aluise & Lorenzo, Brag. 1 (שער)+24+1 (אחד מי יודע)=26 זײַטלעך פֿאָליאָ. דאָס איז די צווייטע אויסגאַבע (ערשטע אין װענעציע 1609, נ׳ 27 בײַ װינערן) — פֿאַרצייכנט בײַ װינערן אונטער נ׳ 31, שטיינשנ׳ נ׳ 2690 און צעדנער ז׳ 440).

שטאַרק פּאַפּיר	דין פּאַפּיר
7.×24.5×37 צמ.	4.×23×33 צמ.

3) גאַנץ תּנ׳ך אין יידיש, בליצס אויסגאַבע, אַמסטערדאַם 1676־1679. איך האָב דורכגענישטערט 29 פֿאַרשיידענע עקזעמפּלאַרן פֿון בליצס תּנ׳ך־איבערזעצונג און בין סוף־כּל־סוף דערגאַנגען, אַז אין גאַנצן זײַנען געווען פֿינף פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס פֿון בוך. נאָר דאָ קען איך זיך ניט אַרײַנלאָזן אין די פֿאַקטן עס צו דערווײַזן.

פֿון דער ערשטער אויסגאַבע האָב איך געזען נאָר איין עקזעמפּלאַר: ער איז אַ פּראַכטדרוק אין פֿאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע. קען איך ניט זאָגן, צי עס איז געווען אויכעט אַ פּשוטער דרוק פֿון דער ערשטער אויסגאַבע. דער עקזעמפּלאַר געהער דעם ניו־יאָרקער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

דאָס פּאַפּיר איז אַ דיקערס, דער בוך (ד״ה ניט רעכענענדיק די טאָוולען) איז 5.3 צמ די גרעב אַנטקעגן 3.6 צמ פֿון די אַנדערע, הייסט עס כּמעט 50% דיקער. די לענג איז 34.3, די ברייט 22.8, אַנשטאָט 31.5 און 19.5 אין די אַנדערע. דער זאַצשפּיגל גופֿא פֿאַרנעמט 15.5×27.2(3) צמ און בײַט זיך פֿון 15.4 צמ (ז׳ 67א) ביז 16.6 צמ (ז׳ 183ב) אין ברייט.

4) ס ל י ח ו ת ש ל כ ל ה ש נ ה, אַמסטערדאַם 1688. דאָס איז אַן איבערזעצונג פֿון אליקים מק״ק קאמרנא. דער שער מיט 7 קופּער־שטאָך־בילדער איז טיילווײַז אַ רעפּראָדוקציע פֿון שער פֿון „מליץ יושר" (דעם מחברס פֿון צאינה־וראינה), וואָס ר׳ אליקים מקאמרנא האָט בײַ דעם זעלביקן דרוקער אין דעם זעלביקן יאָר 1688 אַרויסגעגעבן כּלומרשט ווי אַ פֿאַרבעסערטע אויסגאַבע. אויפֿן שער לייענען מיר: סליחות של כל השנה בלשון אשכנז כסדר למנהג ק׳ק פֿראַנקפֿורט וכל הנלוים אלי אשר חיבור ותיקן האלוף התורני יושב בשבת תחכמוני כה׳רר אליקים כהר׳ר יעקב ש׳ץ זצ׳ל מק׳ק קאמרנא גלילת לבוב. והוא פי׳ מספיק למעלות ולתוכן הענין אשר עדן לא נהיה כדבר הזה: נדפּס ראשונה פה ק׳ק אמשטלרדם בשנת ונסלח לכל עדת בני ישראל לפּ״ק. בבית הגביר והנעלה כמר משה קאשמן בהקצין ...כהר׳ר אליהו יצ׳ו מעמריך:

זאַצשפּיגל: 13.3×16 צמ.

קוואַרטאָ, 1 (שער)+79=80 זז׳

פּראַכטדרוק	פּשוטער דרוק
1.2×20.1×23 צמ	1.2×16×19.7 צמ
גליונות: אויבן 2.2; אונטן 4.8	גליונות: אויבן 1.8; אונטן 1.9
רוקן: 1.7; זײַט: 5.1	רוקן: 1.1; זײַט: 1.6

חלק ראשון, שער 1א, הסכמות 1ב־2א, הקדמה 2ב+3 ביז 7ב, תפלה 7ב המשובח והמפואר באותיות זכריו ובגייר בבית הבחור חשוב משה בן הישיש הנחמד כ״ד אברהם מינדס קויטיניו זצ״ל באמשטרדם לפרט י ש מ ח ל ב ה ח י י ם = 463 = 1703.

חלק ראשון, שער 1א, הסכמות 1ב—2א, הקדמה 2ב+3 ביז 7ב, תפלה 7ב ביז 10ב, סימנים 11־12=(12)+69 העברעיִשער טעקסט=81 פּאָליאָס.

5ב) ספר החיים חלק שני טעמיה חיים זכו... אלי דינים פון פריידן: אוף טייטש גר וואל בישיידן: פר מאנן אונ׳ ווייבר יונגן אונ׳ מיידן... בדפוס [ווי אויבן] באַמשטרדם לפרט י ש מ ח ל ב ה ח י י ם = 1703.

(שער) 1+56+ (סימנים) 1=58 פּאָליאָס

81+58=139 פּאָליאָס אין גאַנצן.

זאַצשפּיגל 9.5×14.8 צמ

פּראַכטדרוק	פּשוטער דרוק
1.7×12×20.2 צמ	1.5×10.9×17.2 צמ
אונטן 4; רוקן 1; זײַט: 1.4	שרעקלעך אַרומגעשניטן
זייער אַ פֿײַן פּאַפּיר	

6) סידור און תהילים, אַמסטערדאַם, 1705־1721: סדר התפלות מכל השנה עם פירוש בלשון אשכנז נדפס באמשטרדם בבית ובמצות הבחור משה בן הישיש הנכבד הגביר הנעלה אבֿרהם מינדיס קוטיניא ז״ל.

דאָס איז אין אייבערשטן פֿערטל פֿון אַ שיינעם קופּערשטאָך־שער מיטן יאָר תס״א, דאָס הייסט 1705. אַבֿרהם מענדעס קאָטיניאָ איז דער דרוקער פֿון נומ׳ 5.

קוואַרטאָ, 315 זײַטלעך, די זײַט 316 איז דער שער פֿון תהילים.

ס ד ר ת ה ל י ם מפורש בשום שכל ויבינו במקרא בלשון לע״ז... נעשה על ידי התורני מהור״ר אליקים בהר״ר יעקב ש״ץ ז״ל קאמרנא... נדפס באמשטרדם בבית ובמצות הבחור משה בן הישיש הנכבד הגביר הנעלה אברהם מינדיס קוטניין ז״ל. בשנת תס״ה לפ״ק. = 1705.

דער תהלים פֿאַרנעמט זז׳ 1 ביז 74. ז׳ 75 (אָן ציפֿער) איז סדר קריאת שמע של המטה. ז׳ 76א איז ס ד ר ת ח י נ ו ת: דר ווייל איך גיזעהן האב דז די גיוועזיני תחנות זיינן פיל צו גראב... ווערן מיר ווידר קומן אין (ארץ ישראל)

הניין: אמן: נדפס באמשטרדם בבית ובמצות הבחור משה בן הישיש הנכבד הגביר הנעלה אברהם מינדיס קויטנייו ז'ל: שנת לשמוע אל הת'ח'נ'ה לפ'ק;

די קליינע אותיות א'ת'ח'נ'ה=464=1704 זיינען דער לפ'ק.

276 ביז 92 איז נ י י א י ט י י ט ש י ת ח י נ ו ת, 292ב איז מ פ ת ח ו ת ש ל ס ד ר ת פ ל ו ת ה ז ה.

אין גאַנצן: 1+315+1+92=409 זייטלעך, קוואַרטאַ.

פּראַכטדרוק	פשוטער דרוק
19.5×12.6×5 צמ	18.6×12×4 צמ

שטיינשניידער באָדלעיאַנאַ נ' 2258א זאָגט: charta maxima alba. זייער גרויס ווייס פּאַפּיר). דער העברעישער טעקסט איז געדרוקט אין דעם איי־בערשטן ווינקל פון אַ זייט, די יידישע איבערזעצונג ביי דער זייט און אונטן.

דעם איבערזעצער אליקים מקאמרנאס נאָמען פיגורירט אויף אַ צאָל בי־כער: אויף די סליחות (זע אונדזער נ' 4); אויף אָט דעם סידור; מלמד שיח, 1710; ספר רפואות הנפש, אַלטאָנע 1729; שבט יהודה, אַמסטערדאַם 1700; מקוה ישראל, אַמסטערדאַם 1698; מליץ יושר, אַמסטערדאַם 1688; קינות, אַמסטערדאַם 1704 (בן יעקב 355, ז' 528); המגיד אין קליין 32טל־פאָרמאַט, אַמסטערדאַם 1699 (עריק זאָגט אויף ז' 230: מיט פיל לוספות און שינויים). M. Wiener, Liber Schevet Jehuda, Fasc. II, XVIII. 8) (Hannover, 1856) זאָגט, אַז די איבערזעצונג פון שבט יהודה איז weit vollständiger und besser als die früher erschienenen. איך האָב פאַרגליכן אַ פּאָר צענדלינג זייטלעך וואָרט נאָך וואָרט מיט דער ערשטער אויסגאַבע (קראָקע 1591), אַמסטערדאַם 1648 און זולצבאַך פון דעם זעלביקן יאָר 1700, — און חוץ ווו ניט ווו אַ פּאָר ווערטער איבערגעשטעלט האָב איך קיין „פאַרבעסערטע“ איבערזעצונג ניט געפונען. מיין איינדרוק איז, אַז אַזוי איז עס אויך מיט עטלעכע אַנדערע „איבערזעצונגען“ פון אליקים מקאמרנא.

7) ס פ ר ל ב ט ו ב הערט צו איר ליבן לייט. אלי גאר דיא פון דעם בישעפר זיינן אן בירייט:... אויך האָבן מיר דש ספר (לב חכמים) מיט אריין גישטעלט וואו אין מן פינד פיל יראה. בעשיר ווערדר אל דאס געלט... באמשטירדאם נדפס במצות חיים בן לא'א יעקב ז'ל. הנקרא חיים דרוקר: בבית הגביר והתורני מהר'ר משה דיאש יצ'ו: בשנת תמוך אשורי במעגלותיך לפ'ק=1706.

פאָליאָ (2)+102=104 פאָליאָס.

זאַצשפּיגל: 24×14.8 צמ

פּראַכטדרוק:	פשוטער דרוק:
32.1×20.1×1.9 צמ	27.2×17×1.1 צמ
אויבן 3.5; אונטן 4.5	אויבן 2; אונטן 1.2
רוקן: 1.9; זייט: 3.4.	רוקן: 1.1; זייט: 1.1.

בנוגע דעם דרוקער פאַרגלייך אונדזער נ' 8.

8) צ א י נ ה ו ר א י נ ה , אַמסטערדאַם 1711. חמשה חומשי תורה בלשון אשכנז צאינה וראינה בנות ציון בעטרה... באמשטילרדם נדפס במצות חיים בן לא״א יעקב ז״ל. הנקרא חיים דרוקר בשנת לסדר ולפרט והייתם קדושים לאלהיכם לפ״ק:=1711
t'Amsterdam, by Cornelis van Hoogenhuysen Boekdrukker op de Egelantiers=gragt, 1711.

זאַצשפּיגל 15.3×27.1 צמ

פּראַכטדרוק:	פּשוטער דרוק:
35.1×23×3.5 צמ	31.5×19.2×2.4 צמ
אויבן 3.3; אונטן 4.7	אויבן 2.1; אונטן 2.3
רוקן: 3.2; זייט: 4.5	רוקן: 1.3; זייט: 2.6

9) ס ד ר ה ג ד ה ש ל פ ס ח נדפּס באמשטרדם בשנת ה ל ל ו א ת שם ה׳ לפ״ק—1712.

איך פֿלעג גאָר שטאָלצירן מיט מײַן הגדה: שטאַרק פּאַרפּליאַמעט מיט ווײַן און דאָס פּאַפּיר ברוינלעך, אָבער דאָך אַ מוסטער פֿון שיינע אותיות און די פּראַכטיקע שטאָלשטאָכן (וואָס פֿאַרנעמען די אונטערשטע העלפֿט פֿון 13 זײַטלעך און איין זײַטל ב׳ פֿון אויבן ביז אַרונטער) טאַקע אַרײַנגעפּרעסט אין פּאַפּיר גופֿא, און די צוויי גרויסע קאַרטעס, איינע מיט לאַטײַנישע אותיות און די אַנדערע מיט העברעיִשע!

אָבער איצט האָלט איך זיך מער ניט אַזוי גרויס ווי פֿריִער, — איך האָב געזען אַ פּראַכטיקע אויסגאַבע, דעם אמתן פּראַכטדרוק פֿון דער הגדה אין דער ביבליאָטעק פֿון ייִדישע טעאָלאָגישן סעמינאַר. אמת, דער גאָלד־געפּרעסטער שטאַמפּ אויף ביידע טאָוולען „הגדה של פסח״, אין אַ שיינער ראַם מיט אַ קרוין, איז דער זעלביקער אויף ביידע עקזעמפּלאַרן, און זיי זײַנען ביידע געבונדן אין גאַנץ לעדער, אָבער וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד אינעווייניק!

זאַצשפּיגל: 16.5×25.4 צמ

פּראַכטדרוק:	פּשוטער דרוק:
39×26×1 צמ	30.4×19.8×0.6 צמ
אויבן 6.3; אונטן 7.3	אויבן 3; אונטן 2
רוקן: 2.3; זײַט 7.2	רוקן: 1.6; זײַט: 1.7

דער געגראַווירטער פֿאָדער־שער איז ווי אין „מנורת המאור״ 1722 (אונדזער נומ׳ 10) און „בליץ״ 1676־1679 (נומ׳ 3), מיט געגראַווירטע אותיות דורכויס.

דער צווייטער שער איז אַ געדרוקטער, און אונטן שטייט בבית ובמצות כהר״ר שלמה בן כהר״ר יוסף כ״ץ פרופס זצ״ל מוכר ספרים בשנת הללו את שם ה׳ לפ״ק. ייִדיש הייבט זיך אָן אויף ז׳ בו קדש ורחץ אאַז״וו; 7־8 שורות אָנווײַזונגען אויף ז׳ ג1, אַ 12־15 שורות אויף ז׳ ג2 קידוש של פסח, ווו ניט ווו אַ פּאָר ייִדישע ווערטער אויף זז׳ ד1 ביז יו2. אויף ז׳ 17א נעם דאש

כּוס אין דר האנט און 18א־ב (דאָס פּראָווען סדר אין ייִדיש) מגיד, רחצה מוציא, מצה אאַז״וו אין ייִדיש. אויף ז׳ 21ב וועגן פּירדי כּוס. ז׳ 29ב אל־מעכטגר גאָט אין ייִדיש. זז׳ 31א־30 אחד מי יודע און ז׳ 31אב חד גדיא.

אין ווינערס רשימה איז די הגדה פֿאַרצייכנט אונטער נומער 59.

10) מ נ ו ר ת ה מ א ו ר נדפּס באמשטרדם. אָט דאָס איז אין גאַנצן די אויפֿשריפֿט אויפֿן פֿאָדער־שער־בילד, וואָס איז אַ ביסל געענדערט פֿון דעם פֿאָדער־שער פֿון בליצס תּנ״ך (נומ׳ 3), מגישי מנחה (נומ׳ 14) און הגדה (נומ׳ 9).

דאָס איז געדרוקט 1722 אין אַמסטערדאַם אין העברעיִש און ייִדיש פֿון משה פֿרנקפֿורט דיין דק״ק אמסטרדם, זון פֿון שמעון פֿרנקפֿורט זצ״ל, דעם מחבר פֿון „ספֿר החיים" (נומ׳ 5).

די געוויינטלעכע אויסגאַבע איז אַ שטיקל פֿאַר זיך, אָבער די פּראַכט־אויסגאַבע איז שוין גאָר אַ זעלטענער ייִדישער בוך.

אויפֿן צווייטן שער שטייט: בבית הדיין המחבר נר״ו. בשנת ובדעת צדיקים יחלצו לפ״ק=1722.

פּשוטער דרוק:	פּראַכטדרוק:
30.5×19.2×4.3 צמ	37.9×23.6×4.3 צמ

הייסט עס. אַז דאָס פּאַפּיר האָט מען גענוצט דאָס זעלביקע איןביידע אויס־גאַבעס. דער זאַצשפּיגל (15.2×25.8 צמ) איז אָפּגערוקט פֿון בוכרוקן 3 צמ (אַנשטאָט 2 צמ, ווי אין דער געוויינטלעכער אויסגאַבע), און עס בלייבט נאָך אַלץ אַ גליון ביַי דער זיַיט פֿון 5.4 אַנשטאָט קאַרגע 2 צמ אין קלענערן בוך. אויבן איז אַ בלייז פֿון 4.6 אַנשטאָט 2.4, און אונטן גאַנצע 7.5 צמ אַנשטאָט 2.3. אַ בוך וואָס איז אין איין קלאַס מיט מגישי מנחה (נומ׳ 14), צאינה וראינה (נומ׳ 8) און לב טוב (נומ׳ 7).

10ב) עס איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז דער מנורת המאור פֿון סלאַוויטע (דרוקער שמואל אברהם שפּירא, זע „ייִוואָ־בלעטער", ב׳ 15, ז׳ 89, 1940, נומ׳ 1־2) איז אין פּאַפּיר און שריפֿט אויכעט אַ פּראַכטדרוק: 32.5×22×5 צמ מיט אַ זאַצשפּיגל פֿון 17×19.8 צמ און גיליונות אויבן 4.2, אונטן 7.6, רוקן 1.5, זיַיט 3.5 צמ.

11א) אליר לייא גשיכטי [מעשה־בוך], באמשטרדם, כּהר״ר שלמה בן כּהר״ר יוסף כ״ץ ז״ל פּרופס מוכר ספֿרים בשנת מה גדלו מעשיך לפ״ק.

שער 1+99א מעשה־בוך+99ב ביז 107ב קאַרצי בשרייבונג פֿון ארץ ישראל, ד״ה 108 זיַיטלעך קוואַרטאַ.

ב) ס פ ר מ ע ש י ה׳ ו מ ע ש י נ ס י ם אונטערשטער טייל פֿון שער ווי אין א).

שער 1+56+57־72 מעשה נסים=73 זיַיטלעך קוואַרטאַ.

ג) ס פ ר ש מ ח ת ה נ פ ש , אונטערשטער טייל ווי אין א) און

ב), נאָר די לעצטע שורה איז בשנת עבדו את ה׳ בשמחה לפּ״ק=1723, ווי אין א) און ב). דער שער אָרײַנגערעכנט אין די 88 זײַטלעך.

ד) ס פ ר ב י ת י ש ר א ל ו ב י ת ה ב ח י ר ה. די לעצטע שורה פֿון שער איז: בשנת הוא יבנה הבית לשמי לפ״ק=1724. שער 1, הקדמה 2+64+67 זײַטלעך.

פֿון די 6 עקזעמפּלאַרן פֿון בוך, וואָס איך האָב געזען, זײַנען אַ פּאָר געווען אָרומגעשניטן כמעט ביזן זאַצשפּיגל, ד״ה אָרום 15.8×12.3 צמ. אַ לײַטישער עקזעמפּלאַר איז 3.5 צמ די גרעב, 15.5×19.8 צמ. דער שענסטער עקזעמפּלאַר איז אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר: 22.3×17.3×4.5. די גליונות זײַנען אויבן 2.5, אונטן 4, דער רוקן 1.6, די זײַט 3.4 צמ. דער עקזעמפּלאַר אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פֿון האַרוואַרד קומט פֿון ד״ר ענעלאָוס ביבליאָטעק און קען זיך כמעט פֿאַרגלײַכן מיט דעם עקזעמפּלאַר פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר: ער איז פֿיל ציכטיקער אויפֿגעהאַלטן און אין זייער אַ שיינעם נײַעם אײַנבאַנד.

12) מ ע נ ה ל ש ו ן אַמסטערדאַם 1723. לאדם מערכי לב ומיי מענה לשון עם לשון אשכנז. סדר תחנות תענית על בית עלמין על כל צרה שלא תבא לעלמין ובתוכו הרבה בקשות... ווייל דש (מענה לשון) דאש מן אויף דען (קברות) טוט זאגין זיין... און עולם הבא ותחית המתים זאל אונז ניט ווערן פֿרווערט. באמשטרדם. דערנאָך קומען די זעלביקע 4 שורות ווי אין א) און ב) פֿון נומ׳ 11.

135 זײַטלעך, פּראַכטדרוק אויף זייער שטאַרקן פּאַפּיר, 3 צמ דיק, דער פּשוטער דרוק בלויז 1.8 צמ. דער נישטיקער אונטערשייד אין פֿאָרמאַט קומט, ווי עס זעט אויס, אפֿשר פֿון אײַנבינדער. דער העברעיִשער טעקסט איז אויבן, דער ייִדישער אונטן. פֿאַרבײַגייענדיק וויל איך באַמערקן, אַז אין דער זעלביקער צײַט האָט פּרופּס געדרוקט אַן אויסשליסלעך ייִדישן מענה־לשון, 66 זײַטלעך: ער האָט פּשוט אַרויסגענומען די ייִדישע איבערזעצונג און געמאַכט דערפֿון גאַנצע זײַטלעך, שורה נאָך שורה אומגעביטן. אויפֿן שער שטייט „בלשון אשכנז״ אַנשטאָט „אין לשון אשכנז״.

13) מ ח ז ו ר, אַמסטערדאם 1723. אין ערשטן חלק, פֿון 320 זײַטלעך, פֿאַרנעמט ראש השנה ביז 109ב, יוצר של שבת תשובה 109ב־118א און הדרת הקודש לוים כפור 118א־ב. די זײַטלעך 119 ביז 320א איז יום־כפּור.

אין צווייטן חלק (296 זז׳) פֿאַרנעמט סוכּות (76 זז׳), 77־101א שמיני־עצרת, 101ב־113ב שמחת תורה, פּסח 114־211ב, שבֿועות 211ב־280ב, קהלת (העברעיִש) 281־284א, שיר השירים (העברעיִש) 284ב־285, שיר היחוד 286־294ב, אורחות חיים (ייִדיש) 294ב־296.

דער שער לייענט זיך: מחזור חלק ראשון כמנהג אשכנזים ושאר קהלות קדושות... דיזש מחזור איז אין לשון הקדש אונ׳ טייטש גישטעלט. וועלכש

גלייכן איז נאָך קיין מאָל געוועזן אין דיא וועלט... דש מיר זאלן קענן עולם הבא געווינן. אמן. נדפס שנית בכמה הוספנו באמשטרדם בשנת כל הכתוב לחיים בירושלים לפ״ק=1723. במצות המשותפים כדבר מצוה זו הנעלה מהור״ר משה פרנקפורט דיין דק״ק אמשטרדם והתורני מהור״ר שמעון שמש ונאמן דק״ק אמשטרדם. עם אחיו כהר״ר יצחק כ״ץ כלא״א כמוהר״ר נפתלי הירץ כ״ץ זלה״ה והנעלה כמר חיים בן לא״א יעקב ז״ל הנקרא חיים דרוקר והאלוף כהר״ר שלמה בן כהר״ר יוסף כ״ץ זצ״ל פרופס מוכר ספרים.

זאַצשפּיגל 13×18 צמ (אָן ערך).

אַ זײַטל איז 21.5×28 צמ. דער ערשטער חלק איז 4.7 צמ די גרעב און דער צווייטער 4.5 צמ. אַ פּשוטערע אויסגאַבע האָב איך געזען אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. זי איז אַ האָר קלענער פֿון מײַנער, אָבער דאָס פּאַפּיר איז אַ סך דיקער: די גרעב איז 3.6 און 3.5 צמ. דאָס איז די צווייטע אויס־גאַבע, וואָס פֿון איר איז נומ׳ 15 (1750) די פּערטע.

14) מגישי מנחה, אַמסטערדאַם 1725־1729. איך האָב דאָס געניו באַ־שריבן אין מײַן אַרטיקל אין „ייִוואָ־בלעטער", נומ׳ 3־4, 1939, זז׳ 229־250, וועל איך ניט פֿאַרנעמען קיין פּלאַץ מיט איבערחזרן וואָס איך האָב דאָרט געזאָגט.

15) מחזור, אַמסטערדאַם 1750, 5 חלקים.

מחזור חלק ראשון והוא תפלת ראש השנה כמנהג אשכנזים ושאר קהלות קדושות דיזש מחזור איז אין לשון הקדש אונ׳ טייטש געשטעלט. וועלכז גלייכן איז נאָך קיין מאָל געוועזן אין דיא וועלט... נדפס רביעית בכמה הוספות באמשטרדם בבית ובדפוס המשותפים הר״ר הירץ לוי רופא וחתנו קאשמן מוכרי ספרים בהוצאת המשותפים הנ״ל והיקר כ׳ משה בן לימא הענא שרייבר בשנת והיה ביום ההוא יתקע בשפר גדול לפ״ק=1750. דערנאָך קומט איין זײַטל רעקלאַמע געדרוקט מיט שרײַב־אותיות וועגן די מעלות פֿון מחזור. 22 זײַטלעך מחזור, אַלץ קוואַרטאַ; 5 זײַטלעך שיר היחוד איז 2°, דאָס הייסט 1+1+22+92+5=121 זײַטלעך.

זאַצשפּיגל: 4.5×18.3. פּראַכטדרוק: 2.3×21.7×28.2 צמ. גליונות אויבן 3; אונטן 6.9; רוקן: 2.6; זײַט: 4.6.

מחזור חלק שני והוא תפלת יום כפור... בשנת כי ביום הוא יכפר עליכם לפ״ק=1750.

פּראַכטדרוק: 3.7×21.8×28.2 צמ; די זעלביקע מאָסן ווי אין חלק ראשון, נאָר די גרעב איז 3.7. 1+22 (שחרית)+(93—282)=168, און ניט 190, ווײַל נאָך זײַטל קכה (125) קומט קמו (146), ד״ה, 20 זײַטן איבערגעהיפּערט, און נאָך רנב קומט רנה, ד״ה, נאָך 2 זײַטלעך פֿאַרפֿעלט. אין גאַנצן 22 (פּונקט ווי שחרית). אַרום און אַרום הייסט עס: 1+22+168=191 זז׳.

מחזור חלק שלישי והוא תפלת סכות... בשנת כי בסכות הושבתי את בני ישראל לפ״ק=1750.

פראַכטדרוק:	פשוטער דרוק:
28.3×21.8×2.8 צמ	23.4×18.6×1.7 צמ
אויבן 2.8; אונטן 7.2	אויבן 1.8; אונטן 3.3
רוקן: 2.4; זײַט: 4.9	רוקן: 1.6; זײַט: 2.5

פון דער פשוטער אויסגאַבע איז דאָס דער איינציקער באַנד וואָס איך האָב. אַ זײַטל פון דער פראַכט־אויסגאַבע איז 42% גרעסער ווי פון קלענערן בוך, און די פראַכט־אויסגאַבע האַלט 1727 קוב צמ אין פאַרגלײַך מיט 740 צמ פון דעם פשוטערן בוך, ד״ה 233 פראָצענט.

מחזור חלק רביעי והוא תפלת פסח ושבועות... בשנת אלה מועדי ה׳ אשר תקראו אותם במועדם לפ״ק=1750. (שער) 1+22 (שחרית)+(93—232)= 140+(223—234)=12. אַלע קוואַרטאַ+2 (235־236)+5 (שער היחוד)=1 +22+140+12+2+5=182 זײַטלעך. 3.5 צמ די גרעב. אויפן ז׳ רלוב (=רמוב) איז דער קאָלאָפאָן. ה ישראל לפ״ג און אַ רעקלאַמע פון דער פירמע אין געפּתיבהטע אותיות.

מחזור חלק חמישי והוא סליחות מכל השנה... בשנת אשר קמתי להודות לפ״ק=1750.

שחרית הייבט זיך אָן אב מיט אַ כסדרדיקער נומעראַציע ביז 201. דער זעלביקער זאַצשפּיגל און גליונות ווי אין די אַנדערע 4 חלקים, 4 צמ דיק. זיי זײַנען געבונדן אין שווערן גאַנצלעדער, און די 5 חלקים צוזאַמען וועגן קנאַפּע 20 פונט.

16) מחזור עם כוונות הפייטן, חלק ראשון, כמנהג אשכנזים ושארי קהלות קדושות עם לשון אשכנז עם הדרת קודש, ראש השנה ויום כפור... אמסטערדאם בבית יתמי במנוח כהר״ר שלמה פרופס כ״ץ זצ״ל בשנת ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם=1768. צוויי בענד פון פיר טיילן קוואַרטאַ.

חלק ראשון: א) ראש השנה 29+100=129 זייטן. ב) יום־כיפור 22+ 164=186 זײַטן. חלק שני: א) סוכות שחרית 29 זײַטן+109 (קהלת 51ב־ 58א)=138 זײַטן. ב) פסח 111 זײַטן. שבועות 72 זײַטן+שיר היחוד (1־12א) 12=84 זײַטן. סך־הכל 648 זײַטן.

זאַצשפּיגל: 13.2×17.8 ביז 18.3 צמ.

פראַכטדרוק:	פשוטער דרוק:
25.3×20 צמ	23.2×17.4 צמ

די גרעב פון די איינציקע חלקים איז אַ פאַרשיידענע.

17) מ ח ז ו ר אַמסטערדאַם 1768, 9 בענד אָקטאַוואָ. עס איז אַ ביסל אַ געקירצטער איבערדרוק פֿון נומ׳ 15. מחזור עם כוונת הפייטן... כמנהג אשכנז. ושארי קהלות קדושות עם טייטש והדרת קודש אויף טייטש אין איין נייא קאמאַד פורמאהט. פֿר דש ערשטי מאהל להעולם צו פֿאַר שיין [=פֿאַרשיין] גבראכט בעז״ה... באמשטרדם בבית ובדפוס האחים כה״רר יוסף כה״רר יעקב וכה״רר אברהם בני כה״רר שלמה פרופס כ״ץ זצ״ל מדפיסים ומוכרי ספרים בשנת ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם לפ״ק=1768. אין יעדער באַנד איז אַ קופּערשטאָך־פֿאָדער־שער.

ראש השנה 2 בענד פֿון 107 און 98 זײַטלעך=205, אַרײַנגערעכנט די שערים און די בילדער־שערים. יום־כּפּור 2 בענד 147 און 107=254 זײַטלעך, אַרײַנגערעכנט די פֿאָדער־שערים. סוכות 2 בענד 114 (קהלת פֿאַרנעמט 61א ביז 70ב) און 84=198 זײַטלעך, אַרײַנגערעכנט די פֿאָדער־שערים. פּסח 2 בענד 103 און 113=216 זײַטלעך, אַרײַנגערעכנט די פֿאָדער־שערים. שבֿועות 1 באַנד 124 זײַטלעך מיט דעם פֿאָדער־שער; סך־הכּל אין גאַנצן מחזור אַרום און אַרום 997 זײַטלעך.

פֿון פראַכטדרוק פֿון דעם מחזור האָב איך נאָר דעם ערשטן טייל יום־כיפּור. דאָס פּאַפּיר איז אַזוי דיק, אַז דער באַנד איז 2.5 צמ די גרעב אַנשטאָט 1.7. די אַנדערע 8 בענד האָב איך ניט געזען.

18) תקנות הקהילה דקהל קודש אשכנזים אשר באמשטרדם יע״א. נדפסו במצות אלופים קציני׳ פרנסים וגבאי צדקה יצ״ו. לסדר כה תברכו את בני ישראל. ולפרט כי בשמחה תצאו ובשלום הכהלון לפ״ק=1737. באמשטרדם בדפוס ובבית הגביר אברהם בן הישיש הנכבד רפאל חזקיהו עטיאש זצ״ל. אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פֿון שער איז אונטערגעשריבן פֿייבלמן במהו״רר יחזקאל כ״ץ (גבאי צדקה) צו ווײַזן אין אַ מודעה רבה, אַז די תקנות זײַנען די ריכטיקע.

נאָכן שער קומען צוויי זײַטלעך פֿון עקסטראַקט „אויז דש צעהנטי גרוש מעמאריאל בוך פֿאליא 115 בירושטנדי על סעקרעטרייא דר שטאט אמשטרדם״. דערנאָך קומען 33 געגומערירטע זײַטלעך פֿון די תקנות הקהלה. אין מײַן פראַכטאײַנבאַנד קומט דערנאָך סדר הנהגת בית הכנסת לשם ולתהלה לפ״ק=1716, פה אמשטרדם רבתי בדיעות בדפוס ובבית כהר״ר שלמה בן בהר״ר יוסף כ״ץ זצ״ל פרופס מוכר ספרים.

אַ זײַטל האַלט 11×17.7 צמ. אַן אַנדער עקזעמפּלאַר אין גאַר אַ זעל־טענעם גאָלדבאַצירטן אײַנבאַנד מיט שלעסער און מיט באַגילטע ברעגן האָט צווישן עטלעכע ביכער די זעלביקע תקנות, אָבער זיי זײַנען אַזוי אַרומגע־שניטן, אַז אַ השׂגה וועגן דער פּשוטער אויסגאַבע קען איך קריגן נאָר פֿון

אַן אַנדער (אַ דריטן) עקזעמפּלאַר, ווו עס פּעלן עטלעכע זײַטלעך אין אָנהייב און צום סוף. דער זאַצשפּיגל גופֿא איז 8.6×13 צמ. דאָס פּאַפּיר ווי פּאַרמעט.

*

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָב איך פֿאַררעגיסט־רירט זייער אַ קליינע צאָל פּראַכטדרוקן, ווײַל איך האָב באַשריבן נאָר דאָס וואָס איך האָב אַליין געזען. איך האָב געוואָלט בלויז צוגעבן חשק יענע וואָס האָבן געזען אַנדערע פּראַכטדרוקן, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס זעלביקע וואָס איך האָב געטאָן. דאָס קען פֿירן צו אַ מער פּינקטלעכן פֿאָרשטעל וועגן דעם גאַנצן ענין פּראַכטדרוקן אין ייִדיש.

ענגלישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן

פֿון י. ליפּשיץ

ביזן נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט רוסלאַנד ניט צוגעצויגן דעם ענגלישן רײַזנדער. ענגלענדער זײַנען אינעם אַכצנטן יאָרהונדערט, מישפּטנדיק לויט די רײַזע־זשורנאַלן, אַ סך אָפֿטער געפֿאָרן אין אַזיאַטישע לענדער, ווי אַפֿילו אין דעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד. סײַדן דאָס זײַנען געווען דיפּלאָמאַטן אָדער גע־לערנטע וועמען די רוסישע רעגירונג האָט, אין זעלטענע פֿאַלן, אַרויסגעפֿאָדערט ווי עקספּערטן.

נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין מאָסקווע האָט רוסלאַנד דערנענטערט צו ענגלאַנד און אָפּגעווישט אַ גרויסן טייל פֿון דער אַמאָליקער שרעק פֿאַר דעם רוסישן „באַרבאַר".

מע קאָן ניט זאָגן, אַז נאָך דער נאַפּאָלעאָנישער מלחמה זײַנען מאַסן ענג־לענדער געקומען קיין רוסלאַנד. ניין, נאָך אַלץ זייער ווײַט דערפֿון. די רײַזע איז געווען אַ שווערע, אַ ווײַטע און זייער אַן אומבאַקוועמע פֿאַרן ענגלענדער בפֿרט, וואָס איז געוווינט געווען צו שטאָט, ריינקייט און אָרדענונג. דער דורכ־שניטלעכער רײַכער ענגלענדער וואָס איז געפֿאָרן קיין איטאַליע אָדער פֿראַנק־רײַך איז נאָך אַלץ קיין רוסלאַנד ניט געפֿאָרן.

דערפֿאַר זײַנען שוין אָבער יאָ געפֿאָרן פּראָפֿעסאָרן, דאָקטוירים און — מיסיאָנערן. טייל פֿון זיי האָבן זיך אַזוי גרונטיק געגרייט צו דער נסיעה, אַז זיי האָבן זיך אַפֿילו אויסגעלערנט רוסיש.

ייִדן אין רוסלאַנד און אין פּוילן זײַנען פֿאַר די ענגלישע רײַזנדערס גע־ווען דאָס עקזאָטישסטע געוויקס אין דעם פֿרעמדן לאַנד. ניט אַלע פֿון זיי האָבן אַרויסגעוויזן געגוג אינטערעס אָדער פֿאַרשטאַנד פֿאַר ייִדן. כאָטש זיי זײַנען געקומען אַן פֿאָראורטיילן, ווײַל קיין ייִדן־פֿראַגע האָט דעמאָלט אין ענגלאַנד ניט עקסיסטירט, זײַנען זיי אָבער „אויפֿגעקלערט" געוואָרן פֿון זייערע רײַכע רוסישע פֿרײַנד, כּמעט בלויז אַדללײַט, וואָס זײַנען געווען פֿאַרביסענע אַנטיסעמיטן.

פֿון דעם סאָרט „אויפֿקלערונג" באַקומט זיך בײַ די רײַזנדערס אַ מאָדנער פּאַראַדאָקס: ווען זיי רעדן וועגן ייִדן בכלל, זאָגן זיי נאָך דעם אַלט באַקאַנטן פּזמון, אַז ייִדן זײַנען שטיין רײַך, אַז זיי באַהערשן דאָס לאַנד, פֿאַרשקלאַפֿן דעם פּויער, שטיקן דעם פּריץ אאַז"וו. רעדן זיי אָבער וועגן די ייִדישע שטעט און שטעטלעך וואָס זיי זײַנען דורכגעפֿאָרן, וועגן די הײַזער וואָס זיי האָבן

באַזוכט, וועגן די ייִדן, מיט וועמען זיי האָבן גערעדט, יעמאָלט הערט איר זיי זאָגן אין איין קול: אָרעמקייט, דערשלאָגנקייט, האָפֿענונגסלאָזיקייט.

נאָך אַ זאַך. די „פֿרײַנד" האָבן זיי דערציילט, אַז ייִדן זײַנען פֿויליאַקעס; זאָגן זיי נאָך. ווען זיי דערציילן אָבער וועגן די ייִדן וואָס זיי האָבן געזען, ווייסן זיי צו דערציילן וועגן מענטשן, וואָס נאָר זיי האַלטן אויף דעם האַנדל אין די שטעט און שטעטלעך (זיי באַווײַזן אַפֿילו צו אימפּאָרטירן ענגלישע אַרטיקלען);[1] וועגן זייער פֿרומקייט; און אַפֿילו די אַזוי פּאַרנאַנטע ייִדישע געלטגײַציקייט קומט גאָר ניט אַרויס אַזוי שאַרף ווי ווען זי ווערט געשילדערט אַבסטראַקט.

די ווײַטער געבראַכטע אויסצוגן שטאַמען פֿון צוויי מעדיקערס. איינער פֿון זיי, לײַאַל, האָט געקאַנט רוסיש. ביידע האָבן באַזוכט רוסלאַנד צו עט־לעכע מאָל. פֿון זייערע פֿאַרצייכענונגען וועגן ייִדן, צי זיי זײַנען לשבֿח אָדער לגנאַי, קאָנען מיר אַ סך לערנען.

אין אַ צווייטן אַרטיקל וועלן מיר ברענגען אַרויסזאָגונגען פֿון נאָך צוויי ענגלישע רײַזנדערס: פֿונעם מיסיאָנער פּינקערטאָן (וואָס האָט אויך געקענט רוסיש) און פֿונעם דאָקטאָר גראַנוויל.

מ ע ק מ ײַ ק ל [2]

וויליאַם מעקמײַקל (1784־1839) אַ געלערנטער, מעדיקער און רײַזנדער. האָט 1816 גראַדויִרט פֿון אָקספֿאָרד ווי אַ דאָקטאָר מעדיצין. אין שליחות פֿון ראַדקליף קאָלעדזש האָט ער באַזוכט צענטראַל־אייראָפּע, רוסלאַנד (צוויי מאָל — 1814 און 1817־1818), טערקײַ און ארץ־ישׂראל. די באַשרײַבונג פֿון זײַן צווייטער רײַזע קיין רוסלאַנד האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט 1819 אין לאָנדאָן אונ־טערן נאָמען: „אַ רײַזע פֿון מאָסקווע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל". די ווײַטער־דיקע אויסצוגן זײַנען גענומען פֿונעם דאָזיקן בוך.

(Dictionary of National Biography, London 1921-22, Vol. XII, p. 673)

ד ע ר ש ע נ ק ע ר א ו ן ד ע ר פּ ו י ע ר — אין דער טייל פּוילן, וואָס רוסלאַנד האָט אַנעקסירט, זײַנען ייִדן תּמיד גרייט צוצושטעלן דעם נאַרישן לײַבקנעכט בראָנפֿן דיסטילירט פֿון ווייץ. דער לײַבקנעכט צאָלט דערפֿאַר מיט דער תּבֿואה וואָס ער דאַרף אויף זריעה, ווײַל קיין געלט האָט ער ניט. ווען ס'קומט די צײַט פֿון זייען, מוז דער פּויער אָנקומען צום שענ־קער וואָס איז גרייט דעם פּויער צו געבן זריעה נאָר מיטן תּנאַי, אַז צוויי דריטל פֿון דעם קומענדיקן שניט זאָל געהערן צו אים (ז' 26).

---

[1] מיט דער זעלבער מיינונג זײַנען אויך געווען נאַפּאָלעאָנישע אָפֿיצירן וואָס זײַנען געווען אין רוסלאַנד. זע ש. פּאָזנער, מכּוח אַ מקור פֿון ידיעות וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין מיזרח־אייראָפּע אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ 2, ז' 521.

[2] William Macmichael, *Journey from Moscow to Constantinople in the Years 1817-1818*, London 1819.

וועגן ווילנע — אין מאָסקווע דערציילן פֿאַרלאָזלעכע פּערזאָנען דעם ווײַטערדיקן אַנעקדאָט וועגן ייִדישער גײַציקייט. ווען די פֿראַנצויזן זײַנען אָפּגעטרעטן, איז די שטאָט ווילנע געבליבן פֿול מיט מתים. עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ קאָנטראַקט מיט ייִדן, אַז זיי זאָלן אויסרייניקן די שטאָט און באַזײַטיקן די פֿוילנדיקע בר־מיננם. זיי האָבן געזאָלט קריגן פֿינף זילבערנע קאָפּיקעס פֿאַר יעדער בר־מינן. זיי זײַנען אָבער ניט געווען צופֿרידן מיט דעם פֿאַרדינסט, מען האָט זיי געכאַפּט אַרויסוואַרפֿן דורך די פֿענצטער פֿון די שפּיטעלער יענע וואָס זײַנען דאָרט געשטאָרבן, כּדי אַזוי אַרום צו פֿאַרגרעסערן זייער הכנסה (ז׳ 26).

אַ ייִד אַרויסגעוואָרפֿן פֿון אַ שיף — אינעם טומל וואָס איז געוואָרן בעתן אויפֿזיצן [אויף דער שיף אין קיִעוו] האָט אַ ייִד באַוויזן דערווײַל זיך אַרויפֿצוכאַפּן און זיך באַהאַלטן הינטער איינער פֿון די קאַרעטעס. מע האָט אים אָבער געפֿונען אין זײַן באַהעלטעניש און אָן שום סיבה און אָן צערעמאָניעס אים אַרויסגעוואָרפֿן. ער האָט זיך ניט געוערט. זײַן אָננעמען דאָס פֿאַר ליב האָט באַוויזן, אַז אָדער ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער פֿאַרדינט אַזאַ פּסק, צו ווײַלכן ער איז שוין מסתּמא געוווינט געווען, אָדער ער האָט זיך ניט דערוועגט זיך צו באַליידיקן דערפֿון. אפֿשר האָט ער ניט געטאָרט זײַן אויף דער זײַט דניעפּער. כאָטש די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין קיִעוו איז אַ היפּשע, זײַנען אָבער אין רוסלאַנד גופֿא פֿאַראַן בלויז געציילטע ייִדן. אויב זיי ווערן בכלל אַזוי באַהאַנדלט, האָבן זיי נאָך אַ שטאַרקערע סיבה פֿאַר זייער וועלן בעסער וווינען אין פּוילן, ווי דאָס וואָס דער רוס איז קליגער און כיטרער פֿון זיי (ז׳ 40).

אַן אַכסניא אין וואַסילקאָוו — אין וואַסילקאָוו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט עסן אין אַ ייִדישער אַכסניא. להיפּוך צו אַלע אַכסניות וואָס ווערן געהאַלטן פֿון מענטשן פֿון דעם זעלבן [ייִדישן] פֿאָלק און אין וועמענס הענט מיר זײַנען שוין געהאַט אַרײַנגעפֿאַלן און פֿון זיי שלעכט באַהאַנדלט און באַשווינדלט געוואָרן זינט אונדזער אָנקום קיין רוסלאַנד דורך דער פּרײַסישער גרענעץ בײַ קאָנין ביז קיין וואַרשע — איז די אַכסניא, אין ווײַלכער מיר זײַנען אַרײַנגעקומען, געווען ציכטיק און גוט מעבלירט. דער אויסזען האָט אָבער אָפּגענאַרט, ווײַל איינס פֿון די וויכטיקסטע געריכטן פֿון אונדזער מאָלצײַט איז געווען אַ מין זויערע זופּ וואָס מע רופֿט באָרשט. דער שלעכטער טעם צוזאַמען מיטן מאָדנעם נאָמען האָבן אויף אונדז געווירקט, אַז מיר זאָלן ווייניק עסן דערפֿון. אונדזער בעל־הביתטעס קליידונג האָט צוגעצויגן אונדזער אינטערעס. זי האָט געטראָגן אַ מאָדנעם קאָפּפּוץ [שטערנטיכל ?] וואָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער אָפּצייכן פֿון אַ חתונה־געהאַטער פֿרוי. עס איז געווען איבער דער מאָס באַפּוצט מיט פּערל. דאָס איז די חתונה־מתּנה וואָס דער מאַן גיט זײַן פֿרוי און דאָס איז אויך אין אַ געוויסער מאָס דער אויסווייניקסטער סימן פֿון איר האַרס עשירות. די פֿרוי

באוויַזט דאָס גיט אָן קיין געפיל פון שטאָלץ. איך האָב געזען טייל [שטערנ־טיכלעך] וואָס זײַנען געשאַצט געוואָרן אויף 4000 דוקאַטן. אָבער דאָס איז געווען אין בראָד, אַ ייִדישע פרײַשטאָט בײַ דער גרענעץ פון גאַליציע. די שטאָט איז פול מיט זייער אַ רײַכער באַפעלקערונג ((זז' 44־45).

אַ ן ע י ר ו ב̄ א י ן ב אָ ה ו ס ל אַ ו ו — בשעת מען האָט אונ־דזערע קאַרעטעס אַראָפּגענומען פון די שליטנס און אויף זיי אָנגעטאָן די רעדער, האָבן מיר דערווײַל פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס מיט אונדזער ייִדישן בעל־הבית [פון דער שענק], אַ קלוגער און אינטעליגענטער מענטש וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויס נײַגעריקייט. ער איז געווען אַנדערש ווי דאָס רוב̄ ברי־דער זײַנע, וועמענס גײַציקע געדאַנקען זײַנען מערסטנס געווען געניגט צו־צוטראַכטן פּלענער, ווי אַזוי אונדז צו שפּײַזן שלעכט און רעכענען אונדז דערפאַר געשוואָלענע פרײַזן. ער איז געווען זייער נײַגעריק זיך צו דערוויסן דעם ציל פון אונדזער נסיעה. מען האָט אים ניט געקאָנט איבערצײַגן, אַז בלויז פאַרגעניגן איז געווען דער מאָטיוו פאַר פאָרן לאַנג און אומבאַקוועם. ער פון זײַן זײַט ווידער איז געווען גערן צו אינפאָרמירן און גרייט צו ענט־פערן אַלע אונדזערע פראַגעס. ער האָט מיר דערקלערט אַ ייִדישן מינהג וואָס האָט אַלע מאָל צוגעצויגן מײַן אינטערעס אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וווּ ס'וווינען ייִדן. מיר האָבן באַמערקט, אַז צו הויכע סלו־פּעס זײַנען צוגעבונדן שטריק וואָס ציִען זיך איבער די גאַסן אין פאַרשיי־דענע ריכטונגען. „ווי לאַנג, האָט געזאָגט אונדזער בעל־הבית, מען זעט די שטריק פאַרצויגן צווישן די פאַרשיידענע סלופּעס, איז אונדז דערלויבט צו האָבן פרײַען פאַרקער מיט אונדזערע שכנים. ווען מען נעמט זיי, די שטריק, אָבער אַראָפּ, איז קיין ייִדן ניט דערלויבט צו טראָגן קיין שום זאַך מיט זיך לויז אום שבת; ווען ער פאַרלאָזט זײַן אייגן הויז, טאָר זיך אין זײַן קע־שענע ניט געפינען קיין טאַבעק־שקעטל און קיין נאָזטיכל. דער אויטאָריטעט פאַר דעם מאָדנעם מינהג, האָט ער מיר געזאָגט, איז דער תלמוד...[*]

די באַפעלקערונג פון באָהוסלאַוו איז ס'רוב̄ אַ ייִדישע. כאָטש די סוחרים דאָ זײַנען ניט אַזוי פאַרמעגלעך ווי די סוחרים פון בראָד, איז פון דעסט וועגן ניט שווער צו טרעפן צווישן זיי אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן 10,000 דוקאַטן.

מען דערלויבט זיי ניט צו באַזיצן קיין לאַנד. זיי קויפן אָבער אָפּ די לאַנדפּראָדוקטן, ספּעציעל ווייץ, און פירן זיי אויף שליטנס, געשפּאַנט מיט משונה קליינע אָקסן, צו די פּאָרטן פונעם שוואַרצן ים. בעת אונדזער פריִער־דיקער נסיעה האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַמערקן דעם עפעקט פון דעם קאָמערציעלן גײַסט אויף דעם דאָזיקן אַרבעטזאַמען פאָלק [ייִדן]. דאָס איז געווען אין שײַכות מיט דער פאַרשפּרייטונג פון ענגלישע לוקסוס־אַרטיק־

---

[*] לײַאַל (זע ווײַטער) שרײַבט אויך וועגן עירובֿין און פאַררופט זיך (ז' 123) אויף מעקמײַקלען.

לען איבער אײראָפּע. אין די מערסטע פּױלישע שטעטלעך צװישן װאַרשע און ריגע, װוּ די אײנציקע שפּײַז װאָס מען האָט געקאָנט קריגן איז אָפֿט געװען אַ פּאָר אײער, האָבן מיר זיך כּמעט קײן מאָל ניט נאָכגעפֿרעגט אױף קײן מאַלצליקער. זײ [ייִדן] האָבן אָבער געקאָנט צושטעלן אױסגעצײכנטן ברױ־נעם שטאַרקן ליקער אָדער לאָנדאָנער פּאָרטער אין פֿלעשער. פֿאַר דעם פֿײַ־נעם געטראַנק האָבן זײ װאָס אָן אמת, זיך געלאָזט באַצאָלן אַ זילבערנעם רובל. דאָ אין באָהוסלאַװ האָבן מיר אױך געזען פֿונעם בעסטן ענגלישן צו־קער צו 17 זילבער־רובל אַ פּוד. ס׳זײַנען פֿאַראַן גרױסע צוקער־הוטעם אין מאָסקװע, און דער האַנדל [מיט אױסלענדישן צוקער] איז קאָנטראַבאַנדע. דער ענגלישער צוקער איז אָבער אױך אַזױ פֿיל בעסער, אַז דער אוקאַז פֿון דער רעגירונג װערט באַזיגט פֿון דער אונטערנעמעװודיקײט פֿון די ייִדישע סוחרים (זז׳ 48-45).

פּ י אַ ס ק אָ װ י ב ר ו ד — אין פּיאַסקאָװי ברוד האָבן מיר גע־געסן אָנבײַסן בײַ אַ ייִדן אין אַ הויז װאָס איז געשטאַנען אין צענטער פֿון אַ װעלכע פּופּציק װײַסע הײַזקעס, געמאַכט פֿון לײם און באַדעקט מיט שטרױ. די הײַזקעס זײַנען געװען אין גאַנצן אַרומגערינגלט און פֿאַרשטעלט פֿון הױכע סטויגן װײץ. דער זשוליק דער ייִד האָט אונדז אָנגעװיזן אױף עטלעכע גרופּעס פּויערים װאָס זײַנען געזעסן אין פֿאַרשײדענע װינקלעך און געטרונקען זײַן שעדלעכן בראָנפֿן און אין אַ מונטערן טאָן געזאָגט: „אַ גור־טער קונה קאָן טרינקען פֿאַר הונדערט רובל אַ װאָך״.

...די גוראַלניעס זײַנען אָבער אין די הענט פֿון דער רעגירונג, און דער ייִד איז דער אַגענט װאָס פֿאַרשפּרײט דעם שעדלעכן געטראַנק צװישן די לײַבקנעכט, װעמענס פֿאַרדינסטן ס׳קערן זיך ממילא צוריק אום אין דער רע־גירונגס־קאַסע (זז׳ 52-51).

אַ ל װ י אָ פּ אָ ל, כערסאָנער גובערניע — פּונקט װי די מערסטע שטעט װאָס מיר זײַנען דורכגעפֿאָרן פֿון קיִעװ אָן האָט זי אױך אַ סך ייִדן (ז׳ 58).

ל ײַ אַ ל [4]

ראָבערט לײַאַל (1831-1790) איז געװען אַ באַקאַנטער ענגלישער באָטאַ־ניקער, מעדיקער און רײַזנדער. אין 1810, גלײַך װי ער האָט פֿאַרענדיקט זײַן שטודיום, איז ער אַװעק קײן רוסלאַנד, װוּ ער האָט חתונה געהאַט. אין 1815 איז ער װידער אַװעק קײן רוסלאַנד און דאָרט פֿאַרבראַכט ביז 1822. ער איז געװען דער פּריװאַטער לײַבדאָקטער פֿון רוסישע אַריסטאָקראַטן און געשטאַנען נאָענט צום קײסערלעכן הויף. אין 1822 האָט ער געמאַכט אַ לענגערע רײַזע איבער רוסלאַנד, און זײַנע אײַנדרוקן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין לאָנ־

[4] Robert Lyall, *Travels in Russia, the Crimea, the Caucasus and Georgia*, London 1825.

דאָן אונטערן נאָמען: „רײַזעס אין רוסלאַנד, קרים, קאַווקאַז און גרוזיע", פֿון וואַנען מיר נעמען די ווײַטערדיקע אויסצוגן. לײַאַל האָט געקאָנט רוסיש און פֿאַרעפֿנטלעכט אַ ווערק וועגן דער רוסישער שפּראַך. די רוסישע רעגירונג איז געווען אומצופֿרידן פֿון טייל באַמערקונגען זײַנע וועגן קאָרופּציע.[5] ער איז שפּעטער געוואָרן אַן ענגלישער באַאַמטער אין מאַדאַגאַסקאַר און דאָרט געשטאָרבן.

(Dictionary of National Biography, Vol. XII, p. 304, London 1917)

אַ רוסישער גענעראַל וועגן ייִדן — כּמעט אַלע ייִדן, אחוץ די ייִדן פֿון קיִעוו, וואָס מיר האָבן בשעת אונדזער נסיעה געטראָפֿן, האָבן פֿאָרגעשטעלט אַ בילד פֿון דעגראַדאַציע, שפֿלות און אָפּנאַרערײַ. אין אַ בריוו וואָס באַראָן סאַקען[6], דער קאָמאַנדיר פֿון דער ערשטער רוסישער אַרמיי, האָט דעם 22טן אַפּריל 1822[7] געשריבן פֿון מאָהילעוו צום פּרינץ ד. וו. גאַליצין, גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון מאָסקווע, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער אײַנגאַרטיקייט פֿון ווײַסרוסלאַנד און אויף די גרויסע מיגלעכקייטן וואָס דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט פֿאַר אַגריקולטורעלער אַנטוויקלונג. דערבײַ האָט ער באַמערקט אָפֿנהאַרציק און ערלעך, אַז „די פּויערים מיט זייערע משפּחות בעטלען כּמעט כּסדר בײַ די וועגן, ווײַל די איינציקע באַשעפֿטיקונג איז טרײַבן בראָנפֿן, וואָס דאָס ליגט אין די הענט פֿון ייִדן, אין די הענט פֿון אַ פֿאָלק וואָס לעבט, צו דער שאַנד פֿון דער מענטשהייט, אַ לעבן פֿון פּוסטע־פּאַסטעווע, גנבֿה און שמוץ". די דאָזיקע באַצייכענונג פֿון ייִדן קאָן מען אויך

---

[5] אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט באַטראַכט אַ פֿרײַערדיק בוך פֿון דעם מחבר „דער כאַראַקטער פֿון רוסלאַנד", הגם עס איז אים, אַלעקסאַנדערן, געווען געהייליקט, ווי קעגנערִיש צו דער רוסישער רעגירונג און צום רוסישן פֿאָלק. דער מחבר זאָגט אין דער הקדמה צו זײַנע „רײַזעס אין רוסלאַנד", אַז „ס׳איז געווען צו דערוואַרטן די קעגנערשאַפֿט פֿון די רוסן, כ׳מיין פֿון די העכערע קלאַסן, צו מײַן ווערק. די מאַסע, די פּויערים, וואָס וועלן אַוודאי קיין מאָל מײַן נאָמען ניט הערן, זיי האָבן צוגעצויגן מײַן אינטערעס. זייער לאַגע פֿון שקלאַפֿן [לײַבקנעכט] וועט אַלע מאָל טיף פֿאַראינטערעסירן דעם קריסט, דעם פֿילאַנטראָפּ און דעם מלוכה־מאַן. און איך מעג זיך באַרימען, אַז איך האָב דעם ענין באַהאַנדלט אין אַ נײַער און ריכטיקער שײַן" (הקדמה, אויבן, ז׳ 7, 9).

[6] גראַף פֿאַביאַן ווילהעלמאָוויטש אָסטען־סאַקען האָט געשטאַמט פֿון קורלענדער דײַטשן. ער איז געווען ניקאָלאַי דעם ערשטנס אַ באַליבטער גענעראַל. דער קייסער האָט אים דעקאָרירט עטלעכע מאָל און אים דערהויבן צו גראַפֿנשאַפֿט. אָסטען־סאַקען האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שקלאַפֿישער אונטערטעניקייט צו ניקאָלאַיען און איז אין זײַן אַכזריות געווען שטאַרק ענלעך צום קייסער. ער האָט זיך טרויעריק באַרימט געמאַכט בעתן פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון 1831.

[7] לײַאַל גיט אָן (ז׳ 119), אַז דער דאָזיקער בריוו איז געווען געדרוקט אינעם זשורנאַל פֿון דער מאָסקווער אַגריקולטור־געזעלשאַפֿט 1822, נומ׳ 4. איך האָב דעם זשורנאַל ניט געזען.

[8] אין די יאָרן 1821־1822 האָט ווײַסרוסלאַנד איבערגעלעבט אַ גרויסן הונגער וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן אויף ייִדן ניט ווייניקער, נאָר אפֿשר נאָך מער ווי אויף דער אַלגע־

אָנוועגדן אויף זייערע ברידער וואָס מיר האָבן געטראָפֿן אין קיִעווער, כער־סאָנער, קאַטערינאָסלאַווער און קרימער גובערניעס (זז׳ 119־120).

ו ו ע ג ן י י ִ ד י ש ע ר ק אָ ל אָ נ י ז אַ צ י ע — אַזוי ווי ייִדן פֿאַרמאָגן ניט קיין לאַנד, קויפֿן אַ סך פֿון זיי אָפּ לאַנדפּראָדוקטן, ספּעציעל ווייץ, פֿון די פּריצים און טראַנספּאָרטירן דאָס קיין אָדעס און צו די אַנדערע פּאָרטן פֿונעם שוואַרצן ים. אָבער ווו מיר האָבן זיי געטראָפֿן, האָבן זיי געמאַכט אויף אונדז, מיט קליינע אויסנאַמען, דעם זעלבן אײַנדרוק וואָס איז שוין פֿריִער באַשריבן געוואָרן און אַרויסגעוויזן דעם זעלביקן כאַראַקטער.

אויף אונדזער נסיעה איבער דרום־רוסלאַנד האָבן מיר אומעטום געהערט זיך שטאַרק באַקלאָגן אויף זייער אָפּנאַרערײַ און אויף זייער מאָנאָפּאָל אי־בער יעדער פּראָפֿיט־ברענגנדיקער באַשעפֿטיקונג. פֿון די פֿאַרשיידענע קלאַנגען וואָס האָבן זיך אַרומגעטראָגן איז געווען בולט קלאָר, אַז ס׳וועט בקרובֿ פֿאָרקומען אַ גרויסע רעוואָלוציע אין זייער מצבֿ. פֿאַרשיידענע פּערזאָנען האָבן גערעדט וועגן דער „קאָלאָניזאַציע פֿון ייִדן״, אָבער קיינער פֿון זיי, זעט אויס, האָט ניט געוווּסט וואָס די ווערטער באַטײַטן, און אַלע האָבן אומגע־דולדיק אַרויסגעקוקט אויף אינפֿאָרמאַציע. דער סוף האָט זיך סוף־כּל־סוף אַנטפּלעקט אין אַ קייסערלעכן אוקאַז וואָס איז דאַטירט וואַרשע, דעם 29טן אויגוסט 1824.[9] דער אוקאַז זאָגט, אַז אַלע ייִדן וואָס זײַנען ניט קיין דאָק־טוירים אָדער עטאַבלירטע סוחרים דאַרפֿן ביזן יאָר 1825 זיך אָפּזאָגן פֿונעם קליינהאַנדל וואָס איז ביז איצטער געלעגן אין זייערע הענט, פֿון מלאָכות אד״גל און זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט פֿון זייערע אָבֿות, ד״ה ערדאַרבעט. די מלוכה וועט פֿאַר דעם צוועק באַשטימען פֿאַר זיי ערד אינעם מילדערן קלימאַט פֿונעם אייראָפּעיִשן רוסלאַנד, באַזאָרגן זיי מיט אַלץ וואָס איז נייטיק פֿאַר זייער אַגריקולטורעלער אַרבעט און שאַפֿן פֿאַר זיי נײַע ישובֿים. אַחוץ דעם וועט די רעגירונג זיי באַפֿרײַען עטלעכע יאָר פֿון שטײַערן, אויב זיי וועלן זיך אויפֿפֿירן אין הסכּם מיט זײַן מאַיעסטעטס ווילן. פֿון דער אַנדערער זײַט ווידער האָבן זיי קיין אַנדער ברירה ניט ווי צו פֿאַרלאָזן פּוילן און רוס־

מיינער באַפֿעלקערונג. אַ מיטצײַטלער שרײַבט, אַז „בריסקער ייִדן זײַנען געפֿאַלן ווי פֿליגן, און די פּויערים פֿון ווײַסרוסלאַנד האָבן זיך אָפּט געלאָזט לויפֿן אַפֿילו אין יאַראָסלאַווער גובערניע, זוכנדיק אַ שטיקל ברויט״ (ציטירט פֿון ש. באָראָוואָי, „די ייִדישע קאָלאָניעס נאָך דער צווייטער איבערוואַנדערונג״, מינסקער צײַטשריפֿט 2, ז׳ 114).

[9] אַן אוקאַז פֿון 29סטן אויגוסט וועגן ייִדן איז ניטאָ. פֿאַראַן אַן אוקאַז פֿון 29סטן יולי 1824, האָט ער אָבער צו טאָן מיט דער אײַנוואַנדערונג פֿון פֿרעמדע ייִדן. ווי לײַאַל גיט איבער דעם אינהאַלט פֿונעם אוקאַז, איז מסתּמא דאָ געמיינט דעם באַפֿעל פֿון 11טן אַפּריל 1823 צו די גובערנאַטאָרן פֿון מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניעס צו פֿאַרווערן ייִדן צו האַלטן אַרענדעס, שענקען, קרעטשמעס, פּאָטשטן און זיי אַרויסצושיקן פֿון די דערפֿער ביזן ערשטן יאַנואַר 1825. זע וו. אָ. לעוואַנדאַ, Сборникъ Законовъ ז׳ 126 און ש. דובנאָוו, נײַסטע געשיכטע ב׳ 2, ז׳ 132.

לאַנד. ווי מען האָט זיך געקענט ריכטן, האָט די פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון דעם אוקאַז געפֿלעפּט די גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג.[19] די אײַנגעבוירענע באַפֿעלקערונג פֿונעם לאַנד ווי רוסן, קליינרוסן און פּאָליאַקן וועלן ניט גענומען ווערן אין באַטראַכט. דרײַערליי קאָלאָניעס, דהײַנו: דײַטשע, ייִדישע און מיליטערישע וועלן אײַנגעאָרדנט ווערן אין די דרום־פּראָווינצן פֿון רוסלאַנד (זז' 122-121).

א ו מ אַ ן — די באַפֿעלקערונג פֿון אומאַן ווערט געשאַצט צווישן 300 ביז 500 נפֿשות, מערסטנס ייִדן, אַ קליינע צאָל פּאָליאַקן און עטלעכע רוסן (ז' 125).

ה אָ ל אָ ו ו י נ ס ק , ל ע ב ן ב ר אַ צ ל אַ ו ו — איז אַן עלנט דאָרף, אין גאַנצן פֿאַרפֿולט מיט ייִדן, וועמענס הילוך און שמאַטעס זאָגט עדות אויף אָרעמקייט און נויט (ז' 132).

אַ ד ע ס — באַלד פֿון אָנהייב איז אדעס געוואָרן אַ מקום־מקלט פֿאַרן אָפּפֿאַל פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די שכנותדיקע לענדער. איבער 300 ייִדישע פֿאַמיליעס, ס'רובֿ פֿון זיי פֿון גאַליציע, אחוץ אַ גרויסער צאָל בעלי־מלאָכות, האָבן זיך דאָרט אײַנגעאָרדנט (ז' 162).

...ייִדן זײַנען פֿאַרשפּרייט, און עטלעכע פֿון זיי זײַנען גאַנץ פֿאַרמעגלעך. אַ צאָל זײַנען קליינהענדלער, שענקערס, בעלי־מלאָכות, בעקער און אַנדערע זײַנען וואָכערניקעס (ז' 189).

---

[19] זע באַראָזשי, אויבן.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

י ד י ש ע   נ ע מ ע ן   א י נ ע ם

Dictionary of American Biography

די צוואַנציק בענד פֿונעם Dictionary of American Biography װעלן צוגעבן ניט קיין קלײנעם כּבֿוד דעם „אַמעריקאַנער ראַט פֿון געלערנטע געזעלשאַפֿטן" (American Council of Learned Societies), װאָס אונטער זײַן אָנפֿירונג איז די אויסגאַבע צוגעגרייט און פּובליקירט געוואָרן. צום גוטן װעט אויך דערמאָנט װערן אַדאָלף אָקס, אַרויסגעבער פֿון „ניו־יאָרקער טײַמז", װאָס האָט סובסידירט די אונטערנעמונג מיט אַ האַלבן מיליאָן דאָלער.

װאָס שייך דעם סכום מאַטעריאַל איז גענוג צו זאָגן, אַז דאָס װערטערבוך גיט אויף אַ 15,000 זײַטן 13,627 ביאָגראַפֿישע אַרטיקלען; דער 21טער באַנד גיט אַ זוכצעטל צום גאַנצן װערק; 2,243 מחברים האָבן מיטגעאַרבעט; די אַלגעמיינע צאָל װערטער דערגייט, זאָגט מען, ביז עלף מיליאָן. אויף אָפּצושאַצן די איכות פֿונעם שטאָף איז גוט זיך צו באַקענען מיט די פּרינציפּן, מאָסן און צילן װאָס די רעדאַקציע און דער אָנפֿירנדיקער „ראַט פֿון געלערנטע געזעלשאַפֿטן" האָבן זיך געהאַט אָנגעמערקט. אינעם אַרײַנפֿיר צום ערשטן באַנד (1928), װאָס איז רעדאַקטירט פֿון עלען דזשאָנסאָן, לייענען מיר, אַז אַרײַנגענומען געוואָרן זײַנען די װאָס זײַנען געשטאָרבן ביז 1935 און „װאָס האָבן געגעבן עפּעס אַן אָנזיכטיקן צושטײַער צום אַמעריקאַנער לעבן אין זײַנע פֿילפֿאַכיקע אַספּעקטן". עס איז אַ באַגרענעצונג, אָבער פֿאָרט אַ סך ברייטער אײדער אַלע ביזאיצטיקע װערטערביכער פֿון דעם מין. ביז איצטער איז געװען דער גאַנג, אַז אין ביאָגראַפֿישע װערטערביכער נעמט מען אַרײַן שרײַבערס, מיליטער־לײַט, מלוכה־לײַט, נאַטור־װיסנשאַפֿטלערס און גײַסטלעכע. אָבער די אַנטװיקלונג פֿון די סאָציאַלע װיסנשאַפֿטן איז דורך די לעצטע צענדליקער יאָרן געגאַנגען פֿאָרויס מיט גרויסע טריט, און חוץ דעם האָט מען גענומען פֿאַרשטיין, אַז עס זײַנען פֿאַראַן נאָך אַנדערע ספֿערעס פֿון לעבן װאָס האָבן אַ װערדע.

די רשימה „גדולים" װאָס מיר געפֿינען אין די זוכװערטער פֿון דעם נײַעם װערטערבוך איז דעריבער היפּש אויסגעמישט. דער לייענער האָט צײַטנװײַז אַ להבֿדיל־געפֿיל װי בשעת ער לייענט די זײַט נעקראָלאָגן אין דער „ניו־יאָרק טײַמז". ער טרעפֿט דאָ אָן אויף אַ בייזבאָל־שפּילער און אַ פּרעזידענט זײַט בײַ זײַט; באַרימטע באַנדיטן און שפּיאָנען שטייען לעבן מלוכה־פֿירערס, געלערנטע, גענעראַלן און גרויסע אינדוסטריעלערס; אַמאָליקע שקלאַפֿן, אַקטיאָרן און בעל־מלאָכות באַגעגענען זיך אינעם אַלגעמיינעם

אלף־בית מיט אייבערשטע ריכטערס, אינזשענירן און עקאָנאָמיסטן. צום אַנ־הייב שווינדלט אין די אויגן פון אזא פאַרשיידנקייט, אָבער אַלץ אין איינעם גיט א ווונדערלעך רייַך בילד פון דער ווונדערלעך רייַכער אמעריקאַנער קולטור.

ניט אַלע ארטיקלען געווייינטלעך האָבן די זעלביקע מעלות. טייל זייַנען געשריבן פון באַוווסטע שרייַבערס און שרייַבערינס וואָס האָבן זיך שוין גע־מאַכט א נאָמען ווי מחברים פון ביאָגראַפיעס. אַנדערע זוכווערטער — דאָס איז א פּנים ניט אויסצומיידן — זייַנען באַארבעט מער וואָס מען רופט „אויף איין פוס" און זעען אויס גיכער ווי נעקראָלאָגן אין א טעגלעכער צייַטונג. בדרך־כּלל מעג מען זאָגן, אז די באַארבעטונגען שטייען אויף א געהע־ריקער הייך. א גרויסער טייל ארטיקלען זייַנען א רעזולטאַט פון אייגענע פאָרשונגען פון די מחברים וואָס האָבן געמוזט אָנקומען צו פערזענלעכע אינ־טערוויוען מיט משפחה־מיטגלידער; גאַנץ אָפט זייַנען אויסגענוצט נייַע, ביז איצט ניט באַוווסטע מאַטעריאַלן.

יידן זייַנען באַשריבן אינעם ווערטערבוך עטלעכע הונדערט. איך בין משער, אז דאָס איז צו א קליינע צאָל, אָבער ס'האָט ניט געקענט זייַן אַנ־דערש, וואָרעם עס ווירקן נאָך אַלץ די השגות פון יענע צייַטן, ווען אמערי־קאַנער געשיכטע האָט געמיינט דער עיקר מיליטערישע און פּאָליטישע גע־שיכטע. אין דער מאָס ווי מען דערקענט די וואָג פון סאָציאַלע באַוועגונגען און עקאָנאָמישע אויפטוען וועלן זיך די היסטאָריקערס מער און מער אויפ־טרעפן מיט יידן.

די פּאָר הונדערט יידן וואָס זייַנען יאָ אַרייַן זייַנען אויסגעקליבן געוואָרן אויף צוויי אופנים. ראשית, זייַנען גענומען געוואָרן די וויכטיקסטע מענטשן פון יעטווידער באַשעפטיקונג, ניט צו מאַכן קיין אונטערשייד פון געשלעכט, ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט. דאָס האָט געגעבן א געוויסע צאָל. ווייַטער האָבן עטלעכע יידישע מחברים (זייערע נעמען ווערן אויסגערעכנט צום סוף פון דער רעצענזיע) באַהאַנדלט א געוויסע צאָל רבנים, חזנים, העברעיִשע און יידישע שרייַבערס.

ס'איז זייער אינטערעסאַנט צו לייענען כּסדר אָט די יידישע ביאָגראַפיעס. זיי גיבן היפּש מאַטעריאַל צום איבערטראַכטן וועגן דעם אָרט פון יידן אין אמעריקאַנער מאַטעריעלן און גייַסטיקן לעבן. א ספּעציעלן רושם מאַכט די פאַרשיידנקייט פון באַשעפטיקונגען און צושטייַערס פון די יידן וואָס ווערן דאָ דערמאָנט. אויבן אָן שטייען דאָקטוירים, קינסטלערס, רבנים (ראַביים), שרייַבערס און געשעפטסלייַט. אָבער כּמעט ווי גלייַך צו זיי אין צאָל זעען מיר פאַך־געלערנטע, אויסגעפינערס, יוריסטן, רעגירונגס־באַאמטע, נאַטור־וויסנשאַפטלערס און אַרבעטער־פירערס.

אַרום און אַרום האָב איך אָנגעציילט 203 ביאָגראַפיעס פון יידן, וואָס דאָס מיינט 1.5 פּראָצענט. פון זיי זייַנען 68 אמעריקאַנער געבוירענע. 57

זײַנען געקומען פֿון רוסלאַנד און פּוילן, אַנדערע 57 פֿון עסטרײַך און דײַטשלאַנד, 15 פֿון דער בריטישער אימפּעריע, 4 פֿון פּאָרטוגאַל, 3 פֿון איטאַליע, אײנער פֿון רומעניע און אײנער פֿון שוועדן.

אַנדערע וויכטיקע פֿראַגעס, אַחוץ דעם אָפּשטאַמלאַנד זײַנען: 1) ווי אַלט זײַנען געווען די פֿרעמד־געבוירענע ווען זײ זײַנען געקומען קײן אַמעריקע, 2) ווי לאַנג האָבן זײ געלעבט„ 3) צי האָבן זײ זיך אין דער אַלטער הײם פֿאַרנומען מיט דער זעלבער אַרבעט וואָס דאָ, 4) וועד זײַנען געווען זײערע עלטערן, 5) מיט וואָס האָבן די עלטערן זיך פֿאַרנומען, 6) ווו האָבן זײ באַקומען זײער בילדונג, 7) וואָס האָבן זײ צוגעטראָגן צום אַמעריקאַנער לעבן און שאַפֿן, 8) ווי ווײַט זײַנען זײ געווען פֿאַראינטערעסירט אין ייִדישע ענינים און אינסטיטוציעס, 9) צי האָבן זײ חתונה געהאַט מיט ייִדן, 10) צי לאָזט זיך עפּעס זאָגן וועגן ייִדישע בינדונגען בײַ זײערע קינדער.

אָט איז אַ טײלווײַזע רשימה פֿון די מיזרח־אײראָפּעישע ייִדן וואָס ווערן באַהאַנדלט אין ווערטערבוך; אין האַלבע לבֿנות איז געגעבן דער מחבר פֿון דער ביאָגראַפֿיע:

אימבער נפֿתּלי הערץ, העברעיִשער דיכטער, 1856־1909 (ישׂראל שאַפּיראָ); בלווישטײן דוד, רבֿ, כּלל־טוער, 1866-1912 (דוד פֿיליפּזאָן); בלומגאַרטען־יהואש שלמה, שרײַבער, 1870־1927 (אידעטה י. ר. אײַזעקס); ברענער וויקטאָר דוד, סקולפּטאָר, מעדאַליסט, 1871־1924 (עדלאַין עדעמס); גאָלדער פֿרענק עלפֿרעד, היסטאָריקער, 1877־1929 (ה. ה. פֿישער); גאָרדין יעקבֿ, ייִדישער דראַמאַטורג, 1853־1909 (אידעטה י. ר. אײַזעקס); דזשעסטראָו מאָרים, סעמיטאָלאָג, 1861־1921 (דזשאָרדזש אַ. באַרטאָן); דזשעסטראָו מאַרקוס, רבֿ, לעקסיקאָגראַף, 1829־1903 (דוד דע סאָלאַ פּול); הורוויטש יצחק [אײַזיק] אַראָנאָוויטש, סטאַטיסטיקער, יוריסט, 1860־1924 (פּוירסי וו. בידוועל); היורערט קאָנראַד, אויסגעפֿינער, 1855־1928 (קאַרל וו. מיטמוען); הײַלפּרין מיכל, געלערנטער, שרײַבער, 1832־1888 (פֿעיביען פֿרענקלען); ווינטשעווסקי מאָרים, דיכטער, עסעיִסט, רעדאַקטאָר, 1856־1932 (ישׂראל שאַפּיראָ); זאַסלאַווסקי אַלעקסאַנדער, פֿידלשפּילער, דיריגענט, 1876־1924 (דזשאָן טעסקער האָוערד) ; זאַקס טהיאָדער בערנאַרד, דאָקטער, 1868־1924 (דזשיימז נ. פֿײלען); זיגמאַן מאָרים, אַרבעטער־פֿירער, 1881־1931 (דוד סאַפּאָס); זעווין ישׂראל, דערצײלער, הומאָריסט, רעדאַקטאָר, 1872־1926 (ישׂראל שאַפּיראָ); זעליקאָוויטש געצל, עגיפּטאָלאָג, מחבר, זשורנאַליסט, 1849־1905 (ישׂראל שאַפּיראָ); לאָוב סאָפֿיע אײַרין סימאָן, כּלל־טוערין, זשורנאַליסטין, 1876־1929 (מערי בראָנסאָן האַרטה); לאָנדאָן מאיר, סאָציאַליסט, אַרבעטער־פֿירער, 1871־1926 (עלדזשערנאָן לי); לובין דוד, אַגראָנאָם, 1849־1929 (ראַלף ה. גאַבריעל); לעוועטאַל איזידאָר, פּרעזביטערישער מיסיאָנער, 1827־1864 (דזשאָן קלאַרק אַרטשער); מאָזעסאָן דוד נ., יוריסט, רעדאַקטאָר, בורר, 1883־1930 (דוד דע סאָלאַ פּול); מאַלטער הענרי, געלערנטער, לערער,

1925-1864 (סיִרום אַדלער); מאַרגאָליס מאַקס לעאָפּאָלד, געלערנטער, לערער, מחבר, 1932-1866 (סיִרום אַדלער); מיִקלסאָן אַלבערט אַבֿרהם, פֿיזיקער, 1931-1852 (האַרווי ב. לעמאָן); מילצינער משה, רבֿ, לערער, מחבר, 1903-1828 (וויליעם ראָוזענאַו); מירז אָטאָ, קאָלאָראַדער פּיאָניר, וועגן־בויער, 1931-1840 (לעווי ר. העיפֿען); מעלצער שמואל דזשיימז, דאָקטער, פֿיזיאָלאָג, 1920-1851 (ראָסעל ה. טשיטנדאָן); ניומאַרק [נײַמאַרק] דוד, ייִדישער פֿילאָסאָף, 1924-1866 (דוד פֿיליפּזאָן); סאָלאָמאָן חיים, סוחר, רעוואָלוציאָנער, פֿינאַנציסט, בערך 1785-1740 (דזשיימז ה. פּילינג); סידיס באָריס, פּסיכאָפּאַטאָלאָג, 1923-1867 (הערבערט ל. לאַנגפֿעלד); סטאָוקס ראָוז העריעט פּאַסטאָר, אַמעריקאַנער ראַדיקאַלין 1933-1879 (מאַרטהאַ גרונינג); ספּיוואַק [חיים] טשאַרלז דוד, דאָקטער, רעדאַקטאָר, 1927-1861 (ישׂראל שאַפּיראָ); ערליך, אַרנאָלד באָגומיל, תּנך־קאָמענטאַטאָר, 1915-1848 (דוד דע סאָלאַ פּול); פֿרידלענדער ישׂראל, סעמיטאָלאָג, 1920-1876 (דוד דע סאָלאַ פּול); פּאָזנאַנסקי גוסטאַווּס, ייִדישער רעליגיעזער רעפֿאָרמאַטאָר, 1879-1804 (ב. א. עלזאַס); פּיילי דזשאַן, [פּאַליי יאָהאַן], רעדאַקטאָר, מחבר, 1907-1871 (ישׂראל שאַפּיראָ); צונזער אליקום, בדחן, דיכטער, 1913-1836 (ישׂראל שאַפּיראָ); קאַזאַנאָוויטש [כאַזאַנאָוויטש], עמנואל משה, אָריענטאַליסט, אַרכעאָלאָג, 1853-1927 (וואַלטער האַו); ראָזנבערג אַבֿרהם חיים, מחבר, תּנך־פֿאָרשער, 1838-1925 (ישׂראל שאַפּיראָ); ראָזנבלאַט יוסף, חזן, קאָנצערטן־זינגער, 1917-1822 (ישׂראל שאַפּיראָ); ראָזנטאַל מאַקס, ליטאָגראַף, מעצאָטינטאָ־גראַווירער, 1833-1918 (יוסף דזשעקסאָן); ראָזנפֿעלד מאָריס, דיכטער, 1923-1862 (ישׂראל שאַפּיראָ); ראָמבראָ יעקבֿ [קראַנץ פֿיליפּ], רעדאַקטאָר, מחבר, אַרבעטער־פֿירער, 1922-1858 (ישׂראל שאַפּיראָ); שמר [שײַקעוויטש] נחום־מאיר, ייִדישער ראָמאַנען־שרײַבער, דראַמאַטורג, 1905-1849 (ישׂראל שאַפּיראָ); שלעזינגער בנימין, אַרבעטער־פֿירער, 1932-1876 (דוד סאַפּאָס); שעכטער שלמה, העברעיִסט, מחבר, 1915-1850 (סיִרום אַדלער); שערעשעווסקי שמואל יצחק יוסף, מיסיאָנער, איבערזעצער, 1906-1831 (קענעטה ס. לאַטורעט).

פֿרויען פֿאַרנעמען אין דעם ווערטערבוך אַ ביסל אונטער פֿינף פּראָצענט; צווישן ייִדן — קנאַפּע דרײַ פּראָצענט; פֿון די זעקס ייִדישע פֿרויען זײַנען פֿיר הי־געבוירענע און צוויי מיזרח־אייראָפּעיִשע: סאָפֿיע לאָוב און ראָוז סטאָוקס.

ב. שטיינבערג

Bielinky, Jacques, Médécins Juifs au service de la France.
In: Revue "Ose", 14 (Dec. 1939), 11-18; 15 (Jan. 1940), 7-10.

ביעלינקי ווײַזט אָן, אַז אין פֿראַנקרײַך איז די לעצטע עטלעכע יאָר אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּאַניע קעגן אויסלענדישע דאָקטוירים — געמיינט האָט מען יידישע. די קאַמפּאַניע, בעצם אַן אַנטיסעמיטישע, האָט זיך באַנוצט מיט מגוזמדיקע ציפֿער. נאָך מיטן אָנהייב פֿון דער איצטיקער מלחמה האָט מען פֿאַרווערט אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, איז געוואָרן גרינגער צו באַווײַזן די פֿאַלשקייט פֿון די קאַמפּאַניעס. צוליב דעם טאַקע, מיינט ביעלינקי, איז כּדאַי צו שרײַבן וועגן די יידישע דאָקטוירים וואָס זײַנען געפֿאַלן אין דער מלחמה 1914-1918 און דרך־אַגבֿ ווײַזן, וואָס דער יידישער דאָקטוירים־שטאַב האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר פֿראַנקרײַך. ווען ביעלינקי האָט געדרוקט זײַנע אַר־טיקלען, האָט ער נאָך ניט געוווּסט, אַז גאָר אין גיכן וועט אין פֿראַנקרײַך אַנטיסעמיטיזם איבער אַ נײַס ווערן אַן אָנגעלייגטע זאַך און מער ווי דאָס — אַן עלעמענט פֿון דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

נאָך אין דער קרימער קאַמפּאַניע קעגן די רוסן (1854-1855) איז דער שעף פֿון די פֿראַנצייזישע דאָקטוירים געווען אַ ייִד מיטן נאָמען מישעל לייווי. ביעלינקי רעכנט אויס נאָך אַנדערע דאָקטוירים אי פֿון דער קרימער מלחמה, אי פֿון דער דײַטש־פֿראַנצייזישער מלחמה אין 1870. ער האַלט אָבער, אַז יידישע דאָקטוירים האָבן זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין דער וועלט־מלחמה. קודם רעכנט ער אויס די וואָס זײַנען אומגעקומען אין דער מלחמה. ער נעמט אַרײַן אי פֿראַנצייזיש געבוירענע, אי צפֿון־אַפֿריקאַניש געבוירענע, אי רוסיש און פּויליש געבוירענע ייִדן, און עס באַקומט זיך אַ צעטל פֿון 28 דאָקטוירים וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פֿאַר פֿראַנקרײַך, צווישן זיי עטלעכע קאַוואַלירן פֿון ערן־לעגיאָן, וואָס די לויבצעטלען (citations) פֿון דער אַרמיי־קאָמאַנדע ריידן וועגן זיי מיט דער גרעסטער אָנערקענונג.

נאָך דעם גייט אַ לאַנגער צעטל פֿאַרוווּנדעטע, צווישן זיי זײַנען 36 דע־קאָרירט געוואָרן פֿאַר העלדישקייט, און נאָך אַ צעטל פֿון 98 פֿאַרוווּנדעטע, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען אַ סך וואָס זײַנען געלויבט געוואָרן. צום סוף ברענגט ביעלינקי נאָך 46 נעמען פֿון יידישע דאָקטוירים וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דינסט.

ער ווײַזט אָן, אַז צווישן די אַלע יידישע דאָקטוירים האָט זיך געפֿונען אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן וועלכע האָבן בכלל ניט געמוזט גיין דינען, נאָר זיי האָבן זיך פֿרײַוויליק אָנגעשלאָסן אין דער פֿראַנצייזישער אַרמיי.
אינעם המשך פֿון אַרטיקל האָט ביעלינקי געזאָלט באַהאַנדלען מיליטע־

רישע אויפֿטועז פֿון אַנדערע ייִדן, ווי אַפּטייקערס, דענטיסטן אאַז"וו וואָס זײַנען אומגעקומען פֿאַר פֿראַנקרײַך, נאָר ער האָט זײַן טעמע ניט אויסגעשעפּט און זיך באַנוגנט מיט אויסרעכענען אַ גרויסע צאָל נעמען פֿון ייִדישע פֿרויען וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי קראַנקן־שוועסטער.

ד"ר מ. ווײַנבערג

Herwig Hartner-Hnizdo. Das jüdische Gaunertum. München 1939, 365 pp. מיט 324 בילדער

ס'איז שוין אַוועק באַלד 80 יאָר זינט אַווע־לאַלעמאַן, אַ פּאָליציי־באַאַמטער אין דער דײַטשער שטאָט ליבעק, האָט אַרויסגעלאָזן די פֿיר בענד פֿון זײַן קלאַסישן ווערק Das deutsche Gaunertum און מיט דעם דורכגעלייגט אַ וועג פֿאַר אויספֿאָרשן די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן אין דײַטשלאַנד. זײַנען געקומען אַנדערע לאַנדסלײַט זײַנע, אויפֿן ערשטן אָרט וואַגנער און קלוגע, און האָבן מיט זייערע שריפֿטן געשאַפֿן אַ מיגלעכקייט, אַז מען זאָל זיך קענען דערנענטערן צו די אונטערשטע פֿאָלקסשיכטן פֿון דײַטשע ייִדן אויך.

דאָס בוך וואָס מיר דערמאָנען דאָ איז אַ בולטע ראיה, ווי טיף עס איז געפֿאַלן די וויסנשאַפֿט אין נאַצישן דײַטשלאַנד. דער מחבר האָט ניט קיין שום היסטאָרישע, סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע אָדער לינגוויסטישע קענטענישן. ער האָט ניט געפּרוּווט אויסניצן קיין איין אַקט פֿון אַ פּראָצעס אין אַ געריכט. זײַן גאַנצער מאַטעריאַל איז דער פֿאַרברעכער־אַלבאָם פֿון דער ווינער פּאָליציי־דירעקציע. די נאַציס האָבן אים געגעבן אין האַנט אַרײַן דעם אַלבאָם, האָט ער אויסגעקליבן פֿון דאָרטן 324 פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדן, וואָס זיי פֿאַרנעמען אַ דריט חלק פֿון בוך. צי די 324 באַשולדיקטע ייִדן זײַנען טאַקע געווען שולדיק, קען מען ניט געוווּיר ווערן. דעם מחברס „וויסנשאַפֿטלעכע" טעטיקייט איז פֿון אַן אַנדער סאָרט: די טענדענציעזע יאָגבריוו פֿון פּאָליציי, דערגאַנצט ער מיט פּראָצעס־באַריכטן פֿון דער ווינער נאַצי־פּרעסע און גיט צו פֿאָרנאָגראַפֿישע באַמערקונגען אינעם נוסח „שטירמער". זײַנע באַמערקונגען וועגן ראַסנדיקע סימנים זײַנען אויך פֿונעם זעלביקן מקור. אַ מאָל האַקט ער אַרײַן פֿון שיינקייט וועגן אַ פּאָר גנבֿים־ווערטער, אָבער זײַן לומדות זעט זיך אַרויס תּיכּף: אַ שטייגער אַזאַ וואָרט ווי אַכבראָש וואָס איז שוין לאַנג דערקענט געוואָרן (עכבר+ראָש, אַ פֿאַריִדישונג פֿונעם דײַטשן Mausekopf) טײַטשט ער אויס ach+par'osch — דעם פּלוים ברודער. מען זעט פֿון דעם בוך, אַז ער קען אַפֿילו ניט דעם ייִדישן אַלף־בית.

אָבער א מבֿינות־זאָגער איז ער א גרויסער. דאָס גנבֿימטום אין דײַטש־לאַנד, זאָגט ער, איז אויפגעקומען אין 15טן יאָרהונדערט, די הויפּט־אויפטוער זײַנען געווען ייִדן און ציגײַנערס; און היות אין די שטעט זײַנען קיין ציגײַנערס ניט אַרײַן, איז דאָך שוין קלאָר ווי דער טאָג, אַז אין די שטעט זײַנען ייִדן אַליין געווען דער מיטלפּונקט און די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אונטערוועלט. אין דײַטשע געלערנטע האָבן אויפגעוויזן דורך א לינגוויסטישן און היסטאָרישן אַנאַליז, אַז די אונטערשטע שיכטן האָבן זיך געגומען אַרויס־קריסטאַליזירן אין די דײַטשע שטעט העט ווײַט אין מיטל־עלטער אַרײַן? איז דער נאַצי־שרײַבער ניט מחויבֿ דערפון צו וויסן, ווי באַלד ער האָט אויף זײַן „ווערק" באַקומען א הסכּמה אַזש פון א „רײַכסלײַטער" אַליין.

ד״ר רודאָלף גלאַנץ

די אַנטוויקלונג פון באַוווסטזײַן און דער פּראָצעס פון וויסן. א רעאַליסטישע באַטראַכטונג פון דער וועלט און פון מענטשלעכן וויסן. פון ד״ר יצחק פּאָלישוק. מיט אַ הקדמה פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. ב' 1, 336 זז'. ב' 2, 432 זז'. פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ, 1939.

אין אַרײַנפיר צום ערשטן באַנד וואָס רופט זיך „די אַנטוויקלונג פון באַוווסטזײַן" דערקלערט דער מחבר, אַז מען קען באַטראַכטן זײַן אַרבעט פון צוויי זײַטן: ערשטנס ווי אַזאַ וואָס באַמיט זיך איבערצוגעבן אויטענטישע אינפאָרמאַציע וועגן א ריי וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען; צווייטנס ווי אַן אײַנשטעלן זיך פאַר „א באַשטימטן בליק אויף דער וועלט אין אַלגעמיין, א דערקלערונג, ווי אַזוי עוואָלוציע דאַרף פאַרשטאַנען ווערן". דאָס איז אויך כּולל די עוואָלוציע פון מענטשלעכן באַוווסטזײַן און פאַרשיידענע עפּיסטעמאָלאָגישע פּראָבלעמען.

דעם שרײַבערס בליק ווערט קלאָר אַרויסגעשטעלט כּמעט אויף יעדער זײַטל פון צוויי בענדיקן ווערק. בכלל איז ד״ר פּאָלישוק א מענטש מיט אייגענע שטעלונגען אין אַלע פּראָבלעמען וואָס ער באַרירט אין זײַן ענציקלאָפּעדיש פאַרצווײַגטער אַרבעט, אַפילו דאָרט וווּ עס האָט ניט צו טאָן מיט זײַן „רעאַליסטישער באַטראַכטונג פון דער וועלט". אָבער זײַן האַלטן זיך בײַ א שטרענג ערדישן — כאָטש ניט מגושמדיקן — רעאַליזם איז בולט און קאָנסעקווענט אומעטום.

גענוי אין וואָס זײַן שטאַנדפּונקט באַשטייט ווערט אונדז קלאָר, ווען ער איז באַזונדערס שאַרף, ווען ער איז זיך סומך אויף אַזעלכע וואָס רעדן

שוין אַ ביסל צו שטעכיק קעגן אַ געלערנטן פֿונעם צד שכּנגד. דער פֿיזיקער עדינגטאָן האַלט, אַז די האַרטע סובסטאַנץ פֿון דער מאַטעריעלער וועלט איז רעדוצירט געוואָרן צו אַטאָמען, פֿון אַטאָמען צו עלעקטראָנען, און דאָרט איז זי אין גאַנצן פֿאַרלוירן געוואָרן; קומט אויס, אַז די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט איז הוילע פֿאַנטאַזיע; פֿאַלט מען אויף אים אָן פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן. ד״ר פּאָלישוק איז באַגײַסטערט מסכּים מיט די אָפּאָנענטן און רופֿט אויס טריומפֿירנדיק: „איז דער מענטש, דער בוים אאז״וו פֿאַרלוירן געגאַנגען? וווּ זײַנען זיי אַהינגעקומען? ווי אַזוי האָט ער זיי פֿאַרניכטעט דורך דעם אַנאַליז? וואָס טוט זיך דאָ? פֿון וואַנען נעמט זיך אַזאַ פּלאָנטער?"

מילא, מען דאַרף גאָרניט זײַן אַזוי שטאַרק אויסן וועג צו „פֿאַרניכטן" רעאַליטעטן דורך אַנאַליטישע פּראָצעסן. אַ רעאַליסט מעג ברענגען ראַיות, אַז דאָס טויג ניט, אָבער איך האָב מורא, אַז אַן איבערגעטריבענער דאָגמאַטיזם איז דאָ אויך ניט געזונט. אָט למשל האָט אַריסטאָטעלעס געהאַלטן, אַז שווערע זאַכן פֿאַלן גיכער צו דער ערד ווי לײַכטע. גאַלילעי האָט באַוויזן, אַז דאָס איז ניט ריכטיק. געוויינטלעך ווערט אָנגענומען, אַז גאַלילעי האָט דאָס באַוויזן דורך פּשוטע עקספּערימענטן. אָבער זײַנער אַ ביאָגראַף ווײַזט קלאָר, ווי דער גאונישער פֿיזיקער איז געקומען דערצו דורך אַ ריין לאָגישן אַנאַליז. ווען איר באַקענט זיך מיט זײַנע רעזאָניר־פּראָצעסן, שפּרינגט איר אויף פֿון באַגײַסטערונג. אַזוי פּשוט און זיכער ווערט באַוויזן, אַז אַלע זאַכן, שווער צי לײַכט, מוזן פֿאַלן צו דער ערד מיט דער זעלביקער גיכקייט. אמת, מען זעט טאַקע ווי שווערע זאַכן פֿאַלן גיכער, דאָס איז אַן אָביעקטיווע רעאַליטעט, אָבער דער לאָגישער אַנאַליז האָט „פֿאַרניכטעט" די רעאַליטעט. ערשט נאָך דעם האָט גאַלילעי עקספּערימענטאַל דערוויזן, אַז דאָס איז אמת. אַלע טאָג זעען מיר, ווי די זון גייט אונטער, אָבער אַן אַנאַליז ווײַזט אונדז, אַז דאָס איז „הוילע פֿאַנטאַזיע", אין דער אמתן דרייט זיך גאָר די ערד אַוועק פֿון דער זון. אויפֿן זעלביקן אופֿן קען מען אויסגעפֿינען, דורך ריינעם אַנאַליז, אַז די מענטשן וואָס מען זעט בפֿירוש אויפֿן פֿילם־לײַוונט זײַנען אַ נעכטיקער טאָג. מאַלע וואָס אַן אַנאַליז קען אָפּטאָן. דערמיט וויל איך ניט פֿאַרטיידיקן דעם פֿילאָסאָפֿישן אידעאַליסט, פֿאַראַן געגנוג לעבער אין זײַן סיסטעם. אָבער ער איז גאָרניט אַזוי משוגע ווי טייל ווילן מאַכן דעם אײַנדרוק.

זעען מיר שוין ד״ר פּאָלישוקס פֿילאָסאָפֿישן אני מאמין. ער האָט גענוג און גענוג אויטאָריטעטן פֿאַר זײַן צד. דאָס נעמט זיך, דוכט זיך מיר, ניט פֿון דעם וואָס אין אָט דעם בליק שטעקט טאַקע דער „אמתער אמת", נאָר פֿון דעם וואָס אין וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט איז דאָס דער באַקוועמסטער און פּראָדוקטיווסטער צוגאַנג. דעריבער איז טאַקע מיגלעך, אַז אַ וויסנשאַפֿטלער זאָל זײַן דער שטרענגסטער רעאַליסט אין דער לאַבאָראַ־

טאָריע אָדער פּעלדפאָרשונג און ווערן אַ מיסטיקער אין מאָמענטן פון טי־פערער קאָנטעמפּלאַציע. שטרענגע קאָנסעקווענץ איז באמת אַ שווערע אונ־טערנעמונג אין אַזעלכע זאַכן. סײַדן מען שטעלט זיך אָפּ ערגעץ בײַ אַ געוויסער סטאַנציע און מען וויל בשום אופן ווײַטער ניט גיין.

ד״ר פּאָלישוק נעמט אָן מיט פולסטער הסכמה די אידעע פון עמער־גענטער עוואָלוציע: אַנטוויקלונג באַשטייט אין דעם וואָס זאַכן נעמען אָן נײַע אינעווייניקסטע אָרגאַניזאַציעס און פונקציעס, אַזוי אַז מען קען ניט זאָגן פריִער, וואָסער העכערע מדרגה דער שפּעטער וועט ברענגען. עוואָ־לוציע, אַ געדאַנק וואָס איז איצט שוין אַזוי פאַרפעסטיקט אין וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, ווערט אין בוך פאַרטיידיקט ממש מיט לײַדנשאַפט. אָבער ווי אַזוי קען מען דערקלערן אָט די נײַ אויפקומענדיקע דערשײַנונגען אין דער נאַטור? סוף־כל־סוף איז דאָך „עמערגענט״ בלויז אַ וואָרט, ניט קיין דערקלערונג („עמערגענט״, פון לאַטײַנישן צײַטוואָרט עמערגערע — אויפשווימען, דאָס וואָס ס׳שווימט אַרויס. ד״ר פּאָלישוק באַנוצט כּסדר „אימאָרגאַנט״. פון וואַנען ער נעמט דאָס, ווייס איין גאָט). לויד מאָרגאַן, וואָס אויף אים איז זיך דער שרײַבער סומך מיט אַזוי פיל ליבע און דרך־ארץ, גייט טאַקע ווײַטער אין זײַנע פילאָסאָפישע אינטערעסן און קומט צו אַ העכערן געטלעכן פּלאַן. אָבער ד״ר פּאָלישוק האָט פײַנט „טעאָלאָגיע״, בלײַבט ער בײַ עמערגענטער עוואָלוציע אָן שום דערקלערונג. דאָס איז בײַ אים דער „אולטימאַטיווער פאַקט״. קיין אַנדער ברירה איז טאַקע ניטאָ, ווען מען וויל ניט אַריבערשטײַגן די ריין וויסנשאַפטלעכע גרענעצן. אָבער פאַר וואָס דאָס זאָל געהאַלטן ווערן ווי דער בעסערער אויסוועג איז מיר שווער צו פאַרשטיין.

כּדי צו פאַרטיידיקן דעם דערמאָנטן וועלטבליק וואָס דרינגט דורך אַזוי פיל פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט, איז לחלוטין ניט נייטיק אַזאַ ברייט צעוואָרפענע אַרבעט ווי די דאָזיקע צוויי בענד. ווײַזט אויס, אַז דער מחבר האָט גאַנץ שטאַרק אין זינען געהאַט זײַן אינפאָרמירנדיקע אויפגאַבע. בלויז פון דעם שטאַנדפּונקט לאָזט זיך פאַרשטיין, וואָס די צוויי בענד נעמען אַרײַן אין זיך — נו, וואָס ניט? עפּעס ווי דער שרײַבער וואָלט לערנען מיטן עולם אַלץ, מיט וואָס זײַנע געדאַנקען האָבן זיך דאָס גאַנצע לעבן זײַנס פאַרנומען. איר האָט דאָ פיזיק, אָרגאַנישע כעמיע, טעאָרעטישע ביאָ־לאָגיע, אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע, זאָאָפּסיכאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע, נעוראָלאָ־גיע, רעליגיע, אַלגעמיינע פילאָסאָפיע, עפּיסטעמאָלאָגיע. בײַ אַזאַ פאַרנעם איז שוין דאָס וויכטיקסטע די לערן־מעטאָדיק וואָס פאָדערט אַ סך, אַ סך מער ווי באַנוצן אַ לײַכטן סטיל און ניט קיין טעכנישע ווערטער.

אָט די אויפגאַבע איז, דוכט זיך מיר, דעם שרײַבער לחלוטין ניט גע־ראָטן. זײַן באַקאַנטשאַפט מיט דער ריזיקער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור לאָזט זיך אומעטום פילן. דאָס איז גוט. אָבער ער פאַרוואַרפט דעם וואַלד

מיט אַזוי פֿיל ביימער, אַז מען קען אָפּט פּשוט ניט אַרײַנקריכן אַהין כּדי אים צו באַקוקן. דירעקטע ציטאַטן ווערן געגעבן אויף שריט און טריט, זיי זײַנען אָפּט דער הויפּט־מאַטעריאַל פֿון גאַנצע קאַפּיטלען, און דאָס איז אַ גוואַלדיקער שטער, ווען מען וויל שאַפֿן אַ מער פֿליסיקע קאָמפּאָזיציע איבער שווערע פּראָגעס. דירעקטע ציטאַטן (און בכלל דאָס שטענדיקע האַלטן זיך צו נאָענט צו טעקסטן פֿון עקספּערטן), פֿירן אַרײַן אַ געמיש פֿון פֿרעמדע סטילן, שטערן דעם איינהייטלעכן טאָן, צעפּיצלען די אויפֿמערקזאַמקייט, פֿירן אַראָפּ דעם שרײַבער פֿון גלײַכן דרך. אַזאַ לייענער־עולם וואָס ד"ר פּאָלישוק האָט געקענט האָבן אין זינען, — אים דאַרף מען וואָס מער דערציילן און וואָס ווייניקער פֿאָרלייענען פֿון ביכער.

ווען דער מחבר וואָלט פֿאַרשטאַנען די שוועריקייטן פֿון אָט דער אויפֿגאַבע, וואָלט ער מסתּמא אויסגעמיטן אַ סך חסרונות. ער וואָלט אויסגעמיטן די אָפּטע, שוין צו אָפּטע, איבערחזרונגען. ער וואָלט זיך ווייניקער פֿאַרנומען מיט די האַרבע וויכּוחים צווישן פֿילאָסאָפֿן און וויסנשאַפֿטלער וועגן ענינים וואָס קענען דעם זײַטיקן מענטשן ניט פֿאַרכאַפּן. ער וואָלט פֿאַרשטאַנען, אַז אָנוואַרפֿן אַ שלל מאַטעריאַלן און מיינונגען וועגן פּרטים און פּינטעלעך פֿון אַ הויפּטטעמע קען בלויז צעטומלען, אַז דאָס שטערט דעם סתּם־לייענער אַרײַנגעצויגן צו ווערן אינעם עיקר, ווישט אָפּ די שאַרפֿע גרענעצן צווישן „יאָ" און „ניין".

פֿאַראַן גאַנצע קאַפּיטלען וואָס זעען עפּעס אויס ווי צוגעטשעפּעט, וואָס דער מחבר שלעפּט ממש אַרײַן פֿאַר די האָר, אַזוי איז אויך אָפּט פֿאַראַן אַ מין שפּרינגעוודיקייט פֿון טעמע צו טעמע, וואָס יעדער איינע וואָלט אָדער געדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַ באַזונדער בוך, לכל־הפּחות אַ קאַפּיטל, אָדער מען דערמאָנט דאָס בכלל ניט. אַ לייענער וואָס האָט פֿריִער ניט געלערנט וועגן דעם צווייטן טערמאָדינאַמישן געזעץ, וועגן ווײַטהעדס אונטערשייד צווישן „סובסטאַנץ" און „פּאַסירונג", וועגן ווײַסמאַנס „קערפּער־צעלן" און „רעפּראָדוקציע־צעלן",[1] וועגן פּסיכאָלאָגישע „געשטאַלטן", וועגן וואַטסאָנס „ביהעיוויאָריזם", וועגן העגעלס „אידענטיטעט־פֿילאָסאָפֿיע" אאַז"וו, וועט פֿון די דאָזיקע צוויי בענד ניט אַזוי לײַכט דערגיין וואָס דאָס מיינט. דערצו פֿעלט סיסטעם און מעטאָדישע אײַנזעעניש. דאָס וואָס ער הייבט אָן מיט אַ סדר פֿון דער פֿיזישער וועלט, צו די פּראָבלעמען פֿון אָרגאַנישער מאַטעריע, און ענדיקט מיט באַוווסטזײַן און פּראָבלעמען פֿון וויסן, איז נאָך ווײַט ניט גענוג אויסצומײַדן די צרות פֿון צו ווייניק וועגן צו פֿיל.

אָט דער „צו פֿיל" איז, זעט אויס, מער ווי אַ צופֿעליקער חסרון. ד"ר פּאָלישוק זאָגט אין זײַנע „אַ פּאָר באַמערקונגען" צום ערשטן באַנד: „אָט די אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פֿון אַ פֿאַרזוך זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג פֿון

[1] דאָס אָנגענומענע וואָרט פֿאַר cell אין יידיש איז: ק ע מ ע ר ל .

דעם וואָס איך וויים וועגן די פֿראַגן מיט וועלכע די וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע וועלט באַשעפֿטיקט זיך און וואָס איך דענק וועגן זיי". דאָס איז פֿאָלג מיך אַ גאַנג. וואָרעם ד"ר פּאָלישוק ווייס אַ סך, און ס'איז באמת אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט ווי געהעריק אויסגענוצט די מעלות דערפֿון. דערפֿאַר פֿאַרדינט ער אָבער דעם פֿולסטן לויב, וואָס כאָטש דאָס ווערק איז ענציקלאָפּעדיש ברייט, דאָך געפֿינען זיך ניט קיין אָנזעעוודיקע אומפּינקטלעכקייטן בײַם איבערגעבן די אַנטוויקלונג און דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון די געגעבענע וויסנשאַפֿטן. על כּל פּנים האָב איך דאָס ניט באַמערקט אין יענע פֿעלדער וואָס זײַנען מיר נאָענט.

פֿאַראַן אָבער עטלעכע פּונקטן בנוגע שפּראַך, וואָס מען דאַרף באַרירן. איך וואָלט געקענט פֿאַרקוקן אַזעלכע אַנגליציזמען ווי „אַקטועלער אינהאַלט" אָדער „ספּיריטועלע וועלט" אָדער „סופֿרים גאָט" אָדער „אוועקגעטראַכט" אָדער „אַרעסטירן ענערגיע" אָדער „פּראָדוצירט געוואָרן בײַ אַ חזיר" אד"גל. אָבער וועגן עס האַנדלט זיך וועגן וויסנשאַפֿטלעכע טערמינען איז שוין אַן אַנדער ענין. קענטיק אַז ד"ר פּאָלישוק איז ניט באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווו אַ סך פּראָבלעמען פֿון זײַן ווערק ווערן באַהאַנדלט. ערשטנס וואָלט ער געקענט אָפּשיקן דעם לייענער אַהין און ניט דאַרפֿן אַליין אויף ס'נײַ אַלץ אויפֿנעמען. שנית וואָלט ער געקענט העלפֿן פֿאַרפֿיקסירן וויסנשאַפֿטלעכע טערמינאָלאָגיע, וואָס דאָס איז אַזוי אומגעהײַער וויכטיק. ער וואָלט למשל אָדער אויסגעמיטן אַזעלכע ווערטער ווי „עמפּינדלעכקייט", „באַנעמונג" (פֿאַרן ענגלישן „ביהעוויאָר") אאַז"וו, אָדער ער וואָלט אָנגעוויזן, פֿאַר וואָס ער וויל ניט באַנוצן די טערמינאָלאָגיע וואָס אַנדערע לייגן פֿאָר.

ניט ווייניקער וויכטיק איז די פֿראַגע פֿון טראַנסקריבירן פֿרעמדע ווערטער אָדער נעמען מיט יידישע אותיות. איך האָב באַין־אופֿן ניט געקענט דערגיין, צי ד"ר פּאָלישוק האָט עפּעס וועגן דעם געטראַכט, צי ער טוט דאָס לויט אַ באַשטימטן פּרינציפּ. דער אײַנדרוק איז פּשוט כאָאָס. אָט וועל איך ברענגען עטלעכע ווערטער און נעמען אין ענגליש ווי זיי זעען אויס אין דעם שרײַבערס יידישן אויסלייג.

פֿון emergent ווערט אימאַרגאַנט

פֿון cognition ווערט קאָגנאַציע

פֿון mutation ווערט מאַטאַציע

פֿון behavior ווערט באַהייוווער

פֿון Jerome ווערט זשעראַם

פֿון Julian ווערט זשוליאַן

פֿון Bacon ווערט בעקען

פֿון Washburn וואשבאָרן

פֿון Dewey ווערט דואי

פֿון Jennings ווערט זשענינג

פֿון hydrogen ווערט היידרעזשען

פֿון Pareto ווערט פּארעטע

פֿון configuration ווערט קאנפֿיגוראציע

פֿון Lloyd ווערט לויעד

פֿון Mendel ווערט מאנדעל

פֿון Yerkes ווערט יאָרק.

די דאָזיקע ווערטער און נעמען ווערן באנוצט מער ווי איין מאָל, טייל — צענדליגנער מאָל. קענען עס דאָך ניט זײַן קיין דרוקפֿעלערן. בלײַבט א קשיה.

ד"ר פּאָלישוקס וויסנשאַפֿטלעכע און פֿילאָסאָפֿישע אינטערעסן זײַנען ברייט און טיף. לאָזט זיך גלייבן אז דאָ, אין זײַן ערשטלינגווערק, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער דאַרף „אראָפּרעדן אַלץ וואָס ליגט בײַ אים אויפֿן הארצן". באמת, דער „אַלץ" גייט אזוי ווײַט, אז די נעמען „אנט־וויקלונג פֿון באוווּסטזײַן" און „פּראָצעס פֿון וויסן" דריקן לחלוטין ניט אויס די ברייט פֿון אינהאַלט. דערין איז בלי ספֿק פֿאַראַן א חסרון. מען דאַרף אָבער צוליב דעם ניט פֿאַרגעסן, אז דורך די דאָזיקע צוויי בענד איז אונדז צוגעקומען א ווערק וואָס שפּיגלט אָפּ א גרויסע און וויכטיקע טייל פֿון דער מאָדערנער וועלטקולטור.

ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר

מאָנאָגראַפֿיעס װעגן רעגנסבורג, אױגסבורג און קעלן

Raphael Strauss, *Regensburg and Augsburg.* Translated from the German by Felix N. Gerson. Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1939—5699. X+261 pp.

Adolf Kober, *Cologne.* Translated from the German by Solomon Grayzel. Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1940-5700. XIII+412 pp.

מיר האָבן דאָ צװײ ביכער פֿון דער סעריע קהילות־מאָנאָגראַפֿיעס, װאָס די ערשטע פֿיר זײַנען פֿון מיר רעצענזירט געװאָרן אין די „ייִװאָ־בלעטער" (באַנד 5, 370־375, און 9, 291־298).

דער מחבר פֿון דער ערשטער מאָנאָגראַפֿיע רפֿאל שטרויס איז באַקאַנט פֿון זײַן דײַטשן בוך איבער ייִדן אין רעגנסבורג אין מיטל־עלטער (הײַדל־בערג 1932). זײַן זאַמלונג אַרכיװ־דאָקומענטן װעגן דעם זעלבן ענין איז פֿון יאָרן פֿאַרטיק צום דרוק, אָבער לײַדער נאָך ניט אַרויס. אין דעם איצ־טיקן בוך דערציילט ער אין אַ קאָמפּאַקטער פֿאָרם די זייער אינטערעסאַנטע געשיכטע פֿון צװײ חשובֿע ייִדישע קהילות: רעגנסבורג און אױגסבורג.

פֿון באַהאַנדלען דעם שטאָף איז צו זען, אַז דער מחבר האָט מער נײַע מאַטעריאַלן װעגן רעגנסבורג, בעת װען אין דעם טײל װאָס גיט זיך אָפּ מיט אױגסבורג איז פֿאַראַן װײניק נײַס.

די רעגנסבורגער קהילה, װאָס װעגן איר פֿאַרמאָגן מיר אַ ידיעה נאָך אין אַ דעקרעט פֿון 2טן אַפּריל 981 און װאָס האָט שױן אין 1020 געהאַט אַ ייִדישע געטאָ (habitacula Judaeorum), האָט איר בלי־פּעריאָד געהאַט ביזן יאָר 1519, װען מען האָט ייִדן פֿאַרטריבן פֿון דער שטאָט. די שפּע־טערדיקע תּקופֿה פֿון 1669 ביז 1805, בשעת ייִדן אין רעגנסבורג זײַנען געװען אונטער דער יוריסדיקציע פֿון מלוכה־מאַרשאַל גראַף פֿאָן פּאַפּענהײַם, איז שױן ניט אַזױ אינטערעסאַנט. [illegible]ים איז יעמאָלט פֿאַראַן װײניק ייִדיש לעבן אין רעגנסבורג: אין 1699 האָט מען דאָרטן אָנגעציילט צען ייִדישע משפּחות, און אין 1712 נאָר זעקס. דאָס זײַנען געװען זייער רײַכע ייִדן װאָס האָבן גוט באַצאָלט פֿאַר די שוץ־פּריװילעגיעס.

די אױגסבורגער ייִדישע געשיכטע איז אַ ביסל ייִנגער. די עלטסטע ידיעה װעגן ייִדן דאָרטן, װאָס מיר פֿאַרמאָגן, איז פֿון יאָר 1212, אָבער אַ באַ־װײַז אױף אַ ייִדישן ישובֿ האָבן מיר ערשט פֿון 1241 (Germania Judaica, 15). די אַרכיװ־מאַטעריאַלן װעגן אױגסבורג האָט דער מחבר ניט אױסגענוצט, אפֿשר האָט ער צו זײ ניט באַקומען קײן צוטריט, הגם דער שטאָט־אַרכיװ פֿאַרמאָגט אַזעלכע, װי למשל די שטײַערביכער פֿון די יאָרן 1346־1717, װאָס זײַנען װיכטיק פֿאַר דער עקאָנאָמישער געשיכטע פֿון אױגסבורגער ייִדן.

ייִדן אין אויגסבורג האָבן דורכגעמאַכט אַ בלוטיקע געשיכטע, ניט ווינ־ציקער ווי די אין רעגנסבורג. באַזונדער שטאַרק האָבן זיי געליטן אין 1348, וואָס דאָס איז צו זען פֿון דער קליינער צאָל פֿון ייִדישע משפּחות אין שטאָט נאָך דעם „שוואַרצן טויט” (אין 1355 מערניט פֿופֿצן משפּחות).

אין די שילדערונגען פֿון די תּקופֿות איז פֿאַראַן אַ גרויסע דיספּראָ־פּאָרציע — די עלטסטע תּקופֿות זײַנען בעסער קאָנסטרויִרט און דעטאַלי־זירט, בעת די לעצטע צײַט פֿון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַט איז אָפּגעמאַכט בקיצור. למשל קאַפּיטל 5 וועגן דער גײַסטיקער אַנטוויק־לונג פֿון די קהילות באַשטייט פֿון 40 זײַטן, פֿון זיי מער ווי אַ העלפֿט וועגן מיטל־עלטער, וואָס וועגן דעם איז כּדאַי געווען צו שרײַבן אַ באַזונדער קאַפּיטל. דאָס זעלבע איז חל אויך אויף די אַנדערע קאַפּיטלען, אַזוי אַז דער לייענער קען קיין פֿולע אינפֿאָרמאַציע וועגן דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון די ביידע קהילות ניט האָבן. און דאָס איז אַ שאָד! ווײַל דער מחבר איז דווקא קאָמפּעטענט צו שרײַבן אַזאַ געשיכטע, אָבער דעריבער איז נאָך אַ גרעסערער פֿאַרדראָס, וואָס ער האָט אונדז געגעבן מער קאָנספּעקט ווי קאָנסטרוקציע. ספּעציעל רעגנסבורג איז אַזוי רײַך אין מאַטעריאַלן, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר אויף דער קהילה אַליין אָפּגעבן מער אָרט איידער שטרויס האָט געהאַט פֿאַר רעגנסבורג מיט אויגסבורג אין איינעם.

איניקע טעותן איז כּדאַי אָנצוווײַזן. אויף ז׳ 180 דערמאָנט דער מחבר, אַז זריה (Zeruyah) איז געווען געצוווּנגען אין יאָר 1356 צו שווערן, אַז ער וועט בלײַבן אין שטאָט ביז עס וועט זיך ענדיקן דער טערמין פֿון צוועלף יאָר וואָס דער קיסר האָט געגעבן דעם ייִדישן ישוב. דערבײַ צי־טירט ער ג ר י נ פֿ ע ל ד ס Ein Gang durch die Geschichte der Juden in Augsburg, ז׳ 14. אָבער פֿון דעם אַקט וואָס איז אָפּגעדרוקט בײַ גרינ־פֿעלדן איז צו זען, אַז דאָס איז אַ פֿ ר ו י און ניט קיין מאַן, ווי שטרויס שרײַבט. דאָס איז מסתּמא דער נאָמען ז ר י ת אָדער אפֿשר גאָר צ ר י ת (Zarte), וואָס צ ו נ ץ ברענגט אין זײַן „נאָמען דער יודען” (געקליבענע שריפֿטן, 2, 50). אויף ז׳ 96 ווערט רעפּראָדוצירט דער חותם פֿון רעגנס־בורג, דאַטירט פֿון 1396. עס איז פֿאַראַן אַ רעפּראָדוקציע פֿון דעם חותם פֿון 1297, וואָס זעט אויס אַ ביסל אַנדערש. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון ספֿראַ־גיסטיק איז שטרויסעס אויסטײַטש פֿון די סימבאָלן פֿון דעם חותם ווײַט ניט צופֿרידנשטעליק.

די מאָנאָגראַפֿיע וועגן דער עלטסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפּע, ק ע ל ן, איז געשריבן פֿון אַדאָלף קאָבער, אַ היסטאָריקער וואָס האָט זיך אײַנגעשאַפֿט אַ פּראָמינענטן נאָמען טאַקע אַ דאַנק זײַנע פֿילצאָליקע מאָנאָ־גראַפֿיעס און באַזונדער זײַנע זאַמלונגען מקורים וועגן ייִדן אין דער שטאָט. זײַן אַרבעט איז אַ סך אויספֿירלעכער ווי שטרויסעס. זי הייבט אָן פֿון דער

רוימישער תּקופה און דערגייט ביז 1937. אויב ס'איז אים געראָטן דאָס אַלץ אַריינשפּאַרן אין 314 זײַטן, איז דאָס צו פאַרדאַנקען זײַן חוש פאַר פּראָפּאָרציע און דער בעסערער אָרגאַניזאַציע לויט תּקופות און ענינים.

באַזונדער וויכטיק זײַנען אין קאָבערס אַרבעט די קאַפּיטלען וועגן ייִדן אין קעלנער עלעקטאָראַט (1500-1800), ד"ה פון יענער תּקופה, ווען אַ רייע קליינע קהילות אַרום דער שטאָט זײַנען געקומען אונטער דער ממשלה פון קעלן. די „ייִדן־אָרדענונגען" וואָס האָבן רעגולירט דאָס לעבן פון ייִדן אין יענער תּקופה זײַנען דער הויפּט־מקור פאַר אונדזער געשיכטע. קאָבער האָט אין די דאָזיקע קאַפּיטלעך איבערגעגעבן מיט אַ זעלטענעם חוש פאַר צמצום דעם עיקר וואָס ס'איז נייטיק צו וויסן.

דער מאָדערנער תּקופה, ד"ה פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע ביז ממש אונדזערע צײַטן, איז אָפּגעגעבן דער גרעסטער טייל פון דעם בוך. באַלד אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון דעם טייל געפינען מיר אַ סך אומבאַקאַנטע פאַקטן וועגן די קעלנער ייִדן אין דער צײַט פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע. ייִדן זײַנען פון קעלן פאַרטריבן געוואָרן 1424, און ערשט אין 1798 האָבן זיי באַקומען די מיגלעכקייט זיך צוריק צו בַאזעצן אין קעלן. דער פאַקט גופא, וואָס דאָס איז געשען אַ דאַנק אַ פראַנצויזישן באַפעל, האָט געבראַכט צו קלאַנגען צווישן דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג, אַז מען וועט ייִדן אויף ס'נײַ אַרויסטרײַבן פון שטאָט (1803). דאָך האָט זיך פון אַ הייפל ייִדישע משפּחות אַנטוויקלט אַ קהילה, וואָס אין משך פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איז זי אויסגעוואַקסן צו איינער פון די פּראָמינענטסטע אין דײַטשן ייִדנטום און וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך חשובֿע מענטשן אויף אַלע געביטן פון ייִדישן און ניט־ייִדישן לעבן. וועגן פּרטים דאַרף מען דעם לייענער אָפּשיקן צום בוך גופא. דאָ דאַרף נאָר באַמערקט ווערן, אַז אין דער דעטאַליזירטקייט פון באַשרײַבן דאָס ייִדישע לעבן אין קעלן אין יענער תּקופה שטעקט דער גאַנצער ווערט פון די קאַפּיטלעך. דאָס איז דערפאַר, וואָס אַ סך פּרטים ווערן דערציילט לויט אַרכיוואַלע מקורים, און ממילא זײַנען זיי נײַ, שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם, אַז זיי זײַנען אינטערעסאַנט, ווײַל די פּראָבלעמען פונעם עבֿר זײַנען נאָך הײַנט אויך אַקטועל.

ווײַטער באַשרײַבט דער מחבר די אָרגאַניזאַציע פון דער נײַער קהילה אין די יאָרן 1801-1861, די רבנים פון יענער צײַט, די סינאַגאָגעס און בתּי־הקבֿרות, דאָס רעליגיעזע לעבן און די מינהגים, די געמיינדע־שולן, אאַז"וו. ס'איז כּדאַי צו פאַרצייכענען, אַז ווען מען האָט געהאַלטן אין אויסשליסן ייִדן פון דער אַלגעמיינער שול־סיסטעם (1934), האָט די געמיינדע־שול געהאַט 19 קלאַסן מיט 870 תּלמידים. חוץ דעם האָט קעלן געהאַט אַ ייִדישע רעאַל־פּראָגימנאַזיע און אַ ליציי וואָס האָט זינט 1929 געטראָגן דעם נאָמען „יבֿנה" און האָט נאָך אין שוליאָר 37/1936 געהאַט 410 תּלמידים. אין דעם עפּילאָג ווערט דערציילט, אַז אין 1931 האָט די ייִדישע באַפעלקערונג פון קעלן

באַטראָפֿן 19,250 נפֿשות און אין מיטן פֿון 1933 — 14,816. אַלע צדקה־געזעלשאַפֿטן האָבן זיך אין 1934 צונויפֿגעגאָסן אין איין „חבֿרה קדישה". אין מאַרץ 1938 האָט די קהילה פֿאַרלאָרן איר לעגאַלן סטאַטוס. דעם 10טן נאָוועמבער 1938 זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן די סינאַגאָגעס, מיט וועלכע די דאָרטיקע ייִדן האָבן אַזוי שטאָלצירט. אַ געשיכטע פֿון איבער 2,000 יאָר פֿון אַ ייִדישן ישובֿ האָלט אין אויסלאָזן זיך. די לעצטע קאַפּיטלעך לייענען זיך ווי אַ הספּד.

פֿון גרויס וויכטיקייט זײַנען די הוספֿות און די הערות צום סוף. אין די הוספֿות ווערן איבערגעדרוקט: 1) די תּקנות פֿון דער ייִדישער קהילה אין קעלן פֿון 1801, 2) סטאַטיסטיק פֿון ייִדן אין קעלן פֿון 1801 ביז 1934 מיט אַ פּרטימדיקער פּראָפֿעסיאָנעלער צעגלידערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, 3) די ייִדן אין דער שולסיסטעם פֿון קעלן, 4) דער רעליגיעזער חינוך און די שולן פֿון קעלן, 5) ייִדישע אַנטיקן, יודאיקאַ און ביבלישע בילדער פֿון קעלן (די לעצטע גראָד זייער אינטערעסאַנט).

די הערות דעטאַליזירן לויט מקורים פֿאַרשיידענע פֿאַקטן און פּראָבלעמען וואָס זײַנען ניט באַהאַנדלט געוואָרן אין טעקסט גופֿא. די 115 הערות זײַנען אַ נײַער קוואַל פֿאַר אַ מער באַריכותדיקער באַאַרבעטונג פֿון אייניקע ענינים וואָס זײַנען נאָר עפּיזאָדיש אָדער דרך־אַגבֿדיק באַרירט געוואָרן. צום סוף איז צוגעגעבן געוואָרן די ביבליאָגראַפֿיע, וועט ניט קיין אויסשעפּנדיקע.

וועגן עטלעכע פּרטים יואָלט מען געקענט מאַכן קריטישע באַמערקונגען. עס איז למשל אין גאַנצן ניט דערמאָנט געוואָרן דער האַנדלס־קאָנטאַקט צווישן די קעלנער ייִדן מיט די פּוילישע, וועגן וואָס מיר האָבן נײַע מאַטעריאַלן אין די אַרבעטן פֿון ריבאַרסקי און קאָטשי (פּויליש).

אין דעם קאַפּיטל וועגן קעלן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט דערמאָנט דער מחבר די באַרימטע „רײַנישע צײַטונג" וואָס איז אַזוי ענג פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון סאָציאַליזם. ער דערמאָנט דאָרטן דעם ד״ר אַנדרעאַס גאָטשאַלק (ז' 303), אָבער די ידיעות וואָס ער גיט וועגן אים אין הערה 113 זײַנען ניט קיין ריכטיקע. גאָטשאַלק איז געבוירן געוואָרן אין 1815 אין דיסעלדאָרף און האָט געענדיקט מעדיצין אין 1839. נײַע פֿאַקטן וועגן אים זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן לעצטנס אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון ניקאָלאַיעווסקי און מענכין־העלפֿן Nicolaievsky—Maenchen-Helfen, Karl Marx, 1936, 155-161 , וואָס איז משמעות געבליבן קאָבערן אומבאַקאַנט.

קאָבערס מאָנאָגראַפֿיע וועגן קעלן געהער צו די גערעכטסטע ביכער פֿון דער סעריע וועגן ייִדישע קהילות. דאָס איז ניט קיין קאָמפּילאַטיווע אַרבעט, נאָר אַ סך־הכּל פֿון אייגענע פֿאָרשונגען.

ד״ר יעקבֿ שאַצקי

יִדישע עילוים

Terman, L. M. and M. Oden, "Correlates of Adult Achievement in the California Gifted Group." In: *Thirty-Ninth Yearbook of the National Society for the Study of Education*, 1940. pp. 74-84.

אין 1922 האָט פּראָפֿעסאָר ל. מ. טוירמאַן מיט אַ גרופּע מיטהעלפֿערס אָנגעהויבן אויספֿאָרשן אַמעריקאַנער קינדער וועלכע זײַנען באַטראַכט געוואָרן, אויפֿן סמך פֿון געוויסע טעסטן, פֿאַר עילויים.

פֿאַר דער אויספֿאָרשונג זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן אַרום טויזנט קינדער פֿון פֿינף שטעט אין קאַליפֿאָרניע: לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פֿראַנציסקאָ, אָוקלענד, בוירקלי און אַלעמידאַ. 643 פֿון זיי האָבן זיך געלערנט אין עלעמענטאַרע שולן; זייער דורכשניטלעכער עלטער איז געווען צען יאָר, זייער דורכשניטלעכער אינטעליגענץ־וויפֿלער (I. Q., אלף־וואָוו) איז געווען 151.33. די איבעריקע זײַנען געגאַנגען אין הײַסקול.

די רעזולטאַטן פֿון זײַן פֿאָרשונג האָט טוירמאַן איבערגעגעבן אין צוויי גרויסע בענד אין יאָר 1925.[1] אָט זײַנען די פֿאַקטן וואָס זײַנען דירעקט שייך צו יִדן. אַרום אַ צענטל, 10.5 פּראָצענט פֿון די קינדער אין די עלעמענטאַר־שולן, זײַנען געווען יִדן. 35 פּראָצענט פֿון זיי האָבן געשטאַמט פֿון רוסישע יִדן, אַרום 18 פּראָצענט פֿון דײַטשע יִדן, 7 פּראָצענט פֿון פּוילישע יִדן, אַרום איין דריטל האָבן ניט אָנגעגעבן די געבוירן־ערטער פֿון זייערע עלטערן, און די איבעריקע האָבן געשטאַמט פֿון רומענישע, פֿראַנצייזישע, ליטווישע, עסטרײַכישע און טשעכישע יִדן. פֿון די 241 קינדער אין דער הײַסקול־גרופּע זײַנען 6 פּראָצענט געווען יִדן.

די יִדישע באַפֿעלקערונג אין די פֿינף שטעט איז געווען בעת דער אויספֿאָרשונג אַרום 5 פּראָצענט פֿון אַלע אײַנוווינערס. דער פּראָצענט פֿון יִדן־עילויים צווישן די קינדער איז הייסט עס געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די פּראָפּאָרציע פֿון יִדן אין דער באַפֿעלקערונג. פּראָפֿעסאָר טוירמאַן באַמערקט, אַז דער פּראָצענט יִדישע קינדער איז אפֿשר פֿאַקטיש געווען נאָך גרעסער, ווײַל אַ צאָל האָבן מסתּמא ניט אָנגעגעבן זייער ריכטיקן אָפּשטאַם.

אין 1928 האָט טוירמאַן מיט זײַן גרופּע געפּרוווט אויסגעפֿינען איבער אַ נײַס די סוביעקטן פֿון זײַן ערשטער פֿאָרשונג און טעסטירט זיי אַ צווייטן מאָל. די רעזולטאַטן זײַנען אַרויס 1930 אין אַ דריטן באַנד פֿון דעם ווערק וואָס איז דערמאָנט אין דער הערה. בײַם איבערפֿאָרשן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אלף־וואָוו פֿון אַ קליינעם פּראָצענט פֿון די דערמאָנטע קינדער איז אין 1928 געוואָרן קלענער ווי בעת דער ערשטער אויספֿאָרשונג.

[1]Terman, L. M., editor, *Genetic Studies of Genius*, vols. I-II, 1925.

היות צווישן די סוביעקטן זײַנען געווען בײַ 10 פּראָצענט ייִדן, וואָלט מען זיך געקענט ריכטן, אַז אויך דער אלף־וואָוו איז קלענער געוואָרן בײַ 10 פּראָצענט ייִדישע סוביעקטן. אין דער אמתן איז ער געפאַלן בײַ ניט מער ווי 7 פּראָצענט ייִדן. פאַרקערט צווישן די מיט אַן אָראָפּגענידערטן אינטעליגענץ־וויפלער זײַנען 73.3 פּראָצענט געווען פון ענגלישן, דײַטשן און אירישן אָפּשטאַם, בעת אין דער תּחילתדיקער גרופּע האָבן זיי געהאַט אַ פּאַרטו־עטערשאַפט נאָר פון 70.9 פּראָצענט.

אין 1936 האָט פּראָפעסאָר טוירמאַן ווידער אויסגעפאָרשט די זעלביקע עילויים, און די רעזולטאַטן פון זײַן פאָרשונג זײַנען געגעבן אין דער אַר־בעט יואָס מיר רעפערירן דאָ. די סוביעקטן זײַנען שוין איצט אויסגע־וואַקסן. ער האָט זיי איצט אײַנגעטיילט אין דרײַ גרופּעס: זייער דערפאָלגרײַכע, דערפאָלגרײַכע און ניט־דערפאָלגרײַכע. די אײַנטיילונג איז געמאַכט געוואָרן דער עיקר אויפן סמך פון זייערע אינטעלעקטועלע דערגרייכונגען. די צייכנס (מיינונגען) וועלכע זיי האָבן געקראָגן אין אוניווערסיטעט למשל זײַנען געווען איינער פון די קריטעריומס. עטלעכע פּרטים וועלן אָנווײַזן לויט וואָסערע סימנים טוירמאַן האָט געמאַכט די אײַנטיילונג. 98 פּראָצענט פון די זייער דערפאָלגרײַכע האָבן שטודירט אין אַ קאָלעדזש און 90 פּראָצענט האָבן גראַ־דויִרט; 70 פּראָצענט פון די ניט־דערפאָלגרײַכע האָבן באַזוכט אַ הײַסקול און 50 פּראָצענט האָבן גראַדויִרט. אַרום אַ דריטל פון די זייער דערפאָלג־רײַכע און ניט מער ווי 1.3 פון די ניט־דערפאָלגרײַכע זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער „פּי־בעטאַ־קאַפּאַ"־געזעלשאַפט. זיבן צענטל פון די זייער דערפאָלגרײַכע און ניט מער ווי 17 פּראָצענט פון די ניט־דערפאָלגרײַכע זײַנען געווען פּראָפעסיאָנאַלן.

ווי זשע האַלט מיט ייִדן?

אין דער גרופּע „זייער דערפאָלגרײַכע" איז די פּראָפּאָרציע פון ייִדן גע־ווען גרעסער ווי אין 1922. אין יענעם יאָר איז דער פּראָצענט ייִדישע קינדער געווען 10.5, בעת צווישן די „זייער דערפאָלגרײַכע" זײַנען 14.3 פּראָצענט געווען פון ייִדישן אָפּשטאַם. פון דער גרופּע „ניט־דערפאָלגרײַכע" זײַנען געווען בלויז 5.3 פּראָצענט ייִדן. די ייִדישע עילויים, ווי עס איז צו זען, האָבן מער דערגרייכט ווי די אַנדערע.

וואָס איז די דערקלערונג פאַר דעם? פּראָפעסאָר טוירמאַן האַלט, אַז איבער געוויסע סיבות און טעמים לייגט אַוועק דאָס ייִדישע קינד מער כּוחות, פלײַסט זיך מער ווי די אַנדערע. צי איז דאָס די איינציקע דערקלערונג?

נ. גאָלדבערג

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

צו דער פֿאַרברעכערישקייט בײַ ייִדן אין וואַרשע אין מיטן 19טן י״ה

איינער פֿון די הויפּט־חסרונות פֿון דער סטאַטיסטיק וועגן פֿאַרברעכערישקייט איז דאָס פֿעלן פֿון גענוג ידיעות וועגן די פֿאַרהעלטענישן צווישן פֿאַרברעך און פּראָפֿעסיע אָדער וועגן דער פֿאַרטיילונג פֿון די פֿאַרברעכנס צווישן שטאָט און דאָרף. אַנדערש זעט אויס די קרימינאַליטעט פֿונעם סוחר און גאָר אַנדערש די פֿאַרברעכנס פֿונעם פּויער; אַנדערע סיבות ווירקן אין שטאָט און גאָר אַנדערע אין דאָרף.[1] די סטאַטיסטיק האָט זיך מיט די דאָזיקע פֿראַגעס נאָך זייער ווייניק באַשעפֿטיקט. דערפֿון קומט אַרויס, אַז די קרימינאַל־סטאַטיסטיק בנוגע ייִדן האָט אַ סך בלויזן. דעריבער זײַנען אַזוי ווערטיק די ווײַטער געגעבענע ציפֿער וועגן דער שטאָט וואַרשע פֿון די יאָרן 1842־1853; זיי גיבן פֿאַרגלײַך־מאַטעריאַל פֿון איין שטאָט.

די ציפֿער זײַנען גענומען פֿון די יאָריקע באַריכטן פֿונעם וואַרשעווער פּאָליציי־מײַסטער,[2] וועלכע זײַנען צוזאַמענגעשטעלט אויפֿן יסוד פֿון די רשימות פֿון די פּאָליציי־תּפֿיסות. זיי נעמען בכן אַרום אַלע, וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע אין די דאָזיקע 12 יאָר.[3] די דאָזיקע ידיעות זײַנען די א י נ צ י ק ע פֿאַראַנענע אין פּוילן פֿאַר דער דאָזיקער תּקופֿה, וווּ ס׳זײַנען אָנגעגעבן די מינים קרימינאַליטעט און אויך די אמונה פֿון די אַרעסטירטע.

---

[1] פּ״גל ל. הערש, פֿאַרברעכערישקייט פֿון ייִדן און ניט־ייִדן אין פּוילן, ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ, עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע סעקציע, ווילנע 1937;

Rud. Wassermann, *Beruf, Konfession und Verbrechen*, מינכן 1907.

[2] אַרכיוו פֿון אַלטע אַקטן אין וואַרשע; אַקטן פֿון אַדמיניסטראַטיוו־ראַט נומ׳ 6155; אַקטן פֿון מלוכה־סעקרעטאַר; בײַלאַגעס צו 1845, נומ׳ 23 (II, 75 1), 1846 נומ׳ 33 (76), 1847 נומ׳ 38 (b-a77), 1850 נומ׳ 26 (78), 1851 נומ׳ 241 (b-a79). אַלע אַנדערע ציפֿער שטאַמען פֿון דעם זעלבן מקור, סײַדן ס׳ווערט אָנגעגעבן אַנדערש.

[3] ס׳איז אָבער שווער צו וויסן, וויפֿל פֿון די אַרעסטירטע זײַנען געווען אומשולדיק און מען האָט זיי דערנאָך באַפֿרײַט.

טאב' ו' די פארטיילונג פון דער ווארשעווער באפעלקערונג לויט נאציאנאליטעטן.[4]

יאָרן	די גאַנצע באַפעלקערונג	ייִדן אַבס'	%	פּאָליאַקן אַבס'	%	רוסן אַבס'	%	דײַטשן אַבר'	%
1842	142,479	38,013	26.7	93,855	65.9	1,261	0.9	8,458	5.9
1843	151,740	39,877	26.3	100,734	66.4	1,311	0.9	8,915	5.9
1844	154,078	40,236	26.1	102,530	66.5	1,345	0.9	8,967	5.8
1845	163,714	43,819	26.8	107,057	65.4	1,467	0.9	11,144	6.8
1846	165,130	44,149	26.7	107,962	65.4	1,527	0.9	11,293	6.8
1847	166,997	43,442	26.0	109,830	65.8	1,608	1.0	11,842	7.9
1848	163,818	43,081	26.4	107,281	65.5	1,590	1.0	11,640	7.0
1849	163,304	43,027	26.3	106,902	65.5	1,587	1.0	11,582	7.0
1850	163,597	43,044	26.3	107,066	65.4	1,613	1.0	11,666	7.1
1851	164,145	43,176	26.3	107,299	65.4	1,626	1.0	11,823	7.2
1852	157,871	41,083	26.0	103,581	65.6	1,581	1.0	11,486	7.2
1853	158,301	41,159	26.0	103,842	65.6	1,604	1.0	11,486	7.3

די ייִדישע באַפעלקערונג אין וואַרשע מאַכט אויס אין די דאָזיקע יאָרן 26.0־26.8 פּראָצענט. דער פּראָצענט ייִדן אין וואַרשע איז גרעסער ווי אין גאַנץ פּוילן (1840: 10.6%; 1845: 11.5%; 1855: 12.1%).[5] ער איז אָבער קלענער ווי דער פּראָצענט ייִדן אין דער באַפעלקערונג פון די שטעט. אַזוי האָט אויסגעמאַכט דער פּראָצענט ייִדן אין די שטעט:

ראָדעמער גובערניע — — — — — (1850) — 40.48%

וואַרשעווער גובערניע — — — — — (1855) — 33.55%

יאַגוסטאָווער גובערניע — — — — — (1855) — 64.41%

דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס די צוואַנדערונג פון ייִדן קיין וואַרשע האָט מען שווער געמאַכט דורך פאַרשיידענע גזרות; פֿרעמדע ייִדן האָבן נישט געטאָרט זיך דאָרטן באַזעצן; פֿאַר ווינען צײַטווײַליק אין וואַרשע האָט מען געמוזט צאָלן אַ ספּעציעלן טאָג־שטײַער; דעריבער וואַקסט די ייִדישע באַפעלקערונג אין וואַרשע פּאַמעלעכער ווי די ניט־ייִדישע. בעת די ניט־ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פון 104,466 אינעם יאָר 1842 אויף 117,142 אינעם יאָר 1853, ד״ה מיט 12.1 פּראָצענט, האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט פון 38,013 אויף 41,159, ד״ה מיט 8.3 פּראָצענט. אויך ווען מען פאַרגלײַכט דעם צונויפשטעל פון דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפעלקערונג לויטן געשלעכט ווערט קלאָר, אַז בײַ אַ טייל ניט־ייִדן איז געווען אַ גרעסערע צוואַנדערונג ווי בײַ ייִדן.

---

[4] אין די אַקטן איז אָנגעוויזן ניט די נאַציאָנאַליטעט, נאָר די אמונה; דאָ זײַנען רוי־מיש־קאַטוילישע גערעכנט פֿאַר פּאָליאַקן; פּראַוואָסלאַווגע פֿאַר רוסן, לוטעראַנער און רע־פֿאָרמיסטן פֿאַר דײַטשן. אין גאַנצן קאָרעקט, דאַרפֿן מיר געדענקען, איז דאָס ניט, וואָרעם צווישן פּאָליאַקן זײַנען אויך פֿאַראַן רעפֿאָרמיסטן און צווישן דײַטשן — קאַטוילִיקן.

[5] ווײַנריב, *Neueste Wirtsschaftsgeschichte der Juden in Russland und Polen*, I, Breslau, 1934, p. 223 sq.

טאַב׳ 2. געשלעכט־צונויפֿשטעל פֿון דער וואַרשעווער באַפֿעלקערונג 1843

נאַציאָנאַליטעט (רעליגיע)	מענער	פֿרויען	אויף 100 מענער זײַנען געווען פֿרויען
ייִדן — — — — —	19,770	20,107	101,7
פּאָליאַקן — — — —	48,700	52,034	106,8
רוסן — — — — —	818	493	60,3
דײַטשן — — — — —	5,047	3,868	76,6

בשעת בײַ פּאָליאַקן זײַנען געווען 106.8 פֿרויען אויף 100 מענער און בײַ ייִדן 101.7, זײַנען בײַ די רוסן און דײַטשן פֿאַראַן נאָר 60.3 און 76.6 פֿרויען אויף 100 מענער. דאָס ווײַזט, אַז די דאָזיקע גרופּעס זײַנען באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פֿון באַאַמטע און נײַע צוואַנדערער.

אָבער אויך בײַ פּאָליאַקן איז דער צוּוואַקס געווען גרעסער ווי בײַ ייִדן, וואָס דאָס איז אַ פּועל־יוצא פֿון אַ גרעסערער צוואַנדערונג. גראָד אין די דאָזיקע יאָרן איז אין פּוילן ניט נאָר נישט געווען קיין נאַטירלעכער צוּוואַקס, נאָר די באַפֿעלקערונג האָט זיך פֿאַרקלענערט ווי אַ רעזולטאַט פֿון די טיפֿוס־ און כאָלערע־עפּידעמיעס (1845־1855 פֿאַרקלענערט זיך די ניט־ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן אויף 3 פּראָצענט). אויך וואַרשע האָט געליטן פֿון די עפּידעמיעס; 1849 זײַנען געווען אין וואַרשע 7,594 טויטפֿאַלן און נאָר 6,824 געבוירענע. אַזוי ווי אָבער דער צוּוואַקס איז בײַ פּאָליאַקן אין וואַרשע גרעסער ווי בײַ ייִדן, איז טאַקע אַ סימן, אַז די אײַנוואַנדערונג איז בײַ זיי געווען אַ פֿיל גרעסערע.

וואַרשע איז שוין דעמאָלט ווי אַ הויפּטשטאָט געווען אַ קאָנצענטראַציע־פּונקט פֿון האַנדל און מלאָכה, און ס׳איז דאָרטן גרינגער געווען צו פֿאַרדינען ווי אין אַנדערע ערטער. דאָס קען מען זען פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער גלידערונג פֿון ייִדן[6]. למשל קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן, אונטערנעמערס אאַז״וו האָבן אין גאַנץ פּוילן אויסגעמאַכט צווישן ייִדן 0.8%, בײַ וואַרשעווער ייִדן 2.2%. דאָס אייגענע זײַנען אַרבעטנדיקע עלעמענטן צווישן וואַרשעווער ייִדן געווען שטאַרקער ווי אין גאַנץ פּוילן (בעלי־מלאָכות און געזעלן 33.6% לגבי 28%; בעלי־עגלות און טרעגערס 5.3% לגבי 1.7%). פֿאַרקערט זײַנען טאָגאַרבעטערס, וואָס דאָס מיינט מסתמא מענטשן אָן אַ פּראָפֿעסיע, אין וואַרשע נאָר 16% לגבי 24. וואַרשע איז זיכער געווען אַ צוציפּונקט פֿאַר ייִדן פֿון דער פּראָווינץ, און ווען ניט די חומרות, וואָלט די צוציִונג געווען נאָך גרעסער.

*

צווישן די 181,212 אַרעסטירטע וואָס זײַנען דורכגעגאַנגען די וואַרשעווער תּפֿיסות אין די 12 יאָר זײַנען געווען 37,365 ייִדן, ד״ה 20.6%. די אַלגעמיינע צאָל ייִדישע אַרעסטירטע איז קלענער ווי זייער אָנטייל אין דער באַפֿעלקערונג (20.6 לגבי 26.0—26.8). די דאָזיקע פּראָפּאָרציע איז אָבער ניט גלײַך אין משך פֿון די גאַנצע 12 יאָר. אין די יאָרן 1842־1848 מאַכן אויס די ייִדישע אַרעסטירטע אין וואַרשע 11.4—18.5 פּראָצענט. זייער אָנטייל וואַקסט אָבער 1849 ביז 30.6% און 1850 ביז 31.7% און פֿאַלט אין 1852 ביז 25.9% און 1853 ביז 26%. דער לעצטער פּראָצענט איז בערך דער פּראָצענט ייִדן אין וואַרשע אין יענעם יאָר.

ווען מען קוקט זיך צו נעענטער צו די פֿאַרברעכנס פֿון די אַרעסטירטע, קען מען

[6] זע פֿרענק אין בלעטער פֿאַר ייִדישע דעמאָגראַפֿיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק, נומ׳ 3, ז׳ 187־191.

לײַכט געפֿינען די סיבות פֿון דעם דאָזיקן שטײַגן און פֿאַלן. — אין דער טאַבעלע 3* שטייט בײַ דער צאָל ייִדן אַלע מאָל אין האַלבע לבֿנות דעם פּראָצענט וואָס ייִדן מאַכן אויס אין דער קאַטעגאָריע לגבי דער אַלגעמיינער צאָל. מיר האָבן אין דער דאָזיקער טאַבעלע ניט אַרײַנגענומען 3708 פּערזאָנען (דערפֿון 916 ייִדן), וואָס זײַנען געווען אַרעסטירט לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון הויכע באַאַמטע, לויט אַ פּסק־דין פֿונעם ריכטער, אָדער צו ווײַטערער דיספּאָזיציע, ווײַל בײַ די דאָזיקע אַרעסטאַנטן איז דער „פֿאַרברעכן" אומבאַקאַנט.

ווי מען זעט פֿון טאַבעלע 3, שטײַגט בײַ ייִדן, אָנהייבנדיק פֿון 1849, די צאָל אַרעסטירטע פֿאַרן עובֿר זײַן אויף פּאָליציייִשע פֿאַראָרדענונגען, פֿאַר אויסבאַהאַלטן רעקרוטן און פֿאַר שלאָגן זיך. דאָס האָט אַוודאי אַ שײַכות צו דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿונעם פּאָליציייִשן רעזשים אין פּוילן. די רעוואָלוציע פֿון 1848 אין מערבֿ־אייראָפּע האָט פֿאַרשטאַרקט די מורא פֿאַר אַן אויפֿשטאַנד אין פּוילן און געפֿירט צו אַ פֿאַרשאַרפֿונג פֿון פּאָליציי־קאָנטראָל. ס׳קען געמאָלט זײַן, אַז די גרעסערע צאָל אַרעסטירטע פֿאַר אויסבאַהאַלטן רעקרוטן איז אויך פֿאַרבונדן מיטן פֿאַרשטאַרקטן אויפֿזיכט פֿון פּאָליציי. די צאָל אַרעסטירטע פֿאַר שמוגל, פֿאַרקערט, פֿאַלט אָנהייבנדיק פֿון 1850. אין דער זעלבער צײַט שטײַגט אָבער די צאָל ניט־ייִדן וואָס ווערן אַרעסטירט פֿאַר שמוגל.

אין 1842־1849 באַטרעפֿן ייִדן צווישן די אַרעסטירטע פֿאַר פּעקל־מאַכערײַ 81.1—96.7 פּראָצענט ד״ה, אַז ייִדן האָבן זיך פֿאַרנומען מיט שמוגל אַן ערך 10 מאָל מער ווי קריסטן. די רעגירונג האָט געפֿירט אַ שאַרפֿן קאַמף קעגן דעם דאָזיקן ייִדישן „האַנדל". די פֿאַראָרדענונג אַרויסצוטרײַבן די ייִדן פֿון די גרענעץ־ערטער (1843) איז געווען טאַקע אַ מיטל קעגן ייִדישן שמוגל. אויך פֿון דער ייִדישער זײַט האָט מען געפּרוווט העלפֿן דער רעגירונג אינעם דאָזיקן קאַמף. 1845 האָט יעקבֿ טוגענדהאָלד געפֿלאַנט, אַז די רבנים זאָלן אַרײַנלייגן אין חרם יעדער איינעם וואָס וועט האַנדלען מיט קאָנטראַבאַנדע און אַז ייִדישע סוחרים אַליין זאָלן זײַן מחויבֿ נאָכצוקוקן, מען זאָל ניט שמוגלען.[7]

דער שאַרפֿער קאַמף פֿון דער רעגירונג האָט טאַקע אָנגעהויבן ווירקן. צום סוף 40ער יאָרן (נאָך 1848) ווערט איבער פּאָליטישע טעמים פֿאַרשטאַרקט די שמירה אויף די גרענעצן, וואָס ס׳האָט אויך פֿאַרקלענערט די מיגלעכקייט צו פֿירן קאָנטראַבאַנדע.

צום פֿאַלן פֿון ייִדישער קאָנטראַבאַנדע האָבן אויך גורם געווען אַנדערע סיבות. דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר דערציילט אין זײַן באַריכט פֿאַר 1850, אַז אין דעם יאָר האָט זיך דער אויסלענדישער האַנדל פֿאַרגרעסערט מחמת דעם נידעריקן צאָלטאַריף.[8] דער קלענערער אָפּצאָל האָט מיגלעך געמאַכט אַרײַנצופֿירן אויסלענדישע סחורות אויפֿן כּשרן וועג. 1851 איז אָפּגעשאַפֿט געוואָרן די צאָלגרענעץ צווישן דער רוסישער אימפּעריע און קאָנגרעס־פּוילן, און אין פּוילן האָט גענומען גילטן דער זעלביקער צאָלגעזעץ ווי אין דער גאַנצער רוסישער מלוכה. דערמיט איז דער „אָפֿענער פֿענצטער" קיין אויסלאַנד פֿאַרמאַכט געוואָרן, און ס׳איז פֿאַרשטאַרקט געוואָרן די שמירה אויף דער פּויליש־פּרײַסישער און פּויליש־גאַליצישער גרענעץ. אַחוץ דעם זײַנען אַוודאי צווישן די אַרעסטירטע פֿאַר קאָנטראַבאַנדע געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געשמוגלט סחורות פֿון פּוילן קיין רוסלאַנד, און דאָס האָט איצט געמוזט אויפֿהערן נאָכן אָפּשאַפֿן די רוסיש־פּוילישע גרענעץ.

1850 פֿאַלט די צאָל אַרעסטירטע ייִדישע פּעקל־מאַכערס כּמעט אויף אַ דריטל; 1851 זײַנען בכלל ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע אַרעסטירטע פֿאַר קאָנטראַבאַנדע; 1853/52 באַ־

---

* זע אויף דעם באַזונדערן בויגן.

[7] טוגענדהאָלדס אַקטן, ב׳ 2 (וואַרשעווער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק).

[8] אַרכיוו פֿון אַלטע אַקטן אין וואַרשע. אַקטן פֿון מלוכה־סעקרעטאַר. בײַלאַגע צו נומ׳ 1851/241.

רברעכנס און איבערשפרײַזן	1842 גאַנצן	1842 ײדן	1842 %	1843 גאַנצן	1843 ײדן	1843 %
שטערן די עפנטלעכע רו	20	9	(45.0)	6	1	(16.7)
אַנטלויפן פון אַרעסט	794	184	(23.2)	763	196	(25.7)
עובֿר זײַן אויף פאָליצײ-פאַראָרדענונגען	1342	212	(15.8)	1057	322	(30.5)
אַרומדרייען זיך ליידיק	5698	452	(7.9)	5826	434	(7.4)
דעזערטירן פון מיליטער-דינסט	4	-		9	-	
אויסבאַהאַלטן רעקרוטן	-	-		-	-	
העלפן בײַ אַ פאַרברעכן	9	-		10	2	(20.0)
מאַכן פאַלש געלט	2	-		1	-	
פאַרשפרייטן פאַלש געלט	6	2	(33.3)	12	3	(25.0)
אָפּנאַרן	107	45	(42.0)	88	53	(60.2)
גאָט-לעסטערונג	4	-		3	1	(33.3)
פאַרגוואַלטיקונג	3	-		4	-	
געשלעכט-פאַרברעכנס	2967	64	(2.2)	2052	55	(2.7)
באַליידיקן דורך מעשׂים אָדער ווערטער	34	9	(26.5)	69	12	(17.4)
שלאָגן זיך	1215	163	(13.4)	1319	178	(13.5)
מאָרד	- 4	-		-	-	
קינדערמאָרד	-	-		-	-	
חשד אין מאָרד	3	-		2	-	
וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד	15	-		18	-	
שלאָגן מיליטער-פּערזאָנען	30	1	(3.3)	24	4	(16.7)
פאַרוווּנדן	3	-		10	-	
גנבֿה	2325	632	(27.2)	1671	387	(23.2)
שמוגל	693	583	(84.1)	475	386	(81.3)
רויב	3	1	(33.3)	1	-	
קאָרטנשפּיל	16	5	(31.2)	26	2	(7.7)
חשד אין אונטערצינדן	8	-		4	-	
פאַרברעכנס פון באַאַמטע	16	-		3	-	
פאַרלאָזן דעם דינסט	419	15	(3.6)	563	19	(3.4)
סך-הכל	15740	2377	(15.1)	14016	2055	(14.7)

רברעכנס און איבערשפרײַזן	1849 גאַנצן	1849 ײדן	1849 %	1850 גאַנצן	1850 ײדן	1850 %
שטערן די עפנטלעכע רו	12	4	(33.3)	8	2	(25.0)
אַנטלויפן פון אַרעסט	532	139	(26.2)	488	95	(19.5)
עובֿר זײַן אויף פאָליצײ-פאַראָרדענונגען	3302	1404	(42.5)	4030	1648	(40.9)
אַרומדרייען זיך ליידיק	3810	499	(13.1)	2413	350	(14.5)
דעזערטירן פון מיליטער-דינסט	15	-		56	5	(8.9)
אויסבאַהאַלטן רעקרוטן	259	212	(81.8)	187	102	(54.5)
העלפן בײַ אַ פאַרברעכן	40	27	(67.5)	53	45	(84.9)
מאַכן פאַלש געלט	-	-		-	-	
פאַרשפרייטן פאַלש געלט	5	1	(20.0)	1	-	
אָפּנאַרן	62	38	(61.3)	141	123	(87.2)
גאָט-לעסטערונג	-	-		-	-	
פאַרגוואַלטיקונג	3	-		4	-	
געשלעכט-פאַרברעכנס	1135	89	(7.8)	1184	42	(3.5)
באַליידיקן דורך מעשׂים אָדער ווערטער	99	14	(14.1)	192	14	(7.3)
שלאָגן זיך	996	422	(42.4)	694	114	(16.4)
מאָרד	2	-		1	-	
קינדערמאָרד	1	-		1	-	
חשד אין מאָרד	1	-		2	-	
וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד	11	-		10	-	
שלאָגן מיליטער-פּערזאָנען	4	1	(25.0)	11	3	27.3)
פאַרוווּנדן	39	11	(28.2)	19	6	31.6)
גנבֿה	1614	738	(45.7)	2239	1212	54.1)
שמוגל	307	264	(86.0)	206	77	37.4)
רויב	-	-		4	3	75.0)
קאָרטנשפּיל	5	3	(60.0)	15	6	40.0)
חשד אין אונטערצינדן	1	-		5	-	

1848			1847			1846			1845			1
%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%
	-	3		-	9	(20.0)	1	5	(28.6)	2	7	(16.7
(17.9)	158	881	(27.7)	283	1021	(14.9)	112	750	(14.3)	142	735	(32.2
(11.0)	275	2507	(24.6)	488	1982	(15.3)	386	2518	(21.7)	368	1694	(19.6
(4.8)	276	5720	(10.5)	732	6953	(5.2)	373	7193	(6.0)	443	7361	(14.9
	-	13		-	9		-	8		-	12	
(17.3)	28	162	(13.2)	16	121	(19.4)	26	134	(14.8)	15	102	(27.8
(79.0)	15	19		-	2	(27.3)	3	11	(18.2)	2	11	
	-	1		-	4		-	2		-	-	
(25.0)	2	8	(33.3)	6	18	(50.0)	8	16	(13.3)	2	15	(15.4
(50.6)	40	79	(43.9)	29	66	(37.2)	19	51	(15.1)	11	73	(23.8
	-	2		-	3		-	-		-	1	
	-	7		-	8	(12.5)	1	8	(28.7)	2	7	(6.7
(7.1)	64	894	(3.1)	28	893	(2.7)	30	1123	(1.4)	13	945	(1.1
(13.9)	13	94	(16.7)	8	48	(9.9)	7	71	(11.9)	8	67	(12.3
(15.0)	141	942	(18.3)	163	889	(12.3)	150	1224	(11.7)	110	942	(11.1
	-	2		-	4		-	3		-	-	
	-	2		-	-	(33.3)	1	3		-	-	
	-	6		-	4		-	10	(10.1)	1	10	
	-	4	(14.3)	2	14		-	15		-	9	
(32.1)	9	28	(26.3)	5	19	(9.1)	3	33	(18.9)	7	37	(6
	-	2	(2.9)	1	34		-	20	(17.4)	4	23	(14.7
(16.5)	359	2174	(15.1)	314	2074	(19.9)	482	2424	(10.7)	213	1993	(38.4
(96.2)	201	209	(94.8)	454	479	(90.0)	295	328	(93.5)	331	354	(75.9
(33.3)	2	6	(66.6)	6	9	(25.0)	1	4		-	-	
(20.4)	9	44	(23.5)	4	17	(55.0)	11	20	(15.0)	12	80	
	-	2	(12.5)	2	16		-	15	(10.0)	1	10	
	-	-		-	1		-	-		-	1	
(6.0)	14	234	(11.1)	20	180	(1.4)	5	349	(3.7)	14	379	(2.6
(11.4)	1606	-14045	(17.2)	2561	-14877	(11.7)	1914	-16338	(11.4)	1701	-14868	(18.5

צוזאמען 1853-1842			1853			1852			1
%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%	דערפון ייִדן	אין גאנצן	%
(25.0)	22	88	(100.0)	1	1		-	3	
(24.3)	1983	8182	(32.4)	141	435	(31.7)	131	413	(25.9)
(30.4)	10083	33191	(32.0)	1506	4711	(37.1)	1590	4287	(37.7)
(12.0)	7611	63680	(33.7)	1573	4663	(17.3)	609	3530	(22.5)
(2.5)	5	198		-	10		-	27	
(52.3)	863	1651	(76.2)	138	181	(79.5)	105	132	(83.4)
(58.7)	118	201	(65.0)	13	20	(60.0)	9	15	(28.6)
	-	18		-	2		-	4	
(29.4)	32	109	(50.0)	2	4		-	4	(57.1)
(49.8)	467	937	(34.4)	22	64	(59.6)	28	47	(60.5)
(5.3)	1	19		-	-		-	1	
(8.5)	7	82	(10.0)	1	10	(16.7)	1	6	(14.3)
(6.7)	1144	17160	(25.3)	520	2056	(10.4)	138	1332	(7.0)
(10.4)	136	1308	(5.1)	6	117	(5.8)	10	173	(9.2)
(20.1)	2723	13552	(36.8)	546	1483	(22.5)	288	1284	23.5)
	-	26		-	3		-	2	
(6.25)	1	16		-	1		-	3	
(1.8)	1	56		-	6		-	5	
(1.4)	2	144		-	7		-	10	
(17.0)	49	289	(31.2)	5	16	(36.7)	8	22	
(18.1)	41	227	(27.3)	3	11	(80.0)	8	10	(13.6
(29.0)	7448	25719	(36.9)	1054	2859	(29.0)	674	2322	(32.0
(74.7)	3079	4121	(34.9)	98	281	(35.8)	82	229	
(54.9)	28	51	(40.0)	2	5	(54.5)	6	11	(87.8
(24.5)	78	318	(75.0)	18	24	(16.7)	3	18	(55.6
(3.8)	3	80		-	4		-	3	

טרעפֿט זייער צאָל אַ 30־40 פּראָצענט פֿון דער צאָל וואָס איז געווען אין די 40ער יאָרן. דעם אָרט פֿון יִדן האָבן פֿאַרנומען ניט־יִדן; זייער צאָל אַרעסטירטע פֿאַרן דאָזיקן חטא האָלט אין איין שטײַגן; פֿון 33 אין 1846, 23 אין 1847 און 8 אין 1848 שטײַגט די צאָל ביז 129 אין 1850, 154 אין 1851, 147 אין 1852 און 183 אין 1853.

אין גנבֿה (רובר׳ 22) זײַנען יִדן ניט מיט קיין סך מער פֿאַרטרעטן ווי זייער פּראָ־פּאָרציע אין דער באַפֿעלקערונג. לויט די איינציקע פּעריאָדן זעט מען, אַז סוף 40ער יאָרן הייבט זיך אָן אַ שטאַרקערע פּרעקווענץ פֿון יִדן בײַ גנבֿה. עס וועט אַוודאי זײַן קרובֿ־לאמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז אַ טייל פֿריִערדיקע פּעקל־מאַכערס האָבן זיך איצט גענומען צו גנבֿה, בעסער געזאָגט, צום אויפֿקויפֿן גנבֿות (פּאַסערײַ).

אין אַלגעמיין זעט זיך, אַז פֿון 1848־1850 הייבט זיך אָן פֿאַרגרעסערן דער אָנטייל פֿון יִדן בײַ פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס פֿאַרברעכן, וואָס זיי זײַנען פֿאַרבונדן על־פּי רובֿ מיט פּרנסה־ און פֿאַרדינסט־זאַכן. דאָס איז אַוודאי אַ פּועל־יוצא פֿון אַן איבערבײַט אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פֿון פּוילישע יִדן (אונטערגאַנג פֿון קאָנטראַבאַנדע און אַנדערע סיבות) אין די דאָזיקע יאָרן. מען קאָן אפֿשר צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע אויך צורעכענען ד׳ רובריק געשלעכט־פֿאַרברעכנס (רובר׳ 13). דאָס קאָן הייסן פּראָסטיטוציע און פֿרויען־מעקלערײַ.

פֿון די דאָזיקע יאָרן 1849־1850 אָן פֿאַרגרעסערט זיך אויך די צאָל יִדן וואָס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר אַרומדרייען זיך לײדיק, אָפּנאַרן, צוהעלפֿן צו אַ פֿאַרברעך און עובֿר זײַן אויף פּאָליציייִשע פֿאַראָרדענונגען. ווען מען דערמאָנט זיך, אַז בײַ דער רו־סישער אַדמיניסטראַציע איז שיִער ניט יעדער יִד געווען אַ „בראָדיאַגע“ און דער יִדישער האַנדל לויטער „אָפּנאַרערײַ און שווינדל“, איז גאָר נאָך אַ חידוש, וואָס אַזוי ווייניק יִדן זײַנען פֿאַר די דאָזיקע חטאים אַרעסטירט געוואָרן (רובר׳ 10 אאַז״וו). דאָס זעלבע קאָן מען אויך זאָגן בנוגע דעם „צוהעלפֿן צו אַ פֿאַרברעך“ און „עובֿר זײַן אויף פּאָליציייִשע פֿאַראָרדענונגען.“

פֿון מיליטער־דינסט זײַנען יִדן זייער ווייניק אַנטלאָפֿן (רובר׳ 5). די סיבה וועט זײַן, וואָס מען האָט אפֿשר אויף יִדן זייער שטאַרק אַכטונג געגעבן און וואָס דעם גרעסטן טייל יִדישע זעלנער האָט מען געשיקט אין די ווײַטע מקומות.

אין אויסבאַהאַלטן רעקרוטן (רובר׳ 6) האָבן יִדן אַ שטאַרקן חלק. ס׳הייבט זיך אָן מיטן יאָר 1844, אין 1843 האָט מען ערשט אָנגעהויבן נעמען זעלנער פֿון יִדן אין פּוילן. אין די ערשטע יאָרן איז די צאָל יִדן וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן רעקרוטן קליין, אָבער שפּעטער פֿאַרגרעסערט זי זיך.

בײַ גאָר שווערע קרימינעלע פֿאַרברעכנס זעט מען כמעט ניט קיין יִדן. פֿאַר מאָרד (רובר׳ 16) איז קיין יִד ניט געוואָרן אַרעסטירט. נאָר איין יִדן האָט מען חושד געווען אין אַ מאָרד (רובר׳ 18) און איין יִד איז געווען אַ קינדער־מערדער (רובר׳ 17). דאָס זעלבע איז אויך פֿאַר גאָט־לעסטערונג (רובר׳ 11). פֿאַר וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד זײַנען בס״ה אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר אַלע 12 יאָר 2 יִדן. אויך פֿאַר אונטערצינדן (רובר׳ 26) און פֿאַר פֿאַרגוואַלטיקונג (רובר׳ 12) זײַנען יִדן לפֿי־ערך זייער ווייניק אַרעסטירט געוואָרן.

עס זײַנען ניטאָ קיין יִדן מאַכערס פֿון פֿאַלש געלט (רובר׳ 8), דערפֿאַר אָבער האַנדלען זיי שוין היפּשלעך מיט דעם מין (רובר׳ 9).

אין אַלגעמיין זײַנען יִדן שטאַרקער פֿאַרטראָטן אין אַזעלכע פֿאַרברעכנס וואָס האָבן צו טאָן מיט געלטזאַכן און מיט פּרנסה־ענינים.

אַזוי זעען מיר, אַז אַפֿילו בײַ רויב (רובר׳ 24) — אַוודאי געמיינט נאָר אין מאַ־טעריעלן זינען — זײַנען יִדן זייער שטאַרק פֿאַרטראָטן.

די אַלגעמיינע צאָל יִדישע אַרעסטירטע איז קלענער ווי די פּראָפּאָרציע פֿון יִדן אין וואַרשע (20.6 פּראָצ׳ אַרעסטירטע בײַ לכל־הפּחות 26,0 פּראָצ׳ יִדן אין דער באַפֿעל־

קערונג; נאָר אין פעריאָד 1849/52 איז די פראָפּאָרציע ייִדישע אַרעסטירטע גרעסער פון דער פראָפּאָרציע אין דער באַפעלקערונג. אַזוי מאַכן אויס די ייִדישע אַרעסטירטע אין וואַרשע אין יאָר 1848 — 11.4 פראָצ׳, 1849 שוין 30.6 פראָצ׳, 1850 — 31.7, 1851 — 27.0, 1852 — 25.9 פראָצ׳ און 1853 — 26.0 פראָצ׳. ביז 1849 איז די פראָפּאָרציע ייִדישע אַרעסטירטע לפי־ערך זייער קליין. צום סוף 40ער יאָרן קומט פאָר אַ היפּשער שינוי אין דעם פּרט. עס בײַט זיך אויך די פראָפּאָרציע פון פאַרשיידענע גרופּעס פאַר־ברעכערס. בײַ איין גרופּע (קאָנטראַבאַנדע) פאַלט די צאָל ייִדן זייער שטאַרק, בײַ אַנ־דערע ווידער וואַקסט זייער צאָל, און דאָס ברענגט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון ייִדישן אָנטייל אין דעם סך־הכּל אַרעסטירטע אין דער דאָזיקער צײַט.

דאָס פעלן פון ייִדן אין דער רובריק „פאַרברעכנס פון באַאַמטע״ איז ניט שווער צו פאַרשטיין; ייִדן זײַנען ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו קיין אַמט.

פאַר אַ פאַרגלײַך מיט וואַרשע קענען מיר אַרײַנציִען אַ פּאָר ידיעות וואָס זײַנען פאַראַן וועגן אַ פּאָר גובערניעס; אָבער דאָרט רעדט זיך ניט וועגן אַרעסטירטע נאָר וועגן „פאַר־ברעכערס״,[9] וואָס דאָס וועט אַוודאי מיינען שוין פאַרמישפּטע.

לויט די באַריכטן פון די גובערנאַטאָרן זײַנען געווען:

אין וואַרשעווער גוב׳ אין	1847 :	1,996	פאַרברעכנס, דערפון	213	ייִדן	(10.7%)
„ „ „ „	1865 :	12,112	„ „	1,126	„	(9.3)
„ לובלינער „ „	1847 :	5,253	„ „	900	„	(17.1)
„ „ „ „	1848 :	6,930	„ „	416	„	(6.0)
„ פלאָצקער „ „	1848 :	7,102	„ „	458	„	(6.4)

די פראָפּאָרציע פון ייִדן איז געווען אין וואַרשעווער גובערניע 1847 אַ ביסל גרעסער און 1865 אַ ביסל קלענער ווי זייער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג (1865: 10.1%); אין לובלינער גובערניע 1847 גרעסער מיט 4.6% און 1848 קלענער מיט 6.5% ווי זייער פראָפּאָרציע אין דער באַפעלקערונג; אין פלאָצקער גובערניע מאַכט אויס די פראָפּאָרציע פון ייִדן אין פאַרברעכנס (1848) כּמעט די העלפט פון זייער אָנטייל אין דער באַפעלקערונג (1850: 11.8%).

דער חלק פון ייִדן אין פאַרברעכערישקייט איז הייסט עס אַרום מיטן 19טן י״ה ס׳רובֿ קלענער, ווי זייער פראָפּאָרציע אין דער באַפעלקערונג. די מינים פאַרברעכנס זײַנען בײַ ייִדן (אין וואַרשע) על פּי רובֿ אַנדערע ווי בײַ דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג.

ד״ר ב. ווײַנריב

9 преступники

אַ קאָנטראַקט צווישן אַ ייִדישן סוחר און אַ ייִדישן אַרבעטער, ניו־יאָרק, 1749

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן שוין די ייִדישע סוחרים פֿאַרנומען גאַנץ שטאַרקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס ניט נאָר אין און אַרום ניו־יאָרק און ניו־ענגלאַנד, נאָר אַפֿילו אויף די וועסט־אינדישע אינדזלען. אַזעלכע סוחרישע פֿירמעס ווי לאָפּעז, העיז [חיות] און לעווי זײַנען געווען זייער באַוווּסט.

דער קאָנטראַקט וואָס מיר גיבן אים דאָ איבער (מיט מאָדערניזירטן אויסלייג) צום דרוק ברענגט אַרויס די באַציִונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעט־געבער וואָס האָבן געהערשט אין יענער צײַט אין לאַנד, ממילא אויך בײַ ייִדן. דער אונטערנעמער האָט געזוכט צוצובינדן צו זיך דעם אַרבעטער אויף אַ באַשטימטער צאָל יאָרן. און דורך אַ לעגאַלן אָפּמאַך צו באַגרענעצן ניט בלויז די באַדינגונגען פֿון דער אַרבעט, נאָר אַפֿילו דאָס פּריוואַטע לעבן פֿונעם אַרבעטער. פֿאַר ברעכן אַזאַ קאָנטראַקט פֿלעגט מען זייער שטרענג באַשטראָפֿן. מיט באַזונדער שטרענגקייט האָט זיך דאָס געזעץ באַצויגן צו לערנייִנגלעך.

This indenture witnesses, that Salamon Marashe, son of Esther Marashe, widow, of the City of New York . . . has put himself, and by this presents with the advice and consent of his said mother . . . does voluntarily and of his free will and accord, put himself apprentice to Isaac Hays of said city of N. Y., merchant, to learn the art, trade and mastery of a merchant - - - and after the manner of an apprentice, to serve from the day of the date hereof, for, and, during, and until the full end term of five years . . . next ensuing during all which time, the said apprentice his said master faithfully shall serve, his secrets keep, his lawful commands every where readily obey. He shall do no damage to his said master, nor see it to be done by others without letting or giving notice thereof to his said master. He shall not waste his said master's goods nor lend them unlawfully to any. He shall not commit fornication, nor contract matrimony, within the said term. At cards, dice, or any other unlawful game, he shall not play, whereby his said master may have damage. With his own goods, nor the goods of others, without license from his said master, he shall neither buy nor sell without the consent of his master. He shall not absent himself day or night from his said master's service, without his leave; nor haunt ale-houses, taverns, or playhouses; but in all things behave himself as a faithful apprentice of his endeavour to teach, or cause to be taught or instructed, the said apprentice in the trade or mastery of a merchant — and procure, and provide for him sufficient meat, drink, apparel - - - lodging and washing, fitting for an apprentice during the said term of five years, and shall give him evening schooling every winter during the said term. He shall also allow him three pounds New York money, in the second year of the said term; five pounds in the third year; seven pounds in the fourth year; and twelve pounds in the last year; and at the expiration thereof, if the said apprentice goes to any of the West Indies Islands, his said master shall consign ten tons of provision to him, on his, the said master's own account. And for the true performance of all and singular the convenants and agreements aforesaid, the said parties bind themselves each unto the other firmly by these presents. In witness whereof, the said parties have interchangeably set their hands

and seals hereunto, dated the fifteenth day of May in the twenty-second year of the reign of Our Sovereign Lord George the Second, King of Great Britain, 1749.

(Roll of Records of New York County)
Isaac Hays

for
Sol Harashe
Dan. Gomez
C. Myers

ז. ברכות

ירמיה שאַפּיראָ

אין דער ערשטער העלפֿט אָקטאָבער 1940 איז נאָך אַ לענגערער קראַנקייט אין עלטער פֿון עטלעכע און זיבעציק יאָר געשטאָרבן אין ווילנע ירמיה שאַפּיראָ. פֿון 1928 איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון בוי־קאָמיטעט פֿון יִוואָ, פֿון 1929 אַ מיטגליד פֿון דער צענטראַלער פֿאַרוואַלטונג, פֿון 1935 אַ מיטגליד פֿון דעם קאָמיטעט פֿאַר דער אַספּיראַנטור. אָבער קיין שום פֿאָרמאַלע באַצייכענונגען קענען ניט אויסמאָלן די ראָלע וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער האָט פֿאַקטיש געשפּילט אין אינסטיטוט. ער האָט ניט אָנטייל גענומען אין דער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט און ניט געהאַט דערויף קיין פּרעטענזיעס. אָבער ער האָט געגלייבט באמונה שלמה אין דער גרויסער היסטאָרישער אויפֿגאַבע פֿון אינסטיטוט און האָט אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. יעטווידער אויפֿטו האָט אים אָנגעפֿילט מיט שטאָלץ און גליק, יעטווידער קלאַפּ איז געווען אַזוי ווי אַ קלאַפּ פֿאַר אים פּערזענלעך. איבער הויפּט האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט פֿון בויען דעם אייגענעם בנין און שפּעטער אין פֿאַרוואַלטן דעם בנין, ווען ער איז שוין פֿאַרטיק געוואָרן. יעטווי־דער אינסטיטוציע, אַפֿילו ווען זי איז מאַטעריעל אין גאַנצן באַוואָרנט, דאַרף האָבן אויף זיך דאָס וואַכיקע אויג פֿון אַ בעל־הבית וואָס שפּירט זיך ווי אַ דינער פֿונעם כלל; און פֿאַרן יִוואָ, ווו דער גראָשן איז געווען אַן אײַנגעציילטער, איז אַוודאי געווען אַ ברכה ניט אָפּצושאַצן, וואָס ער האָט געהאַט דעם דאָזיקן איבערגעגעבענעם דינער־בעל־הבית וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט גערוקט פֿאָרויס, קיין מאָל זיך ניט אײַנגעעקשנט בײַ זײַן מיינונג און איז פֿאָרט אַלע מאָל געווען אויף זײַן פּאָסטן, צי אין רעגן, צי אין שניי. ער האָט געטראַכט וועגן יעטווידער נײַעם טישל וואָס מען האָט געדאַרפֿט אײַנ־שאַפֿן, וועגן יעטווידער שרײַפֿל וואָס מען האָט געדאַרפֿט אַרײַנשרויפֿן אין וואַנט. ער איז געווען פֿאַרליבט אין גרינס און אין בלומען, האָט ער דעריבער דעם פֿרײַען פּלאַץ פֿאַרן אינסטיטוט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שיינעם בלומען־גאָרטן. קיין מאָל פֿלעגט ער ניט דורכגיין דורכן גאָרטן, ער זאָל ניט וואַרפֿן אַ בליק מיט ליבשאַפֿט אויף דעם ביימעלע וואָס ער אַליין האָט אויסגעהאָדעוועט און וואָס ער האָט פֿאַרפֿלאַנצט צוזאַמען מיטן צווייטן טורנוס אַספּיראַנטן צום אָנדענק פֿון זײַן לאַנגיאָריקן פֿרײַנד ד״ר צמח שאַבאַד.

דער יִוואָ וואָלט קיין מאָל ניט געוואָרן דאָס וואָס ער איז, ווען ער וואָלט ניט געווען אַרומגערינגלט פֿון אַזעלכע געטרײַע פֿרײַנד.

דער לוויס לאַמעד־פאָנד

ווי מיר ווערן אינפאָרמירט האָט זיך אין דעטרויט געשאַפן אַ פאָנד מיט דעם נאָמען: דער לוויס לאַמעד־פאָנד פאַר אונדזער ליטעראַטור איןביידע שפּראַכן" (אויף העברעיִש לייענט זיך דאָס אַנדערש: „לספרותנו בעברית ואידית"; פאַר וואָס?)

פון דער באַריכטדיקער דערקלערונג וואָס די גרינדערס האָבן אַרויסגעלאָזן איז צו זען, אַז זיי ווילן „פאַרהיטן אונדזער קולטור פון איינזייטיקייט און אירע שעפע־רישע כוחות פון צעברעקלונג"; זיי זוכן „מיטלען ווי צו פאַרקלענערן אָדער גאָר אָפּ־צושאַפן דעם ריס צווישן אונדזערע ביידע שפּראַכן". דער הויפּטציל פונעם פאָנד איז „אָנטיילצונעמען אין דער באַוועגונג צו פאַרשטאַרקן די גאַנצקייט און די איינהייטלעכקייט פון אונדזער צווייִשפּראַכיקער ליטעראַטור".

די נאָענטסטע פּראַקטישע אויפגאַבעס:

1) אויסטיילן אַלע יאָר צוויי פּרעמיעס צו $250 פאַר די צוויי בעסטע (געדרוקטע אָדער האַנטשריפטיקע) ווערק פון יאָר: איין פּרעמיע פאַר אַ העברעיִשן בוך, אַ צווייטע פאַר אַ ייִדישן. אַלע יאָר וועט באַשטימט ווערן אַ זשורי פון פאַכמענער און אויך דאָס ליטעראַרישע געביט (ראָמאַן, פּאָעזיע, וויסנשאַפט, עסיי אאַז"וו), פון וואַנען די ווערק זאָלן געקליבן ווערן.

2) פאַרעפנטלעכן אין ביידע שפּראַכן אַ יאָריקן באַריכט אָדער אַ יאָרבוך מיט אַ סטאַטיסטישן, ביבליאָגראַפישן און אַלגעמיינעם סך־הכל פון די ליטעראַרישע געשעענישן אַלע יאָר.

3) אַרויסגעבן שוין גאָר אין גיכן אַן עסיי וואָס זאָל באַקענען דעם עולם מיט דער טראַדיציע און מיט דער פּראָבלעם פון צווייִשפּראַכיקייט אין אונדזער ליטעראַרישן לעבן, ווי אויך מיט די אויפגאַבעס וואָס זי שטעלט פאַר אונדז.

4) העלפן פאַרעפנטלעכן אַ קורצע און פּאָפּולערע געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אויף ייִדיש און אַ געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף ביידע שפּראַכן.

אין דער פאַרוואַלטונג פון פאָנד גייען אַרײַן: ש. ניגער, פאָרזיצער; ש. בערקאָ־וויטש; מרים דאָמבי; י. חגי; לוויס לאַמעד; י. ראָזנשיין. אַדרעס:

12804 Broadstreet Boulevard, Detroit, Mich.

פון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטער

אין דעם איצטיקן נומער ברענגען די „ייִוואָ־בלעטער" אַרבעטן פון עטלעכע מיטאַר־בעטער וואָס האָבן זיך נאָך אין אונדזער זשורנאַל ניט געהאַט געדרוקט:

ד״ר ל. וווּלמאַן איז געווען פון 1920 גענעראַל־סעקרעטאַר פון „טאָז" (געזעלשאַפט צו פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן), דער רעדאַקטאָר פון „סאָציאַלע מעדיצין" (וואַרשע) און זינט 1935 מיטגליד פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. זינט 1939 אין ניו־יאָרק.

פּראָפ׳ מ. לאַזערסאָן איז ביז 1934 געווען פּראָפעסאָר פון דער הויכשול פאַר עקאָנאָמיק אין ריגע און דעפּוטאַט פון לעטלענדער סיים; פון 1935 געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער שול פאַר רעכט און עקאָנאָמיק אין תּל־אָבֿיבֿ; זינט 1939 אין ניו־יאָרק.

ד״ר סאָל ליפּצין איז פּראָפעסאָר פון פאַרגלײַכיקער ליטעראַטור אין סיטי קאַלעדזש, ניו־יאָרק.

ב. שטיינבערג איז געבאָרן געוואָרן אין סוּוואַלק, געבראַכט געוואָרן אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן אין עלטער פֿון 3 חדשים. האָט געדרוקט עטלעכע אַרטיקלען אין די יאָרביכער פֿון אַמאָפּטייל ייִוואָ.

ז. ברכות איז אַ ייִדישער זשורנאַליסט און בעלעטריסט; האָט מיטגעאַרבעט אין די יאָרביכער פֿון אַמאָפּטייל.

ייִוואָ־אויסלייג.

אָנהייבנדיק פֿונעם הײַנטיקן נומער ווערן די „ייִוואָ־בלעטער" געזעצט לויט די תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג, וואָס זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן פֿון אויספֿיר־ביוראָ פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט דעם 1טן סעפּטעמבער 1936 און אָפּגעדרוקט אין דער בראָשור נומער 16 פֿון דער סעריע „אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט" (ווילנע 1937).

אין די נאָענטסטע נומערן „ייִוואָ־בלעטער"

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: ה. פּ. אולריכסען: אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע; נ. גאָלדבערג, די ייִדישע פּרעסע אין אַמעריקע 1900־1939; ד. דאָלאַרד, פֿרויד און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן; ל. לעהרער, פּראָבלעמען פֿון ייִדישער דערציִונג אין אַמעריקע; ד. מאָוושאָוויטש, פּויליש־ייִדישע פֿאַרהאַנדלונגען אין אויסלאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה; א. מענעס, פֿרוידס בוך וועגן משה רבינו; י. שאַצקי, משׂכּילישע פּראָיעקטן וועגן דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור; ח. שויס, אַ ייִדיש קינד ווערט געבוירן; רעצענזיעס פֿון מ. ווײַנבערג (דעמאָגראַפֿישע און מעדיצינישע אַרבעטן), מ. ווײַנרײַך (ראָבאַקס „דהי סטאָרי אָװ ייִדיש ליטערעטשור"). ל. לעהרער (ענגלישע אַרבעטן וועגן ייִדישער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע), מ. עלקין (ביכער וועגן ייִדישן טעאַטער), מ. קאָסאָווער (נ. ה. טורטשינער, תּעודות לכיש).

עס פֿעלן אונדז נומערן פֿון די „ייִוואָ־בלעטער"

באַנד 8 (1935), נומערן 1 און 4

באַנד 9 (1936), נומער 1־2

באַנד 11 (1937), נומער 3־4

באַנד 13 (1938), נומער 1־2.

לייענער פֿון די „ייִוואָ־בלעטער" ווערן געבעטן אונדז אַרײַנצושיקן די נומערן, אויב זיי קענען זיך באַגיין אָן זיי.

די טרויעריקע ידיעה וועגן דעם טויט פֿון שאול גינזבורג און פֿון ד״ר יעקבֿ מאַן איז אָנגעקומען שוין נאָך דעם ווי דער נומער איז געווען אין גאַנצן פֿאַרענדיקט. מיר וועלן דעריבער ערשט אין די נאָענטסטע „ייִוואָ־בלעטער" קענען געבן אַן אָפּשאַצונג פֿון די גרויסע אַבֿדות וואָס האָבן געטראָפֿן די ייִדישע היסטאָריאָגראַפֿיע.

אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע

ניגער, ש., אין קאַמף פאַר אַ נײַער דערציִונג (געשיכטע פון די אַרבעטער־רינג שולן). ניו־יאָרק, בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, 1940. זז' 226.

ראַבינאָוויטש, ישׂראל, מוזיק בײַ ייִדן. מאָנטרעאָל, 1940, זז' 209.

חומש פאַר קינדער. לויט יהואש. צוזאַמענגעשטעלט פון שלמה סימאָן. רעדאַקטירט פון יודל מאַרק. ניו־יאָרק, יהואש פאַרלאַג געזעלשאַפט, 1940. זז' 270.

המשך. זאַמלבוך 2. רעדאַקטירט פון ב. דעמבלין, בעריש ווײַנשטיין, משה שטאַרקמאַן. ניו־יאָרק, 1940. זז' 264. (צווישן אַנדערע אַרטיקלען: ביק אַבֿרהם, דער הסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע; טוטשינסקי, ב., ב. גלאַזמאַן; שולמאַן, אליהו, אַלכּסנדר האַרקאַווי ווי אַ רעדאַקטאָר; רעגעלסאָן, אַבֿרהם, אַ בינטל נעמען פון דער נײַער ארץ־ישׂראל־פּאָעזיע: איזבאַן, ש., א. מ. פוקס; שטאַרקמאַן, משה, ייִדישע דיכטונג אין אַמעריקע.)

באַריכט פון ניו־יאָרקער אַרבעטער־רינג דיוויזיע בײַם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט. צו דער קאָנפערענץ, מאַנהעטן סענטער, נ. י. זונטיק, דעם 13טן אָקטאָבער, 1940. זז' 8.

Roback, A.A., *The Story of Yiddish Literature.* New York, Yiddish Scientific Institute, 1940. 448 pp.

Goldstein, Sidney E., *The Meaning of Marriage and the Foundations of the Family.* New York, Bloch Publishing Co., 1940. 95 pp.

Footprints of the Trojan Horse: Some Methods Used by Foreign Agents Within the United States. New York City, Citizenship Educational Service, Inc., 1940.

Bialik, Manoah L., *The Cooperative Credit Movement in Palestine.* Ann Arbor, Michigan, Edward Brothers, Inc., 1940. 128 pp. $2.00.

Kober, Adolf, *Cologne.* Jewish Community Series. Translated from the German by Solomon Grayzel. Philadelphia, Jewish Publication Society of America, 1940. XIII+412 pp.

Horwath, Edmund J., *Why Anti-Semitism?* New York, Bass Publishers, 1940. 40 pp.

Cohen, J. X., *Reducing Discrimination Against Jewish Job-seekers.* New York, American Jewish Congress, 1940. 18 pp. [מימעאָגראַפירט]

Gordon, Hirsch Loeb, *The Jewish Legions in the British Army During the World War (1914-1918).* New York, American Palestine Jewish Legions. 4 pp.

McGill, Nettie Pauline and Ellen Nathalie Matthews, *The Youth of New York City.* New York, Macmillan Co., 1940. XXVI+420 pp.

Stewart, Maxwell S., *America's Children.* Public Affairs Pamphlet, 1940. 32 pp.

Symposium on Characteristics of American Culture and Its Place in General Culture. Philadelphia, Proceedings of the American Philosophical Society, September 20, 1940. Vol. 83, No. 4.

Perez, I. L., *The Wanderer's Road.* Translated from the Yiddish by Marie Trommer. Brooklyn, 1940. 8 pp. [שרײַבמאַשין]

Trommer, Marie, *My Recollections of Morris Rosenfeld.* Brooklyn, 1940. 8 pp. [שרײַבמאַשין]

Goodenough, Erwin R., *An Introduction to Philo Judaeus.* New Haven, Yale University Press, 1940. XII+223 pp.

Cook, Olan V., compiler, *Incunabula in the Hanes Collection of the Library of the University of North Carolina.* Chapel Hill, North Carolina, 1940. XX+125 pp.

A Selective List of Periodicals of General Interest Published in Latin America. Washington, D.C., Division of Intellectual Cooperation, Pan American Union, 1940. 30 pp. [מימעאָגראַפירט]

Krim, Abba I., I—*God's Glory in Human History,* II—*The Glory of God or the Glory of Science and Psychoanalysis—Which?* III—*Do the Jews Have a Mission?* New York, The Philo Judaeus Publishing Company and Jewish Classical and Philosophical Society, 1940. 20 pp.

The Work of Our Hands. Junior Hadassah. Reports to Seventeenth Annual Convention, 1940. New York, 1940. 72 pp.

Phylon. The Atlanta University Review of Race and Culture. Fourth Quarter, 1940.

Russell, Bertrand, *Why I Am Not a Christian.* New York. Freethought Press Association, 1940. 24 pp. 10c.

Linfield, H. S., *Statistics of Jews and Jewish Organizations. Historical Review of Ten Censuses., 1850-1937.* New York: The American Jewish Committee, 1939. 64 pp.

Hamburger, L., *How Nazi Germany Has Mobilized and Controlled Labor.* Washington, D.C. The Brookings Institution, 1940. Pamphlet No. 24. 63 pp. 25c.

Gatner, Elliot S. M., *An Analytical Survey of Cooperative Agreements Among Institutions of Higher Education in the Metropolitan Area of New York City.* Brooklyn, New York, The Long Island University Alumni Association, 1940. 54 pp. [מימעאָגראַפירט]

Phelps, William G., *Lessing, the Champion of Universal Brotherhood.* Centenary College of Louisiana. 38 pp.

Brav, Stanley R., *Jewish Family Solidarity—Myth or Fact?* Vicksburg, Nogales Press, 1940. VI+130 pp.

Green, Howard Whipple, *Jewish Families in Greater Cleveland.* Cleveland Health Council, 1001 Huron Road, 1939. 123 pp.

Nilsson, Martin P., *Greek Popular Religion.* New York, Columbia University Press, 1940. XVIII+166 pp.

Rashi. Program Material and Suggestions. National Jewish Welfare Board and Jewish Educational Association and Associated Talmud Torahs of Philadelphia. 1940. 15 pp. [מימעאָגראַפירט]

N. GOLDBERG
L. M. Terman and M. Oden, Correlates of Adult Achievement in the California Gifted Group 83

MISCELLANEA

B. WEINRIB
On the Criminality of Jews in Warsaw in the Middle of the 19th Century ... 86

Z. BROCHES
A Contract Between a Jewish Merchant and a Jewish Apprentice, New York, 1749 91

Jeremiah Shapiro (Obituary) 92
The Louis LaMed Foundation 93
Editorial Notes 93
Books Received 95

נײַסטע אויסגאַבעס פֿון ייִוואָ

הונדערט יאָר גאָלדפֿאַדן
רעדאַקטירט פֿון ד״ר יעקבֿ שאַצקי

אינעם בוך גייען אַרײַן אַרבעטן פֿון: ד״ר יעקבֿ שאַצקי, פּראָפֿ׳ מאיר באַלאַבאַן, ז. שײַקאָווסקי, ש״ס ראָמאַן, א. ר. מלאכי, מרדכי קאָסאָווער ווי אויך אַ סעריע ביז איצט אומבאַוווסטע גאָלדפֿאַדנס בריוו, 188 זײַטן.

פּרײַז: $1.25

ייִדישע פֿאָלקס-מעשׂיות
י. ל. כּהנס געזאַמלטע כּתבֿים
אינעם באַנד גייען אַרײַן 56 מעשׂהלעך און מסורות.
דאָס בוך האַלט 238 זײַטן געבונדן. פּרייז: $1.25.

THE STORY OF YIDDISH LITERATURE
by
A. A. ROBACK

דאָס בוך האַלט 450 זײַטן מיטן ווײַטערדיקן אינהאַלט: דער עלטערער פּעריאָד; דער השׂכּלה פּעריאָד; די גאָלדענע עפּאָכע פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ; ייִדישע ליטעראַטור אין דער נײַער וועלט; די רוסישע יורשים פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים; דאָס אויפֿקומען פֿון ליטעראַרישער קריטיק; די יונגע ייִדישע פּאָעזיע אין אַמעריקע; ייִדישע פּראָזע אין אַמעריקע; ייִדישע ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער; פֿילאָסאָפֿיע און וויסנשאַפֿט; ייִדישע ליטעראַטור אין 1940; רשימה פֿון ייִדישע ביכער וואָס זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש; ביבליאָגראַפֿיע פֿון ווערק וועגן ייִדישער ליטעראַטור; צוגעטל.

פּרײַז: $3.00

YIVO BLETER

Journal of the Yiddish Scientific Institute

'ol. XVI | SEPTEMBER-OCTOBER, 1940 | No. 1

TABLE OF CONTENTS

WULMAN
The Liquidation of the Jewish Medical Profession in Europe 1

)L LIPTZIN
Walther Rathenau 9

. LASERSON
Jean Jacques Rousseau on the Jews 20

JDL MARK
Yiddish Linguistic Studies in Soviet Russia 31

IDAH JOFFE
Older Yiddish De Luxe Editions 45

LIFSHITZ
English Travellers of the Beginning of the 19th Century
on Eastern European Jews 59

EVIEWS

STEINBERG
Jewish Names in the **Dictionary of American Biography** 67

WEINBERG
J. Bielinky, **Médécins juifs au service de la France** 71

IDOLF GLANZ
Herwig Hartner-Hnizdo, **Das jüdische Gaunertum** 72

IBUSH LEHRER
Dr. I. Polishuk, **Di antviklung fun bavustzain**, I-II, Chicago, 1939 73

COB SHATZKY
Raphael Strauss, **Regensburg and Augsburg**; Adolf Kober, **Cologne** 79

YIVO BLETER — September-October, 1940 — Vol. XVI, No. 1

Published bi-monthly except July and August by the

SOCIETY OF FRIENDS OF THE YIDDISH SCIENTIFIC
INSTITUTE, INC., AMERICAN BRANCH
425 Lafayette Street, New York, N. Y.

Subscription $5.00 Per Year

Entered as second-class matter June 3, 1940 at the Post Office
at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1899

Printed in U.S.A.

צו דער 15טער יאָריקער קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ אין ניו־יאָרק,
3טן—5טן יאַנואַר 1941

ייִוואָ בלעטער

שריפֿט פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט

אַרויסגעגעבן פֿון אַמאָפּטייל

אינהאַלט פֿון נומער

ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר:
פֿאַרשפּראָבלעמען אין ייִדישער דערציִונג.............................97

ד. מ אָ ו ו ש אָ ו ו י ט ש:
פויליש־ייִדישע פֿאַרהאַנדלונגען אין אויסלאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה....105

ד״ר י ע ק ב ש אַ צ ק י:
דראַמע און טעאַטער בײַ די ספֿרדים אין האָלאַנד.........................135

י ו ד ל מ אַ ר ק:
דרײַ יונגע סאָוועטיש־ייִדישע לינגוויסטן..............................150

מ. ו ו י ש נ י צ ע ר, א. ט ש ע ר י ק אָ ו ו ע ר, מ. וו.
צום אָנדענק פֿון שאול גינזבורגן.......................................161

(המשך פֿון אינהאַלט אויף דער צווייטער זײַט הילע)

נאָוו׳-דעצ׳, 1940		באַנד XVI, נומ׳ 2

ר. מאהלער:
יעקב מאַן און זײַן לעבנסווערק.................................0

רעפּעראַטן און רעצענזיעס:

מ. קאָסאָווער:
נ. ה. טורטשינר, תעודות לכיש.................................2

מ. עלקין:
צוויי טעאַטער־ביכער.................................9

ב. זווײַנריב:
ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישראל.................................8

מ. ל.
Sidney Kansas, *U.S. Immigration Exclusion and Deportation*.................9

מאַטעריאַלן און נאָטיצן:

מ. ס.
די ייִדישע געטאָ אין וואַרשע (מיט אַ מאַפּע).................................0

מ. ס.

אַ נאַצי־אינסטיטוט פֿאַר מיזרח־אייראָפּעיִשע ענינים.................................1

דער טורנוס 1940—1941 פֿון דער אַספּיראַנטור פֿון ייִוואָ.................................4

די גאָלדפֿאַדן־אויסשטעלונג פֿון ייִוואָ.................................5

פֿון דער רעדאַקציע.................................6

אָנגעקומען אין רעדאַקציע.................................7

WM. AGRANOVE
38 AUSTIN TERRACE
TORONTO, ONT.

פֿאָרשפּראָבלעמען אין ייִדישער דערציִונג

פֿון ל י י ב ו ש ל ע ה ר ע ר

מיר לעבן אין אַ צײַט, ווען מען דאַרף זיך מער ניט ספּעציעל אָנשטרענגען אויף צו דערווײַזן די וויכטיקייט פֿון וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג און וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען אין יעדער טעטיקייט, ווו מען איז אויסן צו דערגרייכן פּראַקטישע רעזולטאַטן. וויסנשאַפֿט און וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג זײַנען שוין לאַנג געוואָרן די געטער, טייל מאָל אַפֿילו די אָפּגעטער, פֿונעם מאָדערנעם מענטשן.

דאָך מוז מען מודה זײַן, אַז די גאַנצע חשובֿע פּאָזיציע פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אָריענטאַציע, דער עיקר אין געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט, געפֿינט זיך נאָך אַלץ אויף דער מדרגה פֿון אַן אַלגעמיינער איבערצײַגונג, פֿון אַ מין טעאָרעטישער הסכמה. אין דער פּראַקטיק דיקטירן אומגעדולד און אײַלעניש אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג. אין דער פּראַקטיק קומט אויס צו הערן אַפֿילו פֿון אינטעליגענטע מענטשן, אַז „מען דאַרף ניט קיין צו פֿיל חקירות“, אַז מען קען זיך פֿאַרלאָזן „אויף מענטשן מיט אַ חוש“, אָדער אויף דעם וואָס דער אָדער יענער יחיד איז „דערגאַנגען אין זײַן אַרבעט“.

עס דאַרף דעריבער גאָר קיין חידוש ניט זײַן, וואָס אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישער דערציִונג איז אַזוי קליין די צאָל פּראַקטישע אָנווענדונגען וואָס זײַנען וויסנשאַפֿטלעך קאָנטראָלירט געוואָרן. מען וואָלט געקענט אָן שום גוזמא זאָגן, אַז ייִדישע דערציִונג איז נאָך אַ רוי פֿעלד, וואָס דער עקספּערימענטאַלער מוח האָט זיך נאָך גאַנץ ווייניק צוגערירט צו אים. פֿאַראַן אַ גרויסע צאָל סיבות וואָס דערקלערן דעם דאָזיקן צושטאַנד. ווי עס זאָל ניט זײַן, דאַרף מען זען, אַז די עטלעכע אָנהייבן וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן זאָלן ניט בלײַבן קיין קול קורא במדבר. מען דאַרף כּסדר וועקן די אַמביציעס פֿון די וואָס זײַנען באַרופֿן צו אַזאַ אַרבעט, זיי זאָלן וואָס טיפֿער און ברייטער גראָבן אין אָט דעם פֿעלד, ווו יעדער שניט איז בכּוח אונדז צו באַרײַכערן אויף זייער אַ ממשותדיקן אופֿן.

מיט יאָרן צוריק האָט ד״ר י. ב. מאַלער[1] אויסגעלייגט אַ גרויסע פּראָגראַם פֿאַר פֿאָרשונגען איבער ייִדישע דערציִונג־פּראָבלעמען. זײַן פּראָגראַם איז כּולל אי קליינע פּרטים, אי פּראָבלעמען פֿון ברייטסטן פֿאַרנעם. באמת,

---

[1] *Jewish Education*, Vol. I, No. 2, 1929.

ער שליסט אויך אײַן אַזעלכע פֿאָרשונגען, וואָס אַפֿילו בײַם בעסטן ווילן און מיט די מאָדערנסטע מיטלען קענען זיי דערווײַל אויף קיין פּראַקטישע דרכים ניט פֿירן. אַנדערע פּונקטן ווידער האָבן צו אַן אומדיר־עקטע שײַכות צו אונדז, אַזוי אַז עס וואָלט געווען צו אַ גרויסער לוקסוס זיך אין זיי אַרײַנ־צולאָזן. אָבער די צאָל פּראַקטישע און נאָענטע פֿאָרשונגען, אויף וועלכע זײַן פּראָגראַם ווײַזט אָן, איז אויך גענוג, אַז זיי זאָלן יאָרן לאַנג באַשעפֿטיקן אַ גאַנצן וויסנשאַפֿטלעכן פּערסאָנאַל.

מען קען לײַדער ניט פֿאַרצײכענען קיין גרויסע געווינסן ווי אַ פּועל־יוצא פֿון ד״ר מאַלערס אָנווײַזונגען. קענטיק, אַז די סיבות וואָס האָבן אונדז תּמיד אָפּגעהאַלטן פֿון וויסנשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען אין ייִדישער דער־ציִונג זײַנען ניט אָפּגעשאַפֿט געוואָרן מיט דעם וואָס עס האָט זיך געפֿונען אַ קאָמפּעטענטער פֿאָרשער וואָס האָט זיך געפּלײַסט קלאָר צו מאַכן, וואָס מען דאַרף טאָן.

לעצטנס האָט ד״ר י. ס. גאָלוב[2] ווידער אויפֿגעהויבן די זעלביקע פֿראַגע און אָנגעקגעשטעלט אַ צאָל פּראָבלעמען וואָס נייטיקן זיך אין וויסנשאַפֿטלעכע אויספֿאָרשונגען. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל ווערט דער טראָפּ געלייגט אויף מעטאָדישע פּראָבלעמען, כאָטש ס׳ווערן אָנגערופֿן אַנדערע אויך. און כאָטש ווען עס קומט צו שפּראַך־מעטאָדיק האָט ד״ר גאָלוב בלויז אין זינען העב־רעיִש, זײַנען אָבער אַ סך פּרטים וואָס ער רירט אָן אַזעלכע, אַז זיי קענען פּונקט אַזוי גוט אָנגעווענדט ווערן אויף ייִדיש. ממילא האָט זײַן פֿאָרש־פּראָגראַם אַ שײַכות צו אַלע ייִדישע דערציִונג־אַנשטאַלטן. זי שליסט אײַן עצות און אָנווײַזונגען וואָס מיר קענען אַלע אויסנוצן אויפֿן בעסטן אופֿן.

אין די פֿאָרשפּראָבלעמען וואָס איך וועל דאָ אָנרופֿן וועל איך קיין מע־טאָדישע פֿראַגעס אין גאַנצן ניט דערמאָנען. ניט חלילה דערפֿאַר ווײַל זיי זײַנען ניט גענוג וויכטיק, נאָר איבער גאָר אַנדערע סיבות. מעטאָדישע פֿראַ־געס, כּדי צו דעצידירן וועגן זיי אויף אַ געהעריקן אופֿן, דאַרף מען אויס־פֿאָרשן מיט דער טעכניק פֿון עקספּערימענטאַלע קלאַסן און קאָנטראָלקלאַסן. דאָס רובֿ ייִדישע דערציִונג־אַנשטאַלטן אין ניו־יאָרק — אַרום צוויי דריטל לויט ד״ר דושקין[3] — ווערן געפֿירט פֿון איינציקע לערער. די ייִדיש־וועלט־לעכע שולן זײַנען כּמעט אַלע פֿון דעם מין. פֿון דעם לאָזט זיך דרינגען, אַז אַ גרויסע צאָל שולן האָבן בכלל ניט קיין פּאַראַלעלע קלאַסן. ממילא ווי קאָמפּעטענט די לערער זאָלן דאָרט ניט זײַן אויף דורכצופֿירן אַן עקספּע־רימענטאַלע אונטערנעמונג, קענען זיי עס דאָך ניט טאָן. זאָל מען וועלן טאָן אַזעלכע זאַכן אויף אַ ברייטערן פֿאַרנעם, דורך פֿאַרבינדן עטלעכע שולן, וואָלט דאָס געשאַפֿן גרויסע קאָמפּליקאַציעס. אַחוץ דעם דאַרף מען אונטערשטרײַכן,

---

[2] *Jewish Education*, Vol. XII, No. 2, 1940.

[3] דאָרט גופֿא.

אַז אין שולן מיט איינצלנע לערערס, ווו עס זײַנען יאָ פֿאַראַן פּאַראַלעלע קלאַסן וואָס זײַנען אויך פּאַראַלעל אין אַנדערע פּרטים, ווי דאָס פֿאָדערט אַ גילטיקער עקספּערימענט, איז ניטאָ קיין אידעאַלער באָדן פֿאַר אַן עקספּע־רימענטאַלער אַרבעט פֿון אַזאַ מין. דאָרט ווו אַ לערער האָט ניט מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן גלײַך אויפֿן שטעל און האָט בכלל ניט קיין שותּף, וואָס מיט אים קען ער זיך פֿאַרגלײַכן אין דער אַרבעט אָדער באַהאַנדלען פּראָגעס וועגן איינצלנע קינדער וואָס זײַנען ביידן באַקאַנט, דאָרט שאַפֿט זיך אַ געוויסער גײַסט אין דער שולאַרבעט און אַ געוויסער געמיט־צושטאַנד בײַם לערער, וואָס זײַנען ניט געזונט פֿאַר אָביעקטיווער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט.

קיינער וועט ניט גרינגשעצן אַזעלכע פֿײַנע, מעטאָדיש־נוציקע אַרבעטן ווי י. שטיינבוימס וועגן העברעיִשן עלעמענט אין ייִדיש[4] אָדער זײַן אויס־פֿאָרשונג פֿון ייִדישן וואָקאַבולאַר אין דער אָנפֿאַנגשול.[5] מיר קענען אויך אַ סך לערנען פֿון די ידיעות־טעסטן וואָס זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין פּוילן[6], כאָטש מיר, אין אַמעריקע, קענען זיך בלויז רעכענען מיטן „ידיעות־טעסט פֿון ייִדיש־לימוד״, און דאָס אויך מיט די געהעריקע שינויים צוגע־פּאַסט צו דער ייִדישער שול דאָ אין לאַנד. אָבער איך וועל אויסלאָזן ריין מעטאָדישע פּראָבלעמען סײַ איבער די פֿריִער דערמאָנטע סיבות, סײַ איבער דעם וואָס אויף זיי האָבן שוין אַנדערע אָנגעוויזן אי בעל פּה, אי בכּתבֿ.

איך האָב דאָ בדעה זיך אָפּצושטעלן אויף אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס איינצלנע פֿאָרשער, אַפֿילו אַזעלכע וואָס זײַנען דירעקט מיט די שולן ניט פֿאַרבונדן, וואָלטן אויך געקענט זיך פֿאַרנעמען מיט זיי. סוף־כּל־סוף איז די שולאַרבעט, אַפֿילו די מיגלעכע ווירקונגען פֿון מעטאָדישע פֿאַרבעסערונגען, אָפּהענגיק פֿון אַזוי פֿיל זײַטיקע און אומדירעקטע ענינים, אַז פֿאָרשונגען, ווו זיי זײַנען די הויפּטטעמע, קענען האָבן אַן אומגעהײַערן ווערט אַפֿילו אין פּראַקטישן טאָגטעגלעכן אומגאַנג מיטן ייִדישן קינד. איך וועל די עטלעכע פּראָבלעמען וואָס איך וויל באַרירן קלאַסיפֿיצירן אויף דרײַ גרופּעס.

(א) וועגן דער ראָלע און דער צײַט פֿון די קינדער אין דער שול

1. די קינדער וואָס קומען אין ייִדישע שולן האָבן שוין פֿון פֿריִער זיך אײַנגעשאַפֿט אי זייערע פֿאַרשיידענע באַקאַנטע, אי זייערע אינטימערע חבֿרים און חבֿרטעס. זייער אַנטוויקלונג איז נאַטירלעך מער פֿאַרבונדן מיט די לעצ־טע. אַ מאָל מאַכט זיך, אַז די דאָזיקע חבֿרים לערנען אין דער זעלביקער שול, אַ מאָל אין אַנדערע ייִדישע שולן, אַ מאָל לערנען זיי אין גאַנצן אין קיין ייִדישער שול ניט. אַ מאָל מאַכט זיך אויך, אַז די פֿריִערדיקע, דרויסנ־

[4] ייִוואָ־בלעטער, ב׳ 5, נומ׳ 3־5, 1933.

[5] ייִוואָ־בלעטער, ב׳ 15, נומ׳ 3, 1940.

[6] ידיעות־טעסטן, לערניאָר 1937־38, וואַרשע, ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע און פּעדאַגאָגישע קאָמיסיע בײַ דער פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישער סעקציע פֿון ייִוואָ.

דיקע פֿרײַנד ווערן פֿאַרביטן אויף נײַע וואָס דאָס קינד געפֿינט אין שול. וואָסער שײַכות האָט דאָס צו דער ייִדישער דערציִונג פֿון קינד? זאָלן מיר אָננעמען, אַז תּלמידים, וואָס זייערע נאָענטע פֿרײַנד באַקומען ניט קיין ייִדישע דערציִונג, זײַנען ערגער אין די לימודים? צי ווײַזן זיי אַרויס ווייניקער אי־ניציאַטיוו? צי פֿאַלן זיי אַרויס פֿריִער פֿון דער שול ווי יענע, וואָס זייערע פֿרײַנד לערנען יאָ אין אַ שול, אָדער אין דער זעלביקער שול? צי האָבן אָט די דרויסנדיקע פֿאַרבינדונגען בכלל וועלכע עס איז השפּעה אויף דער ייִדישער דערציִונג פֿון קינד? אפֿשר האָט דאָס יאָ אַ השפּעה אויף געוויסע עלטערס גיכער ווי אויף אַנדערע?

2. צי איז די קוואַליטעט פֿון די קינדערס שולאַרבעט פֿאַרבונדן מיטן מין היים, פֿון וועלכער זיי קומען? די וויכטיקייט פֿון אַזעלכע פֿאַרשונגען איז גענוג קלאָר, און מען האָט שוין אַ ביסל געטאָן אין דעם סײַ אין אַמע־ריקע, סײַ אויף יענער זײַט ים. דאָך איז תּמיד נייטיק צו האָבן דערויף אַן אויג. צי ווײַזן קינדער אַרויס מער איניציאַטיוו און אײַנגעוואָרצלטקייט, ווען זייערע עלטערן זײַנען ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע טוערס? ווען אין דער היים זײַנען פֿאַראַן ביכער איבער ייִדישע ענינים? צי בײַט זיך עפּעס, ווען בלויז פֿאָטער אָדער מוטער איז מער פֿאַראינטערעסירט אין ייִדישער דערציִונג? אַזאַ פֿאָרשונג לאָזט זיך גיכער מאַכן אין אַ גרעסערער צאָל קליינע שולן. וואָרעם אין קליינע שולן קען מען אויסגעפֿינען די נייטיקע אינפֿאָרמאַציעס דורך זײַטיקע, און מען דאַרף ניט אָנקומען דירעקט צו די, וואָס וועגן זיי גייט עס. בכל־אופֿן קען די אומדירעקטע אינפֿאָרמאַציע אַ סך אַרויסהעלפֿן ווי אַ קאָנטראָל־מיטל.

3. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן דעם אײַנדרוק, אַז וואָס עלטער קינדער זײַנען, אַלץ קלענער ווערט די צאָל וואָס ווײַזן אַרויס וואַרעמע פֿאַראינטערע־סירטקייט אין ייִדישער דערציִונג. אויב דאָס איז ריכטיק, איז דאָס נאַטירלעך פֿאַר אונדז אַ געוואַלטיק וויכטקע לעקציע. אָבער צי איז דאָס טאַקע אמת?

4. וועגן דער ראָלע פֿון ייִנגלעך און מיידלעך האָב איך אָפֿט געהערט די זעלביקע באַריכטן סײַ פֿון לערער פֿון תּלמוד־תּורות, סײַ פֿון ייִדיש־וועלט־לעכע שולן. עס קומט אויס, אַז צווישן מיידלעך געפֿינט מען אַן אַנזעעוודיק גרעסערע צאָל אין די אייבערשטע שפּיצן אי פֿון שולאַרבעט, אי פֿון אויסער־פּראָגראַם־טעטיקייט. איך האָב שוין אויך געהערט גאַנץ אויסגעאַרבעטע טע־אָרעטישע דערקלערונגען וועגן דעם. אָבער די צרה איז, וואָס דער פֿאַקט גופֿא איז נאָך וויסנשאַפֿטלעך ניט באַשטעטיקט געוואָרן.

די דאָזיקע טעמע קען זיך פֿאַרצווײַגן אַ סך ברייטער. פֿרויען זײַנען אַ נײַער, אַקטיווער כּוח אין אונדזער פֿאָלק. די באַרימטע „לעידיז אָקזילערי" איז געוואָרן אַ שם דבֿר אין די פֿאַרשיידנסטע אָרגאַניזאַציעס און שטײַגט אָפֿט אַריבער אין אויפֿטוען דעם מענלעכן שותּף. מײַן אײַנדרוק איז, אַז אין די

לעצטע יאָרן האָט זיך אַלץ מער און מער פֿאַרגרעסערט די צאָל פּרויוון וואָס באַטייליקן זיך אין געזעלשאַפֿטלעכער, ספּעציעל אין קולטורעלער אַרבעט. איך האָב מײַן אײַנדרוק ניט קאָנטראָלירט געגנוג, אַזוי אַז איך קען מיט זיכערקייט וועגן דעם ניט רעדן, אָבער דאָס פּאָרט זיך אויף אַ געוויסן אופֿן מיטן אײַנדרוק וועגן דער ראָלע פֿון די מיידלעך אין די שולן.

מיר ווייסן אַלע גאַנץ גוט, אַז אין אַ סך ייִדיש־וועלטלעכע שולן זײַנען פֿאַראַן מער מיידלעך ווי ייִנגלעך. מען וויל עס דערקלערן דערמיט, וואָס ייִנגלעך שיקט מען אין תּלמוד־תּורות איבער רעליגיעזע סיבות, און מיט מיידלעך צערעמאָניעט מען זיך ווייניקער. אָבער פֿאַר וואָס זאָלן עלטערן צעשיקן די קינדער זייערע אין צוויי באַזונדערע שולסיסטעמען? פֿאַר וואָס אויך ניט שיקן די מיידלעך אין תּלמוד־תּורות צוליב די אינפֿאָרמירנדיקע און נאַציאָנאַלע לימודים? און בכלל, אפֿשר קומען גאָר די מיידלעך, אין יענע ייִדיש־וועלטלעכע שולן, פֿון היימען וואָס זײַנען מער ווייניקער גלײַכגילטיק צו ייִדישער דערציִונג און מען שיקט בלויז די מיידלעך, ווײַל זיי ווײַזן אַרויס מער ווילִיקייט? אַפֿילו ווען מען ווייס פֿון היימען וואָס שיקן ייִנגלעך אין תּלמוד־תּורות און מיידלעך אין ייִדיש־וועלטלעכע שולן, איז נאָך אויך ניט זיכער דאָס וואָס מען וויל ס'רובֿ אַרויסדריינגען. עס איז מיגלעך, אַז אויך דאָרט שיקט מען די ייִנגלעך אויף אַ קורצער צײַט און בלויז צוליב ספּעציעלע צוועקן, ווי אויסלערנען די בר־מיצווה־צערעמאָניעס, בעת מיידלעך פֿאַרבלײַבן אַ סך לענגער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן.[7]

מען דאַרף אויך וויסן די פּראָצענטועלע פֿאַרהעלטעניש צווישן ייִנגלעך און מיידלעך בנוגע דעם אַרויספֿאַל פֿון דער שול פֿאַר דער צײַט, אָדער ווי לאַנג עס איז דער דורכשניטלעכער דויער פֿון גיין אין שול בײַ ביידע געשלעכטער. וואָס פֿאַר אַ פּראָצענט ייִנגלעך און מיידלעך באַטייליקט זיך אין שול־אונטערנעמונגען? ווי פֿיל ייִנגלעך און מיידלעך זײַנען פֿאַראַן אין פֿאַרשיידענע אַליין־פֿאַרוואַלטונג־קאָמיסיעס? אין רעדאַקציעס און צווישן די שרײַבער פֿון שולזשורנאַלן? אויף די פּראָנט־פּאָזיציעס פֿון קלוב־טעטיקייטן?

(ב) קאָרעלאַציע צווישן די פּאָזיציעס פֿון די זעלביקע קינדער אין דער ענגלישער און ייִדישער שול

1. צי איז אמת, אַז קינדער וואָס באַקומען הויכע ציינכנס אין דער פּאַבליקסקול צייכענען זיך אויס אין ייִדישע לימודים אויך? בכלל, צי זאָלן מיר אָננעמען, אַז אין ביידע פֿאַלן פֿאָדערן זיך די זעלביקע גײַסטיקע כּוחות כּדי

---

[7] עס איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַן אַרבעט וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויף יענער זײַט ים וועגן ענלעכע פּראַגעס. מיר קענען פֿון איר אַ סך אָפּלערנען. דאָס געדרוקטע איז בלויז אַ קורצער באַריכט פֿון אַן אויספֿאָרשונג וואָס איז ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. זע: ח. פּישטשאַצער־מאַן, „130 אינטערוויוען מיט עלטערן פֿון אַ שול" אין: ייִוואָ־בלעטער, ב' 10, נומער 1־2, 1936 און ב' 12, נומ' 4־5, 1937.

זיך אַרויסצוהייבן? ממילא קען מען שוין ווײַטער פֿרעגן: צי זײַנען די מיטלמעסיקע קינדער אין סקול אויך מיטלמעסיק אין דער ייִדישער שול? אויב עס זאָל זיך אַרויסווײַזן, אַז אין די דאָזיקע פֿאַלן איז קיין אָנזעעוודיקע קאָרעלאַציע ניטאָ, יעמאָלט וואָלטן מיר אפֿשר אַפֿילו אין ריין מעטאָדישע עניִנים ניט געדאַרפֿט זיך פֿאַרקוקן אויף דעם וואָס מען טוט אין די בעסערע ענגלישע שולן. בכל־אופֿן וואָלט מען געדאַרפֿט זוכן ספּעציפֿישע פֿאַקטאָרן ווי אַ צוגאָב צו אַלגעמיינע מעטאָדישע בײַסן.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַ סך וויכטיקער ווי זוכן קאָרעלאַציעס מיטן אינטעליגענץ־ווייפֿלער (אַלף־וואָוו, I. Q.). ראשית איז דאָס לײַכטער אויסצו־געפֿינען, שנית איז דאָך אַ סך אַ נענטערע אויפֿגאַבע צו דערגיין די פֿאַקטאָרן וואָס הערשן בײַ אונדז, און דאָס קען מען בלויז אויסגעפֿינען, ווען מען פֿאַר־גלײַכט דירעקט די קוואַליטעט פֿון די זעלביקע קינדער אין צוויי פֿאַרשיידענע שולסיסטעמען.

אמת, מיר האָבן דאָ אַ שוועריקייט, וואָס די צייכנס אין די ביידע סאָרטן שולן זײַנען אפֿשר אַנדערש געבויט און לאָזן זיך דעריבער ניט פֿאַרגלײַכן. אָבער דאָס קען מען בײַקומען דורך דעם וואָס מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף די וואָס פֿאַרנעמען געוויסע מדרגות פֿון קלאַס (דריטן פֿערטל, העכסטן פֿערטל) און וועלן דאָס פֿאַרגלײַכן מיט די קלאַס־מדרגות פֿון די זעלביקע קינדער אין פּאַבליקסקול, אין אַזעלכע לימודים, וואָס זייערע אַנאַלאָגן געפֿינען זיך אין דער ייִדישער שול.

2. אחוץ דעם, ווי פֿאַרגלײַכן זיך די קינדער אין אויסערפּראָגראַם־טעטי־טיקייטן אין סקול און אין שול? צי זײַנען די אַקטיווע קינדער פֿון סקול אַקטיוו בײַ אונדז אויך? די וואָס ווײַזן דאָרט אַרויס פֿירערשאַפֿט, איניציאַטיוו, אָרגאַניזיר־כּוח, — צי ווײַזן זיי דאָס אויך אַרויס אין דער ייִדישער שול? געוויסע אייגנשאַפֿטן פֿירן דערצו, אַז אַ קינד זאָל ווערן פּאָפּולער, באַליבט. צי זײַנען די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן די זעלביקע אין סקול און אין שול? די זעלביקע פֿראַגעס דאַרפֿן נאַטירלעך אויך באַטראַכט ווערן פֿון דער פֿאַרקער־טער זײַט: די קינדער וואָס צייכענען זיך אויס בײַ אונדז, — צי ווײַזן זיי דאָס אויך אַרויס אין סקול?

(ג) שײַכות צווישן ייִדישער דערציִונג און אַקטיווער ייִדישער אָנגעהעריקייט

1. עס איז זייער שווער, לויט מײַן מיינונג אוממיגלעך, מיט וויסנ־שאַפֿטלעכער זיכערקייט צו באַשטימען דעם פּולן פּראָגנאָסטישן ווערט פֿון אַ ייִדישן לימוד פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן קינד. אָבער די ייִדישע שול האָט דאָך קיין שום זינען ניט, האָט ניט די מינדסטע באַרעכטיקונג פֿון קיין שום שטאַנדפּונקט, אויב זי איז ניט בכּוח צו מאַכן די קינדער פֿאַר „בעסערע ייִדן". וואָס זאָלן מיר פֿאַרשטיין אונטער אָט דעם פֿאַלקסטימלעכן טערמין? דאָס קען בלויז באַטײַטן אַ וויליקייט, אַ גרייטקייט זיך צו באַטייליקן אין

ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אַן אַריינגעטאָנקייט אין ייִדישע אינטערעסן, פּראָבלעמען און באַוועגונגען, אַ געפֿיל, אַז מען איז אַ טייל פֿונעם ייִדישן כּלל, וואָס זײַן גליק דערפֿרייט און זײַן צער מאַכט טרויעריק.

צי זײַנען קינדער וואָס באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג אויף אַ העכערער מדרגה אין דעם פּרט איידער אַזעלכע וואָס זײַנען אין קיין ייִדישער שול ניט געגאַנגען? דאָס דאַרף מען געוויינטלעך אויסגעפֿינען, אָבער אויסגע־פֿינען קען מען דאָס ערשט יעמאָלט, ווען מיר וועלן קלאָר מאַכן, ווי אַזוי עס קען זיך אויסדריקן אין קינדער־לעבן דער פּסיכישער צושטאַנד פֿון אַק־טיווער ייִדישער אָנגעהעריקייט אין פֿריִער דערמאָנטן זינען. אַן אָנהייב פֿון אַזאַ אַרבעט איז שוין געמאַכט געוואָרן.[5] אָבער דאָס איז נאַטירלעך ווייניק. עס דאַרף דערפֿירט ווערן צו אַ טעסט וואָס זאָל געבן אַ מיגלעכקייט עס אויסצודריקן אין קוואַנטיטאַטיווע טערמינען. אָט אַזאַ מין טעסט צוזאַמען מיט געהעריקע קוואַליטאַטיווע באַוואָרענישן וואָלט געקענט מעסטן די פּעולה פֿון ייִדישער דערציִונג אין ווירקלעכן סענסיטיווסטן פּונקט.

ווי געזאָגט, עס גייט ניט אין דעם, צי די קינדער וועלן זײַן בעסערע ייִדן לעתיד־לבֿוא, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. דאָס איז פֿאַרבונדן מיט פֿאַקטאָרן, וואָס איבער זיי האָט די שול ניט קיין דעה. בכלל האָבן אַזעלכע פֿאַרויס־זאָגונגען אַ קנאַפּן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט, און מיר זײַנען דאָ בלויז פֿאַראינ־טערעסירט אין וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָרשונג. אָבער וואָס תּלמידים פֿון ייִדישע שולן זײַנען שוין, איצט, אין שײַכות צו אַקטיווער ייִדישער אָנגעהעריקייט, דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע וואָס די פֿונקציעס פֿון ייִדישער דערציִונג דאַרפֿן אונדז לאָזן הערן.

2. און אַז מען מעסט שוין — אויב דאָס זאָל זיך אײַנגעבן — די השפּעה פֿון ייִדישער שול־דערציִונג אויף אָט דעם דעליקאַטן פּונקט, וואָלט אויך וויכטיק געווען צו דערגיין, וואָסער ווירקונג עס האָט אויף די קינדערס ייִדי־שער אַנטוויקלונג די אַקטיווע ייִדישע אָנגעהעריקייט פֿון לערער. אַמאָליקע צײַטן האָט מען געפֿאָדערט פֿונעם מלמד, ער זאָל זײַן אַ ירא־שמים; דאָס איז געווען דער אָביעקטיווער סימן פֿון אַקטיווער ייִדישער אָנגעהעריקייט אין יענער צײַט. צי זײַנען אונדזערע עלטערן גערעכט געווען? צי דאַרפֿן טאַקע לערער באַזיצן די סאָציאַל־פּסיכישע שטריכן וואָס מיר ווילן אַרויסברענגען אין די קינדער?

דאָס קען מען לײַכטער מעסטן. די אָנגעהעריקייט פֿון דערוואַקסענע לאָזט זיך פֿאָרמולירן אויף אַ גענוג אָביעקטיוון אופֿן, עס זאָל פֿאַרמאָגן אַ הויכע מאָס גילטיקייט. בײַ קינדער איז די אויפֿגאַבע אַ סך שווערער דורכצופֿירן, אָבער דער דערמאָנטער אָנהייב וואָס איז שוין געמאַכט געוואָרן, און אַן

[5] ל. לרר, הסמלים היהודיים בנפש הילד היהודי באמריקה, ספר מקסימון, תרצ״ה.

אַנדער אויספֿאָרשונג וואָס איז פֿאַרבונדן דערמיט,* פֿאַרשטאַרקן דאָס געפֿיל, אַז אויך ביַי קינדער איז דאָס מיגלעך צו מעסטן.

אַ צעטל מיט פּסיכאָלאָגישע, מעטאָדישע, סאָציאָלאָגישע און אַדמיניסט־ראַטיווע פֿאָרשונגען, אין וועלכע ייִדישע דערציִונג נייטיקט זיך, וואָלט געקענט זיַין אַזוי לאַנג ווי דער ייִדישער גלות. ס׳איז ניט געווען מיַין אויפֿגאַבע צו געבן אַ פֿולן צעטל. דער דאָזיקער חשק ווערט אויך אָפּגעשוואַכט איבער דעם וואָס עס זעט זיך דערוויַיל ניט קיין מיגלעכקייט צו שאַפֿן אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט וואָס זאָל קענען נעמען אויף זיך אַזעלכע פֿאָרשונגען און זיי דורכ־פֿירן. האָב איך זיך באַנוגנט מיט אַרויסהייבן עטלעכע נייטיקע פֿאָרשונגען וואָס האָבן ביז איצט געצויגן ווינציק אויפֿמערקזאַמקייט, און על פּי רובֿ אַזעלכע וואָס מען קען דאַכט זיך דורכפֿירן מיט מער באַגרענעצטע טעכנישע מיטלען.

..פֿון דער רעדאַקציע: אַרויסזאָגונגען וועגן דעם אינהאַלט פֿון ל. לעהרערס אַרטיקל וועלן זיַין זייער אָנגעלייגט.

* ל. לעהרער, „דאָס „ייִדישע“ אין דער פּסיכיק פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן קינד“. אין: ייִוואָ־בלעטער, ב׳ 4, נומ׳ 4־5, 1932.

פוילִיש־ייִדישע פֿאַרהאַנדלונגען אין אויסלאַנד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה

(ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן)

פֿון ד. מאָוושאָוויטש

פֿון דער רעדאַקציע

די פוילישע פּאָליטישע אַקציע אין אויסלאַנד בעת דער וועלט־מלחמה 1918־1914 איז שוין געשיכטע. אַן אָביעקט פֿון געשיכטע איז אויך די ייִדישע אַקציע אין יענע יאָרן. ביז הײַנט האָבן מיר נאָך ניט קיין אויספֿאָרשונגען פֿון די יעמאָלטיקע פּויליש־ייִדישע פֿאַרהאַנדלונגען בנוגע דעם גורל פֿון פּוילישן ייִדנטום. זייער געשיכטע ליגט נאָך באַגראָבן אין די אַרכיוון פֿון די אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען אָדער אין זכרון פֿון די אָנטייל־נעמער. און גראָד אין איצטיקן מאָמענט, ווען פֿאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט האָט זיך ווידער געשטעלט פּוילנס גורל — הגם גאָר אין אַן אַנדער אַספּעקט ווי יעמאָלט — און אין אײנעם דערמיט די אַלטע פֿראַגע פֿון רעגולירן די אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעם פֿון פּויליש־ייִדישע באַציִונגען, באַקומט דאָס קאַפּיטל וועגן פּאָליאַקן און ייִדן בעת דער פֿאַרגאַנגענער מלחמה אַ ביז גאָר אַ ק ט ו ע ל ן כאַראַקטער. בכדי צו קענען זיך פּאָליטיש אָריענטירן אין אָט דער אַלט־נײַער פּראָבלעם, מוז מען קודם־כּל ק ע נ ע ן די געשיכטע פֿון די פּויליש־ייִדישע פֿאַרהאַנדלונגען אין יענער מלחמה־תּקופֿה.

אין דעם אַרטיקל ווערט געגעבן די געשיכטע פֿון די פּויליש־ייִדישע אַקציעס אין א ו י ס ל אַ נ ד. דער מחבר האָט געהאַט די מיגלעכקייט פֿון דער נאָענט צוקוקן זיך צו די פֿאַרהאַנדלונגען וואָס זײַנען יעמאָלט געפֿירט געוואָרן דער עיקר אין לאָנדאָן, און צום טייל אַפֿילו צו באַטייליקן זיך אין זיי. זײַן אַרטיקל, כּמעט אַ פּראָטאָקאָל פֿון די געשעענישן, שטיצט זיך אויף ביז לעצט ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע דאָקומענטן וואָס ער האָט אין זײַן רשות (מעמאָראַנדומס, באַריכטן, בריוו וכדומה, ווי אויך די פּרעסע פֿון יענער צײַט). איבער געוויסע טעמים קענען נאָך אייניקע פּרטים לעת־עתּה ניט פֿאַר־עפֿנטלעכט ווערן, און אין די פֿאַלן איז דער נאָמען פֿון מחבר (איצט אַ מיטגליד פֿונעם „באָרד אָוו דעפּיוטיס" אין לאָנדאָן) אַ גאַראַנטיע פֿאַר זייער אויטענטישקייט.

I

די צײַטן, ווען די באַציִונגען צווישן ייִדן און פּאָליאַקן אין רוסיש־פּוילן[1] זײַנען געווען פֿיל־ווינציק פֿרידלעכע, האָבן זיך געביטן ווײַט פֿאַרן אויסבראָך פֿון דער מלחמה 1914. די רוסישע „קאָנסטיטוציע" פֿון סוף 1905 האָט גע־עפֿנט פֿאַר פּאָליאַקן די פּאָליטישע מיגלעכקייט צו פֿאַרהאַנדלען מיט די רע־גירונג־קרײַזן אין פּעטערבורג וועגן פֿאַרלײַכטערן דעם פּאָליטישן דרוק אין פּוילן. שוין יעמאָלט האָבן די פּוילישע פּאַרטייען אָנגעהויבן שפּירן, אַז אין

---

[1] אין דעם אַרטיקל רעדט דער מחבר בעיקר וועגן קאָנגרעס־פּוילן וואָס איז געשטאַנען יעמאָלט אין צענטער פֿון די דיפּלאָמאַטישע פֿאַרהאַנדלונגען.

פֿאַל פֿון אַ נײַער מלחמה און אַן אומפֿאַרמײַדלעכן נײַעם רעוואָלוציאָנערן אויסבראָך וועט אין רוסלאַנד בכלל און אינעם מצבֿ פֿון פּוילן בפֿרט פֿאַרקומען אַ טיפֿער שינוי. זיי האָבן זיך גענומען גרייטן צו דעם מאָמענט און פֿאַרשטאַרקן די פּוילישע פּאָזיציעס בײַ צײַטנס. און דאָ האָבן זיי אַזוי ווי אומגעריכט פֿאַר זיך אַנטדעקט אַ צווייטמיליאָניקן ייִדישן ייִשובֿ אין פּוילן, מיט בולטע ייִדישע שטימונגען און אַ קעגנערשאַפֿט בײַ דער מאַסע צו אַסימילאַציע, אַ ייִשובֿ מיט אַ באַזונדערער ראָלע אינעם עקאָנאָמישן לעבן פֿון לאַנד און מיט אייגענע אינטערעסן — אַ נײַעם סאָציאַל־פּאָליטישן פֿאַקטאָר אין לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו פֿירן אַן אייגענע ייִדישע פּאָליטיק. די פּוילישע פּאַרטייען, די פּרעסע און די פּוילישע געזעלשאַפֿט זײַנען פֿון תמיד געווינט געווען צו באַטראַכטן פּ אָ ל י אַ ק ן פֿאַר די א י י נ צ י ק ע בעלי־בתּים אין לאַנד, וואָס אַנערקענען ניט קיין „צווייטע נאַציע“ אין פּוילן. היות ווי ייִדן האָבן ניט געוואָלט און ניט געקענט אָננעמען אַזאַ שטאַנדפּונקט, זײַנען די פּאָליאַקן אַרויס אין אַ קאַמף קעגן זיי דורך באָיקאָט און אַנטי־ייִדישער פּראָפּאַגאַנדע.

אָנגעפֿירט אָט דעם קאַמף האָט, ווי באַקאַנט, די שטאַרקסטע פּוילישע בירגערלעכע פּאַרטיי, די „ענדעקעס“ (נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן), בראָש מיט ראָמאַן דמאָווסקין. אין דעם קאַמף קעגן ייִדן זײַנען די „ענדעקעס“ גרייט געווען אַפֿילו צו גיין אויף פּשרות מיט פּוילנס היסטאָרישן שונא, מיט דער צאַרישער רעגירונג. אַזוי איז עס געווען למשל, בעת די רוסישע רעגירונג האָט פּראָיעקטירט אײַנצופֿירן אין פּוילן מוניציפּאַלע אַליין־פֿאַרוואַלטונגען: די פּוילישע פֿירער אין דער רוסישער „דומע“ זײַנען געווען גרייט, מען זאָל אָפּרײַסן פֿון זייער לאַנד כעלעמער געגנט — פֿאַרן פּרײַז פֿון באַגרענעצן די ייִדישע רעכט אין די שטאָטישע פֿאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען. די אַנטיסעמיטישע שטימונגען זײַנען וואָס ווײַטער אַלץ מער געוואַקסן, און אין 1912, בעת די וואַלן צו דער פֿערטער דומע, האָט די פּראָפּאַגאַנדע פֿון באָיקאָט אָנגענומען אין פּוילן אַזעלכע פֿאָרמען, אַז די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין וואַרשע, אַפֿילו אירע מיטעלע קלאַסן, האָבן באַשלאָסן צו שטימען פֿאַר דעם פּוילישן סאָציאַליסטישן קאַנדידאַט יאַגעלאָ, אַבי ניט צו דערלאָזן, עס זאָל דורכגיין דער בפֿירושער אַנטיסעמיטישער קאַנדידאַט פּראָפֿ׳ יאַן קוכאַזשעווסקי.

עס איז ביז איצט פֿאַרבליבן אומבאַקאַנט דער פֿאַקט, אַז די ייִדישע כּלל־טוער אין וואַרשע האָבן אין אַזאַ ערנצטער פֿראַגע ניט געוואָלט שטעלן אויף זיך און האָבן זיך געווענדט נאָך אַן עצה צו די ייִדישע כּלל־טוער אין פּעטערבורג, לאָנדאָן און פּאַריז.[2] עס וועט אַ מאָל קומען אַ צײַט צו פֿאַר־

[2] געווענדט האָט זיך אין נאָמען פֿון וואַרשעווער ייִדישע קרײַזן י. נאַטאַנסאָן צו מ. ווינאַווערן און ה. שליאָזבערגן אין פּעטערבורג, צום פֿירער פֿון „ענגליש־ייִדישן קאָמיטעט“ אין לאָנדאָן לוסיען וואָלף און צום באַוווסטן פֿראַנצייזיש־ייִדישן געלערנטן און כּלל־טוער (פֿון די קרײַזן פֿון „יִקאָ“ און „אַליאַנס“) עמיל מעיערסאָן אין פּאַריז.

עפֿנטלעכן די דאָזיקע ביז גאָר אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ צווישן וואַרשע־פּעטערבורג און וואַרשע־לאָנדאָן־פּאַריז. ווי עס איז צו זען פֿון די ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַטעריאַלן, איז די עצה פֿון די לאָנדאָנער ייִדישע פֿירער (לוסיען וואָלף) געווען אַזאַ: אייגנטלעך וואָלטן ייִדן באַדאַרפֿט אויסנוצן זייערע רעכט (די פּוילישע בירגערלעכע קרײַזן האָבן געפֿאָדערט פֿון ייִדן, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן, אויב זיי ווילן ניט שטימען פֿ אַ ר קוכאַזשעווסקין) און ניט שטימען פֿאַר קיין אַנטיסעמיט, אָבער — איז דערבײַ מוסיף דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט — אויב ייִדן וואָלטן אַפֿילו אין ענגלאַנד גענומען קאַטעגאָריש זיך אײַנעקשענען אויף אַלע רעכט וואָס זיי קומט לויט דער קאָנסטיטוציע, וואָלט אין ענגלאַנד אויך אפֿשר געקומען צו אַנטיסעמיטיזם; עס איז דעריבער קיין אַנדער עצה נישטאָ ווי צו שטימען פֿאַר קוכאַזשעווסקין... די עצה פֿון פּאַריז (מעיערסאָן) איז געווען אַ פֿאַרקערטע: שטימען פֿאַר יאַגעלאָן.

מיטן אויסבראָך פֿון דער מלחמה אין אויגוסט 1914 האָט זיך געשאַפֿן אין גאַנצן אַ נײַע סיטואַציע. אין פּוילן האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז אַ מלחמה וואָס וועט אויפֿטרייסלען דעם פֿונדאַמענט פֿון דער אייראָפּעיִשער וועלט וועט זיך מוזן אָפּרופֿן אויפֿן גורל פֿון פּוילן אויך, און די פּוילישע פֿראַגע וועט זיך שטעלן פֿאַר דער קומענדיקער שלום־קאָנפֿערענץ וואָס וועט צו־שנײַדן אַ גאַנץ נײַע קאַרטע פֿון אייראָפּע. די פֿירנדיקע פּוילישע קרײַזן האָבן זיך גלײַך גענומען גרייטן צו דעם מאָמענט און האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע פּאָליטישע אַקציע וואָס זאָל צוגרייטן די מיגלעכקייטן פֿאַר אַ באַפֿרײַט פּוילן — באַפֿרײַט פֿונעם רוסישן יאָך און באַפֿרײַט אויך פֿון דער ייִדישער „הערשאַפֿט“.

כּל זמן די טעריטאָריע פֿון רוסיש־פּוילן און גרויסע טיילן פֿון גאַליציע זײַנען געווען אין די הענט פֿון רוסיש מיליטער (ביז סוף זומער 1915), האָבן די פּאָליאַקן זיך געמוזט פֿירן לאָיאַל בנוגע רוסלאַנד און זייער עיקר אויפֿמערקזאַמקייט געווענדט דערווײַל אויף דעם צווייטן פּונקט — אויף דעם קאַמף קעגן ייִדן. עס איז באַקאַנט, אַז פּאָליאַקן האָבן געהאַט אַ היפּשן חלק אינעם בילבול אויף ייִדן אין שפּיאָנאַזש לטובֿת די דײַטשן, וואָס די פֿירער פֿון דער רוסישער אַרמיי האָבן פֿאַרשפּרייט, און אַז טויזנטער ייִדן זײַנען יעמאָלט אומשולדיק אומגעקומען און הונדערטער טויזנטער רויִנירט און אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון פּוילן.[3] עס איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, וואָס

[3] בשעתו איז אין אַמעריקע פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַ זאַמלונג דאָקומענטן, וואָס באַווײַזט די ראָלע פֿון פּאָליאַקן און פּוילישע פֿירערס אין די רוסישע מיליטער־רדיפֿות אויף ייִדן. די דאָזיקע זאַמלונג האָט יעמאָלט דער „אַמעריקען דזשויִש קאָמיטי“ צוגעשטעלט דעם פּויפּס אין רוים מיט דער בקשה צו אינטערווענירן און רופֿן די קאַטויליקן אין פּוילן אָפּצישטעלן די פֿאַלשע באַשולדיקונגען און די רדיפֿות אויף ייִדן. [ס׳ווערט געמיינט די זאַמלונג דאָקומענטן The Jews in the Eastern War Zone, ניו־יאָרק 1916. — רע־דאַקציע]

די פּאָליאַקן, נאָך איבער 100 יאָר לײַדן פֿונעם צאַריזם, זײַנען געווען נאָר ד ר ו י ס נ ד י ק לאָיאַל צו רוסלאַנד. זיי זײַנען אין דער זעלביקער צײַט געשטאַנען אין געהיימע פֿאַרבינדונגען מיט די פּאָליאַקן אין עסטרײַך און דײַטשלאַנד, וועלכע האָבן באַקומען פֿון זייערע רעגירונגען אַ צוזאָג צו באַ־פֿרײַען רוסיש־פּוילן פֿון רוסלאַנדס יאָך. די רוסישע רעגירונג, פֿון איר זײַט, האָט גוט געוווּסט, אַז אויף דער לאָיאַליטעט פֿון די פּאָליאַקן קען מען זיך ניט שטאַרק פֿאַרלאָזן, אָבער זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ צײַט מוז מען לעבן מיט זיי בשלום. עס איז באַקאַנט דער מאַניפֿעסט צו די „ברידער־פּאָליאַקן", וואָס דער רוסישער אייבערקאָמאַנדיר ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַרויסגעלאָזט אָנהייב דער מלחמה („אונטער דעם שבֿט מלכות פֿון רוסלאַנד וועט פּוילן צוריק אויפֿלעבן, פֿרײַ אין איר גלויבן, שפּראַך, אַליין־פֿאַרוואַל־טונג") — דאָס מיינט אַ צוזאָג פֿון אויטאָנאָמיע אויף להבא, נאָך דעם רו־סישן נצחון אין דער מלחמה. עס איז אויך געווען נאַטירלעך, וואָס נאָך דער ביטערער היסטאָרישער פּראַקטיק מיט רוסלאַנד במשך פֿון די לעצטע הונ־דערט יאָר האָבן פּאָליאַקן זיך ניט געקענט פֿאַרלאָזן אויף די רוסישע הבֿטחות, און בכלל האָט מען ניט געקענט וויסן, ווער וועט געווינען אין דער מחלמה און ווער וועט ווערן דער בעל־הבית איבער פּוילנס גורל. פּאָליאַקן האָבן דעריבער באַשלאָסן צו פֿאַרזיכערן זיך פֿון ב י י ד ע צדדים: ניט נאָר מצד דײַטשלאַנד־עסטרײַך, נײַערט אויך מצד ענגלאַנד־פֿראַנקרײַך ווי גאַ־ראַנטן פֿון די רוסישע הבֿטחות.

דער ענין פּוילן איז בכן פֿון אָנהייב מלחמה אָן געוואָרן אַן א י נ ־ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר , און די פּוילישע קרײַזן האָבן דעלעגירט זייערע פֿירער קיין אויסלאַנד, אין לאָנדאָן און פּאַריז, צו זוכן שטיצע פֿאַר זייערע פּלענער. און דאָ האָט די פּוילישע אַקציע זיך אָנגעטראָפֿן מיט דער ייִדישער אַקציע. די לעצטע איז געלעגן אין די הענט ניט בײַ ייִדיש־פּוי־לישע שלוחים, נאָר בײַ די אָרטיקע עסקנים, בײַ די פֿאָרשטייער פֿון די אָפֿיציעלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך און אַמעריקע.

II

בראָש פֿון דער פּוילישער אַקציע אין די אַנטאַנטע־לענדער איז גע־שטאַנען דער פֿירער פֿון די ענדעקעס ר אָ מ אַ ן ד מ אָ ו ו ס ק י. אים האָבן דערבײַ אַ סך געהאָלפֿן פּאַדערעווסקי און אַלמאַ טאַדעמאַ. די בײדע זײַנען געווען וועלטבאַרימטע אַרטיסטן, האָבן געהאַט אַ צוטריט צו די הע־כערע קרײַזן פֿון דער ענגלישער און פֿראַנצייזישער געזעלשאַפֿט און האָבן לכתחילה צוגעגרייט די דאָזיקע קרײַזן צו אַן אַנטי־ייִדישער לייזונג פֿון דער פּוילישער פֿראַגע. דעם אמת געזאָגט, האָט מען קיין סך טירחה דערין ניט באַדאַרפֿט אַרײַנלייגן, מחמת די דאָזיקע קרײַזן זײַנען אַליין פֿון זיך ניט

געווען איבעריק פרײַנדלעך געשטימט צו ייִדן, איבער הויפּט דאָרטן, ווו ס׳איז געווען שטאַרק די קאַטוילישע השפּעה.[4] נאָך אַ שטילער פּריוואַטער פּראָפּאַגאַנדע האָט דמאָווסקי געפּרוּווט אָרגאַניזירן עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין די אוניווערסיטעטן; אָבער מען האָט די פּוילישע דעלעגאַטן געלאָזט וויסן, אַז אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע וועט מען זיי ניט לאָזן פירן, און אין לאָנדאָן האָט דמאָווסקי אין דער לעצטער מינוט געמוזט איבערבויען זײַנע אַ לעקציע וואָס ער האָט געזאָלט האַלטן אין אוניווערסיטעט און אויסמעקן אַלץ וואָס ער האָט זיך געקליבן זאָגן קעגן ייִדן (1915).

די פּוילישע פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע קרײַזן וואָס זײַנען געווען קעגנער פון דער ענדעקישער פּאָליטיק בכלל, אויך אין דעם פּונקט ייִדן, האָבן ניט געקענט צולאָזן, אַז אין נאָמען פון פּוילן זאָל ריידן דמאָווסקיס גרופּע, און האָבן באַשלאָסן אָנצוהייבן אין אויסלאַנד אַן אייגענע אַקציע. זומער 1915 זײַנען קיין לאָנדאָן אָראָפּגעקומען פון פּוילן צוויי פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער פּאַרטיי — פּ אַ ט ע ק און ז אַ ל ע ס ק י.[5] אין לאָנדאָן האָבן זיי זיך געטראָפן מיט צוויי פירער פון ענגלישן ייִדנטום — איינער פון זיי איז געווען לוסיען וואָלף — און געהאַט אַ שמועס וועגן די פּויליש־ייִדישע באַציִונגען אין גאָר אַן אַנדער גײַסט און נוסח, פאַרשטייט זיך, ווי דער נוסח דמאָווסקי.

אין יענער צײַט איז בכלל מער ווי וועגן אַן אויטאָנאָמיע פאַר פּוילן נאָך קיין רייד ניט געווען. די פּראָגרעסיווע פּוילישע שלוחים האָבן געוואָלט אויספּועלן, די ענגלישע קרײַזן זאָלן ווירקן אויף דער רוסישער רעגירונג, אַז די אויטאָנאָמיע וואָס זי האָט צוגעזאָגט זאָל טאַקע זײַן אַן אמתדיקע און ניט קיין פיקטיווע. זיי האָבן דערבײַ געהאָפט, אַז די ייִדישע קרײַזן מיט השפּעה אין ענגלאַנד וועלן אַ דאַנק דעם צוזאָג פון גלײַך־באַרעכטיקונג פאַר ייִדן האָבן אַן אינטערעס צו שטיצן זיי. זיי זײַנען געקומען מיט דעם פאַרמעלן צוזאָג פון אַזאַ גלײַך־באַרעכטיקונג אין נאָמען פונעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָבן זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן דמאָווסקיס פּראָפּאַגאַנדע און פאַרזיכערט, אַז אין פּוילן זײַנען דאָ אַ סך פּראָגרע־

[4] מיט יאָרן שפּעטער, ווען פּאַדערעווסקי, שוין אַן אַלטער מאַן, האָט זיך דערפילט געצווונגען צו פאַרלאָזן פּוילן און אין אַ געוויסן זינען אָפּריכטן גלות, האָט ער אַ פּנים דערשפּירט, ווי אומגערעכט ער איז געווען אין זײַן אַמאָליקן אַנטיסעמיטיזם. אין זײַנע מעמואַרן, געדרוקט אין לאָנדאָנער Sunday Times, דערציילט ער, ווי אַזוי זײַנע פּאָליטישע פרײַנד האָבן אים יעמאָלט אָפּגענאַרט: דאָס געלט, שרײַבט ער, וואָס ער פלעגט זיי שיקן (געלט פון קאָנצערטן, באַזוכט פון טויזנטער ייִדן אין אַמעריקע און אַלע טיילן וועלט) פאַרן רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן רוסלאַנד, האָבן זיי באַנוצט אויף אָרגאַניזירן באָיקאָט און פּאָגראָמען אויף ייִדן...

[5] דאָס איז דער זעלביקער אויגוסט זאַלעסקי וואָס איז איצט אויסלאַנד־מיניסטער פון דער דערווייליקער פּוילישער רעגירונג אין ענגלאַנד.

סיִוּע עלעמענטן וואָס ווילן אויפֿבויען דאָס לאַנד אויף די זעלביקע פּרינציפּן ווי די מערבֿ־אייראָפּעיִשע דעמאָקראַטיעס. אָבער דערצו איז ניט גענוג אַן אויטאָנאָמיע פֿאַר פּוילן, נאָר ס'איז נייטיק, אַז פּוילן זאָל ווערן אַ פֿרײַע און אומאָפּהענגיקע מלוכה. מחמת דער דאָזיקער ראַדיקאַלער פֿאָדערונג — האָבן די פּוילישע שלוחים דערקלערט — און מחמת זייער פֿרײַנדלעכער באַציִונג צו דער ייִדן־פֿראַגע ווערן די פּוילישע פּראָגרעסיווע עלעמענטן גערודפֿט פֿון דער רוסישער מיליטער־מאַכט, בעת צו דמאָווסקיס אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי איז איר באַציִונג אַ גוטע. מחמת דעם — האָבן זיי ווײַטער אָנגעוויזן — וואָס די רוסישע רעגירונג האָט שטענדיק גערודפֿט ייִדן, זײַנען אַ סך ייִדן פֿון די רוסישע געביטן אַנגעפֿאָרן קיין פּוילן, און דאָס מאַכט שווער די פּראָפּאַגאַנדע פֿאַר אַ פֿרײַנדלעכער באַציִונג צו ייִדן. פֿון דעסט וועגן זײַנען די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין פּוילן, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן, גרייט אַקטיוו צו קעמפֿן פֿאַר ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג. די לאָנדאָנער ייִדישע פֿירער האָבן פֿרײַנדלעך אויסגעהערט די פּראָגרעסיווע פּוילישע שלוחים און אַפֿילו צוגעזאָגט ווי ווײַט מיגלעך צו שטיצן זייער אַקציע פֿאַר אַ פֿרײַער און אומאָפּהענגיקער פּוילישער מלוכה.[6]

נאָך פֿאַר דער וועלט־מלחמה האָט דער קאַמף פֿון דמאָווסקיס פּאַרטיי קעגן די פּוילישע ייִדן, דער באָיקאָט און די אַנטי־ייִדישע פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן אויפֿגערודערט די ייִדישע וועלט אין אויסלאַנד. שוין יעמאָלט האָבן די פֿירער פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדנטום גענומען זוכן מיטלען אָפּצושטעלן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק און זײַנען געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן צו אינטערווענירן בײַם פּויפּס אין רוים, ער זאָל משפּיע זײַן לטובֿה אויף דער קאַטוילישער און געטרײַ־פּויפּסלעכער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, ווײַל די פֿרום־קאַטוילישע קרײַזן און דער פּוילישער קלער זײַנען, ווי באַקאַנט, געווען די הויפּט־שטיצע פֿון דמאָווסקיס פּאַרטיי. בינו לבינו האָט זיך אָנגערוקט די מלחמה, און דעם פּלאַן האָט מען געמוזט אָפּלייגן ביז אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט אין אַ יאָר אַרום נאָכן אָנהייב פֿון דער מלחמה. מיר גיבן איבער דעם ווײַטערדיקן עפּיזאָד לויט דעם, ווי לויִ מאַרשאַל, דער פּרעזידענט פֿונעם „אַמעריי־

[6] אונטער די „ייִדישע פֿירער" אָדער „ייִדישן קאָמיטעט" אין לאָנדאָן ווערט געמיינט דער Joint Foreign Committee (פֿאַראייניקטער קאָמיטעט פֿאַר אויסלענדישע—געמיינט — ייִדיש־אויסלענדישע — ענינים). זײַנע צוויי פֿאָרזיצערס אין יענער צײַט זײַנען געווען קלאָד מאָנטעפֿיאָרע און סער סטואַרט סעמיועל (אין אָנהייב פֿון דער מלחמה — דוד אַלעקסאַנדער) און דער גענעראַל־סעקרעטאַר און פֿאַקטישער אָנפֿירער פֿון דער גאַנצער אַרבעט — לוסיען וואָלף (זע „היסטאָרישע שריפֿטן פֿון ייִוואָ", ב' 2, ז' 549 א"וו). אין דער אַרבעט פֿלעגט אויך אַקטיוו העלפֿן לאָרד סוועיטלינג. דער קאָמיטעט איז געשטאַנען אין אַן ענגען קאָנטאַקט מיט ענלעכע ייִדישע קאָמיטעטן אין די ענגלישע דאָמיניעס און מיטן „אַליאַנס איזראַעליט" אין פּאַריז און האָט געהאַט אַ שטענדיקע פֿאַרבינדונג מיט די ענגלישע אָפֿיציעלע קרײַזן. ווײַטער וועלן מיר דעם „דזשאָינט פֿאָרען קאָמיטי" קורץ רופֿן: דער ייִדישער קאָמיטעט אין לאָנדאָן (אָדער: אין ענגלאַנד).

קען דזשוּיִש קאָמיטי״, האָט אים שפּעטער אַליין באַשריבן אין אַ לאַנגן בריוו צו זײַנע פֿרײַנד אין לאָנדאָן.

זומער 1915 איז דער באַרימטער אַמעריקאַניש־ייִדישער זשורנאַליסט הערמאַן בערנשטיין, וואָס איז יעמאָלט געווען דער סעקרעטאַר פֿון „אַמעריקען דזשוּיִש קאָמיטי״, געקומען קיין פּאַריז און האָט זיך דאָ געטראָפֿן מיטן פֿראַנ־צייזישן דעפּוטאַט ד ע ל אַ נ ק ל וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו די קאַ־טוילישע קרײַזן און האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען אין וואַטיקאַן. דעלאַנקל האָט זיך אָרויסגערופֿן צו העלפֿן ייִדן אין דער אינטערווענץ בײַם פּויפּס, און הערמאַן בערנשטיין איז מיט אים אָוועקגעפֿאָרן קיין רוים, ווו דער פּויפּס האָט זיי געגעבן אַן אוידיענץ. נאָך דעם זײַנען זיי אָוועק קיין ניו־יאָרק, און הערמאַן בערנשטיין האָט צונויפֿגעפֿירט דעלאַנקלען מיט עטלעכע מיטגלידער פֿונעם „אַמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט״. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געשטעלט, איז דעלאַנקל געווען אַ פּשוטער אַוואַנטוריסט. נאָך פֿאַר דעם איז דעלאַנקל אַראָפּגעקומען קיין לאָנדאָן מיט אַ רעקאָמענדאַציע צום איי־בערראַבינער פֿון ענגלאַנד, האָט זיך דורך אים פֿאַרבונדן מיט די ענגליש־ייִדישע פֿירער און געמאַכט זיי אַזאַ פֿאַרשלאָג: הגם ער איז אַ גלייביקער קאַטוילעק, איז ער אָבער אַ פֿרײַנד פֿון ייִדן, און היות ווי קאַטויליקן און ייִדן לײַדן ביידע אין רוסלאַנד, איז כּדאַי, אַז זיי זאָלן אַרבעטן צוזאַמען קעגן דער רוסישער השפּעה אין אייראָפּע; עס איז געפֿערלעך, האָט ער ווײַטער גע־טענהט, אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָל זאָל אַרײַנפֿאַלן אין די רוסישע הענט און אַז עסטרײַך זאָל חרובֿ ווערן, ווײַל עסטרײַך און דײַטשלאַנד זײַנען שטענדיק געווען „די שוץ פֿון אייראָפּעיִשער ציוויליזאַציע קעגן דעם רוסישן באַרבאַ־ריזם״; עס איז אויך געפֿערלעך פֿאַר ייִדן, אַז די רוסישע השפּעה זאָל זיך פֿאַרשטאַרקן אין פּאַלעסטינע — אַ זאַך, וואָס אויך דער פּויפּס קען עס ניט דערלאָזן. דעלאַנקל האָט בײַ זיך געהאַט עפּעס אַן „אייגענעם ייִדן״, אַ פּאַ־ריזער בערזע־מעקלער, וואָס האָט אים אינפֿאָרמירט וועגן ייִדישע ענינים, און זיי האָבן ביידע באַשלאָסן פֿאָרן צום פּויפּס, כּדי זיך צו האַלטן מיט אים אַן עצה. דעם 23טן מײַ 1915 האָבן זיי זיך דערשלאָגן אַן אוידיענץ, און דער פּויפּס זאָל האָבן מסכּים געווען אַרויסצולאָזן אַ ייִדן־פֿרײַנדלעכע ענ־ציקליקע צו די קאַטויליקן פֿון פּוילן. אָבער כּדי זײַן ענציקליקע זאָל האָבן די נייטיקע השפּעה, זאָל דער פּויפּס האָבן פֿאַרלאַנגט, אַז צו דער קומעדיקער שלום־קאָנפֿערענץ זאָל ער, דער פּויפּס, פֿאַרבעטן ווערן ווי אַן אָנטיילנעמער באַגלײַך מיט די פֿאָרשטייער פֿון די קריגס־פֿירנדיקע מלוכות. האָט דעלאַנקל דעריבער פֿאָרגעלייגט די ייִדן פֿון ענגלאַנד: 1) ווירקן אויף די רעגירונגען פֿון די אַנטאַנטע־מלוכות (ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, רוסלאַנד, איטאַליע און יאַ־פּאַן), אַז זיי זאָלן זיך ניט קעגנשטעלן דעם פֿאַרשלאָג וועגן פֿאַרבעטן דעם פּויפּס צו דער שלום־קאָנפֿערענץ, אויב אַזאַ פֿאַרשלאָג וועט געמאַכט ווערן פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג; 2) דעם פּויפּס זאָל דערלויבט ווערן צו

שיקן אַ מין אַמבאַסאַדאָר צו דער ענגלישער רעגירונג, פּונקט ווי דאָס טוען די פֿאַרשיידענע מלוכות, און מען זאָל פּועלן בײַ דער רוסישער רעגירונג, אַז דער פּויפּס זאָל אויך אַהין קענען שיקן אַן אַמבאַסאַדאָר וואָס זאָל פֿאַר־האַנדלען מיטן רוסישן אויסערן־מיניסטעריום און ניט מיטן דעפּאַרטמענט פֿון אינערן־מיניסטעריום, וואָס איצט האָט ער צו זאָגן וועגן די ענינים פֿון די אַזוי גער׳ „אַנדערשגלייביקע" (ד״ה מיט די וואָס געהערן ניט צו דער אָפֿיציעלער פּראַוואָסלאַוונער קירך). אויב די דאָזיקע פּונקטן וועלן אָנגע־נומען ווערן, איז דער פּויפּס גרייט זיך אײַנצושטעלן פֿאַר ייִדן אין רוסלאַנד און פּוילן.

די דאָזיקע פֿאָרשלאָגן פֿון דעלאַנקל האָבן אָפּן געשמעקט מיט סימפּאַטיע צו עסטרײַך און דײַטשלאַנד, און די ענגלישע ייִדן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פֿון די פּלענער מיט בײדע הענט און האָבן אַפֿילו אינפֿאָרמירט וועגן דעם זייער רעגירונג. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז אַפֿילו אין די קרײַזן פֿון וואַטיקאַן האָט מען שטאַרק איבערגעטריבן די השפּעה פֿון ייִדן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטיע. ניט געקוקט אפֿשר אויף די גוזמאות, איז דער עצם פֿאַקט פֿון דעלאַנקלס פֿאַרהאַנדלונגען מיטן פּויפּס געווען משמעות אַן אמת. להיפּוך צו די ענגלישע ייִדן, האָבן טוער פֿונעם אַמעריקאַנישן ייִדנטום זיך פֿאַרנומען מיט דעלאַנקלען און געזוכט דורך אים אַ מיגלעכקייט צו ווירקן אויפֿן וואַטיקאַן לטובֿת ייִדן. אַ געוויסע צײַט איז נאָך אָנגע־גאַנגען אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם „אַמעריקען דזשויִש קאָמיטי" און דעם וואַטיקאַן.[ז] דער וואַטיקאַן האָט אָבער קיין שום טריט לטובֿת ייִדן ניט גע־מאַכט. די קאַטוילישע גלחים אין פּוילן, מיט זייער קליינע אויסנאַמען, זײַנען פֿאַרבליבן אַנטיסעמיטיש געשטימט ווי געווען, און אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק זיי איז דמאָוסקיס השפּעה נאָך מער געוואַקסן.

בינתים איז פּוילן אַריבער אין די הענט פֿון דײַטשלאַנד (זומער 1915). דײַטשע ייִדן וואָס האָבן געהאַט געוויסע פֿאַרבינדונגען מיט דער דײַטשער מיליטערישער פֿאַרוואַלטונג האָבן סוף־כּל־סוף געפּועלט, אַז אַ געוויסע מאָס גלײַך־באַרעכטיקונג און קהילה־אַליין־פֿאַרוואַלטונג פֿאַר ייִדן זאָל אָנערקענט ווערן. די דײַטשן אין די אָקופּירטע געביטן האָבן זיך יעמאָלט באַצויגן צו ייִדן מער קאָרעקט איידער די רוסן, זוכנדיק דערבײַ אויסצונוצן ייִדן פֿאַר זייערע אייגענע צוועקן. אויף וויפֿל זיי זײַנען ניט געווען אין גאַנצן זיכער מיטן קומענדיקן נצחון, זײַנען בײַ זיי די הויפּט־יחסנים געווען די פּאָליאַקן, צבֿער זיי האָבן ניט געקענט צולאָזן, אַז אימיצער אַנדערש חוץ זיי זאָל קענען בעל־הבתעווען איבער ייִדן.

[ז] די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט דער „אַמ׳ דזשויִש קאָמיטי" שפּעטער, אין 1916, איבערגעגעבן דער אַמעריקאַנער פּרעסע, אָבער די לאַגע אויפֿן פֿראָנט איז יעמאָלט געווען אַזוי ערנצט און די פּרעסע איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין אַנדערע זאַכן, אַז מען האָט די בריוו כּמעט ווי ניט געדרוקט.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אין מאַרץ 1917, ווען מען האָט נאָך געמיינט, אַז אין רוסלאַנד וועט זיך איינשטעלן אַ ליבעראַלער רעזשים, איז די השפּעה פֿון דער פּוילישער פּראָגרעסיווער קאָנצענטראַציע אויך געוואָרן שטאַרקער. איבער הויפּט נאָך דעם, ווי די רוסישע דערווייַליקע רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און אַ פֿרייַען רעזשים. אָבער שוין גאָר אין גיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז די נייַע רוסישע רעגירונג איז קיין בעל־הבית ניט אין לאַנד און אויך ניט איבער פּוילן. די רעגירונגען פֿון פֿראַנקרייַך און ענגלאַנד האָבן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם שאַנס צו האָבן אַ דעה אין די פּוילישע ענינים און זיי האָבן באַשלאָסן אונטערצוהאַלטן די פֿאַרבינדונגען מיט דער ש ט אַ ר ק ע ר ע ר פּוילישער פּאַרטיי — ד"ה מיט די „ענדעקעס". דמאָווסקי האָט עס גלייַך דערשפּירט. אַמעריקע איז שוין יעמאָלט געווען צוגעשטאַנען צום צד פֿון די אַליִרטע, און דמאָווסקי האָט גענומען אַרבעטן אין אַמעריקע.

אָנהייב אַפּריל 1917 האָט זיך אין די פּוילישע קרייַזן פֿון לאָנדאָן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ענגלישע רעגירונג קלייַבט זיך אַליין אַרויסצוטרעטן מיט אַ דעקלאַראַציע וועגן איר באַציִונג צו דער צוקונפֿט פֿון פּוילן. כדי צו פּועלן ביי דער ענגלישער רעגירונג, אַז זי זאָל דערביי אָננעמען אַ גינציקע שטעלונג צו דער י ִ ד י ש ע ר פֿ ר אַ ג ע , האָט דער פּרעזידענט פֿונעם ייִדישן קאָמיטעט אין ענגלאַנד זיך געווענדט מיט אַזאַ בריוו צום ענגלישן אויסערן־מיניסטער:

„דערלויבט מיר אייַך צו שרייַבן וועגן דער דערקלערונג וואָס איר גרייט זיך צו מאַכן אין פּאַרלאַמענט, לויט די באַריכטן אין די צייַטונגען, וועגן פּוילן. די וועלט פֿילט אַ גרויסן זאָרג בנוגע דער צוקונפֿט פֿון די פֿאַרשיידענע „קלענערע" נאַציאָנאַליטעטן אינעם נייַעם פּוילן, איבער הויפּט בנוגע דער צוקונפֿט פֿון ייִדן, ליטווינער און רוסן, וואָס זייערע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אינטערעסן ווערן אָפֿט געשטעלט אין סכנה מצד דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט־פּאַרטיי און וואָס זייערע באַציִונגען מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי זייַנען ניט שטענדיק געווען פֿרייַנדלעכע. אויך ביי די רוסישע ליבעראַלן פֿילט זיך אַ געוויסע באַאומרויִקונג בנוגע דער פֿראַגע, ווי מען קען דאָס זען פֿון דעם מאַניפֿעסט וואָס זיי האָבן דאָ ניט לאַנג אַרויסגעלאָזן וועגן פּוילן. מיר דוכט, אַז אויב איר וואָלט אין אייַער דערקלערונג אויסגעדריקט די איבערצייַגונג פֿון אַלע פֿרייַנד פֿון אַ ווידערגעבוירענער פּוילישער מדינה, אַז דער רעזשים וועט דאָרט זייַן אַ פֿרייַער און אַז די רעכט פֿון די מינאָריטעטן, פֿון ייִדן, ליטווינער און רוסן, וועלן רעספּעקטירט ווערן און אַז פּוילן וועט ווערן אַ בייַשפּיל פֿון האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסעס פֿון אַלע מיזרחדיקע אייראָפּעיִשע לענדער, — וואָלט איר דערמיט געהאָלפֿן דער גינציקער ליזונג פֿון דער פֿראַגע. איך בין ספּעציעל באַזאָרגט דערביי, אַז די הויפּט־מינאָריטעטן זאָלן דערמאָנט

ווערן ב ײַ ם נ אָ מ ע ן , ווײַל אין פּוילן האָט זיך געשאַפֿן דער אײַנ־דרוק, אַז מערבֿ־אייראָפּע אינטערעסירט זיך כּלל ניט מיט די מינאָריטעטן, אָדער ניט מיט אַלע פֿון זיי. אַ פֿאָרמל פֿון גלײַך־באַרעכטיקונג איז ניט גענוג, און די מינאָריטעטן און זייערע פֿרײַנד אין פּעטראָגראַד וואָלטן גע־וואָלט האָבן די אָנערקענונג פֿון פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַלער אָדער קולטורעלער א ו י ט אָ נ אָ מ י ע . אָבער דאָס איז אַפֿשר אַ פּרט, מיט וועלכן מען וועט נאָך קענען זיך פֿאַרנעמען שפּעטער. ס'איז אָבער וויכטיק, אַז שוין איצטער זאָל מען לאָזן וויסן די פּאָליאַקן, אַז מערבֿ־אייראָפּע איז אינפֿאָר־מירט וועגן דער אומצופֿרידנקייט צווישן די מינאָריטעטן אין פּוילן און איז ניט גלײַכגילטיק צו זיי".

אויף דער ווענדונג האָט דער ייִדישער קאָמיטעט באַקומען אַן ענטפֿער פֿונעם מיניסטער, אַז ער דאַנקט פֿאַרן בריוו, אַז ער וועט האָבן אין זינען די געמאַכטע ייִדישע פֿאָרשלאָגן, אָבער בכלל קלײַבט ער זיך גאָרניט אַרויס־צוטרעטן מיט אַ דערקלערונג אין פּאַרלאַמענט וועגן פּוילן.

III

נאָך פֿריִער (סוף 1916) איז אין וואַרשע געשאַפֿן געוואָרן דער „דער־ווײַליקער מלוכה־ראַט"[8] וואָס איז צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע פֿאַר פּוילן, און זומער 1917 איז זאַלעסקי געוואָרן דער אָפֿיציעלער פֿאָר־שטייער פֿון דעם ראַט אין אויסלאַנד. הגם דער מלוכה־ראַט איז געשאַפֿן געוואָרן פֿון די דײַטשן, האָט ער אָבער געהאַט אַ פֿאָרשטייער אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, און דורך די נייטראַלע לענדער פֿלעגט ער שטיין מיט אים אין אַ שטענדיקער פֿאַרבינדונג. דער פּרעמיער פֿון דער פּוילישער רעגי־רונג, ווי די פּאָליאַקן האָבן שטאָלץ גערופֿן אָט די דערווײַליקע פֿאַרוואַלטונג — איז געווען דער זעלביקער פּראָפֿ' יאַן קוכאַזשעווסקי, קעגן וועמען די ייִדן פֿון וואַרשע האָבן געשטימט אין 1912 בײַ די וואַלן אין דער דומע (און וואָס נאָך זײַן דורכפֿאַל איז דמאָווסקי אַרויס מיטן באָיקאָט קעגן ייִדן). אָבער די צײַטן האָבן זיך געביטן. צוליב זייער פּאָליטיק אין אַמעריקע האָבן די דײַטשן איצט ניט געוואָלט דערלאָזן אַן אָפֿענעם אַנטיסעמיטיזם אונטער זייער ממשלה. און קוכאַזשעווסקי איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען אַ פֿרײַנדלעכן טאָן לגבי ייִדן, כּדי צו באַרויִקן די ייִדישע באַפֿעלקערונג. נאָך זײַן באַשטימונג פֿאַר „פּרעמיער" האָט ער אויפֿגענומען פֿאָרשטייער פֿון דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע (סוף 1916) און אָפּגעגעבן אַזאַ דער־קלערונג: עס פֿאַרדריסט אים דער פֿאַרגאַנגענהייט וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַזאַ שלעכטן נאָמען צווישן ייִדן; ער פֿאַרזיכערט אָבער, אַז ער באַציט זיך ניט פֿײַנדלעך צו ייִדן. בײַ די ערשטע טריט פֿון דער נײַער

8 Tymczasowa Rada Stanu.

פּוילישער מלוכה, בעת דער קאַבינעט איז נאָך ניט ווי געהעריק צוזאַמענ־געשטעלט, איז נאָך פּרי צו רעדן וועגן אַן ענדגילטיקער פּראָגראַם אין דער ייִדן־פּראַגע, אָבער ער פֿאַרזיכערט, אַז ייִדן וועלן געניסן די זעלביקע רעכט ווי פּאַליאַקן, און דאָס, האָפֿט ער, וועט פֿירן צו גוטע באַציִונגען צווישן אַנאַנד; די רעדע וואָס דער וואַרשעווער ראַבינער הרבֿ פּערלמוטער האָט גע־האַלטן בײַ דער עפֿענונג פֿון דער רבנים־קאָנפֿערענץ איז אַ באַווײַז, אַז ייִדן זײַנען לאָיאַל צו פּוילן, און אין דעם האָט ער (קוכאַזשעווסקי) קיין מאָל ניט געצווייפֿלט... דער פֿאַרשטייער פֿון „הצפֿירה" האָט בתשובֿה געדאַנקט קוכאַ־זשעווסקין דערפֿאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו קומען אין אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דער ייִדישער פּרעסע; דאָס וועט זיכער העלפֿן אײַנצושטעלן גוטע באַציִונגען צווישן ייִדן און דער רעגירונג.

אַזוי אַרום איז קוכאַזשעווסקי יעמאָלט פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר אַ „פּראָ־גרעסיסט", און ער האָט זיך געפֿילט געצווונגען צו האָבן פּראָגרעסיווע פֿאַר־שטייער אין אויסלאַנד. אַזוי איז דער פֿאַרשטייער פֿון פּוילישן ראַט אין פּעטראָגראַד געווען דער באַוווּסטער פּוילישער אַדוואָקאַט לעדניצקי, אַ מיט־גליד פֿון צ"ק פֿון דער רוסישער ליבעראַלער פּאַרטיי (די „קאַדעטן"), און דער פֿאַרשטייער אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך — דער אויבן דערמאָנטער זאַלעסקי.

נאָכן אויסבראָך פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איז דער געזעץ פֿון ייִדישער עמאַנסיפּאַציע (פֿון 22טן מאַרץ 1917) פֿאָרמעל חל געווען אויך אויף רוסיש פּוילן, הגם די פּוילישע פּראָווינצן פֿון רוסלאַנד האָבן זיך גע־פֿונען אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע, ווו די ייִדישע גלײַך־באַרעכטיקונג איז שוין געווען פּריִער פּראָקלאַמירט. אָבער די ייִדישע באַפֿעלקערונג, הן אין רוסלאַנד, הן אין פּוילן, האָט זיך שוין ניט באַנוגנט נאָר מיט בירגער־לעכער גלײַך־באַרעכטיקונג אַליין, און אירע פּאַרטייען האָבן אַרויסגערוקט די פֿאָדערונגען פֿון אויטאָנאָמיע — רעליגיעזער, קולטורעלער און אויך נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר . זומער 1917 איז אין פּעטראָגראַד פֿאָרגעקומען אַ פּוילישע דעמאָקראַטישע קאָנפֿערענץ וואָס האָט אויך אָנגענומען דעם פּונקט און אָנערקענט, אַז ייִדן האָבן רעכט צו פֿאַרלאַנגען קולטורעלע אויטאָנאָמיע אין פּוילן. די אַלע רעזאָלוציעס אָן אַ צאָל וועגן אויטאָנאָמיע פֿון די ייִדישע קאָנפֿערענצן אין רוסלאַנד און פּוילן זײַנען אַריבערגעשיקט געוואָרן צו די ייִדישע פֿירער אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך, וואָס האָבן אין זייערע פֿאַר־האַנדלונגען מיט די אויסלענדישע פֿאַרשטייער פֿון פּוילן און אויך מיט זייערע אייגענע רעגירונגען זיך געשטיצט אויף די דאָזיקע פֿאָדערונגען פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

די פֿאַרשטייער פֿון „ענגליש־ייִדישן קאָמיטעט" אין לאָנדאָן האָבן זיך געטראָפֿן מיט זאַלעסקין, און די ערשטע פֿראַגע וואָס מען האָט אים גע־שטעלט איז געווען: וואָס האָט בדעה צו טאָן דער וואַרשעווער מלוכה־ראַט

בנוגע ייִדן אין פּוילן? זאַלעסקי האָט געענטפערט, אַז דער ראָט איז נאָך צו דער דאָזיקער פראַגע ניט צוגעקומען. אָבער ער איז גרייט צו אינפאָרמירן דעם ראָט וועגן די פאָדערונגען פון די אויסלענדישע ייִדישע פירער. דער „ענגליש־ייִדישער קאָמיטעט" האָט אים יעמאָלט איבערגעגעבן פאַרן ראָט אַ מעמאָראַנדום וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפן יסוד פון די עפנט־לעכע דערקלערונגען וואָס פאַרשטייער פון פּוילישן ייִדנטום האָבן געמאַכט אין רוסלאַנד און דערביי דערקלערט: תּחילת, אין 1915, איז טאַקע די רייד געווען ניט מער ווי וועגן גלייַכע בירגערלעכע רעכט פאַר ייִדן, אָבער מחמת דער שטעלונג פון דמאָווסקין און זייַן פאַרטיי און מחמת די רדיפות וואָס ייִדן אין פּוילן האָבן געליטן אין די לעצטע צוויי יאָר איז מען איצט גע־קומען צו דער איבערצייַגעניש, אַז גלייַך־באַרעכטיקונג סתּם איז ניט גענוג, און ס'איז נייטיק אָנצונעמען דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אַ פּרינציפּ וואָס וועט געוויס דורכגעפירט ווערן אין דעם קומעדיקן פּאָליטישן איבערבוי פון דער רוסישער אימפּעריע; די ייִדי־שע פאַרשטייער פון ענגלאַנד וואָלטן זיך ניט וועלן מישן אין די אינעווייַ־ניקסטע ענינים פון פּוילן, אָבער אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז אַ רעזשים פון גלייַך־באַרעכטיקונג וועט ניט אָפּשטעלן די רדיפות אויף די ייִדן, וועלן זיי מוזן פאָדערן געוויסע גאַראַנטיעס. נאָך דעם האָט לו־סיען וואָלף אין איינעם מיט זאַלעסקין[9] געגנוי באַטראַכט די באַזונדערע פאַרשלאָגן פון מעמאָראַנדום.

די פאַרשלאָגן זייַנען געווען:

1) „אַלע אייַנוווינער וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער פּוילישער מדינה און וואָס זייַנען ניט קיין בירגער פון אַן אַנדער מדינה חוץ רוסלאַנד מוזן אָנערקענט ווערן פאַר מיטגלידער פון דער פּוילישער נאַ־ציע.[10] רוסישע בירגער וואָס האָבן זייער שטענדיקן וווינאָרט אין פּוילן און וואָס ווילן פאַרבלייַבן רוסישע בירגער דאַרפן האָבן דאָס דאָזיקע רעכט, אויב זיי וועלן אָפּגעבן אַ דערקלערונג וועגן דעם אין משך פון אַ באַשטימטער צייַט".

בנוגע דעם פּונקט האָט זאַלעסקי דערקלערט, אַז ער איז זיכער, אַז די פּאָליאַקן וועלן אים אָננעמען, און דערביי צוגעגעבן: פּוילן וועט ניט פּרווון זיך אַרויסדרייען פון אָנערקענען די ייִדן פאַר בירגער, ווי רומעניע האָט דאָס

---

[9] זאַלעסקי האָט זיך אויך געזען מיט מאָנטעפיאָרען און לאָרד סוועיטלינגן, אָבער די קאָנקרעטע אונטערהאַנדלונגען מיט אים האָט געפירט לוסיען וואָלף; דער מחבר פון די שורות איז געווען דער עקספּערט אין די פּויליש־ייִדישע ענגעלעגנהייטן.

[10] דאָס וואָרט „נאַציע" איז דאָ פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אין ענגליש אָדער פראַנצייזיש, ניט אין עטנישן זינען, נאָר אין מלוכישן. אין אונדזער טערמינאָלאָגיע וואָלט דאָס גע־הייסן: פאַר בירגער פון פּוילן.

יאָרן לאַנג געטאָן (געמיינט די התחייבֿות וואָס רומעניע האָט אויף זיך גע־נומען אויפֿן בערלינער קאָנגרעס 1878).

2) „אַלע פּוילישע אונטערטאַנען, אָן אונטערשייד פֿון גלויבן און ראַסע, מוזן באַקומען גלײַכע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט. קיין שום באַגרע־נעצונגען און רעכטלאָזיקייט טאָרן ניט אײַנגעפֿירט ווערן פֿאַר פּוילישע אונ־טערטאַנען צוליב זייער גלויבן אָדער ראַסע"...

אויך אויף דעם פּונקט האָט זאַלעסקי מסכּים געווען.

3) „די מינאָריטעטן פֿון סובנאַציאָנאַליטעטן מוזן געזעצלעך אָנערקענט ווערן דורך דעם, וואָס א) זיי דאַרפֿן באַקומען אַ פּראָפּאָרציאָנעלע פֿאָר־שטייערשאַפֿט בײַ מלוכישע און מוניציפּאַלע וואַלן; ב) אין ענינים פֿון זייער גלויבן, פֿאָלקס־דערציִונג, צדקה־ און אַנדערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס דאַרפֿן זיי באַקומען אייגענע פֿאַרוואַלטונגען, דעמאָקראַטיש אָרגאַניזירט; ג) די דאָזיקע מינאָריטעטן, אויב זייער צאָל דערגרייכט אַ געוויסן פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג, דאַרפֿן האָבן דאָס רעכט אָפֿיציעל צו באַנוצן זיך מיט זייער אייגענער שפּראַך".

די ייִדישע פֿאָרשטייער האָבן דערבײַ צוגעגעבן, אַז זיי זײַנען גרייט אויך מסכּים צו זײַן אויף אַן אַנדער פֿאָרמולירונג פֿון דעם פּונקט 3, דהיינו:

„די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן דאַרף דורך אַן אַלגעמיינער ייִדי־שער קאָנפֿערענץ אָדער פֿאַרזאַמלונג פֿאָרלייגן די פֿאָרמען פֿון דער קומע־דיקער אָרגאַניזאַציע פֿון דער ייִדישער מינאָריטעט אין פּוילן".

בנוגע דעם פּונקט האָט זאַלעסקי דערקלערט, אַז די פֿראַגע פֿון פּראָ־פּאָרציאָנעלער פֿאָרשטייערשאַפֿט איז נאָך ניט באַטראַכט געוואָרן פֿון מלוכה־ראַט, אָבער ער ווייס, אַז די לינקע פּאַרטייען אין פּוילן באַציִען זיך גינציק צו דעם פּרינציפּ. וואָס שייך דער פֿראַגע פֿון אויטאָנאָמיע, איז ער פּער־זענלעך גרייט אָנצונעמען דעם פּרינציפּ, אויב עס גייט נאָר וועגן ק ו ל־ט ו ר ע ל ע ר אויטאָנאָמיע; ער מיינט, אַז עס וועלן ניט זײַן קיין מניעות, אַז אין די פֿאָלקסשולן און מיטלשולן זאָל ייִדיש אָנגענומען ווערן ווי די שפּראַך פֿון לימודים און אויך אַז ייִדן זאָל דערלויבט ווערן אײַנ־צופֿירן אַליין־באַשטײַערונג פֿאַר זייערע אייגענע אינסטיטוציעס, ווי באַלד די אַלגעמיינע מלוכישע און מוניציפּאַלע שטײַערן וועלן געצאָלט ווערן. ער האָט צוגעגעבן, אַז די קומענדיקע קאָנסטיטוציע וועט בלי ספֿק אײַנפֿירן זייער אַ ברייטע שטאָטישע אַליין־פֿאַרוואַלטונג, און היות ווי ייִדן זײַנען כּמעט אין אַלע פּוילישע שטעט אַן אָנזעכטיקער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, וועט שוין דאָס אַליין געבן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג ברייטע רעכט אין די שטאָטישע אָרגאַנען. דעם אַלטערנאַטיוון פֿאָרשלאַג, אַז אַ ייִדישער פֿאָלקס־צוזאַמענפֿאָר זאָל האָבן דאָס רעכט צו באַשליסן די אָרגאַניזאַציע־פֿאָרמען פֿון דער ייִדישער מינאָריטעט אין פּוילן, האָט זאַלעסקי ניט אָנגענומען, מאַ־

טיווירנדיק דאָס דערמיט, אַז אַלע פוילישע גרופּירונגען וועלן זײַן קעגן דעם.

אין דער זעלביקער צײַט איז דמאָווסקי אָנגעגאַנגען מיט זײַן אַרבעט ווי פֿריִער. זײַנע אַלטע אַנטיסעמיטישע שטימונגען האָבן זיך ניט געביטן, און ער האָט געפּרוווט אײַנריידן די רעגירונגען פֿון מערבֿ־אייראָפּע, אַז ייִדן אין פוילן שטייען אַלע אויפֿן צד פֿון די דײַטשן. סוף זומער 1917 איז גע־וואָרן קלאָר, אַז רוסלאַנד איז שוין דערפֿירט געוואָרן צו אַזאַ צושטאַנד פֿון אינעווייניקסטן צעפֿאַל, אַז אויף דער רוסישער רעגירונג איז נישטאָ זיך וואָס צו פֿאַרלאָזן. די באַציִונגען פֿון די רעגירונגען אין ענגלאַנד און פֿראַנק־רײַך מיט רוסלאַנד האָבן זיך כּמעט ווי איבערגעריסן. אין דעם ענין פוילן האָבן די דאָזיקע רעגירונגען נאָך אַלץ געזוכט זיך אָנצושפּאַרן אויף דער שטאַרקסטער פּאַרטיי, ד״ה אויף דמאָווסקין.

דעם 22טן אָקטאָבער 1917 האָט זיך אין דער לאָנדאָנער „טײַמז" באַוויזן אַ ידיעה, אַז ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך האָבן באַשלאָסן צו אָנערקענען דעם „פּ ו י ל י ש ן נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ק אָ מ י ט ע ט"[11], וואָס זײַן פֿירער איז געווען דמאָווסקי, פֿאַר דעם פֿאָרשטייער פֿונעם פּוילישן פֿאָלק. דער רושם אין די ייִדישע אויסלענדישע קרײַזן איז געווען אַ גוואַלדיקער, איבער הױפּט נאָך דעם, ווי מען האָט זיי געלאָזט וויסן פֿון רוסלאַנד, אַז די רוסישע רעגירונג האָט מען דערבײַ אַפֿילו ניט אָנגעפֿרעגט, הגם אָפֿיציעל האָט די גאַנצע פֿראַגע וועגן פוילן געזאָלט באַשלאָסן ווערן אויף דער רו־סישער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג אָנהייב 1918. אויף די אָנפֿראַגעס פֿון ייִדן און פּראָגרעסיווע פּאָליאַקן אין לאָנדאָן און פּאַריז האָט מען באַקומען אַ קורצן און שאַרפֿן ענטפֿער: מיר זײַנען רעאַליסטן און מוזן טאָן דאָס וואָס מיר האַלטן פֿאַר פּראַקטיש: פֿאַרבינדן זיך מיט דער שטאַרקסטער פוילישער פּאַרטיי. אָפֿיציעל איז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט אויסגעדריקט אין דעם קורצן ענטפֿער וואָס דער „ענגליש־ייִדישער קאָמיטעט" האָט באַקומען בתשובֿה אויף זײַן בריוו צום ענגלישן אויסערן־מיניסטעריום וועגן דעם ענין. אין זײַן בריוו (פֿון 31טן אָקטאָבער 1917) האָט דער ייִדישער קאָמיטעט אין לאָנדאָן אָנגעוויזן, אַז דמאָווסקי האָט שטענדיק געפֿירט אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק און אַז זײַן אָנערקענונג קען האָבן שלעכטע רעזולטאַטן פֿאַר די מי־ליאָנען ייִדן וואָס לעבן אין פוילן; עס ווערט אויסגעדריקט די האָפֿענונג, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט בײַ דער ערשטער געלעגנהייט אָנווײַזן דמאָוו־סקין, אַז זי איז קעגן זײַן שטעלונג צו דער ייִדן־פֿראַגע. אין קורצן ענטפֿער (פֿון 9טן נאָוועמבער) שרײַבט דאָס מיניסטעריום, אַז די ענגלישע רעגירונג וועט דעם אינהאַלט פֿונעם ייִדישן בריוו „האָבן אין זינען".

די פוילישע פּראָגרעסיסטן זײַנען אויך געווען ניט ווייניק אויפֿגערודערט פֿון דמאָווסקיס אָפֿיציעלער אָנערקענונג און האָבן אינטערווענירט אין די

[11] אין פויליש: Polski Komitet Narodowy.

ענגלישע רעגירונג־קרײַזן. אַן ענגלישער היכער באַאַמטער וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פֿאַר דמאָווסקין האָט בײַ דער געלעגנהייט געזאָגט צו איינעם פֿון די פּוילישע פּראָגרעסיסטן: „ווען איך וואָלט געווען אַ פּאָליאַק, וואָלט איך אויך געווען אַן אַנטיסעמיט"...[12] די פּוילישע פּראָגרעסיסטן האָבן פֿאַר־לאַנגט פֿון די ייִדישע פֿירער אין לאָנדאָן און פּאַריז, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַר־בינדן מיט דער קאָנפֿערענץ פֿון די פּראָגרעסיווע פּוילישע פּאַרטייען, וואָס האָט באַדאַרפֿט צונויפֿגערופֿן ווערן אין אַ נייטראַלן לאַנד. אָבער וויסנדיק די באַציִונג פֿון זייער רעגירונג צו די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן, האָבן די ענג־לישע ייִדן געענטפֿערט, אַז זיי מוזן זיך אָפּריִער בײַ איר אָנפֿרעגן; מען האָט די שאלה געפֿרעגט — און די תשובֿה איז געווען: „ניין".

נאָך איידער ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך האָבן באַשלאָסן צו אָנערקענען דמאָווסקין פֿאַרן פֿאַרשטייער פֿון פּוילישן פֿאָלק, האָט דמאָווסקי אַליין אין אַ געהיימען באַריכט וואָס ער האָט צוגעשיקט צו די פּוי־לישע פֿירערס אין וואַרשע, דעם 5טן מײַ 1917, באַריכות באַשריבן זײַנע באַציִונגען מיט די פֿאַרשטייער פֿון די רעגירונגען אין ענגלאַנד און פֿראַנק־רײַך.[13]

„אין די קומעדיקע שלום־פֿאַרהאַנדלונגען — שרײַבט ער אין דעם באַ־ריכט — וועלן די וויכטיקסטע ראָלע שפּילן די אַנגלאָסאַקסישע לענדער, דאָס מיינט ענגלאַנד און אַמעריקע. דעריבער האָבן די דאָזיקע לענדער די גרעסטע חשיבֿות אויך אין דער פֿאַרענטפֿערונג פֿון דער פּוילישער פֿראַגע. די ראָלע פֿון פֿראַנקרײַך און איטאַליע וועט זײַן אַ סך אַ קלענערע, און רוסלאַנד וועט האָבן גאָר אַ קנאַפּע דעה. דאָ האַלטן אַלע, אַז דאָס רוסלאַנד פֿון פּיאָטער דעם גרויסן און זײַנע יורשים איז פֿאַרשוווּנדן אויף אייביק, רוסלאַנד וועט זיך אומקערן צוריק צו דער אַלטער תּקופֿה פֿון איר געשיכטע — די מאָסקווער — בעת מאָסקווע איז געווען דער צענטער פֿון לאַנד. אַזאַ צוזאַמענשטעל פֿון די כּוחות אין אייראָפּע איז וויכטיק אויך פֿאַר פּוילן. די פֿראַגע פֿון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן אין די גרענעצן פֿון די פֿאַראייניקטע פּוילישע טעריטאָריעס איז פֿון דער אַנטאַנטע שוין באַשלאָסן. די מיינונג פֿון די אַנטאַנטע־מלוכות [ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך] איז, אַז אַ שטאַרק, פֿאַראייניקט און אומאָפּהענגיק פּוילן מיט אַ צוגאַנג צום ים וועט זײַן אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר פֿאַר אָפּהיטן דעם שלום אין אייראָפּע. די באַציִונג פֿון די דאָזיקע מלוכות צו דער פּוילישער פֿראַגע איז באַזירט ניט אויף פּרײַ־הייט־אידעאַלן פֿון [פּוילישן] פֿאָלק, אָדער אויפֿן אידעאַל פֿון רעכט פֿאַר

[12] דער לייענער וועט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס די נעמען ווערן דאָ פֿון אונדז ניט אָנגעגעבן.

[13] דעם דאָזיקן שטרענג קאָנפֿידענציעלן באַריכט האָט דמאָווסקי צוגעשיקט צום פּוילישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע, און דורך אַ מיטגליד פֿון קאָמיטעט האָט מען אַ קאָפּיע פֿון אים באַקומען אין לאָנדאָן, און אַזוי איז ער באַקאַנט געוואָרן אויך די לאָנדאָנער ייִדישע פֿירערס.

נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אויף עגאָיִסטישע אינטערעסן. דעריבער איז אומ־מיגלעך זיך פֿאָרצושטעלן, אַז מען וועט קענען שליסן אַ שלום און איבער־לאָזן די פּוילישע פֿראַגע ניט פֿאַרענטפֿערט. עס איז אוממיגלעך צו מאַכן פּרײַסן שוואַך אין דעם, אַז מען זאָל פֿון איר ניט אָפּרײַסן די פּוילישע פּראָ־ווינצן".

דמאָווסקי באַטראַכט ווײַטער דעם צושטאַנד פֿון דער פּוילישער פֿראַגע אין די אַנטאַנטע־לענדער און שטעלט זיך אָפּ דערהויפּט אויף ע נ ג ל אַ נ ד:

„עס זײַנען געווען דרײַ תּקופֿות אין דער באַציִונג פֿון ענגלאַנד צו דער פּוילישער פֿראַגע. אין אָנהייב פֿון דער מלחמה האָט מען דאָ וועגן פּוילן געשוויגן, ווײַל מען האָט די פֿראַגע בכלל ניט פֿאַרשטאַנען. דער מאַניפֿעסט פֿון ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט יאָ געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין ענגלאַנד, אָבער היות ווי מען האָט עס באַטראַכט פֿאַר אַן אינערווייניקסטער פֿראַגע פֿון רוסלאַנד, האָט מען זיך ניט געמישט און געשוויגן. נאָכן אַקט פֿון נאָוועמ־בער 1916[14] איז מען אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך געוואָרן אומרויִק — מען האָט געמיינט, אַז ס'וועלן זיך געפֿינען טויזנטער פּאָליאַקן וואָס וועלן צו־שטיין צו די דײַטשן און קעמפֿן פֿאַר זיי. נאָר היות ווי פּוילן איז פֿאָרמעל נאָך אַלץ געווען אַ רוסישע פּראָווינץ, האָט זיך די אומרויִקייט אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מען האָט געווירקט אויף דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל אויך אַרויסגעגעבן אַזאַ מאַניפֿעסט. די דריטע פֿאַזע איז געקומען מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען ס'איז געוואָרן פֿיל־ווינציק קלאָר, אַז אין רוסלאַנד וועט אַ לאַנגע צײַט געוועלטיקן אַנאַרכיע און אַז מען דאַרף רוסלאַנד אַרויסלאָזן פֿון אַלע ווײַטערדיקע חשבונות. ענגלאַנד וויל זײַן פֿאַרבונדן מיט פּוילן און וויל דע־ריבער פֿאַרענטפֿערן די פּוילישע פֿראַגע אויף אַ ווי מיגלעך ברייטערער באַזע. אָבער זי פֿאָדערט דערבײַ, אַז די פּוילישע פּאַרטייען זאָלן ניט אײַנשטעלן קיין פֿרײַנדלעכע באַציִונגען מיט דער דײַטשער רעגירונג. די דאָזיקע פֿאָדערונגען דריקן זיך אויס אין דרײַ פּונקטן:

1) אַז דער מענטשן־מאַטעריאַל פֿון פּוילן זאָל ניט אויסגענוצט ווערן מצד די צענטראַלע מלוכות [דײַטשלאַנד און עסטרײַך].

2) אַז עס זאָל דערווײַל ניט געשאַפֿן ווערן קיין פּוילישע מלוכה־אָרגאַ־ניזאַציע אויף דער טעריטאָריע וואָס די דײַטשן האָבן אָנגעמערקט אין אַקט פֿון 11טן מײַ 1916 פֿאַר דער קומעדיקער פּוילישער מדינה [די טעריטאָריע פֿון מלוכה־ראַט וואָס זאַלעסקי האָט רעפּרעזענטירט אין ענגלאַנד].

---

[14] ס'ווערט געמיינט דער מאַניפֿעסט פֿון דער דײַטשער מיליטער־מאַכט מיט הבֿטחות פֿאַר פּאָליאַקן בנוגע זייער צוקונפֿט; די דײַטשן האָבן יעמאָלט באַשאַפֿן דעם אויבן דערמאָנטן פּוילישן „דערווײַליקן מלוכה־ראַט" און געגעבן אים אויטאָנאָמיע. אין ענגלאַנד און פֿראַנק־רײַך האָט מען מורא געהאַט, אַז די דײַטשן וועלן נעמען רעקרוטירן פּוילישע זעלנער אין דער מלחמה קעגן רוסלאַנד.

3) אַז פוילן זאָל זיך ניט פאַרבינדן דיפּלאָמאַטיש מיטן שונא דורך אַ רעגענט וואָס די צענטראַלע מלוכות האָבן בדעה צו באַשטימען".

אַזוי אינסטרויִרט דמאָווסקי זײַנע פרײַנד אין פוילן וועגן דעם, ווי זיי דאַרפן פירן די פוילישע פּאָליטיק, אויב זיי ווילן, אַז ענגלאַנד זאָל זיי געבן די נייטיקע שטיצע, ווען די צײַט וועט קומען. וועגן דער א י נ ע ו ו י י ־ נ י ק ס ט ע ר אָרגאַניזאַציע פון קומעדיקן פוילן שרײַבט ער גאָר ניט, און דאָס איז אפשר טאַקע געווען צו פרי. אָבער וועגן ייִדן פאַרגעסט ער דאָך ניט:

„ייִדן — שרײַבט ער אין באַריכט — זײַנען זייער שעדלעך פאַר דער פאַרענטפערונג פון דער פוילישער פראַגע, און זייער שעדלעכקייט ווײַזט זיך אַרויס בעיקר אין די נייטראַלע לענדער און די לענדער פון דער אַנטאַנטע... לאָיד דזשאָרדזש וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין ענגלאַנד געפינט זיך אונטער דער השפּעה פון ייִדן און ליבעראַלן, און זײַן שטעלונג צו פוילן איז נאָך ניט קיין גאַנץ קלאָרע און פרײַנדלעכע".

דמאָווסקי שרײַבט ווײַטער, אַז אים איז געראָטן צו געווינען פאַר זיך די וויכטיקסטע באַאַמטע פון אויסערן־מיניסטעריום און אַז באַלפור אַליין (דער וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן די דעקלאַראַציע וועגן אַ ייִדישער היים אין ארץ־ישׂראל) האָט געפאָדערט פון דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל אָנערקענען די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן. „אין די פאַראייניקטע שטאַטן — שרײַבט ווײַ־טער דמאָווסקי — ווי אין אַלע אַנדערע לענדער שעדיקן ייִדן אונדזער אַר־בעט לטובֿת פוילן. צום גליק אָבער הייבט דאָרטן אָן צו וואַקסן אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג".

אין יענער צײַט האָט זיך אין לאָנדאָן אויסגעפורעמט אַן אָרגאַניזאַציע פון פוילישע ייִדן וואָס האָבן נאָך געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער אַלטער היים. די אָרגאַניזאַציע האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיך מיט די פּראָגרעסיווע פּוי־לישע קרײַזן און מיט זייער פאַרשטייער אין לאָנדאָן (זאַלעסקי). קיין פּאָ־ליטישע השפּעה האָט זי ניט געהאַט, אָבער זי האָט פאַררופן אַ רײי מאַסן־מיטינגען אין איסט־ענד, און דאָס האָט געמאַכט אַ רושם. צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן האָבן די לאָנדאָנער פוילישע ייִדן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וועגן צו־נויפרופן אַ ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פון פאַרשטייער פון ייִדן און פּראָג־רעסיווע פוילישע פּאַרטייען אין אַ נייטראַלן לאַנד, כּדי דאָרטן צונויפצורעדן זיך וועגן דער פּאָליטיק וואָס די פוילישע ייִדן דאַרפן פירן אין פוילן, ווען ס'וועט קומען די צײַט פון דער פוילישער גרינדונג־פאַרזאַמלונג און פון אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע. אַזאַ קאָנפערענץ וואָלט געקענט ווערן אומ־באַקוועם פאַר דער ענגלישער רעגירונג וואָס האָט זיך געהאַט פאַרבונדן מיט דמאָווסקין, און דעריבער האָבן די פירערס פון די ענגלישע ייִדן באַשלאָסן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זיך צו האַלטן אַן עצה מיט זייער רעגירונג. זיי האָבן איר צוגעשטעלט אַ פּרטימדיקן מעמאָראַנדום (דעם 26טן נאָוועמבער

1917) וועגן דעם קאַמף פֿון די פּאַרטייען אין פּוילן, וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם פֿון דמאָווסקין און זײַן פּאַרטיי און וועגן דער אוממיגלעכקייט פֿאַר ייִדן צונויפֿצורעדן זיך מיט אים; און זיי האָבן געבעטן, אַז די רעגירונג זאָל צושטימען צו אַזאַ קאָנפֿערענץ. דעם 19טן דעצעמבער האָט מען געלאָזט וויסן די ייִדישע פֿאָרשטייער, אַז די רעגירונג איז ק ע ג ן אַזאַ קאָנפֿערענץ מיט די פּוילישע פּראָגרעסיסטן; איז דער ענין בטל געוואָרן.

סוף דעצעמבער 1917 זײַנען אָנגעקומען ידיעות פֿון פּוילן, אַז לעדניצקי האָט פֿאַראייניקט אונטער זײַן פֿירערשאַפֿט פֿאַרשיידענע פּראָגרעסיווע גרופּעס אין פּוילן און אַז זיי האָבן אָנגענומען אַ פּלאַטפֿאָרם פֿון קולטורעלער אויטאָנאָמיע פֿאַר די נאַציאָנאַלע מיעוטים. די ייִדישע פֿירערס אין ענגלאַנד האָבן גלײַך וועגן דעם געמאָלדן אין אַ בריוו צום אויסערן־מיניסטעריום מיט אַ לענגערער דערקלערונג, וואָס ס׳מיינט אַזוינס קולטורעלע אויטאָנאָמיע.[15]

די צײַט צווישן סוף 1917 ביז זומער 1919 איז אפֿשר געווען די שווערסטע אין די באַציִונגען צווישן ייִדן און פּאָליאַקן אין פּוילן. צו יענעם מאָמענט איז שוין רוסלאַנד געווען אין גאַנצן אָפּגעפֿאַלן ווי אַ כּוח אין דער אינטערנאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטישער וועלט. דער באָלשעוויסטישער רעזשים האָט זיך אַליין באַזײַטיקט פֿון צו זאָגן אַ דעה אין די פּוילישע ענינים. פּאָליאַקן האָבן גענומען פֿאַרלאָזן סאָוועט־רוסלאַנד. אַ סך פּוילישע זעלנער וואָס האָבן דעזערטירט פֿון די רוסישע מיליטער־טיילן און זיך אומגעקערט מיט זייער געווער קיין פּוילן האָבן אַרומגעוואַנדערט איבערן לאַנד. זיי האָבן זיך צונויפֿגענומען און פֿאַרמירט אַן אַרמיי פֿון „אַקטיוויסטן". נאָך דעם בריסקער שלום צווישן רוסלאַנד און דײַטשלאַנד (מאַרץ 1918) האָבן אויך דײַטשע אַרמייטיילן אָנגעהויבן צו באַוועגן זיך איבער די פּוילישע פּראָווינצן און דורך דעם גופֿא אַרײַנגעבראַכט אַן אַנאַרכיע און אַ פּאַניק. די דײַטשע אַרמיי האָט עפּעס געהאַט אַ פֿאַרגעפֿיל, אַז דײַטשלאַנד האַלט בײַם פֿאַרלירן די מלחמה, עס איז געוואַקסן די דעמאָראַליזאַציע, און די דײַטשן האָבן גענומען רײַסן פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע. אַלץ וואָס מען האָט געקענט קאָנפֿיסקירן און צונעמען פֿלעגט מען אַריבערשיקן קיין דײַטשלאַנד, ווו עס האָט געהערשט הונגער. בײַם קלענסטן קעגנשטעל פֿלעגט מען שיסן און הענגען. אחוץ דעם האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די וועגן אַ סך רויִנירטע פּוילישע פּויערים, זיי האָבן געבלאָנדזשעט איבער די שטעטלעך, אָפֿט געשיכּורט, געראַבירט און געשלאָגן. עס זײַנען אויך געווען אין קאָנגרעס־פּוילן ניט ווייניק רוסישע דעזערטירן, אַנטלאָפֿענע רוסישע אָפֿיצירן; באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אויך ניט געפֿעלט. זיי אַלע האָבן

[15] די פֿראַגע פֿון קולטורעלער אויטאָנאָמיע איז אין אַפּריל 1917 גאַנץ באַריכות באַהאַנדלט געוואָרן פֿון לוסיען וואָלף אין אַן אַרטיקל אין דער Edinburgh Review וואָס איז ברייט פֿאַרשפּרייט געוואָרן; זע דעם ציטירטן אַרטיקל אין „היסטאָרישע שריפֿטן" ב׳ 2.

געקעמפּט איינער קעגן דעם אַנדערן. דער האַנדל אין לאַנד איז אין גאַנצן חרובֿ געוואָרן. די ייִדישע הילף־קאָמיטעטן אין אויסלאַנד האָבן געהאַט די גרעסטע שוועריקייטן בײַם שיקן געלט און עסנוואַרג צו ייִדן אין פּוילן, ווײַל סוף־כּל־סוף פֿלעגט דאָס געלט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די דײַטשן, אַזוי אַז די ענגלישע רעגירונג האָט געקוקט דערויף קרום און האָט אַפֿילו גע־שטערט, אַז די ייִדישע קאָמיטעטן אין לאָנדאָן זאָלן אַריבערשיקן געלט קיין פּוילן.

די באַציִונגען צווישן די פּאָליאַקן און די דײַטשן זײַנען געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגטע. אין בערלין האָט מען געהאַפֿט, אַז די פּוילישע פֿראַגע וועט פֿאַרענטפֿערט ווערן אין גאַנצן אויפֿן חשבון פֿון רוסלאַנד און אַז די עסטרײַכישע און פּרײַסישע טיילן פֿון פּוילן וועלן פֿאַרבלײַבן בײַ זיי. פֿון קאָנגרעס־פּוילן גופֿא האָבן די דײַטשן געוואָלט מאַכן אַ מלוכה פֿון עטלעכע נאַציאָנאַליטעטן, צווישן וועלכע די דײַטשע מינאָריטעט זאָל שפּילן די אָנ־זיכטיקסטע ראָלע, און צוליב דעם טעם זײַנען זיי געווען פֿאַרן פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. ייִדן פֿון זייער זײַט האָבן זיך ניט געקענט פֿאַר־לאָזן נאָר אויף יושר אינעם קומעדיקן פּוילן און האָבן דעריבער געפֿאָדערט גאַראַנטיעס אין דער פֿאָרם פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דאָס האָט געגעבן אַ סמך די פּוילישע פֿירערס צו באַשולדיקן די ייִדן, אַז זיי שטיצן די דײַטשן.

אין סעפּטעמבער 1917 האָט געאָרג גאָטהיין, אַ ייִדישער דעפּוטאַט פֿון רײַכסטאַג, פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל אין „בערלינער טאַגעבלאַט" וועגן דעם איבערבוי פֿון פּוילן. לויט זײַן פּלאַן האָבן ליטע, קורלאַנד און אַ טייל או־קראַיִנע באַדאַרפֿט אַרײַנגענומען ווערן אין דער פּוילישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, אַזוי אַז פּאָליאַקן וואָלטן אויסגעמאַכט ניט מער ווי אַ העלפֿט באַ־פֿעלקערונג. ער האָט ספּעציעל אונטערגעשטראָכן, אַז אין אַזאַ מלוכה וואָלט די צאָל ייִדן דערגאַנגען ביז 5 מיליאָן, דערבײַ ריידן זיי ייִדיש — דאָס מיינט „אַ דײַטשן דיאַלעקט" וואָס וועט מיט דער צײַט, אונטער דער השפּעה פֿון דער שול, ליטעראַטור און פּרעסע, זיך צונויפֿגיסן מיט דײַטש. די כּוונה פֿונעם מחבר איז געווען קלאָר: ייִדן דאַרפֿן זיך דערנענטערן צו די דײַטשן, און צוזאַמען וועלן זיי ווערן אַ שטאַרקער כּוח אינעם נײַעם פּוילן. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע מיינונג פֿון אַן עקסטרעם אַסימילירטן און הויך פּאַטריאָ־טישן דײַטשן ייִדן, פֿון דעסט וועגן איז אַזאַ אומטאַקטישער אַרטיקל געווען מסוגל צו פֿאַרשטאַרקן די שרעק פֿון די פּאָליאַקן פֿאַר אַ בונד צווישן דײַטשן און ייִדן, צו פֿאַרטיפֿן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען און נאָך מער צו פֿאַרגרעסערן די השפּעה פֿון דמאָווסקיס פּאַרטיי.

נאָך דעם ווי דער „ענגליש־ייִדישער קאָמיטעט" האָט באַקומען דעם אויבן דערמאָנטן קאָלטן ענטפֿער פֿון דער ענגלישער רעגירונג בנוגע דמאָווסקיס שטעלונג צו ייִדן, האָט ער די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ אַריבערגעשיקט, דעם

31טן אָקטאָבער 1917, צו ל ו י ס מ אַ ר ש אַ ל ן אין ניו־יאָרק, מיט אַ בקשה צו זען ווירקן דורך אַמעריקע אויף דמאָווסקין, אַז ער זאָל בײַטן זײַן שטעלונג אין דער ייִדן־פֿראַגע. דער „ענגליש־ייִדישער קאָמיטעט" האָט וועגן דעם אויך געשריבן קיין פּאַריז צום קאָמיטעט פֿון די פֿראַנצייזישע ייִדן[16] און געפֿאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך אויך ווענדן צו זייער רעגירונג מיט אַן אויפֿקלערונג וועגן דמאָווסקיס שטעלונג צו ייִדן און בעטן משפּיע זײַן אויף אים. דער פּאַריזער קאָמיטעט האָט זיך אַ פּנים ניט זייער געאײַלט און האָט זיך וועגן דעם געווענדט צו דער פֿראַנצייזישער רעגירונג ערשט סוף נאָוועמבער 1918, ד״ה מיט אַ גאַנצן יאָר שפּעטער, בעת די מלחמה האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט.

נאָך דער אָנערקענונג פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" זײַנען זײַנע פֿאָרשטייער אין פֿאַרשיידענע לענדער אויך אָנערקענט געוואָרן ווי אָפֿיציעלע אינסטאַנצן וואָס האָבן רעכט צו נעמען אונטער זייער שוץ פּוילישע בירגער. דער באַגריף „פּוילישער בירגער" איז נאָך געווען אַ נײַער. דאָס רעכט צו באַשטימען, ווער איז אַ פּוילישער בירגער און ווער ניט, האָט געהאַט אַ וויכטיקן פּראַקטישן באַטײַט פֿאַר טויזנטער ייִדן. אין ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך האָבן געלעבט זייער אַ סך ייִדן וואָס האָבן געשטאַמט פֿון די פּוילישע פּראָווינצן אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך; ווי „דײַטשן" און „עסטרײַכער" זײַנען זיי געווען אינטערנירט און באַגרענעצט אין זייערע רעכט. נאָך דער אָנערקענונג פֿון פּוילן האָבן זיי געקענט באַפֿרײַט ווערן, אויב זיי וואָלטן געקענט אויפֿווײַזן, אַז זיי זײַנען „פּאָליאַקן"; דערצו איז געווען נייטיק אַ סערטיפֿי־קאַט פֿונעם פֿאָרשטייער פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט", פֿון די נײַע פּוילישע קאָנסולאַטן — און די דאָזיקע קאָנסולאַטן פֿלעגן זיך געוויינטלעך אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן אַזעלכע סערטיפֿיקאַטן פֿאַר י י ד ן. אמת, דאָס רובֿ אַזעלכע ייִדן האָבן אַפֿילו ניט געקענט ריידן קיין פּויליש, זייער אַ סך פֿון זיי האָבן קיין שום דאָקומענטן ניט געהאַט, און אין עטלעכע פֿאַלן זײַנען אפֿשר די קאָנסולאַטן געווען גערעכט, אָבער זיי האָבן דיסקרימינירט אויך אַזעלכע ייִדן וואָס האָבן בפֿירוש געקענט דערווײַזן, אַז זיי שטאַמען פֿון פּוילן.

ביזן סוף 1918 איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער קאַמף קעגן אָט דער פּאָ־ליטיק פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט", ביז די ענגלישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך געמוזט אַרײַנמישן און גרינדן צו דעם צוועק אַ געמישטע קאָמיסיע. דאָס אייגענע איז פֿאָרגעקומען אויך אין פֿראַנקרײַך און אין אַנדערע לענדער. אין פּוילן גופֿא האָט דער ענדעקישער „נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" נאָך אַלץ אָנגעפֿירט זײַן פּראָפּאַגאַנדע און באַיקאָט קעגן ייִדן און דערמיט נאָך מער

[16] דער דאָזיקער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פֿון פֿאָרשטייער פֿון „אַליאַנס איזראַעליט" און פֿון דער קאָנסיסטאָריע און פֿון אָנגעזעענע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, ווי סילווען לעווי, עזשען סעי, מעיערסאָן, עדמאָנד ראָטשילד א״אַנד.

פֿאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע צערודערונג אין לאַנד. אין מײַן טעמע גייט ניט אַרײַן צו געבן אַ באַשרײַבונג פֿון די פויליש־ייִדישע באַציִונגען אין פּ ו י ל ן ג ו פּ א און פֿון דעם קאַמף וואָס די ייִדישע פּאַרטייען האָבן דאָרטן געפֿירט פֿאַר זייערע פֿאָדערונגען; דאָס איז אַ טעמע וואָס מוז באַזונדער באַהאַנדלט ווערן. מיך אינטערעסירט דאָ נאָר די פּאָליטישע אַקציע וואָס איז געפֿירט געוואָרן אין א ו י ס ל אַ נ ד, פֿון וועלכער איך בין געווען אַליין אַן עדות און צום טייל אַן אָנטיילנעמער.

דער קאַמף אין פּוילן צווישן דמאָווסקיס גרופּירונג און די פּראָגרעסיסטן האָט באַוויזן, אַז דמאָווסקי איז אַ סך שטאַרקער, איבער הויפּט נאָך איבער דעם וואָס ער איז אָנערקענט געוואָרן פֿון ענגלאַנד און פֿראַנקרײַך. אָבער דמאָווסקיס פֿאָרשטייער אין אויסלאַנד האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז נאָך דעם נצחון פֿון פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד און אַמעריקע איבער דײַטשלאַנד וועט מען זיך אין זיי ווײַט ניט אַזוי נייטיקן ווי פֿריִער און אַז גלײַך־באַרעכטיקונג וועט באַין ברירה מ ו ז ן ווערן דער מינימום פֿון זייער נאָכגיביקייט אין דער ייִדן־פֿראַגן. הן די פּוילישע דיפּלאָמאַטן און הן די ייִדישע פֿירערס פֿון ענגלאַנד האָבן דערפֿילט, אַז עס איז געקומען די צײַט, ווען מען מוז זיך לעצטגילטיק צונויפֿריידן וועגן דער פּויליש־ייִדישער פּאָליטיק.

IV

דעם 23טן יולי האָבן זיך לאָרד סוועיטלינג, איינער פֿון די השפּעה־דיקסטע און רײַכסטע ייִדן אין ענגלאַנד, און נאָך עטלעכע אַנדערע ענגליש־ייִדישע טוערס געטראָפֿן מיטן פּוילישן פֿאָרשטייער אין לאָנדאָן גראַף סאָבאַנסקי, כּדי צו באַטראַכטן די ייִדן־פֿראַגע אין פּוילן. לאָרד סוועיטלינג האָט אָנגעוויזן אויף דער פֿאַרשפּרייטער מיינונג, אַז דער פּוילישער קאָמיטעט איז אַנטיסעמיטיש געשטימט און זאָגט זיך אָפּ צו אָנערקענען די ייִדישע גלײַך־באַרעכטיקונג. „פּאָליאַקן — האָט ער מוסיף געווען — האָבן זיך אַליין געגוג אָנגעליטן רדיפֿות און וואָלטן באַדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז מען טאָר ניט רודפֿן אַנדערע פֿאַר זייער אמונה". גראַף סאָבאַנסקי, ווי אַן אמתער דיפּלאָמאַט, האָט דערויף געענטפֿערט, אַז דער פּוילישער קאָמיטעט וויל גאָר ניט, די וועלט זאָל האָבן דעם אײַנדרוק, אַז ער איז אַנטיסעמיטיש, און ער האָט שוין געגעבן אַ פֿאַרזיכערונג דעם פֿראַנצייזישן מיניסטער אַלבער טאָמאַ, אַז אַלע בירגער אין פּוילן, אומאָפּהענגיק פֿון זייער אָפּשטאַם, ראַסע אָדער גלויבן, וועלן זײַן גלײַך פֿאַרן געזעץ. פּאָליאַקן זײַנען אַליין אויסגעשטאַנען אַזוי פֿיל אונטערדריקונגען, אַז זיי ווילן כּלל ניט אונטערדריקן אַנדערע. אָבער דאָס איז אמת, אַז אַ סך פּאָליאַקן האָבן אַ שטאַרקע אַנטיפּאַטיע קעגן די ר ו ס י ש ע ייִדן וואָס זײַנען מחמת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אין משך פֿון די לעצטע 50 יאָר אָנגעלאָפֿן אין אַ גרויסער צאָל אין פּוילן, הגם דער קאָמיטעט גופֿא שטיצט ניט אַזאַ שטימונג. גראַף סאָבאַנסקי האָט פֿאַרזי־

כערט, אַז אין פוילן וועט מען ניט אָפטאָן מיט ייִדן דאָס וואָס מען האָט מיט זיי אָפגעטאָן אין רומעניע...

דעם 16טן אויגוסט האָט לאָרד סוועיטלינג באַקומען אַ בריוו פֿון פוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט“, אַז ער האָט „אויף זײַן זיצונג אין פאַריז דערקלערט, אַז אינעם קומעדיקן פוילן וועלן אַלע פוילישע בירגער אָן אונטערשייד פֿון אָפשטאַם און רעליגיע זײַן גלײַך פֿאַרן געזעץ“. דער בריוו איז געווען געחתמעט פֿון סטאַניסלאַוו מאָשטשיצקי. די ייִדישע טוערס, אָנגעלערנט פֿון דער ביטערער פראַקטיק, האָבן אָבער גלײַך דערשפירט פֿון דעם בריוו, אַז דער הויפטטראָפ אין דער פֿאָרמל („גלײַכהייט פֿון אַלע פוילישע בירגער“) ווערט געשטעלט אויף די ווערטער „פ ו י ל י ש ע ב י ר ג ע ר“. עס האָט זיך דעריבער געשטעלט פֿאַר זיי די פֿראַגע, ווי אַזוי זיך צו פֿאַרזיכערן, אַז אַ ל ע ייִדן אין פוילן זאָלן אָנערקענט ווערן פֿאַר „פוילישע בירגער“. די ייִדן־פאָליטיק אין רומעניע האָט קלאָר באַוויזן, אַז ס'איז מיגלעך אויסצוטײַטשן אַ געזעץ אַזוי, אַז ייִדן וואָס זײַנען געבוירן אין לאַנד און געהערן צו אים זאָלן באַטראַכט ווערן פֿאַר „פֿרעמדע“, פֿאַר אויסלענדער אָדער „מלוכהלאָזע“. געוויסע היסטאָרישע פרעצעדענטן פֿון אַזאַ באַגרענעצונג פֿאַר ייִדן זײַנען שוין געווען אין פוילן גופֿא. בעת מען האָט אין 1862 געגעבן ייִדן אין פוילן געוויסע גלײַכע רעכט מיט די אַנדערע בירגער, האָט מען אינעם אַרײַנפֿיר־זאַץ צום געזעץ אַרײַנגעשטעלט די ווערטער: „דערפֿאַר וואָס ייִדן ווערן צוגעלאָזט צו גלײַך־באַרעכטיקונג, מוזן זיי זיך אָפזאָגן פֿון זייער באַזונדער שפראַך“; ווײַטער, אין אַרטיקל 7, שטייט געשריבן: „נאָך דעם, ווי דער דאָזיקער אַקט פֿון עמאַנציפאַציע וועט פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן, וועט קיין שום דאָקומענט, קיין שום צוואה, קיין שום קאָנטראַקט אָדער גאַראַנטיע, שולד־פֿאַרפֿליכטונג, חשבון און קיין שום קאָמערציעלע ביכער אָדער בריוו ניט אָנערקענט ווערן פֿאַר גילטיק, אויב זיי וועלן זײַן געשריבן, אָדער אַפֿילו נאָר ג ע ח ת מ ע ט , אין ייִדיש אָדער העברעיִש“. דער רוסישער געזעץ אין פוילן נאָכן אויפֿשטאַנד פֿון 1863 האָט איגנאָרירט די דאָזיקע שפראַך־באַגרענעצונג, אָבער ער האָט זי ניט אָפגעשאַפֿט, און די באַגרענעצונג איז יורידיש פֿאַרבליבן און האָט געקענט דינען פֿאַר אַ שלעכטן פרעצעדענט. און אויב די פאָליאַקן וואָלטן איצט אויסגענוצט דעם דאָזיקן אַקט פֿון 1862, וואָלטן 96 פראָצענט ייִדן אין פוילן וואָס רײדן און שרײַבן ייִדיש ניט אָנערקענט געוואָרן פֿאַר פוילישע בירגער. אַז די פאָליאַקן האָבן דעם דאָזיקן אַלטן געזעץ ניט פֿאַרגעסן און האָבן געהאַט בדעה אים אויסצונוצן בײַ אַ געלעגנהייט, באַווײַזט דער ווײַטערדיקער פֿאַקט: סוף 1916 האָט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט באַהאַנדלט די פֿראַגע וועגן אָרגאַניזירן אַ נעץ ייִדישע שולן, און די פֿראַגע איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ יורידישער קאָמיסיע. דעם 4טן דעצעמבער 1916 האָט די קאָמיסיע אָפגעגעבן אַ באַריכט, אַז דער אַקט פֿון 1862 איז ניט בטל געוואָרן און דעריבער טאָר מען ניט באַנוצן ייִדיש

אין די ייִדישע שולן.[17] נאָך פֿריִער, באַלד נאָכן דײַטשן מאַניפֿעסט פֿון נאָ־װעמבער 1916 (זע אויבן), האָט די פּוילישע קאָמיסיע װאָס האָט צוגעגרייט דעם פּראָיעקט פֿון די װאַלן פֿאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז װאַלרעכט זאָלן באַ־קומען נאָר די, װאָס ריידן און שרײַבן פּ ו י ל י ש, אָבער דערויף האָבן ניט מסכּים געװען די דײַטשן, װײַל זיי האָבן ניט געװאָלט צו פֿיל פֿאַר־שטאַרקן דעם פּוילישן עלעמענט.

צו די ייִדישע פֿירערס אין ענגלאַנד זײַנען דערגאַנגען ידיעות װעגן דעם קאַמף װאָס װערט געפֿירט אין פּױלן בנוגע דער שפּראַכן־פֿראַגע, און הגם זיי אַליין האָבן זיך באַצויגן קעגנעריש צו ייִדיש, האָבן זיי פֿון דעסט װעגן פֿאַרשטאַנען, אַז די גזרה אויף ייִדיש װעט אין פּוילן װערן אַ געצײַג פֿון אַנטי־ייִדישער פּאָליטיק בכלל. מחמת דעם טעם האָט דער „ענגליש־ייִדי־שער קאָמיטעט" באַשלאָסן, אַז די פֿאָרמל פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" װעגן „גלײַכע רעכט פֿאַר פּ ו י ל י ש ע בירגער" איז ניט קלאָר און ניט גענוג, און אויב עס װערן אָנערקענט די שפּראַכן פֿון אַנדערע מינאָ־ריטעטן, מוז מען פֿאָדערן, אַז אויך ייִדיש זאָל האָבן די רעכט פֿון אַ לע־גאַלער, אָנערקענטער שפּראַך.

װי מיר האָבן אויבן געזען, זײַנען די אַלע געדאַנקען אויסגעדריקט גע־װאָרן גאַנץ קלאָר אין די אונטערהאַנדלונגען מיט זאַלעסקין, דעם פֿאַרשטייער פֿון דער פּראָגרעסיװער קאָנצענטראַציע. און װעגן די זעלביקע פּונקטן האָט מען איצטער באַשלאָסן צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען מיטן פּוילישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, הײַנו אַז:

1) אַלע ייִדן װאָס זײַנען געבוירן געװאָרן אין פּוילן, אָדער רוסישע ייִדן װאָס לעבן שטענדיק אין פּוילן און װאָס װילן ניט פֿאַרבלײַבן קיין רו־סישע בירגער, דאַרפֿן אָנערקענט װערן פֿאַר „פּוילישע בירגער" צו גלײַך מיט אַלעמען.

2) די שפּראַך־באַגרענעצונגען פֿונעם אַקט פֿון 1862 דאַרפֿן אָפּגעשאַפֿט װערן.

3) ייִדן זאָל פֿאַרזיכערט װערן אַן אויטאָנאָמע פֿאַרװאַלטונג אין די ענינים פֿון זייערע רעליגיעזע, דערציִערישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און צדקה־אָרגאַניזאַציעס.

4) דאָרט װוּ ייִדן לעבן אין גרויסע מאַסן דאַרף דערלויבט װערן יענע ייִדן װאָס װילן אָפּהיטן שבת צו אַרבעטן אָדער האַנדלען אום זונטיק.

---

[17] זע: Еврейская жизнь (רוסיש־ייִדיש װאָכנבלאַט אין פּעטערבורג) פֿון 8טן יאַ־נואַר 1917. פֿאַר אַן אילוסטראַציע פֿון דער פּוילישער באַציִונג צו דער ייִדן־פֿראַגע קען אויך דינען דער אַרטיקל פֿון Tygodnik Polski -- דעם לאָנדאָנער אָרגאַן פֿון פּוי־לישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט: אַז ייִדן דאַרף מען געבן גלײַך־באַרעכטיקונג נאָר בתּנאַי, אַז זיי װעלן זיך אין גאַנצן אַסימילירן מיט די פּאָליאַקן.

5) אנטלאָפענע פוילישע ייִדן וואָס האָבן שטענדיק געלעבט אין פוילן נאָך פון פאַר דער מלחמה דאַרף דערלויבט ווערן צו קומען צוריק אין לאַנד.

די אַקציע אין אַמעריקע לטובֿת די פוילישע ייִדן האָט געפירט ל ו י מ אַ ר ש אַ ל . ער איז געווען דער וואָס האָט צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל וועגן דער פוילישער פראַגע בכלל פאַרן פּרעזידענט ווילסאָן און זײַנע מי־ניסטאָרן און ער האָט אויך צוגעשטעלט אַ באַריכותדיקן מעמאָראַנדום וועגן דער פויליש־ייִדישער פראַגע. איידער ער האָט דערלאַנגט דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום, האָט ער געמאַכט אַ פּרוּוו זיך צונויפצורעדן מיט דמאָווסקין וועלכער איז גראָד יעמאָלט געווען אין ניו־יאָרק. אָבער נאָך פאַר דעם האָט מאַרשאַל געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט פאַדערעווסקין וואָס האָט רעפּרעזענ־טירט אין אַמעריקע דעם פוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט". פאַדערעווסקי האָט באַקומען פון פּאַריז די אויבן דערמאָנטע פוילישע דעקלאַראַציע וועגן די רעכט פון „פוילישע בירגער" און זי האָט איבערגעשיקט צו מאַרשאַלן (23טן סעפּטעמבער 1918). מאַרשאַל האָט תיכף צונויפגערופן אַ זיצונג פון דעם „אַמעריקען דזשויִש קאָמיטי" וועלכער האָט באַטראַכט די דעקלאַראַציע און איז געקומען צום זעלביקן אויספיר וואָס די לאַנדאָנער ייִדישע פירערס. שוין דעם 24טן סעפּטעמבער האָט מאַרשאַל מיטגעטיילט פאַדערעווסקין דעם דאָ־זיקן באַשלוס און פאָרלאַנגט, אַז די ייִדישע און פוילישע פאָרשטייער זאָלן זיך טרעפן און צוזאַמען באַהאַנדלען די פאָרמל „פוילישע בירגער". דעם 6טן אָקטאָבער 1918 איז פאָרגעקומען די דערמאָנטע באַגעגעניש צ ו ו י ש ן ד מ אָ ו ו ס ק י ן און ל ו י מ אַ ר ש אַ ל ן .

מאַרשאַל האָט איבערגעלאָזט אַ גענויע באַשרײַבונג פונעם דאָזיקן לאַנגן און ביז גאָר אינטערעסאַנטן שמועס. מיר נעמען אַרויס פון איר די וויכטיק־סטע שטעלן.[18]

דמאָווסקי האָט באַגעגנט מאַרשאַלן זייער פרײַנדלעך און געזאָגט, אַז ער וועט ריידן מיט אים אָפן וועגן דער באַציִונג פון פּאָליאַקן צו ייִדן. „מײַן פאָטער — האָט ער געזאָגט — האָט שטענדיק געהאַט געשעפטן מיט ייִדן און האָט צווישן זיי געהאַט זייער פיל פרײַנד. איך אַליין האָב זיך אויך באַצויגן צו זיי פרײַנדלעך. איך בין לויט מײַן פאַך אַ ביאָלאָג און האָב אין מײַנע יונגע יאָרן ניט געקלערט, אַז ס'וועט מיר אויסקומען צו פאַר־נעמען זיך מיט פּאָליטיק. הונדערטער יאָרן לאַנג איז אין פוילן קיין אַנטי־

[18] אַ גענויער באַריכט פון דעם שמועס איז אָפּגעדרוקט אין דער הוספה צום בוך:
Evidence of Pogroms in Poland and Ukrainia. Documents, Accounts of Eye-witnesses, Proceeding in Polish Parliament, etc. New York.
(יאָר ניט אָנגעגעבן, מסתמא 1920 אָדער 1921). דעם דאָזיקן שמועס האָט לויִ מאַרשאַל צוגעשטעלט אין אַ ספּעציעלן מעמאָראַנדום צום פּרעזידענט ווילסאָן אין נאָוועמבער 1918 און שפּעטער נאָך אַ מאָל אין מאַרץ 1919. — ר ע ד אַ ק צ י ע.

סעמיטיזם ניט געווען, און ווען ניט רוסלאַנד, וואָלט קיין אַנטיסעמיטיזם אין פוילן מן הסתם אויך איצטער ניט געווען... איך בין אָבער געוואָרן אַ שונא פון יידן און דער פירער פון אַ פּאַרטיי וואָס באַקעמפט זיי און וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט קעגן זיי. איך ווייס, ווי איר קוקט אויף מײַן טעטיקייט, און דעריבער וויל איך דערקלערן, פ א ר ו ו א ס דאָס איז אַזוי געוואָרן. אַרום 1908 איז קיין פוילן אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל ליטווישע יידן. הגם זיי זײַנען אַריבערגעפאָרן פון רוסלאַנד איבער די רדיפות פון דער רוסישער רעגירונג, האָבן זיי זיך אָבער אויפגעפירט בײַ אונדז ווי רוסן, זיי האָבן דעמאָנסטראַטיוו גערעדט רוסיש, האָבן פּראָפּאַגאַנ־דירט, אַז יידן דאַרפן גיין נאָר צו יידישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, און פּאַקטיש האָבן עס יידן אָנגעהויבן דעם באָיקאָט קעגן די פּאָליאַקן. וועגן דעם וואָס איז פאָרגעקומען מיט די וואַלן אין דער רוסישער דומע אין 1912 ווייסט איר אַליין...[19] ס'זײַנען דאָ אויך אַנדערע טעמים, פאַר וואָס מיר זײַ־נען קעגן יידן: פוילן איז אַן אָרעם לאַנד, און מיר קענען זיך ניט באַנו־גענען נאָר מיט ערדאַרבעט און שוואַרצער אַרבעט; מיר ווילן שאַפן אונ־דזער אייגענעם האַנדלקלאַס, און דאָס קענען די יידן ניט צוזען. די קעגנ־זײַטיקע קאָנקורענץ האָט געמוזט ווערן אַ ביטערע, ווײַל אי פּאָליאַקן אי יידן זײַנען אָרעם — יידן אפשר נאָך אָרעמער איידער פּאָליאַקן. אָבער דאָס איז אַ קאַמף פאַר עקסיסטענץ, און דער קאַמף מוז געפירט ווערן... אונדז רייצט אויך אויף, וואָס די יידן האַלטן זיך פאַר זייער יידישער שפּראַך און וואָס אַ סך פון זיי האָבן אויפגעהערט צו זײַן פּוילישע פּאַטריאָטן קלערנ־דיק, אַז פוילן איז שוין טויט אויף אייביק. אין פּויזן האָבן יידן ניט נאָר ניט געלערנט און ניט גערעדט פּויליש, זיי האָבן אַפילו אויפגעגעבן יידיש און זײַנען אַריבער צו דײַטש, און ווו נאָר זיי האָבן געהאַט די מיגלעכקייט און די מאַכט, האָבן זיי איבערגעביטן די פּוילישע נעמען פון די שטאָטגאַסן אויף דײַטשע. דאָס אַלץ האָט אונדז געמאַכט פאַר שונאים און מיר האָבן באַ־שלאָסן אײַנצופירן דעם באָיקאָט וואָס דויערט נאָך ביז הײַנט... איבער הויפּט זײַנען מיר ק ע ג ן י י ד י ש , ווײַל יידיש איז ענג פאַרבונדן מיט דײַטש, און די נאַטירלעכע טענדענץ אין דער אַנטוויקלונג פון יידיש וועט זײַן, אַז עס וועט זיך דערנענטערן צו דײַטש און יידן אַליין וועלן פאַרדײַטשט ווערן. אויב עס זאָל פאָרקומען אַ קאָנפליקט צווישן פוילן און דײַטשלאַנד, וועלן די פאַרדײַטשטע יידן זײַן אויפן צד פון די דײַטשן... איך קען גאַנץ גוט פאַרשטיין, אַז דער באָיקאָט איז אַ ווילדע זאַך, אָבער אויב איך זאָל טאָן, וואָס איר פאַרלאַנגט, און הייסן מײַן פּאַרטיי אָפּשטעלן דעם באָיקאָט, וועט מען מיך ניט פאָלגן, ווײַל מען וועט זאָגן, אַז איך האָב

[19] געמיינט די וואַלן אין דער פערטער דומע אין 1912, בעת דער פּוילישער סאָציאַליסט יאַגעלאָ איז דורכגעגאַנגען מיט יידישע שטימען פאַר אַ דעפּוטאַט פון וואַרשע.

זיך פֿאַרקויפֿט... דער עיקר איז אָבער, וואָס פּוילן איז זייער אָרעם, און אויב ייִדן וואָלטן געהאָלפֿן פּוילן צו ווערן אַ גרויסע מדינה וואָס זאָל אַרומנעמען ניט בלויז רוסיש פּוילן, נאָר אויך גאַליציע, פּויזן, דאַנציג און אויך נאָך אַנדערע, וואָלט פּוילן באַקומען די מיגלעכקייט זיך אַזוי צו אַנטוויקלען, אַז עס וואָלט געווען גענוג פּלאַץ און עקאָנאָמישע מיגלעכקייטן אויך פֿאַר ייִדן". בײַם סוף פֿון דעם שמועס האָט דמאָווסקי אויסגעדריקט דעם ווונטש צו טרעפֿן זיך נאָך אַ מאָל, כּדי קאָנקרעטער צו באַהאַנדלען די מיטלען, ווי אַזוי אײַנצושטעלן מער פֿרײַנדלעכע באַציִונגען צווישן פּאָליאַקן און ייִדן אין פּוילן.

נאָך מאַרשאַלס באַגעגעניש מיט דמאָווסקין האָט דער „אַמעריקען דזשויִש קאָמיטי" באַשטימט אַ דעלעגאַציע, אין צוזאַמענשטעל פֿון לוי מאַרשאַל, אָסקאַר סטראַוס און סײַרוס אַדלער, וואָס האָט באַזוכט פּרעזידענט ווילסאָנען און אים פֿאָרגעלייגט דעם מעמאָראַנדום וועגן דער פּויליש־ייִדישער פֿראַגע וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט.

אין פּוילן גופֿא איז די צערודערונג געוואַקסן, און די באַציִונגען צווישן דעם פּוילישן מלוכה־ראַט און די דײַטשן זײַנען געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטרענגט. אין אָקטאָבער 1918, בעת מען האָט שוין די דײַטשן גענומען טרײַבן פֿון פֿראַנקרײַך און בעלגיע, בעת עסטרײַך האָט שוין געהאַלטן בײַם אײַנגעבראָכן ווערן און דײַטשלאַנד איז געשטאַנען ערבֿ אַ רעוואָלוציע, האָבן די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן אויפֿגעלעבט און אָנגעהויבן זיך אָרגאַניזירן; אויך די פּוילישע מיליטער־טיילן האָבן זיך גענומען פֿאַראייניקן און זײַנען געוואָרן מער דיסציפּלינירט. עס האָט זיך געשאַפֿן אַ בלאָק פֿון דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. זייערע פּאָליטישע פֿירערס זײַנען נאָך אַלץ געזעסן אין זשעגעוו, ווו זיי האָבן אַרויסגעגעבן די צײַטונג L'Echo de Varsovie [20]. צווישן די מיליטערישע רעוואָלוציאָנערע קרײַזן האָט שוין פֿון לאַנג פֿאַרנומען דעם חשובֿסטן אָרט פֿון דעם קעמפֿער פֿאַר פּוילנס באַפֿרײַונג יוזעף פּילסודסקי.

די ראָלע פֿון פּילסודסקין וואָס איז געוואָרן דער הויפּט פֿון דער נײַער פּוילישער מלוכה איז גענוג באַוווּסט. אויך אונטער זײַן אָנפֿירונג איז דאָס לאַנד נאָך יעמאָלט געווען ווײַט פֿון געזעצלעכקייט און אָרדענונג. דער באַיקאָט איז אָנגעגאַנגען ווי פֿריִער, און אין אַ ריי ערטער זײַנען אַפֿילו פֿאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף ייִדן מיט דער באַטייליקונג פֿון דער ערשט געשאַפֿענער פּוילישער אַרמיי. וואָס איז נוגע א ו י ס ל אַ נ ד, זײַנען די אָפֿיציעלע פֿאָרשטייער פֿון פּוילן נאָך אַלץ געווען די עמיסאַרן פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט". די ייִדישע דיפּלאָמאַטן האָבן נאָך געפֿירט די אונ־

[20] אין L'Echo de Varsovie (זשענעווע) פֿון 5טן דעצעמבער 1918 זײַנען אָפּגעדרוקט די מאַניפֿעסטן פֿון פּילסודסקי און פֿון דער נײַער רעגירונג; ספּעציעל וועגן ייִדן ווערט אין מאַניפֿעסט גאָרניט דערמאָנט..

טערהאַנדלונגען מיט זיי, אָבער די גאַנצע האָפֿענונג איז געווען, אַז די פֿראַגע וועט געלייזט ווערן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן אופֿן און אַז נאָר אויף דעם וועג וועט מען אויך קענען אָפּשטעלן די פּאָגראָמען און דעם באָיקאָט אין פּוילן.

פּילסודסקי האָט זיך מיט די „ענדעקעס" פֿון דמאָווסקיס חדר וויניק וואָס גערעכנט און האָט זיי, ווי באַוווּסט, אין זײַן רעגירונג ניט אַרײַנגענומען. די „ענדעקעס" וואָס זײַנען געווען מלא כּעס האָבן געהאַלטן, אַז דער בעסטער מיטל צו שטערן פּילסודסקיס פּאָליטיק איז ווײַטער פֿירן — און אויב מיגלעך אַפֿילו פֿאַרשטאַרקן — די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע. אינעם אַלגעמיינעם טומל איז דאָס אויך ניט געווען אַזוי שווער. פֿון מיטן נאָוועמבער (1918) אָן האָבן זיך די אומאָרדענונגען בכלל און די פּאָגראָמען אויף ייִדן בפּרט פֿאַרשטאַרקט. די ידיעות וואָס זײַנען אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, פּאַריז און ניו־יאָרק האָבן עדות געזאָגט, אַז שולדיק אין דעם זײַנען בעיקר די „ענדעקעס".

דעם 30טן נאָוועמבער 1918 האָט דער „באָרד אָוו דעפּיוטיס" אין לאָנ־דאָן[21] באַקומען אַ טעלעגראַם פֿונעם „ייִדישן קאָרעספּאָנדענץ־ביוראָ", אין קאָ־פּענהאַגן: „דער ייִדישער נאַציאָנאַל־ראַט פֿון ווין ווערט אינפֿאָרמירט פֿון קראָקע, אַז אויב די מיליטער־מאַכט וועט זיך ניט אַרײַנמישן, וועט די גאַנצע ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן אויסגעראָטן ווערן. די פּוילישע לעגיאָנערן און סטודענטן ראַבעווען און הרגענען אָפּנעמענדיק אַפֿרײַער דאָס געווער בײַ דער ייִדישער זעלבסטשוץ". דעם 22טן נאָוועמבער (1918) איז, ווי באַוווּסט, פֿאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם אין לעמבערג. די אינטערווענצן בײַ דער פּוילישער מאַכט האָבן ניט געהאָלפֿן. קיין לאָנדאָן איז אָנגעקומען אַ וויי־געשריי: „העלפֿט, טוט וואָס איר קענט, כּדי אָפּצושטעלן די הריגות. מיר האָפֿן אויף דער הילף פֿון ענגלאַנד. די פּוילישע באַשולדיקונגען, אַז ייִדן זײַנען אַנטיפּאַטריאָטיש, זײַנען פֿאַלש".

דעם 30טן נאָוועמבער האָט דער פּוילישער פֿאָרשטייער אין לאָנדאָן גראַף סאָבאַנסקי, אומקערנדיק זיך פֿון פּאַריז נאָך אַ באַראַטונג פֿון פּוילישן „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט", זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו לאָרד סוועיטלינג, וואָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די שטימונגען פֿון די יעמאָלטיקע ענדעקישע פֿירערס:

---

21 Board of Deputies of the British Jews — די פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון ענג־לישע ייִדן, אָרגאַניזירט אין דער פֿאָרם פֿון דעפּוטאַטן פֿון די ייִדישע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפֿטן אין ענגלאַנד און די דאָמיניעס, וואָס זאָרגט וועגן ייִדישע ענינים, הן אינע־ווייניקסטע, אַזוי אויך אויסווייניקסטע; אַ מין ייִדישער „פּאַרלאַמענט". דער „באָרד" איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1760 און איז זינט יעמאָלט אָפֿיציעל אָנערקענט פֿון דער ברי־טישער רעגירונג. איצט באַשטייט ער פֿון 330 מיטגלידער, אין די יאָרן 1914־1918 האָט ער געהאַט נאָר 160 מיטגלידער.

„איך האָב אין פּאַריז אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿאַר מײַנע קאָלעגן פֿון פּױלישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט וועגן אונדזער שמועס מיט אײַך, און ה׳ דמאָווסקי, דער פּרעזידענט פֿון קאָמיטעט, האָט איבערגעגעבן וועגן זײַנע שמועסן מיט אָנגעזעענע איזראַעליטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָבן אַלע מסכּים געווען, אַז עס דאַרף געפֿונען ווערן אַ מיטל פֿאַר אַ פֿאַרשטענדיקונג וועגן דער לאַגע פֿון די מיטגלידער פֿון אײַער רעליגיע אויף אַ באַזיס פֿון רעליגיעזער טאָלעראַנץ און גלײַכהייט פֿון אַלע פּױלישע בירגער. דאָס איז פֿון שטענדיק אָן געווען די פּױלישע טראַדיציע, ניט געקוקט אויף געוויסע באַשולדיקונגען. צוליב דעם צוועק האַלט איך פֿאַר געווונטשן, עס זאָל צונויפֿגערופֿן ווערן אַ קאָנפֿערענץ, אויף וועלכער די אַלע פֿראַגעס זאָלן באַטראַכט ווערן. אָבער בכדי אַזאַ קאָנפֿערענץ זאָל ברענגען דעם רעזולטאַט, אויף וועלכן מען ריכט זיך, איז ניט גענוג צו קומען נאָר מיט אַ גוטן ווילן פֿון אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג. איך וויל אײַך אָפֿן זאָגן, אַז די קאַמפּאַניע וואָס ווערט איצטער געפֿירט אין דער פּרעסע קעגן אונדז וועט נאָר שווערער מאַכן אַזאַ פֿאַרשטענדיקונג. עס זײַנען פֿאַראַן באַווײַזן — און איך האָב וועגן דעם גאַנץ זיכערע ידיעות — אַז די אַלאַרמירנדיקע באַריכטן וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך דער וואָלף־אַגענטור און די פּרעסע־ביוראָען אין סטאָקהאָלם און בערן וועגן פּאָגראָמען אין פּױלן זײַנען פֿאַלש. און אויב עס זײַנען יאָ פֿאָרגעקומען אומאָרדענונגען, זײַנען זיי אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון די עסטרײַכישע און דײַטשע דעזערטירן, און פֿון די דאָזיקע אומאָרדענונגען האָבן געליטן ניט בלויז ייִדן, נאָר אויך קריסטן, און ניט בלויז אין גאַליציע, נאָר אויך אין אונגערן און בייִמען. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די פּרעסע־אַגענטורן דערציילן נאָר וועגן אומאָרדענונגען קעגן ייִדן און דערמאָנען ניט וועגן די הריגות אויף פּאָליאַקן. אַזוי זײַנען אין לעמבערג אויסגעהרגעט געוואָרן הונדערטער מענטשן דורך די אוקראַיִנישע סאָלדאַטן און די שטאָט איז באָמבאַרדירט געוואָרן מיט האַרמאַטן וואָס די אוקראַיִנער האָבן אויסגעליִען פֿון די דײַטשן. אין ליטע און ווײַסרוסלאַנד הרגענען אוים די באָלשעוויקעס די גאַנצע פּױלישע באַפֿעלקערונג. די באָלשעוויסטישע אַגיטאַציע וואָס איז איצטער אַזוי אינטענסיוו אין פּױלן ווערט שטאַרק געשטיצט און פֿאַרלײַכטערט אַ דאַנק דער איזראַעליטישער באַפֿעלקערונג, און מיר האָבן באַווײַזן דערפֿאַר, אַז די דאָזיקע אַגיטאַציע ווערט אויך געשטיצט פֿון בערלין. איך האָף, אַז איר וועט פֿאַרשטיין, אַז די אַגיטאַציע וואָס ווערט אָנגעפֿירט נאָר לטובֿת אײַערע מיטגלייביקע האָט אַרויסגערופֿן אין געוויסע פּױלישע קרײַזן אַ פֿאַרשטענדלעכן כּעס, ווײַל עס דערוועקט דעם חשד, אַז פֿאַרן אָנהייב פֿון דער שלום-קאָנפֿערענץ ווילן געוויסע קרײַזן שאַפֿן מאַטעריאַל פֿאַר אַ באַשולדיקונג קעגן פּױלן און קעגן פּאָליאַקן. איך שרײַב וועגן דעם אַזוי באַריכות, ווײַל איך בין זיכער, אַז איר זײַט קעגן אַזאַ מין פּראָפּאַגאַנדע, און אויב איר

וויאָלט געהאַט דעם ווילן, וואָלט איר, מיט אײַער גרויסער השפּעה, די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע געקענט אָפּשטעלן.

איך וואָלט וועלן הערן פֿון אײַך, וואָס איר קלערט וועגן דעם דאָזיקן ענין". געחתמעט: סאָבאַנסקי.

דעם 2טן דעצעמבער 1918 האָט הערבערט סעמיועל, אַ מיטגליד פֿונעם ענגלישן פּאַרלאַמענט, באַקומען אַ באַריכותדיקע טעלעגראַם מיט אַ באַשרײַבונג פֿון פּאָגראָמען אין אַ ריי שטעט אין פּוילן און איבער הויפּט פֿון דעם פּאָגראָם אין לעמבערג; אין דער טעלעגראַם איז געווען אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע ידיעות זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן פֿון דעם באַקאַנטן ציוניסטישן פֿירער וואַרבורג און אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿון האָלאַנד האָט זיך וועגן דעם געווענדט צום האָלענדישן אויסערן־מיניסטעריום און געפֿאָדערט עפֿנטלעך צו פּראָטעסטירן קעגן די פֿאַרברעכנס, אַז די פֿראַגע פֿון די פּוילישע פּאָגראָמען איז שוין אויפֿגעהויבן געוואָרן אין האָלענדישן פּאַרלאַמענט, אַז דער אַמסטערדאַמער „האַנדלסבלאַד" פֿאָדערט אַפֿילו, די אַנטאַנטע־מלוכות זאָלן זיך מיליטעריש אַרײַנמישן, און אַז די פּוילישע רעגירונג באַציט זיך פּאַסיוו צו די דאָזיקע געשעענישן. דעם 4טן און 5טן דעצעמבער האָט דער „דזשויש קראָניקל" אין לאָנדאָן באַקומען ענלעכע טעלעגראַמען פֿון קאָפּענהאַגן פֿון דעם ציוניסטישן ביוראָ.

די אַלע טעלעגראַמען זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן צו די אָפֿיציעלע פֿירערס פֿונעם ענגלישן יידנטום, און צו יענער צײַט, ווען לאָרד סוועיטלינג האָט געוואָלט ענטפֿערן אויפֿן בריוו פֿון גראַף סאָבאַנסקי, איז ער שוין געווען וועגן זיי אינפֿאָרמירט. אַגבֿ זײַנען די אַלע ידיעות וועגן פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן אויך באַשטעטיקט געוואָרן פֿון די אָ פֿ י צ י ע ל ע ענגלישע און פֿראַנצייזישע מקורים. דעם 25טן דעצעמבער 1918 האָט לאָרד סוועיטלינג געענטפֿערט גראַף סאָבאַנסקין מיט אַזאַ בריוו:

„איך האָב באַטראַכט אײַער בריוו פֿון 30טן נאָוועמבער אין אײנעם מיט די מיטגלידער פֿון אונדזער קאָמיטעט, ווי אויך דעם פֿאָרשלאָג צו רופֿן אַ קאָנפֿערענץ צו באַהאַנדלען די יידן־פֿראַגע אין פּוילן. מיר וואָלטן זייער וועלן, אַז אַזאַ קאָנפֿערענץ זאָל צו שטאַנד קומען. אָבער בײַ די איצטיקע אומשטאַנדן איז אַזאַ מיטאַרבעט צווישן אונדז א ו מ מ י ג ל ע ך, סײַדן דער פּוילישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט זאָל אָפּשטעלן דעם באָיקאָט אין פּוילן, זאָל זיך עפֿנטלעך אַרויסזאָגן קעגן די פּאָגראָמען און אַרויסלאָזן אַן אויפֿרוף צו דער פּוילישער באַפֿעלקערונג און פֿאָדערן פֿון איר אײַנצושטעלן פֿרײַנדלעכע באַציִונגען מיט יידן — די אײַנוווינער פֿון זייער שותּפֿותדיקן פֿאָטערלאַנד. דאָס וואָס איר מיינט, אַז יידן פֿירן אַ העצע קעגן פּוילן, איז אַ טעות; ווען יידן באַקלאָגן זיך אויף פּאָגראָמען און רדיפֿות, קען עס ניט באַצייכנט ווערן ווי אַ קאַמפּאַניע פֿון פּראָפּאַגאַנדע קעגן פּוילן.

פֿאַרקערט, די ייִדישע פּרעסע האָט אומפּאַרטייִיש געדרוקט אַלע אינפֿאָרמאַציעס פֿון ניט־ייִדישע מקורים, ווי, למשל, פֿון זאַלעסקין, און מיר האָבן עס באַטראַכט ווי אויטאָריטאַטיווע דערקלערונגען פֿון פּוילן. איך וואָלט וועלן הערן פֿון אײַך, צי קען בײַ אַזעלכע אומשטאַנדן אַזאַ קאָנפֿערענץ דינען די אינטערעסן פֿון פּוילן".

פֿון אָנהייב 1919 איז דער קאַמף פֿאַר ייִדישע רעכט אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע פֿון דער שלום־קאָנפֿערענץ. אין פּוילן גופֿא איז רויִקער געוואָרן. ערשט אין אַ צײַט אַרום נאָך דער שלום־קאָנפֿערענץ, סוף 1919, האָט די ענגלישע רעגירונג באַשלאָסן צו שיקן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע קיין פּוילן, כּדי אויסצופֿאָרשן די לאַגע און פּרוּוון אײַנצושטעלן פֿרידלעכע באַציִונגען צווישן ייִדן און פּאָליאַקן. דאָס אייגענע האָבן געטאָן אויך די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָס זײַנען געווען די באַקאַנטע קאָמיסיעס פֿון סער סטואַרט סעמיועל[22] און פֿון הענרי מאָרגנטוי.

אָבער די געשיכטע פֿון דיביידע אויספֿאָרש־קאָמיסיעס, ווי אויך דער ייִדישער קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון ייִדן אין פּוילן אין פֿאַרבינדונג מיט דער שלום־קאָנפֿערענץ, איז גאָר אַ באַזונדער טעמע וואָס קען ניט באַהאַנדלט ווערן אַגבֿ־אורחא.

---

[22] דער מחבר פֿון די שורות האָט, מיטן הסכּם פֿונעם „פֿאָרען אָפֿיס", געזאָלט זײַן דער סעקרעטאַר פֿון סטואַרט סעמיועלס אויספֿאָרש־קאָמיסיע, אָבער די פּוילישע פֿירערס אין אויסלאַנד האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס הן פֿאַרן פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע (סעמיועל) און הן פֿאַרן סעקרעטאַר זײַנען באַשטימט געוואָרן ייִדן. אונטער זייער דרוק איז סעקרעטאַר פֿון דער קאָמיסיע געוואָרן דער ענגלישער קאַפּיטאַן רײַט, אַ באַקאַנטער ייִדנפֿײַנד. שפּעטער האָט ער טאַקע אַרויסגעגעבן זײַנעם אַ סעפּאַראַטן רעפּאָרט וועגן דער מיסיע קיין פּוילן, אַן אומפֿרײַנדלעכן צו ייִדן.

דראַמע און טעאַטער ביי די ספרדים אין האָלאַנד*

פון ד״ר יעקב שאַצקי

I

ווי אַן אויסדרוק פון „דאַנקבאַרקייט״ פאַרן גירוש פון שפּאַניע האָבן די שפּאַנישע ייִדן מיטגענומען מיט זיך אין גלות ניט נאָר זייער נוסח פון דער שיינער קאַסטילישער שפּראַך וואָס זיי האָבן געהאָלפן צו אַנטוויקלען זיי־ענדיק אין לאַנד, נאָר אויך אַ רירנדיקע ליבע און געטריישאַפט צו דער גאַנ־צער שפּאַנישער קולטור. איבער הויפּט האָבן שפּאַנישע ייִדן קולטיווירט דעם שפּאַנישן טעאַטער, און טיילווייז אויך די מוזיק.

צווישן די באַרימטע שפּאַנישע דראַמאַטורגען פון 15טן יאָרהונדערט גע־פינען מיר אַ נאָמען פון אַ געוועזענעם ייִדן. דאָס איז געווען ראָדריגאָ קאָטאַ.[1] ער האָט געשטאַמט פון סעווויליע. לויט געוויסע היסטאָריקער איז קאָטאַ גע־ווען אַ זונא־ישראל. ער איז געשטאָרבן אין 1495.

דע קאָטאַ, דערציילן די מיטצייטלערס, האָט געהעצט קעגן זיינע אייגענע ברידער, און דערפאַר האָט מען צו אים אין די ייִדישע קרייזן געהאַט שטאַרקע טענות. אין יאָר 1472 האָט ער אָנגעשריבן אַ סאַטיריש חתונה־ליד אויף דעם קיניגלעכן שאַצמייסטער דערפאַר וואָס יענער האָט אים ניט פאַרבעטן צו דער חתונה פון זיין טאָכטער. אין דעם דאָזיקן ליד גיט דער שרייבער, אַליין פון ייִדישן אָפּשטאַם, אָנצוהערן, אַז דעם שאַצמייסטערס אייִדעם שטאַמט פון ייִדן.

קאָטאַס נאָמען אין דער געשיכטע פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור איז אָבער פאַרבונדן ניט מיט דעם דאָזיקן פּאַשקעוויל, נאָר מיט אַ דראַמע וואָס איז געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק. דאָס איז די טראַגיקאָמעדיע אין 21 אַקטן א״נ Celestina אָדער Tragicomedia de Calisto y Melibea, וואָס ער האָט זי אָנגעהויבן צו שרייבן אין 1489; אין דרוק האָט זי זיך באַוויזן אין בורגאָס אין יאָר 1499.

קאָטאַ האָט די דאָזיקע „ערשטע גרויסע פּיעסע אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור״ ניט פאַרענדיקט. עס איז אַפילו ניט זיכער, ווי פיל אַקטן ער גופא האָט אָנגעשריבן. פאַרענדיקט האָט די פּיעסע דער מאַראַן פערנאַנדאָ

---

* דער ערשטער פון אַ סעריע אַרטיקלען וועגן ייִדישן טעאַטער אין האָלאַנד.

דע ראַכאַס[2], וואָס זײַנען נאָמען פֿיגורירט אין די אַקטן פֿון דער אינקוויזיציע אין טאָלעדאָ פֿון 1517־1518. אין אָנהייב האָט „סעלעסטינאַ" געציילט זעכצן אַקטן, און שפּעטער זײַנען צוגעקומען נאָך פֿינף אַקטן אָדער ריכטיקער טיילן.

„סעלעסטינאַ" איז בעצם ניט קיין טעאַטער־שטיק און אויך ניט קיין ראָמאַן־דראַמע. דאָס איז גיכער, ווי עס דריקט זיך אויס דער היסטאָריקער גרעגאָר, „אַ פּראָגראַם פֿאַר אַ גאַנצער בינע־אַנטוויקלונג".[4] לויט דער מיינונג פֿון די קאָמפּעטענטסטע שפּאַנישע ליטעראַטור־היסטאָריקער איז „סעלעסטינאַ" אַ ווערק וואָס וואָלט פֿאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור, ווען סערוואַנטעס וואָלט ניט אָנגעשריבן זײַן „דאָן קיכאָט".

אין יאָר 1500 איז „סעלעסטינאַ" איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש. לײַדער איז דער כּתבֿ־יד פֿון דער דאָזיקער איבערזעצונג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער אָפּגעהיט אַ העברעיִש ליד פֿון דעם איבערזעצער יוסף בן שמואל צרפֿתי, וואָס ער האָט, ווי מען קען מישפּטן פֿון טעקסט, געהאַט אָנגעשריבן ווי אַ פּראָלאָג צו זײַן איבערזעצונג.[5]

די שפּאַנישע ייִדן האָבן פֿאַרשפּרייט די דאָזיקע פּיעסע אין איטאַליע, פֿון וואַנען זי איז ווײַזט אויס דערגאַנגען קיין האָלאַנד. אין 1550 איז „סעלעסטינאַ" אַרויס אין אַ האָלענדישער איבערזעצונג און האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף דער האָלענדישער ליטעראַטור.[6] אַזוי אַרום קומט אויס, אַז נאָך איידער שפּאַנישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין האָלאַנד, האָט שוין אַ גרויס ווערק פֿון אַ שפּאַנישן דראַמאַטורג פֿון ייִדישן אָפּשטאַם געפֿונען אַ לייענער־קרײַז און אַפֿילו נאָכטועדס אין דעם דאָזיקן לאַנד.

די שפּאַנישע ייִדן האָבן אויך געבראַכט מיט זיך די ווערק פֿון שפּאַנישע קלאַסיקערס. קאַלדעראָן, לאָפּע דע וועגאַ, טירסאָ דע מאָלינאַ געפֿינען זיך אין די ביבליאָטעקן פֿון די אַנוסים וואָס האָבן זיך באַזעצט אין האָלאַנד. די ספֿרדים ווערן די פֿאַרמיטלער אין די איבערזעצונגען פֿון די דאָזיקע ווערק אויף האָלענדיש, פּונקט ווי ייִדן אין מיטל־עלטער האָבן פֿאַרמיטלט אין איבערזעצן די גײַסטיקע אוצרות פֿון דער אַראַבישער קולטור אין לאַטײַן. איבער הויפּט וויכטיק איז געווען פֿאַר די אַנוסים צו באַקענען די ניט־שפּאַנישע וועלט מיט די ביבלישע דראַמעס וואָס זײַנען אַזוי רײַך רעפּרעזענטירט אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור. די האָלענדישע דראַמע איז געווען זייער רײַך אין ווערק באַזירט אויף דעם תּנ"ך. דער גרויסער האָלענדישער דראַמאַטורג י. קאַטס (1577־1660) האָט אָנגעשריבן אַ סך פּיעסעס אויף ביבלישע מאָטיוון, ווי יוסף אין מצרים, אָדם און חוה, לאה און רחל, עתיאל און אַנדערע. אין 1623 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מידלבורג, אין קוואַרטאָ מיט אַ פּרעכטיקן שער־בלאַט און מיט קופּערשטאָכן, זײַן פּורים־שפּיל א"נ

Tooneel van de Mannelicke achtbaerheyt, aen gewesen in de voorsprake, teghen-sprake, ende nyt-sprake, gedaen over de oveygheringhe van de Konign Vasthi, aen de Ghes. des Kgs. Assuerus. Middleburgh,

1623. אין 1712 איז אַרויס אַ זאַמלונג פֿון זײַנע ווערק אין אַמסטער־דאַם, וווּהין עס זײַנען אַרײַן זיבן פּיעסעס אויף ביבלישע טעמעס.

די שפּאַנישע קאָמעדיע האָט זיך אין 17טן יאָרהונדערט אײַנגעשאַפֿט אַ װעלטנאָמען. דאָס וואָרט comedia אין שפּאַניש מיינט ניט בלויז אַ פּיעסע מיט אַ קאָמישן אינהאַלט, נאָר סתּם אַ סצעניש ווערק, אי אַ קאָמישס אי אַ טראַגישס, מיטן אויסנאַם פֿון דער ליטורגישער אָדער רעליגיעזער דראַמע וואָס מען רופֿט אויף שפּאַניש auto. די נידעריקע אָדער פֿאָלקס־קאָמעדיעס האָבן געהאַט אַנדערע נעמען, ווי zarzuela (וואָדעוויל); די מיטאָלאָגישע פּיעסעס האָט מען גערופֿן fiestas.

די ספרדים האָבן קולטיווירט די בעסערע שפּאַנישע דראַמע און קאָ־מעדיע. ניט באַהערשנדיק גוט די האָלענדישע שפּראַך האָבן זיי ניט געקענט איבערזעצן די ווערק פֿון דער שפּאַנישער דראַמאַטורגיע ווי עס דאַרף צו זײַן, ד״ה אין גראַמען, ווי זיי זײַנען אַלע געשריבן אין אָריגינאַל. דעריבער האָבן די שפּאַנישע ייִדן אין האָלאַנד איבערגעזעצט פֿאַר די האָלענדישע אַק־טיאָרן און טעאַטער־איבערזעצער די שפּאַנישע פּיעסעס אין פּראָזע, און יענע האָבן פֿון די פּראָזע־איבערזעצונגען געמאַכט געגראַמטע. אַזאַ אַרבעט האָט געטאָן איינער Jacob Barocus (יעקבֿ ברכות) וואָס האָט איבערגעזעצט אין פּראָזע אַ ריי פּיעסעס פֿון לאָפּע דע וועגאַ און פֿון אַנדערע, קלענערע דראַמאַטורגן פֿאַר דעם האָלענדישן אַקטיאָר און פּיעסע־שרײַבער איזאַק פֿאָס. אַגבֿ זײַנען פֿון די דאָזיקע איבערזעצונגען געמאַכט די דײַטשע איבערזעצונגען וואָס זײַנען אין יענער צײַט געדרוקט געוואָרן אָדער געשפּילט געוואָרן פֿון דײַטשע אַקטיאָרן.

אַ צווייטער טעאַטער־איבערזעצער איז געווען דער ספרדי יצחק דע פּינטאָ. אויך עטיאַש,[7] אַ מיטגליד פֿון דער באַרימטער דרוקער־משפּחה אין אַמסטער־דאַם (און אפֿשר דער דרוקער גופֿא: יוסף בן אַבֿרהם עטיאַש?) האָט אין 1715 איבערגעזעצט פֿאַרן האָלענדישן אַקטיאָר העגאַך קראַק[8] אַ שפּאַנישע קאָמעדיע.[9]

אין 1726 איז אין אַמסטערדאַם אַרויס אַ באַנד מיט צוועלף דראַמעס באַזירט אויף ביבלישע מאָטיוון, צווישן זיי עטלעכע איבערגעזעצט פֿון שפּאַניש, ווי קאַלדעראָנס „יהודה המכבי״: Comedias nuevas de los mas celebras autores. שוין דער פֿאַקט גופֿא, וואָס די דאָזיקע איבערזעצונג איז געהייליקט דעם רײַכן ספרדישן ייִדן Don M. Ximenes, Baron de Belmonte, אַ מיטגליד פֿון זייער אַן אָנגעזעענער משפּחה אין אַמסטערדאַם, זאָגט עדות, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג איז אינספּירירט געוואָרן פֿון די ספרדים וואָס האָבן געוואָלט צוליב אַפּאָלאָגעטישע צוועקן באַווײַזן, ווי אַזוי די קריסטלעכע וועלט שילדערט דעם ביבלישן ייִדן.[10]

אין אַמסטערדאַם איז אויך אַרויס די שפּאַנישע איבערזעצונג פֿון דער באַרימטער פּאַסטאָראַלער דראַמע פֿון דעם איטאַליענישן דראַמאַטורג גאַריני Pastor Fido, איבערגעזעצט פֿון איזאַבעלאַ קאָרעאַ,[11] די פֿרוי פֿון מאַראַן ני־

קאָלאָס דע אָליוועער אי פֿוליאַנאַ (אין 1694). זי איז אויך געווען אַ מאַראַנין, אַ מיטגליד פֿון דער „אַקאַדעמיע פֿון דאָרשטיקע"[12] וואָס באַראָן מאַנועל דע בעלמאָנטע האָט געגרינדעט אין 1676. איר מאַן איז געווען אַן „עלעגאַנטער היסטאָריקער".[13]

II

די אַמסטערדאַמער ספֿרדים האָבן אַרויסגעגעבן אויך אייגענע, אָריגינעלע דראַמע־שרײַבערס. איינער פֿון זיי איז געווען פּוילאָ דע פּינאַ, באַקאַנט אונטערן נאָמען Rehuel Jessurun, אַ מאַראַן וואָס איז 1599 אַנטלאָפֿן קיין רוים כּדי צו ווערן אַ מאָנאַך, נאָר אונטער דער השפּעה פֿון דעם באַרימטן רופֿא אליהו מאָנטאַלטאָ איז ער געוואָרן צוריק אַ ייִד. שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין בראַזיל און אין 1604 זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, ווו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער קהילה בית־יעקבֿ. שבֿועות 1624 האָט מען אין „בית־יעקבֿ"־שול אויפֿגעפֿירט זײַנע אַן אַלעגאָרישע שפּיל אויף פּאָרטוגעזיש א"נ „דיאַלאָג פֿון די בערג", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן 1767 אונטערן נאָמען:
Dialogo dos Montes, auto que se reprezenton com a mayor aspectacao & solemnidade, na Synagoga Amstelodama de Beth Jahacob, na festa celebre de Sebuoth, anno 5384 און האָט 100+XII זײַטן.

אין די דאָזיקע דיאַלאָגן טרעטן אַרויס די בערג סני, ציון, הר גריזים, כּרמל א"אַנד, און יעדערער פֿון די בערג האַלט אַ לאַנגע דרשה. די דרשות ווערן איבערגעפֿלאָכטן מיט אַ כאָראַלן געזאַנג מיט אַ באַגלייטונג פֿון אַן אָרקעסטער. די אויפֿפֿירערס — חוץ דעם מחבר וואָס האָט רעציטירט די „ראָלע" פֿון ארץ־ישׂראל — זײַנען געווען די חשובֿסטע מיטגלידער פֿון דער קהילה, ווי ד"ר דוד דע האַראָ, פֿאָנסעקאָ, בעלמאָנטע און אַנדערע. די דאָזיקע אַלעגאָרישע פּיעסע האָט אינספּירירט דעם ספֿרדישן חכם שאול הלוי מאָרטייראַ אויף אַ סעריע דרשות, געדרוקט צוזאַמען מיטן דיאַלאָג.[14]

אַן אַנדער ספֿרדי יוסף פּענסאָ דע לאַ וועגאַ האָט אָנגעשריבן 1667 אויף העברעיִש אַן אַלעגאָרישע פּיעסע א"נ „אַסירי תּקוה". דער מחבר איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע אין 1650. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ מאַראַן וואָס איז אַנטלאָפֿן קיין אַנטווערפּן און פֿון דאָרטן, פֿאַרפֿאָלגט פֿון דער אינקוויזיציע, איז ער אַוועק קיין אַמסטערדאַם, ווו ער איז געווען אַ באַנקיר. דע לאַ וועגאַ איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער Academia de los Floridos, אַן אינסטיטוציע וואָס בעלמאָנטע האָט געגרינדעט.

זײַן פּיעסע האָט אַ קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט. אויב זי האָט אַרויסגערופֿן צו יענער צײַט ניט נאָר אַן אינטערעס, נאָר ממש אַן אומבאַשרײַבלעכע התפּעלות וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איבער צוואַנציק לויבלידער לכּבֿוד איר, איז דאָס געווען דערפֿאַר וואָס דער פֿאַרפֿאַסער איז געווען אַ יונגער מאַראַן פֿון 17 יאָר און אויך צוליב דעם וואָס ער האָט זי אָנגעשריבן אויף העברעיִש.

אַרויס איז די פּיעסע פֿון דרוק צוויי מאָל: אין 1673 אין אַמסטערדאַם (54+20 זײַטן) און אין ליוואָרנאָ, אין 1771 (37 זײַטן).[15]

אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט האָט אין אַמסטערדאַם געלעבט אַ שרײַבער וואָס האָט געשריבן אויף שפּאַניש קאָמעדיעס, דער ספֿרדי גאַרסיאָ בערנאַרדאָ נוניעס.[16]

אין 1743 איז אין אַמסטערדאַם אַרויס, געדרוקט אין גאַנצן אין פּופּציק עקזעמפּלאַרן, די באַרימטע אַלעגאָרישע דראַמע פֿון משה חיים לוצאַטאָ (1707-1746) „לישרים תהלה", אַ געלעגנהייט־ווערק, געשריבן לכּבֿוד דער חתונה פֿון יעקבֿ די גאויש [גאַוועס] מיט רחל דאַ וויגאַ אינריקס[17] [דאַ וועגאַ ענ־ריקעס], פֿון ספֿרדישן יִחוס. ווי באַוווּסט האָט לוצאַטאָ פֿאַרבראַכט די יאָרן 1735-1743 אין אַמסטערדאַם, ווּ די פֿאַרמעגלעכע ספֿרדים האָבן אים אַרומ־גערינגלט מיט אַ סך כּבֿוד. אין דעם אַלגעמיינעם ייִדישן ייִשובֿ פֿון אַמ־סטערדאַם האָט מען ווינציק וואָס געוווּסט פֿון אים.

צווישן לוצאַטאָס חסידים און תּלמידים איז געווען דוד בן אַבֿרהם פֿראַנקו מינדיס [מענדעס] (1713-1792). ער איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון מעמד (ספֿרדישע קהילה) און איז באַקאַנט געווען דורך זײַן העברעיִשער דראַמע: „גמול־עתליה", באַאַרבעט לויט ראַסין און מעטאַסטאַסיאָ (1770, 37 זז'). דער זעלבער האָט אויך באַאַרבעט לויט מעטאַסטאַסיאָס Betulia Liberata זײַן העברעיִשע דראַמע: „תּרועות ישראל בידי יהודית" (געדרוקט אין רעדלהיים 1804).[18]

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש און פֿון גרויסן קולטור־היסטאָרישן אינ־טערעס, אַז „גמול־עתליה" האָט באַקומען די הסכּמות פֿון ספֿרדישן און אַשכּנזישן רבֿ, ווי אויך פֿון די פּני פֿון דער ספֿרדישער פּלוטאָקראַטיע, אַ שטײַ־גער: Abraham Ximenes Pereira, Samuel Baruch Benavente, Mordecai Tama, Isaac haCohen Belinfante. בעלינפֿאַנטע איז אויך געווען דער קאָרעק־טאָר פֿון דעם בוך.

אין אַמסטערדאַם איז געבוירן געוואָרן משה זכותא (1630-1697), דער מחבר פֿון דער אַלעגאָרישער דראַמע „סוד עולם", וואָס בערלינער האָט זי אַרויסגעגעבן אין 1874.[19]

אין אַמסטערדאַם האָט געוווינט אַ לענגערע צײַט דער פּאָפּולערער דראַ־מאַטורג ענריקעס דע גאָמעס[20] וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון מאַדריד, שפּעטער פֿאַר־מישפּט געוואָרן צום טויט in absentia און „אָפֿיציעל" פֿאַרברענט געוואָרן אין יאָר 1660. זײַנע פּילצאָליקע פּיעסעס האָבן אַ קנאַפּן ליטעראַרישן ווערט. אין די ייִדישע קרײַזן איז ער געווען באַקאַנט מיט זײַן דראַמע וועגן „אסתּר המלכּה", אַ שוואַך ווערק אין פֿאַרגלײַך מיט דער דראַמע פֿון קאַלדעראָן אָדער לאָפּע דע וועגאַ. ווי אַזוי סעסיל ראָטה[21] קען שטעלן גאָמעסן באַגלײַך מיט קאַלדעראָנען קען איך פּשוט ניט פֿאַרשטיין.

אַ יחיד במינו אין דער אַמסטערדאַמער ספרדישער קהילה איז געווען דער פּאָליהיסטאָר, גראַמען־שרײַבער, דראַמאַטורג, מקובל, היסטאָריקער, גענעאַלאָג און פילאָסאָף מיגועל (דניאל) לוי דע באַריאָס. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָנטילאָ, שפּאַניע אין 1625 (לויט אַנדערע — אין 1629). 1659 איז ער אַנטלאָפן קיין ליוואָרנאָ, איטאַליע, ווו ער איז אַריבער צום יידנטום. אַ יאָר שפּעטער נעמט ער אָנטייל אין אַ קאָלאָניזאַטאָרישער עקספּעדיציע קיין וועסט־אינדיע. דאָרטן שטאַרבט זײַן פרוי; ער קערט זיך אום קיין אייראָפּע. אין 1663 טרעט ער אַרײַן אין דער שפּאַנישער אַרמיי אין בריסל און דערדינט זיך צו דער ראַנגע פון אַ קאַפּיטאַן. אין 1666 האָט ער חתונה צום צווייטן מאָל מיט אַביגיל דע פּינאַ (געשטאָרבן 1686). דאָס מיליטער־דינסט ווערט אים נימאס, ווײַל ער מוז באַהאַלטן זײַן יידישקייט, און אין 1674 באַזעצט ער זיך אין פרײַען אַמסטערדאַם. אַ געוויסע צײַט איז ער געווען גײַסטיק קראַנק, און אין דעם צושטאַנד האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין פאַרשיידענע אַלכעמישע און קאַבאַליסטישע עקספּערימענטן.

אין אַמסטערדאַם איז ער געוואָרן אַ קהלשער טוער בײַ די ספרדים. ער האָט געשריבן אויף שפּאַניש און אויף העברעיִש חתונה־לידער, געלעגנהייט־שירים, געגראַמטע הספדים, מצבה־אויפשריפטן, מזמורים און אָדעס. אײַבער הויפּט האָט ער זיך קונה־שם געווען מיט די ייחוס־בריוו וואָס די כבוד־גײַציקע ספרדישע גבירים האָבן בײַ אים באַשטעלט. די דאָזיקע ייחוס־בריוו־ווײַזן, אַז דע באַריאָס האָט פאַרמאָגט ניט נאָר אַ גוואַלדיקן זכרון, נאָר אויך אַ רײַכע פאַנטאַזיע. גענעאַלאָגיע פון רײַכע ספרדים איז געוואָרן זײַן ספּעציאַליטעט. ער פלעגט באַקומען באַשטעלונגען פון רוים, האַמבורג, לאָנדאָן אויף צונאַמענשטעלן אַזעלכע ייחוס־בריוו.

דע באַריאָס האָט אָנגעשריבן צען פּיעסעס. עטלעכע פון זיי זײַנען אַפילו אויפגעפירט געוואָרן בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווי דער וויזיט פון קיניג קאַרל דעם צווייטן אין בריסל, די חתונה פון קייזער לעאָפּאָלד. ער האָט געשריבן „מאָזאַיִשע הייליקע אויטאָס", ד"ה יידישע רעליגיעזע שפּילן פאַר די „אַקאַדעמיעס" (ליטעראַרישע קלובן), וואָס די ספרדים האָבן געגרינדעט אין פאַרשיידענע שטעט. זײַנע אַלעגאָרישע סצענעס זײַנען געשריבן אין אַ באַמבאַסטישער שפּראַך, פול מיט מליצה און מיט גאָר ווינציק דיכטערישן טאַלענט. ער פלעגט אַליין אויפפירן זײַנע פּיעסעס. צווישן זיי זײַנען געווען שווערע קאָמעדיעס און מטושטשע אַלעגאָריעס, צו וועלכע ער פלעגט אַגבֿ אַליין צוקלײַבן די מוזיק. זײַן „טשיוואָק" איז אָבער געווען אַ פּאָעטיש ווערק וואָס האָט געזאָלט זײַן אַ געגראַמטע ביבלישע קאָסמאָגאָניע. דאָס ווערק האָט געהייסן Imperio de Dios („גאָטס מלכות") אָדער Harmonia del Mundo. („וועלט־האַרמאָניע"). ער האָט געוואָלט קריגן אַ הסכמה פון דעם ספרדישן מעמד (קהילה), וואָס אָן זײַן דערלויבעניש האָט מען בכלל ניט געקענט דרוקן קיין חיבורים. די פּרנסים האָבן אים אָבער אָפּגעזאָגט, אפשר דערפאַר ווײַל

מען האָט אים חושד געווען, אַז ער איז אַן אָנהענגער פֿון שבתי־צבֿי; דער־פֿאַר האָט מען אים טאַקע אַזוי שטאַרק געררודפֿט. ער איז געשטאָרבן 1701.

אַ טשיקאַווע געשטאַלט, פֿול מיט סתירות: גוואַלדיק פֿרום און דאָך זייער וועלטלעך; זייער שטאָלץ, ממש אַ „הידאַלגאָ"־כאַראַקטער, און דאָך פֿול מיט הכנעה; אַ גבֿיר אין פֿאַנטאַזיע, אַן אבֿיון אין דער ווירקלעכקייט; אַ גרויסער בקי אין דעם עבֿר פֿון די ספֿרדישע ייִדן אין אַמסטערדאַם און אַ געפֿערלעכער דילעטאַנט דווקא אויף יענע געביטן, וווּ ער האָט געוואָלט שײַנען.

זײַנע היסטאָרישע ווערק האָבן אַ גרויסן ווערט, ניט קוקנדיק אויף די אומפּינקטלעכקייטן און פֿאַנטאַסטישע סבֿרות. נאָר אַ דאַנק זײַנע פּילצאָליקע ווערק (דערין אַ סך ניט־געדרוקטע) קען מען רעקאָנסטרויִרן די געשיכטע פֿון די ספֿרדים אין אַמסטערדאַם.[22]

דער דאָזיקער „אוניווערסאַלער גאון" לויטן אויסדרוק פֿון קייזערלינגן אָדער, לויט דער כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם היסטאָריקער אַסעוועדאָ[23] „אַ גאון, וועמען עס האָט געפֿעלט קולטור", „דער אבֿיון צווישן אַמסטערדאַמער גבֿירים", ווי ער טיטולירט זיך אין איינעם פֿון זײַנע לידער, האָט צוגעגעבן קאָלאָריט דער ספֿרדישער עדה אין אַמסטערדאַם.

III

די ספֿרדים האָבן זיך אָבער ניט באַגרענעצט נאָר מיט שרײַבן אַלע־גאָרישע טעאַטער־שטיק אויף שפּאַניש אָדער אויף העברעיִש, מיט פּאַרמיטלען צווישן דעם שפּאַנישן און האָלענדישן טעאַטער. זיי האָבן אויך געשטיצט טעאַטער, קודם־כּל די איטאַליענישע אָפּערע אין אַמסטערדאַם און איבער הויפּט דעם פֿראַנצייזישן טעאַטער.[24]

אַזאַ מעצענאַט איז געווען פֿראַנסואַ לאָפּעץ דע לי. ער האָט געשטאַמט פֿון ענגלאַנד און איז געווען אַן איידעם פֿון דעם רײַכן ספֿרדי פֿראַנסואַ ענ־ריקעס, אויך אַ גרויסן ליבהאָבער פֿון דער אָפּערע און אַ שוואָגער פֿון דעם רײַכסטן ספֿרדי אין האַג, פּינטאָ. דע לי איז ניט געווען סתם אַ מעצענאַט פֿון פֿראַנצייזישן טעאַטער אין האָלאַנד. ער האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פֿאַר שיינע פּרימאַדאָנעס. אין זייער זכות פֿלעגט ער זיך לאָזן קאָסטן און אַראָפּ־ברענגען טרופּעס קיין האַג.

דע לי האָט באַקומען אַ גוטע דערציִונג און נאָך אַ בעסערע... ירושה. אין 1726 איז ער געקומען קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געקענט לײַכט זעטיקן זײַנע צוויי הויפּט־לײַדנשאַפֿטן: מוזיק און פֿרויען. ער האָט זיך באַקענט מיטן באַרימטן קאָמפּאָזיטאָר קופּערען[25] וועלכער האָט אים, משמעות ניט אויס ליבע, געהיילִקט אַ פּאָר פֿון זײַנע קאָמפּאָזיציעס. אויך אַנדערע פֿראַנ־צייזישע קאָמפּאָזיטאָרן פֿון יענער צײַט, און דווקא די טאַלענטירטע, פֿלעגן קומען צו אים און פֿאַרשפּילן זייערע ווערק; און דער מעצענאַט פֿלעגט ברייטלעך צאָלן די מוזיקער פֿאַר די דאָזיקע אויסדרוקן פֿון רעספּעקט פֿאַר זײַנע מוזיקאַלישע נייגונגען.

מיט דער צווייטער ליידנשאַפֿט איז שוין ניט געווען אַזוי פּשוט: די פֿרויען האָט שוין דער רייכער ספֿרדי באַדאַרפֿט אַליין זוכן. דאָס האָט אים געקאָסט אַ סך געלט און אַפֿילו געפֿירט צו סקאַנדאַלן (ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער).

אין 1729 קומט ער צום צווייטן מאָל קיין פּאַריז, דאָס מאָל מיט אַ פּלאַן אַראָפּצוברענגען קיין האַג אַ פֿראַנצייזישע טרופּע. ער ווערט די סענסאַציע פֿון די טעאַטער־קרייזן אין פּאַריז. בעל־הביתישע מענער טרעטן אים אָפּ זייערע ווייבער און געליבטע, און ער צאָלט דערפֿאַר מיט געלט. פּעליסיע,[20] דער דירעקטאָר פֿון דער פּאַריזער אָפּערע, שרייבט אים אין אַ בריוו, אַז זיין פֿרוי איז אין זיין רשות פֿאַר אַזאַ פּרייז: 15,000 פֿלאָרין פֿאַר איר און 10,000 פֿאַר אים. ווען דע לי איז צוריקגעפֿאָרן קיין האַג, האָט ער פֿאַרגעלייגט מאַדאַם פּעליסיע אַ יאָריקע פּענסיע, אויב זי וועט זיך באַזעצן אין האַג; ער האָט דאָרטן געוואָלט עטאַבלירן פֿאַר איר אַ טעאַטער (אַן אָפּערע), אין וועלכן זי וועט זיין די דירעקטאָרין. דערווייל האָט זי זיך איינגעשאַפֿט אַן אַנדער מעצענאַט. דער האַגער ספֿרדי איז געוואָרן אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַז ער האָט געפֿאָדערט צוריק די צירונג וואָס ער האָט איר געשאָנקען. דער דאָזיקער אינצידענט איז געווען בשעתו אַ טעמע פֿון אַ קאָמעדיע[27] וואָס האָט געהאַט איר פּרעמיערע דעם 8טן נאָוועמבער, 1730.

די היסטאָריקערס פֿון פֿראַנצייזישן טעאַטער אין האָלאַנד שאַצן אָבער זייער הויך די פֿינאַנציעלע שטיצע און אַפֿילו דעם מוזיקאַלישן גוסט פֿון דעם עקסצענטרישן ספֿרדישן ייִדן. אין זיין פּאַלאַץ אין האַג פֿלעגן פֿאָרקומען קאָנצערטן פֿאַר פֿאַרבעטענע געסט, ווו די גרעסטע מוזיקערס פֿון יענער צייט האָבן געשפּילט. אַ רייזנדער וואָס איז אין 1736 ביי געווען אויף די קאָנצערטן לויבט שטאַרק זייער קינסטלערישן ניוואָ. דער גרויסער קאָמעדיע־שרייבער באָמאַרשע איז אויך געווען אַ גאַסט אויף די דאָזיקע קאָנצערטן לויט זיינע זייער אינטערעסאַנטע „האָלענדישע בריוו“. ער שרייבט למשל, אַז די דיפּלאָמאַטן און אַפֿילו דער פּרינץ פֿון אָראַניע פֿלעגן קומען. הוץ קאָנצערטן פֿלעגט דע לי אויפֿפֿירן מוזיקאַלישע קאָמעדיעס אין דער פֿראַנצייזישער שפּראַך. אין 1740 האָט דער דאָזיקער ספֿרדי אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט אַ דיריגענט און אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַז זיי זאָלן פֿירן די קאָנצערטן פֿאַר 10,000 פֿלאָרין אַ יאָר.

דע לי איז געווען אַ וועלט־באַרימטקייט. אין 1739 איז אַרויס אויף פֿראַנצייזיש און דייטש אַ סענסאַציאָנעל ביכל וועגן זיינע ליבעס און קאַפּריזן. מען האָט אים צוגעגליכן צו יוד זיס; אויף דער גראַווויור פֿון דער דייטשער אויסגאַבע איז פֿאָרגעשטעלט, ווי דע לי דערקלערט זיך אין ליבע דער פֿראַנצייזישער פּרימאַדאָנע מאַדמואַזעל ראַוּאַ,[28] און אונטן איז פֿאַראַן אַן אויפֿשריפֿט:

Der Süss hängt hier und Dülitz dort
So find die Wollüst ihren Ort.

פֿראַנסואַ לאָפּעס דע לי האָט זיך קונה־שם געווען אין דער געשיכטע פֿון דער טעאַטער־קולטור אין האָלאַנד. ער האָט אָבער דערפֿאַר באַצאָלט מיט זײַן גאַנצן פֿאַרמעגן, ווײַל ער האָט באַנקראָטירט און געמוזט אַנטלויפֿן קיין בעלגיע. חוץ הובֿות זײַנען נאָך אים געבליבן פּיקאַנטע אַנעקדאָטן, סאַ־טירישע קופּלעטן פֿון מיטצײַטלערישע גראַמען־פֿלעכטערס, פֿאַנטאַסטישע מעשׂיות, מיט וועלכע ס'האָבן זיך געקוויקט די בני־דור בכלל און די דעמאָלטיקע טעאַטער־וועלט בפּרט.[29]

דער ספּרדישער עלעמענט האָט פֿאַרנומען אַזאַ גרויסן אָרט אין פֿראַנ־צייזישן טעאַטער אין האָלאַנד, אַז בעת ס'האָט אין די יאָרן 1793-1750 גע־שפּילט אַ פֿראַנצייזישע טרופּע אין אַמסטערדאַם אין דעם „דראַמאַטישן און לירישן קאָלעדזש" (Collège Dramatique et Lyrique) , וואָס איז, אַגבֿ, גע־ווען באַשטימט נאָר פֿאַר מיטגלידער, האָט מען אין ייִדישע יום־טובֿים ניט געשפּילט.[30] דע לי איז ניט געווען דער איינציקער ייִדישער מעצענאַט פֿון פֿראַנצייזישן טעאַטער אין האָלאַנד. אין 1754 האָט אַ געוויסער באַראָן ליפּ־מאַן קאַלמער[31] געשטיצט די פֿראַנצייזישע קאָמעדיע אין האַג. דער דאָזיקער ייִדישער באַראָן איז געווען באַרימט מיט דעם, וואָס ער האָט אָפּגעקויפֿט אַ גוט און איבערגענומען דעם פּאַטראָנאַט איבער דעם קאַטוילישן קלויסטער, וואָס דאָס האָט שטאַרק אויפֿגערודערט די קריסטלעכע וועלט און בשעתו געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אַפֿילו אין דער פּוילישער פּרעסע.[32]

די חשובֿע משפּחה פֿון די פּערייראַס[33] געפֿינט זיך אויך אין דער רשימה פֿון טעאַטער־מעצענאַטן. איינער פֿון זיי, זשאַק (יעקבֿ), איז געווען ניט נאָר אַ טעאַטער־פֿרײַנד, נאָר אויך אַ שטיצער פֿון מוזיק. ער איז באַקאַנט ווי דער האָלענדישער מעצענאַט פֿון מאָצאַרטן (אין 1766).[34] זײַן ברודער יהודה פּע־ריירא ברענגט אַראָפּ פֿראַנצייזישע קאָמפּאַניעס קיין האָלאַנד און שטיצט שיינע פּרימאַדאָנעס.[35]

אויך די מוזיק־קולטור אין האָלאַנד האָט געבליט אַ דאַנק דער שטיצע פֿון די רײַכע ספּרדים. מיר האָבן אָקערשט דערמאָנט מאָצאַרטס מעצענאַט, פּערייראַ. אין 1640 געפֿינען מיר אַ משפּחה דואַרטע, אַ פּאָר־פֿאָלק און פֿיר טעכטער. זייערע פּריוואַטע קאָנצערטן פֿאַר פֿאַרבעטענע אַריסטאָקראַטן האָבן געהאַט אַ וועלט־שם. איבער הויפּט איז געווען באַרימט איינע פֿון די טעכ־טער, פֿראַנציסקאַ דואַרטע.[36] אין 1742 ווערן אין האַג געגעבן קאָנצערטן אין דעם פּאַלאַץ פֿון רײַכן ספּרדישן ייִדן טעקסיירא.[37] אַ באַקאַנטער מוזיקער איז געווען דוד דע ראַטשאַ וועלכער איז געשטאָרבן אין אַמסטערדאַם אין 1708. זײַן מצבֿה שטעלט פֿאָר אַ פּאַסטעך אין יהודה, וואָס שפּילט אויף אַ האַרף, און אַרום זײַנען אויסגעקריצט פֿאַרשיידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן; דאָס בילד איז גוט באַוווּסט פֿון די אָפֿטע רעפּראָדוקציעס.

IV

די גאַנצע טעאַטראַלישע טעטיקייט פֿון די ספֿרדים איז אָבער געווען באַגרענעצט, ווײַל צוטריטלעך נאָר פֿאַר די רײַכע און געבילדעטע. די ברייטערע שיכטן פֿון ספֿרדישע ייִדן אין האָלאַנד, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען נאָר שפּאַניש אָדער פּאָרטוגעזיש, האָבן פֿון דעם פֿראַנצייזישן אָדער איטאַליענישן טעאַטער ניט געקענט הנאה האָבן. מיטלמעסיקע און אָרעמע מענטשן האָבן אַגבֿ ניט געקענט צוקומען צו די פֿאַרשטעלונגען וואָס זײַנען געווען באַזירט אויף אַן אַבאָנעמענט־סיסטעם. האָלענדיש האָבן די ספֿרדים פֿון אַ גאַנץ יאָר גאַנץ ווינציק פֿאַרשטאַנען. די געבילדעטע ספֿרדים וואָס האָבן יאָ פֿאַרשטאַנען די שפּראַך פֿון לאַנד זײַנען געגאַנגען אין האָלענדישן טעאַטער אויך. די טעאַטראַלישע טראַדיציעס פֿון פּורים־שפּיל זײַנען שוין פֿאַר זיי געווען ווײַט, ווײַל צו פֿאָלקסטימלעך.

די נידעריקערע שיכטן פֿון די ספֿרדים האָבן זיך אָבער געניטיקט אין אַ שפּאַניש־ייִדישן טעאַטער. עס איז זיי אָנגעקומען זייער שווער צו קריגן די דערלויבעניש, מחמת אין 1683 איז אַרויס אַ געזעץ, אַז אין אַמסטערדאַם טאָרן קיין „פֿרעמדע קאָמעדיאַנטן" ניט שפּילן, ווײַל דאָס שטעלט אין סכּנה די עקסיסטענץ פֿון שטאָטישן טעאַטער. דערצו נאָך האָט דער שטאָטישער טעאַטער אָפּגעגעבן די ריינע הכנסה פֿאַרן מושבֿ־זקנים און בית־יתומים פֿון אַמסטערדאַם, אַזוי אַז עס איז געלעגן אין די אינטערעסן פֿון דער שטאָט ניט צו דערלויבן קיין שום פֿרעמדשפּראַכיקע טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען. די גאַסט־ראָלירנדיקע טעאַטערס פֿון פֿרעמדע לענדער זײַנען געווען נאָר פֿאַר אַ פֿאַר־מאַכטן קרײַז, זײַנען זיי דערפֿאַר ניט געווען אַזאַ קאָנקורענץ פֿאַרן שטאָ־טישן טעאַטער.

די ספֿרדים פֿלעגן איין מאָל אַ יאָר געבן פּורים־פֿאַרשטעלונגען אין דער סינאַגאָגע, אָבער שפּעטער האָט דער „מעמד" דאָס פֿאַרבאָטן, מאָטיווירנדיק דעם איסור מיט רעליגיעזע טעמים.

עטלעכע באַמיִונגען צו שפּילן ייִדיש טעאַטער אויף שפּאַניש זײַנען פֿאַרצייכנט געוואָרן אין די היסטאָרישע מקורים.

דעם 20טן יאַנואַר 1696 האָט דער ספֿרדישער ייִד פֿראַנציסקאָ ראָדריגעס ענריקעס געדונגען אויף זעקס וואָכן אַ שפּײַכלער אין פֿלײַענבורג, דער ייִדי־שער קוואַרטאַל פֿון אַמסטערדאַם, מיטן צוועק צו שפּילן דאָרטן טעאַטער עטלעכע מאָל אַ וואָך. עס איז ניט באַוווּסט, צי מען האָט אים דערלויבט צו שפּילן, נעמענדיק אין אַכט דעם פֿאַרבאָט פֿון 1683.

דעם 28טן דעצעמבער 1707 האָבן זיך עטלעכע ספֿרדים געווענדט מיט אַ בקשה, מען זאָל זיי צוריק דערלויבן צו שפּילן שפּאַנישע קאָמעדיעס איין מאָל אַ וואָך, ווען מען שפּילט ניט אין שטאָטישן טעאַטער. דערבײַ פֿאַר־רופֿן זיי זיך אויפֿן פֿאַקט, אַז שוין נײַן יאָר ווי זיי שפּילן טעאַטער אויף

שפּאַניש אין אַ געדונגענעם שפּײַכלער. דאָס האָלענדישע לשון, שרײַבן זיי, איז פרעמד די ספּרדישע ייִדן, און זייער טעאַטער איז באַשטימט פאַר גע־ווּיסע קרײַזן. דער אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט האָט זייער בקשה אָפּגעשיקט צו דער פאַרוואַלטונג פון שטאָטישן בית־יתומים, וועלכע האָט געהאַט די הויפּט־דעה אין אַזעלכע ענינים. דעם 2טן יאַנואַר 1708 איז געקומען אַן ענטפער, אַז אַזעלכע פאָרשטעלונגען זײַנען שוין פון לאַנג פאַרבאָטן. מען קען ניט דערלויבן שפּילן אויף שפּאַניש, ווײַל דאָס וואָלט געמיינט מאַכן אַן אויסנאַם, בעת מען וואָלט על פּי יושר באַדאַרפט אויך דערלויבן שפּילן אויף פראַנצייזיש אאַז״וו. אַזעלכע פּריווילעגיעס קענען שעדיקן דעם שטאָ־טישן טעאַטער, ד״ה ס׳וואָלטן געליטן די צדקה־אײַנריכטונגען וואָס בויען זייער עקסיסטענץ אויף דער הכנסה פון שטאָטישן טעאַטער. דערבײַ ווערט דער־ציילט, אַז מיט אַכט אָדער צען יאָר פריִער האָט אַ ייִדיש־שפּאַנישע טרופּע געשפּילט אין שטאָטישן טעאַטער איין איינציק מאָל און אַז מען האָט גע־שיקט אַן אינספּעקציע זען די פאָרשטעלונג. משמעות, אַז די פאַרוואַלטונג פון יתומים־הויז האָט אויך געזוכט ריין קינסטלערישע מאָטיוון אויף צו באַרעכטיקן דעם פאַרבאָט.[39]

שטיצנדיק זיך אויף דעם דאָזיקן בריוו האָט דער מאַגיסטראַט געגעבן אויף דער בקשה אַ נעגאַטיווע תשובֿה.

אָבער ניט געקוקט אויף דעם פאַרמעלן פאַרבאָט האָבן די ספרדים גע־האַט זייער אייגענעם טעאַטער. דערהויפּט פּורים־צײַט, ווען זיי האָבן גע־קענט מאָטיווירן, אַז דאָס שפּילן איז אַ טייל פון דעם פּורים־ריטואַל. אַזוי למשל איז פאַראַן אַ באַריכט פון 1750 וועגן אַ גרופּע פּאָרטוגעזישע ייִדן וואָס האָבן געשפּילט שפּאַניש טעאַטער. זיי האָבן אויפגעפירט אָפּערעס, איבערגעזעצט פון פראַנצייזיש. קיין פרויען האָבן ניט געטאָרט שפּילן, אַזוי אַז מענער האָבן געשפּילט פרויען־ראָלעס. די פאָרשטעלונגען זײַנען אָבער פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַטהויז און זײַנען געווען אָפן פאַר די מיטגלידער פון דעם קרײַז.[40]

מיר האָבן אויך אַן אַנדער באַריכט פון דעם זעלבן יאָר 1750 וועגן אַ שפּאַנישער טרופּע פון ייִדישע אַקטיאָרן, וואָס האָט געשפּילט אַ גאַנצן ווינ־טער, צוויי מאָל אַ וואָך.[41] אין די יאָרן 1760־1763 ווערט דערמאָנט אַ סטאַ־בילער ייִדיש־שפּאַנישער טעאַטער, געשטיצט פון רײַכע פּאָרטוגעזישע ייִדן, אויסשליסלעך פאַר מיטגלידער. זיי האָבן געשפּילט דראַמאַטישע פּיעסעס און קליינע אָפּערעס.[42]

די שפּראַכיקע אַסימילאַציע וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די ספרדישע עלטע־מענטן פון האָלענדישן ייִדנטום אַ סך פריִער ווי די אַשכנזישע האָט זייער גיך געמאַכט אַ סוף צום ייִדיש־שפּאַנישן טעאַטער. די פאָלקסטימלעכע עלעמענטן פון ייִדישע יום־טובֿים בכלל און פון פּורים בפרט זײַנען אויסגעוועפּט

גערוואָרן, און שפּילן מחמת נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעלע מאָטיוון האָט מען שוין אויך ניט געדאַרפֿט.

די דראַמע אויף העברעיִש איז נאָך אָבער אַלץ אַן אָפֿטער גאַסט בײַ ספֿרדישע ייִדן אין האָלאַנד. אין 1710 גייט אַרויס די אַלעגאָרישע דראַמע פֿון משה בן אַהרן ששפּורטס [סאַספּאָרטאַס] א״נ „שכל טוב.״[43] און נאָך אין 1834 האָט אײנער יצחק בן יהודה הכּהן, אַ תּושבֿ פֿון כראָנינכען, פֿאַרעפֿנט־לעכט אויף העברעיִש און דײַטש אַן אידיליע „בעז ורות״ (ברעסלע, 155 זײַטן).[44]

ווי אַן עפּילאָג צו דער ראָלע פֿון ספֿרדישן עלעמענט אויפֿן געביט פֿון טעאַטער איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז דער האָלענדישער טעאַטער אין דרום־אַפֿריקע איז געגרינדעט געוואָרן פֿון אַ ספֿרדישן ייִדן פֿון האָלאַנד. ער האָט געהייסן י. סואַסאָ דע לימאַ. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַמסטערדאַם דעם 27טן יוני 1791. יונגערהייט האָט ער זיך אָפּגעשמדט. אין 1825 האָט ער געגרינדעט אין קאַפּשטאַט אַ האָלענדישן טעאַטער. עס איז געווען אַ דיכטער, איבערזעצער, אַקטיאָר און פּיעסע־שרײַבער. צווישן אַנדערע פּיעסעס האָט ער אַפֿילו איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצייזיש און אויפֿגעפֿירט (אין 1837) אַ פּיעסע פֿון ייִדישן לעבן. ער איז געשטאָרבן אין קאַפּשטאַט דעם 19טן דעצעמבער 1858.[45]

הערות

1 Rodrigo Cota de Magnaque.

2 Fernando de Rojas.

3 די וויכטיקסטע ליטעראַטור וועגן דעם דאָזיקן קלאַסישן ווערק איז אָנגעגעבן דאָ:

R. E. House, "The Present Status of the Problem of Authorship of the Celestina." In: *Philological Quarterly*, 1923, II, pp. 38-47; III, pp. 81-91. M. Serrano y Sanz, "Notas biografias de Fernando de Rojas, autor de la Celestina y del imperesor Juan de Lucena." In: *Revista de archivos, bibliotecas y museos*, VI, 1902.

וועגן זײַן אַנטיסעמיטיזם:

Fitzmaurice-Kelly, *Geschichte der spanischen Literatur*, 1925, p. 143.

וועגן זײַן מאַראַנישן אָפּשטאַם:

Cecil Roth, *The Jewish Contribution to Civilization*, 1938, p. 96. Cecil Roth. In: *Menorah Journal*, XXV, p. 34. L. Zelson, "La Celestina and Its Jewish Authorship." In: *The Jewish Forum*, XIII, pp. 459-466.

קעגן דעם ייִדישן אָפּשטאַם פֿון מחבר:

J. Cejador. In: *Revista critica hispano-americana*, 1916, II, p. 85.

4 J. Gregor, *Das spanische Welttheater*, 1937, p. 93.

עס איז ניט ריכטיק וואָס גרעגאָר שרײַבט, אַז די פּיעסע איז ניט געשפּילט געוואָרן. אין 1530 האָט מען זי אויפֿגעפֿירט אין ענגלאַנד. פֿ״גל:

R. Grossmann, *Spanien und das elisabethanische Drama*, Hamburg, 1920, p. 48 ff. די פּיעסע האָט אַרויסגערופֿן אַ סך סצענישע אימיטאַציעס און באַאַרבע־טונגען. זיי ווערן באַריכות באַהאַנדלט בײַ A. Bonilla y san Martin, *Las Bacantes o del origen del Teatro*, Madrid, 1921, pp. 99-107.

[5] קסוטו [קאַסוטאָ] משירי יוסף בן שמואל צרפתי. אין ,Kohut Memorial Volume
ז׳ קכא.

6 J. Prinsen, *Handboek tot de Nederlandsche Letterkundige Geschiedenis*, 1920, p. 217.

7 Athias. 8 Crook.

9 J. A. van Praag, *La comedia espagnole aux Pays-Bas aus XVIIe et au XVIIIe siècle*, Amsterdam, 1922, p. 40, 64, (זע : אינדעקס)
עטיאַש איז געווען גוטע פֿרײַנד מיטן באַרימטן האָלענדישן דראַמאַטורג פֿאָנדעל. עטיאַש איז אויך געווען אַ פּאָעט ; געשריבן האָט ער אויף פּאָרטוגעזיש.

J. M. Sterck, *Oorkonden over Vondel en zijn Kring*, 1917, p. 275. (Vondel en Joseph en Abraham Athias).

פֿאַר דער אַלגעמיינער כאַראַקטעריסטיק פֿון דער שפּאַנישער קאָמעדיע פֿון יענער צײַט זע: A. Morel Fatio, *La comedia espagnole du XVIIe siècle*, Paris, 1923, .72 pp.

[10] פּראַג האָט באַוויזן (ז׳ 55), אַז די פּאָפּולערע האָלענדישע פּיעסע וועגן אסתר המלכה פֿון J. Serwouters א״נ Hester of Verlossing der Jooden (1659) איז אַן אַדאַפּטירונג פֿון לאָפּע דע וועגאַס La hermosa Ester. דאָ זעט מען די השפּעה פֿון די ספֿרדישע ייִדן וואָס האָבן געהאָלפֿן איבערזעצן שפּאַנישע פּיעסעס וואָס גלאָריפֿיצירן דעם ייִדישן עבֿר.

11 Correa.

12 Academia de los Sitibundos.

[13] בעלמאָנטע האָט איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן Comoedia famosa dos successos de Jahacob e Esau.
אין 1699 איז אין דעלפֿט אַרויס: Comoedia famosa de Aman y Mordechay פֿון דעם ספֿרדישן ייִדן יצחק בן אַבֿרהם דע לאַכאַ, פֿון דער שטאָט לײַדן. זע אויך REJ XVIII, 287.

14 Kayserling, *Sephardim*, pp. 340-341; *idem*, *Bibliotheca*, pp. 89-90; REJ, XVIII, p. 282; Silva de Rosa, *Geschiedenis der portugeesche Joden te Amsterdam*, p. 100; Roth, *The History of Marannos*, pp. 312-314; נ. סוקולובֿ, שפּינוזה וזמנו, זז׳ 151־152.

15 Roth, pp. 336-337; Graetz, X3, pp. 182-183; צינבערג, ב׳ 4 זז׳ 392־393.
ס. באַראָן אינפֿאָרמירט ניט ריכטיק, אַז ער האָט אָנגעשריבן דרײַ פּיעסעס, זע *A Social and Religious History of the Jews*, II, p. 180, 211-212.

16 Kayserling, *Sephardim*, pp. 48-49. 17 Henriques.

[18] קלוזנר, היסטוריה של הספרות העבֿרית החדשה, 1, זז׳ 176־179. פֿון דער דראַמע איז פֿאַראַן אַן אויסגאַבע וואַרשע 1860.

[19] עס איז כּדאַי אָנצוּווײַזן אויף דער מאָדנער טעאָריע וואָס אייבערהעמס Abrahams האָט אויפֿגעבויט מכּוח דער פֿראַגע, פֿאַר וואָס האָבן די האָלענדישע ייִדן געשריבן זייערע דראַמעס דווקא אויף העברעיִש און ניט אויף שפּאַניש. וואָלט זכותא געשריבן זײַן דראַמע אויף שפּאַניש, זאָגט ער, וואָלט מען דאָס געהאַלטן אין האָלאַנד פֿאַר אַן „אומפּאַטריאָטישן" אַקט, — אין אַ לאַנד, ווּ מען האָט אַזוי פֿיל געשריבן אויף פֿרעמדע שפּראַכן און פֿאַרט זיך געהאַלטן פֿאַר גוטע האָלענדישע פּאַטריאָטן! אייבערהעמסעס צווייטער אַרגומענט איז, אַז אין יענער צײַט האָט אַ נײַער דראַמאַטורג ניט געהאַט קיין צוטריט צום טעאַטער, מחמת ס׳האָט עקזיסטירט אַ „ליטעראַרישער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿאַראיין" (literary trade union). ס׳איז אָבער ניט אַזוי. פּיעסעס האָבן געשריבן אָדער אַדאַפּטירט אַקטיאָרן און דראַמאַ־

טורגען, דירעקטאָרן פֿון טעאַטערס, — פּיעסעס, אָבער ניט קיין מליצה אין אַ כּלומר־
שטער דראַמאַטישער פֿאָרם. מען מוז דאָך מודה זײַן, אַז אַלץ וואָס די ספֿרדים האָבן
געשריבן אויף העברעיִש אָדער שפּאַניש איז דראַמאַטיזירטע מליצה. די ווערק האָבן קיין
שײַכות ניט צו טעאַטער. אַפֿילו זייער ליטעראַרישער ווערט איז מער ווי ספֿקדיק, און
אויב קלויזנער שרײַבט מיט התפּעלות וועגן די דאַזיקע ווערק וואָס האָבן פֿאַר אונדז
נאָר אַ קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, איז דאָס סײַדן דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען געשריבן
אין העברעיִש. זע: Abrahams, *Jewish Life in the Middle Ages*, 1917, זז׳
269־270.

20 Gomez.

21 Roth, *op cit.*, p. 246; Azevedo, *Historia dos Christaos Novos Portugueses*, 1922, p. 400 ff.

אויך צינבערג חזרט איבער די דאָזיקע אומקריטישע מיינונגען וועגן גאָמעסן. בײַ
דער געלעגנהייט איז כּדאַי צו קאָריגירן קייזערלינגס טעות וואָס אַלע היסטאָריקערס חזרן
איבער. ער האָט צונויפֿגעמישט צוויי דראַמאַטורגען מיטן זעלבן נאָמען. איינער פֿון זיי
איז פֿאַרברענט געוואָרן אין ליסאַבאָן אין 1738, אין עלטער פֿון 34 יאָר. דער דאָזיקער
אַנטאָניאָ ראָזאַ דע סילוואַ איז געווען אַ באַקאַנטער קאָמעדיע־שרײַבער און מאָלער און
האָט גאָרניט צו טאָן מיטן צווייטן, וועגן וועמען עס ריידן אַלע היסטאָריקערס. זע:
J. Lucio d'Azevedo, *O poeta Antonio José da Silva e a Inquisicao*, Lisbao, 1932; *idem*, *Historia do Christaos Novos Portugueses*, 1932, pp. 343-345.

22 די וויכטיקסטע ליטעראַטור:
Kayserling, *Sephardim*, pp. 280-284; *idem*, *Bibliotheca*, pp. 16-26; REJ, XVIII, p. 276 ff; Silva de Rosa, *Geschiedenis*, pp. 105-109; *idem*, *Festskrift Simonsen*, 1923, pp. 106-111; Roth, *op. cit.*, pp. 333-335.

23 אַסעווערָאַ, היסטאָריאַ, זז׳ 399־400.

24 דער ערשטער ספֿרדישער ייִד וואָס האָט געפּרוּווט שרײַבן אַ פּיעסע אויף האָלענדיש
איז געווען אליעזר אוריאל קאַרדאָזאָ. די פּיעסע הייסט: Het huwelyk door bedrog
(אַ חתונה דורך שווינדל), 1735. זע:
Witsen-Geysbeck, *Woordenboek der Nederduitsche Dichters*, Amsterdam, 1822, II, p. 28.

25 Couperin. 26 Pelissier.

27 "Le Triomphe de l'Interêt." 28 Rahois.

29 די וויכטיקסטע ליטעראַטור:
E. Biema, *Episoden uit het Leven van Fr. Lopez de Liz.* Haag, 1914-1915, pp. 163-225; *Oud Holland*, 1910, pp. 77-92; J. Fransen, *Les comédiens francais en Hollande au XVIIe et au XVIIIe siècles.* Paris, 1925.

(ברענגט אַ שלל נײַע פֿאַקטן פֿון אַרכיוואַלישע מקורים). די דײַטשע בראָשור וועגן לאָפּעץ
דע לי הייסט:
Des reichen Holländischen Juden Franz Düliz geheime seltsame Begebenheiten, 1739.

30 J. Fransen, *op. cit.*, p. 373.

31 Liefman Calmer.

32 J. Loeb, "Un baron juif francais au XVIIIe siècle." In: *L'Annuaire des Archives Israèlites*, II, 1885/86, pp. 25-36; *idem*, *Archives Israèlites*, 1885, p. 188, 195; E. Ringelblum in REJ, 88, p. 64; Fransen, *op. cit.*, p. 308, 311.

33 Pereyra.

34 Jensen, *Reizigers to Amsterdam*, 1919, p. 150.

35 Fransen, *op. cit.*, p. 229; "un juif s'intéressant au théâtre et particulièrement aux actrices."

36 F. Szper, "Een kunstlievende familie uit de 17de eeuw." In: *De Vrijdagovond*, 1924, no. 7. P. V. Sanders, "Muziekronick," *ibidem*, no. 16. H. Poppers, *De Joden in Overijsel*, 1926, p. 9.

37 D. F. Scheurleer, *Het muziekleven te s-Gravenhage in de tweede helft der 18e eeuw*, 1911, p. 41.

38 Kossmann, *Nieuwe bijdragen tot de geschiedenis van het Nederlandsche Tooneel*, Haag, 1915, p. 136.

אין דעם שפּײַכלער האָט מען פֿרי֗ער אויך געשפּילט טעאַטער, און דערפֿאַר האָט מען אים פֿאַרדונגען. מסתּמא האָט ענריקעס יאָ געשפּילט טעאַטער, ווײַל דער היסטאָריקער סילוואַ דע ראָסאַ דערציילט, אַז נאָך אין די יאָרן 1638, 1641־1651 האָט געשפּילט אַ געוויסער יאַקאָב לעאָן וואָס פֿלעגט באַקומען אַן ערך צען שטיווער פֿאַר אַן אָוונט. זע:
"Die Juden in den Schouwburg en in de opera te Amsterdam. . ." In: *De Vrijdagavond*, 1925, p. 46, 47.

39 די קאָרעספּאָנדענץ איז אָפּגעדרוקט אין גאַנצן אין:

J. van S. Mulder, "Bijdrage tot de Geschiedenis van de Joden in Nederland." In: *Nederl.-Isr. Jaarboekje*, 1852, pp. 78-84.

איבערגעדרוקט אין: *De Nederlandsche Spectator*, 1867, pp. 141-142.

40 Silva de Rosa, *Geschiedenis*, pp. 103-104.

41 Kossmann, *op. cit.*, p. 136.

42 Wijbrandt, *Het Amsterdamsche Tooneel*, 1873, p. 163.

די ספֿרדישע ייִדן זײַנען געווען די ערשטע וואָס האָבן פּראַקטיצירט „בענעפֿיט־פֿאָרשטעלונגען". לויט די אויסרעכענונגען פֿון דעם היסטאָריקער הילעסום האָבן די ספֿרדישע ייִדן אין אַמסטערדאַם געהאַט איבער 100 חבֿרות. פֿאַר אַ סך פֿון זיי זײַנען די ליבּהאָבער־פֿאָרשטעלונגען געווען דער איינציקער קוואַל פֿון הכנסה. עס איז דערפֿאַר קיין וווּנדער ניט, וואָס די באַליבטע פֿאָרם פֿון שטיצן אַ חבֿרה איז געווען אָדער שפּילן טעאַטער (און דערבײַ איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע, וואָס די גבֿירים האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין „אַקטיאָרן"), אָדער שטיצן אַ טעאַטער־אונטערנעמונג דורך גיין אויף אַ פֿאָרשטעלונג.
Hillesum. "Vereenigingen bij de Portugeesche en Spaansche Joden te Amsterdam in de 17de en 18de eeuw." In: *Eerste Iaarboek der vereeniging Amstelodanum*, Amsterdam, 1902, pp. 169-183.
43 MGWJ, 1931, p. 112.

44 אַבֿרהם יערי, דרמות בעברית, נומ׳ 230.

45 באַריכות וועגן אים בײַ:

F.C.L. Bosman, *Drama en Tooneel in Suid Afrika*, Kaapstad, 1928, pp. 257-270.

דרײַ יונגע סאָוועטיש־ייִדישע לינגוויסטן

פֿון יודל מאַרק

דאָס איז דער צווייטער פֿון די אַרטיקלען וועגן די פֿיר זאַמלביכער „אָפּגן שפּראַכ־פּראָנט" וואָס זײַנען אַרויס אין קיִעוו אין די יאָרן 1937־1939 אונטער ע. ספּיוואַקס רע־דאַקציע. דער ערשטער איז געווען געדרוקט אין פֿאַרגאַנגענעם נומער „ייִוואָ־בלעטער"; נאָך אַן אַרטיקל וועט קומען.

— רעדאַקציע

כ. לויצקער

די לינגוויסטישע סעקציע בײַם „קאַבינעט פֿאַר ייִדישער סאָוועטישער לי־טעראַטור, שפּראַך און פֿאָלקלאָר" בײַ דער אוקראַיִנישער אַקאַדעמיע פֿון וויסנ־שאַפֿטן האָט, חוצן פּאַרוואַלטער ע. ספּיוואַקן, די ווײַטערדיקע מיטאַרבעטערס: כ. לויצקער, ר. לערנער ,מ. מײַדאַנסקי, מ. שאַפּיראָ. זייערע אַרבעטן דרוקן זיך כסדר אין „אָפּגן שפּראַכפּראָנט". יעדערער פֿון די פֿיר האָט זיך מער־ווײ־ניקער זײַן אַרבעטספֿעלד און זײַנע אינטערעסן. וועלן מיר אַרומריידן די אַר־בעטן פֿון די ערשטע דרײַ.

כ. לויצקערס אַרטיקלען זײַנען רעזולטאַטן פֿון זייער פֿלײַ־סיקער אַרבעט. ער מאַכט דעם אײַנדרוק פֿון זייער אַ געוויסנדיקן מתמיד; ער איז אַ פּנים אַ ייִד אַ גריבלער וואָס האָט חשק זיך צו פֿאַרנעמען מיט פּרטים. דאָך זײַנען די אַרבעטן זײַנע דערווײַל נאָך ניט פֿרײַ פֿון געוויסע שטריכן פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט: עס איז ניט שטענדיק קאָנטיק די פֿעיִקייט זיך אַרויסצוהייבן פֿון די פּרטים צו אַלגעמיינע אויספֿירן, — עס טרעפֿן זיך פֿאַטאַלע מעטאָדאָלאָגישע גרײַזן וואָס רײַסן אַראָפּ די ווערט פֿון אַ טייל אַרבעט.

אין ערשטן נומער האָט כ. לויצקער אַן אַרטיקל וועגן דער לעקסיק פֿון אַלבערטאָנס פּערסאָנאַזשן (א, 47־65)[1]. עס איז געווען איבעריק אַרויסצו־ברענגען דאָרטן גאַנצע דרײַסיק טיפֿן פֿון אַלבערטאָנס ווערק, צום טייל אויך אַזעלכע וואָס אַלבערטאָן פֿאַרנעמט זיך מיט זיי גאָר ווייניק. פֿאַר די צילן וואָס דער מחבר שטעלט זיך וואָלט געווען גענוג זיך צו פֿאַרנעמען מיט עטלעכע טיפּן פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן און זיך מער קאָנצענטרירן אויף דעם

---

[1] די אותיות א, ב, ג, ד, באַצייכענען די העפֿטן 1, 2, 3, 4; די ציפֿער באַטײַטן די זייטלעך.

אַלגעמיינעם אַנאַליז פֿון דער שפּראַך פֿון אַלבערטאַנס פּערסאַנאַזשן, דאָס וואָס דער מחבר רופֿט אָן „די ווערטיקאַלע ריכטונג". כ. לויצקער האָט זייער אַ הויכע מיינונג וועגן אַלבערטאַנס קונסט צו כאַראַקטעריזירן זײַנע פּערסאָנאַזשן דורך זייער שפּראַך וואָס „איז באַדינגט פֿון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און שטייגערישע פּראָצעסן, אין וועלכע די דאָזיקע פּערסאָנאַזשן זײַנען אַרײַנגעצויגן" (א, 105). לויצקער מיינט אויך, אַז זייער שפּראַך איז „מאַקסימאַל אינדיווידואַליזירט" (א, 105). ער האָט בלויז טענות, למאַי אַלבערטאָן „גליטשט זיך אָפּט אַראָפּ צו שפּראַך־פֿאָטאָגראַפֿיע"; עס איז „קינסטלעריש ניט באַרעכטיקט דאָס קאָפּירן די פֿאָנעטיק". עס איז אָבער שווער מסכּים צו זײַן מיט די דאָזיקע אויספֿירן: פּונקט ווי עס איז צו הויך געשאַצט די שפּראַך־אינדיווידואַליזירונג אין אַלבערטאַנס ווערק, איז צו אַלגעמיין און צו אַבסטראַקט אַ הנחה, אַז שפּראַך־פֿאָטאָגראַפֿיע שטערט דער קינסטלערישקייט פֿון אַ ווערק (עלעהיי שלום־עליכם!), אָדער אַז דאָס קאָפּירן די פֿאָנעטיק איז אַ חטא אַלע מאָל, הגם אַזאַ געדאַנק ווערט באַפֿעסטיקט מיט אַ ציטאַט פֿון טשעכאָוון (עלעהיי „פֿישקע דער קרומער"!). די פֿראַגע איז, אין וואָס פֿאַר אַ מאָס מע טוט עס, און דער עיקר, ווי אַזוי מע טוט עס און וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק דאָס מאַכט אויף דעם לייענער!

כ. לויצקערס שפּראַך איז אַ סך בעסער פֿאַר דעם רעדאַקטאָרס. אָבער זי איז אויך ניט פֿרײַ פֿון איבעריקע דײַטשמעריזמען ווי: „קעגנוואַרט", „עטוואָס", „איניקע", און עס טרעפֿן זיך אויך שווערע זאַצן און מאָדנע פֿאָרמען פֿון ווערטער (למשל: „סטיכיי" אַנשטאָט „סטיכיע"). אין געוויסע אַנדערע אייגנשאַפֿטן פֿון דער שפּראַך איז אַ פּנים פֿאַראַן די ווירקונג פֿון דעם רעדאַקטאָר. דער „צו" וואָס קומט מיטן אינפֿיניטיוו קומט אויך בײַ לויצקערן פֿאַרן ווערבאַלן צוגאָב: „אויף צו איבערגעבן" (ג, 70), „אויף צו אָפּשפּיגלען" (ב, 95) און נאָך אַ סך. פֿאַראַן אַ באַזונדערע נטיה צו דער מער־צאָל־ענדונג „־עס": „פּראָבלעמעס", הגם אין איינצאָל ווערט שטענדיק גע־נוצט „פּראָבלעם"; דאָס וואָרט „די רייד" ווערט על פּי טעות אָנגענומען ווי אַן איינצאָל־פֿאָרעם. און נאָך אַנדערע אַזעלכע דעפֿעקטן וואָס זײַנען פֿאַראַן אין אַלעמענס אַרטיקלען.

אין צווייטן נומער האָט כ. לויצקער אַן אַרבעט וועגן דעם, ווי אַזוי די ייִדישע צײַטונגען אין ראַטן־פֿאַרבאַנד זעצן איבער סטאַלינס רעדעס (ב, 65־96). דער אַנאַליז פֿון די איבערזעצונגען אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען איז געמאַכט זייער באַריכות, מיט אַ מאַקסימום אחריות, און אויב אַפֿילו מע זאָל ניט דווקא צושטימען צו אַלע עפּיטעטן וועגן סטאַלינס סטיל, באַווײַזט זי אָבער, ווי פֿײַן און ווי פּינקטלעך איז כ. לויצקער בכּוח אָפּצוטאָן אַ שטיקל אַרבעט.

לויצקערס בעסטע און גרעסטע אַרבעט איז געדרוקט אין דריטן נומער: „פּראַגעס פֿון דיכטערישער איבערזעצונג" (ג, 21־70). ער פֿאַרנעמט זיך דאָרטן

מיט אַנאַליזירן די איבערזעצונגען פֿון פּושקינס דיכטונג, וואָס עס האָבן גע־מאַכט ד. האָפּשטיין, ע. פֿינינבערג, ל. רעזניק, מ. כאַשטשעוואַצקי, י. קאָט־ליאַר און י. רימיניק. לויצקער באַטראַכט די איבערזעצונגען, אויף וויפֿל זיי זײַנען געטרײַ און אויף וויפֿל זיי זײַנען סינטאַקסיש־סטיליסטיש קאָרעקט. די פֿאָדערונגען בנוגע געטרײַקייט זײַנען גאַנץ נאַטירלעכע:

„ס׳מאָרן ניט פֿאַרפֿעלט ווערן אין דער איבערזעצונג אַזעלכע ערטער פֿון דער אָריגינאַל־פּראָזע, וועלכע האָבן אַ זעלבשטענדיקן אינהאַלטלעכן ווערט, שוין אָפּגערעדט דערפֿון, אַז ס׳טאָר ניט אַרויסגעלאָזט ווערן קיין גאַנצער מער־ווייניק פֿאַרענדיקטער אינהאַלט־איינס פֿונעם אָריגינאַל. ס׳טאָר נישט געענדערט ווערן דער זינען פֿון דער גאַנצער פּראָזע אָדער פֿון אירן אַ טייל, אַזוי אַז עס זאָל דערפֿון געענדערט ווערן דער קינסטלערישער מיין פֿונעם אַנטשפּרעכיקן אָרט אינעם אָריגינאַל. אוודאי און אוודאי טאָרן ניט גע־מאַכט ווערן אַזעלכע „ענדערונגען“ וואָס פֿאַרקריפּלען דעם זינען פֿון דער אָריגינאַל־שטעל“ (ג, 26).

לויצקער האַלט זיך בײַ אָט דער שטרענגער אָבער גערעכטער מאָס און אַנאַליזירט די פֿאַלן, ווען די פֿרײַע איבערזעצונג איז די געטרײַע איבערזעצונג און גראָד די בוכשטעבלעכע איבערזעצונג גיט ניט איבער דעם געטרײַען באַטײַט; ער ווײַזט אָן אויף אַ ריי פֿאַלן, ווען די איבערזעצונג גיט איבער ווינציקער וויפֿל עס זאָגט דער אָריגינאַל, און אויך צודיכטונגען מצד דעם איבערזעצער, וואָס מאַכן קאַליע פּושקינס פּשטות און קלאָרקייט.

ווען לויצקער אַנאַליזירט די סינטאַקסיש־סטיליסטישע דערשײַנונגען, איז ער אָפּט צו שטרענג, ווײַל ער רעכנט זיך ניט מיט דער נייטיקייט אויפֿ־צוהיטן די פֿערזנמאָס און דעם גראַם.

העכער פֿון אַלע אַנדערע שטעלט דער מחבר ד. האָפּשטיינס איבערזע־צונגען, ווײַל זיי זײַנען די געטרײַסטע „סײַ לויטן אינהאַלט, סײַ לויט דער פֿאָרעם, סײַ לויט דער זויבערער קלאָרקייט און צאַרטקייט פֿון זײַן שפּראַך“ (ג, 25).

מיר וואָלטן געקאָנט קאָמענטירט יעדער איינעם וואָס פֿאַרנעמט זיך אָדער האָט זיך פֿאַרנומען מיטן איבערזעצן פּאָעזיע זיך צו באַקענען מיט כ. לויצ־קערס אַנאַליז.

אַ גרויסע אַרבעט האָט אויך כ. לויצקער אין דעם פֿערטן נומער „אָפּנ שפּראַכפֿראָנט“: „הומאָר אין שלום־עליכמס שפּראַך“ (ד, 17–66). די טעמע איז זייער אַ דאַנקבאַרע, דער מחבר האָט אַ סך געאַרבעט איבער איר. ער האָט זיך געשאַפֿן ניט קיין שלעכטע סכעמע אויף צו באַטראַכטן שלום־עליכמס שפּראַכהומאָר: 1) שפּראַך־דערשײַנונגען וואָס שפּיגלען אָפּ אַלאָגישקייט אינעם דענקען, 2) צווייטײַטיקייט און אַנדערע שפּראַך־דערשײַנונגען וואָס דריקן אויס ניט קלאָר דעם געדאַנק, 3) באַריידעוודיקייט, רייד־פֿאַרשווענדונג, פּאַ־ראַזיטיזמען אין די רייד, 4) פֿאַרשיידענע בילדערישע עקספּרעסיע־מיטלען.

5) שפּראַך־דערשײַנונגען וואָס צעשטערן די אָנגענומענע ליטעראַרישע נאָר־מעס, 6) דאָס בכּיוונדיקע אָדער ניט־בכּיוונדיקע צעקאַליעטשען ווערטער און קלאַנגענשפּיל.

און ניט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט זיך באַקומען אַן אַרבעט מיט אַן אינעווייניקסטן, צענטראַלן דעפֿעקט. כ. לויצקער נעמט אַרײַן אין זײַן אַנאַליז אַלץ וואָס ער געפֿינט בײַ שלום־עליכמען, ער טיילט גאָרניט אָפּ דאָס וואָס עס איז אָן שום ספֿק שלום־עליכמס אַ שאַפֿונג און וואָס שלום־עליכם האָט איבערגענומען גרייטערהייט פֿון פֿאָלקס מויל. עס איז טאַקע גאָרניט קיין פּשוטע זאַך דאָס אָפּצוטיילן, בפֿרט ווען עס רעדט זיך וועגן ווערטלעך; אין דעם איצטיקן שטאַנד פֿון פֿאָרשן אונדזער פֿאָלקלאָר קען מען דאָ אויך מאַכן טעותן און אַן אַלט פֿאָלקסווערטל צושרײַבן שלום־עליכמען. אָבער דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזאַ בייז. שלעכט איז, וואָס כ. לויצקער זעט דאָ ניט די פּראָבלעם. גאַנץ מעכאַניש נעמט ער זיך אַנאַליזירן אַלץ וואָס ער געפֿינט אין שלום־עליכמס בענד! און נאָר איין מאָל, בײַם שפּריכוואָרט: „בע־סער אָנקומען צו עלינו איידער צום בעסטן מענטשן" מאַכט ער אַ הערה: „אָט דאָס ווערטל, ווי די מערהייט אַנדערע שפּריכווערטער, האָט שלום־עליכם ניט „אויסגעטראַכט", נאָר ער האָט עס גענומען פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, בײַם פֿאָלק און דורך זײַנע געניאַלע ווערק עס אומגעקערט צוריק דעם פֿאָלק" (ד, 34). דאָס ווײַזט נאָר, אַז עפּעס רופֿעט אים דאָ. אָבער די באַמערקונג איז גאָר אַ קנאַפּע התנצלות פֿאַר אַ צענטראַלן מעטאָדאָלאָגישן גרײַז.

טאַקע וואָסער זינען האָט עס צו ריידן וועגן שלום־עליכמס הומאָר און דערבײַ אַנאַליזירן אַזאַ מין שפּריכוואָרט ווי מיר האָבן דאָ אָקערשט ציטירט, אָדער „אַ נעמעראָווער איז ניט קיין געבעראָווער", אָדער „אַז דער מאַן איז אַ פּרא־אָדם איז דאָס ווײַב אַ פּרה אדומה", אָדער דאָס ווערטל „פֿערדס בײַטש שטעקעלע" און אַזוי נאָך אַ סך פֿאַלן? דער הומאָר וואָס שטעקט אין דעם אידיאָם, אין דעם פֿאָלקסווערטל, אין דעם שפּריכוואָרט קען בשום אופֿן ניט פֿאַררעכנט ווערן ווי שלום־עליכמס הומאָר. נאָר אין די פֿאַלן, ווו שלום־עליכם פֿאַרנעמט זיך מיטן אויפֿדעקן דעם אונטערשייד צווישן דעם פּשוטן, בוכשטעבלעכן און דעם אידיאָמאַטישן זינען פֿון אַ ווערטל, ווי ער טוט עס אָפּט אין „מאָטל פּייסע דעם חזנס", האָבן מיר צו טאָן מיט שלום־עליכמס אַ שאַפֿונג.

חוץ דעם נעמט כ. לויצקער אַרײַן אין שפּראַכהומאָר אַזוינס וואָס איז בפֿירוש סיטואַציע־הומאָר. אָט למשל ווי מע וויל כאַפּן גזלנים און מע מיינט, אַז מען האָט געכאַפּט גזלנים און אין דער אמתן כאַפּט מען גאָר אינדיקעס (ד, 29).

הכּלל, לויצקער בראָדזיעט אין דעם ים פֿון שלום־עליכמס הומאָר און כאַפּט אויף, ווי ער פֿילט עס אַליין, „בלויז איינצלנע כוואַליעס און שפּריצ־פֿאַסן" (ד, 65). און אין אַ גרויסער מאָס איז ער שולדיק אין דעם ניט קענען

שאַפֿן אַן איבערבליק איבער דעם ים, ווײַל ער פֿאַרנעמט זיך מיטן שטודירן וואַסערן גאַרניט פֿון דעם ים נאָר פֿון אַנדערע, פֿריִערע קוואַלן.

ר. לערנער

ר. לערנער האָט אין די פֿיר נומערן דרײַ אַרבעטן: „דער גענעזיס פֿונעם געניטיוו־פּאָסעסיוו" (א, 126־149), „צו דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַרישער שפּראַך אָנהייב 19טן יאָרהונדערט" (ג, 165־190), „אינטאָנאַציאָנעל־סטיליסטישע באַזונדערקייטן פֿון שלום־עליכמס שפּראַך" (ד, 101־126).

אַ פּאָר ווערטער פֿריִער פֿון אַלץ וועגן דעם אַרטיקל וואָס מיר האָבן צו לעצט דערמאָנט. דאָס איז אַ זאַמלונג באַמערקונגען וועגן זאַצבוי בײַ שלום־עליכמען, ספּעציעל וועגן די פֿאַרשיידענע סטיליסטישע עפֿעקטן וואָס שלום־עליכם דערגרייכט דורכן צופּאַסן דעם ווערטער־סדר צו דער נאָר־מאַלער באַטאָנונג אין ריידן. חוץ זאַצבוי פֿאַרנעמט זיך דער מחבר מיט געוויסע סטיליסטישע פֿיגורן בײַ שלום־עליכמען, ספּעציעל מיט דער סטיליסטישער פֿיגור פֿון איבערחזרונג. ער ווײַזט אויך, ווי שלום־עליכם האָט שפּעטער איבערגעמאַכט אַ ריי שטעלן אין זײַנע ערשטע ווערק („קינדערשפּיל", „דאָס מעסערל"), און דער אויספֿיר איז אַזאַ וואָס מען האָט אים געקענט זאָגן לכתּחילה: „שלום־עליכמס שפּראַכסטיל — דאָס איז געלייטערטער, דערהויבענער און אָרגאַניזירטער פֿאָלקססינטאַקס" (ד, 126). הכּלל, עס איז אַן אַרטיקל וואָס איז ניט מוריד און ניט מעלה.

מיר האָבן דאָ אָנגעהויבן אַזוי צו זאָגן פֿון אַ גרינגער קאַוואַלערישער אַטאַקע. אַצינד לאָמיר איבערגיין צו דער שווערער אַרטילעריע פֿון ר. לערנערס שפּראַך־געשיכטלעכן עטיוד „דער גענעזיס פֿונעם געניטיוו־פּאָסעסיוו", אין ערשטן נומער פֿונעם „אַפּנ שפּראַכפֿראָנט". די אַרבעט רופֿט אַרויס געמישטע געפֿילן. אין איר ערשטער העלפֿט איז דאָס זייער אַ פֿײַנע אָנזאַמלונג פֿון ראַיות, אַז די קאָנסטרוקציע „מיט גאָט זײַן [אָדער: זײַנער] הילף", דאָס הייסט, אַז דאָס שאַפֿן אַ פֿאָרעם פֿאַרן אַנאַליטיש געבויטן פּאָסעסיוו פֿון אַ דאַטיוו פּלוס אַ פּאָסעסיוון פּראָנאָם, איז אין ייִדיש אַן אַלט־אײַנגעזעסענע. עס איז אַ שיינע אַרבעט אָט די דאָזיקע רשימה וואָס ציט זיך פֿון דעם 17טן יאָרהונדערט ביז האָפּשטיינען. ווען ר. לערנער דערציילט וועגן דער פֿאָרעם אין די דײַטשישע דיאַלעקטן (אָדער ריכטיקער וועגן צוויי פֿאַרשיידענע פֿאָרמען: דאַטיוו פּלוס פּאָסעסיווער פּראָנאָם און געניטיוו פּלוס פּאָסעסיווער פּראָנאָם) און גיט איבער די דערקלערונג פֿון פֿאַרשיידענע דײַטשישע שפּראַכפֿאָרשערס (רייז, בעהאַגהעל, דאַוש) טוט ער די אַרבעט זײַנע בשלמות. און נאָך דעם וואָלט ער געקענט אָדער מסכּים זײַן מיט איין מיינונג פֿון די אַרויסגעבראַכטע אָדער פּרוּוון דערקלערן די פֿאָרעם אויף זײַן שטייגער. אָבער ווײַטער פֿאַלט ער נעבעך אַ קרבן פֿון דער סאָוועטישער מאָדע אויף מאַרס

טעאָריעס.[2] ער לאָזט זיך אַרײַן אין די סאַמע געדיכטעניש פֿון יענער פֿינצ־טערער מעטאַפֿיזיקע וואָס הייסט בײַ מאַרן שפּראַך־פּאַלעאָנטאָלאָגיע און ער פֿאַרקריכט אין אַ זומפּ ניט אַרויסצודראַפּען זיך מער. עס קומט אויס פֿון דער צווייטער און פֿון דער דריטער האַנט צו נעמען ראַיות פֿון די אינדיאַנער־שפּראַכן, פֿון מאַלאַיִש, פֿון יאַקוטיש, פֿון מאַדיאַריש, פֿון כינעזיש — אַז וואָס ? בלויז אַז עס זײַנען פֿאַראַן אַמאָרפֿישע און אַגלוטינאַטיווע שפּראַכן, און דעריבער קענען יענע שפּראַכן ניט האָבן קיין פּאָסעסיוו מיט אַ ספּעציעלער פֿלעקסיע און די פֿאַרהעלטעניש פֿון פּאָסעסיווישקייט ווערט אויס־געדריקט דורך אַ ספּעציעל ווערטל. אָסור צי מע קען פֿאַרשטיין, צו וואָס מע דאַרף מטריח זײַן אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע און ווײַטע לשונות. צי דאַרף מען דעם גראָדן שׂכל אין גאַנצע עלימינירן, ווען מען האָט צו טאָן מיט אַ פּרוּוו צו דערקלערן אַ געוויסע גראַמאַטישע פֿאָרעם ?

נאָך דער עקסקורסיע אין דער ווײַטער וועלט אַרויס פֿאַרנעמט זיך ר. לערנער מיטן איבערגעבן אַ רייי שטעלן פֿון מאַרס פּאַלעאָנטאָלאָגישע אַר־טיקלען. דערבײַ טוט ער עס היפּש האַמעטנע און שטעלנווײַז איז ניט קלאָר, צי דאָס רעדט פֿאַר אונדז מאַר אָדער ר. לערנער, ווײַל עס איז ניט אין מאַרס כטיל צו ברענגען ראַיות פֿון גרימס ווערטערבוך, אַז דאָס וואָרט ז ײַ ן (דער ווערב) איז פֿילבאַטײַטיק. און מיר האָבן יענע קאַשע, אַז ז ײַ ן איז סעמאַנטיש געבונדן מיט ז ו ן , אַז דאָס וואָרט ז ו ן האָט ניט צופֿעליק צוויי באַטײַטן. אַז ז ו ן, ה י מ ל, ג אָ ט זײַנען דאָך אַוודאי געבונדן צווישן אַנאַנד, אַז י ה ו ה איז בײַ די יאַפּעטידן געווען דער נאָמען פֿון אַ בייזן גײַסט, אַז דאָס אויסמײַדן אָנצורופֿן גאָטס נאָמען, דאָס פֿאַרבײַטן עס מיט ש מ י ם אָדער ש מ י א באַלײַכט עפּעס אַ פּאַלעאָנטאָלאָגישן אמת — און פֿון דעם אַלעם דאַרף זיך אויף אַ לאָגישן אופֿן באַקומען עפּעס אַן אויספֿיר !

אויב דער מחבר האָט בלויז געוואָלט אַרויסזאָגן די סבֿרא, אַז די ענדונג פֿון פּאָסעסיוו ־ס שטאַמט אָפּ פֿון דעם פּראָנאָם זײַן (אַגבֿ אַ פּראָבלעם וואָס קען זיך זײַן ביז גאָר אינטערעסאַנט אָבער האָט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט שטודירן ייִדיש), קען מען נאָך אַלץ ניט דערזען, צו וואָס ער האָט געדאַרפֿט אַזוי פֿיל זײַטיקע עקסקורסיעס און אַזוי פֿיל ציטירן מאַרן, ווײַל דער געדאַנק, אַז פֿלעקסיעס זײַנען רעשטלעך פֿון ווערטער (פֿון פּראָנאָמען, פֿון פּרעפּאָ־זיציעס) איז אַ סך עלטער פֿאַר מאַרס טעאָריעס. און אַפֿילו אויב ר. לערנער זאָל זײַן גערעכט אין דעם, אַז די אַנאַליטישע פֿאָרעם פֿון פּאָסעסיוו איז עלטער פֿאַר דער סינטעטישער פֿאָרעם פֿון פּאָסעסיוו, אַז „דעם פֿאָטער זײַן הויז" איז עלטער פֿאַר „דעם פֿאָטערס הויז", האָט דאָך קיין שום שײַכות

[2] זע מײַנע אַרטיקלען „די שפּראַך־טעאָריעס פֿון אַקאַדעמיקער נ. מאַר" און „מאַרקסיס־טישע אָדער מאַריסטישע לינגוויסטיק", „ייִוואָ־בלעטער", ב' 8 (1935), זז' 97־106 און זז' 202־222.

ניט צו דעם ענין אַלץ וואָס ווערט געזאָגט אויף גאַנצע צען זײַטן (א, 136־146). יעדער איינער וואָס האָט ניט קיין רעליגיעזע באַציִונג צו מאַרן און גייט צו צו פּראָגעס ווען געשיכטלעכן אָפּשטאַם פֿון אַ פּאָרעם אָן געדיכטע פֿאָראורטיילן וועט מסכּים זײַן, אַז אַלע חקירות פֿון שפּראַך־פּאַלעאָנטאָלאָגיע האָבן ניט צוגעגעבן קיין האָר אַפֿילו צו באַשטעטיקן ר. לערנערס סבֿרא.

באַקומט זיך, אַז אַ זאַכלעכע אַרבעט וועגן אַן אינטערעסאַנטער קאָנ־סטרוקציע איז איבער אידעאָלאָגיע אַוועק אויף גליטשיקע דרכים און געבליבן שטעקן אין אַ מאַריסטישן נעפּל.

חײַקל הורוויצעס „צפֿנת פענח“ האָט די לעצטע יאָרן מזל. מיר האָבן שוין ווידער אַן אַרבעט וועגן דער שפּראַך פֿון אָט דעם מערקווערדיקן בוך — ר. לערנערס אַרבעט (ג, 165־190). אין אַלגעמיין באַשטעטיקט דער מחבר ב. שטיפֿס מיינונגען, אָבער אָן יענע גוזמאות, וואָס ב. שטיף איז שטענדיק געוועזן נוטה צו זיי, און אָן שטיפֿס פֿלי און עלעגאַנטקייט. ר. לערנער האָט ניט געהאַט פֿאַר זיך דעם פֿולן טעקסט פֿון חײַקל הורוויצעס בוך, מער ווי אַ דריטל האָט געפֿעלט אין זײַן עקזעמפּלאַר.

ר. לערנער אַנאַליזירט דעם סטיל פֿון „צפֿנת פענח“, פֿאַרגלײַכנדיק אַ ריי שטעלן מיט קאָמפּעס דײַטשישן אָריגינאַל; נאָך דעם פֿאַרנעמט ער זיך אַ ביסל מיט דער לעקסיק און פֿראַזעאָלאָגיע און שטעלט זיך דערבײַ דער עיקר אָפּ אויף די סלאַוויזמען; געניטער און פֿאַרזיכטיקער ווערט לסוף אַנאַ־ליזירט דער זאַצבוי. אָט דער טייל פֿון דער אַרבעט איז דער ווערטפֿול־סטער, הגם אויך דאָ וואָלט מען אָן שום ספֿק געקענט אַ סך מער אַרויס־קריגן פֿון דעם טעקסט אויף צו שטודירן דעם פֿאָלקסטימלעכן סינטאַקס פֿון ייִדיש אָנהייב פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ר. לערנערן פֿעלט זײַן חברס, כ. לויצקערס, התמדה און פּרטימדיקייט.

פּאָלעמישע טענער רײַסן זיך דורך אין דער אַרבעט אויך: לערנער האָט פֿאַקטיש טענות צו חײַקל הורוויצן, דעם מחבר פֿון אָנהייב 19טן יאָר־הונדערט, הלמאַי ער האָט אין אַ ריי ערטער פֿון זײַן בוך דערמאָנט גאָטס נאָמען (ג, 171־172).

ווען ר. לערנער האָט געאַרבעט איבער „צפֿנת פענח“ האָט ער געהאַט פֿאַר זיך זלמן רייזענס אַרטיקל אין פֿינפֿטן באַנד „ייִוואָ־בלעטער“ (זז' 29־40). ער האָט אָבער ניט אַלץ אויסגענוצט פֿון דאָרטן. ער האָט ניט געהאַט געזען נאָך בער שלאָסבערגס אַרבעט, וואָס זי איז געווען געדרוקט אין צוועלפֿטן באַנד „ייִוואָ־בלעטער“ (זז' 546־558), כאָטש דער באַנד האָט גע־קענט זײַן אין זײַנע הענט אָנהייב 1938. ר. לערנערס אַרבעט איז געדרוקט אין 1939. ב. שלאָסבערג האָט געניטער, פּשוטער און קלאָרער אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס האָט בעצם חײַקל הורוויץ מחדש געווען לגבי דעם דײַטשישן טעקסט. אי חײַקל הורוויץ דער אויפֿקלערער און קולטור־טרעגער, אי חײַקל הורוויץ דער דערציילער טרעטן בולטער אַרויס פֿאַר אונדז אין שלאָסבערגס

אַרבעט, און נאָר בײַם אַנאַליזירן חײַקל הורוויצעס סינטאַקס גיט אונדז ר. לערנער מער ווי ב. שלאָסבערג, הגם ניט אַלץ וואָס שלאָסבערג ווײַזט אָן האָט לערנער געהאַט באַמערקט. אונדז דוכט זיך, אַז דאָ האָט לערנערן גראָד צוגעדינט די ווירקונג פֿון דער פֿאָרמאַליסטישער שול, וואָס זי האָט געשאַפֿן אַ באַקוועמערע סיסטעם צו קענען באַמערקן און פֿאַרנאָטירן באַזונדערקייטן אין סינטאַקס. אין אַלע אַנדערע פּונקטן איז בער שלאָסבערג מעטאָדאָלאָגיש העכער, און דעריבער קומט ער אויך אויף אַ פּשוטן דרך צו קלאָרערע און עקזאַקטערע אויספֿירן.

מ. מײַדאַנסקי

חוץ דער אַרבעט וועגן „ט. ג. שעווטשענקאָס דיכטונג אין ייִדיש“ (ד, 163־206), וואָס איך קען זי ניט באַטראַכטן, ווײַל איך ווייס ניט גענוג וועגן דעם ענין, איז מ. מײַדאַנסקי געטרײַ זײַן באַגרענעצטן געביט פֿון שטודירן דעם ייִדישן סינטאַקס. ער האָט פֿיר אַרבעטן אין די פֿיר נומערן „אַפֿן שפּראַכפֿראָנט“, וואָס האָבן צו טאָן מיט סינטאַקס · „אַטריבוטן־אַדיעקטיוון בײַ איין סובסטאַנטיוו“ (א, 107־125), „סינטאַקסיש־סטיליסטישע פּאַראַלעלן (דער אַטריבוטיווער בײַזאַץ צווישן אַנדערע טיפּן זאַצן־באַהעפֿטונג)“ (ב, 105־129), „די טעמע „טיפּן בײַזאַצן“ אין דער מיטלשול“ (ג, 191־212), „וועגן דעם עפּיטעט בײַ שלום־עליכמען“ (ד, 67־80). אמת, די לעצטע אַרבעט האָט מער צו טאָן מיט סטיליסטיק, אָבער אויך זי גרענעצט זיך מיט סינטאַקסישע אַנאַליזן וואָס זײַנען מײַדאַנסקין אַזוי נאָענט צום האַרצן.

מײַדאַנסקיס אַרבעטן האָבן דער עיקר אין זינען דעם ייִדיש־לערער אין דער מיטלשול, און זיי זײַנען צוגעשפּיצט פֿאַר פּראַקטישע און מעטאָדישע צוועקן. אין דער אַרבעט פֿון ערשטן נומער גיט ער זייער אַ קלאָרן אַנאַליז פֿון דעם אונטערשייד צווישן ניט־גלײַכאַרטיקע און גלײַכאַרטיקע אַטריבוטן־אַדיעקטיוון און ער קומט צו אַזאַ אויספֿיר וועגן קאָמעס צווישן אַטריבוטן־אַדיעקטיוון צו איין סובסטאַנטיוו: „בײַ ניט־גלײַכאַרטיקע אַדיעקטיווישע אַטריבוטן, אומאָפּהענגיק פֿון זייער צאָל, קומען ניט קיין קאָמעס, צום בײַשפּיל: אַן אָקעאַן דריבנע אינדיווידועלע פּויערישע ווירטשאַפֿטן; בײַ גלײַכאַרטיקע אַטריבוטן וואָס באַזירן זיך אויף אַ שמעלערן קלאַסיפֿיציר־פּרינציפּ (ד״ה זיי זײַנען סימנים פֿון איין טיפּ) קומען קאָמעס אומאָפּהענגיק פֿון דער צאָל, צום בײַשפּיל: פֿאַרן אויג שוועבן דורך סטויפּעס הויכע, נידעריקע; בײַ גלײַכאַרטיקע אַדיעקטיווישע אַטריבוטן וואָס באַזירן זיך אויף אַ ברייטערן קלאַסיפֿיציר־פּרינציפּ (ווײַזן פֿאַרשיידנאַרטיקע סימנים) און דערבײַ איז די גלײַכאַרטיקייט ניט בולט אויסגעדריקט (ניטאָ קיין איבערגעחזרטער אַרטיקל), שטעלט מען קאָמעס, אויב די צאָל אַטריבוטן איז גרעסער פֿון צוויי, צווישן צוויי אַזוינע אַטריבוטן שטעלט מען געוויינלעך ניט קיין קאָמע“ (א, 121).

אונדז דאַכט זיך, אַז אויב יאָ פֿאַרנעמען זיך מיט תּלמידים אין אַ מיטלשול מיט אַזאַ אונטערשיידן די פֿאַרשיידענע אַטריבוטן וואָס זיי באַציִען

זיך צו איין סובסטאַנטיוו, קען עס ברענגען אַ געוויסן נוצן פֿאַר אַ בעסערן סטיל פֿון די תּלמידים גופֿא, עס קען בכלל שאַרפֿן זייערע פֿעיִקייטן צו אָב־סערווירן און צו אַנאַליזירן סטיליסטישע אייגנשאַפֿטן, אָבער דאָס דאַרף ניט האָבן קיין שײַכות צו לערנען די אָפּשטעל־צייכנס. מיר האַלטן זיך בײַ דעם, אַז אָפּשטעל־צייכנס אין ייִדיש דאַרפֿן ניט נעמען פֿאַר אַ מוסטער די אָפּ־שטעל־צייכנס אין רוסיש (אָדער דײַטש) און אַז בײַם לערנען אָפּשטעל־צייכנס דאַרף מען דער עיקר אויסלערנען זיך צוצוהערן צו דער אינטאָ־נאַציע. אָפּהענגיק פֿון דער אינטאָנאַציע קומט יאָ אָדער קומט ניט די קאָמע. איז פֿאַראַן די ספּעציפֿישע אינטאָנאַציע פֿון איבעררעכענען — דאַרף זײַן אַ קאָמע, איז זי ניטאָ — דאַרף מען ניט קיין קאָמע צווישן אַטריבוטן וואָס באַציִען זיך צו איין סובסטאַנטיוו. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ איז ניט מעגלעך צו מאָטיווירן אונדזער שטאַנדפּונקט. ער ווערט דאָ נאָר אַנטקעגנגעשטעלט דער קאָמפּליצירטערער סיסטעם, וואָס מײַדאַנסקי האַלט זיך בײַ איר.

אין דער אַרבעט וועגן „אַטריבוטיוון בײַזאַץ צווישן אַנדערע טיפּן זאַצן־באַהעפֿטונג" וויײַזט מײַדאַנסקי ווידער אַרויס די מעלה פֿון קלאָרן אַנאַליזירן סינטאַקסישע דערשײַנונגען. ער איז אַבסאָלוט גערעכט בײַם אײַנטיילן די אַטריבוטיווע בײַזאַצן אין דעטערמינאַטיווע און עקספּליקאַטיווע און ער דע־מאָנסטרירט מיט דעם, סאַראַ נוצן מע קען האָבן פֿאַרן שטודירן דעם ייִדישן סינטאַקס, ווען מע ווענדט זיך צו די גראַמאַטיקעס פֿון אַזעלכע שפּראַכן ווי פֿראַנצייזיש און ענגליש. ער איז אויך גערעכט, ווען ער טיילט אויס באַ־זונדער דעם מיטטיילנדיקן רעלאַטיוו־זאַץ (למשל: „מיט אַ פֿאָרטראָג איז אַרויסגעטראָטן דער ח׳ נ. וועלכער האָט געענוי זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שאַפֿונג פֿונעם שרײַבער", ב, 113). עס קומט אים אַ יישר־כּוח פֿאַר דער פֿײַנער באַמערקונג, אַז „דער מיטטיילנדיקער רעלאַטיוו־זאַץ איז אַן איבער־גאַנג־טיפּ פֿון קאָאָרדינאַציע צו סובאָרדינאַציע פֿון זאַצן" (ב, 113).

אָבער מ. מײַדאַנסקי קען זיך ניט באַפֿרײַען פֿון דער ווירקונג פֿון רוסישן סינטאַקס, און די אייגנשאַפֿטן פֿון רוסישן סינטאַקס זײַנען פֿאַר אים אין לעצטן סך־הכּל דאָס מאָסגיביקע. און דעריבער איז ער טאַקע אַזוי שאַרף קעגן שטיפֿן וואָס האָט זיך געמיט צו באַפֿרײַען אונדז פֿון דער ווירקונג מצד דעם רוסישן סינטאַקס. ווידער אַ מאָל, שטיף איז טאַקע געווען צו עקסטרעם אין זײַן קאַמף קעגן „פֿאַלשן בײַזאַץ", אָבער שטיפֿס שטאַנדפּונקט איז דאָך געווען דער ריכטיקער. די ייִדישע פּרעסע, און לײדער ניט נאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, די גאַנצע ייִדישע פּובליציסטיק איז אַזוי פֿול מיט שווערע, אומגעלומפּערטע, ניט־ייִדישע אַטריבוטיווע בײַ־זאַצן, אַז שטיפֿס פֿײַנער סטיליסטישער חוש האָט געמוזט אויפֿהייבן אַ מרידה קעגן זיי. נ. שטיפֿס טעמפּעראַמענט האָט אים שוין געפֿירט ווײַטער פֿאַרן ציל ממש און ער האָט געוואָלט שוין אָפּלייקענען גאַנצע מינים רעלאַטיווע

בײַזאַצן. און שטיפּס סיטואַציע האָט אים געצוווּנגען אָנצווויַזן, אַז די צרה נעמט זיך פֿון דער רוסישער ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ר פּ ר ע ס ע.

האָט מײַדאַנסקי ניט געדאַרפֿט זײַן קיין מאדים אין דעם פּונקט צו אַנטבלויזן שטיפֿן און אָנצוווײַזן: וואָס עפּעס דווקא ב ו ר ז ש ו אַ ז ע פּרעסע? און די איצטיקע ס אָ ו ו ע ט י ש ע פּרעסע? און פּושקין? און די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע רוסישע וואָרטקינסטלער? און אויב דער מקור פֿון דער פּרעמדשפּראַכיקער השפּעה איז ניט טרייף, ווי זשע קען מען זיך אָקעגנשטעלן דער ווירקונג מצד רוסיש? „און בכלל גערעדט, האָבן מיר דאָך ניט מורא פֿאַר קיין אַרײַנגעדרונגענע ווירקונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן (און פֿון רוסיש אָוודאי), וועלכע מאַכן ייִדיש רײַכער און אויסדרוקפֿעיִקער" (ב, 128). אָט דער שטאַנדפּונקט איז פֿאַר ייִדיש אַ סך געפֿערלעכער ווי ב. שטיפּס עקסטרעמקייט. ווירקונגען מצד דעם סינטאַקס פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך זײַנען די סאַמע צעשטערנדיקע, בפֿרט מצד רוסיש וואָס האָט אַזאַ שטאַרקע נטיה צו סובאָרדינירן זאַצן. ווי באַלד מען איז אָן אָנהענגער פֿון אַ געוויסער סיסטעם אין אַ געוויסן לאַנד, מוז מען שוין הייסט עס אָננעמען פֿאַר ליב, אַז דער סינטאַקס פֿון דער שפּראַך פֿון דעם לאַנד זאָל איבער־אַנדערשן דעם סינטאַקס פֿון דער אייגענער שפּראַך? די אייגענע שפּראַך מעג מען דאָך אויפֿהיטן און אַנטוויקלען, ווײַל מע גיט דאָך אָפּ דאָס לעבן אויף צו שטודירן זי. עס איז נאַטירלעך, אַז געוויסע קרײַזן וואָס האָבן ניט קיין שום באַציִונג צו שפּראַך זאָלן מאַכן פֿון דעם וואָרט פּ ו ר י ס ט אַ זידלוואָרט. אָבער ווען לינגוויסטן מאַכן פֿון דעם אַ זידלוואָרט, איז עס קאָמיש.

און אַגבֿ נאָך אַ פּאָר באַמערקונגען. שטיפּס השפּעה איז אַזוי גרויס און זײַנע אַרבעטן וועגן סטיליסטיק זײַנען אַזוי באַפֿרוכפּערנדיק, אַז די מיטאַר־בעטערס פֿון „אָפּנ שפּראַכפֿראָנט" קענען אים ניט פֿאַרגעסן און האַלטן אין איין ווענדן זיך צו אים און אין איין פּאָלעמיזירן מיט אים. און טשיקאַווע ווי בשעת שטיפּס פּ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ק י י ט ווערט אַזאַ גוואַל־דיקער חסרון, איז „מאַסנטימלעכקייט" אַזאַ גוואַלדיקע מעלה און די הויפּט־מעלה בײַ שלום־עליכמען. דאָס דאָזיקע פֿאַרבײַטן איין וואָרט מיטן צווייטן איז אַ דאַנקבאַרער ענין פֿאַר פּסיכאָלאָגן.

ווען דער פֿײַנער אַנאַליטיקער מײַדאַנסקי וואָלט געמעגט ליב האָבן די באַזונדערקייטן פֿון ייִדיש, וואָלטן די אויספֿירן פֿון זײַנע אַנאַליזן געווען אַנדערע. ער וואָלט ניט געקאָנט יעמאָלט ווערן באַגײַסטערט פֿון מאַרקישעס פֿאַרקירצטן בײַזאַץ: „בייטן... קוקט אין דער זײַט פֿון דער פֿאַרשווונדן־ווערנדיקער שטאָט ניו־יאָרק". מען מעג עס ניט אַרײַנלייגן אין חרם, אָבער איז עס טאַקע אַ נײַער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פֿון ייִדישן זאַצבוי? איז עס ניט אַן איבערזעצונג פֿון „איסטשעזאַיושטשאַוואָ"? און אָסור אויב עס

איז אַ רעגרעס ווען מע וואָלט געזאָגט: „בייטן... קוקט אין דער זײַט פֿון דער שטאָט ניו־יאָרק וואָס ווערט פֿאַרשווונדן...“

אין דעם אַרטיקל וועגן די טיפּן בײַזאַצן אין דער מיטלשול לערנט מײַדאַנסקי, ווי לערערס זאָלן קלאַסיפֿיצירן בײַזאַצן. דאָ גייט ער נאָך טריט בײַ טריט די לערנביכער פֿון רוסישן סינטאַקס און ער פֿילט זיך דערבײַ אויף אַ זיכערן באָדן. צי קען מען טאַקע נעמען און איבערזעצן פֿון איין שפּראַך אין דער אַנדערער די תּורה פֿון סינטאַקס? און וואָס זײַנען די פּראַקטישע צוועקן פֿון אָט דעם גאַנצן אַנאַליז אין דער מיטלשול? טאַקע נאָר צוליב אָפּשטעל־צייכנס? צוליב דער קליינטשינקער קאָמע אַזוי פֿיל הכבדות?

און אויך דער אַנאַליז וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף האָר־שפּאַלטערײַען ברענגט ניט קיין נוצן. מ. מײַדאַנסקי מאַכט אַן אונטערשייד (און לייגט פֿאַר אָט דעם אונטערשייד צו לערנען מיט תּלמידים אין מיטלשול) צווישן דעם בײַזאַץ וואָס דערגאַנצט דעם הויפּטזאַץ און דעם בײַזאַץ וואָס קאָנקרעטיזירט אַ פּראָנאָם אינעם הויפּטזאַץ. למשל: „ווער עס שלאָפֿט לאַנג, האָט קורצע טעג“ — דאָ איז אַ בײַזאַץ „ווער עס שלאָפֿט לאַנג“ אַ דערגאַנצונג פֿאַרן הויפּטזאַץ; „דער, ווער עס שלאָפֿט לאַנג, האָט קורצע טעג“ — דאָ איז דער זעלביקער בײַזאַץ אַ קאָנקרעטיזירונג פֿון דעם פּראָנאָם אינעם הויפּטזאַץ (ג, 193). צו וואָס דאַרף מען עס? איז דען דאָ פֿאַראַן עפּעס אַ וויכטיקער אינהאַלטלעכער אונטערשייד? אַגבֿ, די קאָמעס זײַנען דאָ געשטעלט על פּי מײַדאַנסקי, ריכטיקער על פּי כּללים אין רוסיש. לשיטתי קען מען דאָ אויסקומען איןביידע פֿאַלן זייער ווויל אָן קאָמעס, און עס וואָלט בכלל געווען מער יושר, ווען דעם גאַנצן ענין סוביעקט־בײַזאַץ זאָל מען לערנען אויף אַן אַנדער שטייגער, ווי אַ סוביעקט וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך אַ פֿראַזע (אין דעם זינען ווי עס ניצן דאָס וואָרט די ענגלישע גראַמאַטיקערס).

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז בעת עס קומט טאַקע אויס צו לערנען מיט קינדער די אַלע טיפּן בײַזאַצן, קענען גראָד מ. מײַדאַנסקיס סכעמעס און עצות זײַן נוציק. מיר זײַנען דאָ מחולק אין דעם ו ו אָ ס, ניט אין דעם ו ו י.

מײַדאַנסקי גיט אַן עצה, אַז די לערערס פֿון ייִדיש זאָלן אײַנפֿירן בײַם לערנען געוויסע אייגנשאַפֿטן פֿון ייִדישן סינטאַקס איבערזעצונגען פֿון רוסיש (ג, 212). אויב די תּלמידים טראַכטן אויף רוסיש, איז דאָס אַ גלײַכע זאַך; נאָר אויב די קינדער טראַכטן ייִדיש, איז מײַדאַנסקיס עצה אַ שעדלעכע.

אין דער אַרבעט וועגן עפּיטעט בײַ שלום־עליכמען זײַנען ניט קאָנטיק מײַדאַנסקיס אַנאַליזיר־פֿעיִקייטן. זי איז געמאַכט היפּשלעך כאַאָטיש, און דער מחבר קומט ניט צו קיין שום אויספֿירן.

צום אָנדענק פון שאול גינזבורגן

געבוירן אין מינסק 1866, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 16טן נאָוועמבער 1940

I

פון דער גרופּע ייִדישע היסטאָריקערס וואָס האָבן באַוויזן זייערע שעפערישע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן אין די יאָרן 1907־1914, אין די גערענק־ווערדיקע יאָרן פון דעם אויפבלי פון דער רוסיש־ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע, איז ווידער איינער אָפּגעטראָטן.

מיט שאול גינזבורגן האָבן מיך פאַרבונדן ענגע פרײַנדשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעך־ליטעראַרישע באַציִונגען אין יענע יאָרן 1907 ביז 1914 אין דעם אַמאָליקן פּעטערבורג. גינזבורג איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אַרבעטערס אויפן פעלד פון דער ייִדישער געשיכטע־שרײַבונג. ווי די מערסטע ייִדישע היסטאָריקערס אין יענע יאָרן איז ער בישט געווען וואָס מען רופט אַ היסטאָריקער „פון צעך", ער האָט ניט שטודירט געשיכטע אין אוניווערסיטעט און ניט געאַרבעט אין היסטאָרישע סעמינאַרן. ער איז געווען אַ יוריסט פון פאַך און האָט זיך פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַ היפּשע צײַט איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאַנד. נאָר ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר געשיכטע, פאַר היסטאָרישע דאָקומענטן, פאַר פאָלקלאָר, פאַר געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין לעבן פון רוסישן ייִדנטום. ער האָט זיך גענומען שרײַבן אין 1892, און איינע פון זײַנע ערשטע אָפּהאַנדלונגען („אַ פאַרגעסענע תּקופה", געדרוקט אין די חודש־ביכער פון „וואָסכאָד" 1896) איז געבליבן צווישן זײַנע בעסטע און אָריגינעלסטע אַרבעטן. זי באַהאַנדלט די אַנטוויקלונג פון דער רוסיש־ייִדישער אינטעליגענץ אין מיטן נײַנצנטן יאָרהונדערט.

אין איינעם מיט פּ. מאַרעקן האָט גינזבורג אַרויסגעגעבן אין 1901 אַ זאַמלונג ייִדישע פאָלקסלידער אין רוסלאַנד. אין 1903 האָט ער אין איינעם מיט ש. ראַפּאָפּאָרטן געגרינדעט די ערשטע טעגלעכע ייִדישע צײַטונג אין רוסלאַנד „דער פרײַנד", וואָס האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער פּרעסע, ליטעראַטור, שפּראַך און געזעלשאַפטלעכקייט.

אין 1912 האָט גינזבורג אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן דער נאָ־פּאָלעאָנישער מלחמה אין רוסלאַנד און ייִדן. דאָס בוך האָט אַרויסגערופֿן אינטערעס סײַ אין ייִדישע סײַ אין רוסישע קרײַזן. פֿון יעמאָלט אָן האָט ער אָנגעשריבן אַ צאָל גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען וועגן פֿאַרשיידענע היסטאָרישע געשעענישן און פּערזענלעכקייטן. דאָס רובֿ זײַנען זיי שפּעטער אַרײַן אין די דרײַ בענד „היסטאָרישע ווערק" וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1937 צו זײַן 70טן געבוירן־טאָג.

די וויסנשאַפֿטלעכע ווערדע פֿון די אָפּהאַנדלונגען איז ניט תּמיד די זעלבע. פֿאַראַן אַ ריי עטיודן וואָס דרינגען טיף אַרײַן אין אַזעלכע דערשײַנונגען פֿון ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד ווי ייִדן אין רוסישן מיליטער, גזירות און רדיפֿות. לעבן זיי אָבער געפֿינען מיר אַרטיקלען פֿון אַ מער אָנעקדאָטנדיקן כאַראַקטער. מיר מוזן נעמען אין אַכט, אַז שאול גינזבורג איז געווען אַ באַגײַסטערטער ליבהאָבער פֿון געשיכטע. ער האָט אָנגעקליבן מאָסן אַקטן, בריוו, גאַנצע פּריוואַט־אַרכיוון. ער האָט זיך ממש פֿאַרשיכּורט מיט יעדער היסטאָרישן פֿאַקט און אים באַשריבן מיט גרויס ליבשאַפֿט און קענטעניש. אָבער טייל אַרטיקלען זײַנען היסטאָרישע מיניאַטורן. דער מחבר ברענגט ניט אַלע מאָל אַרײַן די פּרט־פֿאַסירונג אין דער ברייטערער היסטאָרישער רעם. טייל מאָל פֿלעגט פֿאַרדריסן, וואָס שאול גינזבורג איז געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין קליינאַרבעט. מיר האָבן אים צו פֿאַרדאַנקען אַ סך שיינע מאָזאַיִק־שטיינער פֿאַר דער סאָציאַלער און קולטורעלער געשיכטע פֿון רוסישן ייִדנטום, אָבער ער האָט זיך ניט גענומען צו שרײַבן גרעסערע סינטעטישע אָפּהאַנדלונגען אַחוץ עטלעכע זאַכן.

אַז ער האָט געהאַט די פֿעיִקייטן און די קענטענישן צו מאַכן אַזוינע אַרבעטן, האָט ער באַוויזן, צווישן אַנדערע, אין אַ שיינעם אַרטיקל וועגן דעם אויפֿקום פֿון חסידיזם אין דעם 11טן באַנד „געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק" אין דער רוסישער שפּראַך אין מאָסקווער פֿאַרלאַג „מיר".[1]

אויף דעם דאָזיקן באַנד מוז איך זיך אָפּשטעלן מיט אַ פּאָר ווערטער. עס איז אַ קאָלעקטיוו אַרבעט פּונקט ווי דאָס גאַנצע ווערק און איז געווען געפּלאַנט אויף פֿופֿצן בענד. אַרויסגעגאַנגען איז מער ניט אָט דער 11טער באַנד און שפּעטער, שוין בשעת יענער וועלט־מלחמה, דער ערשטער באַנד (אָן איבערזעצונג פֿון רודאָלף קיטעלס ווערק וועגן דער ביבלישער תּקופֿה) און אַ טייל פֿון 12טן. אין דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, אַחוץ שאול גינזבורגן, אַלכּסנדר ברוידאָ, פּ. מאַרעק, יולי געסען, ישׂראל צינבערג און איך. די הויפּטאַרבעט איז געלעגן אויף גינזבורגן און מיר. ער איז געווען דער ממונה אויף די קאַפּיטלען וועגן אינעווייניקסטן

[1] דער באַנד איז אַגבֿ אַרויס אין 1914 און ניט אין 1915, ווי עס שטייט אין דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון גינזבורגס ווערק אין דריטן באַנד פֿון זײַנע „היסטאָרישע ווערק", ז' 393.

לעבן, ליטעראַטור און חסידיזם; איך האָב געהאַט צו טאָן מיטן היסטאָרישן, פּאָליטישן און עקאָנאָמישן טייל פֿון ווערק. מיר פּלעגן זיך אָפּט טרעפֿן בײַ דער אַרבעט, און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך נעענטער צו באַ־קענען מיט אים. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ קריטישן שׂכל, אַ סאַרקאַסטישן קוק אויף מענטשן און ענינים און אַ ביסל קנאת־סופֿרים. זײַנע אַרגומענטן פּלעגט ער אַרויסזאָגן אָפּגעהיטענערהייט און דערבײַ אָפּט שמייכלען. מירביידע זײַנען געווען זייער גוט צווישן זיך; אָבער אַפֿילו די וואָס זײַנען ניט געווען מיט אים שווה־בשווה האָבן אים אויך אַלע אָנערקענט פֿאַר אַ טאַלענטירטן שרײַבער וואָס איז געטרײַ איבערגעגעבן דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע.

גינזבורג פּלעגט הנאה האָבן פֿון דערציילן וועגן די אוצרות היסטאָרישע מקורים וואָס ער האָט צונויפֿגענומען פֿון אַלע זײַטן. אַ טייל דאָקומענטן האָט ער פּובליקירט אין די זאַמלביכער „פּערעזשיטאָיע" וואָס ער האָט אַרויס־געגעבן אין איינעם מיט ישׂראל צינבערגן (4 בענד, 1908־1912). מיך האָט ער אַגבֿ אויך צוגעצויגן צו די דאָזיקע זאַמלביכער.

נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך פֿאַר ייִדישע היסטאָריקערס געעפֿנט די צאַרישע רעגירונגס־אַרכיוון, און שאול גינזבורג האָט זיך אַוועק־געלאָזט אַהין און אָנגעקליבן אַן אומגעהייער רײַכן, נײַעם מאַטעריאַל. ס'איז אָבער ניט אין גאַנצן גערעכט צו זאָגן, אַז ביז אים זײַנען די צאַרישע אַרכיוון געווען לחלוטין פֿאַרמאַכט פֿאַרן היסטאָריקער. אין אַלגעמיין איז דאָס ריכטיק, אָבער פֿון צײַט צו צײַט האָט מען פֿאָרט דערלויבט ייִדישע היסטאָריקערס צוצוקומען צום מאַטעריאַל, און גינזבורג אַליין דערמאָנט אויך וועגן דעם; דער וויכטיקסטער צווישן די וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט רוסישע אַרכיוו־מאַטעריאַלן ביז דער רעוואָלוציע איז געווען יולי געסען.

בײַם ברייטן ייִדישן עולם אין אַלטן רוסלאַנד איז שאול גינזבורג געווען באַוווּסט דער עיקר ווי דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿרײַנד", ווי אַ מיטאַרבעטער אין אַ ריי רוסיש־ייִדישע צײַטשריפֿטן און ווי אַ כּלל־טוער. דער ייִדישער עולם אין אַמעריקע האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו לייענען אים לאַנגע יאָרן אין „צוקונפֿט" און אין „פֿאָרווערטס" און האָט מיט רעכט באַוווּנדערט דעם גלענצנדן עסעיִסט וואָס האָט אויפֿגעדעקט אַזוי פֿיל טונקעלע ווינקעלעך אין דער אַלטער ייִדישער גאַס אין צאַרישן רוסלאַנד.

ד"ר מ. וווישניצער

II

אין די 90ער יאָרן איז אַ נײַע גרופּע רוסיש־ייִדישע אינטעליגענץ גע־קומען צו פֿאַרבײַטן דעם דור משׂכּילים וועלכער האָט כּמעט אַ האַלבן יאָר־הונדערט געהערשט אין ייִדישן קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. די דאָזיקע נײַ געקומענע כּלל־טוער און קולטור־טוער וואָס האָבן דאָס רובֿ געלעבט אין

פּעטערבורג זײַנען שוין ניט געווען קיין אויטאָדידאַקטן ; כּמעט אַלע זײַנען זיי דורכגעגאַנגען דעם אַלגעמיינעם אוניווערסיטעט און אויסגעוואַקסן אויף די בעסטע דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ, און פֿון דער צווייטער זײַט האָבן זיי מיטגעבראַכט פֿון זייערע היימען אין „תּחום" ייִדיש וויסן און וואַרעמע ייִדיש־פֿאָלקיסטישע געפֿילן. דאָס איז געווען אַ דור פֿון סינטעז צווישן דער אַלטמאָדישער השׂכּלה און דער באַוועגונג פֿון תּשובֿה און צוריק אַהיים, וואָס האָט זיך באַוויזן נאָך די פּאָגראָמען און גזירות פֿון די 80ער יאָרן. אַזוי האָט די דאָזיקע פּעטערבורגער גרופּע סוף די 90ער יאָרן איבערגענומען אין אירע הענט די רעדאַקציע פֿונעם אַלטן אַסימילאַטאָרישן „וואָסכאָד" און געגעבן אים אַ נײַע ריכטונג, זי האָט זיך שפּעטער געגומען דעמאָקראַטיזירן די „חבֿרה מפֿיצי השׂכּלה", האָט אָנגעהויבן פֿירן די קולטור־אַרבעט אויף אַ נײַעם שניט, צוהערן זיך צו דער שפּראַך פֿון פֿאָלק און צו זײַנע שאַפֿונגען און צו זאַמלען מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד.

איינער פֿון די בעסטע און פּעיִקסטע פֿאָרשטייער פֿון אָט דער נײַער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאָרמאַציע איז אָן שום ספֿק געווען שאול גינזבורג. אויף אַ ריי געביטן איז אים אויסגעקומען צו טאָן אַ פּ י אָ נ י ר י ש ע אַרבעט. אַזוי איז למשל געווען מיט דער ערשטער זאַמלונג ייִדישע פֿאָלקסלידער, אַזוי איבער הויפּט מיט דער גרינדונג פֿון „פֿרײַנד" (1903) און אַזוי אויך שפּעטער מיט דער גרינדונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער געזעלשאַפֿט, מיט די זאַמלביכער „פּערעזשיטאָיע" און מיט דער קאָלעקטיווער געשיכטע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד.

אין זאַמלען מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון פּויליש־ליטוויש־רוסישן ייִדנטום האָט גינזבורג געהאַט פֿאָרגייער. דער ערשטער אויף דעם פֿעלד איז געווען דער באַוווסטער רוסישער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר ס. בערשאַדסקי, גראָד ניט קיין ייִד : ער האָט אָנגעקליבן עטלעכע טויזנט אַקטן, וואָס נאָר אַ טייל פֿון זיי איז פּובליקירט געוואָרן. אין 1891־1892 איז אַרויס ש. דובנאָוו מיט זײַן רוף „נחפּשה ונחקורה", און אין 1908־1909 איז לויט זײַן איניציאַטיוו געגרינדעט געוואָרן אין פּעטערבורג די ייִדישע היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט און איר זשורנאַל „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ". כּמעט איינצײַטיק איז אַ דאַנק גינזבורגס ענערגיע געשאַפֿן געוואָרן די דערמאָנטע אויסגאַבע „פּערעזשיטאָיע".

אָבער ער האָט ניט דובלירט די „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ", ער האָט אין זײַנע זאַמלביכער אַרײַנגעטראָגן אַן אייגענעם טאָן. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מער מיט קולטור־געשיכטע, און כּמעט אויסשליסלעך מיטן 19טן י"ה. אין פֿאַרבינדונג מיט די זאַמלביכער האָט גינזבורג גענומען סיסטעמאַטיש זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל. און אויך דאָ האָט ער מחדש געווען : ער איז געווען אפֿשר דער ערשטער וואָס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט דער

קולטור־געשיכטע, און דערהויפּט מיט דער פּ אָ מ י ל י ע ־ ג ע ־ ש י כ ט ע פֿון ייִדן אין רוסלאַנד און האָט אויפֿגעקליבן אַ ים: עלטערע פּריוואַטע בריוו, צוואות, כּתובות, געשעפֿטלעכע פּאַפּירן וכדומה. אין זײַן זאַמלונג זײַנען אַרײַן די אַרכיוון פֿון אַזעלכע זײַלן פֿון דער השׂכּלה, ווי מרדכי־אַהרן גינצבורג, לעאָן מאַנדעלשטאַם, י. ל. גאָרדאָן, בוקי בן יגלי, ל. בינשטאָק, ד״ר ר. קולישער, י. מ. באַקשט א״אַנד (זע זײַן הקדמה צום 1טן באַנד „היס־טאָרישע ווערק״). נאָך דער רעוואָלוציע, בעת ער האָט באַקומען אַ צוטריט צו די געעפֿנטע פּעטערבורגער רעגירונגס־אַרכיוון, האָט ער במשך פֿון 13 יאָר געשעפּט פֿון דאָרטן אויך.

ס׳איז אים געראָטן די גאַנצע קאָלעקציע און דעם וויכטיקסטן טייל פֿון זײַן ווערטפֿולער ביבליאָטעק אַרויסצופֿירן אין 1930 פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד קיין אויסלאַנד, תּחילת קיין פּאַריז און אין 1933 קיין אַמעריקע. אַנדערע ייִדישע היסטאָרישע אַרכיוון אין רוסלאַנד האָבן ניט געהאַט אַזאַ מזל: זיי זײַנען אָדער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן (אַרכיוו פֿון דער משפּחה באַראָן גינצבורג), אָדער צעשטויבט געוואָרן (אַרכיוו פֿון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער גע־זעלשאַפֿט), אָדער צעברעקלט געוואָרן שוין אין אויסלאַנד (ש. דובנאָווס אַרכיוו).

פֿון די רײַכע אוצרות זײַנע האָט שאול גינזבורג פֿאַרעפֿנטלעכט נאָר אַ גאַנץ קליינעם טייל, און דאָס אויך דער עיקר ערשט אין די לעצטע 15 יאָר. אין אים האָט זיך פֿאַראייניקט דער פֿאָרשער מיט אַ שאַרפֿן היס־טאָרישן חוש און דער אויסגעצייכנטער קענער פֿון די מקורים מיטן פֿײַנעם דער־ציילער. די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן האָט ער אַרויסגעוויזן אויך ווי זייער אַ געניטער רעדאַקטאָר פֿון אַ גאַנצער ריי וויכטיקע אויסגאַבעס (פֿון די זאַמל־ביכער „פּערעזשיטאָיע״, „העבֿר״, „יעווריייסקי וועסטניק״, „יעווריייסקאַיאַ מיסל״ און פֿון דער דערמאָנטער געשיכטע פֿון פֿאַרלאַג „מיר״) און אויך ווי אַ פּוב־ליקירער: פֿון ל. מאַנדעלשטאַמס זכרונות, ילג״ס טאָגבוך, בוקי בן יגליס און מענדעלעס בריוו און אַ צאָל אַנדערע זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן.

נאָך זײַן אויספֿירלעכער אַרבעט „אַ פֿאַרגעסענע תּקופֿה״ אין „וואָסכאָד״ (שפּעטער אַרײַן אין זײַן ז״ב „מינוווּשעיע״ 1923) וועגן דעם ערשטן רוסיש־ייִדישן אָרגאַן „ראַזסוועט״ און די 60ער יאָרן בכלל, האָט ער 16 יאָר קיין גרעסערע היסטאָרישע אַרבעטן ניט געשריבן; אין די 4 ביכער „פּערע־זשיטאָיע״ האָט ער אָפּגעדרוקט נאָר עטלעכע קלענערע זאַכן, דאָס רובֿ דאָ־קומענטן. דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן אויך בנוגע די צוויי ביכער „העבֿר״ (1918), ווו זײַן וויכטיקסטער צושטײַער איז די פּובליקאַציע פֿון אײַזיק מאיר דיקס קונטרס וועגן דער „בהלה״ אין ניקאָלאַי I צײַטן.

זײַן וויכטיקסטע היסטאָרישע אַרבעט איז אַרויס אין 1912 — וועגן נאַ־פּאָלעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד אין 1812 און די שטימונגען פֿונעם רוסישן ייִדנטום. דער מחבר נוצט דאָ אויס אַ קאָלאָסאַלן מקורים־מאַטעריאַל, דער עיקר אַ ניט־ייִדישן. ער גיט אַ ברייט בילד פֿונעם ייִדישן מצבֿ אין יענע

יאָרן און פֿון די רוסיש־פּאַטריאָטישע שטימונגען ביי דער יִדישער באַפֿעל־קערונג און אירע אָרטאָדאָקסישע פֿירערס. ער שטעלט זיך אָפּ ספּעציעל באַריכות אויף דער ראָלע פֿונעם פֿירער פֿון חב״ד ר׳ שניאור זלמן דעם ליאַדיער. וועגן די אַנדערע חסידישע רביים און וועגן דער שטעלונג פֿון די מתנגדים דערמאָנט ער מערניט פֿאַרבייגייענדיק, אַז זיי זיינען אויך געווען געשטימט פּאַטריאָטיש און געשטאַנען אויפֿן צד פֿון רוסלאַנד. זיין טעזיס, אַז „די עלעמענטאַרע פּאָליטישע לאָגיק האָט געמוזט אונטערזאָגן די רוסישע יִדן צו ווינטשן אַ מפּלה דער פֿראַנצייזישער אַרמיי״ און אַפֿילו אַקטיוו צו העלפֿן דעם קאַמף קעגן דעם לאַנד־שונא, האָט נאָך יעמאָלט ביי עטלעכע קריטיקער אַרויסגערופֿן ספֿקות. איצט ווייסן מיר, אַז אָט די שטימונג איז גאָר נישט געווען אַזאַ אַלגעמיינע און אַז נישט באַר פּאַטריאָטיזם האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע. אָבער דאָס אַלץ מינערט ניט דעם גרויסן ווערט פֿון דעם בוך (אַ פּאָר קאַפּיטלען האָט גינזבורג אָפּגעדרוקט אין יִדיש אין דער פּעטערבורגער „יִדישער וועלט״ 1912, און אַ הוספֿה צו דער אַרבעט איז פֿאַראַן אין ב׳ 4 פֿון „פּערעזשיטאָיע״).

פֿון די גרעסערע און וויכטיקערע אַרבעטן אין רוסיש דאַרף אויך דער־מאָנט ווערן זיין גרויסער אַריינפֿיר צום דיקן באַנד דאָקומענטן וועגן די יִדישע קרוינשולן (רוסיש, פּעטערבורג 1920) א״ב „די רוסישע רעגירונג און די פֿראַגע פֿון בילדונג פֿאַר יִדן אין דער ערשטער העלפֿט 19טן י״ה״ דער זאַמלבוך „מינוּווּשעיע״ וואָס איז אַרויס אויך אין פּעטערבורג מיט 3 יאָר שפּעטער איז דער עיקר אַ זאַמלונג שוין געדרוקטע אַרטיקלען.

פֿון 1922־1923 גייט גינזבורג אַריבער פֿון רוסיש אויף י ִ ד י ש ; פֿון יעמאָלט אָן דרוקט ער זיינע היסטאָרישע אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער „צוקונפֿט״ און שפּעטער, פֿון 1930 אָן, אויך אין „פֿאָרווערטס״ (זיין אַרטיקל אין דער מינסקער „צייטשריפֿט״ 1929 און די פּאָר אַרטיקלען אין די פֿילאָ־לאָגישע שריפֿטן פֿון יִוואָ און אין די „יִוואָ־בלעטער״ האָבן אַ שייכות מער צו ליטעראַטור־געשיכטע). די וויכטיקסטע אַרטיקלען פֿון אָט דער לעצטער תקופֿה זיינען אַריין אין די דריי בענד פֿון זיינע „היסטאָרישע ווערק״ (ניו־יאָרק 1937). מיטן איבערגאַנג צו יִדיש טרעט ער אַרויס פֿאַר אונדז ווי אַ היסטאָריקער אין אַ נייער געשטאַלט. ער בייט אין אַ גרויסער מאָס זיין מעטאָד: ער, וואָס האָט שטענדיק אַזוי מדקדק געווען צו אילוסטרירן דעם טעקסט מיט אויטענטישע דאָקומענטן און ברייט צו ציטירן די געדרוקטע מקורים, זוכט איצט ווי ווייט מעגלעך אויסצומיידן אָנווייזן און אויך אָריגינעלע טעקסטן פֿון די דאָקומענטן — אַ פּנים כּדי ניט צו פֿאַרשווערן פֿאַרן לייענער צוצוקומען צום סיפּור־המעשׂה. עס בייט זיך ביי אים אויך דער סטיל: אַנשטאָט דער געשליפֿן אינטעליגענטישער שפּראַך פֿון זיינע רוסישע ווערק זיינען די אַרטיקלען אין יִדיש געשריבן אין סטיל פֿון אַ פּשטן. די טעמעס גופֿא ווערן מער אינעווייניקסטע, אינטימע, כּמעט עטנאָגראַפֿיש־מעמואַריסטיש.

אַליין פֿאַר זיך וואָלט דאָס געווען אַ מעלה, ווען ניט אָט די נטיה צוליב פּאָפּולאַריזאַציע וועגן מותּר צו זײַן אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן און מקורים־אַפּאַראַט. ניט שטענדיק שטייט בײַ גינזבורג דעם נסיון, און צו עטלעכע אַרטיקלען גיט ער יאָ צו זייער וויכטיקע ביבליאָגראַפֿישע אָנווײַזן (למשל צו די אַרטיקלען וועגן די קאַנטאָניסטן און רעקרוטשינע אָדער וועגן יידן אין 1812), בעת ווען אין אַ ריי אַנדערע פֿאַרבייגט ער דאָס כּמעט אין גאַנצן, איבער הויפּט אינעם ערשטן באַנד „ווערק". אָבער ווער האָט נאָך אַזוי גוט געוווּסט ווי גינזבורג, אַז פֿריערדיקע פֿאָרשונגען וועגן אַן ענין זײַנען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט און שטייען פּרינציפּיעל אַ האָר ניט ניי־דעריקער פֿון אַרכיוו־מקורים? און איבער הויפּט איז אַ שאָד, וואָס גראָד אַזאַ קענער פֿון די געדרוקטע מקורים ווי גינזבורג איז אין די יידישע ווערק געווען אַזאַ קנאַפּער מקפּיד אויף זיי.

ער גייט אַזוי ווײַט אין אויסמײַדן מראה־מקומות, אַז ער ווײַזט אַפֿילו ניט אָן זײַנע אייגענע אַרבעטן אויף די טעמעס. אַ שטייגער אינעם אַרטיקל „דוד לוריע אין שליסעלבורגער פֿעסטונג" (ב' 1) גיט ער ניט אָן זײַן אייגענע גרעסערע אַרבעט וועגן דעם פֿון „יעווּר' סטאַרינאַ" ב' 12 (1928). בכלל ווײַזט ער ערגעץ ניט אָן, ווו און ווען די אַרטיקלען זײַנען פֿריִער שוין געווען געדרוקט און וואָס עס ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט צום ערשטן מאָל. ווען ניט די זייער גוטע און פּרטימדיקע שאול גינזבורג־ביבליאָגראַפֿיע פֿון יצחק ריבקינדן צום סוף פֿון דריטן באַנד פֿון זײַנע ווערק, וואָלט דער לייענער וועגן דעם גאָרניט געוווּסט.

מיר זאָגן דאָס אַלץ כּדי צו כאַראַקטעריזירן דעם ספּעציעלן צוגאַנג פֿון שאול גינזבורגן צום יידיש־לייענער. אָבער דער לייענער וואָלט אַ האָר ניט פֿאַרלאָרן, ווען היסטאָרישע אַרטיקלען אין יידיש זאָלן אים דערלאַנגט ווערן אַזוי ווי מען איז זיך נוהג זיי צו דערלאַנגען אין אַנדערע שפּראַכן, און פֿאַר דער יידישער היסטאָרישער וויסנשאַפֿט וואָלט עס זיכער געווען אַ גרויס געווינס.

אָבער אַזוי ווי מיר האָבן זיי, זײַנען גינזבורגס שריפֿטן אויך אַ צו־שטײַער אַ וויכטיקער ביז גאָר צו דער אינעווייניקסטער געשיכטע פֿון רו־סישע יידן, דערצו אַזוי פֿײַן און פּשוט געשריבן. קיינער האָט ניט געקענט אַזוי בילדעריש און לײַכט איבערדערציילן טרוקענע אַרכיוו־דאָקומענטן ווי ער. צום בעסטן אפֿשר איז דאָס צו זען פֿון דער סעריע וועגן די „סלאַוווּטער קדושים", וואָס האָט זיך געדרוקט מיט צוויי יאָר צוריק אין „פֿאָרווערטס".

סאַראַ שאָד, וואָס שאול גינזבורג האָט כּמעט ניט געשריבן קיין פֿולדיקע ווערק. איבער הויפּט איז אַ שאָד, וואָס ער האָט ניט אַרויסגעלאָזט קיין מאָנאָגראַפֿיע וועגן די קאַנטאָניסטן, אַ טעמע, וואָס איבער איר האָט ער אַזוי פֿיל יאָרן געאַרבעט מיט גרויס התמדה (פֿ"גל די קאַפּיטלען אויף דער טעמע אין ב' 3). אָבער אָן אָט די „פּרטים" וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן — ריב־

קינדס ביבליאָגראַפֿיע פֿאַרצייכנט 267 נומערן ביז 1937 — איז אוממעגלעך צו שרײַבן די קולטור־געשיכטע פֿון רוסישן ייִדנטום אין 19טן י״ה.

זײַן טויט איז אַ שווערע אבֿדה פֿאַר דער ייִדישער היסטאָרישער וויסנ־שאַפֿט. די טראַדיציע פֿון זאַמלען און אָפּהיטן די דאָקומענטן פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט האָט מיט זײַן טויט פֿאַרלאָרן איינעם פֿון אירע בעסטע און ענטוזיאַסטישסטע פֿאַרשטייער.

א. טשעריקאָווער

III

טאָמער וואָלט שאול גינזבורג ניט איבערגעלאָזן קיין שום אַנדער ווערק ווי די „ייִדישע פֿאָלקסלידער אין רוסלאַנד״, וואָס זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן 1901 אין פּעטערבורג דורך דער רעדאַקציע „וואָסכאָד״, וואָלט זײַן נאָמען אויך שטענדיק געבליבן פֿאַרצייכנט לשבֿח אין דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט. די זאַמלונג וועט בלײַבן אַ קלאַסישע אַזוי לאַנג ווי ערגעץ ווו וועט זיך עמעצער אינטערעסירן מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר.

אויפֿן שער־בלאַט פֿון דעם בוך שטייט: אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון ש. גינזבורג און פּ. מאַרעק. צום באַדויערן ווייס מען ניט, ווי גרויס עס איז געווען דער חלק פֿון יעדערן פֿון די צוויי, און איצ־טער וועט מען זיך שוין קיין מאָל ניט דערוויסן, ווײַל ביידע זײַנען שוין אויפֿן עולם־האמת. זיכער איז מאַרעק געווען מער ווי אַ נאָמינעלער מיט־אַרבעטער; אָבער עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל, אַז גינזבורג, מיט זײַן שטאַרקערן אימפּעט, איז געווען אויב ניט דער איניציאַטאָר, איז דער טרײַבנדיקער כּוח פֿון דער גרויסער אַרבעט.

עס איז קיין קונץ ניט איצטער, מיט פֿערציק יאָר שפּעטער, צו געפֿינען חסרונות אין דער זאַמלונג. די פֿאָלקלאָריסטיק האָט ווײַט אַ שפּאַן געטאָן פֿאָרויס, און וועגן ייִדישע לידער ווייס מען הײַנט אויך אַ סך מער נאָך די אַרבעטן פֿון י. ל. כּהנען און אַנדערע. ספּעציעל איז אַ ריס אין האַרצן, וואָס די זאַמלונג האָט אונדז געגעבן נאָר טעקסטן און ניט קיין ניגונים. ווען מען פֿאַרגלײַכט גינזבורגס און מאַרעקס ערשטע אויפֿרופֿן וועגן קלײַבן לידער (נעדיעלנאַיאַ כראָניקאַ וואָסכאָדאַ, 1898, נומ׳ 11 און 19) מיט דעם אַרײַנפֿיר צו דער לידער־זאַמלונג גופֿא, זעט מען אַרויס, אַז לכתחילה האָבן זיך די צונויפֿשטעלערס מער אינטערעסירט מיט דעם קולטור־היסטאָרישן אונטער־שלאַק פֿון די לידער: זיי האָבן געקוקט אויף די לידער ווי אויף היסטאָרישן מאַטעריאַל וועגן גזירות, וועגן די קרוינישע שולן און אַזוי ווײַטער. אין דעם אַרײַנפֿיר צום בוך שטימען שוין די רעדאַקטאָרן אײַן מיט די באַמערקונגען וואָס זײַנען זיי געמאַכט געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז דער ניגון איז אַן עיקר־דיקער טייל פֿונעם ליד; זיי גיבן איבער, אַז פֿון טייל פּובליקירטע לידער

האָבן זיי באַקומען די נאָטן און זיי זאָגן אַ דאַנק י. ענגעלן פֿאַר זײַן מיט־הילף; זיי פֿאַרהאָפֿן, אַז אין גיכן וועלן זיי קענען אַרויסלאָזן די נאָטן אין אַ באַזונדערער אויסגאַבע. צום באַדויערן איז די דאָזיקע נאָטן־זאַמלונג קיין מאָל ניט אַרויס.

אָבער זוכן חסרונות איז ניט שייך. גרעסער איז דער חידוש, וואָס ביז הײַנטיקן טאָג נאָך זײַנען די טעקסטן פֿון גינזבורג־מאַרעקן דער באַזיס פֿאַר יעטווידער פֿאָרשונג פֿון ייִדישן פֿאָלקסליד. ס'איז אויך ניט פֿאַרעלטערט ביז הײַנטיקן טאָג דער אַרײַנפֿיר מיט זײַן קולטור־היסטאָרישן איבערבליק איבער דער ערשטער העלפֿט נײַנצנטן יאָרהונדערט.

מ. וו.

יעקב מאַן און זײַן לעבנסווערק

פֿון ר. מאַהלער

דעם 23טן אָקטאָבער 1940 איז אין סינסינעטי געשטאָרבן אין עלטער פֿון 52 יאָר פּראָפֿעסאָר יעקב מאַן, איינער פֿון די פֿאַרדינסטפֿולסטע פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער געשיכטע.

עס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר פֿאַרמאָגן ניט קיין ביאָגראַפֿיע פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם געלערנטן. ניט בלויז וואָס עס פֿעלן אונדז שטריכן צו זײַן באַשיידענער, אָבער אין תּוך אויסערגעוויינטלעך רײַכער פּערזענ־לעכקייט. צו באַדויערן איז נאָך מער, וואָס מיר האָבן ניט קיין ידיעות וועגן זײַנע יוגנטיאָרן, די קאַמפֿיאָרן פֿון אַ ישיבֿה־בחור אַן עילוי וואָס האָט זיך מוטיק און עקשנותדיק אַדורכגעהאַקט אַ וועג דורך אַלע מניעות פֿון סבֿיבֿה־פֿאַראורטיילן און מאַטעריעלער נויט, כדי צו דערגרייכן דעם ציל פֿון זײַן בענקשאַפֿט — שעפֿערישע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעט.

געבוירן אין פּרעמישלע דעם 26טן אויגוסט 1888, אַ זון פֿון דאָרטיקן שוחט ניסן מאַן, האָט יעקב מאַן געלערנט אין בית־המדרש ביזן עלטער פֿון צוואַנציק יאָר. מיט עטלעכע יאָר פֿאַר דער וועלט־מלחמה איז ער אָנגע־קומען קיין לאָנדאָן, כּדי זיך צו פֿאַרשרײַבן אין דאָרטיקן Jews' College. ניט האָבנדיק די מיטלשול־בילדונג וואָס האָט זיך געפֿאָדערט כּדי פֿאָרמעל אָנ־גענומען צו ווערן אין דעם דאָזיקן קאָלעדזש, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען די נייטיקע לימודים. אַ דאַנק זײַן אומגעוויינטלעכער התמדה, ווילנס־קראַפֿט און פֿעיִקייט האָט ער זיך אין משך פֿון צוויי יאָר אויסגעלערנט די ענגלישע שפּראַך און אויסגעהאַלטן אין קאָלעדזש דעם געהעריקן עקזאַמען. 1913 האָט ער אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט באַקומען דעם באַקאַלוירעאַט און אין 1915 דעם טיטל מאַגיסטער. אין דער זעלבער צײַט האָט ער שטו־דירט אין Jews' College אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַדאָלף ביכלערן וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זײַן וויסנשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. ער האָט אויך געפֿונען אַן אַפּוטרופּס אין דעם הויפּט־ראַבינער פֿון ענגלאַנד ד"ר י. הערץ וועלכער האָט אים געגעבן באַשעפֿטיקונג בײַ זיך ווי אַ העברעיִשן סעקרעטאַר. אַ געוויסע צײַט איז מאַן אויך געווען לערער פֿון דעם הײַנט גוט באַקאַנטן היסטאָריקער סיסיל ראָטה. אין 1920 האָט ער באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט אויפֿן יסוד פֿון זײַן דיסער־

טאַציע: „ייִדן אין מצרים און אין ארץ־ישׂראל אונטער די כאַליפֿן פֿאַטימידן״. אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון ראַבינער הערץ איז די דיסערטאַציע אַרויס אין דרוק און האָט באַלד געמאַכט דעם מחבר אַ שם אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט.

אין זעלבן יאָר איז מאַן געקומען קיין אַמעריקע. דאָ איז ער פֿון יאַנואַר 1921 ביז יולי 1922 געווען באַשעפֿטיקט ווי אַ לערער אין דעם קאַלעדזש פֿאַר ייִדישע לערער אין באַלטימאָר, דערנאָך איז ער אַנגעקומען אין היברו יוניאָן קאַלעדזש אין סינסינעטי, וווּ ער איז געווען פּראָפֿעסאָר פֿון תּלמוד און ייִדישער געשיכטע ביז זײַן פֿריצײַטיקן טויט. אין די יאָרן 1927־1928 האָט ער געגעבן לעקציעס ווי אַ גאַסט־פּראָפֿעסאָר אין דעם העברעיִשן אוני־ווערסיטעט אין ירושלים. אין שײַכות מיט דער דאָזיקער נסיעה האָט ער געמאַכט אויספֿאָרשונגען אין די אים שוין פֿריִער גוט באַקאַנטע בילביאָטעקן אין אָקספֿאָרד און אין קעמברידזש, אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן און דער־הויפּט און דער מלוכה־ביבליאָטעק אין לענינגראַד, וווּ ער האָט געפֿונען אוצרות מאַטעריאַלן וועגן די קראים.

יעקבֿ מאַנס וויסנשאַפֿטלעכע אויפֿטוען זײַנען פֿון אַזאַ פֿאַרנעם, סײַ לויט זייער כּמות, סײַ לויט זייער איכות, אַז בלויז עטלעכע געציילטע ייִדישע פֿאָר־שער פֿון דער הײַנטיקער צײַט קענען זיך צו אים גלײַכן.

זײַן געוואַלטיקן טאַלענט אין אַנאַליזירן און אינטערפּרעטירן דאָקומענטן און פֿאַרבינדן אָפּגעריסענע היסטאָרישע ידיעות, זײַנע זעלטענע קענטענישן אין תּלמוד און אין דער גאונישער ליטעראַטור, זײַנע גרונטיקע ידיעות אין דער אַראַבישער שפּראַך האָט מאַן, צום גרויסן גליק און נוצן פֿון דער ייִדי־שער וויסנשאַפֿט, אָנגעווענדט אין זײַנע מיפֿולע שטודיעס אויף אַזעלכע פּעל־דער און תּקופֿות פֿון דער ייִדישער געשיכטע, וועלכע זײַנען ביז אים געווען צום ווייניקסטן אויסגעפֿאָרשט. אויב דאָס לעבן פֿון ייִדן אין ארץ־ישׂראל, סיריע, מצרים און צפֿון־אַפֿריקע אין מיטל־עלטער איז שוין הײַנט ניט אַזאַ ווײַסער פֿלעק אויף דער מאַפּע פֿון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע, ווי עס איז געווען נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, האָבן מיר דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען דער אומפֿאַרמאַטערלעכער פֿאָרשונג און די גלענצנדיקע ווערק פֿון יעקבֿ מאַנען.

נאָך אין זײַן ערשטן גרויסן ווערק, „ייִדן אין ארץ־ישׂראל און אין מצרים אונטער די כאַליפֿן פֿאַטימידן״ (1920, 1922) האָט מאַן פֿאַר אונדז אַרויס־געבראַכט רעוועלאַציעס וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדן אין יענע לענדער. מיר באַקומען דאָרט אַ פֿילפֿאַרביק בילד וועגן די ייִדישע ייִשובֿים אין ארץ־ישׂראל, וועגן דעם פּאָליטישן מצבֿ פֿון די ארץ־ישׂראלדיקע ייִדן אונטער דער אַראַבישער ממשלה, וועגן די ישיבות און גאונים אין ירושלים, וועגן די באַציִונגען מיט ייִדן אין מצרים, וועגן דעם צוזאַמענלעבן צווישן די

רבנישע יִדן און די קראים און וועגן די סאָציאַלע פֿאַרהעלטענישן פֿון יִדן
אין די דאָזיקע לענדער.

מאַן האָט אָבער נאָך אין די ערשטע יאָרן פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכער
אַרבעט געווענדט זײַן אינטערעס אויך צו עטלעכע אַנדערע פֿעלדער פֿון
דער יִדישער געשיכטע, אין וועלכע ער איז געוואָרן מיט דער צײַט אַלץ
אַ שאַרפֿערער מומחה און וועלכע ער האָט באַרײַכערט מיט אַ שלל וויסנ־
שאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונגען און נאָך מער מיט דאָקומענטן־זאַמלונגען: די
תּקופֿה פֿון די גאונים אין בבֿל, די געשיכטע פֿון די קראים און די געשיכטע
פֿון תּפֿילה און קריאַת־התּורה.

זײַן אַרבעט וועגן דער גאונים־תּקופֿה, געדרוקט אין Jewish Quarterly
Review אין עטלעכע המשכים אין די יאָרן 1917־1919, איז געווען דער
ערשטער פּרווו אין דער יִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע אָנצוצייכענען אַ בילד
פֿון דעם סאָציאַלן, רעליגיעזן, קולטורעלן און קהילה־לעבן בײַ יִדן אין דער
גאונים־תּקופֿה אויפֿן יסוד פֿון די שאלות־ותּשובֿות. די רעזולטאַטן פֿון זײַנע
ווײַטערדיקע שטודיעס וועגן די גאונים אין בבֿל האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין
אַ ריי אָפּהאַנדלונגען, פֿון וועלכע די וויכטיקסטע זײַנען געדרוקט אין „תּרביץ"
אונטערן קעפּל „ענינים שונים הנוגעים בתקופֿות הגאונים". מיר האָבן דאָרט
אַ שפֿע חידושים וועגן דער פּערזענלעכקייט פֿון אַ ריי גאונים, וועגן די
ישיבֿות און וועגן זייער זיצאָרט (מאַן האָט אויפֿגעוויזן דעם פֿאַקט, אַז די
ישיבֿות פֿון סורא און פּומבדיתא האָבן זיך אַריבערגעטראָגן קיין באַגדאַד, די
ערשטע אין 10טן, די צווייטע נאָך אין 9טן י"ה), און וועגן דער ווירטשאַפֿט־
לעכער לאַגע פֿון יִדן אין בבֿל אין 10טן און אין 11טן י"ה. די גרעסטע
רעוועלאַציע פֿון די דאָזיקע שטודיעס איז זײַן אויפֿדעקונג, אַז די קאַמפֿן
צווישן די צוויי ישיבֿות זײַנען געווען פֿאַרפֿלאָכטן מיטן קאַמף צווישן צוויי
צדדים פֿון דער יִדישער פֿינאַנץ־פּלוטאָקראַטיע אין באַגדאַד. אַפֿילו די
געלט־צושטײַערס פֿאַר די ישיבֿות פֿלעגן געשיקט ווערן, ווי מאַן באַווײַזט,
דורך טשעק־איבערווײַזונגען פֿון די גרויסע יִדישע בענק און האַנדל־פֿירמעס.

די אַלע פֿאָרשונגען וועגן דער גאונים־תּקופֿה זײַנען געשטעלט געוואָרן
אין שאָטן דורך מאַנס זאַמלונג מאַטעריאַלן און שטודיעס וועגן די גאונים,
וואָס פֿאַרנעמען דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן ערשטן באַנד Texts and Studies
in Jewish History and Literature, 1931. מיר האָבן דאָרט קודם־כּל אַ זאַמ־
לונג בריוו פֿון גאונים פֿון בבֿל, סײַ אויפֿגעדעקטע בריוו פֿון דער גניזה אין
קאַהירע, סײַ שוין פֿריִער פֿאַרעפֿנטלעכע אין אַ נײַער, קריטישער באַלײַכטונג.
די דאָזיקע בריוו שפּיגלען אָפּ די שרעקלעכע פֿאַראָרעמונג פֿון די בבֿלישע
יִדן אין 10טן און 11טן י"ה און, אויף דעם דאָזיקן פֿאָן, דעם פֿאַרביטערטן
קאַמף צווישן די גאונים אַרום די געלטער וואָס פֿלעגן אָנקומען פֿון ווײַטע
קהילות פֿאַר שטיצע. ווידער ברענגט דאָ מאַן אַרויס אַ נײַע טעאָריע וועלכע
ער פֿלײַסט זיך צו באַווײַזן אויפֿן יסוד פֿון נײַ־אויפֿגעדעקטע מאַטעריאַלן,

אַז די אַמטן פֿון גאון און ראָש־גולה אין בבֿל זײַנען גאָרניט אונטערגעגאַנגען אין 11טן י״ה, ווי אַלע האָבן געהאַלטן, נאָר האָבן עקסיסטירט אָן איבעררײַס ביז דער תּקופֿה פֿון די אַ״ג באַגדאַדער גאונים. אויך אויף דער דאָזיקער צווייטער תּקופֿה, דער צײַט פֿון גאון שמואל בן עלי פֿון באַגדאַד (דער באַ־קאַנטער קעגנער פֿון רמב״ם), וואַרפֿט מאַן אַ שפּאַר ביסל ליכט, דערקלערנ־דיק בעיקר דאָס שײַכות פֿון די פּאָליטישע קאַמפֿן צווישן די גאונים פֿון בבֿל, דמשק און מצרים צו דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פֿון די מוסולמענישע מלוכות. אין דעם זעלבן באַנד „טעקסטן און שטודיעס״ גיט מאַן אַ נײַע זאַמלונג אָפּ־האַנדלונגען און דאָקומענטן וועגן ייִדן אין ארץ־ישׂראל און אין מצרים אין מיטל־עלטער, וואָס זי איז סײַ לויט כּמות, סײַ לויטן איכות אַ גלענצנדיקער המשך פֿון זײַן ערשטן גרויסן ווערק וועגן „ייִדן אונטער די פֿאַטימידן״. גאָר אַ נײַ געביט אין דעם דאָזיקן באַנד איז די געשיכטע פֿון ייִדן אין מאָסול און אין קורדיסטאַן פֿון 16טן ביזן 18טן י״ה, וואָס פֿריִער איז זי כּמעט לחלוטין געווען אומבאַקאַנט.

אין שײַכות מיט זײַנע אַרבעטן וועגן דער גאונים־תּקופֿה אויפֿן יסוד פֿון דער גניזה האָט מאַן אָנגעטראָפֿן אויף מאַטעריאַלן וועגן משיחישע באַ־וועגונגען. אין זײַן קלאַסישער אַרבעט „התּנועות המשיחיות בימי מסעי הצלבֿ״ (התּקופֿה תּרפּ״ה, תּרפּ״ו) האָט ער געוואָרפֿן אַ שײַן אויף דער משיחישער באַוועגונג אין ביזאַנץ פֿאַרן ערשטן קרייצצוג, אויף די משיחישע באַוועגונגען פֿון דוד אל רואי און פֿון תּימנער ייִדן אין 12טן י״ה, ווי אויך אָפּגעזוכט אַן אומבאַקאַנטע משיחישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל אין יענער תּקופֿה. סײַ אין דער דאָזיקער אַרבעט, סײַ אין אַ ריי אַנדערע האָט מאַן באַהאַנדלט אויך די ערשטע משיחישע באַוועגונגען בײַ ייִדן פֿון 7טן און 8טן י״ה, די באַוועג־גונגען פֿון אבי־עיסי און סערענע. אין דעם דערמאָנטן ערשטן באַנד פֿון זײַנע „טעקסטן און שטודיעס״ גיט מאַן איבער אַ העברעיִשן כּתבֿ־יד וועגן אַ משיחישער באַוועגונג אין סיציליע אין 12־13טן י״ה.

אויך די פֿאָרשונג פֿון דער געשיכטע פֿון אייראָפּעיִשע ייִדן אין מיטל־עלטער האָט אַ סך צו פֿאַרדאַנקען די דאָקומענטן וואָס מאַן האָט אַרויסגע־בראַכט אויף דער ליכטיקער שײַן. צום ערשטן אין זײַנע אָפּהאַנדלונגען אין Revue des Etudes Juives, און בעיקר אין דער ערשטער אָפּטיילונג פֿון זײַן ערשטן באַנד „טעקסטן און שטודיעס״, האָט אונדז מאַן באַשאָנקען מיט נײַע מאַטעריאַלן און שטודיעס וועגן ייִדן אין שפּאַניע אין דער צײַט פֿון חסדאי אבן שפּרוט, וועגן ייִדן אין דרום־פֿראַנקרײַך און אין ביזאַנץ.

מאַנס פֿאָרשונגען וועגן די קראים האָבן אים מיט רעכט געמאַכט נאָך מער באַרימט איידער זײַנע וויכטיקע שטודיעס וועגן דער גאונים־תּקופֿה. אויף דעם דאָזיקן געביט האָט מאַן זיך אײַנגעשאַפֿט אָנערקענונג ווי אַ וויסנשאַפֿט־לעכער מײַסטער. אָנגעהויבן מיט אַ שטודיע וועגן ענָנס סדר פֿון תּפֿילה און קריאַת־התּורה אין 1919, האָט מאַן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿאַרעפֿנט־

לעכט, בעיקר אין דער Jewish Quarterly Review, גאַר וויכטיקע פֿראַגמענטן פֿון „עלטסטע קראַימישע פּירושים אויף תּנ״ך״, ווי אויך אַנדערע קראַישע כּתבֿ־ידן, צווישן זיי אַ ריינדיקן קראַישן אויפֿרוף פֿון 9טן י״ה, וואָס רופֿט ייִדן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישׂראל. און ווידער, ווי אויפֿן פֿעלד פֿון דער גאונים־פֿאָרשונג, איז נאָך די גינצלעך ליכטשטראַלן וואָס האָבן באַלויכטן אומבאַקאַנטע ווינקעלעך פֿון דער קאַראַימישער געשיכטע און אידעאָלאָגיע געקומען דאָס גרויסע ווערק, זײַן צווייטער באַנד „טעקסטן און שטודיעס״, מיט אַן אונטערקעפּל Karaitica, אַ מאָנומענטאַל בוך פֿון העכער 1600 זײַטן.

די ערשטע אָפּטיילונג פֿון דעם דאָזיקן ווערק נעמט אַרום דאָקומענטן און שטודיעס וועגן די קראים אין נאָענטן מיזרח, בעיקר אין ירושלים. די צווייטע האָט אַ שײַכות צו די קראים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און קרים, און די דריטע נעמט אַרום מאַטעריאַלן און אָפּהאַנדלונגען וועגן די קראים אין ליטע און אין פּוילן ביזן 19טן י״ה. דעם כּמותדיקן באַטײַט פֿון דעם דאָזיקן ווערק קען מען אָפּשאַצן שוין דערפֿון, וואָס עס באַטרעפֿט לויט דער צאָל זײַטן מער ווי צוויי מאָל אַזוי פֿיל ווי אַלע פֿריִערדיקע זאַמלונגען פֿון דאָקו־מענטן וועגן קראים צוזאַמענגענומען, — ש. פּינסקערס, אַ הרכּבֿיס, אַדאָלף נײַבויערס און ח. י. גורלאַנדס. די דאָזיקע דאָקומענטן זײַנען אָבער אויך לויט זייער אינהאַלט אַן אוצר פֿון ידיעות וועגן קאַראַימישער תּורה און וועגן לעבן פֿון די קראים, וואָס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. מיר האָבן דאָ דאָקומענטן וואָס באַווײַזן גאָר בולט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טענדענץ פֿון דער אַמאָ־ליקער קאַראַימישער באַוועגונג. אויפֿן יסוד פֿון די מאַטעריאַלן פֿון דער דריטער אָפּטיילונג קען שוין הײַנט אָנגעשריבן ווערן גאָר אַ בפֿרטיותדיקע ווירטשאַפֿטלעכע, סאָציאַלע און קולטור־געשיכטע פֿון דער דאָזיקער סעקטע אין דער אַמאָליקער ליטע. דערבײַ איז מאַן אין די הערות און הקדמות צו די דאָקומענטן אַ סך פּינקטלעכער און גרונטיקער איידער זײַנע פֿאָרגייער וואָס האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט מאַטעריאַלן וועגן דעם זעלבן ענין. מאַן האָט אָבער נאָך אַ וויכ־טיקע מעלה לגבי זײַנע פֿאָרגייער אויפֿן פֿעלד פֿון דער קראים־פֿאָרשונג: ער איז ניט צוגעטרעטן צו דער פֿאָרשונג מיט לכתּחילהדיקן ביטול און אַפֿילו שׂינאה צו צו די סעקטאַנטן, ווי אַ. הרכּבֿי, ער האָט זיי ניט באַטראַכט פֿאַר אַ דעגענע־רירטער רעליגיעזער גרופּע, ווי גרעץ. זײַנע לאַנגע יאָרן פֿון מיפּולער פֿאָר־שונג האָט מאַן אָפּגעגעבן די קראים דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זיי מיט רעכט באַטראַכט ווי אַן אינטעגראַלן צווײַג פֿון ייִדישן פֿאָלק און זייער געשיכטע ווי אַן אינטעגראַלן, גאָר וויכטיקן און אינטערעסאַנטן טייל פֿון דער ייִדישער געשיכטע. די אָביעקטיווקייט און זאַכלעכקייט שטערט אים אַפֿילו ניט אויס־צודריקן אין זײַנע שטודיעס זײַן באַוווּנדערונג סײַ פֿאַר דעם הויכן קולטור־רעלן ניוואָ און דער גײַסטיקער שעפֿערישקייט פֿון די אַמאָליקע קראים, סײַ פֿאַר זייערע הויכע מאָראַלישע מידות און קודם־כּל פֿאַר זייער ממש רירנדיקער מידה פֿון קעגנזײַטיקער הילף.

מיט באַוווּנדערונג האָט די וויסנשאַפֿטלעכע וועלט אויפֿגענומען דאָס אַרויסגיין פֿון אַ נײַעם גרויסן ווערק פֿון יעקבֿ מאַנען אין יאָר 1940, וואָס איז ליידער, אַזוי איז געווען באַשערט, געווען דאָס לעצטע יאָר פֿון זײַן קורצן און אַזוי אויפֿטועריש לעבן. דאָס דאָזיקע לעצטע ווערק אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ נײַ געביט פֿון זײַן וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַראינטערעסירונג. דאָס קעפּל איז: The Bible as Read and Preached in the Old Synagogue. ס'איז דער ער־שטער באַנד פֿון אַ סעריע שטודיעס און מאַטעריאַלן, פֿאַרטראַכט אין דרײַ בענד, וועגן דעם סדר פֿון לייענען תּורה און הפֿטורה און וועגן מדרש אין ארץ־ישׂראל און אין בבֿל. אָבער אויך דאָס דאָזיקע ווערק איז ניט אַרויסגעקומען ווי אַ פּלוצימדיקע ווענדונג אין מאַנס וויסנשאַפֿטלעכער פֿאַראינטערעסירונג. זײַן ערשטע וויסנשאַפֿטלעכע אָפּהאַנדלונג וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין 1914 האָט ער אָפּגעגעבן דער פֿראַגע פֿון שמירת־שבת און ימים־טובֿים אין ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער אַנגענומענער ערע. נאָך דעם איז געקומען אַ ריי שטודיעס וועגן די עוואַנגעליעס און וועגן סדר־התּפֿילה אין ארץ־ישׂראל, וועל־כע זײַנען געווען געדרוקט אין משך פֿון 26 יאָר אין פֿאַרשיידענע צײַט־שריפֿטן, בעיקר אין Jewish Quarterly Review און אין יאָרבוך פֿון Hebrew Union College. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז מאַן איז זײַן גאַנץ לעבן, באַגלײַך מיט דער פֿאָרשונג פֿון דער גאונים־תּקופֿה און פֿון קראָים, געבליבן געטרײַ זײַן וויסנשאַפֿטלעכער ערשטער ליבע, דער פֿאָרשונג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער תּפֿילה און רעליגיע. דער קרײַז פֿון זײַן אַרבעט האָט זיך טראַגיש פֿאַרמאַכט דאָרט ווו זי האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן.

ווידער איז דאָס נײַע ווערק ניט בלויז אַ זאַמלונג אויפֿגעדעקטע דאָקו־מענטן, נאָר אויך אַ וויסנשאַפֿטלעכע רעוואָלוציע: פֿאָרשנדיק דעם דרײַ־יאָריקן ציקל פֿון קריאת־התּורה אין אַמאָליקן ארץ־ישׂראל האָט מאַן אויפֿ־געדעקט, אַז די דרשות נאָך קריאת־התּורה פֿלעגן אָנקניפּן אין די פּסוקים און אין דעם געדאַנקען־גאַנג פֿון דער הפֿטורה. מאַן האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, ווי ער באַטאָנט אין דער הקדמה, אַז דערמיט האָט ער מגלה געווען אַ נײַעם פּרינציפּ וואָס העלפֿט אויפֿקלערן די אין פֿלוג אַזוי פֿאַרפּלאָנטערטע קאָמפּאָזיציע פֿון די מדרשים.

מעגלעך, אַז מאַנס באַשיידנקייט און מוסטערדיקע וויסנשאַפֿטלעכע גע־וואָרנטקייט האָבן גורם געווען, וואָס ער האָט ניט געשאַפֿן קיין סינטעטיש ווערק אויף קיין איינציקן פֿון די געביטן וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק באַ־פֿרוכפּערט מיט זײַנע פֿאָרשונגען. מעגלעך אָבער אויך, אַז ער איז אַזוי ווײַט געווען פֿאַרכאַפּט פֿון די רעוועלאַציעס וועלכע ער האָט געפֿונען אין די היס־טאָרישע אוצרות פֿון די גניזה־כּתבֿ־ידן, אַז ער האָט כּסדר אָפּגעלייגט אויף שפּעטער דאָס וואָס אַנדערע האָבן געטאָן אויפֿן יסוד פֿון אַ סך אַ קלענערן מאַטעריאַל, — דעם סינטעטישן סך־הכּל. אין דער הקדמה צום ערשטן טייל פֿון זײַנע מאָנומענטאַלע „טעקסטן און שטודיעס" גרענעצט זיך מאַן אָפּ

מיט איראָניע פֿון די, וואָס „מאַכן ציגל אָן שטרוי“, און „שטעלן אויף לופֿט־שלעסער“. „נאָר דורך אַ מיפּולן און געוואָרנטן אינדוקטיוון מעטאָד, זאָגט דאָרט מאַן, נאָר דורך שטענדיקן באַרײַכערן אונדזער וויסן וועגן דעם פּאַק־טישן רעאַלן לעבן פֿון אַמאָליקע ייִדן קענען מיר דעם ייִדישן עבֿר פֿאַר־שטיין ריכטיק און אין דער פֿולער מאָס, און האָפֿן, אַז מיט דער צײַט וועלן מיר דערגרייכן דעם סינטעז וואָס יעדער וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעטער שטעלט זיך ווי אַן ענדגילטיקן ציל“.

יעקבֿ מאַן האָט אָבער לחלוטין ניט געהערט צו דער קאַטעגאָריע פֿון געוויינלעכע „ציגל־שלעפּער“ אין דעם בויפּראָצעס פֿון וויסנשאַפֿטלעכער פֿאָר־שונג. „טעקסטן און שטודיעס“, דאָס קעפּל פֿון זײַן גרעסטן ווערק, באַצייכנט אויך צום בעסטן דעם כאַראַקטער און די קאַטעגאָריע פֿון זײַן וויסנשאַפֿט־לעכער אַרבעט. ער האָט אונדז באַרײַכערט מיט אוצרות פֿון „טעקסטן“, נײַע קוואַלן צו דער ייִדישער געשיכטע־פֿאָרשונג, אָבער אויך ניט ווייניקער מיט „שטודיעס“ וועלכע ער פֿלעגט צוגעבן צו די דאָזיקע טעקסטן, ווי אַ פּראָ־דוקט פֿון אַ גרונטיקן אַנאַליז. בײַ אַ טיפֿערן אַרײַנלייענען זיך און בײַ פֿאַר־גלײַכן די „שטודיעס“ און אָפּהאַנדלונגען וועגן די פֿאַרשיידנסטע געביטן קען מען געפֿינען אַפֿילו אַ באַשטימטע שיטה וואָס איז געווען זײַן קאָמפּאַס בײַם אָריענטירן זיך אין היסטאָרישע דערשײַנונגען. די דאָזיקע שיטה קען מען צום בעסטן באַצייכענען ווי די „פּאָליטישע“ שיטה: ער שטרעבט צו פֿאַר־בינדן וויכטיקע געשעענישן אין דער ייִדישער און קולטור־געשיכטע מיט דער אויסנווייניקסטער פּאָליטישער לאַגע פֿון דער געגעבענער מלוכה, פּאָ־ליטישע קאַמפֿן אין לאַנד און מיט דער פּאָליטישער ריוואַליזאַציע צווישן מלוכות. דעם דאָזיקן פּאָליטיזם ווענדט ער אָן אָפּט מיט גרויס הצלחה (דער דערמאָנטער קאַמף צווישן די גאונים אין באַגדאַד, מצרים, סיריע און די יעמאָלטיקע ריוואַליזאַציע צווישן די מוסולמענישע מלוכות), ער דערגייט אָבער אָפּט צו ווײַט און ווענדט אָן די שיטה אַפֿילו דאָרט, ווו עס דאַרפֿן געמען ווערן אין אַכט סאָציאַלע מאָמענטן און מאָמענטן פֿון קולטור־אַנט־וויקלונג (דאָס אויפֿקומען פֿון סעקטעס און פֿון רעליגיעזן ראַציאָנאַליזם בײַ ייִדן פֿאַרבינדט מאַן מיט דער פּאָליטיק און אָריענטאַציע פֿון די מוסולמענישע מושלים).

עס איז בכל־אופֿן געשען צום נוצן פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט, וואָס אַנשטאָט זיך צוצואײַלן מיט פֿריצײַטיקע סינטעטישע ווערק האָט מאַן זיך אַזוי קאָנסעקווענט און מיט אַזאַ הצלחה באַנוצט מיט דעם אינדוקטיוון מעטאָד. זײַנע „טעקסטן“ און „שטודיעס“ האָבן די זעלבע באַפֿרוכפּערנדיקע ווירקונג, וואָס די סינטעטישע ווערק פֿון היסטאָרישע דענקער: אַחוץ די נײַע אמתן וואָס ווערן אין זיי אַרויסגעבראַכט עפֿענען זיי גרויסע האָריזאָנטן פֿאַר קו־מעדיקע דורות היסטאָריקער. היסטאָריקער פֿון ייִדן אין נאָענטן מיזרח וועלן באַנוצן מאָנס מאַטעריאַלן און שטודיעס פֿאַר אַ סאָציאַלער, עקאָנאָמישער

און קולטור־געשיכטע פֿון ייִדן אין דער אַ״ג „גאונים־תּקופֿה״, וואָס מאַן אַליין האָט זי ניט אָנגעשריבן. היסטאָריקער פֿון קאַראַימער וועלן מוזן אָנקומען צו מאַנס מאָנומענטאַלע Karaitica און דווקא פֿון דאָרט שעפּן די וויכטיקסטע דאָ־קומענטן פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער דאָזיקער סעקטע, וואָס מאַן אַליין האָט ניט דערשאַצט איר סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן באַפֿרײַונגס־כאַראַקטער. ייִדישע קולטור־היסטאָריקער וועלן אין ליכט פֿון מאַנס ניט־פֿאַרענדיקטן גרויסן ווערק מיט דעם באַשיידענעם קעפּל „קריאת־התורה״ ניט בלויז בעסער פֿאַר־שטיין דעם מדרש, נאָר דווקא אויפֿן יסוד פֿון זײַן גרויסער אויפֿדעקונג וועגן דעם קליינעם ענין הפֿטורה שפּינען ווײַטערגייענדיקע אידעעס: זיי וועלן מיט דער הילף פֿון מאַנען דערווײַזן, אַז ניט בלויז די תּורה, נאָר אויך די נביאים און כּתובֿים האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן און אויף דער אויספֿור־רעמונג פֿון ייִדישן וועלטבאַנעם און פֿון דער ייִדישער קולטור. יעקבֿ מאַן, דער ווײַטער־פֿירער פֿון די ווערק פֿון שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט און פּאָזנאַנ־סקי, פֿון שמחה פּינסקער און אַ. הרכּבֿי, פֿון לעאָפּאָלד צונץ, באַכער און שעכטער, דער בויער פֿון גאַנצע גאָרנס אין בנין פֿון דער ייִדישער געשיכטע־וויסנשאַפֿט אויף די פֿונדאַמענטן וועלכע זיי האָבן פֿאַרלייגט, האָט מיט זײַן לעבנסווערק אַליין פֿאַרשריבן אַ שיין בלאַט אין דער ייִדישער געשיכטע.

אַ צער נעמט אַרום בײַם געדאַנק, אַז דאָס אויסערגעוויינלעך שעפֿערישע לעבן פֿון יעקבֿ מאַנען איז אַזוי אומברחמנותדיק פֿאַר דער צײַט איבערגע־האַקט געוואָרן. עס וועקן זיך אָבער אויך טרויעריקע רעפֿלעקסיעס וועגן דעם אופֿן, ווי אַזוי די ידיעה וועגן זײַן טויט איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך דער ייִדישער קולטורעלער וועלט. ערשט עטלעכע וואָכן נאָך זײַן טויט איז די טרויעריקע ידיעה פֿון סינסינעטי אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, און אויך יע־מאָלט איז ניט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דער גרויסער אָנווער פֿאַר דער ייִדישער וויסנשאַפֿט און קולטור. אין אונדזער געזעלשאַפֿט איז אַטראָפֿירט דער חוש פֿאַר וויסנשאַפֿט; מען הייבט ניט אָן צו פֿאַרשטיין דעם פּלאַץ וואָס וויסנשאַפֿט דאַרף פֿאַרנעמען אין ייִדישן קולטור־לעבן. די דאָזיקע ביטערע לאַגע איז אָבער אויך אַ רעזולטאַט פֿון אַ שולד אויף דער אַנ־דערער זײַט. די גרויסע און אײַנגעפֿונדעוועטע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטו־ציעס אין אַמעריקע האָבן סײַ לויט זייער פֿעלד פֿון פֿאַראינטערעסירונג און וויסנשאַפֿטלעכער ריכטונג, סײַ מחמת זייער פֿרעמדקייט צו דער ייִדישער שפּראַך און צום ייִדישן מאַסן־לעבן גאָר אַ שוואַכן קאָנטאַקט מיט די ברייטע שיכטן פֿון פֿאָלק. דער פֿאַרשטאָרבענער גרויסער געלערנטער, דער זון פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסמאַסע אין אַ גאַליציש שטעטל, האָט זיך אין דעם ווײַטן סינסינעטי געקוויקט אין זײַן פֿרײַער צײַט מיט די ייִדישע ראָמאַנען פֿון שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו און געשריבן צו זײַנע באַקענטע אין פּוילן ייִדישע בריוו. די קאַלטע ווענט פֿון דער סבֿיבֿה, אין וועלכער עס איז אים

אויסגעקומען צו אַרבעטן און שאַפֿן, האָבן אים אָפּגעטיילט פֿון יענער סבֿיבֿה וואָס האָט אים אַ מאָל געהאַט געגעבן דעם ווונדערלעכן מאָראַלישן כּוח פֿון אויסדויער אויפֿן שטייניקן לעבנסוועג פֿון בית־המדרש אין פּרעמישלע צום אויבן־אָן פֿון דער ייִדישער וויסנשאַפֿט.

ביבליאָגראַפֿיע פֿון יעקבֿ מאַנס אַרבעטן

I ביכער

[1] *The Jews in Egypt and in Palestine under the Fatimid Caliphs*, I, Oxford, 1920; II, Oxford, 1922.

[2] *Texts and Studies in Jewish History and Literature*, I, Cincinnati, 1931; II (*Karaitica*), Philadelphia, 1935.

[3] *The Bible as Read and Preached in the Old Synagogue (A Study in the Cycles of the Readings from Torah and Prophets, as well as from Psalms and in the Structure of the Midrashic Homilies)*. I, *The Palestinian Triennial Cycle: Genesis and Exodus*. With manuscript material of Midrashim. Cincinnati, 1940.

II אַרבעטן אין צײַטשריפֿטן און זאַמלביכער

ראָשי־תּיבֿות און קיצורים:

HUCA = Hebrew Union College Annual, JQR = Jewish Quarterly Review (New Series), REJ = Revue des Etudes Juives.

ה צ ו פ ה = הצופה לחכמת ישראל, בודאַפּעשט

ת ר ב י ץ = תרביץ למדעי הרוח, ירושלים

1914

[4] "The Observance of the Sabbath and the Festivals in the First Two Centuries of the Current Era, according to Philo, Josephus, the New Testament and the Rabbinic Sources." In: *Jewish Review*, London, 1914, Jan.-April, vol. IV, no. 23-24, pp. 433-456, 498-532.

1916

[5] "Jesus and the Sadducean Priests; Luke 10. 25-37." In: JQR, VI, pp. 415-422.

1917

[6] "Oaths and Vows in the Synoptic Gospels." In: *The American Journal of Theology*, vol. XXI, pp. 260-274.

[7] "The Responsa of the Babylonian Geonim as a Source of Jewish History." In: 1) JQR, vol. VII, pp. 457-490; 2) vol. VIII, pp. 339-366; 3) vol. IX, pp. 139-179; 4) vol. X, pp. 121-151; 5) vol. X, pp. 309-365; 6) vol. XI, pp. 433-471.

1919

[8] "Note on Solomon ben Judah and Some of His Contemporaries." In: JQR, vol. IX, pp. 409-421.

[9] "Moses b. Samuel, a Jewish Katib in Damascus, and his Pilgrimage to Medinah and Mekkah." In: *Journal of the Royal Asiatic Society*, 1919, pp. 155-184.

[10] "Onan's Liturgy and his Half-yearly Cycle of the Reading of the Law." In: *Journal of Jewish Lore and Philosophy*, vol. I, Cincinnati, 1919, pp. 329-353.

1920

[11] " 'Chapitres' de B. Bâboi et les relations de R. Yehoudai Gaon avec la Palestine." In: REJ, t. LXX, pp. 113-148.

1921

[12] "Obadya le Prosélyte." In: REJ, t. LXXI, pp. 89-93.
[13] "Quelques remarques sur les textes judéo-égyptiens." In: REJ, t. LXXI, pp. 98-99.
[14] "Listes des livres provenant de la Gueniza." In: REJ, t. LXXII, pp. 163-183.
[15] I "The Last Geonim of Sura." II Fihrist of Saadya's Work." III "Abraham b. Nathan Nagid of Kairowan." In: JQR, vol. XI, pp. 409-432.
[16] "A Polemical Work against Karaites and Other Sectaries." In: 1) JQR, vol. XII, pp. 123-150; 2) *Addenda*, vol. XVI, pp. 89-92.
[17] פרק ראיות יחזקאל. אין: הצופה, V, זז' 256־264.

1922

[18] "A Tract by an Early Karaite Settler in Jerusalem." In: JQR, vol. XII, pp. 257-298.
[19] "Early Karaite Bible Commentaries." In: 1) JQR, vol. XII, pp. 435-526; 2) vol. XV, pp. 361-388.
[20] פיוטים מבית המאסר. אין: הצופה VI, זז' 1־15, 176.
[21] תשובה מאת ר' שמואל בן עלי, גאון בגדאד משנת 1166 לספה"נ. אין הצופה, VI, זז' 104־122.
[22] פירוש על מסכת ברכות מאת רב האיי גאון. אין: הצופה, VI, זז' 187־204.
[23] "Malter, H., Saadyah Gaon, His Life and Works." In: REJ, t. LXXIII, pp. 105-112. [רעצענזיע]
[24] "Glanures de la Gueniza." In: REJ, t. LXXIV. pp. 148-159.

1924

[25] "Rabbinic Studies in the Synoptic Gospels." In: HUCA, vol. I, pp. 323-355.

1925

[26] "Genizah Fragments of the Palestinian Order of Service." In: HUCA, vol. II, pp. 269-338.
[27] "Gaonic Studies." In: *Hebrew Union College Jubilee Volume 1875-1925*, Cincinnati, pp. 223-262.
[28] "Modern Rabbinical Seminaries." In: *Yearbook of the Central Conference of American Rabbis*, vol. XXXV, pp. 295-310.
[29] התנועות המשיחיות בימי מסעי הצלב הראשונים. אין: 1) התקופה, ב' 23, זז' 243־261; 2) ב' 24, זז' 335־358.
[30] "Davidson's Thesaurus of Mediaeval Hebrew Poetry." In: JQR, vol. XVI, p. 94.

1926

[31] "A Second Supplement to *The Jews in Egypt and in Palestine under the Fatimid Caliphs*." In: HUCA, vol. III, pp. 257-308.

[32] "Une source de l'histoire juive au XIII siècle: La lettre polémique de Jacob b. Elie à Pablo Christiani." In: REJ, t. LXXXII, pp. 363-377.

[33] "On the Terminology of the Early Massorites and Grammarians." In: *Oriental Studies*, dedicated to Paul Haupt, pp. 437-445.

[34] "Note on Judaeo-Arabic Legal Documents." In: JQR, vol. XVII, p. 83 sq.

[35] סקירה היסטורית על דיני נפשות בזמן הזה. אין הצופה, X, זז' 200־208; XI, ז' 192.

1927

[36] "Changes in the Divine Service of the Synagogue Due to Religious Persecutions." In: HUCA, vol. IV, pp. 241-310.

[37] הערה נוספת למאמרו של הרב י. מ. טולידאנו „תעודות מכתבי יד". אין HUCA, IV, זז' 466־467.

[38] שרטוטים חדשים לתולדות רב שרירא גאון. אין הצופה, XI זז' 147־152.

[39] משרת ראש הגולה בבבל והסתעפותה בסוף תקופת הגאונים. אין: ספר זכרון לכבוד הד"ר שמואל אברהם פוזננסקי, וואַרשע, זז' י"ח־ל"ב.

1930

[40] "Obadya, Proselyte Normand converti au Judaisme, et sa Meguilla décrivant des événements survenus en Orient au temps des croisades." In: REJ, t. LXXXIX, pp. 245-259.

[41] ספר המעשים לבני ארץ ישראל. אין: תרביץ, I, נומ' 3, זז' 1־14.

1932

[42] החיבור הפיוטי „אשא משלי" לרס"ג. אין: תרביץ, III, זז' 380־392.

1933

[43] ה„אשכנזים" הם הכוזרים? אין: תרביץ, IV, זז' 391־394.

[44] התישבות המקובל ר' אברהם רוויגו וחבורתו בירושלים בשנת התס"ב ליצירה (1702 לספה"נ). אין ציון, תרצ"ד, זז' נ"ט־פ"ד.

[45] ענינים שונים לחקר תקופת הגאונים. אין: 1) תרביץ, V, זז' 148־179; 2) דאָרט, זז' 273־304; 3) VI, זז' 66־88; דאָרט, זז. 238־242־543.

1934

[46] "New Studies in Karaism." In: *Yearbook of the Central Conference of American Rabbis*, vol. XLIV, pp. 220-241.

1935

[47] "Zwei Briefe des Rabbiners Pinchas Katzenellenbogen aus Oettingen. 1798." In: *Zeitschrift für die Geschichte der Juden in Deutschland*, VI, pp. 32-39.

[48] מסעם של ר' חיים ן' עטר וחבורתו לא"י והתישבותם העראית בעכו. אין: תרביץ, VII, זז' 74־101.

[49] "Rejoinder." In: HUCA, vol. X, pp. 297-308.

[ענטפער אויף דער קריטיק פון פראָפ' שמואל קרויס אויף Texts and Studies.]

1936

[50] "A Final Word to Krauss' 'Nachbemerkung'." In: HUCA, vol. XI, pp. 425-426.

1938/1937

[51] "An Early Theologico-Polemical Work." In: HUCA, vol. XII = XIII, pp. 411-459.

1939

[52] "Some Midrashic Genizah Fragments." In: HUCA, vol. XIV, pp. 303-358.

III אַרבעטן אין דער *Encyclopaedia Judaica*

[53] "Aaron ben Josef Ha-Kohen Sargado", I, 1928, pp. 56-57.

[54] "Abele Zion", I, 1928, pp. 217-219.

[55] "Abraham ben Isaak Ha-Kohen Ben Furat", I, 1928, pp. 477-478.

[56] "Alluf (אלוף) ", II, 1928, pp. 365-366.

[57] "AL-Tustari", II, 1928, pp. 527-528.

[58] "Ebjator ben Elijahu Ita-Kohen", VI, 1930, pp. 161-162.

[59] "Elchanan ben Chuschiel", VI, 1930, pp. 390-391.

[60] "Elchanan ben Schemarja", VI, 1930, p. 392.

רעפֿעראַטן און רעצענזיעס

ג. ה. טורטשינר, תעודות לכיש, מכתבים מימי ירמיהו הנביא. הוצאת החברה העברית לחקירת ארץ ישראל ועתיקותיה, ירושלים, ת"ש [1940], 229, [2], ז"ז.

אין 1935 האָט די אַרכעאָלאָגישע אויספֿאָרש־עקספּעדיציע פֿון סער הענרי וועלקאַם (Wellcome) און סער טשאַרלז מאַרסטאָן (Marston) פֿאַרן נאָענטן מיזרח געפֿונען, צווישן אַנדערע, אין די אויסגראָבונגען פֿון תּל־אל־דוויר לעבן בית גוברין אין דרום־טייל פֿון יהודה אַכצן ליימענע שערבלעך (אָסטראַ־קענעס), וואָס אויף זיי האָט מען געקאָנט דערקענען רעשטלעך פֿון אַן אַלטער העברעיִשער שריפֿט.

אַ פּרוּוו איבערצולייענען די טעקסטן האָבן געמאַכט די ענגלישע אַרכע־אָלאָגן ל. דזש. האַרדינג, דזשיימס לעסלי סטאַרקי, דער פֿראַנצייזישער אַרכע־אָלאָג און דאָמיניקאַנישער פּאַטער הוגאָ ווענסאַן און די ייִדישע ארץ־ישׂראל־פֿאָרשער י. יעווין, ח. א. גינזבורג (איצט לעקטאָר פֿאַר תּנ"ך און ביבלישער געשיכטע אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, נ"י) און ד"ר ב. מײַזלער. לסוף האָט מען די שערבלעך איבערגעגעבן צו דער עקספּער־טיזע פֿון נ. ה. טאָרטשינער, פּראָפֿעסאָר פֿאַר העברעיִשער פֿילאָלאָגיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט און רעדאַקטאָר פֿון דעם פֿילאָ־לאָגישן זשורנאַל „לשוננו".

די שוועריקייט פֿון איבערלייענען די אָסטראַקענעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט געדאַרפֿט פֿעסטשטעלן די שריפֿט און אָרטאָגראַפֿיע, דעם ליטעראַרישן כאַראַקטער פֿון די זאַצן, דעם אָרט וואָס זיי פֿאַרנעמען אין דער העברעיִשער שפּראַך און וואָס אַזוינס מען קען פֿון זיי אַרויס־דרינגען צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. מען האָט אויך געדאַרפֿט קלאָר מאַכן דעם פֿאַקט, צי זיי זײַנען אָריגינאַלן אָדער ניט מער ווי קאָפּיעס.

ערשט נאָך דעם ווי מען איז בײַגעקומען אָט די אַלע שוועריקייטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ האָט מען צו טאָן מיט וויכטיקע דאָקומענטן וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיטן תּנ"ך און מיט דער טראַגישער לעבנס־געשיכטע פֿון דעם נבֿיא אוריהו בן שמעיהו, ווי זי ווערט דערציילט אין קאַפּיטל כ"ו פֿון ספֿר ירמיהו; דער אָרט, ווו די שערבלעך זײַנען געשריבן געוואָרן, איז אידענטיפֿיצירט געוואָרן מיטן תּנ"כישן לכיש.

די ערשטע רעזולטאַטן פֿון זײַנע אויספֿאָרשונגען אַרום די דאָקומענטן פֿון לכיש האָט טאָרטשינער פֿאַרעפֿנטלעכט אין זאַמלבוך „כנסת"ו, צום אָנ־

דענק פון ח. נ. ביאַליק (תל-אָביב, 1938), און דאָרט האָט ער אָנגעוויזן, אַז אים האָט זיך איינגעגעבן איבערצולייענען דעם גרעסטן טייל פון די אָסט־ראַקענעס, וואָס לויט זייער אינהאַלט און די דערמאָנטע פּערזאָנען־נעמען געהערן זיי צו דער צייט פון קיניג יהויקים און דעם נבֿיא ירמיהו.

ניט מיט אַלע זיינע אויספירן זיינען אַלע פאָרשערס געווען איינשטימיק. איבער הויפּט זיינען געווען חילוקי־דעות וועגן דער ריכטיקייט פון אַ טייל איבערגעלייענטע טעקסטן, און אויפן סמך פון די פאַרעפנטלעכטע פאָטאָ־גראַפיעס האָט מען אָפּגעפרעגט אַ היפּשן טייל פון זיינע פאַרטייטשונגען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז טאָרטשינער זאָל בייטן עטלעכע פון זיינע מיינונגען און אויספירן אין זיין שפּעטער אַרויסגעגעבענעם ענגלישן בוך The Lachisch Letters (לאָנדאָן, 1938), וואָס האָט ווידער אַרויסגערופן אַ לעבעדיקע פּאָלעמיק אין די צייטשריפטן וואָס פאַרנעמען זיך מיט אָריענ־טאַלישער אַרכעאָלאָגיע און תנ"ך־פאָרשונג. די אַלע באַמערקונגען האָט ער גענומען אין באַטראַכט אין דעם איצטיקן בוך, אַרויסגעגעבן דורך דער „יִדישער געזעלשאַפט צו פאָרשן ארץ־ישׂראל און אירע אַלטערטימער" („החבֿרה העבֿרית לחקירת ארץ־ישׂראל ועתיקותיה"), וואָס מיר גייען דאָ רעפערירן.

די לכיש־בריוו זיינען די ע ר ש ט ע פּערזענלעכע דאָקומענטן אין דער פאַרצייטיקער העברעיִשער שריפט, וואָס מען האָט געפונען אין ארץ־ישׂראל, און מיט זיי איז צוגעקומען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער העב־רעיִשער עפּיגראַפיק. דער ביזאהעריקער שריפט־מאַטעריאַל פון ארץ־ישׂראל האָט זיך דער עיקר באַזירט אויף די זיבן שורות פון דער אויפשריפט וואָס מען האָט אין יאָר 1880 געפונען אין דעם שילוח־טאָל און ווו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן דעם אויפטו פון דורכברעכן אַ וואַסער־קאַנאַל אין ישעיהו הנבֿיאס צייטן; אויף דער העברעיִשער אויפשריפט, געפונען 1902 ביי די אויסגראָבונגען פון דער שטאָט ג ז ר, וואָס איז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַלענדאַר מיט אַ פאַרצייכענונג פון די נעמען פון אַכט חדשים; און אויף דער ע ו פ ל ־ אויפשריפט וואָס סטיואַרט מאַקאַליסטער האָט אין די יאָרן 25-1923 געפונען ביי די אויסגראָבונגען אין אַלטן ירושלים. קיין סך צו דער קענטעניש פון העברעיִשן אַלף־בית און פון דער העברעיִשער שפּראַך האָבן אויך ניט געקענט צוגעבן די צענדליקער שערבלעך וואָס די אַמערי־קאַנער אַרכעאָלאָגן דייוויד דזש. ליאָן, דזשאָרדזש איי. רייסנער און קלאַרענס סי. פישער האָבן אין די יאָרן 1918-1908 געפונען אין די אויסגראָבונגען אין שומרון און וואָס זיינען באַשטאַנען ניט מער ווי פון קורצע אויפשריפטן מיט אַ באַגרענעצטן אינהאַלט.

מיט די דאָקומענטן פון לכיש זיינען צוגעקומען די וויכטיקסטע מאַ־טעריאַלן וועגן פ אָ ר ם און א י נ ה א ל ט פון פאַרצייטיקן העברעיִש: וועגן שריפט, שפּראַך, אָרטאָגראַפיע, סטיל, ווערטער־אוצר, גראַ־

מאַטיקאַלישע פֿאָרמען און, וואָס ס'איז ניט ווינציקער וויכטיק — וועגן
געשעענישן פֿון אַ וויכטיקן היסטאָרישן באַטײַט.

דער לכיש־שריפֿט האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן, אַז דעם העברעישן
אַלף־בית האָט מען מ ע ר ס ט ן ט י י ל באַנוצט ניט צום קריצן אויף
שטיינער, נאָר צו ש ר ײַ ב ן מיט טינט אויף פּאַפּירוס, פּאַרמעט און
קרוגשערבלעך. דער פֿאַקט דערקלערט, וואָס אין תּנ"ך ווערט פֿיל מאָל גע־
רעדט וועגן מ ג ל ה און מ ג ל ת ס פֿ ר , וואָס מען האָט צום טייל
געשריבן אויף פּאַרמעט און מערסטן טייל אויף פּאַפּירוסן, אַ ביליקערן שרײַב־
מאַטעריאַל, אַקוראַט ווי אין מצרים און די אַרומיקע לענדער. דאָרטן, ווּ
עס האָבן, איבער הויפּט צוליב מלחמות וואָס האָבן איבערגעריסן די פֿאַר־
בינדונגען מיט מצרים, אויסגעפֿעלט די ביידע שרײַב־מאַטעריאַלן, האָט מען
זיך באַנוצט מיט שערבלעך פֿון צעבראָכענע ליימענע קריג פֿאַר ווײַן אָדער
בוימל.

די לכיש־בריוו זײַנען טאַקע געשריבן אויף שערבלעך. זייער שפּראַך איז
אַ ריין תּנכישע און איז שטאַרק ענלעך צו דער וואָס אין ספֿר מלכים און
ירמיהו. דער באַנוץ פֿון די וואָקאַלן („אמות הקריאה") איז ניט קיין אויס־
געהאַלטענער, און דער כ ת י ב מ ל א קומט אַפֿילו אין אַזעלכע ווער־
טער, ווּ די אותיות יוד און וואָוו אַ שטייגער געהערן ניט צום וואָרצל.
ערטערווײַז קומט מ ל א אין אַזעלכע ווערטער, וואָס אין אַנדערע אויפֿ־
שריפֿטן פֿון אַ פֿריִערדיקער צײַט זײַנען זיי געשריבן ח ס ר . דאָרטן, ווּ
די אותיות א, ו, י געהערן ניט צום וואָרצל, ווערן זיי אויך ניט באַנוצט
ווי וואָקאַלן, אַ שטייגער: ש מ ר ם , ש מ ע ו ת , ט ב , ש ל ם
אַנשטאָט ש ו מ ר י ם , ש מ ו ע ו ת , ט ו ב , ש ל ו ם . קיין
אויסגעהאַלטנקייט אין דעם איז ניטאָ, ווײַל די בריוו זײַנען אַרויס ניט פֿון
איין און דעם זעלבן שרײַבער.

די פֿראַגע וועגן כ ת י ב איז מן־הסתּם פֿאַרבונדן מיטן ק ר י א און
רופֿט אַרויס די פּראָבלעם וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון דער שרײַבשפּראַך און
מעגלעך אויך וועגן דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין פּאַרצײַטיקן העברעיִש.
קיין פֿעסטשטעלונג וועגן דעם, נאָר אויפֿן סמך פֿון די לכיש־מאַטעריאַלן אַליין,
קען מען אָבער ניט מאַכן.

אין די אויפֿשריפֿטן געפֿינען זיך אויך נ ײַ ע ווערטער און אויס־
דרוקן וואָס באַרײַכערן די ידיעות וועגן דער תּנ"ך־שפּראַך. אַזעלכע זײַנען
אַ שטייגער די ווערטער ת ס ב ה (פֿון סבב!) פֿאַר אַ באַזוך פֿון אַ באַ־
אַמטן וואָס קומט איבערקוקן די מיליטער־רייען, ב י ת ה ר פ ד פֿאַר
אַ הויז, ווּ מען נעכטיקט איבער (פֿ"גל: רפֿדתי יצועי אין איוב
י"ז, 13), ה ש ק י ט י ד י ם פֿאַר מאַכן אָפּהענטיק; פּ ק ח א ז ן
א ד ם ל ס פֿ ר — אויפֿמערקזאַם מאַכן (ספֿר ווידער ווערט דאָ גע־
בראַכט צו באַצייכענען אַ ב ר י ו ו) , ז ר ו ע ל מ ל ך — אַ

העכערער רעגירונגס־באַאַמטער (דעם קיניגס אָרעם!) און אַ רײַ אַנדערע אויסדרוקן.

עס זײַנען אין די בריוו אויך פֿאַראַן ב אַ ג ר י ס ־ פֿ אָ ר מ ל ע ן, וואָס פֿון זיי ווערט צום מערסטן באַנוצט „ישמע יהוה את אדני שמעת שלום" אָדער „שמעת טב" (=שמועות טוב), ד"ה „זאָל יהוה לאָזן הערן מײַן האַר פֿרײדלעכע נײַס" אָדער „גוטע נײַס". בײדע פֿאָרמען זײַנען תּנ"כישע אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל עס ווערן דערמאָנט אַזעלכע ווענדונגען, ווי „שמועה טובה" (משלי ט"ו, 30) און „משמיע שלום מבשר טוב" (ישעיה נ"ב, 7).

די פּ ע ר ז אָ נ ע ן ־ נ ע מ ע ן וואָס ווערן דערמאָנט אין די לכיש־בריוו (אין זייער פֿ ו ל ע ר פֿאָרם, ווי: גמריהו, יאזניהו, מתניהו, גריהו א"אַנד) געהערן צו די צײַטן פֿון נבֿיא ירמיהו, פֿאַר דעם חורבן פֿון לכיש און פֿאַר דער צעשטערונג פֿון מלכות יהודה. אויף דער צײַט זאָגן אויך עדות די אַרכעאָלאָגישע פֿאַקטן: מען האָט די שערבלעך געפֿונען אין אַ שיכט פֿון אַש און ערד וואָס זײַנען ניט מער ווי רעשטן פֿון אַ צעשטערטער פֿעסטונג.

פֿאַר דעם גרעסטן טייל נעמען איז כאַראַקטעריסטיש די ענדונג „—יהו", די באַצייכענונג פֿאַר גאָט וואָס קומט אַלע מאָל אין דעם צונויפֿהעפֿט מיט אַ ווערב (ווי, למשל: גמריהו — פֿאַרענדיקן זאָל גאָט, יאזניהו — דער־הערן זאָל גאָט) און שטייט נאָך איר בײַ מ ע נ ע ר ־ נ ע מ ע ן. דאָס כאַראַקטעריסטישע דערבײַ איז, וואָס אין די פּריוואַט־נעמען פֿון יענער צײַט קומט ניט אַרײַן קיין אַנדער באַצייכענונג פֿאַר גאָט (ווי, אַ שטייגער: אל). מאָרטשינער וויל האָבן, אַז אָט דער פֿאַקט איז ניט קיין צופֿאַל, נאָר ער איז ענג פֿאַרבונדן מיט דער רעליגיעזער רעפֿאָרמאַציע וואָס איז יעמאָלט פֿאָר־געקומען אין יהודה און האָט זיך אויסגעדריקט אין אויפֿשטעלן צוריק די העגעמאָניע פֿון י ה ו ה איבער א ל.

אין שײַכות דערמיט ווערט אויך קלאָר, אַז די אַלע פּערזאָנען, וואָס זייערע נעמען ווערן דערמאָנט אין ספֿר ירמיהו צונויפֿגעהאָפֿטן מיטן וואָרט „אל" (ווי אלנתן בן עכבור, אלישמע הסופֿר, ישמעאל בן נתניה א"אַנד) זײַנען, מיטן אויסנאַם פֿון אלעשה בן שפֿן, י ר מ י ה ו ס ק ע ג ע־נ ע ר ס וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן דער רעפֿאָרמאַציע פֿון קיניג יאשיהו.

וואָס שייך דעם א י נ ה א ל ט פֿון די לכיש־דאָקומענטן, שטעלט זיך די זאַך פֿאָר אַזוי:

דאָס זײַנען אַ רײַ בריוו וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן דורך אַ ייִדישן הויפּטמאַן ה ו ש ע י ה ו, אַ קאָמאַנדיר איבער אַ קלײנער פֿעסטונג אויפֿן וועג פֿון לכיש, ניט ווײַט פֿון עזקה, קיין ירושלים צו י א ו ש, קאָ־מאַנדיר פֿון דער לכיש־פֿעסטונג. דער לעצטער האָט שטאַרק צוטרוי צו זײַן סובאָרדינירטן, אָבער הינטער יאושן שטייט דער קיניג און זײַן קליקע,

און זיי זײַנען חושד הושעיהון אין פֿאַרבינדונגען מיט אַ געוויסן נבֿיא וועלכער איז רעוואָלוציאָנער געשטימט און דעמאָראַליזירט די פֿאַרטיידיקונג פֿון יהודה וואָס איז אויסגעשטעלט אויף אַ סכּנה מצד די בבֿלישע חיילות.

קעגן דעם נבֿיא ווערט געפֿירט אַ שאַרפֿע קאַמפּאַניע מיטן ציל אים אומצוברענגען, און איינער פֿון די קיניגלעכע באַאַמטע („זרוע למלך") מיטן נאָמען ט ו ב י ה שיקט אים אַן אָנשרעקבריוו מיט דער וואָרענונג זיך צו היטן.

באַקומענדיק דעם בריוו, ווענדט זיך דער נבֿיא צו זײַנע פֿרײַנד און אונטערשטיצערס, וואָס איינער פֿון זיי, ש ל ם ב ן י ד ע , ווענדט זיך פֿון זײַן זײַט צו יאושן וועלכער שיקט ווידער איבער דעם בריוו צו זײַן קנעכט הושעיהו. די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אַז מען קען שוין דעם גערודפֿטן נבֿיא ניט אַרויסהעלפֿן, און ער אַנטלויפֿט קיין מצרים. אַהין שיקט דער קיניג זײַנע מענטשן, זיי זאָלן דעם נבֿיא אַריבערברענגען און באַשטראָפֿן אים ווי אַן אויפֿשטענדער.

מיר ברענגען דאָ אָט דעם אינטערעסאַנטן בריוו אין אָריגינאַל מיט טאָרטשינערס אויסבעסערונגען און מיט אונדזער איבערזעצונג אין ייִדיש:

1 עבדך הושעיהו. שלח ל—
2 הג[ד] לאדני יאו[ש] ישמע.
3 יהוה [את] אדני שמעת. שלם
4 [הו מה זאת] בס[פר] ועת. הפקח
5 אדם. אזן עבדך לספר. אשר
6 שלחתה. אל עבדך אמש. כי. לב
7 [ע]בד[ך] דוה. מאז. שלחך. אל. עבד
8 ך וכיאמר. אדני. לא. ידעתה.
9 קרא היהוה. אם. נסה. א
10 יש לקרא לי ספר לנצח. וגם.
11 כל ספר אשר יבא. אלי אם.
12 קראתי. אתה [אף] ראת מנהו
13 כל. מאומ[ה] ולעבדך. הגד
14 לאמר ירד שר. הצבא
15 כ—(—) הו [כניהו] בן אלנתן לבא.
16 מצרימה. ואת
17 הודויהו בן אחיהו ו
18 אנשו שלח. לקחת. מזה.
19 וספר — (—) ביהו [טביהו] — — ד[עבד]. המלך. הבא
20 אל. שלם. בן ידע. מאת. הנבא. לאמ
21 ר. השמר. שלחה. עבך [עבדך]. אל. אדני.

איבערזעצונג:

„דײַן קנעכט הושעיהו האָט געשיקט זאָגן מײַן האר יאוש: זאָל יהוה לאָזן הערן מײַן האר פֿרידלעכע נײַעס!

„און איצט, צי האָט דען עמעצער אויפֿמערקזאַם געמאַכט זײַן קנעכט אויפֿן בריוו וואָס דו האָסט צו אים געכטן געשיקט? ווארעם דאָס האַרץ פֿון דײַן קנעכט ווייטיקט זינט דו האָסט געשיקט צו דײַן קנעכט אַזוי צו זאָגן: „איך ווייס ניט [צי האָט ער ניט] געלייענט דעם בריוו". איך שווער בײַ גאָט, אויב עמעצער האָט וועגן עס איז געפּרוּווט לייענען דעם בריוו! און יעדער בריוו וואָס איז געקומען צו מיר האָב איך ניט געלייענט און גאָר ניט אַרײַנגעקוקט אין אים.

„און צו דײַן קנעכט איז דערציילט געוואָרן אַזוי צו זאָגן: עס האָט אַראָפּגענידערט דער מיליטער־פֿירער כּניהו בן אלנתן קיין מצרים צוזאַמען מיט הודויהו בן אחיהו, און אויך זײַנע מענטשן האָט ער צוגענומען פֿון דאַנען.

„און דעם בריוו פֿון טוביהו, דעם קיניגס קנעכט, וואָס איז געקומען צו ש ל ם   ב ן   י ד ע פֿון דעם נביא, זאָגנדיק „היט זיך!", האָט דײַן קנעכט צוריקגעשיקט צו מײַן האר".

ניט געקוקט אויף דעם צום טייל אומקלאָרן בּיבּלישן סטיל איז די סי־טואַציע אַ קלאָרע: מען רודפֿט דעם נביא וואָס איז אַנטלאָפֿן קיין מצרים, און דער קיניג שיקט זײַנעם אַ מיליטער־פֿירער איבערצונעמען אים.

אָבער ווער איז דער נביא, וואָס זײַן נאָמען ווערט אין קיינעם פֿון די דאָקומענטן ניט דערמאָנט? טאָרטשינער וויל דרינגען, לויט אַן אַנאַלאָגיע אין ספֿר ירמיהו (קאַפּיטל כ"ו, 24-20), אַז דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי א ו ר י ה ו   ב ן   ש מ ע י ה ו וועלכער האָט געלעבט אין ירמיהוס צײַטן און האָט אויך פֿאָרויסגעזאָגט דעם שלעכטן סוף פֿון מלכות יהודה. וועגן אים ווערן דאָרט דערציילט ענלעכע פֿאַקטן וואָס לייענען זיך (אין יהואשעס איבערזעצונג) אַזוי:

„און נאָך אַ מאַן פֿלעגט נביאות זאָגן אין נאָמען פֿון גאָט, אוריהו דער זון פֿון שמעיהון, פֿון קרית־יערים; און ער האָט נביאות געזאָגט אויף דער דאָזיקער שטאָט און אויף דעם דאָזיקן לאַנד, אַזוי ווי אַלע ווערטער פֿון ירמיהון.

„און דער מלך יהויקים, און אַלע זײַנע גיבורים, און אַלע האַרן, האָבן געהערט זײַנע ווערטער, און דער מלך האָט אים געזוכט צו טייטן; אָבער אוריהו האָט געהערט דערפֿון, און ער האָט מורא געקראָגן, און איז אַנט־לאָפֿן קיין מצרים.

„האָט דער מלך יהויקים געשיקט מענטשן קיין מצרים, אלנתן דעם זון פֿון עכבורן, און נאָך מענטשן מיט אים, קיין מצרים.

„און זיי האָבן אַרויסגעצויגן אוריהון פֿון מצרים, און האָבן אים גע־בראַכט צום מלך יהויקים, און ער האָט אים דערשלאָגן מיטן שווערד, און

אוועקגעוואָרפֿן זײַן טויטן לײַב צווישן די קבֿרים פֿון די קינדער פֿון פֿאָלק".

מיט גרויס חריפֿות אַנאַליזירט טאָרטשינער אַלע אַרגומענטן פֿאַר און קעגן זײַן הנחה, ברענגט ראיות פֿון פֿילאָלאָגיקע ערטער אין תּנ"ך און פֿון היסטאָרישע פּאַראַלעלן און קומט צום אויספֿיר, אַז אין דעם אויבן דערמאָנטן דאָקומענט רעדט זיך ניט אַנדערש וועגן דעם נבֿיא אוריהו בן שמעיהו, וועמענס טעטיקייט עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די צײַטן פֿון יהויקים און זיך פֿאַרענדיקט אין די טעג פֿון צדקיהו וועלכער איז געווען אין אַ בונד מיט מצרים.

וואָס שייך צו דער אידענטיפֿיצירונג פֿון דעם תּנ"כישן א ל נ ת ן בן ע כ ב ו ר מיט כּ נ י ה ו בן א ל נ ת ן אין די לכיש־דאָקומענטן, דערווײַזט טאָרטשינער, אויפֿן סמך פֿון ענלעכע פֿאַרבײַטונגען פֿון פּערזאָנען־נעמען אין תּנ"ך, אַז זיי זײַנען איינע און די זעלבע.

פֿון אַנדערע לכיש־בריוו ווערט אויך קלאָר, אַז דער נבֿיא אוריהו האָט אַרום זיך געהאַט אַ גרופּע אָנהענגער ניט אין ירושלים, דעם זיצאָרט פֿון קיניג און זײַן קליקע, נאָר אין מערבֿ־יהודה, איבער הויפּט צווישן לכיש און ירושלים. זײַן השפּעה איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווען אַ גאַנץ קענטיקע, ווײַל אין אַן אַנדער דאָקומענט זאָגט זיך וועגן אים, אַז „ניט גוט זײַנען די רייד פֿון דעם נבֿיא, וואָרעם זיי שוואַכן און שלאָפֿן אָפּ די הענט פֿון [פֿאָלק אין] לאַנד" („דברי הנבא לא טבם, לרפֿת ידים ולהשקט ידי הארץ הם").

ווידער אַ מאָל געפֿינט דאָ טאָרטשינער אַן אַנאַלאָגיע אין די רייד פֿון די קיניגלעכע פֿירשטן קעגן ירמיהון: „...זאָל געטייט ווערן... דער דאָזיקער מאַן, וואָרעם ער שלאָפֿט דאָך אָפּ די הענט פֿון די מלחמה־לײַט וואָס זײַנען איבערגעבליבן אין דער דאָזיקער שטאָט און די הענט פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק...".

אויף איינעם פֿון נאָך דרײַ שערבלעך וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אין תּל־אל־דוויר אין יאָר 1938 האָט מען אויך געפֿונען אַ פֿאַרצייכענונג פֿון נעמען צוזאַמען מיט אַ קלענער ליסטע חשבונות, געשריבן אין פֿאַרצײַטיקע העברעיִשע צ י פֿ ע ר. נאָך דעם ווי טאָרטשינער דערקלערט די פֿאַרצײַטיקע ציפֿער־סיסטעמען, ווי זיי זײַנען אונדז באַקאַנט פֿון העברעיִש־כּנענישע און אַראַמישע מקורים, ווײַזט ער אָן, אַז אין דעם פֿאַל האָבן זיי געקאָנט באַצייכענען וואָגן אָדער מאָסן וואָס זײַנען אונדז געבליבן אומבאַקאַנט.

אַרום און אַרום האָט נ. ה. טאָרטשינער, מיט זײַן דעשיפֿרירן די דאָקומענטן פֿון לכיש, באַרײַכערט אין אַן אומגעריכטער מאָס אונדזערע ידיעות וועגן דער פֿאַרצײַטיקער העברעיִשער שפּראַך און שריפֿט (אַ וואָקאַבולאַר, לויטן אלף־בית, געפֿינט זיך צום סוף פֿון בוך) און נאָך אַ מאָל אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שײַן אַ וויכטיקן צושטײַער צו אַ דראַמאַטישער עפּאָכע, וואָס פּאַראַלעלן צו איר געפֿינען זיך אין דעם ספֿר ירמיהו.

מ. ק אָ ס אָ װ ע ר

צ ו ו י י   ט ע אַ ט ע ר - ב י כ ע ר

Любомирский. Михоэлс. Госуд. Изд. «Искусство», Москва-Ленинград, 1938.

ליובאָמירסקי גיט אַ מאָנאָגראַפיע פונעם אָנפירער און אַקטיאָר פון מאָסקווער יידישן אַקאַדעמישן מלוכה־טעאַטער (געוועזענער קאַמער־טעאַטער) מיכאָעלס (וואָפסי).

אין דעם בוך איז פאַראַן איין דאָמינירנדיקער שטריך, — אַ שטריך וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדער מין אויסגאַבע וואָס גייט אַרויס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ביי ליובאָמירסקין איז דער אָביעקט, מיכאָעלס, ניט אַ גוטער יידישער אַקטיאָר, ניט סתם אַ גרויסער אַקטיאָר, נאָר אַ „ס אָ - ו ו ע ט י ש ע ר" אַקטיאָר. דערביי ווייזט דער מחבר באַלד אָן, אַז מיכאָעלס האָט זיך פאַרנומען מיט שטודירן מאַרקסיזם נאָך אין יאָר 1905, ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט... (ז' 5).

כדי דעם דאָזיקן מעטאָד פון כאַראַקטעריסטיק אָנצוהאַלטן, איז ליובאָ-מירסקי געצוווּנגען צו פאַרנעמען זיך מיט דער טעמאַטיק פון טעאַטער מער ווי מיט די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דעם קינסטלער וועלכן ער באַ־האַנדלט. אַזוי אַרום דערוויסן מיר זיך טאַקע אַ היפש ביסל פרטים וועגן דעם טעאַטער גופא, אין וועלכן מיכאָעלס האָט געווירקט און געאַרבעט.

דער „גאָסעט" (ראָשי־תיבות פונעם רוסישן נאָמען פון דעם יידישן אַקאַדעמישן מלוכה־טעאַטער, פריער — קאַמער־טעאַטער), דערציילט אונדז דער מחבר, האָט זיך, נאָך אַ ריי וואַקלענישן, בלאָנדזשענישן און דורכפאַלן, אַ נעם געטאָן צו געפינען אַ „נאַציאָנאַלע פאָרם" פאַר זיינע אויפפירונגען. האָט מען אַריינגענומען אין רעפּערטואַר אַבֿרהם גאָלדפאַדענען און שלום־עליכמען, ווי די טיפּישסטע פאָרשטייער פון נאַציאָנאַלער פאָרם. מיטן טעקסט פון די דאָזיקע דראַמאַטורגן איז מען זיך באַגאַנגען אַזוי:

„גאָר אַ גרויסער טייל פון אַלטן טעקסט (אין דעם אויך קופּלעטן) איז פאַרביטן געוואָרן מיט אינטערמעדיעס און קופּלעטן וואָס דער דראַמאַטורג י. דאָברושין האָט אָנגעשריבן אויף טאָגטעמעס" (ז' 20).

דאָס איז וועגן גאָלדפאַדנס „באָבע יאַכנע". וועגן שלום־עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט" דערציילט ליובאָמירסקי אַזוי: „דער מאָסקווער גאָסעט האָט באַדאַרפט אונטערשטרייכן און פאַרשטאַרקן די סאָציאַלע מאָטיוון אין שלום־עליכמס ווערק און האָט באַדאַרפט בייקומען זיין קליינבורזשואַזע,

נאַציאָנאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע. דאָס פֿלעגט דערגרייכט ווערן אויף צוויי אופֿנים: דורך אויסמעקן דעם אַלטן טעקסט און דורך צושרײַבן נײַעם, וואָס זאָל זײַן אידעאָלאָגיש מער צוגעפּאַסט צו די רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבעס פֿון סאָוועטישן טעאַטער" (ז' 26).

און כּדי מען זאָל וויסן, וואָס מען פֿלעגט צושרײַבן, ווערט ציטירט (ז' 27) אַזאַ מין שורה: „צוגעקומען אין שטאָט נאָך אַ חזיר". — דאָס רעדט זיך וועגן שימעלע סאָראָקער, ווען מע דערוויסט זיך, אַז ער האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס.

ווי אַזוי דאָס פּאַסט צו דער געשטאַלט פֿון סאָראָקערן, איז אַן אַנדער פֿראַגע, אָבער ליובאָמירסקי דערקלערט, אַז:

„אויף אַזאַ אופֿן האָט דער טעאַטער ליקווידירט דעם מחבּרס [שלום־עליכמס] באַמיִונגען צו באַשײַנען די געשטאַלט פֿון דעם רײַך געוואָרענעם חבֿרה־מאַן" (ז' 27).

חוץ דעם פֿלעגן געמאַכט ווערן קופּיורן, כּדי צו פֿאַרגיכערן די דינאַמיק פֿון דער פּיעסע (ז' 26).

כּדי אונטערצושטרײַכן דעם סאָציאַלן מאָטיוו אין שלום־עליכמס ווערק, וואַרפֿט זיך רב אַלטער (אין „מזל טובֿ") מיט אַ שטעקל האָלץ אויף דער בעל־הביתטע און זאָגט דערבײַ: „די סאָציאַליסטן זאָגן, אַז עס וועט שוין זײַן קאַפּוט מיט אײַך". „דער דאָזיקער זשעסט איז נאַטירלעך אַ סימבאָלישער, דערקלערט ליובאָמירסקי, אָבער דאָ ווערן קלאָר באַוויזן די קלאַסנדיקע סימפּאַטיעס פֿון רב אַלטערן. אין שלום-עליכמס טעקסט איז דער זשעסט ניטאָ, דאָס איז צוגעשריבן געוואָרן, און טאַקע זייער פּאַסיק, ווײַל דאָס פֿאַרשאַרפֿט און פֿאַרשטאַרקט דעם אַקצענט פֿון סאָציאַלן פּראָטעסט" (ז' 36).

ווי אַזוי אַ שטעקל האָלץ אין האַנט און קלאַסנדיקע סימפּאַטיעס בינדן זיך מיט דער געשטאַלט פֿון רב אַלטערן, איז ווידער אַ באַזונדער פֿראַגע . . .

וואָס שייך די אויפֿפֿיר־מעטאָדן פֿון דעם גאָסעט, כאַראַקטעריזירט זיי ליובאָמירסקי בלויז מיט אַלגעמיינע, ווייניק זאָגנדיקע באַצייכענונגען, ווי „פֿאָרמאַליזם", „אויסוויייניקסטע דינאַמיק", „שאַבלאָנישער אימפּרעסיאָניזם" וכדומה. דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע דעם צוגאַנג פֿון די אַקטיאָרן צו זייער עבֿודה; ליובאָמירסקי גיט זיי אַזוינע ווערטער:

— „מיר זײַנען באַפֿרײַט פֿון צאַריזם, קאַפּיטאַליזם, נאַציאָנאַליזם, — שפּילן מיר ווי קאָמעדיאַנטשטשיקעס, כּדי אָנצולאָדן אײַך מיט רעוואָלוציאָנערער ענערגיע" אאַז"וו (ז' 20).

פֿאַר וואָס די באַפֿרײַונג פֿון צאַריזם, קאַפּיטאַליזם און נאַציאָנאַליזם דאַרף קאָנסעקווענט פֿירן צו שפּילן אויף די בינעברעטער ווי קאָמעדיאַנטשטשיקעס, איז ניט גאָר קלאָר; און פּונקט אַזוי איז ניט קלאָר, פֿאַר וואָס

הויקא קאָמעדיאַנטן־שפּיל איז מסוגל אָנצולאָדן מענטשן מיט רעוואָלוציאָ־נערער ענערגיע.

ווענן מיכאָעלסן אַליין, וואָס זײַן טעאַטראַל־קינסטלערישער מהות ווי אַן אַקטיאָר וואָלט דאָך געדאַרפֿט אַרויסגעבראַכט ווערן, ווערט גאַנץ ווייניק געזאָגט, און דאָס געזאָגטע איז, ווידער אַ מאָל, ניט תּוכיק.

אַזוי דערציילט אונדז ליובאָמירסקי, אַז אין דער ראָלע פֿון האָצמאַכן האָט זיך מיכאָעלס באַנוצט מיט אַ מאַסקע פֿון אַ „סקאָמאָראָך" (פּורים־שפּילער?) ניט כּדי צו אַמוזירן דעם עולם, נאָר ווײַל ער האָט געצילט צו רעוואָלוציאָנערער סאַטירע. אין די נײַע קופּלעטן האָט ער אויסגעלאַכט ציוניסטן, טאַרטיופֿן [צבֿועקעס] און נעפּלײַט (ז' 21).

ווי זײַנען אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק די אייגנשאַפֿטן פֿון דעם אַקטיאָר? דאָס אויסלאַכן אין קופּלעטן באַלאַנגט צו דעם מחבר פֿון די קופּלעטן; אין אונדזער פֿאַל איז וויכטיק, ווי אַזוי דער אַק־טיאָר האָט אויסגעלאַכט, און גראָד וועגן דעם איז קיין וואָרט ניטאָ.

ווי אַזוי מיכאָעלס האָט געשפּילט די ראָלע פֿון יעקל שאַפּשאָוויטשן געפֿינט ניט ליובאָמירסקי צו זאָגן מער ווי:

„מיכאָעלס האָט באַוויזן די ליידן פֿון שאַפּשאָוויטשן מיט גרויס קראַפֿט" (ז' 12).

צו מיכאָעלסעס אַלגעמיינער אַקטיאָרישער כאַראַקטעריסטיק גייט דער מחבר צו, אַז „אינטויִציע שפּילט בײַ אים אַ קליינע ראָלע, ער גייט צו, אין דער ערשטער ריי, צו דעם מאַטעריאַל אינטעלעקטועל" (ז' 100), אָבער אין אַן אַנדער אָרט (ז' 110) קומט אויס, אַז דער מחבר לייקנט אָפּ זײַנע אייגענע רייד, ווײַל ער זאָגט, אַז מיכאָעלס איז ניט נאָר אינטעלעקטועל, נאָר אויך עמאָציאָנעל...

— „איך וויים ניט וואָס עס מיינט טראַנס, גײַסט, אינטויִציע" — זאָגט מיכאָעלס אַליין (ז' 100). אין אַן אַנדער אָרט (ז' 101) כאַראַקטעריזירט ער אַליין זײַן אַקטיאָרישן מעטאָד אויף אַזאַ אופֿן:

„עס איז באַוווּסט, אַז פֿרויען באַנוצן פֿאַרשיידענע מיטלען, כּדי אויס־צונעמען בײַ מענער (אַראָפּלאָזן די אויגן, אויפֿהייבן די אויגן, כאַפּן אַ בליק פֿון דער זײַט אאַז"וו). דאָס טוט אַ פֿרוי, כּדי געפֿעלן צו ווערן. איך בין זיך מודה, אַז אויף דער בינע בוי איך אַלץ אויפֿן סוף, „אָט־אָט וועל איך זאָגן" און באמת קען זײַן, אַז איך וועל גאָרניט זאָגן. דאָס איז אַ מעטאָד אַזאַ. עס טרעפֿט, אַז איך גיי צו צו דער ראַמפּע, לייג צו די האַנט (אָדער אַ פֿינגער) צום האַרצן און זאָג עפּעס אַ פֿראַזע וואָס איז באַרעכנט אויף דעם, אַז דער צוזעער זאָל זיך אָנשפּיצן... דאָס איבעריקע איז ניט וויכטיק".

ווי עס איז צו זען, איז פֿון מיכאָעלסעס אייגענע באַמערקונגען אויך גאַנץ שווער צו באַקומען אַ קלאָרע השגה וועגן זײַן אַקטיאָרישן מהות; און

אויך אַזוי איז שווער די השגה צו באַקומען פֿון די וויִטערדיקע ראָלע־כאַראַקטעריסטיקעס וואָס ליובאָמירסקי גיט וועגן אים.

באַקומט זיך אַ טשיקאַווע זאַך: געוואָלט האָט דער מחבר אויס־מאָלן די געשטאַלט פֿון מיכאָעלסן און אויסגעמאָלט האָט ער דעם מהות פֿון דעם גאָסעט. אַ וויכטיקער צושטייַער צו דער געשיכטע פֿון מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער, אָבער ס'איז ניט דאָס וואָס דאָס בוך האָט צוגעזאָגט.

ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן, וואָס דער נאָמען פֿון דעם אייגנטלעכן בויער און פֿירער פֿון דעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער (קאַמער־טעאַטער) אַ. גראַ־נאָווסקי ווערט דערמאָנט איין איינציקן מאָל, און דאָס בלויז אויך אין פֿאַרבינדונג מיט זייַן אַוועקגיין פֿון טעאַטער. עס באַקומט זיך אַן איינ־דרוק, אַז דער דאָזיקער טעאַטער איז געשאַפֿן און געפֿירט געוואָרן פֿון זיך אַליין, עפּעס דורך אַ מין רוח הקודש...

אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם צייַטאָפּשניט פֿון גראַנאָווסקיס אָנפֿירער־שאַפֿט גיט ליובאָמירסקי אַזאַ:

„מיט די אויפֿפֿירונגען פֿון „גט", „דרייַ ראָזשינקעלעך", „ביי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק", „לופֿטמענטש", „דאָס צענטע געבאָט", האָט דער גאָסעט אויפֿגעדעקט פֿיל פֿון דעם פֿאַרקריפּלטן, מיאוסן אַלטן ייִדישן לעבן. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט וועגן די פּערספּעקטיוון און וועגן דער אויפֿלעבונג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין לאַנד פֿון די סאָוועטן, אין לאַנד פֿון סאָציאַליזם". ערשט ווען מיכאָעלס ווערט דער קינסטלערישער אָנפֿירער פֿון טעאַטער, נעמט מען זיך צו דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע (ז' 64).

דאָס בוך איז באַצירט מיט אַ רייַ בילדער (מיכאָעלס אין פֿאַרשיידענע ראָלעס), וועלכע זייַנען אפֿשר אינטערעסאַנט פֿאַר זיך, אָבער זיי אילוסטרירן קיין זאַך ניט. מיינט דאָך ניט דער מחבר, אַז יעקל שאַפּשאָוויטשעס דו־אַליזם ווערט אילוסטרירט מיט דעם, וואָס מיכאָעלס האָט גרימירט זייַן פּנים האַלב ווייַס און האַלב שוואַרץ (ז' 11). דאָס איז צו נאַיִוו . . . און וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד איז דאָ צווישן דער מאַסקע פֿון רב אַלטערן (אין „מזל טוב") און בנימין דעם דריטן ?

מיכאָעלס איז געווען אַ וויכטיקער אַקטיאָר און אַ וויכטיקע טעאַטער־פּערזענלעכקייט, אָבער פֿון דעם וואָס ליובאָמירסקי דערציילט אין זייַן מאָ־נאָגראַפֿיע איז גאַנץ שווער אויסצוגעפֿינען, אַז מיכאָעלס איז „אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אַקטיאָר", סייַדן... סייַדן מיר זאָלן גלייבן אויפֿן וואָרט.

И. Зограф. Вахтангов. Государственное Издание. Москва-Ленинград, 1939.

דער לייַוונט, אויף וועלכן זאָגראַף מאָלט די פּערזענלעכקייט פֿון דעם יונג פֿאַרשטאָרבענעם באַרימטן אַקטיאָר, פּעדאַגאָג און רעזשיסער וואַכטאַנ־גאָוו, איז פֿון אַ גרויסן פֿאַרנעם. ער פֿירט אים דורך אַלע עטאַפּן פֿון זייַנע

טעאַטער־זוכענישן און באַמיט זיך, אויפֿן סמך פֿון פֿאַרשיידענע מאַטעריאַלן* אויסצוגעפֿינען דעם מהות פֿון וואַכטאַנגאָווס שאַפֿן און זײַן טעאַטראַל־קינסטלערישער פּערזענלעכקייט.

אין דער צוגאַנג אַ ריכטיקער, אָבער... אויך זאָגראַף, ווי אַ סך אַנדערע טעאַטער־מאָנאָגראַפֿיסטן (ליובאָמירסקי אין דעם בוך וועגן מיכאָעלסן; מ. ליטוואַקאָוו — „5 יאָר מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער"; אַ. כאַשין — „דער שעפֿערישער וועג פֿון מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער", געדרוקט אין בוך „10 יאָר אַרטעף", 1937, ניו-יאָרק), באַהאַנדלט אָפֿט די אידעאָלאָגיע פֿון סאָוועטישן טעאַטער און ניט דעם טעאַטער גופֿא; דעם רעפּערטואַר און ניט דעם טעאַטראַל־קינסטלערישן שאַפֿער זײַנעם.

באַלד אין סאַמע אָנהייב בוך דערציילט אונדז דער מחבר ,אַז „וואַכטאַנגאָוו האָט מיט פֿרייד אויפֿגענומען די גרויסע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע... פֿון די ערשטע טריט פֿון דער רעוואָלוציע איז ער צוגעשטאַנען צו דער קולטור־בויונג פֿון דער סאָוועטן־מאַכט" (ז' 3). און דערקלערנדיק אין זײַן במקום הקדמה, פֿאַר וואָס ער, דער מחבר, וויל אויספֿאָרשן אַלע עטאַפּן פֿון וואַכטאַנגאָווס טעאַטראַלער אַנטוויקלונג, זאָגט ער אַזוי: „אויסמאָלנדיק דעם וועג, מיט וועלכן וואַכטאַנגאָוו איז געגאַנגען ערבֿ דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, שטרעבן מיר אויסצופֿאָרשן דעם פּראָצעס, ווי אַזוי ער האָט אויפֿגענומען די רעוואָלוציע, זײַן קאַמף פֿאַר נײַע טעאַטראַלע פֿאָרמען אין די באַדינגונגען פֿון סאָוועטישער ווירקלעכקייט (ז' 4). אָדער: „פּראָטעסט און אויפֿדעקונג פֿון דער בורזשואַזער וועלט אין דעם נאָך־אָקטאָבער פּעריאָד ווערט זײַן פֿירנדיקע טעמע" (ז' 25).

מיט אַזוינע זאַצן, וואָס זיי זײַנען בלויז אַ קלײנער טייל פֿון ענלעכע פֿראַזעס, צעשאָטענע איבער דער גאַנצער גרייס פֿון בוך, וויל דער מחבר אויסמאָלן די טעאַטער־שאַפֿערישע פּערזענלעכקייט פֿון וואַכטאַנגאָוון, ניט שפּירנדיק דערבײַ, אַז דאָס האָט גאָר צו טאָן מיט דער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע פֿון סאָוועטישן טעאַטער, אַן אידעאָלאָגיע, וואָס מעג זײַן אי באַרעכטיקט אי וויכטיק, נאָר זי האָט ניט קיין שײַכות צו דער רעזשיסערישער, אָדער אַקטיאָרישער שאַפֿערישקייט אין טעאַטער.

אָבער, ניט געקוקט אויף דעם, איז דאָ אין בוך אויך אַ היפּש ביסל פּאָזיטיווער און ספּעציפֿישער מאַטעריאַל.

אַן אַנדער פֿראַגע איז, צי דער מאַטעריאַל איז ריכטיק באַלויכטן געוואָרן אויף צו געבן צו פֿאַרשטיין די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט פֿון וואַכטאַנגאָוון. אין בוך זײַנען פֿאַראַן גענוג סתּירות וואָס דערלאָזן ספֿקות אין דעם.

---

* די רשימה פֿון די מקורים, מיט וועלכע דער מחבר האָט זיך באַנוצט, ווערט אָנגעגעבן צום סוף בוך און ציילט 204 נומערן.

אויב מע זאָל למשל טאַקע אָננעמען, אַז „עסטעטיק איז אַ כאַראַקטער־שטריך פֿאַר דער קונסט פֿון דער אימפּעריאַליסטישער עפּאָכע" (ז' 39), טאָ ווי אַזוי קלעפּט זיך אַהער דער צווייטער טעזיס, אַז רעאַליסטישער טעאַטער איז בורזשואַז און דעריבער ריַיסט זיך וואַכטאַנגאָוו צו סימבאָליזם און פֿאָרמאַליזם (ז' 45)? און פּלוצלינג, נאָכן קאַמף מיטן רעאַליזם — אַזוי דערציילט אונדז דער מחבר — איז „דער יסוד פֿון זיַין [וואַכטאַנגאָווס] מעטאָד געלעגן אין דעם ר ע אַ ל י ס ט י ש ן אופֿן פֿון אויפֿדעקן דעם מענטשן, דעם אמת פֿון זיַינע געפֿילן, געדאַנקען און מעשׂים" (ז' 52).

וואַכטאַנגאָווס פֿעיִקייטן הייבן זיך אָן באַוויַיזן, ווען ער קומט אַריַין אין אַדאַשאָווס סטודיע (1910), אין וועלכער עס האָבן געגעבן לעקציעס די בעסטע אַקטיאָרן פֿון מאָסקווער קונסט־טעאַטער מיט סטאַניסלאַווסקין בראָש. דאָרט צייכנט ער זיך באַלד אויס ווי אַ פּעדאַגאָג, און ווי אַזאַ נעמט אים אויך כּסדר אויף דער וועטעראַן סטאַניסלאַווסקי. און אויך זיַין רע־זשיסערישע פֿעיִקייט הייבט זיך אָן אַרויסוויַיזן דאָרט. ווי דער מחבר פֿאַר־זיכערט אונדז, איז „וואַכטאַנגאָוו לויטן כאַראַקטער פֿון זיַינע כּשרונות אַ געבוירענער רעזשיסער" (ז' 11). זיַין רעזשיסערישער מעטאָד איז באַ־זירט אויף דער הנחה, אַז „אַ ספּעקטאַקל איז אַ שאַפֿערישע דערשיַינונג פֿון אַן איינהייטלעכן ווילן פֿון אַ שאַפֿנדיקן קאָלעקטיוו; טעאַטער, אין גוטן זינען פֿון וואָרט, איז אַ קאָלעקטיווע דערשיַינונג און איז אָפּהענגיק פֿון דער גרופּע וואָס שאַפֿט זי" (ז' 27).

אין זיַינע רעזשיסערישע אַרבעטן האָט וואַכטאַנגאָוו באַנוצט מעטאָדן פֿון פֿאַרשיידענע שיטות. אָנהייבנדיק מיט דעם אַלטן פּראָווינציעלן שטאַמפּ איז ער דורכגעגאַנגען די רעאַליסטישע שול, די אינטים פּסיכאָלאָגישע, די נעאָראָמאַנטישע, די פֿאָרמאַליסטישע, די פֿאַרשאַרפֿט טעאַטראַלישע, די גראָ־טעסקע ביז רעוואָלוציאָנערן פֿאָלקס־טעאַטער, און דער קלימאַקס פֿון זיַין רעזשיסערישער טעטיקייט, די העכסטע דערגרייכונג זיַינע אין „הדבוק" (ז' 111), וואָס ער האָט אויפֿגעפֿירט אין 1922 אין דעם טעאַטער „הבימה". דערמיט פֿאַרענדיקט ער זיַין רעזשיסערישן וועג און אויך... זיַין לעבן.

און דאָ קומען מיר צו אַ פּונקט וואָס אינטערעסירט אונדז צום שטאַרקסטן, דהיַינו: וועלכע טעאַטראַלע סיבות און מאָטיוון האָבן גע־בראַכט וואַכטאַנגאָוון צו דער אַרבעט איבערן „דבוק"? וואָסערע קינסטלע־רישע פּרטים זיַינען זיַינע אייגענע און וואָסערע אינטערפּרעטאַטיווע פּרטים האָט ער אַריַינגעבראַכט אין אַנ־סקים ווערק און וואָס זיַינען זיַינע קינסט־לערישע אויפֿטוען אין דער דראַמאַטישער טיף יִדישער פּיעסע?

אויף דער פֿראַגע גיט אונדז זאָגראַף קיין קלאָרן ענטפֿער ניט. די פֿראַגע וועגן די מאָטיוון וואָס האָבן געבראַכט וואַכטאַנגאָוון צו דער „הבימה" ווערט אין גאַנצן ניט באַרירט אין איר תּוך; עס ווערט בלויז איבערגעגעבן

דער פֿאַקט, אַז אין יאָר 1917 איז וואַכטאַנגאָװ, אויף דער רעקאָמענדאַציע פֿון ק. ס. סטאַניסלאַװסקין, אַרײַן אין דער „הבימה" ווי אַ לערער.

דאָס ניט אויספֿאָרשן דעם דאָזיקן פֿאַל איז, לויט אונדזער מיינונג, אַ גרויסער בלויז אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון דעם קינסטלער וואַכטאַנגאָוו.

די צווייטע פֿראַגע, דהײַנו: וועלכע קינסטלערישע פּרטים זײַנען זײַנע אייגענע און וועלכע אינטערפּרעטאַטיווע פּרטים האָט ער אַרײַנגעבראַכט אין אַנ־סקים ווערק און וואָס זײַנען זײַנע קינסטלערישע אויפֿטוען אין „הדבוק", ווערט יאָ באַרירט אין בוך, אָבער, צו אונדזער חידוש, דערוויסן מיר זיך, אַז... ניט וואַכטאַנגאָוו איז געווען דער פּוסק־אחרון בײַם באַשטימען דעם סטיל פֿון „הדבוק", נאָר דער מאָלער נתן אַלטמאַן. לאָמיר לאָזן דעם מחבר אַליין דערציילן וועגן דעם:

— „אין הסכּם מיטן כאַראַקטער פֿון דער פּיעסע איז וואַכטאַנגאָוס אויפֿפֿירונג געווען געפּלאַנט ווי אַ סבֿיבֿה־ספּעקטאַקל און האָט געשטרעבט צו אַן עטנאָגראַפֿיש פּינקטלעכער קאָפּיע פֿון ייִדישער סבֿיבֿה און מנהגים. אַזוי האָט ער געפֿירט זײַן אַרבעט כּמעט ביז דער פּרעמיערע". נאָר אָט איז געקומען נתן אַלטמאַן מאָלן דעקאָראַציעס פֿאַר דער אויפֿפֿירונג פֿון „הדבוק" און האָט איבערגעדרייט די גאַנצע אַרבעט וואַכטאַנגאָוס. אַלטמאַן „האָט געבראַכט מיט זיך אַ נײַע אינטערפּרעטאַציע פֿון דער פּיעסע. בפֿירוש אַלטמאַן האָט געגעבן די אידעע פֿון פֿאַראַלגעמיינערן די געשטאַלטן און געשעענישן, טעאַטראַליזירן די עטנאָגראַפֿישע עלעמענטן און מנהגים אין דעם ספּעקטאַקל" (ז' 115). וואַכטאַנגאָוו נעמט אָן אַלטמאַנס קאָנצעפּציע; ער פֿאַרוואַרפֿט די גאַנצע אַרבעט זײַנע, וואָס איז געווען געבויט אויף רעאַליזם, און פֿירט אַוועק די פּיעסע אין דער וועלט פֿון גראָטעסק.

וועגן וואַכטאַנגאָווס אינטערפּרעטאַציע פֿון אַנ־סקים פּיעסע שרײַבט זאַגראַף אַזוי:

„אַרויסגייענדיק פֿון פּרינציפּ פֿון הײַנטצײַטיקייט, אין הסכּם מיט די רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבעס פֿון דער עפּאָכע, פֿלײַסט זיך וואַכטאַנגאָוו אין זײַן אינטערפּרעטאַציע (הגם ניט גאָר קאָנסעקווענט) אַרויסצונעמען פֿון דער פּיעסע איר מיסטישן געדאַנק" . . . „פֿלײַסנדיק זיך אויסצוטײַטשן די פּיעסע אין גײַסט פֿון הײַנטצײַטיקייט, פֿאַרוואַרפֿט וואַכטאַנגאָוו דעם קאַמף פֿון לעבעדיקע מיט טויטע [דער דין־תּורה וואָס דער מיראָפּאָליער צדיק אָרדנט אײַן צווישן חננס פֿאַרשטאָרבענעם פֿאָטער און לאהס פֿאָטער, סענדער בריניצער] און פֿאַרבײַט אים אויף אַ קאַמף צווישן רײַכע און אָרעמע". דאָס גיט זיך וואַכטאַנגאָוון אײַן ניט אין גאַנצן. „דער הויפּטגעדאַנק וועגן דער באַהעפֿטונג פֿון אַ פֿרעמדער נשמה, פֿון דעם מיסטישן דיבוק, בלײַבט, און דאָס לאָזט געוויינטלעך איבער אַ געוויסן צייכן אויפֿן גאַנצן ספּעקטאַקל (ז' 116).

ידי מיטלען וואָס וואַכטאַנגאָוו באַנוצט צו דערגרייכן זײַן נײַע אויס־טײַטשונג פֿון „הדבוק“ זײַנען, לויט זאַגראַפֿן, דער עיקר פֿאָרמעלע, אויסנ־וויניקסטע, אַזוי צו זאָגן. ער וויל עס דערגרייכן דורך קאָסטיום און גרים.

„די קליידונג פֿון דעם גבֿיר סענדער (אַ בונטער, זײַדענער כאַלאַט) שיידט זיך שאַרף אונטער פֿון די גרויע און שוואַרצע קליידער פֿונעם המון; זײַן גרויסער בויך, זײַנע סטאַטעטשנע באַוועגונגען זײַנען אַ קאָנטראַסט צו דער אויפֿגערודערטער און רירעוודיקער מחנה אָרעמעלײַט“ (ז' 120).

„אויף דעם זעלבן אופֿן ווערט געוויזן אַ גרופּע פֿון צען־צוועלף חסידים; איינהייטלעכע באַוועגונג, פֿיקסירט פֿאַר יעדער איינעם און באַ־גלייט מיט סטיליזירטער שפּיל פֿון די הענט, — כאַראַקטעריזירט די איינ־הייטלעכקייט פֿון זייער פּסיכישער רעאַקציע“ [?] (ז' 121). „שפּיל פֿון די הענט איז דער גרונטשטריך פֿון אַ חסידישער געשטאַלט“ אַז"וו (דאָרט גופֿא) און אַזוי כּסדר — אַלץ אויסוויניקסטע מיטלען.

בכלל זײַנען די פּאַרשוינען פֿון „הדבוק“ געווען פֿון פֿאַרשיידענע סטילן: „חנן, לאה און אויך לאהס ניאַניע באַלאַנגען צו דער רעאַליסטישער גרופּע; די אַנדערע — צו די סימבאָליקער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער צײַט; דער משולח איז דער טרעגער פֿון דער עטישער אידעע“ (ז' 120). אגבֿ: פֿאַר וואָס מיינט דער מחבר, אַז דער משולח איז אַ געשיקטער פֿונעם אַשמדאַי?

בנוגע די אַקטיאָרן אין „הדבוק“ דערציילט וואַכטאַנגאָוו אַליין אין אַ בריוו צו נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָ פֿון 8טן אַפּריל 1922 אַט וואָס:

„די גאַנצע פּיעסע, אַלע ראָלעס ביז די קלענסטע קלייניקייטן, ביז זשעסט, אינטאָנאַציע און טעמבער פֿון שטימע, האָב איך באַדאַרפֿט שפּילן אַליין. עס איז מיר אויסגעקומען צו באַאַרבעטן יעדע פֿראַזע“ (ז' 117).

זאַגראַף פֿאַרענדיקט זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן וואַכטאַנגאָווס אויפֿפֿירונג פֿון „הדבוק“ מיט אַזאַ זאַץ: „פֿאַר אַ שעדעווער פֿון רעזשיסערישער אַר־בעט מוזן מיר אָנערקענען די מאַסן־סצענעס, איבער הויפּט די סצענע פֿון די אָרעמעלײַט וואָס טאַנצן אויף דעם גבֿירס חתונה“ (ז' 121).

מיט דער מיינונג זײַנען מיר אין גאַנצן מסכּים, אָבער עס דוכט אונדז, אַז די מעטאָדן וואָס דער אינטערעסאַנטער רעזשיסער וואַכטאַנגאָוו האָט געניצט אין זײַן אויפֿפֿירונג פֿון „הדבוק“ האָבן די פּיעסע ניט נאָר ניט פֿאַרטיפֿט, נאָר אויך אָפּגעווענדט פֿון איר תּוך. איז עס געווען אַן אינ־טערעסאַנטער ספּעקטאַקל, נאָר ניט אַן־סקים דראַמע און זיכער ניט קיין ייִדישע דראַמע. פֿון אַלע „דיבוק“־אויפֿפֿירונגען (די אָפּערע אַרײַנגערעכנט) איז די „הבימה“־אויפֿפֿירונג די „גוייִשסטע“. וואַכטאַנגאָווס צדיק איז מער געגליכן צו אַ ביזאַנטישן ניקאָלאַי טשודאָטוואָרעץ איידער צום מיראָפּאָליער; דער משולח וואַכטאַנגאָווס איז מער ענלעך צו אַ פֿאַנאַמאַר איידער צו אַ מיסטישן טרעגער פֿון אַן עטישער אידעע אַז"וו. דער איינציקער מענטש וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער ניט־ייִדישקייט פֿון דער דאָזיקער אויפֿפֿירונג

איז געווען אַ. קוגעל (האָמאָ נאָווּס). ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז „אין „הדבוק" איז מער „וואַכטאַנגאָוו" איידער „ישׂראל"; אין דעם ספּעקטאַקל איז „מער טראַדיציע פֿון סטאַניסלאַווסקין איידער ייִדישע עסטעטיק און פּסי־כאָלאָגיע" (זז' 115 און 116).

און ווי אַזוי האָט דאָ באמת געקאָנט זײַן „ייִדישקייט", אַז וואַכטאַנגאָוו האָט אָנגענומען אויסוויייניקסטע קלייניקייטן פֿאַרן תּוך; איז שפּיל פֿון הענט געוואָרן דער גרונטשטריך פֿון אַ חסידישער געשטאַלט אאַז"וו.

מיר זײַנען ניט מסכּים מיט אַלע אויספֿירן וואָס זאַגראַף מאַכט אין זײַן בוך וועגן וואַכטאַנגאָוו, אָבער ס'איז בלי שום ספֿק אַ וואָגיק בוך.

מ ע נ ד ל   ע ל ק י ן

ייִדישע קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישׂראל

Manoah Levanon Bialik, *The Cooperative Credit Movement in Palestine.* With an introduction by Professor Salo W. Baron. XV + 128 pp. 1940.

דאָס בוך איז אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט. דעריבער משמעות זײַנען אַרײַנגעשטעלט די ערשטע דרײַ קאַפּיטלעך וואָס באַהאַנדלען די יסודות פֿון קאָאָפּעראַציע בכלל און די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין פֿאַרשיידענע לענדער. די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך ריידן אַרום די אידעעס פֿון דער ייִדישער קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישׂראל, די קאָאָפּעראַטיווע געזעץ־געבונג, די ייִדישע קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־אינסטיטוציעס אין לאַנד, זייער טעטיקייט און אַנטוויקלונג. באַזונדערע קאַפּיטלעך האָבן צו טאָן מיט די צענטראַלע אינסטיטוציעס פֿון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע. צום סוף קומט אַ מין סך־הכּל, וווּ עס ווערן אָנגעוויזן די מעלות און חסרונות פֿון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישׂראל.

האָבן מיר דאָ, הייסט עס, אַן איבערבליק איבער דער קרעדיט־קאָאָפּע־ראַציע אין ארץ־ישׂראל, אירע אַרבעט־מעטאָדן און איר אַרבעטספֿעלד. וואָס עס פֿעלט, איז אַ גרונטיקע קענטעניש פֿונעם הינטערגרונט — פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִשובֿ. אויף צו מאָלן דאָס בילד ווי ס'געהער צו זײַן דאַרף מען קענען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין ארץ־ישׂראל בכלל און די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע בפֿרט נישט נאָר לויט אָפֿיציעלע באַריכטן, נאָר פֿון אינעווייניק אַרויס און אין באַציִונג צום ייִשובֿ. די פּאָר חדשים וואָס דער מחבר האָט, לויט זײַנע ווערטער אין דער הקדמה, פֿאַרבראַכט אין ארץ־ישׂראל שטודירנדיק דעם ענין קלעקן נישט אויף צו קענען די ספּעציפֿישקייט פֿונעם לאַנד און זײַנע אינסטיטוציעס. דעריבער קען דער מחבר זען חסרונות דאָרט וווּ זיי זײַנען נישט פֿאַראַן און פֿאַרזען קאַרדינאַלע פּראָבלעמען.

ער וואַרפֿט אַ שטיגער אויף דעם „מרכּז", די צענטראַלע אינסטיטוציע פֿון דער קאָאָפּעראַציע, פֿאַר וואָס ער האָט 1932 פּראָטעסטירט קעגן דעם

פּלאַן פֿון דער רעגירונג אײַנצופֿירן הכנסה־שטײַער און 1933 קעגן די רדיפֿות אויף אומלעגאַלע טוריסטן. וואָלט דער מחבר געוווּסט, ווי אַזוי די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען האָבן געקאָנט האָבן אַ ווירקונג אויף דער ווירטשאַפֿטלעכער לאַגע פֿונעם ייִשוב און דערמיט אויך אויף די מיטגלידער פֿון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַציע, וואָלט ער געזען, אַז דאָס האָט מיט „פּאָליטישער פּאַרטיי״ גאָרניט צו טאָן.

פֿון דער אַנדערער זײַט פּטרט ער אָפּ מיט אַ ציטאַט די דערשײַנונג וואָס די קאָאָפּעראַטיווע קרעדיט־אינסטיטוציעס ווערן אַ מאָל פּשוט בענקלעך וואָס באַהאַנדלען זייערע מיטגלידער ווי אַנדערע „קאָסטאָמערס״ (זז׳ 115-116). אגבֿ שטאַמט דער דאָזיקער ציטאַט פֿון די יאָרן 1932-33; דווקא אין די שפּעטערדיקע יאָרן, מיט דער אַנטוויקלונג פֿונעם לאַנד, זײַנען נישט ווייניק קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, פּונקט ווי אַנדערע קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, געוואָרן אַ מין פּריוואַט־אייגנס פֿון גרופּעס און זײַנען ווײַט אַוועק פֿונעם פּרינציפּ פֿון קאָאָפּעראַציע וואָס דער מחבר אַליין ברענגט ז׳ 2: membership is open to all. אַ פּאָר אַזעלכע אינסטיטוציעס האָבן זיך אויך אָפֿיציעל פֿאַרוואַנדלט אין פּריוואַטע געזעלשאַפֿטן. וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם וואָלט דער מחבר געקאָנט געפֿינען ידיעות אין דער ארץ־ישׂראלדיקער פּרעסע אויך.

אין אַנדערע פֿראַגעס האָט דער מחבר אויך נישט תּמיד באַנוצט דעם נײַסטן מאַטעריאַל. ער רעדט וועגן ווײַנפּראָבלעמען אויפֿן יסוד פֿון די דאַטעם פֿון 1933 (נאָר פֿאַר תּל־אָבֿיבֿ האָט ער שפּעטערדיקן מאַטעריאַל), בשעת ווען עס זײַנען וועגן דעם געמאַכט געוואָרן אַ פּאָר אויספֿאָרשונגען אין די לעצטע יאָרן (אָפּגעדרוקט אין „המשק השתּופֿי״; אין בולעטין פֿון Economic Research Institute און אינעם בוך „בעיות השכון״ וואָס דער דאָזיקער אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן).

דער מחבר רעדט אויך אין פֿאַרשיידענע ערטער וועגן „בנק אשראי״, בשעת די דאָזיקע באַנק האָט באַנקראָטירט נאָך 1939. ווײַטער ליגט זיך ניט אויפֿן שׂכל, פֿאַר וואָס די אַרבעטער־קרעדיט־קאַסעס און די קרעדיט־קאָאָפּעראַציע אויפֿן דאָרף ווערן נאָר דערמאָנט, אָבער נישט באַהאַנדלט.

וועגן ייִדישער קאָאָפּעראַציע אין מיזרח־אייראָפּע איז פֿאַראַן גענוג פֿאַקטנדיקער מאַטעריאַל, און מען האָט זיך ניט געדאַרפֿט באַנוגענען מיט אַ פּאָר גאָרנישט זאָגנדיקע באַמערקונגען וועגן „גמילות־חסדים״ און „כּל ישׂראל ערבים זה בזה״.

אין גאַנצן מאַכט דאָס בוך אַן אײַנדרוק ווי אַן איבערבליק געוועזן פֿון אויבן, פֿון אַ פֿייגלהייך: מען דערזעט פֿאַרשיידענע פּונקטן, אָבער עס פֿעלן די פֿאַרבינדונגען און דער שטח. פֿאַר ניט־ייִדן אָדער פֿאַר איינעם וואָס

שטייט וועט קאָן די אַרבעט געבן אַ השגה וועגן דעם ענין; זי באַפרידיקט אָבער נישט, ווען מען וויל זיך גרונטיק באַקענען מיט דער קרעדיט־קאָאָפּע־ראַציע אין ארץ־ישראל.

ב. ווײַנריב

Sidney Kansas, *U. S. Immigration Exclusion and Deportation and Citizenship of the United States of America.* Second Edition. New York, Matthew Bender Company, Inc., 1940. xi+473 pp. $5.50.

דאָס בוך נעמט אַרײַן אַלע געזעצן וועגן אויסלענדער, אימיגראַציע און בירגערשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. געבויט איז דאָס אַזוי, אַז וועגן יעדער ענין ווערן פריִער געגעבן מיט פעטערע אותיות די געהעריקע פונקטן פון געזעץ; דערנאָך די נייטיקע אויפקלערונגען וואָס זײַנען געבויט אויף דער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק אָדער אויפן פּסק־דין פון געריכטן אין פּרט־פאַלן.

עס איז ניטאָ קיין איין ענין וואָס איז ווי עס איז שייך צו די אַמע־ריקאַנער געזעצן און רעגולאַציעס וועגן אימיגראַציע און נאַטוראַליזאַציע, וואָס זאָל אין דעם בוך זײַן פאַרגעסן. עס פעלט אפילו ניט קיין רשימה פון די פאַרשיידענע פאָרמולאַרן, מיט די געהעריקע נומערן, וואָס ווערן געניצט אין דער פּראַקטיק פון די אימיגראַציע־אויטאָריטעטן. אַן אויסגעצייכנטער זוכ־צעטל מאַכט זייער גרינג צוצוקומען צום אינהאַלט.

דאָס בוך טאָר ניט פעלן אין קיין געזעלשאַפטלעכער אינסטיטוציע וואָס האָט צו טאָן אין וועלכער עס איז מאָס מיט אימיגראַנטן אָדער מיט באַ־זוכערס אויף אַ צײַט.

מ. ל.

מאַטעריאַלן און נאָטיצן

די ייִדישע געטאָ אין וואַרשע

אין דער Warschauer Zeitung פֿון 18טן אָקטאָבער איז געווען אָפּגעדרוקט די פֿאַראָרדענונג פֿון 16טן אָקטאָבער 1940 וועגן דער ייִדישער געטאָ אין וואַרשע. פּאָליאַקן, וואָס זייערע דירות געפֿינען זיך אויף די שטחים וואָס זײַנען באַשטימט פֿאַר דער געטאָ, און ייִדן וואָס וווינען מחוץ די דאָזיקע שטחים זײַנען מחויבֿ לויט דער פֿאַראָרדענונג אין משך פֿון דרײַ טעג, ד״ה ביזן 19טן אָקטאָבער, צו מעלדן זייערע דירות אין באַשטימטע פּונקטן.

די גרענעצן פֿון דער געטאָ לויפֿן פּאַזע די וועסטערדיקע גאַסן, דערבײַ גייען די גרענעצגאַסן ניט אַרײַן אינעם גבֿול פֿון געטאָ:

זשיעלנע פֿון קרולעווסקע ביז זלאָטע, זלאָטע פֿון זשיעלנע ביז זשעלאַזנע, טוואַרדע פֿון זשעלאַזנע ביז סרעברנע, סרעברנע פֿון טוואַרדע ביז מיעדזשיאַנע, מיעדזשיאַנע פֿון סרעברנע ביזן קאַזשימיעזש־פּלאַץ, קאַזשימיעזש־פּלאַץ פֿון מיעדזשיאַנע ביז וראָניע, וראָניע פֿון קאַזשימיעזש־פּלאַץ ביז שיענע, שיענע פֿון וראָניע ביז טאָוואַראָווע, טאָוואַראָווע פֿון שיענע ביז קראָכמאַלנע, פּשיאָקאָפּאָווע פֿון קראָכמאַלנע ביז סלאָטנע, אָקאָפּאָווע פֿון סלאָטנע ביזן קערצעלי־פּלאַץ, קערצעלי־פּלאַץ פֿון אָקאָפּאָווע ביז לעש, לעש פֿון קערצעלי־פּלאַץ ביז קאַראָלקאָווע, קאַראָלקאָווע פֿון לעש ביז מירעצקי־פּלאַץ, גרענעץ פֿון עוואַנגעלישן בית־עולם פֿון מירעצקי־פּלאַץ ביז מלינאַרסקע, מלינאַרסקע פֿון עוואַנגעלישן בית־עולם ביז סאַלטיק־גאַס, ייִדישער בית־עולם פֿון סאַלטיק־גאַס ביז קאָלסקע, קאָלסקע פֿון ייִדישן בית־עולם ביז אָקאָפּאָווע, אָקאָפּאָווע פֿון קאָלסקע ביז דזשיקע, דזשיקע פֿון אָקאָפּאָווע ביז סטאַווקעס, סטאַווקעס פֿון דזשיקע ביז פּאָקאָרנע, זשאָליבאָרסקע פֿון פּאָקאָרנע ביז באָניפֿראַטן, באָניפֿראַטן פֿון זשאָליבאָרסקע ביז קאָנוויקטאָרסקע, קאָנוויקטאָרסקע פֿון באָניפֿראַטן ביז זאַקראָטשימסקע, זאַקראָטשימסקע פֿון קאָנוויקטאָרסקע ביז פֿראַנציסקאַנער, פֿרעטע פֿון פֿראַנצישקאַנער ביז יורסקע, יורסקע פֿון פֿרעטע ביז נאַלעווקעס, נאַלעווקעס פֿון יורסקע ביז נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּקי פֿון נאַלעווקעס ביז זאַמענהאָף־גאַס, מערבֿדיקער גרענעץ פֿון מאָסטאָווסקי־פּאַלאַץ פֿון נאָוואָליפּקי ביז נאָוואָליפּיע, פּשעיאַזד פֿון נאָוואָליפּיע ביז דלוגע, דלוגע פֿון פּשעיאַזד ביז ביעלאַנסקע, ביעלאַנסקע פֿון דלוגע ביז טלאָמאַצקע, טלאָמאַצקע און ביעלאַנסקע ביז דער סינאַגאָגע, פּאַזע סינאַגאָגע ביז רימאַרסקע, רימאַרסקע ביז פּטאַשיע, פּטאַשיע פֿון פּשעכאָדניע ביז זשימנע, פּאַזע די האָלעס פֿון זשימנע ביז ביאַלע, כלאָדנע פֿון ביאַלע ביז כלאָדנע נומער 22, כלאָדנע פֿון נומער 17 ביז טשעפּלע, מיראָווסקי־פּלאַץ פֿון טשעפּלע ביז רינקאָווע, בײַם אײַזערנעם טויער פֿון רינקאָווע ביז גראַניטשנע, גראַניטשנע פֿון בײַם אײַזערנעם טויער ביז קרולעווסקע, קרולעווסקע פֿון גראַניטשנע ביז זשיעלנע.

דעם 21טן אָקטאָבער האָט די „וואַרשאַוער צייטונג" געגעבן צו וויסן, אַז דער מערבֿדיקער גרענעץ פֿון געטאָ איז געביטן געוואָרן און וועט זיך ציִען דורך אַזוינע גאַסן: מלינאַרסקע, קאַראָלקאָווע, מירעצקי־גאַס, וואָלנאָשטש, זשעלאַזנע ביז זלאָטע. פּאָליאַקן וואָס וווינען אויף מערבֿ פֿון דער דאָזיקער נײַער ליניע מעגן בלײַבן אין זייערע דירות, ייִדן מוזן זיך אַרײַנקלײַבן אין געטאָ אַרײַן.

לויט געוויסע שאַצונגען ווױנען אויף דעם אָפּגעשניטענעם שטח 18,000 ייִדן און 60,000 ניט־ייִדן.

דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, וואָס די נאַציס מאַכן איבער דעם שטח פֿון געטאָ. לויט דער גאָר ערשטער פֿאַראָרדענונג האָבן אין דעם ייִדישן שטאָטטייל געזאָלט אַרײַנגיין אויך כמיעלנע גאַס אויף מערבֿ פֿון מאַרשאַלקאָווסקע,ביידע זײַטן זשיעלנע, קראַשינסקיס גאָרטן אאַז״וו; פֿאַרקערט, אויף צפֿון און צפֿון־מערבֿ איז די געטאָ אַ ביסל אויסגעברייטערט געוואָרן לגבי יענער ערשטער פֿאַראָרדענונג (זע מאַפּע אין Nasza Trybuna נ״י, נומ׳ 3 פֿון 17טן דעצעמבער 1940).

ביזן 31טן אָקטאָבער 1940 מוזן פֿאַרלאָזן זייערע דירות אין געטאָ אַפֿילו פּוילישע קערערס (הויזוועכטערס). בלײַבן אין געטאָ מעגן נאָר ניט־ייִדישע דאָקטוירים.

איינצײַטיק איז געמאָלדן געוואָרן, אַז די גרענעצן פֿונעם ד ײַ ט ש ן וווינ־דיסטריקט זײַנען באַשטימט געוואָרן אַזוי:

דער מיזרחדיקער גרענעץ ציט זיך פּאַזע דער ווײַסל;

דער צפֿונדיקער גרענעץ: זיאַזד פֿון איין זײַט, שלאָספּלאַץ פֿון איין זײַט, סענאַטאָרסקע, טעאַטער־פּלאַץ;

דער מערבֿדיקער גרענעץ: זשאַביע פֿון איין זײַט, בײַם אײַזערנעם טויער פֿון איין זײַט, קרולעווסקע פֿון ביידע זײַטן, נײַוועלט פֿון ביידע זײַטן, פּלאַץ פֿון דרײַ קרייצן פֿון ביידע זײַטן, אויאַזדאָווער אַלעעס פֿון בײַדע זײַטן, פּלאַץ פֿון לובלינער אוניע פֿון איין זײַט און פּולאַווסקע פֿון ביידע זײַטן;

דער דרומדיקער גרענעץ: אָקאָלסקע פֿון איין זײַט, כעלמיצקי־גאַס פֿון ביידע זײַטן, וואָליצקע פֿון איין זײַט — און ווײַטער אויף מיזרח־זײַט גלײַך צו דער ווײַסל אַראָפּ.

פֿאַרן דײַטשן דיסטריקט האָט מען אויסגעקליבן דעם רײַכסטן און שענסטן טייל פֿון שטאָט.

אויף דער בײַגעלייגטער מאַפּע פֿון דער שטאָט וואַרשע זײַנען געוויזן: (1) די געטאָ ווי זי זעט אויס איצט; (2) דער טייל וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן אין דער לעצטער מינוט; (3) דער דײַטשער ווױנדיסטריקט.

מ. ס.

אַ נאַצי־אינסטיטוט פֿאַר מיזרח־אייראָפּעיִשע ענינים

אָקטאָבער 1940 איז אַרויס דער ערשטער נומער פֿון דער פֿערטל־יאָריקער צײַטשריפֿט Die Burg, אַרויסגעגעבן פֿון Institut für deutsche Ostarbeit אין קראָקע. דער אינהאַלט איז אַזאַ: ד״ר ה. אויבין: דאָס דײַטשע רײַך און די פֿעלקער פֿון מיזרח; ד״ר ד. פֿרײַ: דײַטשע אַרכיטעקטור אין פּוילן; ד״ר ס. קאָרקיש: די דײַטשע השפּעה אויף דער פּוילישער געזעץ־געבונג אין די יאָרן 1919־1939; י. וו. נימאַן: דער מישניער קאָדעקס אין קראָקע; ד״ר פּ. ה. סעראַפֿים: די ייִדן־פֿראַגע אין דער גענעראַל־גובערניע ווי אַ באַפֿעלקערונג־פּראָבלעם; י. זאָמערפֿעלדט: די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער געשיכטע־שרײַבונג אין פּוילן.

סעראַפֿים מאַכט אין זײַן אַרטיקל אַ היסטאָריש־סטאַטיסטישן איבערבליק איבער דער קאָנצענטראַציע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין מיזרח־אייראָפּע און גיט דערנאָך אַ שאַצונג פֿון דעם איצטיקן שטאַנד פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג. לויט דער פּוילישער פֿאָלקסציילונג פֿון 1931 איז די ייִדישע באַפֿעלקערונג (קריטעריום פֿון אמונה) געווען פֿאַרטיילט איבער פּוילן אויף אַזאַ מין אופֿן:

1,214,000 (39% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע באַפֿעלקערונג) — אויף די טעריטאָריעס וואָס זײַנען פֿאַרנומען געוואָרן דורכן ראַטן־פֿאַרבאַנד,

1,269,000 (41% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן) — אויף דער טעריטאָריע פֿון דער אַ״ג גענעראַל־גובערניע,

632,000 (20% פֿון דער אַלגעמיינער צאָל ייִדישע באַפֿעלקערונג אין פּוילן) — אויף דער פּוילישער טעריטאָריע וואָס איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין רײַך.

די צאָלן זײַנען פֿאַרשטייט זיך ווײַט פֿון צו זײַן זיכערע: עס זײַנען ניטאָ קיין ידיעות וועגן דעם צוואַקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און וועגן דער שטאַרביקייט, און מען ווייס אויך ניט קיין צאָלן וועגן די שינויים וואָס זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך די מיליטערישע אָפּעראַציעס. מאַסן ייִדן זײַנען געלאָפֿן פֿאַר די דײַטשע אַרמייען פֿון מערבֿ־ און צענטראַל־פּוילן אין די מיזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפֿטן וואָס זײַנען דערנאָך פֿאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי; מאַסן ייִדן זײַנען אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן פֿון די אינקאָרפּאָרירטע געגנטן אין דער גענעראַל־גובערניע אַרײַן נאָך דעם ווי די פּויליש־דײַטשע קאַמפּאַניע איז שוין געווען פֿאַרענדיקט. סעראַפֿים נעמט אָן דעם קאָעפֿיציענט פֿון נאַטירלעכן צוואַקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאַר די יאָרן 1940־1931 אויף 8.7%. שטיצנדיק זיך דערנאָך אויף די ידיעות פֿון די ייִדישע אַליינהילף־אָרגאַניזאַציעס (ער באַוואָרנט זיך אָבער, אַז פֿאַררעגיסטרירט זײַנען געוואָרן נאָר יענע פֿאַלן, ווען מען איז אַריבערגעקומען אין דער גענעראַל־גובערניע ל ע ג אַ ל) שאַצט ער די צאָל ייִדן אין דער גענעראַל־גובערניע צום ערשטן יולי 1940 אַזוי:

טעאָרעטישע צאָל ייִדן אין דער גענעראַל־גובערניע — — — — — — — — — 1,270,000

נאַטירלעכער צוּוואַקס — — — — — — — — — — — — צוקום — — — 125,000

אויסוואַנדערונג (ביזן אויסבראָך פֿון דער מלחמה) — — — אָפּקום — — — 45,000

צופֿלוס אין דער גענעראַל־גובערניע פֿון די אינקאָרפּאָרירטע מערבֿ־דיקע געגנטן אין דער צײַט פֿון דער מלחמה — — — צוקום — — — 60,000

אָפּפֿלוס פֿון דער גענעראַל־גובערניע צו די טעריטאָריעס וואָס די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרנומען און קיין אויסלאַנד — — אָפּקום — — — 40,000

צופֿלוס אין דער גענעראַל־גובערניע פֿון די אינקאָרפּאָרירטע מערבֿ־דיקע געגנטן נאָכן פֿאַרענדיקן די מלחמה־קאַמפּאַניע — — צוקום — — — 330,000

שאַציקער אַלגעמיינער סך־הכּל צום 1טן יולי 1940 — — — — — — — — 1,700,000

דער צוּוואַקס לגבי 1931 באַטרעפֿט אין 1940: 430,000, וואָס דאָס מאַכט אויס 33%.

צום געדיכטסטן איז באַזעצט מיט ייִדן די וואַרשעווער געגנט: אין דער שטאָט וואַרשע ווינען בײַ 30% פֿון אַלע ייִדן אין דער גענעראַל־גובערניע. לגבי 1931 מיינט דאָס אַ צוּוואַקס פֿון 36%.

לויט דער אַדמיניסטראַטיווער צעטיילונג פֿון דער גענעראַל־גובערניע זעט אויס די ייִדישע באַפֿעלקערונג אַזוי:

אין יאָר 1931

דיסטריקט	אַבס׳ צאָל	% לגבי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג	% לגבי דער ייִדישער באַפֿעלקערונג
קראָקע — — — —	222,000	7.9	17
ראַדעם — — — — —	275,000	12.1	22
וואַרשע — — — — —	460,000	13.2	36
לובלין — — — — —	313.000	11.8	25
סך־הכּל גענעראַל־גובערניע	1,270,000	10.9	100

אין יאָר 1940 (שאַצונג)

קראָקע — — — — — — 330,000	8.2	19
ראַדעם — — — — — — 392,000	12.9	23
וואַרשע — — — — — — 540,000	13.3	32
לובלין — — — — — — 438,000	13.1	26
סך־הכל גענעראַל־גובערניע 1,700,000	12.1	100

דער מחבר שאַצט, אַז ייִדן באַטרעפֿן איצט 34% פֿון דער גאַנצער שטאָטישער אײַנוווינערשאַפֿט פֿון דער גענעראַל־גובערניע. פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג וווינען 88% אין די שטעט.

שטאָט	1931	1940 (שאַצונג)
וואַרשע	352,600	395,000
קראָקע	56,600	65,000
לובלין	38,900	47,000
טשענסטאָכאָוו	25,600	23,000
ראַדעם	25,200	30,000
טאַרנע	19,300	22,000
קעלץ	18,100	21,000
שעדלעץ	14,800	18,000
כעלעם	13,500	16,000
פּעטריקאָוו	11,400	14,000
טאָמאַשאָוו	11,300	14,000
ריישע	11,200	13,000
נײַ־סאַנץ	9,100	8,000
סקערניעוויץ	4,400	5,000

סעראַפֿים באַוואָרנט זיך אויף יעדער טריט, אַז דאָס זײַנען מער ניט שאַציקע צאָלן און אַז נאָר די פֿאָלקסציילונג וואָלט געקענט די שאַצונגען איבערפּרוּוון.

זאַמערפֿעלדס אַרטיקל וועגן דער ייִדישער געשיכטע־שרײַבונג אין פּוילן איז אַ קריטישע ביבליאָגראַפֿיע פֿון אַרבעטן וועגן ייִדן און ייִדישע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין פּוילן און מחוץ פּוילן דורך ייִדן און ניט־ייִדן.

דער באַריכט וועגן דײַטשע השפּעות אויף דער פּוילישער געזעץ־געבונג שטיצט זיך אין אַ גרויסער מאָס אויף פּוילישע מקורים. ספּעציעל פּרטימדיק זײַנען אַרומגערעדט דאָס פּוילישע אינטערנאַציאָנאַלע פּריוואַטרעכט און דער קאָדעקס פֿון התחייבֿותן, האַנדלסרעכט, וועקסל־ און טשעקן־רעכט און פֿאַרזיכערונגס־רעכט.

אויבינס אַרבעט ברענגט אַרויס דעם טראַדיציאָנעלן קוק פֿון די דײַטשע היסטאָריקערס אויף די מערבֿ־סלאַווישע און באַלטישע פֿעלקער, אויף די אונגערן און רומענער. ער שטרײַכט אונטער צוויי עיקרדיקע מאָמענטן: דעם דעמאָגראַפֿישן (דער נאַציאָנאַלער גרענעץ איז ניט קיין שאַרף געשניטענער, און צווישן די דאָזיקע פֿעלקער וווינען היפּש דייטשן) און דעם היסטאָריש־פּאָליטישן (דער דײַטשער עלעמענט האָט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע בײַ אַלע פּרוּוון צו אָרגאַניזירן די דאָזיקע פֿעלקער אין מלוכות). דערפֿון איז פֿאַרשטייט זיך געדרונגען, אַז די אמתע בעלי־בתּים אויף די טעריטאָריעס פֿון די דערמאָנטע פֿעלקער זײַנען דײַטשן. מען דאַרף אָבער אונטערשטרײַכן, אַז אַלע אַרטיקלען זײַנען געהאַלטן אין אַ רויִקן טאָן און די מחברים פֿלײַסן זיך צו באַרעכטיקן די טענדענץ זייערע דורך ראַיות און פֿאַקטן.

צום סוף פֿונעם זשורנאַל איז געגעבן אַ קורצער באַריכט וועגן דער ביזאיצטיקער טעטיקייט פֿונעם קראָקעווער אינסטיטוט. מען ווערט געוואָר, אַז ביזן אַרויסגיין פֿונעם ערשטן נומער זײַנען אויף וויסנשאַפֿטלעכע סעסיעס געלייענט געוואָרן אַזוינע רעפֿעראַטן: ד״ר באַרטעל (ברעסלע) — דאָס קינסטלערישע פּנים פֿון קראָקע; פּראָפֿ׳ טשײַקאָ (זאַקאָ־פּאַנע) — די אויספֿורעמונג פֿונעם רעגיאָנאַלן פּנים פֿון די איינציקע טיילן פֿון דער גע־נעראַל־גובערניע; ד״ר קאָסמאַן (בערלין) — די דײַטשע קאָלאָניזאַציע בײַ דער ווײַסל אין מיטל־עלטער; ד״ר קוהן (ברעסלע) — יישובֿים בײַ דער ווײַסל אין דער נײַער צײַט; ד״ר ראַנדט (קראָקע) — אַרכיוון אין דער גענעראַל־גובערניע; ד״ר אַרלט (קראָקע) — די באַפֿעלקערונג־סטרוקטור אין דער גענעראַל־גובערניע; ד״ר סעראַפֿים (קראָקע) — ייִדן אין פּוילן; פּאָלקאָווניק פֿאָן קסילאַנדער (בערלין) — די פּוילישע קאַמפּאַניעס; ד״ר וועה (קראָקע) — די געזעץ־געבונג אין דער גענעראַל־גובערניע; פּראָפֿ׳ אָבערלענדער (קראָקע) — אַגראַרע פּראָבלעמען אין מיזרח־אייראָפּע; ד״ר פֿרײַ (ברעסלע) — דײַטשע קונסט אין ווײַסללאַנד; וו. דײַטץ — די נײַע אָרדענונג אין אייראָפּע אויף ראַסנדיקע און שטחדיקע יסודות.

*

דער Goniec Krakowski וואָס גייט אַרויס אונטער די נאַציס אין קראָקע גיט איבער אין זײַן נומער פֿון 13טן נאָוועמבער 1940, אַז לויט דײַטשע אויסרעכענונגען (קיין מע־טאָדאָלאָגישע פּרטים ווערן ניט געבראַכט) האָט דער צוזאַמענשטעל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט וואַרשע לויט די אמונות אויסגעזען צום 1טן פֿעברואַר 1940 אַזוי:

רוימיש־קאַטוילישע 859,079; גריכיש־קאַטוילישע 1,630; עוואַנגעליקער 19,496; פּראַ־וואָסלאַוונע 8,428; ייִדן 381,691; פֿון אַנדערע אמונות 1,525; אין איינעם 1,271,853.

דער פּראָצענט פֿון דער קאַטוילישער באַפֿעלקערונג אין וואַרשע איז געפֿאַלן זינט ס׳האָבן זיך פֿאַרענדיקט די קריגס־אָפּעראַציעס, מחמת מאַסן פּאָליאַקן זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אויף דער פּראָווינץ. פֿאַרקערט, דער פּראָצענט ייִדן איז אויסגעוואַקסן, איבער הויפּט איבער דעם גרויסן צושטראָם פֿון קראָקע. בײַ הײַנטיקן טאָג שאַצט מען די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין וואַרשע אויף 400,000 ביז 410,000.

מ. ס.

דער טורנוס 1940־1941 פֿון דער אַספּיראַנטור פֿון ייִוואָ

דעם 31טן נאָוועמבער 1940 איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט דער ערשטער טורנוס פֿון דער אַספּיראַנטור פֿון ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק (דער פֿינפֿטער פֿון זינט די אַספּיראַנטור א״נ פֿון ד״ר צמח שאַבאַד איז געגרינדעט געוואָרן אין ווילנע). פֿון די עטלעכע צענדלינג אַפּליקאַציעס האָט די קוואַליפֿיציר־קאָמיסיע אויסגעקליבן אָט וועלכע קאַנדידאַטן און באַשטעטיקט פֿאַר זיי אַזוינע טעמעס:

ח ו ה ג י ט ע ר (פֿרײַע צוהערערין): דער חדר אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון 19טן יאָרהונדערט.

י ע ק ב֞ ד ײַ מ אָ נ ד: דער אָנטייל פֿון אַמעריקאַנער ייִדן אין קאַמף פֿאַר ייִדישע רעכט אין מיזרח־אייראָפּע.

נ ח ו ם װ ײַ ס מ אַ ן: פּראָבלעמען פֿון דער אַרײַנפּאַסונג פֿון פּליטים אין אַמעריקאַנער לעבן.

ש פֿ ר ה ל ע מ ו ט (פֿרײַע צוהערערין): ייִדישע קינדער־ליטעראַטור.

ע מ נ ו א ל מ אַ ר ק (פֿרײַער צוהערער): אַ נאָכגיי־שטודיע פֿון גראַ־דויִרטע פֿון ייִדישע מיטלשולן אין ניו־יאָרק.

ש ל מ ה פֿ ײַ נ מ אַ ן: מענדעלעס ייִדיש און העברעיִש.

ש ע פּ ט ל ק אַ ץ: די באַציִונג פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין רוסלאַנד צו די רוסישע מלוכה־דומעס.

ל י י ב ל ק ע ס ל ע ר: דער אָפּקלאַנג פֿון דרייפֿוס־פּראָצעס אין אַמעריקע.

ל י ב ע ש י ל ד ק ר ע ט: די ייִדישע פּרעסע אין ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט.

עס קען געמאָלט זײַן, אַז עטלעכע טעמעס וועלן נאָך איבערפֿאָרמולירט ווערן. אַלע אַספּיראַנטן זײַנען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

די גאָלדפֿאַדן־אויסשטעלונג פֿון ייִוואָ

לכּבֿוד דעם 100סטן געבוירן־טאָג פֿון אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענען האָט די צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק און אַרכיוו ביים ייִוואָ אײַנגעאָרדנט אַ געדענק־אויסשטעלונג וואָס איז געווען אָפֿן פֿון 23טן נאָוועמבער ביזן 2טן דעצעמבער 1940. די עקספּאָנאַטן זײַנען געווען צע־טיילט אין אַזוינע אָפּטיילונגען: (1) גאָלדפֿאַדנס כּתבֿ־ידן; (2) גאָלדפֿאַדנס געדרוקטע ווערק; (3) אַפֿישן, פּראָגראַמען, נאָטיצן; (4) בילדער פֿון גאָלדפֿאַדענען; (5) בילדער פֿון אַקטיאָרן אין גאָלדפֿאַדנס פּיעסעס; (6) ליטעראַטור וועגן גאָלדפֿאַדענען; (7) מוזיק צו גאָלדפֿאַדנס פּיעסעס; (8) ייִדישע טעאַטער־ליטעראַטור פֿון פֿאַר גאָלדפֿאַדענען.

בײַם עפֿענען די אויסשטעלונג האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן גאָלדפֿאַדענען י. שאַצקי, בײַם שליסן — מענדל עלקין. מיט מאַטעריאַל צו דער אויסשטעלונג האָבן אַרויסגע־האָלפֿן ז. זילבערצווײַג און ש. פּערלמוטער.

אָט איז אַ רשימה פֿון גאָלדפֿאַדנס כּתבֿ־ידן וואָס זײַנען געוויזן געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג (דער אויסלייג איז דאָ מאָדערניזירט). אַלע אָביעקטן געהערן צום ייִוואָ, אַחוץ נומ׳ 24 (אויסגעליִען בײַ ש. פּערלמוטערן) און נומ׳ 25 (אויסגעליִען בײַ ז. זיל־בערצווײַגן).

1. די רעקרוטן [צוויי נוסחאות]. 2. ברײַנדעלע קאָזאַק [עטלעכע נוסחאות]. 3. דוואָסיע די פּליאָטקע־מאַכערין. 4. די קאַפּריזנע טאָכטער [קבצנזאָן עט הונגערמאַן]. 5. דער פּאָד־ראַטשיק פֿון דער רוסיש־טערקישער קריג [צוויי עקזעמפּלאַרן]. 6. טאָדרעס בלאָז. 7. דער פֿאַרקויפֿטער שלאָף אָדער באַנקיר טיראַן. 8. דער שטן אָדער דאָס צענטע געבאָט [3 נוסחאות]. 9. פֿאַנאַטיק. 10. עקדת יצחק. 11. אַחשורוש [נוסחאות]. 12. די שטומע כּלה. 13. דער סמבטיון. 14. ראָטשילד. 15. יהודה המכבי. 16. [אַ ניט־פֿאַר־ענדיקטע דראַמע, געשריבן, ווײַזט אויס, אין לעמבערג]. 17. רבי יאָסלמאַן [צוויי נוסחאות]. 18. אָלאָפֿערן. 19. משיחס צײַטן [עטלעכע נוסחאות]. 20. בן עמי [צוויי עקזעמפּלאַרן]. 21. אוריאל אַקאָסטאַ. 29. דער ציגײַנער־באַראָן [פֿון יאָהאַן שטרויס], לאָקאַליזירט פֿאַר דער ייִדישער בינע פֿון אבֿרהם גאָלדפֿאַדן. 23. המנצח דוד [פֿראַגמענט פֿון דער העב־רעיִשער פּיעסע „דוד במלחמה“]. 24. אָפּשריפֿט פֿון אַ זאַמלונג פֿון גאָלדפֿאַדנס 7 איינ־אַקטערס]. 25. ני בע ני מע ני קוקו־רעקו [אָפּשריפֿט]. 26. [אַ ביכל לידער]. 27. צמחס רעדע צו די קינדער [צוויי עקזעמפּלאַרן, אין ייִדיש און אין העברעיִש]. 28. סטאַטוטן פֿון דער חבֿרה „בחירי ציון“ וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פֿאָם אויטאָר און קאָמפּאָזיטאָר אַ. גאָלדפֿאַדען אין פּאַריז אים יאַרע 1900. 29. שמע ישׂראל [פֿראַגמענט, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ביז אַהער האָב איך גערעדט בכלל; יעצט צי איך אַרויס דעם פּרט

פונעם כלל און רעד דירעקט צו מײַן פֿאָלק ישׂראל, צו מײַן אומה"]. 30. דור הולך ודור בא [צוויי פֿראַגמענטן]. 31. סאָציאַליזם און אַנטיסעמיטיזם, איבערזעצט פֿון פֿראַנצייזישן פֿון אַ. גאָלדפֿאַדן. 32. אַלע פֿאַרפֿאַסטע פּיעסן פֿון גאָלדפֿאַדן (אין איינעם 41 נעמען].

תיקון־טעות

צו ב׳ XVI נומ׳ I ז׳ 47, הערה: אין שורה 6 פֿון אונטן דאַרף אַנשטאָט „סס־ב" שטיין ס ז ־ ב; שורה 3 פֿון אונטן דאַרף אַנשטאָט „סק־ב" שטיין: ס ג ־ ב.

צו ב׳ XVI נומ׳ I ז׳ 50: אַנשטאָט שורה 7 און 8 פֿון אויבן דאַרף אַרײַנקומען: 5א) חלק ראשון מ ס פֿ ר ה ח י י ם טעמיה חיים זכו... בדפוס המשובח והמפֿואר באותיות ובדיו ובנייר בבית הבחור חשוב משה בן הישיש

פֿון דער רעדאַקציע

נײַע מיטאַרבעטער

ד״ר מ אַ ר ק װ י ש נ י צ ע ר איז געבוירן געוואָרן 1882 אין ראָוונע, וואָלין, האָט שטודירט אין עסטרײַך און דײַטשלאַנד, איז געווען רעדאַקטאָר פֿון דער אָפּטיילונג אייראָפּעיִש־יִדישע געשיכטע אין דער „יעווריייסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ". מחבר פֿון אַ צאָל אַרבעטן צו דער געשיכטע פֿון יִדן אין מיזרח־אייראָפּע. פֿון זיינע בוך־פּובליקאַציעס אין יִדיש איז די וויכטיקסטע: „בער באָלעכאָווערס זכרונות", בערלין, 1922.

ד ו ד מ אָ ו ש אָ ו י ט ש, כלל־טוער און פּובליציסט, געבוירן אין רוסלאַנד, איצט מיטגליד פֿון דער „באָרד אָוו דעפּיוטיס" אין לאָנדאָן. מיטאַרבעטער פֿון די היסטאָרישע שריפֿטן פֿון יִוואָ.

אין די נאָענטסטע נומערן „יִוואָ־בלעטער"

וועלן אַרײַנגיין צווישן אַנדערע: ה. פּ. א ו ל ר י כ ס ע ן: אַ דענישער קאָלאָניזיר־עקספּערימענט אין ווענעצועלע; נ. ג אָ ל ד ב ע ר ג, די יִדישע פּרעסע אין אַמעריקע 1900־1939; ד. ד אָ ל אַ ר ד, פֿרויד און די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן; א. ט ש ע ר י ק אָ ו ע ר: די פֿראַנצייזישע רעוואָלוציע, נאַפּאָלעאָן און די יִדישע אָרטאָדאָקסיע; ל י פּ ש י ץ: ענגלישע רײַזנדערס פֿון אָנהייב 19טן י״ה וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע יִדן; אַ. מ ע נ ע ס: פֿרוידס בוך וועגן משה רבינו; מ. ק ו ט ש י נ ס ק י: בראַזיליאַנער יִדיש; ש. ק ע נ י ג: פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון שטאַט קאָנעטיקוט; ח. ש ו י ס: אַ יִדיש קינד ווערט געבוירן; י. ש ט י י נ ב ו י ם: יִדיש־וואָקאַבולאַר אין דער אַנפֿאַנגשול; רעצענזיעס פֿון מ. ו ו ײַ נ ב ע ר ג (דעמאָגראַפֿישע און מעדיצינישע אַרבעטן), מ. ו ו ײַ נ ר ײַ ך (ראָבאַקס „דהי סטאָרי אָוו יִדיש ליטערעטשור); ל. ל ע ה ר ע ר (ענגלישע אַרבעטן וועגן יִדישער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע), מ. ק אָ ס אָ ו ע ר (ב. ווײַנריבס שטודיע וועגן דעם צווייטן דור יִדן אין ארץ־ישׂראל); י. ש אַ צ ק י (אַ זאַמלבוך וועגן 50 יאָר יִדן אין אַרגענטינע).

אָנגעקומען אין רעדאַקציע

אוריה קאַצענעלנבאָגן, רשימה פֿון זעקס הונדערט ווערטער באַגעגנט צום אָפּטסטן אין קלאַס־צימער. אַרבעטער־רינג לערער פֿאַרבאַנד אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַ־נאַדע. 1939. 16 זז.

יעקבֿ זיפּער, געווען איז אַ מענטש. פֿינף מעשׂות פֿונעם לעבן פֿון ר׳ ישׂראל בעל־שם טובֿ, דער בעש״ט. מאָנטרעאָל, התש״א, 1940. א־י. 167 זז׳.

שלמה גולדמן, היהודי והעולם. תּרגם מאנגלית אברהם רגלסון. הוצאת „דבֿיר“, תּל־אָבֿיבֿ, תּ״ש, 1939. 192 זז׳.

לעקציעס פֿאַרן יאָר 1940־1941 רעקאָמענדירט פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג, נ. כאַנין, בילדונגס־דירעקטאָר. ניו־יאָרק, [1940], 63 זז׳.

ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, די טראַגעדיע פֿון וואַרשע אין ציפֿערן. לויט מאַטעריאַלן דערהאַלטן אין צענטראַלן ביוראָ פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס. 4 זז׳ [מימעאָגראַפֿירט].

ש. צ. זעצער, די וויכטיקסטע פֿיגורן און מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע פֿון גלות בבֿל ביז צו דער חשמונאים־תּקופֿה. דאָס וואָרט־ביבליאָטעק, ניו־יאָרק, 1939, 80 זז׳.

ד״ר אריה טאַרטאַקאָווער, אין קאַמף פֿאַר ברויט און כּבֿוד. אַ יאָר סאָציאַלע הילפֿ־אַרבעט פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס. אַרויסגעגעבן דורך דעם צענטראַלן ביוראָ פֿון ייִדישן וועלטקאָנגרעס, ניו־יאָרק. 1940, 38 זז׳.

אַבא גאָרדין, מאָראַל אין ייִדישן לעבן. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג פֿון דער ייִדיש־עטישער געזעלשאַפֿט, ניו־יאָרק, 1940, 288 זז׳.

שמואל מ. בלומנפֿילד, משנת דיואי וההנוך העברי. תּפיס מ„ספר השנה ליהודי אמריקה“, כּך חמישי, ניו־יאָרק, תש״א, 12 זז׳.

Allison Davis and John Dollard, *Children of Bondage*. Prepared for the American Youth Commission, American Council on Education, Washington, D. C. 1940. XXVIII+301 pp.

The Jewish Agricultural Society, Inc. *Annual Report, 1939.* [New York], 35 pp.

John A. Hawgood, *The Tragedy of German-America.* New York, G. P. Putnam's Sons, 1940. 334 pp.

L. L. Jarvie and Mark Ellingson, *A Handbook on the Anecdotal Behavior Journal.* Chicago, University of Chicago Press, 1940. XII+71 pp.

Harry Lang, *"62", Biography of a Union.* New York, Undergarment and Negligee Workers Union, Local 62, I.L.G.W.U., 1940. 222 pp.

Reports of the Activities of the Tientsin Jewish School. XVth Anniversary 1925-1940. [13 זז׳ (רוסיש) + 12 זז׳ (ענגליש) מיט איין טאַבעלע.]

Tientsin Jewish School Annual 1940. No. 4, 48 pp. און

Fifteen Years of Progress (1925-1940). XII pp.+13 pp. [מיט איין טאַבעלע און בילדער.]

Original Lithographs by Saul Rabino.

[לאָס אַנדזשעלעס, 1940. פֿיר ליטאָגראַפֿיעס: נע־ונדניק, ירמיה, ביכער־וואָרעם, בײַם ספֿר.]

M. Perlmann, "Abd AL-HAKK AL-ISLAMI, A Jewish Convert." Reprinted from *The Jewish Quarterly Review, New Series*, vol. XXXI, no.

2. Philadelphia, The Dropsie College for Hebrew and Cognate Learning, 1940. pp. 171-191.

American Jewish Yearbook. 5701. Vol. 42. Edited by Harry Schneiderman for the American Jewish Committee. Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1940-5701. XXXII+815 pp.

Raymond T. Feely, *Nazism versus Religion.* New York, The Paulist Press, 1940. 31 pp.

Richard Ellis, *Five Hundred Years of Printing from Type. A Series of Notes on Printing History, from Johann Gutenberg to Bruce Rogers.* Camden, New Jersey, The Haddon Craftsmen, 1940.

Sidney Kansas, *U. S. Immigration Exclusion and Deportation and Citizenship of the United States of America.* Second edition. New York, Matthew Bender Co., Inc., 1940. XI+473 pp.

The Jews in America. A Selected Bibliography. Library of Jewish Information, The American Jewish Committee, New York, December 1940. 10 pp.

Nathan Drazin, *History of Jewish Education from 515 B.C.E. to 220 C.E.* Baltimore, The Johns Hopkins Press, 1940. X+161 pp.

Samuel Pitlik, "S. L. Rapoport's Historical Method." Philadelphia, The Dropsie College for Hebrew and Cognate Learning, 1940. Reprinted from *The Jewish Quarterly Review, New Series,* vol. XXXI, no. 2. pp. 123-139.

Solomon Goldman, *Undefeated.* The Zionist Organization of America, Washington, D. C., 1940. 135 pp.

Catalogue of the Hebrew Union College, Cincinnati. No. 33. 1940-1941. 80 pp.

Candles in the Night. Jewish Tales by Gentile Authors. Edited by Joseph L. Baron, with a preface by Carl Van Doren. Philadelphia, The Jewish Publication Society of America, 1940. XXIII+391 pp.

Ira Eisenstein, *The Jordan, A New Frontier of Democracy.* Department of Youth and Education, Zionist Organization of America, New York, 8 pp. 5c.

A Cultural Program for Zionist Districts, 1940-1. Department of Youth and Education, Zionist Organization of America. New York, 12 pp.

A Hanukah Program for Zionist Districts. Department of Youth and Education, Zionist Organization of America, New York.

Abba Gordin, *Communism Unmasked.* I. N. Hord, Publisher, New York, 1940. 311 pp.

B. Weinryb, "The Occupational Structure of the Second Generation of Jews in Palestine". Reprint from *Jewish Social Studies,* vol. II, no. 4, 1940, pp. 279-480.